STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06171

DER OYFSHTAND

Menahem Begin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם בייגין

דער אויפשטאַנד

Queda hecho el depósito que marca la Ley 11.723

PRINTED IN ARGENTINE – IMPRESO EN LA ARGENTINA

מנחם בייגין

דער אויפשטאַנד

זכרונות פונעם קאַמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי אין ארץ-ישראל

פון העברעיש: **אייזיק רעמבא**

●

של"ח אין אַרגענטינע
בוענאָס-איירעס
תשי"ג — 1953

MENAJEM BEGUIN

LA REBELION EN TIERRA SANTA

MEMORIAS PERSONALES DEL COMANDANTE EN JEFE DEL IRGÚN TSEVAÍ LEUMÍ EN ERETZ ISRAEL

Traducido del hebreo por
AIZIK REMBA

Editado por SHELAJ en la Argentina

Buenos Aires
1953



לזכרון

פון

זאב זשאַבאָטינסקי

דעם פאָטער פון יידישן אויפשטאַנד

און דער קעמפנדיקער משפחה —

בהכנעת לב ובאהבת נפש.

דער שפּיל פון גורל

טעג און נעכט אין תפיסה. — אַ דיאַלאָג מיטן סאָוועטישן אויספאָרש־ריכטער. — דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אויפן פּעטשאָראַ־טייך. — דער „תחית־המתים״ פון אַ קאָמוניסטישן פירער. — דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

— א —

די נאַכט פון ערשטן אַפּריל 1941. אין דעם אַלטן בנין פון דער ווילנער לוקישקי־תפיסה איז געשטערט געוואָרן די ספּעציפישע רו, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנשטאַלטן פון מענטשלעכן צער: פאַר שפּיטאָלן און תפיסות. אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען צווישן די ווענט פון דער אַלטער טורמע. מיט אַ סקריפּן פון שליסלען און ריגלען האָבן זיך צעעפנט די טירן פון די צעלן. צו פאַר זענען אַרויס די מענטשן. זייערע קעפּ זענען געווען אָפּגעגאָלט און די פּנימער בלאַס. מ׳האָט זיי צוגעפירט צו אַ צענטראַלן פּונקט וואָס אין אַ לאַנגן, פינצטערן קאָרידאָר. דאָרט איז שוין געווען גרייט אַ קליין טישל.ביים טישל — צוויי שווייגנדיקע מענטשן. פאַר זיי איז געלעגן אַ בינטל פּאַפּירן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן קוויטונגען פון אַ וועשעריי אָדער פון שטייער־אַמט.

אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך זיך געפונען צווישן די, וועלכע מ׳האָט גערופן צום טיש אין לוקישקי. איך בין געווען איינער פון אַ סך טויזנטער, איינער צווישן צענדליקער טויזנטער געשליידערטע אין דעם ים פון חורבן און צער, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער אייראָפּע; אין צענטראַל־אייראָפּע און אויף מזרח, ווו די צוויי־פיסיקע חיה האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן איינצונעמען די וועלט און צו פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק.

איך האָב דערפאַר נישט געפילט און נישט געקענט פילן קיין „חשיבות״ פון אָט דעם צושטאַנד מיינעם. צום טישל האָב איך זיך דערנענטערט צוזאַמען מיט מיינע צעלע־„חברים״ — פאַרשיידענע משונהדיקע טיפּן זענען דאָס געווען, וואָס נאָר די פאַנטאַסטישע וואַנדלונגען פון דער צייט זענען געווען מסוגל זיי

צונויפצופירן אונטער איין בשותפותדיקן דאַך. — און איז געקומען מיין ריי האָב איך אפשר צום הונדערטסטן מאָל געענטפערט, אַז איך הייס מנחם בן זאב בעגין. די וועלכע זענען געזעסן ביים טיש האָבן מיך אפילו נישט אָנגעקוקט. איינער פון זיי האָט געשטערט צווישן די דאָקומענטן. ווייזט אויס, אַז אָן באַזונדערע שוועריקייטן האָט ער געפונען דאָס נייטיקע פּאַפּיר און ער האָט עס דערלאַנגט זיין חבר. יענער האָט אין דעם אַריינגעקוקט און מיר פאָרגעלייענט די פאָלגנדיקע מעלדונג:

„די ספּעציעלע באַראַטונג־קאָמיסיע ביים פאָלקס־מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים האָט אנערקענט אַז מנחם דער זון פון זאב בעגין איז אַ געזעלשאַפטלעך־געפערלעכער עלעמענט און האָט באַשלאָסן אים צו איזאָלירן אין אַן אַרבעט־אויסבעסערונג־הויז אויף אַ צייט פון אַכט יאָר".

נישט ווילנדיק האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ זאָג: „אַ שיינער פּרימאַ־אַפּרילים"! דער, וואָס האָט מיר פאָרגעלייענט די מעלדונג האָט אין מיר אָנגעהאַנגען זיין בליק און געזאָגט העפלעך:

— שרייבט זיך אונטער!

איך האָב אונטערגעשריבן פונקט ווי עס האָבן זיך אונטערגעחתמעט אַ סך אַנדערע אין מיין לאַגע — אונטערגעשריבן מיט יענעם גלייכגילט, וואָס עס איז גורם דער ים פון ליידן, אין וועלכן מען איז געצווונגען צו שווימען. אַכט יאָר? אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ערגעצוו אין וויסטן צפון? דאָס אַלץ איז נאָך אַזוי ווייט און אַזוי פאַרנעפּלט. דערוייל דאַרף מען חתמענען די „קבלה". און דו שרייבסט אונטער ווי אַ מענטש שרייבט אונטער אַ קוויטונג פון אַ וועשעריי צי פון שטאָטישן שטייער־אַמט.

אָט די קורצע מיטטיילונג האָט פאַרענדיקט אַ תקופה פון קורצע טעג און לאַנגע נעכט, בעת וועלכע איך בין באַשולדיקט געוואָרן גאָרנישט אויף קאַטאַ־וועס — באשר איך בין איינער פון די וויכטיקע העלפערס, כמעט אַן אַגענט, פון ענגלאַנד. די טעג האָב איך פאַרבראַכט אין דער פאַרקראַטעוועטער צעלע אין טאָפּלטע שפּאַצירן, וועלכע כ׳האָב אָנגערופן אויף דער שפּראַך פון די גרי־כישע געלערנטע: פּעריפּאַטעטיק. דאָס זענען געווען קערפּערלעכע שפּאַצירן פון וואַנט צו וואַנט, אָדער פונעם פענצטער צו דער טיר; זיי זענען אויך געווען גייסט־שפּאַצירן — פון דער שוין באַקאַנטער פאַרגאַנגענהייט צו אַ אומבאַקאַנ־טער צוקונפט. בעת די דאָזיקע שפּאַצירן, באַזונדערס ביי די גייסט־שפּאַצירן, פאַרשווינדט כמעט אין גאַנצן די אָביעקטיווע וואָר, אין וועלכער דער אַרעס־טאַנט לעבט און אין זיין נשמה שאַפט זיך יענע אומרעאַלע ווירקלעכקייט, אין וועלכער דער תפיסהניק ב אַ ג ע ר ט צו לעבן. די שפּאַצירן פאַרקירצן באַ־דייטנדיק די טעג פון „זיצן"; זיי לויפן אַ סך געשווינדער ווי עס קען זיך פאַר־

שטעלן אַזעלכער, וואָס איז נאָך נישט „געזעסן״. פּאַקטיש גייט די צייט אין טורמע אַריבער ווי אַ חלום. די טעג אין תּפיסה זענען שטאַרק „געאָרדנט״, אפשר די מערסטנס „געאָרדנטע״ טעג אין דער וועלט. און זיי זענען פול מיט דערוואַר־טונג, די תּפיסה־טעג: פון דעם פרימאָרגן־פייף, וואָס שניידט אַדורך די לופט אין באַגינען ביזן אָוונט־פייף, נאָכן זון־אונטערגאַנג, הערט נישט אויף דער אַרעסטאַנט צו „וואַרטן״. דאָס וואַרטן איז זייער שטאַרק; עס איז האַרץ־ און נשמה־פאַרכאַפּנדיק, ווייל עס איז נוגע די פּשוטסטע, די פּרימיטיווסטע זאַכן פון מענטשלעכן לעבן, אָנהייבנדיק פון אַן אומזעטיקער מאָלצייט ביז צום אַרויסטראָגן דעם תּפיסה־עמער. דריי מאָל אין טאָג האָט מען געגעבן די הונ־גער־רייצנדיקע, אויסטערלישע מאָלצייטן. וואָס ווייניקער זיי האָבן זאַט גע־מאַכט, אַלץ שטאַרקער האָט מען אויף זיי געוואַרט. דעם עמער האָט מען אַרויסגעטראָגן צוויי מאָל אין טאָג, און אויך אויף דעם וואַרט מען אין תּפיסה ווי אויף אַ וויכטיקער געשעעניש. אַז איר וועט נאָך צולייגן צו דעם די גייס־טיקע „פּעריפּאַטעטיק״ וואָס נאָר די אומגליקלעכע, נישט־דענקענדיקע געניסן נישט פון איר, וועט איר באַקומען דאָס אינערלעכע פולע בילד פון די טעג אין תּפיסה. ניין, דאָס זענען נישט קיין טעג, געשילדערטע פון דער פרייער וועלט ווי טעג אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. פאַרקערט, דאָס זענען זייער קורצע טעג. זיי לויפן אַדורך ווי אַ חלום.

עפּעס אַנדערש זענען די נעכט אין תּפיסה. די זענען אויף אַן אמת לאַנגע. פאַרשטייט זיך, עס רעדט זיך נישט וועגן די נעכט, בעת וועלכע מ׳לאָזט דעם אַרעסטאַנט שלאָפן: דער שלאָף אין תּפיסה, אויף אַ שמאָלן אייזערנעם בעטל אָדער אויפן שטיינערנעם דיל, איז זייער אַ טיפער און אַ רואיקער. אָבער ס׳זע־נען פאַראַן אין טורמע — און מיר האָבן געהאַט אַזעלכע אין לוקישקי — ש ל אָ פ ל אָ ז ע נעכט; פאַר פיל האָבן זיי פאַרלענגערט דאָס „זיצן״ און פאַר אַנדערע פאַרקירצט די „טעג״... אין די דאָזיקע נעכט האָט זיך געפירט דער „ענדלאָזער״ דיאַלאָג צווישן דעם באַפולמעכטיקטן צו שטעלן פראַגעס און דעם וואָס איז געוועזן פאַרפליכטעט צו געבן תּשובות.

די דאָזיקע נעכט — דער אַרעסטאַנט ווייסט שוין ווען זיי הייבן זיך אָן: אַ שעה, צוויי נאָכדעם ווי ער ווערט אַנטשלאָפן; ער ווייסט אָבער קיינמאָל נישט, ווען זיי וועלן זיך ענדיקן...

אין אָט די נעכט האָב איך אָנטייל גענומען אין אַ לאַנגן דיאַלאָג מכּוח ארץ־ישראל און דער רעוואָלוציע, מכּוח ענגלאַנד און ציוניזם, נאַציזם און יידנ־טום, וועגן הערצל און זשאַבאָטינסקי, וועגן ווייצמאַנס באַגעגעניש מיט מוסאָ־לינין; וועגן קאָלכאָזן און קיבוצים; בית״ר און השומר הצעיר; וועגן מאַרקס און ענגעלס, וועגן לענין, בוכאַרין און סטאַלין; איבער קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם און קאָמוניזם. וועגן סוד פון לעבן און דאָס געהיימניש פון טויט, וועגן דער

אמונה אין גאָט און פאַרטרויען צו דער וויסנשאַפט, וועגן בירגער־קריג אין שפּאַניע און דעם „פאָלקס־פראָנט״ אין פראַנקרייך, איבער דער תורה פון אי־דעאַליזם און דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע. אויף אַן אמת, נישט קיין אויספאָרשונג — נאָר אַ דיאַלאָג.

אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ יונגער, הויכער און שיינער מאַן, כמעט העפ־לעך אין זיין באַנעמונג. ער האָט נישט געהאַט קיין צווייפל אין מיין „שולד״. אַזוי ווי איך האָב נישט געצווייפלט אַז איך בין אומשולדיק. דעריבער האָט מען נישט געדאַרפט האָבן קיין עדות און מ׳האָט זיך נישט גענויטיקט אין באַווייזן. עס זענען געווען גענוג די פאַקטן, וואָס איך האָב אפילו נישט געהאַט בדעה צו פאַרהוילן אָדער אָפּלייקענען. פון מיין פריסטער יוגנט בין איך דערצויגן גע־וואָרן דורך מיין טאַטן, וועגן וועלכן מ׳האָט מיר דערציילט אַז ער איז צוזאַמען מיט זיינע ברידער יידן אַנטקעגן געגאַנגען דעם טויט שרייענדיק „שמע ישראל״ און זינגענדיק „התקוה״. פון מיין קינדהייט אָן בין איך דערצויגן געוואָרן אין דער איבערצייגונג, אַז מיר דאַרפן זיך צוריקקערן קיין ארץ־ישראל: נישט גייך, נישט פאָרן און נישט קומען קיין ארץ־ישראל, נאָר זיך צ ו ר י ק ק ע ר ן אין לאַנד פון אונדזערע אבות. דאָס איז דער אונטערשייד. דאָס איז אַלץ, און אַלץ איז אין דעם כולל. ווען כ׳האָב דערגרייכט דעם עלטער פון פאַר־שטאַנד, האָב איך אַלס יונגער סטודענט אָנגעהויבן טעטיק זיין אין די רייען פון בית״ר, אין דער פאָלקסטימלעכער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג, וואָס זשאַ־באָטינסקי — די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייט אין אונדזער תקופה, נאָך הערצלען — האָט אין איר אַריינגעלייגט די גאַנצע ליבע פון זיין נשמה און דאָס רייכטום פון זיין גייסט. אין לעצטן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה בין איך געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער יוגנט־באַוועגונג אין פוילן, אין דעם לאַנד ווו ס׳האָבן געלעבט מיליאָנען פאַראָרימטע, געפּלאָגטע און ציון־טרוימענדיקע יידן. מיינע חברים און איך האָבן געאַרבעט צו דערציען אַ יידישן דור, וואָס זאָל גרייט זיין אי צו אַרבעטן אי צו קעמפן פאַר ציון, און אויך צו ליידן און שטאַרבן פאַר איר. און ווען מיר זענען נאָך געווען באַשעפ־טיקט מיטן דערציען די יוגנט און ברענגען זי קיין ארץ־ישראל — אָן ענגלאַנדס דערלויבעניש און קעגן איר פאַרבאָט — איז אויפן הימל פון פאָטערלאַנד, ווי אָן אָנזאָג פון באַנייאונג, אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן פון יידישן כוח: דער ארגון צבאי לאומי. זיין גרויסער, מיסטעריעזער קאָמענדאַנט, דוד רזיאל... זיין ערנסטער שליח אברהם שטערן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיין געלאַסע־נעם רעדן און איבערצייגונגס־קראַפט; די ערשטע קעגן־אָנגריפן אויף אונדזערע פאַרשקלאַפער; אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע וואָפן־פּראָדוקציע; ערנסטע גע־ווער־טראַנספּאָרטן, צוגרייטונג פון קאַדרען אינסטרוקטאָרן און אָפיצירן; דאָס ברעכן פון דער אומגליקלעכער „הבלגה״, און דאָס אויפרייסן דעם שלאָס פון די

פאַרמאַכטע טויערן — דאָס אַלץ איז אין מיינע אויגן און אין די אויגן פון צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע געווען גערעכט און דערהויבן.

ד אָ ס צו טון און דערצו מיטהעלפן איז לויט אונדזער מיינונג געווען נישט נאָר אַ רעכט, נאָר — נאָך מער — אַ פליכט, אַ פליכט לגבי אונדזער לאַנד, וואָס אימיצער האָט געפּרוווט עס צוריבן, און אַ פליכט לגבי אונדזער פאָלק, וואָס איז שוין דעמאָלט געשטאַנען, ווי מיר האָבן געפילט, פאַרן אָפּגרונט. און אָט די פליכט אונדזערע האָבן מיר דערפילט.

גאָר אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט האָט עס געזען און מיר דאָס באַוויזן מיין סימפּאַטישער אויספאָרשער אין לוקישקי. זיין צוגאַנג איז געווען דערשטוינענ-דיק, אָבער דער דיאַלעקטישער בנין וואָס ער האָט אויפגעשטעלט איז געווען גאַנץ און כמעט פולקום. אין די לאַנגע נעכט פון דער אויספאָרשונג פלעגט דער יונגער אָפיציר מיר זאָגן:

— דער ציוניזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען איז נישט מער ווי אַ קאָמעדיע און קאַמאָפלאַזש, ווי אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער. ס׳איז נישט אמת, אַז איר ווילט שאַפן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. ס׳איז נישט אמת, אַז איר האָט בדעה אַריבערצופירן מיליאָנען יידן אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע צוויי שטרעבונגען זע-נען אינגאַנצן נישט פּראַקטיש און האָבן נישט די מינדסטע אויסזיכטן אויף דער-פאָלג, און די ציוניסטישע מנהיגים ווייסן דאָס גאַנץ גוט. נאָר וואָס? הינטער דער „נישט־עקזיסטירנדער" מדינה באַהאַלט זיך דער א מ ת ע ר ציל פון דעם אַלעם וואָס הייסט „ציוניזם", און דער ציל איז — אָפּצוווענדן די יידישע יוגנט פון די רעוואָלוציאָנערע רייען אין אייראָפּע און איר אַוועקצושטעלן אין רשות פון בריטישן אימפּעריאַליזם אין נאָענטן אָריענט. דאָס איז דער „תוך", דער „אינהאַלט", און אַלדאָס אַנדערע איז נישט מער ווי די „שאָלעכץ", וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר קאַמאָפלאַזש־צוועקן. און וואָס אנבאַלאַנגט אייך, מנחם דער זון פון זאב בעגין, איז איינס פון די ביידע: אָדער איר ווייסט דעם אמת און איר געהערט צו די באַוווּסטזיניקע אָפּנאַרער און פאַרפירער, וועלכע צע-טומלען די מוחות פון דער יידישער יוגנט אין שליחות פון דער אינטערנאַציאָנאַ-לער בורזשואַזיע, אָדער איר זענט איינער פון די אָפּגענאַרטע, וואָס נישט וויסנ-דיק, פאַרפירט איר ווייטער די יידישע מאַסן, וועמענס אויפגאַבע איז צו קעמפן א ו י פ ן אָ ר ט, — יאָ, צו קעמפן דאָ, אויפן אָרט — קעגן עקספּלאָאַטאַציע-רעזשים. אין ביידע פאַלן טראָגט איר אַ שווערע שולד.

כ׳האָב געפּרוווט איבערצייגן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, אַז ער האָט אַ טעות. כ׳האָב זיך באַמיט אים צו באַווייזן, אַז די יידישע שטרעבונג צוריקצו-קערן זיך קיין ארץ־ישראל איז זייער אַ טיפע און ערנסטע. ווי קען מען זי באַ-האַנדלען אַלס „קאַמאָפלאַזש", ווען זי גייט איבער ביי אונדז פון דור צו דור שוין צוויי טויזנט יאָר; ווען זי האָט שוין עקזיסטירט נאָך איידער ס׳איז געווען דער-

קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם. ווי קען מען באַהאַנדלען דעם ציוניזם ווי אַ „קאָ־מעדיע", אַז אין זיין יסוד ליגט דער זעעלישער בונד, וואָס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין אונדזערע תפילות; אין קרבנות פון איינצלנע, וועלכע האָבן פאַר־לאָזן אוניווערסיטעטן, כדי צו גיין אויף פּשוטער ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל?...

מיינע אַלע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסטע. מיינע אַרגומענטן, נישט נאָר וואָס זיי האָבן אים נישט איבערצייגט, נאָר פאַרקערט, האָבן נאָך געדינט אַלס געווער קעגן מיר. דער אויספאָרשונגס־ריכטער פלעגט ענטפערן:

— דאָס וואָס איר זאָגט שטאַרקט נאָך מער אונדזער צוגאַנג. זיכער האָבן יידן געהאַט אַ סענטימענט פאַר ארץ־ישראל; דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער דערציאונג, און די דערציאונג איז אַנטשטאַנען פון אַ געוויסער היס־טאָרישער אַנטוויקלונג. אָבער הערצל, דער שליח פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער בורזשואַזיע, האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן סענטימענט כדי צו דערפילן די אויפגאַבע, וואָס די בורזשואַזיע האָט אויף אים אַרויפגע־לייגט: אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידן פון זייער אמתער אויפ־גאַבע, פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און זיי לענקען אויף אַ נישט געשטויגענעם און נישט געפלויגענעם חלום פון אַ נישט־עקזיסטירנדער מדינה. פאַרוואָס פּרו־בירט איר אָפּצולייקענען? מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען מיר געוויזן אַן אויסצוג פון הערצלס בריוו צו פּלעווען, צום צאַריסטישן הענקער פּלעווע. דער אויסצוג איז אַ גענוגנדער באַווייז, ווער ס'האָט געשאַפן דעם „ציוניזם" און צו וואָס פאַר אַ צוועק מ'האָט אים געשאַפן. און דאָס וואָס איר דערציילט אַז יונגע סטודענטן האָבן פאַרלאָזן די אוניווערסיטעט־בענק, געגאַנגען באַאַרבעטן די ערד, אויך דאָס איז אַ שניידענדיקער באַווייז פון רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון אייער באַוועגונג. אַן אינזשיניער דאַרף אַרבעטן ווי אַ אינזשיניער; אַ דאָקטאָר דאַרף היילן קראַנקע. וואָס האָט איר געטון? איר שטעקט אַריין כוחות און מוחות אין דער ערד אַריין. אגב, איין אַרעסטאַנט, אַ מיטגליד פון „השומר הצעיר" האָט זיך באַרימט ביי דער אויספאָרשונג, אַז דער ציוניזם האָט געשאַפן קאַלכאָזן אין ארץ־ישראל. אַזאַ נאַר: אונדז גייט ער פאַרדרייען דעם קאָפּ! פאַרן געלט פון אַמעריקאַנער מיליאָנערן האָט מען געשאַפן כלומרשט קאָלכאָזן, און ער באַ־רימט זיך נאָך דערמיט. ניין, בעגין, מיט קיין רעטאָריק וועט איר נישט קענען פאַרדעקן די פאַקטן. אייערע דערציילונגען זענען ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: דער ציוניזם איז אַ קאָמעדיע, אַ קאָמאָפלאַזש, אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער.

איין נאַכט האָט זיך דאָס געשפּרעך געפירט וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע ווי אַ לייזונג פון דער יידן־פּראַגע, וועגן בּיראָבידזשאַן און אַנטיסעמיטיזם. דער „סלעדאָוואַטעל" האָט געזאָגט, אַז נאָר אַ זיג פון דער רעוואָלוציע וועט פאַר־זיכערן די לייזונג פאַר דער נאַציאָנאַליטעטן־פּראַגע, פון וועלכער דאָס יידן־פּראַ־

בלעם איז נאָר אַ טייל. אָבער די רעוואָלוציע — האָט ער געזאָגט — נייטיקט זיך אין טרייע קעמפּער און נישט אין קיין דעזערטירן, וועלכע אַנטלויפן אין אַ נישט עקזיסטירנדער מדינה. „פאַרוואָס זענט איר נישט צוגעטרעטן צום פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט געדאַרפט פאַרהאַלטן די כוואַליע פון רעאַקציע?"

כ'האָב געפּרוווט אויפקלערן אונדזער לאַגע און טעטיקייט — מיט אַ משל:

— שטעלט זיך פאָר, בירגער ריכטער, אַז איר גייט אין גאַס און זעט אַז אין אַ הויז איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. וואָס טוט איר דאַן? זיכער לויפט איר אַלאַרמירן די פייערלעשער. אָבער אויב אין דעם מאָמענט הערט איר אַ פרוי אָדער אַ קינד שרייען פון דעם ברענענדיקן הויז, צי וועט איר וואַרטן ביז די פייערלעשער וועלן קומען? כ'בין זיכער, אַז איר וועט נישט וואַרטן אויף זיי. איך בין זיכער, אַז יעדער איינער פון אונדז וואָלט געלאָפן אַרויסראַטעווען די באַדראָעטע פון די פלאַמען. ס'זעלביקע איז מיט אונדז. לאָמיר אָננעמען, אַז די רעוואָלוציע איז די ענדגילטיקע לייזונג פאַרן פּראָבלעם פון יידישן פאָלק, וואָס האָט נישט קיין היים — כאָטש די אידעע פון דער בּיראָבּידזשאַנער רעפּובּליק ווייזט, אַז אַפילו אין ראַטנפאַרבאַנד פאַרשטייט מען, אַז אויך אונדזער פאָלק, ווי יעדעס אַנדערע פאָלק, דאַרף האָבן אַן אייגענע טעריטאָריע. לאָמיר אָננעמען, חזר איך איבער, אַז די רעוואָלוציע וועט לייזן אונדזער פּראָבלעם. צי איז זי אָבער נישט אויך לויט אייער מיינונג, בירגער ריכטער, אין אונדזערע ספּעציפישע באַדינגונגען, ווי אַ פייערלעשער־בריגאַדע? איר ווייסט וואָס דער קעמפנדער אַנטיסעמיטיזם האָט אונדז געטון: איר ווייסט זיכער אויך, וואָס די דייטשן טוען מיט אונדז. נישט נאָר אונדזער הויז ברענט; אין דעם ברענענדיקן הויז גייען אום אונדזערע שוועסטער און ברידער. צי קענען מיר וואַרטן ביז „פייערלעשער" וועלן קומען? און אויב זיי וועלן קומען צו שפּעט, ווי ס'טרעפט אָפט? אונדזער פאָלק נייטיקט זיך אין אַ דרינגענדער רעטונג און מיר האָבן געפּרוווט עס אַרויסצושלעפּן פון פייער און עס ברענגען צו אַ זיכערן ברעג, אין אונדזער פאָטערלאַנד. צי טוען מיר אַ שלעכטע זאַך?

אין אַזעלכע פאַלן בין איך געווען זייער גערירט. די ווירקלעכקייט אַרום מיר איז טאַקע געווען אַן אַכזריותדיקע. נאַכט. אַ קליין צימערל. מיין קאָפּ איבּגעגאַנצן אָפּגעגאָלט. מיין פּנים באַוואַקסן. מאַכטלאָז בין איך געזעסן קעגן דעם פאָרשטייער פון אַ קאָלאָסאַלער מאַכט, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — אַ פאָרשטייער פון אַ מאַכט, וואָס פאַרטרעט אַ טעאָריע, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין צווייפלען. וואָס פאַר אַ טעם האָבן באַווייזן? צו וואָס קענען דינען אַרגומענטן? אָבער ווען די דיסקוסיע האָט דערגרייכט די הויכקייטן אָדער די טיפענישן, צו וועלכע אַזאַ „וויכוח" קען דערגרייכן, פלעגט ווי פאַרשווונדן ווערן די גרויע ווירקלעכקייט און מיר פלעגט זיך אויסדאַכטן אַז איך דערפיל אַ מיסיע און פאַרטיידיק נישט זיך אַליין, נאָר מיין פאָלק און זיין באַ־

נייאונגס־באַוועגונג. דער אויספאָרשער דאָקעגן איז דווקא אין די מינוטן געבליבן רואיק און אפילו קאַלט. ווי געוועגלעך פלעגט ער מיך אָפּ־פּטרן מיט אַ וואָרט, וואָס כ׳האָב עס פריער נישט געקענט: „תלמודיזם״. ווען כ׳האָב געהערט פון אים דאָס וואָרט צום ערשטן מאָל, האָב איך געמיינט, אַז דער יונגער רוס וויל מיך באַליידיקן אַלס ייד. כהאָב זיך אָבער איבערצייגט, אַז אַזאַ כוונה איז אים זייער ווייט. פיל מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן געשפּרעכן פון פאַרשידענע ריכטער, און זיי האָבן אָפט באַנוצט דאָס וואָרט „תלמודיזם״ ווי אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס מיר פלעגן רופן אין שול „סכאָ־לאַסטיק״. נישט יעדער רוס ווייסט וואָס ס׳איז סכאָלאַסטיק; אָבער כמעט יע־דער סאָוויעטישער אינטעליגענט ווייסט וואָס עס באַדייט ס׳וואָרט „תלמודיזם״. דאָס איז, זיכער, דער צווייפלהאַפטער פאַרדינסט פון די יי ד י ש ע קאָ־מוניסטן, וועלכע האָבן איבערגעפלאַנצט אין זייערע גויאישע חברים דעם קראַנק־האַפטן שפּאָט צו זייער פאָלקס־טראַדיציע.

— ב. —

נאַכט־איין, נאַכט־אויס האָט זיך אַזוי געפירט דער „דיאַלאָג״ צווישן אונדז ביידן, און דער יונגער אויספאָרשונגס־ריכטער איז בדרך כלל געוועזן קאַלט און העפלעך. טייל מאָל פלעגט ער אָפילו אַריינטראָגן אַ טאָן פון „פּראָ־פעסיאָנעלן״ הומאָר אין אונדזערע געשפּרעכן. ער פלעגט זאָגן:

— איר זענט ענלעך, מנחם בעגין, צו אַלע אַרעסטאַנטן וואָס כ׳האָב גע־קענט. אַרעסטאַנטן דאַרפן זיצן אויפן פּאַסיקן טייל פון זייער קערפּער און טראַכטן מיטן קאָפּ. אָבער זיי טוען שטענדיק פאַרקערט...

בלויז אין איינציקע פאַלן האָט זיך דער אויספאָרשונגס־ריכטער מייגער „צעוואָרימט״, זיך אָפילו צעבייזערט, געקלאַפּט מיטן פויסט אויפן טיש און געוואָרפן אויסדרוקן, וואָס אַ בפירושער געזעץ אין ראַטנפאַרבאַנד — ווי כ׳האָב אים דאָס דערמאָנט — פאַרבאָט זיי צו באַנוצן. כ׳וועל דערציילן איין פאַל אַזאַ, צוליב זיין אַלגעמיינער באַדייטונג.

אין איינער פון אונדזערע נאַכט־שמועסן האָב איך זיך באַנוצט אַלס אַר־גומענט מיט אַ פּאַראַגראַף פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. כ׳האָב דער־מאָנט דעם „סלעדאָוואַטעל״ אַז אין פּאַראַגראַף 129 פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע — דאַן האָב איך נאָך גוט געדענקט דעם נומער און אינהאַלט — שטייט בפירוש געשריבן, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד וועט צוטיילן „אַזיל״־רעכט, „שוץ״ די בירגער פון פרעמדע מדינות, וועלכע ווערן גערודפט צוליב זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

דער פּאַראַגראַף אין פולן לויטעט: „דער ראַטנפאַרבאַנד ערטיילט אַזיל־

רעכט אויסלענדישע בירגער וועלכע ווערן גערודפט צוליבן פאַרטיידיקן די אַר־בעטער־אינטערעסן אָדער צוליב זייער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אָדער צו־ליב זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.״

— דעריבער — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ טאָן פון האַלב־נאַרישער צו־פרידנקייט, — טאָרט איר מיך נישט האַלטן אין טורמע; פאַרקערט, איר דאַרפט מיר און אַזעלכע מענטשן ווי איך געבן שוץ און הילף. אויף יענער זייט גרעניץ פלאָגט מען אונדז בלויז דערפאַר, ווייל מיר זענען יידן, ווייל מיר האָבן געקעמפט, דירעקט אָדער אומדירעקט פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון יידישן פאָלק. און אויב מיר געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, האָבן מיר, לויט זיין קאָנסטיטוציע, דאָס רעכט צו בעטן „אַזיל״ און אים צו באַקומען.

הערנדיק די רייד מיינע, איז מיין ריכטער רויט און בלאַס געוואָרן. ס׳איז שוין נישט צו דערקענען דעם העפלעכן אָפיציר, ער האָט איינגעקנייטשט זיין פויסט און אויפגעהויבן זיין שטים:

— וואָס פּלוידערט איר, פאַר... יוריסט? איר וואָגט מיר ציטירן די סטאַ־ליניש קאָנסטיטוציע? איר פירט זיך דאָך געגנוי ווי אָט דער משוגענער הונט, דער פיינט פון דער מענטשהייט, דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן —

— ועמען מיינט ער? — איז אַדורך ווי אַ פיילבויגן אין מיין מוח די פראַגע.

— ב ו כ אַ ר י ן! — האָט געדונערט דער יונגער אָפיציר — איר פירט זיך ווי דער פאַררעטער בוכאַרין, וואָס פלעגט ברענגען אַ ציטאַט פון מאַרקס׳ און ענגעלסעס שריפטן און טענהן: „אָט אַ באַוויז, אַז איך בין גערעכט״. אָבער דאָס איז אַ נישט דערלאָזבאַרע סיסטעם. סטאַלין האָט אונדז געלערנט, אַז מאַרקסעס און ענגעלסעס תורה זענען איין גאַנצקייט, מ׳טאָר זיך נישט פאַררופן אויף דעם, אָדער אַנדערן ציטאַט. אַ נייער חכם האָט זיך געפונען אין ווילנע: אַ פּאַראַגראַף פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע ברענגט ער מיר, מיט דעם וויל ער מיך איבערציייגן...

כ׳בין געוועזן דערשטוינט פון אומגעווייטלעכן אויסברוך. כ׳האָב רעאַגירט ווי ס׳איז געווען מעגלעך אין יענע באַדינגונגען צו רעאַגירן. אָבער מיך האָט פאַרוואונדערט דער אינהאַלט פון זיינע רייד. טעאָרעטיש, פון שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, איז דער אויפגעקאָכטער אויספאָרשער גערעכט גע־ווען. דאָס פאַררופן זיך אויף אַ טיילווייזן ציטאַט, פאַרפירט. אַן ערלעכער קריטיקער וועט, כדי צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין טעזע, ברענגען אַ גאַנצן געדאַנק און נישט פונעם מיטן אַן אַרויסגעכאַפּט שטיקל ציטאַט. אָבער מיין פאַל — האָב איך געטראַכט און עס הויך געזאָגט — איז אַ גאַנץ אַנדערער. אַ קאָנ־סטיטוציע איז דאָך אַן אידעאָלאָגישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע גאַנצקייט. אָבער אַזוי ווי ס׳זענען פאַראַן פּאַראַגראַפן, וועלכע זענען פאַרבונדן איינער

מיטן צווייטן אָדער דריגנען אַרויס איינער פון אַנדערן, אַזוי זענען דאָ פּאַראַ־גראַפן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז אַ גאַנצע אידעע, אַליין אַן אידעע פאַר זיך. איך האָב דערמאָנט אַ גאַנצן פּאַראַגראַף, און נישט קיין פּונקט פון אַ פּאַ־ראַגראַף. דער פּאַראַגראַף רעדט וועגן שוץ־רעכט אין ראַטנפאַרבאַנד, אַ רעכט וואָס פון קאָנסטיטוציאָנעלן שטאַנדפּונקט הענגט זי נישט אָפּ פון דער וואַל־פּאַרעם צום אויבערשטן סאָוועט א. א. וו.

מיינע אַרגומענטן האָבן אים, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט איבערצייגט. זיי האָבן אים אפילו נישט באַרואיקט. ער איז געבליבן ביי זיינס און ביי זיין אַנאַלאָגיע מיטן געדאַנקען־גאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָן, בוכאַרין"...

אינטערנאַציאָנאַלער שפּיאָן... פיינט פון דער מענטשהייט... ווען כ'האָב געהערט מיט וואָס פאַר אַן איבערצייגונג־קראַפט אַ שילער פון דער קאָמוניס־טישער רעוואָלוציע האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, רעדנדיק וועגן באַ־רימטן אויטאָר פון „אלף־בית פון קאָמוניזם", האָב איך פאַרשטאַנען פיל זאַכן, וועלכע זענען פריער געווען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך. כ'האָב פאַרשטאַנען ווי אַזוי איז דאָס געשען, אַז בוכאַרין און פיל אַנדערע גדולים ווי ער האָבן אַליין מודה געווען, אַז זיי זענען שפּיאָנען און שונאים פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

מיר האָבן אַלע געלייענט אין די צייטונגען וועגן מיסטעריעזע איינשפּרי־צונגען, פון וועלכע דער וואָס באַקומט זיי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ היפּנאָטי־זירטן מעדיום, און ער טוט וואָס מען וויל נאָר פון אים. לויט מיין מיינונג זע־נען דאָס נאַרישע באָבע־מעשיות. אלא וואָס? אַ פיזישער דרוק? קלעפּ? איך קען פעסטשטעלן פון מיין פּראַקטיק, אַז אין דער גאַנצער צייט פון דער אויספאַר־שונג האָט קיינער אויף מיר נישט אויפגעהויבן אַ האַנט. כאָטש כ'בין געווען פאַררעכנט אַלס ערנסטער „פּאָליטישער פאַרברעכער" און די „סעסיעס" זענען טיילמאָל געווען זייער שטורמישע. צווישן הונדערטער אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע כ'בין שפּעטער געקומען אין קאָנטאַקט, האָט זיך קיינער נישט באַקלאָגט אַז מ'האָט אים אַנגערירט. ווייניקע האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט, אַז מ'האָט אַנדערע געשלאָגן. נאָר אויב מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אַז די סאָווע־טישע פּאָליציי באַנוצט זיך אין געוויסע פאַלן מיט קלעפּ — מעג וואַרפן אַ שטיין אין איר נאָר ד י פּאָליציי, אין וועלכער קיינער פון אירע אַגענטן אָדער אָפי־צירן האָט זיך נישט באַנוצט מיט די באַרבאַרישע „איבערצייגונג־אַרגומענטן". מיר דאַכט זיך, אַז קיינער וועט אַזאַ שטיין נישט וואַרפן. איך גלויב, אַז כ'האָב נישט קיין טעות, אַז אַזאַ פּאָליציי איז נאָך אויף דער וועלט נישט געבוירן גע־וואָרן. מיר האָבן עפּעס געלערנט אין ארץ־ישראל וועגן די סאַדיסטישע מנהגים פון דער פּאָליציי פון דער „דעמאָקראַטישער" ענגלאַנד. מ'קען נישט אָפּלייקע־נען, אַז וואָס ס'איז נוגע פּאָליציי, איז לפחות איצט די גאַנצע וועלט די זעלבע.

פון דעסטוועגן איז אַ פאַקט, אַז בשעת אירע אויספאָרשונגען האָט די סאָ־וועטישע פּאָליציי געהאַט דערגרייכונגען, וואָס קיין אַנדערע פּאָליציי קען זיך נאָך מיט זיי נישט באַרימען. ווי זאָל מען עס דערקלערן? דער שליסל שטעקט אין דער פראַגע, ווי אַזוי איז אַ יונגער סאָוועטישער מאַן, וועלכער איז זיכער געווען פון די פלייסיקסטע לייענער פון „אלף־בית פון קאָמוניזם" — ווי איז ער געקומען צום פ ע ס ט ן ג ל ו י ב ן, אַז בוכאַרין איז אַ פאַרקויפטער שפּיאָן. אויב מיר וועלן זיך באַנוצן מיט דעם שליסל, וועלן מיר עפענען מיט דעם אַ טיר צו דער נשמה פון בוכאַרינען אַליין און פון פיל אַנדערע, וועלכע האָבן געטיילט זיין גורל. ביים עפענען די „טיר", באַווייזט זיך אַ יחיד, וואָס זיין גאַנצע וועלט איז אים פּלוצלינג חרוב געוואָרן און וועלכער איז איזאָלירט נישט נאָר פיזיש, נאָר בעיקר גייסטיק־פּאָליטיש.

די טאָפּלטע איזאָלאַציע איז אַ הערמעטישע. אין אַזאַ איזאָלאַציע זענען גע־ווען סיי אַזעלכע קליינע פישעלעך ווי מיר, אין לוקישקער טורמע אין ווילנע, און סיי די גרויסע קאַרפּן־קעפּ אין לוביאַנקי, אין מאָסקווע. איזאָלאַציע. קיין איינציק וואָרט דריינס וועט שוין צו קיינעם נישט דערגרייכן, צ ו ק יי ן שום מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט.

צו די אויערן פון דער וועלט וועט אָנקומען נאָר דאָס, וואָס די מאַכט וויל אַז ס'זאָל אָנקומען. אין געוויסע צייטן און געוויסע תקופות עקזיסטירט אַן אומ־לעגאַלע פּרעסע, וואָס פאַרעפנטלעכט זאַכן, וועלכע די צייטונגען וואָס זענען צענזורירט דורכן רעזשים, קענען נישט אָדער ווילן נישט פאַרעפנטלעכן. דאָ איז נישטאָ קיין שפּאַלט. נישט קיין אָפיציעלע און נישט קיין אומלעגאַלע פּרעסע. קיינער וועט נישט הערן, קיינער וועט נישט לייענען, קיינער וועט נישט וויסן. קיין „באַוועגונג" וועט נישט אַנטשטיין אונטערן איינפלוס פון די ווערטער, וועלכע דער וואָס וואָלט אפשר געווען גרייט צו געבן ס'לעבן פאַר זיין גלויבן — וועט זאָגן. קיין „באַוועגונג", אפילו אויב זי עקזיסטירט שוין, וועט נישט שטאַרקער ווערן דורך די ווערטער פון איר אָנהענגער, דעם שטאָלצן רעוואָלו־ציאָנער. דער יסוד און סוד פון רעוואָלוציאָנערס אויפפירונג זענען פולשטענ־דיק צעשטערט. דער רעוואָלוציאָנער שטייט מיט אַ געהויבענעם קאָפּ פאַר זיי־נע אויספאָרשער, ריכטער אָדער זיינע תליונים, כל־זמן ער ווייסט, אַז הינטער אים זענען דאָ פיל, וועלכע זעען זיין שטאָלצע שטעלונג און הערן זיך צו צו זיינע רייד. ער שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר פייניקונגען און טויט, ווויסנדיק אַז די אידעע, מיט וועלכער ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט לייב און לעבן, וועט גע־פינען אַ סך אָנהענגער, וועט גרעסער און שטאַרקער ווערן. אָבער אויב פון דעם גלויבן איז גאָרנישט געבליבן? אויב, פאַרקערט, ער איז זיכער אַז זיין גייסטיקע און פּאָליטישע איזאָלאַציע איז אַ הערמעטישע, אַז קיינער וועט נישט זען, נישט הערן, נישט וויסן גאָרנישט, דאַן ווערט חרוב דער טראַנסצעדענטאַלער פאַקטאָר:

— די גרייטקייט פון זעלבסטאָפּפערונג פאַר דער אַלגעמיינער אידעע — וואָס גיט פליגלען די רעוואָלוציאָנערן און פאַרהאַרטעוועט זייערע נשמות ווי שטאָל. דאַן קען דער גרעסטער און מוטיקסטער רעוואָלוציאָנער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נעבעכדיקן צעבראָכענעם מענטשן, וואָס בעט זיך צו שענקען אים דאָס לעבן, אנשטאט צו קעמפן פאַר זיין אידעע. און אויב ער טוט עס נישט — קומט ער נישט צום וואָרט. דער שליסל ליגט תמיד אין דער פולשטענדיקער איזאָלאַציע. און אויב איר וועט נאָך דערמאָנען די דירעקטע, אָדער רמזים פון... הבטחות, וועלכע ווערן אים געגעבן, בכן אַז ס'וועט זיך ענדיקן דער טערמין פון זיין שטראָף, וועט ער קענען אָנהייבן פונדאָסניי זיין לעבן — דאַן וועט איר פאַרשטיין אַז דער „סוד" פון עפנטלעכן מודה זיין זיך און די זעלבסט־באַשולדיקונגען איז גאָר קיין סוד נישט. מעדיצינישע איינשפּריצונגען זענען דאָ גאָרנישט נויטיק. מיט קלעפּ האָט עס אויך נישט צו טון. די פּסיכאָלאָגישע זייט איז דאָ אַנטשיידנדיק. דאָס איז קלאָר, באַזונדערס לגבי די, וועלכע שטאַמען פון „אינערלעכן קרייז" און האָבן זיך צוליב וועלכער ס'איז סיבה צעקריגט מיט די הערשנדיקע פאַקטאָרן.

וועגן דעם האָב איך פיל געטראַכט אין לוקישקי, באַזונדערס אַ קורצע צייט נאָכן פאַל מיטן פּאַראַגראַף פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. האָב איך באַקומען אַ גוטע געלעגנהייט צו טראַכטן. פּשוט, כ'האָב באַקומען זיבן טאָג איזאָלאַציע, זיבן טאָג אַרעסט אין אַן איינצל־קאַמער. די שטראָף האָב איך באַקומען נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויספאָרשונג. קיין ערנסטע סיבה האָט מיך נישט געבראַכט אין דער דרייעקיקער צעלע, אָן אַ פענצטער און פול מיט געשטאַנק, אין וועלכער כ'בין געווען געצווונגען ענדלאָז צו פאַרלענגערן די „גייסטיקע" שפּאַצירן, בעת דער שטח פון מיינע פיזישע שפּאַצירן איז פאַרקירצט געוואָרן אויף דריי און אַ האַלבן שריט. די סיבה איז געווען אַן אומבאַדייטנדיקע, מ'קען אפילו זאָגן: אַ הומאָריסטישע, אַ לייכטזיניקע. ווען מיר זענען געגאַנגען אַרויסטראָגן דעם עמער, האָב איך דערציילט מיינע צוויי חברים, פירער פון „בונד", מיט וועמען כ'האָב דיסקוטירט און זיך אויך באַפריינדעט, אַ געזאַלצענעם וויץ, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ נאַרישן ווערטער־שפּיל וועגן פּאַרטסאַאיד. דערציילנדיק דעם וויץ האָב איך נישט געהאַט קיין שום כוונות, אויסער דעם ווילן צו מאַכן לאַכנדיק מיינע חברים. דער געלעכטער אין לאַנגן קאָרידאָר אין לוקישקי האָט געקאָסט אַביסל צו טייער. דער יידישער פּאָליציסט, וועלכער האָט געהערט מיין לייכטזיניקן וויץ, האָט ווייזט אויס געהאַט דעם איינדרוק אַז כ'מיין אים און אַז כ'האָב געוואָלט אים באַליידיקן. ער האָט געשריבן אַן אָנקלאַגע. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך געעפנט די טיר פון צעלע און מ'האָט מיר איבערגעלייענט אַ מעלדונג פון תפיסה־דירעקציע, אַז איך בין באַשטראָפט געוואָרן מיט זיבן טעג און זיבן נעכט איזאָלאַציע אין קאַרצער.

יענע הונדערט זיבעציק שעהן זענען נישט געווען קיין זייער אנגענעמע. אין איזאָלאַציע־קאַמער באַקומט מען נישט קיין עסן, אויסער אַ קליין שטיקל ברויט און קאַלט וואַסער. אָבער נישט דאָס איז די הויפּטזאַך. ס׳זענען געווען אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן „אנגענעם״ געמאַכט דאָס לעבן. ס׳איז געווען אַ שמוץ, זאָל זיך נאָר דער אויבערשטער דערבאַרעמען. דעם עמער טראָגט מען נישט אַרויס, ס׳איז פאַרבאָטן. זיבן טעג — איז עס פאַרבאָטן; דאָס געלעגער — אַ שטיינער־נער דיל אָן בעטגעוואַנט. מ׳מוז מודה זיין, אַ האַרט געלעגער; דאָס קישן — ד יי ן ה אַ נ ט איז דאָס קישן. אַביסל צו קליינע און צו האַרטע „קישנס״, ס׳טוט אויך וויי. בייטאָג איז צו הייס, ביינאַכט איז צו קאַלט. דאָס איז וואָרשייב־לעך געמאַכט כדי „אָוועקצוהרגענען״ די לאַנגווייליקייט. מייז זענען אויך דאָ צום פאַרווילן דעם קערפּער און די נשמה. ווי קען עס אַנדערש זיין? אַ קאַרצער אָן מייז איז ווי אַ טאַנץ־זאַל אָן טענצערס. אַזוי מוז עס זיין, ממש אַ זיווג פון דער נאַטור.

אָבער ס׳מאַכט נישט אויס: מ׳קען לעבן. מיינע חברים זענען טאַקע גע־ווען אַביסל באַזאָרגט. זיבן טעג אין קאַרצער איז אַ לאַנגע צייט. און אַ יידי־שער יונגערמאַן, אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב, וואָס האָט זיך פאַרוואָלגערט אין דער צעלע פון די „פּאָליטישע״, האָט שוין געפּאָדערט פון די חברים, מ׳זאָל אים צו־זאָגן אַ געוויסן טייל פון מיינע זאַכן. ער איז געווען זיכער, און האָט עס אפילו געזאָגט, אַז אַזאַ „שוואַכלינג״ ווי איך, וועט שוין נישט צוריקקומען נאָך זיבן טעג פון „דאָרטן״.

ער האָט געהאַט אַ טעות. כ׳בין צוריקגעקומען, און מיינע זאַכן האָט ער נישט געקריגן. זיי זענען, וואָס אָן אמת, נישט פאַרלוירן געגאַנגען. זיינע פּאַך־קאָלעגן, אַנדערע גנבים, האָבן זיי באַקומען ביי אָן אַנדער געלעגנהייט. אויב אַזוי, פאַרוואָס איז אים גאָרנישט אָנגעקומען? אומגערעכטיקייט? דער עיקר: כ׳בין צוריקגעקומען. און דאָס „פאַרברענגען״ אין קאַרצער איז פאַר מיר געווען אַ לעקציע אויפן גאַנצן לעבן. אוי, ווי ווייניק דאַרף אַ מענטש האָבן, אפילו אַ „קולטורעלער״ מענטש! די גאַנצע צייט זיצנדיק אין „סאַלאָן״ האָב איך געהאַט אָן אומאויפהערלעכע גייסטיקע „פּעריפּאַטעטיק״. אָבער, ווען כ׳האָב זיך דער־מאָנט אָן דער שטיקנדיקערווירקלעכקייט האָב איך געחלומט, ממש געחלומט: נישט וועגן דער פרייער וועלט, נישט וועגן אָן אָנשטענדיק הויז, וועגן אַ וואָ־רעמער באָד אָדער אַ דערפרישנדיקן שפּאַציר; און נישט וועגן די אַלע באַקוועמ־לעכקייטן, וואָס דאָס לעבן אויף דער פריי קען געבן אַ ציוויליזירטן מענטשן; כ׳האָב געטרוימט — וועגן דער צ ע ל ע, וועגן מיין צעלע אין טורמע, וועגן דער פאַרקראַטעוועטער צעלע, אין וועלכער ס׳איז געזעסן די „חברה״ און אַ פאַרפוילטער שטרויזאַק איז געלעגן אויפן שטיינערנעם דיל. ס׳זענען אפשר נישטאָ קיין שטאָפּלען פאַר גליק, אָבער ליידן האָבן שטאָפּלען. וועסטו אַראָפּ־

לאָזן דעם מענטשן אויפן ערשטן שטאַפּל פון ליידן, וועט ער שטרעבן צוריק־צוקערן צום אויסגאַנג־פּונקט. אָבער אויב דו וועסט אים אַראָפּלאָזן נאָך נידע־ריקער אויפן לייטער פון ליידן — וועט ער שטרעבן צוריקצוקערן נישט צו דער מדרגה פון „נישט ליידן", נאָר צום פריערדיקן עטאַפּ פון „ווייניקער ליידן". דאָס אַלץ וואָס עס געפינט זיך מחוץ דעם לייטער פון ליידן — וועט ער אינגאַנצן פאַרגעסן. די אייביקע געשיכטע מיטן „מלמד" און זיין ציג? זיכער. אָבער דאָס מאָל איז דער מוסר־השכל נישט געווען אַזוי „אידיליש" ווי ביי שלום־עליכמן. די לעקציע קען אויפקלערן פיל דערשיינונגען אין אונדזער תקופה, אין דער תקופה פון ראַפינירטער אַכזריות.

ווען כ'בין געזעסן אין קאַרצער, האָב איך געשטרעבט צוריקצוקערן אין תפיסה, אין דער אַלגעמיינער צעלע. מיין ווונטש איז דערפילט געוואָרן. די זיבן טעג און זיבן נעכט זענען אויך שנעל פאַראיבער. כ'בין געקומען צוריק אין מיין קאַמער. מיינע חברים זענען געווען העפלעך צו מיר. אויך דער גנב האָט גע־שמייכלט צו מיר, האַלב צופרידן (וואָס כ'בין צוריקגעקומען) און האַלב אַנ־טוישט (וואָס כ'בין צוריקגעקומען). מיינע חברים האָבן מיר געהאָלפן אָפּוואַשן מיין קערפּער פון שמוץ וואָס ס'האָט זיך מיר אָנגעזאַמלט אין איזאָלאַציע־קאַ־מער. גם זו לטובה. סוף כל סוף קען מען דאָך נישט פאָדערן פון דער טורמע־לייטונג, זי זאָל אַרויסנעמען פון קאַרצער די מייז און אַריינשטעלן דאָרט אַן עלעקטרישע וואַנע מיט וואַרעם וואַסער. אַ קאַרצער איז אַ קאַרצער. ווייניק לופט און פיל שמוץ.

פון יענעם וויק, וואָס האָט מיך געקאָסט זיבן טעג קאַרצער, ביזן גאַרנישט וויצהאַפטיקן „פּרימא אפּריליס" — אַכט יאָר טורמע — זענען פאַרלאָפן בלויז אייניקע וואָכן, און פון ערשטן אַפּריל 1941 ביזן אָנפאַנג פון גורלדיקן יוני אין זעלבן גודענקלעכן יאָר — זענען אויך פאַרלאָפן נישט מער ווי אַכט, ניין וואָכן. זיי זענען געשווינד אַריבער.

אין איינעם אַ זומערדיקן טאָג — דאָס מאָל איז עס געווען בייטאָג, נישט ביינאַכט — איז ווידער אַנטשטאַנען אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג צווישן די ווענט פון לוקישקער טורמע. מ'האָט אונדז אַרויסגערופן פון די קאַמערן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נעמען די זאַכן. די ווערטער „צוזאַמען מיט די זאַכן" האָבן כישופדיקע קלאַנגען אין אַן אַרעסטאַנטס אויערן. אין געוויסע פאַלן —אוי, ווי זעלטן זענען די פאַלן — הייסט עס... פרייהייט! אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין אילוזיעס. מיר האָבן דאָך אונטערגעשריבן די „קווי־טונגען" אַלס געפערלעכער עלעמענט פאַר דער געזעלשאַפט, אַ דינער פון ברי־טישן אימפּעריאַליזם... אַלץ איז קלאָר, און דער וועג איז אויסגעטראָטן: — אין לאַגער, אויף „פּערעוואָספּיטאַניע" („איבערדערציאונג"). מיר האָבן פאַרפּאַקט די זאַכן, דורכגעגאַנגען אַלע קאָנטראָלעס און רעגיסטראַציעס, און מ'האָט אונדז

אַריינגעזעצט אין אַ קליינעם, שוואַרץ־געשלאָסענעם אויטאָ, וואָס האָט אונדז גע־דאַרפט איבערפירן פון לוקישקי אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. מיר זענען גע־זעסן אין אויטאָ, איינער נעבן אַנדערן און איינער אויפן אַנדערן. אין אויטאָ איז געווען פּלאַץ פאַר דריי, פיר מענטשן. מיר זענען געווען מער ווי צוועלף אַרעס־טאַנטן. איינער פון אונדז האָט אָנגעהויבן שרייען אַז עס פאַרפעלט אים לופט, אַז ער ווערט דערשטיקט. דראַמאַטיזאַציע, איבערטרייבונג. אפשר איז אמת גע־ווען, אַז ס׳האָט אים פאַרפעלט לופט — אָבער ער איז נישט דערשטיקט גע־וואָרן און נישט געהאַלטן ביים דערשטיקט ווערן. די חיה, וואָס הייסט מענטש, איז די שטאַרקסטע פון גאָטס באַשעפענישן. נישט אַזוי גרינג איז צו דערשטיקן איר. אַ מאַנגל פון לופט איז נישט גענוג. ס׳איז נויטיק אַ באַזונדער לופט — „גאַז״ אין דער שפּראַך פון דער חיה וואָס הייסט מענטש — כדי צו דערשטיקן און טויטן. דער שרייער האָט איבערגעטריבן. די רייזע אין שוואַרצן אויטאָ איז טאַקע נישט געווען באַקוועם, אָבער זי האָט נישט געדויערט לאַנג. פון טורמע צו דער באַן־סטאַציע. בסך־הכל געציילטע קילאָמעטערס, — אַ פערטל שעה גאַנג, מער־ווייניקער. וואָס איז דאָ דער געוואַלד? צי האָט מען דען צוגעזאָגט יעדן איינעם פון אונדז אַ פּריוואַט־אויטאָ, כדי אונדז צו ברענגען אין „איבערדערצי־אונג־לאַגער״? דער עיקר: מיר פאָרן, מיר זיצן נישט מער — מ׳פאָרט, מ׳פאָרט. און ווען דער טויער האָט זיך געעפנט און דער אויטאָ האָט זיך אַריינגעגליטשט אין דער לײדיקער גאַס, האָט מיר אימיצער אַ שעפּטשע געטון, אָדער איך האָב אַ שעפּטשע געטון אימיצן:

„כ׳האָב אָנגעהויבן די רייזע קיין ארץ־ישראל!״

מאָדנע? אַ פּוסטער גלויבן? אפשר. און אפשר איז טאַקע דער גלויבן, — די ווירקלעכקייט, וואָס איז שטאַרקער פון יעדער „ווירקלעכקייט״, און זי שאַפט אַ ווירקלעכקייט?

— ג. —

דער לאַנגער צוג, וואָס האָט אונדז געפירט אויף צפון־מזרח, אין טיף־רוס־לאַנד, איז נישט געווען קיין אינטערנאַציאָנאַלער „עקספּרעס״ און זיינע וואַגאָ־נען זענען נישט געווען קיין „פּולמאַנס״. דאָס איז געווען אַ לאַסט־צוג. פּופציק מענטשן אין יעדן וואַגאָן, ברעטער פון אויבן און אַ „היגיענישע אינסטאַלאַציע״ אין מיטן. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער. די רייזע איז געווען אַ לאַנגזאַמע. מיר זענען אַרויסגעפאָרן אָנהויב יוני, ווען ס׳איז אונדז אָנגעקומען די ידיעה וועגן היטלערס אָנפאַל אויף אַ מדינה, מיט וועלכער ער האָט געשלאָסן אַ נישט־אַגרעסיע פּאַקט — אַזעלכע ידיעות דרינגען אַריין אויך דורך פאַרקראַטעוועטע פענצטער פון אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן — דעמאָלט זענען מיר געווען נאָר האַלב־

וועג צום ציל. מיר זענען ווייטער געפאָרן. אַנטקעגן אונדז זענען אָנגעקומען צוגן מיט מאָביליזירטע, באַגלייט, ווי געוויינלעך, מיט טרערן פון די פאַמיליעס. הינטער אונדז זענען געפלויגן באַנען, אַזעלכע ווי אונדזערע. ממש פעלקער־וואַנדערונגען.

ווען מיר זענען אָנגעקומען „אויפן אָרט“, איז געווען טאָג וואָס איז נאַכט, און נאַכט וואָס איז טאָג. נאַטור־וווּנדער. ס׳איז געווען צוויי אַזייגער אינמיטן דער נאַכט, ווי מ׳האָט אונדז געזאָגט, און ס׳איז געווען ליכטיק. מ׳האָט געקענט לייענען אַ בוך, אָבער קיין בוך האָבן מיר נישט געהאַט און מיר האָבן געקענט הנאה האָבן פון וווּנדער פון די „ווייסע נעכט“, וואָס האָבן אונדז באַלויכטן די פינצטערניש פון די פינצטערע טעג. וואָס ווייטער מיר זענען געפאָרן אויף צפון, אַלץ מער האָבן זיך אונדז באַוויזן נאַטור־וווּנדער. אין איינעם פון די הערבסט נעכט האָב איך געזען דעם צפונדיקן מאָרגנשטערן לייכטן פון דערווייטנס מיט טויזנטער ליכט. קיין פייערווערק אין דער וועלט קען נישט קאָנקורירן מיט דער נאַטור־דערשיינונג אין ווייטן צפון. ביי אַזעלכע דערשיינונגען פלעג איך אַמאָל דאָס האַרץ אויסגיסן איבער די ברעגעס. ווי שיין איז די וועלט וואָס דער אייבערשטער האָט באַשאַפן, און וואָס ס׳מאַכט פון איר דער, וואָס איז „געפורמט געוואָרן אין זיין געשטאַלט“? ביי מיין זייט איז געשטאַנען איינער פון די אומגליקלעכע, אַן אָן־פּיסיקער, און אָנווייזנדיק אויפן ברעג פון ריזיקן שטח, האָט ער געזאָגט מיט אַ טיפן קרעכץ: „אַה, אויך דאָרט וויינען מענטשן...“.

וועגן די „מענטשן וואָס וויינען“ וועל איך פיל נישט שרייבן. דאָס בוך איז געווידמעט נישט קיין יאָמעריי, נאָר דעם אויפשטאַנד; נישט די אומגליקלעכע, נאָר די אויפשטענדלער; נישט רוסלאַנד און אירע אַרבעטס־לאַגערן, נאָר ארץ־ישראל און איר קאַמף זיך צו באַפרייען פון בריטישער פאַרשקלאַפונג. אָבער אויב אין מיינע זכרונות האָב איך דערמאָנט די ווערטער פון אָן־פּיסיקן, האָב איך עס געטון אין דער האָפענונג, אַז אפשר וועלן די ווערטער אָנקומען צו די, וועלכע קענען לייכטער מאַכן דיליידן און אָפּווישן אַ טרער. איך ווייס, אַז יענע ערטער זענען נישט די איינציקע אין דער וועלט, ווו „דער מענטש וויינט“. כ׳ווייס אויך — איך האָב געזען, — אַז די וועלכע האָבן באַקומען, ווי איך, אַכט יאָר „איבערדערציאונג“ האָבן געשאַפן ריזיקע ווערק און אויפגעשטעלט גיגאַנטישע געביידעס. אין דעם ראַיאָן ווו איך בין געווען האָט נאָך מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק נישט געטרעטן קיין מענטשישער פוס. היינט זענען דאָרט דאָ באַנען און בריקן און אַ ריזיקע פּראָדוקציע פון נאַטור־אוצרות. אָבער דער פּ ר יי ז, רבונו של עולם, דער פּרייז!

גלויבט מיר, אַז איך שרייב די דאָזיקע ווערטער אָן אַ שפּור פון פּערזענלעכע געפילן, און אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט מיין וועלט־אַנשויאונג, וואָס איר אָנהויב און סוף איז די פרייהייט פון יעדן אינדיווידואום און זיין גליק. מיינע

פערזענלעכע געפילן האָבן זיכער אין דעם פאַל קיין באַדייטונג נישט. די ליידן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט זענען געווען נישט מער ווי אַ טראָפּן אין ים פון בלוט און טרערן, אין וועלכן ס׳זענען דערטרונקען געוואָרן זעקס מיליאָן יידן. וואָס באַדייט אַזאַ ליידן אין פאַרגלייך מיטן אַלגעמיינעם אומגליק? נאָכדעם ווי כ׳האָב אים דורכגעמאַכט — איז ער נישט מער ווי אַ דערפאַרונג; אַ נסיון, וואָס שטאַרקט דווקא, נישט מער. פון דער אַנדערער זייט קען איך נישט, ווי יעדער יידישער פּאַטריאָט, פאַרגעסן צוויי גרונט־פאַקטן: אַ דאַנק דעם ראַטנפאַרבאַנד זענען געראַטעוועט געוואָרן הונדערטער טויזנטער יידן פון נאַצישער פאַרניכ־טונג, אפילו ווען אַ טייל פון זיי האָט שווער געליטן און אַ טייל זענען אויס־געשטאָרבן ווי אַרעסטאַנטן, פאַרטריבענע, פּליטים. צווייטנס, סאָוועטן־רוס־לאַנד, ווען זי איז געקומען צום אויספיר, אַז אונדזער שטרעבונג צו זעלבסט־שטענדיקייט אין ארץ־ישראל איז נישט קיין „קאָמעדיע" דיקטירט דורך די ברי־טישע אימפּעריאַליסטן, נאָר אַן ערנסטע שטרעבונג, ערנסט ווי דער טויט, האָט זי אונדז געהאָלפן צו דערגרייכן דעם ערשטן עטאַפּ פון אונדזער נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. די הילף האָט דערשטוינט די וועלט, סיי צוליב רוסלאַנדס שטעלונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס אירע באַווייזן איך האָב געפונען אין „דיאַלאָג" אין לוקישקי, און אויך צוליבן פאַקט וואָס די הילף איז געגעבן גע־וואָרן צוזאַמען מיט אַמעריקעס הילף. אין אונדזער סיפור וועגן אויפשטאַנד וועלן מיר נאָך אויפקלערן די „איבעררעשונגען". אָבער די פאַקטן זענען פאַקטן. מיר וועלן זיי נישט פאַרגעסן. אויב אפילו מיר וועלן נישט פאַרהוילן דעם פאַקט, אַז אינצווישן איז אַנטשטאַנען אַ טראַגישע אומוואַנדלונג, און די שעדלעכע טעאָריע פון אויספאָרשונג־ריכטער אין לוקישקי זיגט ווידער.

*

באַלערנדיק איז וואָס מ׳קען לערנען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ס׳ווייזט זיך אַרויס אַז דאָס וואָס מיר רופן אַ „ציוויליזירטע לעבן" איז כלל נישט קיין לעבנס־נויטווענדיקייט, נאָר אַ געוווינהייט. מ׳קען זיך אָפּגעווינען פון די „צי־וויליזאַציע"־געוווינהייטן, ווי מ׳געווינט זיך אָפּ פון רויכערן: אין תחילת איז שווער, נאָכדעם גייט עס לייכטער, און צום סוף — ווער דאַרף דעם רויך? אין לאַגער גייט אַרום אַ וואָרט, וואָס אַנטהאַלט אַ גאַנצע, אפשר דאַרוויניסטישע, פילאָזאָפיע: „דו וועסט זיך צוגעווינען". די פילאָזאָפיע קען מען אויך אויסדריקן פונקט אומגעקערט: „דו וועסט זיך אָפּגעווינען", אָדער אפשר קען מען זאָגן: „דו וועסט זיך צוגעווינען אָפּצוגעווינען". אַזוי איז עס ווען דו האָסט געפונען די ערשטע לויז אויפן קערפּער, ביזטו אויפגעציטערט געוואָרן. ס׳מאַכט נישט אויס, דו וועסט זיך צוגעווינען. אינגיכן וועסטו זיך אָפּגעווינען פון אַ ריינעם העמד, און וועסט זיך צוגעווינען צו אַ לויז־נעסט, וואָס הייסט

„העמד". איין לויז איז אַ שרעקלעך באַשעפעניש. די הונדערט פּופּציקסטע לויז — איז אַ געוויינלעכער שכן. ס׳רופט שוין נישט אַרויס קיין עקל. ס׳איז אַ טייל פון דיין לעבנס־שטייגער. ס׳ערשטע מאָל איז שווער זיך צו לייגן שלאָפן אָן אַ פּיזשאַמע? נאַרישקייטן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועסטו קענען שלאָפן נישט נאָר אין דער זעלבער העמד, דו וועסט אויפהערן זיך אויסצוטון אינגאַנצן און וועסט שלאָפן אַ טיפן שלאָף אין דיינע פאַרשטונקענע בגדים. דו וועסט זיך אָפּגעוווינען און צוגעווינען. ס׳איז שווער צו עסן נישט וואַשנדיק די הענט פאַרן עסן? נאַרישקייטן. ס׳וועט אַריבער אַ צייט, און דיינע הענט וועלן גאָרנישט וויסן אַז ס׳איז דאָ זייף אויף דער וועלט, און דו וועסט עסן און נאָך ווי עסן! זאָלסט נאָר האָבן וואָס צו עסן. האָבן וואָס אַריינצונעמען אין דיינע שמוציקע הענט און דער־לאַנגען צום מויל. דאַרפסט וואַשן די ציין אינדערפרי און פאַרן שלאָפן גיין, אָדער מינדעסטנס איין מאָל אַ טאָג? פּלוידעריי. וועסט נישט האָבן קיין בערשטל צו די ציין און דו וועסט לעבן און וועלן לעבן. דאַרפסט האָבן אַ בעט זיך אָפּצו־רוען? אַבסורד. וועסט ליגן אויף ברעטער, ליגן אויפן דיל, ליגן אויפן שניי, אויף דער ערד — און דו וועסט שלאָפן, און נאָך ווי שלאָפן! ניין, ברודערל, די ציוויליזאַציע איז נישט קיין נויטווענדיקייט. וועסט זיך אָפּגעוווינען פון איר, אויב דו וועסט מוזן, און גאַנץ שנעל. אָבער אַ מאָדנע זאַך. וואָס קלענער ס׳וועט ווערן די מאָס פון ציוויליזאַציע אין לעבן, אַלץ גרעסער וועט ווערן דיין לעבנס־לוסט. לעבן, לעבן, לעבן. דער מענטש איז אַ שטאַרקע חיה, און אויב ער ווערט אַפילו אַ האַלב־חיה, איז שטאַרק זיין ווילן צום לעבן. ער פּאַסט זיך צו אַלץ, אויסער צום טויט־באַפעל...

די פראַגע איז אָבער, צי ס׳איז נויטיק צו שאַפן באַדינגונגען, אין וועלכע מענטשן זאָלן שטענדיק טראַכטן פון עסן און אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס ס׳הייסט עסן צו זאַט; זיי זאָלן פאַרגעסן וואָס איז אַ בעט און אַ ליילעך, אַ שטיקל וואַש־זייף און אַ ציין־בערשטל? צי מוז מען פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ האַלבער חיה? מ׳דאַרף שטעלן די דאָזיקע פראַגן לגבי אַלע ערטער אין דער וועלט, וווּ די געזעלשאַפט, ווי איר אָרגאַניזיר־פאָרעם זאָל נישט זיין, צווינגט דעם מענטשן „צו לעבן" ווי אַ האַלבע חיה, אָדער זי פאַרטראָגט ער זאָל לעבן ווי אַ האַלבע חיה. פאַרוואָס גיסן זיך אַריין אַזויפיל טרערן אין מעכטיקן פּעטשאָראַ־טייך? פאַרוואָס? די פראַגע איז אַן אויפריכטיקע. אויפריכטיק ווי דער מענטשלעכער ווייטיק. און אויב דער געשריי אין נאָמען פון מיליאָנען וועט אָנקומען צו די וואָס באַשטימען זייער גורל און זיי וועלן ענדערן וואָס מ׳דאַרף ענדערן, און אויסבעסערן וואָס מ׳קען אויסבעסערן אין אַלע באַדינגונגען — וועט עס זיין אַ גרויסע באַלוינונג.

דער גורל פון איינעם פון די אומגליקלעכע איז מיר באַזונדערס איינגע־קריצט אין זכרון. איך צווייפל צי ער לעבט נאָך, אָבער נאָך ביים לעבן האָט ער דורכגעמאַכט דאָס וואָס טאָלסטאָי רופט „תחית־המתים". זיין עפנטלעכער אָפי־ציעלער נאָמען איז געווען גארין; זיין אמתן, יידישן נאָמען, האָב איך זיך נישט געקענט דערוויסן. אין אָנהייב האָט ער מיט מיר נישט געוואָלט רעדן אין זיין מוטער־שפּראַך. ער האָט מיר אפילו נישט אויסגעזאָגט אַז ער איז אַ ייד. מיר האָבן גערעדט רוסיש, און געהאַט לאַנגע שמועסן. אַמאָל איז ער געווען פון די גרעסטע מנהיגים אין ראַטנפאַרבאַנד, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אוקראַיני־שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וויצע־רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ". פון זיין פריער יוגנט אַ טרייער חבר אין דער פּאַרטיי. אָבער צו זיין גדולה און גליק איז גע־קומען אַ סוף אין 1937. גארין ווערט אַרעסטירט אונטער דער שרעקלעכסטער באַ־שולדיקונג אין רוסלאַנד: אין טראָצקיזם. פיר יאָר איז ער געווען אונטער אַן אויספאָרשונג. נאָך צום געריכט האָט מען אים נישט געבראַכט. אין 1941 האָט ער באַקומען די מאַקסימאַלסטע אַדמיניסטראַטיווע שטראָף: אַכט יאָר אין „אַן איבערדערציאונג־ אַרבעט־לאַגער" און פאַרשיקט געוואָרן צו די ברעגעס פון דער פּעטשאָרא. אַזוי האָט אונדז דער גורל צוזאַמענגעפירט.

גארין האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נ י ש ט ג ע ו ו ע ן קיין טראָצ־קיסט. אמת, אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער איז געווען אַ סטודענט, האָט ער אין דער אָפיציעלער דיסקוסיע וואָס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין דער פּאַרטיי, אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו טראָצקיס שטעלונג. אָבער דאָס איז געווען אַ פרייע דיסקוסיע און פיל סטודענטן, וועלכע פאַרנעמען היינט הויכע שטעלעס אין מלוכהשן אַפּאַראַט, האָבן דאַן אויך געהאַט אַזאַ שטעלונג. נאָכדעם — האָט ער מיר דערציילט — האָט ער מער נישט געהאַט קיין שייכות מיט „טראָצקיזם". פאַרקערט: ער האָט באַקעמפט טראָצקין. עטלעכע טעג פאַר זיין אַרעסט האָט ער אָפּגעדרוקט אין „פּראַוודאַ" אַ לאַנגן אַרטיקל קעגן דער טראָצקיסטישער „אָפּנייגונג". דער אָריגינעלער נאָמען פון זיין אַרטיקל איז געווען: „פּאָלנים שאגאם נאַזאַד ק׳מענשעוויזמו" („אַ פולער צוריקטריט צום מענשעוויזם"), דאָס הייסט אַז דער טראָצקיזם באַדייט אַ פולער צוריקקער צום „מענשעוויזם". אָבער ווען ער האָט דערמאָנט פאַר זיין אויספאָרשונגס־ריכטער דעם דאָזיקן אַרטיקל ווי אַ באַווייז, אַז ער איז נישט קיין טראָצקיסט, נאָר אַן אַנטי־טראָצקיסט, האָט אים דער „סלעדאָוואַטעל" געזידלט און געזאָגט: „דער טראָצקיסטישער צענ־טער האָט דיר באַפוילן אָפּצודרוקן דעם דאָזיקן אַרטיקל, כדי זאָלסט זיך קענען קאַמאָפלאַזשירן און ס׳זאָל דיר לייכטער זיין צו פירן די אונטערגראָבונג־טעטי־קייט קעגן דער פּאַרטיי און דער מלוכה"...

ניט געקוקט אויף די יסורים וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, איז גארין געבליבן אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט. אין יולי 1941, ווען אויך צו אונדז זענען דערגאַנגען איוב־בשורות פון פראָנט, איז ער געווען טיף באַזאָרגט. און ווען אַן אַנדערער פּאָ־ליטישער אַרעסטאַנט, אַ פאַרביטערטער רוס, האָט זיך אַרויסגעכאַפּט ביי אַ שמועס און געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט די דייטשן זאָלן זיגן, האָפנדיק דורך דעם געהאָלפן צו ווערן, האָט אים גארין געזידלט, גערופן „פאַררעטער", „שרץ", „פּאַראַזיט" און אַנדערע עפּיטעטן פון לאַגער־לעקסיקאָן.

אַלס טרייער קאָמוניסט האָט גארין אויך באַקעמפט מיין ציוניסטישן גלויבן. ער האָט נאָך געדענקט זיין קעגנערשאַפט צום „ציוניזם", באַזונדערס צו די „פּועלי־ציון", וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס; ער האָט נאָך מיט זיי געקעמפט אין זיינע יונגע יאָרן אין זיין געבורטס־שטאָט, אין אדעס, און ער האָט נאָך זיין מיינונג נישט געביטן. אין לאַנגע שמועסן, וואָס מיר האָבן געפירט ליגנדיק אויף די ברעטער פון דער נאַרע, האָט ער זיך באַמיט מיך צו איבערצייגן, ממש ווי יענער אויספאָרשונג־ריכטער אין לוקישקי, אַז „ציוניזם איז אַ שוועסטער פון אַנטיסעמיטיזם". דאָס איז נאַ־ציאָנאַליזם און דאָס איז נאַציאָנאַליזם און ביידע זענען פסול פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן פּראָגרעס. די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט איז אַ בורזשואַזע דערפינדונג; די אמתע סאָלידאַריטעט איז פון די אַרבעטער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן". פאַרשטענדלעך האָט ער נישט געקאָרגט קיין „קאָמפּלי־מענטן" אויפן חשבון פון „דינסט פאַרן בריטישן אימפּעריאַליזם". פּאַלעסטי־נע, האָט ער געטענהט, געהערט די אַראַבער, און די ציוניסטן זענען אַ וועקר־צייג אין די הענט פון די בריטישע אימפּעריאַליסטן, וואָס ווילן עקספּלאָאַטירן און אונטערדריקן דעם אַראַבישן פּראָלעטאַריאַט. קלאָר, אַז איך בין אים נישט געבליבן שולדיק קיין תשובה. אונדזערע דיסקוסיעס זענען טיילמאָל געווען זייער שטורמישע. אַרעסטאַנטן זענען ווי קליינע קינדער. אַרום זיי איז אַן אימה, און זיי שפּילן אין שאַך מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס, אָדער דיסקו־טירן מיט אייפער און פאַרגעסן אַלץ אַרום זיך.

איין מאָל האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין גארינס נשמה. פּלוצלינג האָט ער זיך געענדערט. ביי דער אַרבעט — מיר האָבן דאַן אויסגעלאַדעוועט שווערע באַן־רעלסן פון אַ שיף אויפן ברעג טייך — האָט זיך דער וויצע־רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ" צעקריגט מיט איינעם פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן, וועמען מען האָט גערופן „אורקי" אָדער „זשוליק". דער קרימינעלער אַרעסטאַנט האָט אַ גע־שריי געטון אויף גארינען „זשיד פּאַרשיווי". גארין איז שטיין געבליבן אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים חרוב געוואָרן. דאָס איז, וואַרשיינלעך, געווען דער שטאַרקסטער קלאַפּ וואָס ער האָט באַקומען. פון די העכסטע הויכקייטן ביז ניין

איילן אין דער ערד איז ער שוין לאַנג אַראָפּגעפאַלן, און איצט האָט ער אויך דאָס דערלעבט: ע ר, ע ר, און „פאַרשיווי זשיד״.

גארין האָט געוווּסט, ווי מיר אַלע האָבן געזען, אַז די סאָוועטישע רעגירונג באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם. בלויז אַנטיסעמיטישע העצער אָדער אידיאָטן קענען טענהן, אַז די רוסישע רעגירונג איז אַ „יידישע״, אָדער פּראָ־יידישע. דער אמת איז, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג איז אַנטי אַנטיסעמיטיש. זי זעט אין אַנטיסעמיטיזם אַן אויסדרוק נישט נאָר פון שאָוויניסטישער אָדער ראַסיסטישער שנאה, נאָר אויך — אָדער בעיקר — אַ פאַרפּעסטעטער אינסטרומענט אין די הענט פון רוסלאַנדס שונאים. דאָס איז געווען די לאָגיק פון דער סאָוועטישער רעגירונג. אָבער אַן אָפיציעלע שטעלונג איז אַ באַזונדערע זאַך, און אַ העצע וואָס שטאַמט פון אַן אטאַוויסטישער שנאה און קנאה איז אַ גאַנץ באַזונדערע זאַך. אַלנפאַלס, ס'איז שווער, ס'איז אוממעגלעך צו קעמפן מיט אַנטיסעמיטישע דערשיינונגען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער לאַגער איז אַ פאַרשלאָסענע וועלט. די באַוואָפנטע וועכטער פירן דיך צום אַרבעטס־פּלאַץ און ברענגען דיך צוריק צו דיין שלאָף־פּלאַץ. זיי זענען נישט קיין בוררים אין אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן. דו ווערסט זיי נישט רופן, אויב זיי וועלן דיך נישט רופן, ווערסטו זיך באַקלאָגן פאַר זיי, וועט נישט העלפן. אומגעקערט, ס'וועט דיר נאָך ברענגען שאָדן, פיל שאָדן. גערעכט אָדער אומגערעכט — מסרן טאָר מען נישט. דאָס איז די גרונט־מאָראַל אין יעדער טורמע, און נאָך מער — אין אַ לאַגער.

גארין האָט עס אַלץ געווּסט. ער האָט אויך געווּסט, נעבעך, אַז ער איז איינער פון די צום מערסטן געהאַסטע מענטשן אין לאַגער. נישט דווקא אַלס ייד — די „אורקיס״ האָבן געלעבט מיט אַנדערע יידן אין „פריינטשאַפט״ — נאָר אַלס אינטעליגענט און קאָמוניסט. ס'איז אַ כלל אומעטום, אַז קרימינעלע אַרעסטאַנטן פאַרטראָגן נישט קיין „אינטעליגענטע״ אַרעסטאַנטן. און ווי איז דעם אינטעליגענטן אַרעסטאַנט, אויב ער וויל זיך שטעלן אין גרויסן לגבי זיינע חברים וועלכע קענען גוט די מלאכה פון גנבענען, אָבער קענען נישט לייענען און שרייבן. גארין האָט זיך, וואָס אַן אמת, נישט געגרויסט, אָבער ס'האָט זיך אים נישט איינגעגעבן זיך צו דערנעענטערן צו זיינע חברים פון דער „בריגאַדע״ אין דער אַרבעטס־גרופּע, אין וועלכער מיר זענען געווען צוזאַמען מיט פאַרשידענע „זשוליקעס״ און מיט אומגליקלעכע „אורקיס״. זיי האָבן אים פיינט געהאַט.

זיי האָבן אים אויך פיינט געהאַט — און אפשר נאָך מער ווי פיינט געהאַט — ווייל ער איז געווען אַ קאָמוניסט. דאָס איז געווען גארינס ביטערער מזל. זיינע שכנים אין לאַגער האָבן אים גערודפט דווקא ווייל ער איז געווען אַ קאָמוניסט. ס'איז נישט שווער צו דערקלערן די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג. אַ קרי־

מינעלער פֿאַרברעכער מיינט נישט, אַז ער איז שולדיק. שולדיק איז די וועלט, די געזעלשאַפֿט, שולדיק איז די רעגירונג וואָס האָט אים געכאַפּט, פֿאַראור־טיילט און אַריינגעזעצט אין טורמע אָדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. און ווער איז די רעגירונג פֿאַר אַ „זשוליק", וועלכער איז אַריינגעפֿאַלן אין קאָנ־צענטראַציע־לאַגער, אויב נישט קיין קאָמוניסט? ס'איז נישט וויכטיק וועלכער קאָמוניסט: אַ הערשער, וואָס גיט באַפֿעלן, אָדער אַ גערודפֿטער אַרעסטאַנט. אַ סטאַליניסט אָדער אַ טראָצקיסט. דער עיקר, אַז ער איז אַ קאָמוניסט און איצט קען מען מינדעסטנס, נעמען אַביסל נקמה, פֿאַרוואָס ער האָט אַריינגעזעצט די „אורקיס" אין אַן „אויסבעסערונגס אַרבעטס־לאַגער".

דאָס איז אַ לאָגישע דערקלערונג פֿאַרן כוליגאַנישן אויסברוך פֿון איינעם אַזעלכן, וואָס האָט פֿאַרלאָרן זיין צלם־אלהים, אָדער זיין מענטשלעכן אויסזען. אָבער וואָס פֿאַר אַ כוח האָט אַ „לאָגישע אויפֿקלערונג" לגבי אַ טיפֿן געפֿיל, טיף ווי דער אָפּגרונט? גאַרין האָט זיך געפֿילט שרעקלעך. ער האָט זיך פּשוט קיין אָרט נישט געקענט געפֿינען. ער איז געווען דער אומגליקלעכסטער. דער פֿונדאַמענט פֿון זיין גלויבן האָט זיך איינגעבראָכן. ער האָט עס אפֿילו נישט גע־פּרוווט באַהאַלטן. ער האָט זיך באַקלאָגט און אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פֿאַר זיין חבר־קעגנער. אויב אַזוי — האָט ער געפֿרעגט — פֿאַר וועמען און פֿאַר וואָס האָב איך מיין לעבן אַוועקגעגעבן? מ'זאָגט, אַז דער געבענטשטער גייסטי־קער איבערברוך, וואָס האָט געבראַכט הערצלען צו דער יידנשטאַט־אידעע איז גע־קומען דאַן, ווען ער האָט געהערט בשעתן דרייפֿוס־פּראָצעס דעם כוליגאַנישן אויסגעשריי: „אַ טויט די יידן". גאַרין איז נישט געווען הערצל. ווען כ'האָב אים באַגעגנט, איז ער געווען דעפּרימירט, מיט אַ קראַנקער האַרץ און צעשראָקענע אויגן, אָבער דער גייסטיקער קריזיס וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט, כאָטש אויף אַ קורצער צייט, צו זיין פֿאָלק, נאָך צוואַנציק יאָר פֿון פֿאַרלייקענונג, האָט זיך וואַרשיינלעך אָנגעהויבן מיטן „זשיד פֿאַרשיווי".

דער קריזיס האָט דערגרייכט זיין הויך־פּונקט בשעת דעם „עטאַפּ". דאָס וואָרט איז נישט באַקאַנט אויסער רוסלאַנדס גרענעצן. ס'איז אויך נישט פֿיל באַקאַנט אין רוסלאַנד אויסער די גרענעצן פֿון לאַגער, אָבער אין די אַרבעטס־לאַגערן ווייסט מען גוט וואָס דאָס איז.

„עטאַפּ" הייסט אַריבערפֿירן פֿון איין לאַגער אין צווייטן. פֿאַר אַזאַ טראַנספּער ציטערט יעדער אַרעסטאַנט אימת־מוות. ווען מ'דערהערט דאָס וואָרט „עטאַפּ" ווערט אויפֿגעציטערט יעדעס האַרץ אין לאַגער, אַנהייבנדיק פֿון דעם וואָס באַקומט עסן פֿון „ערשטן טאָפּ" — דאָס איז אַן אַרעסטאַנט וועמען מען פֿאַרשרייבט ווייניקער ווי פֿופֿציק פּראָצענט פֿון דער באַשטימטער אַרבעט־נאָרמע און ער באַקומט די קלענסטע און ערגסטע שפּייז־פּאַרציע — און ענדיקנ־דיק מיט די „בריגאַדירן", די לייטערס פֿון די אַרבעט־גרופּן און די „פּראָ־

ראַבס", די אַלגעמיינע אַרבעט־אויפזעער. קיינער וויל נישט „גיין אין עטאַפּ". יעדער באַמיט זיך אַרויסצודרייען און בלייבן אויפן אָרט. די סיבה איז אַ פּשוט־טע. אין „עטאַפּ" שיקט מען נישט אויף לייכטערע אַרבעט־ און לעבנס־באַדינגונגען. פאַרקערט, אָבער אפשר איז דאָס נישט דער עיקר. די שרעקלעכסטע זאַך אין „עטאַפּ", איז דער „עטאַפּ" אַליין, די רייזע.

דער „טראַנספּאָרט" ווערט געשיקט דורך דער יבשה און וואַסער, און אין יעדן וועטער. דער וועג דויערט וואָכן לאַנג. און כדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס וויל דער אַרעסטאַנט בעסער בלייבן אין זיין שמוציקער צעלע, ווו ס'קריכן אַרום לייז און וואַנצן, איידער צו „בייטן די לופט" אין אַ לאַנגער רייזע און פאַרזוכן דעם מזל אין אַן אַנדער אָרט, איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דער געגנט וועגן וועלכער ס'רעדט זיך, דויערט דער ווינטער מער ווי ניין חדשים. די נאַכט, אין ווינטער סעזאָן, דויערט פון 18 ביז 20 שעה און די קעלט דערגרייכט צו 60—70 גראַד צעלזיוס אונטער זעראָ. די אָרטיקע איינוווינער „וויצלען" זיך אפילו. ביי אונדז, זאָגן זיי, דויערט דער ווינטער „נאָר" ניין חדשים". נאָכדעם הייבט זיך אָן דער זומער און ער דויערט ווי „לאַנג ס'האַרץ גלוסט זיך" („סקאלקא אוגאדנא").

וואָס איז דער וווּנדער, דעריבער, אַז דאָס וואָרט „עטאַפּ" ציטערט אויף אַלעמען?

פונדעסטוועגן זענען די טראַנספּערן פון איין לאַגער צום אַנדערן זייער אָפטע. איינע פון די סיבות איז וואַרשיינלעך אַ פּאָליציי־אישע: נישט לאָזן קיין פאַרביטערטע מענטשן זיין צו לאַנג צוזאַמען.

אָבער די הויפּט סיבה איז מן הסתם פאַרבונדן מיט דער אַרבעט גופא. די אַרבעט אין די לאַגערן איז טאַקע פאַרהעלטנישמעסיק אַ לאַנגזאַמע, אָבער יעדע אַרבעט, באַזונדערס ווען זי ווערט אויסגעפירט דורך אַ ריזן־מאַסע, מוז זיך דאָך אַמאָל ענדיקן. און די בוי־טעטיקייט אין איירא־אַזיאַטישן קאָנטינענט איז אַ קאָלאָסאַלע און האַלט זיך אין איין פאַרברייטערן. לאַגערן ליידיקן זיך אויס און פילן זיך אָן. די לאַגער־באַוועגונג, אַזוי ווי די בוי־באַוועגונג, הערט נישט אויף.

אין איינעם פון די „עטאַפּן" האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט גאַרינען. מיין גוטער חבר, קראַל, וועלכער איז דערהויבן געוואָרן צו דעם ראַנג פון אַ „בריגאַדיר" (צום אומגליק, איז ער נישט באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן און אַ ידיעה האָט זיך פאַרוואַלגערט אַז עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער געשטאָרבן אין איינעם אַזאַ לאַגער. זאָל אים די ערד גרינג זיין!) האָט געמאַכט פיל אָנשטרענגונגען, אַרויסצונעמען מיך פון דער „רייזנדער" ליסטע. ס'איז אים נישט געלונגען. ס'האָבן אונדז אפילו נישט געהאָלפן די העמדער מיט די קראַגנס, וואָס אויך אין די אויגן פון די „פּראַראַבן" און די „לייטערס" זענען זיי אַ יקר־המציאות. די ראַיאָן־קאָמענדאַנטור האָט באַפוילן, אַז מ'דאַרף אונדז פאַרשיקן

טיפער אין צפון. גארין האָט אפילו נישט געפרוווט זיך צו באַמיען. זיין דאָקר־מענט, וואָס האָט אַנטהאַלטן די דריי שרעקלעכע אותיות ק. ר. ט. (קאָנטר־רע־וואָלוציאָנער — טראָצקיסט) האָט פאַרשלאָסן פאַר אים יעדע טיר און האַרץ. און אַווו וועט ער נעמען העמדער מיט קראַגנס?

צום גליק איז אונדזער „עטאַפּ" נישט פאָרגעקומען אין ווינטער, נאָר „אויפן שוועל" פון ווינטער. אָבער אויך דאַן זענען די רייזע־באַדינגונגען געווען שווע־רע. מיר זענען געפּאַרן אין אַ קליינעם לאַסט־שיפל, נאָר מ׳האָט אין אים אָנ־געפּאַקט אַ 700 — 800 מענטשן.

די ברעטער פון די „נארעס" האָט מען געלייגט אין דריי־פיר שטאָק. אַרויס־צוגיין אויפן דעק איז געווען פאַרבאָטן. די שמאָלע טיר, וואָס האָט געפירט צום דעק, איז געווען פאַרשלאָסן. אַזוי האָט באַפוילן דער סאָלדאַט, וואָס האָט אונדז באַוואַכט, אַז נאָר מיט זיין דערלויבעניש און נאָר פאַר פיזיאָלאָגישע געברויכן האָט מען געמעגט אַרויפקריכן און אַרויפגיין אויפן דעק.

אָבער אויך פאַר די פיזיאָלאָגישע געברויכן איז געווען אַ רייע. מענטשן זענען געווען אין די הונדערטער, און „פּלעצער" — סך־הכל צוויי. און דער מאָגן בונטעוועט זיך קעגן עסן אָדער קעגן מאַנגל פון עסן און קעגן דעם טייך־וואַסער. און אַזוי פּאַרט מען. מ׳פּאַרט און מ׳פּאַרט. די לייז, וואָס שפּאַצירן פון שטאָק צו שטאָק און פון ברעט צו ברעט, פרעסן דאָס לייב. דער געשטאַנק פרעסט די לונגען און דאָס עסן מאַכט קאַליע די מאָגנס.

אָבער ערגער פון די באַדינגונגען זענען געווען די מענטשן, די „אורקיס". דאָס זענען נישט מער דיינע „אורקיס" אויף וועמען דו האָסט רחמנות געהאַט און זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן, אין אַ געוויסער מאָס, דיך צו שאַצן און ליב האָבן. די „אורקיס" זענען דאָ פרעמדע, און דו ביזט פאַר זיי נישט מער ווי אַ פאַרשאָלטענער „אינטעליגענטשיק", אַ קרבן פאַר זייערע קללות און פאַר זייע־רע הענט, וואָס אַלץ געפעלט זיי. און נישט נאָר דאָס. די „אורקיס", וואָס זענען, פאַרשטענדלעך, די איבערוויגנדיקע מערהייט, לייגן אַרויף זייער שטעמפּל אויפן לעבן אין אַלע לאַגערן. אָבער דאָ, אונטן אין שיף, ווער קען זיך צו זיי גלייכן און ווער קען זיי זאָגן אַ דעה? צווישן די 700 — 800 אַרעסטאַנטן אין עטאַפּ זענען געווען נאָר אייניקע צענדליק „פּאָליטישע". אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל, און דער „וואַכמאַן" שטייט אויפן דעק, שטענדיק אויפן דעק. ער מישט זיך נישט אַריין. ער קען אויך די „אורקיס". און ס׳איז טאַקע בעסער אים נישט צו בעטן זיך אַריינצומישן. די רייזע דויערט לאַנגע וואָכן. ער איז אויבן, און מיר זענען אונטן, אונטן...

אין אַזאַ אַטמאָספער איז אויסגעבראָכן דער קריזיס אין גארינס נשמה. אין אַ נאַכט אָדער אין אַ טאָג — ווער קען אונטערשיידן אין דער טיפעניש פון שיף צווישן טאָג און נאַכט? — האָט זיך גארין אויפגעכאַפּט פון זיין האַלב־

שלאָף און אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. די דריי הונדערט רובל, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. דריי הונדערט רובל זענען נישט קיין סך געלט. אין לאַגער קענסטו פיל נישט באַקומען פאַר געלט (בלויז אין קליידער און העמדער), און זיכער נישט פאַר ווייניק געלט. פונדעסטוועגן פילט זיך דער איינזאַמער אַרעסטאַנט לייכטער ווען ער האָט אַ פּאָר גראָשן ביי זיך. אפשר וועט ער קויפן אַביסל „מאַכאָרקע״, דאָס הייסט רויך־טאַבאַק, אָדער „גאַלאַט״, אַזאַ נישט־געזיסטער און האַרטער „ביסקוויט״.

אויך זיין ווייב, אַ פּרעלעגענטין אין אַ פּראָפעסאָרן־אַנשטאַלט, איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס טראָצקיסטין. איר איז וואָס אַן אמת געלונגען זיך ריינצוּוואַשן פון דער שולד. דעם בריוו וואָס זי האָט געשיקט, נאָך אַ זעלבסטמאָרד־פּרווו — גאַרין איז נאָך דעמאָלט געווען אויף דער פריי — צו סטאַלינען איז וווּנדערלעכערווייזע אָנגעקומען צו אים. סטאַלין האָט אנערקענט איר גערעכטיקייט, באַפוילן איר אַריבערצופירן אין אַ שפּיטאָל אין קרעמל און איר צוריקגעבן די פּאַרטיי־לעגיטימאַציע. דאָס זענען געווען — האָט גאַרין דערציילט — די גליקלעכסטע מינוטן אין לעבן פון דער משפחה. אָבער נאָכדעם איז אַלץ צעבראָכן געוואָרן. די פרוי איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן. וואַרשיינלעך האָט זי אויך ווייטער געשיקט בריוו צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער די בריוו זענען שוין נישט אָנגעקומען און נישט געווירקט. באַלד נאָכדעם איז גאַרין אַרעסטירט געוואָרן און פון דעמאָלט איז זיין פרוי פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן און ער — פון איר. אינצווישן איז אויסגעבראָכן די פאַרפלוכטע מלחמה. ווער ווייסט צי אימיצן איז באַקאַנט ווו ער געפינט זיך. די דריי הונדערט רובל זענען געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן און איצט איז אים גאָרנישט געבליבן, אויסער די שמוץ אויפן לייב און דער ווייטיק אין האַרצן.

אָבער דער גאַנצער באַגנדיקער ווייטיק, וואָס גאַרין האָט געהאַט צוליב דעם, וואָס איינע פון די אָרגאַניזירטע „אורקיס״־גרופּן האָט אים צוגעגנבעט זיין לעצט ביסל געלט, האָט נישט געבראַכט צו דעם לעצטן נשמה־קריזיס ביי אים. ס׳איז געשען אַ מאָדנע זאַך. גאַרין האָט זיך גאָרנישט געבייזערט אויף די גנבים. פאַרקערט, ער האָט זיך ביי זיי געבעטן, זיי זאָלן אויף אים זיך נישט בייזערן. ווי זאָל מען דאָס דערקלערן? ווי געזאָגט, האָבן די „אורקיס״ נישט ליב, אַז מ׳פאַרמסרט זיי פאַרן „וואַכמאַן״, און נאָך איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן זיך הוידן אויף די כוואַליעס פון דער פּעטשאָרא, זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די „אורקיס״ „דערליידיקן״ די, וועלכע מסרן זיי. לויט די דערציילונגען, וואָס זענען דערגאַנגען אויך צו אונדזערע אויערן, קומען צייטנווייז פאַר אויסטערלישע קאָרטן־שפּילן ביי די „אורקיס״. זיי שפּילן נישט אויף געלט, נאָר אויף „קעפּ״. און דער וואָס פאַרשפּילט, דער „דערליידיקט״ עס דעם מענטשן, וועמען די אורקיס האָבן באַשלאָסן אָפּצורוימען.

גארין האָט זיך, ווייזט אויס, זייער איבערגענומען מיט די געשיכטעס. אין זיין דערשיטערטער נשמה איז געבוירן געוואָרן אַ מוראדיקער געדאַנק, אַז די „אורקיס", וועלכע האָבן אים צוגערויבט זיין געלט, זענען אים חושד אַז ער האָט זיי פאַרמסרט, ווען ער איז אַרויף אויפן דעק. דער מענטש האָט אָנגעהויבן זען געשפענסטער. ער איז דורכגעגאַנגען נעבן אַ גרופּע פון קרימינעלע, וועלכע האָבן געשפּילט אין קאָרטן — קאָרטן־שפּיל איז פאַרווערט אין די לאַגערן, אָבער עס זענען פאַראַן פאַרבאָטן, וואָס קענען נישט ביישטיין פאַר דער ווירקלעכקייט, אפילו נישט אין אַ רוסישן קאָנצענטראַציע־לאַגער — און דער אומגליקלעכער גארין האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז זיי שפּילן אויף זיין קאָפּ. אין יענע טעג און נעכט האָט זיך גארין געטוליעט צו מיר ווי אַ דערשראָקן קינד. ניין, ער איז נישט אַראָפּ פון זינען. ער איז ווייטער געווען דער אינטעליגענטער, געבילדעטער מענטש. אין די שעהן, ווען ס'איז מיר געלונגען אים אַרויסצושלאָגן די שרעק פון קאָפּ, האָבן מיר געשמועסט וועגן ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, וועגן דאָסטאָיעווסקין און סאָקראַטעס, וועגן „פאַרברעכן און שטראָף" און וועגן „השארת הנפש". און גארין איז געווען מלא חכמה. אָבער ביי אים איז, ווייזט אויס, ענדגילטיק עפּעס געבראָכן געוואָרן. אָט גייט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ איינער פון די „אורקיס" פון זיין „נאַרע" אויף אַן אויבערשטן שטאָק, און גארין, וועלכער ליגט נעבן מיר, באַהאַלט זיך ממש אונטער מיין אָרעם און שרייט כמעט — דאָס מאָל נישט אין רוסיש, נאָר אין זיין מוטער־שפּראַך — „ער גייט מיך הרגענען". איך האָב זיך איינגעקוקט אינעם פּונקט, וווּ גארין האָט מיר אָנגעוויזן. דאָס בילד איז ווירקלעך געווען אַביסל „מאַקבעטיש". דער מאַן איז אַראָפּ פּאַמעלעך, און האָט געוואָרפן אַ ברייטן שאָטן אין דער פינצטערניש וואָס האָט שטענדיק געהערשט אין שיף. ער האָט אויך עפּעס געהאַלטן אין האַנט, עפּעס וואָס מ'האָט פון ווייטן נישט געקענט זען, צוליב דער פינצטערניש. אין אַזאַ אַטמאָספער און פאַר אַזאַ אויפגעבראַוזטער פאַנטאַזיע פון אַ טיף דערשיטערטן מענטשן, איז דאָס בילד גענוג געווען צו שאַפן ביי אים אַן איינדרוק, אַז אָט קומט זיין סוף. אַז דער „אורקי" איז אַראָפּגעגאַנגען, כדי אים צו דערהרגענען. יענער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן גארינען. „די כלי" וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט איז געווען סך־הכל אַ לעפל. אָבער אינצווישן האָט גארין געהאַט אייניקע מינוטן טויט־שרעק. כ'האָב אים באַרויקט. ער האָט זיך באַרויקט זייער שווער. און נאָר אויף אַ קורצער צייט.

ער איז אויך ווייטער געווען „זיכער און איבערצייגט" אַז די „אורקיס" וועלן אים נישט מוחל זיין, און וועלן אים פריער אָדער שפּעטער „דערליידיקן".

אין איין נאַכט — און אפשר איז עס געווען ביייטאָג, ווער ווייסט? — האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט אַ דערשטוינענדיקער פראַגע:

— געדענקסטו, מנחם, דאָס ליד „לשוב"?

ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס ערשטע העברעאישע וואָרט, וואָס כ׳האָב גע־הערט פון אים, מיט דער אַשכנזישער הברה: ל־ש־ו־ב. אין תחילת האָב איך זיך נישט געכאַפּט און אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ ליד ער מיינט.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט? — האָט ער געפרעגט מיט אַ טאָן פון רוגזה — ס׳איז דאָך דאָס ליד וואָס די ציוניסטן אין אדעס האָבן געזונגען, ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער בחור. „ל־שוב, ל־שו־ב״. זינג מיר דאָס ליד. דאָס זענען אפשר מיינע לעצטע שעהן, אפשר מיינע לעצטע טעג. מיר וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט זען. כ׳בעט דיך, זינג מיר דאָס ליד.

כ׳האָב פאַרשטאַנען.

מיט מיר זענען געווען נאָך יידן אויפן שיפל. זיי זענען נישט געווען קיין פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. אויך נישט קיין קרימינעלע. זיי זענען אַרעסטירט גע־וואָרן, ווייל זיי זענען אַריבער די גרעניץ. צווישן זיי זענען געווען צוויי יונגע בית״ר־חברים. מיר זענען געלעגן צוזאַמען, איינער נעבן אַנדערן. אויך אונטן אין שיף איז אַנטשטאַנען „אַ געטאָ״ און דווקא פריייווויליק. ס׳איז „וואָרעמער״. מיר זענען געלעגן צוזאַמען, און מיר האָבן געקענט זינגען. נאָך ווי געקענט זינגען! און מיר האָבן דערפילט גאַרינס ווונטש. מיר האָבן אים געזונגען דאָס ליד „לשוב״, „התקוה״ האָבן מיר געזונגען: „לשוב, לשוב לארץ אבותינו״.

אַ גרויסע שעה איז עס געווען.

אַ שיף פאָרט אויף צפון, אין ריכטונג פון פּרע־פּאָלאַר ראַיאָן. ס׳איז פינצ־טער חושך, שמוץ, געשטאַנק, ווערים און כינים. זיבן הונדערט „אורקיס״, מענטשן־חיות. אַביסל יידן. אַביסל ציון־טרוימער. אַווו פאָרן זיי? וווהין? און ווער וועט זיי העלפן? און צווישן זיי איין ייד, אָדער אַ רוס פון יידישער אָפּ־שטאַמונג, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטרוימט וועגן ציון, קיינמאָל נישט גע־גלויבט אין ציון, קיינמאָל נישט געוואָלט ציון. ס׳גאַנצע לעבן אַליין געלערנט און אַנדערע געלערנט, אַז ס׳איז פאַראַן נאָר איין אידעאַל, אָט דער אידעאַל פאַר וועלכן ער איז געגאַנגען אויף די באַריקאַדעס ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, און געכאַפּט געוואָרן דורך די „ווייסע״ און דורך זיי געפּייניקט געוואָרן. אָט אין טרייען דינסט פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל איז דער מענטש עולה לגדולה געוואָרן, געוואָרן גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַ פּאַרטיי אין אַ גרויסער רעפּובליק, געוואָרן וויצע־רעדאַקטאָר פון צענטראַל־אָרגאַן פון דער אַללענדישער פּאַרטיי. ווי ווייט איז דער מענטש געווען פון ציון! און ווי ווייט איז דאָס אָרט, ווו דער גורל האָט אונדז פאַרשלעפּט, פון ציון? און אָט דער מענטש בעט אין די מינוטן, וועלכע ער האַלט פאַר די לעצטע אין זיין לעבן: זינגט מיר דאָס ליד פון ציון! מיר געפינען זיך אויפן טייך פּעטשאָרא, און מיר האָבן נישט געוויינט, נאָר גע־זונגען. דאָס ליד פון ציון האָבן מיר געזונגען, פאַר גאַרינען. פאַרן געוועזענעם וויצע־רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודא״, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין

פאָלק. צי האָט שוין אַמאָל די גרינע פּעטשאָרא געהערט די „התקוה״? צי האָבן שוין אַמאָל די דערשטוינטע „אורקיס״ געהערט אַ העברעאיש ליד? פון דער טיפעניש פון שיף האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס ליד, דאָס אַלטע ליד פון דער אַלי־טער האָפענונג: לשוב לארץ אבותינו! און אפשר איז עס גאָר קיין ליד נישט געווען, נאָר אַ תפילה, אַ דאַנק־תפילה פאַר אַ יידישער נשמה, וואָס האָט זיך אומגעקערט, מיט יסורים, צום פאָלק. און אַ געבעט־תפילה: מן המיצר קראתי יה! פון דער קלעמעניש רוף איך דיך, גאָט! לשוב, לשוב לארץ אבותינו. צי וועט אונדז דער אויבערשטער ענטפערן?

ווי גרויס זענען גאָטס־וווּנדער. פון דער שיף, דווקא פון דער שיף, זענען מיר אַרויס אויף דער פריי. איידער מיר זענען אָנגעקומען דאָרט, ווו מ'האָט אונדז פאַרשיקט צו די ברעגעס פון אייז־אָקעאַן, איז געקומען אַ באַפעל צו באַ־פרייען אַלע פוילישע בירגער. לויטן אלף־בית בין איך געווען דער ערשטער אין דער ליסטע פון די באַפרייטע. איינער פון די „אורקיס״ האָט אַ געשריי גע־טון: „ער איז דאָך אַ זשיד, נישט קיין פּאָלאַק!״ דער נעבעכדיקער „אורקי״! זיין פראָטעסט איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך. ס'איז נישטאָ קיין טיפערע קנאה ווי פון דעם וואָס בלייבט אין טורמע לגבי דעם וואָס גייט פון דאָרט אַרויס. צי קען מען דען פאָדערן פון אַן „אורקי״ ער זאָל קענען מלוכה־וויסנשאַפט און וויסן צו אונטערשיידן צווישן נאַציאָנאַליטעט און בירגערשאַפט?

מיר פאַרלאָזן די שיף. אַ קליינע לאָדקע דערנעענטערט זיך. אַ פרייהייט־לאָדקע קומט צו דער טורמע־שיף. מיר זענען אַראָפּ אויפן ברעג. פרייהייט! פרייהייט!

— ה. —

אייניקע טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין אַ טראַנזיט־לאַגער. אַ לאַגער ווי אַלע לאַגערן. אָבער ווער האָט געשפּירט די ברעטער? וועמען זענען אָנגעגאַנגען די כינים? אַ מענטש וואָס באַפרייט זיך פון אַ שטייג, איז ווי אַ פויגל: פליגלען וואַקסן אים אויס, און זיי הייבן אים אויף צו די הויכקייטן פון שמחה און פרייד און אין די ערשטע מינוטן פאַרגעסט ער יעדן צער און טרויער. מיטן זעלבן וועג, וועלכער האָט אונדז געפירט אויף צפון, האָט מען אונדז צוריקגעפירט אויף דרום. מיר זענען דורכגעפאָרן דעם לאַגער, אין וועלכן איך האָב געבויט די צפונדיקע באַן־ליניע. דער „פּראָראַב״ מאַקאַראָוו איז געשטאַנען ביים ברעג.

— היי, חבר מאַקאַראָוו, וואָס מאַכט איר? ווו איז קראַל?

— אַלץ אין אָרדענונג. קראַלן האָט מען איבערגעפירט אין אַן אַנדער לאַ־גער. מסתמא וועט מען אים באַפרייען. און דו ביזט באַפרייט געוואָרן?

— יאָ, חבר מאַקאַראָוו, פריי!

— גערענקט איר, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אַז פון „דאַנען" גייט מען נישט אַרויס? געדענקט איר מיין תשובה? איר האָט נישט געגלויבט אין מיין אמונה און איצט איז עס געשען. פון „עטאָפּ" האָט מען אונדז צוריקגעשיקט.

— יאָ. יאָ. איך געדענק, טאָוואַרישטש בעגין! אייך, פּאָלאַקן, האָט עס אָפּגעגליקט. ווער ווייסט? אפשר וועלן אויך מיר אין קורצן באַפרייט ווערן? די מלחמה דויערט דאָך. מ'רעדט וועגן אַן אַמנעסטיע...

— אַלדאָס גוטס, חבר מאַקאַראָוו. הלואי זאָל די אַמנעסטיע שנעל קומען. אַלדאָס גוטס, אויף ווידערזען אויף דער פריי!

מיר פאָרן ווייטער אויפן וועג צו דער פרייהייט. צופוס, מיט אַ לאַסט־צוג, מיט אַ פּאַסאַזשיר־צוג, אויף די טרעפּ פון אַ צוג. צו דרום. פאַרוואָס צו דרום? אפשר ווייל ס'איז ווייטער פון צפונדיקן פראָסט, אָדער ווייל ס'איז נענטער צו ארץ־ישראל? מיין שוועסטער זוך איך. זי ריכט אויך אָפּ גלות, כאָטש זי איז נישט אַרעסטירט געוואָרן. ס'איז שווער צו געפינען. רוסלאַנד איז אַזוי רייזיק. די צאָל פון די באַפרייטע פון די לאַגערן דערגרייכט צו הונדערטער טויזנטער. מיליאָנען זענען די פּליטים. ווו קען מען געפינען? ווו זאָל מען זוכן? ווער האָט געזען? ווער האָט געהערט? אָבער צו וואָס האָט גאָט געשאַפן צופאַלן? דורך אַ צופאַל האָב איך געפונען אויך מיינע פאַמיליע־מיטגלידער, וועלכע זענען פאַרבליבן נאָכן חורבן־שטורעם. שפּעטער האָב איך אויך געפונען מיינע פריינט, אָדער זיי האָבן מיך געפונען. די ערשטע טעלעגראַמע קיין ארץ־ישראל. די ערשטע טעלעגראַמע פון ארץ־ישראל. אויך מיין ווייב איז אונטערגעשריבן. איז עס אַ חלום, אָדערווירקלעכקייט? אָ, איצט דערמאָן איך זיך. נאָך זיצנדיק אין לוקישקי האָב איך געקריגן אַ פּעקל קליידער, וואָס די טרייע חברים האָבן מיר געשיקט. אויף אייניקע זאַכן איז געווען אויסגעוועבט מיט לאַטיינישע אותיות דעם נאָמען Ola. דעם רעטעניש האָט מיר אויפגעקלערט איינער פון די צוויי בונדיסטן, מיינע שכנים אין צעלע. ער האָט געקענט העברעאיש און ער האָט מיר אַמאָל אַ פרעג געטון: אפשר דאַרף מען נישט לייענען „אָלא" נאָר „עולה"? אוודאי, אוודאי. ווי האָב איך נישט פאַרשטאַנען אַזאַ פשוטע זאַך? וואָס פאַר אָ ל אָ? ע ו ל ה! אַזוי, זי איז עולה קיין ארץ־ישראל. ברוך־השם. אַ ליכט־שטראַל האָט מיר אַ שיין געטון אין טורמע.

נאָכדעם איז געקומען פּאָלאַ דייכעס. זי איז געקומען אַ נ ש ט אַ ט מיין פרוי, וועלכע האָט געקריגן, ווי אַלע קרובים פון די אַרעסטאַנטן, אַן אייךמאָליקע דערלויבעניש צו קומען אין תפיסה זיך געזעגענען, פאַר דער רייזע „ערגעץ ווו דאָרט אַהין". פּאָלאַ, אַ יונגע בית"ריה, האָט פאַראייביקט איר נאָמען און מקדש געווען דעם נאָמען פון פאָלק אין דער מלחמה קעגן די נאַציס. זי איז געווען פון די וויכטיקסטע העלפערינס פון מיין פריינט און חבר יוסף גלאַזמאַן, דער העלד פון ווילנער געטאָ, וועלכער איז געפאַלן, אַזוי ווי זי איז

געפאַלן, מיטן געוועהר אין האַנט, אין שלאַכט מיט דער ווילדער חיה. פאַלינקע האָט נאָך אַרויסגעוויזן איר העלדישקייט אפילו דאָרט, אין טורמע אין לוקישקי. זי איז געקומען כלומרשט זיך געזעגענען מיט מיר, אָבער זי האָט מיר געבראַכט ידיעות און בריוו. מיר האָבן גערעדט פויליש. מ׳האָט אונדז באַפוילן צו רעדן אין אַ שפּראַך וואָס דער פּאָליציאַנט זאָל פאַרשטיין. אָבער פאַלאַ האָט געזאָגט: „אַ גרוס דיר פון דער טאַנטע (אין פויליש), אַ בריוו אין די זייף (אין העברעיש). איך האָב פאַרשטאַנען. די זייף האָט די תפיסה־לייטונג טאָקע צעשניטן אויף צווייען, אָבער דער „בריוו" איז נישט געלעגן אין מיטן. דאָס קליינע ברי־ וועלע איז געראַטעוועט געוואָרן און איז אָנגעקומען — אפילו אין אַ רוסישער טורמע — צום אַדרעסאַט. און זי האָט באַשטעטיקט און דערציילט וועגן דער עליה פון אַ סך געליבטע פריינט. אַ טרייסט ממש. אָבער וואָס פאַר אַ ריזיקע עס האָט גענומען אויף זיך דאָס מיידל, וואָס האָט געבראַכט די נחמה? ווען מען וואָלט מיך געכאַפּט מיטן „בריוועלע אין די זייף", וואָלט איך אפשר באַקומען זיבן טעג קאַרצער, אָבער זי?...

די פאַקטן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט זענען געשטאַנען פאַר מיי־ נע אויגן, ווען כ׳האָב געלייענט און ווידער איבערגעלייענט די ערשטע טעלע־ גראַמע פון ארץ־ישראל. די וויטערדיקע טעג זענען אויך נישט געווען קיין גרינ־ גע. וואַנדערונגען, שפּייז־מאַנגל. אָבער עס זענען געווען גרויסע טעג. איך האָב געזען אַ גרויס פאָלק, אַ שווער געליטנס, וואָס האָט געקעמפט אין איבער־ מענטשלעכע ליידן, און איז געווען שטאַלץ אויף דער דערהויבענער גבורה פון זיינע קינדער. נאָכדעם האָט מען מיך אָנגענומען אין דער פוילישער אַרמיי. אַן אַטמאָספער פון שנאת־ישראל. באַליידיקונג און ווייטיק. אָבער דאָס קאַפּיטל האָט זיך דערנענטערט צום סוף. צו דרום! דער פאָרט אין קאַספּישן ים. קראַס־ נאַוואָדזק. דער קליינער פערסישער פאָרט, פּאַהלעווי. דער היסטאָרישער שליאַך פון די פערסישע דעראָבערער. אָט זענען מיר דורכגעפאָרן די ריזיקע באַרג־ קייט. און דערנאָך מעסאָפּאָטאַמיע, באַגדאַד. האבאניא (איך האָב נישט געוווסט אַז איך געפין זיך אינגאַנצן אייניקע טריט פון קבר פון הויפּט־קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי. איך האָב דאַן געהאָפט, אַז ווען כ׳וועל קומען אין לאַנד, וועל איך זיך שטעלן פאַר דוד רזיאלן און קעמפן אונטער זיין לייטונג!) און אָט עבר־הירדן. אונדזער ערד! פעלדער, פעלדער ברייט ווי דער ים. נישט אומזיסט האָבן די רוימער גערופן דעם טייל ארץ־ישראל Palestina Salutaris (דאָס רעטנדיקע ארץ־ישראל). אין יענע צייטן איז דאָ געווען דער תבואה־ שפּייכלער פאַרן גאַנצן נאָענטן מזרח. און איצט, נישט געקוקט אויף דער פאַר־ וואָרלאָזונג און די שטיינער, וואָס דעקן־צו די ענדלאָזע פעלדער, וואַקסט דאָ אַ גרינער, הויכער גראָז. דער שטח איז כמעט אינגאַנצן פּוסט. ערגעצוווּ אויפן האָ־ ריזאָנט, אַ כאַטקע אָדער אַ קעמל. נאָר ווען דו דערנענטערסט זיך צום ירדן,

זעסטו מער מענטשן און פעלדער באַדעקט מיט געבענטשטער תבואה. עבר־הירדן, ארץ־ישראל. דער מיליטערישער טראַנספּאָרט האָט זיך אָפּגעשטעלט. מ׳רוט. גייסט אַראָפּ פון אויטאָ, גייסט ביי דער זייט, צום פעלד און דו „זינקסט“ אין גרינעם גראָז. דער ריח פון פעלד. דער פעלד־ריח פון פאָטערלאַנד.

— ס׳איז גוט זיך אויסצוציען אויף דער פאָטערלאַנד־ערד, אַה?

ווער זאָגט דאָס? אַ סאָלדאַט, דווקא אַ קריסט, אַן אינטעליגענטער מענטש. אַ גוטער חבר. אָבער וואָס איז וויכטיק ווער עס פרעגט?

— ס׳איז גוט, ס׳איז זייער גוט, ס׳קען בעסער נישט זיין.

און דו דערמאָנסט זיך:

אין טראַנזיט־לאַגער, אויפן ברעג פון פעטשאָראַ האָט דער ביוראָ־באַאַמטער, אַליין אַן אַרעסטאַנט, פאַרנאָטירט דעם באַשלוס פון דער ספּעציעלער באַראַטונג־קאָמיסיע ביים אינערן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט: אַכט יאָר. דער באַפרייאונג־טאָג — שטייט דאָרט — וועט זיין דער 20טער סעפּטעמבער 1948. המ... נישט ווייניק... ביז 1948 אין מאקאראָווס אָדער יערמינקאס „בריגאַדע“? גאָרנישט ווייניק. אָבער וואָס דער גורל קען מאַכן! דער מענטש אורטיילט, און גאָט באַשטימט. איצט איז זומער 1942. „בלויז“ 1942. און אָט איז עבר־הירדן, באַלד וועלן מיר איבערשפּרייזן דעם ירדן, און מיר וועלן זיין אין מערב זייט פון ירדן.

און נאָך דערמאָנסטו זיך, אין גאַרינען, און אין דעם ליד „לשוב“.

הע, גארין! לעבסטו נאָך? צי האָסטו געהערט, אַז אינצווישן זענען מיר צ ו ר י ק ג ע ק ו מ ע ן צו אונדזער פאָטערלאַנד און זענען געוואָרן אַ פריי פאָלק? צי האָסטו געהערט אַז ס׳איז געווען אַן אויפשטאַנד אין ישראל — דיין „פּראַוודאַ“ האָט פיל מאָל געשריבן וועגן דער טעטיקייט פון די אויפשטענדלער — און אַז עס איז אנטשטאַנען אַ יידישע מדינה? צי האָסטו געהערט, אַז די מעכטיקע מדינה, וואָס דו האָסט געדינט איר און איר רעזשים פון דיינע קינדער־יאָרן אָן און וואָס האָט באַקעמפט די שטרעבונג צו אַ יידישער מדינה, האָט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום געהאָלפן זי צו שאַפן? אויב דו לעבסט נאָך, גארין, האָסטו געוויס געהערט וועגן אָט די אַלע וואונדער. און אויב דו האָסט זיי געהערט, האָסטו געוויס געפונען אין דעם אַ טרייסט אין דיינע שווערע נסיונות. וייל, גארין, די „התקוה“, די „האָפענונג“ וואָס דו האָסט אונדז געהייסן זינגען אין דער קלעמעניש, איז נישט געווען קיין פאַלשע האָפענונג. דאָס פאָלק צו וועלכן דו האָסט צוריקגעקערט, איז געווען אין קלעמעניש אין פיין פון בלוט, פון חורבן און פאַרשקלאַפונג, און פון דער קלעמעניש האָבן מיר זיך געוועגדעט צו גאָט, און גאָט האָט געענטפערט!

ס׳האָט זיך געענדיקט איין קאַפּיטל און זיך אָנגעהויבן אַן אַנדערער. דער גורל האָט מיט מיר געמאַכט אַ שפּאַס. איך בין אַרעסטירט געוואָרן, באַשול־

דיקט געוואָרן, פאַראורטיילט, און פאַרשיקט געוואָרן אַלס „משרת פון בריטישן אימפּעריאַליזם". דאָס האָבן געטון די רוסן, ענגלאַנדס שונאים. אָבער זיי האָבן מיך נישט געהאַלטן לאַנג. אָנהויב יוני 1941 האָב איך אָנגעהויבן די רייזע פון לוקישקי קיין ארץ־ישראל, און אָנהייב מאַי 1942 בין איך אָנגעקומען אין ארץ־ישראל. עס איז געווען אַן ארומוועג. אָבער וואָס מאַכט עס אויס? נישט דער וועג איז דער עיקר, נאָר דער ציל. און ווען איך בין אָנגעקומען מיט דער פּוילישער אַרמיי — אויך דאָס איז די איראָניע פון גורל — קיין ארץ־ישראל, וואָס איז דעמאָלט געשען מיטן „משרת פון בריטישן אימפּעריאַליזם"? עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די ענגלענדער האָבן געגעבן פאַר זיין קאָפּ דעם העכסטן פּאָליצייאישן פּרייז אין ארץ־ישראל (דאָס איז דער איינציקער „רע־קאָרד" וואָס כ'האָב דערגרייכט אין מיין לעבן, און כ'וועל זיך באַרימען מיט אים כל־זמן איך וועל לעבן!).

ווייל ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער קאַפּיטל, אין וועלכן מ'קען אויך זען די איראָניע פון גורל. קאָנספּיראַציע איז פאַר מיר געווען אַ געהיימניש, כל־זמן איך האָב נישט געמוזט אַריינדרינגען אין אירע טיפענישן. כ'האָב נישט גע־האַט קיין באַגריף וועגן אונטערגרונט, אויסער דאָס וואָס כ'האָב געלעזן אין אייניקע ביכער. כ'האָב מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז איך וועל קעמפן אין אונטערגרונט. איך האָב ליב געהאַט דאָס אָפענע און נישט דאָס פאַרהוי־לענע, דאָס עפנטלעכע און נישט דאָס געהיימע. פונדעסטוועגן...

דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ביז סעפּטעמבער 1948 האָב איך טאַ־קע געדינט אין דער „בריגאַדע". אָבער דאָס איז נישט געווען מאַקראַראַווס אָדער יערמינקאָס „בריגאַדע". זי האָט נישט געאַרבעט אין דער „טייגע", אויף די ברעגעס פון דער פּעטשאָראַ. זי האָט נישט געבויט קיין אייזנבאַן צו פירן קוילן.

די „בריגאַדע" אין וועלכער כ'האָב געדינט, איז געווען די בריגאַדע פון יידישע אויפשטענדלער. זי איז געווען טעטיק אויפן ברעג פון ירדן. זי האָט גע־בויט מיט אייזן אַ וועג פאַר ישראלס באַפרייאונג.

מיר קעמפן — עקזיסטירן מיר

די גאַז־קאַמערן אין אייראָפּע און די געשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל. — דער בריטישער פּלאַן. — די בריטישע בלאָ־קאַרע פון בלוט. — די מקורות פונעם יידישן אויפשטאַנד. — פרייהייט אָדער אומקום.

— א —

צוויי יסודותדיקע פאַקטאָרן האָבן באַשטימט די לאַגע פון אונדזער פאָלק און לאַנד ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. היטלער האָט אין אייראָפּע אָנגעהויבן צו פאַרטיליקן מיליאָנען יידן און ענגלאַנד האָט — נישט געקוקט אויף דעם, אָדער טאַקע צוליב דעם — פאַרשלאָסן די טויערן פון דער נאַציאָנאַ־לער היים פון יידישן פאָלק.

די ידיעות וועגן דעם פאַרניכטונג־צוג אין אייראָפּע זענען אין תחילת נישט געווען קיין קלאָרע. צו דער עפנטלעכקייט זענען זיי געקומען שפּעט. ס׳איז נישט קיין ספק, אַז די פירער פון דער גוישער וועלט האָבן גוט געוווּסט וווהין היטלער פירט די יידן פון בעלגיע און האָלאַנד, וואַרשע און לאָדזש. זיי האָבן אָבער געשוויגן. ס׳איז אַ פאַקט, אַז ערשט נאָך לאַנגע חדשים זינט דעם אָנהייב פון דער מאַסנווייזער פאַרטיליקונג־אַקציע, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע ידיעות וועגן די „זאָנדער קאָמאַנדאָס״, וואָס האָבן געהאַט די ספּעציעלע אויפ־גאַבע נישט איבערצולאָזן קיין איין ייד אין דעם גאַנצן דייטשן אָקופּאַציע־געביט.

מ׳דאַרף מודה זיין: די יידן גופא האָבן צו די ידיעות זיך באַצויגן מיט אַ האַפּענונגפולן אומצוטרוי. און נישט קיין ווונדער. קיין מענטש איילט זיך נישט צו גלויבן אַז זיינע עלטערן און קינדער, זיינע שוועסטער און ברידער זענען אומגעקומען „סתם אַזוי״, ווי אַ סטאַדע שאָף. בדרך כלל גלויבט דער מענטש בלויז אין דעם, אין וואָס ער וויל גלויבן. אַפילו אונדזערע אומגליקלע־כע ברידער, שוין שטייענדיק ביי די גריבער, וואָס די נאַצישע חיות האָבן זיי באַפוילן אויסצוגראָבן פאַר זיך, האָבן נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז זיי

גייען שטאַרבן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין האָפן, אַז זיי וועלן זיך אַרויסדרייען פון דעם ביטערן סוף. איז דען אַ וווּנדער, אַז יידן אין די אַנדערע וועלט־טיילן זענען נישט געווען נוטה צו גלויבן אין די טויטן־גריבער פון פּאָנאַר און אין די קאַלך־אויוונס פון טרעבלינקע?

יידן האָבן זיך געפרעגט: קען מען דען פאַרניכטן אַ גאַנץ פאָלק? איז עס מעגלעך מ'זאָל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויסשעכטן מיליאָנען מענטשן? און די „וועלט" וואָס וועט זאָגן? נאַאיווע וואָס זיי זענען געווען! זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דווקא אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קען מען אויס־הרגענען אַ גאַנץ פאָלק און אויב דאָס פאַרניכטעטע פאָלק זענען די יידן, וועט די „וועלט" שווייגן, און אַ האָן וועט נישט אַ קריי טון.

דער שר־השיכחה איז אַ גוטער מלאך. ער היילט בלוטיקע ווונדן. דער טאַלאַנט צו פאַרגעסן איז נישט ווייניקער חשוב פונעם טאַלאַנט צו געדענקען. אָןביידע וואָלטן מיר נישט געקענט עקזיסטירן. דעריבער דאַרף מען זיך נישט וווּנ־דערן, און אפשר נישט בייז זיין אויף אונדזער דור, וועלכער איז גענויגט צו פאַרגעסן די בלוט־באַד, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, כאָטש בלויז עטלעכע יאָר זענען פאַרביי זינט דער שחיטה. דאָס מויל זאָגט „זעקס מיליאָן יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן" — צי פילט דאָס האַרץ דעם טייטש פון די דאָזיקע ווערטער?

מיר טאָרן נישט פאַרגעסן!

פאַר אונדזער צוקונפט, און פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן וואָס ס'איז אונדז געשען אין סאַמע האַרץ פון דער „קול־טורעלער" אייראָפּע. דער צוג פון פיזישער אויסראָטונג האָט זיך נישט אָנגע־הויבן מיט איין מאָל. ער איז צוגעגרייט געוואָרן מיט „ווויסנשאַפטלעכער" סיס־טעמאַטישקייט. נאָך אין 1936 האָט היטלער געזאָגט אין זיינער אַ רייכסטאַג־רעדע: „אַ נייער קריג באַדייט דעם סוף פון אייראָפּעאישן יידנטום". נאָך אין 1939—1940 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן שאַפן אַ „רעזערוואַט" פאַר די יידן אין לובלינער קאַנט אין פוילן, און די דייטשע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן אַ פּלאַן פון טראַנספערירן די יידן „אין זייער מדינה" אין מיטל־אַפריקע, אָדער אין מאַדאַגאַסקאַר. נאָכדעם זענען געקומען די פאַרשידענע געטאָס, די „קליינע" הריגות און די גרויסע דעראינערונגען, וואָס זענען געווען עקספּערימענטן פאַרן אויסראָטונגס־צוג. די עקספּערימענטן זענען געווען געלענקט סיי צו די יידן און סיי צו דער „וועלט". מיליאָנען יידן זענען געוואָרן אַש ביי זייער טויט, ערשט נאָכדעם ווי זיי זענען ביי זייער לעבן געוואָרן שטויב.

אין אַ צעשראָקענער מאַסע וואָס האָט געוואָלט נאָר לעבן, און נישט גע־ווּסט אַז אָפּטמאָל שטעקט די האָפענונג צום לעבן דווקא אין ר י ז י ק י ר ן דאָס לעבן אין קאַמף קעגן טויט — האָט דער דייטשער תלין פאַרוואַנדלט אונ־

דזער פאָלק. אַזוי טריט נאָך טריט, שטאַפּל נאָך שטאַפּל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אויסגעפּרובירט די „וועלט". זיין מיינונג איז געווען, אַז די „וועלט" איז גלייכגילטיק צו פאַרגאָסן יידיש בלוט. און ער האָט נישט געהאַט קיין טעות. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אפילו פאַדזשעט, דער סאָציאַליסטישער מיטגליד פון בריטישן פּאַרלאַמענט, האָט דערקלערט אָפן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן גע־ריכט, אַז די דייטשע אַרמיי אונטער מאַנשטיינס באַפעל וואָס האָט געקעמפט אין פּוילן האָט זיך אויפגעפירט „אָן אַ פלעק", כאָטש די טייכן זענען רויט גע־וואָרן פון הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס — מ'טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אָט דער פאַדזשעט איז אַ בכבודיקער אַדוואָקאַט אין ענגלאַנד שוין לאַנגע יאָרן נאָך איידער ער איז דערשינען פאַרן מיליטערישן געריכט אין האַמבורג. אין 1949 האָט פאַדזשעט גערעדט „אָפן". אין 1943 איז פאַדזשעט געווען טעטיק אין גע־היים. דער נאַצישער תלין האָט געקענט די „פאַדזשעטס", די „קולטורעלע גע־לערנטע, די פּראָגרעסיווע, די סאָציאַליסטישע". און נישט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט אָבער גאַרנישט געוואָלט איינשטעלן. דעריבער האָט היטלער געאַרבעט מיט אַ סיסטעם. נישט מיט איינמאָל האָט ער אויסגע־ראָטן. צום אָנהויב האָט ער פאַרשפּאַרט אונדזערע ברידער אין געטאָס און טור־מעס, און ער האָט געזען אַז די „וועלט" איז גלייכגילטיק. נאָכדעם האָט ער זיי אויסגעהונגערט — און די וועלט איז געבליבן אינדיפערענט. שפּעטער האָט ער אַריינגעשטעקט אין זיי זיינע נעגל — און די „וועלט" האָט זיך נישט קיין ריר געטון. ער האָט אַריינגעשטעקט די ציינער, און די וועלט האָט געשוויגן. גלייכ־גילטיק? זייער גוט. שריט נאָך שריט, עטאַפּ נאָך עטאַפּ. און אין לעצטן עטאַפּ: די גאַז־קאַמערן. דער איינציקער „פּראָנט" ווו היטלער האָט געוואַגט זיך צו באַנוצן מיט שטיקנדיקע גאַזן, כאָטש ער האָט זיי צוגעגרייט אויך צום קריג און זיין מצב אויף די פראָנטן איז געוואָרן האָפענונגסלאָזער פון יאָר צו יאָר.

גלייכגילטיקייט — דאָס איז די סכנה. די מענטשהייט האָט געוווסט אַז זי מאַרשירט פאַראויס, ווען זי איז אויפגעציטערט געוואָרן צוליב איין דרייפוס אין פּאַריז, אָדער אַ סאַקאָ־וואַנצעטי אין אַמעריקע, אָדער אַ דימיטראָוו אין בערלין. די מענטשהייט וועט גיין אויף צוריק, ביז צו דער פינצטערסטער תקופה, אויב זי איז נישט פאַרזאָרגט פאַרן גורל פון מיליאָנען „דרייפוסעס" און אויב ס'איז נישט אויפגעשטאַנען פון איר אפילו קיין עמיל זאָלאַ. און אויב דער גאַנצער מענטשהייט דראָט אַ סכנה פון פיינט, וואָס הייסט גלייכגילטי־קייט, איז פיל גרעסער די סכנה פאַרן יידישן פאָלק. דעריבער — נישט פאַר־געסן און נישט לאָזן פאַרגעסן.

די וואָס האָבן פאַרשטאָפּט די אויערן נישט צו הערן די שטימע פון יידישן בלוט, פון וועלכן אַלע טייכן פון אייראָפּע זענען רויט געוואָרן, זענען געווען די ברידער פון ה' פאַדזשעט, די בריטישע הערשער פון אונדזער פאָטערלאַנד.

נישט נאָר וואָס די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט ראַטעווען יידן. מ׳קען זאָגן, אַז זיי האָבן ג ע ו ו אָ ל ט נ י ש ט ראַטעווען די יידישע מאַסן. אַלס ענגלענדער איז דזשאָן, אָדער „סער״ דזשאָן, אָדער „לאָרד״ דזשאָן געווען גלייכ־גילטיק צום יידישן בלוט. אַזוי ווי יעדעס אַנדערע פאָלק אין דער וועלט. אָבער אַלס הערשער א י ן א ר ץ ־ י ש ר א ל און אין מיטעלן מזרח איז ער גאָרנישט געווען „גלייכגילטיק״. ער איז געווען אַ פאַראינטערעסירטער צד: פאַראינטערעסירט אין אַ מאַקסימאַלער פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז נישט קיין באַשולדיקונג. דאָס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט.

טשערטשיל האָט עס נישט געטון... ס׳איז נישט זיכער, צי ער האָט אויף אַן אמת נישט געקענט שלאָפן ביינאַכט צוליב ווייצמאַנען. זיכער איז, אַז ער האָט אויסגעמיטן צו טרעפן ווייצמאַנען בייטאָג. און יידן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן. מיליאָנען. מענער, פרויען און קינדער, לויטן דייטשישן פּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט ראַטעווען, וואָס אַן אמת אויף אַן אומדערוואַרטן און שרעק־לעכן אופן, דעם בריטישן פּלאַן וועגן ארץ־ישראל.

די ענגלענדער האָבן שוין לאַנג געוואָלט ארץ־ישראל. ה׳ אייוווען גרינ־בערג, דער רעדאַקטאָר פון „דזשואיש קראָניקל״ (אַ מענטש וואָס האָט מקריב געווען אַ פערזענלעכע קאַריערע פאַר די פּרינציפּן פון זיין גלויבן) האָט מיר דערציילט, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער פינצטערניש פון אונטערגרונט, אַז זיין פאָטער, פון הערצלס הויפּט־העלפער און אַ מיטגליד פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע קיין אל־עריש, האָט געהערט אַ קלאָרע דעקלאַ־ראַציע פון לאָרד קראמערן:

„ה׳ גרינבערג! ביים נאָענטסטן צוזאַמענפאָר פון דער אָטאָמאַנישער אימ־פּעריע מוזן מיר באַקומען ארץ־ישראל!״

דאָס איז געווען אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. פאַקטיש האָבן די ענגלענדער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן גורל פון ארץ־ישראל נאָך אין ניינצנטן יאָרהונדערט. נאָך אין יענער צייט האָט מען געקענט לייענען אין אַן אויסגאַבע פון בריטישן אויסערן־מיניסטעריום אַ דעטאַלירטן איבערבליק וועגן דער אויסגעצייכנטער מיליטערישער סטראַטעגיע פון יהודה המכבי און די חשמונאים. און דאָס איז אַ דערקלערונג פאַרן פאַקט, פאַרוואָס זענען די ענגלענ־דער געווען אַזוי פלייסיק אין זייערע אינטערווענצן לטובת די יידן, וועלכע זע־נען גערודפט געוואָרן אונטער דער טערקישער מאַכט.

די ענגלענדער פאַרשטייען בדרך כלל זיך אויסצוווילן פעאיקע פּאָליטי־קער. און אַז זיי האָבן נישט קיין פעיקן ענגלענדער, קלייבן זיי אויס אַ פעיקן יידן, ווי לאָרד דיזראַעלי. (בעווין איז אַן אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל). די פעיקייט פון די ענגלישע פּאָליטיקער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס

זיי האָבן געקענט צוזייען באַפּוצונגען פון אַלמענטשלעכן אידעאַליזם צום בגד פון בריטישן אינטערעס. דיזראַעלי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן גלאַדסטאָנען, וועלכער האָט שטענדיק געברענט פון ליבע צו גאָטס הערשאַפט אויפן הימל, און בריטאַניעס הערשאַפט אין עגיפּטן און אויף גאָטס ערד בכלל:

„איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, אַז מיין חשובער פריינט זאָל האַלטן אַ פינפטן „אַס" אין אַרבל, אָבער איך פּראָטעסטיר קעגן זיין הנחה, אַז דער רבונו של עולם האָט אים דאָרט אַריינגעשטעקט דעם פינפטן אַס".

די ענגלישע פּאָליטיקער האָבן אַ „פינפטן אַס" אין אַרבל. אָבער זיי טענהן שטענדיק, אַז גאָט האָט אים אַריינגעלייגט. דעריבער איז ער נישט קיין „פינפ־טער" אַס, נאָר אַ פערטער, אַ גאַנץ לעגאַלע קאָרט.

די געשיכטע פון ניינצנטן יאָרהונדערט איז אַ לאַנגער קאַפּיטל פון אויס־נוצן גרויסע מענטשלעכע אידעאַלן כדי צו העלפן די בריטישע אינטערעסן. אין 19טן יאָרהונדערט האָט די ענגלענדער גאָר אָפּגעשפּילט דאָס גליק. די צאַרישע הערשאַפט איז געווען רעאַקציע, און די הערשאַפט פון סולטאַן — אויך פינצ־טערניש. דאַקעגן ענגלאַנד איז געשטאַנען ביים פּראָגרעס.

דער גריכישער אויפשטאַנד קעגן די טערקישע אונטערדריקער איז געווען איינער פון די באַוויזן פון אומבאַזיגטן פרייהייטס־גייסט. ס'איז שיין צו העלפן דער קליינער נאַציע. ס'איז אויך כדאי איר צו העלפן. אָפּצו־שוואַכן אַביסל טערקיי — נישט איר אָוועקצוהרגענען, כל־זמן רוסלאַנד איז שטאַרק — אָבער איר אָפּצושוואַכן און ווייך מאַכן, דאָס וועט נישט שאַטן. אומגעקערט: עס וועט נאָך העלפן, אי דעם קריסטנטום, אי ענגלאַנד.

געבן שוץ פּאָליטיש־געראָדפטע עמיגראַנטן — אַזיל־רעכט — איז אַ מענטשלעכע הייליקע פליכט. ענגלאַנד דערפילט אירע מענטשלעכע פליכטן. די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, געפינען שוץ אויף די ברעגעס פון דער טעמזע. ס'איז פיין. אָבער ס'איז אויך כדאי. אָפּצו־שוואַכן אַביסל אָדער העלפן אָפּצושוואַכן פון א י נ ע ווי נ י ק די מעכ־טיקע מדינה, וואָס שאַרפט אירע ציין אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אינדיע — וועט נישט שאַטן. אַדרבא, דאָס וועט נאָך העלפן סיי ענגלאַנד און סיי דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס שטעלט זיך קעגן דער צאַרישער טיראַניע.

צו שיצן געראָדפטע יידן — דאָס ביבל־פאָלק — קעגן ווילקיר פון טערקי־שע קיימאַקן? ס'איז נישטאָ קיין גרעסערער הומאַנישער טאַט פון דעם. און וואָס מאַכט עס אויס, אויב על־פּי צופאַל צאָלט זיך עס אויך אויס? אַלע גרויסמאַכטן ווילן זיך אַריינמישן אין דער צעפאַלנדיקער מדינה פון „קראַנקן מענטש אויפן באָספּאָר". פראַנקרייך אינטערווענירט לטובת די קאַטאָליקן. רוסלאַנד שיצט די פּראַוואָסלאַוון. דייטשלאַנד האָט פּראָטעסטאַנטן. וואָס בלייבט פאַר די ענגלענ־דער? וועמען איז זיי געבליבן צו שיצן אין נאָמען פון הומאַניטעט? די יידן!

און צו וועמען בכלל געהערט ארץ־ישראל? צו די יידן, פאַרשטענדלעך. אַזוי שטייט דאָך אין דער הייליקער ביבל. („אָבער — ה׳ גרינבערג, מיר דאַרפן ארץ־ישראל״).

דער דאָזיקער אַנאַליז אונדזערער איז נישט געמאַכט געוואָרן לגנאי פון די ענגלענדער. דער אויטאָר האָט נישט בדעה אָפּצולייקענען אַז פון זייער קאָמפּליצירטער טעטיקייט — לטובת דער מענטשהייט טעאָרעטיש און לטובת ענגלאַנד פּאַקטיש — איז אַמאָל אַרויסגעקומען, אָביעקטיוו, אַ נוצן פאַר דער מענטשהייט.

אויך אין ארץ־ישראל איז אָנגעגאַנגען דער שפּיל. נאָר ער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קאָמעדיע און זיך פאַרענדיקט מיט אַ טראַגעדיע. די ענגלענדער האָבן געוואָלט ארץ־ישראל. זיי האָבן זי געוואָלט ווייל ארץ־ישראל ליגט אויפן מזרח־ברעג פון מיטללענדישן ים, ווייל זי פאַרבינדט דריי קאָנטינענטן, ווייל זי געפינט זיך פון דער צווייטער זייט פון סועץ־קאַנאַל, ווייל זי איז אויפן וועג צו אינדיע, ווייל זי איז הייליק פאַרן קריסטנטום, צוליב... טויזנט און איין סיבות, אָדער מיט איין וואָרט, ווייל דאָס איז ארץ־ישראל, וואָס אַלע וועלט־הערשער זייט נבוכדנצרן האָבן זי געגלוסט. אָבער אויב מען וויל אַ געוויס לאַנד, דאַרף מען עס דען נעמען מיט אַנעקסיע? דאָס איז נישט לויט ענגלאַנדס ג ע ש מ אַ ק און ענגלאַנדס נ אַ ט ו ר.

נאָר וואָס?

— דזשאָן, האָסט עפּעס אַ הומאַניטאַרן אידעאַל פאַר „פּאַלעסטיין״, כדי מיר זאָלן זי נישט נעמען און דאָך זי האָבן?

דזשאָן זוכט. ער געפינט. פאַרוואָס זאָל ער נישט געפינען? ס׳איז דאָך זיין פאַך.

— יאָ, סער. ס׳איז דאָ אַן אויסגעצייכנטער אידעאַל: די היסטאָרישע ביבל, די גערודפטע יידן.

— גוט, זייער גוט. עס לייגט זיך אויפן שכל. די יידן זענען גערודפט. מיר וועלן זיי צוזאָגן אַ היים אין ארץ־ישראל. אַן אויסגעצייכנטע אידעע — נישט ארץ־ישראל אַלס היים, נאָר בפירוש, אַ היים אין ארץ־ישראל. וווּנדערבאַר. מיר וועלן נעמען און געבן. מיר וועלן נעמען ארץ־ישראל און געבן די יידן אַ היים אין איר. דאָס וועט אונדז העלפן אויך אין אַמעריקע, צווישן די מיליאָנען יידן. איין מאָמענט... דאָס זעט אויס צו גוט. וועלן מיר נישט האָבן קיין צרות פון געשעפט? און וואָס וועט זיין אויב זייער אַ סך יידן וועלן קומען קיין ארץ־ישראל, אין „זייער נאַציאָנאַלער היים״? און וואָס וועט זיין, אויב... ניין. ס׳איז נישט געפערלעך. דאָס געשעפט איז כדאי. ס׳וועלן אפשר זיין אַביסל צרות, אָבער מיר וועלן זיי איבערקומען. סוף כל סוף, וויפל יידן וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל? מיר קענען זיי דאָך. זיי האָבן ליב געשעפט און נישט צו

אַרבעטן. צי וועלן זיי פאַרלאָזן זייערע קראָמען און הייזער פאַר אַ וויסטן לאַנד מיט נאַקעטע בערג און שטיינערדיקן באָדן? ס'וועלן זיכער קומען אַביסל משוגעדיקע אידעאַליסטן און אַביסל אָרימעלייט. אָבער די מערהייט? ניין. ס'איז נישטאָ וואָס צו זאָרגן. דער רוב זייערער וועט בלייבן אין זייערע קראָמען. און אויב די יידן וועלן זיך דאָך שטופן צופיל קיין ארץ־ישראל, וועלן מיר געפינען אַן אַנדער עצה. אין „פּאַלעסטיין" זענען דאָ אַראַבער. און זיי זענען אַביסל ווילד, אמת? נו?... פאַרשטייסטו. ס'איז נישט אַזוי שווער. און די יידן וועלן זיך אָנהייבן שרעקן צו קומען. די יידן זענען גוטע סוחרים. אָבער סאָלדאַטן? כאַ־כאַ־כאַ, שוין זיבעציק דורות האָבן זיי נישט געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט. אַזעלכע וועלן קעמפן? מ'וועט זיי אויסשעכטן, ווי אין צאַרישן רוסלאַנד, און מיר וועלן זיי באַשיצן. פאַרשטייט זיך. מיר וועלן נישט לאָזן אויף גאָטס באַראָט אומגליקלעכע שוצלאָזע מענטשן, אָבער מיר וועלן דאַרפן שיצן אויך די אַראַבער. זיי זענען דאָך די אויפשטענדלער. פרעמדע זענען געקומען צורויבן אונדזער לאַנד — וועלן זיי זאָגן. אַ גערעכטע טענה. דעמאָלט וועלן מיר זיי באַרואיקן. מיר וועלן נישט אַריינלאָזן פיל יידן קיין ארץ־ישראל. מיר וועלן שיצן די אַראַבער פון די יידן און שיצן די יידן פון די אַראַבער...

— ב. —

אַזוי בערך איז געבוירן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע און אַזוי איז „אויסגעאַרבעט" געוואָרן דער בריטישער מאַנדאַט פון פעלקער־בונד אויפן לאַנד. אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די בריטישע אָפּנאַרעריי־פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, וואָס איז דערגאַנגען צו איר הויך־פּונקט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער פּלאַן איז געווען פאַראויס באַשטימט. די ענגלענדער האָבן געוואָלט ארץ־ישראל. זיי זענען געווען גרייט אָדער אַפילו געוואָלט אַריינבערענגען אַ באַגרענעצטע צאָל יידן אין לאַנד. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט, אַז ארץ־ישראל זאָל געהערן צו די יידן.

„דער פּלאַן" — לאָמיר עס אָנרופן מיטן אָריגינעלן נאָמען The master plan — איז פונדעסטוועגן געווען „צו גוט" פאַר דער פון שנאה אויפגעפּרעסענער און געבלוטיקטער אייראָפּע צווישןביידע וועלט־מלחמות. אין פּוילן האָבן געלעבט מיליאָנען יידן — און אַרום זיי אַ גיפטיקע שנאה. אין די באַלטישע און באַלקאַן־לענדער האָבן געלעבט הונדערטער טויזנטער יידן, און דער אַנטיסעמיטיזם האָט דאָרט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ס'זענען דאָ צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנטלעכע וואָס טראָגן זייערע פעאיקייטן און טראָגן די דיפּלאָמען, האָבן זיי נישט קיין שום אָנשפּאַר אין זייערע וווין־לענדער. די יוגנט ווענדט אירע בליקן, בדרך־הטבע, אויף ארץ־ישראל. מאַסן יידן ווילן קיין „פּאַלעסטיין". ס'איז נישט גוט, אויף אַן אמת.

— סער, וואָס זאָל מען טון קעגן דער יידן־כוואַליע וואָס רייסט זיך קיין ארץ־ישראל? זיי קענען דאָך נאָך אַלץ דאָמינירן. באַזונדערס אין דערווירטשאַפט. ארץ־ישראל איז קליין, אָבער דער אָריענט איז גרויס. מאַנטשעסטער איז ווייט פון אָריענט, אָבער תּל־אביב איז זייער נאָענט. די יידן זענען דאָך מסוגל צו פאַרפלייצן מיט זייער פּראָדוקציע די מזרח־לענדער. און די יידן זענען נישט קיין אַראַבער. צי וועלן זיי אונדז שטענדיק בלייבן געהאָרכזאַם? טשערטשיל האָט געזאָגט אויף דער קאַאיראָ קאָנפערענץ — דו געדענקסט, סער, די קאָנ־פערענץ אין וועלכער אויך לאָורענס האָט זיך באַטייליקט און ווו מיר האָבן באַ־שלאָסן — ווי קלוג מיר האָבן באַשלאָסן, צו שאַפן דעם עמיראַט פון עבר־הירדן אונטער דעם סצעפּטער פון פאַרבונפטיקן אבדאללא — טשערטשיל האָט געזאָגט, אַז ס׳איז נישט וויכטיק ווי ס׳וועלן הייסן די אַראַבישע קעניגן און פּרינצן, דער עיקר איז „זיי זאָלן טון וואָס מיר ווילן און ווען מיר ווילן זאָלן זיי טון״.

— אָבער די יידן! צי וועלן זיי טון, וואָס מיר ווילן? וואָס זאָלן מיר טון? אַזוי ווייטער קען עס נישט גיין.

— זיכער, דזשאָן, אַזוי קען עס ווייטער נישט גיין. אָבער צו וואָס רעגסטו זיך אויף? ס׳זענען דאָ אַראַבער אין ארץ־ישראל. און זיי זענען אַביסל פּראָים. אמת? און זיי ווילן נישט, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן זיי פאַרטרייבן פון זייער ערד.

— און נאָך עפּעס האָסטו פאַרגעסן, דזשאָן. מיר האָבן אַן אינסטיטוציע, וואָס שטאַמט פון דער דעמאָקראַטישער בריטישער טראַדיציע. אַן אויספאָר־שונג־קאָמיסיע. אַ וווּנדערבאַרע אינסטיטוציע. סוף־כּל־סוף מוז מען דאָך נאָכקו־מען דער גערעכטיקייט. און כדי צו טון גערעכטיקייט, דאַרף מען פריער אויסהערן די טענות פוןביידע צדדים. וווּנדערבאַר. ס׳הייסט, אַז עס זענען דאָ צוויי צדדים. און אויב ס׳זענען דאָ צוויי צדדים, מוז דאָך זיין אַ דריטער צד. און ווער קען אויסאיבן גערעכטיקייט צווישן ביידע צדדים? פאַרשטענדלעך, דער דריטער, דער נישט־פאַראינטערעסירטער. און ווער איז דער דריטער צד? ס׳איז קלאָר, דזשאָן?

— קלאָר, קלאָר, סער.

— ובכן, מיר וועלן שיקן אייניקע אויספאָרשונג־קאָמיסיעס. דו פרעגסט וויפל? דאָס איז נישט וויכטיק. וויפל מ׳וועט דאַרפן. און די קאָמיסיעס וועלן אויספאָרשן. אינצווישן וועלן מיר באַרואיקן די געמיטער. די אַראַבער בונטע־ווען זיך קעגן דער יידישער עליה, קעגן באָדן־קויף. מיר וועלן זיי באַרואיקן. מיר וועלן יידן נישט אַריינלאָזן. מיר וועלן זיי נישט לאָזן קויפן קיין באָדן. דער־ווייל, נאָר דערווייל. דאָס איז אויך לטובת די יידן. כדי צו באַרואיקן די גע־מיטער. דערנאָך וועלן מיר טראַכטן. מ׳טאָר זיך נישט איילן. צי האָבן מיר דען נישט קיין צייט? די יידן האָבן קיין צייט נישט. זיי יאָגן זיך שטענדיק. אָבער מיר האָבן צייט. די אימפּעריע איז גרויס. מיר וועלן וואַרטן און זען. מיר וועלן

אַרויסגעבן דעם פּסק־דין. דאָס וועט הייסן אַ ווייס־בוך. אַ שיינער נאָמען. אויך אַ טראַדיציאָנעלער. און מיר מוזן שאַצן אונדזער טראַדיציע. אַלע אונדזערע וויכ־טיקע פּאָליטישע דאָקומענטן דערשיינען אין דער פאָרם פון „ווייסע ביכער". אויך אין ארץ־ישראל ווייסע ביכער. וויפל מ'וועט דאַרפן — — —

אָט די פּאָליטיק איז פולשטענדיק רעאַליזירט געוואָרן. כדי צו ראַטעווען דעם „פּלאַן", וואָס האָט געהאַלטן ביי צעבראָכן ווערן אונטער די קלעפּ פון שנאה צו די יידן און איר אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט — דער שטראָם פון יידן קיין ארץ־ישראל. די אַראַבער זענען אונטערגעהעצט געוואָרן און עס זענען אָרגאַני־זירט געוואָרן מערדערישע אַנגריפן אויף די יידן. ס'זענען געקומען אויספאָר־שונג־קאָמיסיעס. מ'האָט פאַרעפנטלעכט ווייסע ביכער. די עליה איז באַגרענעצט געוואָרן ביזן מינימאַלסטן מינימום.

אַזוי איז געווען ביז 1933. אין יאַנואַר יענעם יאָר איז היטלער געקומען צו דער מאַכט. די יידישע צענטערס אין אייראָפּע זענען צעטרייסלט געוואָרן. אַ חורבן. אַ נייער שטראָם פון עולים קיין ארץ־ישראל. ס'איז שוין נישט מער קיין שטראָם: אַ סטיכיע. אָבער דזשאָן ווייסט שוין וואָס צו טאָן. דער וועג איז פאַר' אים אויסגעטראָטן. אין 1936, ווען דער יידישער דרוק אויף די טויערן פון ארץ־ישראל איז דערגאַנגען ביז צום הויך־פּונקט, ברעכן ווידער אויס בלוטיקע אומרועןן אין לאַנד. זיי בושעווען און הערן נישט אויף, כדי דערמיט צו האָבן אַ תירוץ אויף צו פאַרמאַכן די טויערן. איין אויספאָרשונג־קאָמיסיע. אַ צווייטע אויס־פאָרשונג־קאָמיסיע. און צום סוף, דאָס ווייס־בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם נאַרישן זון פון נישט קלוגן ראַמזיי מאַקדאָנאַלד. דאָס לעצטע ווייס־בוך, וואָס איז געקומען מאַכן אַ סוף צו דער לעצטער פאָלקס־האָפענונג. דאָס איז געווען אין מאַי 1939 און אין סעפּטעמבער ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. מיליאָ־נען יידן געפינען זיך אין די הענט פון די מערדער, פון היטלער און הימלער. און וואָס וועט זיין איצט?

— סער', וואָס וועלן מיר טאָן אין ארץ־ישראל?

— דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם האָבן מיר געלייזט מיטן ווייס־בוך. מיר האָבן צוגעזאָגט אַריינצולאָזן אין די נאָענטסטע פינף יאָר 50 טויזנט יידן און נאָך 25 טויזנט אַלס חסד־צוגאָב פאַר די אומגליקלעכע יידן פון דייטשלאַנד. די וועלן מיר וואַרשיינלעך דאַרפן אַריינלאָזן. אָבער נישט מער. מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט און מיר דאַרפן רעספּעקטירן אונדזער התחייבות. דעם 31טן מערץ 1944 וועט ענדגילטיק אָפּגעשטעלט ווערן די יידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. און אין 1949 וועלן מיר צוטיילן, לויט אונדזער פאַרפליכטונג, זעלבסט־שטענדיקייט פאַר ארץ־ישראל. יאָ, זעלבסטשטענדיקייט, אַזוי ווי מיר האָבן גע־געבן איראַק און עבר־הירדן. זעלבסטשטענדיקייט, באַזירט אויף דער טראַדיציאָ־נעלער פריינטשאַפט צווישן אונדז און די אַראַבער, אומאָפּהענגיקייט וואָס וועט פאַרזיכערט ווערן דורך אַן אָפּמאַך צווישן זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט און דער

געזעצלעכער רעגירונג. פֿאַרשטענדלעך, וועלן מיר נישט קענען פֿאַרגעסן די יידן אין ארץ־ישׂראל. מיר האָבן פֿאַרפּליכטונגען אויך לגבי זיי. מיר מוזן זיי רעספּעקטירן. מיר וועלן צוזאָגן די יידן קולטורעלע אויטאָנאָמיע, פֿולע גלייכבאַרעכטיקונג און אַן ענטשפּרעכנדיקן חלק אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס, וואָס לויט זייער צאָל וועט עס אויסמאַכן אַ דריטל. דאָס איז אַ דעמאָקראַטישע און גערעכטע לייזונג. די אַראַבער זענען די מערהייט און די יידן די מינדערהייט. אין צען יאָר אַרום וועלן מיר פּטור ווערן פֿון גאַנצן קאָפּווייטיק. עס וועט שוין מער נישט זיין אונדזער דירעקטע הערשאַפֿט איבער ארץ־ישׂראל, וואָס אָפּגעזען פֿון די הכנסות האָט עס גורם געווען הוצאות און אַנדערע צרות. די ארץ־ישׂראל פֿראַגע האָבן מיר געלייזט.

— אָבער, סער, די יידן וועלן איצט שטראָמען קיין ארץ־ישׂראל מיט אַלע וועגן. זיי וועלן אַנטלויפֿן פֿון היטלערן.

— זיי וועלן נישט לויפֿן, דזשאָן. פֿון היטלערס דייטשלאַנד אַנטלויפֿט מען נישט, אַזוי ווי מ׳אַנטלויפֿט נישט פֿון סטאַלינס רוסלאַנד. פֿון דער אַנדערער זייט, ווער וועט אַריינלאָזן די יידן? זיי זענען טאַקע אומגליקלעך, די יידן, קיינער וויל זיי נישט אַריינלאָזן. אַזוי איז עס שטענדיק מיט דעם געפּלאָגטן פֿאָלק. וואָס קען מען טאָן? דאָס איז זייער גורל. און ווער ווייסט, אפשר איז זיך די השגחה נוקם אין זיי, ווייל זיי האָבן געקרייציקט קריסטוסן, גאָטס זון. אַלנפֿאַלס, איך מיין, אַז אין ארץ־ישׂראל וועלן מיר זיי נישט קענען אַריינלאָזן. די אַראַבער זאָלן נישט אויפֿגעבראַכט ווערן אויף אונדז. סיי־ווי־סיי וואַרפֿן די אַראַבער בליקן צו בערלין און רוים. און אַ חוץ אַלע פּאָליטישע באַרעכענונגען מוזן מיר דאָך אָפּהיטן דאָס געזעץ. דאָס געזעץ איז דער ווייס־בוך. ס׳איז דיר קלאָר, דזשאָן?

— פֿאַרשטענדלעך, סער. אָבער וואָס וועלן מיר טאָן אויב די פֿאַרצווייפֿלטע יידן וועלן פּרובירן ברעכן דאָס געזעץ און אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלע אימיגראַציע קיין ארץ־ישׂראל? די טעראָריסטן פֿון ארגון צבאי לאומי, איר קענט זיי סער, אָט די וועלכע פֿאָלגן נישט די אָנערקענטע יידישע אינסטאַנצן — ווער ווייסט, אפשר איז דאָס אַ יידישער אַנשטעל, כדי אונדז אָפּצונאַרן? — די, וועלכע האָבן געוואָרפֿן באָמבעס אויף די אַראַבער, כדי זיי אָפּצושרעקן און כדי צו דערווייזן — ווי זיי זאָגן אין זייערע פּראָקלאַמאַציעס — אַז יידן זענען גרייט צו קעמפֿן מיט געווער אין האַנט פֿאַר זייער לאַנד. די, וואָס האָבן מיט קאַלט בלוט דערמאָרדעט אונדזער קערנסן, ווייל זיי האָבן אים באַשולדיקט אַז ביים אויספֿאָרשן זייערע מיטגלידער האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס זיי רופֿן, פּייניקונגען — — — אַז בשעת דער אויספֿאָרשונג פֿלעגט קערנס שלאָגן איבער די פּיאַטעס און... המ... אַנטשולדיקט, סער, אָבער אַזוי האָבן געשריבן די טעראָריסטן, אַז ער פֿלעגט דריקן המ... די געשלעכטס־גלידער פֿון די פֿאַרדעכ־

טיקע אַרעסטירטע. אָבער דער הויך־קאָמיסאַר האָט געשריבן, אַז קערנס איז געווען אַ זייער איבערגעגעבענער פּאָליצײ־אָפיציר און די טעראָריסטן...

— דזשאָן, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די פאַרשאָלטענע טעראָריסטן מיט דער אומלעגאַלער אימיגראַציע,

— אַנטשולדיקט, סער, איך בין אַראָפּ פון דער טעמע. אַלזאָ, די מענער פון ארגון צבאי לאומי און זייערע העלפערס פון דער עקסטרעמער אָרגאַניזאַציע, ווי הייסט זי... וואָס זשאַבאָטינסקי איז געווען איר פירער... אַ, יאָ, בית״ר — זיי האָבן ביזן מלחמה־אויסברוך אָרגאַניזירט אַן אומלעגאַלע אימיגראַציע אין אַן ערנסטן אומפאַנג. די געגויע ציפערן זענען נישט באקאַנט. אָבער מ׳שאַצט אָפּ, אַז ברעכנדיקן דעם געזעץ האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט קיין ארץ־ישראל צענדליקער טויזנטער יידן. מיר האָבן טאַקע אַראָפּגערעכנט אַ געוויסע צאָל פון אומלעגאַלע אימיגראַנטן פון דער סערטיפיקאַטן־קוואָטע, אָבער ס׳איז נישט זיכער, צי ס׳זענען דאָך נישט אַרײַן מער אימיגראַנטן ווי מיר האָבן באַשטימט. בדרך כלל קומען זיי אין דער נאַכט־פינצטערניש און מ׳קען ניט וויסן גענוי וויפל ס׳זענען געקומען. מ׳קען זאָגן אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אימיגראַציע זענען אַכזריות־דיקע מענטשן. זיי דינגען אַלטע האַלב־צעבראָכענע שיפלעך, פּאַקן זיי אָן מיט מאַסן מענער, פרויען און קינדער און פירן זיי איבערן ים, אָן לופטערונג־אינסטאַלאַציעס, אָן היגיעניִשע אײַנריכטונגען. ס׳איז שרעקלעך! אונדזער קאָנסול אין קאָנסטאַנצאַ־פּאָרט, אויפן שוואַרצן ים, אין רומעניע, דורך וועלכן די גרעסטע צאָל פון די שיפן פּאָרט אָפּ, אונדזער קאָנסול איז אַרויף אויף איין שיף אַזאַ, „פּאַטריאַ״ דאַכט זיך האָט זי געהייסן, און ער האָט געזען די באַדינגונגען. ער האָט געשריבן אין זײַן באַריכט, אַז קיין ענגלענדער וואָלטן נישט געווען גרייט צו פאָרן אויפן ים אין אַזעלכע באַדינגונגען. ס׳איז נישט קיין פראַגע פון היגיענע. ס׳איז סכנת־נפשות. די שיף קען דערטרינקען ווערן...

— ס׳איז אינטערעסאַנט, דזשאָן. אָבער איצט האָט זיך עס זיכער געענדיקט. אין מלחמה־צייט וועלן זיי נישט קענען פאָרן. זי וועלן נישט קריגן קיין שיפן.

— כ׳האָב מורא, סער, אַז דער ענין איז נאָך נישט פאַרענדיקט. מיר האָבן טאַקע פאַרהאַלטן טויזנטער יידן, וואָס זענען אָנגעקומען צום רומענישן גרענעץ. אונדזער אַמבאַסאַדאָר האָט באַקומען אינסטרוקציעס צו זען פּערזענלעך דעם רומענישן פּרעמיער, קאַלינעסקו, און פאָדערן פון אים צו אַנולירן די טראַנזיט־וויזעס, וואָס די רומענער האָבן געגעבן אָט די יידן וועלכע פאָרן כלומרשט קיין באָליוויע. קיין באָליוויע... די פינצטערע „טריקן״ פון די יידן, און זיי מיינען אַז ס׳וועט זיי געלונגען אָפּצונאַרן אונדזער שפּיאָנאַזש־דינסט. דער אַמבאַסאַדאָר האָט געזאָגט קאַלינעסקון, אַז די רעגירונג פון זײַן מאַיעסטעט שטעלט פעסט מיט טיפער זאָרג, אַז די רומענישע רעגירונגס־אינסטאַנצן, וואַרשײַנלעך אָן וויסן פון דער צענטראַלער מאַכט, טוען נישט גענוג כדי צו פאַרמיידן הילף פאַר די גע־

זעך־ברעכער, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער אימיגראַציע. קאַלינעסקו האָט צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ באַפעל צו פאַרהאַלטן די יידן און זיי נישט אַריינלאָזן אין רומעניע. ער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג. די יידן האָבן זיך געמוזט צוריקקערן. נאָר אונדזער „דינסט" טיילט מיט, אַז אַ טייל פון זיי האָט זיך איינגעגעבן דורכצושמוגלען די גרעניץ און זיי גרייטן זיך, מיט אַנדערע אומלעגאַלע עמיגראַנטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך און רומעניע, אַנצוקומען קיין ארץ־ישראל.

— דאָס טויג נישט, דזשאָן. דאָס טויג נישט. מ׳מוז צוהיטן אַז די יידן זאָלן נישט אויספירן זייערע בייזע כוונות. מיר וועלן דאַרפן שיקן נייע אינסטרוקציעס צו אונדזער אַמבאַסאַדאָר און אונדזער שפּיאָנאַזש־דינסט. פאַרגעס עס נישט, דזשאָן.

— איך וועל נישט פאַרגעסן, סער. אָבער ס׳זענען פאַראַן נאָך מערערע פריקרע ידיעות. אונדזער געהיים־דינסט טיילט מיט פון טריעסט, אַז צוליב דער מלחמה שטייען אין פּאָרט פיל שיפן אָן באַוועגונג. די איטאַליענער האָבן נישט וואָס צו טאָן מיט זיי. פאַרדעכטיקע יידן דרייען זיך אַרום אין טריעסט און באַמיען זיך צו דינגען שיפן. ס׳איז נישטאָ קיין ספק, אַז מיר שטייען איצט פאַר אַן אינטריגע פון אַן אָרגאַניזירטער אומלעגאַלער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל אין אַ זייער גרויסן פאַרנעם. וואָס זאָל מען טאָן, סער?

— המ... אויף אַן אמת אַן אומאָנגענעמע לאַגע. אַ יאָ, דזשאָן, פאַרבינד זיך מיט סטאַקסן, דעם פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט סטאַקס און בעט אים, אַז אויף דער נאָענטסטער פּאַרלאַמענט־זיצונג זאָל ער אַריינטראָגן אַן אינטערפּעלאַציע צום מיניסטער, מער ווייניקער אין דעם נוסח: ס׳איז באַקאַנט, אַז אין טריעסטער פּאָרט קאָנצענטרירן די דייטשן אַ שיף־פלאָטע און זיי האָבן בדעה אַרויפצוזעצן אויף זיי מאַסן יידן און זיי שיקן אומלעגאַל קיין ארץ־ישראל, כדי צו מאַכן שוועריקייטן ענגלאַנד אין מיטעלן מזרח. וואָס האָט דער מיניסטער בדעה צו טאָן כדי נישט דערלאָזן דעם שונא אויסצופירן זיין אינטריגע? פאַרשטייסט, דזשאָן? פאַרגעס נישט איבערצוגעבן סטאַקסן דעם גענויערן טעקסט פון דער אינטערפּעלאַציע. די ווערטער, ווי ער וועט זיי פאָרמולירן, זענען נישט וויכטיק. דער עיקר ער זאָל אונטערשטרייכן, אַז די דייטשן זענען עס די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אומלעגאַלער יידישער מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. ס׳דאַכט מיר, אַז דאָס איז די תשובה. מיר דאַרפן זיך מיט איר באַנוצן אויך אין אַנדערע פאַלן. די וועלט מוז אונדז פאַרשטיין: דאָס איז אַ קריג פאַר דער צוקונפט פון דער גאַנצער וועלט. מיר קענען נישט שטעלן אין סכנה אונדזער פּאָזיציע אין מיטעלן מזרח. די יידישע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל איז אַ שווערע סכנה פאַר דער קריגס־אָנשטרענגונג. און מעגלעך אַז די דייטשן באַנוצן זיך מיט די אומלעגאַלע אימיגראַנטן, כדי צו שיקן שפּיאָנען אין מיטעלן אָריענט. מיר טאָרן זיך נישט פאַרלאָזן אויף נסים. צי קענען דען יידן נישט

זיין קיין דייטשע שפּיאָנען? די מעגלעכקייט איז אַ רעאַלע. און מיר מוזן איר מאַכן וואָס מער פּובליסיטי, כדי די אַמעריקאַנער יידן זאָלן נישט זאָגן, אַז מיר באַציען זיך מיט אכזריות צו אומגליקלעכע מענטשן. מיר האָבן מיטלייד מיט די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן. אָבער די מלחמה־אָנשטרענגונג איז איבער אַלץ. דער קריג קעגן דער היטלעריסטישער טיראַניע איז נישט נאָר פאַר ענג־לאַנד, נאָר פאַר אַלע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער. די יידן מוזן האָבן געדולד. ווען מיר וועלן מנצח זיין היטלערן וועלן זיי שוין מער נישט זיין גערודפט און זיי וועלן זיך צוריקקערן אין זייערע היימען. אָבער דערוויל זאָלן זיי נישט שטעלן אין סכנה די פּערספּעקטיוון פון נצחון. די אומלעגאַלע אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל מוז אויפהערן. מיר וועלן נישט לאָזן אַריינברענגען דייטשע שפּיאָנען, פאַרשטעלט ווי „אומגליקלעכע פּליטים". פאַרבינד זיך מיטן הויך־קאָמיסאַר אין ירושלים און גיב אים אָן עצה ער זאָל זיך באַנוצן מיט דעם אַר־גומענט אין יעדן פאַל, ווען ער וועט דאַרפן צוריקשיקן קיין אייראָפּע יידישע אימיגראַנטן, וועלכע וועלן פּרוון אָנצוקומען צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל אויסער דער באַשטעטיקטער סערטיפיקאַטן־קוואָטע.

— ג. —

דזשאָן האָט געגנוי אויסגעפירט אַלע אינסטרוקציעס. די וועלט האָט אָנגעהויבן הערן וועגן „דייטשע שפּיאָנען" וועלכע קריכן אַרום צווישן יידן, וועלכע באַ־מיען זיך אָנצוקומען קיין ארץ־ישראל. ענגלאַנד האָט ווידער געפונען דעם „הומאַניטאַרן" אַרגומענט אויסצופירן אירע פּלענער. און באַלד זענען געשען די באַקאַנטע טראַגעדיעס פון „סטרומא", „מילוס" און „פּאַטריאַ" און די פאַרשי־קונג פון די אָנגעקומענע אימיגראַנטן קיין מאַוריציוס.

*
**

אַזוי האָבן מיר זיך דערוואַרט די יאָרן 1942 — 1943, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דירעקטער אויסראָטונג־צוג פון היטלערן. אַלע יידישע ווענ־דונגען צום בריטישן געוויסן זענען געווען אומזיסט. אומזיסט איז געווען דער יאוש־געשריי פון די געשחטנע יידן אין אייראָפּע. די בריטישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל איז געווען זייער קאָנסעקווענט. דער אַריינפאָר פון יידן אין ארץ־ישראל איז שטרענג פאַרבאָטן. דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם איז ענדגילטיק גע־לייזט געוואָרן דורכן געזעץ פון ווייסבוך.

אַ פינצטערע נאַכט, די פינצטערסטע נאַכט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פאָלק ישראל. אנדערהאַלבן מיליאָן, טויזנט טויזנטערס און פינף הונדערט טויזנט יידישע קינדער זענען אין טויטן־וואַגאָנען געפירט געוואָרן און אומגע־בראַכט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. מיליאָנען מענער און פרויען זענען גע־

שאַסן געוואָרן, דערטרונקען, געשאָכטן, דערשטיקט, פאַרברענט און לעבעדיקער־הייט באַגראָבן געוואָרן. ניט נאָר אין די אויגן פון די נאַציס און זייערע העלפער איז דער ייד געווען ווי אַ וואָרעם, וואָס מען מעג און מען דאַרף אים צעטרעטן. אויך די אַזוי־גערופענע „ציוויליזירטע וועלט" האָט אַנגעהויבן שלום מאַכן מיטן גערדאַנק, אַז אפשר איז דער ייד טאַקע נישט אַזוי ווי יעדער מענטש. די וועלט האָט נישט קיין רחמנות אויף געשאָכטענע. די וועלט האָט נאָר דרך ארץ פאַר קעמפער. גוט אָדער שלעכט. אַזוי איז עס.

אַלע פעלקער האָבן עס געוווּסט. נאָר אונדזער פאָלק האָט נישט געוווּסט. דעריבער האָבן אונדזערע פיינד געטרונקען אונדזער בלוט און זיך אָנגעשכורט. אַלע. די דייטשן האָבן פאַרטיליקט אונדזער פאָלק. די ענגלענדער האָבן צוגע־רויבט אונדזער לאַנד. די מאַקסימאַלסטע פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידן, וועלכע האַלטן ביים „פאַרפלייצן" ארץ־ישראל — דאָס איז געווען און איז גע־בליבן זייער פּלאַן. ענגלאַנד האָט געהאַט גליק: איר אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט פרעמדע הענט, דורך אַ חיה בצורת אדם. ס'איז איר געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט אויסצופירן איר פּלאַן לגבי ארץ־ישראל.

די פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידן וועלכע ווילן קומען קיין ארץ־ישראל איז נאָך נישט געווען דער גאַנצער פּלאַן. דאָס איז געווען אַ מיטל צו רעאַלי־זירן דעם פּלאַן. די נעמען פון פּלאַן זענען געווען פאַרשידענע און די איינצל־הייטן פלעגן זיך בייטן. אָבער זיין אינהאַלט איז געבליבן אומפאַרענ־דערט. דער ווייס־בוך איז געווען איינער פון די נעמען. דער חלוקה־פּלאַן פון פּילס קעניגלעכער קאָמיסיע איז געווען אַ צווייטער נאָמען. מאָריסאָן־פּלאַן — אַ דריטער נאָמען. בעווין־פּלאַן — אַ פערטער נאָמען. פעדעראַציע, קאַנטאָני־זאַציע, „זעלבסטשטענדיקייט" זענען געווען נאָך נעמען. דער ציל איז געווען — צוצונעמען ארץ־ישראל צוזאַמען מיט אַ ביסל שוץ־יידן אין אַראַבישן ים, וואָס זיינע כוואַליעס וועלן באַהערשט ווערן פון בריטאַניע.

— ד. —

אָט אויף דעם הינטערגרונט איז אויסגעבראָכן דער יידישער אויפשטאַנד קעגן דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. די צוויי גרונט־פאַקטן — דער אויסראָטונג־צוג קעגן די יידן אין אייראָפּע און דאָס פאַרשליסן פון די ארץ־ישראל טויערן אין סאַמע פלאַקער פון דער אויסראָטונג — האָבן דירעקט אָנגעצונדן דאָס פייער פון אויפשטאַנד. דער אויפשטאַנד איז געווען אומפאַרמיידלעך. אמת, אַ סך יאָרן האָבן חשובע ציוניסטישע פירער זיך קעגנגעשטעלט דעם געדאַנק פון מלוכהשער יידישער אומאָפּהענגיקייט. נאָר זאב זשאַבאָטינסקי האָט זיי גע־וואָרנט, אַז קיינער וועט זיי נישט גלויבן, נישט די ענגלענדער, נישט די אַראַ־בער און נישט די גאַנצע אויסערלעכע וועלט. אַלע — האָט ער געשריבן —

האָבן געלייענט דעם תנ"ך און זיי ווייסן, אַז אויב מיר האָבן אָנגעהויבן צ ו ר י ק צ ו ק ו מ ע ן קיין ארץ־ישראל, איז דער ציל פון אונדזער צוריק־קומען אַ גאַנץ קלאָרער — אַז ארץ־ישראל זאָל צוריקקומען צו אונדז. און דאָס איז געווען דער ציל. ער איז געווען אין אונדזער נשמה.

זיכער! אויך אָן דער בלוט־באָד אין אייראָפּע, און אויך אָן דער „קאָנ־סעקווענטקייט" פון דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל, וואָלט געקומען אַ טאָג און עס וואָלט אויסגעבראָכן אַ יידישער אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל קעגן יעדער פרעמדער הערשאַפט. אָבער די צוויי פאַקטאָרן, וועלכע זענען צוזאַמענגעפאַלן און האָבן געדראָט צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק — זיי האָבן באַשטימט די צייט אין וועלכער דער אויפשטאַנד זאָל אויסברעכן. פון דער אַנדערער זייט איז קלאָר אַז ווען ס'וואָלט זיך ביי אַ טייל פון פאָלק נישט גע־פונען — אין מיטן פון אויסראָטונג־פּראָצעס — דער כוח און דער גייסט אויפצושטיין און רעוואָלטירן, וואָלט געקומען אַ סוף צום פאָלק ישראל. אַ געטאָ וואָלטן מיר היינט געהאַט, און אונדזערע פיינד וואָלטן אים פאַרוואַנדלט אין אַ בית־הקברות. צוליב סיבות וועלכע זענען אומאָפּהענגיק פון די אויפ־שטענדלער, האָט דער אויפשטאַנד נישט געבראַכט די גאַנצע גאולה, ער האָט אָבער פאַרמיטן דעם פולן חורבן.

דער אויפשטאַנד האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד און פון בלוט. דער באַנייטער כוח איז אונדז געקומען פון קאָנטאַקט מיט דער מוטער־ערד. דזשאָן און זיין שעף האָבן עס נישט פאַרשטאַנען ווען זיי האָבן פאַרטראַכט זייערע פּינצטערע פּלענער. זיי האָבן אויך אַ צווייטן טעות געהאַט. אַ מאָראַלישן טעות, וועגן כ אַ ר אַ ק ט ע ר פון יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין ארץ־ישראל. די ענגלענדער האָבן געמיינט אַז אויך אין ארץ ישראל וועלן די יידן זיך לאָזן שעכטן און בעטן שוץ. די שטעלונג פון די יידישע מנהיגים, די טרויעריק באַ־קאַנטע „הבלגה", האָט עס כלומרשט באַשטעטיקט. אָבער אין פאָלק זענען אויפ־געוואַקסן כוחות וואָס האָבן צונישט געמאַכט די דאָזיקע מיינונג. ס'איז אויפ־געשטאַנען זאב זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט דערצויגן אַ גאַנצן דור צו ווידער־שטאַנד, אָפּפּערווילקייט, אויפשטאַנד און צו מלחמה. ס'איז דערשינען דוד רזיאל, דער גרויסער יידישער קאָמענדאַנט, און ער האָט געטאָן די דעצידירנדיקע טאַט: ער האָט געמאַכט דעם ערשטן אַ נ ג ר י ף מיטן יידישן געווער. ס'איז געשאַפן געוואָרן דער ארגון צבאי לאומי, די אַרמיי פון יידישן אונטערגרונט. די אָרגאַניזאַציע פון „לוחמי חרות ישראל". ס'איז אויפגעשטאַנען אַ יידישע יוגנט, וואָס האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן און זי האָט אָנגעהויבן צו קעמפן. כמעט צוויי טויזנט יאָר האָבן יידן, אַלס יידן, נישט געהאַלטן קיין געווער אין האַנט. אָבער ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אין אונדזער פאָטערלאַנד, האָט זיך אויך צוריקגעקערט אונדזער כוח. די דאָזיקע ערד...

אויך דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון אונדזערע ברידער, וואָס האָט געשריגן צו

אונדז פון דער פרעמדער ערד, האָט אויפגעבונטעוועט הערצער און געגעבן כוח די אויפשטענדלער. ווען ס׳זענען באַשטעטיקט געוואָרן די ידיעות וועגן דער מוראדיקער שחיטה אין אייראָפּע, האָבן מיר געפילט אַז מיר מוזן מלחמה האַלטן נישט נאָר פאַר דער פרייהייט פון אונדזער פאָלק, נאָר פאַר זיין עצם קיום. האָבן מיר געהאַט עפּעס צו פאַרלירן אויסער די „פּערספּעקטיוו" געשאָכטן צו ווערן? די געשיכטע פון דער מענטשהייט האָט באַוויזן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערער כוח ווי דער כוח פון קרבנות־גרייטקייט, אַזוי ווי ס׳איז נישט פאַראַן קיין טי־פערע ליבע ווי די ליבע צו פרייהייט. די ערד און דאָס בלוט האָבן געגעבן די יידישע אויפשטענדלער די ליבע און דעם כוח גלייכצייטיק.

אַן אויסדרוק פון דער ווענדונג וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער נשמה צוליב דיביידע פאַקטאָרן, איז געגעבן געוואָרן אין טאַט און אין וואָרט, אויף די שלאַכטפעלדער און אין געריכט. ד אויפשטענדלער, וועלכע זענען גע־שטעלט געוואָרן פאַר בריטישע מיליטערישע געריכטן, האָבן קיינמאָל נישט גע־בעטן קיין חסד אָדער רחמים. קיינמאָל נישט. אָדער זיי האָבן געשוויגן און נישט אויסגעזאָגט זייער ראָל, אָדער זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער קאַמף און האָבן אָנגעגריפן דאָס געריכט וואָס האָט זיי געדראָעט מיט תליה. זיי האָבן אַטאַקירט אנשטאט זיך צו פאַרטיידיקן; באַשולדיקט אנשטאט זיך צו פאַרענטפערן. אַזוי האָט געזאָגט צו די בריטישע ריכטער, אין זיין קורצער און מוטיקסטער דער־קלערונג, מאיר פיינשטיין, דער איינהענטיקער קעמפער, איינער פון די גרעסטע העלדן פון אונדזער דור:

„אָפיצירן פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי!

אַ רעזשים פון תליה־ביימער ווילט איר איינפירן אין לאַנד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אַ לייכט־טורעם פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט. מיט אייער נאַרישער רשעות מיינט איר, אַז דורך דעם רעזשים וועט זיך אייך איינגעבן צו צעברעכן דעם גייסט פון אונדזער פאָלק, דאָס פאָלק וואָס די גאַנצע וועלט איז פאַר אים אַן עשאַפאָט. איר האָט אַ טעות. איר וועט זיך איבערצייגן אַז איר האָט זיך אָנגעשטויסן אין שטאָל. אין שטאָל וואָס שמידט זיך אין פייער פון ליבע און שנאה, ליבע צום פאָטערלאַנד און צו פרייהייט, און שנאה צום אונטערדריקער און אָקופּאַנט. ס׳איז אַ ברענענדיקער שטאָל. איר וועט אים נישט צעברעכן. אייערע הענט וועט איר אָפּבריען.

ווי בלינד איר זענט, בריטישע טיראַנען! אונדז ווילט איר אָפּשרעקן מיט טויט? אונדז, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרן געהערט דאָס רעדער־קלאַפּן פון די וואַגאָנעס, וואָס האָבן געפירט אונדזערע ברידער, עלטערן, די בעסטע פון אונדזער פאָלק צו שחיטה? אונדז וועלכע פרעגן זיך יעדן טאָג: מיט וואָס זענען מיר בעסער פון זיי, פון מיליאָנען ברידער אונ־

דזערע? מיר האָבן דאָך געקענט זיין מיט זיי אין די גסיסה־מינוטן. און צו די אַלע פראַגעס האָבן מיר אין אונדזער געוויסן איין תשובה. מיר זענען געבליבן לעבן נישט כדי צו לעבן און וואַרטן, אין אונטערדריקונג און קנעכטשאַפט, אויף אַ נייער טרעבלינקע. מיר זענען געבליבן כדי צו פאַר־זיכערן דאָס לעבן, פרייהייט און כבוד פאַר אונדז, פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אונדזערע קינדער און קינדס קינדער, אויף דורי דורות.

דעריבער — אונדז וועט איר נישט אָפּשרעקן. מיר האָבן געלערנט אַז ס'איז פאַראַן אַ לעבן וואָס איז ערגער פון טויט און ס'איז פאַראַן אַ טויט וואָס איז גרעסער פון לעבן".

די ווערטער, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן ממש קוקנדיק דעם טויט אין די אויגן, האָבן אויסגעדריקט דעם געפיל וואָס האָט געגעסטיקט אין האַרץ פון די אויפשטענדלער.

אַ געפיל וואָס פאַרוואַנדלט שוואַכע אין שטאַרקע און שטאַרקע אין — אומ־באַזיגטע. דאָס געפיל איז געווען דער יסוד פון עפנטלעכן רוף צו אַ מיליטערישן אויפשטאַנד, וואָס איז דערשינען פון ארגון צבאי לאומי אין גאַנצן לאַנד אָנהויב 1944. דער רוף האָט אַנטהאַלטן אַ פּאָליטישע רעזומע פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט אָוועקגעשטעלט די פּאָליטישע פאָדערונגען פון יידישן פאָלקביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און אָנגעצייכנט דעם וועג פון אויפשטאַנד און קריג. אין רוף האָט זיך געזאָגט:

„צום יידישן פאָלק אין ציון!

מיר שטייען ביים ענד־עטאַפּ פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען יעדעס פאָלק מאַכט זיך זיין נאַציאָנאַלן חשבון: וואָס זענען זיינע נצחו־נות און וועלכע זענען זיינע פאַרלוסטן? אין וועלכן וועג דאַרף עס גיין כדי צו דערגרייכן זיין ציל?

אויך ס'יידישע פאָלק דאַרף מאַכן זיין חשבון, דורכבליקן די פאַר־גאַנגענהייט און אַרויסציען מסקנות פאַר דער צוקונפט. ווייל די פאַרגאַנ־גענע יאָרן זענען געווען די שרעקלעכסטע אין אונדזער געשיכטע, און די קינפטיקע יאָרן — די דעצידירנדיקסטע אין אונדזער היסטאָריע.

די הערשאַפט איבער ארץ ישראל זאָל איבערגעגעבן ווערן אַ יידישער פראָ־וויזאָרישער רעגירונג.

מיר וועלן קעמפן. יעדער ייד אין פאָטערלאַנד וועט קעמפן. גאָט פון ישראל, אלהי צבאות, וועט אונדז העלפן. ס'איז נישטאָ קיין צוריקטריט. פרייהייט — אָדער טויט.

אַן אייזערנע וואַנט זאָלט איר שאַפן אַרום אייער קעמפנדיקער יוגנט. לאָזט איר נישט איבער אַליין!

יידן! די קעמפנדיקע יוגנט וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קרבנות און יסו־רים, בלוט און ליידן. זי וועט זיך נישט אונטערגעבן און וועט נישט רוען ביז אונדזער פאָלק וועט נישט האָבן קיין אייגן לאַנד, פרייהייט, כבוד, ברויט, גע־רעכטיקייט און משפט. און אויב איר וועט העלפן, וועט איר זוכה זיין צו זען אין גיכן שיבת ציון און די באַפרייאונג פון ישראל. אַזוי זאָל אונדז גאָט העלפן!״

— ה —

דער רוף האָט געדאַרפט דערשיינען נישט אין יאַנואַר 1944, נאָר נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 1943. ער איז געשריבן געוואָרן, ווען איך בין נאָך געווען אַ סאָלדאַט — איך בין קיינמאָל נישט געווען מער ווי אַ פּראָסטער סאָל־דאַט — אין אַ פרעמדער אַרמיי. צוליב זייטיקע פאַקטאָרן אין „ארגון״ און אַרום אים, איז אָפּגעלייגט געוואָרן אונדזער אַלגעמיינע „זעראָ־שעה״. אָבער זי האָט געשלאָגן. מיר זענען אַרויס אין קריג. מיר האָבן באַשלאָסן אַנצוווענדן גע־ווער, דאָס געווער פון פרייהייט. מיר האָבן אַרויסגעבראַכט דעם שם־המפורש: אַ יידישע פּראָוויזאָרישע רעגירונג. מיר האָבן זיך פאַרפליכטעט נישט צוריקצוציען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל, וואָס זיין סוף האָבן מיר נישט געקענט וויסן פאָרויס. צי וועלן מיר אָנקומען? און ווען וועלן מיר אָנקומען? די קעגנוואַרט איז געווען אַ ביטערע. די צוקונפט — פאַרנעפּלט. מיר האָבן נאָר געקענט גלויבן — און מיר האָבןווירקלעך געגלויבט באמונה שלמה — אַז די מי און דער קרבן, דאָס בלוט און די ליידן, וועלן ברענ־גען דעם נצחון.

איידער מיר האָבן פאַרעפנטלעכט די פּראָקלאַמאַציע, האָבן מיר געהאַט אין דער אָנפירונג פון „ארגון״ אַ לאַנגן שיקול־דעת: צי צוליב דער אָפּלייגונג איז נאָך כדאי זי צו פאַרעפנטלעכן? צי איז נישט בעסער אָנצוהויבן באַלד מיט טאַט אַנשטאַט מיט דער אויפקלערונג? אייניקע חברים האָבן געמיינט, אַז צוליב אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות איז כדאי אָנצוהויבן מיט אַ מיליטערישן אָנגריף און נישט מיט קיין פּאָליטישער פּראָקלאַמאַציע. זייערע אַרגומענטן זע־נען געווען ערנסטע. ארץ־ישראל־יידן זענען פּראַקטישע מענטשן. זיי האָבן נישט קיין שום רעספּעקט פאַר ווערטער, אויב עס שטייען נישט הינטער זיי קיין טאַטן. דעריבער, האָבן די חברים געטענהט, וועט מען זיך נישט באַציען ערנסט צו דער פּראָקלאַמאַציע. מ׳וועט לייענען, אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ און זאָגן, אַז מ׳האָט שוין געלייענט שענערע ווערטער און נישט־ווייניקער „באָמבאַסטישע״. און וואָס איז נוגע אונדזערע חברים, איז קלאָר אַז זיי ווילן קעמפן. אָבער וויפיל מאָל האָט מען זיי שוין צוגעזאָגט, אַז אָט אָט גייען זיי אַרויס צום קאַמף? פיל הבטחות זענען נישט מקוים געוואָרן. גרויס און ביטער איז די אַנטוישונג. אַ נייער צוזאָג, אַ פרישע פּראָקלאַמאַציע — וועט נישט דערוועקן קיין פאַרטרויען. אויך

זיי וועלן לייענען, שאָקלען מיטן קאָפּ און זאָגן: מיר האָבן שוין געהערט עפּעס ענלעכס!...

נישט געקוקט אויף דער ערנסטקייט פון די אַרגומענטן, צו וועלכע ס'איז נאָך צוגעקומען דער קריג־אַרגומענט פון אויסנוצן דעם איבערראַשונגס־פאַקטאָר, האָבן מיר דאָך באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן די פּראָקלאַמאַציע פון אויפשטאַנד. ס'איז אונדז געווען קלאָר, אַז ווי די געשעענישן זאָלן זיך נישט אַנטוויקלען, גייען מיר אַרויס אויף אַ ל אַ נ ג ע ר מלחמה. אַן איינמאַליקער טאַט, אַפילו דער ליאַרעמדיקסטער, וועט נישט דעצידירן דעם גורל פונעם קאַמף. ס'וועלן זייןליידן, עס וועלן זיין אומאויפהערלעכע רדיפות. דעריבער דאַרפן מיר באַשטימען לכתחילה די פּרינציפּן פון אונדזער קריג, זיינע צילן, זיינע וועגן. זאָל די וועלט וויסן פאַרוואָס מיר קעמפן. זאָל דאָס פאָלק וויסן פאַרוואָס מיר ברענגען אויף אים, אַלס רעזולטאַט פון אויפשטאַנד, פאַראיבערגייענדיקע צרות. זאָל די יוגנט וויסן פאַרוואָס זי שטעלט איין דאָס לעבן. מיר האָבן אויך געוווסט, אַז אונדזער קריג וועט זיין נישט בלויז קיין מיליטערישער. די כוחות־פאַרהעלטענישן פון פּי־זישן שטאַנדפּונקט זענען נישט געווען גלייך. מ'וועט מוזן לייגן אויפן וואָגשאָל אויך אַנדערע פאַקטאָרן, און איינער פון זיי וועט זיין דער פּאָליטישער פאַקטאָר. דאָס וועט זיין אַ פּאָליטישער קריג, געפירט מיט מיליטערישע מיטלען. דעריבער וועט נויטיק זיין פּערמאַנענטע פּאָליטישע אויפקלערונג, וואָס וועט באַגלייטן די מיליטערישע אַקציעס. אַ גרינטלעכע אויפקלערונג פון פאָראויס וועט קלאָר מאַכן פאַר אַלעמען פאַרוואָס ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע מיליטערישע שריט. אַזוי איז געבוירן און פאַרעפנטלעכט געוואָרן די לאַנגע פּראָקלאַמאַציע, וואָס מיר האָבן זי אַ נאָמען געגעבן אין אונטערגרונט:

— „פּאַלאַווראַ“.

פאַר די שפּאַניש־ריידנדיקע פעלקער האָט דער אויסדרוק פּ אַ ל אַ ו ו ר אַ אַ פּשוטע באַדייטונג: אַ וואָרט. אין די פּאַרלאַמענטן פון די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער גיט דער פּרעזידענט דאָס וואָרט מעלדנדיק: די פּאַלאַווראַ האָט דער און דער סעניאָר! אָבער ס'איז באַקאַנט, אַז אַפילו פּשוטע ווערטער באַקומען אין געוויסע היסטאָרישע תקופות און אין געוויסע פּלעצער אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג. אויך דאָס וואָרט „פּאַלאַווראַ“ האָט דורכגעמאַכט נישט נאָר געאָגראַפישע, נאָר אויך לינגוויסטישע גלגולים. אין געוויסע ערטער הייסט עס לאַנגע פּלוידעריי, האַקן אַ טשייניק, סתם אַ וואָרט.

די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער האָב איך באַזוכט ערשט נאָכדעם ווי איך בין אַרויס פון קאָנספּיראַציע. דאָרט האָב איך געהערט דאָס וואָרט „פּאַלאַוו־ראַ“ אין זיין פּשוטער באַדייטונג, אין איינעם פון די פּאַרלאַמענטן האָט מען מיר אַפילו צוגעטיילט די „פּאַלאַווראַ“, כדי צו האַלטן אַ רעדע אין העברעאיש. ווען איך בין אַראָפּ אין אונטערגרונט האָב איך גאָרנישט געוווסט אַז ס'עקזיס־טירט אַזאַ פיל־באַדייטנדיק וואָרט. מיינע פריינד האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז

נישט זיי האָבן דערפֿינדן דעם פּראַקטיקן צונאָמען. ס׳האָט אים דערפֿינדן דער דרוקעריי־אײַנהאָבער, אַ ספּרדישער ייִד, וואָס איז משך פֿון לאַנגע יאָרן האָט ער געדרוקט פּאָר אונדז, מיט דער הילף פֿון זײַנע פֿליסיקע זין, אומלעגאַלע ליטע־ראַטור. אין אָנהייב האָט ער זיך, פֿאַרשטענדלעך, אַביסל געשראָקן, זיך באַ־קלאָגט אַז מ׳גיט אים צופֿיל מאַטעריאַל, און געוואָלט פּטור ווערן פֿון דעם ווי צום שנעלסטן.

די צרה איז אָבער געווען, וואָס אויב אפֿילו דער דרוק־אייגנטימער האָט צו־ליב זײַן באַרעכטיקטן אינטערעס דערפֿינדן דעם ביטולדיקן נאָמען, האָבן זיך מיט אים אידענטיפֿיצירט פֿיל מענטשן, פֿרעמדע און פֿרײַנד. קיינער האָט זיך נישט באַצויגן ערנסט צו דער פּראָקלאַמאַציע. קיינער האָט נישט געגלויבט אין איר פֿאַרווירקלעכונג. צו מײַנע אויערן זענען דערגאַנגען פֿאָלגנדיקע קאָמפּלימענטן: „בעגין איז אַ רעדנער. ער איז אַראָפּ אין אונטערגרונט. דאָרט וועט ער שוין מער נישט קענען רעדן. דעריבער האָט ער אָנגעהויבן „רעדן צו די ווענט״. ס׳איז נישט ערנסט. „פּאַלאַוורא״!

ווײַזט אויס, אַז אויך די ענגלענדער האָבן אַזוי געטראַכט. צווישן די צווייפֿ־לער איז אויך געווען ווילקין, דער באַקאַנטער דעטעקטיוו־אָפֿיציר, וואָס די ייִדן האָבן אים צוגעגעבן אַ „ס״ צו זײַן נאָמען און אים גערופֿן „ווילקינס״. דער דאָ־זיקער ווילקין איז געווען אַ כיטרער פֿוקס און איינער פֿון די ווייניקע ווירקלעך פֿעיִקע צווישן די בריטישע דעטעקטיוון. פֿון אַ פּראָסטן פּאָליציסט האָט ער אַוואַנ־סירט און איז געוואָרן אַ הויכער אָפֿיציר. ער האָט אויסגעצייכנט באַהערשט העב־רעאיש און געקענט די געזעצן פֿון פּסיכאָלאָגיע. ווען ס׳פֿלעגט אַרײַנפֿאַלן אין זײַנע הענט אַ „פֿאַרדעכטיקטער״ מענטש, פֿלעגט ער אָנהייבן זײַן אויספֿאָרשונג מיט אַן איבעראַשנדיקער פֿראַגע:

— צו וועלכער אָרגאַניזאַציע געהערסטו, צו אצ״ל אָדער צו די שטערניסטן?

און אויב דער יונגער בחור פֿלעגט זיך שנעל אָריענטירן און ענטפֿערן, אַז ער געהערט נישט צו די און נישט צו די, פֿלעגט ווילקין זיך צעבייזערן מיט אַן „אויפֿריכטיקן״ כעס:

— וואָס? דו ביזט אַ פֿאַררעטער? היטלער שעכט אויס די ייִדן אין איי־ראָפּע, דער ווײַס־בוך איז געבליבן אין קראַפֿט און דו טרעטסט נישט צו צו קיין אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע?

נישט שטענדיק האָט זיך עס דעם קלוגן פֿאַרשוין אײַנגעגעבן, אָבער ס׳זע־נען געווען אַזעלכע, וועלכע זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין נעץ...

ווען דער אונטערגרונט האָט שטאַרק אינטענסיפֿיצירט אונדזער מל־חמה, האָט ווילקין ווײַטער אַוואַנסירט און איז איבערגעפֿירט געוואָרן אין דער פּאָליציי־צענטראַלע אין ירושלים. דאָרט האָבן אים אַוועקגעלייגט לח״י־מיט־גלידער. ווילקין איז געווען אַן עקלהאַפֿטער סאַדיסט און אַ געפֿערלעכער פּאָלי־ציי־אַגענט, וואָס האָט זיך מיט זײַן כיטרעקייט פֿאַרמאָסטן אויף אַלע ייִדישע

כוחות. ווען ס'איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג, אין דער תקופה פון דער ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג, האָט מיר ישראל גלילי, פון די „הגנה"־פירער געזאָגט, אַז די „הגנה" האָט געדאַרפט „ליקווידירן" ווילקינען, נאָר די „הגנה" האָט גע־האַט מזל און איר אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט אַנדערע הענט. ס'איז נישט דאָס איינציקע מאָל...

ווען עס איז דערשינען אונדזער לאַנגע פּראָקלאַמאַציע „צום יידישן פאָלק אין ציון", האָט מען מיטגעטיילט ווילקינען, אַז עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע צרה, אַז דער ארגון צבאי לאומי האָט פּראָקלאַמירט קריג קעגן דער בריטישער הער־שאַפט און רופט צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. ווילקין איז געבליבן קאַלט. ווען ער האָט געהערט, אַז אונטער דער פּראָקלאַמאַציע איז אונטערגעשריבן דער „ארגון צבאי לאומי", האָט ער געמאַכט אַ האַנט־באַוועגונג פון ביטול און נישט אין זיין פיינעם העברעאיש אַ זאָג געטאָן, מיט אַ פולשטענדיקער זיכערקייט: There is nothing to worry about. („ס'איז נישטאָ קיין סיבה צו זיין באַ־זאָרגט").

אַזוי איז אונדזער אויפשטאַנד־פּראָקלאַמאַציע אויפגענומען געוואָרן פון יידן און ענגלענדער צוגלייך. מיט פיל שפּאָט. ווייניק פּאַרטרויען. פּאַלאַווראַ. אָבער מיר, אין דער טיפעניש פון אונטערערד, אין וועלכער מיר זענען אַראָפּ כדי אַרויפצוגיין צום באַפרייאונגס־קאַמף, מיר האָבן געוווּסט אַז דער רוף איז זייער אַן ערנסטער. מיר זענען אַרויף אויפן שליאַך פון אַלע אונטערדריקטע פעל־קער, וועלכע ווילן לעבן. די צוויי גורלדיקע ווערטער, וואָס האָבן געמאַכט גע־שיכטע, זענען אַרויס פון אונטער דער פעדער אין דער ארץ־ישראלדיקער לופט: „פרייהייט אָדער טויט". צוויי פשוטע און גרויסע ווערטער! איצט איז שוין נישטאָ קיין וועג צוריק. אַ שווערער שטיין איז אַראָפּ פון האַרצן. וואָס אַן אמת, די זאָרג האָט נישט אויפגעהערט: זי האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן. ווען וועלן מיר קומען צום ציל? און וויפיל קרבנות וועלן מיר דאַרפן מקריב זיין פאַר דעם? בלוט... פאַראייניזאַמטע משפּחות... פאַרלאָזענע קינדער... געפאַלענע זין... פאַראומגליקלעכטע מאַמעס... גאָט, ווי גרויס איז די אחריות!

— אָבער וואָס פאַר אַ ספקות זענען דאָס? וואָס פאַר אַ טעם האָבן מעמאָ־ראַנדומס? וואָס העלפן רעדעס? אויב דו וועסט גיין אין וואַלד, און אַ וואָלף וועט דיך באַפאַלן, צי וועסטו פּרובירן אים איבערצייגן, אַז ס'איז נישט שיין צו צערייסן, אַז דו ביזט אַ גוטער מענטש, אָדער אַז ער איז נישט קיין וואָלף, נאָר אַ כשר שעפעלע? צי וועסטו דאָס אים שרייבן? מענטשן קינד, דו האָסט אַ וואָלף פאַר דיר. מאַך נישט קיין חשבונות. אויב דו האָסט אַ ביקס, ש י ס. האָסטו אַ מעסער, שטעך. האָסטו ציין, בייס. האָסטו נעגל — שטעך זיי אַריין. פאַרטיידיק זיך, גרייף אָן, קעמף. פלוידער נישט, למען־השם, ווייל איידער דו וועסט נאָך ענדיקן דיינע שיינע רעדע, וועט ער דיך אויפפרעסן און פאַרשלינגען.

— יאָ, ס'איז נישטאָ קיין אַנדער וועג. אויב מיר וועלן נישט קעמפן, וועלן

מיר אויסגעראָטן ווערן. אויב מיר וועלן קעמפן, וועלן מיר געראַטעוועט ווערן. אַ סוף צו די ספקות. מיר וועלן מלחמה האַלטן אויף אונדזער ערד. פאַר אונדזער פאָלק, גאָט, פאַרלאָז אונדז נישט!

דעקאַרט האָט געזאָגט: איך טראַכט, דאָס הייסט איך עקזיסטיר! דער געדאַנק פון גרויסן פילאָזאָף איז זייער אַ טיפער. אָבער עס זענען פאַראַן תקופות אין דער געשיכטע פון אַ פאָלק, ווען דאָס טראַכטן אַליין באַווייזט נאָך נישט זיין מענטשלעכע עקזיסטענץ. „דאָס פאָלק טראַכט" און זיינע זין, מיט זייערע מחשבות, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ סטאַדע קנעכט, אָדער — ז יי ף מאַכט מען פון זיי. ס'זענען דאָ צייטן, ווען דיין גאַנץ וועזן זאָגט: דיין כבוד אַלס מענטש ליגט אין דיין קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס!

מ י ר ק ע מ פ ן, ע ק ז י ס ט י ר ן מ י ר ב כ ן!

מיר זענען אַרויס אין קריג.

די לאָגיק פון אויפשטאַנד

דער אויפשטאַנד נעמט אַרויס די איניציאַטיוו פון די אַראַבער. — דער בריטישער פּרעסטיזש איז ווי שפּינוועבס. — ווי מיר האָבן זיך מיט איין מאָל איינגעשאַפט אַמעריקאַנישע און רוסישע הילף. — די אויפשטענדלער האָבן געקעמפט אַליין און געזיגט אַליין. — די רעוואָלטירנדיקע ארץ־ישראל און די וועלט־סטראַטעגיע פון די גרויסמאַכטן. — ווי די בריטישע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט באַקומען קלעפּ.

— א. —

עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן די אויפשטענדלער האָבן געשעפּט זייערע כוחות, איז געווען דאָס נאַטירלעכע געפיל. די מיינונג, אַז דער אויפשטאַנד איז געווען בלויז אַ „העלדן־אַוואַנטורע“ פון „פאַר־יאושטע“, וואָס האָט זיך צופעליק פאַרענדיקט נישט מיט קיין מפּלה אָדער אַן אומגליק — אַזאַ מיינונג איז נישט נאָר אַ טעות, נייערט אַן אומזין.

דער אויפשטאַנד האָט זיך באַזירט נישט נאָר אויף אַ נאַטירלעכן געפיל, נאָר אויך אויפן געזונטן שכל, אויף אַ פּאָליטישער לאָגיק. פון געפיל איז געבוירן געוואָרן די גבורה. די לאָגיק האָט געשאַפן די סטראַטעגיע. די סטראַטעגיע האָט פאַרזיכערט דעם נצחון.

שוין אין די ערשטע עטאַפּן פון אויפשטאַנד האָבן מיר דערגרייכט אַ וויכטיקן סטראַטעגישן ציל: מיר האָבן פון שפּיל אַרויסגענומען דעם לאָקאַלן אַראַבישן פאַקטאָר. קרוב צו צוואַנציק יאָר האָבן די אַראַבער געהאַט די מיליטעריש־פּאָליטישע איניציאַטיווע; גענויער, אין דער גאַנצער „מאַנדאַט“ תקופה האָבן די ענגלענדער געשטויסן די אַראַבער צו נעמען די איניציאַטיוו אין זייערע הענט. „דזשאָן“ האָט עס געדאַרפט האָבן, כדי צו קענען פון איין זייט טענהן אַז מ׳טאָר נישט אַריינלאָזן צופיל יידן אין ארץ־ישראל און פון דער אַנדערער זייט, אַז ער זיצט אין ארץ־ישראל נאָר כדי „צו שיצן די דאָזיקע יידן“. די געשיכטע איז באַ־

קאַנט. די שחיטה אין ירושלימער אַלטשטאָט אין 1920, דער רצחנישער אָנפאַל אין יפו אין 1921. די בלוט־באָד אין 1929, די אומאויפהערלעכע אָנגריפן אין 1936. דער פסיכאָלאָגישער רעזולטאַט פון די איינזייטיקע אַטאַקעס איז געווען אַ פאַטאַלער, ניט ווייניקער פאַטאַל ווי דער פּאָליטישער רעזולטאַט. די אַראַבער, אויף וועלכע עס איז שווער צו זאָגן אַז זיי זענען אָנגעשטעקט מיט פחדנות, אָבער נאָך שווערער איז צו זאָגן, אַז זיי צייכענען זיך אויס מיט פיל מוט, — זיי האָבן אָנגעהויבן ערנסט טראַכטן וועגן יידן אַלס „וולד אל מות״, און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט דער זעלביקער ערנסטקייט חלומען וועגן אַן אַלגעמיינער שחיטה: „איטבח אל־יהוד״. אין דער וועלט האָט זיך איינגעוואָרצלט די מיינונג, אַז די יידן אין ארץ־ישראל, ווי אומעטום, זענען בלויז אַ לאַסט פאַר די פרעמדע זיכער־הייטס־כוחות. אומגליקלעכע? יאָ. גערעכטע? אפשר. אָבער אומגליקלעך איז די גערעכטיקייט, אויב מ׳קען זי שעכטן מיט אַ מעסער פון אַ פּרא־אדם.

דער אויפשטאַנד האָט געמאַכט אַ סוף צום דאָזיקן עקלהאַפטן און געפּער־לעכן קאַפּיטל. די מיליטעריש־פּאָליטישע איניציאַטיווע איז אַריבער צו אונדז אין די הענט, די ענגלענדער, וועלכע זענען אָנגעגריפן געוואָרן דורך יידישע אויפשטענדלער, האָבן מער נישט געקענט זאָגן, אַז זיי זיצן אין ארץ־ישראל כדי צו שיצן די יידן. די אַראַבער האָבן שנעל פאַרגעסן וועגן די „קינדער פון טו״ט״ און אָנגעהויבן זיך צו באַציען מיט גרויס רעספּעקט צו דער יידישער „דזשעדא״. די דערגרייכונג איז געווען אַן אומדירעקטע, אָבער זייער אַ פּראַקטישע. די אַראַ־בער האָבן פאַרלאָרן די מיליטערישע איניציאַטיוו. בעסער געזאָגט: די ענגלענ־דער האָט זיך שוין מער נישט איינגעגעבן צו שטויסן די אַראַבער ווידער איבער־צונעמען די איניציאַטיוו כדי אָנצוגרייפן. און מ׳קען נישט זאָגן, אַז די ענגלענ־דער האָבן נישט פּראָבירט. גראָד פאַרקערט, אין אַלע יאָרן פון אויפשטאַנד האָבן זיי געטאָן וואָס זיי האָבן געקענט כדי צו פאַרוואַנדלען דעם יידיש־בריטישן קריג אין אַ יידיש־אַראַבישער מלחמה. די אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן פון דער „הגנה״ און פון ארגון צבאי לאומי האָבן נישט איינמאָל דערציילט וועגן באַזוכן פון ברי־טישע אַגענטן אין אַראַבישע דערפער און וועגן די רעדעס וואָס די אַגענטן האָבן געהאַלטן, כדי צו באַוועגן די אַראַבער אָנצוהייבן „אַביסעלע צו שעכטן״. די העצע איז נישט געלונגען. די אַראַבער האָבן זיך נישט גערירט. די בריטישע פּאָליטיק האָט באַקומען אַ קלאַפּ ממש אין האַרצן. אַ חשובער בריטישער קאָ־מאַנדיר, גענעראַל ד׳ארסי, האָט געמוזט שאַפן אַ נייע טעאָריע וועגן דער ברי־טישער מיסיע אין ארץ־ישראל. ער האָט געזאָגט דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, אַז אויב די ענגלענדער וואָלטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָלטן די יידן פאַרנומען גאַנץ ארץ־ישראל. דאָס הייסט, אַז די ענגלענדער מוזן בלייבן אין ארץ־ישראל, כדי צו שיצן די אַראַבער קעגן די יידן... אַ נייע ליד האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן צו זינגען.

ביים אָנהויב פון אויפשטאַנד האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען מיט

מיינע אייגענע אויגן ווי גרויס עס איז די פסיכאָלאָגישע ווירקונג ביי די אַראַבער צוליב אונדזערע איבעראַשנדע אָנגריפן אויף די ענגלענדער. אַ טאָג נאָכן דריי־פאַכיקן אָנגריף אויף די פּאָליציי־קאָמענדעס אין ירושלים, חיפה און יפו, בין איך געפאָרן פון תל־אביב אין ירושלים. פאַר זיכערקייט — ס׳איז געווען אַ סך לייכט־זיניקייט אין דער גאַנצער רייזע — זענען מיר אַרויסגעפאָרן, צוזאַמען מיט אַ חבר פון „ספרדישן" אָפּשטאַם, אין אַן אַראַבישן אויטאָ. אויפן וועג האָבן אונדז עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט בריטישע פּאָליציי־פּאַטרולן. אָבער אין דער זעלביקער צייט ווען די רעוויזיעס אין די יידישע אויטאָס זענען געווען זייער שטרענגע, איז די דורכזוכונג אין אַראַבישן „לאַיאַלן" אויטאָבוס געווען בלויז אַן אויבער־פלעכלעכע. די דאָקומענטן זענען געווען אין אָרדענונג. מיר זענען דורך. לויט ווי מיין חבר, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַראַביש, האָט מיר דערציילט, איז די איינ־ציקע טעמע פון די געשפּרעכן וואָס די אַראַבישע שכנים האָבן צווישן זיך גע־פירט אין אויטאָבוס, איז געווען — די אַטאַקע אויף די רעגירונגס־צענטערן. די אַראַבער זענען געווען דערשטוינט און פול מיט התפעלות. זייער פאַנטאַזיע, אָגב נישט קיין אָרימע, איז אויפגעפלאַקערט געוואָרן. ס׳איז שוין מער נישטאָ קיין פּאָליציי — האָבן זיי געזאָגט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט האָבן מיר געזען ווי אַ רי־זיקע מאַסע פון פיל טויזנטער אַראַבער שטייט אויפן פּלאַץ פון באַרקלייס באַנק ביז דער פּאָסט־געביידע, און באַטראַכטן פון דערווייטנס דעם חורבן אין הויפּט־שטאַב פון דער בריטישער פּאָליציי. מיר האָבן זיך גוט איינגעקוקט אין די אַראַ־בער. דערשטוינונג איז געלעגן אויף זייערע פּנימער. „שמשון" האָט זיך אַביסל צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכן. דערשטוינונג געמישט מיט שרעק און באַגייס־טערונג איז געווען אין זייערע רייד. און אַזוי איז עס געווען נאָך אַלע ווייטער־דיקע אָנגריפן. אַ „פּילגרים" באַוועגונג איז תמיד אַנטשטאַנען צווישן די אַראַבער. מאַסנווייז פלעגן זיי שטראָמען פון די דערפער אין שטאָט אַריין צו די פּלעצער, ווו מיר האָבן אָפּגעשטאָט וויזיטן ביי די אונטערדריקונג־כוחות און זייערע בניי־נים זענען געפלויגן אין דער לופטן, אָדער — ווי איינער פון די בריטישע פאַר־לאַמענט־מיטגלידער האָט זיך אויסגעדריקט: „מיר האָבן די בנינים אַוועקגע־לייגט אויפן גאַס".

אין יענער תקופה האָבן מיר זיך געווענדעט אויך צו די אַראַבער אין זייער שפּראַך. טויזנטער אויפרופן אונדזערע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן, סיי דורך אונ־דזערע בחורים וואָס זענען ענלעך געווען אויף אַראַבער, און סיי דורך אַראַבישע פריינד. די אַראַבער קענען טאַקע נישט קיין סך לייענען, אָבער זייער נייגערי־קייט פאַר די רייד פון אונטערגרונט איז געווען אומגעהויער. איינער, וועלכער האָט געקענט לייענען און שרייבן, האָט פאַרגעלייענט אויפן קול, און אַלע אַנ־דערע האָבן זיך צוגעהערט צו אונדזערע רופן, וואָס דער וויכטיקסטער פון זיי איז דערשינען אין פרילינג 1944, ער האָט צווישן אַנדערע געזאָגט:

...אָבער איר זאָלט זיך היטן נישט צו הערן די עצות פון די העצער. פּרו־בירט נישט אויפצוהייבן אייער האַנט אויף יידישע לעבנס, אָדער אויף זייער פאַרמעגן, ווייל אויב, אין קעגנזאַץ צו אייער נאַציאָנאַלן און פּערזענלעכן אינ־טערעס, איר וועט אַמאָל אויפהייבן אַ האַנט אויף אונדז — וועלן מיר זיין גע־צוווּנגען זי אָפּצוהאַקן מיטן כוח פון אונדזער געווער...

...מיר שטרעקן אייך אויס אַ האַנט צו פרידן און ברידערלעכקייט. וואַרפט זי נישט אָפּ!...

אָבער ווי גרויס ס׳זאָל נישט זיין די השפּעה פון פּראָקלאַמאַציעס, איז קיין ספק נישט, אַז מעשים ווירקן מער: דער לעבעדיקער עדות פון דער מלחמה מיט די ענגלענדער. דער פאַקט אַז די אַלמעכטיקע רעגירונג קען נישט אָפּשטעלן אונ־דזער קריג, און זי באַקומט אַלץ מער קלעפּ, דאָס האָט געהאַט אַ דירעקטע געזונ־טע השפּעה אויף די אַראַבער. זייער אייגענע פאַנטאַזיע האָט געטון די אַנדערע העלפט אַרבעט.

די אַראַבער האָבן נישט בלויז אונדז נישט געשטערט געבן קלעפּ דער ברי־טישער מאַכט, נאָר האָבן אונדז נאָך געהאָלפן. די הילף האָט אונדז וואָס אַן אמת געקאָסט געלט, אָבער זי איז געווען נוצלעך. אַ באַדייטנדיקן טייל פון ביסל געווער וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר געקויפט ביי אַראַבער. איידער מיר האָבן אַליין אָנגעהויבן פּראָדוצירן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב אויפרייס־מאַטעריאַל, האָבן מיר דעם גרעסטן טייל פון ט. נ. ט. — אויסער דעם וואָס מיר האָבן „גע־באָרגט״ פון די ענגלענדער אויף נישט אָפּצוגעבן — באַקומען פון אַראַבישע „צו־שטעלער״.

אין שפּעטערדיקן עטאַפּ פון אויפשטאַנד זענען צו אונדז געקומען פאַר־שטייער פון באַקאַנטע אַראַבישע שבטים און האָבן פאָרגעשלאָגן אַ „געמיינזאַ־מען קריגס־פראָנט״ קעגן די ענגלענדער. זיי האָבן נאָר געבעטן געוויסע געלט־סומעס אָנצוהייבן די קריגס־פּראָפּאַגאַנדע צווישן זייערע ברידער. מיר האָבן באַדויערט וואָס מיר האָבן נישט געקענט דערפילן דעם ווונטש פון אונדזערע שכנים. מיר האָבן געהאַט געלט, כאָטש נישט שטענדיק, אויף צו קויפן אויפ־רייס־מאַטעריאַל ביי די אַראַבער, כדי אים אויסצונוצן קעגן די אונטערדריקער. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין געלט אויף פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַראַבער, כדי צו פּרוּוון, אפשר אומזיסט, זיי צו וואַרפן קעגן די ענגלענדער. אינצווישן האָט זיך אונטערגערוקט די שעה פון אַנטשיידונג.

נאָר ווען ס׳איז געפאַלן די פּאָליטישע דעציזיע וועגן ארץ־ישראל, אַ דע־ציזיע וואָס איז דאָס מאָל געקומען אַלס דירעקטער רעזולטאַט פון יידישן אויפ־שטאַנד, און די אַראַבער האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף די באַשלוסן, האָבן זיי פּרובירט אויפצוהייבן אַ האַנט אויף אונדז. זיי האָבן עס געטון, ווייל די ענגלענדער האָבן זיי צוגעזאָגט און געגעבן דירעקטע הילף און באַזונדערס, ווייל מ׳האָט זיי צוגעזאָגט, אַז די רעגולערע אַראַבישע אַרמייען וועלן

אַריינגעוואָרפן ווערן אין שלאַכט, וועלן פאַרניכטן די יידן און די זיגרייכע אַראַ־בער איבערגעבן תל־אביב. אָבער אין דער תקופה פון די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 30טן נאָוועמבער 1947 און אויך זייט דער אינוואַזיע פון 15טן מאַי 1948 האָט ביי די אַראַבער געווירקט די באַציאונג פון רעספּעקט געמישט מיט שרעק, וואָס דער יידישער וואָפן האָט זיך דערוואָרבן ביי די אַראַ־בישע שבטים אין די אויפשטאַנד־יאָרן. אמת טאַקע, אין אַ פראָנט־אַטאַקע דע־צידירט דער כוח. אָבער כוח איז אַ קאָמפּליצירטער באַגריף. דער פיזישער פאַק־טאָר אַליין איז נאָך נישט קיין כוח. זעעלישע און פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן זענען וויכטיקע יסודות, טיילמאָל מער דעצידירנדיקע ווי אַ קעמפנדיקער כוח. איינער פון זיי איז די לעגענדע, וועלכע גייט פאָרויס פאַרן קעמפנדיקן כוח — אַז ער איז אַ דעראָבערער, אַ זיגער, אַן „אומבאַזיגטער" א. ד. גל. דער יידישער אונטערגרונט האָט געשאַפן די לעגענדע פון יידישן כוח. די לעגענדע, וואָס איז אַנטשטאַנען אייניקע יאָרן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, האָט דערפילט אַ וויכטיקע ראָל אין אָ פּ ה אַ ל ט ן ד ע ם א י נ וו אַ ז י ע ־ כ ו ח און אין אָנוואַרפן די שרעק פון יידישן געווער אויף די סאָלדאַטן פונעם שונא.

איך האָב נישט בדעה פון דער רעזומע אַרויסצונעמען די „הגנה", וועלכע האָט דערפילט אַ היסטאָרישע ראָל אין העלדן־קריג קעגן די אינוואַזיע־אַרמייען, ביז ס'איז געשאַפן געוואָרן די ישראל־אַרמיי, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע מי־ליטערישע אָרגאַניזאַציעס. נאָר זאָל מען אונדז נישט דערציילן, אַז דער עצם עקזיסטענץ פון דער „הגנה" האָט פאַרמיטן די איבערחזרונג פון דעם קאַפּיטל 1936 — 1939 אין די יאָרן 1944 — 1948. די אַראַבער האָבן טאַקע געהערט וועגן די „צענדליקער טויזנטער" ביקסן, וואָס אימיצער האָט אַריינגעלייגט אין די הענט פון דער „הגנה" אָבער זיי האָבן געדענקט איר שטעלונג אין די „הבלגה" טעג. דער זכרון פון יענע טעג האָט זיי נישט געקענט איבערשרעקן. אין אַ גרעסערער מאָס האָט אויף זיי געקענט אָנוואַרפן אַ מורא דער זכרון וועגן די אָנ־גריפן פון ארגון צבאי לאומי, אויסגעפירטע אונטער דער לייטונג פון דוד רזיאל. אָבער אויך זיי וואָלטן, נאַטירלעך, פאַרגעסן געוואָרן ווען די יידן וואָלטן איבער־געלאָזט די איניציאַטיוו צו די ענגלענדער, וואָס וואָלטן זי נאָכדעם איבערגע־געבן די אַראַבער.

ס'איז אמת, אַז די „הגנה" האָט גענאָסן פון אַ גרויסן פּרעסטיזש ביי די אַראַבער, כאָטש זי איז נישט געווען טעטיק פיל יאָרן. אָבער דעם דאָזיקן פּרעס־טיזש האָט די „הגנה" באַקומען אויפן סמך פון אַ „קל וחומר" וואָס די אַראַבער האָבן געמאַכט שטייענדיק דערשטוינטע אַנטקעגן די געלונגענע קלעפּ פון די אויפ־שטענדלער קעגן די בריטן. די אַראַבער האָבן דאָס פאַרטאַפּלט: זייער פאַנטאַזיע האָט פאַרדרייפאַכט, אָדער פאַרצענפאַכט: אויב די „דיסידענטן" זענען אַזאַ כוח; אויב די ענגלענדער קענען זיך נישט אַן עצה געבן מיט די אויפשטענדלער (וועל־כע זענען ווייניקע) — ווי גרויס איז דער כוח פון די „זיבעציק טויזנט"?

די לעגענדע פון יידישן כוח איז שטאַרקער געוואָרן מיט יעדן נייעם אָנגריף קעגן דער אונטערדריקונגס מאַכט. דער אויפשטאַנד האָט געבראַכט צו דער „נייטראַליזאַציע" פון אַראַבישן פאַקטאָר, וועלכער איז פּאַראַליזירט געוואָרן נאָך איידער די ענגלענדער איז געלונגען אים אָנצווענדן קעגן אונדז. און ווען די אַראַבער האָבן „פּרובירט" מיט אונדז זיך צו פאַרמעסטן, איז שוין געווען צו שפּעט. די האַנט פון די אַראַבישע אָנפאַלער איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, אַזוי ווי מיר האָבן זיי געוואָרנט אין 1944 און די ערשטע פאַרמעסטונג האָט זיך פאַרענ־דיקט, כאָטש פאַרן פּרייז פון פיל קרבנות, מיטן נצחון פון יידישן געווער.

— ב. —

„דאָס פאַרזיכערן דעם „פלאַנג" אין דער תקופה פון אַנטי־בריטישן אויפ־שטאַנד, איז געווען אַ וויכטיקע סטראַטעגישע דערגרייכונג. אָבער, ווי געזאָגט, דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אומדירעקט. די סטראַטעגיע פון אויפשטאַנד איז גע־ווען געלענקט קעגן די ענגלענדער. מיר האָבן דערגרייכט דירעקטע צילן, ווייל מיר האָבן געבויט די ספּעציפישע סטראַטעגיע פון יידישן אויפשטאַנד אויף דריי מעכטיקע יסודות: אויף קענען־לערנען די הערשאַפט־מעטאָדן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אין פרעמדע לענדער; אויף דעם קענען די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און אויפן לערנען די לאַגע פון בריטאַניע נאָך דער וועלט־מלחמה.

די ענגלענדער האָבן אַ פיל הונדערטער יעריקע פּראַקטיק פון הערשן איבער פרעמדע פעלקער, באַזונדערס איבער צוריקגעשטאַנענע פעלקער. מיר האָבן גע־לערנט, זיך צוגעקוקט און פאַרשטאַנען, אַז אין אַלגעמיין מיידן די ענגלענדער אויס צו הערשן דורכן אָנווענדן זייער כוח, נאָר זיי באַמיען זיך צו הערשן מיטן פּ ר ע ס ט י ז ש פון זייער כוח. זיי ווייסן, אַז ס'איז נישט באַקוועם צו זיצן אויפן באַגנעט. ס'איז בעסער צו זיצן אין שאָטן פון באַגנעט. פאַרשטענדלעך, זענען די ענגלענדער גרייט, אויב די שלעכטע פעלקער צווינגען זיי דערצו, צו שטעכן מיטן באַגנעט אומברחמנותדיק. אָבער זייער לאַנגע פּראַקטיק לערנט זיי, אַז די שטעכ־וווּנדן האָבן אַ מאָדנע נאַטור: זיי באַרואיקן נישט, נאָר זיי פאַרשאַפן ווייטיק און וואָס ס'איז נאָך ערגער — זיי ברענגען, פריער אָדער שפּעטער, צו קעגן־קלעפּ. דאָס האָבן די ענגלענדער אינגאַנצן נישט ליב. דאָס איז זייער נאַטור. דעריבער, ווען זיי באַקומען צו אָפטע און צו שטאַרקע קלעפּ, הייבן זיי אָן זוכן אַן אויסוועג. דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון אַ רייכער קאָלאָניאַלער פּראַקטיק. צו וואָס די אַלע קאָפּ און קערפּער ווייענישן? מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פון אַ דירעקטער הער־שאַפט און אָנשטאַט דעם בעסער שאַפן אַן אומדירעקטע בריטישע אַדמיניסטראַ־ציע. אָנשטאַט אַ קאָמענדאַנט — אַ „ראַטגעבער". אָנשטאַט אַ רעפּרעזענטאַנט — אַן „אַמבאַסאַדאָר". מ'גייט אַרויס דורך דער טיר, און מ'קומט צוריק דורכן פענצטער.

די געשיכטע פון מיטעלן מזרח, פון אינדיע און וייטן אָריענט, אין די לעצטע צוויי דורות, זענען אַ לעבעדיקער באַוויז פון ענגלישן סיסטעם אין אַלע זיינע עטאַפּן.

זינט מיר האָבן אַנטפּלעקט דעם שוואַכן פּונקט פון דער אונטערדריקונגס־מאַכט, האָבן מיר זי שוין מער נישט געלאָזט צורו. אין אַלע יאָרן פון אויפשטאַנד האָבן מיר געגעבן קלעפּ דעם בריטישן פּרעסטיזש. מיר האָבן געגעבן קלעפּ בכוונה, אָן רחמנות און אומדערמידלעך.

אונדזערע אָפּטע אָנגריפן זענען געווען על־פּי־רוב געלונגענע. אָבער ס׳זענען אויך געווען אַנגריפן וועלכע זענען דורכגעפאַלן. פון די דורכפאַלן האָבן מיר געלערנט ווי זיי צו פאַרמיידן אין דער צוקונפט. מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז דאָס זענען בלויז טעכנישע שטרויכלונגען. פּאָליטיש איז יעדער אָנגריף אַ דערגרייכונג. און ס׳זענען געווען מיליטערישע אָנגריפן, וועלכע האָבן באַזונדערס געשעדיקט דעם בריטישן פּרעסטיזש. צו זיי געהערט אין דער ערשטער ריי דער אויפברוך פון דער עכוער תפיסה, וואָס האָט געצוווּנגען דעם הויפּט פון דער מאַכט צו פאַרעפנטלעכן אַ הילפסלאָזן פאַרענטפערונגס־דאָקומענט, אין וועלכן ער האָט מודה געווען דייטלעך און עפנטלעך, אַז ער איז נישט בכוח צו פאַרניכטן דעם קעמפנדיקן אונטערגרונט און פאַרמיידן זיינע אָנגריפן.

אָבער אין דער אויפשטאַנד־תקופה זענען געווען, ווי מיר וועלן נאָך ווייטער דערציילן, געשעענישן און טאַטן, גרויסע און קליינע און נישט נאָר מיליטערישע, וועלכע האָבן געטראָפן אין די יסודות פון בריטישן פרעסטיזש, אין וואָרצל פון איר הערשאַפט, אפשר אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי אַ סך אפילו זייער געלונגענע מיליטערישע אַקציעס. דער אַרעסט פון בריטישע אָפיצירן כדי צו אַנולירן טויט־„אורטיילן", ווייטערדיקע אַרעסטן פון בריטישע אָפיצירן, וואָס כאָטש זיי האָבן אין אַ געוויסן עטאַפּ נישט פאַרמיטן די דערמאָרדונג פון אונדזערע געפאַנגענע קעמפער, האָבן זיי אָבער דירעקט געבראַכט דערצו אַז די גאַנצע בריטישע באַאַמטנשאַפט איז אַריינגעשטויסן געוואָרן אין די באַרימטע „געטאָס"; דער דורכפאַל פון קריגס־צושטאַנד, דער לעצטער פּרווו פון מאַסן אונטערדריקונג דורך דעם וואָס מיר האָבן אין די באַלאַגערונג־טעג נישט אָפּגעשטעלט אונדזערע אָנגריפן. די שמיץ וואָס בריטישע אָפיצירן האָבן באַקומען פאַרן שמייסן אונדזערע יונגע סאָלדאַטן; תליות ווי ענטפערס אויף תליות — אָט די געשעענישן, וועלכע זענען אָן שום ספק געווען זייער שווערע, שווערע אויך אין אונדזערע אויגן — אָבער זיי זענען געווען אומפאַרמיידלעכע — אָט אַזעלכע געשעענישן האָבן דעם בריטישן פּרעסטיזש אינגאַנצן אַרונטערגעריסן. נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אין גאַנצן מיטעלן אָריענט און אין דער ברייט פון דער בריטישער אימפעריע, אין אַזיע און אין אַפריקע. נישט נאָר צווישן די פאַרשקלאַפטע אונטערטאַנען פון דער ענגלישער קרוין, נאָר ביי אַלע פעלקער און לשונות. מ׳קען זאָגן אָן איבער־

טרייבונג, אַז זייט די בריטישע אימפּעריע עקזיסטירט און אויפשטענדלער האָבן אויפגעהויבן אַ האַנט אויף איר הערשאַפט, האָט זי נאָך נישט באַקומען אַזעלכע פּרעסטיזש־קלעפּ, ווי פון אונדז אין אונדזער קליין לענדל.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלעפּ האָבן זיך נישט איינמאָל געהערט טענות, אַז מיר האָבן געשטעלט אין געפאַר די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, ווייל די ענגלענדער האָבן געקענט, פון אַ נקמה־יצר, אונדז אַלע פאַרניכטן מיטן איבער־וואָג פון זייער געווער. דאָס איז אפשר די וויכטיקסטע פראַגע, וואָס מ׳האָט אונדז געשטעלט. גענעראַל קאַנינגהיים האָט אויך באַרירט דאָס פּראָבלעם אין אויבנדערמאָנטן באַריכט וועגן אויפברוך פון עכוער תפיסה. דער לעצטער ענגלי־שער הויך־קאָמיסאַר, וועלכער האָט אונטערגעשריבן דעם בריטישן באַנקראָט אין אונדזער לאַנד, האָט געטענהט אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל צו פאַרניכטן דעם יידישן אונטערגרונט, ווי דורך אָנווענדן דעם פולן מיליטערישן כוח פון בריטאַניע — טאַנקן, האַרמאַטן, אַעראָפּלאַנען — קעגן דער גאַנצער ציווילער באַפעלקערונג. אָבער דער גענעראַל האָט צוגעגעבן: מיר, בריטן, וועלן דאָס נישט טון. מיר זענען דאָך נישט קיין נאַציס!

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף קאַנינגהיימס דער־קלערונג אָדער אויפן בריטישן יושר. אַזאַ לייכטזיניקייט איז אַ זינד, אָדער נאָך ערגער — אַ נאַרישקייט. מיר האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף דער באַרימטער „בריטישער קולטור״. מיר האָבן געזען די זעקסטע פלי־דיוויזיע, ווי זי האָט גע־ווילדעוועט אין אונדזערע שטעט, דערפער און קיבוצים. מיר האָבן געלייענט די אינערלעכע ליטעראַטור, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די בריטישע סאָלדאַטן; שטרייכער, ווען ער וואָלט דאָס געלייענט, וואָלט געפאָדערט פון די בריטישע רעדאַקטאָרן און שרייבער אַנטשעדיקונג פאַר אָנרירן זיינע אויטאָר־רעכט. אַ סאָלדאַט פון דער זעקסטער פלי־דיוויזיע האָט אָנגעשריבן אויף אַ בויגן פון אונדזער אונטערגרונט־צייטונג „חרות״: “Oh Yee, oh Yee, Hitler killed 6.000.000 Jews, the 6th Airborne will kill 60.000.000, if you don't bloody well behave yourselves”.

(...אייניקע שפּאַט־אויסרופן, און נאָך דעם די „וואָרענונג״: „היטלער האָט געהרגעט זעקס מיליאָן יידן. די זעקסטע דיוויזיע וועט אויסהרגענען 60 מיליאָן, אויב איר וועט זיך נישט אויפפירן ווי געהעריק״).

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש אַז דער מוטיקער און געלערנטער רוצח האָט זיך אונטערגעשריבן אונטער זיין וואָרענונג נאָר מיט די איניציאַלן פון זיין נאָמען...

אָבער צו וואָס אַ באַווייז פון איין סאָלדאַט, כאָטש ער דריקט אויך אויס די מיינונג פון אַ סך פון זיינע חברים. עס ליגט פאַר אונדז אַן אָפיציעלער דאָ־קומענט, אַרויסגעגעבן דורך דער הויפּט־קאָמענדע פון די בריטישע אַרמייען אין מיטעלן מזרח, פאַרן באַנוץ אין ארץ־ישראל. דאָס איז אַן אינסטרוקציע־בראָשור נ׳ 9, וואָס אַנטהאַלט דירעקטיוון ווי זיך צו „דערליידיקן״, ווען נויטיק, מיט צי־

ווילע מאַניפעסטאַנטן. די קאָמענדע פון דער בריטישער אַרמיי האָט אינסטרואירט ווי דורכצופירן אַ מאַסן־שחיטה אונטער דער מאַסקע פון „טרעפן" די העצערס פון דער מאַסע. זי האָט געפאָדערט צו שיסן כדי צו טויטן. אַזוי שטייט עס אין דער באַרימטער בראָשור!

אָט איז דער סיסטעם, לויט וועלכן מ׳דאַרף זיך נוהג זיין:

1. וואָרן דער מאַסע אַז דו וועסט עפענען אַ פייער, אויב זי וועט זיך נישט פונאַנדערגייען.
2. קלייב אויס דריי סאָלדאַטן פון דיין קאָמפּאַניע. לייגאַכט אויף די פירער פון דער מאַסע, וועלכע געפינען זיך, ווי געוויינלעך, נישט אין דער שפּיץ, נאָר העצן פון הינטן. ווייז זיי אָן דיינע סאָלדאַטן ווי אויף אַ ציל צום שיסן. ווען דו האַלטסט, אַז די לאַגע פאַרפּליכטעט עס, גיב זיי אַ באַפעל צו שיסן און שיסן כדי צו הרגענען".

אין דעם גייסט איז דערצויגן געוואָרן די בריטישע אָקופּאַציע־אַרמיי אין ארץ־ישראל. זייער „הומאַניטאַריש". ס׳איז נישט שיין צו שיסן אין אַ המון סתם. מ׳דאַרף געפינען כלומרשט זיינע „מנהיגים". אָבער אויב שיסן, דאַרף מען הרגענען. נישט שיסן אויבן, אין דער לופטן, נישט שיסן אונטן, אין די פיס — נאָר הרגענען".

נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָבן מיר נישט מורא געהאַט, אַזוי ווי ס׳האָבן געציטערט די פאַרשטייער פון די דערשראָקענע „מוסדות", אַז די בריטישע אַרמיי וועט „פאַרניכטן דעם ישוב". צי די ענגלענדער האָבן עס געוואָלט אָדער נישט געוואָלט — זיי האָבן נישט געקענט אָנשטעלן זייערע האַרמאַטן אויף דער ציווילער באַפעלקערונג.

פאַרוואָס האָבן זיי נישט געקענט?

אַ ציווילע באַפעלקערונג, ווען אפילו בלויז פון אייניקע הונדערט טויזנט, פאַרניכטעט מען נישט מיט איינמאָל. ס׳איז נייטיק אַ לענגערער אויסראָטונג־דויער. די ענגלענדער האָבן אין משך פון דער צייט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס וועט שוין מער נישט זיין קיין „איינזייטיקער" פּראָצעס. נישט נאָר פיל יידיש בלוט, נאָר אויך אַ סך ענגליש בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן. פיל מער ווי אין אַלע אָנגריפן פון אונטערגרונט צוזאַמען. דאָס האָבן די ענגלענדער נישט גערן. קאָלאָנעל פּעטערסאָן, דער קאָמענדאַנט פון די יידישע לעגיאָנען, וועלכע זשאַבאָטינסקי האָט געשאַפן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַן ענגלישער אָפיציר פון אירלענדישער אָפּשטאַמונג וואָס האָט געשטעמפּלט ענגלאַנדס פאַרראַט לגבי דעם יידישן פאָלק, האָט אַמאָל געזאָגט אין אַ געשפּרעך מיט די קאָמענדאַנטן פון ארגון צבאי לאומי:

"Remember, the English don't like to be killed"
(געדענקט, די ענגלענדער האָבן נישט ליב געהרגעט צו ווערן!).

מיר האָבן געפונען אַ באַשטעטיקונג אויף פּעטערסאָנס רייד אין אונדזער פּראַקטיק. מיר האָבן געוווּסט, אַז די בריטן מאַכן דעם חשבון, זיי האָבן באַרעכנט, אַז אויב זיי וועלן פּרוּוון צו פאַרניכטן די ציווילע באַפעלקערונג, וועט זיך דער קריג זיכער פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרצווייפלטער נקמה־מלחמה, און זיי וועלן באַצאָלן מיט טויזנטער קרבנות, נאָך איידער זיי וועלן אויספירן זייער פּלאַן. און די ענגלענדער זענען קולטור־מענטשן; זיי האָבן נישט ליב געהרגעט צו ווערן.

חוץ דעם, תל־אביב איז נישט ערגעץ אַ פאַרוואָרפן ווינקל. ארץ־ישראל איז געשטאַנען אין צ ע נ ט ע ר פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַראינטערעסירונג. דאָס האָט געמאַכט דער אויפשטאַנד. ס'איז אַ פאַקט אַז קיין שום פּאַרטיזאַנער־קריג איז נישט געווען אַזוי באַרימט אין דער וועלט ווי אונדזער קריג קעגן די ענגלענדער. אין דער זעלבער תקופה זענען געווען שטאַרקע שלאַכטן אין די גריכישע בערג. אין דער וועלט־פּרעסע האָט מען וועגן זיי געשריבן נאָר עטלעכע שורות. דאַקעגן די ידיעות וועגן אונדזער אויפשטאַנד האָבן פאַרנומען די ערשטע זייטן פון דער גרויסער פּרעסע, באַזונדערס די אַמעריקאַנער, מיט ריזיקע קעפּ. די עפנטלעכע מיינונג אין דער גאַנצער וועלט — נישט נאָר יידן, נאָר אויך גויים — האָט געהאַט פיל אינטערעס אין די קלעפּ וואָס מיר האָבן דערלאַנגט די ענגלענדער אין ארץ־ישראל.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אפילו די אויפטוען פון דער פאַראייניקטער יידישער אַרמיי האָבן אין דער ברייטער וועלט געהאַט ווייניקער עכאָ ווי די אַטאַקעס פון די אויפשטענדלער. די סיבה איז פאַרשטענדלעך: אָפּעראַציעס פון אַ רעגולערער אַרמיי, אפילו ווען זי האַלט אָפּ גרויסע נצחונות, זענען „נאַטירלעכער" ווי געוואַגטע אַטאַקעס פון ווייניק אויפשטענדלער קעגן אַ מעכטיקער אַרמיי. די פּאָפּולערקייט פון אונדזער קאַמף איז געווען דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט אויסגעמיטן די בריטישע פאַרניכטונג־מחשבות. די דאָזיקע פאַראינטערעסירונג איז געווען ווי אַן אומזעבאַרער ז י כ ע ר ה י י ט ס ־ג אַ ר ט ל אַרום דער ציווילער יידישער באַפעלקערונג. די פאַרצווייגטע עפנטלעכע אויפקלערונג, וואָס דער קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין אַמעריקע האָט געפירט, האָט אויף דעם געביט אויסגעפירט זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע. די ענגלענדער, וועלכע זענען געווען אָפּהענגיק מיט זייער שטיקל ברויט פון רייכן אַמעריקאַנער פעטער, זענען נישט געווען אַזוי פריי צו טון מיט אונדז וואָס זייער נקמה־דורשט האָט זיי באַוויגן.

מיר האָבן וואָס אַן אמת געציטערט פאַר צופעליקע קרבנות פון בריטישן נקמה־דורשט. מיר האָבן זיך תמיד באַמיט צו טון אַלדאָס מעגלעכע זיי צו פאַרמיידן. ווען דאָס איז געווען מעגלעך פון שטאַנדפּונקט פון דער קריגס־טאַקטיק, פלעגן מיר פ אָ ר ו י ס פאַרעפנטלעכן וואָרענונגען צו דער ציווילער באַ־

דאָס בילד באַווייזט די אויסערג
לעכע ווירקזאַמקייט פון דער
באָמבע״, אַ געווער וואָס דער „
האָט באַנוצט קעגן דער געבייז
ענגלישן „אינטעליזשענס־סערוו



צווייט בילד וואָס ווייזט
ברוכשטיקער פון דער
זעלבער געביידע.



אויך גיך האָט מע
באַמיט צונויפזאַמלע
ברוכשטיקער, וואָס
געדינט אויך אוי
ברעכן דעם שטאָלץ

פעלקערונג. אַזוי ווי די וואָרענונג, וואָס איז אומעטום פאַרשפּרייט געוואָרן איי־דער מיר האָבן אָנגעהויבן אָנצוווענדן דעם עלעקטרישן מאָרטאָר קעגן די צענ־טראַלעס פון דער בריטישער מאַכט אין פרילינג 1945, אָדער איידער מיר האָבן זיך באַנוצט מיט די מינעס אין דער באַן־נעץ אין לאַנד אין פרילינג 1947.

אָט איז דער נוסח פון די התראות.

ו אָ ר ע נ ו נ ג

א. די אונטערדריקונג־רעגירונג ווערט אויפגעפאָדערט גלייך צו עוואַ־קוירן קינדער, פרויען, באַאַמטע און ציווילע מענטשן פון אַלע אירע ביוראָס, געביידעס און וווין־ערטער פון אירע פאַרטרעטער אין אַלע שטעט און קאָלאָניעס אין לאַנד.

ב. די יידישע, די אַראַבישע א. א. ציווילע איינוווינער ווערן געבעטן, פון איצט ביז די וואָרענונג וועט אַנולירט ווערן, נישט צו קומען אין קיין רעגי־רונגס־אַמטן און זיך נישט געפינען נאָענט פון זיי, ווייל ס׳איז סכנת נפשות.

מיר האָבן אייך געוואָרנט!

ו אָ ר ע נ ו נ ג

קאָנטאַקט־מינעס זענען פאַרלייגט געוואָרן אויף אַלע הויפּט־ליניעס פון דער ארץ־ישראל באַן, וועלכע באַדינט דעם שונא ביים איבערפירן מיליטער און וואָפן.

די ציווילע לאָקאָמאָטיוויסטן און די ציווילע באַפעלקערונג — די יידישע און די אַראַבישע — ווערט דערמיט געוואָרנט, נישט צו פאָרן פון היינט אָן מיטן באַן.

יעדער צוג קען אַרויף אויף אַ מינע און אויפגעריסן ווערן!

ו אָ ר ע נ ו נ ג

צוליב די אָנגריפן פון יידישן אונטערגרונט איז די בריטישע אונטערדריקונג־מאַכט געצוווּנגען געוואָרן אָפּצושטעלן די באַן־באַוועגונג אין דער נאַכט. אָבער זי באַנוצט זיך ווייטער מיט דער באַן כדי איבערצופירן מיליטער און קריגס־מאַטעריאַל אין פאַרלויף פון טאָג.

דעריבער טיילן מיר מיט:

אויך בייטאָג קען יעדע באַן, וואָס וועט דורכגיין די הויפּט־ליניעס, אוי־סער די ליניעס חיפה־צמח און חיפה־קרית מוצקין, אַראָפּגיין פון די רעלסן.

די ציווילע באַפעלקערונג — די יידישע און די אַראַבישע — ווערט דער־מיט געוואָרנט נישט צו פאָרן מיט דער באַן אויף די ליניעס, וועלכע וועלן אַטאַ־קירט ווערן, ווייל ס׳איז אַ לעבנס־געפאַר.

די דאָזיקע וואָרענונג ווערט געגעבן באַצייטנס כדי אויסצומיידן קרבנות צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג. די לייענער פון דער וואָרענונג ווערן געבעטן איבערגעבן איר אינהאַלט צו וואָס אַ גרעסערער צאָל פון זייערע שכנים און יידי־שע ווי אַראַבישע באַקאַנטע.

אין פאַלן ווען ס׳איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן אַזעל־כע וואָרענונגען, פלעגן אונדזערע סאָלדאַטן, אין לעצטן מאָמענט, עוואַקוּאירן די ציווילע באַפעלקערונג פון אַנגריפס־פונקט. אָפטמאָל, שטעלנדיק זייערע אייגע־נע לעבנס אין געפאַר, האָבן זיי פאַרמיטן יעדע דערנענטערונג צום באַדראָעטן אָרט. מיר זענען געווען זייער פילבאַר לגבי יעדן טראָפּן בלוט, וואָס איז פאַר־גאָסן געוואָרן אין באַפרייאונגס־קריג. מיר האָבן געוווסט, אַז די אָדערן פון אונ־דזער פאָלק זענען אויסגעטריקנט געוואָרן פון בלוט. נאָר דער צער, ווען ס׳איז געפאַלן סתם אַ יידישער בירגער, איז געווען פיל גרעסער פונעם ווייטיק, ווען עס איז געפאַלן אַ קעמפער, ווייל דער ערשטער איז געפאַלן צופעליק, דאַקעגן דער לעצטער האָט גוט געוווסט, פאַרוואָס ער גייט אַרויס איינשטעלן זיין לעבן. מיר האָבן געציטערט פאַר צופעליקע קרבנות. אָבער פאַר אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג, ווי אַ רעזולטאַט פון באַפרייאונגס־קאַמף, האָבן מיר קיינמאָל נישט מורא געהאַט. מיר האָבן געוווסט, אַז צוליבן אויפשטאַנד, איז ארץ־ישראל ענלעך צו אַ ג ל ע־ז ע ר נ ע ם ה ו י ז: די גאַנצע וועלט קוקט זיך איין און זעט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין לאַנד. דעריבער האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער מלחמה ביזן סוף. דאָס אייזן איז געווען אונדזער אָפענסיווע־וואָפן. דאָס „גלאָז״ איז געווען אונ־דזער פאַרטיידיקונגס־וואָפן.

— ג. —

נישט ווייניקער פעסט איז געווען דער צווייטער יסוד, אויף וועלכן מיר האָבן געבויט די סטראַטעגיע פון יידישן אויפשטאַנד. מיר האָבן פלייסיק שטודירט די ג ע ש אַ פ ע נ ע א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ל אַ ג ע נאָכן שלוס פון וועלט־קריג און מיר האָבן געזען, אַז זי וועט העלפן אונדזער קאַמף. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט פולשטענדיק פאַרענדערט די אינטערנאַציאָנאַלע כוחות־פאַרהעלטענישן. גרויסע אַרמייען, וואָס האָבן געהערשט איבער קאָנטינענטן, זע־נען פאַרטיליקט אָדער צעפאַלן געוואָרן. גרויס־מאַכטן זענען אַראָפּ צו דער מדרגה פון מיטעלע מדינות. מיטעלע און קליינע מדינות זענען, דירעקט אָדער אומדי־רעקט, איינגעשלונגען געוואָרן פון מעכטיקע אימפּעריאַליסטישע קערפּערשאַפטן. אין ביידע עקן וועלט זענען אויפגעשטאַנען צוויי מדינות, וועלכע נעמען אַרום

געביטן, באַפעלקערונגען, עקאָנאָמישע און מיליטערישע כוחות, וואָס די וועלט האָט אַזעלכע נאָך נישט געזען.

צוליב דער וועלט־מלחמה איז די אימפעריע, קעגן וועלכער מיר האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד, געשטעלט געוואָרן קעגן אַ פיינדלעכער גרויס־מאַכט אין מזרח און קעגן אַן אומפריינדלעכן פאָלק אין מערב. בריטאַניע איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין אַ קלעם.

אין די יאָרן פון אונדזער אונטערערדישער מלחמה האָבן מיר געהאַט באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט אָפיציעלע און נישט־אָפיציעלע פאָרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד און אירע פריינד. בעת די באַגעגענישן האָט מען געקענט לערנען ווי עס ענדערט זיך רוסלאַנדס באַציאונג צו אונדזער אומאָפּהענגיקייט־שטרעבונג, ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזער קאַמף קעגן בריטישן אָקופּאַנט.

אַן אומגעהויערע פאַרענדערונג איז פאָרגעקומען. אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער זשורנאַליסטן־קאָנפערענץ אין פּראָג האָט ד. זאַסלאַווסקי געפרעגט די ארץ־ישראלדיקע יידישע זשורנאַליסטן, פאַרוואָס ס'איז מיט זיי נישט געקומען קיין פאָרשטייער פון דער אונטערערדישער פרעסע פון „ארגון". די „קאַזיאָנע" זשורנאַליסטן האָבן געענטפערט וואָס זיי האָבן געענטפערט אין קאָנסטערנאַציע. אָבער זאַסלאַווסקי, איינער פון די פּאָליטישע הויפּט־רעדאַקטאָרן פון דער „פּראַוודאַ" האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און איבערגעחזרט אַז אַזוי ווי דער „ארגון" האָט אַן אייגענע פרעסע, האָט אַ פאָרשטייער פון דער „אונטערערדישער" פרעסע אומבאַדינגט געדאַרפט זיין פאַרטראַטן אין דער דעלעגאַציע. „זיי טוען — האָט זאַסלאַווסקי געזאָגט אויפן חשבון פון די אָפּוועזנדיקע — אַ גרויסע אַרבעט. זיי זענען מוטיקע מענטשן".

אַ צווייטער סאָוועטישער פאָרשטייער מיט גרויסן איינפלוס אויף אַ גאַנצן קאָנטינענט, האָט דערקלערט אונדזער דעלעגאַט, אַז דער קאַמף פון „ארגון צבאי לאומי" איז לויט זיין מיינונג אַ פּראָגרעסיווער קריג, ווייל ער פירט זיך קעגן אַ קאָלאָניאַלער מאַכט און „אַז דער ארגון איז, וועדליק זיין מיינונג, אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג, מחמת זי איז פאַרוואָרצלט אין די פאָלקס־מאַסן. והראיה: די ענגלענדער קענען נישט ליקווידירן דעם „ארגון", כאָטש זיי באַנוצן זיך מיט אַלע מעגלעכע אונטערדריקונג־מיטלען און ווערן געשטיצט דורך יידישע אונטערשטופּערס"...

צו אַ פולן אויסדרוק איז די ווענדונג געקומען אין דער באַרימט־געוואָרענער רעדע פון אַנדריי גראָמיקאָ אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון „און". דער דאָזיקער סאָוועטישער פאָרשטייער האָט געזאָגט: „די בלוטיקע געשעענישן וואָס קומען פאָר אין ארץ־ישראל זענען אַלעמען באַקאַנט. און די געשעענישן ווערן אַן אַלץ אָפטערע דערשיינונג. דעריבער ציען זיי צו זיך אַלץ מער און מער די אויפמערקזאַמקייט פון די פעלקער פון דער גאָרער וועלט און קודם־כל פונעם פאַרבאַנד פון די פאַראייניקטע נאַציעס. דער באַנקראָט פון דער מאַנדאַט־פּאָלי־

טיק אין ארץ־ישראל האָט געבראַכט צו דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע און צו די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד — דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז דאָס פּראָבלעם זאָל געשטעלט ווערן צו באַהאַנדלונג פאַר דער פלענאַרער סעסיע".

מעגלעך, אַז די דאָזיקע קורצע, טרעפלעכע זאַצן האָבן אין דער תקופה פון אויפשטאַנד כולל געווען די גאַנצע רוסישע פּאָליטיק לגבי ארץ־ישראל. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט, פאַרשטייט זיך, באַגערט דעם באַנקראָט פון דער בריטי־שער קאָלאָניאַלער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. די פּאָליטיקער אין קרעמל זענען רעאַליסטן. אין דעם צווייפלט קיינער נישט. זיי האָבן אַרויסגעצויגן די מסקנות פון דעם, וואָס עס איז געשען אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וועג אין ארץ־ישראל. דער קאָמוניסטישער „קול העם" האָט עס נאָך נישט געוווסט. דער פּראָ־סאָוועטי־שער „על המשמר" האָט זיך עס גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן און ראַטנפאַר־באַנד האָט נישט געקוקט אויף דער פאַרגאַנגענהייט — ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט אין דער ריי פון די פריינד פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה. די רעדאַקטאָרן פון די אָקערשט אָנגערופענע צוויי צייטונגען זענען געווען ממש אומ־גליקלעך, ווען זיי האָבן זיך צוגעהערט צו גראָמיקאָס רעדע בעת דער גענעראַל פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע נאַציעס. זייערע לייטאַרטיקלען זענען דערפאַר נאָך געווען אָנגעצילט קעגן דער אידעע פון דער יידישער מדינה. פאַרשטייט זיך, אַז נאָר פאַר זיי און פאַר ענלעכע קורצזיכטיקע איז די ענדערונג אין דער סאָ־וועטישער פּאָליטיק אַריינגעטראָטן ווי איבער־נאַכט. דער היסטאָרישער אמת איז אָבער, אַז די ענדערונג איז פאַרגעקומען אין די לאַנגע נעכט פון אויפשטאַנד.

אויך אַמעריקע האָט געפאָדערט, צוליבן אויפשטאַנד מיט אַלע זיינע דער־שיינונגען, „אַ תיכפדיקע לייזונג" פאַר דער ארץ־ישראל פּראַגע. ס'איז כאַראַק־טעריסטיש, אַז דער אַמעריקאַנער וואָרען אוסטין און דער רוס אַנדריי גראָמיקאָ האָבן זיך דערביי באַנוצט כמעט מיט אידענטישע אויסדריקן, כדי צו אַרגומענטירן פאַר דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער „און" די פאָ־דערונג צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ נייעם רעזשים, אָנשטאָט דער בריטישער הערשאַפט.

זיכער, דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום און אַמעריקעס אינערן־פּאָליטיק האָבן דאָ אויסגעפירט זייער אָביעקטיווע אויפגאַבע. אין די פאַראייניקטע שטאַטן לעבן עטלעכע מיליאָן וואַל־באַרעכטיקטע יידן. זייערע שטימען ציילן זיך ביים ווייל[ן] דעם פּרעזידענט, די געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס, די גובערנאַטאָרס אד"גל און די אַמעריקאַנישע פּאָליטיקער ווילן אויסגעוויילט ווערן. אגב, וועל־כער פּאָליטיקער וויל עס נישט? די ווילער־מאַסע איז זיי דעריבער זייער נאָענט. בעת וואַלן האָבן די יידישע שטימען, אָן שום ספק, אַ באַדייטונג, פונקט אַזוי ווי עס זענען וואָגיק די שטימען פון די אירלענדער, איטאַליענער, פּאָלאַקן און אַנ־דערע נאַציאָנאַלע גרופּן פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעקאָכט די אַמעריקאַנישע נאַציע.

אָבער אויך דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאַקטאָר וואָס האָט אונדז געהאָלפן. דער פּאָליטישער אינטערעס פון אַמעריקע אינעם מיטעלן אָריענט האָט דאָ דעצידירט.

דער פאַקט, וואָס דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק ווי אַזאַ איז מיטן האַרצן אומ־פריינדלעך צו בריטאַניע, האָט באַלעבט דעם פּאָליטישן אינטערעס פון אַמעריקע אין דער ריכטונג פון פאַרגרעסערן די שוועריקייטן פון בריטאַניע אין מיטעלן־מזרח. נאָר אַן איגנאָראַנט קען טענהן, אַז צווישן אַמעריקע און בריטאַניע הערשט אַן אינטערעסן־אידענטיטעט אין מיטעלן אָריענט. דער אמת איז, אַז די פּאָזי־טיווע אינטערעסן פון וואַשינגטאָן און לאָנדאָן זעצן זיך פונאַנדער דיאַמעטראַ־ליש. נישט מיט אַ לייכט געמיט האָט זיך בריטאַניע אָפּגעזאָגט פון איר פּאָ־זיציע אין סאאודי־אַראַביע; זי איז געווען געצווונגען זיך אָפּצוזאָגן לטובת אַמע־ריקע. איבן סאאוד, דער קעניג פון מדבר, וואָס האָט פיל ווייבער און קינדער אָבער נאָך מער נאַפט־קוואַלן, איז לגבי וואַשינגטאָן היינט דאָס זעלביקע וואָס אַבדולאַ איז לגבי לאָנדאָן.

אוודאי, ענגלאַנד און אַמעריקע פאַראייניקט אַ נעגאַטיווער אינטערעס — קעגן סאָוועט רוסלאַנד. דער דאָזיקער נעגאַטיווער אינטערעס איז אַ ריזיקער פאַקטאָר. אָבער טיילמאָל פאַרפלעכט זיך דער פּאָזיטיווער אינטערעס אינעם נעגאַטיוון. אַמאָל איז גובר דער ערשטער און אַמאָל האָט דער צווייטער די אויי־בערהאַנט. פּאָליטישע חכמה איז אויסצונוצן די אינטערעסן־קעגנזאַצן און זיי נישט פאַרטושן, אָדער נישט לאָזן אַז דער פיינט זאָל זיי פאַרטושן. דער אויפ־שטאַנד האָט דערגרייכט דעם דאָזיקן פּאָליטישן ציל. די „בלוטיקע געשעע־נישן", לויט גראַמיקאָס באַצייכענונג, און די „אומאויפהערלעכע גוואַלדטאַטן" אין וואָרן אוסטינס שפּראַך, האָבן געשאַפן דעם „וווּנדער" פון אַ געמיינזאַמער שטעלונג מצד ביידע גרויסע קאָנקורענטן פון מזרח און מערב, אין באַצוג צו דער אידעע פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. דאָ איז, פאַרשטענדלעך, נישט געווען קיין וווּנדער. עס איז געווען אַ פּשוטער און לאָגישער רעזולטאַט פון אַנווענדן פאַרשיידענע פּאָליטישע פאַקטאָרן וועלכע זענען זיך צונויפגע־פאַלן אין איין פונקט, כאָטש די פאַרשיידענע פאַקטאָרן שטרעבן צו פאַרשיי־דענע צילן.

ד.

אַמעריקע און רוסלאַנד זענען נישט געווען די איינציקע פון די מדינות, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַרן פערמאַנענטן אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל. אַ סך אַנדערע פעלקער האָבן מיט שטייגנדער סימפּאַטיע געוואַרט אויף דער מלחמה פון דוד און גלית. פראַנקרייך און די פראַנצויזן האָבן געהאַט היס־טאָרישע, פּאָליטישע און גייסטיקע סיבות צו זיין צופרידן פון די שוועריקייטן

מיט וועלכע ענגלאַנד האָט זיך אַנגעטראָפן אין מיטעלן אָריענט. די אַראַבישע ליגע, וואָס בריטישע אַגענטן האָבן אויפגעשטעלט, איז געווען אַ שווערד מיט צוויי שאַרפן. איין שאַרף איז געווען געלענקט קעגן די יידן, און דער אַנדערער — קעגן די פראַנצויזן. די ענגלענדער האָבן געפלאַנט אַרויסצוטרייבן די פראַנצויזן נישט בלויז פון סיריע און לבנון, נאָר אין אַ צייט אַרום אפילו אויך פון צפון־אַפּ־ריקע. יעדער וואָס האָט געשלאָגן ענגלאַנדס פּרעסטיזש האָט דערמיט דערפרייט די פראַנצויזישע הערצער.

נאַטירלעכער איז געווען די סימפּאַטיע פון די א י ר ל ע נ ד ע ר צו אונדזער קריג. האַרציקע באַווייזן פון דער דאָזיקער סימפּאַטיע האָב איך גע־פונען ווען כ׳בין געווען אין אַמעריקע. פּאָול אָדווייער, אַן אירלענדישער פריי־הייטס־קעמפער, אַן אמתער פריינד פון אונדזער פאָלק, האָט געהאַלטן איינע פון די רירנדיקסטע רעדעס וועגן יידישן אויפשטאַנד, וואָס האָט אים אגב דער־מאָנט דעם אירלענדישן אויפשטאַנד. פּאָול אָדווייער האָט געזאָגט:

— „די ענגלענדער האָבן זיי גערופן טעראָריסטן. זיי זענען ווירקלעך אַזוי געווען. זיי זענען געווען אַ פּחד פאַרן אונטערדריקער".

פּאָולס ברודער, וויליאַם אָדווייער, דער ניו־יאָרקער בירגערמייסטער, אויך אַ טרייער פריינד פון אונדזער פאָלק, האָט בעת דעם אָפיציעלן קבלת־פּנים לכבוד „דעם קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי" טיף גערירט גערעדט וועגן אַנטפּלע־קונג פון פרייהייטס־גייסט ביים אַלטן פאָלק, וועגן דב גרונער און די „אַנדערע בחורים", וואָס האָבן אַלץ מקריב געווען נישט בלויז פאַר זייער פאָלק, נאָר פאַרן געדאַנק פון מענטשלעכער פרייהייט. אין דער אויפנאַמע, וואָס עס האָט געגעבן דער מעיאָר פון ניו־יאָרק האָבן מיר אַלע איבערגעלעבט אַ מינוט פון געהויבע־נער פרייד, ווען דער כאָר פון דער ניו־יאָרקער פּאָליציי, וואָס באַשטייט בעיקר פון אירלענדישע בחורים — גרויסע ווי עוג מלך הבשן — האָט געזונגען „התקוה" אין העברעאיש, געזונגען אָן פעלערן און דווקא על־פּי דעם ארץ־יש־ראלדיקן נוסח: „להיות עם חפשי בארצנו" („צו זיין אַ פריי פאָלק אין אונדזער לאַנד"). דער בירגערמייסטער האָט נאָכדעם דערקלערט, אַז דאָס געזאַנג איז סימבאָליש אויף פיל געביטן. „אַ געוויסע פּאָליציי — האָט ער געזאָגט — האָט געוואָלט, אַז אונדזער גאַסט זאָל פאַר איר „זינגען" (אין דער ניו־יאָרקער שפּראַך הייסט „זינגען" זיך מודה זיין אין אַ שולד), אָבער עס איז געשען אַנדערש, און אונדזער פּאָליציי זינגט היינט פאַר אים". נאָר פון איין זאַך איז אָ׳דווייער גע־ווען אַביסל „באַזאָרגט". ער האָט געהערט, אַז דער פּרייז וואָס די ענגלענדער האָבן באַשטימט פאַרן קאָפּ פונעם קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי איז גע־ווען אַ גרעסערער ווי דער, וואָס די בריטן האָבן באַשטימט פאַר מייקעל קאָ־לינסעס קאָפּ. „די אירלענדער — האָט מיר געזאָגט דער ניו־יאָרקער בירגער־מייסטער — וועלן נאָך אויף דיר זיין אין כעס". איך האָב באַרואיקט אונדזער גוטן פריינד. כ׳האָב וואָס אַן אמת נישט געוווסט דעם חשבון פון די פּרייזן.

אָבער כ׳האָב געוווסט, אַז זייט מייקל קאָלינס האָט געפירט די אירלענדישע אויפשטענדלער צום באַפרייאונגס־קאַמף, איז אַ סך געפאַלן דער ווערט פון שטערלינג. אין יעדן פאַל, ווען איך האָב מיך באַגעגנט מיט אירלענדער, האָב איך ביי זיי נישט געזען קיין „קנאה". מ׳האָט מיר דערציילט, אַז צווישן די הונדערטער טויזנטער מענטשן וועלכע האָבן באַלאַגערטביידע זייטן פון די גאַסן — בעת מיין דורכפאָרן צום ניו־יאָרקער שטאָט־ראָט כדי אויסצודריקן זייער סימפּאַטיע צום אויפשטאַנד און צו די אויפשטענדלער, זענען געשטאַנען פיל אירלענדער וואָס האָבן, נעבן די יידן און די נעגערס, געשיקט די פלאַמיקסטע גרוסן.

אַן אַנדערן אויסדרוק פון דער סימפּאַטיע מצד די אירלענדער איז געגעבן געוואָרן אין דער באַקאַנטער אַמעריקאַנישער צייטונג „ניו־יאָרק הערלד טריביון". ה׳ ראָבערט אָ׳ריילי האָט פּראָטעסטירט קעגן דער באַצייכענונג „שוים פון מזרח־אייראָפּע", מיט וועלכן ס׳האָט זיך װאַרשיינלעך באַנוצט איינער פון די קאָרעספּאָנדענטן ריידנדיק וועגן דער יידישער אונטערערד. דער אירלענדער אָ׳ריילי האָט געשריבן צום רעדאַקטאָר פון „הערלד טריביון":

„זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען אייער קאָרעספּאָנדענט, אַז ער איז נישט דער אָריגינעלער דערפינדער פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן זידל־וואָרט. פריער האָבן זיך מיט אים באַנוצט היטלער, געבעלס און זייערע חברים. אויך האָט אים לעצטנס געברויכט אַ געוויסער בריטישער דזשענטלמען, וועלכער האָט פּאַרטיי־דיקט די באַשולדיקטע נאַצישע פאַרברעכער אין בערגן־בעלזן. דער דאָזיקער דזשענטלמען האָט געפּרוווט באַרעכטיקן די דערמאָרדונג פון מענער, פרויען און קינדער, שילדערנדיק זיי ווי דעם „שוים פון די געטאָס פון מזרח אייראָפּע".

„איך בין נישט קיין ייד, נאָר אַן אירלענדער, און דעריבער האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט קיין אילוזיעס בנוגע די בריטן. נאָך מער: ביז דער לעצטער צייט האָב איך נישט געהאַט קיין באַזונדערע סימפּאַטיע פאַר די יידן. נאָר נאָך דעם ווי כ׳בין געווען פאַראַיאָרן אין ארץ־ישראל, האָב איך אָנגעהויבן שאַצן זייערע זין וועלכע קעמפן מיט אַזאַ גבורה קעגן אַ ברוטאַלן און מערדערישן רע־זשים. דער ארגון צבאי לאומי און זיינע מיטגלידער זענען נישט קיין „שוים". זיי זענען גרויסע פּאַטריאָטן און גרויסע רעוואָלוציאָנערן. דער ייד האָט סוף־כל־סוף געפונען אַ תיקון פאַר זיין נשמה — מיר זענען עדות פון דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. מ׳דאַרף אַראָפּנעמען די היט פאַר זיי. ווי אַן אירלענדער, וועלכער איז געפּרוווט געוואָרן מיטן ביטערן נסיון פון בריטי־שער הערשאַפט, קען איך נאָר זאָגן, אַז מיין האַרץ איז מיט זיי".

„דרך אגב, מ׳דאַרף אויפהערן צו טיטולירן די יידישע פּאַטריאָטן פון ארץ־ישראל מיטן נאָמען „טעראָריסטן". אַנומלט האָט מען אַזוי אויך גערופן די איר־לענדישע פּאַטריאָטן און שפּעטער איז אויף זיי געקומען די ברכה פון דער היס־טאָריע. פאַרוואָס רעספּעקטירט מען די מאַקיס און אַנדערע אונטערגרונט־קעמ־

פער, וועלכע זענען מיט גבורה אויפגעשטאַנען קעגן דער נאַציִשער טיראַניע? דאַקעגן די יידן וועלכע קעמפן קעגן אַ נישט־וויי‌ניקער ברוטאַלער טיראַניע, זע־נען „מערדער" אָדער „טעראָריסטן"! פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט רופן אַזוי ווי זיי זענען עס ווערט: — „פאַטריאָטן"?

טיף איז אויך געווען די סימפּאַטיע פון די אינדיער צום יידישן קריג קעגן די ענגלענדער. אמת טאַקע, די אינדיער האָבן בשעתם טייל מאָל אַנגעווענדעט די טעאָריע „פון פאַסיוון ווידערשטאַנד", די זעלבע פון זייער גרויסן לערער גאַנדי. אָבער זיי האָבן נישט באַדויערט, וואָס אַ צווייט פאָלק האָט זיך אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען פאַרשקלאַפער באַנוצט מיטן סיסטעם פון „אַקטיוון ווידערשטאַנד". אַ גרויס פאָלק ווי די אינדיער, זענען געווען באַגייסטערט פון אַ קליין פאָלק, וועמענס זין האָבן געגעבן קלעפּ דער בריטישער מאַכט. די אי־ראָניע פון גורל האָט געוואָלט, אַז אַן עדות פון דער דאָזיקער באַגייסטערונג זאָל זיין דווקא ד"ר הוגאָ בערגמאַן, אַ פירער פון „ברית שלום", וועלכער איז מיטן גאַנצן האַרצן געווען קעגן יידישן אויפשטאַנד און האָט ביי אונדז אין לאַנד געפּריידיקט נישט גאַנדיס פאַסיוון־ווידערשטאַנד, נאָר טאָלסטאָיס נישט־ווידערשטאַנד. ד"ר בערגמאַן איז געקומען קיין אינדיע אין דער תקופה פון אויפשטאַנד כדי זיך צו באַטייליקן אין דער אַל־אַזיאַטישער קאָנפערענץ. ווען ער איז אַראָפּ פון אַ געוויסער סטאַציע איז ער מיט התלהבות אויפגענומען גע־וואָרן דורך אַ גרויסער דעלעגאַציע פון דער אינדישער יוגנט. אַ „קראַנץ" פון רירנדיקע ווערטער האָט באַגלייט דעם בלומען־קראַנץ, וואָס די דעלעגאַציע האָט דערלאַנגט דעם ארץ־ישראלדיקן גאַסט. די אינדיער האָבן געזאָגט: „מיר באַ־גריסן דיך ווי דעם פאָרשטייער פון דעם איינציקן פאָלק, וועמען עס איז געלונגען צו געבן די ענגלענדער קלעפּ". ד"ר בערגמאַן איז זיכער צעמישט געוואָרן פון דעם אומדערוואַרטן קבלת־פנים. טיף אין זיין האַרצן האָט ער זיכער אנערקענט, אַז דער קראַנץ־בלומען קומט... נישט אים. ער איז אפשר געווען גרייט זיך אָפּ־צוזאָגן פון די בלומען, אָבער גיי קלער אויף אַן עקזאַלטירטער יוגנט, אַז די „וואָס גיבן קלעפּ דעם בריטישן אימפּעריאַליזם" זענען נישט ווערט קיין בלומען, נאָר קללות. דער געערטער דאָקטאָר האָט דעריבער צוגענומען אי די בלומען אי די ברכות.

מיר פאַרגינען עס אים.

אַ חוץ די פראַנצויזן, אירלענדער און אינדיער זענען געווען נאָך פיל פעל־קער אין דער וועלט, באַזונדערס אין דרום־אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צום יידישן באַפרייאונגס־קריג. אימיצער קען זאָגן, אַז די סימ־פּאַטיע שטאַמט נישט פון אהבת־ישראל, נאָר פון שנאה צו אַלביאָן. אפילו ווען דאָס וואָלט געווען דער ריינער אמת, דאַרף מען עס נישט באַדויערן. אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן. עס איז בכלל אַ ספק, צי ס'איז פאַראַן אין דער וועלט איין פאָלק, וואָס האָט ליב אַן אַנדער פאָלק. אָבער זיכער איז, אַז קיין פאָלק

בילדער פון דער
„פאַס באָמבע“,
אַ געווער וואָס
דער „אירגון“
האָט געשאַפן,
און וואָס איז גע־
ווען ספּעציעל
צוגעפּאַסט צום
אונטערגרונד־
קאַמף אין
ארץ־ישראל



אָט־דעו' קאַנאָן האָט געענטפערט די וואָס
צוריקגעשיקט די' עולים פון דער שיף „עקסאָד
קיין נאַצי־דייטשלאַנד.



האָט נישט ליב די ענגלענדער, און פיל האָסן זיי צוליב זייער עקספּלאָאַטירנ־דיקער הערשאַפט אָדער צוליב זייער גרויס־האַלטן זיך. ווער וועט נישט פּאַטשן קיין בראַוואָ הערנדיק, אַז די ענגלענדער כאַפּן אַביסל קלעפּ? פון דעסטוועגן איז נישטאָ קיין ספק, אַז די דערשיינונג וואָס אַ קליין פאָלק, שטענדיק אַ געוועטפּס, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ קעמפנדיק פאָלק אין דערהויבנסטן זין פון וואָרט, און די דאָזיקע דערשיינונג האָט אומעטום פאַרשאַפט כבוד די יידן.

די מאָראַלישע הילף וואָס די פאַרשיידענע פעלקער האָבן אונדז אַרויסגע־וויזן, איז אָבער קיין מאָל נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ממשותדיקער הילף. מיר האָבן געוווסט אָפּצושאַצן די מאָראַלישע שטיצע. מיר זענען געווען דאַנק־באַר פאַר דער פּאָליטישער הילף וואָס מיר האָבן באַקומען אין פעלקער־בונד. דאָך איז אַ פאַקט וואָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אין אַלע יאָרן פון אויפשטאַנד קעגן דער בריטישער הערשאַפט האָט דער ארגון־צבאי־לאומי נישט באַקומען קיין שום שטיצע פון די פאַקטאָרן, וועלכע זענען געווען פאַראינטער־רעסירט אינעם קאַמף קעגן די ענגלענדער. עס איז אַ זעלטענע דערשיינונג, אויב נישט אַן איינציקאַרטיקע. אין דער געשיכטע פון פרייהייטס־באַוועגונגען איז אַ כלל אַז אַ מלחמה פון אַן אונטערדריקטן פאָלק ווערט אונטערשטיצט מיט וואָפן אָדער מיט געלט, מיט אינסטרוקטאָרן אָדער מיט מיליטערישע טראַנספּאָרטן דורך די אָפענע אָדער געהיימע פיינד פון דער אונטערדריקנדיקער מאַכט. אין אַלגעמיין ווערט עס געטון צוליב אייגענער פאַראינטערעסירטקייט. די אויפ־שטאַנדן פון די באַלקאַנישע פעלקער קעגן דער טערקישער מאַכט זענען דירעקט געשטיצט געוואָרן סיי דורך די מערב־מלוכות און סיי דורך דעם צאַריסטישן רוסלאַנד. פראַנקרייך האָט געשיקט געוווער צו די „13 קאָלאָניעס אין צפון אַמע־ריקע, וועלכע האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן דער ענגלישער מאַכט". אין אונדזערע צייטן האָבן מיר געזען דעם אונטערגרונט אין אייניקע אייראָפּעאישע מדינות, וואָס איז געווען טעטיק קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע. „פון הימל" האָט מען געהאָלפן. גאַנצע אַעראָפּלאַן־עסקאַדריליעס האָבן אַראָפּגעוואָרפן קריגס־מאַ־טעריאַלן פאַר אייראָפּעאישע קעמפער.

מיר האָבן אָנגעהויבן אַליין און געענדיקט אַליין. אין א ו נ ד ז ע ר ע שולן האָבן מיר אויסגעבילדעט אונדזערע קאָמענדאַנטן און סאָלדאַטן. אין אונ־דזערע וואַרשטאַטן האָבן מיר פּראָדוצירט קריגס־מאַטעריאַל. ביים שונא האָבן מיר פאַרכאַפּט געוווער, כדי קעגן אים צו קעמפן. טייל מאָל האָבן מיר אויך געלט פון אים גענומען — קיין גערעכטערער „שטייער" פון דעם איז נישט פאַראַן — און דאָס געלט האָבן מיר פאַרוואַנדלט אין געוווער, כדי פאָרצוזעצן דעם קאַמף. און מיר האָבן אַליין געמאַכט טעכנישע דערפינדונגען. מיר האָבן אויסגעאַרבעט סטראַטעגישע און טאַקטישע פּלענער. אַליין געקעמפט, אַליין געליטן, און אַליין געזיגט.

ה.

די נייע לאַגע פון בריטאַניע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן צוליב דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אונדז געהאָלפן דערגרייכן אָט דעם ערשטן ציל פון אונדזער הייליקן קריג. מיר האָבן בריטאַניעס לאַגע און אירע פּלענער געלערנט זייער פּלייסיק, נישט ווייניקער ווי מיר האָבן געלערנט די סיסטעמען פון איר הערשאַפט און אירע שוץ־לענדער, ווי בכלל די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע. אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צום דערקענען דעם דריטן יסוד, אפשר דעם וויכטיקסטן פון אַלעם אין דער סטראַטעגיע פון אויפשטאַנד.

יעדער איינער האָט געזען, אַז בריטאַניע איז זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דאַקעגן אַמעריקע און רוסלאַנד האָבן זיך גאָר געשטאַרקט. פון דעסטוועגן האָבן מיר נישט געמיינט, אַז אונדזער קריגס־ציל וועט דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער פּולער צעפאַלונג פון בריטישן אימפּעריאַלן אָרגאַניזם, אַזוי ווי ס׳איז זיך צעפאַלן די עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנאַרכיע. אַזאַ אָפּשאַצונג וואָלט געווען אַ צו־אָפּטימיסטישע לגבי בריטאַניע און אַ צו פּעסימיסטישע כלפּי דעם יידישן פאָלק. אונדזער רעאַליסטישער אַנאַליז האָט אונדז דיקטירט די גרונט־הנחה, אַז די ענגלענדער וועלן לאַנג נישט קענען אין ארץ־ישראל אָנהאַלטן זייער דירעקטע הערשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַן אָקופּאַציע־אַרמיי, ביי וועלכער עס איז געווען אַ קעגנזעצלעכע פּראָפּאָרץ צווישן איר צאָל און איר „מאָראַל״.

די קעגנערס פון אונדזער אויפשטאַנד האָבן געטענהט, אַז אייגנטלעך זענען די ענגלענדער „פאַראינטערעסירט״ אין אונדזערע אַקציעס קעגן זיי, ווייל דאָס גיט זיי דעם אויסרייד און דעם קאַמופלאַזש צו קאָנצענטרירן גרויסע מיליטערישע כוחות אין ארץ־ישראל נישט כדי צו אונטערדריקן די „טעראָריסטן״ כלומרשט נאָר פאַר אַלוועלטלעכע סטראַטעגישע צילן.

דער אמת איז, די ענגלענדער זענען אַ קליין פאָלק, וואָס הערשט איבער פיל גרויסע פעלקער. אין דער וועלט קומט פאָר אַ פּערמאַנענטע ווערטן־איבערשאַצונג, וואָס ברענגט צו פעלקער־רעוואָלט קעגן פרעמדער הערשאַפט. די ענגלענדער ווילן אָבער אויך אין דער תקופה פון אַעראָפּלאַן און ראַדיאָ האַלטן זייערע קאָלאָניעס, אַזוי ווי זיי האָבן זיי געהאַלטן אין קעניגין וויקטאָריאַס צייטן. זייער פּאָליטיק מוז דעריבער זיין אַ קאָמפּליצירטע. ס׳איז בכן פאַרשטענדלעך, אַז ענגלאַנד פּרוווט צו רייטן אויף עטלעכע פערד מיט איין מאָל. אין איר קאָמפּליצירטער פּאָליטיק האָט זי שוין אויסגענוצט אפילו אירע ש ו נ א י ם פאַר אירע צוועקן. עגיפּטן, וועלכע פאָדערט די אַנעקסיע פון סודאַן און די עוואַקואַציע פון דער בריטישער אַרמיי פון סועץ־קאַנאַל ראַיאָן איז, פאַרשטענדלעך, פיינטלעך צו בריטאַניע. און פאַרקערט, מדינת ישראל, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַ מלחמה קעגן דער בריטישער הערשאַפט, איז נישט פריינטלעך מיט ענגלאַנד. דאָך איז בריטאַניע גרייט זיך צו באַנוצן מיט ישראל, כדי

צו שלאָגן די עגיפּטישע גאווה אַז זיי זאָלן אָביסל פאַרגעסן אָן סודאַן און סועץ. די קאָמוניסטן זענען, ווי באַקאַנט, נישט קיין פריינד פון ענגלאַנד. אָבער ווען די יידישע קאָמוניסטן האָבן מיט זייער „קאָנסעקוועטקייט" באַקעמפט דעם געדאַנק פון דער יידישער מדינה און עליה קיין ארץ־ישראל, האָבן די ענגלענדער זיך גערן באַנוצט מיט די קאָמוניסטן, כדי אָפּצושוואַכן זייער הויפּט־פיינד. ס'איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס אין דער צייט ווען מיר, די אויפשטענדלער, האָבן געמוזט דרוקן אונדזער צייטונג אין געהיים און איר פאַרשפּרייטן מיט סכנת־נפשות, איז דער קאָמוניסטישער טאָג־אָרגאַן „קול העם" געווען אַ לעגאַלע צייטונג (לויטן געזעץ פון דער בריטישער אָקופּאַציע־מאַכט) און די בריטישע פּאָליציי האָט געהאַט אַ באַפעל נישט צו מאַכן קיין שטערונגען דער פּאַלעסטינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווי זייער הויפּט־ציל אין ארץ־ישראל איז פאַר די בריטן געשטאַנען די פראַגע אָפּצושוואַכן די אויפשטענדלער און צו דעם צוועק האָבן זיי זיך באַנוצט אַפילו מיט די קאָמוניסטן.

אויך מיטן „השומר הצעיר" האָבן זיך די ענגלענדער באַנוצט. אמת טאַקע, „השומר הצעיר" איז קיין מאָל נישט געווען פריינדלעך צו בריטאַניע. ווייצמאַנס באַציאונג צו בריטאַניע איז באַקאַנט. „השומר הצעיר" האָט שטענדיק געשטיצט ווייצמאַנען און זיין פּאָליטיק. די ענגלענדער זענען געווען גרייט צו העלפן דעם „השומר הצעיר" כדי ער זאָל זיי העלפן. דעריבער האָט דער פאַרשטייער פון „השומר הצעיר" אין מיטן דער מלחמה געקראַגן „די פריאָריטעט" צו פליען קיין אַמעריקע און פּראָפּאַגירן זיינע אידעען קעגן דער יידישער מדינה, אַ שריט, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן בלויז פאַר נישט־פּראַקטיש, נאָר אויך נישט פאַר נישט־מאָראַליש, אַזוי ווי ס'האָט שליסלעך מיט איינִיקע יאָר פריער געטענהט ה' דוד בן־גוריון פאַר לאָרד פּילס קעניגלעכער קאָמיסיע:

„מיר האָבן נישט געטראַכט צו פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ יידישער מדינה. מיר האָבן עס נישט געזאָגט און זאָגן עס היינט אויך נישט. צוליב פאָלגנדיקע סיבות:

...וואָלט ארץ־ישראל געווען אַ ליידיק לאַנד, וואָלטן מיר געקענט זאָגן אַ י י ד י ש ע מ ד י נ ה, ווייל זי וואָלט באַשטאַנען נאָר פון יידן און מיר וואָלטן נישט רעגירט איבער אַנדערע. אָבער ס'זענען היינט דאָ אויך אַנדערע איינוווינער אין ארץ־ישראל, און אַזוי ווי מיר ווילן נישט זיין אָפּהענגיק פון אַ פרעמדנס חסד, האָבן זיי אויך דאָס רעכט נישט צו זיין אָפּהענגיק פון יידישן חסד.

...די צווייטע סיבה: מיר וואָלטן געוואָלט אַז ארץ־ישראל זאָל זיין פאַרבונדן מיטן „בריטישן קאָמאַנוועלט אָף־ניישאַנס". און פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער פרייער צוקונפט איז נישט נויטיק אַז ארץ־ישראל זאָל זיין אַ סעפּאַראַטע מדינה.

די דריטע סיבה איז, אַז ס'זענען דאָ הייליקע פּלעצער אין ארץ־ישראל,

װעלכע זענען הייליק פֿאַר דער גאַנצער קולטורעלער װעלט, און מיר װילן נישט און ס׳איז נישט אין אונדזער אינטערעס, אַז מיר זאָלן זיין פֿאַראַנטװאָרטלעך פֿאַר זיי...״

די מיטגלידער פֿון „השומר הצעיר״ און אויך ה׳ בן־גוריון האָבן פֿאַר־שפּרייט די מיינונג, אַז די װירקונג פֿון די אויפֿשטענדלער איז דווקא לטובת די ענגלענדער. די מיינונג האָב איך געהערט פֿונעם מויל פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג „בורבא״, דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין יוגאָסלאַוויע. מיטן רעדאַקטאָר פֿון דער „בורבא״ האָב איך זיך באַגעגנט אין אומלעגאַלע באַדינגונגען, װען די אויספֿאָרשונג־קאָמיסיע פֿון דער „יון״ האָט באַזוכט ארץ־ישראל. יוגאָסלאַוויע איז געװען אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע און האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל אַ שטאַרקע דעלעגאַציע, אַ פֿאַקט װאָס האָט זייער אויפֿגערעגט די אַמעריקאַנער און די ענגלענדער געגעבן דעם תירוץ צו פֿאַרדעכטיקן די גאַנצע קאָמיסיע. דעמאָלט איז יוגאָסלאַוויע נאָך געװען אַ טייל פֿון דעם סאָװעטישן בלאָק.

מיין יוגאָסלאַווישער גאַסט האָט אַרויסגעװיזן גענוג פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן גייסט פֿון די יידישע אויפֿשטענדלער. יוגאָסלאַוויע האָט דאָך אַלע מלחמה־יאָרן געפֿירט אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמף קעגן נאַצישן אָקופּאַנט. אָבער עפּעס האָט פֿאַר־טונקלט די סימפּאַטיע פֿון „בורבא״־רעדאַקטאָר. ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו פֿרעגן, צי אונדזערע אָנגריפֿן זענען נישט קיין תירוץ פֿאַר די ענגלענדער צו קאָנצענטרירן אַ גרויסע אַרמיי, װעלכע זיי דאַרפֿן פֿאַרן אינטערנאַציאָנאַלן הויפּט־פֿראָנט. צום גליק איז דאָס געשפּרעך פֿאָרגעקומען אין 1947, נישט אין 1945.

אין דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, צװישן דעם סוף פֿון דער מלחמה און אָנהייב פֿון „שלום״, אין די יאָרן 1945/46, האָבן די ענגלענדער אין ארץ־ישראל קאָנ־צענטרירט ריזיקע מיליטערישע כוחות נישט כדי צו מאַכן „אָרדענונג״ אינעם הייליקן לאַנד, נאָר פֿאַר זייערע סטראַטעגישע צילן אין גאַנצן מיטעלן מזרח. דעמאָלט האָבן די רוסן נאָך געהאַלטן זייערע אַרמייען אין פּערסיע. איראַק איז געװען באַדראָט און אין גריכנלאַנד האָט דער פּראָ־סאָװעטישער „עלאַס״ געהאַט ד׳ערפֿאָלג.

שוין דעמאָלט האָט טשערטשיל געװאָלט צוציען אַמעריקע צום מיטעלן מזרח, כדי ענגלאַנד זאָל נישט דאַרפֿן שטיין אַליין קעגן סאָװעטישן קלאָאַס. דעריבער האָט טשערטשיל אומצייליקע מאָל פֿאָרגעשלאָגן אין פּאַרלאַמענט, אַז ארץ־ישראל זאָל איבערגעגעבן װערן אַן אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער שותפֿות. אָבער דעמאָלט האָט מען נאָך נישט גערעדט אין אַמעריקע װעגן רוסישער עקספּאַנסיע־לוסט, און די אַמעריקאַנישע פּרעסע האָט שטאַרק אָנגעגריפֿן די בריטישע אינ־טערװענץ אין גריכנלאַנד.

זייער שװער איז דעמאָלט געװען ענגלאַנדס מצב. פֿון צפֿון האָט מען זי באַ־

דראָט, פון מערב האָט מען זי געטאַדלט. דעריבער איז זי געווען געצוווּנגען צו קאָנצענטרירן וואָס גרעסערע מיליטערישע כוחות אין דעם מיטעלן מזרח. ארץ־ישראל האָט געפּאַסט צום בעסטן פאַר דעם. און מ׳האָט אין ארץ־ישראל אויפגעשטעלט גרויסע מיליטערישע לאַגערן.

צוזאַמען מיט די בריטישע דיוויזיעס איז אין ארץ־ישראל געקומען אײנער ווינדהיים. דער דאָזיקער ווינדהיים האָט זיך באַשעפטיקט כלומרשט מיט זשורנאַליזם. ער איז טאַקע געווען אַ פעיקער זשורנאַליסט, אָבער פאַקטיש איז ער געווען אַ שליח פון „אינטעלידזשענס". ער איז אויך געווען אַ פעיקער שפּיאָן. ער איז איבעריקנס געווען נישט דער אײנציקער מיט „אַ טאָפּל פּאַך". די בריטישע אויסלאַנד־זשורנאַליסטן זענען כמעט אַלע שליחים פון בריטישן שפּיאָנען־דינסט.

דער זשורנאַליסט־שפּיאָן ווינדהיים האָט געטאָן זיין אַרבעט ווי געהעריק. אַ טאָג נאָך דעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל — און אפשר נאָך פאַרן אָנקומען האָט ער געשיקט אַ לאַנגע אַלאַרם־טעלעגראַמע צו די לאָנדאָנער צײַטונגען וועגן דעם מצב אין אונדזער לאַנד. די „הגנה" — האָט ער געשריבן — האָט אַזוי פיל און אַזוי פיל צענדליקער טויזנטער אויסגעבילדעטע און באַוואָפנטע סאָלדאַטן; דער „ארגון" האָט אַזויפיל און אַזויפיל טויזנטער מאָטיקע קעמפער; די שטערן־גרופּע האָט אַזויפיל און אַזויפיל הונדערטער „אַטענטאַטאָרס גרייט אויף אַלץ". און די בריטישע זיכערקייט־קרעפטן? ווינדהיים האָט זיך אַליין געענטפערט אויף דער פראַגע. ער האָט געענטפערט מיט אַ בהלה, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום פּראָפּאָרץ צווישן די בריטישע פּאָליציייִשע און מיליטערישע כוחות און די נייטיקע זיכערקייטס־כוחות פאַרן לאַנד, וואָס איז אין אומאָרדענונג צוליב די יידישע אומלעגאַלע אַרמייען. די ענגלענדער האָבן געפּרוווט אויסנוצן דעם פאַקט פון דער פאַראייניקונג פון אַלע יידישע כוחות, וועלכע האָט דעמאָלט עקזיסטירט, אויסנוצן פאַר זייערע אייגענע געהיימע אינטערעסן. ווינדהיים האָט וועלטן אייַנגעריסן צוליב דער כלומרשטער שוואַכקייט פון די בריטישע מיליטערישע כוחות. און די בריטישע אַרמיי האָט אין די צענער־טויזנטער געשטראָמט קיין ארץ־ישראל.

אין צווישן האָט זיך געענדערט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע. אַמעריקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט איר פולן מעכטיקן כוח קעגן דעם, וואָס טשערטשיל האָט אָנגערופן די „טויט־סכנה פון דער רוסיש־קאָמוניסטישער עקספּאַנסיע". די אַמעריקאַנער זענען אַריין אין מיטעלן מזרח. ווי עס זאָל נישט זיין, איז בריטאַניע אַרויס פון איר אייַנזאַמקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע בכלל און אין ראַיאָן פון מיטללענדישן פראָנט בפרט.

ז.

אָבער וואָס איז געשען מיט דער בריטישער אַרמיי אין ארץ־ישראל? זי איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לאַנד הינטערן „רויך" וואָס ווינדהיים און זיינע חברים האָבן פאַרשפּרייט וועגן דער נויטווענדיקייט צו אונטערדריקן דעם יידישן אויפשטאַנד קעגן די בריטן. בינו לבינו איז אָבער בטל געוואָרן די סטראַטעגישע סיבה, צוליב וועלכער באַרקערס טרופּן זענען קאָנצענטרירט געוואָרן אין ארץ־ישראל. וואָס זאָלן זיי טון? צו וואָס זאָלן זיי ליידיק זיצן אין די לאַגערן אין ארץ־ישראל, בעת אין די פאַבריקן פון ענגלאַנד פעלן אַרבעט־הענט?

דאָס איז געווען אַ טאָפּלטער ווענד־פּונקט. אַ נייער קער אין דער ענגלי־שער סטראַטעגיע און אַ ווענדונג פאַר דער סטראַטעגיע פון יידישן אויפ־שטאַנד — די אַנטשיידנדיקע שעה. די בריטן האָבן געוואָלט האַלטן ארץ יש־ראל. אָבער זיי האָבן זי נישט געוואָלט האַלטן מיט דער הילף פון אַ גרויסער מאָביליזירטער אַרמיי. מ׳האָט זי נישט געקענט האַלטן נישט נאָר צוליב זעלי־שע סיבות — ס׳זענען נישטאָ קיין שטאַרקערע הימלאַנד־בענקשאַפטן ווי די בענקשאַפט פון אַ סאָלדאַט בשעת דער אַלגעמיינער דעמאָביליזאַציע — נאָר בעיקר צוליב פינאַנציעלע סיבות. די בריטישע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט, לויט טשערטשילס חשבון, אָפּגעקאָסט פון 200 ביז 250 מיליאָן פונט שטערלינג, כמעט (לויטן דעמאָלסדיקן קורס פון שטערלינג) אַ מיליאַרד דאָלאַר. פון וואַנען וועט זי נעמען אַזעלכע ריזיקע סומען? ענגלאַנד איז געשטאַנען פאַר אַ באַנקראָט.

אין יענע טעג איז אויך דער יידישער אויפשטאַנד געשטאַנען אויפן שייד־וועג. אַלע כוחות אין ישראל זענען געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה: אָפּ־צושטעלן דעם קאַמף, אָדער אים פאַרזעצן. און ענגלאַנד איז געשטעלט גע־וואָרן פאַרן אויסוואַל: כדי צו קענען ווייטער הערשן אין דעם לאַנד וואָס פאַר־בינדט דריי וועלט־טיילן, האָט ענגלאַנד געוואָלט פאַרקלענערן איר אַרמיי אין ארץ־ישראל און איבערלאָזן נישט־גרויסע פּראָפעסיאָנעלע כוחות. מיט די כור־חות, וואָס האָבן נישט פיל געקאָסט, האָבן די ענגלענדער געהערשט אין אונ־דזער קליין לענדל, אַ פערטל יאָרהונדערט. צי וועלן איצט גענוגענען די זעל־ביקע קליינע כוחות, וואָס פלעגן אָן שום לאַגישער סיבה אָנוואַרפן אַ גרויסע אימה? דאָס איז געוואָרן דאָס פּראָבלעם. צוליב דעם האָבן זיי געוואָלט האָבן רו אין ארץ ישראל. דעריבער האָבן זיי געפּרוווט איינצושטעלן רו מיט אַלע מיטלען וואָס זענען געווען אין זייער רשות. דער 29טער יוני 1946, דער טאָג ווען עס זענען אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע אָפיציעלע ציוניסטישע מנהיגים און אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער „הגנה" און פלמ"ח, דער טאָג האָט געדאַרפט זיין דער לעצטער טאָג פון די „בלוטיקע געשעענישן" אין ארץ יש־

ראל. פון דעמאָלט אָן האָט געדאַרפט אין אונדזער לאַנד הערשן אַ באַרקער־שלום, כדי אַ גרויסער טייל פון דער באַרקער־אַרמיי זאָל קענען זיך צוריק־קערן אַהיים.

די אָפיציעלע ציוניסטישע פירערשאַפט האָט נישט פאַרשטאַנען די דאָ־זיקע נייע ווענדונג און איר באַדייטונג. עס קען זיין, אַז אויף איר האָבן גע־ווירקט די אַרעסט־טעג אין לאַטרון און אין פ א ר י ס (איך האָב נישט קיין טעות: אין לאַטרון און אין פ א ר י ס . ס'איז באַקאַנט די טרייסט־טעלעגראַמע, וואָס די „פאַרהאַלטענע אין פאַריס" האָבן געשיקט צו די פאַר־האַלטענע אין לאַטרון, וואָס אויך זיי זענען נישט געזעסן אין אומבאַקוועמע באַדינגונגען). און אפשר האָט געווירקט די דראַאונג פון אַן אָפענער דעמאָנ־סטראַטיווער דימיסיע פון דר. ווייצמאַן, אָדער אפשר האָט דעצידירט די אויפ־ריכטיקע זאָרג פאַרן „מפעל הבנין". אַגב, נישט די סיבה איז וויכטיק, נאָר דער רעזולטאַט. דער רעזולטאַט פון באַרקערס קאָנטער־אָפענסיווע איז געווען אַ טראַגישער און האָט געקענט זיין אַ קאַטאַסטראָפאַלער. די אָפיציעלע פירער־שאַפט האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן דעם מיליטערישן קאַמף פון דער „הגנה". דאָס איז געווען טראַגיש. אָבער די אַגענץ האָט זיך פאַרפליכטעט פאַר די ענג־לענדער, וועלכע האָבן באַפרייט אירע מיטגלידער אויפן סמך פון צוזאָג, אַז אויך די אויפשטענדלער וועלן אָפּשטעלן אָדער וועלן געצוווּנגען ווערן אָפּצו־שטעלן דעם קריג. ווען דער אָפיציעלער פירערשאַפט וואָלט געלונגען — ווי זי האָט עס געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן — מקיים זיין איר צוזאָג און פאַר־פליכטונג לגבי די ענגלענדער, וואָלט אונדז געשען אַ היסטאָריש אומגליק. די בריטן וואָלטן גענאָסן פון דער רו וואָס זיי האָבן געדאַרפט אויף צו רעאָרגאַ־ניזירן זייערע אַרמייען. און מיר וואָלטן נישט נאָר ביז היינט, נאָר ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, מיט דער ווייטערדיקער הערשאַפט פון „באָס" פון דאַונינג סטריט.

דער נס־הפרישה, דער נס פון „דיסידענטיזם" איז בייגעשטאַנען אונדזער פאָלק. די אויפשטענדלער האָבן נישט פאַרלאָזט צוזאַמען מיט דער „הגנה" די מיליטערישע פראָנטן. פאַרקערט, זיי האָבן אַליין נאָך פאַרשטאַרקט די קריגס־אַקציעס. די אויפשטענדלער־מחנה האָט מען נישט געקענט ברעכן נישט מיט הונדערט טעג און נישט מיט הונדערט חדשים אַרעסט, נישט מיט דעפּאָר־טאַציעס און נישט מיט תליות. אַ כישוף־ראָד האָט זיך געעפנט פאַר „דזשאָנען." דער פּרעסטיזש — דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — פאָדערט צו ליקווידירן דעם „טעראָר", דער נישט־אָפּגעשטעלטער טעראָר רייסט אונטער דעם פּרעסטיזש. דאָס לאָך אין דער מלוכה־קאַסע דערלויבט נישט צו האַלטן קיין גרויסע אַרמיי אין לאַנד און דער פאַרשאָלטענער טעראָר לאָזט נישט האַלטן קיין קליינע אַר־מיי. די בריטן זענען דעריבער געשטעלט געוואָרן אין דער נויט אויפצוברעכן

דאָס כישוף־ראָד וואָס איז באַוועגט געוואָרן דורך די אויפשטענדלער אין ארץ־ישראל.

צוליב דעם איז נולד געוואָרן דער געדאַנק פון אַ בריטישער יציאת־ציון, פון איבערגעבן דעם ענין ארץ־ישראל צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניק־טע פעלקער און פון אַריינפירן די אַראַבישע אַרמייען אין אַן אָפענעם קריג מיט דער האָפענונג צוריקצוברענגען די אומדירעקטע בריטישע הער־שאַפט איבער אונדזער לאַנד.

און אַז די ענגלענדער זענען אַוועק האָבן מיר געקענט דעראָבערן דאָס גאַנצע לאַנד פון אונדזערע אבות. דאָס איז נישט קיין טעאָריע. ס׳איז געווען אַ פּאָליטישע דעבאַטע אין ישראל פּאַרלאַמענט, אין „כנסת״. ווי איינער פון זיינע מיטגלידער האָב איך געשטעלט פראַגעס און אויך באַקומען תשובות. ה׳ בן־גוריון האָט געזאָגט אומצוויידייטיק, אַז מיר האָבן געקענט איינעמען (דאָס הייסט באַפרייען) גאַנץ ארץ־ישראל. מיר האָבן עס נישט געטאָן — האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געזאָגט — ווייל מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט און געקומען צום אויספיר, אַז אויב מיר וועלן צו ווייט פאַרגיין, וועלן די אַראַבער זיין אַ מערהייט און מיר אַ מינדערהייט און די אַראַבער וועלן דעמאָלט האָבן דאָס רעכט צו שאַפן די רעגירונג אין ישראל...

איך באַדויער וואָס איך מוז זאָגן, אַז די דאָזיקע דערקלערונג מאַכט נישט קיין איינדרוק פון אַן ערנסטער אויפקלערונג. זי איז נישט ריכטיק נישט היס־טאָריש־פּרינציפּיעל און נישט פּאָליטיש־פּראַקטיש. אָבער נישט די אויפקלע־רונג איז דאָ וויכטיק. וויכטיק איז דער היסטאָרישער פאַקט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך ה׳ בן־גוריון, אַז ס׳איז אונדז מעגלעך געווען צו באַפרייען גאַנץ ארץ־ישראל און נישט בלויז אַ טייל פון איר.

פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געקענט צעטראָטן ווערן אונטער די רעדער פון די בריטישע טאַנקן, וואָס זיי האָבן געגעבן די אַראַבער. הויכע ענגלישע אָפיצירן, ווען זיי האָבן דערמוטיקט די ארץ־ישראל אַראַבער — אויסער די, וועלכע האָבן געלעבט אין יפו — צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער האָבן צוגעזאָגט די שכנים אונדזערע, אַז אין עטלעכע וואָכן און אפשר אין אַ פּאָר טעג אַרום, וועלן זיי צוריקקומען און אַלץ נעמען.

די האָפענונגען פון די שונאים זענען נישט דערפילט געוואָרן. אויסער דעם אייבערשטן אין הימל, האָבן אונדז געהאָלפן אַ ריי אַנדערע פאַקטאָרן. קודם־כל האָט אונדז געראַטעוועט די יידישע גבורה, וואָס איז באַנייט גע־וואָרן אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד. ס׳האָט אונדז אויך געהאָלפן די לעגענ־דע פון יידישן כוח, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די אַראַבער צוליבן אַנטי־בריטישן אויפשטאַנד, דאָס האָט אויף די אַראַבער אַרויפגעוואָרפן אַ גרויסע אימה און זיי זענען פאַראַליזירט געוואָרן אין זייער אָפּווער, אָדער זענען אַנטלאָפן. נישט ווייניקער האָט אונדז געהאָלפן דער נידעריקער אינ־

טעלעקטועלער ניוואָ פון די אַראַבישע אַרמייען, פון זייערע קאָמענדאַנטן און שטאַבן און די מאָראַלישע שוואַכקייט פון זייערע סאָלדאַטן. די אַלע פאַקטאָרן האָבן געקענט צוהעלפן, אויב זיי וואָלטן ווי געהעריק אויסגענוצט געוואָרן, אונדז צוריקגעבן ד י ג אַ נ צ ע נחלה פון אונדזערע אבות.

דער פחד איז נישט מקוים געוואָרן. די האָפענונגען זענען נישט דער־פילט געוואָרן. ישראל איז נישט אויסגעראָטן געוואָרן. גאַנץ ארץ־ישראל איז נישט באַפרייט געוואָרן.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן מ ד י נ ת י ש ר א ל.

די אונטערערדישע אַרמיי

„טעראָר" און באַפרייאונגס־קריג. — דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמאַנדשאַפט פון „ארגון צבאי לאומי". — די אידיי געבוירט אירע פאַרווירקלעכער. — די רעוואָלוציע באַקומט אירע באַגנעטן. — ברידער־ליבע אין אונטערערד. — די איינהייטן פון קעמפנדיקן ארגון. — פערמאַנענטע אויפקלערונג — אַ טייל פונעם באַפרייאונגס־קריג. — די געהיימע דרוקערייען און דאָס „קלעפּן" אויף די ווענט. — יום־כּיפּור אויפן הר־הבית. — אשרקע, אשרקע, פאַרוואָס האָבן זיי דיך דערמאָרדעט? — דער „ח"ק" (די שלאַכט־איינהייטן) ברענגט „זיינע מתנות".

א.

אונדזערע פיינד האָבן אונדז גערופן „טעראָריסטן". אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען געווען נישט פיינד און נישט פריינד, ווי די קאָרעספּאָנדענטן פון „העראַלד טריביון", האָבן אונדז אויך גערופן מיט דעם לאַטייניש נאָמען, אָדער צוליבן איינפלוס פון דער בריטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָדער צוליב רוטין. אונדזערע פריינד, ווי דער אירלענדער או'ריילי, האָבן מער גערן — ווי ער האָט עס געשריבן אין זיין אָפענעם בריוו — „פאַרלאָפן די היסטאָריע" און האָבן אונדז גערופן מיט אַ פּשוטן, כאָטש אויך לאַטייניש נאָמען: פּאַטריאָטן. דער ענגלישער גענעראַל מאַק־מילאַן, דער פאַרטרעטער פון גענעראַל באַרקער, האָט געמיינט, אַז דער נאָמען „טעראָריסטן" איז אַ צו שיינער פאַר אונדז. דער דאָזיקער נאָמען — האָט געטענהט דער קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אַרמיי — איז שוין פאַרבונדן מיט אַ געוויסער העלדישקייט־לעגענדע. ער איז אויך מרמז אויף שרעק, וואָס די טעראָריסטן וואַרפן כלומרשט אָן אויף דער בריטישער אַרמיי, אַ פּחד וואָס עקזיסטירט נישט. דעריבער — האָט באַפוילן דער בריטישער גענעראַל — לאָמיר זיי מער נישט רופן טעראָריסטן; לאָמיר זיי רופן „מערדער", „פאַרברעכער" און... מאַק־מילאַן האָט צוגעגעבן נאָך אַ האַלב טוץ

שיינע עפּיטעטן, וואָס דער ענגלישער ווערטערבוך, באַזונדערס דער לעקסי־קאָן פון אַן ענגלישן גענעראַל, איז כלל נישט אָרעם מיט זיי. אָבער דער באַפעל האָט נישט געהאָלפן. ענגלישע צייטונגען און די בריטישע סאָלדאַטן האָבן אונדז ווייטער גערופן „טעראָריסטן“. אפשר וועט פּראָפעסאָר פרוידס חכמת־הנפש קענען געבן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס די ענגלענדער האָבן נישט געפאָלגט די עצה פון זייער קלוגן קאָמענדאַנט.

מיר זענען נישט געווען קיין טעראָריסטן. דאָס לאַטייניש וואָרט „טעראָר“, פון וועלכן ס'שטאַמט דער טיטל, באַטייט פּחד, שרעק. אָבער אַן אויפשטאַנד איז נישט קיין טעראָר. דער „טעראָר“ איז נישט קיין רעוואָלוציע. אַ רעוואָלוציע האָט נישט פאַר זיך קיין ציל אָנצוואַרפן אַ מורא. איר שטרעבונג איז אומצוואַרפן דעם רעזשים און אויף זיין אָרט אויפשטעלן אַ נייעם רעזשים. אין אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף באַנוצן זיך ביידע צדדים מיט כוח. דאָס באַנוצן זיך מיט כוח רופט אַרויס, אומדירעקט, אויך געפילן פון שרעק. אָבער, ווי געזאָגט, דער ציל איז נישט אָנצוואַרפן אַן אימה.

מיר זענען געקומען צעשטערן אַ רעזשים און אויפצושטעלן אַ נייעם. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פיזישן כוח, ווייל קעגן אונדז איז אויך געשטאַנען אַ פיזישער כוח. אָבער מיר האָבן אין פיזישן כוח נישט געגלויבט. אונדזערע פיינד האָבן אין אים געגלויבט. מיר האָבן געגלויבט אין העכערע מאָראַלישע כוחות. אונדזערע שונאים האָבן פון זיי געשפּאָט. דעריבער זענען אונדזערע אונטערדריקער געפאַלן, כאָטש זייער פיזישער כוח איז געווען גרויס און שטאַרק. ס'איז אַ געזעץ פון דער געשיכטע. מיר זענען גליקלעך, אַז ס'איז אונדז געלונגען אים צו באַווייזן אינעם יאָרהונדערט פון מאַטעריאַליזם. מיר האָבן עס באַוויזן נישט נאָר אונדזער פאָלק, נאָר דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר זענען אויפגעשטאַנען און געקעמפט נישט כדי אָנצוואַרפן אַ מורא, נאָר פאַרקערט — אַראָפּצונעמען די מורא וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס יידישע פאָלק אין גלות. היסטאָריש זענען מיר נישט געווען קיין „טעראָריסטן“, מיר זענען געווען אַנטי־טעראָריסטן.

אויך אָרגאַניזאַטאָריש האָבן מיר נישט געשאַפן קיין גרופּע פון אַטענטאַטאָרס, וואָס וואַרטן אָפּ טאָג און נאַכט וויכטיקע יחידים און פירט אויס פון צייט צו צייט אַ טויט־אורטייל איבער זיי. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַן אונטערערדישע אַרמיי, וואָס פּלאַנירט אָנגריפן אויף די וויכטיקסטע אָביעקטן פון שונא, וואָס גראָבט אונטער די יסודות אויף וועלכע עס שטייט זיין מיליטערישע באַזע, אָדער זיין ציווילע מאַכט, און וואָס איז גורם פאַרלוסטן דעם שונא ביים דורכפירן די מיליטערישע אָנגריפן. מיר האָבן אָנגעהויבן פון אַ קליינער אונטערערדישער אַרמיי, וואָס האָט נישט געציילט מער ווי עטלעכע הונדערט סאָלדאַטן. אונדזער כוח איז אָבער געוואַקסן מיטן גאַנג פון דער מלחמה. נישט געקוקט אויף די רדיפות, אָדער אַ דאַנק זיי, זענען מיר דער־

גאַנגען צו אַן אונטערערדישער אַרמיי, וואָס האָט געציילט פיל טויזנטער. מיר זענען נישט געווען קיין „טעראָריסטישע" גרופּע — נישט ווערדליק דער אָר־גאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור, נישט ווערדליק אונדזער קאַמף־סיסטעם און נישט ווערדליק אונדזער גייסט.

ב.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון אונדזער קליינער אַרמיי איז געווען אַ גאַנץ פּשוטע. אין שפּיץ איז געשטאַנען אַ קאָמאַנדשאַפט מיט אַ הויפּט־שטאַב, וואָס איז געווען פאַרטיילט אין דעפּאַרטאַמענטן, אָפּהענגיק פון די באַדערפע־נישן פון אונטערערד. די אַרמיי איז איינגעטיילט געוואָרן אין בריגאַדעס, אַנט־שפּרעכיק צו די קריגס־באַדערפעונישן. אונדזער „אַפּאַראַט" איז שטענדיק געווען זייער אַ קליינער. די ענגלענדער האָבן געמיינט, אַז מיר האָבן טויזנטער פּראָ־פעסיאָנעלע סאָלדאַטן, וועלכע באַשעפטיקן זיך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן מיט גאָרנישט מער, אויסערן מיטן אַנטי־בריטישן „טעראָר". דער שפּיאָנאַזש־דינסט פון שונא איז געווען פאַרבלענדט און מיר האָבן כלל נישט געהאַט בדעה אים צו עפענען די אויגן. פאַקטיש האָבן מיר, ביזן אַוועקגאַנג פון די ענגלענ־דער, געהאַט נישט מער ווי עטלעכע צענדליק (אַמאָל ווייניקער ווי 20, קיין מאָל נישט מער ווי 40־30) חברים, וועלכע האָבן געווידמעט זייער גאַנצע צייט דעם אונטערערדישן קריג. די אַלע איבעריקע הונדערטער און טויזנטער מענטשן האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זייערע פאַכן, אָבער זיי זענען געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע און דעם קריג, ווען מ׳האָט זיי נאָר גערופן.

די קאָמאַנדע האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער טעטיקייט פון „ארגון", די מיליטערישע און פּאָליטישע. זי פלעגט באַהאַנדלען די יסודות פון סטראַ־טעגיע און טאַקטיק, אויפקלערונג און אינסטרוקציע, וועגן באַציאונגען מיט אַנדערע קערפּערשאַפטן און פאַרהאַנדלונגען מיט זייערע פאַרטרעטער. די קאָ־מאַנדע האָט אויך אָנגענומען באַשלוסן. ס׳זענען טאַקע געווען באַפעלן אין ארגון צבאי לאומי, אָבער קיינמאָל זענען עס נישט געווען קיין באַשלוסן פון אַ יחיד. שטענדיק זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַקטועלע פּראָגעס. איינער האָט דעם צווייטן איבערצייגט. די באַשלוסן זענען בדרך כלל אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אין אונדזערע זיצונגען איז נישט געווען קיין פאָרמעלע אָפּשטי־מונג. ס׳איז געווען אַ רעזומירונג פון די פאַרשיידענע מיינונגען. אין פאַל פון מיינונג־פאַרשיידנהייטן, האָבן אַלע זיך אונטערגעוואָרפן דער מיינונג פון דער מערהייט. דאָס געפיל פון אחריות, קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג און ברידער־ליבע — די פאַקטאָרן האָבן דערמעגלעכט איינצוהאַלטן דעם דאָזיקן סיסטעם. אונדזערע זיצונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען אָפט, זענען שטענדיק געווען

פראַקטישע. איך געדענק נישט, אַז מיר זאָלן ווען עס איז אָפּהאַלטן אַ „יידי־שע זיצונג", דאָס הייסט אַ זיצונג וואָס ענדיקט זיך מיט אַ באַשלוס צו רופן אַ צווייטע זיצונג. מיר האָבן באַשלאָסן און געטאָן. די ענגלענדער האָבן נישט געוווּסט די באַשלוסן. זיי האָבן דערשפּירט די מעשים.

די ערשטע אָנפירונג וואָס אין איר שפּיץ איך בין געשטעלט געוואָרן, איז באַשטאַנען פון בן־חנוך (יעקב מערידאר), אמיתי (אַריה בן־אליעזר), יוסף (אליהו לאנקין) און דניאל (שלמה לעווי).

יעקב מערידאר, איינער פון די בעסטע מיליטערישע קאָמענדאַנטן אין ישראל, איז געשטאַנען אין שפּיץ פון ארגון אין די שווערע קריזיס־יאָרן, פון דעם טאָג ווען דוד רזיאל איז געפאַלן, ביזן אָנהייב פון אויפשטאַנד. יעקב האָט אָפּגעהיטן דעם י ש, אַז די טליענדיקע פונקען זאָלן זיך נישט אויסלעשן. זיין לאַגע איז געווען שווער, טיילמאָל אומדערטרעגלעך. ער האָט געוואָלט אָנהייבן דעם קריג נאָך אין אָנהייב פון 1943, אָבער זיינע הענט זענען געווען געבונדן. איך האָב געזען זיינע ראנגלענישן נאָך איידער כ'האָב באַקומען די קאָמאַנדע. איך האָב זיך צוגעבונדן צו אים פונעם מאָמענט ווען כ'האָב, קומענ־דיק פון רוסלאַנד, זיך געמאָלדן צו אים, מיטטיילנדיק, דאָס וואָס איך האָב גע־טראַכט מיטצוטיילן דוד רזיאלן — אַז איך שטעל זיך צו זיין באַפעל. מיר האָבן געשמועסט אין אַ קליין צימערל, דאָס באַקאַנטע „ברוק" צימערל, טונקל באַלויכטן פון אַ נאַפט־לעמפּל, פון וועלכן יעקב האָט געפירט דעם ארגון, אין קאַמופלאַזש ווי אַ פּאַרוואַלטער פון אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, „הערר הא־ניג". מיר האָבן געשמועסט ווי אַלטע פריינד. מיר האָבן דורכגעשטודירט די לאַגע. פאַר אונדז ביידע איז קלאָר געווען, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין וועג: דער אויפשטאַנד.

יעקב האָט געטאָן אַלץ לויט זיינע בעסטע מעגלעכקייטן, כדי אויסצו־בילדן מענטשן און צוצוגרייטן געווער פאַר די אויפשטאַנד־אַקציעס. אויב מיר האָבן געהאַט דעם מינימום אָנצוהייבן און צו געבן קלעפּ דעם שונא, דאַרפן מיר דאָס פאַרדאַנקען אין דער ערשטער רייע יעקבן, זיין עקשנות און זיין גוטן שמייכל, מיט וועלכן ער פלעגט באַגעגענען קלעפּ און אַנטוישונגען. ווען ס'איז געקומען די שעה האָט יעקב זיך נישט געוואַקלט פון גרויסקייט צי עניוות, איבערצוגעבן די קאָמאַנדע דעם, וואָס האָט זיך געשטעלט צו זיין באַ־פעל. נישט די פערזענלעכע פּאָזיציע איז ביי אים געווען וויכטיק. די „זאַך" איז געווען וויכטיקער פון אַלץ. יעקב איז געווען גליקלעך ווען ס'האָט זיך אָנ־געהויבן דער אויפשטאַנד, און ער האָט זיך ווי אַן אמתער לערער געפרייט מיט די מעשים פון זיינע תלמידים. אָבער יעקב מערידארן, דעם געהילף־קאָמאַנדאַנט פון ארגון צבאי לאומי, איז נישט באַשערט געווען אַ לאַנגע צייט צו שטיין נעבן זיינע אַנדערע חברים אין דער מפקדה. ווינטער 1944 האָבן די שליחים פון דער יידישער אַגענץ אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דער

בריטישער פּאָליציי, וועלכע האָט מיט פּיל „העפלעכקייט“ געשטעלט אַ באַזונדערן אַעראָפּלאַן צו זיין דיספּאָזיציע, כדי אים צו פאַרשיקן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין אַפריקע.

אויך אויפן שוואַרצן קאָנטינענט און הינטער די בריטישע דראָט־פאַרצוימונגען, האָט אונדזער מפקד בן־חנוך באַוויזן, אַז אויב אפילו מען קען פאַרשפּאַרן אַ מענטשן, קען מען אָבער נישט פאַרשפּאַרן דעם ג יי ס ט פון אַ פרייען מענטשן. יעקב איז טאַקע נישט געווען דער איינציקער צווישן אונדזערע קעמפער, וועלכע האָבן געמאַכט פּרוּוון צו ענדיקן דעם „בריטישן אורלויב“ און צוריקצוקערן זיך צום פראָנט. אונדזערע חברים האָבן פיינט געהאָט די תפיסה אין דער זעלבער מאָס ווי זיי האָבן ליב געהאָט דעם פרייהייט־קריג. אין תפיסה זענען זיי געווען זיכער. אין דרויסן האָט הינטער זיי געלויערט אין יעדן ווינקל די געפאַר. זיי האָבן אָבער גיכער געוואָלט די סכנה פון טאָט איידער די זיכערקייט פון גאָרנישט טאָן.

פון וועלכע תפיסות זענען די אונטערגרונט־קעמפער נישט אַנטלאָפן? מיט וועלכע וועגן האָבן זיי זיך נישט באַנוצט, כדי צו צעברעכן די אייגענע קייטן און העלפן צעברעכן די קייטן פון זייער פאָלק?

יעקב מערידאָר איז אפשר געווען דער מוסטער פאַר אַלעמען. אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז ער געווען ווי אַ פרייער פויגל. אַלע מינים פון ד׳ראָט־פאַרצוימונגען האָבן אים נישט געקענט האַלטן אין שטייג. ער איז אַנטלאָפן און געכאַפּט געוואָרן, ווידער אַנטלאָפן און געכאַפּט געוואָרן, און נאָך אַמאָל אַנטלאָפן און פונדאַסניי געכאַפּט געוואָרן — ביז ס׳איז אים סוף־כל־סוף געלונגען זיך צוריקצוקערן צום פראָנט, וואָס אַן אמת שפּעט, אָבער נאָך צו דער צייט כדי זיך אַוועקצושטעלן אין דער שפּיץ פון די איינהייטן פון „ארגון צבאי לאומי“, זיי צו פירן אין פאַרטיידיקונגס־קריג קעגן די אַראַבישע אינוואַזיע־אַרמייען און זיי אַריינפירן אין דער פאַראייניקטער ישראל־אַרמיי.

די געשיכטעס פון זיינע דרייסטע אַנטלויף־פּרוּוון זענען דאָך באַשריבן אין זיין בוך „לאַנג איז דער וועג צו פרייהייט“.

* * *

אריה בן־אליעזר האָט די ערשטע מלחמה־יאָרן געלעבט אין אַמעריקע, ווי איינער פון די שליחים פון „ארגון“. אין 1943 איז ער אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל ווי דער שליח פון קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַמעריקע אונטער דער אָנפירונג פון הלל קוק און שמואל מערלין. אריה איז געקומען צוריק אַהיים אין אַ שעה פון שווערן קריזיס פאַרן „ארגון“. און דער „ארגון“ איז אַרויס פון קריזיס אפשר קודם־כל אַ דאַנק אים. אַריה איז מיר געוואָרן אַ חבר און פריינד באַלד ווי מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער געמיינזאַמע אַרבעט. אין די אומצאָליקע שמועסן, וואָס מיר האָבן גע־

פירט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון אויפשטאַנד און נאָך דעם. בעת די נאַכט־שפּאַצירן, אָדער ביי זיין שוועסטער אין וווינונג, אָדער אין האָטעל „סאַוואָי“, זײַנען פאַקטיש געלייגט געוואָרן די יסודות פון אונדזער רעוואָלוציאָנערן קאַמף. צוזאַמען האָבן מיר דורכגעמאַכט די אומפאַרמיידלעכע גייסטיקע קריזיסן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די ערשטע אויפשטאַנד־אַקציעס. דאָס זענען געווען קריזיסן פון צער און פּיין. ס׳זענען אויך געווען פרייד־קריזיסן, טיילמאָל איבערגעטריבענע שמחה, וועגן די הישגים וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן. צי האָבן מיר איינער צום אַנדערן נישט געזאָגט נאָכן געלונגענעם אָנגריף אויף די דריי קוואַרטירן פון דער געהיים־פּאָליציי: „איצט קען מען שוין שטאַרבן“? מיר האָבן געוואָלט זאָגן, אַז מיט דער אַקציע, וואָס האָט ווירקלעך פיל מענטשן איבערראַשט, באַזונדערס די ענגלענדער, איז שוין פאַרזיכערט די אַנטוויקלונג פון אויפשטאַנד, אויב אפילו מיר וועלן נישט זיין, מיר וועלן זיין אַרעסטירט אָדער וועלן פאַלן. דאָס איז געווען די התחלה, און כאָטש מיר האָבן געהאָפט אויף גאָר גרויסעס, איז דעמאָלט אונדז נאָך נישט געווען קלאָר, אַז מיר וועלן דערגיין ביזן אויפברעכן די פעסטונג פון עכו...

פון דער צווייטער זייט איז פאַר אונדזערע אויגן געשטאַנען אַבשלום בענזשאַמין, איינער פון אונדזערע בעסטע בחורים, וועלכער איז געפאַלן ביי דער שלאַכט אין ירושלים און שמעון עמרמי, אויך איינער פון אונדזערע בעסטע יונגע קעמפער, וועלכער איז אַריינגעפאַלן צום שונא אין געפאַנגג־שאַפט (עמרמי איז שווער געפייניקט געוואָרן דורך די ענגלענדער און ער האָט געליטן און געשוויגן; מיר האָבן אים באַפרייט בשעתן אָנגריף אויף דער עכו׳ר תפיסה, אָבער ער איז געפאַלן בעת אונדזערע סאָלדאַטן האָבן זיך צוריקגעצויגן. געפאַלן ממש אויפן שוועל פון פרייהייט...).

די ערשטע אויפטרייסלונגען זענען די שווערסטע. יעדער איינער פון אונדז האָט געזוכט טרייסט און דערמוטיקונג אין זיך גופא, און אין זיין חברס רייד. מיר האָבן געפונען די דערמוטיקונג. מיר האָבן געוווּסט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג. מיר האָבן געגלויבט, אַז אונדזערע קרבנות וועלן נישט זיין אומזיסט. איינער האָט געשטאַרקט דעם גלויבן פון אַנדערן.

אויך מיט אריהן האָב איך געאַרבעט צוזאַמען נאָר אַ קורצע צייט. ער איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך אין פרילינג 1944. ס׳קען זיין אַז ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין פועל־יוצא פון אַ מסירה. אפשר איז זיין אַרעסט געקומען אומדירעקט, צוליב אַ געוויסער נאַאיוויטעט אונדזערער, אָדער דורך אַ טעות־דיקער באַרעכענונג, צוליב אונדזער זאָרג פאַר די חברים און פריינד פון איבערן אָקעאַן. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אויב אריה וועט פאַרשווינדן פון האָריזאָנט, וועט זיין באַהאַלטן זיך, זיין אַ באַווייז קעגן זיינע חברים אין אַמעריקאַנער קאָמיטעט, און די ענגלענדער וועלן אפשר מצליח זיין צו באַוועגן די אַמעריקאַנישע מאַכט זי זאָל פאַרווערן די וויכטיקע טעטיקייט פונעם קאָ־

מיטעט, אָדער אַרויסצושיקן זיינע מיטגלידער פון לאַנד. פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געמיינט, אַז אויב אריה וועט זיין אין אַ „האַלבן אונטערגרונט“, וועלן מיר מיט איין מאָל שיסן צוויי האָזן: ער וועט זיך אַרויסדרייען פון אַרעסט, און אויב ער וועט אַרעסטירט ווערן, וועט ער גיך באַפרייט ווערן, ווייל ער האָט זיך נישט באַהאַלטן. אריה האָט דעריבער געוווינט גאַנץ אָפן אין האָטעל, און האָט געטאָן זיין אַרבעט אין געהיים. מיר האָבן אַ טעות געהאַט. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און באַפרייט געוואָרן ערשט דעמאָלט ווען ער האָט זיך אַליין באַפרייט. אויך ער איז אַנטלאָפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עריטרעאַ. דאָס גלייכן וועגן זיין „אָדיסייע“ קען מען שרייבן ביכער אָדער זינגען לידער.

**
*

אליהו לאנקין, פון די „כינעזער“, דאָס הייסט אַ פאַרבינדלער, איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־זיילן פון אונדזער באַנייטער מלחמה. אליהו איז אַ מוס־טער פון גייסטיקער זויבערקייט. ער שטראַלט מיט אידעאַליזם שוין פון דער־ווייטנס, איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אַ חבר. איך האָב דעם גוטן אליהון ליב באַקומען מיטן גאַנצן האַרצן. ווי גוט ס'איז זיך צוצוהערן צו זיינע געוויי־געגע רייד. אַלע אין אונטערערד האָבן אים ליב געהאַט. צי קען מען אים נישט ליב האָבן? דער פלייסיקער אליהו איז געווען אַ מיטגליד פון דער הויפּט־קאָמאַנדע און אויך קאָמענדאַנט פון ירושלימער קרייז. אין אָנגריף אויף דער קאָמאַנדע פון דער קרייז־פּאָליציי, וואָס איר צעשטערטער בנין שטייט נאָך היינט אין דער ממילא גאַס און דערמאָנט אַלעמען די אויפשטאַנד־טעג, האָט זיך דער הויך־ראַנגיקער אָפיציר אליהו באַטייליקט ווי אַ קעמפער און האָט גערן אָנגענומען באַפעלן פון זיינעם אַן אונטערגעאָרדנטן. נישט לאַנג נאָכן אָנגריף איז אליהו געגאַנגען דאָרט ווו פיל פון זיינע ברידער זענען אַוועק. אויך ער איז אויסגעליפערט געוואָרן דורך די שליחים פון דער יידישער אַגענץ צו דער בריטישער פּאָליציי. אויסגעליפערט געוואָרן אין מיטן ירושלים. אויך ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין עריטרעאַ. אים איז געראָטן צו אַנטלויפן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. זיין אָדיסייע, וואָס איז אַ ווירקלעכקייט, איז אפשר נישט קלענער ווי די, וועגן וועלכער ס'האָט געזונגען דער אַלטער האָמער, פון זיין פאַנטאַזיע. אליהו איז געווען דער ערשטער פון די אַנטלויפערס. ער איז אָנגעקומען קיין אייראָפּע און איז געווען דער מפקד פון ארגון צבאי לאומי אין גלות און קאָמענדאַנט פון דער שיף, וועגן וועלכער מיר וועלן נאָך דערציילן — „אלטאלענא“.

**
*

דער ייִנגסטער פון זיי איז געווען ד נ י א ל, דאָס איז שלמה לעווי, אַ

זון פון אַ חלוצישער משפחה פון הרטוב, אַ פּתח־תקוהער. אַ סאָלדאַט און אַ מפקד אין אַלע זיינע רמ״ח אברים, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם „ארגון״, וואָס זיין שטאַב ער האָט געפירט פון אָנהייב קריג ביזן מאָמענט פון זיין אַרעסט. איך האָב אים ליב געהאַט ווי מ׳האָט ליב אַ ייִנגערן ברו־דער, אָדער אַ דערוואַקסענעם זון. אויך ער איז שנעל אַריינגעפאַלן אין גע־פאַנגענשאַפט צום שונא. נאָכדעם ווי אליהו לאַנקין איז אויסגעליפערט גע־וואָרן, איז דניאל געשיקט געוואָרן איבערצונעמען די קאָמאַנדע אין ירושלים. אויפן וועג איז זיין אויטאָ אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ בריטישן פּאָליציי־פּאַטרול. פון אַ צווייטן אויטאָ, וואָס איז אים נאָכגעפאָרן, איז אַרויס אַ שליח פון דער יידישער אַגענץ און אָנגעוויזן אויף דניאלן:

— דאָס איז ער! — האָט דער מסור געזאָגט צו די בריטישע פּאָליציאַנטן אין זייער שפּראַך.

די ענגלענדער האָבן פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך געפרייט. נאָך איינער...

דניאל איז אויך געווען פון דער גרויסער אַנטלויפער־גרופּע פון עריטרעער קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָר דאָס מזל האָט אים נישט אָפּגעשפּילט. ער איז צוריקגעקומען אַהיים ערשט דעמאָלט, ווען זי איז באַפרייט געוואָרן פון פרעמדן יאָך.

***

עטלעכע חדשים נאָכן צוזאַמענשטעלן אונדזער מפקדה, האָבן מיר צו־קאָאָפּטירט צו איר איתן׳ען, וואָס זיין אמתער נאָמען איז ירוחם לבני, ער איז געווען אונדזער ערשטער אָפּעראַציע־שעף. איתן, מיט אַ זעלטענער טביעת־עין, האָט מיט אַן אומגעוויינלעכן טאַלאַנט פּלאַנירט אַלע מיליטערישע אָנ־גריפן פון „ארגון״, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט פון שונא, בשעת אַ שווערער שלאַכט נאָכן דורכפירן ברייטע סאַבאָטאַזש־אָפּעראַציעס אין דרום פון ארץ־ישראל, און ער איז געוואָרן „חיים לוסטער״, וואָס איז געשטאַ־נען אין שפּיץ פון אַ צווייטער „שלאַכט״ — דעם באַקאַנטן משפט קעגן 31 סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי פאַרן מיליטערישן בריטישן „געריכט״ אין ירושלים. איתן, אַ תלמיד פון יעקב מערידאָר, וואָס איז אַליין געווען דוד רזיאלס אַ תלמיד, און האָט דערצויגן פיל מיליטערישע ספּעציאַליסטן. ער האָט אפשר געטאָן די שווערסטע זאַך: ער האָט אָנגעהויבן...

איתן פלעגט זייער אָפט קומען צו מיר אין וווינונג. נישט בלויז בייטאָג, נאָר אויך ביינאַכט. זיין פונקציע האָט עס באַדאַרפט. ווען די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, פלעגט ער אַריינגיין דורכן פענצטער. וואָלטן די שכנים באַמערקט דעם נאַכט־באַזוכער, וואָלטן זיי אפשר געמאַכט אַ גוואַלד און אַלאַרמירט די פּאָליציי, כדי מיך צו שיצן קעגן אַ „גנב וואָס רייסט זיך אַריין אין דער נאַכט״. נאָך דאָס האָט אונדז געפעלט... אָבער די שכנים זענען געשלאָפן אַ טיפן שלאָף,

און איתן האָט געקענט פאַרזעצן זיינע באַזוכן רואיק, כאָטש נישט שטענדיק זיכער. מיין קליין זונעלע האָט זייער ליב געהאַט דעם לוסטיקן פעטער, וועל־כער פלעגט אים ווייזן די קאָמישסטע „קונצן". מיין זון האָט גערופן איתנ׳ען „פעטער משה". יעדער „פעטער" וואָס איז געקומען צו אונדז אין הויז, האָט געהאַט אַ באַזונדערן נאָמען פאַר מיין זון. קליינע קינדער זענען, ווי באַקאַנט, די גרעסטע שונאים פון קאָנספּיראַציע. אָבער צי גיבן עלטערן אַכטונג אויף דעם צו וואָס קינדער הערן זיך צו? מיר זענען געווען פאַרזיכטיק. נאָר מסתמא האָט מיין זון אַמאָל אויפגעכאַפּט מיינס אַ געשפּרעך מיט ירוחמען, און איין מאָל האָט מיך מיין דריי־יאָריקער זון, אַ פרעג געטאָן מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן:

— טאַטע, ווו איז דער פעטער משה וואָס מ׳רופט אים ירוחם?

כ׳בין אַביסל מבולבל געוואָרן הערנדיק די איבערראַשנדיקע פראַגע און די געפערלעכע אַנטדעקונג. פון דער אַנדערער זייט בין איך, ווי יעדער טאַטע, געווען שטאָלץ אויף מיין זונס „חכמה":

— דער פעטער משה, מיין קינד, דער פעטער משה איז געפאָרן קיין חיפה. ער וועט קומען!

ס׳איז שלעכט ווען אַ זון קען נישט זאָגן דעם אמת זיין פאָטער. נאָך ערגער איז, ווען דער פאָטער קען נישט דערציילן דעם אמת זיין זון. אַן אונ־טערערדישער קריג פאָדערט, אַ חוץ די אָפענע און גרויסע קרבנות, אויך אומ־זעבאַרע קרבנות, וואָס נאָר דער וואָס האָט זיי דורכגעמאַכט, ווייסט ווי שווער זיי זענען...

דער „פעטער משה". פאַרוואָס „פעטער משה"? צו וואָס איז ער „געפאָרן קיין חיפה"? זאָל מען די עלטערן מוחל זיין פאַר די מעשיות וואָס זיי האָבן געמוזט דערציילן זייערע קינדער — צוליב אַ מלחמת־מצווה. און זאָלן די קינדער מוחל זיין זייערע טאַטעס פאַרן זעלבן חטא. דער פעטער משה, מיין קינד, איז טאַקע געווען ירוחם און ער איז געפאָרן נישט קיין חיפה, נאָר קיין ירושלים, אין ירושלימער תפיסה אַריין. און פון דאָרט, אין עכו, ווידער אין תפיסה, אויף פופצן יאָר. אַזוי האָבן געזאָגט די ענגלענדער, מיין קינד, אויף 15 יאָר. ווען וועסטו שוין זען דעם פעטער משה? דער „פעטער משה" איז צוריקגעקומען צו אונדז — נישט פון חיפה, נאָר פון עכו — מיט 14 יאָר פריער איידער די ענגלענדער האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן אים באַפרייען. ער מוז שוין נישט זיין „פעטער משה". ער איז ירוחם. היינט איז ער פריי. היינט זענען מיר אַלע פריי. אַלע זענען צוריקגעקומען, אויסער די, וועלכע זענען נישט צוריקגעקומען און וועלן שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען און וואָס אין זייער זכות, מיין קינד, ביסטו און וועסט זיין אַ פרייער מענטש...

ג.

פון דעם וואָס עס איז געשען דער מפקדה פון „ארגון", קען מען אַרויס־ציען אַ ווייכטיקע מסקנה. ס'איז באַקאַנט דער היסטאָריאָזאָפישער וויכוח צווישן די „אידעאַליסטן" און די „מאַטעריאַליסטן" איבער דער פראַגע, צי מענטשן שאַפן די געשעענישן, אָדער געשעענישן שאַפן דעם מענטשן. אין קליינעם אונטערערדישן קעלער האָבן מיר נישט געפונען קיין ענטפער אויף דעו' פראַגע. דאַקעגן איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די א י ד ע ע וואָס מענטשן האָבן פאַרטראַכט, ברענגט דערצו, אַז ס'ווערן געבוירן מענטשן, וועלכע רעאַ־ליזירן זי. קענענדיק דעם אמת זאָג איך, אַז ווען אין איינעם פון די אויפ־שטאַנד־עטאַפן וואָלטן מיר אַלע, מיינע חברים און איך, אַרעסטירט אָדער געהרגעט געוואָרן, וואָלטן אויף אונדזער אָרט געקומען אַנדערע און וואָלטן ביזן סוף פאַרגעזעצט די מלחמה מיטן פאַרשקלאַפער. פון אונדזער אייגענעם נסיון האָבן מיר געלערנט, אַז די אידיי פאַרוואַנדלט שוואַכע אין גיבורים, סאָלדאַטן אין אָפיצירן, טעאָרעטיקער אין פּראַקטיקער, סטודענטן אין סטראַ־טעגן, אַרבעטער אין קאָמאַנדירן. מענטשן פאַלן, אַנדערע קומען פאַרנעמען זייערע פּלעצער. ווי? ווען? קיינער ווייסט נישט. זיי מוזן קומען. ווען אַריה בן־אליעזר איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, איז מיר און מיינע חברים פינצטער געוואָרן אונדזער וועלט. ווען יעקב מערידאָר איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אונטערדריקער האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן באַ־קומען אַ טויט־קלאַפּ. ווען אליהו לענקין איז אויסגעליפערט געוואָרן דעם שונא, האָב איך נישט געפונען קיין מנוחה און טרייסט. ווען דניאל איז געכאַפּט גע־וואָרן — וועגן זיין אַרעסט האָט מיר מיטגעטיילט מיט אַ ביטער געוויין זיין קליינע שוועסטערל — איז אויפגעטרייסלט געוואָרן מיין נשמה. ווען איתן איז אַריינגעפאַלן מיט צענדליקער קעמפער אונדזערע, צווישן זיי די בעסטע מפקדים, ווי יהושע זאנד, דער קריגס־העלד פון יפו, און אריה, פון די באַ־פרייטע פון עכו — האָט זיך ביי אונדז געטאָן חושך. ד י מענטשן זענען געווען ממש די הויפּט־זיילן פון „ארגון" און פון דער מלחמה. ווער וועט זיי פאַרטרעטן? ווער וועט טאָן זייער אַרבעט?

מ'האָט זיי פאַרטראָטן. יעדן פון אונדז וואָלט מען פאַרטראָטן. די אַר־בעט איז געמאַכט געוואָרן, ווייל זי האָט געמוזט געטאָן ווערן. די אידעע איז שטאַרקער פון אונדז אַלעמען.

ס'איז געקומען אברהם, איינער פון אונדזערע חיפהער מפקדים, וועלכער איז גיך געוואָרן דער צענטראַלער זייל פון דער „ארגון"־אַרבעט. אברהם — אַזוי וועל איך אים רופן ביז מיין לעצטן טאָג — איז אַן אומדערשעפּטער קוואַל פון ענערגיע. ער ווייסט נישט וואָס איז מידקייט און וואָס איז שוועָ־ריקייט. ער איז גובר אַלץ. אין די יאָרן פון אויפשטאַנד איז אברהם געווען

דער פאַרנומענסטער מענטש אין ארץ־ישראל. ער האָט געאַרבעט 18 שעה אין מעת־לעת. און שטענדיק איז געלעגן אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן, כאָטש נישט שטענדיק האָט זיין נשמה געשמייכלט. אַלע שלעכטע בשורות פלעגן אָנקומען צו אברהמען איידער זיי זענען אָנגעקומען צו מיר. אברהם איז געשטאַנען ווי אַ פעלדז.

— מיר וועלן עס איבערלעבן, אברהם?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? נאָך ווי איבערלעבן! ס'וועט זיין גוט. נישט געזאָרגט!

ס'איז געקומען עמיצור, וואָס האָט זיין נאָמען אין אונטערגרונט גע־מאַכט פאַר זיין אָפיציעלן נאָמען אין דער פרייער מדינה. עמיצור איז נישט נאָר פון אונדזערע בעסטע אָרגאַניזאַטאָרן. ער איז געווען איינער פון אונ־דזערע קלאָרסטע מוחות. איך געדענק נישט, אַז עמיצור זאָל אַרויסזאָגן אַ מיי־נונג, וואָס זאָל נישט זיין דורכגעטראַכט ביזן סוף. איך האָב ליב געהאַט נישט נאָר צו הערן זיין מיינונג, נאָר אויך אָנצונעמען זיין עצה. עמיצור האָט געהאַט אַ באַזונדער מזל. ער איז קיין מאָל נישט אַרעסטירט געוואָרן דורך די ענגלענ־דער׳, און ווען ער איז דאָך געוואָרן אַרעסטירט — ווי קען עס אַ מענטש פון דער אונטערערד לגמרי נישט „זיצן"? — איז ער אַרעסטירט געוואָרן, אָדער בעסער געזאָגט, געכאַפּט געוואָרן דורך זיינע ברידער יידן.

ס'איז געקומען גדעון, אונדזער „גידי". זייער יונג איז געווען גדעון — נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אין גאַנצן — ווען ער האָט נאָך איתב"ען אי־בערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער מיליטערישער פּלאַנירונג. דאָס וואָס דער דאָזיקער יונגער בחור, וועמענס מיליטערישער טאַלאַנט גרענעצט זיך זיכער מיט געניאַליטעט, האָט געטאָן, וועלן די ענגלענדער געדענקען כל־זמן די ערד וועט זיין טראָגן. די גרעסטע און דרייסטסטע געווער־קאָנפיסקאַציעס זענען געווען אויסגעאַרבעט דורך אים, און טייל מאָל אפילו אייגנהענטיק דורכגע־פירט פון אים. איין מאָל איז ער אַרויס צו באַרייכערן דעם „ארגון" מיט אַ גאַנצן אוצר פון מאַשין־געווער, ביקסן און אַמוניציע. אין אָנהויב בין איך גע־ווען קעגן דעם, אַז גדעון זאָל פּערזענלעך אָנפירן מיט דער אַקציע. אונדזערע מפקדים האָבן געהאַט חשק צו גיין אין שלאַכט בראש פון זייערע סאָלדאַטן. כ'האָב באַנומען דעם דאָזיקן ווילן. ס'איז נישט נאָר גוט צו גיין מיט די בחו־רים; ס'איז אפילו פיל לייכטער צו גיין מיט זיי, איידער צו וואַרטן אויף זייער צוריקקומען. קאָמענדאַנטן אין אונטערערד זענען נישט קיין „מיליטע־רישע קאָמענדאַנטן" וואָס ציילן די פאַרלוסטן צווישן זייערע סאָלדאַטן לויט כללים פון סטאַטיסטיק. מפקדים אין אונטערגרונט זענען טאַטעס און ברידער פון די, וועלכע גייען אין שלאַכט אַריין. דערפאַר איז זייער טאָג אומעט און זייער נאַכט ווייטיק. דעריבער שרייט זייער נשמה, אויך ווען זייער שטים שווייגט:

— גענוג, למען השם. ביז ווי לאַנג? לאָמיר גיין צוזאַמען מיט די בחו־רים!

מיר האָבן געמוזט קעמפן איינער מיטן אַנדערן, כדי איינצושטילן דעם דאָ־זיקן באַגער. ניין! ס'זענען נישט געווען קיין „דראַמאַטישע" סצענעס. אָבער ס'איז געווען נייטיק אומאויפהערלעך צו איבערצייגן און עס איז געווען אַ גרוי־סע פאַרשטענדעניש און אַ שטאַרקע ליבע, און איבער אַלעמען איז געווען אויס־געשפּרייט דער גרויסער אומעט... גדעון, ווי מיר אַלע, האָט געקענט אי דעם שטאַרקן באַגער, אי דעם אומעט. ווי געוויינלעך האָט ער געבעטן אַ דערלויבע־ניש אַרויסצוגיין מיט די בחורים אין שלאַכט. געוויס, ער איז שוין געווען גע־ווינט צו הערן דעם אַנטשלאָסענעם „נ יי ן". נאָר אין אייניקע פאַלן פלעגט ער „רעוואָלטירן", דערנאָך איבערצייגן און זיגן. אין איינעם פון די פאַלן איז עס געווען דער אַנגריף אויפן לאַגער פון די בריטישע פליער אין עקיר, דאָס איז אונדזער עקרון.

— דאָרט זענען דאָ ריזיקע לאַגערן פון געווער און אַמוניציע! — האָט גדעון געזאָגט מיט אויסערלעכער רואיקייט און אינערלעכן פייער — עס איז אַ זעלטענע געלעגנהייט. און ווירקלעך, איך קען דאָרט נישט איבערגעבן די קאָ־מאַנדע אַן אַנדערן.

— ...און יהושע, און אריה, און חיים און... כ'האָב אויסגערעכנט עטלעכע נעמען פון אונדזערע מוטיקע קאָמענדאַנטן, וואָס נישט אַלע האָב איך געזען מיט מיינע אויגן, נאָר כ'האָב זיי אַלע געקענט לויט זייערע אויפטוען און פעיקייטן.

— יאָ. אָבער אויך זיי וועל איך דאַרפן נעמען. די אַקציע איז אַ זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכע. יעדער שריט קען אונדז ברענגען אַ דורכפאַל. אָבער איך פיל, אַז כ'מוז גיין אַליין. באמת איך קען נישט אַנדערש!

אַזוי האָט זיך געצויגן דער וויכוח, איינער פון אומצייליקע וויכוחים אין אונדזער אונטערערד, וואָס האָט געהאַט זייער ווייניק שמחה, אָבער פיל, פיל טרויער. דאָס מאָל האָט גדעון געווונען. מיט אַ שווער האַרץ איז געגעבן געוואָרן די הסכמה, אַז ער אַליין זאָל פירן די מענטשן צום בריטישן מיליטערישן לאַ־גער...

גדעון האָט געאַרבעט פלינק. די גרופּע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און איז געווען ענלעך אין אַלע פּרטים צו דער אַנטשפּרעכנדיקער בריטישער איינ־הייט. ס'האָט געפּאַסט דער מונדיר, ס'האָבן געפּאַסט די היטלען, דאָס געווער האָט געוויס געפּאַסט... אַפילו דער אַקצענט, דער שאָטלענדישער אַקצענט פון פלינקן און מוטיקן דזשעקסאָן איז אין גאַנצן געווען געראָטן אין יענע... אויך די דאָקומענטן זענען געמאַכט געוואָרן אין אָרדענונג. דאָס איז געווען נייטיק. ביז דעמאָלט איז אונדזערע סאָלדאַטן שוין געלונגען אַ סך מאָל אַריינצודרינגען אין מיליטערישע בריטישע לאַגערן און נעמען געווער. ס'זענען דעריבער אַרויס־געגעבן געוואָרן ספּעציעלע באַפעלן צו אַלע בריטישע מיליטערישע לאַגערן צו

זיין שטאַרק אָפּגעהיט פאַרן באוואָפענונגס־יצר פון „ארגון״. איינער אַזאַ באַ־פעל איז אונדז אַריינגעפאַלן אין די הענט. דער ענגלישער קאָמענדאַנט האָט גע־טענהט, אַז עס „זעט אויס, אַז דער „ארגון״ נייטיקט זיך אין אויטאָמאַטישן וואָפן (בעצם נישט אומריכטיק), דעריבער פּרווּט דער „ארגון״ צו באַקומען דאָס גע־ווער פון די מיליטערישע לאַגערן. דער מחבר פון באַפעל איז מודה, אַז דעם „ארגונס״ פּלענער צו באַקומען בריטיש געווער „זענען זאָרגפול אויסגעאַרבעט און ווערן דורכגעפירט מיט דרייסטקייט״. דעריבער — האָט דער אָפיציר פון ענגלישן שטאַב באַפוילן — דאַרף מען גענוי אויספילן די פאָלגנדיקע אינ־סטרוקציעס, מיטן ציל צו פאַרמיידן די אָנגריפן פון די טעראָריסטן אויף די גע־ווער־לאַגערן״. דאָ זענען געקומען גענויע אָנווייזונגען ווי אַזוי אָפּצוהיטן טאָג און נאַכט די לאַגערן און דעם צוגאַנג צו זיי, וועגן דערקען־צייכנס אאַז״וו.

מיט דער צייט זענען געקומען אַלץ מער און מער אַזעלכע באַפעלן. וואָס ווייניקער זיי האָבן געהאָלפן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן זייער צאָל.

ממש ביזן סוף פון אונדזער מלחמה האָבן מיר נישט אויפגעהערט צו נעמען געווער פון די ענגלענדער, נישט געקוקט אויף זייערע פאָרזיכטיקייט־מיטלען און די גרויסע טאָוולען און שילדן ביי אַלע לאַגערן, וואָס האָבן געהאַט אַן אויפ־שריפט וועלכע האָט זיכער אויסגעזען משונהדיק אין די אויגן פון די ענגלישע סאָלדאַטן: „דיין מונדיר — האָבן די אויפשריפטן געזאָגט צו זיין מאַיעסטעטס סאָלדאַטן — איז נאָך נישט קיין באַווייז פון דיין אידענטיטעט״. יעדער ענגלי־שער סאָלדאַט דאַרף האָבן פּאַפּירן, כדי צו באַווייזן דעם פּאַטרול, אַז דער אַריינ־גייענדיקער סאָלדאַט איז טאַקע אַן ענגלענדער.

נישט באַקוועם!

טייל מאָל איז אין לאַגער געשען עפּעס אומגעווייגלעכס — חלום אָדער ווירקלעכקייט? אָבער ס׳איז נישט געווען קיין צייט צו טראַכטן. דער „ברי־טישער״ פּאַטרול האָט העפלעך געהייסן דעם ענגלישן סאָלדאַט, אַפילו מיט אַ „סקאָטישן״ אַקצענט, אויפהייבן די הענט. וואָס פאַר אַ ברירה האָט ער געהאַט?

אויך פאַרן לאַגער אין עקיר האָט מען, פאַרשטענדלעך באַקומען, די נייט־טיקע פּאַפּירן. גדעון האָט געגעבן די אויפקלערונגען פאַר דער אַקציע. דורכ־קאָנטראָלירט די איינהייט, זי איז געווען אין אָרדענונג. די בחורים האָבן זיך איינגעקוקט אין גדעונען. אויך ער איז געווען אין אָרדענונג. אַ בריטישער קאַ־פּיטאַן — ימח שמו — ניין. דאָס איז דאָך „גידי״ — אַ קאַפּיטאַן!

— דער אויטאָ אין אָרדענונג?

— אין אָרדענונג.

— דער „דזשיפּ״ איז גרייט?

— גרייט.

— די פּאַפּירן אין אָרדענונג?

— אין פולער אָרדענונג.

— אַלץ איז קלאָר?
— קלאָר, קלאָר, גידי.
— און דאָס געווער, חברה, האָט איר גוט קאָנטראָלירט?
— ס׳איז נישטאָ קיין „גריז״?
— נישטאָ. אַלץ אין אָרדענונג.
— אַלזאָ, „אַבי געזונט״, קיין עקיר.

„אַבי געזונט״ איז געווען דער קאַמף־פּאַראָל, אָדער געגויער, דער אָפּשייד־פּאַראָל פון די אצ״ל־סאָלדאַטן. דער פּאַראָל איז געווען אַ פּשוטע און פּאָלקס־טימלעכע, גאָרנישט קיין דראַמאַטישע, אָבער אַ ביסל משונהדיקע אין אינהאַלט, און פאַר די געבוירענע אין ארץ־ישראל — אויך משונהדיק אין דער שפּראַך. פונדעסטוועגן האָט זיך דער פּאַראָל אַנגענומען. ס׳האָט אים געזאָגט דער אַבי־טוריענט פון דער העברעישער גימנאַזיע, דער „תימנישער״ בחור. ס׳האָבן אים איבערגעחזרט „סאַברעס״, וועלכע האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס יידישע וואָרט באַטייט, זיי האָבן אָבער גוט פאַרשטאַנען איר קאַמפּס־באַדייטונג. דער פּאַראָל „אַבי געזונט״ האָט סימבאָליזירט די נשמהדיקע רואיקייט פון אונדזערע קעמפּערס און זייער באַפרייען זיך פון אבערגלויבנס. ס׳איז דאָך אַ באַקאַנטער כלל, אַז אַ מענטש וואָס גייט אַרויס דערפילן עפּעס אַן אויפגאַבע איז אין אַ געוויסער מאָס אַנגעשטעקט מיט אבערגלויבן. אַז דו וועסט דערמאָנען אַ שאָ־פער, אַז אויפן וועג קען ער האָבן אַ „פּאַנטשער״, איז ער גרייט דיך אויפצו־עסן לעבעדיקערהייט. אַפילו סטודענטן, וועמענס אויפגאַבע איז נישט פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות, זוכן זיך גוטע סימנים, איידער זיי שטעלן זיך צום עקזאַ־מען. כ׳געדענק, אַז סטודענטן אין מיין דור, האָבן געפאָדערט מ׳זאָל זיי ווינטשן איידער זיי זענען געגאַנגען צום עקזאַמען: „ברעך קאָפּ און נאַקן״. צוליבן אבער־גלויבן האָבן די סטודענטן געגלייבט, אַז דווקא די אומגעקערטע ברכה איז אַ סגולה פאַר זייער דערפאָלג. און טאָמער דו האָסט חלילה פאַרגעסן און געווונטשן דיין חבר פאַרן עקזאַמען, פּשוט: האָב דערפאָלג! איז ער געווען גרייט דיר צו וואַרפן אין קאָפּ אַלע גראָבע ביכער, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם.

די סאָלדאַטן פון דער אונטערערדישער אַרמיי, זענען, אויסער אייניקע ווינציקע אויסנאַמען, געווען פריי פון אבערגלויבנס. זיי האָבן געוווסט: ווען זיי גייען צו אַ מיליטערישער אַקציע, גייען זיי אויף דער געפאַר צו ווערן אַרעס־טירט, פאַרוואונדעט צו ווערן, אָדער אפילו אויף אַ טויט־סכנה. אָבער זיי זענען געגאַנגען מיט אָפענע אויגן. זיי האָבן נישט מורא געהאַט פאַר דער שלאַכט צו ריידן וועגן דער צוקונפט. זיי האָבן נישט געזוכט קיין סימנים, נאָר געבליבן אין אַ גוטער שטימונג. קיין שום דראַמע. פּשוט: „אַבי געזונט״. און טאָמער האָסטו באַגעגנט אַ גרופּע יידישע בחורים גייען אַרויס פון אַ פּרדס, אָדער פון אַ צימער, און פון הינטער זיי רייסן זיך אין דער לופטן געשרייען „אַבי גע־זונט״, האָסטו געוווסט, אויב דו האָסט אויף אַן אמת געוווסט, אַז

באַלד וועט זיין „פריילעך“ אין לאַנד און די ענגלענדער וועלן באַקומען נאָך קלעפּ פון די „ארגון“־קעמפער. די ענגלענדער וואָלטן געגעבן אוצרות, אויב זיי וואָלטן געקענט וויסן דעם שלאַכט־פּאַראָל, אָבער זיי האָבן פון איר נישט געוווּסט און איר נישט געהערט. דאָס איז געווען דער סוד פון אונדזער אונטערערד. „אָבי געזונט“ האָבן די בחורים געזאָגט און זענען אַרויס אין וועג. און אַן אימה האָט אָנגעכאַפּט בעווינס סאָלדאַטן. אַמאָל אין ראש־העין, אַמאָל אין פּרדס־חנה, און אַמאָל אין עקיר...

„קאַפּיטאַן“ גדעונס אָפּטייל איז אָנגעקומען בשלום צום פלי־פעלד אין עקיר. אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָמאָביל מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, גרייט אָפּצושטויסן אַן אָנגריף פון די טעראָריסטן. אַ מיליטערישער „דזשיפּ“ מיטן אָפּי־ציר און זיינע אַדיוטאַנטן. אַלץ איז נאַטירלעך. נאַטירלעך אין די אויגן פון די ענגלענדער. ס'איז דאָך „זייערס אַן איינהייט“. נאַטירלעך פאַר די אַראַבער, וועלכע האָבן הנאה פון נארגילאַ־רויך און קוקן זיך צו צום שטויב וואָס די מי־ליטערישע אויטאָס לאָזן איבער אויפן שאָסיי. נישט אינגאַנצן נאַטירלעך איז עס געווען פאַר דער שכונות התקוה (אַ פאָרשטאָט פון תל־אביב, ווו עס וווינט אַן אָרימע באַפעלקערונג). אַ בריטישער קאַפּיטאַן... בריטישע סאָלדאַטן... אָבער שכונות התקוה פאַרשטייט צו שווייגן. „אָבי געזונט“.

ווען די איינהייט איז אָנגעקומען צום טויער פון לאַגער, זענען די פּאַפּירן פון די סאָלדאַטן דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן זייער שטרענג. אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. באַזונדערס דזשעקסאָנס שאָטלענדישער אַקצענט. זיי זענען אַריין אינעווייניק. אַ טייל פון דער אַרבעט איז שוין געמאַכט געוואָרן. איצט צום וואָפן־לאַגער. דער אויטאָ איז אַריין אין לאַגער. אַ סך בריטישע סאָלדאַטן און אַרבעטער. מערסטנס אַראַבער, אַביסל יידן, נייטיווס. אַלע זענען באַשעפטיקט. אונדזערע בחורים צעשפּרייטן זיך. פאַרנעמען פּאָזיציעס. אין זייערע אויגן גליט אַ פייער: — געווער, אייזן! רבונו של עולם! אַזויפיל געווער. אַ גרויסער אוצר! אויב מיר וועלן נעמען נאָר אַ טייל פון דעם, וועלן אונדז די ענגלענדער שפּירן. אוי, וועלן זיי פילן! אַן אָנגעצויגענע רואיקייט. ווען וועט גידי אָנהייבן? גידי וואַרט. די בריטישע סאָלדאַטן (די אמתע בריטן) האָבן שוין באַגריסט דעם הויך־געוויקסיקן קאַפּיטאַן. ער האָט זיי געענטפערט מיט אַ געוויינלעכן סאַלוט. אַלץ אין אָרדענונג. גידי לייגט אַרויף די האַנט אויפן רעוואָלווער — אַ קאַפּיטאַן אָן אַ רעוואָלווער, איז ווי אַ רב אָן אַ באָרד, להבדיל — און זאָגט רואיק, אין אַ פּשוטן ענגליש:

— די הענט אויפהייבן, ביטע!

די בריטישע סאָלדאַטן (די באַמתדיקע בריטן) מיינען אַז „זייער“ קאַפּיטאַן האָט זיך אָנגעשיכורט. צי זענען בריטישע קאַפּיטאַנען נישט געוווינט צו אַ גלעזל וויסקי?

— וואָס זאָגט דער קאַפּיטאַן?

אָרק באַערט דעם קאַמף פון „אירגון צבאי לאומי״ אין
דער פערזאָן פון איר הויפט קאָמאַנדאַנט.

מנחם בייגין באַגלייט פונעם
ניו ־יאָרקער אינטענדענט מר.
וו. אָ׳דווייער נאָך דער אויפ־
נאַמע אין מוניציפּאַלן פּאַלאַץ.

מנחם בייגין אין בראָדוויי ווו
ער איז אויפגענומען געוואָרן
דורך העכער אַ מיליאָן
מענטשן.

— די הענט אויפהייבן!

— סער...

— די הענט אויפהייבן, שנעל!

איך בין נישט קיין... בריטישער אָפיציר. איך בין אַ טעראָריסט פון „אר־גון צבאי לאומי“!

אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט, פאַרשטענדלעך. אַ חלום, נישט קיין חלום. אַ קאַפּיטאַן, נישט קיין קאַפּיטאַן. ווען אימיצער פון „ארגון“ הייסט אויפהייבן די הענט, דאַרף מען זיי אויפהייבן. און דווקא שנעל. די בריטישע סאָלדאַטן האָבן עס שוין געלערנט נישט ביי איין געלעגנהייט. און מ׳דאַרף אויך העלפן אַרויפצולאַדעווען דאָס געווער. דעריבער לאַדעוועט זיך שנעל. מ׳טאָר נישט פאַרלירן קיין צייט. ס׳איז נישט קיין מעל, ס׳איז געווער. די כו־חות פון אונדזערע בחורים זענען פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט געוואָרן. אָבער מ׳קען נישט זאָגן, אַז די אַנדערע אַרבעטן נישט. און נאָך ווי? דער לאַסט־אויטאָ ווערט פול. מאַשינען־געווער, אַמוניציע. אפשר וועט גענוג זיין? ביין. נישט גענוג! ס׳איז דאָך נישט קיין מעל. ס׳איז געווער. נאָך! נאָך!

מעגלעך אַז די בחורים האָבן צופיל אַנגעלאַדעוועט. ס׳איז געווען רעגן־סעזאָן. דער שליאַך צוריקצוקערן מיטן אוצר איז פול מיט בלאָטע. אונדזערע בחורים האָבן געקענט די שטעגן, אַזוי ווי אַ פרומער ייד קען „אשרי“. די ענגלענדער האָבן זיי נישט געקענט. אַזוי פלעגן מיר אָנקומען אין זייערע לאַ־גערן און זיי איבערראַשן, אַזוי פלעגן מיר צוריקקערן אין אונדזערע צעלטן אין אונטערגרונט. אָבער יענער שליאַך, וואָס האָט געפירט פון עקיר צו די צעלטן פון אונטערגרונט, איז געווען זייער אַ בלאָטיקער. דער שווערער לאַסט־אויטאָ איז געזונקען אין לאַגער. וואָס האָבן די בחורים נישט געטאָן, כדי אים אַרויסצושלעפּן? אַלע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסט. אינצווישן איז אַלאַרם אין לאַגער. די זאַך איז אויפגעדעקט געוואָרן. פּאַנצער־אויטאָמאָבילן לויפן שוין אַרום. אויך אַעראָפּלאַנען פליען שוין איבערן פעלד. מ׳זוכט, מ׳יאָגט. דער שונא האָט אַ גרויסן כוח. מ׳קען אים גורם זיין פאַרלוסטן, אָבער די שלאַכט איז פון פאָרויס אַ פאַרלאָרענע. דעם אויטאָ ווען מיר שוין נישט אַרויס־שלעפּן. דעם אוצר קען מען נישט ראַטעווען. ס׳איז נישטאָ קיין ברירה! אויפן דזשיפּ! יעדער איינער נעמט וואָס ער קען פון אוצר. דער דזשיפּ קרעכצט שווער. די לאַסט איז זייער שווער. די בחורים זענען צוריקגעקומען. גאָט צו דאַנקען! אַביסל געווער האָבן זיי געבראַכט מיט זיך. דער עיקר אַז ס׳זענען נישטאָ קיין פאַרלוסטן. און ווער קען באַשרייבן זייער צער? קוקט זיך צו. זיי האָבן געהאַט גליק. אַלץ האָט געקלאַפּט לויטן פּלאַן. און אָט דער פאַרשאָלטע־נער שליאַך... ער האָט אונדז טאַקע צוריקגעבראַכט אונדזערע בחורים, אָבער ר׳האָט אונדז צוגענומען הונדערטער שטיק מאַשינען־געווער. אין יענע טעג —

אַ גאַנצער אוצר. ביז מיר זענען אַרויס פון אונטערגרונט האָבן מיר נישט אויפ־געהערט צו באַדויערן יענעם פאַרלוסט.

די אַקציעס פון דעם מין, וואָס אין ארץ־ישראל האָט מען זיי גערופן „ווער־בירונגס־אַקציעס", האָבן מיר באַזונדערס ליב געהאַט. זיי זענען געווען אי אַ קלאַפּ פאַרן שונא אי אַ רפואה פאַר אונדז. און נישט שטענדיק האָבן זיי זיך פאַרענדיקט אַזוי גוט און אַזוי שלעכט, ווי אין עקיר. ס'זענען געווען אַקציעס, אין וועלכע מיר האָבן גענומען און געבראַכט אין אונדזערע לאַגערן אַריין ערנסטע סכומים פון מאָדערנעם וואָפן. ס'זענען געווען אַקציעס, בעת וועלכע ס'האָבן זיך צעפלאַקערט שלאַכטן צווישן אַלביאָנס חיילות און ישראלס סאָל־דאַטן, און אַלביאָנס כוחות זענען געווען פיל שטאַרקער פון אונדזערע, דאָך האָבן מיר געהאַט די אויבערהאַנט. ס'איז געווען אַ קאָנפיסקירונג־אַקציע אין סאראפענד, ביי וועלכער עס זענען פאַרווונדעט און געפאַנגען געוואָרן אשבעל און שמחון, וואָס אַרום זיי — נאָכדעם ווי זיי זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט — איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער תקופה פון אויפשטאַנד. ס'איז געווען די „ווערבירונג־אַקציע" אין דער פּאָליציי־פּעס־טונג אין רמת־גן, בעת וועלכער עס איז פאַרווונדעט געוואָרן דוב גרונער... ס'זענען געווען אַקציעס, אין וועלכע די קאָמבינאַציע פון העברעער־מוח און די באַנייטע יידישע גבורה האָבן דורכגעפירט כמעט אוממעגלעכע מעשים.

דער לעבעדיקער גייסט אין די אַלע אַקציעס — נאָכדעם ווי איתן איז אַריינגעפאַלן אין געפענגעניש, — איז געווען גדעון, וועלכער איז צוקאָמאַנ־דירט געוואָרן צו דער מפקדה, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. גידי האָט אַ זעלטענעם טאַלאַנט. ער שאַפט מיטן מ ו ח און שאַפט אויך מיט די ה ע נ ט. ער פּלאַנירט און פירט אַליין אויס. ווער קען אויסרעכענען זיינע טעכנישע און טאַקטישע אַנטדעקונגען? גדעון האָט דערפונדן דעם שווערן „מאָרטאַר", וואָס ווערט באַוועגט אויף עלעקטריע, דעם וואָס די ענגלענדער האָבן אַ נאָמען געגעבן „וו"־3 און פון וועלכן ס'איז שפּעטער אַרויס די באַ־רימטע „דווידקע". גדעון האָט דערפונדן די קאָנטאַקט־מינעס פאַר צוגן, קעגן וועלכע עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום פאָרזיכטיקייט־מיטלען מצד די ענגלענדער. צונויפנעמען האָט מען עס נישט געקענט. ווער ס'האָט פּרובירט — און די בריטישע ספּעציאַליסטן האָבן פּרובירט עס צונויפצונעמען — האָט באַצאָלט מיטן לעבן, ווייל ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט אונדזער וואָרע־נונג. אַ פּאַטרול־וואַגאַנדל איז דורכגעפאָרן די ליניעס בשלום. דער וועג איז בכן פריי? די ליניעס זענען אָבער דאָך געווען מינירט. ווען עס איז אַדורך אַ באַן, איז זי געפלויגן אין דער לופטן. דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון דער וואָג. די מינע איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ באַשטימטער וואָג. אַ לייכטע משא האָט עס נישט אָנגערירט. האָט זיך אָבער צוגערירט אַ שווערע משא, איז זי אינגאַנצן חרוב געוואָרן. אויך די צייט האָט מען געקענט אויסרעכענען. אַ טאָג.

דריי טעג. אפילו וואכן. איין מאָל האָבן מיר כמעט אין גאַנצן פּאַראַליזירט די באַן־באַוועגונג אין לאַנד — דורך אָט דער מינירונג.

גידיס מוח איז געווען אין אינטענסיווער באַוועגונג. ער האָט געהאַלטן אין איין דערפינדן: דאָ ספּעציעלע וועג־מינעס, דאָ פלאַמען־שפּייערס, דאָ „מילך־קריגלעך", „אַ פּאַס"... גידי האָט געפּלאַנט דעם אָנגריף אויף עכו. צו־זאַמען מיט שמשונען, דעם קאָמענדאַנט פון דער עכו־אָפּעראַציע, האָט ער די ענגלענדער געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ, בשעתן קריג־צושטאַנד. גדעון איז דער, וואָס האָט די רעכט צו טראָגן, נאָך שמעון פון דער חשמונאים־פאַמיליע, דעם נאָמען „דעראָבערער פון יפו"... אַזאַ איז גידי. אַ שווייגער. אַן עקשן און גע־ליבט דורך אַלעמען. אַ עניו. ער האָט ליב דעם טאַט, האָט פיינט די רעקלאַמע. ווען איר וואָלט אים געזען, אָדער ווען איר וועט אים זען, וועט אייך קיין מאָל נישט איינפאַלן, אַז דער דאָזיקער באַשיידענער, דאַרער בחורל האָט מיט די אייגענע הענט אָנגעשריבן גאַנצע בלעטער פון דער מיליטערישער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. פון וואַנען שטאַמט גידי? ער איז געקומען צו אונדז פון דער „הגנה". זיין ברודער, ישראל גליליס סעקרעטאַר, איז געווען צווישן די 23, וועלכע זענען נישט צוריקגעקומען פון זייער שליחות קיין סיריע, בשעת דער וועלט־מלחמה. גידי איז געקומען צו אונדז. דער אידעאַל האָט אים גע־בראַכט. דער אידעאַל האָט פון קליינעם עמיחי געמאַכט גדעונען, וואָס האָט גרויסע זאַכן אויפגעטאָן פאַר זיין פאָלק.

אַ חוץ גדעון, עמיצור און אברהם, זענען אין משך פון דער צייט צו דער מפקדה צוקאָאָפּטירט געוואָרן יואל און ראובן, יצחק און שמואל. יואל איז געווען דער שעף פון „דלק", דאָס הייסט פון אונדזער אינפאָרמאַציע־דינסט. אַ שווייגער, ווי עס פּאַסט פאַר זיין ראָל.

אַ מענטש פון טאַט, איינער פון די געלאַסנסטע מענטשן וואָס כ'האָב אין מיין לעבן געזען. אין זיין אויסערלעכקייט און קליידונג האָט ער אויסגעזען ווי אַ טיפּישער ענגלענדער. ז יי ן אינפאָרמאַציע־דינסט האָט אונדז אַמאָל גע־וואָרנט קעגן זיין פרוי — אויך זי איז אַ טרייע קעמפערן, ווייל מ'האָט זי געזען אין געזעלשאַפט פון אַ „פאַרדעכטיקן ענגלענדער"... (דאָס איז, פאַרשטענד־לעך, געווען איר אייגענער מאַן). ווען אונדזער אונטערערדישער קריג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפענער מלחמה, איז יואל אַרויסגעפאָרן, לויט זיין פער־זענלעכער בקשה, קיין אויסלאַנד, כדי צוצושטעלן געווער זיינע ברידער, וועל־כע האָבן זיך געגויטיקט אין כלי־זין. ער האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנ־שטרענגונגען, און פיל געליטן דערפילנדיק די אויפגאַבע וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעלייגט. אויך יואלן, ווען איר וועט אים זען דורכגייענדיק אין גאַס, וועט איר נישט „חושד" זיין, אַז ער איז אין משך פון לאַנגע יאָרן געשטאַנען אין פּערמאַנענטן געראַנגל מיטן בריטישן געהיים־דינסט און זיינע יידישע העלפערס...

ראובן איז געווען דער מאַן פון פּראַקטישן שאַפן. לאַנגע יאָרן איז ער געווען דער קאָמענדאַנט פון גרויסן תל־אביבער קרייז. ער האָט געשאַפן די מעדיציניש סעקציע, אָרגאַניזירט די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, און די געווער־לאַגערן, — זייער אַ קאָמפּליצירטע אויפגאַבע. ער איז אויך געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אַמוניציע־פּראָדוקציע אין דער תקופה ווען מיר האָבן אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן צום קריג.

יצחק, איינער פון די אַלטע „ארגון"־קאָמענדאַנטן, האָט אין זיינע הענט קאָנצענטרירט די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פינאַנציעלע פּראָבלעמען. זיין רייכע פּראַקטיק איז פאַר אונדז נישט איין מאָל געווען אַ וועג־ווייזער.

און שמואל, דער ייִנגסטער פון די מיטגלידער אין מפקדה, נישט אין עלטער, נאָר אין דינסט, איז געקומען צו אונדז פון דרום־אַפריקע און איז משך פון עטלעכע וואָכן איז ער געוואָרן איינער פון דער קעמפנדיקער משפחה, גע־ליבט און געשאַצט דורך אַלעמען. שמואל איז פון די פּאַרנינפּטיקסטע מענטשן וואָס איך האָב באַגעגנט. ער איז געווען דער וואָרט־טרעגער פון „ארגון" פאַר די אויסלענדישע זשורנאַליסטן. אין דער קריטישער תקופה איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר ירושלים, ביז עס איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן דער מיליטערישער באַטאַליאָן פון „ארגון צבאי לאומי".

ד.

וואָס עס איז געשען מיט די מיטגלידער פון דער מפקדה, איז געשען אויך מיט פיל אַנדערע אַמט־טרעגער. פיל פון זיי זענען אויסגעליפערט געוואָרן, אַרעסטירט, דעפּאָרטירט אָדער געפאַלן אין קאַמף. אויף זייער אָרט זענען גע־קומען אַנדערע. טייל מאָל, פון די רייען. זיי זענען געווען יונג, אָן דערפאַרונג, דאָך האָבן זיי געטאָן די אַרבעט. אנשטאט דער פּראַקטיק איז געווען דער ווילן. די איבערגעגעבנקייט האָט געשאַפן דעם „פּרעסטיזש". דער „ארגון" איז קיין מאָל נישט געפאַלן אונטער די קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען. דריי קרייז־קאָ־מענדאַנטן זענען געפאַנגען געוואָרן, איינער נאָכן אַנדערן, אין חיפה. פיר קרייז־קאָמענדאַנטן זענען אויסגעליפערט געוואָרן, איינער נאָכן אַנדערן, אין ירו־שלים. זייער יונגע מפקדים: אריה, אמנון, רענן, אלון, תמיר, אליצור, האָבן איבערגענומען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זייער אָרט און, ווי זיי האָבן עס באַוויזן, זענען זיי געווען ראוי צום צוטרוי וואָס מ'האָט זיי געגעבן.

אָט די אַלע מענטשן זענען געוואָרן מיינע פּערזענלעכע פריינד. נאָך מער: ברידער מיינע זענען זיי געווען! כ'האָב זיי ליב געהאַט, יעדן איינעם פון זיי אהבת־נפש, און זיי האָבן מיר צוריקגעקערט ליבע. די קעגנזייטיקע ליבע, אַ ליבע פון קעמפער פאַר וועמען עס איז נישטאָ קיין הייליקערע זאַך. דאָס איז געווען דער מקור פון אונדזער גליק, אפשר דער איינציקער גליק אין דער פינצ־

טערניש פון דער אונטערערד. אין אונדזער קליינער פרייהייט־אַרמיי האָט געהערשט "ברידער־ליבע, וואָס אַזוינס איז אין ערגעץ נישט פאַראַן. נישט על־פּי צופאַל איז אונדזער אינערלעכער סינאָנים, אויסער דעם נאָמען „מעמד" (קלאַס), געווען ד י ק ע מ פ נ ד י ק ע מ ש פ ח ה. מיר זענען געווען אַ משפחה. איינער האָט געהאַט פאַרטרויען צום אַנדערן. איינער וואָלט דאָס לעבן אַוועקגעגעבן פאַרן צווייטן. יעדן טאָג האָבן כמעט אַלע צייטונגען געשריבן די עקל־האַפטיקסטע זאַכן איבער די מענטשן פון „ארגון צבאי לאומי" און זיינע קאָמענדאַנטן, און די חברים, ווייניקע פון זיי האָבן געקענט איינער דעם אַנדערן. זייערע מפקדים האָבן זיי נישט געזען. און די קאָמענדאַנטן פון זייערע קאָמענדאַנטן האָבן זיי כלל נישט געקענט. פון וואַנען האָבן זיי געשעפּט די זיכערקייט, אַז די באַהאַלטענע מפקדים זענען טאַקע נישט אַט „די שלעכטע מענטשן", וועמען די פּרעסע האָט טאָג־טעגלעך באַוואָרפן מיט שמוץ? פאַרוואָס זענען זיי געגאַנגען אויף טויט־סכנות און ממש אויף טויט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך? פון וואַנען האָבן זיי געשעפּט דעם „אומפאַרשטענדלעכן" פאַרטרויען? מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן צו אָט די פראַגעס. דאָ, ריידנדיק וועגן דער אונטערערדישער אַרמיי, האָב איך מיך אָפּגעשטעלט איבער איינעם פון די פאַקטאָרן וואָס האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ „קעמפנדיקער משפּחה". דאָס איז געווען די ליבע, די ליבע צום אידעאַל, וואָס האָט געשאַפן די גרויסע ליבע צווישן די קעמפער. די קעמפער זענען געוואָרן ברידער. אַלע. דאָס איז געווען זייער כוח.

די ברידער־ליבע האָט נישט געשטערט די דיסציפּלין. פאַרקערט, זי האָט עס נאָך געשטאַרקט. אין „ארגון" איז געווען זייער אַ שטאַרקע דיסציפּלין. איר קוואַל איז נישט געלעגן אין צוואַנג. דער „ארגון" איז געווען איינע פון די זעלטענע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וו אָ ס ה אָ ט א י ר ע מ י ט ג ל י ד ע ר דערלויבט צו פאַרלאָזן די ר ייען. קיין מאָל האָבן מיר נישט געפּרווט, צוליבן באַקאַנטן פּחד „פאַר אויסזאָגן סודות" אויפצווינגען אימיצן, ער זאָל ווייטער געהערן צום „ארגון", אויב ר'האָט אים געוואָלט פאַרלאָזן. און ס'זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרלאָזט אונדזערע רייען. פיל זענען אַוועק און געקומען צוריק. אַנדערע זענען אַרויס און נישט מער צוריקגעקומען. דאָס איז דער לעבנס־געזעץ. איך וואָלט נישט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק, אַז ביי אונדז איז אַלץ געווען גלאַט. „דאָס מענטשלעכע" ווירקט אין יעדער מענטשלעכער געזעלשאַפט. עס זענען פאַראַן מיספאַרשטענדענישן. עס זענען דאָ אַנטוישונגען. אָבער באַשטימען באַשטימט דער כלל און נישט דער אויסנאַם. אַ פאַקט איז, אַז פון אייניקע הונדערט זענען מיר געוואָרן פיל טויזנטער: אַ פאַקט איז, אַז די דיסציפּלין איז געקומען נישט פון אויסערלעכן צוואַנג. אַזוינס איז נישט געווען; נאָר עס איז אַנטשטאַנען פון ט י פ ע ר א י ב ע ר־צ ײ ג ו נ ג. פעלערן? דורכפאַלן? זיכער זענען געווען. מ'האָט נישט געדאַרפט האָבן קיין שום לעגענדעס. דער אמת איז שענער פון יעדער לעגענדע. און דער

אמת איז, אַז די אויפשטענדלער־משפּחה איז פריי געווען אין איר דיסציפּלין, אַזוי ווי זי איז געווען ריין אין איר אמונה.

נאָך אַ באַהאַנדלונג פון דער פראַגע האָבן מיר איבערגעלאָזט אין אונדזער אונטערערדישער אַרמיי די ראַנגען, וואָס דוד רזיאל האָט איינגעפירט. מיר האָבן געהאַט סגנים, ראשי־קבוצות, סמלים א׳, רבי סמלים, גונדארים און איין איינ־ציקן סרן. דאָס איז יעקב מערידאר. די מיליטערישע טיטלען האָבן נאָר זעלטן געפּאַסט צו די פּראַקטישע אויפגאַבן וואָס זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן מפקד: אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער טויזנטער סאָלדאַטן, ווי דער מפקד פון תל־אביבער קרייז, איז געווען אַ גונדאר. אין אַ רעגולערער אַר־מיי איז אַ גונדאר אַ קאָמענדאַנט פון עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן. אונדזער אַ סמל האָט טייל מאָל אָנגעפירט מיט הונדערטער סאָלדאַטן. אין אַ רעגולערער אַרמיי גיט מען איבער אַזאַ אויפגאַבע אַ קאַפּיטאַן, אָדער אַ מאַיאָר. די טיטלען זענען נישט געווען קיין מקור זיך גרויס צו האַלטן. זיי האָבן נאָר סימבאָליזירט די מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די טיטלען זענען געווען זייער באַשיידע־נע — אַזוי ווי זייערע טרעגער. דער אונטערשייד פונעם קאָמענדאַנט ביזן סאָל־דאַט איז געלעגן בלויז אין דער לאַסט פון אַרבעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער מיליטערישער גראַד האָט נישט געגעבן קיין שום „פּריווילעגיעס". דער גע־האַלט פון אַן „ארגון" מענטש, וועלכער האָט געווידמעט זיין גאַנצן טאָג דער אָרגאַניזאַציע און האָט געמוזט באַקומען זיינע מינימאַלע עקסיסטענץ־מעגלעכ־קייטן, איז באַשטימט געוואָרן נישט לויטן מיליטערישן גראַד, נאָר לויט זיין פאַמיליען צושטאַנד. אַ נישט־פאַרהייראַטער, אפילו אויב ער איז געווען אַ גונ־דאָר און מיטגליד פון דער מפקדה, האָט באַקומען די זעלביקע 25 פונט אַ חודש. מיר האָבן געהאַט שאָפערן, פאַמיליען־מענטשן, וועלכע האָבן באַקומען אַ גרע־סערן „געהאַלט" פון מפקדה־מיטגלידער. נישט צופעליק האָב איך אַריינגע־שטעלט דאָס וואָרט געהאַלט אין גענדזן־פיסלעך. די געהאַלטן אין „ארגון" האָבן קוים געקלעקט אויף מינימאַלער עקסיסטענץ. דער בודזשעט פון פערזענלעכע אויסגאַבן האָט קיין מאָל נישט באַטראָפן מער פון פערצן פּראָצענט, טייל מאָל נאָך ווייניקער פון 12 פּראָצענט. די פּריווילִיקע באַשטייערונגען וואָס יידן האָבן אונדז געגעבן, און די סומען וואָס מיר האָבן צייטנווייז גענומען פון די ענג־לענדער, זענען געגאַנגען פאַר די דירעקטע מלחמה־באַדערפענישן. אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקענט מאַכן וואָס מיר האָבן געמאַכט פאַר אונדזער פאָלק. אויב דער באַגריף „צנע" (באַשיידנקייט אין לעבן!), האָט אַן אינהאַלט, איז אין די רייען פון די אויפשטענדלער איינגעפירט געוואָרן דער אמתער צנע. און אויב דער באַגריף „דעמאָקראַטישע אַרמיי" האָט אַן אינהאַלט, האָט די אויפ־שטענדלער־משפּחה אין ישראל געהערט צו די דעמאָקראַטישסטע אַרמייען אין דער וועלט.

מיר האָבן געהאַט צוויי באַשטימטע טעג אין יאָר, ווען מיר פלעגן געבן

אַוואַנסן אין גראַד אונדזערע סאָלדאַטן און מפקדים. דאָס איז געווען דער 14־טער נאָוועמבער און כ״ט תמוז. דאָס זענען געווען צוויי טראַדיציאָנעלע אָנדענק־טעג אין „ארגון״. דעם 14טן נאָוועמבער איז געבראָכן געוואָרן די „הבלגה״ און דוד רזיאל האָט געמאַכט דעם ע ר ש ט ן אָ נ ג ר י ף אויף ישראלס פיינד. כ״ט תמוז איז אין דער פרעמד אַוועק פון דער וועלט אונדזער פאָטער, דער פאָטער פון העברעער־אויפשטאַנד, זאב זשאַבאָטינסקי. פאַר די עילוי־נשמות פון לערער און זיין שילער און אין אָנדענק פון ערשטן אויפשטענדלער־טאַט, האָבן מיר געגעבן אויסצייכענונגען אונדזערע בעסטע סאָלדאַטן און די פאַראַנטוואָרט־לעכסטע מפקדים. אין די דאָזיקע טעג זענען די אונטערערדישע סאָלדאַטן געווען יום־טובדיק. דער „מעמד״ האָט געפירט אַ מלחמה אויף לעבן און אויף טויט. דעריבער איז די אַוואַנסירונג געווען זייער אַן ערנסטע זאַך. דאָס איז נישט געווען קיין „שפיל״. מיר האָבן אַלע געשפּאַנט, כאָטש מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, אין דער נאָענט פון דער תליה. אַ פייערלעכע ערנסט־קייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף אַלעמען. דער פּאַראַד איז געווען אַ קורצער; דער באַפעל — נאָך קירצער. קיין שום רעדעס. קיין דיבורים. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ שטילע שבועה. יעדער מפקד האָט געוווסט זיין פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. ער האָט זיך „ווידער געווידמעט״ דעם ציל, דעם קאַמף, דעם קרבן, דער ליבע צום פאָלק און שנאה פון פאַרשקלאַפונג. אין אַ קעמפנדן אונ־טערערד זענען דאָ זייער ווייניק צערעמאָניאַלן. אָבער די וועלכע זענען דאָ, זענען זייער טיפע. ס׳איז נישט לייכט געווען צו באַקומען ביי אונדז אַ גראַד. דוב גרונער איז געווען אַ געוויינלעכער סאָלדאַט אין „ארגון צבאי לאומי״...

אַז ס׳איז ביי אונדז נישט לייכט צו אַוואַנסירן, האָב איך געוווסט אויך פון מיין פּערזענלעכער דערפאַרונג. איך האָב נישט געהאַט קיין גראַד, נישט צוליב אַ שפּיל פון באַשיידנקייט — נאָר צוליב אַ מוז. אין אַ פרעמדער אַרמיי בין איך געווען אַ פּראָסטער סאָלדאַט. אָבער וואָלט איך אפילו דאָרט געווען קאַלאָנעל, וואָלט זיך עס נישט פאַררעכנט אין קעמפנדיקן ארגון. אָפיצירן פון פאַרשיידענע אַרמייען זענען שטאָלץ געווען צו באַקומען, נאָך שווערער מי, אַ טיטל פון סמל אין ארגון צבאי לאומי. דער געזעצלעכער תנאי צו באַקומען אַ גראַד איז געווען צו ענדיקן אַ קורס. און איך האָב צום באַדויערן נישט באַוויזן צו ענדיקן קיין קורס. געזעץ איז געזעץ. דאָס האָט כמעט גורם געווען אַן „אינ־טערנאַציאָנאַלע״ מיספאַרשטענדעניש. ווען כ׳האָב מיך אין אונטערערד גע־טראָפן מיט די פאָרשטייער פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, האָט מיך דער פאָרזיצנדער, דער ריכטער סאַנדסטראָם, געפרעגט — דערפילנדיק זיין פאָרמעלע פליכט — וואָס איז מיין באַפולמעכטיקונג צו רעדן אין נאָמען פון „ארגון צבאי לאומי״.

— צי איז אייער גראַד גענעראַל? — האָט דער בכבודיקער ריכטער גע־

פרעגט מיט פולשטענדיקער ערנסטקייט. איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— ניין, מיין הער, איך האָב נישט קיין שום טיטל!

דער מאַנאַלאָג האָט זיך געענדיקט מיט אַ וויץ און מיט געלעכטער פון אַלע אַנוועזנדיקע. אויך אויף סאַנדסטראַמס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. מיר זענען אַריבער צום טאָג־אָרדענונג. מיר האָבן גערעדט וועגן וואָס צו ריידן. און נישט דווקא וועגן „גענעראַלן״, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, נאָר וועגן אמתע מלחמות און אַרמייען. טיטל נישט טיטל, באַפולמעכטיקונג, אָדער נישט באַפולמעכטיקונג. דער עיקר איז דער כ ו ח און די הויפּט־זאַך אין כוח איז דער גלויבן. אין זייער נאָמען האָבן מיר גערעדט. וועגן יענעם גע־שפּרעך וועלן מיר נאָך דערציילן.

עפּעס אַ „טיטל״ האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט, נאָר כ'האָב וועגן אים נישט געקענט דערציילן דעם ריכטער סאַנדסטראַם. ס'איז נישט געווען קיין מי־ליטערישער טיטל; ער איז געווען אין זיין מהות אַן אַנטי־מיליטערישער. אין מיין אַנוועזנהייט האָבן מיך מיינע פריינט גערופן „המפקד״, אָבער צווישן זיך האָבן זיי מיך גערופן „דער אַלטער״. איך מוז מודה זיין, אַז כ'האָב זייער גערן באַקומען אָט דעם לעצטן נאָמען. די האָר פון קאָפּ וואָס פאַלן מיר אַרויס האָבן טאַקע מרמז געווען, אַז נישט לאַנג וועט דויערן און דער נאָמען וועט אויפהערן צו זיין אַ משל. אָבער ס'איז געווען אין אים אַ וואַרעמע, גוטע ליבע.

אַזעלכע באַציאונגען זענען געשאַפן געוואָרן אין די אויפשטאַנד'ס־יאָרן אין דער אַנפירונג און אין די רייען. אַ גרענעצלאָזער צוטרוי, באַדינגונגלאָזע קרבנות־גרייטקייט און איבערגעגעבנקייט, געמיינזאַמע סכנות. ברידערלעכע ליבע, לייד, ערלעכקייט, טאָלעראַנץ, און איבער אַלעמען — אַ שטאַרקער ווילן צו זיגן. אַזוי האָבן געקעמפט אַלע זעלנער פון „ארגון״. אַזוי האָבן געטאָן זייער אַרבעט אַלע זיינע איינהייטן.

ה.

ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר איינגעטיילט דעם „ארגון״ אַ חוץ אין אַדמיניסטראַטיוו־געאָגראַפישער פאַרטיילונג, אויך אין ברי־גאַדעס. לויט זייערע דעפינירטע אויפגאַבן האָבן מיר זיי געגעבן סימנים ווער־ליק דעם געמיינזאַמען פאָרשלאַג פון דניאל און אליהו. די בריגאַדעס האָבן גע־הייסן:

א. צ״ם — צבא המהפכה (די רעוואָלוציע־אַרמיי)

ב. י״ם — יחידות מחץ (דורכברוך־איינהייטן)

ג. ח״ק — חיל קרב (שלאַכט־אָפּטיילונגען)

ד. חת״ם — היל־תעמולה מהפכנית (אָפּטיילונגען פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע).

מיר האָבן, הייסט עס, געהאַט פיר בריגאַדעס. אָבער דאָס לעבן איז שטאַר־קער פון יעדן טעאָרעטישן באַשלוס. די צ״ם־בריגאַדע האָט עקזיסטירט נאָר טעאָרעטיש. דאָס האָט געדאַרפט זיין די רעזערוו־אַרמיי פון דער אונטערערד. זי האָט געדאַרפט אַרומנעמען אַלע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן נישט געהערט צו קיין איינער פון די אַנדערע דריי בריגאַדעס. אָבער די בריגאַדע איז נישט געווען טעטיק. רעקרוטן זענען געקומען און נאָך אַ תקופה פון גרינטלעכער אינסטרוק־ציע זענען זיי אַריבער צו איינער פון די אַקטיווע בריגאַדעס. דער צ״ם האָט נישט געהאַט נישט זיינע סאָלדאַטן און נישט זיינע קאָמענדאַנטן. זיין טאָג איז געקומען נאָר ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אַרויסצוגיין אויף דער אוי־בערפלאַך, אויף פעלד־קאַמפּן קעגן די אַראַבישע אָנגרייפער, ווען יעדער מענטש אין ״ארגון״ איז אַריינגענומען געוואָרן אין אַ רעגולערער מיליטערישער איינ־הייט, אַ קבוצה, גונדה, קאמפאניע און רעגימענט.

אויך דעם י״ם (די דורכברוך־איינהייט) האָבן מיר נישט אויפגעשטעלט. מיר האָבן נאָר געגעבן אַ נייעם נאָמען אַן איינהייט, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאַרן אויפשטאַנד. זי האָט געהייסן דער ״רויטער טייל״ אָדער די ״שוואַרצע סעקציע״. די אידעע וואָס איז געלעגן אין דער דאָזיקער איינהייט איז געווען אַ זייער אַן אינטערעסאַנטע. יעקב מערידאר האָט זי אויסגעקלערט. ער האָט אָנגע־נומען, אַז דער יידישער פרייהייט־קריג וועט פאָדערן, פון איין זייט, מוטיקע מענטשן, וועלכע וועלן באַקומען אַ ספּעציעלע גייסטיקע צוגרייטונג. פון דער צווייטער זייט וועט זיך דער קריג בייטיקן אין מענטשן, וואָס נאָך אַ ספּעציעלן טעכנישן אונטעררוכט וועלן זיי זיין פעיק צו אַרבעט, אונטער אַ קאַמו־פלאַזש, אין אַראַבישע שטחים — סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין די אַראַבישע לענדער. פאַרן י״ם האָט מען דעריבער אויסגעקליבן העלדישע און טונקל־הויטי־קע בחורים. זיי האָבן זיך געלערנט שיסן און... אַראַביש. זיי האָבן זיך אויך גע־לערנט קאַמופלאַזשירן. דער פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון ״רויטן טייל״ האָט געדאַרפט זיין אַ סוד אַפילו פאַר די אַנדערע מיטגלידער פון ״ארגון״. דאָס איז געווען דער געדאַנק פון ״אַן אונטערגרונט אין אונטערגרונט״, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. דער פּרווו איז געווען אַ דרייסטער, אָבער דאָס דורכפירן אים האָט געבראַכט אַ סך צרות און אויך פיל קאָמישע סיטואַציעס. פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם ״ארגון״ זיינע בעסטע סאָלדאַטן און מפקדים. די טרייע חברים, וועלכע זענען געגאַנגען מיטן ״ארגון״ אין די שווערסטע טעג, האָבן זיך געוווּנדערט און נישט געקענט פאַרשטיין: אויך ע ר איז אַ דעזער־טיר? און דער ״דעזערטיר״ האָט נאָך אויסער זיין זינד גורם געווען אַ סך צער. ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט אַ שרייענדיקער דערקלערונג, אַז ער וויל מער

נישט האָבן צו טאָן מיטן „ארגון". ער האָט נאָך געזידלט און געשאָלטן די אָר־גאַניזאַציע פון וועלכער „ער איז אַרויס"...

אַזאַ אומאנגענעמע און אומפאַרשטענדלעכע אויפפירונג פון איבערגעגע־בענע חברים און וויכטיקע מפקדים האָט געמוזט שעדיקן דער „מאָראַל" אין די רייען. אויפקלערן דעם ענין האָט מען נישט געקענט. אפילו קיין ווונק האָט מען נישט געטאָרט געבן. אַ געהיימנישפולער סוד. פונדעסטוועגן זענען נישט נאָכ־געגאַנגען קיין אמתע דעזערטירן נאָך די מכלומרשטע אַוועקלויפערס. די סיבה איז אַ פשוטע. מיר האָבן זי שוין דערקלערט. די בחורים זענען געווען אימוני־זירט. עס איז אונדז געלונגען טיף איינצוקריצן אין זיי דעם פּרינציפּ, אַז נישט דער מענטש איז דער עיקר, נאָר דער אידעאַל. איינער איז אַוועק. אַ צווייטער האָט זיך „אַנטוישט". וואָס מאַכט עס אויס? דו, דער סאָלדאַט, האָסט געגנר־מען אויף זיך אַ היסטאָרישע מיסיע פון אינערלעכער איבערצייגונג. דערפיל זי! לייג נישט קיין אַכט וואָס אַנדערע טוען קעגן דער מיסיע. אַפילו אויב דאָס זענען דיינע חברים פון נעכטן, דיינע מפקדים, אָדער אפילו די העכסטע פירער. דו ביסט אַ פרייהייט־סאָלדאַט. קעמף פאַר איר. ד ע ר א י ד ע אַ ל איז דיין מפקד!

דער ענין פון „רויטן טייל" האָט זיך געענדיקט פונדעסטוועגן נישט מיט אומעט, נאָר מיט פרייד. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך צוריק אויפגעדעקט די דאָזיקע „דעזערטירן". ווידער איז גרויס געווען די פאַר־וווּנדערונג, אָבער דאָס מאָל באַגלייט מיט פרייד־אויסרופן. אָט דער „מנוול" וואָס האָט נאָך נעכטן געשאָלטן און געזידלט דעם „מעמד", שטייט איצט אין דער ערשטער פייער־ליניע און ער איז אפילו אַ מפקד אָדער אַן אינסטרוקטאָר? די מענטשן האָבן געריבן די אויגן. מ'האָט זיך געהאַלדזט און געקושט. די שטי־מונג, וואָס איז פריער אַזוי אַראָפּגעפאַלן צוליב דער „דעזערציע", איז געשטיגן ביזן הימל.

אין „רויטן טייל", קאָמאַנדירט דירעקט דורך גונדר איתן, זענען געווען אויסגעצייכנטע קעמפערס און אַלע, אָדער כמעט אַלע, זענען ענלעך געווען צו אַראַבער. אָבער ווער האָט עס געזאָגט, אַז נאָר אונדזערע ברידער פון די אָריענ־טאַלישע שבטים, זענען טונקל־הויטיקע? ס'זענען דאָ „הונדערט פּראָצענטיקע אשכנזים", וואָס זענען נאָך פיל טונקעלער פון „ריינע ספרדים". למשל, אונדזער אברהם פירט שטענדיק אַריין אין טעות, באַזונדערס זומער, די מענטשן. איין מאָל, פאָרנדיק אין אַן אויטאָבוס, זענען נעבן אים געזעסן צוויי עלעגאַנטע דאַ־מען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זיך צו וויצלען אין „זייער שפּראַך", דאָס הייסט אויף פּויליש, איבער זיין אָריענטאַלישן אָפּשטאַם און דעם קאָליר פון זיין פּנים. אברהם, וואָס איז געבענטשט מיט אַ הומאָר־געפיל, האָט געלאָזט די דאַמען זיך אויספלוידערן ווי לאַנג זיי האָבן געוואָלט, נאָר איידער ער איז אַראָפּ פון אויטאָבוס האָט ער זיך צו זיי געווענדט אין אַ פליסיקן פּויליש „דאָווידזעניאַ שאַ־

נאָוונים פּאַניאַם" (אויף ווידערזען, חשובע דאַמען!). די „חשובע דאַמען" האָבן געעפנט דאָס מויל פון גרויס פּאַרוווּנדערונג. זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן אַנטשול־דיקונג. אָבער אברהם, וואָס האָט זיך שטענדיק געאײַלט, איז זיך געגאַנגען זײַן וועג. דער דאָזיקער „רײַנער ספרדי" איז אַ געבוירענער אין קראָקע.

אַזוי ווי ער זענען געווען פיל אַנדערע. אין „רויטן טייל" איז געווען אַ גרו־פּע, וואָס אירע צוגעהעריקע האָבן זיך אַלע גערופן מיטן אײנהײטלעכן נאָמען „חיים טויט". די דאָזיקע קעמפער האָבן געהאַט אַ קורס פאַר מיליטערישער אויסבילדונג. אויף אונדזערע קורסן איז מען געווען געוווינט, כדי זיך צו איבן אין קאָנספּיראַציע, צו רופן די מענטשן נישט מיט זייערע נעמען אפילו נישט מיט זייערע פּסעוודאָנימען, נאָר לויט נומערן. אויף דעם קורס איז באַשלאָסן געוואָרן, פאַר פילפאַכיקער קאָנספּיראַציע, מוותּר צו זײַן אויך אויף די נומערן. אַלע האָבן זיך גערופן מיטן אײנהײטלעכן נאָמען „חיים". נאָר אַזוי ווי זייער פליכט איז געווען צו שווײַגן, שטענדיק צו שווײַגן און זיך נישט אַרויסווײַזן ווי מיטגלידער פון „ארגון" אפילו פאַר זייערע נאָענטסטע פרײַנד, האָבן זיי צוגעגעבן צו זייער נאָמען חיים (לעבן) אַ טיטל וואָס איז דער היפך פון חיים: „טויט". מיר האָבן הייסט עס געהאַט נישט איין „חיים טויט", נאָר אַ סך „חיים טויטס". צוויי פון זיי האָב איך געקענט. זיי זענען געווען שותפים אין אַן אוי־טאָמאָביל־גאַראַזש און שותפים צום קאַפּיטל פון מײַן אַרויסראַטעווען זיך פון די ענגלענדער. זיי זענען געווען אויסגעצייכנטע קעמפער. איינער פון זיי איז אין כפר־חסידים אויסגעליפערט געוואָרן צו די ענגלענדער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, וועלכע זענען אַרויס אויפרייסן די אַנגלאָ־איראַקישע נאַפט־רערן. אין די הענט פון די ענגלענדער זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן פון מוסרים, וועלכע דעקלאַמירן וועגן זייער קעגנערשאַפט צום אימפּעריאַליזם, כדי צו פאַר־מיידן אַ זייער אַנטי־אימפּעריאַליסטישע אַקציע: סאַבאָטאַזש פון דער נאַפט־רער.

דער צווייטער „חיים טויט" האָט געפירט די מלחמה פונעם „ארגון" אין ירושלים. ער האָט דערפילט אויסערגעוויינלעך וויכטיקע שלאַכט־אויפגאַבן און איז געווען גדעונס שטעל־פאַרטרעטער ביים דעראָבערן יפו. ביידע זענען לויט זייער אויסזען ריינע ספרדים. ביידע שטאַמען פון לאָדזש.

פונדעסטוועגן איז אַן אמת, אַז אַ גרויסער טייל פון דער י"ם־קעמפער גרו־פּע האָט געשטאַמט פון די אָריענטאַלישע געמיינדעס. פון דאַנען שטאַמט די לעגענדע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט באַזונדערס אין דער בריטישער פּרעסע וועגן „שוואַרצן באַטאַליאָן" פון „ארגון צבאי לאומי", אַז ער באַשטייט כלומרשט בלויז פון תימנער. אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער לעגענדע האָבן נישט ווייניק געהאָלפן אויך געוויסע יידישע עסקנים. זיי האָבן אונדז געוואָלט באַליידיקן און דערפאַר זיך געשושקעט, און אויך הויך געריעדט, אַז דער גאַנצער ארגון צבאי לאומי, און נישט בלויז איינע פון זיינע סעקציעס, באַשטייט נאָר

פון „תימנים". די פרעסע האָט איבערגעגעבן, אַז בן־גוריון איז מיט דעם סיפּור דערגאַנגען אַפילו ביז בעווינען, וועלנדיק דערמיט באַווייזן דעם בריטישן אויסערן־מיניסטער, אַז די „טעראָריסטן" זענען אַן אומבאַדייטנדיקע קוואַנטיטעט אָדער קוואַליטעט אין ארץ־ישראל. אונדזערע פּיינד, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן „שוואַרצע תימנים" פון איין זייט און וועגן „שוים פון מזרח אייראָפּע" פון דער צווייטער, האָבן אויף אַן אמת אונדז געוואָלט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים. ס'איז צום באַדויערן, וואָס אונדזערע פּאָליטישע קעגנער האָבן זיי געהאָלפן, אַנווענדנדיק קעגן אונדז אַ פאַרזשאַווערטן „ראַסן"־כלי־זין, מיט וועלכן אַנטיסעמיטישע העצערס האָבן זיך באַנוצט אין דער תקופה פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. יענע האָבן געזאָגט: „אפשר נישט אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, אָבער אַלע קאָמוניסטן זענען יידן". ענלעכס צו דעם האָבן דערציילט די פירער פון ישוב וועגן אונדז: „נישט אַלע תימנים זענען אצל"ניקעס, אָבער אַלע אצל"ניקעס זענען תימנער".

עס הייבט זיך נישט אָן. אין „י"ם" און אין אַלע אַנדערע איינהייטן פון ארגון צבאי לאומי זענען געווען מיטגלידער פון אַלע יידישע געמיינדעס און אַלע שיכטן. עס זענען געווען כאַרבינער און טוניסער, אָפּשטאַמיקע פון פּוילן און פון פּערסיע, פראַנצויזישע און תימנישע יידן, בעלגישע און איראַקער, פון טשעכישן און סירישן אָפּשטאַם. מיר האָבן געהאַט יידן פון אַמעריקע און בוכאַרא, פון ענגלאַנד, אַרגענטינע און דרום־אַפריקע, און איבער אַלעמען — ווייל זיי זענען געווען די מערהייט — „סאַבּרעס", געבוירענע אין ארץ־ישראל.

מיר זענען געווען, אין מיניאַטור, אַ שמעלץ־טאָפּ פון פאָלק, וואָס קריסטאַליזירט זיך אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד, נישט געקוקט אויף די אונטערשיידן פון גלותדיקן אָפּשטאַם. מיר האָבן קיינעם נישט געפרעגט וועגן אָפּשטאַם. אונדז האָט אינטערעסירט די טרייהייט און די פעיקייט. אונדזערע ברידער פון די אָריענטאַלישע לענדער האָבן זיך געפילט זייער גוט אין די רייען פון „ארגון". קיינער האָט לגבי זיי נישט דעמאָנסטרירט קיין נאַרישן גרויסקייט־וואַנזין. דעריבער האָבן זיי זיך לחלוטין באַפרייט פון דעם נישט־באַגרינדעטן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. זיי זענען געווען ברידער־קעמפער, און געַנוג. זיי האָבן געקענט דערגיין און זענען דערגאַנגען צו די העכסטע קאָמאַנדע־פּאָזיציעס. דניאל איז אַ „ספרדי". ביז זיין אַרעסט איז ער געווען שעף פון שטאַב. זיין ברודער עוזי, איז נאָכן צוריקקער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עריטרעאַ, געווען קאָמענדאַנט פון תל־אביבער קרייז און האָט קאָמאַנדירט איבער טויזנטער סאָלדאַטן אונדזערע ביז ער איז געפאַלן אין העלדישקייט און קדושה אין דער שלאַכט ביי יפו. שמשון איז געקומען פון פּערסיע. ביז זיין אַרעסט איז ער געווען מפקד פון חיפהער קרייז. אַ חוץ גידין האָבן מיר געהאַט אַ צווייטן גדעון, אַ ירושלימער. ער איז אַ „ספרדי" און האָט געהאַט די קאָמאַנדע איבער דער היסטאָרישער אָפענסיווע אויפן הויפּט־קוואַרטיר פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי,

אַרויסוויייזנדיק ווונדערלעכן מוט און קאַלטבלוטיקייט. די הרוגי־המלכות אלקאשי און קאשאני זענען געווען „ספרדים"...

דאָס, מיט וואָס אונדזערע פֿיינד און קעגנער האָבן אונדז געוואָלט באַליי־דיקן, איז פֿאַר אונדז געווען אַ קוואַל פֿון שטאָלץ. מענטשן, וועלכע זענען געווען דערדריקטע און נידערגעשלאָגענע, זענען אין אונדזער גרויסער משפּחה געווען שטאָלצע קעמפֿער, פֿרייע מענטשן, טרעגער פֿון פֿרייהייט און ערע. סטאַטיס־טיק? מיר האָבן קיינמאָל נישט געציילט. אָבער כ׳גלויב, אַז כ׳וועל נישט אי־בערטרייבן ווען כ׳וועל זאָגן, אַז אין די פֿאַרשיידענע אייניהייטן פֿון „ארגון" זענען געווען נישט ווייניקער פֿון 25% און נישט מער פֿון 45% „ספרדים". אין „י״ם", וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע, איז וואַרשיינלעך געווען אַ גרעסערער פּראָצענט, 50 — 40, פֿון די אָריענטאַלישע עדות.

די מיטגלידער פֿון „י״ם" האָבן געדאַרפֿט אויספֿירן די ערשטע אויפֿשטאַנד־אַקציעס. אָבער אין משך פֿון דער צייט, ווען די מלחמה האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, האָט זיך דער „י״ם" פֿאַראייניקט מיטן „ח״ק" (די פֿעלד־אָפּטיילונג) און ס׳איז אַנטשטאַנען די באַרימטע שלאַכט־בריגאַדע פֿון ארגון צבאי לאומי. אַט די ברי־גאַדע האָט אויפֿן פֿאַרשקלאַפֿער אַראָפּגעלאָזט די שווערסטע קלעפּ און איז די־רעקט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן צעפֿאַלן זיך פֿון דער בריטישער הערשאַפֿט אין ארץ־ישראל. דער ערשטער באַשלוס פֿון דער מפקדה איז נישט פֿאַרביטן גע־וואָרן אויף אַ נייעם. דאָס לעבן גופא האָט עס צוגעפּאַסט צו די קריגס־באַדער־פֿענישן. פֿון די פֿיר בריגאַדעס זענען פּאַקטיש געבליבן נאָר צוויי: דער ח״ק (די פֿעלד־בריגאַדע) און דער חת״ם (די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג). און צווישן זיי איז געווען אַ פּערמאַנענטע מחלוקת: יעדער מיטגליד פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג האָט געוואָלט אַריבערגיין אין דער קאַמפּס־אייניהייט, און קיינער פֿון דער קאַמפּס־אייניהייט האָט נישט געוואָלט אַריבערגיין אין דער סעקציע פֿאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע.

דאָס איז נישט געווען דער אייניציקער קאָנפֿליקט אין אונדזער אונטערער־דישער מדינה. אונדזער אינפֿאָרמאַציע־דינסט האָט נישט אויפֿגעהערט צו פֿאָ־דערן אַ געוויסע מאָס פֿון אומאָפּהענגיקייט. דער „דלק", אינפֿאָרמאַציע־דינסט, האָט אין פֿרייהייט־קאַמף אויפֿגעטאָן גרויסעס. דער ח״ק האָט דעם אונטער־דריקער געשלאָגן מיט א יי ז ן, און דער „דלק" האָט אים געקלאַפּט מיטן ש כ ל. אונדזער נצחון איבער דער בריטישער מאַכט דאַרפֿן מיר אין אַ גרוי־סער מאָס פֿאַרדאַנקען, אונדזער אויסשפּיר־דינסט, דעם „דלק". די פֿאַקטן וואָס ער האָט אויפֿגעדעקט, די אינפֿאָרמאַציע וואָס ער האָט באַקומען איז געווען דער זיכערהייט־גאַרטל, וואָס ער האָט געלייגט מיט פֿיל מי און מיט גוטן פֿאַר־שטאַנד אַרום דער קעמפֿנדיקער אונטערערד. די מענטשן פֿון „דלק", און אין דער שפּיץ מיכאל, וועלכער האָט פֿאַרטרעטן יואלן, האָבן געוואָלט נאָך גרעסערע

דערגרייכונגען און זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן דערגרייכן, אויב מ׳וועט זיי געבן אַ געוויסע טעטיקייט־פרייהייט.

אַ דאַנק דעם אויסדויער און געדולד, וואָס אַלע אונדזערע חברים האָבן אַרויסגעוויזן, איז אונדז געלונגען בייקומען די שוועריקייטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון געבענטשטן ווילן צו האָבן דערפאָלג אין דער אויפגאַבע. ס׳וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אין דער קעמפנדיקער אונטערערד האָבן מיר אַלע באַקומען אַ געוויסע דערפאַרונג אין מלוכהשן לעבן, פון זיינע ליכט און שאָטן־זייטן, זיינע מעלות און חסרונות. אין אַלגעמיין האָבן מיר געלייזט אַלע „אינטערדעפּאַרטאַמענטאַלע" פּראָבלעמען. נאָר דעם הייליקן שטרייט צווישן דעם ח״ק און חת״ם האָבן מיר קיין מאָל נישט געקענט גובר זיין.

ו.

די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונגען האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן די אידעע פון אויפשטאַנד. מיר האָבן געזען גרויס חשיבות אין דער אַרבעט פון עפנטלעכער אויפקלערונג. אמת טאַקע, דאָס פאָלק אין ציון האָט נישט ליב סתם ריידן. ווייל עס איז נישט קיין איגנאָראַנטן־פאָלק. ארץ־ישראל האָט נישט קיין סך נאַטירלעכע רייכטימער, אָבער דאָס פאָלק ישראל האָט אַ נאַטירלעכן רייכטום וואָס איז מער ווערט פון אַלע מינעראַלן אין דער טיפעניש פון דער ערד. אָט דער אוצר הייסט: מ ו ח. מיר האָבן אים נישט באַקומען אין משך פון אַ נאַכט. ער האָט זיך „אָנגעזאַמלט אין לויף פון דורות. איך וויל נישט זאָגן, אַז אַלע יידן זענען חכמים און אַלע גויים נאַראָנים. כ׳בין ווייט פון אַזאַ יידישן שאָוויניזם. עס זענען פאַראַן זייער קלוגע גויים. ס׳זענען פאַראַן גויים, וועלכע זענען קליגער פון אונדז. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר אַנדערש אויסגעזען. פונדעסטוועגן קען מען נישט לייקענען, אַז דער יידישער מוח איז אַ רעאַלע זאַך. הלוואי וואָלטן מיר אים געקענט אויסנוצן פאַר אונדזער פאָלק, אַזוי ווי מיר האָבן אים אָפּגעגעבן פאַר פרעמדע פעלקער.

אַ פאָלק, מיט אַ דענקנדיקן מוח, באַגנוגנט זיך נישט מיט רייד אַליין און אויך נישט מיטן טאַט אַליין. עס וויל וויסן און פאַרשטיין. עס וויל וויסן פאַר וואָס דאָס איז געטאָן געוואָרן דאָ און דאָרט. אונדזער פאָלק האָט געפאָדערט אויפקלערונג. מיר זענען געווען פאַרפליכטעט די אויפקלערונג צו געבן, אויב מיר האָבן געוואָלט געניסן פון זיין סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש.

נאָך אַ סיבה איז געווען פאַר דער אַקטיוויזירונג פון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג. אויסער טאַט־אָפּענסיוועס האָבן מיר אויך געמוזט צוריקשטויסן ווערטער־אַנגריפן. די פּראָפּאַגאַנדע פון שונא האָט געפּרווּט אונדז צו שילדערן ווי די ערגסטע פון מענטשלעכן מין. וועגן די „נעמען" האָבן מיר שוין גערעדט. מיר וועלן דערציילן אַ פאַקט: אויף אַ צוג מיט געלט, איז דורכגעפירט געוואָרן

אַן אַנגריף, אונטער דער אָנפירונג פון יונגן מפקד אריה. אַזוי ווי אַלע פריערדיקע אַקציעס איז אויך דאָס מאָל געגעבן געוואָרן אַן אינסטרוקציע אַז מ׳זאָל מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרמיידן מענטשלעכע קרבנות. די אינסטרוקציעס זענען אויס־געפירט געוואָרן זאָרגפול. דער קוואַנטום אויפרייס־מאַטעריאַל וואָס איז אַוועק־געלייגט געוואָרן, ווען דער צוג האָט זיך דערנענטערט צום וועלדל, איז געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער ער איז נישט פאַרניכטעט געוואָרן. די בחורים זענען אַרויס פון וועלדל. דער פּאַטרול האָט זיך אונטערגעגעבן און אָפּגעגעבן דאָס געווער. אַלע באַאַמטע אין צוג, אין וועלכן עס זענען נישט געווען קיין ציווילע פּאַסאַזשירן, זענען געהאַלטן געוואָרן אונטער אונדזער וואַך. עטלעכע פון זיי, לייכט פאַרבלוטיקטע פון די געפּלאַצטע שויבן, זענען צו זייער גרויסער פאַרוווּנדערונג פאַרבאַנדאַזשירט געוואָרן דורך אונדזערע שוועסטערס פון דער ערשטער הילף. דאָס געלט איז קאָנפיסקירט געוואָרן. די בחורים זענען צוריקגעקומען צו דער באַזע. די ענגלענדער האָבן געוווּסט, וואָס מ׳טוט מיט זייער געלט. דעריבער האָבן זיי דאָס געלט געזוכט מיט ליכט. אויף דער נאָענטער קאָלאָניע חדרה איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אויף אַלע וועגן זענען געשטעלט געוואָרן פּאַטרולן. אין אַלע אויטאָס זענען דורכ־געפירט געוואָרן זוכונגען. אַפילו אין אויטאָ, אין וועלכן מ׳האָט איבערגעפירט דאָס געלט, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעוויזיע. אַ גענויע דורכזוכונג. און פאַרשטענדלעך — אומזיסט.

די אַקציע איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון דער געמיינזאַמער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ביי איינער פון די סטאַבילע באַגעגענישן מיט די מפקדים פון דער „הגנה" האָט מיר משה סנה דערציילט, אַז אַ הויכער שטאַב־אָפיציר פון דער בריטישער אַרמיי האָט אויסגעדריקט אַ ביטערע התפעלות פאַרן דורכגעטראַכטן פּלאַן און זיין שנעלע דורכפירונג. אין וועלדל פון חדרה איז געמאַכט געוואָרן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „אַ ריין שטיקל אַרבעט". מילא, מיר וואָלטן מוותר געווען אויפן „קאָמפּלימענט". אָבער מיר איז שווער געווען מוחל צו זיין דאָס וואָס עס האָט געשריבן איבער „דעם ריינעם שטיקל אַר־בעט" אַ הויכע באַאַמטין פון אַ צווייטן בריטישן שטאַב, דער שטאַב פון די פּראָפעסיאָנעלע ליגנערס. די דאַמע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך אַ לאָנדאָנער פּאָפּולערער צייטונג, האָט דערציילט אירע מיליאָנען לעזערס, אַז אין דער שפּיץ פון אָנפאַל אויפן צוג איז געשטאַנען מיין כלה, אַ יונגע בלאָנדע מיידל, וואָס האַלט טאָג און נאַכט אַ מאַשין־ביקס. און נאָך דער שילדערונג פון דער „מפקדת וואמפּ" איז געקומען אַ שילדערונג, פון וועלכער די האָר שטעלן זיך אויפן קאָפּ פון די „ווילדע טעראָריסטן". מעגלעך, אַז אַזעל־כע דערציילונגען האָבן אין לעצטן סך־הכל אונדז געבראַכט נוצן. זיי האָבן גע־האָלפן שאַפן אַן איינדרוק ביי הונדערטער טויזנטער ענגלענדער, וועמענס קרוי־בים עס האָבן געדינט אין ארץ־ישראל, אַז די נעבעכדיקע „באָיס" זייערע זע־

נען אַריינגעפאַלן אין אמתן גיהנום אַריין. דעריבער האָבן זיך אַלץ געמערט די שטימען אין ענגלאַנד, וואָס האָבן געפאָדערט צו ראַטעווען די „באָיס" און זיי תיכּף אַרויסנעמען פון ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אַן אומדירעקטער העלפנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער קריג, און דווקא אונדזערע פיינד האָבן אונדז אין דעם געהאָלפן. אפילו די בריטישע „זשורנאַליסטן", וואָס האָט פון מיר אַוועקגערויבט מיין שוואַרץ־האָריקע פרוי און מוטער פון מיינע קינדער, און מיר געגעבן אַ בלאָנדע כּלה, אַ „מוטער" פון טאַמי־גאַנען. שפּייענדיקע מיט פייער און שוועבל, אפילו די מיט שנאה אויפגעפרעסענע פרוי, האָט אונדז געהאָלפן צוציילן דעם בריטישן עקזאָדוס. דאָס איז, פאַרשטענדלעך, נישט געווען איר כּוונה. זי איז געשיקט געוואָרן אונדז צו פאַרשוואַרצן און אַרויסרופן צו אונדז שנאה. צום באַדויערן, האָבן זיך אויך יידישע העלפערס און קערפערשאַפטן באַטייליקט אין דער דאָזיקער פאַרשוואַרצונגס־אַרבעט.

מיר האָבן זיך געמוזט שיצן. די עפנטלעכע אויפקלערונג איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער קריג.

איינער פון די וויכטיקסטע מיטלען אין אונדזער אויפקלערונג, באַזונדערס כּלפּי חוץ, איז געווען די ראַדיאָ־סטאַציע. נישט שנעל זענען מיר געקומען צו אַ פערמאַנענטן באַנוצן זיך מיטן געהיימען ראַדיאָ. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ טאָפּלטן דורכפאַל. די ראַדיאָ־סטאַציע איז געכאַפּט געוואָרן באַלד נאָך די ערשטע אוידיציעס. זי איז געכאַפּט געוואָרן צוליב אַן אומפאָרזיכטיקייט אין דעם הויז פון אסתר רזיאל, דודס שוועסטער. אסתר און איר מאַן זענען אַרעסטירט געוואָרן. אין שטוב זענען געבליבן די צוויי קליינע קינדער און די אַלטע טאַטעמאַמע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין טרייסט נאָכן פאַרלוסט פון זייער גרויסן, געליבטן זון. אונדז האָט פיל מער וויי געטאָן דער אַרעסט פון אסתר און יהודה, ווי דאָס פאַרלירן דאָס „קעסטל". אסתר איז נאָך געזעסן אַ לאַנגע צייט אין בית־לחם און יהודה האָט פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן אין די אַפריקאַנישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער אַן אַנדער „קעסטל", און נאָך אַ בעסערס, האָבן מיר באַקומען אין אַ קורצער צייט אַרום.

צום אָנהייב האָבן מיר טראַנסמיטירט נאָר 5 מינוט. אין דער ליטעראַטור פון אייראָפּעישן אונטערגרונט האָבן מיר געלייענט, אַז די דייטשן האָבן, באַנוצנדיק זיך מיט אַ ספּעציעלן דעטעקטאָר־אַפּאַראַט, געקענט אין זעקס מינוט אַנטדעקן גענוי דאָס אָרט, פון וועלכן ס'האָט זיך געטראָגן די שטימע פון זייערע באַהאַלטענע פיינד. מיר האָבן משער געווען, אַז די ענגלענדער האָבן נישט קיין בעסערע אָדער ערגערע אַפּאַראַטן פון די דייטשן, דעריבער האָבן מיר זיך איבערגעלאָזט איין מינוט אויף אַוועקצונעמען דעם ראַדיאָ־טראַנסמיטער. נאָך דעם האָט זיך אונדז דער ענין צוגעגעסן. די לאַגע אין לאַנד איז געוואָרן אַלץ ערנסטער. די מלחמה איז געוואָרן העפטיקער. מיר האָבן זיך גענויטיקט אין לענגערע טראַנסמיסיעס. זאָלן מיר זיך שרעקן פאַר די ענגלענדער? מיר האָבן

פאַרעפנטלעכט אַ וואָרענונג, אַז אויב די ענגלענדער וועלן פּרוּוון צוצונעמען פון אונדז די ראַדיאָ־סטאַציע, וועלן זיי באַצאָלן פאַרן עקספּערימענט מיט בלוט, ווייל די סטאַציע ווערט געהיט דורך באַוואָפנטע פּאַטרולן. די וואָרענונג האָט געווירקט. מיר האָבן אָנגעהויבן ריידן אין ראַדיאָ, צען, פופצן, צוואַנציק מינוט. מעגלעך, אַז די ענגלענדער האָבן געקענט אַנטדעקן דאָס אָרט ווו אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע האָט זיך געפונען. זיי האָבן אָבער קיין מאָל נישט געפּרוּווט זיך צו דערנענטערן צום אָרט. זיי האָבן וואַרשיינלעך זיך געמאַכט זייער חשבון. זיי וועלן קומען, ליידן פאַרלוסטן, און אפשר וועט זיי נישט געלונגען צו כאַפּן דעם טראַנסמיטער, און אַפילו אויב ס׳וועט זיך זיי איינגעבן, וועלן מיר שנעל, מיט דער הילף פון אונדזערע ספּעציאַליסטן, אגב פון די בעסטע אין לאַנד, מאַכן אַ צווייטן. אויך פאַרן עטער זענען די ענגלענדער נישט גרייט צו געבן קיין בלוט.

אָבער זיי האָבן געפונען אַן אַנדער מיטל צו שטערן אונדזערע טראַנס־מיסיעס. ס׳איז בעצם נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז די ענגלענדער האָבן געפונען די שטערונגס־מיטלען. זיי האָבן פּשוט נאָכגעמאַכט געבעלסן, וואָס האָט בשעת דער וועלט־מלחמה באַפוילן צו פייפן און קלאַפּן אויף די פּאַליעס פון ב. ב. ס. די ענגלענדער האָבן געקלאַפּט און געזשומעט אויף אונדזערע ראַדיאָ־כוואַליעס אַזוי, ווי די דייטשן האָבן געטאָן אויף זייערע. אונדזערע ספּעציאַליסטן האָבן געפּרוּווט גובר צו זיין די שטערונגען. זיי האָבן געבויט אַ טראַנסמיטער, מיט וועלכן מ׳האָט געקענט איבערוואַרפן זיך פון איין כוואַליע אויף דער צווייטער. און ס׳איז געווען אין ארץ־ישראל אַ לויפן איבערן עטער און אַ שפּרינגען איבער דער ערד. אין דער באַשטימטער צייט הייבט אָן דער אומלעגאַלער טראַנסמי־טער. אין אַ מינוט אַרום הייבט אָן די בריטישע שטערונג־מאַשין צו פייפן און וואָיען. אונדזער ראַדיאָ־ספּיקער שפּרינגט אַריבער אויף אַ צווייטער פּאַליע. נאָך אים גייען נאָך די צוהערערס. אַמאָל באַווייזן זיי צו כאַפּן די צווייטע כוואַליע, און אַמאָל — נישט. אין צווישן לויפט אָן דער זשומעריי־אַפּאַראַט. אַהאַ, ער האָט געכאַפּט. אונדזער ספּיקער לויפט אויף אַ דריטער כוואַליע, אָבער ער ציט זיך צוריק צו זיין פריערדיקער פּאָזיציע. די צוהערערס — נאָך אים. דער שטער־אַפּאַראַט נאָך אים. און ווידער דאָס זעלביקע. אַ דערמידנדיקע שפּיל.

מיר האָבן געפּרוּווט אונדזער מזל אויף אַן אַנדערן וועג, כדי צו פאַרזי־כערן די פאַרשפּרייטונג פון אונדזער וואָרט. מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אַ וואָ־רענונג, אַז אויב די ענגלענדער וועלן נישט אויפהערן זייער פּרוּוו צו פאַרטייבן אונדזער שטימע, וועלן מיר שטום מאַכן זייער שטימע. די וואָרענונג האָט נישט געהאָלפן. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אויפצורייסן די בריטישע ראַדיאָ־סטאַציע אין ירושלים, וועלכע האָט געדינט דעם שונאס פּראָפּאַגאַנדע. עטלעכע מאָל האָבן מיר שוין געהאַלטן ביים אויספירן דעם פּלאַן, אָבער שטענדיק זענען אַנטשטאַנען אומפאָראויסגעזעענע שוועריקייטן. מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, נישט געוואָלט דערלאָזן אַז ס׳זאָל נישט ליידן די ציווילע אַרבעטער פון ראַדיאָ, צווישן

וועלכע ס׳זענען געווען פיל יידן. מיר האָבן דעריבער אָפּגעלייגט דעם פּלאַן, כאָטש מיר האָבן זיך פון אים נישט אָפּגעזאָגט. אין צווישן האָבן די ענגלענדער צוגעאיילט זייער אָוועקגיין פון שרונה, ווו ס׳האָבן פונקציאָנירט זייערע שטער־מאַשינען, און מיר האָבן געקענט ריידן צום פאָלק פון אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע אָן שטערונגען. די וואָרענונג וועגן ראַדיאָ איז געווען איינע פון די זעלטענע וואָרענונגען פון „ארגון״, וועלכע זענען נישט אויסגעפירט געוואָרן.

אָבער אונדזער שטים איז נישט פאַרשטומט געוואָרן. אונדזערע אוידיציעס פלעגן מיר איבערזעצן אין פרעמדע שפּראַכן און זיי פאַרשפּרייטן צווישן די אויסלענדישע זשורנאַליסטן און דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון פרעמדע מדינות. אין אונדזערע טראַנסמיסיעס זענען בדרך כלל געווען „נייעס״, סיי אין שילדערן פאַקטן, סיי אין פּאָליטישער אַנאַליזע. ווי מיר זענען געוואָר געוואָרן האָבן זיי געהאַט גאָר אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין דער וועלט־פּרעסע, און זיי זענען דערגאַנגען ביז סידניי און סאַן־פראַנציסקאָ. דאָס איז געווען זייער וויכטיק, כדי דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם זאָל נישט אַראָפּגיין פון טאָג־אָרדענונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַראינטערעסירונג. די שטים פון אויפשטאַנד און פרייהייט האָט זיך געטראָגן אין די מרחקים, הגם די ענגלענדער האָבן איר געשטערט. אויב אפילו ס׳האָבן זיך צו איר נישט צוגעהערט צענדליקער טויזנטער, איז זי „געלייענט״ געוואָרן פון מיליאָנען. אַ דאַנק דעם איז ארץ־ישראל נישט אַראָפּ פון סדר־היום, אפילו ווען די אויפרייס־באָמבעס האָבן געשוויגן.

אַ מעכטיקער אויפקלערונג־מיטל איז געווען פאַר אונדז די „וואַנט״ אין ארץ־ישראל. די אויפשטאַנד־פּראָקלאַמאַציע האָבן מיר פאַרשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אויפקלעפּנדיק זי אויף אַלע ווענט פון די הייזער. אַזוי האָבן מיר געטאָן מיטן גאַנצן אויפקלערונג־מאַטעריאַל אונדזערן, אַ חוץ פאַרשטייט זיך, מיט די בראָשורן. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ וואַנט־צייטונג „חרות״, די ערשטע פון דעם מין ביי יידן. מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אויפרופן, ווענדונגען און מעלדונגען וועגן מיליטערישע אַטאַקעס, מינדעסטנס אַלע צוויי, אָדער דריי טעג, טייל מאָל אויך טעגלעך, אָדער יעדע נאַכט פלעגט אונדזער וואָרט אַזוי פאַרשפּרייט ווערן אומעטום. מיר זענען נישט מיד געוואָרן אויפצוקלערן. אונדזערע בחורים זענען נישט מיד געוואָרן „צו קלעפּן״. די באַפעלקערונג איז געוואָרן אַלץ מער און מער פאַראינטערעסירט צו לייענען דעם מאַטעריאַל פון דער יידישער אונטערערד. לאַנגע רייען זענען געשטאַנען נעבן אונדזערע פּלאַקאַטן און צייטונגען. מיר האָבן זיך געווענדעט צו דער געזעלשאַפט אין דער פּשוטער שפּראַך פון פאַקטן. מיר האָבן נישט גערעדט צו איינע פון די פאָלקס־שיכטן, נאָר צו די ברייטע מאַסן. זיי האָבן זיך צוגעוווינט, טריט ביי טריט, אונדז צו גלויבן, ווייל מיר האָבן זיי דערציילט דעם אמת.

דער פּרינציפּ אין אונדזער אויפקלערונג איז געווען צו דערציילן דעם אמת, פאַרשטענדלעך, דעם גאַנצן אמת האָבן מיר נישט געקענט דערציילן. מיר זענען

געוועז אומלעגאַל. קעגן אונדז איז געשטאַנען אַ שונא, וואָס האָט זיך צוגע־הערט, געגישטערט און אַלץ פאַרצייכנט. קעגן אונדז זענען געשטאַנען די העל־פערס פון אונטערדריקער און זיינע דעטעקטיוון, וועלכע האָבן אונדז פאַרפאָלגט און געוואָלט פאַרטיליקן. נישט אַלץ האָבן מיר געקענט פאַרעפנטלעכן. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט, איז געוועז אמת.

אין איינעם אַ טאָג אין חודש אב תש״ד האָבן מיר אָנגעגריפן די פּאָלי־צייַ־סטאַציעס אויפן גרענעץ יפו־תל־אביב, אין אבו־כביר, אין נוה־שאַנן און די פּאָליציי צענטראַלע אין יפו גופא. דאָס מאָל איז נישט געשטאַנען פאַר אונדז, אַזוי ווי אין די פריערדיקע אָנגריפן, דער נעגאַטיווער אַרכיטעקטאָנישער ציל: מיר האָבן געוואָלט נעמען אַביסל געווער פון דער בריטישער פּאָליציי. אין די מיליטערישע לאַגערן זענען מיר נאָך נישט געוועזן. מיר האָבן געהאַט אַ פּרינצי־פּיעלן באַשלוס נישט אָנצוגרייפן קיין מיליטערישע איינריכטונגען כ ל ז מ ן ס׳דויערט דער קריג מיט נאַצי־דייטשלאַנד. דעם באַשלוס, וואָס די פּאָליטישע לאָגיק האָט אונדז דיקטירט, האָבן מיר זאָרגפול אָפּגעהיט ביז מאַי 1945. אָבער פון דעם באַשלוס האָט זיך אַרויסגעלערנט אַ צווייטער, אַ פּאָזיטיווער. די בריטישע פּאָליציי און אירע געווער־לאַגערן זענען שטענדיק געווען אַ לעגאַלער ציל פאַר דער אָפּענסיווע פון אונדזער קאַמפּס־בריגאַדע, וואָס איז דעמאָלט אַרויס אויף דער ערשטער „ווערבירונגס־אַקציע״ פון ארגון צבאי לאומי. דער באַפעל אויסצולייזדיקן דעם בנין פון די ביקסן און די טאַמיגאַנען וואָס זענען דאָרט געוועזן, האָט געמיינט הויפּטזעכלעך דעם אַלטן בנין פון דער פּאָליציי, וועלכן מיר האָבן אויפגעריסן אין פרילינג. לויט דער געהיימער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען, איז אינעם גאַנץ־געבליבענעם טייל פון בנין געווען אַ גרויסער געווער־לאַגער מיט הונדערטער ביקסן און אויטאָמאַטיש געווער.

דאָס פּראָגראַם איז נאָר טיילווייז אויסגעפירט געוואָרן. צום געווער־לאַגער, אין דער חרוב־געוואָרענער געביידע פון דער פּאָליציי, זענען די בחורים נישט דערגאַנגען. דער קוואַנטום פון דינאַמיט האָט נישט געסטייעט אויפצורייסן די אייזערנע טיר, וואָס האָט פון זיי אָפּגעטיילט דעם אייזן־אוצר. עס איז אָנט־שטאַנען אַ שלאַכט אין די גרענעצן פון יפו־תל־אביב, אָבער דער וועג צום לאַ־גער איז פולשטענדיק פאַרשטאָפּט געוואָרן און מ׳האָט זיך געמוזט צוריקציען. אין די אַנדערע ערטער איז אויסגעפירט געוואָרן די אויפגאַבע לויטן פּראָגראַם. דאָס געווער איז קאָנפיסקירט און געבראַכט געוואָרן אויף אַ זיכערן פּלאַץ. וואָס אַן אמת, האָבן מיר קיין סך געווער נישט געגומען. אָבער די בחורים האָבן זיך געפרייט, אַז זיי זענען נישט צוריקגעקומען מיט ליידיקע הענט. דער קאַמפּס־פּלוטאָן האָט געטאָן זיינס. באַלד נאָך דעם האָט אויך די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיי־לונג געטאָן אירס. איבערן גאַנצן לאַנד איז אויפגעקלעפּט געוואָרן אַ מעלדונג, וואָס האָט קורץ געשילדערט דעם צוזאַמענשטויס מיטן פיינד. און וואָס איז

נוגע דעם געווער האָבן מיר געשריבן, אַז אין איין סטאַציע האָבן מיר קאָנפיס־קירט 14 ביקסן.

פיל פון אונדזערע פריינד זענען געווען אומצופרידן מיט דער דאָזיקער מעלדונג. זייער מיינונג איז געווען, אַז מיר האָבן נישט געדאַרפט אָנגעבן גע־נויע ציפערן וועגן וואפן וואָס מיר האָבן צוגענומען. פאַרוואָס נישט איבער־לאָזן דער באַפעלקערונג, וועלכע נייטיקט זיך אין אַ געהויבענער „מאָראַל" און אין אַ קאָפּיטשקע נחמה, דעם גלויבן, אַז מיר האָבן צוגענומען פיל מער גע־ווער? מיר האָבן נישט גרינגעשאַצט די פּסיכאָלאָגישע אַרגומענטן פון אונדזערע חברים. אַוודאי האָבן מיר געקענט, נישט דערציילנדיק קיין ליגן, מעלדן וועגן אַ „געוויסן סכום געווער" וואָס מיר האָבן קאָנפיסקירט. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן ביי אונדזערס. אין איין אָרט האָבן מיר צוגענומען 14 ביקסן און וועגן די 14 ביקסן וועלן מיר דערציילן דער באַפעלקערונג. אין די געבענטשטע 14 ביקסן איז געווען אַן אָנגעצייכנטע ליניע אויף דער צוקונפט. מיר האָבן קיין מאָל נישט דערציילט קיין שקרים. נאָר דעם אמת האָבן מיר דערציילט. גוט אָדער שלעכט. אנגענעם אָדער שמערצלעך, אָבער דעם אמת. די דאָזיקע ליניע האָט פון אונדז צוגענומען אַ פּראָוויזאָרישן „שכר", אָבער אַ דאַנק איר האָבן מיר באַקומען דעם צוטרוי פון פאָלק און פון דער וועלט. אַלע האָבן געזען, אַז אונדזערע מעלדונגען אַנטהאַלטן פאַקטן. אַלע האָבן זיך איבערצייגט, אַז אונ־דזערע וואָרענונגען ווערן מקויים. אין אַ צייט אַרום האָט מען געקענט הערן אין ארץ־ישראל ווי איין מאַן פרעגט דעם אַנדערן:

— פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז די ידיעה איז ריכטיק? און דער אַנדערער ענטפערט אים תיכף:

— וואָס? דו האָסט נישט געהערט? דער אצ"ל האָט דאָך געמאָלדן.

אַ יידישער זשורנאַליסט, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע, האָט אונדז דערציילט, אַז ווען ס'פלעגט אָנקומען אַ מעלדונג פון דער „הגנה", האָבן די פרעמדע אויסלענדישע זשורנאַליסטן געפרעגט זייערע יידי־שע פאַרטרעטער: „צי האָט איר קאָנטראָלירט די ריכטיקייט פון דער מעלדונג?" דאַקעגן אַ מעלדונג פון אצ"ל פלעגט אויפגענומען ווערן אָן צווייפל און אָן ווייטערדיקע פראַגן.

די שיטה פון די „14 ביקסן", וואָס מיר האָבן איינגעפירט אין אונדזער אויפקלערונג, האָט אונדז געגעבן דעם צוטרוי פון פאָלק — דעם טייערסטן פאַר־מעגן פון אַן אונטערערד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פיינד און פאַרשווארצער.

ז.

ווי מיר האָבן געדרוקט אונדזער אויפקלערונג־מאַטעריאַל?

מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע וועגן. אין תחילת האָבן מיר גע־

אַרבעט אין דער קליינער דרוקעריי, אין גרענעץ־קוואַרטאַל פון תל־אביב, אין וועלכער מיר האָבן געדרוקט די „פּאַלאַווראַ“. קיין אַנדערע מעגלעכקייט איז נישט געווען. מיר האָבן נישט געהאַט דאָס נייטיקע געלט צו קויפן אַן אייגענע דרוקעריי. ערשט אין האַרבסט 1944 איז אונדז געלונגען, טראָץ אַלע שוועריקייטן, זיך איינצושאַפן אַ קליינע דרוקעריי. אונדזערע חברים, וועלכע זענען דאָרט געווען באַשעפטיקט ווי פּערמאַנענטע אַרבעטער, פלעגן אַנגעמען געוויינלעכע באַשטעלונגען פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, נאָר צווישן איין באַשטעלונג און דער אַנדערער האָבן זיי געטאָן די אַרבעט, צו וועלכער זיי האָבן זיך מאָביליזירט, שטעלנדיק זיך אין סכנה. די דרוקעריי האָבן מיר באַלאַסטעט מיט אַ סך אַרבעט, אפשר מיט צופיל אַרבעט. מיר זענען געשטאַנען ביים אָנהייב פון אויפשטאַנד און האָבן באַדאַרפט טאָן אַ גרויסע אויפקלערונג אַרבעט. אין צווישן האָט זיך אָנגעהויבן קעגן אונדז אַן אמתער קרייצצוג פון רדיפות, מסירות און אויסליפערונגען אין די הענט פון די ענגלענדער. אויך אונדזער דרוקעריי איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ מסירה. די בריטישע פּאָליציי האָט זי נישט אַנטדעקט. אימיצער האָט זי אַנטדעקט פאַר דער פּאָליציי פון די אונטערדרדיקער. מיר זענען געבליבן אָן אַ דרוקעריי, נאָר פון צייט צו צייט האָבן מיר געקענט עפּעס אָפּדרוקן ביי אונדזער אַלטן פריינד, דעם אייגנטימער פון דער דרוקעריי „מזרחי“. שפּעטער האָט זיך די לאַגע באַדייטנדיק פאַרבעסערט. מיר האָבן געלערנט פון דער דערפאַרונג. מיר האָבן באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ דרוק אונטער דער ערד. מיר האָבן באַקומען אַ פּלאַץ. ס׳איז געמאַכט געוואָרן דער נייטיקער קאַמופלאַזש. די בחורים האָבן געהאַרעוועט און געגראָבן. אַלץ איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, אָבער דער ענין איז באַקאַנט געוואָרן אין דער סביבה. מיר האָבן זיך נישט געוואָלט שטיצן אויף נסים און האָבן פאַרלאָזט יענץ הויז. דער גורל האָט געוואָלט, אַז באַלד ביים אָנהייב פון די אַראַבישע אָנגריפן, איז אין דעם הויז אַריינגעפאַלן אַ באָמבע און עס איז חרוב געוואָרן.

דאָך האָבן מיר זיך נישט מייאש געווען און זענען געגאַנגען אויף אַ צווייטן אָרט. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן גראָבן. איצט איז אויפגעשווומען דאָס פּראָבלעם פון לופט. גידי האָט געלייזט דעם פּראָבלעם און איינגעאָרדנט אַ מעכאַנישע ווענטילירונג. ס׳איז געווען אַביסל זאָרג. די באַרימטע סאַלאָניקער טרעגערס, וועלכע האָבן אַריבערגעפירט די שווערע דרוק־מאַשין, האָבן עפּעס דערשנאַפּט. אונדזער געהיים־דינסט האָט מיטגעטיילט, אַז צווישן די סאַלאָניקער שמועסט מען וועגן אַ געהיימען דרוק פון אצ״ל. ס׳איז נישט גוט! אַזעלכע שמועסן קענען זיך נאָך פאַרשפּרייטן. און דער פייגד האָט אַ סך אויערן. די שרעק איז אָבער אַריבער. אונדזערע געזונטע גוטע סאַלאָניקער האָבן פאַרשטאַנען אַז מ׳דאַרף שווייגן. די דרוקעריי האָט גענומען אַרבעטן. ס׳איז געווען ממש אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. שטיקנדיק און אַ מוראדיקע היץ. די שטאָלענע מאַשין פלעגט אָפּט קאַליע ווערן פון היץ. אָבער נישט די מענטשן פון ארגון צבאי

לאומי זענען אָפּגעשטאַנען. זיי זענען געווען אומדערמידלעך, און האָבן צייטנ־ווייז געאַרבעט טאָג און נאַכט אָן שום הפסקה. אויך איבער דער ערד, אויבן, האָבן אָפּגעגעבן זייער מי אונדזערע בחורים, כאָטש אין לייכטערע באַדינגונגען. פון אונטן אַ דרוקעריי און פון אויבן איז געווען אַ באַשיידענע סטאָלעריי, וואָס פלעגט אָננעמען באַשטעלונגען אויף שטוב־מעבל. אַ גרויסער אויטאָ פלעגט קר־מען אין דער סטאָלעריי, זיכער כדי צו ברענגען ברעטער און נעמען מעבל. אָבער קיין מענטשיש אויג האָט נישט געזען, אַז צווישן די מעבל און האָלץ זענען גע־לעגן „פּעקלעך", הייליקע פּעקלעך, צוליב וועלכע מ׳האָט אויפגעשטעלט די סטאָלעריי. קיין מאָל האָבן די ענגלענדער נישט אַנטדעקט די אונטערערדישע דרוקעריי, איבער וועלכער ס׳איז געווען אַ סטאָלעריי. נאָר ווען ס׳איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אונדזער מלוכהשער בנין האָבן מיר אויפגעדעקט אונדזערע באַ־האַלטענע בנינים, פון וועלכע מיר האָבן גערופן דאָס פאָלק נישט שלום צו מאַכן מיט דער חרפה פון פאַרשקלאַפונג. פון דער געהיימער דרוקעריי פלעגט דאָס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל אָנקומען אויף געוויסע פּאַרטיילונג־סטאַציעס. פון די אַלגעמיינע סטאַציעס פלעגט די „אומלעגאַלע" ליטעראַטור איבערגעפירט ווערן צו די ענד־סטאַציעס. דאָרט האָבן די ליטעראַטור איבערגענומען די יונגע בחו־רים פון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג, די „קלעפּערס". מיר האָבן געהאַט די אַמביציע, אַז אונדזערע צייטונגען און פּראָקלאַמאַציעס זאָלן „צעקלעפּט" ווערן אין משך פון איין טאָג אין אַלע שטעט און אין אַלע קאָלאָניעס פון לאַנד. מיר האָבן צוליב דעם געשאַפן אַ צווישנשטאָטישע „פּאָסט". דער אומאויפהערלע־כער טראַנספּאָרט פון מאַטעריאַל און פון געווער איז אַריבערגעפירט געוואָרן ממש אונטערן נאָז פון די בריטישע פּאָליציסטן און אַגענטן.

ח.

בדרך־כלל, פלעגט די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג אַרויסגיין נאָך די שלאַכט־איינהייטן, כדי אויפצוקלערן דעם פאָלק פאַרוואָס עס זענען דורכגעפירט גע־וואָרן די מיליטערישע אָנגריפן. אַמאָל איז די פּראָפּאַגאַנדע געגאַנגען נאָך פריער, מחמת מ׳האָט געוואָלט דאָס פאָלק צוגרייטן צו די אַקציעס, וואָס זע־נען אונטערגענומען געוואָרן דורך דער אונטערערדישער אַרמיי. עס זענען אויך געווען פאַלן, כאָטש זעלטענע, ווען עס איז אַרויסגעטרעטן די פּראָפּאַגאַנדע־סעקציע אַ נ ש ט א ט דער שלאַכט־איינהייט. פּראָקלאַמאַציעס אנשטאט קוילן. און די פּראָקלאַמאַציעס האָבן געווירקט ממש ווי קוילן. איינער פון די פאַלן איז געווען פאַרבונדן מיטן קאַפּיטל פון כותל־המערבי.

אין דעם קריג איבערן כותל־המערבי, דעם הר־הבית און איבער דער אַלט־שטאָט פון ירושלים שפיגלט זיך אפשר אָפּ די גאַנצע מלחמה אויפן יידישן אייגנטום־רעכט איבער ארץ־ישראל. צום בריטישן זכות מוז מען זאָגן, אַז זיי

פאַרשטייען גוט די פּאָליטישע באַדייטונג פון סימבאָלן. האָט דאָך אין ענגליש, און נישט אין העברעיש, געשריבן דיזראַעלי, אַז פעלקער ווערן באַהערשט אָדער מיט כוח אָדער מיט טראַדיציע. די ענגלענדער האָבן דעריבער געשיקט זייערע קוילן אין ה אַ ר צ ן פון דער יידישער טראַדיציע. ווי געוויינלעך האָבן זיי זיך באַנוצט מיט מוסולמענער. ווערדליק זייער סטיל, האָבן זיי געבראַכט אַן אויספאָרשונג־קאָמיסיע און פאַרעפנטלעכט איר „פּסק־דין" אין אַ ווייס־בוך אָדער אין אַ קעניגלעכן מאַניפעסט, אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן מיט דער חוצפּה פון געשיכטע־פעלשער:

„דאָס גאַנצע און איינציקע אייגנטום־רעכט איבערן כותל־המערבי געהערט די מוסולמענער, ווייל דאָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פונעם הויף פון חאראם אל־שאריף, וואָס איז דאָס אייגנטום פון וואַקף.

די מוסולמענער געהערט אויך דאָס אייגנטום־רעכט אויפן פּלאַץ נעבן כותל און דער באַדן איבערן כותל המערבי".

און ווייטער איז דאָרט געזאָגט:

„די יידן איז פאַרווערט צו בלאָזן שופר ביים כותל"...

די ענגלענדער האָבן שטרענג אָפּגעהיט דעם דאָזיקן פאַרבאָט. ווי באַקאַנט, זענען די ענגלענדער געזעץ־היטערס. און אויב דאָס „געזעץ", וואָס זיי האָבן געהייסן מאַכן, זאָגט אַז די שטיינער פון כותל־המערבי פון יידישן בית־המקדש געהערן צו אַן אַראַבישן מעטשעט, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף די חורבות פון בית־המקדש, איז דאָס אַ געזעץ אויף וועלכן ס'איז נישטאָ קיין שום אַפּעלאַציע. אַ פאַרהייליקטע טראַדיציע? אַ לעבעדיקער עדות פון אַ פריערדיקער פאַרגאַנגענהייט? דווקא צוליב דעם דאַרף מען צונעמען פון די יידן די שטיינער פון דער היסטאָרישער וואַנט. און ווי גוט איז עס, ווען צווישן די יידן אַליין געפינען זיך אומדערוואַרטע אליאירטע, וועלכע טענהן, מחמת „פּראָגרעס" און סנאָביזם, אַז עטלעכע ראַסן־קי זענען מער ווערט פון די אַלע שטיינער...

אָבער די אַלטע שטיינער שווייגן נישט. זיי זאָגן: דאָ איז געשטאַנען דער בית־המקדש, דאָ האָבן געקעניט מלכים, דאָ האָבן נביאות געזאָגט נביאים. דאָ זענען געפאַלן גבורים. דאָ איז אָנגעצונדן געוואָרן דאָס גרויסע פייער. דאָס איז געווען דער בית־המקדש און דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איז געווען אונדזערס, מיט אירע מלכים, נביאים און קעמפער נאָך איידער די ענגלענדער זענען געווען אַ פאָלק.

דער כותל־המערבי איז אין אַלע טויזנטער יאָרן פון גלות געווען דער אַקומולאַטאָר פון אונדזערע פאָלקס־בענקענישן. און זאָלן די שפּאָטערס נישט אָפּלאַכן פון „מיסטיק". די שטים פון דער געשיכטע איז אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער ווירקלעכקייט. און אָט די שטים האָבן די ענגלענדער געוואָלט

דערשטיקן. זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ גזירה: יידן איז פאַרווערט צו בלאָזן שופר ביים כותל... און אַז מען האָט געפּרוווט בלאָזן, אַזוי ווי עס האָבן דאָס געטאָן זשאַבאָטינסקיס יונגע תלמידים אין משך פון 13 יאָר? דעמאָלט פלעגט אויפגיין אַ געפּערלעך, דערנידעריקנדיק און רעוואָלטירנדיק בילד, וואָס כ׳האָב געזען מיט מיינע אויגן יום הכפורים תש״ג, ווען כ׳האָב מיט אַ גרופּע פריינד געדאַוונט ביים כותל־המערבי...

דער טאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. די זון איז אונטערגעגאַנגען. אַן עדה יידן הייבט אויף איר תפילה צום הימל. די הייליקע נעילה־תפילה אין הייליקן אָרט אין די טעג פון גרויסן אומגליק... און אָט זע אונדזער חרפה! פון ביידע זייטן פלאַץ שטראָמען ענגלענדער, באַוואָפנטע מיט הייס געווער און מיט שווערע שטעקנס. די סאָלדאַטן מיט די חוצפהדיקע, שפּאָטיקע פּנימער שטייען אַנטקעגן כותל, שטייען צווישן די דאַווענערס און די שטעקנס אין זייערע הענט. זיי דראָען שוין מיט זייער עצם שטיין. זיי באַליידיקן טיף מיט זייער עצם זיין דאָ. אָבער נישט נאָר זיי שטייען, שפּאָטן און באַליידיקן: זיי קלאַפּן אויך איבער די קעפּ און בריקען מיט די פיס און פאַרגיסן אומשולדיק בלוט אויפן הר־הבית, נעבן כותל־המערבי, אום יום־כפור, אין דער תקופה פון דער מאַסן־אויסראָטונג פון יידן... די בריטישע סאָלדאַטן זענען געקומען היטן, אַז יידן זאָלן נישט בלאָזן שופר מוצאי דעם הייליקסטן טאָג. ווען עס איז געווען נאָענט דער סוף פון דער תפילה, האָבן די ענגלענדער אַריינגעדרונגען צווישן די דאַווענערס און זענען צוגעקומען ביזן כותל. און ווען ס׳האָט זיך דאָך דערהערט די תקיעה גדולה, האָט זיך ביי זיי אָנגעצונדן די שנאה און כעס. „כאַפּן דעם פאַרברע־כער״! עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטורעם פונעם פאַרשקלאַפער קעגן די אייניקלעך פון די פאַרטיידיקער פון הר־הבית — אין מיטן זייער תפילה. און דער ווידערשטאַנד איז נאָר אַ פּאַסיווער. די שטעקנס פייפן אין דער לופטן. דאָ און דאָרט הערט זיך אַ געשריי פון אַ פאַרוווּנדעטן, אויך געזאַנג רייסט זיך אַרויס, די „התקוה״. אָבער די שליחים פון אונטערדריקער לאָזן נישט זינגען. זיי שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז זיי כאַפּן דעם „פאַרברעכער״ און טראָגן זיך אָפּ ווי זיגער, פון הייליקסטן אָרט, וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן.

אין יענער נאַכט, ווען מיר זענען געשטאַנען מער מיט נשמה־ווונדן ווי מיט קערפּערלעכע ווונדן, נעבן דעם כותל־המערבי, האָבן מיר זיך געזאָגט איינער דעם אַנדערן: דאָס איז די אמתע פאַרקנעכטונג. דאָס וואָס די רוימישע נציבים האָבן זיך נישט דערוועגט, וואָגן די בריטישע קאָמיסאַרן; דאָס וואָס אונדזערע על־טערן האָבן נישט מתיר געווען די פריערדיקע פאַרשקלאַפער, אפילו פאַרן פרייז פון זייער לעבן און פרייהייט — דערלויבט דער דור, וואָס זינגט איבער זיך אַז ער איז דער לעצטער דור פון פאַרשקלאַפונג און דער ערשטער דור פון גאולה. אַ פאָלק וואָס קען נישט שיצן זיינע הייליקטימער און פרוווט אַפילו נישט זיי צו שיצן — איז נישט קיין פרייע פאָלק, אפילו ווען עס פלוידערט

וועגן פרייהייט. אַ קנעכט איז ער. דעמאָלט איז ביי אונדז רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז ווען דער טאָג וועט קומען, וועלן מיר אָפּווישן די חרפה פון אונ־דזער פאָלק. אַז מיר וועלן נאָר האָבן כוח, וועלן מיר נישט דערלויבן די שלי־חים פון פאַרשקלאַפער מטמא צו זיין אונדזערע הייליקטימער און מחלל זיין אונדזערע ימים־טובים.

אָנהייב תש״ד האָבן מיר געדענקט די חרפה. אונדזער באַשלוס איז געווען אַ פעסטער: נישט מער צו דערלויבן דעם חילול־השם, אָדער אים נישט איבער־לאָזן אומבאַשטראָפט. אונדזער פּלאַן איז געווען אַ קאָמבינירטער, אַ פּסיכאָלאָ־גישער און אַ פּראַקטישער צוזאַמען. די אַקציע איז אַרויסגעלייגט געוואָרן די־רעקט אויף דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג. מיר האָבן אָנגעהויבן וואָרענען די ענגלענדער צווישן ראש השנה און יום־כפור. יעדע נאַכט זענען אַרויס די „קלע־פּער״ מיט די פאַרשיידענע נוסחאות פון דער הויפּט־וואָרענונג: די בריטישע פּאָליציסטן זאָלן נישט וואַגן יום־כיפור אַריינצוגיין אויפן פּלאַץ פון כותל־המערבי! זאָלן זיי נישט וואַגן צו שטערן די תפילה און אָנרירן די דאַוונערס! די פיל מאָל איבערגעחזרטע וואָרענונגען האָבן מיר רעזומירט אין אַ מעלדונג, אין העברעיש און ענגליש:

א. יום־הכיפורים, אויפן הר־הבית, ביים כותל־המערבי, וועלן זיך די מאַסן פון פאָלק מתייחד זיין מיט די נשמות פון די יידישע קדו־שים, וועלכע זענען געפאַלן ווי קרבנות פון דער דייטשער אכ־זריות און בריטישן פאַרראַט.

ב. די פּרינציפּן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט פאַרפליכטן, אַז די הייליקע תפילה זאָל נישט געשטערט ווערן און דאָס הייליקע אָרט זאָל נישט פאַרשוועכט ווערן.

ג. די בריטישע רעגירונג, וועלכע הערשט קעגן ווילן פון יידישן פאָלק אין אונדזער פאָטערלאַנד, ווערט אויפגעפאָדערט נישט צו ברעכן די דאָזיקע פּרינציפּן.

ד. יעדער בריטישער פּאָליציסט, וועלכער וועט זיך דערוועגן אַריינ־צורייסן יום־כיפור אויפן פּלאַץ פון כותל־המערבי און שטערן די טראַדיציאָנעלע תפילה — וועט פאַרצייכנט ווערן ווי אַ קרימי־נעלער פאַרברעכער און וועט באַשטראָפט ווערן!

מיטן מערן זיך פון אונדזערע וואָרענונגען איז אין ירושלים און איבערן גאַנצן לאַנד אַנטשטאַנען אַ זאָרג, וואָס איז געוואַקסן צוגלייך מיטן דערנענטערן זיך פון יום־כיפור. קיינער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מיר האָבן בדעה צו שיצן דעם פאַרשוועכטן כבוד פון פאָלק. אייניקע האָבן געציטערט, אַז עס וועט זיין אַ שרעקלעכע בלום־פאַרגיסונג ביים כותל־המערבי. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מיר פירן נאָר אַ נערוון־קריג קעגן די בריטן. טייל האָבן דערציילט וועגן אַ

געוואַלד־קאָנצענטראַציע אין דער אַלט־שטאָט. און ס'זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אין אונדזער פאָלק אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געוויצלט.

אויך די „אינסטיטוציעס" זענען נישט געשטאַנען פון דער ווייטן. אַ סך אַר־טיקלען זענען געשריבן געוואָרן איבער דער „פאַרברעכערישער משוגעת". און נישט נאָר אַרטיקלען האָט מען געשריבן, מען האָט אויך געטאָן מעשים. מ'האָט אויפגעפאָדערט דעם ראַבינאַט, און דער הויפּט־ראַבינאַט איז אַרויס מיט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז דאָס בלאָזן שופר ביים כותל־המערבי איז נאָר אַ מנהג, פון וועלכן מ'קען זיך אָפּזאָגן. ובכלל, די דינים פון דער מלוכה דאַרף מען שאַצן!

אָבער מיר האָבן זיך נישט צוריקגעצויגן. מיר האָבן געהאַט די פאַרשטענ־דעניש פון אונדזער מיסיע דאָס מאָל אפשר מער ווי אין יעדער אַנדערער תקופה פון אויפשטאַנד. מיר גייען דאָך אָפּהיטן דעם הר־הבית, מ'זאָל אים נישט מטמא זיין. מיר האָבן ווייטער אויסגעאַרבעט אונדזערע פּלענער. אונדזער הויפּט־הנחה איז געווען, אַז די ענגלענדער וועלן דאָס מאָל נישט וואַגן, ווייל מיר האָבן זיי געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע אויך פּאָליטיש. דער כותל־המערבי איז דאָך לכל הדעות הייליק. און ס'איז נישט קיין פּשוטע זאַך פאַר אַ רעגירונג, וועלכע וויל אָנגיין אַלס „ציוויליזירטע" צו ברענגען צו בלוט־פאַרגיסונג פאַרן וועלן אָפּהיטן אַ טראַדיציע.

פאַרשטייט זיך, מיר האָבן נישט געהאַט בדעה צו ברענגען צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס ביים כותל. אין ערשטן טאָפּ האָבן מיר געמאַכט אַ פּסיכאָלאָ־גישע אָפּענסיווע. טייל מאָל איז עס זייער ווירקזאַם... אַן אַנדערש מאָל העלפט טאַקע נישט דער פּסיכאָלאָגישער וואָפן. מיר האָבן אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט גענומען אין באַטראַכט, און געוווסט אַז אויב — נישט געקוקט אויף אונדזערע וואָרענונגען וועט דער פאַרשקלאַפער שיקן זיינע פּאָליציסטן צום כותל, ווי ער האָט עס געטאָן 13 יאָר נאָכאַנאַנד, וועלן מיר אים נישט קענען ענטפערן אויפן אָרט. זקנים, פרויען און קינדער — פיל בירגער וואָלטן געליטן דערפון.

אונדז איז בכן קלאָר געווען, אַז דעם יום־כיפור וועלן מיר נישט באַנוצן קיין געווער ביים כותל. אָבער דאָס האָבן מיר געמוזט האַלטן בסוד.

מיר האָבן אָבער באַשלאָסן, אַז אויב דער פיינד וועט זיינס טאָן, וועלן מיר אים געבן קלעפּ — אין אַן אַנדערן אָרט, אָבער אין דער זעלביקער צייט. און זאָלן אַלע וויסן, אַז מ'קען נישט אומבאַשטראָפט פאַרשוועכן אונדזערע הייליק־טימער. אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן פון אָנגריף מוצאי יום־כיפור אויף די פּאָליציי־פעסטונגען — די „טעגאַרט"־פעסטונגען — אין חיפה, בית־דגון, קילקיליה און קאטרא. דאָס האָט געדאַרפט זיין אונדזערע אַ שטראָף־עקספּע־דיציע פאַרן באַליידיקן די טיפסטע געפילן פון פאָלק.

די דאָזיקע קאָמבינירונג פון פּסיכאָלאָגישן קריג מיט אַ פּראַקטישן פּלאַן האָט נישט אַנטוישט. די טעגאַרט־פעסטונגען זענען אַטאַקירט געוואָרן מוצאי

יום־כיפור, אָבער נישט ווי אַ שטראָף פאַרן אַריינרייסן זיך פון די פּאָליציסטן צום כותל־המערבי. אונדזער וואָרענונג האָט געווירקט. דער פאַרשקלאָפער האָט זיך דערשראָקן. מוצאי יום כיפור תש״ד — דאָס ערשטע מאָל נאָך דרייצן יאָר — האָבן זיך די בריטישע פּאָליציסטן נישט דערנענטערט צום כותל המערבי. זיי זענען געשטאַנען פון ווייטן, און פאַר יעדן פאַל האָבן זיי אַראָפּגענומען זייערע נומערן. די תפילה איז נישט געשטערט געוואָרן. די תקיעה גדולה איז אויך אָן אמת געווען אַ גרויסע תקיעה... דער תוקע איז שוין נישט געווען קיין „אומלעגאַלער". ער האָט זיך נישט באַהאַלטן. ער איז געשטאַנען פאַר אַלעמענס אויגן און געבלאָזן שופר — דעם שופר פון אויפשטאַנד.

ט.

מיט דער אינטענסיפיצירונג פון אונדזער קאַמף, איז די אַרבעט פון דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ געפערלעכער. די „קלעפּערס" זענען נישט געווען באַוואָפנט. מיר האָבן געהאַלטן אונדזער ביסל געווער פאַר מיליטערישע אַטאַקעס. אָבער די בריטישע אַגענטן און פּאָליציסטן זענען שטענדיק געווען באַוואָפנט. די ענגלענדער האָבן בדרך כלל ליב געהאַט אָנצוווענדן זייער וואָפן קעגן נישט־באַוואָפנטע מענטשן. אַ סך „קלעפּערייען" זענען דעריבער געווען באַגלייט פון שיסערייען. „קלעפּערס" זענען פאַרוווּנדעט און געפייניקט געוואָרן. איינער פון זיי, אשר טאַרטנער, אַ טייערער ייִנגל, איז נישט נאָר פאַרוווּנדעט און געפייניקט געוואָרן; ער איז אויך דערמאָרדעט געוואָרן.

אשר טאַרטנער איז געווען אַ שילער פון דער אַכטער קלאַס גימנאַזיע אין חיפה. צום „ארגון" איז ער צוגעשטאַנען ביים אָנהייב פון אויפשטאַנד. ער איז געווען טעטיק אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג. בשעת איינער אַזאַ אויפקלעפונג האָט אים אַ פּאָליציסט נאָכגעשאָסן און ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין קני. וואָס טוט אַ רעגירונג, וועלכע באַרימט זיך, אַז זי איז אַ ציוויליזירטע, וואָס טוט אַזאַ מיט אַ פאַרוווּנדעטן, אפילו מיט אַ פאַרוווּנדעטן פייַנד? די בריטישע מאַכט האָט זיך נישט נוהג געווען מיט אונדזערע פאַרוווּנדעטע חברים, אַזוי ווי מיר האָבן זיך נוהג געווען מיט זייערע מענטשן, וועלכע זענען פאַרוווּנדעטע אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. דעם פאַרוווּנדעטן טאַרטנער האָט מען נישט באַנדאַזשירט די ווונדן און אים נישט גענומען אין שפּיטאָל אַריין. מ׳האָט אים אָפּגעשיקט, מיט אַן אָפענער, בלוט־טריפנדיקער ווונד, אין דער עכו תפיסה. אויך דאָרט האָט ער נישט געקריגן קיין מעדיצינישע הילף. מ׳האָט אים צוגעבונדן צום בעט. דאָס ייִנגל האָט געליטן שרעקלעכע יסורים. מיט אָפּגעריסענע שטיקלעך פון זיין העמד האָט ער געמוזט ווישן זיין בלוט, וואָס איז שוין געווען גאַנגרעניזירט, און מ׳האָט אים ווייטער געפייניקט. קיין שום אינטערווענץ האָט

נישט געהאָלפן. הרב בלום, וועלכער איז אין יענער צייט געווען רב אין די תפיסות, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט די ענגלענדער אויפן געפערלעכן צושטאַנד פון דעם יונגן פאַרוואונדעטן. די תשובה פון די „ציוויליזירטע" מאַכט־האָבער איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע:

— אַ רב דאַרף זאָרגן פאַרן גייסט פון די אַרעסטאַנטן און נישט מער. מישט זיך נישט אַריין אין זאַכן, וועלכע געהערן נישט צו אייך!...

אשרס מוט איז טאַקע נישט געבראָכן געוואָרן, אָבער זיין קערפּער איז פאַרגאַנגרעניזירט געוואָרן. דער תפיסה־דאָקטאָר, וועלכן מ'האָט ענדלעך גערופן צום פאַרוואונדעטן, האָט פעסטגעשטעלט אַ געפערלעכע בלוט־פאַרגיפטונג. ערשט דעמאָלט האָבן זיך די ענגלענדער דערמאָנט, אַז אין פּאַלעסטינע איז דאָ אַ שפּיטאָל. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. אפילו די פוס־אַמפּוטאַציע האָט שוין אשרקען נישט געראַטעוועט. נאָך וואָכן פון איבערמענטשלעכע יסורים אין עכוער טורמע און אין חיפהער שפּיטאָל האָט אונדזער יונגער פאַרפייניקטער ברודער אויסגעהויכט זיין נשמה.

אשרקע טאַרטנער איז איינער פון די איידעלע געשטאַלטן, וועלכע קומען שטענדיק אַרויף אויף מיין זכרון, ווען איך טראַכט וועגן אויפשטאַנד און וועגן דער וואונדערבאַרער יוגנט, וואָס איז אונדז אומגעריכט אויפגעוואַקסן ווי אַ יונגער וואַלד אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד. פאַרוואָס האָט מען אים פאַרפייניקט? פאַרוואָס האָט מען אים דערמאָרדעט? כ'האָב נישט געקענט געפינען קיין טרייסט אין מיין טרויער צוליבן טויט פון אשרקען.

אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט האָט געזען אונדזער יונגן קדוש דער חשובער פּראָפעסאָר בורעגמאַן, וועלכער האָט אין זכות פון די אויפשטענדלער באַקומען בלומען אין אינדיע. פּראָפעסאָר ברעגמאַן מיינט, אַז טאַרטנערס ליידנס־העלדישקייט און די גבורה פון זיינע ברידער אין קאַמף איז „אַ געפעלשטע גבורה". דער טאָלסטאָיאַנער מאָראַל־פּריידיקער איז אַרויס קעמפן קעגן דער „דעסטרוקטיווער השפעה" פון אונדזער גבורה און ער האָט אין זיין מאָנאַט־זשורנאַל פאַרעפנטלעכט אַ לאַנגן אַרטיקל קעגן דער דערציערישער טעטיקייט פון די „פּראָקלאַמאַציעס", וואָס טאַרטנער האָט „פונאַנדערגעקלעפּט" — מיט זיין בלוט. פּראָפעסאָר ברעגמאַן דערציילט אַ מעשה, אַז אין „יענע טעג" האָט אַ לערערן געלייענט פאַר די שול־קינדער, מערסטנטייל פון די אָריענטאַלישע געמיינדעס, י. ל. פּרצעס „דריי מתנות". ווי באַקאַנט, זוכט דאָרט די נשמה „דריי גוטע זאַכן, דריי אויסערגעוויינלעך שיינע זאַכן", כדי זיי צו ברענגען אין גן־עדן אַריין. די לערערן האָט פאָרגעשלאָגן די שילער אָנצושרייבן וועגן די מתנות, וואָס יעדער פון זיי וואָלט געבראַכט צום הימל. איינער פון די שילער האָט אַריינגעלייגט אין דעם מויל פון דער נשמה אָט די ווערטער: „אַ סאָלדאַט פון ארגון צבאי לאומי האָט געקעמפט פאַר זיין פאָטערלאַנד און אַ מערדערישער פּאָליציסט האָט אים געשאָסן און פאַרוואונדעט. איז געקומען די פּאָליציי און האָט אים

געבראַכט קיין עכו און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה־צעלע. דער פּאַרוווּנ־דעטער האָט אַרויסגעשלעפּט זיין העמד און אָפּגעווישט דאָס בלוט און נאָך דעם איז געקומען דער דאָקטאָר און געזאָגט, אַז מ׳מוז אָפּשניידן דעם פוס. מ׳האָט אים טאַקע אָפּגעשניטן דעם פוס און נאָך פיל יסורים איז ער געשטאָרבן. דע־מאָלט האָב איך גענומען אַ שטיקל פון דעם דאָזיקן בלוט־איינגעטונקטן העמד און ווי אַ מתנה עס אַרויפגעבראַכט אויפן הימל״.

י.

מיר האָבן ווירקלעך געבראַכט שיינע מתנות — פון בלוט און טרערן, פון העלדישקייט און קרבנות. — „ס׳איז זיכער געווען אַ שמחה אין גן־עדן״.

דער הויפּט־טרעגער פון די „מתנות״ איז געווען די שלאַכט־איינהייט פון ארגון צבאי לאומי. זי האָט דעם שונא געשלאָגן אָן אויפהער. זי איז אַריינגע־דרונגען אין די צענטערן פון דער מאַכט, וועלכע זענען געווען געשיצט דורך באַוואָפנטע פּאָליציסטן און סאָלדאַטן. זייער איבערוועגנדיקער כוח האָט די ענג־לענדער נישט געהאָלפן. זייערע געביידעס און קאַזאַרמעס זענען געוואָרן רואי־נעס. אונדזער שלאַכט־אָפּטיילונג האָט צעשטערט די קאָמוניקאַציע פון שונא: צעשטערט בריקן, חרוב געמאַכט סטאַציעס, אַרויסגעריסן רעלסן, אויפגעריסן באַנען, מינירט שאָסייען, אין דער לופטן צעשטויבט פּאַנצער־אויטאָמאָבילן. פון מאַי 1945 — ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער קריג קעגן נאַצי־דייטשלאַנד — האָט דער ח״ק (די שלאַבט־איינהייט) זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט די אַנגלאָ־איראַקישע נאַפט־רערן און נישט „געגעבן קיין רו״ די לעבנס־אַרטעריע פון דער בריטישער אימפּעריע אין מיטעלן מזרח. דער ח״ק איז אַריינגעדרונגען אין די בריטישע מיליטער־לאַגערן; טייל מאָל געגעבן זיי שווערע קלעפּ. אין אַנדערע פאַלן אָנגעוואָרפן אויף זיי אַן אימה און צוגענומען ביי זיי געווער. דער ח״ק איז אַרויף אויף בריטישע פלי־פעלצער און אַעראָדראָמען און פאַרוואַנדלט צענד־ליקער פיר־מאָטאָרדיקע אַעראָפּלאַנען און שווערע באָמבערס אין רויכערנדיקע שקעלעטן. דער ח״ק האָט געגעבן קלעפּ אין סאַמע האַרץ פון דער בריטישער מאַכט: אין דער הויפּט־קאָמאַנדע פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. ער איז אַריינגע־דרונגען אין די „בעווינגראַדס״, אין די בריטישע געטאָס, וואָס זענען אויף קי־לאָמעטערס געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, געווען פאַרפעסטיקט מיט געהיימע נעסטן פון מאַשין־געווער און געווען געשיצט דורך גאַנצע באַטאַ־ליאָנען ביז איבער די ציינער באַוואָפנטע סאָלדאַטן. דער אָפיצירן־קלוב אין גאָלדשמידס־הויז און די מיליטערישע באַראַקן אין שנעלערס הויז אין ירושלים, ווי אויך די פּאָליציי־צענטראַלע אין חיפה, זענען געפאַלן אונטער די קלעפּ פון אונדזער שלאַכט־איינהייט.

צוליב אונדזער אָנגריף אויפן גאָלדשמידט־הויז, דער אָנגריף, וואָס איז

געווען באַגלייט מיט אַ ריי אַנדערע סאַבאָטאַזש־אַקטן איבערן גאַנצן לאַנד, האָבן די ענגלענדער פּראָקלאַמירט קריגס־צושטאַנד אין יענע געביטן אין לאַנד, וועלכע זענען געווען באַוווינט דורך יידן. די גרויסע שטעט זענען „איינגענומען" געוואָרן דורכן מיליטער. עס איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן איין שטאָט און דער אַנדערער. ס'איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער אויטאָ־פאַרקער און די פּאָסט. אין יעדן ווינקל — אַ מיליטערישער לאַגער.

אָבער דער ח"ק האָט אומעטום דורכגעבראָכן דעם רינג. אונטער די באַפעלן פון גדעון און שמשון, זענען זיינע סאָלדאַטן ווי אַ פלאַם אַדורך איבערן גאַנצן לאַנד. בערך צוואַנציק אַטאַקעס האָט אונדזער שלאַכט־איינהייט דורכגעפירט אין משך פון קריג־צושטאַנד. צווישן אַנדערע זענען אַנגעגריפן געוואָרן מיליטערישע אויטאָמאָבילן ביי ראשון־לציון; ס'איז אַטאַקירט געוואָרן מיט מאַשינען־געווער און האַנט־גראַנאַטן אַ מיליטערישער לאַגער נעבן חדרה; ס'איז אַנגעגריפן געוואָרן אַ מילטערישער פּאַטרול אויפן הויפּט־שאָסיי נעבן בית־ליד. עס האָבן זיך איבערגעחזרט די אַטאַקעס אויף די מיליטערישע פּאַטרולן נעבן בית־ליד און אויף מיליטער־טראַנספּאָרטן אין דרום פון לאַנד. עס איז אַטאַקירט געוואָרן אַ מיליטערישער לאַגער נעבן כפר־יונה און אַ בריטישער פּאַטרול אויפן ירקון־ברעג. ס'איז אויפגעריסן געוואָרן אַ מיליטערישער לאַגער אין חדרה. אין דריי פּונקטן פון חיפה איז אויפגעריסן געוואָרן די אַנגלאָ־איראַקישע נאַפּט־רערן, און דריי מאָל זענען דורכגעפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף דער נאַפּט־רער אין כפר־חסידים.

די דאָזיקע רשימה איז נישט קיין פולע. און בראש — די אַטאַקע אויפן שונאס פעסטונג אין שנעלער־הויז, אין ירושלים, וו אונדזערע בחורים האָבן געדאַרפט דורכברעכן אַ פּאַרפעסטיקטע מויער, אונטער אַ קרייץ־פייער פון מאַשין־געווער. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג. זיי האָבן נאָך געדאַרפט דורכרייסן דריי באַריקאַדן פון דראָט־פאַרצוימונגען, איינשטילן דעם שונאס פייער, אַוועקלייגן דעם דינאַמיט און זיך צוריקציען אין אַ געביט, וואָס איז אין צווישן אַרומגערינגלט געוואָרן מיט בריטישע טאַנקן און פּאַנצער־אויטאָס. אָפּגעזען פון אַלע שטרויכלונגען האָבן די בחורים דורכגעפירט די אַטאַקע, אפשר די דרייסטסטע — נעבן אויפברוך פון עכו'ער תפיסה, — פון די אַנגריפן פון דער יידישער אונטערערד. די קאַזאַרמעס פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי זענען געפלויגן אין דער לופטן. די בחורים זענען בשלום אַנגעקומען צו זייער באַזע. די בריטישע פּאַנצער־מאַשינען זענען אָפּגעשטעלט און צוריקגעשטויסן געוואָרן. אַביסל האָט זיי אָפּגעהאַלטן דאָס פייער פון אונדזער ברען־גאַז. אַביסל האָט זיי אין דער נאַכט געשראָקן די באַלויכטענע מינעס. און וואָס זענען געווען די מינעס? פּשוטע בלעכענע קעסטלעך, אויף וועלכע עס האָבן געשטעקט באַלויכטענע אויפשריפטן, דווקא אין ענגליש: „מינען", אָבער אינעווייניק איז נישט געווען אפילו

קיין איין גראַם פון עקספּלאָזיוו־מאַטעריאַל... מיר האָבן דעמאָלט געליטן פון אַ מאַנגל אין אויפרייס־מאַטעריאַל, אָבער דאָס בלויז איז געווען בלויז...

אפילו דער פיינד, וועלכער האָט נישט געוווּסט אַז אונדז פעלט אויפרייס־מאַטעריאַל, איז געווען געצוווּנגען מודה צו זיין, אַז אונדזערע בחורים פעלט נישט קיין מוט. דער קאָמענדאַנט פון בריטישן גאַרניזאָן אין ירושלימער דיס־טריקט, גענעראַל דייוויס, האָט געזאָגט אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע אָפיצירן: „זיי האָבן געקלאַפּט פּונקט ווי קאָמאַנדאָס".

און די שלאַכט־איינהייטן האָבן ווייטער געקלאַפּט. פאַר האַלבע נאַכט און נאָך האַלבע נאַכט. זי האָט אויסגעפירט נאָך צענדליקער אָנגריפן, גרויסע און קליינע. וועגן עטלעכע וועלן מיר נאָך דערציילן. אַלע געהערן צו דער מיליטערי־שער געשיכטע פון יידישן פאָלק. דער ח"ק האָט בלויז אין געוויסע פאַלן גע־מאַכט אַטענטאַטן אויף יחידים. ער האָט געפירט שלאַכטן פנים־אל־פנים, די ערשטע פאַרטיזאַנער־שלאַכטן וואָס אַ יידישער כוח האָט געפירט קעגן אַן אָקו־פּאַציע־אַרמיי נאָך בר־כוכבאס אויפשטאַנד... דער ח"ק האָט אויסגעפירט דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט טשערטשילן אין סוף 1944. מיר האָבן דעמאָלט אים דערמאָנט זיינע אייגענע ווערטער און געזאָגט:

„מיר וועלן קעמפן אויף די ברעגעס און אויף די וועגן; מיר וועלן קעמפן אויף באַרג און טאָל; מיר וועלן קעמפן אין די שטעט און די דערפער; מיר וועלן קעמפן אין די גאַסן און אין די הייזער. מיר וועלן קעמפן אפילו אויב מיר וועלן בלייבן אַליין, אפילו אויב די מלחמה וועט דויערן יאָרן..."

די קריגס־טאַקטיק פון ח"ק האָט זיך באַזירט אויף דער מאַקסימאַלער אויס־נוצונג פונעם איבעררראַשונג־פאַקטאָר ביי דער אָנווענדונג פון קליינע כוחות. אַ דאַנק אָט די צוויי פאַקטאָרן זענען די בריטן אין ארץ־ישראל ווירקלעך גע־זעסן ווי אויף שפּילקעס. זיי האָבן נישט געהאַט קיין רו, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. ווען עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אַקציעס, איז זיי געווען שלעכט. ווען ס'זענען נישט געווען קיין אַקציעס — איז זיי נישט געווען גוט, ווייל זיי האָבן יעדן מאָמענט געוואַרט אויף אַן איבעררראַשנדיקן „באַזוך". זייער נערוון־סיסטעם איז ענלעך געווען צו אַ צעבראָכענער פּיאַנאָ; ס'איז גענוג געווען אַ דריק צו טאָן אויף איין „קלאַוויש" און דער גאַנצער פּאַרטעפּיאַן האָט מרעיש־עולמות געווען. מיר האָבן דעריבער געהאַנדלט מיט שפּאָרזאַמקייט; מיר האָבן נישט געדאַרפט אַטאַקירן מיט איין מאָל צוואַנציק בריטישע לאַגערן, כדי צו פאַרוואַנדלען אַלע זייערע איינוווינער אין אַ דערשראָקענער סטאַדע. עס איז געווען גענוג צו אַטאַקירן איין לאַגער אָדער צוויי, אַז די פון אַלע אַנדערע לאַ־גערן זאָלן ציטערן פאַר פחד ביינאַכט און זיין דערשראָקן בייטאָג.

דער ח"ק האָט געשלאָגן דעם פיינד אַלע טעג פון וואָך, אויסער ש ב ת. נאָך פון דוד רזיאלן, וועלכער איז געווען אַ פרומער, איז געווען אַ מנהג אין אר־גון צבאי לאומי שטרענג אָפּצוהיטן די יידישע טראַדיציעס. מיר זענען אַלע גע־

ווען מאמינים. מיר האָבן געגלויבט אין גאָט, געגלויבט אין אונדזער שליחות און אין אונדזער גערעכטיקייט. אָן דער גרויסער אמונה אין די הערצער וואָלטן מיר נישט געקענט קעמפן. און כאָטש מיר האָבן געוווסט אַז אונדזער מלחמה איז אַ מלחמה־מצווה וועלכע מ׳מעג פירן אויך אום שבת, האָבן מיר בדרך־כלל געגעבן אונדזער געווער רו אום שבת, ווייל סיי־ווי־סיי איז די איניציאַטיוו פון אָנגריף געווען אין אונדזערע הענט. די ענגלענדער האָבן עס געוווסט. דעריבער האָבן זיי געבענקט נאָך דעם יידישן שבת מער ווי אויפן קריסטלעכן זונטיק. מער ווי די יידן האָבן אָפגעהיט דעם שבת, האָט דער שבת — אין די אויפֿשטאַנד־יאָרן — אָפגעהיט די ענגלענדער.

דאָך זענען געווען עטלעכע אויסנאַם־אַקציעס. איינע פון זיי איז געווען אין דער ערשטער „זיכערקייט־זאָנע" פון ירושלים. די אַטאַקע איז דורכגעפירט געוואָרן שבת נאָכמיטיק, ווייל נאָר אין דעם טאָג און אין דער שעה איז די סביבה געווען כמעט אין גאַנצן ליידיק פון דורכגייער און מ׳האָט געקענט פאַרמיידן קרבנות פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אין דער צייט פון אומדערוואַרטן אָנגריף האָבן אין אַ צווייטער „זיכערקייט־זאָנע" צוויי בריטישע דזשענטלמענער געשפילט טעניס. דאָס זענען געווען „זייער חשובע פערזענלעכקייטן": דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטינער רעגירונג גערניי און דער בריטישער הויפּט־ריכטער פיטסזשעראַלד. האמער ביגאַרט, דער פעיקער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־יאָרק העראַלד טריביון" האָט געשריבן מיט איראָניע, אַז בשעת עס האָט זיך דערהערט דער שרעקלעכער אויפרייס, האָבן די צוויי דזשענטלמענער, אין קעגנזאַץ צו דער טראַדיציע וואָס איז באַשטימט געוואָרן פון הונדערטער יאָרן אין ענגלאַנד, איבערגעריסן זייער שפּיל.

די יידישע אונטערערדישע אַרמיי האָט איבערגעריסן דעם ענגלישן שפּיל אין ארץ־ישראל.

אַן אָפענער אונטערגרונט

דער שאָטן פון פּראָוואָקאַציע. — אונטערן לאַמפּ. — אַ „צו אָפענער אונטערגרונט". — אין די פּרדסים פון פּתח־תקווה. — ביי ישראל מאַסאַוועררן איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. — דער דורכפאַל פון בריטישן „אינטעלידזשענס".

א.

דער בריטישער „אינטעלידזשענס" (שפּיאָנאַזש־דינסט) איז געווען איינע פון די לעגענדאַרסטע אינסטיטוציעס אין דער וועלט. ווער האָט נישט געהערט וועגן „אינטעלידזשענס" און זיינע אויפטוען? די לעגענדע איז אַריבער פון דור צו דור, האָט זיך פאַרשפּרייט פון לאַנד צו לאַנד, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, ביז מענטשן האָבן אָנגעהויבן גלייבן, אַז דער בריטישער אינטעלידזשענס ווייסט אַלץ און קען אַלץ מאַכן. די ענגלענדער זענען געוויס געווען פאַראינטערעסירט אין דער פאַרשפּרייטונג פון אָט די קלאַנגען. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויפן געביט פון שפּיאָנאַזש, אַזוי ווי אין אַ מלחמה, איז די לעגענדע פון קראַפט אַ פאַקטאָר פון קראַפט. אָבער אויך פּראַקטיש איז דער אינטעלידזשענס געווען, און איז נאָך אפשר אויך היינט, אַ מעכטיקער אינסטרומענט אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. ער האָט דערפאַרונג פון הונדערטער יאָרן; ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע געלט, וואָס שפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל אין איינשאַפן אַגענטן און אינפאָרמאַציע. אין זיין רשות שטייען זשורנאַליסטן, פּרויען, האַנדלס־געזעלשאַפטן, קולטור און צדקה אינסטיטוציעס און אפילו רעליגיעזע אינסטיטוציעס. די ענגלענדער זענען ספּעציאַליסטן אין קאַמופלאַזש.

אָבער אין ארץ־ישראל, אין דער אויפשטאַנדס־תקופה האָט דעם בריטישן אינטעלידזשענס נישט געהאָלפן נישט זיין רייכע דערפאַרונג און נישט זיין געלט. אויך דער קאַמופלאַזש האָט נישט געהאָלפן. די יידישע אונטערערד האָט באַוויזן, אַז דער ענגלישער געהיימער דינסט ווייסט נישט אַלץ.

מיר האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער לעגענדע, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פאַרשיידענע „שערלאָק האָלמסעס" און די „לאָורענסעס". דעם „אינטעליגענס" אין ארץ־ישראל האָבן מיר געגעבן אַ טויט־קלאַפּ.

פאַרוואָס איז דורכגעפאַלן דער בריטישער „אינטעלידזשענס" אין אונדזער קליין לענדל?? איינע פון די סיבות איז געווען די רוטין, דער שונא נומער איינס פון יעדן שעפערישן געדאַנק. די ענגלענדער זענען געווען געוווינט צו הערשן איבער צוריקגעשטאַנענע פעלקער.. דער „אינטעלידזשענס" האָט זיך געקויפט אַגענטן צווישן די פעלקער מיט געלט אָדער מיט בראַנפן, אָדער מיט ביידע זאַכן צוזאַמען. ס'איז אַן אויסגעפּרוווטער מיטל. איינער נייטיקט זיך אין געלט. און „אימיצער" שלאָגט אים פאָר פריינדשאַפטלעך „הילף", אָדער אַ „הלוואה". דער צירקל האָט זיך געעפנט און באַלד צוריק פאַרמאַכט. ער האָט שוין געבראַכט די ערשטע ידיעה. שפּעטער קומען נאָך ידיעות, כדי צו באַקומען נאָך געלט, אָדער צוליב דראַאונגען... דאָס זעלביקע מיט שיכרות. עס פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. עס עפנט זיך דאָס מויל. די צונג הייבט זיך אָן צו פּלאָנטערן. מ'האָט זיך שוין אויסגעגליטשט. מ'קען זיך שוין נאָך דעם נישט אַרויסדרייען. ס'הייבט זיך אָן דער שאַנטאַזש: „אויב דו וועסט אונדז ווייטער נישט צושטעלן קיין אינפאָרמאַציעס, וועלן מיר דערציילן דיינע געוועזענע חברים, און דו וועסט שוין וואָס עס דערוואַרט דיר פון זיי!... דער מענטש הייבט זיך אָן אַראָפּצוקייקלען. ער האָט שוין נישט קיין ברירה.

די צוויי שיטות, אין וועלכע עס האָבן זיך ספּעציאַליזירט גרויס בריטאַניעס אַגענטן אומעטום, האָבן זיך לחלוטין נישט איינגעגעבן אין ארץ־ישראל. ס'איז געווען שווער דעם „אינטעלידזשענס" פאַר געלט צו ווערבירן יידישע מוסרים. פאַר אַ יידן איז נישט שווער אונטערצוקויפן אַ גוי. אָבער ס'איז זייער שווער פאַר אַ גוי אונטערצוקויפן אַ יידן. דאָס בריטישע געלט האָט נישט געהאָלפן. וואָס אַן אמת, ס'זענען געווען פאַלן פון מסירות פאַר געלט, אָבער דאָס זענען געווען ווינציקע און אומבאַדייטנדיקע פאַלן.

אויך דער „וויסקי" האָט נישט געהאָלפן דעם בריטישן שפּיאָנאַזש־דינסט אין ארץ־ישראל. עס איז אַ פאַקט, אַז יידן זענען כמעט פריי — אָדער אפשר געווען פריי — פון דער שיכרות־קראַנקהייט, וואָס ברענגט אַ סך שאָדן אַנדערע פעלקער. די ענגלענדער האָבן פיל געטרונקען אין ארץ־ישראל, און די יידן — זייער ווייניק. דאָס „געווער" פון וויסקי האָט נישט געהאָלפן דעם בריטישן שפּיאָנאַזש. טייל מאָל האָט ער געהאָלפן לטובת א ו נ ד ז ע ר אינפאָרמאַציע־דינסט.

די ענגלענדער האָבן אויך נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, אַז די יידישע אונטערערד אין ארץ־ישראל איז אַ ן ע ר נ ס ט ע. צו אַנדערע אונטערערדישע באַוועגונגען זענען פיל צוגעשטאַנען צוליב נייגונג פאַר אַוואַנטוריזם מער ווי צוליב אידעאַל. אין אונדזער אונטערגרונט זענען נישט געווען,

אָדער כמעט נישט געווען, קיין „אַוואַנטוריסטן". אין אונדזערע רייען האָבן גע־קעמפט אידעאַליסטן. זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, כדי צו ראַטעווען זייער פאָלק. ריטשאַרד מאורער, אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט און אַ יידן־פריינד האָט מיר געזאָגט:

— איך ווייס, אייערע בחורים קעמפן מיט אָפענע אויגן!...

דאָס איז געווען אַ טיפער אמת. אַן ערנסטקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף אונדזער אונטערגרונט. די בחורים האָבן זיך אויסגעלערנט פיינד צו האָבן די רעדעריי און ליב צו האָבן טאַט; פיינד צו האָבן די פּלוידעריי און שאַצן דאָס שווייגן. מיר האָבן זיי אויך פּערמאַנענט דערצויגן אין דעם גייסט. טאָג און נאַכט האָבן מיר דערקלערט די מפקדים און די סאָלדאַטן, אַז די דיסקרעציע, דאָס האַלטן אַ סוד, האָט צוויי הויפּט־פיינד: איינער — איז די נייגעריקייט, דער צווייטער — די באַרימעריי. דער כלל איז „פרעג נישט און דערצייל נישט". זאָל וויסן נאָר דער וואָס מוז וויסן און וואָס ער מוז וויסן. אַ חוץ אים, זאָל קיי־נער נישט וויסן. אויסער דעם, זאָל ער גאָרנישט ניט וויסן. וואָרום אַנדערש וועסטו ברענגען נישט נאָר אויף זיך אַליין אַן אומגליק. אונדזער דערציאונג האָט נושא־פּירות געווען. דער ענגלישער שפּיאָנאַזש האָט צוגעלייגט אַן אויער. ער האָט געהאָפט דורך זיינע אַגענטן צו הערן געשפּרעכן אָדער פראַגמענטן פון שמועסן. ער האָט גאָרנישט געהערט. אַ וואַנט פון שווייגן האָט אונדז אַרומ־גערינגלט. די וואַנט פון שווייגן האָט אונדז אָפּגעהיט אויך פון צרות וואָס קו־מען פון פּראָוואָקאַציע.

ס'איז נישטאָ קיין אונטערערדישע באַוועגונג אין דער וועלט וואָס האָט נישט געליטן פון דער מכה פון אַגענטן־פּראָוואָקאַטאָרן. די טעראָריסטישע אונ־טערערד פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישן רוסלאַנד האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ פון דער געהיים־פּאָליציי, פון דער „אָכראַנע", אין וועלכער עס האָבן געדינט אַגענטן־מוסרים, צווישן וועלכע עס איז געווען דער באַרימטסטער — איינער פון די הויפּט־פירער פון דער אומלעגאַלער באַוועגונג, אַזעף. די קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן, וואָס איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה גע־ווען טעטיק אין דער אונטערערד האָט זיך פּאַקטיש געפונען אונטער דער פאַר־באָרגענער אָנפירונג פון דער פּוילישער פּאָליציי.

אויך נאָך אונדזער אונטערגרונט איז נאָכגעגאַנגען דער עקלהאַפטער שאָטן פון אַ פּראָוואָקאַטאָר. דער בריטישער „אינטעלידזשענס" האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט, אַבי אַריינצופירן אין אונדזערע רייען פּראָוואָקאַטאָרן, אָדער ביי אונדז צו ווערבירן אַגענטן. ביי אונדז זענען אָבער געווען אין אַלע יאָרן פון אויפשטאַנד נאָר דריי פאַלן פון פאַרראַט, און קיין מאָל איז דעם שונא נישט געלונגען דורך זיינע פאַרקויפטע שליחים אַריינצודרינגען „טיף" אין אונטערגרונט, אַז זיי זאָלן אין אַ קורצער צייט נישט אויפגעדעקט ווערן.

באַזונדערס איז זיי נישט געלונגען זיינע משרתים אַריינצוברענגען „אויבן“, אין דער קריג־פירונג.

אונדזער זיכערקייט־דינסט האָט געאַרבעט מיט ענערגיע, איבערגעגעבנקייט און טאַלאַנט. זיינע העלפערס, צווישן זיי יידישע פּאָליציסטן אין בריטישן דינסט, זענען טיף אַריינגעדרונגען אין פיינדס לאַגער, נישט לאָזנדיק דעם שונא אַריינדרינגען אין אונדזער לאַגער. אַ דאַנק דעם האָבן מיר בדרך כלל געוווסט פאָרויס, וואָס מיר דאַרפן טאָן. די וועלט האָט נישט געזען דעם צוזאַמענשטויס פון די מוחות, וואָס איז פאָרגעקומען אין טיפן אונטערגרונט און דאָס איז נישט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין. די ענגלענדער האָבן געטראַכט ווי אַזוי אונדז צו צעברעקלען פון אינעווייניק. אָבער אַנטקעגן דער כיטרעשאַפט פון בריטישן שפּיאָנאַזש איז געשטאַנען די חכמה פון יידישן מ ו ח. און דער יידישער מוח האָט געזיגט.

די ערנסטסטע צרה האָט אונדז געדראָט מצד דער פּראָוואָקאַציע פון כילעוויטשן. אין ערשטן עטאַפּ פון אויפשטאַנד האָט זיך ביי אונדז דערוועקט אַ פאַרדאַכט, אַז ס׳איז דאָ אימיצער ביי אונדז וואָס גיט איבער ידיעות דער פּאָליציי. כ׳האָב שוין דערציילט וועגן אַרעסט פון אסתר רזיאַלן און איר מאַן און וועגן דער אַנטדעקטער ראַדיאָ־סטאַציע ביי זיי אין הויז. די אַרעסטן, וועלכע האָבן נאָך די ערשטע קריגס־אַקציעס אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, האָבן אונדז נישט איבערראַשט. די חברים זענען בדרך־כלל אַרומגעגאַנגען אָפן און האָבן אַפילו נישט פּרובירט זיך צו באַהאַלטן. ס׳האָט נאָר איבערראַשט דער פאַקט, וואָס די בריטישע פּאָליציי האָט אין רזיאַלס וווינונג אָן באַזונדערע מי אַנטדעקט אונדזער ראַדיאָ־סטאַנציע. „ס׳איז אַן אינפאָרמאַציע פון אינעווייניק“ — האָבן מיר זיך געזאָגט, און מיר האָבן אָנגעהויבן נאָכפאָלגן דעם נבזה, וועלכער דינט די שונאים פון זיין לאַנד. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיר האָבן אים אַנטדעקט. דאָס איז געווען כ י ל ע וו י ט ש.

אָבער איידער כ׳וועל דערציילן וועגן כילעוויטשן, וויל איך מיך אָפּשטעלן אויף דער השפּעה פון די מאַסן־אַרעסטן נישט אויף דער ברייטער מאַסע, נאָר אויף אונדז, אין אונטערגרונט. מיר זענען דעמאָלט געשטאַנען אין אָנהייב פון אויפשטאַנד. דעריבער איז דער קלאַפּ געווען אַזוי פילבאַר. מ׳דאַרף נישט פאַרהוילן, אַז אין יענע נעכט האָב איך קיין אויג נישט צוגעטאָן. כ׳האָב כמעט נישט געקענט אַרבעטן. פאַר מיינע אויגן זענען געשטאַנען די פאַראומגליקטע משפּחות, באַזונדערס די קליינע קינדער. כ׳האָב באַזוכט עטלעכע פון די משפּחות, און געפונען צער און טרויער. כ׳האָב אויך געזען פרוי רזיאַל, די ווונדערבאַרע יידישע מוטער פון דעם גרויסן זון, וועמענס האָר זענען ווייס געוואָרן ווי שניי. איר גייסט איז אָבער געבליבן שטאַרק ווי אַ פעלדז. איך האָב נישט געפּרווט זי צו טרייסטן. כ׳האָב איר נאָר געפרעגט וואָס זי מאַכט. זי האָט געדאַנקט און

צוגעגעבן מיט איינגעהאַלטנקייט און רואיקייט פון אַ גלייביקן, אַז גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען און ער וועט צוריקגעבן:

— אָט, זעט איר, איבערנאַכט איז אונדזער הויז ווידער חרוב געוואָרן...

מ׳האָט אָנגעהויבן אויף אונדז צו דריקן. דער דרוק איז געקומען פון פאַרשיידענע קרייזן. אַלע האָבן געפאָדערט מיר זאָלן זיך באַמיִען צו באַפרייען די אַרעסטירטע און באַזונדערס אסתרן. מיטן אומאויפהערלעכן דרוק האָבן זיך ביי אונדז אָנגעהויבן די ראַנגלענישן. צי האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרשאַפן ליידן מענטשן און פאַמיליעס? צי מעגן מיר ריזיקירן זייער פרייהייט און לעבן? פון וואַנען האָבן מיר די זיכערקייט, אַז אונדזער קריג וועט געלינגען?

מיינע גוטע פריינד האָבן מיר געהאָלפן איבערקומען מיינע ספקות. זיי האָבן הויך איבערגעחזרט די פראַגע, וואָס די „צווייטע שטים" אין דער נשמה האָט געזאָגט אין דער שטיל:

— צי איז יעדער איינער פון אונדז נישט גרייט צו גיין אויפן וועג פון אַרעסט, אָדער מקריב זיין דאָס לעבן?

און נאָך האָבן זיי צוגעגעבן?

— און די וועלכע וועלן בלייבן אין דרויסן, אין אונטערערד, וועלן זיי דען נישט זיין קיין אַרעסטאַנטן? און אפשר נאָך מער אַרעסטאַנטן ווי די, וועלכע געפינען זיך הינטער דראָט־פאַרצוימונגען? און וואָס איז די אַנדערע ברירה? צי וועלן מיר שלום מאַכן מיט דער פאַרשקלאַפונג?

דעם דרוק האָבן מיר זיך נישט אונטערגעגעבן. מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן צו באַפרייען די אַרעסטירטע. מיר האָבן געזאָגט צו פריינד און קרובים:

— מיר וועלן נעמען אַן אַדוואָקאַט. מיר וועלן העלפן די פאַראייניזאַמטע משפחות מיט וואָס מיר וועלן קענען. אָבער מיר וועלן נישט דערלויבן קיין אָפּיציעלע אָדער האַלב־אָפּיציעלע באַמיאונגען. אפילו פאַר אונדזער אסתרן וועלן מיר נישט אינטערווענירן. עס וועט נישט זיין קיין משא־ומתן צו באַפרייען אַרעסטירטע. ס׳איז נישטאָ קיין מלחמה אָן יסורים. ס׳איז נישטאָ קיין אויפשטאַנד אָן אַרעסטן. ס׳איז נישטאָ קיין זיג אָן קרבנות. מיר מוזן אַלע ביישטיין דעם נסיון. וואָרום אויב נישט, וועט דער שונא דערפילן אונדזער שוואַכן פונקט און וועט דריקן, וועט שאַנטאַזשירן, צוזאָגן און פאַרשפּרייטן דעמאָראַליזאַציע.

די דאָזיקע ליניע איז אָנגענומען געוואָרן, און מיר האָבן זיך געהאַלטן ביי איר. אין משך פון דער צייט האָבן מיר געהאַט נישט קיין צענדליקער אַרעסטירטע, נאָר הונדערטער און טויזנטער. מיר האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין 29טן יוני מיט זיינע באַקאַנטע פאָלגן...

אָבער מיר האָבן געהאַט, אַזוי ווי אַלע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס ביי יידן און ביי אַנדערע פעלקער — אַ פאַררעטער. דער פאַררעטער כילעוויטש איז

קיין מאָל נישט געווען קיין מיטגליד פון „ארגון". אַ געוויסע צייט האָט ער גע־אַרבעט אין דעם פאָנד, פון וועלכן דער „ארגון" איז געוואָרן געשטיצט. די אַר־בעט האָט אים געגעבן מעגלעכקייטן קענען צו לערנען אייניקע מענטשן פון די אַקטיווע אין „ארגון" און אייניקע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר „ארגון"־פירער. ס'איז שווער פעסטצושטעלן, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער פאָ־ליציי, אַריינגעפאַלן אין איר נעץ און געוואָרן איר משרת. כילעוויטש איז געווען אַ קאָרטן־שפילער און האָט ליב געהאַט זיך עלעגאַנט צו קליידן. ער האָט גע־דאַרפט האָבן געלט און איז, ווייזט אויס, אויך געווען אַ פחדן. ווען ער האָט זיך איין מאָל אויסגעגליטשט, האָט ער זיך שוין נישט געקענט צוריקכאַפּן און זיך אָנגעהויבן קייקלען באַרג־אַראָפּ. ס'איז קלאָר אַז ביים איבערגעבן די ראַ־דיאָ־סטאַנציע, אין רזיאַלס הויז, איז ער שוין געווען אין די הענט פון דער פאָליציי. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער דעם שעף פון דער יידישער אָפּטיי־לונג ביי דער פאָליציי, קעטלינגן, צוגעשטעלט אַ ליסטע פון מענטשן, טיטלען און אַדרעסן. צווישן די, וועלכע כילעוויטש האָט איבערגעגעבן דער פאָליציי, איז אויך געווען יעקב מערידאר. דער מסור האָט אָנגעגעבן אַ סימן זיינעם: „אַ פּאָרונקל" אויפן נאָז. די אינפאָרמאַציע איז דעמאָלט געווען אַ ריכטיקע. ווייל אין יענע צייטן האָט מערידאר געליטן פון אַ פּאָרונקולאָז. אָבער, אויך די גענויע ידיעה האָט נישט געבראַכט צום אַרעסט פונעם וויצע־קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי. די פאָליציי איז טאַקע געקומען אין דער הייזקע „ברוק" אויף טרומפּעלדאָר־גאַס, דאָרט ווו מיר האָבן זיך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל מיט מערידארן. אָבער „הערר האַניג" האָט זיך פון דאָרט באַצייטנס אָפּגעטראָגן. די ענגלענדער האָבן נאָך ־אַ לאַנגע צייט נישט געלעקט קיין האָניג פון „הערר האָ־ניג". די געניאַלע „שערלאָק האָלמעס" האָבן נישט גענומען אין באַטראַכט, אַז אַ „פּאָרונקל" קומט און אַ „פּאָרונקל" גייט אַוועק און זיי האָבן געהאַלטן אין איין זוכן אַ מענטשן מיט „אַ פאָרונקל אויפן נאָז". קעטלינגען וואָלט זיך קיין מאָל נישט איינגעגעבן צו כאַפּן מערידארן, ווען אנשטאט כילעוויטשן, דעם אומגליקלעכן איינצלנעם פאַררעטער, וואָלט נישט אויפגעשטאַנען קיין קאָלעק־טיווער מוסרים־אַמט, אין בנין פון דער יידישער אַגענץ...

ווען ער האָט באַקומען די ליסטע פון כילעוויטשן האָט קעטלינג טריאומ־פירט. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט שוין ליקווידירט דעם „ארגון". אין אַזאַ גייסט האָט ער אויך געשיקט אַ באַריכט צו זיינע שעפן אין ירושלים, קאַיראָ און לאָנדאָן. די בריטישע פאָליציי האָט זיך געריבן די הענט פאַר שמחה — זי האָט שוין געזען פאַר אירע אויגן אויסצייכענונגען און אַוואַנסן. זי האָט אָבער נישט געוווסט, אַז אַ קאָפּיע פון דער ליסטע וואָס זי האָט באַקומען — געפינט זיך ביי אונדז. זי האָט נישט געוווסט, אַז מיר ווייסן אַלץ וואָס זי ווייסט וועגן אונדז. מיר האָבן איבערגעלייענט די ליסטע. עס זענען געווען אַ סך צו־פעליקע און פאַרעלטערטע נעמען. עס זענען דאָרט געווען נעמען, וואָס זיי וואָלטן

סיי ווי סיי אָנגעקומען צו דער פּאָליציי, כאָטש ס׳איז אַ שאָד וואָס זיי זענען צו פרי אַריינגעפאַלן צו איר. און ס׳זענען געווען נעמען פון אַביסל מענטשן, וואָס די פּאָליציי וואָלט זיי אפשר לאַנג נישט אויפגעדעקט. בסך הכל — נישט שרעקלעך. מיר האָבן אָנגענומען נייע פּאַרזיכטיקייט־מיטלען. אין גיכן האָט קעטלינג זיך דערוווסט, אַז זיין שמחה איז געווען אַ פּריצייטיקע און „דזשאָן״ אין לאָנדאָן איז געווען בייז...

ביי אונדז איז באַהאַנדלט געוואָרן וואָס צו טאָן מיט כילעוויטשן. די חברים האָבן געפאָדערט אַ טויט־אורטייל. לויט די אונטערגרונט געזעצן איז זייער פאָדערונג געווען אַ גערעכטע. אַן אונטערערד האָט נישט קיין תפיסות, אין וועלכע מ׳קען האַלטן אירע פאַרברעכער און פאַרמיידן זייער דעסטרוקטיווע טעטיקייט. אַ מסור איז דער שרעקלעכסטער שונא פון אַן אונטערערדישער באַוועגונג. דעריבער — זאָגן די געזעצן פון אונטערגרונט, — אַז אַ מסור און אַ פאַררעטער קומט טויט־שטראָף. פונדעסטוועגן האָב איך זיך קעגנגעשטעלט כילעוויטשעס עקזעקוציע. כ׳האָב זיך געשראָקן פאַר אַ ט ע ו ת. כ׳האָב געפאָדערט פולע באַווייזן. איך האָב מיר נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ ייד איז מסוגל אַראָפּצופאַלן אין אַזאַ טיפן תהום. א י ך האָב אַ טעות געהאַט. אין משך פון דער צייט האָב איך זיך דערוווסט דעם אמת און מודה געווען אין מיין טעות. אויך מיך האָט כילעוויטש אָפּגעמסרט. און אין וועלכע אומשטענדן?

ער איז געקומען צו אונדז אַ היים. מיר האָבן געוווינט אין ירושלים, אין אַ קליין צימערל אין אַ נידעריקן פּאַדטער, האַלב־קעלער. מיין זון איז אַלט געוואָרן אַ יאָר. כילעוויטש, אין באַגלייטונג פון אַ געמיינזאַמער באַקאַנטע, האָט געבראַכט אַ מתנה פאַרן קינד. מיר האָבן געטרונקען טיי, געשמועסט און זיך געשפּילט מיטן קינד. אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. כילעוויטש איז אויפגעשטאַנען. מיט אים איז אַרויס די באַקאַנטע. זיי האָבן ווייטער געשמועסט. אַזוי שמועסנדיק, האָט כילעוויטש אַ פרעג געטאָן:

— ווי הייסט די גאַס? און וואָס איז דער נומער פון הויז? ס׳איז שוין פינצטער, און איך זע נישט גוט.

די באַקאַנטע האָט גאָרנישט חושד געווען. אויף וואָס פאַר אַ סמך זאָל זי חושד זיין? זי האָט געענטפערט:

— אלפסי 25.

כילעוויטש האָט געשוויגן.

אויף צו מאָרגנס זענען געקומען אויף אלפסי־גאַס פּאַנצער־אויטאָמאָבילן מיט פּאָליציסטן און סאָלדאַטן. מיין ווייב האָבן זיי געטראָפן אין דער היים. מיך האָבן זיי געזוכט און נישט געפונען. דער באַזוך אין אונדזער צימער איז פאָרגעקומען ביינאַכט. דעם זעלביקן טאָג אין דער פרי האָב איך ג אַ נ ץ צ ו ר פ ע ל י ק פאַרלאָזט ירושלים. אַזעלכע צופאַלן. דער יאַגד איז נישט געלונ־

גען. כילעוויטש איז אויפגעדעקט געוואָרן. ביי די ענגלענדער איז צעשטערט גע־וואָרן די שמחה.

יאָרן זענען פאַרלאָפן. פאַר מיינע אויגן שטייען אויף בילדער פון די אַלע העלדישע בחורים, די קדושים און טהורים. און איך ווייס, אַז ווען אַ מענטש הייבט זיך אויף איז נישטאָ קיין גרענעץ פאַר זיין דערהייבונג. און אָט — להב־דיל — שטייט ע ר פאַר מיינע אויגן. ער שטייט נעבן מיין קינדס וויגעלע. דאָס קינד לאַכט צו אונדז ביידן. ער שמייכלט צום פאָטער און צום קינד. און אין דער זעלביקער צייט וועבט ער זיינע פינצטערע פּלענער. אין דער זעלביקער צייט... און ווידער ווייס איך: אַז אַ מענטש פאַלט, איז נישטאָ קיין גרענעץ פאַר זיין שיפלות. וואָס זאָל מען טאָן? אַזוי איז דאָס לעבן. ס׳איז נישטאָ קיין ליכט אָן פינצטערניש, נישטאָ קיין ליבע אָן שנאה, נישטאָ קיין טרייקייט אָן פאַר־ראַט. אָבער, גאָט צו דאַנקען, איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, אַז ס׳איז דאָ מער ליכט ווי פינצטערניש. אַ סך זין האָט אונדזער פאָלק, וועלכע קענען זיך דערהייבן, דאַקעגן איז זייער קליין און ווינציק די צאָל פון די נידערטרעכטיקע.

כילעוויטש איז געווען איינער פון די ווינציקע. אָבער ווען כ׳בין אויפגע־פאָדערט געוואָרן אַרויסצוגעבן אָדער באַשטעטיקן אַ טויט־אורטייל אויף אים, בין איך נישט געווען זיכער אין זיין שולד. כ׳האָב געהייסן ווייטער פאָרשן. די חברים זענען געווען אומצופרידן. זיי האָבן געטענהט אַז נישט שטענדיק קען אַן אונטערערדישע באַוועגונג ברענגען קלאָרע באַווייזן. אין צווישן שוועבט די סכנה איבער דעם אונטערגרונט. זיי זענען געווען גערעכט. אָבער מיר דאַכט זיך אַפילו היינט, אַז פּרינציפּיעל בין איך אויך גערעכט געווען. ס׳האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן אַ ט ו י ט - א ו ר ט יי ל.

אין צווישן איז כילעוויטש אַוועקגעפאָרן אין עגיפּטן. זענען די חברים גע־קומען און געזאָגט:

— אָט האָסטו אַן ענדגילטיקן באַווייז. ער איז אַנטלאָפן. ווען ער וואָלט געווען אומשולדיק, וואָלט ער נישט אַנטלאָפן.

אָבער איך בין נאָך נישט געווען אין גאַנצן זיכער. איך האָב געטענהט:

— דאָס איז נאָך נישט קיין גענוגנדיקער באַווייז. אפשר איז ער אַנטלאָפן פאַר שרעק, מ׳זאָל אים נישט דערהרגענען צוליבן פאַרדאַכט וואָס איז געפאַלן אויף אים, כאָטש דער פאַרדאַכט איז נישט ריכטיק?

כ׳האָב געהייסן שטעלן כילעוויטשן פאַרן לעצטן פּרווו און פאָדערן פון אים צוריקצוקערן פון עגיפּטן קיין ארץ־ישראל, כדי זיך צו שטעלן פאַר אַן אויס־פאָרשונג. אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן צוריקצוקערן, וועט דעמאָלט זיין קלאָר, אַז ער איז אַ מסור און אַ פאַררעטער.

אין דער שטעלונג איז שוין נישט געווען קיין באַרעכטיקונג. די רוימישע יוריסטן האָבן געזאָגט, אַז „איבערגעטריבענע גערעכטיקייט איז גורם צו אומ־גערעכטיקייט“. יעקב מערידאָר, וואָס איז דעמאָלט געווען אין מצרים, האָט קעגן

זיין מיינונג אויסגעפילט מיין אינסטרוקציע און געשיקט מענטשן צו כילעוויטשן, וועלכער האָט געוווינט אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן אין קאירא און זיך געגרייט אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע. די שליחים האָבן איבערגעגעבן כילעוויטשן די פאָדערונג פון „ארגון". ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי אויסצופירן. אויף צו מאָרגנס, האָט ער די צוויי בחורים, סאָלדאַטן פון דער יידישער בריגאַדע, איבערגעגעבן אין די הענט פון בריטישע אַגענטן, וועלכע האָבן אים אָפּגעהיט. איידער ס'האָט אים דערגרייכט די האַנט פון גערעכטיקייט, איז דער מסור אָפּגעפלויגן אין אַמעריקע. ווייזט אויס, אַז דער ענגלישער אינטעלידזשענס האָט „פּראָטעקציע" אין געוויסע אַמעריקאַנישע קרייזן.

דער אונטערגרונט האָט אים, פאַרשטענדלעך, אויך דאָרט געקענט פּאַקן. אָבער עס זענען געווען סיבות, צוליב וועלכע מיר האָבן עס נישט געטאָן. כילעוויטש איז געבליבן לעבן. ער האָט סימבאָליזירט די „קינדער־קראַנקייט" פון אונדזער טעטיקייט אין אונטערערד. אָבער ער האָט שוין מער נישט געבראַכט קיין שאָדן דער קעמפנדיקער אַרמיי. אַזאַ לעבן איז, ווייזט אויס, ערגער ווי דער טויט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ערנסטן ענין איז כדאי צו דערציילן אויך אַ קאָמישן עפּיזאָד. ווען די בריטישע אימפּעריע האָט כילעוויטשן איבערגעשיקט פון קאירא קיין ניו־יאָרק, האָבן מיר געוואָלט וואָרענען פאַר אים אונדזערע פריינד אין אַמעריקע. ערי זשאַבאָטינסקי איז דעמאָלט געפאָרן קיין טערקיי, כדי צו העלפן ראַטעווען די אייראָפּעישע יידן. כ'האָב געבעטן ערין ער זאָל טעלעגראַפירן אין אַמעריקע וועגן כילעוויטשעס טאַט. ערי האָט עס געטאָן מיט פיל חכמה. ער האָט געשריבן:

— „אין גיכן וועט קומען צו אייך אַזעף כילעוויטש. מאַכט אים אַ קבלת־פּנים". די לעצטע ווערטער זענען, פאַרשטענדלעך, צוגעגעבן געוואָרן כדי צו פאַרשטעלן די כוונה פון ערשטן טייל פון דער טעלעגראַמע. די טעלעגראַמע האָט באַקומען שמואל מערלין, וואָס צוליב דער לאַסט פון דער אַרבעט וואָס ליגט אויף אים שטענדיק, האָט ער נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער נעמען־קאָמבינירונג. און ווירקלעך, כילעוויטש איז געקומען ווי איינער וואָס קומט אין מיטן פון דער מלחמה פון ארץ־ישראל און פאַר אַ קרייז פון פריינד האָט ער געהאַלטן אַ באַגייסטערטע רעדע וועגן לאַנד און וועגן דעם קריג וואָס פירט זיך דאָרט... מערלין איז געווען זייער באַאיינדרוקט פון דער רעדע, און איז צו־געגאַנגען צו כילעוויטשן אים צו דאַנקען פאַר זיינע שיינע רייד.

— „אַ שיינעם דאַנק אייך, הער אַזעף כילעוויטש" — האָט מערלין גאַנץ אומשולדיק געזאָגט. דער מאַן איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרן ווי קאַלך.

— פאַרוואָס רופט איר מיך אַזעף — האָט ער געפרעגט אויפגעציטערט — איך הייס נישט אַזעף, נאָר יעקב, יעקב כילעוויטש.

אין דעם מאָמענט האָט זיך מערלין דערמאָנט און שוין געוווסט!...

ב.

די ענגלענדער זענען דורכגעפאַלן נישט נאָר מיט די פּרוּוון פון פּראָוואָקאַציע, נאָר אויך צוליב זייער טעות אין אָפּשאַצן דעם עצם פון דער לעבנס־פאָרם פון די מענטשן אין אונטערגרונט. אין אַ געוויסער מאָס זענען די ענגלענדער געפאַלן אַ קרבן פון זייער אייגענער פּראָפּאַגאַנדע קעגן אונדז. זיי האָבן אונדז געשילדערט ווי שרעקלעכע „טעראָריסטן" און אויפגעגעבן אונדזערע דער־קענטעניש־צייכנס. אָבער מיר זענען נישט געווען קיין טעראָריסטן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעלע דערקענונגס־סימנים. אין אונדזער צימער אין ירושלים האָבן די בריטן געפונען צוויי פאָטאָגראַפיעס מיינע. איין בילד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ גענייטן פאָטאָגראַפיסט, איז בערך געווען ענלעך צו מיר. די אַנדערע פאָטאָגראַפיע, וואָס כ'האָב געמאַכט אין גאַס פאַר אַ מיליטערישן דאָקומענט, האָט געהאַט אַ זייער קליינע ענלעכקייט צו מיר. אָבער די ענגלענדער, ווען זיי האָבן מיך אָנגעהויבן זוכן מיט דער הילף פון זייערע טויזנטער אַגענטן און טויזנטער פונטן, האָבן דווקא פאַרעפנטלעכט די צווייטע פאָטאָגראַפיע מיינע. פאַרוואָס? ווייל די ערשטע איז געווען מער ווייניקער אַ „מענטשלעכע". זי איז, פאַרשטענדלעך נישט געווען שיין — ס'איז דאָך געווען מיין בילד — אָבער זי האָט נישט געקענט דערוועקן קיין נעגאַטיווע געפילן אין דעם, וואָס האָט זיך איינגעקוקט אין בילד. אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. עפּעס אַנדערש מיט דער צווייטער פאָטאָגראַפיע. זי האָט כמעט באַשטעטיקט דאַרווינס טעאָריע... בלויז פאַר אַזאַ פּנים, פלעגט מען זאָגן ביי אונדז, וואָלט איך אים געגעבן צען יאָר תּפיסה. וואָס אָן אמת, די „פיזיאָנאָמיע־וויסנשאַפט" עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע פון עמי־הארצים. ס'זענען דאָ געלערנטע, אינטעליגענטן מיטן „פּנימער פון פאַרברעכער", און פאַרברעכער מיט סימפּאַטישע געזיכטער. אָבער די בריטישע ספּעציאַליסטן האָבן דווקא פאַרעפנטלעכט שרעקלעכע בילדער פון די „טעראָריסטן". און ווען די ענגלישע צייטונג אין קאירא „מיד איסט מייל" האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַנדער בילד מיינס, ווי איך זיץ מיט אַ שפּילצייג נעבן דער וויג פון מיין קינד, האָט דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג באַקומען אַ פאַרוואורף. ווי אַזוי ווייזטו אים זיך שפּילנדיק מיט אַ קינד? אַזאַ בילד קען דאָך נאָך אַרויסרופן סימפּאַטיע־געפילן ביי די לייענערס.

אָבער די ענגלענדער וועלכע האָבן אונדז געוואָלט טאָן אַ רעה, האָבן אונדז בעצם געטאָן אַ טובה. אונדזערע „טעראָריסטישע" פאָטאָגראַפיעס האָבן געהאַט אַ גרויסע מעלה: זיי זענען נישט געווען ענלעך צו אונדז. טויזנטער קאָפּיעס פון מיין פאָטאָגראַפיע האָט מען פאַרשפּרייט צווישן די בריטישע פּאָליציסטן. אָבער אפילו ווען כ'וואָלט שפּאַצירט אין מיטן טאָג און יעדן טאָג אויף די תּל־אביבער גאַסן נישט ענדערנדיק מיין אויסזען, וואָלטן די אומגליקלעכע פּאָלי־

ציסטן אויך נישט געקריגן דעם צוגעזאָגטן פּריז פאַרן פאַרהאַלטן מיך. און עס איז דאָך נישטאָ קיין ספק, אַז די פּאָליציסטן האָבן געוואָלט באַקומען דעם פּריז.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז געוויסע מענטשן האָבן געליטן צוליב מיר אָדער צוליב מיין פאָטאָגראַפיע, אָדער צוליב דער ענגלישער טיפּשות. יהושפט, איינער פון אונדזערע טרייסטע מפקדים, איז אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן אין ירושלים און ער האָט געהאַט ביי זיך אַ „צעטל" צו באַקומען אַ פּעקל מיט... דינאַמיט. איך באַדויער צו זאָגן, אַז ס׳איז גאָר נישטאָ קיין ענלעכקייט צווישן יהושפטן און מיר. ס׳איז אַ צווייפל, צי מיין אומגליקלעכע פּאָליציייִשע פאָטאָגראַפיע האָט אין עפּעס דערמאָנט דעם שיינעם בחור יהושפט. אָבער איינע געניאַלע פּאָליציסטן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז דאָ אַן ענלעכקייט צווישן אים און מיין בילד. דער פאַרדאַכט האָט זיך אויפגעוועקט בשעת יהושפטס משפט. ס׳האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ לויפעניש אין געריכט־זאַל. די פּאַטרולן זענען פאַרטאָפּלט געוואָרן. די גרעסטע דעטעקטיוון זענען אַריין און אַרויס, זיך איינגעקוקט, אים פאָטאָגראַפירט און אָט־אָט האָט געהאַלטן, אַז ס׳זאָל אַרויסגיין די בשורה, וואָס האָט דערפרייט יעדעס ענגלישע האַרץ, אַז דער טעראָריסט נומער איינס אין ארץ־ישראל איז געכאַפּט געוואָרן און געפינט זיך אין זיכערע הענט. נאָר אימיצער האָט זיך גוט איינגעקוקט, און פעסטגעשטעלט מיט טיפן באַדויערן:

— ניין, דאָס איז נישט דער ממזר!..

אַ מער ערנסטערער פאַל איז געשען מיט אַ צווייטן פריינד מיינעם, איינער פון אונדזערע בעסטע אין אינפאָרמאַציע־דינסט. אהרן איז אויך נישט געווען ענלעך נישט צו מיר און נישט צו מיין פאָטאָגראַפיע. נאָר אהרן האָט געהאַט צוויי גרויסע חסרונות: ער איז געווען אַ דאַרער און האָט געטראָגן ברילן אין אַ שוואַרצער, גראָבער ראָם. אויפן סמך פון די צוויי קלאָרע דערקענונגס־סימנים זענען די ארץ־ישראלדיקע לאָורענסעס געקומען צום אויספיר, אַז דער אהרן דאָס — בין איך. זיי האָבן אַרעסטירט אהרונען און אים געבראַכט פאַר די חשובע קאָמענדאַנטן פון דער געהיים־פּאָליציי. מ׳האָט אים אָנגעהויבן באַגיסן מיט אַ רעגן פון פראַגעס:

— ווי הייסטו? ווי רופט מען דיך?

אהרן האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען פון דער אידענטיפיצירונג־קאַרטע. כ׳וואָלט נישט געקענט גאַראַנטירן פאַר דער ריכטיקייט פון נאָמען. פאַר יעדן פאַל איז דער נאָמען נישט געווען בעגין. דאָס האָט זייער פאַרדראָסן די בריטישע אַגענטן. זיי האָבן דאָך מיך געכאַפּט און פאַרוואָס שפּאָט איך פון זיי אָפּ, און כ׳בין זיך נישט מודה, אַז איך בין איך. ווו איז די העפלעכקייט?

— וואָס איז דיין אמתער נאָמען? — האָבן זיי ווייטער געפייניקט אהרונען

— צי מיינסטו, אַז מיר ווייסן נישט, ווער דו ביסט?

אהרן האָט געשמייכלט צו זיך אַליין. ער האָט זיך געפרייט צו דער־ וויסן, אַז די ענגלענדער ווייסן גאָרנישט, אַז ער איז ער, און זיי מיינען, אַז ער — בין איך. צו זיין פאַרדעכטיקט „אין זיך אַליין" איז ערגער. צו זיין פאַר־ דעכטיקט „אין מיר" איז נישט געווען קיין סכנה.

אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט די אויספאָרשונג. די שערלאָק האָלמסעס זענען אַריין און אַרויס, און ווידער און ווידער:

— ווי איז דיין ריכטיקער נאָמען?

אהרן איז מיד געוואָרן ענטפערנדיק. זיי האָבן זיך איינגעקוקט אין אים פון דער זייט — „פּראָפיל"; איינגעקוקט אין פּנים — „אָן פאַס". זיי האָבן אים געהייסן מאַכן אַ פּאָר שריט אין צימער. דער דאָזיקער נסיון איז אין אַ גע־ וויסער מאָס געווען אַ געפּערלעכער. אויך אהרן, אויב כ'האָב נישט קיין טעות, האָט אַ פּלאַטפוס. צום סוף האָט געפּלאַצט די געדולד פון די אַגענטן און איי־ נער פון זיי האָט אָנגעשריגן אויף אהרונען?

— אויב אַזוי, באַווייז אונדז, אַז דו ביזט דו.

דאָס האָט אהרן נישט געקענט טאָן. אויף אַן אמת נישט. נישט בלויז וואָס ער איז נישט געווען איך, נאָר ער האָט אויך נישט געטאָרט זיין ע ר. ער האָט געהאַט אַן אידענטיפיצירונגס־קאַרטע, וואָס איז נישט אין גאַנצן געווען געפּאַסט צו אים, אָבער זי האָט געפּאַסט פאַר איר אויפגאַבע. דאָס איז ער! דער וואָס איז אָנגעגעבן אין דער קאַרטע. אהרן איז אַן עקשן, ווי יעדער מענטש פון אונטערגרונט. ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון זיין טענה ביז די ענגלענדער האָבן אויפגעהערט צו גלויבן, אַז איך בין ער און אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער איז דער וואָס שטייט אין דער קאַרטע, נישט טראַכטנדיק אפילו אַז ער איז ער. אהרן איז באַפרייט געוואָרן.

נאָך אים זענען אַרעסטירט און באַפרייט געוואָרן פיל אַנדערע מענטשן, אין וועמען די ענגלענדער האָבן געזען אַן ענלעכקייט צו מיין פאָטאָגראַפיע, צו וועלכער איך אַליין בין גאָר נישט געווען געראָטן. דאָס אַלץ, ווייל די ענגלענ־ דער האָבן אונדז געוואָלט פאַרשטעלן פאַר דער וועלט ווי מענטשן „מיט הער־ נער" און „אָן אַ געוויסן".

די ענגלענדער האָבן זיך קיין מאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז מיר לעבן אין אומלעגאַלקייט, אַזוי ווי מיר האָבן געלעבט: דאָס הייסט כמעט אָפן. ווי האָבן מיר זיך געקענט באַהאַלטן אין אַזאַ קליין לענדל? פּאַרטיזאַנער ביי אַנדערע פעלקער זענען טעטיק אין וועלדער אָדער אין בערג; אין ארץ־ישראל איז נישט געווען נישט קיין באַרג און נישט קיין וואַלד, וואָס זאָלן קענען באַהאַלטן די קעמפער. מיר זענען געווען אין גאַנצן אָפּגעדעקט פאַר די אויגן פון שונא. פונ־ דעסטוועגן — אָדער דווקא צוליב דעם — זענען מיר געווען ווי זעערס וועלכע מען זעט נישט. זיכער, מיר האָבן געהאַט פאַרשיידענע נעמען פון דער הפטורה. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע דאָקומענטן — פון אונדזער אייגע־

נער פֿאַבריקאַציע, אָבער מיר האָבן נישט געלעבט אין „בונקערס". מיר זענען נישט געווען אַרומגערינגלט מיט שומרים. מיר האָבן נישט געהאַלטן קיין געווער פֿאַר דער אייגענער פֿאַרטיידיקונג. מיר זענען געווען אמתע אָדער כלומרשטע לערערס און סטודענטן. מיר זענען געווען סוחרים און בוכהאַלטערן, אינזשיניערן און שלאָסערס, אמתע אָדער געמאַכטע. בקיצור, מיר זענען געווען בירגער פֿון „אַ גאַנץ יאָר", וועמען מ׳האָט נישט געקענט אונטערשיידן פֿון אַלע אַנדערע בירגער. די פּאָליציי פֿלעגט זיך אומצייליקע מאָל אָנשטויסן אויף אונדזערע חברים. אונדזערע מענטשן זענען געווען אומצייליקע מאָל אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. אָבער וואָס האָט די בריטישע פּאָליציי געקענט געפֿינען ביי אונדזערע מיטגלידער? קיין געווער האָבן זיי נישט געהאַט. זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט אָדער אין די טעקעס — אַרבעטס־אינסטרומענטן, אָדער פּאַפּירן פֿון דער געזעלשאַפֿט וואָס האָט זיי באַשעפֿטיקט. ווער וועט חושד זיין רואיקע בירגער וואָס גייען צו דער אַרבעט, אָדער קערן זיך אום אַהיים?

דער ענין מיט אונדזערע שומרי־ראש האָט טייל מאָל גורם געווען קאָמישע מיספֿאַרשטענדענישן. נישט נאָר די פֿיינד זענען געווען איבערצייגט, אַז אומעטום ווו איך גיי, באַגלייט מיך אַ באַוואָפֿנטע וואַך; אַפֿילו פֿריינד זענען אין דעם געווען זיכער. איינער פֿון מיינע פֿריינד האָט אַפֿילו אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג פֿאַר דער אויסגעצייכנטער כלומרשטער לייב־וואַך אַרום מיר. ער האָט מיך צוויי מאָל באַזוכט אין דער וווינונג פֿון מאיר כהן „דער עלטסטער פֿון דער חברותא". דאָס הויז, אין וועלכן איך האָב אין אונטערערד געהאַט פֿיל באַגעגענישן, איז אַרומגערינגלט מיט שיינע סאָסנע־ביימער. ס׳איז זיכער נישט נייטיק געווען קיין רייכע פֿאַנטאַזיע כדי צו מיינען, אַז הינטער די ביימער שטייען העלדישע בחורים און אין זייערע הענט — געלאָדענע טאָמי־גאַנען. און פֿאַרוואָס זעט מען נישט די שומרים און אַפֿילו זייער שאָטן זעט זיך נישט? מיין פֿריינד האָט מיר געזאָגט ביים אָנהויב פֿון אונדזער צווייטן געשפּרעך:

— איך מוז דיך גראַטולירן מיט דיין גלענצנדיקער שמירה. איך בין שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל און כ׳האָב זי אַפֿילו נישט געפֿילט...

איך האָב געשוויגן.

כ׳האָב מיין פֿריינד נישט געקענט דערציילן דעם אמת. די כללים פֿון אונטערערד ווייסן נישט פֿון קיין אויסנאַמען. כ׳האָב, פֿאַרשטענדלעך, אויך נישט געוואָלט דערציילן קיין נישט־ריכטיקע זאַכן. דעריבער האָב איך געשוויגן. ערשט ווען מיר זענען אַרויס פֿון אונטערגרונט איז מיין פֿריינד געוואָר געוואָרן, אַז נישט על־פּי־צופֿאַל האָט ער נישט באַמערקט ביי מיר די שומרים. זיי זענען פּשוט דאָרט נישט געווען.

דער ענין פֿון געווער פֿאַר אַליין־פֿאַרטיידיקונג איז געווען פֿיל שווערער. זינט דעם אָנהייב פֿון אויפֿשטאַנד האָבן מיר באַשטימט פֿאַר אַ כלל, אַז דאָס געווער וואָס מיר האָבן, וועט זיך שטענדיק געפֿינען אין די לאַגערן און וועט

אַרויסגענומען ווערן בלויז כדי דורכצופירן געפּלאַנטע אַטאַקעס. אַ גאַנץ אַנדע־רע מיינונג האָבן אין יענער צייט געהאַט די פירער פון לח״י. זיי האָבן באַשטימט אַ כלל, אַז יעדער חבר פון אונטערגרונט דאַרף ביי זיך טראָגן געווער טאָג און נאַכט. און אויב די עמיסאַרן פון שונא וועלן אים קומען אַרעסטירן, דאַרף זיך דער מענטשן אַנטקעגנשטעלן. עס איז פאַר אים בעסער צו שטאַרבן, איידער אַריינצופאַלן אין אַרעסט. דער מפקד פון לח״י, יצחק יעזערניצקי האָט מיר אויפגעקלערט די סיבה פון דער דאָזיקער אינסטרוקציע. ער האָט געטענהט אַז נאָך דעם ווי די בריטישע פּאָליציי־אָפיצירן מאָרלאַן און ווילקין האָבן אַזוי אַכזריותדיק דערמאָרדעט אברהם שטערנען, וועלכער איז געווען אומבאַוואָפנט, האָבן די לח״י־מיטגלידער באַשלאָסן זיך מער נישט איבערגעבן דעם שונא.

די סיבה פון דער אינסטרוקציע איז געווען אַ טראַגישע, אָבער אויך אירע רעזולטאַטן זענען געווען טראַגישע. פרילינג 1944 זענען פאָרגעקומען אַ ריי צוזאַמענשטויסן צווישן די כוחות פון שונא און די חברים פון לח״י, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט זייער פרייהייט. די איבערוואָג פון כוח איז, פאַרשטענדלעך געווען ביי די ענגלענדער. אויך די איניציאַטיוו איז אין די דאָזיקע פאַלן געווען אין זייערע הענט און אַ צאָל פון העלדישע לח״י־מיטגלידער זענען אומגעקומען פונעם שונאס טאַמי־גאַנען.

פּסח 1944 האָב איך מיך געטראָפן מיטן מפקד פון לח״י. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין בני־ברק, אין אַ קליין צימערל פון אַן אויבער־שטיבל. יע־זערניצקי איז דעמאָלט נישט געווען „הרב שמיר״, מיט דער שוואַרצער, לאַנגער באָרד. ער איז געווען כלומרשט אַ יונגער סוחר, מיט אַ בלאָנדער געקרייזלטער וואָנסע. אונדזער געשפּרעך האָט זיך געפירט באַזונדערס וועגן דעם טראָגן גע־ווער. יעזערניצקי האָט איבערגעחזרט זיינע אַרגומענטן. איך האָב אים אויפגע־קלערט אונדזער שטעלונג:

— דאָס פּערמאַנענטע טראָגן געווער ברענגט מער שאָדן ווי נוצן. אַ באַ־וואָפנטער חבר קען יעדן מאָמענט אַרומגערינגלט ווערן דורך גרעסערע פּאָליציי־קרעפטן. די כוחות־פאַרהעלטעניש איז קלאָר: איין רעוואָלווער אַנטקעגן פיל טאַמי־גאַנען. אין אַזאַ פאַל פאַרזיכערט נישט דאָס געווער ס׳לעבן פון דעם קעמ־פער פון אונטערגרונט; פאַרקערט, דאָס געווער באַדראָעט אים נאָך. אָבער אַ חוץ דער זיכערקייט פונעם יחיד, איז אויך דאָ די פראַגע פון דער אַלגעמיינער פּלאַנירונג. מיר וועלן נישט קענען איינהאַלטן די איניציאַטיוו פון פּלאַנירן — און די איניציאַטיוו איז אונדזער הויפּט־כוח — אויב יעדן מאָמענט קען קו־מען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן אַ מיטגליד פון דער אונטערערד און די כוחות פון פיינד.

איך האָב יעזערניצקין דערציילט, וואָס עס איז געשען מיט עטלעכע טעג צוריק מיט מערידאָרן. יעקב מערידאָר איז געגאַנגען מיט אַ חבר זיך צו באַגע־געגען מיט מיר. ממש אויפן שוועל פון הויז זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן

דורך בריטישע פּאַליציסטן באַוואָפנטע מיט טאמי־גאַנען. זיי האָבן געשריגן אין אַ צעבראָכענעם העברעיש:

— אידענטיטעט־קאַרטן, ביטע!

די אידענטיטעט־קאַרטן זענען, פאַרשטענדלעך, געווען אין „פּולער אָרדע־נונג״. אָבער די ענגלענדער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט קאָנטראָליון די בע־מען. זיי האָבן אויך געזוכט אין די טאַשן. און זעענדיק אַז אויך די טאַשן זענען „אין אָרדענונג״, דאָס הייסט אַז ס׳איז נישטאָ אין די קעשענעס קיין געווער, האָבן זיי געזאָגט אין זייער שפּראַך „אָ־קעי״ און האָבן געלאָזט די צוויי כשרע בירגער גיין צום דריטן כשרן בירגער. אָבער וואָס וואָלט געשען, ווען זיי וואָלטן ביי זיך געטראָגן דאָס „שטיקל אייזן״ פאַר אַליין־פאַרטיידיקונג, כלומרשט? די אויסזיכטן זיך צו פאַרטיידיקן מיט איין רעוואָלווער קעגן צען טאָמי־גאַנען זע־נען, פאַרשטייט זיך, זייער שוואַכע. דער אומדערוואַרטער און נישט־גלייכער צוזאַמענשטויס וואָלט זיך פאַרענדיקט מיט דעם אַז די צוויי אונטערגרונט חברים וואָלטן פאַרוונדעט אָדער אַרעסטירט געוואָרן אָדער ביידע זאַכן צוזאַמען. דאָ־קעגן נישט טראַגנדיק קיין רעוואָלווער האָבן זיי געגעבן די סאָלדאַטן פון זיין מאַיעסטעט אַ וווּנדערבאַרע געלעגנהייט — צו זיין פולשטענדיקע אידיאָטן.

איך ווייס נישט צי די אַרגומענטן האָבן איבערצייגט די פירער פון לח״י, אָדער די ווירקלעכקייט האָט זיי געוויזן דעם ריכטיקן וועג. ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ קורצע צייט נאָך דער באַגעגעניש אין בני־ברק, איז אין לח״י דורכגעפירט געוואָרן אַ מין „אינערלעכע אַנטוואָפענונג״. מתחילת האָט, ווי מ׳האָט מיר דער־ציילט, געהערשט אין זייערע רייען אַן אומצופרידנקייט. די מיטגלידער פון לח״י האָבן זיך צוגעוווינט צו געווער און זענען דערצויגן געוואָרן אויף דער טעאָריע אַז דער פרינציפ פון פערמאַנענטער באַוואָפענונג איז אַ געזעץ, וואָס אונטערשיידט זייער אונטערערד פון אַלע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער געשיכטע. אָבער די נייע אינסטרוקציע איז אויסגעפירט געוואָרן און פון דעמאָלט האָט אויך ביי זיי דאָס געווער געדינט נאָר פאַר איניציאירטע אַקציעס.

מיר אַלע האָבן מקיים געווען דעם פרינציפ פון אַן אָ פ ע נ ע ר א ו נ ־ ט ע ר ג ר ו נ ט . מאיר כהן, וואָס האָט ליב איינצוּוויקלען אַפילו ערנסטע זאַכן אין אַן עטיקעט פון אַ וויץ, פלעגט זאָגן:

— אוודאי. אונדזער אונטערגרונט איז אַן אָפענער, ווייל דער פינצטער־סטער אָרט איז אונטערן לאָמפּ!...

אָבער כדי איינצוהאַלטן אַן אָפענע אונטערגרונט איז נישט גענוג קיין „טעכניק״ פון געבאָרגטע נעמען. דערצו איז נייטיק אַן אינערלעך געפיל, וואָס מאַכט דאָס „אומלעגאַלע״ ווי גאַנץ לעגאַל און גערעכט. און מיר האָבן ווירקלעך געהאַט דאָס געפיל אַז א ו נ ד ז ע ר ע א ו מ ל ע ג אַ ל ע מ ע ש י ם ז ע נ ע ן פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ל ע ג אַ ל. דעריבער פלעגן מיר נישט צע־מישט ווערן, ווען מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אין בריטישע פּאַטרולן, און האָבן

געדאַרפט ענטפערן אויף זייערע פראַגעס. מיר זענען אַרומגעגאַנגען „אונטערן לאָמפּ“.

אַ גרויסע הילף איינצוהאַלטן די „אָפענע אונטערערד“ איז פאַר אונדז געווען די סימפּאַטיע פון דער יידישער געזעלשאַפט. נישט באַלד פון אָנהייב האָבן מיר געוואונען די סימפּאַטיע פון די ברייטע יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל, אָבער אונדזער מאָראַלישער מצב צווישן די יידן האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. איך גלויב, אַז צו דעם האָט געווירקט די תקופה פון 1946 — 1945, ווען צו אונדזער מלחמה קעגן די ענגלענדער איז צוגעטרעטן די „הגנה“, וואָס איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון די אָפיציעלע אינסטיטוציעס. דאָס פאָלק האָט זיך פּלוצלינג איבערצייגט, אַז די, וועמען די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע האָט געשטעמפּלט ווי „מטורפים“ האָבן געטאָן די ריכטיקע זאַך. דערפאַר האָבן מיר געהאַט סימפּאַטיקער אין אַלע קרייזן און אַלע פּאַרטייען. אַן אייזערנע וואַנט אַרום דער קעמפנדיקער יוגנט איז געשאַפן געוואָרן. די ענגלענדער האָבן זיך „מיט רעכט“ באַקלאָגט, אַז די יידישע באַפעלקערונג גיט זיי נישט קיין אַקטיווע הילף „אין קאַמף קעגן טעראָריזם“. אין דעם ווייס־בוך פון 14טן מאַי 1948, וואָס איז געווען אַן עדות וועגן נצחון פון אויפשטאַנד, האָט דאָס אויסערן־ און קאָלאָניען־מיניסטעריום אין לאָנדאָן געשריבן:

„פיר און אַכציק טויזנט סאָלדאַטן, וועלכע האָבן נישט באַקומען קיין הילף פון דער יידישער באַפעלקערונג זענען נישט געווען גענוג כדי אָפּצוהיטן דאָס געזעץ און די אָרדענונג קעגן דער כוואַליע פון טעראָריזם, וואָס איז אויסגעפירט דורך יידישע טעראָריסטן, גוט־אָרגאַניזירטע און באַוואָפנטע מיט אַלע מינים געווער פון אַ מאָדערנער אינפאַנטעריע“.

ריידנדיק וועגן מאַנגל פון הילף מצד דער „יידישער באַפעלקערונג“, האָבן די ענגלענדער נישט געמיינט די פירער פון דער „באַפעלקערונג“, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט, כאָטש נישט שטענדיק, יאָ דערלאַנגט הילף, כדי צו דערשטיקן די „כוואַליע פון טעראָריזם“. די מחברים פונעם ווייס־בוך האָבן געמיינט די פאָלקס־מאַסן. דאָס פאָלק האָט ווירקלעך נישט געהאָלפן די ענגלענדער. מיר האָבן זיך נישט באַהאַלטן הינטער ביימער. „לעבעדיקע ביימער“ האָבן אונדז אָפּגעהיט. אַנדערש וואָלטן מיר נישט געקענט קעמפן, און געוויס נישט זיגן. די טיפעניש פון אַן אָפענער אונטערערד ווערט געמאָסטן מיט דער מאָס פון סימפּאַטיע פון פאָלק פאַרן קאַמף פון דער דאָזיקער אונטערערד.

ג.

איך מוז מודה זיין, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן פון „אַ צו אָפענער“ אונטערגרונט. עס איז אומגלויבלעך, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיר זענען בכלל נישט

אַראָפּ אין אונטערערד. זיכער נישט — פּיזיש. פאַרקערט, מיר זענען אַרויף אין אַ קליינעם צימער אויף אַ זון־פאַרגלאָסענער טעראַסע אין אַ גרויסן האָטעל און פון דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן קעמפן מיט דער בריטישער מאַכט. דאָס איז געווען דער האָטעל „סאַוואָי“, וואָס באַפּוצט אויך היינט דעם תל־אביבער ים־ברעג. כ׳האָב זיך דאָרט באַזעצט צוליב אַ זייער פּראָזאַאישער סיבה — ווייל כ׳האָב נישט געהאַט קיין וווינונג און בין דאָרט געבליבן מער ווי פיר חדשים, אין סאַמע מיטן פון די ערשטע אויפשטאַנד־אַקציעס. אַלץ איז דעמאָלט נאָך געווען אין בראשית. כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין „גוטע“ פּאַפּירן. כ׳האָב נאָך נישט געטראָגן קיין „דייטשן“ נאָמען, וואָס מאַכט אַן איינדרוק פון אַ רואיקן געזעץ־רעספּעקטירנדיקן בירגער. מיין געבאָרגטער נאָמען איז געווען בן־זאב, אַ נאָמען וואָס קען נישט פאַרטרייבן קיין פאַרדאַכט. און די ענגלענדער האָבן מיך שוין ארומגעזוכט איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך אונדזערע אָנגריפן אויף ירושלים, חיפה און תל־אביב, איז אויף צען טעג אַרויסגעלייגט געוואָרן הויז־אַרעסט, וואָס האָט אונדז אַלע דערשטוינט, כאָטש שפּעטער איז דער הויז־אַרעסט געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אָבער אין „סאַוואָי“ האָטעל האָב איך געהאַט גליק. די ענגלענדער האָבן מיך דאָרט נישט געזוכט. דזשיילס און קעטלינג, די פּאָליציי־אינספּעקטאָרן, האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז איך וועל זיך „באַהאַלטן“ אין אַן עפנטלעכן האָטעל. פונדעסטוועגן זענען אויך אין האָטעל פאָרגעקומען רוטין־רעוויזיעס נאָך „פאַרדעכטיקטע“. ס׳זענען דעמאָלט געווען טעג פון שפּאַנונג און ס׳איז געווען אַ געפאַר, אַז אויך „הער בן־זאב“ וועט גענומען ווערן דורך דער פּאָליציי ווי אַ „פאַרדעכטיקטער“.

די געפאַר האָט אויסגעמיטן דער האָטעל־אייגנטימער. ה׳ בן־צבי האָט געוווּסט ווער ס׳איז זיין גאַסט „בן־זאב“. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין גאַסט האָט אַ שייכות „מיט יענע זאַכן“. פון סימפּאַטיע פאַר „יענע זאַכן“ האָט בן־צבי געשטעלט אין סכנה זיך און זיין פּרנסה, כדי צו ראַטעווען זיין גאַסט. אין איינער אַ נאַכט פון הויז־אַרעסט זענען אין „סאַוואָי“־האָטעל געקומען בריטישע פּאָליציי, מיליטערישע און ציווילע. מ׳גייט פון צימער צו צימער. מ׳פירט אַרויס אַלע געסט אין קאָרידאָר. מ׳שטעלט אויס אַלע אין אַ ריי. מ׳קאָנטראָלירט דורך פּאַפּירן. די „פאַרדעכטיקטע“ ביי דער זייט. די וועלן דורכגיין נאָך אַ קאָנטראָל אין פּאָליציי־אַמט.

דער געוויש פון דער רעוויזיע איז דערגאַנגען צום צימער 17. די שווערע טריט פון די פּאָליציסטן און זייער לאַרם האָבן מיך אויפגעוועקט פון שלאָף. מיין פרוי און דער קליינער זון זענען געווען מיט מיר. גוט וואָס זיי שלאָפן. אפשר וועט מען זיך באַלד דאַרפן שיידן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג. ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק זענען מיין פרוי און קינד געקומען פון ירושלים. אין אָנהייב האָב איך זיי איבערגעלאָזן אין צימער, אויף וועלכן כילעוויטש האָט אָנגעוויזן. כ׳האָב געקלערט אַז ס׳איז אפשר בעסער נישט צו „שלעפּן“ מיין פרוי מיט מיר

אין אומלעגאַלקייט. בעסער זאָל זי לעבן אָפן און נישט זיין גערודפט. בעסער זי זאָל נישט וויסן ווו איך געפין מיך, כדי זי זאָל קענען ענטפערן מיט זיכער־קייט אויף די בריטישע פראַגעס: איך ווייס נישט! כ'האָב זיך שנעל איבער־צייגט, אַז דער פּלאַן איז גוט נאָר אין דער טעאָריע. אונדזער ירושלימער צימער איז טאָג און נאַכט געווען אַרומגערינגלט מיט דעטעקטיוון. די ענגלענדער האָבן געוואָרט אַז איך וועל קומען זען מיין משפחה, און דעמאָלט... אָבער זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם וואָס זיי האָבן געמיינט אַז מיר ווייסן נישט דערפון. זיי האָבן אויך נישט אויפגעהערט מיט זייערע פּרוּוון צו כאַפּן דעם העכט. יעדע נאַכט פלעגט אַ פּאָליציסט קומען אויף באַזוך צו אונדזער ירושלימער צימער. די באַליבטע באַזוך־צייט פאַר די נישט־פאַרבעטענע געסט איז געווען צווישן 12 און 2 אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט. פּאַנצער־אויטאָס, לאָמטערנס, טאָמי־גאַנען. די אייביקע פראַגע: ווו איז דיין מאַן? און די טרייסטנדיקע הבטחה: ס'מאַכט נישט, מיר וועלן קומען מאָרגן! ער מוז קומען אַהיים, ס'האָט נישט געהאַט קיין זין דאָס פאַרצווזעצן. באַזונדערס נאָך דעם ווי די דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט, אַז די בריטישע איידל מענטשן וואָלטן זיך נישט געקווענקלט צו אַרעסטירן מיין פרוי און איר האַלטן ווי אַן ערובניצע. מיינע חברים האָבן מיר געעצה"ט נישט איבערצולאָזן מיין פרוי אַ האַלבע אַרעסטאַנטן אין איר צימער. איתן איז אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים, האָט אָפּגענאַרט די בריטישע דעטעקטיוון און אַרויסגעגנבעט מיין פרוי און קינד קיין תל־אביב, אין האָטעל „סאַוואָי". זינט דעמאָלט האָט מיין פרוי מיך באַגלייט דעם גאַנצן וועג, וואָס כ'האָב דורכגעמאַכט אין אונטערערד. זי איז געווען איינע פון אַ סך — פון מאַמעס, שוועסטערס און פרויען אין יידישן פאָלק — וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן מוס־טערהאַפטע מוטיקייט. אמתער מוט באַשטייט נישט אין מאַנגל פון זאָרג, נאָר אין גובר זיין דעם פּחד. איינער פון אונדזערע פריינד האָט אומדירעקט גע־וואָרנט מיין פרוי, אַז „אין געוויסע אומשטענדן קען איך פאַרלירן דעם קאָפּ". מיין פרוי האָט אים געענטפערט מיט דאַנק און אַ שמייכל. אירע דאגות האָט זי נישט אויסגעזאָגט נישט מיר און נישט אַנדערע.

אין דער נאַכט פון דער רעוויזיע אין „סאַוואָי"־האָטעל, ווען כ'האָב גע־הערט די טריט פון די דערנענטערנדיקע פּאָליציסטן, האָב איך באַדויערט וואָס כ'האָב געבראַכט מיין פרוי און קינד אין „געהיימען האָטעל". אויב די ענגלענ־דער וועלן מיך דערקענען — האָב איך מיך געטראַכט — קען נאָך אויך אויף איר פאַלן דער פאַרדאַכט. אויב אויך זי וועט אַרעסטירט ווערן, וואָס וועט גע־שען מיטן קליינעם קינד אונדזערן? די אַנדערע מחשבות מיינע האָבן זיך אַרי־בערגעטראָגן אויף אונדזער קריג. וועגן דער פאַרזעצונג בין איך געווען רואיק. עס איז ביי מיר נישט געווען קיין פונק פון ספק, אַז אונדזער קריג וועט זיך נישט אָפּשטעלן. אָבער דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן פאַר דער אַרבעט וואָס האָט גע־האַלטן ביים איבערגעריסן ווערן. מיר זענען דאָך נאָך געווען אין אָנהייב פון

אונדזער וועג. דער גרעסטער טייל פון דער דערציערישער, מיליטערישער און פּאָליטישער אַרבעט איז נאָך געשטאַנען פאַר אונדז. עס איז נגזר געווען איך זאָל שטיין נאָר ביים אָנצינדן דעם פונק און כ׳זאָל זיך נישט באַטייליקן אין אויפֿ־פלאַם פון פייער?

די שווערע טריט האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט. ס׳איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט אַנטרונען צו ווערן. איך האָב קאָנטראָלירט מיינע קעשע־נעס. כ׳האָב נישט געהאַט מיט זיך קיין שום דאָקומענטן. אַלץ אין אָרדענונג. זיי קענען קומען. אין האַרץ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ רו אויסגעמישט מיט אַ געפיל פון אומפאַרשטענדלעכן גליק. אַן אינערלעכע שטימע זאָגט:

— איך וועל גיין נאָך מיינע חברים. איך וועל ליידן פאַר מיין פאָלק און לאַנד. צי דאַרף איך נישט לויבן גאָט און אים דאַנקען פאַר דעם וואָס ער האָט מיר באַשערט? כ׳האָב דאָך געקענט פאַרפוילט ווערן אין וויטן צפון און קיי־נער וואָלט נישט געוווסט ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען. כ׳האָב זוכה גע־ווען צו קומען אין אונדזער פאָטערלאַנד, זיך באַטייליקט אין אויפהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד, וואָס וועט שוין זיכער נישט אַראָפּגעלאָזן ווערן. אַנדערע וועלן קומען און טראָגן די פאָן. זאָל גאָט היטן אויך מיינע טייערע! ס׳מאַכט נישט. זיי וועלן עס איבערטראָגן. זיי זענען נישט די איינציקע. און וואָס איז נוגע ווידער אַ תפיסה אָדער אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער בין איך, ברוך השם, אַ בעל נסיון אין דעם אפילו מער ווי מיינע חברים. „אבי געזונט״.

אָבער וואָס איז פלוצלינג געשען? אנשטאט צו קומען נענטער, האָבן זיך די שטימען אָנגעהויבן דערווייטערן. די ענגלענדער זענען שוין געווען ממש אויפן שוועל פון מיין צימער. זיי זענען אָבער נישט אַריין. וואָס איז געשען? בעסער נישט אַרויסגיין פרעגן. מיין קינד איז געשלאָפן זיין טיפן שלאָף. ס׳איז געווען טיפע נאַכט. נאָך אַ האַלבער שעה בערך האָב איך געהערט שטימען און טריט. נאָך דעם איז ווידער געוואָרן רואיק אין „סאַוואָי״. די פּאָליציי איז אַוועק. דער האָטעל איז אַנדרימלט געוואָרן.

אין דער פרי האָט מיך דער גוטער בן־צבי געפרעגט צי כ׳האָב ביינאַכט געהערט עפעס אַ ליאַרם. אוודאי, אוודאי האָב איך געהערט, און איך פרעג דעם האָטעל־אייגנטימער:

— וואָס איז געווען ביינאַכט, ה׳ בן־צבי?

ביידע האָבן מיר געוווסט. ער האָט געוווסט, אַז איך ווייס. איך האָב גע־ווּסט, אַז ער ווייסט. איך האָב געדאַרפט שווייגן און הער בן־צבי איז געווען דיסקרעט:

— מיר האָבן אייך נישט געוואָלט אויפוועקן! — האָט ער געזאָגט מיין פרוי און מיר. ס׳איז געווען אַ רעוויזיע אין האָטעל. די פּאָליציי האָט געזוכט פאַרדעכטיקע. עטלעכע געסט, וועמענס פאַפּירן ס׳זענען נישט געפעלן געוואָרן די פּאָליציסטן, זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף אַ צוגאָב־אויספאָרשונג. זיי־

זענען שוין באַפרייט געוואָרן און צוריקגעקומען. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט כדאי געווען אייך מטריח צו זיין אין דעם גאַנצן עסק. איך בין, פאַר־שטייט זיך, געגאַנגען צוזאַמען מיט די פּאָליציסטן פון צימער צו צימער. און ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער טיר פון דער טעראַסע, האָב איך געזאָגט צו די ענגלענדער:

מער זענען שוין נישטאָ קיין צימערן אויף דעם שטאָק. די ענגלענדער האָבן געזען, אַז דער קאָרידאָר ענדיקט זיך טאַקע און זיי האָבן מיר געגלויבט. מיר זענען באַלד אַרויף אויפן דריטן שטאָק.

אַ מוטיקער ייד! די ענגלענדער האָבן אים געגלויבט. זיי האָבן געקענט אים נישט גלויבן, און... הער בן־צבי האָט ריזיקירט, כדי „הער בן־זאב״ זאָל ווייטער זיך קענען באַשעפטיקן מיט „יענע זאַכן״, אַ דאַנק וועלכע ביידנס קינדער האָבן אויפגעהערט צו זיין קנעכט.

דאָך האָט מען געדאַרפט פאַרלאָזן דעם האָטעל. איידער מיר זענען אַוועק פון האָטעל „סאַוואָי״, האָבן מיר געמאַכט נאָך אַ שפּרונג אין „אַ צו אָפענעם אונטערגרונט״. מיר זענען געפאָרן קיין צפת. אין דער דאָזיקער „אַוואַנטורע״ האָבן אָנטייל גענומען די פאַמיליע מערידאָר, מיין משפחה און נאָך עטלעכע חברים און זייערע קרובים. די פרויען און די קינדער זענען אונדז געווען ווי אַ „קאַמופלאַזש״. מיר האָבן געלערנט אַ קל־וחומר, אַז אַ מענטשן וואָס פאָרט מיט זיין משפחה אויפן גלייכן וועג, אויפן הויפּט־שאָסיי, וועט נישט אַרויס־רופן קיין פאַרדאַכט ביי די בריטישע פּאָליציסטן, וועלכע זוכן „טעראָריסטן״. מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. די פּאָליציי־פּאַטרולן האָבן אונדז אויפן וועג פאַרהאַלטן עטלעכע מאָל. נאָר דער „קאַמופלאַזש״ איז געלונגען. די ענגלענדער האָבן אַריינגעקוקט אין אויטאָ. זיי האָבן געזען מענער, פרויען און קינדער. קיין חשד האָט זיך ביי זיי נישט דערוועקט. אָבער די אַוואַנטורע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אַביסל לייכטזיניק, האָט זיך געקענט ענדיקן גאָרנישט לוסטיק. מיר זענען אַרויס פון איר „על־פי־נס״.

אַ טאָג נאָך דעם ווי מיר זענען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון גליל, איז געקומען קיין צפת דער שטאָב פון דער פּאָליציי אין יפו. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די בריטישע אַגענטן כמעט פנים־אל־פנים. מיר זענען געזעסן ביי עטלעכע טישן אין עס־זאַל פון האָטעל „הרצליה״. נעבן אונדז און אַנטקעגן אונדז זענען געזעסן די בריטישע אַגענטן, וועלכע האָבן מיט שפּיזנדיקע אויגן דורכגעננישטערט אַלע זיצנדיקע אין זאַל. די סכנה איז געווען זייער אַן ערנסטע. מיר האָבן זי פאַרשטאַנען. אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אויף אונדזערע ערטער.

דאָס געפיל פון לעגאַליטעט איז אונדז בייגעשטאַנען. דער „קאַמופלאַזש״ פון אונדזערע פאַמיליעס האָט אונדז געהאָלפן. די אַגענטן, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט אַרומצושפּיאָנירן דעם זאַל האָבן זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און

באַפוילן צוויי געסט אַרויסצוגיין מיט זיי אין קאָרידאָר. ביי די צוויי „פּאַרדעכ־טיקע" האָבן זיי דורכגעפירט אַ שטרענגע פּערזענלעכע רעוויזיע. מ'האָט ביי זיי גאָרנישט געפונען. זיי זענען צוריקגעגאַנגען אויף זייערע ערטער. דאָס זענען געווען... צוויי אינזשיניערן, באַדן־מעסטערס פון קרן־קימת. גראד אויף זיי איז געפאַלן דער חשד פון די גאונים פון דער יפוער פּאָליציי. אונדז האָבן זיי דורכ־געלאָזן.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם פאַל האָבן מיר זיך שוין לאַנג נישט פאַר־זוימט אין צפת. נאָר איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דעם גליל, זענען מיר אַרויף „אויפן שפּיץ פון פעלז" אין וועלכן ס'איז אויסגעהאַקט בן־יוספס קבר, דער ערשטער געהאָנגענער אין אונדזער דור, וואָס האָט מיט זיין העלדישן טויט גע־מאַכט אויפציטערן די הערצער פון דער יידישער יוגנט. אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט בן־יוסף אויסגעקריצט אויף די ווענט פון טויטן־צעלע „למות או לכבוש את ההר. אני אמות — אתם תכבשו" („צו שטאַרבן אָדער דעראָבערן דעם באַרג. איך וועל שטאַרבן — איר וועט דעראָבערן"). דער דיכטער סקולסקי, וועלכער האָט אַ דאַנק דער אינספּיראַציע פון בן־יוספס קבר אָנגעשריבן זיין וואונדערבאַר ליד „ראש־פינה", זאָגט דאָרט: „מען דעראָבערט נישט דעם שפּיץ פון פעלז, אויב ס'איז נישטאָ קיין קבר אונטער אים". און מיר, אַ גרופּע אויפ־שטענדלער פון פאָלק ישראל, זענען געשטאַנען ביים איינזאַמען קבר און אין דער שטיל געשוווירן פאַרצוזעצן דעם הייליקן קאַמף. אָבער צוויי פראַגעס האָבן געבויערט אונדזער מוח?

— צי וועלן מיר דעראָבערן? און וויפיל קברים וועלן נאָך געגראָבן ווערן „אונטערן באַרג", ביז מיר וועלן צוקומען צום „שפּיץ פון פעלז"?

פאַרטיפט אין די מחשבות זענען מיר צוריקגעקומען אין תל־אביב. בלית־ברירה האָבן מיר זיך געגרייט ווידער צו פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג אין האָ־טעל „סאַוואָי" און פון דאָרט האָבן מיר אָנגעהויבן פּלאַנעווען אַ גרויסן אָנ־גריף אויפן שונא אויף א' תמוז, דעם יאָרטאָג פון שלמה בן־יוספס תליה.

אין אונדזער אָנגריף־סיסטעם האָבן מיר דאָס מאָל אַריינגעפירט אַן ענ־דערונג. ביי די פריערדיקע אַטאַקעס פלעגן מיר שלאָגן איינע און די זעלביקע רעגירונג־ אינסטיטוציע אין אירע פאַרשיידענע פיליאַלן אין לאַנד — אַזעלכע קאָמבינירטע אָנגריפן האָבן געהאַט אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג. דאָס מאָל האָבן מיר באַשלאָסן מיט איין מאָל צו קלאַפּן פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין איין אָרט. צו דעם צוועק איז אויסגעוויילט געוואָרן ירושלים — די הויפּט־שטאָט פון לאַנד, וווּ עס האָבן זיך געפונען די צענטראַלע אינסטיטוציעס, די אַדמיניסטראַטיווע און פּאָליציייאישע פון דער רעגירונג. דער פּלאַן איז געווען אַן אַרומנעמענדיקער. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן נאָך אַמאָל געדאַרפט אַטאַקירן די פּאָליציי־צענטראַלע וואָס איז מיט שווערע מי רעמאָנטירט געוואָרן נאָכן פריערדיקן אויפרייס. אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר געדאַרפט אָנגרייפן די

קרייז פּאָליציי־צענטראַלע אין דער ממילא גאַס, דעם ס.׳א.יי.ד׳. און נאָך אַ פיר־פינף רעגירונג־אינסטיטוציעס. די לעצטע נאַכט פּאַר בן־יוספס גאַנג צו דער תליה האָט געדאַרפט זיין אַ געשפּענסטער־נאַכט פאַרן תליון, אַ נקמה־נאַכט פון די אויפשטענדלער.

אין אָט דער קאָמבינירטער אַטאַקע האָבן זיך געדאַרפט דירעקט באַטיי־ליקן אַ הונדערט סאָלדאַטן אונדזערע. ס׳איז נויטיק געווען אַ גרויסע אָנשטרענ־גונג. מ׳האָט געדאַרפט קאָנצענטרירן סיי קריג־מאַטעריאַלן און סיי מענטשן, — נישט קיין פּשוטע אויפגאַבע אין די באַדינגונגען פון אונטערגרונט, בעת די רעגירונג ווענדט אָן אַן אינטענסיווע באַוואַכונג. פונדעסטוועגן זענען מיר ביי־געקומען אַלע שוועריקייטן ערב דער „פּייערונג״ (אַזוי האָבן מיר גערופן אונ־דזערע אַטאַקעס אויף דער בריטישער הערשאַפט). עס זענען פּאַרטיק געוואָרן אַלע הכנות און די איינהייטן האָבן געוואַרט אויפן צייכן פאַר דער גענעראַל־אַטאַקע. אָבער דער צייכן איז נישט געגעבן געוואָרן...

גאַנצע ביכער זענען געשריבן געוואָרן איבער דער ווירקונג פון בלינדן צו־פאַל אין לעבן בכלל, און אין קריג בפרט. מיר האָבן זיך אין אונדזער קריג נישט פאַרלאָזט אויפן צופאַל. מיר האָבן שטענדיק באַשטימט גענוי דעטאַלירטע פּלע־נער. די באַשטימטע ערטער פּלעגן פריער אונטערזוכט ווערן מיט דער הילף פון סיסטעמאַטישע אויסשפּיל־אַקציעס. אויך פּלעגן מיר זאָרגפול אויסוויילן פונקטן זיך צוריקצוציען. די האַרעוואַניע פון גענויער פּלאַנירונג איז נישט געווען קיין אומזיסטע. ס׳קען זיין אַז אַ דאַנק דעם איז אונדז געלונגען במשך פון לאַנגע יאָרן צו געבן קלעפּ דעם שונא און טרעפן דווקא אין זיינע נערוו־צענטערן. פונ־דעסטוועגן האָט זיך נישט איין מאָל אַריינגעמישט דער בלינדער צופאַל און געבראַכט קרבנות. אַפילו אַ „וואַטערלאָאָ־פאַל״ אין מיניאַטור איז אונדז געשען אין דער געשיכטע פון אונדזער אונטערערד. אַ רעגן, וואָס איז אומדערוואַרט אַראָפּגעפאַלן אָנהייב מאַי, האָט צונישט געמאַכט אַ פּלאַן פון אַן אַטאַקע מיט מאָרטערס, וועלכע פונקציאָנירן מיט עלעקטרישער ענערגיע.

דער בלינדער צופאַל האָט צונישט געמאַכט אונדזער אָנגריף אין דער בן־יוסף־נאַכט. אין איינע פון די ירושלימער קוואַרטאַלן, וועלכע זענען פון שטענ־דיק אָן געווען אונדזערע „אַרבעט־באַזעס״ ווייל זייערע אָרעמע איינוווינער האָבן מיט אָפענער סימפּאַטיע זיך באַצויגן צו אונדזערע סאָלדאַטן, האָט זיך אַריינ־געמישט דער אומבאַקאַנטער „סאַבאָטאַזשניק״. די בחורים זענען געקומען אַרויס־נעמען אַ לאָדונג פונעם אויפרייס־מאַטעריאַל. איין שכנטע האָט זיי חושד גע־ווען און אויפגעהויבן אַ געוואַלד: „גנבים״! די באַמיאונגען זי צו באַרואיקן האָבן זיך נישט איינגעגעבן. אימיצער איז געלאָפן טעלעפאָנירן דער פּאָליציי, זי זאָל קומען „כאַפּן די גנבים״. אונדזערע בחורים האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך צוריקצוציען. אַ דאַנק זייער קאַלטבלוטיקייט איז זיי געלונגען אין לעצטן מאָמענט אַרויסצונעמען די טייערע אַמוניציע. דאַקעגן די אויפרייס־מאַטעריאַלן

האָבן זיי שוין נישט באַוויזן מיטצונעמען. דאָס אָרט איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. די פּאָליציי האָט אַנטדעקט מער ווי אַ האַלבן טאָן דינאַ־מיט. אין דער נאַכט איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו „רעמאָנטירן" די ס׳.איי. ד׳.־צענטראַלע און די אַנדערע רעגירונג־געביידעס.

גרויס איז געווען דער צער אויפן „אוצר" — און דעמאָלט איז עס געווען אַ גרויסער אוצר! — וואָס איז אַריינגעפאַלן צום שונא אין די הענט. ס׳האָט ווייי געטאָן דאָס האַרץ למאי דער פלאַן, וואָס איז מיט אַזויפיל מי צוגעגרייט געוואָרן, איז נישט אויסגעפירט געוואָרן בלויז צוליב אַ קוויטשנדיקע יידענע. אָבער דער אונטערגרונט וואָס איז אָן ספק, דער גרעסטער לערער פאַרן אויס־שמידן דעם כאַראַקטער, דער אונטערגרונט האָט אונדז געלערנט אַז אויך אין אַ דורכפאַל קען מען געפינען דאָס גוטע. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז די ענגלענדער זענען געווען שטאַרק צוגעגרייט פאַר דער „בן־יוסף־נאַכט". די פּאָליציי האָט זיך אירע טראַדיציאָנעלע „פּעריאָדן פון פאָרזיכטיקייט". דער יאָרטאָג פון יאיר־שטערנס דערמאָרדונג און דער יאָרטאָג פון בן־יוסף תליה זע־נען געווען באַשטימטע טעג אין וועלכע דעם שונאס כוחות זענען געווען אין אַלאַרם־צושטאַנד. שפּעטער זענען געווען מער אַזעלכע טעג פון אַלאַרם. און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט, פון יענעם פאַל, צו קלאַפּן דעם שונא דווקא אין אַנ־דערע טעג... אין דער נאַכט פון א׳ תמוז האָבן גאַנצע קאָמפּאַניעס פון בריטי־שער פּאָליציי און מיליטער אָפּגעהיט די רעגירונג־געביידעס אין ירושלים. עס קען זיין אַז אונדזערע בחורים וואָלט זיך אויך דאָס מאָל איינגעגעבן, פּונקט ווי זיי זענען בייגעקומען דעם שונא אַ סך מאָל אין דירעקטע צוזאַמענשטויסן. און ס׳קען זיין, אַז צוליב דעם וואָס דער שונא איז געווען גרייט, וואָלטן פיל פון אונדזערע חברים געפאַלן אין שלאַכט מחמת די נישט־גלייכע כוחות. „גם זו לטובה"! אינעם טאָג פון דורכפאַל זענען מיר זייער בייז געווען אויף דער שרייענדיקער יידענע און האָבן זי געזען ווי דעם טייוולס שליח. שפּעטער האָבן מיר, נישט געקוקט אויפן שווערן פאַרלוסט פון דינאַמיט, אָנגעהויבן טראַכטן אַז די דאָזיקע שרייערקע, די „סאַבאָטאַזשניצע" האָט אונדז צוגעשיקט דער שומר־ישראל...

ד.

אין צווישן האָבן מיר שוין פאַרלאָזט דעם „צו אָפענעם אונטערגרונט". פון האָטעל „סאַוואָי" האָב איך זיך איבערגעקליבן אין מחנה־יהודה, אין אַ קליין אָפּגעזונדערט הייזל, אין עק פון דעם „תימנים" קוואַרטאַל פון פתח־תקוה. די באַדינגונגען זענען דאָרט געווען שווערע. דאָס הויז איז געווען פאַרוואָרלאָזט. דער ווינט האָט געיאָמערט בייטאָג און ביינאַכט און געריסן זיך אין די צע־בראָכענע לאָדנס. ביינאַכט איז געווען קאַלט און פינצטער. קיין הייצונג און

עלעקטריע איז נישט געווען אין הויז. אָבער פון איין פאַרגעניגן האָב איך גע־נאָסן אין יענע טעג: כ'בין געשלאָפן אויף די ליילעכער פון בריטישן הויך־קאָמי־סאַר, האַראָלד מאַק־מייקל.

נאָך אין 1943 האָט דער „ארגון" געפּלאַנט צו „קידנעפּן" מאַק־מייקלען און אים ברענגען אין אַן אונטערערדישן סאַלאָן אין די קאַנטן פון פּתח־תקוה, נעבן דעם דאָזיקן פאַרוואָרלאָזטן הויז, אין וועלכן איך האָב געוווינט. דער פּלאַן, אַ געמיש פון פיל דרייסטקייט און פּאָליטישער נאַאיוויטעט, איז נאָך דעם גע־בראַכט געוואָרן פאַרן „עם־לוחם", פאַר דער טל־ומטר־אָרגאַניזאַציע, אין וועל־כער ס'האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע יונגע מפקדים פון דער „הגנה". אָבער דער „קידנעפּ"־פּלאַן איז נישט דורכגעפירט געוואָרן, בעיקר צוליב די אינער־לעכע שטערונגען אין דער איבערגאַנג־תקופה. דער „מאַק־מייקעל"־פּלאַן איז ווי־דער אויפגעקומען מיט אַ יאָר שפּעטער און געבראַכט געוואָרן פאַרן קעמפנדיקן ארגון, כאָטש אין אַן אַנדערער פאָרם. זומער 1944, ווען ס'האָט זיך געענדיקט דער ערשטער הויז־אַרעסט, האָבן מיר אַרויפגעבראַכט צוויי אידייען. די ערשטע איז געווען אַריינצודרינגען אין פליגל פון פּאַלאַץ, אין וועלכן ס'האָט געוווינט דער דערטרינקער פון „סטרומע" און אים אויפרייסן. דער צווייטער פּלאַן איז געווען איינצונעמען דעם פּאַלאַץ, זיך פאַרפעסטיקן אין אים, נעמען אין געפאַנ־גענשאַפט — אויב ס'וועט זיין מעגלעך — מאַק־מייקלען מיט זיין גאַנצער פאַ־מיליע און פּראָקלאַמירן די ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט אין אונ־דזער לאַנד... ס'זענען געבראַכט געוואָרן אַרגומענטן פאַר און קעגן אין יעדן פון דיביידע פאָרשלאָגן. אין דער צווישנצייט זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע הכנות וואָס זענען באַשטאַנען פון אויספאָרשן דעם באָדן, באַשטימען די באַזעס, אויסוויילן די וועגן פון אויפשטורעם און פון צוריקצוג. אָבער אויך דער פּלאַן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן. מ'האָט פעסטגעשטעלט אַז נאָך אונדזערע פריי־ערדיקע אַטאַקעס איז דעם הויך־קאָמיסאַרס פּאַלאַץ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ באַדייטנדיקן מיליטערישן כוח. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז אין די עקזיסטירנ־דיקע באַדינגונגען וועלן מיר אין דעם אָנגריף דאַרפן אַריינוואַרפן כמעט אונ־דזער גאַנצן עפעקטיוו. מיר האָבן נאָך אַמאָל באַהאַנדלט דעם ענין און געקומען צום אויספיר, אַז לטובת דער צוקונפט טאָרן מיר נישט אַלץ שטעלן אין קאָן, אפילו פאַר אַ מעכטיקער מיליטערישער אַקציע, וואָס האָט אַ גרויסע פּאָליטי־שע באַדייטונג. מיר האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט ענדגילטיק פון אָנגריף־פּלאַן אויפן פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר, אָבער אָפּגעלייגט אים אויף אַ צייט, ווען מיר וועלן זיין שטאַרקער.

דערווייל זענען מיר געגאַנגען קיין ראמאללא, צו דער צענטראַלער ראַדיאָ־סטאַציע פון דער בריטישער מאַכט. אונדזער פּלאַן איז געווען: ווידער אַמאָל צו געבן אַ קלאַפּ דעם בריטישן פּרעסטיזש. אונדזערע בחורים האָבן געדאַרפט איינ־נעמען די ראַדיאָ־סטאַנציע, איבעררייסן די אָפיציעלע „פּאַלעסטינעזישע" אוי־

דיציעס און אנשטאָט זיי — אַריינרעדן אַ מאַניפעסט צום יידישן פאָלק און צו די פעלקער פון דער וועלט וועגן רעטונג פון אייראָפּעישן יידנטום און דער באַפרייאונג פון לאַנד פון דער פאַרשקלאַפנדיקער הערשאַפט.

אויך די דורכפירונג פון אַט דעם פּלאַן איז דעמאָלט נישט געווען פשוט און לייכט. די ראַדיאָ־סטאַציע איז אויפגעבויט געוואָרן נעבן אַ גרויסער פעסטונג, אָדער פאַרקערט. די סביבה איז אַן אַראַבישע, ווייט פון אַ יידישן ישוב. און אויטאָס האָבן געפעלט, ווי געווייינלעך. דריי אָוונטן האָבן מיר געוואַרט, איינעם נאָך דעם אַנדערן צו הערן די רעדע פון אונדזער ראַדיאָ־ספּיקער, אָבער די אויסגעבענקטע שטים האָט זיך נישט געהערט. די בחורים האָבן צוויי מאָל געפּרוווט צוצוקומען צום אָרט און ס׳איז זיי נישט געלונגען. דעם דריטן אָוונט, נאָך דעם ווי זיי האָבן קאָנפיסקירט אייניקע לאַסט־אויטאָס, איז אונדזער אָפּטיילונג אָנגעקומען צו דער ראַדיאָ־סטאַציע און זי איינגענומען, ממש אונטערן נאָז פון די פּאָליציסטן, וועלכע האָבן סטאַנציאָנירט אין דער שכנותדיקער פעסטונג. די פּאָליציסטן האָבן אין אַלע זייטן געשאָסן פייער און ראַקעטן, הילףרופן און אַלאַרמען. מיר האָבן ס׳ערשטע מאָל אָנגעווענדעט אַ מאָרטאַר פון „אייגענער פּראָדוקציע״ און די ראַמאַללער אַראַבער האָבן דערציילט, אַז זיי זענען געווען זיכער, אַז מיר האָבן געשאָסן פון שווערע האַרמאַטן... די בריטישע פּאָליציסטן האָבן, פאַר פולער זיכערקייט, נישט אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּ אין דרויסן, נאָר געבליבן זיצן אין דער פעסטונג. אביתגר, איינער פון אונדזערע מוטיקסטע קאָמענדאַנטן, האָט עטלעכע מאָל געשאָסן פון זיין רעוואָלווער אין דער לופטן, ביז ער האָט זיין וואָפן אָנגענומען מיט זיכערע הענט און אָנגעצילט דעם רעוואָלווער אין דער זייט פון די צעמישטע בריטישע און אַראַבישע באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט דערוואַרט דעם דאָזיקן איבעראַשנדיקן וויזיט. די באַאַמטע האָט מען געזאָגט, אַז ס׳וועט זיי נישט געשען קיין בייז, אויב זיי וועלן העלפן האַלטן די צוגעגרייטע רעדע אין ראַדיאָ. די באַאַמטע, באַזונדערס די בריטישע, האָבן אַרויסגעוויזן אַ פליייסיקע גרייטקייט צו העלפן. נאָר גיך האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אין ראַמאַללאַ איז נישטאָ קיין ראַדיאָ־אַרויסשיקער און מ׳קען פון דאָרט נישט אויפגעבן קיין טראַנסמיסיע. די שטימע פון קעמפנדיקן ציון האָט נישט זוכה געווען איבערגעטראָגן צו ווערן, אויפן עטער פון דער בריטישער מאַכט. זי האָט זיך נאָר געטראָגן פון אירע אייגענע כוואַליעס, און ווי שוין באַקאַנט, מיט דערפאָלג.

אויך נאָכן אויפשטורעם אויף ראַמאַללאַ זענען אַרויפגעשוומען פאַרשיידענע פּלענער וועגן אַן אָנגריף אויפן פּאַלאַץ פון הויך־קאָמיסאַר. אָבער די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט, האָבן אוממעגלעך געמאַכט זיי אויסצופירן. בינו־לבינו איז מאַק־מייקל איבערגעפירט געוואָרן פון זיין פּאָסטן און איידער ער האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד, האָבן די מיטגלידער פון לח״י געמאַכט אויף אים אַ פּרווו פון אַן אַטענטאַט. מאַק־מייקל

איז איבערגעפירט געוואָרן קיין מאלאיא, ווו ס׳זענען אויך איבערטראַנספּאָר־טירט געוואָרן אַלע באַאַמטע און אָפיצירן, וועלכע האָבן באַנקראָטירט אין ארץ־ישראל. אין אונדזער מאַגאַזין אין פּתח־תקוה זענען געבליבן אייניקע זאַכן, וועל־כע זענען זאָרגפול צוגעגרייט געוואָרן אויפן פאַל, אויב מאַק־מייקל וועט גע־כאַפּט און געבראַכט ווערן אין אַרעסט. צווישן אַנדערע זענען דאָרט געווען נייע ליילעכער. און ווען זיי האָבן נישט זוכה געווען צו דינען ווי אַ „געלעגער" אונ־טער „זיין עקסעלענץ", האָב איך זוכה געווען צו שלאָפן אויף זיי אין מחנה־יהודה. איך בין אַן עדות, אַז די ליילעכער זענען געווען זייער גוטע, ממש מלכותדיקע. הלואי וואָלט דער שטרויזאַק געווען אַזוי גוט ווי די ליילעכער!

די „דירה" אין מחנה־יהודה איז בלויז געווען אַן איבערגאַנג־וווינונג. זי האָט נישט געפּאַסט פאַר איר אויפגאַבע צוליב איר „סטראַטעגישער פּאָזיציע". דאָס הויז איז געווען צופיל איזאָלירט און דערפאַר האָט עס געקענט ציען אומ־געוואונטשענע אויפמערקזאַמקייט. איך בין געווען דער איינציקער „אַשכנזי" אין דער גאַנצער „תימנישער" סביבה און די ליבע איינוווינער פון קוואַרטאַל האָבן שוין אין די ערשטע טעג אָנגעהויבן אַרויסווייזן אינטערעס צום גאַסט: ווער איז ער? מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך? פאַרוואָס ברענגט מען אים עסן פון דרויסן? די פראַגעס זענען גאַנץ נאַטירלעכע און זייער מיין איז נישט געווען קיין שלעכטער. אָבער זיי זענען געפערלעך פאַר אַ לעבן פון קאָנספּיראַציע און קענען לכתחילה צעשטערן די באַזע פון אַן „אָפענעם אונטערגרונט". דעריבער האָב איך נאָך אַ קורצער צייט פאַרלאָזט מאַק־מייקלס ליילעכער צוזאַמען מיטן קליינעם הייזל אין מחנה־יהודה. כ׳בין אַריבער, דאָס מאָל צוזאַמען מיט מיין פרוי און זון, אין אַ הייזקע אין חאַסידאָף־קוואַרטאַל. דאָרט האָב איך געהייסן ישראל האַלפּערן.

אויפן וועג צו כפר־סירקין, וואָס פירט צו לוד, שטייט אַ שורה פון נידע־ריקע הייזלעך. דאָס רופט זיך דער חאסידאָף־קוואַרטאַל. דער קוואַרטאַל טוליעט זיך צו „זיין מוטער", די אַזוי גערופענע מוטער פון די קאָלאָניעס, פּתח־תקווה. זיין עלטערער „ברודער" איז כפר־אברהם. אָרעם איז דער קוואַרטאַל, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן בשכנות פון דעם באקאנטן אַראַבישן דאָרף פעדזשא. זיינע איינוווינער זענען אַרבעט־מענטשן. די הייזער זענען אין די יאָרן 45—1944 געווען אין גאַנצן אָן עלעקטריש ליכט און אָפט מאָל אויך אָן וואַסער. אָבער די סביבה איז רייך מיט גרינס, מיט פאַרזייעטע פעלדער, בליענדיקע גאָרטנס, וועלדער און פּרדסים. אַן אָבסערוואַטאָר פון דרויסן וואָלט געוויס געמיינט, אַז צוליב די פיל ביימער איז דאָס אָרט בכיוון אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איינע פון די אונטערגרונט צענטערן. ס׳איז נישט אַזוי. דאָס אָרט איז געפונען געוואָרן כמעט צופעליק. עס איז געווען רואיק און ביליק און אין הסכם מיט דער טאַק־טיק פון „אַן אָפענעם אונטערגרונט" זענען מיר דאָרט געגאַנגען זיך „אויפ־צודעקן", כדי זיך צו באַהאַלטן; אָדער זיך באַהאַלטן דורך זיין „אין דער אָפנ־

קייט". מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז די גויים וועלכע זוכן אונדז, וועט נישט איינפאַלן, אַז דער „פירער פון די טעראָריסטן" וווינט אין אַן אָרט, ווו יעדער איינער קאָן דעם אַנדערן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות.

קרוב אַ יאָר האָב איך געוווינט אין דעם קליינעם קוואַרטאַל, צווישן די שווייגנדיקע סימפּאַטיקער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, און אירע קאַ־רעמדיקע שאַרפע קעגנער. איינער פון די איינוווינער האָט מיך דערקענט דעם ערשטן טאָג ווי כ'בין אַרויס אויף דער זאַמד „פּראָמענאַדע", וואָס שניידט זיך דורך אין דער לענג פון די הייזלעך. אָבער ער האָט געשוויגן. אויך מיין גאַסט־געבער האָט געשוויגן. די אַנדערע שכנים האָבן נישט חושד געווען. אַלע איז אין זייערע אויגן געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. מ'האָט זיי דערציילט, אַז די משפחה האַלפּערן איז אַ פאַמיליע פון פוילישע פּליטים, וואָס האָט נישט געקענט געפינען קיין דירה אין שטאָט. דער קאָפּ פון דער משפחה גייט טאַקע נישט אַרויס יעדן פרימאָרגן צו זיין אַרבעט, ווי די אַנדערע איינוווינערס פון קוואַרטאַל, אָבער אויך דערפאַר האָט מען געפונען אַן אָננעמבאַרע אויפקלערונג. מ'האָט דערציילט די שכנים, אַז דער פאָטער פון דער פאַמיליע, וועלכער לעבט פון אַ שטיצע פון אַ פּליטים־אָרגאַניזאַציע, לערנט זיך דעם ארץ־ישראלדיקן געזעץ, גרייטנדיק זיך צו אַן אַדוואָקאַטן־עקזאַמען. דעריבער זיצט ער פיל אין דער היים. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז אויך דער בעל־הבית, דער גוטער ה' מלכיאלי, וואָס האָט פון אָנהייב אָן געוווסט מיין „אמתע באַשעפטיקונג", האָט אויך געמיינט, אַז זי איז פאַרבונדן דווקא מיט אַדוואָקאַטור. מלכיאלי איז אַמאָל געווען אַ מיטגליד פון „ארגון" און ער האָט געקענט מערידאָרן, וועלכער איז געווען זיין מפקד, און איתנען, דניאלן און בנימינען. ער האָט געזען אַז אַט־די אַלע הויכע מפקדים קומען אָפט צו זיין סוב־לאָקאַטאָר. אָבער ווען ער האָט זיך געפרעגט וועגן ציל פון אָט די באַזוכן, האָט ער זיך אַליין געגעבן די אויפקלע־רונג, אַז זיי קומען נאָך יורידישע עצות אין צוזאַמענהאַנג מיט די משפּטים פון די אונטערגרונט־מיטגלידער. ווייזט אויס, אַז זיין לאָקאַטאָר האָט אויף אַן אמת אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ „בטלנישן" אַדוואָקאַט און נישט פון אַ „מפקד". נאָך דעם האָט ער זיך דערוווסט דעם אמת. ער האָט זיך גאָרנישט גע־קווענקלט און ווייטער מיך געהאַלטן אין זיין הויז, נישט געקוקט אויף דער גע־פאַר וואָס האָט אים געדראָט אין פאַל פון אַ געלונגענער בריטישער רעוויזיע. מלכיאלי האָט מיר אויך פיל געהאָלפן, אָבער כ'בין נישט זיכער, צי ער האָט געענדערט זיין מיינונג וועגן אויסערלעכן אויסזען פון זיין לאָקאַטאָר. און מיט רעכט.

גאָר שנעל האָבן מיר זיך באַפריינדעט נישט נאָר מיטן בעל־הבית וואָס האָט געוווסט מיין סוד, נאָר אויך מיט אַלע גוטע שכנים, וואָס האָבן אים נישט געקענט. מיין קליינער זון פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער פון דער שכונה און צייטנווייז האָט ער פון זיי געקראָגן קלעפּ. מיר פלעגן באַזוכן אונדזערע שכנים

און זיי פלעגן קומען צו אונדז אויף אַ „שכנים־שמועס״. דאָס הויז, אָפן פאַר אַלעמען, איז געווען פול מיט אָפענע ביכער פון יוריספּרודענץ. ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס דווקא אין חאַסידאַף־קוואַרטאַל, אין סאַמע ברען פון נעם אונטערגרונט־קריג, האָב איך, נאָך לאַנגע יאָרן, געהאַלטן ביים באַקומען מיין ערשטן האָנאָראַר אַלס „אַ יורידישער ראַטגעבער״. איינער פון די איינוווינער איז געשטאַנען אין „אַ שווערן קאָנפליקט״ מיטן שטאָטראַט פון פּתח־תקווה צוליב אַ קליינער געביידע וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אָן דער דערלויבעניש פון דעם טעכנישן אָפּטייל. ער האָט מיך געבעטן צו פאָרמולירן אַ העפלעכע אָבער ענערגישע ביטע מ׳זאָל אַראָפּנעמען דעם פאַרבאָט. כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט אָפּזאָגן. כ׳האָב פיל געהאָרעוועט שרייבנדיק די בקשה, נישט אויפן אינהאַלט, נאָר אויף איר פאָרעם. מיין האַנטשריפט איז צום באַדויערן נישט אַזוי קלאָר. און אַ באַאַמטער פון פּתח־תקווהער שטאָטראַט איז דאָך נישט רוחמה, די סעקרעטאַרן וואָס ווייסט אַלץ, און וועלכע האָט פאַרשטאַנען נישט נאָר צו האַלטן אַ סוד, נאָר אַפילו צו דעשיפרירן אַ היעראָגליפישן האַנטשריפט. און בכלל טאָר מען נישט דענערווירן מיט אַ היעראָגליפן־כתב אַ באַאַמטן, וואָס פון זיין גוטער שטימונג הענגט אָפּ דער גורל פון דער ביטע. כ׳האָב זיך דעריבער באַמיט צו שרייבן גרויסע, קיילעכדיקע און ווי ווייט מעגלעך שיינע אותיות. דערפאַר האָב איך נאָך געמוזט מער האָרעווען, כדי צו דערקלערן דעם מילך־ייד, וואָס האָט געזען מיין האָרעוואַניע, אַז דאָס שרייבן פון אַזאַ „פּראָשעניע״ איז נאָר אַ געוויינלעכע טובה פון אַ שכן און ס׳קומט מיר דערפאַר נישט קיין געצאָלט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שווערער אַרבעט פון „אַדוואָקאַט האַלפערן״, מוז איך דאָ פאַרריכטן אַ טעות וואָס כ׳האָב געמאַכט באַזוכנדיק עטלעכע יאָר שפּעטער אַמעריקע. אָן אַמעריקאַנישער ניי־געריקער זשורנאַליסט — און וועלכער זשורנאַליסט איז עס נישט נייגעריק? — האָט מיך געפרעגט אויף איינער פון די פיל פּרעסע־קאָנפערענצן, צי כ׳האָב זייענדיק אין קאָנספּיראַציע זיך „באַשעפטיקט מיט געזעץ״, דאָס הייסט מיט אַדוואָקאַטור. איך האָב געענטפערט:

— יאָ. מיין הער, כ׳האָב מיך באַשעפטיקט מיטן ברעכן דאָס געזעץ.

כ׳מוז איצט אויסבעסערן מיין טעות. טאַקע, זייענדיק אין אונטערגרונט האָב איך מיך בדרך כלל באַשעפטיקט מיטן ברעכן דאָס געזעץ. אָבער כ׳האָב פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז אין חאַסידאַף־קוואַרטאַל איז מיר אויסגעקומען זיך אויך צו „באַשעפטיקן מיטן געזעץ״. ס׳איז נאָך גוט, וואָס דעם „געזעץ״ איז נישט אויסגעקומען זיך צו באַשעפטיקן מיט מיר...

פיל גוטע דערינערונגען טראָג איך אין זיך פון דעם ליבן חאַסידאַף־קוואַרטאַל. אין דער קליינער קיכל, ביי אַ קליינעם נאַפט־לעמפּל, און ביי אַ ברענענדיקער ליכט, פלעגן מיר אָפּהאַלטן זיצונגען פון דער מפקדה, ווו עס פלעגן אָנגענומען ווערן וויכטיקע באַשלוסן און ס׳זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פלע־

נער פון די אַקציעס. די „באַקאַנטע״, וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט באַזוכן די „האַלפּערן פאַמיליע״, האָבן צום גליק ביי די שכנים נישט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט. טייל מאָל זענען מ יי נ ע געסט נאָך געווען נוצלעך פאַרן קוואַר־טאַל. זיי פלעגן אַמאָל דערגאַנצן אַ מנין אין דער קליינער שולכל. אַמאָל שבת נאָכמיטאָג, אָדער אַ פאַרנאַכט, פלעגן מיר אַרויסגיין אויף אַ דערפרישנדיקן שפּאַציר אויף די פעלדער און פרדסים, און גייענדיק אָפּהאַלטן אַ „זיצונג״, באַ־האַנדלען די לאַגע און באַשטימען די ליניע פאַר דער צוקונפט. אַן אַראַבישער פאַסטוך פלעגט דורכגיין מיט זיין סטאַדע שאָף און אונדז באַגריסן. יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אַרום אונדז און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז די וועלכע שפּאַצירן און שמועסן זיך אַזוי געמיטלעך זענען עס די, וועלכע ווערן געזוכט איבערן גאַנצן לאַנד פון ענגלישע דעטעקטיוון, פּאָליציסטן און סאָלדאַטן.

איך געדענק אויך דאָס קליינע שולעכל, וואָס שטייט אויף אַ בערגל אַנט־קעגן די הייזער פון קוואַרטאַל. אין דער שול, ווו מיר פלעגן אַלע דאַווענען די שבתים און ימים טובים, האָב איך באַקומען מיין אונטערגרונט־נאָמען — יש־ראל. דאָס איז געשען כמעט בהיסח־הדעת, אָן אַ פריערדיקער מחשבה. דעם ערשטן שבת נאָכדעם ווי כ׳בין אָנגעקומען וווינען אין דעם קוואַרטאַל, האָט מען מיך מכבד געווען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נייעם שכן, מיט אַן עליה לתורה. דער העפלעכער גבאי האָט מיך געפרעגט מיין נאָמען. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָב איך נישט געוואָלט אָנגעבן מיין אמתן פּריוואַט־נאָמען, טאָמער וועט ער צוזאַמען מיט מיין פאָטערס נאָמען, עפּעס דערמאָנען אימיצן פון די דאַוונערס. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן נישט טראַכטנדיק: „ישראל ברב זאב דב״. דער נאָמען ישראל איז מיר אַרויף אויפן זינען, ווייזט אויס, צוליבן טיפן גייסטיקן בונד מיט מיין טייערן פריינט ישראל עפּשטיין ז״ל. פון דעמאָלט ביז כ׳בין אַרויס פון אונטערגרונט, בין איך תמיד עולה לתורה געווען אונטערן נאָמען „ישראל ברב זאב דב״. און איך מוז בעטן סליחה, מחילה און כפּרה ביים בורא־עולם, וואָס בעת כ׳בין עולה לתורה געווען האָב איך אויך פון אים „פאַרהוילן״ מיין אמתן נאָמען. אָבער דער וואָס ווייסט אַלע געהיימנישן, האָט געוווּסט. ס׳איז דאָך געווען אַ מלחמת־מצווה, און ס׳איז נישט געווען קיין ברירה.

אין חאַסידאָף־קוואַרטאַל איז איבער אונדז אַריבער די ערשטע גרויסע אונ־טערזוכונג, וואָס דער בריטישער ס׳.איי.ד׳. האָט דורכגעפירט מיט דער הילף פון גאַנצע באַטאַליאָנען פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. י״ז אלול תש״ד באַגינען, איז גאַנץ פּתח־תקווה אַרומגערינגלט געוואָרן פון ריזיקע מחנות סאָלדאַטן און פּאָ־ליציסטן. די ענגלענדער האָבן געהאַט אַ באַזונדערן „סענטימענט״ צו פּתח־תקווה. זיי האָבן געזאָגט, אַז זי איז פול מיט טעראָריסטן.

כ׳מוז מודה זיין, אַז אין דעם פאַל האָבן די ענגלענדער נישט געהאַט קיין טעות. פּתח־תקווה, מיט איר פרייער באַפעלקערונג, אַן איינגעוואָרצלטע אין באָדן פון פאָטערלאַנד, האָט גלענצנדיק געדינט דעם אונטערגרונט. די סאָלדאַטן פון

אונטערגרונט האָבן דאָרט געפונען שוץ. די פעלדער, וועלדלעך און ביימער פון פּתח־תקווה האָבן געקענט אַ סך דערציילן וועגן באַהאַלטענע לאַגערן, געהיימע קורסן, לעקציעס און באַגעגענישן, לימודים און איבונגען. אָבער די ביימער האָבן געשוויגן און צוזאַמען מיט זיי האָבן געשוויגן די „לעבעדיקע ביימער", די פּתח־תקווהער פרייע, אומדערשראָקענע יוגנט. כמעט צוויי מאָל איז די ענג־לענדער געלונגען צוליב אַ יידישער מסירה וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון „אויבן", צו ליקווידירן די אָפּטיילונג פון ארגון־צבאי־לאומי אין פּתח־תקווה. אָבער יעדעס מאָל זענען אונדזערע כוחות געשטאַרקט געוואָרן מיט יונג בלוט, מיט טאָפּלטער ענערגיע, און זיי זענען געווען פיל מער, ווי פאַר דער „ליקווי־דאַציע". די געבענטשטע פּתח־תקווה, וואָס איז פול מיט „טעראָריסטן"!

זענען, הייסט דאָס, געקומען די ענגלענדער אין דער געהאַסטער פּתח־תקווה צו זוכן די „טעראָריסטן". די „אָקופּאַציע" האָט זיך אָנגעהויבן באַגינען. די שטאָט איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ הויז־אַרעסט. אויטאָס מיט רוישנדיקע מעגאַפאָנען, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן און געמאָלדן:

„עוצר, עוצר! (הויז אַרעסט!). אַלע זאָלן בלייבן אין די הייזער. ווער עס וועט פאַרלאָזן זיין שוועל — שטעלט אין געפאַר זיין אייגן לעבן". יעדעס הויז איז דורכגענישטערט געוואָרן. יעדן בירגער האָט מען אונטערזוכט. דאָס איז גע־ווען דער ערשטער גרויסער יאַגד, וואָס נאָך אים זענען געקומען אַ סך אַנדערע.

מיין שכן — דער „וואָס האָט געוווסט" — האָט מיך אויפגעוועקט און מיטגעטיילט וואָס עס גייט אָן. ער איז געווען אַביסל באַזאָרגט. זיין דערציי־לונג איז נישט געווען קיין דערפרייענדיקע.

— כ'האָב געפּרוווט — האָט ער דערציילט — דורכצוגיין און אָנקומען אין פּתח־תקווה גופא, אָבער די פּאַטרולן האָבן מיך פאַרהאַלטן. אומעטום זענען זיי דאָ! מ'קען נישט אַרויסגיין און נישט אַריינגיין! זיכער וועלן זיי אויך דאָ אַהער קומען. איך קלער, אַז דו דאַרפסט פּרווון צו אַנטלויפן דורך די פּרדסים.

איך האָב אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאַג. אויך דניאל, וועלכער איז צופעליק געבליבן נעכטיקן אין דער שכונה, האָט מסכים געווען, אַז ס'האָט נישט קיין זין צו לויפן אין פּרדס. אַזאַ לויפן וועט אונדז נישט נאָר „ליקווידירן" אין די אויגן פון די שכנים, נאָר קען נאָך גורם זיין מיר זאָלן אַריינפאַלן אין שונאס הענט. פאַרשטענדלעך, די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע. אָבער מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אַביסל אויפן גוייִשן „איפכא מסתברא" און אַ סך האָבן מיר זיך פאַרלאָזט, בלית־ברירה, אויף אונדזער גוטן מזל. דניאל אין זיין צימער און איך אין אונדזערן. די שכנים האָבן געדאַרפט זען, אַז מיר זענען כלל נישט באַ־זאָרגט פון דער נאָענטקייט פון די ענגלענדער. דעריבער האָבן מיר זיך געזעצט פ אַ ר ן הויז, און זיך איינגעקוקט אין אינטערעסאַנטן בילד. אויפן שאָסיי, בערך אַ צוויי הונדערט מעטער פון אונדזער קוואַרטאַל, זענען געלאָפן די ברײ־

טישע טאַנקן און פּאַנצער־אויטאָס. אַרום — די סאָלדאַטן פון שונא. אַ יידישער פּאָליציסט, אַ געוועזענער איינוווינער פון דעם קוואַרטאַל, האָט זיך אַרומגע־דרייט הין און צוריק און נישט ווייסנדיק גאָרנישט האָט ער אונדז געטרייסט, אַז באַלד וועט מען קומען אויך אונדז אונטערזוכן און מיר וועלן פּטור ווערן, זיכער אויף אַ לאַנגע צייט, פון די רעוויזיעס. דער צוזאָג פון פּאָליציסט האָט דאָך נישט פיל געהאָלפן צו באַרואיקן די געמיטער. די שכנים זענען נישט געווען גליקלעך. ווער האָט עס ליב רעוויזיעס?

אונדזער שכנטע, פרוי סערגל, די מאַמע פון רחל און מיקי, די צוויי קינ־דער וואָס כ׳האָב אַזוי ליב געהאַט (צו מיין ליבע צו דער צוויי־יאָריקער מיקי האָב איך געהאַט אַ געפערלעכן שותף, מיין דריי יאָריקער זון!) — אונדזער גוטע שכנטע איז געווען זייער באַזאָרגט. מיין פרוי האָט געפּרוווט זי צו באַ־רואיקן. אומזיסט. פרוי סערגל איז פולן צוטרוי צו „מאַדאַם האַלפּערין“ מיט וועמען זי האָט זיך זייער באַפריינדעט, האָט צום סוף אויסגעזאָגט מיין פרוי וועגן איר זאָרג:

— זיכער, פרוי האַלפּערין. איר האָט נישט קיין סיבה זיך צו זאָרגן. אָבער ביי מיר אין דער היים איז דאָ אַ מ י ל י ט ע ר י ש ע ד ע ק ע. וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

מ׳האָט גאָרנישט געדאַרפט טאָן. אומזיסט האָבן מיר געוואַרט אויף די ענגלענדער. זיי זענען נישט געקומען אין אונדזער שכונה. זיי האָבן געזוכט אין אַלע טיילן פון פּתח־תקווה. אַפילו אין כפר־אברהם זענען זיי אָנגעקומען, אָבער דעם האָסדאָף־קוואַרטאַל האָבן זיי איבערגעהיפּט. די פרימאָרגן־שעהן זענען אַריבער. ביי טאָג איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער הויז־אַרעסט. דניאל, נישט זאָגנדיק אַ זיי געזונט דעם הער האַלפּערין, וואָס „האָט אים כמעט נישט גע־קענט“, איז זיך אַוועקגעפאָרן צו דער אַרבעט. מיר האָבן לייכט אָפּגעאָטעמט. די דירעקטע סכנה איז אַריבער, ממש אויפן שוועל פון הויז.

אין שייכות מיט דער רעוויזיע האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשיידענע קלאַנ־גען. דער אמת איז געווען, אַז די חברים און פריינד זענען געווען זייער פאַר־דאגהט. זיי האָבן געזוכט כלערליי עצות, אָבער די באַלאַגערטע שטאָט איז גע־ווען אין גאַנצן אָפּגעשניטן. נאָך דעם האָט מען דערציילט צווישן דער באַפעל־קערונג, וואָס האָט געוואָלט גלויבן אין אַלמעכטיקן כוח פון אצ״ל, אַז אַ גרויסע אָפּטיילונג פון אונדזערע סאָלדאַטן האָט דורכגעריסן די ליניעס פון שונא, אַרויסגעראַטעוועט די באַלאַגערטע און זיי געבראַכט אין אַ זיכערן אָרט. ס׳איז געווען איינע פון די אַנציילּיקע לעגענדעס, וואָס מ׳האָט פאַרשפּרייט אַרום אונדז. עס דערמאָנט מיך די לעגענדע וועגן מיין באַגעגעניש מיטן גענעראַל באַרקער און די לעגענדע וועגן מיין רוסישן אָפּשטאַם.

אין דער וועלט־פּרעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ „דעטאַלירטע“ דער־ציילונג וועגן מיין כלומרשטער באַגעגעניש מיטן קאָמענדאַנט פון דער בריטי־

שער אַרמיי אין ארץ־ישראל. מעגלעך אַז דער מקור פון דער מעשה איז די ווענ־דונג פון אַ בריטישן שטאַב־אָפיציר, וועלכער איז געשטאַנען אונטער דער די־רעקטער קאָמאַנדע פון גענעראַל באַרקער און ער האָט געוואָלט ריידן מיט מיר ווי „אַ פיינד צו אַ פיינד". דער שדכן פון דער באַגעגעניש, וואָס איז נישט צו־שטאַנד געקומען, איז געווען משה סנה. דער פאַרשטייער פון ש"י (די „אינטע־לידזשענס־דינסט" ביי דער „הגנה") פון ירושלים, וועלכער פלעגט זיך טרעפן מיטן פאַרשטייער פון דעם בריטישן שטאַב־אָפיציר, האָט איבערגעשיקט די איינלאַדונג צום פירער פון דער „הגנה" און ער האָט זי מיר איבערגעגעבן אין איינער פון אונדזערע סטאַבילע טרעפונגען, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער פאַראייניקטער רעסיסטענץ. כ'האָב זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּגעזאָגט אָנ־צונעמען די איינלאַדונג. כ'האָב טאַקע מסכים געווען, אַז איך דאַרף ריידן מיטן ענגלענדער ווי „אַ פיינד צו אַ פיינד", אָבער ס'זענען פאַראַן, ווי באַקאַנט, פאַר־שיידענע פאָרמען פון ריידן, און אין יענע טעג האָב איך מער גערן געהאַט די שפּראַך פון אונדזערע שלאַכט־איינהייטן. פונדעסטוועגן האָב איך זיך דערוויסט פון דער אויסלענדישער פרעסע, אַז כ'האָב זיך אין געהיים באַגעגנט נישט מיט באַרקערס פאַרטרעטער, נאָר — מיט באַרקערן אַליין.

די דערציילונג איז בעצם געווען דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע צום אונ־טערגרונט. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז איך האָב געשטעלט אַ באַדינג, אַז באַרקער זאָל, אַזוי ווי איך, קומען ציוויל געקליידעט אין אַ קאַפּע־הויז, וואָס איז געווען באַשטימט פאַרן אָרט פון דער באַגעגעניש. אָבער באַרקער האָט פאַר־ראַטן און געבראַכט מיט זיך אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דאָס אָרט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. באַרקער איז אַריין אין קאַפּע־הויז, אָבער צו זיין אַנטוישונג האָט ער מיך דאָרט נישט געפונען. ער האָט דאָרט אַביסל געוואַרט און זיך געלאַנגווייליקט. פּלוצלינג האָט ער דערזען ביים עק טיש אַ גלח זיצט און קוקט אַריין אין אַ צייטונג. באַרקער האָט זיך געפרייט מיט דער געלעגנ־הייט צו קענען אַוועקהרגענען די לאַנגוויילִיקייט פון וואַרטן, און איז אַריין אין אַ געשפּרעך מיטן גלח. נאָכדעם ווי ס'איז אַריבער אַ לאַנגע צייט און איך בין דאָך נישט געקומען, האָט זיך באַרקער אויפגעשטעלט, געדאַנקט דעם גלח פאַר זיין אנגענעמער געזעלשאַפט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אויפצומאָרגנס האָט באַרקער פון מיר באַקומען פאָלגנדיקן בריוו:

„דו זעסט! מ'טאָר נישט ברעכן קיין ערן־פאַרפליכטונגען. דו האָסט צוגע־זאָגט צו קומען אַליין. פאַרוואָס האָסטו געבראַכן דיין צוזאָג? נעם אין אַכט, אַז דער „ארגון" ווי דו האָסט אַליין דערפאַרן, האַלט שטענדיק זיין וואָרט. מיר האָבן אים אויך איצט געהאַלטן. איך בין געקומען צום אָרט פון דער באַגעגע־ניש, נישט געקוקט אויף דיין פאַרראַט. דער גלח, מיט וועלכן דו האָסט זיך פריינדלעך אונטערגעהאַלטן, דאָס בין איך, „דיין טרייער דינער" א. א. וו.

אַ מער סענסאַציאָנעלע געשיכטע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ שוויי־

צאַרישער צייטונג. פון דאָרט האָט זי אָוועקשפּאַצירט איבערן גאַנצן וועלט־קוגל. גרויסע אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבן עס פאַרעפנטלעכט מיט אַ טראַסק און אַפילו די צייטונג פון „בונד" אין יידיש, האָט זיך ערנסט באַצויגן צו דער אַנט־דעקונג, אַז אין דער אמתן הייס איך נישט בעגין, נאָר פריימאַן, אַז איך האָב דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלן קורס אין קרעמל, אַז איך האָב געפירט די קאָמו־ניסטישע מלחמה אין שפּאַניע און דעם קריג פון די קאָמוניסטן אין כינע און אַז נאָך דעם האָט מיך יוסף וויסאַרינאָוויטש סטאַלין בכבודו ובעצמו געשיקט קיין ארץ־ישראל, כדי צו פאַרשאַפן צרות גרויס־בריטאַניע... איינע פון די חשובע צייטונגען אין אַמעריקע האָט זיך אַזוי איבערגענומען פון דער איבעררעשנדי־קער דערציילונג, אַז ער האָט געמאַכט מיט מיר אַ ספּעציעלן טעלעפאָנישן גע־שפּרעך פון טשיקאַגאָ אין ניו־יאָרק; און אַן אַנדערער זשורנאַליסט, אויך פון די וויכטיקסטע פרעסע־מענטשן, האָט זיך מיט דעם פאַראינטערעסירט בשעת אונ־דזער באַגעגעניש, צו וועלכער עס האָבן זיך צוגעקוקט הונדערטער טויזנטער מענטשן אין דער טעלעוויזיע־סטאַציע.

— צי איז פאַראַן אַן אמת אין די דאָזיקע ידיעות? — האָבן מיך געפרעגט די זשורנאַליסטן.

איך האָב זיי געענטפערט:

— איך האָב געלייענט אין אַ יידישער קאָמוניסטישער צייטונג, אַז איך האָב אָפּגעהאַלטן געהיימע שמועסן אין אייער שטאַט־דעפּאַרטאַמענט און איך האָב פאַרקויפט טרומאַנען גאַנץ ארץ־ישראל. אין דער זעלביקער צייט האָט מען מיך אפילו טיטולירט „פאַשיסט".

— וואָס האָט עס אַ שייכות צו אונדזער פראַגע?

— זייער פּשוט. מיר אַליין איז שווין שווער צו פאַרשטיין, צי בין איך סטאַלינס אַן אַגענט אָדער אַן אַגענט פון טרומאַנען אָדער ביידנס אַן אַגענט. צי בין איך אַ „פאַשיסטישער קאָמוניסט" אָדער „אַ קאָמוניסטישער פאַשיסט".

די זשורנאַליסטן זענען אַריבער אויף אַנדערע פראַגן.

דאָס זענען אַלץ לעגענדעס. דער אמת איז אַז איך בין קיין מאָל נישט גע־ווען נישט אין שפּאַניע און נישט אין כינע, נישט אין קרעמל און נישט אין שטאַט־דעפּאַרטאַמענט. דער אמת איז, אַז איך בין געווען בלויז דער אַגענט פון יידישן פרייהייט־קאַמף. דער אמת איז, אַז איך האַס יעדע פאָרעם פון טאָטאַ־ליטאַריזם, איך האָב ליב די פרייהייט און דעם פרייען מענטשן און גלויב אין זייער נצחון אומעטום. דער אמת איז, אַז איך האָב זיך קיין מאָל נישט באַגעגנט און נישט געוואָלט באַגעגענען נישט מיט באַרקערן און נישט מיט זיין פערזענ־לעכן פאַרטרעטער. און וואָס איז נוגע דער צום ווייניקסטן וויכטיקער לעגענ־דע, וואָס האָט זיך פאַרוועבט אַרום די רעוויזיעס אין פתח־תקווה, איז דער אמת אַ פּשוטער: די ענגלענדער האָבן זיך באַמיט, געזוכט, געוואָלט געפינען און נישט געפונען.

אָבער ס׳איז פֿאַראַן נאָך אַן אַנדערער אמת, אַ ביטערער, וואָס איז פֿאַר־בונדן מיט דער רעוויזיע אַרום חאסידאָף־קוואַרטאַל. אין דער דאָזיקער רעוויזיע — און אפשר צוליב איר — האָב איך פֿאַרלוירן מיין פריינד און שוואָגער ד״ר אַרנאַלד. דער מענטש איז מיר געווען זייער נאָענט צום האַרצן. אין זיין הויז האָב איך צופעליק מיך באַקענט מיט אַ זיבעצן יאָריקער מיידל, און כ׳האָב מיר געטראַכט: זי וועט זיין מיין פרוי! און כ׳האָב נישט געהאַט קיין טעות. אפשר האָט ז י געמאַכט אַ טעות. יאָרן זענען פֿאַרלאָפֿן. אַ סך איז איבער אונדז אַריבער. אונדזערע משפחה־מיטגלידער זענען פּאַרטיליקט געוואָרן. אַרנאַלדס קליינער זונעלע איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין מאַמעס אָרעמס און געבראַכט געוואָרן אין דער גאַז־קאַמער. די מאַמע האָט זיך גענומען דאָס לעבן. אַלע אַנ־דערע קרובים זענען דערשאָסן אָדער דערשטיקט געוואָרן. און דאָס צעבראָכע־נע האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. זייענדיק אין תל־אביב האָט אַרנאַלד באַקו־מען די ידיעה, אַז פּתח־תקווה איז אַרומגערינגלט. ער האָט געוווּסט ווו איך האָב געוווינט און ר׳איז געווען זייער דערדריקט. דעם טאָג האָט זיין האַרץ אויפ־געהערט צו קלאַפּן. און איך — איך בין אין אונטערגרונט, און האָב אפילו נישט געקענט באַגלייטן מיין פריינד און קרוב צו זיין אייביקער רו. מיינע פריינד האָבן אים גומל געווען דעם לעצטן חסד. אָבער אויך זיי האָבן נישט געקענט אויסמיידן אַז די פּאָליציי, וואָס האָט געווּסט וועגן אונדזער קרובהשאַפֿט, זאָל שיקן אויפן בית־עולם שפּיאָנירנדיקע אויגן. דעריבער איז אויך מיין פרוי, וועל־כע האָט אויף זיך גענומען דעם דין פון קאָנספּיראַציע, נישט געגאַנגען זיך גע־זעגענען פון איר טייערן ברודער. מיר זענען געבליבן אין דער היים, דורכגע־דרונגען פון ווייטיק און פֿאַריתומטקייט. אין דער קליינער שולכל האָב איך גע־זאָגט „קדיש״. מ׳דאַרף ממשיך זיין! ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. אָבער וואָס ווייסן מענטשן פון דרויסן, וואָס ווייסן זיי?

חאסידאָף־קוואַרטאַל! ווי גוט עס איז צו זיין דאָ נאָך אַמאָל, איצט שוין אַן אַ געבאָרגטן נאָמען. די קליינענקע הייזעלעך שטייען אויף זייער אָרט, די פּרדסים בליען און די קינדערלעך לאַכן. די קליינע רחל, וואָס פלעגט מיר זינגען ארץ־ישראל לידער, איז שוין אַן ערנסטע שילערן. די קליינענקע מיקי איז אויפגע־וואַקסן און טוט שוין נישט אויס די שיך פון אירע פיס, וואָס זי האָט זיי ליב געהאַט באָרוועס. פרוי סערגל זאָרגט שוין נישט צוליב איר מיליטערישער דע־קע. זי האָט אַנדערע דאגות. זי האָט געשטימט „פּאַר מיר״, וואַרשיינלעך צוליב „אַלטער פריינדשאַפט״ ביי די וואַלן צו דער כנסת, און פֿאַרשאַפֿט צרות איר מאַן, וועלכער אַרבעט שוין לאַנגע יאָרן אין „סולל בונה״. דאָך שמייכלט זי נאָך צום „הער האַלפּערין״, איר אַמאַליקן שכן. אויך די אַנדערע שכנים, וועלכע זע־נען פֿאַרבליבן אויפן אָרט, שמייכלען און דערמאָנען זיך פֿאַרגאַנגענע טעג. אַזויפיל ענדערונגען זענען אַריינגעטראָטן. ס׳איז שוין דאָ, ברוך השם, עלעק־טריש ליכט אין דער שכונה. ס׳איז שוין, גאָט צו דאַנקען, נישטאָ מער קיין ענג־

לענדער אויפן פלי־פלאַץ איבערן וועג. איז דאָס אַ חלום? ס׳האָט זיך דאָך בעצם גאָרנישט געענדערט. אָט איז די קליינע שולעכל און אָט איז דאָס דערקוויקנ־דיקע מחיה־נפשותדיקע וועלדל. און דו שטייסט צווישן שול פון אויבן און וועלדל פון אונטן און פאַר די אויגן לויפן פאַרביי יענע טעג, די גרויסע, די שרעקלעכע, די גוטע און די שלעכטע...

די טעג אין חאַסדאַף־קוואַרטאַל זענען נישט געווען קיין פּוסטע טעג. דער „ארגון" האָט זיך געשטעלט אַרום דער פאָן פון אויפשטאַנד. אַ סך וואָס האָבן אים פאַרלאָזט בשעת דעם קריזיס, זענען צוריקגעקומען. פיל אַנדערע זענען צו־געקומען. דער כוח איז שטאַרקער געוואָרן. דער צוטרוי איז טיפער געוואָרן. און דער עיקר: ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרטרויען אין אונדזער כוח. מ׳האָט אונדז ליב געהאַט, אָדער פיינד געהאַט, אָבער מ׳האָט שוין נישט געשפּאָט פון אונדז. אין יענער צייט האָב איך אָנגעשריבן די בראַשור „מיר גלויבן", אין וועלכער כ׳האָב אויסגעדריקט מיין אומדערשיטערלעכן גלויבן, אַז „פון אונ־דזער בלוט וועט אויסוואַקסן דער בוים פון פרייהייט פאַר אונדזער לאַנד און לעבן פאַר אונדזער פאָלק". כ׳האָב אָנגעשריבן נאָך אייניקע בראָשורן, און פיל נאָטיצן, מעלדונגען און איבערזיכטן.

אין יענער תקופה האָבן מיר אויפגעריסן די קרייז־קאָמאַנדע פון ס׳.איי.די. אין ירושלים און מיר האָבן דערוואַטערט די בריטישע פּאָליציי פון כותל־מערבי. מיר האָבן געשטורעמט די טעגארט־פעסטונגען, אָנגעגריפן די פּאָליציי־סטאַציע אויפן גרענעץ פון יפו־תל־אביב, און געמאַכט לאַכן דאָס גאַנצע לאַנד, ווען מיר האָבן ביי דער פרעמדער רעגירונג קאָנפיסקירט אין מיטן טאָג, אין צענטער פון תל־אביב און אונטערן נאָז פון בריטישן מיליטער, אַ סך רעגירונג־שטאָף. אַ טייל פון דעם האָבן מיר פאַרטיילט צווישן די אָרעמע פון אונדזער פאָלק און אַ טייל פון דעם איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייזן. ווי האָבן אונדזערע בחורים דעמאָלט געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— חבריא. גיט אַכטונג! יעדעס פעקל איז אַ טאָמי־גאַן!

אָבער ביים סוף פון יענער תקופה זענען פאַרוואָלקנט געוואָרן אונדזערע הימלען. ס׳האָט זיך אָנגערוקט אַ גרויסער שטורעם, אַ שטורעם פון רדיפות פון א י נ ע ו יי נ י ק. די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן דראָען. אויף דער יידי־שער אַגענץ איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ דרוק סיי אין לאָנדאָן און סיי אין ירושלים. די אַגענץ איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו דערלאַנגען דער רעגירונג „די פולע הילף אויסצוראָטן דעם טעראָר". ס׳זענען אָנגעקומען צו אונדז באַ־אומרואיקנדיקע ידיעות. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אַגענץ האָט נישט בלויז זיך נישט אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיטן פאַרשקלאָפער, נאָר להיפוך, זי האָט נאָך צוגעזאָגט, אַז אין גיכן וועט געגעבן ווערן אַן אינסטרוקציע „צו ליקווידירן די דיסידענטן". די לאַגע איז געוואָרן זייער ערנסט.

די צאָל פון די נאָכשפּירנדיקע אויגן איז געוואַקסן. אין צווישן איז אַנגע־

קומען אַ ידיעה, אַז אימיצער אין אונדזער סביבה האָט עפּעס „דערשמעקט". כ'האָב שוין מער נישט געקענט בלייבן אין חאַסידאַף־קוואַרטאַל. די שכנים, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך „השומר־הצעירניקעס" — די הויפּט פּריי־דיקער פאַר מיטאַרבעט מיט די ענגלענדער קעגן אונדז — די שכנים זענען טאָ־קע געווען זייער פריינדלעך און העפלעך לגבי „ה' האַלפּערין". אָבער צי וועלן זיי אויך בלייבן פריינדלעך לגבי דעם, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן הינטער דעם אַדוואָקאַט? די פאַרזיכטיקייט האָט געפאָדערט צו בייטן דאָס אָרט און נאָך „עפּעס". אַדיע, חאַסידאַף־קוואַרטאַל. מיר זענען אַריבער קיין תל־אביב, אין אַ קליין הייזל אויף דער יהושע בן־נון גאַס — און איך בין געוואָרן י ש ר א ל ס א ס א ו ע ר.

ה.

יהושע בן־נון, דער דעראָבערער פון כנען און איינער פון די גרעסטע קאָ־מאַנדירן אין דער געשיכטע, האָט אין תל־אביב „באַקומען" אַ קליין און זייטיק געסל, פאַרבלאָטיקט אום ווינטער און פאַרשטויבט אום זומער און אומבאַקאַנט פאַר די מערסטע איינוווינער פון שטאָט. יהושע בן־נון גאַס? אדרבא, פרעגט פּופּציק תל־אביבער איינוווינער, וועט איר געוואָר ווערן, אַז ס'איז אַ ספק צי אפילו איינער פון זיי ווייסט, וו עס ליגט די גאַס, וואָס דערמאָנט אונדז די פּרעכטיקסטע נצחונות פון די ערשטע, וועלכע האָבן אונדז איבערגעגעבן בירושה דאָס געבאָט איינצונעמען דאָס לאַנד.

אויף דער יהושע בן־נון גאַס געפינען זיך צוויי וויכטיקע „עפנטלעכע אַנ־שטאַלטן": דאָס שטאָטישע שעכט־הויז און דאָס הינט־הויז. די ביידע „אינסטי־טוציעס" האָבן גאָרנישט צוגעגעבן דער היגיענע פון דער סביבה און נישט גע־האָלפן אַנטוויקלען דעם מוזיקאַלישן חוש פון אירע איינוווינער. טאָג און נאַכט האָט זיך דאָרט געטראָגן אין דער לופטן אַ משונהדיקע קאַקאָפאָניע פון יללות פון פאַרשפּאַרטע חיות, וועלכע ווילן אַרויס אויף דער פריי און דאָס קרעכצן פון געשאָכטענע חיות, וועלכע האָבן געוואָלט לעבן. און ווער שמועסט נאָך וועגן די ריחות?... ניין, די יהושע בן־נון־גאַס איז, לכל הדעות, נישט פון די פּרעכ־טיקע גאַסן, מיט וועלכע תל־אביב קען שטאָלצירן. און יהושע בן־נון איז זיכער ווערט געווען, אַז ער און נישט אַלענביי דער בריטישער קאָמאַנדיר, וועמענס נאָמען די הויפּט־גאַס פון תל־אביב טראָגט, „זאָל זען", אין יום־טוב־טעג, דע־פּילאַדעס פון יידישע סאָלדאַטן.

אין דער יהושע־בן־נון־גאַס, נישט ווייט פונעם ברעג פון גרינעם ירקון, האָבן מיר געפונען — ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די אינערלעכע רדיפות — אַ קליין איזאָלירט הייזל, מיט אַ פאַרוואָרלאָזטן גאָרטן פון פראַנט און אַ פרדס מיט פאַרפוילטע פרוכטן פון הינטן. יעקב מערידאָרס טביעת־עין האָט געזאָגט, אַז דאָס אָרט איז גוט פאַר דעם, וועמען צוויי פּיסיקע הינט זוכן אַרום. עס איז גוט, נישט געקוקט אויף דער נאָענטער שכנותשאַפט פון די פיר־פּיסיקע הינט.

איך האָב געהאַט באַוואָרענישן. דאָס הייזל האָט מען נישט געקענט דינגען. די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען עס צו קויפן. צי האָב איך געקענט דערלויבן, אַז פאַר מיין „קוואַרטירונג" זאָל אויסגעגעבן ווערן אַ סומע פון עטלעכע טויזנט פונט פון דער אָרעמער „ארגון"־קאַסע? די חברים, זייער באַזאָרגט צוליבן מאַנגל פון זיכערקייט אין האסידאַף־קוואַרטאַל, האָבן געפונען אַן עצה פאַר מיין עקשנותדיקער קעגנערשאַפט. מאיר כהן, וואָס איז צוליב דעם צוועק געוואָרן אַ ירושלימער חשובער איינוווינער, גאָלדהאַמער, האָט אָפּגעקויפט דאָס הייזל. נאָך דעם האָב איך מיט גאָלדהאַמערן אונטערגעשריבן אַ שכירות־קאָנטראַקט אויף צוויי יאָר. שפּעטער האָט גאָלדהאַמער פאַרקויפט „זיין הויז" אַן עגיפּטישן יידן, וועלכער האָט בלית־ברירה מסכים געווען צו באַשטעטיקן דעם שכירות־קאָנ־טראַקט אויף צוויי יאָר (אָבער נאָר אויף צוויי יאָר) און אַלץ האָט זיך איינגע־אָרדנט. ס'איז אַוועק פון שכונת־האסידאַף ישראל האַלפּערן, וועלכער האָט זיך געגרייט טאָג און נאַכט צום אַדוואָקאַט־עקזאַמען און ס'איז געבוירן געוואָרן אויף די ברעגעס פון ירקון ישראל סאַסאָווער.

די ענדערונג איז באַשטאַנען נישט נאָר אין דעם נאָמען און אין אָרט. ס'איז אויך אַריינגעטרעטן אַן ענדערונג אין אויסערלעכן אויסזען און אינעם לעבנ־שטייגער. די חברים האָבן באַשלאָסן, אַז די ענדערונג פון דער „טשופּרינע" און דאָס זיך לאָזן וואַקסן וואָנסעס וועלן נישט זיין גענוג כדי די שפּיאָנען־אויגן, בפרט די יידישע, זאָלן נישט דערקענען. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך דאַרף אַלט ווערן. און אַזוי ווי דער קאַמופלאַזש אין אונטערגרונט איז דאָס העכסטע געבאָט — בין איך „אַלט" געוואָרן. איך האָב אַרויפגענומען אויף זיך נאָך אַ צען־פופצן יאָר און זיך געלאָזט וואַקסן — אַ באָרד.

דאָס איז נישט געווען אַזוי פשוט. אַ באָרד וואַקסט נישט אַן איבער נאַכט, ביים אַריבערפירן די קיך־מאַשינקעס פון דרום פּתח־תקווה אויף צפון תל־אביב. עס איז נייטיק צייט. אָבער ווו נעמט מען צייט? אין האסידאַף־קוואַרטאַל בין איך געקומען מיט יורידישע ביכער און אָן אַ באָרד. דאַקעגן אין נייעם קוואַר־טאַל האָב איך געדאַרפט דערשיינען אָן ביכער אָבער מיט אַ באָרד. די ביכער קען מען אַוועקוואַרפן. אָבער וואָס וועט זיין מיט דער באָרד? מ'האָט געפונען די תשובה. זי איז געווען אַ טראַגישע, ווייל אַן אמתע. די שכנים אין האסידאַף־קוואַרטאַל האָט מען דערציילט, אַז לויטן מנהג טאָר איך מיך נישט שערן און ראַזירן דרייסיק טעג... און נאָך דרייסיק טעג בין איך געוואָרן „ישראל סאַסאָ־ווער", אַביסל אַ מאָדערנער רב, אַביסל אַן עסקן פון הפּועל המזרחי, און אַ שטיקל „חוזר בתשובהניק", און צוזאַמען מיט מיין פרוי און זון זענען מיר אַריבער ווווינען אין צפון תל־אביב.

די באָרד און דעם „מעמד" וואָס זי האָט מיר פאַרשאַפט, האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט געוויסע פליכטן. שוין דעם ערשטן טאָג ווי מיר זענען אָנגעקו־מען אויפן אָרט, האָט מיך ר' שמחה, דער שמש פון שול, געבעטן צו קומען

משלים זיין אַ מנין צום דאַוונען אין אַ פאַמיליע פון אבלים אין דער שכונה. אַ האַרציקע משפחה, מיט דריי זין ווי יונגע צעדערביימער און אַ טאָכטער אַ קראַסאַוויצע. באַלד בין איך אויך געבעטן געוואָרן צו זיין אַ שטענדיקער דאַווענער אין דער נאָענטער שול. די קליינע שולעכל איז געוואָרן אַ טייל פון מיין לעבן אין איינער פון די שווערסטע תקופות פון אונדזער קאַמף.

די מתפללים אין דער שול זענען יידן פון פאָלק. בעלי־מלאכות, שאָפערן, קרעמערס, אַרבעטערס. זיי היטן אָפּ די סאָלידאַריטעט און די געוויינלעכע מחלוקתן פון די בית־מדרש־גייער פון אַמאָליקע צייטן. זייער שול האָבן זיי אָפּגעהיט ווי דאָס אויג פון קאָפּ. זיי האָבן געשאָפן אַ באַשיידענע קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף, אַ „גמילות חסדים"־קאַסע און יעדן שבת און יום־טוב זענען די עולים־לתורה מנדב פאַר דער שול אָדער פאַר דער „קאַסע" און אַזוי העלפן זיי איינער דעם אַנדערן אין אַ שווערער שעה. צווישן די דאַווענערס איז אויך דאָ דער לערער און באַקאַנטער שרייבער, ה' אריגאַר, אַ תלמיד־חכם וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט תורה. גייט טייל מאָל צו צום בעלעמער דאַווענען און דעריבער האָט זיך מיין קליינער זון איינגעוווינט אים צו רופן „דער חזן".

די דאַוונערס האָבן אויפגענומען זייער נייעם שכן, ווי יידן זענען געוווינט אויפצונעמען אַ גאַסט: מיט העפלעכער נייגעריקייט. מ'האָט מיר געשטעלט אַביסל פראַגעס. איך האָב געענטפערט וואָס כ'האָב געענטפערט. איך האָב באַקומען מיין סטאַבילן אָרט און פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן איינער פון זיי. נאָך דעם האָב איך געהערט פון אונטער די קוליסן, אַז ווען די ענגלענדער וואָלטן נאָך געבליבן צען יאָר אין ארץ־ישראל, וואָלט איך עולה לגדולה געוואָרן און וואָלט אפשר זוכה געווען צו זיין אַ צווייטער העלפער צום ערשטן פאַרטרעטער פון גבאי שלישי. איך בין, הייסט עס, געווען גענוג „פּאָפּולער" אין שול, כאָטש כ'האָב זיך נישט באַטייליקט אין קיין שום פּאָליטישע דיסקוסיעס... און אפשר אַ דאַנק דעם. צו וואָס האָבן זיך די ענגלענדער געאיילט אַוועקצוגיין?

עס זענען, פאַרשטענדלעך, געווען אויך אומאנגענעמלעכקייטן און סכנות. אַמאָל האָט מיך ר' שמחה באַזוכט אין שטוב און מיך איינגעלאַדן מקיים צו זיין אַ מצווה: צו פאָרן מיט אים אין ראַבינאַט און עדות זאָגן, אַז אונדזער קצב איז אַ כשרער ייד, דאָס הייסט, אַז דאָס פלייש וואָס ער פאַרקויפט אין זיין יאַטקע איז כשר. „אייך וועט מען גלויבן, ר' ישראלי!" — האָט מיר ר' שמחה געזאָגט, כדי מיך צו איבערצייגן אַז ס'איז כדאי איך זאָל גיין עדות זאָגן. כ'ווייס נישט צי אין ראַבינאַט וואָלט מען מיר געגלויבט; איך ווייס, אַז דער קצב איז אַן אָרנטלעכער מענטש, אָבער גיין אין מיטן טאָג איבערן שטאָט און שטייז פאַר אַן אויספאָרשונג פון יידישע דיינים — אַזאַ „אָפּעראַציע" איז געווען אַביסל צו שווער פאַר „ישראל סאַסאָווער". דער גוטער ר' שמחה האָט זיך איינגעעקשנט און איך האָב געמוזט געפינען פיל תירוצים, כדי אים צו דערקלערן, אַז כ'קען נישט דערפילן די שליחות־מצווה, וואָס ער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט.

אַ געפערלעכע זאַך איז מיר געשען אין צוזאַמענהאַנג מיטן לייענען די תורה. כ'האָב ליב זיך איינצוהערן ווי מ'לייענט די תורה. אין אונדזער שולעכל דאַווענט אַ שוחט, אַן עלטערער מענטש, וואָס האָט אַן אנגענעמע שטימע און האָט ליב צו לייענען די תורה. איך ווידער האָב געטראַכט אַז ס'פּאַסט נישט פאַר „אַזאַ יידן ווי איך" צו קומען אין שול, אָן אַן אייגענעם חומש. כ'האָב דעריבער געבעטן מיינע חברים מיר צו ברענגען דעם תנ"ך. מאיר כהן האָט געזאָגט. אַז פאַר „אַזאַ יידן ווי מיין שטייגער" פּאַסט עס אַז ביי מיר אין הויז זאָלן זיין דווקא אַלטע ספרים. דעריבער האָט ער מיר געבראַכט אַ תנ"ך, אַ געדרוקטן אין ביינצנטן יאָרהונדערט. מיר האָבן נישט באַמערקט, אַז די ספרים זענען מיטן „ביאור", וואָס איז ווי באַקאַנט טריף־פּסול פאַר פרומע יידן. איך בין געזעסן מיט מיין ספר „בראשית" נעבן אַן אַלטן יידן און נאָכגעזאָגט נאָכן בעל־קריאה די פרשת־השבוע. און אָט קוקט אַריין מיין שכן אין מיין ספר און אַ געשריי רייסט זיך אַרויס פון זיין מויל: „סאַסאָוועך, וואָס איז מיט אייך, ווי קומט צו אייך אַזאַ חומש? עס טאָר דאָך נישט זיין אין אַ יידיש הויז!" איך בין מבולבל געוואָרן. ווי עס איז, האָב איך מיך אַרויסגעדרייט פון דער סכנה און זינט דע־מאָלט האָב איך שוין מער נישט געבראַכט אין שול דעם חומש מיטן „ביאור".

עפּעס ענלעכס איז מיר געשען ביי איינעם פון אונדזערע געמיינזאַמע „שיעורים". אויך די שיעורים, שבת פאַרן דאַווענען און צווישן מנחה און מעריב, האָב איך זייער ליב. אַמאָל האָבן מיר געלערנט „פשוטן חומש", אַמאָל פּרקי־אבות און אַמאָל אַ פּרק משניות. די דאָזיקע באַשיידענע שיעורים, אין וועלכע ס'האָבן אָנטיילגענומען כמעט אַלע מתפללים, האָבן מיר ווידער באַוויזן וואָס פאַר אַ דורשט נאָך וויסן יידן האָבן. די מענטשן האָבן שווער געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, נאָר שבת זענען זיי געקומען צום „רבין" און געוואָלט הערן פון אים תורה און פלעגן ענטפערן אויף זיינע עקזאַמינירנדיקע פראַגעס ווי עס ענטפערן פלייסיקע שילער. ביי איינעם פון די שעורים האָבן מיר אָנגעטראָפן דעם נאָמען העלענאַ, די קעניגין פון דער חשמונאים־פאַמיליע, וואָס האָט גע־האָלפן פאַרברייטערן און פאַרשענערן דעם בית־המקדש. האָבן די פאַרזאַמלטע געפרעגט ווי קומט אַ יידישע מלכה צו הייסן העלענאַ? דעם רבין, אַ תלמיד־חכם, אַ בקי אין ש"ס און פוסקים, איז אָנגעקומען שווער צו געבן אַ תשובה אויף דער פראַגע, ווייל זי האָט פאַקטיש געהאַט צו טאָן מיט „חכמת יוון" (גריכישער וויסנשאַפט). כ'האָב נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און זיך אַרויסגעכאַפּט אַז דער נאָמען איז אַ גריכישער און אַז אין יענער תקופה האָבן זיך צוגעקלעפּט אַזעלכע נעמען צו אונדזער פאָלק. מיינע שכנים, די דאַווענער, האָבן נישט באַ־האַלטן זייער פאַרוואונדערונג וואָס איך בין פּלוצלינג געוואָרן אַזאַ „ידען". סאַ־סאָוועך איז געווען באַקאַנט אין שול כמעט ווי דער פּערטער זון אין דער אגדה. „סאַסאָוועך — האָבן עטלעכע אַ פרעג געטאָן — פון וואַנען ווייסט איר דאָס?" די נאַאיווע פראַגע האָט מיך צעמישט מער ווי אַלע פראַגעס פון די פּראָפע־

סאָרן ביי די פאַרשיידענע עקזאַמענס. טאַקע, פון וואַנען האָב איך געקענט וויסן אַזאַ זאַך? מיט שוועריקייט האָב איך פאַרטושט דעם איינדרוק, כדי נישט צו געבן קיין געלעגנהייט אויף ווייטערדיקע פראַגעס און כ׳האָב מיך צוריקגעקערט צום „סטאַטוס״ פון אַ צוהערער וואָס רעדט נישט און איז אַן אינו יודע לשאול.

ס׳איז שווער צו זאָגן, וואָס מיינע שכנים האָבן געטראַכט וועגן מיר און מיין באַשעפטיקונג. ס׳דאַכט מיר אַז זיי האָבן געמיינט, אַז כ׳האָב באַקומען אַ גרויסן נדן פון מיין ווייב. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַר־שטעלן, אַז איך בין מסוגל צו אַרבעטן. אויף מיין ווייב האָבן די שכנים און באַ־זונדערס די שכנטעס רחמנות געהאַט: „אַ יונגע ווייבל, נעבעך, מ׳האָט איר מן הסתם געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט דעם בטלן „דעם ישיבה־בחור״.

אין דעם הויז איז מיר געבוירן געוואָרן מיין טאָכטער, חאסיה, אויף מיין מאַמענס נאָמען. די נאַציס האָבן זי דערמאָרדעט אין שפּיטאָל אין בריסק. וועגן דעם געבורט פון מיין טאָכטער חאסיה האָבן געוווּסט נאָר אַ האַלב טוץ פון מיינע פריינד. דאָס איז געווען איינער פון אונדזערע גרעסטע סודות. דער אונטער־גרונט דערלויבט נישט צו טרויערן ביי אַן אומגליק און זיך פרייען ביי אַ שמחה. מיין טאָכטער האָט געענדערט אונדזער „מעמד״. די ענגלענדער, וועלכע האָבן געזוכט לאַנגע יאָרן מיין פרוי, כדי דורך איר צו פאַקן מיך, האָבן געזוכט „אַ פרוי מיט אַ קינד״. איצט איז מיין פרוי געוואָרן אַ מוטער פון צוויי קינדער. די ענגלענדער זענען אין גאַנצן מבולבל געוואָרן. ווו איז די פרוי מיטן ייִנגעלע? זיי האָבן פאַרלוירן אירע שפּורן.

חאסיה איז געבוירן געוואָרן ווי אַ „טאָפּלט אומלעגאַלע״. נישט נאָר וואָס כ׳האָב איר נישט געקענט געבן מיין ריכטיקן נאָמען, אפילו מיין געבאָרגטן נאָ־מען האָב איך איר נישט געקענט באַרגן. אין שפּיטאָל האָט מען נישט געטאָרט וויסן, אַז ס׳עקזיסטירט אַ „סאָסאָוור״, און אַז ער ווינט אויף יהושע בן־נון. אויך אין שפּיטאָל האָב איך נישט געקענט גיין מקבל פּנים זיין מיין טאָכטער. ישראל עפּשטיין, מיין ברודער פון גייסט, האָט אויף זיך גענומען די שווערע שליחות. ער האָט אויסגעבאָרגט זיין נאָמען מיין פרוי און מיין טאָכטער. דאָס האָט שיעור נישט געבראַכט צו אַן ערנסטער מיספאַרשטענדעניש. אין דעם זעל־ביקן שפּיטאָל און אין דער זעלביקער צייט האָט אַ פרוי, וואָס האָט אויף אַן אמת געהייסן עפּשטיין, געבוירן אַ זון. ווען ישראל איז געקומען אין שפּיטאָל, איז אים אַרויס אַנטקעגן די שוועסטער מיט אַ שיינענדיקן פּנים און אים אָנגע־זאָגט די בשורה:

— מזל־טוב, מזל־טוב, הער עפּשטיין. אייער פרוי האָט געבוירן אַ זון!

די אויפפירונג פון גליקלעכן „פאָטער״ איז געווען אַביסל משונהדיק אין די אויגן פון דער גוטער שוועסטער. אַנשטאָט צו בעטן דערלויבעניש צו זען זיין ווייב די קימפּעטאָרין מיט איר זון, איז ער באַלד אַוועק און געלאָפן אָנזאָגן אי־מיצן, וואָס איז געווען ווייט און נאָענט, אַז ס׳איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון.

דער טייערער ישראל! נאָכדעם האָט זיך אויפגעקלערט די מיספאַרשטענדעניש, און מיר האָבן זיך זייער געפרייט. אַ „ברית" איז אַ צו קאָמפּליצירטער ענין פאַר מענטשן אין אונטערגרונט.

אָבער וואָסערע עס איז פייערונג קומט דאָך אויך אַ טאָכטער, ווען זי ווערט געבוירן ביי יידישע טאַטע־מאַמע. צי קען „אַזאַ ייד ווי איך", וואָס אים איז מיט מזל געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער, נישט מאַכן קיין „קידוש" פאַר די דאַוונען? אוודאי דאַרף מען מאַכן אַ „קידוש". שבת בין איך עולה לתורה געווען און דער גוטער גבאי האָט געמאַכט אַ „מי שברך" —

ויקרא שמה בישראל?

— חסיה בת ישראל.

— מזל־טוב, מזל־טוב, ה׳ סאָסאָוער! — האָבן די יידן געזאָגט דריקנדיק מיר וואַרעם די האַנט.

— מזל־טוב, מזל־טוב, ר׳ ישראל! — האָט דער אַלטער ר׳ שמחה געזאָגט.

אַ יידישע שמחה האָט אָנגעפילט די קליינע שול. אַ פרייד האָט אָנגעפילט מיין האַרץ. ווי דאַנקבאַר איך בין די דאָזיקע גוטע יידן, וועלכע האָבן אָנטייל־גענומען אין מיין שמחה, ווען כ׳בין איינזאַם. איך בין געשטאַנען גערירט און אַביסל פאַרשעמט.

נאָכן דאַוונען איז געווען אַ „קידוש" כדת וכדין. אַפילו הערינג מיט קליי־נענקע העלצלעך האָט צוגעגרייט די טרייע האַנט אין אונטערגרונט. די מתפללים האָבן געזאָגט, אַז ס׳איז געווען איינער פון די גוטע „קידושים" וואָס די שול האָט געהאַט. איך בין געווען זייער שטאָלץ מיט זייער קאָמפּלימענט. כ׳בין פשוט רויט געוואָרן אונטער מיין שוואַרצער באָרד. אויך דער רב פון דער שכונה, אַ תלמיד־חכם, מיט צוויי ברענענדיקע אויגן ווי קוילן, האָט זיך באַטייליקט אין דער שמחה. ער האָט געטרונקען „לחיים", געדריקט אַלע מתפללים די הענט און געזאָגט צו מיר:

— מזל־טוב, ר׳ ישראל. מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה!

אויך פרייד איז געווען אין אונדזער היים.

צוויי מאָל זענען די ענגלענדער געווען געפערלעך נאָענט צום דאָזיקן הויז. דער ערשטער פאַל איז געשען אין דער תקופה פון דער געמיינזאַמער רעזיס־טאַנץ־באַוועגונג. אין יענע טעג האָט די „הגנה" אויפגעהערט צו זיין אַ האַלב־לעגאַלע, ווי זי איז געווען אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ הינטער דער בריטי־שער הערשאַפט. די בריטישע פּאָליציי האָט אָנגעהויבן זוכן די לאַגערן פון דער „הגנה". איינער אַזאַ לאַגער איז געווען פונקט קעגן אונדזער הויז. אין דער גאַנ־צער סביבה האָט מען דערפון געוווסט.

אין איינער אַ נאַכט האָט אונדז אויפגעוועקט אַ גערויש פון שווערע אויטאָס און שטימען:

(איינס, צוויי, דריי).

דורכן לאָדן האָב איך געזען די פּאָליציי־אויטאָס. די ענגלענדער האָבן נישט אויפגעהערט צו פּאַרלייכטן די סביבה (און מיט דעם — אונדזער קליין הייזל), מיט רעפלעקטאָרן. זיי זענען געווען נערוועז. כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, נישט גע־קענט וויסן, צי זיי זענען געקומען נאָר צו יענעם לאַגער, אָדער זיי האָבן בדעה צו מאַכן רעוויזיעס אין אַנדערע הייזער אויך. אָבער אויך דאָ, אַזוי ווי אין חאַסי־דאַף־קוואַרטאַל, איז נישט געווען קיין ברירה. מ׳האָט געדאַרפט וואַרטן געדול־דיק און זען וואָס ס׳וועט אַרויסקומען. אָבער ראַקסי האָט נישט געהאַט קיין גע־דולד. זי האָט געוואָלט תיכף אַרויסטרייבן די ענגלענדער. און זי האָט זיי נאָר געקענט אַריינברענגען.

ראַקסי — איז אַ הינטל. פון וואַנען קומט צו ר׳ ישראל סאַסאָווערן אַ הונט? אַ ייד מיט אַ באָרד ווי ר׳ ישראל סאַסאָווער דאַרף אפשר מורא האָבן פאַר אַ הונט און נישט האַלטן אַזאַ אין שטוב ביי זיך! בעצם, אַ גערעכטע טענה, און ראַקסי האָט נישט איין מאָל געבראַכט צרות. אָט גייט זיך סאַסאָווער ערב־שבת מיט זיין זון אין שול און — ראַקסי נאָך אונדז. ס׳איז נישט שיין. אָבער וואָס טוט מען? ראַקסי איז געקומען צו אונדז פון מרחקים און האָט בשום אופן אונדז נישט געוואָלט אָפּלאָזן. איר אייגנטימער איז געווען דער פריערדיקער בעל־הבית. ער האָט זי פאַרלאָזן און זי, די פיקחית, איז נאָך פיל וואַנדערונגען געקומען צוריק צו זיך אַהיים. די קינדער פון דער סביבה האָבן איר באַלד דער־קענט. ווי האָט מען זי געקענט אַוועקטרייבן?

ראַקסי האָט אַלעמען ליב געהאַט, אַ חוץ די בריטישע פּאָליציסטן. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ אַנטי־בריטישע באַשעפעניש. מ׳קען מיך נישט חושד זיין, אַז איך האָב זי דערצויגן פיינד צו האָבן ענגלענדער. וואָלט זיך עס געווענדט אין מיר, וואָלט איך איר דווקא געלערנט מסביר־פנים זיין די ענגלענדער. זי איז וואַרשיינלעך געבוירן געוואָרן אַן אַנטי־בריטישע. ווייל אַנ־דערש קען מען נישט דערקלערן פאַרוואָס ראַקסי, וואָס איז אַזוי איינגעהאַלטן לגבי יעדן מענטשן, איז מרעיש עולמות ווען זי דערפילט אפילו פון וייטן אַ בריטישן פּאָליציסט אָדער סאָלדאַט. ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין אונדזער הויז, ווען פונקט אַנטקעגן, ממש אויף אונדזער שוועל, שטייט אַ גאַנצע אָפּטיילונג בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע וואַגן נאָך הויך צו ריידן, און ראַקסי פאָדערט זיי זאָלן זיך תיכף אָפּטראָגן. ס׳איז געווען ממש אַ גיהנום. נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן איז אונדז נישט געלונגען צו באַרו־איקן ראַקסין, וואָס וועלנדיק אַוועקטרייבן די ענגלענדער, האָט זי נאָך צוגע־צויגן זייער אויפמערקזאַמקייט — צו איר בעל־הביתס הויז. כ׳האָב דעמאָלט פיינד געהאַט ראַקסין מער נאָך ווי זי האָט פיינד געהאַט די ענגלענדער. אָבער קיין מכשול איז נישט געשען. באַגינען האָט ראַקסי דערגרייכט איר ווונטש: די ענגלענדער האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

דער צווייטער פאַל איז געווען פיל ערנסטער. ער איז געשען ביים סוף פון

דער תקופה פון דער פּאַראייניקטער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג. אָבער דאָס געהערט שוין צום קאַפּיטל פון קינג־דייוויד האָטעל, וועגן וועלכן מיר וועלן אויספיר־לעך דערציילן אין אַ ווייטערדיקן פּרק.

אויף דער יהושע בן־נון־גאַס בין איך קראַנק געוואָרן. דאָס אייגציקע מאָל אין אַלע מיינע יאָרן פון אונטערגרונט. מיין גוף האָט פּלוצלינג פּראָקלאַמירט אַ הונגער־שטרייק. דער קערפּער האָט מורד געווען אין מיר און לאַנגע וואָכן נישט געוואָלט אָננעמען קיין עסן. ווייזט אויס, אַז דאָס איז געקומען צוליבן פּערמאַ־נענטן לופט־מאַנגל. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אין משך פון אַ געוויסע צאָל יאָרן האָב איך נישט געוווסט וואָס עס הייסט אַ שפּאַציר און פון דעם שטאַנד־פּונקט בין איך געווען מער אַרעסטאַנט פון פיל אַנדערע אַרעסטאַנטן. די חברים זענען געווען באַזאָרגט. באַזונדערס האָט זיך זייער זאָרג געשטאַרקט, ווען כ׳האָב אויפגעהערט אפילו צו טרינקען טיי. דאָס איז אַ סימן מובהק פון אַ קראַנקהייט. אברהם האָט געפאָדערט צו רופן אַ ספּעציאַליסט, דעם באַרימטן ד״ר צאַנדעק. כ׳האָב פּראָטעסטירט. כ׳בין געווען זיכער, אַז די צרה וועט איבערגיין פון זיך אַליין. פון דער צווייטער זייט איז דער פאָרשלאַג געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו די אונטערגרונט־געזעצן. אָבער אברהם האָט זיך איינגעעקשנט. ס׳האָבן אים אונטערגעהאַלטן מאיר און זיין הויז־דאָקטאָר. ד״ר צאַנדעק איז געקומען. איך גלויב אַז ער האָט געפונען, אַז ס׳פעלט מיר גאָרנישט, אויסער פרישע לופט. ער האָט פאַרשריבן גוטע רפואות און מיר געגעבן נאָך אַ בעסערע עצה:

— ה׳ סאַסאָווער, וואָס זיצט איר גאַנצע טעג און לערנט? מ׳דאַרף אַביסל שפּאַצירן. מ׳דאַרף אָטעמען לופט!

ד״ר צאַנדעק האָט נישט געוווסט אַז כ׳האָב געקענט אפשר אָננעמען אַלע זיינע מעדיצינישע עצות, נאָר גראַד די עצה האָב איך נישט געקענט אָננעמען. די צרה איז פונדעסטוועגן אַריבער.

אין די צייטן פון מיין לעבן אויף דער יהושע בן־נון־גאַס זענען ביי אונדז געשען שטאַרקע וויכטיקע זאַכן. אין יענע טעג זענען די רדיפות פון אונדזערע פאַרפירטע ברידער דערגאַנגען צום הויך־פּונקט. ס׳איז איבערגעענטפערט גע־וואָרן צו די ענגלענדער יעקב מערידאָר. ס׳איז געקידנעפּט געוואָרן אליעזר. עס זענען געכאַפּט געוואָרן אַנדערע אונדזערע מפקדים, און מ׳האָט געמוזט אי־בערהאַלטן. מ׳האָט געמוזט „אַראָפּלאָזן" טיפער דעם אונטערגרונט. אין יענע טעג איז אויך געקומען אַ סוף צו די רדיפות. ס׳האָט אויפגעשיינט די זון פון דער קעמפנדיקער איינהייט. עס איז אַנטשטאַנען די רעזיסטאַנץ־באַוועגונג. אין יענע טעג איז דורכגעפירט געוואָרן די אָפענסיווע אויפן שטאַב פון דער בריטישער אַרמיי און דער רעגירונגס־צענטראַלע אין האָטעל פון מלך דוד און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורעם פון מלך־דוד־האָטעל... דעמאָלט איז געקומען דער סוף צו דער קעמפנדיקער איינהייט. אין יענע טעג האָבן מיר פון תלינס הענט אַרויס־געריסן צוויי צום טויט פאַראורטיילטע קעמפער. אין יענע טעג האָבן מיר גע־

געבן דעם אונטערדריקער מעכטיקע קלעפּ און דער אויפשטאַנד האָט אויפגע־פלאַקערט מיט אַ גרויסן פלאַם.

דאָס קליינע הייזל אין צפון פון תל־אביב!

איין מאָל בין איך אַוועק אין דער יהושע בן־נון־גאַס, צו די שכנים און צו דער שולעכל. אָט זענען די זעלביקע קליינע הייזלעך, כאָטש עס זענען צוגעקו־מען אויך גרויסע בנינים — אויפן אָרט פון די פּרדסים וואָס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן. אָט זענען די זעלביקע גוטמוטיקע מענטשן, די זעלביקע קינדער, וואָס קריכן אויף פּאַרקאַנעס און דעכער, און די זעלביקע גבאים, וועלכע זענען עוסק בצרכי ציבור באמונה און אויך דער אַלטער ר׳ שמחה דער שמש לעבט. די קינ־דער זענען אַביסל עלטער געוואָרן און די אַלטע זענען אַביסל איינגעבויגענער געוואָרן. אָבער כמעט גאָרנישט האָט זיך געענדערט. און ס׳האָט זיך דאָך אַ ל ץ געענדערט!

די שכנים און די דאַוונערס האָבן מיך אויפגענומען מיט האַרציקער וואַ־רעמקייט. יעדער איינער האָט דערמאָנט זכרונות. געדענקט איר, הער... — ער וויל זיך אַרויסכאַפּן מיטן נאָמען סאסאוועד — געדענקט איר די גרויסע רע־וויזיע?

— אַוודאי, אוודאי, הער גרינבערג, ווי זאָל איך נישט געדענקען?

— און איר געדענקט?

אַזוי ציט זיך די לענטע פון די זכרונות און די שמחה איז גרויס, ווייל דאָס זענען שוין נישט מער ווי זכרונות. און אויך מיט אַ „קידוש״ האָט מען מיך מכבד געוועןביים גבאי ראשון. די גוטע מענטשן האָבן, ווייזט אויס, נישט גע־וואָלט בלייבן קיין „בעלי חובות״ און באַשלאָסן מיר אָפּצוגעבן דעם „קידוש״ וואָס כ׳האָב געמאַכט לכבוד האסיאס געבורט. ווידער האָבן מיר צוזאַמען גע־טרונקען „לחיים״ און געווונטשן איינער דעם אַנדערן אַ גאולה שלמה.

אין דעם פריילעכן שבת בין איך געזעסן אין דער זעלביקער שול, אויף דער זעלביקער באַנק קעגן „מזרח״, צווישן די זעלביקע מתפּללים פון מיין רעכטער און לינקער זייט און אין מיין האַנט — דער זעלביקער „סידור״, פון וועלכן כ׳האָב מתפּלל געווען צום גאָט פון ישראל אין די טעג פון אויפשטאַנד, באַלאַ־גערונג און אימה. כ׳האָב מיך צוגעהערט צו דער תפילה, צוגעמאַכט די אויגן און זיך ווידער געפרעגט:

— איז עס אַ חלום, ציווירקלעכקייט?

נישטאָ קיין ענגלענדער, נישטאָ קיין באַרד. נישטאָ קיין סאָסאָוועד. נישטאָ מער קיין מורא „טאָמער מ׳וועט זיך דערוויסן״. און דאָס אַלץ איז דאָך געווע־ען נעכטן. ערשט נעכטן!

און ווידער קומען אַרויף אויפן זכרון יענע טעג, די גרויסע און שרעקלעכע טעג פון פרייד און פון אומעט, וואָס נאָך זיי זענען געקומען — שוין אויף אַן אַנדערן אָרט — נאָך מער טעג פון אומעט און ווייניקע טעג פון שמחה.

ז.

אָנהייב 1947 האָב איך געמוזט פאַרלאָזן דאָס הויז אויפן יהושע בן־נון־גאַס. ערשטנס, האָט זיך געענדיקט דער שכירות־קאָנטראַקט, וואָס כ׳האָב אונטערגעשריבן מיטן „הער גאָלדהאַמער״. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר. דעציִדירט האָבן די באַדינגונגען וועלכע האָבן זיך געענדערט. דער בעל־הבית האָט באַשלאָסן צו בויען אַ האָטעל אנשטאט דעם גערטנדל, וואָס אַרום אונדזער הויז. ס׳איז שווער צו לעבן אין אונטערגרונט אין שכנות פון אַ האָטעל. דאָס איז שוין אַ „צו אָפענער אונטערגרונט״. אונדזער אינפאָרמאַציע־דינסט האָט באַקומען די ידיעה, אַז די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אַן אויג אויף דער סביבה. און צום סוף: די מענטשן פון דער „הגנה״ האָבן געקענט מיין באָרד. כל זמן ס׳איז געווען אַ קעמפנדיקע אייניקייט — האָט נישט געאַרט. אָבער ווען די וועגן זענען זיך ווידער פונאַנדערגעגאַנגען — די „הגנה״ האָט אָפּגעשטעלט איר קאַמף, און דער „ארגון״ האָט אים פאַרשטאַרקט — איז בעסער אַז די „הגנה״־מענטשן זאָלן נישט וויסן ווי כ׳זע אויס. אַזוי מיינדעסטנס האָבן געמיינט מיינע חברים, און איך האָב געדאַרפט פאָלגן זייער עצה. ס׳האָט זיך, הייסט עס, ווידער געענדיקט איין קאַפּיטל און אָנגעהויבן אַ גאַנץ נייער קאַפּיטל. ס׳איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון יהושע בן־נון־גאַס ר׳ ישראל סאַסאָווער און ס׳איז געבוירן געוואָרן אויף דער גאַס יוסף אליהו, אין סאַמע מיטן פון תל־אביב, ד״ר יונה קעניגסהאָפער.

על־פּי צופאַל האָבן די חברים אין אַ ביבליאָטעק געפונען אַ פּאַלעסטינעזישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון ד״ר יונה קעניגסהאָפער. דער נאָמען איז אַביסל געווען צו לאַנג, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה: ער איז געווען ריין „דייטש״. אַזאַ נאָמען שמעקט מיט לאָיאַליטעט און אָפּהיטן דאָס געזעץ. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צוצופּאַסן דעם פּאַספּאָרט פּאַר מיר, אָדער גענויער, צוצופּאַסן מיין נייעם בילד צום פּאַספּאָרט. שפּעטער איז אויך געלייזט געוואָרן דער וווינונגס־פּראָבלעם. מאיר כהן, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך פולן צוטרוי ווי אַ „פּאַרמעגלעכער סוחר״, האָט געדונגען די וווינונג אונטער אַ נייעם געבאָרגטן נאָמען פּאַר זיין „שוואָגער״ וועלכער האָט צוליב זיין קראַנקייט נישט געקענט קומען פערזענלעך אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט. די דירה איז געווען נעבן „הבימה״ טעאַטער. ווי האָט מאיר געזאָגט? דאָס פינצטערסטע אָרט איז אונטערן לאָמפּ.

די לעצטע נאַכט, איידער מיר זענען אַריבער אין דער נייער וווינונג, האָב איך אָפּגעשוירן מיינע האָר. נישטאָ מער קיין באָרד. אויס סאַסאָווער! איך בין יינגער געוואָרן מיט צען יאָר. אָבער די ערשטע טעג האָב איך מיך געפילט משונהדיק. מיין זון האָט מיך דערקענט בלויז לויט דער שטימע. ער האָט געזאָגט צו זיין מוטער:

— אמא, כ'האָב געמיינט, אַז אַ פעטער איז געקומען צו אונדז!

אָבער ער האָט נישט געפרעגט קיין סך קשיות. ס'איז אינטערעסאַנט: דאָס קינד, וואָס האָט ווי אַלע קינדער אונדז געפּיינִיקט מיט אַלע מינים פראַגעס, האָט נישט קיין סך געפרעגט וועגן „די ענינים". ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן זיין טאַטנס לאַגע, אָבער ער פלעגט אים געפינען פאַרמיטאָג אין שטוב, נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע טאַטעס, און ער האָט אים געזען אַמאָל מיט אַ באָרד און אַמאָל אָן אַ באָרד. פונדעסטוועגן, האָט דאָס ייִנגל געשוויגן. ווער ווייסט, אפשר האָט ער עפּעס אינסטינקטיוו געשפּירט? אַ פאַקט, כאָטש ער האָט גע־ווּסט ווער עס זיצט הינטער דער פאַרמאַכטער טיר, האָט ער עס קיין מאָל נישט אויסגעזאָגט די, וועלכע פלעגן אַריינקומען צו אונדז. יעדעס מאָל פלעגט ער מיר פרעגן שטיל און מיט אַן איראָנישן בליק:

— אמת, טאַטע, אַז דו האָסט אַמאָל געהאַט אַ באָרד?

אָבער דאָס איז געווען זיין סוד, אָדער אונדזערער. ער האָט אים קיינעם נישט אויסגעזאָגט. און חאַסיא האָט נאָך נישט געקענט רעדן. פון דער זייט בין איך געווען פאַרזיכערט.

אומדערוואַרט בין איך „פאַרזיכערט" געוואָרן פון אַן אַנדערער זייט. אונ־דזער בעל־הביתטע, ווען זי האָט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל און מיין פּנים איז נאָך געווען „געל" נאָך דער באָרד, האָט באַקומען דעם איינדרוק אַז איך בין אַ שווינדזיכטיקער. דאָס איז געווען פאַר איר, און מיט רעכט, זייער אַן ערנסטע זאַך. און זי האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי איר פאַרדאַכט איז אַ באַרעכ־טיקטער. אַנומלט האָט מען דערציילט דער בעל־הביתטע, אַז מיר זענען געקומען פון פּתח־תקווה. איז זי אַוועקגעפאָרן קיין פּתח־תקווה צו פרעגן אויף איר נייעם לאָקאַטאָר. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אין פּתח־תקווה האָט אויף אַן אמת גע־וווינט איינער אַ קעניגסהאפער, אַ שווינדזיכטיקער, וועלכער האָט פאַרלאָזן די־שטאָט. האָט די בעל־הביתטע געהאַט אַלע באַווייזן, אַז איר נייער לאָקאַטאָר איז אַנגעשטעקט מיט דער געפערלעכער קראַנקייט. די פרוי איז געווען זייער באַזאָרגט. און נישט קיין ווּנדער! אויב איך האָב שווינדזוכט, איז דאָס אפשר אַן אָפענער שווינדזוכט, וואָס שטעלט אין סכנה אַלע וועלכע אָטעמען אַרום מיר די לופט. זי האָט גערופן מיין „שוואָגער" מאיר כהן און אים פאַרגעשלאָגן, אַז זי וועט אים העלפן געפינען אַן אַנדערע דירה, און מינדעסטנס איין זאַך האָט זי געפאָדערט: איך זאָל גיין צו איר דאָקטאָר אויף אַן אונטערזוכונג. מאיר האָט געפּרוּווט מיך איבערצייגן, אַז ס'איז כדאי אָנצונעמען איר צווייטן פאָרשלאָג. אָבער איך האָב מיר געטראַכט: ניין. ס'איז נישט כדאי. אדרבא, זאָל זיך פאַר־שפּרייטן דער קלאַנג אין דער סביבה, אַז איך בין אַ שווינדזוכט־קראַנקער. דאָס וועט זיין זייער געזונט פאַרן געמאַכטן „שווינדזוכטיקן", וועלכער לעבט אין אונטערגרונט. און אַזוי איז עס געווען. אַרום אונדז איז געווען אַ געוויסע אי־

זאַלאַציע־מויער אין דער יוסף בן אליהו־גאַס. איך מוז בעטן אַנטשולדיקונג ביי דער בעל־הביתטע פאַרן עגמת־נפש וואָס כ׳האָב איר פאַרשאַפט.

איך מוז אויך בעטן אַנטשולדיקונג ביי מיין קליינעם זון פאַר די צרות וואָס כ׳האָב אים גורם געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין לעצטן „פאַמיליען־נאָמען". די סאַברעס אין גאַס און אין קינדער־גאָרטן האָבן אים גערופן „קע־ניגס ־ ב לֹ אָ פ ע ר". און די קינדער האָבן נישט געוווּסט, ווי ערנסט עס איז זייער אכזריותדיקער וויץ. אויך די פאַרשיידענע באַאַמטע האָבן שווער אַרויס־געזאָגט מיין לאַנגן נאָמען. איינער פון זיי, וואָס האָט מיך געטראָפן צופעליק אַריינגיין אין הויז, האָט געפרעגט מיט נישט־באַהאַלטענער רוגזה:

— פון וואַנען האָט איר אַזאַ לאַנגן נאָמען, קעניגס — — —

— וואָס קען איך טאָן? אַזוי האָט געהייסן מיין זיידע! — בין איך געווען געצוווּנגען צו ענטפערן.

כ׳בין זיכער, אַז דער באַאַמטער האָט אויסגעדריקט די געפילן פון אַלע זיינע חברים, אויסער איינעם. דער איינער איז געווען דער פאַרשטייער פון פאַריין „לאַסירינו" (פאַר הילף פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע). ער האָט מיך אויך געפונען אין פאָדערשטן צימער פון אונדזער דירה וואָס איז געווען אָפן פון אַלע זייטן, אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיין פאַמיליען נאָ־מען. ער האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל מיך באַטייליקן אין דער גרויסער אַקציע פון הילף פאַר די אַרעסטירטע פון אונדזער פאָלק. איך האָב מסכים געווען. די „לאַסירינו"־געזעלשאַפט קען עס קאָנטראָלירן. איינער פון אירע רעגיסטרירטע מיטגלידער איז געווען קעניגסהאָפער. אָבער איך דאַרף בעטן אַנטשולדיקונג ביים ד״ר יונה קעניגסהאָפער, וואָס נישט פרעגנדיק זיין דערלויבעניש, האָב איך אונטערגעשריבן זיין נאָמען אויף די קוויטונגען פון „לאַסירינו". ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט, אויף וועלכן מיר אַלע האָבן געוואַרט, האָב איך אים תיכף צוריקגעגעבן זיין נאָמען. איך האָף, אַז מיינע חברים האָבן אים אויך צוריקגעגעבן זיין פּאַספּאָרט. און אפשר האָט ער אין צווישן געענדערט זיין דייטשן נאָמען און אים אומגעביטן אויף שרת־מלך?

ווען איך בין געווען יונה קעניגסהאָפער איז מיר געבוירן געוואָרן מיין צווייטע טאָכטער, לאה! אויך זי איז געקומען אויף דער וועלט טאָפּלט־אומלע־גאַל. דער נאָמען אירער, אַזוי ווי איר שוועסטערס, חאַסיאַס נאָמען, האָט גע־מוזט זיין עפשטיין. איבער איר קליינעם קעפל, ממש איבער איר קעפל, זענען געפלויגן די קוילן פון די אַראַבישע מאָרטאַרס פון יפו. מיינע ברכות זענען גע־קומען צו איר פון דער טיפעניש. אויך זי איז געווען אַ „סוד". אפילו קיין „קי־דוש" האָב איך נישט געקענט מאַכן לכבוד איר. און ישראל עפשטיין האָט שוין נישט געלעבט...

ד״ר קעניגסהאָפערס דירה איז געווען די לעצטע סטאַציע אין טונעל פון אונטערגרונט. נאָך מיין ערשטן עפּנטלעכן אַרויסטריט אין ירושלים, זענען די

שכנים דערשטוינט געווען צו זען אין צייטונג, אַז דער מפקד פון אצ״ל איז דאָך „בעניס טאַטע". נישט באַלד האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, געוואָלט גלויבן זייערע אייגענע אויגן. „ווי איז דאָס מעגלעך?" „און מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט? די קינדער אין גאַס האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו בעניך:

— דאָס איז דיין אַבאַ, דאָס איז דיין טאַטע, דו ווייסט?

בעני האָט נישט געוווּסט. ער איז געווען אַביסל צעמישט. זיין טאַטע איז קיין מאָל נישט געווען אין אצ״ל. בעני איז אויך נישט געווען פון די אָנהענ־גער פון אצ״ל. איין מאָל האָב איך מיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך צווישן אים און יפתן, אַ תימנישער יינגל, וואָס האָט געוווינט מיט זיינע עלטערן אין אונ־דזער גאַס, אין די טעג פון מאַסן־אַנטלויף פון יפו. יפת און בעני זענען געווען גרויסע פריינד, אָבער אין „פּאָליטיק" האָבן זיי געהאַט לחלוטין קעגנגעזעצטע מיינונגען. האָט יפת געפרעגט:

— בעני, צו וועמען געהערסטו?

אין יענע טעג איז די פראַגע געווען קלאָר פאַר יעדן יידישן קינד. „גע־הערן", האָט געהייסן זיין אין איינער פון די באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציעס, „הגנה", אצ״ל און לח״י. און בעני ענטפערט נישט טראַכטנדיק אפילו:

— איך געהער צו לח״י.

— אוי, בעני, וואָס זאָגסטו? ס'איז נישט ווערט. ס'איז נישט ווערט.

— טאָ געהער איך צו דער הגנה!

— אוי, בעני, וואָס רעדסטו? דאָס איז גאָרנישט ווערט. איך זאָג דיר, גאָרנישט ווערט. איך געהער צו אצ״ל. דאָס איז ווערט. דער אצ״ל הרגעט אַלע ענגלענדער און אַלע אַראַבער — דאָ האָט יפת געמאַכט פון זיין האַנט און מויל אַ מאַשינען־געווער... טר־טר־טר — אַלע ענגלענדער און אַלע אַראַבער.

נאָך דעם ווי מיר האָבן איינגענומען יפו, האָט יפת'ל מיט זיינע עלטערן זיך צוריקגעקערט צו זייער פריערדיקער וווינונג. אָבער בעני איז געבליבן מיט זיינע ספקות בנוגע דאָס וואָס „איז ווערט" און וואָס איז „נישט ווערט". ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס ער איז אין אָנהייב נישט געווען געניגט צו גלויבן, אַז זיין פאָטער איז דער מפקד פון אצ״ל. צום סוף איז ער געקומען צו מיר מיט דער צייטונג, וואָס האָט געבראַכט מיין בילד:

— אַבאַ, דאָס ביסטו? זאָג דעם אמת, דאָס ביסטו?

מ'האָט שוין מער נישט געקענט באַהאַלטן דעם אמת פאַרן קינד. די מוטער האָט אים דערקלערט וואָס עס איז געשען. איך האָב געמאַכט דעם ענדגילטיקן שריט — פון קאָנספּיראַציע צו דער ליכט: בנוגע צו מיין קינד בין איך אַרויס פון אונטערגרונט. און דאָס קינד האָט אויפגענומען די דערשטוינענדיקע גע־שיכטע מיט דערשטוינענדיקער רואיקייט. אַ סאברע. נאָר יעדעס מאָל לאַכן צו מיר זיינע אויגן:

— דו געדענקסט, אבא, ווען מיר זענען געווען אין דער מחתרת?

איך געדענק, מיין זון! באַזונדערס געדענק איך דיינע אומאויפהערלעכע, אומעטיקע פראַגעס: „ווו איז דער פעטער ישראליק?". איך פלעג דיר ענטפערן, אַז דער פעטער ישראליק איז געפאָרן אין אַמעריקע און ער וועט צוריקקומען. אָבער דאָס איז געווען נישט אמת, מיין זון. פעטער ישראליק איז אַוועקגעפאָרן און איז נישט צוריקגעקומען און וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

„פעטער ישראליק", דער „פעטער" וועמען מיין זון האָט צום מערסטן ליב געהאַט, מיין פריינד און ברודער, ישראל עפשטיין, איז געווען באַליבט נישט נאָר ביי מיין זון. אַלע יידישע קינדער, וועלכע זענען געקומען אין באַרירונג מיט אים, האָבן אים ליב געהאַט. ישראל איז געווען אַ לערער אין פתח־תקווה. אין שול האָבן אים געשאַצט די עלטערן און די לערער. און די שילער האָבן אים ליב געהאַט און געאַכט. איך האָב נאָך אויף מיין לעבן נישט געזען קיין בעסערן, קיין פריינדלעכערן, מער איבערגעגעבענעם מענטשן ווי ישראליק. און ליבע, ווי באַקאַנט, שאַפט ליבע. אויפריכטיקייט עפנט הערצער.

ישראל איז נישט געווען קיין מיטגליד אין דער מפקדה פון „מעמד". פונדעסטוועגן איז ער געווען איינער פון די ווינציקע, וועלכער האָט שטענדיק געוווסט ווו איך וווין און ער פלעגט מיך זייער אָפט באַזוכן. ישראל האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויסגאַבע פון „חרות". פאַרן דרוקער איז ער געווען דער „הויכער", און דוד יוטאַן האָט געהייסן „דער קליינער" אין די צייטן, ווען זיי ביידע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דרוקן די ערשטע אויפשטאַנד־פּראָקלאַמאַציעס. ישראל האָט געקענט אַלע סודות פון אונדזער אונטערערד און ער האָט זיי געטראָגן ווי אַ געפאַנצערטע קאַסע. ווען אונדזערע בחורים זענען געפאַלן אין שלאַכט, פלעג איך פאַר אים אויסגיסן מיין ביטער האַרץ. שטענדיק האָב איך ביי אים געפונען אַן אָנשפּאַר אין טעג פון טרויער און צער.

סוף 1946 האָבן מיר געשיקט ישראלן קיין איראָפּע, צו אינסטרואירן די גרויסע רעזערוון פון אונדזער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. ישראל האָט זיך זייער געפרייט מיט דער מיסיע. אָבער ווער קען וויסן וואָס דער גורל באַהאַלט פאַר אונדז? עטלעכע טעג נאָך זיין אָנקומען אין רוים, האָבן די מיטגלידער פון „ארגון" אין גלות אויפגעריסן די געביידע פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע. די דאָזיקע אַקציע האָט פאַרשטאַרקט די בריטישע נערוועזיטעט אין יעדן אָרט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה אין וועלכער די ענגלישע צייטונגען האָבן קאָנקורירט איינע מיט דער אַנדערער מיט געשיכטעס, פון וועלכע די האָר שטעלן זיך אויפן קאָפּ, וועגן דער „אינוואַזיע פון די ארץ־ישראלדיקע טעראָריסטן אין די בריטישע אינדזלען". דאָס אַלץ איז געווען זייער נוצלעך. אָבער אין רוים איז אונדז געשען אַ טראַגעדיע. עטלעכע חשובע מפקדים זענען אַרעסטירט געוואָרן. צווישן זיי ישראל עפשטיין. אַנדערע זענען באַפרייט געוואָרן. ער נישט. אויף אים איז געפאַלן דער פאַרדאַכט, ווייל ער איז אָנגעקומען קיין איטאַליע פון ארץ־ישראל אייניקע טעג פאַרן אויפרייס. אין איטאַליע האָבן זיך דעמאָלט

אַרומגעדרייט אַגענטן פון דער אינטעלידזשענס, וועלכע האָבן געפּאָדערט מ׳זאָל זיי איבערגעבן אין די הענט דעם „פּאַלעסטינעזישן בירגער" ישראל עפּשטיין. דער בריטישער אינטעלידזשענס האָט געהאַט אַ באַדייטנדן איינפלוס אין די קרייזן פון דער איטאַליענישער פּאָליציי. ישראל האָט עס געוווּסט. ער האָט גע־וואָלט אויספירן זיין שליחות, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. דעריי־בער האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן. מ׳האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, וואָס איז נישט אויסגעפירט געוואָרן אין פּולן. בשעתן פּרווו צו אַנטלויפן איז ישראל געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל דורך אַן איטאַליענישן פּאָליציאַנט. זיינע וווּנדן זענען געווען שטערבלעכע.

אין פריען מאָרגן און איך הער מיך צו, ווי געוויינלעך, צום ערשטן ביולע־טין פון די נייעס אין ראַדיאָ־לאָנדאָן. און אָט אַ ידיעה:

אַ פּוילישער ייד, זאב עפּשטיין, איז שווער פּאַרוווּנדעט געוואָרן אין רוים ווען ער האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון תפיסה, אין וועלכער ער איז געווען איינ־געשפּאַרט ווי איינער פון די פּאַרדעכטיקטע אין באַטייליקן זיך אין אויפרייס פון דער בריטישער אַמבאַסאַדע.

אַ פּוילישער ייד? זאב עפּשטיין? דאָס האַרץ האָט אָנגעזאָגט טראַגישעס. כ׳האָב געשריבן צו אברהמען:

„איך בעט גאָט עס זאָל זיין אַ טעות. נאָר מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האָב פּאַרלוירן ישראליקן"!

אויף צו מאָרגנס האָט ראַדיאָ־לאָנדאָן מיטגעטיילט, אַז „זאב עפּשטיין" איז געשטאָרבן פון זיינע וווּנדן.

די חברים האָבן געפּרוווט מיר אויפצוקלערן, אַז ס׳איז געווען אין איטאַ־ליע אַ ייד פון פּוילן, וואָס האָט געהייסן זאב עפּשטיין. איך האָב נישט געוואָלט זיך אַליין אָפּנאַרן. שפּעטער איז געקומען אַ באַשטעטיקונג. כ׳האָב פּאַרלוירן מיין יוגנט־פריינד — און איך בין אין אונטערגרונט. דאָס מאָל האָב איך אפילו נישט געקענט גיין אין אַ קליינער שולעכל זאָגן „קדיש" פּאַר זיין נשמה. און מ׳דאַרף פּאַרזעצן! ס׳איז נישטאָ קיין ברירה. אָבער וואָס ווייסן די מענטשן פון דרויסן? וואָס ווייסן זיי?

דער לעצטער עטאַפּ פון אויפשטאַנד, מיט זיינע שווערסטע געשעענישן, איז מיר אַריבער אין דער יוסף בן אליהו גאַס, אין סאַמע צענטער פון תל־אביב. און די ענגלענדער האָבן נישט געוווּסט... מ׳קען נישט זאָגן, אַז די דירה נעבן בנין פון „הבימה", דאָס הויז אויפן ירקון־ברעג און די שכונת האסידאף, זענען געווען די איינציקע ערטער וווּ איך האָב מיך אויפגעהאַלטן אין באַהעלטעניש פון „אָפּענעם" אונטערגרונט. ניין. כ׳האָב געהאַט נאָך פיל אַנדערע וווין־ערטער. איך האָב געוווינט אין שכונת „התקוה", און אין רמת־גן, און אין פּתח־תקווה; בשעת דעם אויסנאַם־צושטאַנד האָט מיך געהאַלטן אין זיין וווינונג אַ יידישער פּאָליציסט, וועלכער האָט „געהאָלפן" די ענגלענדער זוכן „טעראָריסטן". ער האָט

זייער פיל „געהאָלפן". אָבער אין די אַלע ערטער, אין די סטאַבילע און פּראָ־ וויזאָרישע, זענען נישט געווען קיין „שומרים" און קיין „אַלאַרם־סיגנאַלן". אַלץ איז געווען פּשוט, אַזוי ווי ביי אַלעמען. אַ בירגער. אַ פאַמיליע. אַן אָפן הויז. שכנים „וואָס ווייסן אַלץ". ס'איז נישטאָ קיין סוד. אַן אָפענער אונטערגרונט. און די אויגן פון די בריטישע דעטעקטיוון זענען פאַרבלענדט געוואָרן.

עדוארד גריג, דער געוועזענער בריטישער מיניסטער אין מיטעלן מזרח, האָט געזאָגט אין לאָרדן־הויז:

— אונדזער ענדגילטיקער דורכפאַל אין ארץ־ישראל איז דער דורכפאַל פון אונדזער אינטעלידזשענס.

א מ ת !

אַ ברידער־קריג — קיינמאָל נישט

נישט קיין ברידער־שנאה און נישט הערשאַפט־לוסט. — די באַגעגעניש מיט בן־גוריונס פּערזענלעכן פאַרטרעטער. — אליהו גאָלאָמב דראָעט: „מיר וועלן אייך ליקווידירן!" — דער „סעזאָן". — דער ענגלענדער האָט געלאַכט, אָבער ער האָט נישט געלאַכט דער לעצטער. — „אַלטאַלענאַ". — די פּראָוויזאָרישע רעגירונג הייסט ברענגען די שיף. — ווי איז געפאַלן די הויפּטשטאָט? — אין באַלאַגערטן ירושלים. — דער עפּאָס פון רמת־רחל. — אַזוי איז געפאַלן משמר־הירדן. — און ווידער „אַלטאַלענאַ".

א.

ווען עס איז געפאַלן די בריטישע הערשאַפט, איז ביי די יידן נישט אויסגעבראָכן אַ מלחמה איבער דער מאַכט. דער דאָזיקער היסטאָרישער פאַקט זעט אויס גאַנץ פשוט. אָבער ער פאַרוואונדערט. פונדעסטוועגן לערנט די געשיכטע, אַז נאָך באַפרייאונגס־קאַמפן זענען אין פאַרשיידענע תקופות און אין פאַרשיידענע לענדער אויסגעבראָכן אינערלעכע בלוטיקע מלחמות.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז אונדזער איבערקערעניש האָט נישט געשאַפן קיין באָדן פאַר אַן אינערלעכן צוזאַמענשטויס. פאַרקערט: דער אינערלעכער צוזאַמענשטויס האָט אויסגעזען ביי אונדז ווי „אומפאַרמיידלעך". אונדזער רעוואָלוציע איז נישט געקומען לויט אַ באַפעל פון „אויבן". זי איז אויסגעבראָכן פון „אונטן". זי האָט זיך אָנגעהויבן נישט לויט אַן אינסטרוקציע פון דער אָפּיציעלער פירערשאַפט, נאָר קעגן איר ווילן. און זי האָט זיך געפירט נישט מיט דער הסכמה פון דער פירערשאַפט, נאָר קעגן אירע פאַרבאָטן, וועלכע זענען אָפּטמאָל געווען באַגלייט פון גוואַלדטאַטן. אין אונדזער קליין לענדל זענען געווען טעטיק פאַרשיידענע באַוואָפנטע מחנות. טייל מאָל זענען זיי געגאַנגען איינע ביי דער זייט פון דער אַנדערער. בדרך כלל זענען זיי געשטאַנען איינע אַנט־

ק ע ג ן דער אַנדערער. די ענגלענדער האָבן זיך געטרייסט אַז ווען זיי וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועט זיך צעפלאַקערן אַ בלוטיקער קריג צווישן די יידן גופא. אַזאַ קריג איז נישט אויסגעבראָכן.

צוויי פאַקטאָרן האָבן געראַטעוועט אונדזער פאָלק פונעם אומגליק פון אינערלעכן קריג. ערשטנס האָבן מיר נישט דערצויגן אונדזערע קעמפער פיינד צו האָבן זייערע קעגנער, כאָטש אונדזערע קעגנער האָבן דערצויגן זייערע מיטגלידער אונדז יאָ פיינד צו האָבן. אַן איינזייטיקע שנאה איז אַ געפאַר פאַר דער גאַנצקייט פון פאָלק. אַ קעגנזייטיקע שנאה ברענגט צו אַ ברידער־קריג. און מיר האָבן נישט פיינד געהאַט. יעדעס מאָל ווען מיר האָבן געזען באַווייזן פון שנאה צו אונדז — זענען מיר דערשטוינט געוואָרן. ווי קען מעגלעך זיין אַזאַ ברידער־האַס? האָבן מיר זיך געפרעגט. און זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז „דאָרט האָט מען געזאָגט, אַז מיר זענען נישט קיין ברידער"... אויך אין די טעג פון די שרעקלעכע רדיפות האָבן מיר גערופן אונדזער יוגנט נישט פיינד צו האָבן, נאָר צו געדענקען, אַז מיר וועלן מיט אונדזערע פאַרפירטע ברידער נאָך שטיין אין איין פראָנט קעגן אַ געמיינזאַמען שונא. ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער ווען אין אַ געוויסן טאָג, האָט איין צד אפילו זיך נישט געקווענקלט צו שיסן אויף אונדז, צו שיסן אַפילו אויף אונדזערע פאַרוווּנדעטע. דאַקעגן דער צווייטער צד האָט זיין האַנט נישט אויפגעהויבן כדי אָנצוווּענדן געווער קעגן... אַ ברודער.

דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס האָט געראַטעוועט אונדזער פאָלק איז געווען פאַרבונדן מיטן פּראָבלעם פון דער מאַכט. מיר האָבן געקעמפט אין אונטערגרונט פאַר אַ יידישער מאַכט, אָבער ווען מיר זענען געווען אין אונטערגרונט, האָבן מיר נישט געשטרעבט צו מאַכט. אונדזערע קעגנער האָבן אונדז נישט געגלייבט. זיי האָבן געזאָגט, אַז די מלחמה פון די „דיסידענטן" איז נאָר „אַ קאַמף פאַר מאַכט". דאָס איז געווען זייער היסטאָרישער גרונט־טעות.

מיר זענען געוואָרן „דיסידענטן", ווייל די פאַרשקלאַפונג האָט אונדז דערצו געצוווּנגען; מיר זענען געגאַנגען קעמפן פאַר אונדזער פאָלק, און נישט כדי צו הערשן איבער אים. ס'איז אַ פאַקט, אַז כל זמן מיר זענען געווען אין אונטערגרונט, האָבן מיר נישט געטראַכט וועגן מאַכט, נישט געשטרעבט צו מאַכט און מסכים געווען ביי זיך, אַז ווען דער אויפשטאַנד וועט זיגן און די פרעמדע מאַכט וועט ליקווידירט ווערן, וועלן באַקומען די מאַכט די מענטשן פון דער אָפיציעלער פירערשאַפט, כאָטש מיר האָבן זיי געקענט... אָט אין דעם גייסט זענען דערצויגן געוואָרן די סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי. אונדזער קאַמף איז געווען אַ ריינער. ער איז געווען פריי פון אַלע זייטיקע פניות.

היינט איז שוין באַקאַנט, אַז אויב אונדזער געווער איז געווען ווינציק אין פאַרגלייך מיטן בריטישן וואָפן, איז ער כלל נישט געווען אַזוי ווייניק אין פאַרגלייך מיטן וואָפן וואָס די אָפיציעלע יידישע מחנה האָט געהאַט. איין זאַך איז

קלאָר: וואָלטן מיר געשטרעבט צו הערשאַפט, וואָלטן מיר געקעמפט פאַר איר. און זאָל מען נישט זאָגן, אַז דער אַראַבישער קריג האָט געשטערט אָדער געראַ־טעוועט. דער וואָס שטרעבט צו מאַכט, נוצט אויס די סכנה פון דרויסן, כדי צו באַהערשן די לאַגע פון אינעווייניק. מיר האָבן עס געזען אין פיל לענדער. מיר האָבן עס אויך געזען אין אונדזער קליין לאַנד... דער אמת איז, אַז מיר זענען געשטאַנען אַקסל ביי אַקסל קעגן די אַראַבישע אַנגרייפער, און דאָס נאָר דער־פאַר ווייל איין יידישע מחנה, די מחנה פון די אויפשטענדלער האָט נישט גע־שטרעבט צו מאַכט און האָט נישט פיינט געהאַט די מיטגלידער פון דער צווייטער מחנה. אויב נישט דאָס, וואָלטן מיר זיכער געהאַט אַ גרויסן בירגער־קריג. אַ פאַקט איז „אַז דער געדאַנק פון פרייהייט" האָט פולשטענדיק דעראָבערט אונ־דזערע הערצער. וועגן קיין אַנדער זאַך האָבן מיר נישט געטראַכט.

אָבער די געפאַר פון אַ ברידער־קריג האָט באַגלייט דעם אויפשטאַנד פון זיין סאַמע אָנהייב. דאָס איז געווען אַן אויפשטאַנד פון „דיסידענטן", און די אָפיציעלע פירערשאַפט האָט נישט געוואָלט ביידן. כ מ ע ט די גאַנצע צייט האָט זי נישט געוואָלט קיין אויפשטאַנד; און אין ד ע ר ג א נ צ ע ר צייט האָט זי נישט געוואָלט האָבן קיין דיסידענטן. אמת טאַקע, פּרעזידענט טרומאַן האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט צוגעטראָטן צו די „טעראָריסטן", ווען ער וואָלט געווען אין ארץ־ישראל בעת דער בריטישער הערשאַפט. און וואָלט ער עס גע־טאָן, וואָלטן אונדזערע אָפיציעלע פירער אים איבערגעגעבן אין די הענט פון די ענגלענדער. מעגלעך, אַז די פירערשאַפט האָט נישט געגלויבט אין די פּערספּעק־טיוון פון אויפשטאַנד; און אפשר האָט זי געציטערט פאַר די אויסזיכטן פון די אויפשטענדלער? אַ פאַקט איז, אַז די אָפיציעלע פירערשאַפט האָט געוואָלט מיר זאָלן איבעררייסן אונדזער קריג ווי באַלד מיר האָבן אים אָנגעהויבן. אין תחילת האָט זי געפּרוווט אונדז איבערצורעדן מיט גוטן. ווען דאָס האָט נישט גע־האָלפן, איז זי אַריבער צו דראָאונגען. און אַז די דראָאונגען האָבן נישט גע־ווירקט, איז מען אַריבער צו מעשים. די מעשים וואָלטן געבראַכט צו אַ בלוטיקן ברידער־קריג, אויב מיר וואָלטן פאַראויס נישט איינגעזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך פאַר דער צוקונפט פון פאָלק ווי אַן אינערלעכער ברי־דער־קריג.

ב.

מען האָט אָנגעהויבן אונדז איינרעדן „מיט גוטן". דאָס איז געווען סוף זו־מער 1944. דעמאָלט האָב איך מיך געדאַרפט באַגעגענען מיט בן־גוריונען.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ביידע צדדים האָבן געוואָלט די טרעפונג, און איין צד האָט נישט געוווסט וועגן ווילן פונעם צווייטן צד. ווען איך זאָג „צוויי צדדים", מיין איך נישט בן־גוריונען אָדער מיך פּערזענלעך. מיר האָבן אין זינען

דעם נאָענטן קרייז פון בן־גוריונען און מיינע פריינד, פון דער צווייטער זייט.

מיינע פריינד האָבן די אידיי געבראַכט פון אַ פערזענלעכער באַגעגעניש מיט בן־גוריונען און איך האָב אָנגענומען זייער פאָרשלאָג. מיר זענען דעמאָלט געשטאַנען אין סאַמע מיטן פון די ערשטע שלאַכט־אַקציעס. מיר האָבן געהאַלטן ביים פאַרברייטערן דעם פאַרנעם פון אונדזער קריג. הער בן־גוריון, פאַרקערט איז דעמאָלט געשטאַנען אין מיטן פון זיינע עקסטרעמע רעדעס; „בילטמאָר" איז געלעגן אין זיין טאַש. דאָס וואָרט איז שוין כמעט פאַרגעסן געוואָרן. און מיט רעכט. דאָס איז אַ פרעמד וואָרט, אַ נאָמען פון אַן אַמעריקאַנישן האָטעל, אין וועלכן בן־גוריון האָט דעפינירט די קריג־ציל פון אונדזער פאָלק, אַ יידישע מדינה אין גאַנץ ארץ־ישראל, דאָס הייסט — לויט בן־גוריונס קוק — אין מערב ארץ־ישראל. פון דעם איז נאָך דעם טאַקע אַרויסגעקומען ווי באַקאַנט זיין קאַמף פ אַ ר חלוקה.

די תורה, וואָס איז אַרויס פון האָטעל איז, פאַרשטענדלעך, נישט געווען קיין נייע. אָבער אין 1944 איז עס געווען אַ „נייע תורה". נישט צוליב איר אינ־האַלט. פאַר בן־גוריונען איז געווען זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט צום באַגריף „יידישע מדינה" נאָך צוגעגעבן אַ „קליינע" זאַך: דעם עבר הירדן. פאַר אים איז געווען הערצל. דער חידוש איז געווען אין דעם פ ר יי ד י ק ע ר פון דער תורה. בן־גוריון פאָדערט אַ יידישע מדינה. דער זעלביקער בן־גוריון, וועלכער נאָך מיט אייניקע יאָר צוריק איז ער געשטאַנען פאַר דער פיל־קאָמיסיע און זיך באַמיט צו באַווייזן באותות ומופתים און על־פי „היסטאָריאָזאָפיע", אַז מיר דאַרפן נישט קיין יידישע מדינה.

אין די פערציקער יאָרן האָט בן־גוריון אַוועקגעוואָרפן אַלע זיינע „היסטאָ־ריאָזאָפישע" פירושים און אָנגעהויבן ריידן אין אַ פשוטן לשון: אַ יידישע מלוכה. מ׳זאָגט, אַז אין דער ריכטונג האָט אויף אים געווירקט בערל כצנעל־סאָן. ס׳קען זיין. מיר דאַכט זיך, אַז אויף בן־גוריונען האָבן געהאַט אַ דעצידירנ־דיקע — כאָטש אַן אונטערבאַוווסטזיניקע ווירקונג, זיינע באַגעגענישן מיט זשאַבאָטינסקין אין די דרייסיקער יאָרן. און זיכער האָט אויף אים געווירקט דער אַנטי־יידישער אויסראָטונג־צוג אין איראָפּע. בן־גוריון איז ווי אויף דאָס ניי געבוירן געוואָרן. נישט נאָר די לאָזונג פון „בילטמאָר" האָט ער געוואָרפן אין דער לופטן. ער האָט אויך געהאַלטן אייניקע רעדעס וואָס זענען געווען אַגרעסיוו אין זייער אינהאַלט און שאַרף אין זייער טאָן, רעדעס „קעגן דעם הער־שער".

מיר האָבן זיך זייער געפרייט איבער דער דאָזיקער ענדערונג. און מיר האָבן נישט געהאַט אויף אים קיין פאַרדרוס, כאָטש מיר האָבן געהאַט פיל סיבות, באַזונדערס צוליב זיינע זידל־ווערטער וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן אויפן חשבון פון דעם מענטשן, מיט וועלכן מיר זענען געווען אַזוי זעליש פאַרבונדן. אָבער דווקא זשאַבאָטינסקי אַליין האָט אונדז געלערנט נישט צו האָבן קיין „שוואַרצן

זכרון". ער פלעגט זאָגן: יעדער מענטש קען אַ טעות האָבן אָדער פלאָפּלען. גע־דענקט אים נישט זיין טעות אָדער זיין פלוידעריי. און אויב די טובה פון פאָלק פאָדערט, איר זאָלט אים אויסשטרעקן די האַנט — האָט זשע נישט קיין „שוואַרצן" זכרון; פאַרגעסט וואָס מ'דאַרף פאַרגעסן און שטרעקט אים אויס די האַנט!"

מיינע פריינד האָבן דעריבער געטענהט, אַז ס'איז געקומען די צייט אויס־צושטרעקן אַ האַנט בן־גוריונען. נאָך קווענקלענישן האָב איך אָנגענומען זייער דעה. מיר האָבן געוואָלט זאָגן בן־גוריונען, אַז נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט איז אונדז נישט וויכטיק „ווער ס'וועט שטיין אין שפּיץ". דער עיקר איז דער ציל און דער קאַמף פאַרן ציל. אדרבא, זאָל אונדז בן־גוריון פירן צום קאַמף קעגן דער בריטישער מאַכט און פאַר אַ יידישער רעגירונג; מיר וועלן גיין נאָך אים מיט שמחה און התלהבות. בקיצור: מיר האָבן געהאַט בדעה צו זאָגן בן־גור־יונען אַז מיר וועלן זיך שטעלן אין זיין רשות, אויב ער וועט זיינע רייד פאַר־וואַנדלען אין מעשים.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן אין דער זעלביקער צייט אויך בן־גוריונס מקורבים געהאַט די אידיי פון אַ באַגעגעניש צווישן אים און מיר. זיי האָבן געהאָפט אַז בן־גוריון וועט קענען ווירקן אויף מיר. מיר זאָלן זיך שטעלן צו זיין דיספּאָזיציע, אויב אפילו ער וועט נישט רעאַליזירן זיינע ווער־טער. די כוונה זייערע ווייס איך היינט. דעמאָלט האָב איך זי נישט געקענט. נאָר ווייל מיר האָבן געהאַט אַן אַנדערן ציל אין אַ באַגעגעניש מיט בן־גוריונען בין איך געווען צופרידן צו הערן, אַז ער איז גרייט זיך צו טרעפן.

די טרעפונג איז נישט צושטאַנד געקומען. בן־גוריון האָט געצווייפלט. ער האָט אויסגעדריקט זיינע ספיקות צי „ער וועט געפינען מיט מיר אַ געמיינזאַ־מע פּאָליטישע שפּראַך". זיין כוונה איז געווען צו ווירקן אויף אונדז, אַז מיר זאָלן אָפּשטעלן די מיליטערישע אָנגריפן אויף דער בריטישער מאַכט. בן־גור־יונס שליחים האָבן אונדז צום סוף מיטגעטיילט, אַז כאָטש ער איז זייער פאַר־אינטערעסירט אין דער טרעפונג, קען ער זי נישט האָבן און ער בעט איך זאָל מיך טרעפן מיט זיין פּערזענלעכן פאַרטרעטער. זיי האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז דער מענטש וואָס וועט קומען רעדן מיט מיר, וועט רעפּרעזענטירן בן־גוריונען, און נישט די אינסטיטוציע אין וועלכע דער פאַרטרעטער אַרבעט. „דער שליח רעדט אין נאָמען פון דעם וואָס שיקט אים" — דאָס איז געווען די פולמאַכט, וואָס בן־גוריון האָט געגעבן זיין „פּערזענלעכן רעפּרעזענטאַנט".

ס'איז ביי אונדז געווען אַ וויכוח, צי ס'איז כדאי צו האָבן די דאָזיקע טרע־פונג. אליהו לאַנקין, וואָס איז געווען ענטוזיאַסטיש פאַרן געדאַנק פון אַ באַגעג־עניש מיט בן־גוריונען, האָט אויסגעדריקט אַ פּאָזיטיווע מיינונג און איז געווען פאַר אַ באַגעגעניש אויך מיט זיין שליח. זיין מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן נישט געקוקט אויף די קעגן־אַרגומענטן און די ספיקות וואָס אַנדערע חברים האָבן

ישראל עפשטיין, געפ
אין רוים.

די געביידע פון דער
שער אַמבאַסאַדע אין
וואָס איז אויפגעריסן גע
דורכן „אירגון צבאי ל
אין 1946.

אַן אויסערגעוויינלעכער
די פראַנצויזשע פּאָליציי
פיסקירט געווער וואָס אי
ווען געשיקט צום „

געהאַט בנוגע דער זיכערקייט. ס׳זענען געמאַכט געוואָרן די נייטיקע באַוואָרע־נישן — און די באַגעגעניש איז צושטאַנד געקומען.

בן־גוריונס פּערזענלעכער רעפּרעזענטאַנט האָט אָנגעהויבן אין אַ דראַמאַ־טישער פאָרעם. ער האָט געזאָגט:

— דו האַלטסט אין דיינע הענט אַן אינסטרומענט, וואָס קען באַשטימען דעם גורל פון פאָלק. אָבער מיר זענען זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאָלקס גורל. ס׳איז נישט גוט אַז אַ חוץ דעם כוח וואָס שטייט אין רשות פון די פאָלקס־אינסטיטוציעס, זאָל עקזיסטירן אַ צווייטער באַוואָפנטער כוח ביי יידן. איך האָף, אַז דער טאָג איז נישט ווייט, און אין יידנטום וועט זיין איין און איינציקער כוח. ביז דעמאָלט איז כדאי מיר זאָלן קומען צו אַ הסכם און עס זאָלן פאַרמיטן ווערן שעדלעכע אַקציעס.

איך האָב אים געענטפערט:

— כ׳ווייס נישט צי די קעמפנדיקע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער איך בין טעטיק, קען באַשטימען דעם גורל פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן אָנגעהויבן צו קעמפן און מיר ווייסן נאָך נישט צי מיר וועלן זיגן אָדער פאַלן. ס׳קען זיין — און דאָס ווילן מיר — אַז וואָס מיר טוען און וועלן טאָן, וועט זיין אַ היסטאָ־רישע געשעעניש. מעגלעך אָבער אויך, אַז דאָס וועט זיין אַ „טראַגישער עפּי־זאָד“. ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן מיר באַשלאָסן צו קעמפן, ווייל מיר זענען איבערצייגט אַז אָן קאַמף וועלן מיר גאָרנישט דערגרייכן. אפשר וועלן נישט מיר געניסן פון דער פּרוכט פון אונדזער קאַמף — דערפאַר וועלן געניסן אַנ־דערע. דאָס אַרט אונדז נישט. און וואָס עס איז נוגע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זענען מיר אויך זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון פאָלק. סוף כל סוף זייט איר אַמאָל אַלע געווען קעגן אַ יידישער מדינה. און אַט איז געקומען אַן ענדע־רונג, אַ באַווייז, אַז מיר זענען גערעכט געווען. מיר זענען איבערצייגט, אַז אויך היינט זענען מיר גערעכט. מיר האָבן דעם באַוווסטזיין פון אַ מיסיע. גוט אָדער שלעכט — אַזוי איז עס.

דער שליח האָט זיך אַביסל אויפגערעגט:

— דו האָסט אַ טעות! — האָט ער געזאָגט — מ י ר טראָגן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, און בלויז מיר. אָבער נישט וועגן דעם בין איך געקומען מיט דיר דיסקוטירן. כ׳בין דיר געקומען אויפווייזן, אַז ס׳איז אוממעגלעך איר זאָלט האַנדלען אויף אייגענער אחריות. נעם אין באַטראַכט אַז איר האָט נישט קיין אינפאָרמאַציע און זיכער נישט קיין גענוגנדיקע אינפאָרמאַציע וועגן אונדזער פּאָליטישער לאַגע און די אויסזיכטן. און אויב אַזוי, ווי קענט איר וויסן, צי מ׳דאַרף טאָן, און ווען און וואָס טאָן? צוליב אַן אומבאַרעכטן טאַט קענט איר נאָך צונישט מאַכן אַלע אונדזערע דערגרייכונגען!

— דו ביסט נישט גערעכט — האָב איך געענטפערט. ערשטנס, האָבן מיר

אינפאָרמאַציע, צווייטנס, גלייב איך בכלל נישט אין „אומגעוויינלעכע סודות״.
אין דער תקופה פון ראַדיאָ ווייסט מען גאַנץ גוט.

דער שליח האָט נישט מסכים געווען.

— איך וועל דיר איבערגעבן — האָט ער געזאָגט — אַ געוויסע ידיעה, פון וועלכער דו וועסט אַליין לערנען, אַז ס'איז נאָך פריצייטיק אויסצופירן אַקציעס קעגן די ענגלענדער. מיר האָבן אַ גוטן קאָנטאַקט מיט טשערטשילס זון, ראַנדאָלף. ער, ווי אַ פריינד פון ציוניזם, דערציילט אונדז וואָס זיין פאָטער און זיינע מקורבים שמועסן וועגן אַלץ וואָס איז נוגע ארץ־ישראל. אָט האָט אונדז דער יונגער טשערטשיל לעצטנס געזאָגט, אַז דער „אַלטער״ האָט אַ נייעם פּלאַן וועגן ארץ־ישראל. די פּרטים זענען נאָך נישט באַקאַנט. אָבער קלאָר אַז די יידן וועלן באַקומען עפּעס ערנסטעס. דער פּלאַן איז פאַרבונדן מיט עבר־הירדן. טשערטשיל האָט געזאָגט: „איך האָב אַמאָל צעטיילט ארץ־ישראל — איך וועל איר ווידער פאַראייניקן און נאָך אַמאָל צעטיילן״.

— צי איז אמת — האָב איך געפרעגט — אַז טשערטשיל האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער גרייט זיך אויף אַ „ביג פייט״ (אויף אַ גרויסער שלאַכט) פאַרן ציוניזם, אַזוי ווי ער פאַרשטייט עס?

— ניין. — האָט געענטפערט דער שליח — טשערטשיל האָט געזאָגט עפּעס ענלעכס, אָבער ס'איז נישט דאָס זעלביקע. טשערטשיל האָט אויפגעקלערט אַז ער שטויסט זיך אָן אויף אַ שאַרפער קעגנערשאַפט אין זיין פאַרטיי צו דער ציוניסטישער זאַך. אָבער ער איז זיכער אין זיין פּרעסטיזש, און איז איבערצייגט אַז זיין מיינונג וועט זיגן. אָבער כל זמן דער קריג דויערט, קען ער זיך מיטן ענין נישט פאַרנעמען. ער וויל אַ ראַדיקאַלע לייזונג, און אַ ראַדיקאַלע לייזונג איז אוממעגלעך פאַרן סוף פון קריג. דעריבער האָט טשערטשיל געזאָגט, אַז ער וויל מער גערן איין גרויסע שלאַכט.

— צי האָט וויצמאַן געהאַט קאָנטאַקט מיט טשערטשילן?

— יאָ. פאַרשטענדלעך. וויצמאַן האָט אַ פרייען צוטריט צו טשערטשילן. זיי האָבן געהאַט אַ באַגעגעניש מיט אַ קורצער צייט צוריק. אָבער טשערטשיל האָט נאָך דעם געזאָגט אונדזערע ענגלישע פריינד אַז ס'איז אים שווער צו רעדן מיט וויצמאַנען. נאָכן לעצטן געשפּרעך מיט אים, האָט ער (טשערטשיל) נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט...

— און וואָס האָט טשערטשיל געזאָגט וויצמאַנען ביי זייער לעצטער טרעפונג?

— קיין נייע קאָנקרעטע זאַכן האָט ער נישט געזאָגט. ער האָט ווידער אַמאָל אונטערגעשטראָכן זיין טריישאַפט צו דער ציוניסטישער זאַך, אָבער ער האָט איבערגעחזרט, אַז פאַרן סוף פון קריג וועט ער גאָרנישט קענען טאָן. אין געשפּרעך האָט טשערטשיל אַרויסגעבראַכט אָט־די ווערטער: „זייט זיכער, אַז

ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן, וועט איר באַקומען „דהי ביגעסט פלאַם אַף דהי פודינג" (דעם גרעסטן פלוים אין פודינג).

— וואָס הייסט עס?

— דאָס הייסט אַ גוטע פאַרטיילונג פון לאַנד.

— צי איז דען דאָ אַ „גוטע חלוקה?"

— זיכער צום ביישפּיל, אַ חלוקה אָן דרייעק איז אַ גוטע חלוקה און אַזאַ וועלן מיר אָננעמען.

— און וואָס איז מיט בילטמאָר?

— די פּאָליטישע ווירקלעכקייט וועט דעצידירן.

— און אויב מ'וועט אייך פאָרלייגן אַ „שלעכטע חלוקה?"

— וועלן מיר נישט אָננעמען. ס'איז ווירקלעך דאָ אַ חלוקה־פּלאַן לויט דער „קאַירא־שול"; ער איז פאַרבונדן מיטן פּלאַן פון גרויס־סיריען. לויטן דאָזיקן פּלאַן דאַרף אַ טייל פון גליל און אפילו עטלעכע פון די ישובים אין עמק צוגעטיילט ווערן דער אַראַבישער מדינה. דערצו וועלן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט מסכים זיין. און אויב מ'וועט פּרווון אונדז אויפצוצווינגען דעם דאָזיקן פּלאַן — וועלן מיר מאַכן אָן אויפשטאַנד. בן־גוריון איז גרייט צו אָן אויפשטאַנד. דעריבער טאָר מען איצט נישט האַנדלען. פון איין זייט האָבן מיר אָן אויסזיכט צו באַקומען פון ענגלאַנד אַ לייזונג וואָס איז אפשר נישט קיין אידעאַלע, אָבער זי וועט אונדז פונדעסטוועגן פאַרזיכערן זעלבסטשטענדיקייט, אַ גרויסע עליה און קאָלאָניזאַציע. פון דער צווייטער זייט דאַרפן מיר זיך צוגרייטן צונישט צו מאַכן אַ פּלאַן פון אַ שלעכטער לייזונג. איר מיט אייערע אַקציעס קענט צונישט מאַכן די בעסטע פּערספּעקטיוון און אונדז שטערן די הכנות צום אויפשטאַנד.

— כ'בין נישט איינשטימיק מיט דיר — האָב איך געזאָגט, ווי אייך איז באַקאַנט וואַרפן מיר אָפּ יעדע חלוקה. פאַר אונדז איז נישטאָ קיין „גוטע חלוקה" און קיין „שלעכטע חלוקה". דאָס איז אונדזער צוגאַנג. דאָס פּאַטערלאַנד איז איינס און איז אומטיילבאַר. אַלנפאַלס אונדז איז קלאָר, אַז אָן אַ קריג וועלן מיר גאָרנישט באַקומען. איך פאָלג נאָך די ענגלישע פּרעסע, וועלכע קומט אָן אין לאַנד. איך לייען, צום ביישפּיל, דעם „עקאָנאָמיסט" און פון אים קען מען זיך דערוויסן, אַז די פּאָליטיק פון ווייס־בוך איז די סטאַבילע פּאָליטיק פון ענגלאַנד. בכלל קען מען שוין נישט גלויבן זייערע הבטחות. טשערטשיל גיט רמזים וועגן דעם וואָס ער וואָלט אפשר געוואָלט מאַכן נאָך דער מלחמה. און וואָס וועט זיין ביז דעמאָלט? דו ווייסט אַזוי גוט ווי איך, וואָס ס'טוט זיך אין אייראָפּע. צי קענען מיר וואַרטן? און ענדלעך, מיט וואָס קען אונדזער קריג שאַטן ברענגען? מיר ברענגען אַרויס די ארץ־ישראל פראַגע אויפן טאָג־אָרדענונג און איר מעגט תמיד זיך אָפּגרענעצן פון אונדזער טעטיקייט.

— יאָ. אָבער ס'איז אויך פאַראַן די פראַגע פון דיסציפּלין. און דאָס איז זייער אָן ערנסטער ענין. מיר קענען אייך נישט דערלויבן צו נעמען געלט ביי

אַ יידן וואָס גיט פאַרן קרן־היסוד, און פאַקטיש צווינגט איר אים אַרויף אייער דיסציפּלין. מיר קענען אייך עס נישט דערלויבן. אַ פאָלק קען האָבן נאָר איין אַרמיי און נאָר איין פּאָליטיק.

— יאָ, אָבער אונדזער פאָלק געפינט זיך אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט און אַ פּאָליטיק פון אַ פאַרשקלאַפט פאָלק קען זיין נאָר איינס: קאַמף פאַר באַ־פרייאונג!

די דיסקוסיע האָט זיך געצויגן אַ סך שעהן. מיר האָבן געענדיקט דריי אַזייגער אין מיטן דער נאַכט. דער פּערזענלעכער שליח פון בן־גוריונען האָט צום סוף פון אונדז געפאָדערט מיר זאָלן איבערגעבן דער סוכנות אָדער דער מפקדה פון דער „הגנה" אונדזערע פּלענער. איך האָב אים געזאָגט וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן בן־גוריונען:

— אויב איר וועט קעמפן, וועלן מיר נישט שטיין נאָר שטיין אויף אייער זייט, נאָר וועלן אפילו גיין נאָך אייך. אָבער ביז דעמאָלט קענען מיר נישט איבער־געבן קיין קריג־פּלענער. אונדזער קריג פאָדערט פולשטענדיקע דיסקרעציע אין פּלאַנירן און אויספירן. ווי קענען מיר איבערגעבן פּלענער צו קערפּערשאַפטן, וועלכע נעגירן פאַקטיש די רעכט פון אונדזער עקזיסטענץ?

צום סוף פון געשפּרעך האָט מיר דער שליח געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— דו האָסט מיך איבערצייגט אין איין זאַך: ס'איז נייטיק, אַז ס'זאָל זיין איין מיליטערישער כוח אין ארץ־ישראל!... ער האָט צוגעזאָגט איבערצוגעבן בן־גוריונען דעם פולן אינהאַלט פון אונדזער שמועס.

דער מאַן איז אַוועק אַהיים. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר בריטישע נאַכט־פּאַטרולן. ער איז דעמאָלט געווען אַ חשובער „געזעץ־היטער". איך בין געבליבן מיט אליהו לאַנקינען וועלכער האָט מיך באַגלייט צום געשפּרעך. כ'האָב אים דערציילט וועגן מיינונג־אויסטויש. מיר האָבן גערעדט וועגן דער צוקונפט. מיר זענען אַנדרימלט געוואָרן אויף דער סאָפע. באַגינען, ווען די אַרבעטער זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, זענען מיר אויך געגאַנגען דורך זייטיקע גאַסן צו אונדזער אַרבעט. די חברים האָבן באַקומען אַ פולן באַריכט פון גע־שפּרעך, וואָס האָט פאַקטיש נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. ס'איז זיכער, אַז אויך בן־גוריון האָט געקריגן אַ פולן באַריכט פון געשפּרעך. דער מענטש, וואָס האָט אים רעפּרעזענטירט „פּערזענלעך", וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין גלויבן אין ווינסטאָן טשערטשילן און אין ראַנדאָלף טשערטשילן און אין זייע־רע הבטחות; דער מענטש, וואָס האָט גערעדט מיט חסידישער התלהבות וועגן בן־גוריונען איז געווען — מ ש ה ס נ ה.

ג.

הערבסט 1944 האָבן זיך אָנגעהויבן די דראָאונגען. דעמאָלט איז אליהו גאָלאָמב צוריקגעקומען פון זיין וויזיט אין לאָנדאָן. ער האָט זיך ווייזט אויס

זייער איבערגענומען פון די ענגלישע דראַאונגען און איינרעדענישן. אויך ד״ר ווייצמאַנס איינפלוס אויף די הערשנדיקע קרייזן אין בריטאַניע — אָדער וואָס ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן אַלס השפּעה — האָט געמאַכט אַ ריזיקן איינדרוק אויפן שעף פון דער „הגנה״. אַ פאַקט, אַז באַלד נאָך זיין צוריקקער פון דער ענגלישער הויפּטשטאָט, האָט זיך גאַלאָמב אַוועקגעשטעלט בראש פון אָפענעם קאַמף קעגן דעם ארגון צבאי לאומי. ער האָט צונויפגערופן אַ פּרעסע־קאָנפע־רענץ און האָט אויסגעדריקט זיין גלויבן אין ענדערונג פון בריטאַניעס באַ־ציאונג צום יידישן פאָלק. ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז אַ סך טירן אין לאָנדאָן, וועלכע זענען פאַרשלאָסן פאַר גלות־רעגירונגען זענען אָפן פאַרן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט געטענהט, אַז דער „טעראָר״ שטעלט אין געפאַר אַלע אויסזיכטן. ער האָט געפאָדערט אַז מ׳זאָל שוין מער נישט לאָזן „די יינגלעך זיך שפּילן״.

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַן אָפיציעלע איינלאַדונג זיך צו באַגעגענען מיטן דעמאָלטיקן „זיכערהייט־מיניסטער״. ס׳איז נישט געווען לייכט מסכים צו זיין צו גיין צו דער טרעפונג. סיי מיינע חברים, סיי איך, האָבן זיך געקווענקלט, צי איז כדאי און צי מען מעג אין די באַוווסטע באַדינגונגען זיך טרעפן מיט מענטשן, וועלכע האָבן שוין פּאַקטיש פּראָקלאַמירט קעגן אונדז אַ קריג מיט אַלע מיטלען... עס האָבן איבערגעוויגן אליהו לאנקינס אַרגומענטן. ער האָט געזאָגט, אַז אַ דירעקטער קאָנטאַקט גיט שטענדיק גוטע רעזולטאַטן. ס׳וועט אונדז אפשר נישט געלונגען איבערצוציגן גאַלאָמבן — האָט לאנקין אַר־גומענטירט — אַז מיר האָבן נאָר איין כוונה: צו קעמפן מיטן אונטערדריקער פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד. ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז עס וועט זיך אונדז איינגעבן אָפּצושוואַכן זיין אמונה, אַז מיר האָבן די כוונה צו פאַרכאַפּן „די מאַכט אין ישוב״.

די ערנסטע אַרגומענטן האָבן פון האַרצן נישט אַרויסגעריסן אונדזערע ספקות. דאָך האָבן מיר באַשלאָסן דורכצופירן די באַגעגעניש און ענטפערן „ניין״, אויב מ׳וועט אונדז אויפפאָדערן אָפּצושטעלן אונדזער קריג.

צוזאַמען מיט גאַלאָמבן איז מיט אונדז געקומען שמועסן משה סנה. דעם ארגון צבאי לאומי האָבן פאַרטראָטן אליהו לאנקין און איך. די באַגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַוועגלעכסטער גאַס אין תל־אביב, אויף אַלענבי, איז געווען זייער אַן אָפיציעלע. אליהו גאַלאָמב און משה סנה האָבן אונדז מיטגע־טיילט אַז זיי רעדן אין נאָמען פון „כנסת ישראל״, און זי פאָדערט פון אונדז תיכף ומיד אָפּצושטעלן אונדזערע אַקציעס קעגן די ענגלענדער. די אַרגומענטן זענען מערסטנס נישט געווען קיין נייע. אויף וויפיל מ׳האָט געקענט פאַרשטיין פון גאַלאָמבס רייד, וועלכער איז יענעם אָוונט געווען דער הויפּט־רעדנער, האָט ער געהאַלטן, אַז אונדזערע מלחמה־אַקציעס זענען בלויז אַ רעזולטאַט פון אַ האַלב קינדישער גלוסטונג צו „העלדן־טאַטן״. דעריבער האָט ער אַ סך דערציילט

וועגן די אויפטועו פון אייניקע „הגנה"־מיטגלידער, וועלכע זענען פון בריטישן שפיאָנאַזש־דינסט קעגן דייטשלאַנד געשיקט געוואָרן אַלס פּאַראַשוטיסטן אין פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער. דאָס איז די אמתע גבורה! — האָט געזאָגט דער שעף פון „הגנה" — און פאַרשטייט זיך, אַז אויך אייערע חברים וואָלטן זיך געקענט באַטייליקן אין די דרייסטע טאַטן, ווען איר וואָלט נישט אַרויף אויפן וועג פון טעראָר!

גאַלאָמבס געשפּרעך איז געווען אַ געמיש פון לייכטע קאָמפּלימענטן מיט שווערע דראָאונגען. איך לייקן נישט — האָט ער געזאָגט אין לויף פון געשפּרעך — אַז איר ווייזט אַרויס מסירת־נפש, אָבער מ׳דאַרף זי איצט לענקען אין אַן אַנדער ריכטונג. ס׳קען זיין אפילו אַז ס׳איז פאַראַן אַ געוויסער פּאָליטישער זין אין אייערע מעשים, ווייל איר האָט באַוויזן, אַז יידן זענען גרייט צו גיין צום טויט פאַר ארץ־ישראל. אָבער אויב דאָס איז אייער כוונה, איז פולשטענדיק גע־נוג דאָס וואָס איר האָט געטאָן ביז היינט. איצט דאַרפט איר אָפּשטעלן אייערע אַקציעס. און נישט נאָר אָפּשטעלן — האָט ער צוגעגעבן אין אַן ענערגישן טאָן — נאָר אויך פראָקלאַמירן עפנטלעך, אַז איר האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן!

לאנקין און איך האָבן געענטפערט, אַזוי ווי מיר האָבן באַשלאָסן אויף דער מפקדה־זיצונג. אויך אין אונדזערע אַרגומענטן זענען נישט געווען קיין איבער־ראַשונגען. מיר האָבן אָנגעוויזן אויפן אויסראָטונג־צוג אין אייראָפּע, אויף די פאַרמאַכטע טויערן פון ארץ־ישראל, און געשטעלט דעם טראָפּ אויפן אָפּקלאַנג פון אונדזערע ממשותדיקע שריט אין דער ברייטער וועלט. מיר האָבן אונטער־געשטראָכן, אַז מיר האָבן נישט קיין „אַוואַנטוריסטישע" לוסט צו „העלדן־טאַטן", מיר האָבן נאָר דעם באַוווסטזיין פון אַ מיסיע, אַז אויב מיר וועלן אַוועק־לייגן אונדזער געווער — וועט אויף אונדזער פאָלק זיך אַראָפּלאָזן אַן אומענד־לעכע נאַכט פון פאַרשקלאַפונג. און וועלן מיר קעמפן — וועלן מיר קענען ענ־דערן די לאַגע אין פאָלק און אין לאַנד. דעריבער איז אונדז אוממעגלעך אָנצור־נעמען די פאָדערונג אָפּצושטעלן דעם קריג און מיר זען נישט קיין שום סיבה, פאַרוואָס דאַרפן יידישע ברידער אונדז באַקעמפן צוליב דעם וואָס מיר האַלטן מלחמה מיט די ענגלענדער.

די אַלענבי־גאַס, ווו ס׳זשומעט און רוישט אין די אָוונט־שעהן פון מענטשן־מאַסן, איז שוין לאַנג אַנדרימלט געוואָרן, אָבער מיר זאַלבעפערט האָבן נאָך לאַנגע שעהן דיסקוטירט. ווי געזאָגט, האָט קיינער פון אונדז גאָרנישט מחדש געווען. אָבער צוויי זאַכן וואָס גאַלאָמב האָט אין יענער נאַכט געזאָגט האָבן זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון: ער האָט אויסגעדריקט טיפן גלויבן נישט נאָר אין נצחון פון דער „לייבאָר־פּאַרטיי" אין ענגלאַנד, נאָר אויך אין אַ דעציזירנדיקער ענדערונג, וואָס דער נצחון וועט ברענגען אין בריטאַניעס באַ־ציאונג צום ציוניזם. מיר האָבן געפּרוווט צעשטערן די דאָזיקע נאַאיווע אילוזיע, אָבער אומזיסט!

נאָך איבערראַשנדיקער איז געווען די מיינונג, וואָס דער „הגנה"־שעף האָט אויסגעדריקט וועגן דער השפּעה פון אונדזער קריג אויף אונדזער פאָלק. גאַלאָמב האָט געטענהט, אַז מיר דערציען די יידן צום פּחדנות, אנשטאָט זיי צו דערציען צו מוטיקייט. איך האָב געמאַכט גאַלאָמבן אַ באַמערקונג, אַז מיט אַזעלכע אַר־גומענטן באַנוצט ער זיך ווארשיינלעך כדי צו באַגייסטערן זיינע אָנהענגער קעגן אונדז, אָבער ער קען נישט האָפן, אַז מיט דעם וועט ער אויף אונדז ווירקן. גאַ־לאָמב האָט זיך דאָך געהאַלטן ביי זיינס און די פּיל קנייטשן, וואָס האָבן באַ־דעקט זיין פּנים, האָבן אויסגעדריקט אַ סך ערנסטקייט.

שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך פאַרענדיקט דער שטורמישער שמועס. מיר האָבן טאַקע געזאָגט איינער דעם אַנדערן „שלום" און אפילו זיך געדריקט די הענט, אָבער אין דער לופטן איז געבליבן הענגען די דראָאונג און דאָס גע־שפּענסט פון אַ ברידער־קריג. איידער מיר זענען זיך צעגאַנגען האָבן מיר ווידער אונטערגעשטראָכן, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג דערצו, אַז די „הגנה" זאָל זיך אַוועקשטעלן ווי אַ באַריער צווישן אונדז און די ענגלענדער. מיר האָבן אויך אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן צוזאַמען קעמפן קעגן די ענגלענדער. אָבער גאַלאָמב האָט געזאָגט: „מיר וועלן אייך ליקווידירן"! די דאָזיקע ווערטער, וואָס זייער פולן באַטייט, קענען מיר פאַרשטיין ערשט היינט, זענען געווען די לעצטע ווערטער וואָס כ'האָב געהערט פון זיין מויל. גאַלאָמב, וואָס האָט געליטן פון אַ שווערער האַרץ־קראַנ־קייט, איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט נאָך דעם, און ער איז נאָך געווען אין גוטן עלטער. וועגן זיינע מעשים אין יענער תקופה — איינע פון די פינצטערסטע תקופות אין דער געשיכטע פון לאַנד — וועל איך מער נישט דערציילן. ס'איז פאַראַן אַ שיין יידיש וואָרט: „אחרי מות — קדושים"!

ווען גאַלאָמבס און משה סנהס דראָונגען וועגן ליקווידאַציע האָבן נאָך געקלונגען אין אונדזערע אויערן, האָט דער בריטישער פאַרשקלאַפער אַראָפּגע־לאָזן אויף אונדזערע קעפּ אַ שווערן קלאַפּ. ד' מרחשון תש"ה באַגינען איז דער אַרעסטאַנטן־לאַגער אין לאטרון אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּיל באַטאַליאָנען פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי, און 251 פון די אַרעסטאַנטן זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די בעטן כמעט נאַקעט, מ'האָט זיי געשלאָגן, געבונדן און אין אַ באַזונדער עסקאַדריליע פון שווערע אַעראָפּלאַנען אַריבערגעפירט קיין עריטרעאַ, אין מזרח־אַפריקע. אָן ספק, אַז אַ חוץ די תליות איז דאָס געווען איינער פון די שווערסטע שריט וואָס דער בריטישער אונטערדריקער האָט אָנגענומען קעגן אונדז, כדי צו ברעכן דעם חוט־השדרה פון די קעמפער און פאַרלעשן דאָס פייער פון אויפשטאַנד. אַ מאַסן־דעפּאָרטאַציע פון פּאַטערלאַנד — ס'איז נישט קיין קלייניקייט! די ענגלענדער האָבן פאַרענטפערט די דעפּאָרטאַציע מיטן אַרגו־מענט, וואָס איז פאַר אונדז אַן אנגענעמער קאָמפּלימענט. אָפיציעל האָט די ברי־טישע רעגירונג מיטגעטיילט אַז ס'איז געווען אַ מורא, אַז די מיטגלידער פון

ארגון צבאי לאומי וועלן מיט כוח באַפרייען די אַרעסטירטע פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין לאַטרון. מיר אָבער האָבן געוווסט, אַז די אמתע כוונה פון די שונאי ישראל איז געווען צו צעברעכן אונדזער מאָראַל. אמת טאַקע, מיר האָבן שטענדיק געהאַט פּלענער צו באַפרייען די אַרעסטירטע ברידער. און ווען ס'איז געקומען די שעה האָבן מיר די פּלענער אויסגעפירט — צו דער גרויסער איבערראַשונג פון אַ סך פעלקער. אָבער אין יענער צייט האָבן מיר געוווסט, אַז דאָס איז מער נישט ווי אַ טיפּישער ענגלישער תירוץ. זייער כוונה איז געווען אַ פּיל־זייטיקע. דער פאַרשקלאַפער האָט ראשית געוואָלט צעברעכן דעם אַרעסטאַנטן־לאַגער, אין וועלכן עס זענען געזעסן אונדזערע בעסטע מפקדים און סאָלדאַטן. ער האָט געוואָלט ברעכן זייערע פאַמיליעס, טויזנטער נפשות. ער האָט געשטרעבט צו דעפּרימירן אונדז, די אָנפירונג פון די אויפשטענדלער! ער האָט געוואָלט אָנוואַרפן אַן אימה און פּחד צווישן דער יידישער יוגנט און זי אָפּשרעקן אַז זי זאָל נישט אַריינטרעטן אין די רייען פון די קעמפערס. ער האָט איבעריקנס געהאַט די כוונה פעסטצושטעלן די רעאַקציע פון „אָרגאַניזירטן ישוב" צו דעפּאָרטאַציע, כדי צו וויסן ווי זיך נוהג צו זיין נישט נאָר כלפּי „טעראָריסטן", נאָר לגבי יידן בכלל.

מ'קען נישט פאַרלייקענען, אַז דעמאָלט זענען מיר אַריינגעפאַלן אין זייער אַ שלעכטער שטימונג. עס האָט זיך ווידער צעשטורעמט דער אינערלעכער נשמה־דיקער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ערשטער אַקציע פון אויפשטאַנד, ווען ס'איז געכאַפּט געוואָרן דער ערשטער אַרעסטאַנט, אָדער ווען עס איז געפאַלן דער ערשטער קרבן. עס האָט געפייניקט די פראַגע: צי מעג מען ברענגען אַזויפיל צער און טרויער אויף אַזויפיל ברידער? כ'האָב מיך דערמאָנט אין די טעג ווען איך גופא בין געווען אַן אַרעסטאַנט און אַ דעפּאָרטירטער צוזאַמען. כ'האָב געוווסט, אַז דער עצם פון אַרעסט איז פאַר אַ ציוויליזירטן מענטשן אַ שווערע שטראָף. אָבער אַז דו ווערסט נאָך צו דעם צולייגן דעם געפיל פון פרעמדקייט, וואָס נאָגט יעדן דעפּאָרטירטן, און דער דרוק פון בענקעניש אַהיים, וואָס פרעסט דעם מענטשן זומער און ווינטער, ווערסטו בלייבן שטיין פאַר אַ דערשיינונג פון גייסטיקע יסורים, וואָס זענען אומבאַשרייבלעך.

אונדזער ערשטע מחשבה אין ביטערן טאָג פון דער דעפּאָרטאַציע איז געווען אַלץ צו טאָן, כדי צו צווינגען דעם אונטערדריקער צוריקצוברענגען אין לאַנד אונדזערע פאַרשיקטע ברידער.

פאַרשטענדלעך, אין „שתדלנות" האָבן מיר נישט געגלייבט. אונדזער באַשלוס פאַרצווזעצן די מלחמה איז געווען אייזנפעסט. מיר האָבן געגלויבט אין אַנדערע „אַרגומענטן", מיט וועמענס שפּראַך די ענגלענדער פאַרשטייען בעסער ווי די פאָדערונגען פון לאָגיק און יושר. דעריבער זענען מיר צוגעטרעטן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם פון קאַמפּס־אַקציעס, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל נישט

נאָר נקמה צו נעמען פאַר דער חרפה פון דעפּאָרטאַציע, נאָר צו באַווייזן די ענג־לענדער, אַז זיי האָבן אַ טעות אין חשבון.

דער „חרות" אין אונטערגרונט האָט געשריבן נאָך דער דעפּאָרטאַציע:

— „אויף דעם פאַרברעכן וועלן מיר נישט איבערגיין צום טאָג־אָרדענונג.

עס איז נישט קיין פראַגע פון רעאַגירן אויף אַ קלאַפּ. אונדזער קריג איז נישט קיין נקמה־קריג. די ליידן פון די דעפּאָרטירטע און דער צער פון זייערע משפחות איז דאָך סוף־כל־סוף נאָר אַ טייל פון די יסורים וואָס מיר האָבן אויסצושטיין צוליבן פאַרראַט פון ענגלאַנדס הערשער. מיר קעמפן פאַרן גרויסן פּרינציפּ און פאַרן ענד־ציל: צו באַפרייען דאָס לאַנד. און די ברענענדיקע באַליידיקונג וועט נישט אָפּ־ווענדן אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון אָט־דעם הויפּט־ציל.

נישט געקוקט אויף דעם — און אפשר דווקא צוליב דעם — וועלן מיר נישט אַריבערגיין שווייגנדיק איבער דער דאָזיקער נאַצישער דעפּאָרטאַציע. מיר ווייסן וואָס די רעגירונג האָט געוואָלט. די, וואָס האָט נישט געפונען קיין איין שיף און אַעראָפּלאַן כדי אַרויסצוראַ־טעווען אַביסל יידן פון גיהנום, האָבן געפונען צענדליקער אַעראָפּלאַ־נען כדי אַרויסצוטרייבן יידן פון זייער פאָטערלאַנד. מיר ווייסן, אַז דאָס איז אויך אַ פּרווו אָפּצושרעקן. ס'איז אונדז אויך קלאָר, אַז די ערשטע דעפּאָרטאַציע וועט נישט זיין די לעצטע און אַז די קומענדיקע דעפּאָרטאַציע וועלן אפשר אַרומנעמען נישט הונדערטער, נאָר טויזנ־טער — אויב די אונטערדריקונג־מאַכט וועט זיך נישט איבערצייגן, אַז ס'איז נישט כדאי אַרויסצוטרייבן יידן פון ארץ־ישראל. און דאָס וועלן מיר זיך באַמיען איר צו ווייזן"!

נישט אומזיסט זענען געשריבן געוואָרן די ווערטער. מיר האָבן אויסגעאַר־בעט פּלענער פון ברייטע אַטאַקעס. אונדזערע חברים צוזאַמען מיט מיטגלידער פון לח"י, מיט וועלכע מיר זענען דעמאָלט געשטאַנען אין אַנהייב פון קריגס־אייניקייט, זענען יעדע נאַכט אַרויס און האָבן באַקלעפּט די גאַסן מיט לאָזונגען און וואָרענונגען קעגן די דעפּאָרטירער פון אונדזערע ברידער. נאָך דעם האָט געדאַרפט קומען אַן אולטימאַטיווע פאָדערונג פון אצ"ל און לח"י צוריקצו־ברענגען די דעפּאָרטירטע. שפּעטער האָבן מיר געזאָלט איבערגעבן דאָס וואָרט דעם „חבר פאַראַבעללום". אָבער אין צווישן איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צונישט געמאַכט אַלע פּלענער. דעם ערשטן נאָוועמבער 1944 האָב איך צוזאַמען מיט יעקב מערידאָרן געוואַרט אויף יצחק יעזערניצקין און נתן פרידמאַן פון דער לייטונג פון לח"י, כדי צוזאַמען מיט זיי אויסצואַרבעטן דעם טעקסט פון דער געמיינזאַמער מעלדונג און די פּרטים פון די געמיינזאַמע אַקציעס. יעקב האָט צו־

פעליק געעפנט דעם ראַדיאָ, און אַט אַ ידיעה: אין קאַיראָ איז אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט אויף לאָרד מאָין...

נישט געקוקט אויף דער סכנה וואָס האָט אונדז געדראָט און אָפּגעזען פון דער קאָאָפּעראַציע צווישן אונדז, האָבן אונדז די לח״י־פירער גאָרנישט געהאַט מיטגעטיילט וועגן דעם. די באַציאונגען צווישן אונדז האָבן זיך פאַרערגערט. דערוויַיל האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער פאַרניכטונג־אויפשטורעם מצד דער סוכנות און דער „הגנה״, קעגן אונדז. די אָפיציעלע פירערשאַפט האָט אויסגענוצט די שרעק וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט דאָס פאָלק, און זי איז אַרויס מיט אַ מלחמה קעגן ארגון־צבאי־לאומי. די דראָאונגען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין מעשים. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער „סעזאָן״.

ד.

די לייענער ווייסן זיכער נישט, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט אַ „סעזאָן״ מיטן „קרייצצוג״ קעגן די אויפשטענדלער אין יהודה. זאָלן זיי זיך נישט שעמען מיט זייער „גראָבּיונגערישקייט״. מיר האָבן אויך נישט געוווסט. שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז די „הגנה״־מענטשן, ווען מ׳האָט אָנגעהעצט קעגן זייערע קעמפנדיקע ברידער, האָבן אויסגעוויילט דעם דאָזיקן „האַנדלס״־טערמין פאַר דער תקופה, אין וועלכער מ׳האָט זיי אויסגענוצט פאַר קידנעפּן, מסרן און אויסליפערן שטאַמברידער אין די הענט פון די בריטן. זייער פּשוט, זייער שיין און האַרציק: „סעזאָן״!

פאַרן אָנהייב פון אַט־דעם „סעזאָן״ איז פאָרגעקומען אַ געהיימע דעבאַטע און אַן עפנטלעכע פאַרהאַנדלונג צווישן די פאָרשטייער פון דריי „אַנשויאונגען״ אין דער אָפיציעלער פירערשאַפט. הרב פישמאַן און יצחק גרינבוים האָבן זיך פּרינציפּיעל קעגנגעשטעלט אַ רדיפות־צוג קעגן אונדז. די פירער פון סיעה ב׳, וועלכע האָבן זיך געשפּאָלטן פון מפא״י און די פראַקציע פון די „לינקע פועלי ציון״ זענען געווען פאַר „זעלבשטענדיקע אַקציעס״, דאָס הייסט פאַר קידנעפּן און די מעשים וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם כאַפּעריי, אָבער זיי זענען געווען קעגן דירעקטע קאָאָפּעראַציע מיט דער בריטישער סי.איי.די. און פּאָליציי. זיי זענען געווען קעגן מסירות און אויסליפערונגען אין די הענט פון דער פּאָליציי. ה׳ בן־גוריון און די פירער פון „השומר הצעיר״ דאַקעגן האָבן מיט התלהבות פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל זיך באַנוצן מיטביידע מעטאָדן. אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש איז די תשובה, וואָס דער פירער פון מפא״י האָט געגעבן גרינבוימען פון דער טריבונע פון דער „הסתדרות״־קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן ספּעציעל כדי צו פּראָקלאַמירן דעם „קרייצצוג״ קעגן אונדז. ה׳ בן־גוריון האָט דערקלערט, אַז אין גלות איז געווען אַ ווידערווילן זיך צו באַנוצן מיט דער פרעמדער פּאָליציי, אָבער אין ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג אַז דער ישוב זאָל נישט מיטאַרבעטן מיט דער פּאָליציי אין „דער געמיינזאַמער זאַך״

(געמיינזאַם פאַר בן־גוריון און דער בריטישער פּאָליציי!). אויף דער קאָנפֿערענץ האָט בן־גוריון פאָרמולירט די „פיר פונקטן" פון זיין פּראָגראַם פאַר דער „ליקווידאַציע פון טעראָר":

אַרויסטרייבן פון דער אַרבעט

...יעדער וואָס איז פאַרבונדן מיט די באַנדעס, יעדער וואָס שטיצט זיי, און נישט נאָר אויב ער באַנוצט זיך מיטן רעוואָלווער אָדער וואַרפט די באָמבע, נאָר יעדער וואָס פאַרשפּרייט זייער ליטעראַטור און קלעפּט זייערע מעלדונגען — דאַרף דערווייטערט ווערן פון אַרבעט־פּלאַץ, צי דאָס איז אין ביוראָ, אין פאַבריק אָדער פּרדס, און ער דאַרף אויסגעשלאָסן ווערן פון דער אַרבעט־ביוראָ. דאָס זעלביקע, אויב ער לערנט אין אַ מיטל־שול אָדער אין אַן אַנדער שול — אויב ער פאַרשפּרייט זייערע אויפרופן צו דער יוגנט. מ'דאַרף נישט נאָר פון זיי צונעמען די טמאדיקע פּראָקלאַמאַציעס און זיי פאַרברענען, נאָר אויך אַרויסוואַרפן פון דער שול.

נישט געבן קיין שוץ

...און די צווייטע זאַך וואָס מיר דאַרפן טאָן: נישט געבן זיי קיין שוץ. איך ווייס, אַז דאָ שטויסן מיר זיך אָן אין איינעם פון די דעליקאַטסטע אינסטינקטן ביי אונדז, דער מענטשלעכער און באַזונדערס יידישער אינסטינקט. אָבער אויב מיר ווילן נישט זיין קיין אכזרים לגבי דעם יידישן פאָלק וואָס ווערט פאַרניכטעט, קענען מיר זיך נישט רעכענען קיין איין מינוט מיט דער דאָזיקער פאַלשער רחמנות. מ'טאָר נישט געבן קיין שוץ אָט־די פּושעים, וועלכע באַדראָען אונדזער צוקונפט.

זיך נישט אונטערגעבן קיין דראָאונגען

...און די דריטע זאַך: זיך נישט אונטערגעבן זייערע דראָאונגען. די דראָאונגען זענען דערגאַנגען דערצו אַז מענטשן, וועלכע זענען ווייט פון די באַנדעס און זענען זייערע פאַרביסנסטע קעגנער טענהן: מ'טאָר נישט אָנווענדן קיין מיטלען קעגן די באַנדעס אויב מיר ווילן נישט קומען צו אַ ברידער־קריג.

קאָאָפּעראַציע (מיט די ענגלענדער)

...און דעריבער — אויף וויפיל די בריטישע מאַכט און פּאָליציי זענען פאַראינטערעסירט אויסצוראָטן דעם טעראָר, קאָאָפּערירן מיר מיט זיי אין דער מאָס. ס'וועט זיין אַן אַבסורד און זעלבסטמאָרד,

אויב צוליב געזעכטע טענות וואָס מיר האָבן אויף אַנדערע געביטן צום עקזיסטירנדיקן רעזשים פון לאַנד, וועלן מיר פאַרמיידן אים צו העלפן און זיך מיט אים באַנוצן אויף די געביטן אין וועלכע מיר האָבן אַ געמיינזאַמען אינטערעס... אָן דער רעגירונגס־הילף און אָן אונדזער הילף פאַר איר, וועט אונדז נישט געלונגען אויסצורייסן דעם געשוויר. איך בין קעגן דער „חסידות", וואָס איז געווען באַרעכטיקט אין אַנדערע באַדינגונגען און אין אַנדערע צייטן.

„די דאָזיקע פיר פאָדערונגען זענען פאַרלויפיק דער פראַקטישער מינימום, וועלכן מיר מוזן אויספירן און מיר דאַרפן מאָביליזירן יעדן יידן אין ישוב, יעדעס יינגל אין שול, יעדן אַרבעטער אין וואַרשטאַט, יעדן בירגער אין שטאָט און אין דאָרף, יעדן מיטגליד אין דער הסתדרות, אין אַ פאַראיין, זיי זאָלן אויספירן די דאָזיקע פיר פאָדערונגען".

עס האָבן געזיגט בן־גוריון און זיינע אָפּאָנענטן־העלפער פון השומר הצעיר. הרב פישמאַן און גרינבוים זענען געבליבן אַ קורצע צייט אין דימיסיע און לאַנג פאַראיינזאַמט. די סיעה ב' און פועלי ציון האָבן צום פערטן פונקט פון בן־גוריונס פראָגראַם פראָקלאַמירט „אַ פּרינציפּיעלע באַוואָרעניש", אָבער זיי האָבן משלים געווען מיט זיין דורכפירונג. דער „סעזאָן" איז אויף אונדז אַראָפּ מיט דער גאַנצער קראַפט. טויזנטער מיטגלידער פון דער „הגנה" זענען געוואָרן מאָביליזירט און קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט. דאָס לאַנד איז פאַרטיילט געוואָרן אין „אַרבעט־ראַיאָנען". ס'זענען אויסגעוויילט געוואָרן קאָמענדאַנטן פאַר „ספּעציעלע אַקציעס". ס'זענען נאָמינירט געוואָרן פאַרבינדונג־אָפיצירן מיט דער בריטישער פּאָליציי. דער אָרגאַניזירטער שפּיאָנאַזש האָט אַרומגענומען יעדע גאַס און יעדעס ווינקל. לויט אַ צירקולאַר פון 27טן דעצעמבער 1944 פון דער־ציאונגס־דעפּאַרטאַמענט פון ועד הלאומי האָט מען אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן „פאַרדעכטיקע" שילער פון די שולן.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן „פאַרדעכטיקע" אַרבעטער פון זייערע אַרבעט־פּלעצער. נאָך די אַרויסטרייבונגען, מיטן ציל צו איבערשרעקן אַ פאָטער און אַ זון און אויסצוהונגערן פאַמיליעס, איז געקומען די פּרשה „קידנעפּן" (די פאַרכאַפּונגען). מ'האָט פאַרכאַפּט יונגע און עלטערע מענטשן. די באַציאונג צו די געקידנעפּטע איז געווען אַ שרעקלעכע. ס'איז גראַד געווען ווינטער־צייט. דאָך האָט מען געהאַלטן די מענטשן אין פינצטערע און פייכטע קעלערן. גאַנצע טעג האָט מען זיי נישט געגעבן צום עסן. מ'האָט זיי אויך שרעקלעך פאַרפייניקט. אייניקע געכאַפּטע האָט מען צוגעבונדן צו די בעטן און געהאַלטן זיי צוגעשמידט טעג און נעכט, נישט דערלויבנדיק זיי אפילו צו טאָן זייערע באַדערפענישן... עס זענען געווען לאַנגע „אויספאָרשונגען". די „מוטיקע" פאָרשער זענען שטענדיק אויפגעטרעטן אין מאַסקעס, וועלכע האָבן פאַר־

דעקט זייערע פנימער. די אויסגעפאָרשטע האָט מען אויף לאַנגע שעהן אויפגעהאַנגען אויף די הענט און פיס. ס׳איז געווען אַן איבערהחזרונג פון די מעשים פונעם סאַדיסט קערנס... אומגלויבלעך? אָבער אַ פאַקט. פון „אויבן״ איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אַרויסצוקריגן אינפאָרמאַציעס „פאַר יעדן פרייז״. איבער די אויספאָרשונגען פון די געכאַפּטע האָט קאָמאַנדירט דער שעף פון ש״י (אינטעלידזשענס־דינסט פון דער „הגנה״) און אויך די אויספאָרשער זענען געווען מענטשן פון ש״י.

צוזאַמען מיט די פאַרכאַפּונגען פון מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן, לויטן פּלאַן פון די „פיר פונקטן״, די מסירות און אויסליפערונגען. מ׳האָט אויסגעליפערט דירעקט און אומדירעקט. די בריטישע סי.איי.די. איז געווען אין זיבעטן הימל. זי האָט אָנגעהויבן באַקומען ליסטעס. שוין לאַנג ווי זי וואַרט אויף די רשימות און איצט האָבן זיי אָנגעהויבן אָנקומען בשפע: נעמען, אַדרעסן, שילדערונגען פון די פונקציעס — שטראָמען אין די שופלאָדן פון דזשיילס און קעטלינג. און דער הויפּט־שליח פאַר דער עקלהאַפטער אַרבעט איז זאסלאַני, משה שערטאָקס סעקרעטאַר, אָדער שליח, משה שרת׳ס ראַטגעבער. ריטשאַרד קראָסמאַן, אַ לייבאָר־דעפּוטאַט האָט מיטגעטיילט אין בריטישן פּאַרלאַמענט, אַז לויט זיין אינפאָרמאַציע האָט די „אַגענץ״ און די „הגנה״ איבערגעגעבן דער בריטישער פּאָליציי אַ ליסטע פון 1.500 מיטגלידער פון ארגון צבאי לאומי. איך מיין, אַז די אינפאָרמאַציע האָט ה׳ קראָסמאַן באַקומען נישט פון דער פּאָליציי, נאָר פון דער אַגענץ, וואָס האָט געוואָלט פאַרריכטן די באַציאונגען צווישן איר און דער בריטישער רעגירונג. די צאָל פון 1.500 איז געווען אַביסל איבערגעטריבן. אָבער׳ ס׳איז נישטאָ קיין ספק אַז אין יענער תקופה האָבן די אָפיציעלע אינסטיטוציעס און זייערע „פאַרבינדונג־אָפיצירן״ איבערגעגעבן דער בריטישער פּאָליציי נעמען פון פיל הונדערטער קאָמענדאַנטן און סאָלדאַטן פון ארגון־צבאי־לאומי.

אין דער זעלביקער צייט האָט טשערטשיל געפאָדערט פון ד״ר ווייצמאַן — פאַר דעם צוועק איז ער געווען גרייט אויפצונעמען דעם „וואָס האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן״ — ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי צו „ליקווידירן די טעראָריסטן״. ד״ר ווייצמאַן האָט אָנגענומען די פאָדערונג. ווען ער איז געקומען אין ארץ־ישראל האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט געהאַט מער צער פון לאָרד־מאינס מאָרד, ווי פון זיין זונס טויט... און זיין פאָדערונג איז געווען אַ העפּטיקע: עוקר מן השורש זיין די טעראָריסטן. (ד״ר ווייצמאַן, ווי דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, האָט געבעטן סליחה און מחילה פאַר די פעלערן וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין לעבן, ווילנדיק און נישט ווילנדיק. איך וויל אָננעמען, אַז ד י פעלערן האָט ד״ר ווייצמאַן געמאַכט נישט־ווילנדיק).

ה.

וואָס האָבן מיר געדאַרפט טאָן קעגן דער כוואַליע פון רדיפות, שפּיאָנירונ־געַן, קידנעפּן, מסירות, אויסליפערונגען און פּייניקונגען? מיר האָבן געוווסט, אַז אונדזערע חברים ליידן שווער. און מיר האָבן פון דער טיפעניש געהערט זייער שטים: „ביז ווי לאַנג וועלן מיר לאָזן אומבאַשטראָפט די אכזריותדיקע האַנדלונג?

אָבער אין דער איינזאַמקייט פון אונדזער קאַמף־קאָנספּיראַציע האָבן מיר געזען אָט־די זאַכן נישט אין דער פּערספּעקטיוו פון פאַרבייגייענדיקן טאָג, נאָר פון וויַיטן האָבן מיר זיי געזען. ווען נישט דאָס העל־זען, ווער ווייסט ווו מיר אַלע וואָלטן דערגאַנגען: די שלעגערס און די געשלאָגענע, די פּייניקערס און די געפּייניקטע... און דער ענגלענדער וואָלט געלאַכט.

מיר האָבן וואָס אָן אמת געהאַט אייניקע „פּשוטע“ מעגלעכקייטן. די פּשוטסטע מעגלעכקייט איז געווען אָנצונעמען דעם אולטימאַטום פון דער אַגענץ און זיך אונטערגעבן. מיר האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם „באַפעל“ פון די אינסטיטוציעס, און אָפּגעזאָגט זיך נישט צוליב פּרעסטיזש. אונטערגעבן זיך דעם אולטימאַטום וואָלט פאַר אונדז נישט געווען קיין חרפּה. מיר האָבן דאָך אַלץ געטאָן פאַרן פאָלק. מיר האָבן דאָך אויפגעהויבן די פאָן פון אויפ־שטאַנד און מקריב געווען קרבנות. און אויב ס'איז אויפגעשטאַנען אַן אינערלע־כער כוח, אַ פּיל גרעסערער און שטאַרקערער פון אונדז, וואָס־זשע איז די חרפּה אין אַזאַ אונטערגעבן זיך? די חרפּה וואָלט געווען זייערע, פון די, וועלכע האָבן אונדז אויפגעצוווּנגען.

אָבער פאַר אונדז איז געשטאַנען אַן אַנדערע פראַגע. דער אויפשטאַנד האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. — צי מעגן מיר אים אָפּשטעלן? מיר האָבן געזען דעם מצב פון די יידן אין אייראָפּע און די פאַרשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל. אויב די ענגלענדער וואָלטן דערשמעקט, אַז זיי קענען אונדז אָפּשרעקן — וואָלט דאָך אין פּאַלאַץ פון בריטישן הויך־קאָמיסאַר זיך נישט באַזעצט קיין זאָרג. און אונדזער לאַגע וואָלט זיך אוודאי נישט געענדערט.

ס'איז געווען אַ וועזנטלעכע פראַגע. מיר קענען זיך אַליין נישט אָפּנאַרן און טאָרן נישט אָפּנאַרן די יוגנט. מיט וואָס וואָלטן מיר דערקלערט דער גאַנ־צער יידישער יוגנט דעם פאַקט פון איבעררייסן דעם קאַמף קעגן די ענגלענדער? צי האָבן זיך שוין געעפנט די טויערן פון ארץ־ישראל? האָט זיך אפשר אָנגעה־הויבן דער רעטונג־צוג לטובת די גלות־יידן? ניין. מיר וואָלטן געדאַרפט זאָגן דער יוגנט, אַז אייגנטלעך פאָדערט די פּאָליטישע סיטואַציע די פאַרשטאַרקונג פון אונדזער קריג, נאָר די ענגלענדער האָבן געדראָעט און געשיקט ווייצמאַנען קיין ארץ־ישראל „כדי צו באַרויקן די געמיטער“. דעריבער האָבן אויך מיר, די אויפשטענדלער, קאַפּיטולירט. וואָלטן מיר אַזוי געטאָן, וואָלט אויסגעוועפּט געוואָרן דער זעלישער אויפשטאַנד — דער פאָטער פון פּאָליטישן און מיליטע־

רישן אויפשטאַנד. ניין. מיר האָבן נישט געקענט אָננעמען דעם „אולטימאַטום" פון דער אַגענץ.

די צווייטע סיבה, צוליב וועלכער מיר האָבן אָפּגעוואָרפן דעם אולטימאַטום, איז געווען פאַרבונדן מיט אונדזערע מיט־חברים צום אויפשטאַנד — מיט דעם ל ח " י. בשעת אונדזערע גורלדיקע באַראַטונגען, האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט, ווי עס וועלן זיך נוהג זיין די פירער פון לח"י אין דער ניי־געשאַפענער לאַגע. מיר זענען געווען אויף זיי אין כעס, הלמאי ביי די געמיינזאַמע פאַרהאַנדלונגען האָבן זיי אונדז אפילו קיין רמז ניט געגעבן וועגן דער שליחות פון חכים און בית־צורי אין קאַירא, די צוויי יונגע בחורים, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן וווּנדערלעכן מוט שטייענדיק פאַרן עגיפּטישן געריכט און זענען געגאַנגען צו דער תליה מיט אַן איבערמענטשלעכער גבורה. דער אַטענטאַט אויף לאָרד מאָין, איינער פון די וויכטיקסטע בריטישע אינטריגע־מאַכער אין מיטעלן מזרח, האָט נישט גורם געווען די כוואַליע פון די אינערלעכע רדיפות; דער אַטענטאַט האָט זיי בלויז געגעבן דעם לעצטן שטויס. די אָפיציעלע פירערשאַפט האָט זיך דערשראָקן און אַן אימה איז אַנגעוואָרפן געוואָרן אויפן יידישן ישוב, טאָמער וועלן די „ענגלענדער מאַכן אַ בלוט־באָד אין ארץ־ישראל".

עס איז נישט געווען שווער פאַרויסצוזען די דאָזיקע אַנטוויקלונג. אָבער ס'איז נייטיק געווען אַז מיר, די חברים פון אויפשטאַנד און שותפים פון דער געפאַר, זאָלן וויסן וואָס ס'דאַרף געשען, באַזונדערס ווען מיר האָבן צוזאַמען באַהאַנדלט פאַרשידענע פּלענער און צוגעגרייט בשותפותדיקע שלאַכט־אַקציעס. אָבער די פירער פון לח"י האָבן אונדז פולשטענדיק איבערראַשט. אויף דעם האָט אונדז ווי געטאָן דאָס האַרץ און ס'האָט אונדז וואָס אַן אמת שטאַרק פאַרדראָסן. דאָך האָבן מיר זיך געזאָגט, אַז מיר קענען נישט פאַרלאָזן דעם לח"י אין אַ צייט פון סכנה, ווען די „הגנה" וועט זיך אויף זיי אַרויפוואַרפן און ליקווידירן נאָכן אַטענטאַט אין קאַירא. דאָס איז געווען איינער פון די צוויי דעצידירנדיקע אַרגומענטן, צוליב וועלכע מיר האָבן באַשלאָסן צו ריזיקירן אָפּוואַרפנדיק גאָלאָמבס פאָדערונג. גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזער זאָרג פאַרן לח"י איז געווען אַן אומזיסטע. א ו נ ד ז ע ר ע חברים, וועלכע האָבן געמוזט מאַכן אַקראָבאַטישע שפּרונגען אין אַ גאַס־ווינקל, כדי אַ „הגנה"־מיטגליד זאָל זיי נישט דערזען, האָבן זיך געוווּנדערט זעענדיק די אַקטיווע לח"י־מיטגלידער גיין פראַנק און פריי איבער תל־אביבער גאַסן.

דאָס רעטעניש האָבן מיר געלייזט ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן די „פאַראייניקטע רעזיסטאַנץ־באַוועגונג". די אָנפירער פון דער „הגנה" האָבן מיר דערציילט, אַז אין נאָוועמבער 1944 האָבן די פירער פון לח"י צוגעזאָגט גאָלאָמבן אָפּצושטעלן זייערע אַקציעס קעגן די ענגלענדער און אפילו אָנהייבן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ „פאַראייניקונג" מיט דער „הגנה". דעריבער האָט די „הגנה" נישט גערודפט אין יענע טעג דעם לח"י. פאַרקערט, זי האָט אין קיבוצים געגעבן

שוץ אייניקע מיטגלידער זיינע. די „פיר פונקטן" פון בן־גוריונען זענען נישט אָנגעווענדט געוואָרן קעגן לח"י. דער גאַנצער כעס פון „סעזאָן" האָט זיך אויס־געלאָזן נאָר קעגן ארגון־צבאי־לאומי.

אַ חוץ דעם אָפּוואַרפן דעם אולטימאַטום, האָבן מיר געהאַט אַ צווייטע מעג־לעכקייט: מיר האָבן געקענט צוזאָגן און נישט מקיים זיין. אַזעלכע פאַלן זענען נישט אומבאַקאַנט אין לעבן פון אונטערערדישע באַוועגונג. אָבער עס איז כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער קריגס־מאָראַל פון ארגון־צבאי־לאומי, אַז קיינער פון אונדזערע חברים האָט אפילו נישט אַרויסגעבראַכט אַזאַ געדאַנק. אונדזער יאָ איז געווען שטענדיק אַ יאָ, און אונדזער ניין — אַ ניין.

די דריטע מעגלעכקייט, אויך זייער אַ פשוטע, איז געווען: צו ענטפערן מיט קריג אויף קריג. צו רעאַגירן. ס׳זענען געווען ביי אונדז אייניקע, וועלכע האָבן געפאָדערט צו גיין אויף דעם וועג. זיי האָבן געזאָגט: אַן אונטערגרונט האָט זיך זיינע געזעצן, לויט וועלכע אַ מסור קומט טויט־שטראָף. פאַרוואָס זאָלן מיר די מוסרים שוינען? און נאָך האָבן זיי געפרעגט: צי איז עס מאָראַליש, אַז מיר זאָלן גיין אין די תפיסות, אַריינגעוואָרפן ווערן אין פייניקונג־קעלערן, און מיר אַליין זאָלן אפילו נישט פרווון אָפּצוהאַקן די הענט פון אונדזערע רודפים און פייניקער? צי זענען מיר פלוצלינג געוואָרן „טאָלסטאָיאַנער"?, מיר, וועלכע האָבן געבראָכן די „הבלגה" אין ישראל, זענען פלוצלינג געוואָרן „הבלגה"־ניקעס?

און נאָך האָבן געזאָגט אונדזערע חברים: אויב די אָנגרייפער וועלן זען, אַז מיר רעאַגירן נישט, וועט זייער חוצפה וואַקסן פון טאָג צו טאָג. אָבער אויב מיר וועלן דערלאַנגען עטלעכע פעסטע קלעפּ, וועט דער גאַנצער ענין „פּלאַצן" און די רדיפות וועלן באַלד אויפהערן.

די דאָזיקע טענות זענען געווען זייער ערנסטע און האָבן זיך איבערגעחזרט די גאַנצע צייט, ווי לאַנג ס׳האָבן אָנגעהאַלטן די קידנעפּערייען, די רדיפות און מסירות. פונדעסטוועגן האָבן מיר אויך דעם וועג נישט אָנגענומען. אויף דער מפקדה־זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן נישט אָפּצושטעלן דעם קריג קעגן דער בריטישער הערשאַפט, און צוזאַמען מיט דעם איז ביי אונדז געבליבן נישט צו רעאַגירן אויף די פאַרכאַפּונגען, מסירות און אויסליפערונגען. נישט אַלס יחי־דים און נישט אַלס ארגון. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָפּגעהיטן געוואָרן דורך אַלע אָן אויסנאַם חברים פון ארגון־צבאי־לאומי, ביז ס׳האָבן אויפגעהערט די רדיפות און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קורצע תקופה פון דער קאָאָרדינירטער גע־מיינזאַמער מלחמה פון דער „הגנה", אצ"ל און לח"י.

מען מוז מודה זיין, אַז די וואָס האָבן פאַרגעשלאָגן דעם דאָזיקן „קאָמפּלי־צירטן" וועג, האָבן נישט געהאַט קיין אַרגומענטן פון „לאָגיק". זיי האָבן נאָר געהאַט דעם טיפן גלויבן, אַז ס׳וועט לאַנג נישט דויערן און אַלע יידישע מחנות וועלן שטיין צוזאַמען אין קאַמף קעגן פאַרשקלאַפער. פאַר דער פערספּעקטיוו,

האָבן מיר זיך געזאָגט, איז כדאי צו ליידן אפילו אומדערלאָזלעכע זאַכן און נישט דערפירן צו פּאַרטײפן דעם אָפּגרונט. מיר האָבן אויך געזען ווי אונדזערע געטאָס גייען אויס אין פייער און אונדזערע ברידער אין גלות גייען אין זייער טויטן־מאַרש. דער אינסטינקט, נישט דער שכל, האָט אונדז געזאָגט: ניין, פאַר קיין פּרייז נישט!

דאָס מוראדיקע קאַפּיטל האָט געדויערט פיל חדשים. מיר האָבן געזאָגט: ס'וועט נישט זיין קיין ברידער־קריג! פאַקטיש האָט איבערן גאַנצן לאַנד געבור־שעוועט אַן אכזריותדיקער ברידער־קריג, אָבער דאָס איז געווען אַן איינזייטיקער ברידער־קריג.

ווען איך דערמאָן זיך אין יענע טעג, צעגיסן זיך איבער מיין האַרץ אַלע ליבע־געפילן, וואָס אַ מענטשלעך האַרץ קען אויפנעמען, צו די יונגע אומדער־שראָקענע אונטערגרונט־קעמפער, וועלכע זענען געגאַנגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין פינצטערע קעלערן און דאָך האָט זיך קיי־נער פון זיי נישט אַרויסגעריסן כדי צו דערלאַנגען קלעפּ זיינע שלעגער. כ'האָב געזען זייערע עינויים און ס'האָט מיך אַליין געפּייניקט. כ'האָב זיי אָבער געזען אויך אין זייער גרויסקייט און כ'האָב געשטאָלצירט מיט איר. דיסציפּלין? קיין מענטשלעכער באַפעל וואָלט דאָ נישט געהאָלפן, בעת יעדער טראָפּן בלוט רופט דיך אָפּצוענטפערן. דער באַפעל איז געקומען פון דער טיפעניש פון דער יידי־שער געשיכטע און ער איז אָפּגעהיטן געוואָרן. ס'איז נישט געווען קיין אינער־לעכער בלוט־קריג. מיר זענען אַלע געראַטעוועט געוואָרן פון מוראדיקסטן אומ־גליק. און עס זענען נישט אַריבער קיין סך חדשים און דער אויפשטאַנד האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע פאָלק. רודף און נרדף פון נעכטן זענען היינט אַרויס אין אַ געמיינזאַמען קאַמף פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אונדזער לאַנד.

ו.

צו פאַרמיידן פאַר יעדן פּרייז אַן אינערלעכן בלוט־קריג — דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָבן מיר אָפּגעהיט אויך יאָרן שפּעטער ביים קאַפּיטל פון פייער און בלוט — „א ל ט א ל ע נ א״.

היינט איז עס שוין נישט קיין סוד, אַז אַרום אונדזער פּרעכטיקער געווער־שיף האָט זיך געוועבט אַ פינצטערע אינטריגע. ווען ה׳ בן־גוריון, שטייענדיק אויף דער טריבונע פון כנסת אין תל־אביב, האָט זיך באַרימט:

„איך האָב אַ געוויסן חלק אין דער שיף וואָס שטייט דאָ נישט ווייט פון־דאַנען״ — האָט אים אַ דעפּוטאַט פון מפ״ם איבערגעריסן מיט אַ כאַראַקטע־ריסטישן צווישנרוף:

— אָבער ווער האָט אייך באַוויזן דאָס צו טאָן?

ה׳ בן־גוריון האָט געשוויגן. די פראַגע וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן

איז געווען אַ פיל־זאַגנדיקע. זיין שווייגן האָט נאָך מער געזאָגט. די אַטאַקע אויף דער „אלטאלענא" איז צוגעגרייט געוואָרן אין געהיים, בייזוויליק. די שיף איז אונטערגעצונדן געוואָרן. אָבער דער רויך אַרום איז געקומען נישט נאָר פון פייער, ער איז געשאַפן געוואָרן דורך די אונטערצינדער. דאָס דאָזיקע פייער וועלן מיר שוין נישט קענען פאַרלעשן. אָבער דעם רויך וועלן מיר צעטרייבן. מיר וועלן אויפהייבן דעם פאָרהאַנג.

דער טראַגישסטער פאַקט אין דעם „אלטאלענא" קאַפיטל איז, וואָס די שיף איז געקומען צו שפּעט. ווען די שיף וואָלט אָנגעקומען צו די ארץ־ישראל ברעגעס ביי דער ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט, דאָס הייסט אין מיטן חודש מאַי, וואָלט די לאַגע פון פאָלק געווען אין גאַנצן אַן אַנדערע. דעמאָלט וואָלטן מיר אין רשות פון דער רעגירונג און אַרמיי געשטעלט 8—10 באַטאַליאָנען פול באַוואָפנטע מיט געווער און אַמוניציע, און נישט נאָר מיט „סטענען". ביי אונדזער ערשטן אָנגריף וואָלטן מיר איינגענומען רמלה. די אַראַבישע שטאָט, וועלכע די סאָלדאַטן פון ארגון־צבאי־לאומי האָבן באַלאַגערט, כדי אָפּצוציען לויט דער ביטע פון דער „הגנה"־קאָמאַנדשאַפט דעם פיינטס־כוחות פון לאטרון־פראָנט, האָט געהאַלטן ביים פאַלן. נאָר דער דוחק פון געווער און אַמוניציע האָט געשטערט. ס׳איז אומגלויבלעך, אָבער אַ פאַקט, אַז ס׳האָט זיך געהאַנדלט סך־הכל אין עטלעכע הונדערט ביקסן. און די זענען נישט געווען פאַרן רמלה׳ר פראָנט. דריי הונדערט ביקסן, אָדער זעקס פּראָצענט פון דער צאָל ביקסן וואָס זענען געווען אָנגעלאָדעוועט אין „אלטאלענא".

אויב מיר וואָלטן דעמאָלט געקענט איינגעמען רמלה, וואָלטן די פאַראייניקטע אידישע כוחות צעבראָכן דעם רוקן־ביין פון שונא אויפן לאטרון־פראָנט און אונדזער סטראַטעגישע לאַגע וואָלט געווען אין גאַנצן געענדערט, ביז ירושלים, און ביזן הר־הבית. אונדזערע כוחות וואָלטן נאָך דעם פריי געוואָרן פאַר אַן אויפשטורעם אויפן „דריי־עק". קורץ: מיר וואָלטן היינט געשטאַנען — מינדעסטנס — אויפן ירדן.

אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט. די „אלטאלענא" מיט אירע ניין הונדערט סאָלדאַטן, פינף טויזנט ביקסן, פיר מיליאָן קוילן, 300 ברענען, 150 שפּאַנדויס, פיר געפּאַנצערטע מאַשינען, טויזנטער אַעראָפּלאַן־באָמבעס, און נאָך פיל אַנדערע קריג־אַמוניציע איז געווען גרייט אָפּצושווימען נישט האַלב מאַי, נאָר אין מיטן יוני. די ערשטע ידיעה וועגן איר אָוועקגיין פון אַ פראַנצויזישן פּאָרט האָבן מיר באַקומען פון לאָנדאָנער ראַדיאָ. די ידיעה האָט מיך אויפגעציטערט. דעם טאָג איז אין לאַנד פּראָקלאַמירט געוואָרן דער „איבעררייס פון די קאַמפן". וואָסערע עס זאָל נישט זיין אונדזער באַציאונג צו דעם באַשלוס פון דער אונ״א־קאָמיסיע וועגן איבעררייסן די קאַמפן — האָב איך געזאָגט מיינע חברים — קענען מיר נישט נעמען אויף זיך די אחריות פאַר די מעגלעכע רעזולטאַטן פון ברעכן דעם באַשלוס. די גאַנצע יידישע אַרמיי איז געווען זייער מיד.

דער שונא האָט געהאַט אין זיין רשות בעסער געווער. דאָס איז שוין נישט גע־ווען קיין פּאַרטיזאַנישער אונטערגרונט־קאַמף. ס׳איז געווען אַן אָפענער פעלד־קריג, וואָס אויב חלילה אַ דורכפאַל, דראָעט אונדז אַ פולשטענדיקע פאַרניכטונג. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן קודם־כל אָפּצוהאַלטן די שיף. צו דער מעלדונג פון בריטישן ראַדיאָ האָבן מיר זיך, ווי געוויינלעך, נישט באַצויגן מיטן גאַנצן צו־טרוי. אפשר איז נאָך די שיף נישט אָפּגעפּאָרן און די ענגלענדער האָבן זיך גע־איילט צו אַלאַרמירן די אויפזעער פון אונ״א? דעם טאָג האָב איך טעלעגראַפירט צו אונדזער צענטראַלע אין פּאַריז: „זאָל די שיף נישט אָפּשווימען. וואַרט אויף אינסטרוקציעס״. אַן ענטפער אויף דער טעלעגראַמע איז אָנגעקומען נאָך דריי טעג (ס׳איז געווען אימיצער וואָס האָט פאַרהאַלטן טעלעגראַמעס). מיין פריינד, שמואל כץ, דער פאַראַנטוואָרטלעכער אין פּאַריז, האָט מיר מודיע געווען, אַז מיין טעלעגראַמע איז אָנגעקומען אַ טאָג נאָך דעם ווי די שיף איז אָפּגעשווומען; ער האָט שוין נישט קיין קאָנטאַקט מיט „אלטאלענא״. און ער קען שוין גאָרנישט טאָן. אויב מיר וועלן אָפּווענדן די „אלטאלענא״, דאַרפן מיר זיך מיט איר פאַר־בינדן דירעקט, דורך ראַדיאָ.

אַזוי האָבן מיר געטאָן. די ערשטע טעלעגראַמע, וואָס מיר האָבן געשיקט צו „אלטאלענא״ איז געווען: ”Keep away, await instructions“ („האַלט זיך פון דערווייטנס. וואַרט אויף אינסטרוקציעס״.) מיר האָבן נישט געוווסט, צי די שיף האָט אויפגעכאַפּט די אינסטרוקציע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייענ־דיק ווייט פון די גרענעצן פון לאַנד, האָט איר טראַנסמיטער געאַרבעט נאָר אין איין ריכטונג: זי האָט געהערט, אָבער איר שטימע איז נישט דערגאַנגען צו אונדז. באַלד נאָכן אָװעקשיקן די טעלעגראַמע, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, האָבן מיר אַלאַרמירט די פאַרשטייער פון זיכערהייט־מיניסטעריום און מיר האָבן זיי אי־בערגעגעבן יעדן דעטאַל וועגן דער שיף: וויפיל מענטשן זי ברענגט, וואָס פאַר אַ מינים געווער זי האָט, וואָס זענען די קוואַנטומס פון געווער און אַמוניציע, ווען זי איז אָפּגעשוואומען פון פראַנקרייך און ווען, בערך, מען קען דערוואַרטן איר אָנקום צו די ברעגעס פון לאַנד. און איצט באַשליסט — האָבן מיר געזאָגט צו די פאַר־שטייער פון זיכערהייט־מיניסטעריום — צי דערלויבן די שיף אָנצוקומען, צי צו־ריקשיקן זי קיין פראַנקרייך אָדער זי אָפּשיקן צו אַן אַנדערן פּאָרט פון מיטללענ־דישן ים. בקיצור: אַלע פּרטים — איך אונטערשטרייך: אַלע פּרטים זענען אי־בערגעגעבן געוואָרן דער רעגירונג און די דעציזיע גופא, צי ברענגען אָדער נישט ברענגען די שיף, ליגט אויך אין די הענט פון דער רעגירונג. די אָפיציעלע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט דערציילט, אַז דער אצ״ל האָט געבראַכט די „אלטאלענא״ צוצו־גרייטן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער ישראל־רעגירונג. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן וועבן די „קאָנספּיראַציע פון אויפשטאַנד״.

די רעגירונג — אָדער דאָס זיכערהייט־מיניסטעריום — באַשליסט, אַז מ׳דאַרף ברענגען די געווער־שיף פון ארגון־צבאי־לאומי און ברענגען זי ווי

צום שנעלסטן. וועגן דעם טיילט מיר מיט אויף צומאָרגנס ישראל גלילי, נאָכן נאַכט־געשפּרעך אין אונדזער קוואַרטיר. אנשטאט זאָרג קומט די שמחה. מיר זענען אַלע גליקלעך. די לאַסט פון אחריות פאַר דער פאַראָרדענונג פון אונ״א פאַלט אַראָפּ פון אונדזערע פּלייצעס: די רעגירונג ווייסט דאָך די לאַגע און די באַדערפעניש. זיכער איז נישטאָ קיין ברירה. עס פעלט געווער. באַזונדערס פעלן ביקסן, און ס׳פעלט אַמוניציע 303, אָט די ענגלישע אַמוניציע וואָס צו־ליב איר מאַנגל איז אומנוצבאַר פיל געווער פון דער „הגנה״ און די אַרמיי. דאָס אַלץ וועט „אלטאלענא״ ברענגען. גאָט זיי דאַנק, וואָס די רעגירונג־פאַר־שטייער באַנעמען די ערנסטקייט פון דער לאַגע. באַלד איז אַרויס אַ שיפריר־טע טעלעגראַמע צו דער „אַלטאַלענאַ״, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס פרייד אויפן דעק פון שיף: „גיכער פאָרויס!״

דעם דאָזיקן פונקט מוז מען אונטערשטרייכן. די צייטווייליקע רעגירונג האָט פאַרעפנטלעכט מעלדונגען, אַז דער אַצ״ל האָט געפּרווט ברעכן דעם באַ־פעל פון אונ״א וועגן קאַמף־איבעררייס און די רעגירונג, וואָס רעספּעקטירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, האָט געמוזט פאַרניכטן דאָס געווער, וואָס מ׳האָט געבראַכט צו די ברעגעס פון לאַנד.

מיר מוזן איבערחזרן: די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט געוווסט וועגן דער געווער־שיף, וואָס שווימט — אין קעגנזאַץ צו אונדזערע אינסטרוקציעס, וועלכע זענען אָנגעקומען צו שפּעט — אין דער ריכטונג פון ארץ־ישראל. און די רעגירונג האָט עס באַשלאָסן צו ברענגען די „אלטאלענא״ אין דער צייט פון „שלאַכט־איבעררייס״. אַנדערש, וואָלט די „אלטאלענא״ נישט געקומען.

נאָך דעם ווי די רעגירונג האָט באַשלאָסן, מסכים געווען און באַפוילן תיכף צו ברענגען די „אלטאלענא״, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען צווישן זיכערהייט־מיניסטעריום און אונדזער קוואַרטיר וועגן דער אויסלאָדונג פון וואָפן און זיין פאַרטיילונג. דער ארגון־צבאי־לאומי איז דעמאָלט געווען אַ קער־פּערשאַפט, וועלכע איז אָנערקענט געוואָרן דורך די אָפיציעלע אינסטיטוציעס. איידער די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, האָט דער גרויסער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט, די אויבערשטע אינסטאַנץ פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, באַשטעטיקט דעם הסכם פון קריג־קאָאָפּעראַציע צווישן דער „הגנה״ און אונדז, אַ הסכם וועלכער איז דערגרייכט געוואָרן נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונ־גען צווישן די פאַרשטייער פון דער יידישער אַגענץ, די ה״ה יצחק גרינבוים און משה שאַפּירא און די פאַרטרעטער פון ארגון־צבאי־לאומי. ווען עס איז דעם 14טן מאי פּראָקלאַמירט געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט, איז נישט באַלד גע־שאַפן געוואָרן קיין פאַראייניקטע יידישע אַרמיי. ס׳האָט נאָך עקזיסטירט די „הגנה״, ס׳האָט נאָך עקזיסטירט דער ארגון צבאי לאומי, וואָס זיינע סאָל־דאַטן זענען געשטאַנען אויף פאַרשידענע קריג־פראָנטן, און אויף אַ ריי אָפּשניטן געקעמפט צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן פון דער „הגנה״. דער באַקאַנ־

טער זשורנאַליסט, ד״ר עזריאל קאַרלעבאַך, האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו מיר מיט אַן אָפענעם בריוו פול מיט ענטוזיאַזם און געפאָדערט, אַז נאָך אונדזער נצחון איבער די ענגלענדער, זאָלן מיר טאָן פּאַרן אויפשטעלן אַ פּאַראַייניקטע יידישע אַרמיי. איך האָב אים געענטפערט אויף אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע. מיר האָבן מיטגעטיילט, אַז עטלעכע טעג פ אַ ר זיין ווענדונג האָבן מיר עפנטלעך געפאָדערט תיכף צו שאַפן די אַרמיי, אנשטאט אויפצוהאַלטן מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער דאָס הענגט נישט אָפּ פון אונדז, נאָר פון דער רעגירונג. ווען ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די שאַפונג פון דער אַרמיי, זענען מיר ווייטער געווען אַן אנערקענטע מיליטערישע קערפּערשאַפט, אַזוי ביז דער פאַרענדיקונג פון דער אָרגאַניזירטער מאָביליזאַציע פון אונדזערע סאָלדאַטן. אין די אָפּעראַטיווע באַפעלן פון די פראָנט־קאָמאַנדאַנטן זענען דערשינען אצ״ל־באַטאַליאָנען ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון די מיליטערישע קרעפטן. אין דער באַפרייטער יפו וועלכע איז, לויט אונדזער פאָדערונג, צעטיילט געוואָרן אין צוויי אָפּשניטן, איז אין איינער פון זיי געשטאַנען אַ פּלאַץ־באַטאַליאָן פון אַרגון־צבאי־לאומי. דער פּרעמיער־מיניסטער, ה׳ דוד בן גוריון, האָט איין מאָל באַזוכט יפו און האָט אויך אינספּעקציאָנירט די סעקציעס פון אצ״ל, וועלכע האָבן פאַר אים פּרעזענטירט זייער געווער. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ה׳ בן־גוריון איז געווען גערירט און האָט באַמערקט צו זיינע באַגלייטער:

— כ׳האָב נישט געוווסט, אַז זיי האָבן אַזעלכע בחורים!..

נאָך דעם האָט דער פּרעמיער־מיניסטער געשיקט דעם פאָלגנדיקן בריוו צום סמל פון ארגון־צבאי־לאומי, דעם מפקד חיים, איינער פון אונדזערע גוטע מפקדים, וועלכער האָט געהאַט די קאָמאַנדשאַפט איבערן יפוער גאַרניזאָן:

מדינת ישראל.

די פּראָוויזאָרישע רעגירונג.

י״ג אייר תש״ח. 22.5.1948

צום קאָמענדאַנט פון די אצ״ל־סאָלדאַטן אין יפו,

„ביז אַ נייער אינסטרוקציע שטייסטו און דיינע סאָלדאַטן אונטער דעם איינציקן באַפעל פון מיליטערישן גובערנאַטאָר אין יפו, י. טשיזשיק.

(—) דוד בן־גוריון

פּרעמיער און זיכערהייטס־מיניסטער״.

מיר האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט בן־גוריונס מיטאַרבעטער, אַז ס׳איז נישט אָנגענומען אַז אַ פּרעמיער־מיניסטער זאָל זיך ווענדן דירעקט צו אַ לאָקאַלן קאָמענדאַנט. די אָפיציעלע אנערקענונג פון „די אצ״ל סאָלדאַטן אין יפו״ איז אונדז געווען אנגענעם, אָבער צוליב זאָרג פאַר דער יונגער באַשעפעניש פון

אונדזער מדינה, האָבן מיר געוואָלט אָפּהיטן דעם פּרעסטיזש פון פּרעמיער־מי־ניסטער אַלס אַזעלכן.

איינער פון בן־גוריונס הויפּט־מיטאַרבעטער האָט אונדז געזאָגט ביי אַן אַנ־דערער געלעגנהייט:

— וועגן יפו האָט איר דאָך געקריגן אַ בריוו פון דער מדינה.

מיר האָבן אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ מדינה קען נישט שרייבן קיין בריוו. די רעגירונג שיקט בריוו. ער האָט געענטפערט כלאחר־יד:

— דאָס איז איינס און דאָס זעלביקע.

ניין. אַ רעגירונג און אַ מלוכה איז נישט איינס און דאָס זעלביקע. אַ שאָד וואָס ה׳ בן־גוריון פאַרשטייט עס נישט!

מיט דעם מיטאַרבעטער און זיינעם אַ חבר האָבן מיר ווייטער פאַרהאַנדלט מכוח דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער אַרמיי. דאָס איז אַ באַזונדער קאַ־פּיטל. דאָ איז נאָר געגוג אונטערצושטרייכן אַז ס׳איז צווישן אונדז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז דער ארגון־צבאי־לאומי וועט אַריינפירן אין דער אַרמיי פולע רעגי־מענטן פון זיינע קאָמענדאַנטן און סאָלדאַטן. און דאָס נאָר דערפאַר, ווייל דאָס צוזאַמענשטעלן פון רעגימענטן פאָדערט אַ געוויסע צייט. עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן אַז ס׳זאָל געשאַפן ווערן, מיטן הסכם פון פּרעמיער און זיכערהייט־מיניסטער, אַ באַזונדערער פּראָוויזאָרישער שטאַב פון ארגון־צבאי־לאומי. ביז די „אלטאלענא״ איז אָנגעקומען, האָט דער שטאַב צוזאַמענגעשטעלט און אַריינ־געפירט אין דער אַרמיי אייניקע פולע רעגימענטן. טיילעכע זענען געווען אין גאַנג פון צוזאַמענשטעלן, זייערע סאָלדאַטן זענען נאָך געווען צעוואָרפן אין פאַר־שידענע פאָרמאַציעס און אויף פאַרשידענע פראָנטן. אונדזער שטאַב, וואָס איז געווען אַן אָפיציעלע, אנערקענטע קערפּערשאַפט, האָט אונטערגעהאַנדלט מיט די פאַרשטייער פון זיכערהייט־מיניסטעריום וועגן אויסלאָדן דאָס געווער פון „אלטאלענא״.

געמיינזאַם האָבן מיר באַשטימט דאָס אָרט ווו די שיף זאָל אָנקומען. לויטן פעסטגעשטעלטן באַשלוס האָבן מיר באַלד געענדערט די אינסטרוקציעס, וועל־כע מיר האָבן געשיקט נאָך אין חודש אַפּריל. „אלטאלענא״, וואָס האָט געוואַרט אויף מענטשן, געווער און אינסטרוקציעס, איז אייניקע חדשים געשוואומען צווישן די ברעגעס פון אייראָפּע און צפון־אַפריקע. די שיף איז געקויפט געוואָרן דורכן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דער אַמעריקאַנער ליגע פאַר אַ פרייער ארץ־ישראל. מיר האָבן געטראַכט זי צו ברענגען נאָך ווען די ענגלענדער האָבן געהערשט אין לאַנד, מיר האָבן געוואָלט ברענגען אין איר עולים מיט גע־ווער. אין יענע טעג האָבן מיר באַשטימט, אַז די שיף וועט אָנקומען דווקא צו די ברעגעס פון תל־אביב, ווייל אין צווישן האָבן די ענגלענדער פאַרלאָזט דעם יידישן „דרייעק״ פתח־תקווה — תל־אביב, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט

זייער עוואַקואַציע־פּלאַן. אַלס לאַנדונגס־אָרט איז באַשטימט געוואָרן די פּריש־מאַן־גאַס. מ׳דאַרף גוט געדענקען דעם דאָזיקן פּרט!

דער ספּעציאַליסט פון זיכערהייט־מיניסטעריום האָט פאָרגעשלאָגן צו ברענ־גען די שיף נישט קיין תל־אביב, נאָר צו די נתניהר וואַסערן, אין די קאַנטן פון גבעת אולגה אָדער כפר וויטקין. זיין מיינונג איז געווען, אַז אויפן צווייטן אָרט וועט לייכטער זיין אויסצולאָדעווען דאָס געווער, אַז די קאָנטראָלערן פון אונ״א זאָלן נישט באַמערקן. אונדזערע ספּעציאַליסטן זענען דעריף איינגעגאַנגען אָן קווענקלעניש און אָן פאַרדאַכט. לויט זייער מיינונג איז נישט געווען קיין אונ־טערשיד, צי די שיף וועט לאַנדן אין דעם אָדער אין אַ צווייטן אָרט. דער עיקר איז פאַר זיי געווען די זיכערקייט פון אויסלאָדענען. מיר, וועלכע האָבן גאָר־נישט חושד געווען, וואָרום מיר האָבן נישט געשפּינען קיין פינצטערע אינטרי־געס, האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אויסער די חשבונות פון אויסלאָדן זענען נאָך דאָ אַנדערע חשבונות... דעם זעלביקן טאָג איז אַרויס אַ שיפרירטע טעלעגראַמע צו „אלטאלענא״: „בייטן דעם קורס, נישט פאָרן קיין תל־אביב, נאָר לאַנדן אין כפר־וויטקין!

באַלד האָבן מיר אָנגעהויבן באַהאַנדלען די פאַרטיילונג פון געווער. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן: 20 פּראָצענט פון געווער זאָל געשיקט ווערן קיין ירושלים צו די באַטאַליאָנען פון ארגון־צבאי־לאומי, און דאָס איבעריקע געווער זאָל איינ־געטיילט ווערן אין דער איינהייטלעכער אַרמיי פאַר רעגימענטן, וועלכע באַ־שטייען פון אצ״ל סאָלדאַטן און אַנדערע פאָרמאַציעס. אונדזער פאָרשלאַג איז געווען אַ גערעכטער און באַרעכטיקטער. זייער ערנסטע טעמים זענען געשטאַ־נען הינטער אים.

ז.

ס׳איז געווען אַן איבערגאַנג־תקופה. ירושלים איז געווען אַ „סעפּאַראַטע קערפּערשאַפט״. די יידישע סוווערעניטעט איז נאָך נישט אויסגעברייטערט גע־וואָרן אויף אונדזער הויפּטשטאָט. די אָפיציעלע פירערשאַפט, וואָס האָט אָנגע־נומען דעם חלוקה־באַשלוס פון אונ״א אין זיין גאַנצקייט, האָט אויך אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן רעזשים איבער ירושלים. ה׳ בן־גוריון האָט געפאָדערט פון דער „הסתדרות״־עקזעקוטיווע זיין באַוועגונג זאָל אַרויפ־לייגן איר פולע וואָג, אַז מ׳זאָל אפילו נישט רעדן וועגן „דעראָבערן ירושלים״ אָדער וועגן פאַרברייטערן די גרעניצן. דעריבער איז אין ירושלים נישט געשאַפן געוואָרן די יידישע אַרמיי, אויך דעמאָלט ווען זי איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד. אין ירושלים איז געבליבן די „הגנה״, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער קרייז־קאָמענדאַנט, דוד שאלתיאל. עס איז געבליבן דער ארגון־צבאי־לאומי, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דער „הגנה״ געקעמפט לויטן

אָפּעראַטיוון הסכם צווישן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אונדז, און ס׳איז געבליבן דער לח״י, וועלכער האָט אויסגעפירט קריג־אָפּעראַציעס אין ירושלים און איר סביבה אָן אַ פאָרמעלן הסכם מיט דער „הגנה״. אָבער די פאַרלאָזענע, באַלאַגערטע און באַשאָסענע ירושלים איז אויסגעאַנגען נאָך געווער, באַזונ־ז׳ערס נאָכן אומגליק אין נבי־דניאל, ווו אַ גרויסע גרופּע פון די „הגנה״־חברים האָט זיך אַ דאַנק בריטישער פאַרמיטלונג אונטערגעגעבן צו די אַראַבער און אַ סך געווער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פונעם פיינט אָדער פאַרניכטעט געוואָרן.

אויך אונדזערע חברים האָבן נישט געהאַט קיין געווער פאַר אָן אָפענעם פעלד־קריג. זיי האָבן גערופן צו אונדז: געווער! מיר האָבן גערופן צו אונדזערע שליחים אין אויסלאַנד: געווער! אָבער דעם שונאס שפּיאָנאַזש־דינסט איז אונדז געשטאַנען אין וועג. עס זענען געווען קאָמפּליקאַציעס. פיל געווער־טראַנספּאָרטן, וואָס אונדזער יואל האָט געדאַרפט אַריבערשיקן אין ארץ־ישראל, זענען אַנט־דעקט געוואָרן איידער זיי זענען אויפגעלאָדעוועט געוואָרן אויף די שיפן. מיר האָבן איבערגעפירט קיין ירושלים אַ קוואַנטום געווער פון „לאָקאַלער פּראָדוק־ציע״. מיר האָבן בעצם נישט געהאַט וואָס איבערצושיקן צו אונדזערע ירושלי־מער קעמפער. ווען מיר וואָלטן זיי געשיקט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם מאַ־שין־געווער אָדער פון דער אַמוניציע, וואָס מיר האָבן צוגענומען פון די ענגלענ־דער, וואָלטן מיר זיי געשטאַרקט, כאָטש נישט אין אַ דעצידירנדיקער מאָס און מיר וואָלטן נישט געקענט דעראָבערן יפו. אונדזערע סאָלדאַטן אין דער הויפּט־שטאָט האָבן געהאַט ווייניק געווער, דאָך האָבן זיי מיט דעם וואונדער באַוויזן.

אונדזערע בחורים האָבן געקעמפט אַ העלדן־קאַמף אין דער אַלט־שטאָט פון ירושלים. דער גאַרניזאָן אין דער אַלט־שטאָט איז געווען זייער אַ קליינער. נישט קיין גאַנצע הונדערט מיטגלידער פון אצ״ל. ווייניקער פון 200 חברים פון דער „הגנה״. זייער געווער איז געווען ווינציק. אַביסל מאַשין־געווער, ביקסן, סטע־נען, ווייניק אַמוניציע. פונדעסטוועגן זענען די פאַרטיידיקער פון אַלט־שטאָט געשטאַנען מיט גרויסן מוט קעגן די אָנגריפן פון די „אומרעגולערע״ אַראַבער און קעגן דער אָפענסיווע פון דער רעגולערער אַרמיי פון אַראַבישן לעגיאָן, וואָס האָט געקעמפט אונטער דער קאָמענדע פון בריטישע אָפיצירן און זענען גע־שטיצט געוואָרן דורך האַרמאַטן און טאַנקן־פייער. לאַנגע וואָכן האָט געדויערט דער העלדן־קאַמף. אין תחילת זענען געווען מיספאַרשטענדענישן צווישן די „הגנה״־מיטגלידער און אונדזערע חברים. די דערציאונג צו שנאה האָט געגעבן אירע סימנים אויך דאָ, אפילו דאָ. אונדזערע בחורים האָט מען דיסקרימינירט אפילו ביים טיילן שפּייז. אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט האָבן זיך די באַ־ציאונגען פאַרבעסערט. די געמיינזאַמע סכנה האָט דערנענטערט. די בחורים פון דער „הגנה״ זענען געקומען אין אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אונדזערע בחו־רים און זיך איבערצייגט, אַז די אצל״ניקעס זענען נישט אַזעלכע ווי די פיינט־

שאַפּטלעכע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיי געשילדערט. עס זענען צושטאַנד געקומען בשותּפותדיקע באַראַטונגען. עס זענען געווען בשותּפותדיקע פאַרברייטונג־אַקציעס. איינער פון אונדזערע מפקדים האָט אינסטרואירט די „הגנה״־מיטגלידער אין מינען־לייגן, וואָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פונעם יידישן פערטל.

ביזן 14טן מאַי איז אונדז געלונגען „אַריינצוגנבענען״ אין דער אַלט־שטאָט גדעונען, אַ פעיקן סטודענט פון מאַטעמאַטיק און איינער פון אונדזערע בעסטע מפקדים (דאָס איז דער דריטער „גדעון״, מיר האָבן געהאַט אַ סך גדעונס). צוזאַמען מיט גדעונען, וועלכער האָט איבערגענומען די אַלגעמיינע קאָמאַנדשאַפט פון אונדזערע איינהייטן, זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן נאָך מפקדים און סאָלדאַטן און אַ סכום פון געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל. דעם 14טן מאַי איז פולשטענדיק איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט צווישן דער אַלט־שטאָט און דער נייער שטאָט. ביידע זענען געווען באַלאַגערט.

גדעון האָט אויפגעשטעלט אַ וואַרשטאַט צו פּראָדוצירן פּרימיטיווע האַנטגראַנאַטן, וועלכע האָבן אונדז פיל געהאָלפן אָפּצושטויסן דעם פיינדס אָנגריפן. נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען האָט ער געמאַכט אַ פּרווו אַריבערצוגיין פון דעפענסיווע צו אָפענסיווע. אין איינער אַ שלאַכט האָבן אונדזערע סאָלדאַטן מיט שטורעם איינגענומען אַ זייער וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציע, די אַרמענישע קירכע, וואָס האָט דאָמינירט איבער דעם יידישן קוואַרטאַל. דער אָרטיקער כומר האָט געפּאָדערט אַרויסצונעמען אונדזערע סאָלדאַטן פון קירכע־שטח און צוגעזאָגט, אַז ער וועט נישט דערלויבן אויך די אַראַבער זיך צו באַנוצן מיט אים. גדעון האָט באַקומען אַ באַפעל אַרויסצונעמען זיינע סאָלדאַטן פון אַן אָרט וואָס איז געווען לעבנס־וויכטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון יידישן קוואַרטאַל. ער האָט עס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ. די הבטחה פון אַרמענישן כומר איז נישט געהאַלטן געוואָרן. עטלעכע שעה נאָכדעם ווי אונדזערע כוחות האָבן זיך צוריקגעצויגן צוליב דער הייליקייט פון אָרט, זענען די אַראַבער אַריין אין קירכע און פון איר טורעם געעפנט אַ פייער אויף די יידישע פאַרטיידיקער.

די ציווילע באַפעלקערונג אין יידישן פערטל איז געווען נידערגעשלאָגן, באַזונדערס נאָך די שטאַרקע אָנגריפן. איינער פון די אָרטיקע רבנים האָט געפּאָדערט זיך אונטערצוגעבן. די פאָדערונג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן סיי דורך די מיטגלידער פון אצ״ל און סיי דורך די חברים פון „הגנה״. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ שווערער. אַ טייל פון דער ציווילער באַפעלקערונג, און צווישן איר פרויען און פיל קינדער, האָבן ווייטער געפּאָדערט אויפצוגעבן די פאַרלאָרענע שלאַכט. די איינמאָליקע הילף וואָס איז געבראַכט געוואָרן די פאַרטיידיקער, ווען דער פלמ״ח האָט זיך דורכגעריסן, האָט נישט געענדערט דעם מצב. די פאַרשטאַרקונג וואָס איז געשיקט געוואָרן איז באַשטאַנען פון אַכציק מיטגלידער פון דער פאָלקס־וואַך. זיי האָבן נישט געוווסט ווי זיך צו באַנוצן ווי געהעריק מיט גע־

ווער, און מיט זייער שטעלונג האָבן זיי נישט געשטאַרקט דעם קאַמפּס־גייסט. די צאָל פון די געהרגעטע און פאַרוואונדעטע איז געוואַקסן. אין אַ געוויסן טאָג איז אויך אַ טייל פון די „הגנה" חברים באַהערשט געוואָרן פון דער מיינונג, אַז ס'האָט שוין נישט קיין זין פאַרצוזעצן דעם ווידערשטאַנד. אונדזערע חברים האָבן אויף זיי געווירקט ווייטער צו קעמפן. אונדזער מפקד גדעון האָט מיטגע־טיילט די חברים פון דער „הגנה", אַז ער און זיינע סאָלדאַטן וועלן קעמפן ביז דער לעצטער קויל.

די באַניטע געמיינזאַמע העלדן־רעזיסטענץ האָט אין יענע באַדינגונגען שוין נישט געקענט לאַנג אָנהאַלטן. ס'איז נישט געווען קיין שפּייז. ס'איז געווען דורשט. די אַמוניציע איז אויסגעגאַנגען, דער קאָמענדאַנט פון דער „הגנה"־איינהייט איז פאַרוואונדעט געוואָרן. גדעון איז אויך געטראָפן געוואָרן דורך אַ קויל. די בחורים האָבן אָבער ווייטער געקעמפט. צען־צוועלף יעריקע קינדער האָבן באַוויזן וואָס יידישע קינדער זענען מסוגל אויפצוטאָן ביי אַ הייליקן נסיון. די קינדער פלעגן אַריבערפירן געווער און אַמוניציע צווישן אונדזערע פּאָזיציעס, און האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַרן פיינדס פייער. אונדזערע קליינע העלדן! די פּאָזיציע, פון וועלכער די רעזיסטענץ האָט זיך געהאַלטן ממש ביזן לעצטן מאָמענט, איז געווען די פּאָזיציע פון אצ"ל אין ניסן־בעק. אָבער ס'איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו קעמפן. און ס'זענען שוין נישט געווען קיין הענט צו קעמפן. דער גרעסטער טייל פון די פּאַרטיידיקער, וועל־כע זענען געווען שוין טעג און נעכט אָן כוחות, זענען פאַרוואונדעט אָדער דער־הרגעט געוואָרן. די שטאָט פון דוד המלך איז געפאַלן פאַרן שונא. אַ גרויסער טרויער איז אַראָפּ אויף אונדז אַלעמען. „תשעה באב" אין חודש אייר.

דער פּרוּוו צו באַפרייען די אַלט־שטאָט איז געמאַכט געוואָרן, ווען עס האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן די קאַמפן נאָכן ערשטן „איבעררייס". אונדזערע חברים, וועלכע האָבן באַקומען אַ באַדייטנדיקע פאַרשטאַרקונג אין געווער, האָבן געפאָדערט פון „הגנה"־שטאַב אין ירושלים תיכף צוצוטרעטן צו באַ־פרייען די אַלט־שטאָט. אָבער די הויפּט־קוואַרטיר פון „הגנה" האָט אָפּגעלייגט די אַקציע פון טאָג צו טאָג. אין צווישן זענען אונדזערע איינהייטן אויפגעפאָ־דערט געוואָרן איינצונעמען מלחה, אַ וויכטיקער פונקט פון פיינד אין די קאַנטן פון עין־כרם. אין אַ קלאַסישער צוואַנג־אָפּעראַציע האָבן אונדזערע סאָלדאַטן אויסגעפירט די אָפּעראַציע מיט דער הילף פון אַ „הגנה"־איינהייט, דער שונא איז אַנטלאָפן. באַלד נאָכדעם איז עין־כרם געפאַלן אָן קאַמף. אָבער דאָס האַלטן מלחמה האָט אונדז טייער געקאָסט. די „הגנה"־איינהייט, וואָס האָט געהאַט דאָס שווערע געווער, האָט פאַרלאָזן דעם אָרט באַלד נאָך דער דעראָבערונג און איין פליגל פון פראָנט איז געבליבן אָפּגעדעקט. דער שונא האָט געמאַכט אַ קעגן־אָפענסיווע מיט פּאַנצער און שווער געווער. אונדזערע שלאַכטלייט זענען געצוואונגען געוואָרן צו עוואַקואירן דאָס בערגל וואָס האָט דאָמינירט איבער

דעם דאָרף, זיי האָבן אָבער ווידער געמאַכט אַן אַנגריף און עס צוריק דעראָבערט.

אָבער... אַכצן יונגע קברים זענען אויסגעהאַקט געוואָרן אין מיטן ירו־שלים.

ערשט די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה איידער אונ״א האָט באַשטימט באַנייען דעם „איבעררייס״ פון די קאַמפן איז געגעבן געוואָרן דער באַפעל צו שטורמען די אַלט־שטאָט. אַכט גורלדיקע טעג זענען אַריבער אָן טאָט. צי האָט מען בכוונה אָפּגעלייגט? אַ פאַקט איז, אַז אין אונדזער רשות זענען געשטאַנען פולשטענדיק געניגנדיקע כּחות אַרויסצונעמען אונדזער פאָלקס קודש־הקדשים פון די הענט פון מדבר־פּרינץ. פיר סעקציעס פון דער „הגנה״, דריי אונדזערע און איינע פון לח״י, אַלע באַוואָפנט מיט מאָדערנעם געווער, זענען געשטאַנען גרייט זיך אַריינצורייסן אין דער אַלט־שטאָט. פאַרוואָס איז נישט אויסגענוצט געוואָרן די צייט צו באַפרייען ירושלים?

— ס׳איז פאַראַן אַ סברה, אַז אין געוויסע פּאָליטישע קרייזן האָט גע־הערשט די טעאָריע, אַז ס׳איז אונדז נישט כדאי צו דעראָבערן די אַלט־שטאָט און נעמען אויף זיך דעם „קאָפּ ווייטיק״ וואָס איז פאַרבונדן מיט די הייליקע פּלעצער פון פרעמדע פעלקער.

צום סוף זענען אונדזערע איינהייטן גערופן געוואָרן צו דער אָפענסיווע אויפן אַלט־שטאָט. פאַרבאָרגענע כוחות האָבן זיך אויפגעוועקט אין די בחור־רים. אויף דער שטאָט פון דוד המלך! אַלע יידישע כוחות האָבן זיך באַטיי־ליקט אין דעם אַנגריף. ס׳איז געווען אַ גרויסע נאַכט. די „הגנה״, דער אצ״ל און לח״י, אַלע זענען אַרויס אין דער שלאַכט, פאַראייניקט אין אַ שטאַרקן ווילן. אָבער די נאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער ליכט, האָט זיך פאַרענדיקט ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען — מיט אַ שווערן טרויער. די יידישע קרעפטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די מויערן. ס׳זענען אָבער געווען פעלערן אין דורכפירן די אָפּעראַציע און אין דער קאָאָרדינאַציע פון די פאַרשידענע געווער־קאַטעגאָריעס. די סאָלדאַטן פון דער „הגנה״ און לח״י זענען צוריקגעשטויסן געוואָרן פון מויער מיטן טויטנדיקן פייער פון פיינד. די אצ״ל־סאָלדאַטן, וועלכע זענען געווען אַקטיוו אויפן אָפּשניט פון נייעם טויער, האָבן דורכגעבראָכן די מויער. גידי, וואָס איז אַריבער קיין ירושלים, האָט צוזאַמען מיט אונדזערע ירושלימער מפקדים, געפּלאַנעוועט דעם אויפשטורעם. דער יונגער נמרוד, דער העלד פון רמת רחל, האָט קאָמאַנ־דירט מיט דער דורכברעכער־סעקציע. דער וועג פאַר דער דעראָבערונג איז גע־ווען אָפן. אָבער אין צווישן האָט זיך אָנגערוקט די פאַטאַלע שעה פון פינף אַ זייגער. דער „קאַמף־איבעררייס״ פון אונ״א איז אַריין אין קראַפט. דער שונא האָט אים געבראַכן אין פאַרשידענע ערטער. מיר אָבער — אין ירושלים — האָבן באַקומען אַן אויפפאָדערונג אָפּצוהיטן די שעה פון „איבעררייס״, אָפּ־היטן מיט דער פולער שטרענגקייט, אפילו ביז איין סעקונדע. אונדזערע בחורים

האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך צוריקצוציען. און די שטאָט פון דוד המלך איז אין טרויער און וואַרט אויף באַפרייאונג, וואָס וועט נאָך קומען. ווייל כל זמן די אַלט־שטאָט איז אין די הענט פון שונא, איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר ירושלים. און ווען ירושלים איז נישט זיכער, איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר מדינת ישראל.ווירקלעך, די מויער פון דער אַלט־שטאָט איז נישט דער גרענעץ פון ירושלים, אַזוי ווי דער ירדן איז נישט דער גרענעץ פון אונדזער לאַנד, אַזוי ווי דער ים איז נישט דער גרענעץ פון אונדזער פאָלק.

נאָך איידער דער פיינד האָט באַלאַגערט גאַנץ ירושלים, האָבן אונדזערע סאָלדאַטן מיטן ביסל געווער וואָס זיי האָבן געהאַט, דורכגעפירט וויכטיקע אָנ־גריפן און דעראָבערונגס־אַקציעס. אין ירושלים, ווי אין גאַנצן לאַנד, זענען מיר די ערשטע אַריבער פון דעפענסיווע אויף איניציאירטער קאָנטער־אָפענסיווע קעגן די אַראַבישע אָנגרייפער. אין שער־יפו און שער־שכם זענען אונדזערע קעמפער אַריינגעדרונגען אייניקע מאָל טיף אין שונאס ליניעס און אים ווי גע־העריק באַצאָלט. דאָס אַראַבישע דאָרף שאפעט, וואָס האָט געדינט ווי אַ באַזע פאַר מערדערישע אָנגריפן אויף יידישע טראַנספּאָרטן, איז שווער אַטאַקירט געוואָרן דורך אונדזערער אַ שלאַכט־אָפּטיילונג און דעם ניינטן אַפּריל האָבן אונדזערע סאָלדאַטן, צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון לח״י, איינגענומען דאָס דאָרף דיר־יאַסין.

דיר־יאַסין, וואָס ליגט אַן אַכט הונדערט מעטער איבערן ים־שפּיגל, איז געווען אַ וויכטיקער רינג אין דער קייט פון די אַראַבישע פּאָזיציעס, וועלכע האָבן באַלאַגערט ירושלים פון מערב־זייט. דורך דיר־יאַסין פלעגן דורכגיין די אַראַבישע כוחות פון עין־כרם אָדער בית־לחם צום קאַסטעל־פראָנט, כדי צו אַטאַקירן די יידישע טראַנספּאָרטן. נאָך דער דעראָבערונג פון דיר־יאַסין — דעם ערשטן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך יידישע כו־חות — האָט דער „הגנה"־קאָמענדאַנט אין ירושלים מיטגעטיילט, אַז די דער־אָבערונג האָט נישט קיין מיליטערישן ווערט און איז אפילו געשטאַנען אין קעגנזאַץ צום אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער ירושלים־פאַרטיידיקונג. מיר באַ־דויערן, וואָס מיר זענען געצוואונגען אָפּצולייקענען ה׳ שאלתיאלס ווערטער מיט דער הילף פון אַ בריוו פון... ה׳ שאלתיאל. רענן, דער מפקד פון ארגון צבאי לאומי אין ירושלים, האָט אונדז איבערגעלייענט דורך ראַדיאָ פאָלגענדיקן בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון קרייז־קאָמענדאַנט פון דער „הגנה" אין ירושלים:

— „כ׳האָב זיך דערוווסט, אַז איר גרייט זיך דורכצופירן אַן אַקציע קעגן דיר־יאַסין. איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן אַז די דער־אָבערונג פון דיר־יאַסין איז אַן עטאַפּ אין אונדזער אַלגעמיינעם פּלאַן.

כ׳האָב נישט קיין שום באַוואָרעניש, איר זאָלט אויספירן די אַקציע בתנאי אַז איר זענט בכוח צו האַלטן דאָס דאָרף. אויב איר קענט עס נישט טאָן, וואָרן איך אייך קעגן אויפרייסן דאָס דאָרף, וואָס וועט ברענגען דערצו אַז די אָרטיקע איינוווינער וועלן פאַרלאָזן דאָס אָרט און די חורבות און פאַרלאָזענע הייזער וועלן פאַרכאַפּט ווערן דורך פרעמדע כוחות. אַזאַ לאַגע וועט באַשווערן, אַנשטאָט צו פאַרגרינגערן דעם אַלגעמיינעם פּראָנט. דאָס דעראָבערן נאָך אַמאָל דעם דאָרף וועט זיין פאַרבונדן מיט גרויסע קרבנות. אַ צווייטער אַרגומענט, וועלכן איך וויל אייך פאָרברענגען איז, אַז אויב עס וועלן אַריינגיין אויפן אָרט פרעמדע כוחות, וועט עס שטערן דעם פּלאַן״...

דעם טאָג ווען דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָבן מיר גע־שטעלט דריי פּונקטן נאָכן לעצטן וואָרט „פּלאַן. דער אינטערעס פון פּלאַן האָט געפאָדערט נישט אויסצוזאָגן, וועגן וואָסערן פּלאַן ס׳רעדט זיך. היינט דאַרף מען שוין נישט האָבן די דריי פּונקטן. מ׳מעג אויסזאָגן, אַז אויף זייער אָרט זענען אין אָריגינעלן בריוו דערשינען די ווערטער „פון אויפשטעלן אַן אַראַ־דראָם״. ובכן, לויט ה׳ שאלתיאלס ווערטער: „די דעראָבערונג פון דיר־יאַסין איז נישט געשטאַנען אין סתירה צום אַלגעמיינעם פּלאַן פון דער ירושלים־פאַר־טיידיקונג, נאָר פאַרקערט!

אַ חוץ דער מיליטערישער זייט, איז דאָ אין קאַפּיטל דיר־יאַסין אַ מאָ־ראַלישע זייט. אין דעם דאָרף, וואָס זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט, האָבן ביידע צדדים געליטן זייער שווערע פאַרלוסטן. פון אונ־דזער זייט זענען געווען פיר הרוגים און פערציק פאַרוווּנדעטע. קרוב צו 40% פון די באַטייליקטע אין דער שלאַכט זענען געטראָפן געוואָרן. די אַראַבער האָבן געליטן דריי מאָל גרעסערע פאַרלוסטן. די שלאַכט איז, הייסט עס, גע־ווען אַ זייער שווערע. אָבער די פיינטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אָנגעגאַנ־גען אין דער וועלט נישט דורך פרעמדע, נאָר דווקא פון יידישע קוועלן, האָט בכוונה נישט דערציילט דעם פאַקט, אַז דיר־יאַסין איז געווען דאָס איינציקע אָרט, ווו די ציווילע באַפעלקערונג האָט באַקומען אַ פריערדיקע וואָרענונג, איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אַטאַקע. אַן אויטאָ מיט אַ מעגאַפאָן איז גע־שטאַנען ביים איינגאַנג פון דאָרף און אויפגעפאָדערט, אין אַראַביש, די פרויען, קינדער און זקנים צו פאַרלאָזן זייערע הייזער און זוכן שוץ הינטערן באַרג. כדי צו געבן די דאָזיקע וואָרענונג האָבן די יידישע סאָלדאַטן זיך אָפּגעזאָגט פון איבעררואַשונגס־פאַקטאָר און האָבן פאַרגרעסערט די געפאַר וואָס האָט זיי אַליין באַדראָט מצד דעם פיינד. אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ציווילער באַ־פעלקערונג האָט געפאָלגט די וואָרענונג, האָט זיך געראַטעוועט. אַנדערע זענען נישט אַרויס פון זייערע שטיינערנע הייזער. דעם שונאס פייער איז געווען אַ טויטנדיקער. די צאָל פון אונדזערע פאַרלוסטן באַווייזט עס. מ׳האָט געמוזט

איינגעמען אַ הויז נאָך אַ הויז. כדי צו שטילן דאָס פיינטלעכע פייער האָבן זיך די אַטאַקירנדיקע פיל באַנוצט מיט האַנט־גראַנאַטן. די ציווילע באַפעלקערונג, וואָס האָט נישט געפאָלגט די וואָרענונג, האָט געליטן שווערע פאַרלוסטן.

די דערציאונג, וואָס מיר האָבן במשך פון אַלע קריגס־יאָרן געגעבן אונ־דזערע סאָלדאַטן, איז געווען באַזירט אויף רעספּעקטירן די קריג־געזעצן. מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געבראָכן, אויב דער שונא האָט זיי נישט געבראָכן און אונדז געצווונגען צו צוריקצאָלן. כ'בין זיכער, אַז אונדזערע מפקדים און סאָלדאַטן האָבן געוואָלט פאַרמיידן אומנייטיקע קרבנות אין דיר־יאַסין־שלאַכט. אָבער די, וועלכע וואַרפן שטיינער די דעראָבערער פון דיר־יאַסין, וועלן בעסער טאָן אויב זיי וועלן זיך נישט מאַכן פאַר קיין צדיקים. דאָס איז צביעות. זאָלן זיי געדענקען זייערע מעשים. און ווען איך רעד דאָ וועגן צביעות, מיין איך נישט נאָר גויים, נאָר אויך יידן... עס זענען מיר באַקאַנט געוויסע פאַקטן, אָבער וועגן זיי וועל איך נישט דערציילן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דעראָבערונג פון דיר־יאַסין האָט די יידישע אַגענץ געפונען פאַר נייטיק צו שיקן אַן אַנטשולדיקונג־בריוו צו אבדאלאן, ווע־מען בן־גוריון האָט אַמאָל אָנגערופן „דער קלוגער הערשער". דער דאָזיקער „קלוגער הערשער" וועמענס סאָלדאַטן האָבן חרוב געמאַכט כפר־עציון און גע־וואָרפן די טויטע קערפּער פון זייגע העלדישע פאַרטיידיקער פאַר די דיק־פייגל, האָט געענטפערט ווי אַ „פריץ". ער האָט אָפגעוואָרפן די אַנטשולדיקונג און געענטפערט, אַז אַלע יידן זענען שולדיק און ער גלויבט נישט אין דער עקזיס־טענץ פון „דיסידענטן". אין דער אַראַבישער מחנה און אין דער גאַנצער וועלט האָט זיך צעגאָסן די כוואַליע פון בריטישע פּראָפּאַגאַנדע וועגן „דער יידישער אכזריות". געוויסע יידן האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן די פיינדלעכע פּראָפּאַ־גאַנדע, כדי צו באַווייזן זייער „מאָראַלישע העכערקייט". מ'האָט גאָרנישט דערציילט דער וועלט ווי די אַראַבישע מערדער האָבן געפּייניקט יידן, אַריינ־געפאַלענע לעבעדיקע אין זייערע הענט, און מ'האָט נישט דערציילט ווי זיי האָבן געשענדעט די טויטע קערפּערס פון יידן, וועלכע זענען געפאַלן פון זייערע קוילן. אָבער וואָס האָט מען נישט אויסדערציילט וועגן דיר־יאַסין? די פּראָ־פּאַגאַנדע פון שונא איז געמאַכט געוואָרן כדי אונדז צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים. פאַקטיש האָט זי אונדז געהאָלפן. אַ בהלה פון אַנטלויפן האָט אַרומגעכאַפּט די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער. דער דאָרף קאלאניא, וואָס האָט פריער אָפּגעשטויסן אַלע אָנגריפן פון דער „הגנה", איז אין דער זעלביקער נאַכט עוואַקואירט גע־וואָרן און געפאַלן אָן שלאַכט. אויך בית־איקסא איז עוואַקואירט געוואָרן. די צוויי דערפער האָבן באַהערשט דעם הויפּט־שאָסיי. די עוואַקואַציע פון די ביידע דערפער צוזאַמען מיטן קאסטעל, וואָס איז איינגענומען געוואָרן דורך דער „הגנה", האָבן דערמעגלעכט דורכצוברעכן דעם וועג קיין ירושלים אין דער שווערער באַרגיקער געגנט. אויך אין אַנדערע טיילן פון לאַנד האָבן די אַראַ־

בער אַנגעהויבן אַנטלויפן אין אימה, נאָך איידער די יידישע כוחות האָבן זיך מיט זיי צוזאַמענגעשטויסן. נישט דאָס וואָס ס'איז געשען אין דיר־יאַסין, נאָר וואָס מ'האָט דערציילט וועגן דיר־יאַסין האָט געעפנט דעם וועג פאַר אונדזערע אַנטשיידנדיקע נצחונות אויפן שלאַכטפעלד. גאָט פון ישראל באַנוצט זיך טיילמאָל מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון פיינד, כדי צו העלפן זיין פאָלק... באַזונדערס האָט אונדז געהאָלפן דער קלאַנג פון דיר־יאַסין ביי דער רעטונג פון טבריה און דער דעראָבערונג פון חיפה.

דער בריטישער קאָמענדאַנט אין חיפה האָט סוף אַפּריל געמאָלדן וועגן דער עוואַקואַציע פון זיינע מיליטערישע כוחות. די „הגנה" האָט געוווסט די דאַטע, און האָט מאָביליזירט אַלע אירע מענטשן פאַרן אַנטשיידנדיקע אויפשטורעם. אויך די סעקציעס פון אצ"ל, אונטער דער קאָמאַנדע פון עמיאל, זענען אַריין אין שלאַכט, לויט דער „פּערזענלעכער" ביטע פון „הגנה"־קאָמענדאַנט. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן באַקומען די שלאַכט־אויפגאַבע איינצונעמען אַ פּאַרפעסטיקטן בנין, וואָס האָט דאָמינירט איבער דער צענטראַל־אַרטעריע פון הדר־הכרמל, די החלוץ גאַס. דעם טאָג פון 21טן אַפּריל 1948 איז די לאַגע אין הדר־הכרמל געווען שווער און אַנגעצויגן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרשלאָסן אין די הייזער. דער שונא האָט נישט אויפגעהערט צו שיסן. ער האָט באַהערשט דעם סעקטאָר. פּלוצלינג האָבן זיך באַוויזן אונדזערע בחורים און זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער פעסטונג פון שונא. די סטראַטעגישע פּאָזיציע איז איינגענומען געוואָרן ביים ערשטן שטורעם. די אַראַבישע קעמפער האָבן זיך געראַטעוועט מיט אַ לייטער. די איינוווינער פון „הדר הכרמל" האָבן געיובלט לכבוד די סאָלדאַטן פון אצ"ל, וועלכע האָבן זיי אויסגעלייזט פון אַ גרויסער סכנה. אונדזערע בחורים האָבן ווייטער געגעבן קלעפּ דעם פיינד. זיי האָבן איינגענומען וואַדי־ניסאַנס און פּאַראויסגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַראַבישן פּערטל. אין דער זעלביקער צייט האָבן מיט דערפאָלג געקעמפט אויף אַלע חיפער פראָנטן די „הגנה"־סאָלדאַטן, נאָכדעם ווי די ערשטע רעזיסטענץ פון שונא איז געבראָכן געוואָרן פאַרן פּרייז פון אַ צאָל טייערע לעבנס. דעמאָלט האָבן די יידישע כוחות אַוואַנסירט; ס'איז אַוועק ווי אַ מעסער אין דער פּוטער... אַן אַלגעמיינע בהלה פון אַנטלויפן האָט אַרומגעכאַפּט די צענדליקער טויזנטער אַראַבער און איין געשריי איז געווען אין זייערע מיילער: דיר־יאַסין, דיר־יאַסין. דער קרייז־קאָמענדאַנט פון דער „הגנה" אין חיפה האָט זיך אָבער מתקנא געווען אין זיין ירושלימער חבר, און האָט אַרויסגעגעבן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט צו די שטאָטישע בירגער: געוויסע עלעמענטן פון די דיסידענטן באַווייזן זיך הינטער די פייער־ליניעס פון אונדזערע איינהייטן מאַכנדיק דעם אַנשטעל, אַז זיי האָבן אויך אַ חלק אין די שלאַכטן. די איינוווינער פון חיפה האָבן געזען, ווי „די אצ"ל סאָלדאַטן זענען געקראָכן הינטער די פייער־ליניעס". און דער קאָמענדאַנט פון דער

„הגנה" אין צפון־סעקטאָר האָט געזאָגט צו אונדזער מפקד: „מיר זענען סאָל־דאַטן, לאָמיר נישט לייגן קיין אַכט אויף פּראָקלאַמאַציעס!"

אפשר דאַרף מען טאַקע נישט לייגן קיין אַכט אויף קיין פּראָקלאַמאַציעס, ס'איז נאָר כדאַי צו זען וואָס פאַר אַ גייסט עס טראָגט זיך פון זיי. ס'איז כדאַי אויך לייגן אַכט אויפן אמת.

אויך וועגן אונדזערע קאַמפן אויפן ירושלימער פראָנט האָט די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע נישט דערציילט דעם אמת. מ'האָט נישט דערציילט, צום ביישפּיל, אַז אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געהאַלטן די געפערלעכע פּאָזיציע פון שייך־דזשע־ראַח און נישט געקוקט אויף אונדזערע וועגדונגען האָט די „הגנה" אונדז נישט געשיקט קיין פאַרשטאַרקונג און קיין געווער. מיר האָבן געקעמפט מיט ברען, בלויז מיט עטלעכע ביקסן און סטענען קעגן שווערע האַרמאַטן און פּאַנצערס פון פיינד.

אויך וועגן דעם צוריקצוג פון דער שייך־דזשעראַח ליניע, דערציילט אונדז אין קורצע ווערטער דער קאָמאַנדיר פון שלאַכט:

מיטוואָך אַ זייגער זעקס באַגינען האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע האַר־מאַטן־באַשיסונג פון אַ נאָענטער שטרעקע. דאָס שטורמען האָט געדויערט ביז אַ זייגער אַכט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרויסמאַרש פון אַראַבישן לעגיאָן אין דער ריכטונג פון דער שולע. ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די פּאַנצער־אויטאָס האָבן די „הגנה"־קעמפער פאַרלאָזן זייער פּאָזיציע, איבערלאָזנדיק זייער ברען־גאַן אויפן אָרט. מיטן קעגן־טאַנק־ביקס האָבן זיי זיך כלל נישט באַ־נוצט. זיי זענען אַנטלאָפן מיט אים.

צו דעם אומגליק, וואָס מען האָט די פאָדערשטע פּאָזיציעס איבערגעלאָזן אָפּגעדעקט, איז צוגעקומען אַ צווייטער אומגליק. דער מפקד גל, איינער פון די בעסטע שלאַכט־מפקדים אין גאַנצן „ארגון", איז געפאַלן פון אַן אָפּשפּריץ פון דעם שונאס האַרמאַטן־קוילן און ער איז געשטאָרבן פון די וווּנדן. צוליב דער אויסטערלישער באַציאונג פון די „הגנה"־מיטגלידער און דעם טויט פון פאַראַנטוואָרטלעכן מפקד איז געזונקען די מאָראַל ביי אונדזערע חברים. די עלעקטרישע מינען זענען נישט געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג. דעם פיינטס פּאַנצער־געווער איז אַריינגעדרונגען אין לאַגער, אַ האַרמאַטן־שראַפּנעל האָט געטראָפן אין אונדזער אָבסערוואַציע־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הילצערנעם סלופּ אין דער הויך פון 10 מעטער און פאַרברענט די באַזע. איין סאָלדאַט אונדזערער, וועלכער האָט געקעמפט מיט אַ לואיס־גאַן ביז ס'איז אים אויסגעגאַנגען די אַמוניציע, איז אומגעקומען.

אונדזערע סאָלדאַטן זענען געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציען און האָבן זיך דערנענטערט צום שאָסיי שאַפאַט־שייך־דזשעראַח, וווּ זיי האָבן זיך פאַר־פעסטיקט אויף נייע פּאָזיציעס. קעגן דעם שונאס פּאַנצערס האָבן זיי געקענט קעגנשטעלן נאָר זייער ברען פלוס אייניקע ביקסן און סטענען. דער העלדישער

ווידערשטאַנד מיטן לייכטן געווער איז געבראָכן געוואָרן דורך דער גרויסער איבערמאַכט פון פײַנד, ווען פּאַנצערס זענען אַרײַן אין דער פּאָליצײַ־שולע. אונדזערע סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען אַ נײַע פאַרטיידיקונגס־ליניע אין דער שכונה פון פאַג״י, וועלכע איז אומאויפהערלעך באָמבאַרדירט געוואָרן פון האַר־מאַטן. דער פאַרויסמאַרש פון שונא איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אונדזערע פאַר־לוסטן זענען געווען שווערע. פינף געהרגעטע און פיר און צוואַנציק פאַרווונ־דעטע.

כ׳מוז אונטערשטרייכן, אַז איבערגעבנדיק די פאַקטן, ווייל איך גאָרנישט פאַרמינערן די העלדישע אויפטוען פון די ירושלימער „הגנה״־חברים. איך גלויב, אַז אונזער גאַנצע יוגנט האָט געקעמפט מיט איבערמענטשלעכער גבורה. מיר דאַרפן בייגן דעם קאָפּ פאַר אַלע יידישע קעמפער אָן אונטערשייד פון אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער צוגעהעריקייט. אַלע האָבן געהאַט קאָלאָסאַלע נצחונות. אַלע האָבן געהאַט ביטערע דורכפאַלן. אַלע האָבן געליטן פון וואָפן־מאַנגל. מיר האָבן קיינמאָל נישט געשטאָכן אימיצנס אויגן צוליב צוריקצוג אָדער דורכ־פאַל. אָבער וואָס האָט מען נישט אָנדערציילט וועגן צוריקצוג פון אונדזערע חברים פון שייך־דזשעראח? ס׳איז וויכטיק, אַז די פרטים פון קאַמף־אָפּשניט שייך־דזשעראח זאָלן באַקאַנט ווערן און צוזאַמען מיט זיי די פאַקטאָרן, וועל־כע האָבן דירעקט געבראַכט צום דורכפאַל, באַזונדערס ווען אויך דער פאַל האָט אַן אומדירעקטע שייכות מיט די פאַרהאַנדלונגען בנוגע „אלטאלענא״.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז וועגן אַן אַנדער קאַפּיטל וואָס איז שייך דעם קאַמף פון ירושלים האָט די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע כמעט גאָרנישט דער־ציילט. איך מיין דאָ דעם העלדן־קאַפּיטל פון די אצ״ל סאָלדאַטן אין רמת רחל.

דריי קאָמוניקאַטן זענען וועגן רמת רחל פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע קוועלן. דעם ערשטן קאָמוניקאַט האָט אַרויס־געגעבן דער פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ צו די אויסלענדישע זשור־נאַליסטן. ער האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף אָננעמען, אַז רמת רחל איז געפאַלן און אַז די אצ״לניקעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שלעכטן מזל, זענען אַלע געהר־געט געוואָרן אָדער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. די צווייטע מעלדונג האָט איבערגעגעבן אונדזער חבר רענן, דער ירושלימער „הגנה״־קאָמענדאַנט. ה׳ שאלתיאל האָט געזאָגט נעבנבײַ: „זאָג דײַנע מענטשן, אַז מיט זייער שטע־לונג אין רמת־רחל האָבן זיי פון שונאס הענט אַרויסגעראַטעוועט דרום־ירו־שלים! די דריטע מעלדונג איז בעצם נישט קיין מעלדונג. דאָס איז אַן אָפּשאַ־צונג פון שלאַכט. זי איז דערשינען אין דער מפא״ישער צייטשריפט „בטרם״. דער אויטאָר האָט געשריבן:

„זעלטענע אײנהייטן זענען געשטאַנען אין שלאַכט, אַזוי ווי ס׳איז געשטאַנען דער אצ״ל אין רמת־רחל״.

מיט צעבראָכענע סטענגען זענען די אצ״ל־בחורים געשטאַנען קעגן די טאַנקן און פייער־שפייענדיקן פאַנצער־געווער פון פיינד. און זיי האָבן נישט קאַפּיטולירט. אַ סך קרבנות האָבן אונדזערע בחורים געגעבן, אָבער זיי האָבן געראַטעוועט ירושלים פון אינוואַזיע. ס׳איז דאָ אימיצער, וועלכער וויל מאַכן פאַרגעסן אונדזער העראָיזם, אָבער ער וועט נישט פאַרגעסן ווערן. מ׳קען אים נישט פאַרגעסן. רמת־רחל, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן דורך אצ״ל סאָל־דאַטן, איז ווי אַ ק ל יי נ ע ר װ ע ר ד ע ן אין אונדזער קריג. אויך אונ־דזערע בחורים האָבן געזאָגט: „זיי וועלן נישט דורכגיין״. און דעם שונאס סאָלדאַטן זענען נישט דורכגעגאַנגען. אַלע אַטאַקעס זענען אָפּגעשטויסן גע־וואָרן. די פאַרוואונדעטע האָבן נישט געשריגן פון ווייטיק, נאָר זיך געשטאַרקט ווייטער צו נעמען דאָס געווער אין האַנט און קעמפן ביזן לעצטן קויל. ווייל זיי זענען זייער נאָענט געווען צום „לעצטן קויל״ און זיי האָבן זיך געזאָגט: ס׳מאַכט נישט. ס׳איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד! נישט אַלע פון זיי זענען געשטאָרבן. און אין האַרצן פון פאָלק וועלן זיי אויף אייביק לעבן.

דער צעטל פון די נסיונות, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען אין ירושלים, איז נישט קיין פולע. פון שטאַנדפּונקט פון די אינערלעכע באַציאונגען זענען דאָס געווען גאָר שווערע נסיונות. אָבער איידער כ׳וועל צוטרעטן דערציילן וועגן נישט־ווייניקער שווערע נסיונות אין אַנדערע ערטער, וועל איך איבער־געבן איינעם פון די כאַראַקטעריסטישע פאַלן, וועגן וועלכן כ׳האָב געהערט פון אַ הויכן הגנה־קאָמענדאַנט אין ירושלים, וועלכער איז היינט מיליטערי־שער גובערנאַטאָר אין איינער פון די באַפרייטע שטעט. אַזוי האָט מיר דער מאַן דערציילט:

„נאָך דעם ווי די ענגלענדער האָבן מיט צינד־שטאָפּן אויפגעריסן די גע־ביידע פון „פּאַלעסטיין פּאָסט״ אין ירושלים און חרוב געמאַכט מיט דריי טאָן אויפרייס־מאַטעריאַל די בן־יהודה גאַס, אַוועקהרגענענדיק מער ווי הונדערט מענער, פרויען און קינדער, האָט זיך אָנגעהויבן פירן קעגן אונדז אַ נערוון־קריג. יעדן טאָג זענען געקומען צו אונדז ידיעות, אַז דאָ און דאָרט האַלטן ביים אָנקומען בריטישע פּאָליציסטן אָדער סאָלדאַטן, וועלכע וועלן אויפרייסן הייזער צוזאַמען מיט זייערע איינוווינער. מיר האָבן, ווי באַקאַנט, אויפגע־שטעלט באַריערעס ביי אַלע איינגענג צו דער שטאָט און האָבן פאַרשטאַרקט די פאַרזיכטיקייט־מיטלען. אָבער אַ נערוון־קריג איז אפשר דער שרעקלעכסטער פון אַלע מלחמות.

„איינמאָל האָב איך באַקומען אַ ידיעה, אַז אַ בריטישער לאַסט־אויטאָ אָנ־געלאָדעוועט מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן דאַרף באַלד אָנקומען אין שטאָט אַריין אין באַגלייטונג פון אַ דזשיפּ. כ׳האָב נישט געלייגט קיין באַזונדערע אַכט אויף דער ידיעה, ווייל עס זענען שוין געווען אַ סך ענלעכע, וועלכע האָבן זיך נישט־פאַרווירקלעכט. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיר דרינגענדיק טעלעפאָניש

מיטגעטיילט, אַז עס שטייט ווירקלעך אַן אויטאָ באַגלייט מיט אַ דזשיפּ און דער בריטישער אָפיציר פאָדערט אומבאַדינגט מ׳זאָל אים אַריינלאָזן אין שטאָט. כ׳בין אַרויס צו דער באַריערע זען וואָס טוט זיך.

ביי דער באַריערע, האָב איך געזען אַ בריטישן מאַיאָר מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן שטייען נעבן אויטאָ און דזשיפּ.

די בחורים האָבן מיטגעטיילט דעם מאַיאָר, אַז איך בין זייער קאָמענ־דאַנט, און ער האָט זיך באַלד צו מיר געווענדעט בזה הלשון:

— אַזוי, דו ביזט עס דער ממזר דער קאָמענדאַנט?

איך האָב אים געענטפערט:

— ווי אַ ממזר צו אַ ממזר! וואָס מאַכסטו?

דער מאַיאָר איז בלאַס געוואָרן. אַרום אים זענען געשטאַנען זיינע סאָל־דאַטן. ער האָט זיך צעקאָכט און געפאָדערט תיכף ומיד אויפצוהייבן די באַ־ריערע און דערלויבן די אויטאָס אַריינצופאָרן אין שטאָט. אויב נישט, וועט ער געצוווּנגען זיין זיך צו באַנוצן מיט געווער. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט. די ענגלענדער האָבן געהאַט נייע מאַשין־געווער. אין אונדזערע הענט זענען געווען אַ פּאָר נעבעכדיקע כלים. וואָס איז געווען דער אויסגאַנג? כ׳האָב גע־הייסן עפענען די באַריערע און אַריינלאָזן דעם בריטישן טראַנספּאָרט, וואָס האָט אפשר געטראָגן טויט פאַר אונדזערע ברידער און קינדער. דער מאַיאָר איז אַרויף אויפן דזשיפּ און זיך געגרייט אָפּצופאָרן. נאָר איידער ער האָט גערירט פון אָרט, בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אַ זאָג געטאָן:

— איידער דו פאָרסט אָפּ, דאַרפסטו מינדעסטנס זאָגן אַ דאַנק די בחו־רים, וועלכע האָבן דיר נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטאָט.

— פאַרוואָס? — האָט דער בריטישער אָפיציר געזאָגט מיט רוגזה.

— האָסטו געהערט וועגן אצ״ל?

— געוויס האָב איך געהערט.

— אַלזאָ, הער זיך צו: דער אצ״ל וואַרט אויף דיר אין שטאָט מיט אַ וועג־מינע. אויב דו וועסט אַריינפאָרן, וועסטו פליען מיט דיין גאַנצן טראַנס־פּאָרט אין דער לופטן. און איצט — פאָר, אויב ס׳גלוסט זיך דיר!

דער בריטישער מאַיאָר האָט זיך פאַרטראַכט אַ מאָמענט, דערנאָך האָט ער געגעבן אַ באַפעל זיך צוריקצוקערן, און דער גאַנצער טראַנספּאָרט האָט זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק. ער איז שנעל פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אונדזערע אויגן. מיר האָבן לייכט אָפּגעאָטעמט — האָט מיר דער מיליטערישער קאָ־מענדאַנט געזאָגט. — מיר האָבן געהאַט אַ געפיל אַז מיר זענען אַרויס פון אַ גרויסער סכנה.״

דער נאָמען פון אצ״ל!

ט.

דער נאָמען פון אצ״ל איז גוט געווען, כדי אָפּצושטויסן אַ בריטישן קאָנ־וואָי, וואָס האָט געזייט טויט. דאָס געווער פון אצ״ל איז גוט געווען בשעת אַ סכנה. דאָס בלוט פון אצ״ל איז גוט געווען, ווען מ׳האָט עס געדאַרפט. אָבער וויפל מאָל האָט מען מפקיר געווען דאָס בלוט פון אצ״ל? וויפל מאָל האָט מען באַשמוצט דעם אצ״ל? אונדזערע דערפאַרונגען זענען געווען ביטערע נישט נאָר אין ירושלים, נאָר אויך אין אַנדערע ערטער, ווי אין יהודיה און משמר־הירדן.

דאָס גרויסע דאָרף יהודיה, וואָס ליגט אויף דעם סטראַטעגישן וועג צו לוד און האָט באַדראָעט פתח־תקווה, האָט איינגענומען אונדזערער אַ שלאַכט־באַטאַליאָן אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון ישו, אַ זייער ענערגישער שלאַכט־קאָמענדאַנט, סיי אין דער מלחמה קעגן די ענגלענדער און סיי קעגן די אַראַ־בער. זיין טראַגישער טויט אין די בערג פון יהודה האָט אַרויסגערופן טרויער נישט נאָר ביי זיין יונגער פרוי, אויך אַן איבערגעגעבענע מפקדת אין „ארגון״, נאָר אויך ביי אַלע זיינע מפקדים און סאָלדאַטן. ישי האָט גענומען דאָס פּאַר־פעסטיקטע דאָרף מיט אַ צוואַנגען־באַוועגונג, אָדער ווי ס׳האָט זיך אויסגע דריקט גידי, וועלכער האָט אָבסערווירט די שלאַכט „אַזוי ווי ס׳שטייט אין בוך״. דער אַראַבישער לעגיאָן, וואָס האָט סטאַנציאָנירט אין דער שכנותדי־קער ווילהעלמא, האָט געמאַכט עטלעכע קאָנטער־אָפענסיוועס מיט פּאַנצערס, זיי זענען אָבער אַלע אָפּגעשטויסן געוואָרן. אינצווישן האָט זיך אָנגעהויבן די רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזערע איינהייטן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריינטריט פון אונדזערע רעגימענטן אין דער רעגולערער אַרמיי. די איינהייט וואָס איז געשטאַנען אין יהודיה איז באַדייטנדיק פאַרקלענערט געוואָרן, כדי אָנצופילן די רייען פון איינעם פון די רעגולערע רעגימענטן. אויך איר געווער איז ווייניקער געוואָרן, ווייל מ׳האָט עס באַדאַרפט אין אַנדערע פראָנט־אָפּשניטן, וואָס זענען נאָך געווען אין אַ דינאַמישן צושטאַנד. אין רעזולטאַט פון דעם איז יהודיה ערנסט באַדראָעט געוואָרן פון שונא, וועלכער האָט געהאַט פּאַנצער־מאַשינען. גידי האָט מיר נישט איינמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין פאַל פון אַן ערנסטער קאָנטער־אָפענסיווע וועט מען נישט קענען האַלטן דעם גרויסן און אָפענעם שטח פון יהודיה, אויב ס׳וועט נישט שטיין קיין רעזערוו אין פּתח־תקווה, אַזאַ וואָס וועט שנעל קומען צו הילף פון די ווינציקע פאַרטיידיקער. יעקב מעריראר, וועלכער האָט זיך דירעקט באַשעפטיגט מיטן צוזאַמענשטעלן פון אונדזערע רעגימענטן און זייער איינגלידערונג אין די אַרמיי־רייען, האָט פיל מאָל געפאָדערט פון דער הויפּט־קוואַרטיר, אַז מ׳זאָל די קליינע איינהייט אין יהודיה נישט איבערלאָזן אָפּגעריסן פון אַ גרעסערער מיליטערישער אָפּ־טיילונג. ער האָט פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל פאַרבייטן די איינהייט אין איינעם פון

די רעגולערע אַרמייאישע קאָמפּאַניעס, אָדער אַריינצופירן אין פּתח־תקווה אַ קאָמפּאַניע פון אונדזערן אַ רעגימענט, ווי אַ פּערמאַנענטן רעזערוו. די פאַר־שלאָגן זענען נישט דורכגעפירט געוואָרן. אפשר איז אימיצער דאָ שולדיק אין פאַרנאַכלעסיקונג. אפשר קען מען דאָ קיינעם נישט באַשולדיקן, נעמענדיק אין אַכט די אַלגעמיינע שוועריקייטן פון איבערגאַנג־פּעריאָד און די דרינגענ־דיקע נויטווענדיקייטן אויף די אַנדערע פראָנטן. ס'איז אַ פאַקט, אַז די קליינע איינהייט אין יהודיה איז ביזן לעצטן מאָמענט געבליבן איזאָלירט פון דער אַרמיי. אונדזער ציטטוויליקער שטאָב האָט דעמאָלט שוין נישט קאָמאַנדירט איבער קיין מיליטערישע איינהייטן פון אצ"ל־סאָלדאַטן. ערב דעם ערשטן „שלאַכטן־איבעררייס" האָט דער פיינד דורכגעפירט, מיט דער הילף פון פיל פאַנצער־געווער, אַ העפטיקן אַנגריף אויף יהודיה. די קליינע צאָל בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען געבליבן אויפן אָרט מיט ווייניק געווער, האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן, אָפּצושטויסן דעם שונא. זיי האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן אין הרוגים, פאַרוואונדעטע און פאַרשוווּנדענע, אָבער ס'איז זיי נישט געלינגען צו פאַרהיטן דאָס אַריינדרינגען פון שונא אין ריזיקן אָפענעם שטח. ווען ס'איז אָנגעקומען אַ שטאָפּעט צום קאָמענדאַנט פון דער „הגנה" אין פּתח־תקווה און געפאָדערט צו שיקן הילף פאַרן פונקט, וואָס ווערט אַטאַקירט פון אַלע זייטן, האָט אים דער קאָמענדאַנט געשאָלטן. ס'איז געווען אפשר ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט אונדזערע בחורים אָדער, אפשר, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין רעזערוו־כוחות. מיר האָבן פון דעסטוועגן אַלאַרמירט נאָך הילף. זי איז געקומען... פון נתניה. אָבער זי איז אָנגעקומען צו שפּעט. אינצווישן איז געגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג אָפּצושטעלן דאָס פייער אויף אַלע פראָנטן.

אַ נישט ווייניקער ביטערן נסיון האָבן מיר געהאַט אין משמר־הירדן. אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, די פאָדערשטע פּאָזיציע צום פאַרהאַלטן די סירישע אינוואַזיע, האָט זיך באַזעצט דער „ארגון וועדזשוואוד", וועלכער איז באַשטאַ־נען פון אַלטע בית"רים, אויסגעדינטע סאָלדאַטן פון דער יידישער בריגאַדע. אַ סך וואָכן און חדשים, איידער ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַראַבישע אינוואַזיע, האָבן די חברים געוואָרנט, אַז די קאָלאָניע איז פּאַקטיש שוצלאָז. ס'זענען נישט געווען אין איר קיין פאַרטיפיקאַציעס. ס'איז נישט געווען קיין געווער. אויפן אָרט זענען געווען נישט מער ווי עטלעכע צענדליק מיליטער־פעאיקע מענטשן. דער מפקד פון דער „הגנה", גבעוני, האָט באַזוכט משמר־הירדן אָן אַנדערט־האַלבן חדשים פאַר דער סירישער אינוואַזיע און צוגעזאָגט, אַז מ'וועט מאַכן אָקאָפּעס קעגן טאַנקן, אַז אַלע דורכגענג פון ירדן וועלן מינירט ווערן און ער וועט שיקן אַ פאַרטיידיקונגס־כוח אָפּצוהיטן די ליניע, וואָס איז אַזוי לעבנס־וויכטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. דער צוזאָג איז נישט געהאַלטן גע־וואָרן. מ'האָט, אמת, אָנגעהויבן גראָבן די אָקאָפּעס, אָבער די אַרבעט איז אײ־

בערגעריסן געוואָרן. אַן אָפּטיילונג פון דער „הגנהס" פעלד־אַרמיי איז געשיקט געוואָרן אין משמר־הירדן, אָבער זי איז פון דאָרט שנעל אַרויסגענומען געוואָרן, און די מינירונג האָט מען בכלל נישט געמאַכט.

אין יענע טעג איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון משמר־הירדן און געפאָדערט הילף אין געווער און מענטשן. כ'האָב נישט געקענט צוזאָגן קיין גרויסעס דער דעלעגאַציע. איך האָב איר געזאָגט, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, צו שיקן פאַרשטאַרקונגען. פון דעם קנאַפּן געווער, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר זיי איבערגעשיקט אַביסל ביקסן און מאַשין־געווער און אַ סכום אַמוניציע. סוף אַפּריל האָבן מיר געשיקט אויך אַ גרופּע קעמפערס מיט אַ צוגאָב פון געווער. אָבער די גרופּע איז נישט אָנגעקומען אין משמר־הירדן. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אומדערוואַרטער שטרויכלונג. נישט דער שונא האָט איר פאַרהאַלטן. די חברים פון דער „הגנה" האָבן זי נישט געלאָזן צוקומען צום גרענעץ־פּונקט.

ווען די אָפּטיילונג סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירונג פון בועזן, איז אָנגעקומען אין טבריה, האָט מען זיי געזאָגט אַז אַ ספּעציעל צוגעגרייטער אויטאָ וועט זיי ברענגען אויפן אָרט. די בחורים, גאַרנישט פאַרדעכטנדיק, זענען אַרויף אויפן „ספּעציעלן אויטאָ", וואָס האָט זיי אָוועקגעפירט נישט קיין משמר־הירדן, נאָר אין מגדל. אין מגדל זענען אונדזערע סאָלדאַטן פּלוצלינג אַרומגערינגלט געוואָרן דורך צענדליקער באַוואָפנטע בחורים און אונטער דער דראָאונג פון אָנגעצילטן געווער האָט מען זיי באַפוילן צו פאָרן אין קיבוץ גינוסר. מ'האָט זיי צוגענומען זייערע זאַכן און דאָס געווער. אין גינוסר האָט מען זיי געהאַלטן אונטער אַ באַוואָפנטער וואַך ביזן אָוונט, ווען ס'איז געקומען אַ מפקד פון דער „הגנה" און באַפוילן זיי צוריקצושיקן אין תל־אביב. אונדזערע בחורים האָבן נישט געוואָלט פאָלגן דעם באַפעל. זיי האָבן געהאַט באַפעל אָנצוקומען אין משמר־הירדן, כדי צו העלפן זייערע ברידער אָפּצוהיטן דעם פּונקט. דעמאָלט האָט געפּלאַצט די שנאה צו זיי און ס'האָט אָנגעהויבן בושעווען דער מאַסן־סאַדיזם. אויף דער קליינער גרופּע פון אונדזערע חברים זענען אָנגעפאַלן פיל צענדליקער ברידער־שונאים, באַוואָפנטע מיט אייזערנע רערן און מ'האָט זיי געשלאָגן און בלוטיק פאַרוונדעט. דער „נצחון" פון דער גרויסער מחנה איבער די ווינציקע איז געווען אַ גיכער. די רעזיסטענץ פון „פיינד" איז געבראָכן געוואָרן. אונדזערע בחורים האָט מען געבונדן די הענט און זיי געבראַכט אונטער אַ באַוואָפנטער וואַך קיין עפולה. פון דאָרט זענען זיי אָנגעקומען אין חיפה און האָבן זיך פאַרבונדן מיט זייערע באַפעלער. זייער געווער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון משמר־הירדן, איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די „זיגער".

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט איבער משמר־הירדן, וועלכער עס האָבן מיט לייכט געווער פאַרטיידיקט ווייניקער ווי פער־

ציק מענטשן, די מיטגלידער פון ארגון־וועדזשוואוד, אַ קליינע גרופּע סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי, וועלכע איז נישט געקוקט אויף דער יידישער „באַלאַגערונג“ אָנגעקומען אויפן אָרט. פאַרטיידיקט האָט אויך אַ קליינע צאָל פון די אַלטע אָרטיקע איינוווינער.

דער שונא האָט געקעמפט מיט אַעראָפּלאַנען, האַרמאַטן, טאַנקען, מאַשין־געווער. דאָך האָט ער געליטן פאַרלוסטן און אונדז איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ קוואַנטום פון זיין אַמוניציע. הילף־כוחות פון דער יידישער אַרמיי זענען געקומען שוין כמעט נאָך אַלעמען. צום סוף זענען זיי אויך אַוועק און איבערגעלאָזן די 30 פאַרטיידיקער פון אונדזערע אָרטיקע חברים, אויסגעמאַטערטע, אויסגעהונגערטע און דאָרשטיקע נאָך אייניקע טעג פון שלאַכטן — געלאָזן זיי אַליין אין דעם וויכטיקן גרענעץ־פּונקט.

דער סוף איז געווען, אַז דעם פערטן טאָג האָט דער שונא ווידער זיך אַ לאָז געטאָן אויפן גרענעץ־שטעטל מיט באַנייטע כוחות און מיט שווערן וואָפן, האַרמאַטן, טאַנקן און פאַנצערס. די ווינציקע פאַרטיידיקער, וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזן אַליין, האָבן ווייטער געקעמפט מיט גבורה. אָבער די שלאַכט איז געווען אַ פאַרלוירענע. ס׳איז אויסגעגאַנגען די אמוניציע. עס זענען געווען הרוגים. אַנדערע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. משמר־הירדן איז געפאַלן, ווען די איינהייטן פון אונדזער אַרמיי זענען געלעגן אויף די בערגלעך פון מערב־זייט און האָבן שוין נישט געקענט העלפן, כאָטש זיי האָבן געוואָלט העלפן... זיי האָבן שוין נישט געקענט צוקומען צום אָרט, בשעת דער שונא האָט באַהערשט דעם שאָסיי און אים אומאויפהערלעך באַשאָסן. די פאַרטיידיקער פון דער קאָלאָניע האָבן אַריינגעשריבן אַ גלענצנדיק בלאַט אינעם בוך פון דער באַנייטער יידישער גבורה, אָבער מחוץ משמר־הירדן האָט זיך אויסגעשפּרייט דער שאָטן פון מפקיר זיין אונדזערע מענטשן.

יא.

אויפן באָדן פון אָט די פאַקטן און געשעענישן וואָס האָבן געטראָפן אויפן ירושלימער פראָנט און אויף אַנדערע שלאַכט־אָפּשניטן, איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס מיר האָבן געפאָדערט, אַז אַ טייל פון גוטן געווער, וואָס איז דורך אונדז געבראַכט געוואָרן אין „אלטאלענא“, זאָל געשיקט ווערן צו אונדזערע איינהייטן אין ירושלים און דער אַנדערער טייל זאָל פאַרטיילט ווערן צווישן די אַרמיי רעגימענטן וועלכע באַשטייען פון אצ״ל־סאָלדאַטן און אַנדערע פאָרמאַציעס. ס׳איז אַ באַקאַנטע נאָרמאַלע דערשיינונג אין יעדער אַרמיי, אַז יעדער קאָמענדאַנט פון אַ גרויסער איינהייט זאָרגט פאַר איר פולער באַוואָפענונג. אונדזער אַרמיי איז געשאַפן געוואָרן אין מיטן פון די שלאַכטן. איר אָרגאַנישע און זעלישע איינהייט האָט נישט געהאַט קיין טראַדיציע. זי איז נאָר

געוועז אַ פראַגע פון ווילן. ס׳איז נישט געוועז קיין לייכטע זאַך צו שיקן אונ־דזערע חברים אין דער ארמיי, וואָס אירע קאָמענדאַנטן האָבן גערודפט דעם אונטערגרונט, געכאַפּט זיינע חברים און איבערגעגעבן זיינע מפקדים אין בריטישע הענט. בלויז עטלעכע חדשים פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז איבערן לאַנד אַריבער אַ באַנייטע כוואַליע פון אָרגאַניזירטן סאַדיזם. מ׳האָט געבראָכן קעפּ, הענט און פיס, ווען צען באַוואָפנטע רייסן זיך אַריין אין מיטן דער נאַכט און ממיתן אַן אונטערגרונט־מיטגליד אין דער אַנוועזנהייט פון זיין פרוי און זיין צעשראָקן קינד...

מ׳האָט זיך געדאַרפט גייסטיק, מאָראַליש אַ סך דערהייבן און ס׳איז געוועזן נייטיק אַ גרויסע איבערצייגונג־קראַפט, כדי צו פאַרגעסן און מאַכן פאַרגעסן די פאַראַנגענהייט, פאַרגעסן לטובת דער צוקונפט פון אונדזער אַנגעריפענעם פאָלק. מ׳האָט זיך דערהויבן. טויזנטער בחורים אונדזערע זענען געגאַנגען אין דער אַרמיי, אויף דער ערשטער פייער־ליניע. און וווּ זענען זיי נישט געווען? זיי זענען געשטאַנען אין נגבה און געשריבן צוזאַמען מיט זייערע וואָפן־חברים, זייערע נעכטיקע פייניקער, איינע פון די ווונדערלעכסטע בלעטער פון קאַמף און יידישע פאַרטיידיקונג. זיי האָבן געעפנט דעם וועג צו באר־שבע, איינגעמענדיק פון די עגיפּטער די הויפּט־פּאָזיציע, ווען זיי האָט געפירט צום קאַמף אונדזער העלדישער מפקד ניר און פון זייער מויל האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס אצ״ל־ליד: „אויף די באַריקאַדעס וועלן מיר זיך טרעפן, אויף די באַריקאַדעס וועלן מיר טראָגן פרייהייט מיט בלוט און פייער״...

זיי האָבן איינגענומען יבנה אין דרום און תרשיחא אין גליל און אַ ריזיקן שטח אין די בערג פון אפרים. זיי זענען געשטאַנען אויף אַנדערע פראָנטן און געשלאָגן דעם פיינד און געגעבן זייער בלוט פאַר דער באַפרייאונג פון פאָטער־לאַנד, ווי עס פאַסט פאַר סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי. אָבער מ׳קען נישט לייקענען, אַז אין זייער האַרצן האָט געברענט אַ ווייטיק און אויך אַ ציטער. זיי האָבן ליב געהאַט דעם ארגון־צבאי־לאומי מיטן גאַנצן לעבן. זיי האָבן אים אָוועקגעגעבן אַלץ. און ער האָט זיי אַלץ געגעבן. יאָרנלאַנג האָבן זיי געקעמפט אין זיינע רייען. אונטער זיין זיגרייכער פאָן זענען זיי געגאַנגען אין שלאַכט, אויף סכנות, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין פייניקונג־צעלן, צום טויט. דער „ארגון״ איז שוין נישט געווען פאַר זיי קיין „ראם״. ער איז געוואָרן זייער לעבנס־אינהאַלט. ס׳איז שווער זיך צו שיידן פון אַ ראם. אָבער ווי שווער איז זיך צו שיידן פון דעם, וואָס די נשמה ליבט. איך געדענק, מיר האָבן געהאַט דעם לעצטן קאָמענדאַנטן־פּאַראַד. אין זאַל זענען געשטאַנען הונדערטער אַלטע, אויסגעפּרוווטע קעמפער. מיר האָבן זיך געזען איינער דעם אַנדערן דאָס ערשטע מאָל. אַ יום־טוב? אוודאי. מיר האָבן דאָך זוכה געוועזן אַרויסצוגיין פון אונטער־גרונט. אונדזערע אויגן זעען דאָך אונדזער נצחון. אָבער דער יום־טוב איז גע־וועזן זייער אַן אומעטיקער. איך האָב געזאָגט די טייערע מפקדים, אַז היינט בין

איך שוין נישט זייער קאָמענדאַנט. אַנדערע קאָמענדאַנטן, פון דער איינהייטלעכער יידישער אַרמיי, וועלן איבער זיי קאָמאַנדירן און לגבי זיי זענען זיי פאַרפליכטעט צו דיסציפּלין אָן רעזערוואַציעס. דער ארגון־צבאי־לאומי איז שוין נישט מער ווי אַ מיליטערישע איינהייט. יעקב מערידאָר האָט דאָס דערגאַנצט מיט אַ פּאָר אויפקלערונגען. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל. אָבער איך האָב געזען מפקדים אויסגעפּרוווטע אין קאַמפן, „אייזערנע מענטשן", וועלכע האָבן אַ סך מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין. זיי זענען איצט גערירט ביז זייערע טיפסטע טיפענישן, ביז טרערן אין די אויגן... אַ גאַנצע וועלט, אַ וועלט פון ריינעם אידעאַליזם, אַ וועלט פון ליבע און טרייהייט איז אפשר אויף אייביק אַוועק. ס'איז טאַקע כדאי געווען. אַלץ איז געווען כדאי. מיר האָבן געזיגט. אָבער דער „מעמד"... ווער וועט פון איצט אונדז קאָמאַנדירן?

ס'איז געווען אַ זאָרג: מ'קען נישט לייקענען. די מענטשן וועלכע האָבן געדאַרפט איבערנעמען די קאָמאַנדשאַפט איבער אונדזערע חברים זענען דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון שנאה צו זיי. נײַן. דער ענין איז נישט געווען אַזוי פשוט. אַ „פקודה", אַ באַפעל האָט דאָ נישט געקענט העלפן. ס'איז געווען נייטיק פיל איבערצייגונג, כדי צו פאַרהיילן ווונדן, וואָס פיל פון זיי זענען נאָך געווען אָפן. און ס'איז געווען נישט נאָר אונדזער רעכט, נאָר אונדזער פליכט צו זאָרגן אַז אונדזערע איינהייטן אין דער אַרמיי זאָלן באַקומען געווער, כדי זיי זאָלן קענען מיט נשמהדיקער זיכערקייט, אַרויסגיין דערפילן די אויפגאַבן, וואָס די אַרמיי וועט אויף זיי אַרויפלייגן. ווי געזאָגט, אפילו אין נאָרמאַלע באַדינגונגען איז די זאָרג געווען אַ נאַטירלעכע און באַרעכטיקטע. באַזונדערס אין די זייער ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז געשאַפן געוואָרן אונדזער אַרמיי, אין וועלכער עס זענען אַריין אונדזערע איינהייטן, אין וועלכער עס זענען געשטאַנען אונדזערע בחורים אויף די פאַרשידענע פראָנטן. די געבענטשטע מעגלעכקייט, אויף וועלכער מיר האָבן געהאָפט אין דער תקופה פון די „סטענען", צו געבן אונדזערע קעמפערס אַ גוטן וואָפן איז געשאַפן געוואָרן מיטן אָנקומען פון דער וואָפן־שיף „אַלטאַלענאַ". נישט „פאַר זיך", — ווי ס'האָבן דערציילט די לעגענדע־שאַפער פון אַן „אויפשטאַנד", — האָבן מיר געפאָדערט דאָס געווער. מיר האָבן שוין נישט געהאַט פאַר וועמען אים צו פאָדערן. דער ארגון צבאי לאומי האָט (אַ חוץ אין ירושלים) אויפגעהערט צו זיין אַ מיליטערישע איינהייט. אונדזערע סאָלדאַטן זענען געווען אין דער אַרמיי אָדער זענען געשטאַנען צוזאַמען מיט אַרמיי־איינהייטן אויף פאַרשידענע פראָנטן, וואַרטנדיק אויף אַן אָרגאַניזירטן אַריינטריט אין דער אַרמיי. אַלע זענען געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון הויפּט־שטאַב. מיר האָבן געפאָדערט, אַז דער וואָפן וואָס מיר האָבן געבראַכט נאָך אַזויפיל מי, זאָל זיי געגעבן ווערן דורך דער אַרמיי.

ישראל גלילי, דער געוועזענער שעף פון דער „הגנה" און וויצע פאַרטיידיקונגס־מיניסטער אין יענע טעג, האָט מיר מיטגעטיילט טעלעפאָניש, אַז דאָס

מיניסטעריום נעמט אָן אונדזער פאָרשלאַג וועגן ירושלים. צוואַנציק פראָצענט פון „אלטאלענא"־וואָפן וועט איבערגעפירט ווערן קיין ירושלים. מיר האָבן זיך זייער געפרייט. און האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויפן נוסח פון דער מעל־דונג. ערשט שפּעטער איז אונדז קלאָר געוואָרן וואָס איז געווען די אמתע כוונה פון דער דאָזיקער „צושטימונג". מיר האָבן זיך געטראָפן מיט יצחק גרינבוי־מען. ער האָט אונדז געזאָגט אַז ווען ס'וואָלט אים געלונגען זיך צו זען מיט בן־גוריונען אין טאָג פון „אלטאלענא", וואָלט די שיף נישט באַשאָסן געוואָרן און אַלץ וואָלט זיך געענדיקט בשלום. ווען מיר האָבן אים אויפגעקלערט די פּרטים פון די פאַרהאַנדלונגען און איך האָב דערמאָנט גרינבוימען, אַז די רעגירונג האָט אָנגענומען אונדזער פאָרשלאַג וועגן אַריבערפירן אַ טייל וואָפן צו אונדזערע אייגהייטן אין ירושלים, האָט זיך ה' גרינבוים זייער געוווּנדערט און געזאָגט:

— מיר האָט מען איבערגעגעבן, אַז די רעגירונג האָט מסכים געווען, אַז צוואַנציק פּראָצענט פון געווער זאָל איבערגעגעבן ווערן דער „הגנה" אין ירו־שלים...

דורך גלילס פאַרמיטלונג האָבן מיר ממשיך געווען אונדזערע שמועסן מיטן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום מכוח דער פאַרטיילונג פון וואָפן. אין איינער פון די פיל אויספירלעכע געשפּרעכן האָב איך געטענהט צו גלילין:

זע, ישראל, ווען די שיף וואָלט געקומען מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, ווי זי האָט געדאַרפט קומען, וואָלט דאָך דער גאַנצער וואָפן געווען ביי אונדז אין די הענט. צי וואָלסטו נישט מסכים געווען, אַז אונדזערע בחורים זאָלן קומען אין דער ארמיי מיט זייער פולער באַוואָפענונג? דו אַליין האָסט דאָך פון מיר געפאָ־דערט, צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַז וואָס מיר האָבן אין וואָפן זאָלן מיר מיטגעבן די בחורים, וועלכע מאָביליזירן זיך אין דער אַרמיי. ווו איז דאָ דער אונטערשיד? דער וואָפן איז אָנגעקומען שפּעט, אָבער די בחורים געפינען זיך דאָך שוין אין דער אַרמיי אָדער וועלן אַריינטרעטן אין איר אין די נאָענטסטע טעג. זאָלן זיי מאָביליזירט ווערן מיט זייער פולער באַוואָפענונג. פאַרוואָס קען מען נישט מסכים זיין אויף דעם?

אומזיסט איז געווען די אַרגומענטירונג. אַלע אונדזערע פאָרשלאַגן זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ס'איז אַריבער אַ טאָג און אַ נאַכט. „אלטאלענא" דערנענ־טערט זיך, לויט די דירעקטיוון פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, צו די ברעג־געס פון לאַנד, צו כפר־וויטקין. מיר זעצן פאָר אונדזערע פאַרהאַנדלונגען מיט די פאָרשטייער פון פאַרטיידיקונג־מיניסטעריום וועגן אויסלאָדענען דעם וואָפן. מיר בעטן פון זיי הילף. מיר פאַרבעטן זיי צו באַוואַכן די אויסלאָדונג. אָבער גלילי איז מיר מודיע אַז אַזוי ווי ס'איז נישטאָ קיין הסכם צווישן אונדז וועגן דער פאַרטיילונג פון וואָפן, וועלן זיי אונדז נישט העלפן אויסלאָדענען. ווערט־לעך האָט גלילי מיר געזאָגט אין נאָמען פון פאַרטיידיקונג־מיניסטעריום:

„מיר ציען זיך צוריק פון יעדער הילף ביים אויסלאָדן דעם וואָפן!"

מ׳דאַרף גוט פאַרצייכענען, ממש וואָרט ביי וואָרט, די דאָזיקע מיטטיילונג. זי באַווייזט די צביעות, דאָס פאַרפירן, די אינטריגע. זי דעקט אויף דעם זינדיקן בונט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נישט דורכן אונטערגרונט קעגן דער רעגירונג, נאָר פאַרקערט — מצד דעם ראש פון דער רעגירונג קעגן דעם געוועזענעם אונטערגרונט.

די רעגירונג האָט מיט אונדז פאַרהאַנדלט וועגן דער געמיינזאַמער אָרגאַניזירונג פון אויסלאָדן דעם וואָפן און זיין פאַרטיילונג. די רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן אונדזערע פאָדערונגען, כאָטש זיי זענען געווען גערעכטע. דאָס איז איר רעכט, מינדעסטנס דאָס פאָרמעלע רעכט. אָבער אויב זי באַנוצט זיך מיטן דאָזיקן רעכט, צי איז נישט איר פליכט, איר עלעמענטאַרער חוב, צו זאָגן די בירגער און באַזונדערס די קעמפּערס וועלכע גיבן זייער לעבן פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר דער עקזיסטענץ פון אָט דער רעגירונג — צי איז זי נישט פאַרפליכטעט צו זאָגן זיי דעם אמת? די רעגירונג האָט געקענט זאָגן: מיר ווילן אייך נישט דערלויבן אויסצולאָדן דעם וואָפן! זי האָט געקענט זאָגן: אין די באַדינגונגען פאַרווערן מיר אייך צו ברענגען די שיף צו די ברעגעס פון לאַנד! זי האָט געקענט אויך צוגעבן אַ וואָרענונג, כאָטש דאָס וואָלט געווען אינגאַנצן איבעריק. פשוט. עס וואָלט אונדז נישט איינגעפאַלן אַראָפּצונעמען דאָס געוועער קעגן אַ באַשלוס פון דער רעגירונג און קעגן דעם ווילן פון דער אַרמיי. ווייל די שיף האָבן מיר לכתחילה איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רעגירונג.

דאָס איז דער ריינער אמת. אָבער אויב ס׳וועט זיך אפילו געפינען אַ רשע, וואָס וועט וועלן צווייפלען אין דעם אמת, קען מען אויך דעם רשע אויפווייזן אַז בלויז איין אמת איז דאָ.

לויט ווי ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיטן פאַרטיידיקונגס־מיניסטעריום, האָט די שיף געדאַרפט אַנקערן אין די וואַסערן פון גבעת אלגא, אָדער ביי די ברעגעס פון כפר־וויטקין. צי וואָלטן מיר געקענט דאָרט צוקומען, ווען די רעגירונג וואָלט געזאָגט „לאו״? ס׳וואָלט דאָך געווען גענוג צו פאַרמאַכן דעם שמאָלן זייטיקן שאָסיי, וואָס פירט פון דעם חיפה־תל־אביב שאָסיי צום מ פ א ״ י ש ן מ ו ש ב , און דער גאַנצער טראַנספּאָרט אונדזערער מיט די אויטאָמאָבילן און קרוב צו הונדערט בחורים און מיידלעך (פון די וועלכע זענען נאָך נישט איינגעגלידערט געוואָרן אין דער אַרמיי), וואָלט אפילו נישט געקענט חלומען וועגן דורכגאַנג צום ברעג. פון דער אַנדערער זייט, אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז מיר וואָלטן אַריבער דעם שאָסיי, צי וואָלט אַ נאָרמאַלן מענטשן איינגעפאַלן אַריינצוגיין —ביי דער קעגנערשאַפט פון דער אַרמיי — אין אַ ים־ברעג אינגאַנצן איזאָלירט? אַ רשע קען צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע ווערטער. ער קען דאָך אָבער נישט צווייפלען, אַז אונדזערע מענטשן האָבן וואָס פאַר אַ ס׳איז ידיעה אין סטראַטעגיע און טאַקטיק. און וואָס מיינט ער וועגן אונדז? אַז די מענטשן פון ארגון צבאי לאומי האָבן אָנגעהויבן (אָדער וואָלטן

אַנגעהויבן) זייער „באַוואָפנטן אויפשטאַנד״ אויפן איזאָלירטן ברעג פון כּפר־וויטקין? דווקא ד אָ ר ט ן ?

איך חזר איבער: וואָלט די רעגירונג געזאָגט מיט איין וואָרט, אַז זי איז קעגן דער אויסלאָדונג פון דער שיף, וואָלט קיינעם פון אונדז נישט איינגעפאַלן צו האַנדלען קעגן איר באַשלוס. אָבער „אימיצער האָט באַוויגן אימיצן עפּעס צו טאָן״. די רעגירונג האָט געזאָגט: מיר וועלן אייך נישט העלפן אויסצולאָדן דעם וואָפן! ס׳איז געווען אַ פאַרבאָרגענע כּוונה אין די ווערטער. מיר האָבן זי נישט געוווּסט.

דער אָפּזאָג פון דער רעגירונג אונדז צו העלפן אויסלאָדן דאָס געווער איז פאַר אונדז געווען אַן ערנסטע שטערונג. מיר האָבן נישט געהאַט נישט די מאָטאָר־שיפלעך, נישט די אויטאָמאָבילן און נישט די נויטיקע מכשירים. אויך די צאָל מענטשן, וואָס מיר האָבן געקענט קאָנצענטרירן נאָכדעם ווי ס׳רוב אונדזערע חברים האָבן זיך מאָביליזירט, האָט נישט געסטאַיעט אויסצופירן די אויפגאַבע. ס׳האָבן אונדז געהאָלפן עטלעכע פלמ״חניקעס אין זייערס אַ מאָטאָר־שיפל. היינט איז ביי מיר נישט קיין ספק, אַז זיי זענען געשיקט געוואָרן אויסצושפּיאָנירן. דעמאָלט האָבן מיר אָנגענומען זייער הילף מיט שמחה און דאַנק, און אָן אַ שאָטן פון חשד .פאַרוואָס חושד זיין?

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן זענען מיר צוגעטראָטן צו דער הייליקער אַרבעט. מיר האָבן זיך געזאָגט: די רעגירונג וויל אונדז טאַקע פאַרלויפּיק נישט העלפן, אָבער זי וועט אפשר ענדערן איר מיינונג. און צווייטנס: צי איז דאָס די איינציקע שווערע זאַך, וואָס מיר האָבן אַליין איבערגעטראָגן? אויך ד י אַרבעט וועלן מיר טאָן, באַזונדערס ווען די שמחה איז געווען אַזוי גרויס. די בחורים האָבן געקושט דעם טייערן וואָפן און זיי האָבן צוגעקריגן נייעם כּוח. קיין „סאַלאָניקער״ וואָלט נישט געטאָן אַזאַ שטיקל „טרעגערישע״ אַרבעט, ווי זי איז געטאָן געוואָרן אין יענע טעג פון היץ, אויפן ברעג ים, אונטער דער ברענענדיקער זון, אָן שפּייז און אפילו אָן וואַסער.

און וואָס וואָלט געשען, אויב מיר וואָלטן אָן הילף און אָן שטערונג אויסגעלאָדנט דעם גאַנצן וואָפן און אַמוניציע פון שיף? דער רשע קען טענהן, אַז מיר וואָלטן געבראַכט דאָס געווער אין געהיימע לאַגערן און דאַן... אָבער דער אמת איז, אַז אין יענע טעג האָבן מיר שוין מער נישט געהאַט קיין געהיימע לאַגערן. מיר האָבן דער אַרמיי אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט אין וואָפן און מיליטערישע אויסשטאַטונג. די אַרמיי האָט געוווּסט פון אַלע אונדזערע פּלעצער. ווי וואָלטן מיר געקענט אויסבאַהאַלטן באַוואָפענונג פאַר צען באַטאַליאָנען אינפאַנטעריע, ווען מיר זענען שוין פון לאַנג אַרויס פון אונטערגרונט און אַלע אונדזערע מענטשן זענען געווען באַקאַנט דער אַרמיי? נאָך אַ פאַקט איז כּדאַי צו געדענקען: אויך נאָכדעם ווי אונדזערע שמועסן וועגן וואָפן זענען איבערגעריסן געוואָרן — נאָך דעם ווי גלילי האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז

מיר וועלן נישט באַקומען קיין הילף צום אויסצולאַדעווען — האָבן מיר פּאַר־בעטן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַרמיי צו קומען באוואכן די אויסלאָדונג, און איינער פון זיי האָט צוויי מאָל צוגעזאָגט צו קומען און אפילו צוגעזאָגט אונדז צו שיקן „פּריוואַט" עטלעכע לאַסט־אויטאָמאָבילן צו הילף...

ווען מיר וואָלטן אויסגעלאַדעוועט דאָס גאַנצע געווער פון „אלטאלענא", וואָלט עס אינגאַנצן איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער איינהייטלעכער יידישער אַרמיי, וואָס איר אַנטשטייאונג האָבן מיר געפאָדערט זייט די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. צוואַנציק פּראָצענט פון וואָפן וואָלטן איבערגעשיקט געוואָרן, מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג, קיין ירושלים — און די „אַלט־שטאָט", טראָץ דער „פּאַרשפּעטיקונג" פון שאלתיאלן, וואָלט אפשר דאָך אויס־געלייזט געוואָרן פון פיינדס הענט. אָבער די פינצטערע אינטריגע איז דורכגע־פירט געוואָרן. נאָר אַ טייל פון געווער איז אַראָפּגענומען און אַריינגעבראַכט געוואָרן אין קאַמף נאָכן ברידער־מאָרד. און אויך דער טייל האָט פיל געהאָלפן. לאָמיר נישט פאַרגעסן די הייליקייט פון „אלטאלענא" אויך נאָך דעם ווי מ'האָט זי פאַרניכטעט. זי האָט געגעבן דעם פאָלק 2.000 נייע מאָדערנע ביקסן, אַ מיליאָן קוילן 303, אַ 250 ברענערס און אַנדער מאַשין־געווער. אויפן פראָנט פון רמלה און לוד האָט דער וואָפן געטאָן אַ גוטע אַרבעט. דאָס געווער פון „אלטאלענא" איז גוט געווען פאַר דער מלחמה קעגן שונא.

אָבער נישט נאָר דער וואָפן האָט געהאָלפן דער קעמפנדיקער נאַציע. „אל־טאלענא" האָט, ווי באַקאַנט, געבראַכט אַ גאַנצן רעגימענט מיט קעמפער. זיי זענען געווען גליקלעך, ווען זיי זענען אָנגעקומען צום ברעג פון פאָטערלאַנד. כ'האָב געזען פיל פון זיי פאַלן אויפן נאַסן ים־ברעג און קושן דעם באָדן. אין מיינע אויערן קלינגען נאָך זייערע פרייד־אויסרופן פון דער שיף. זייער שמחה האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ...

אָבער זייער שמחה און גליק זענען פאַרשטערט געוואָרן. ס'איז באַקאַנט, ווי זיי זענען אָנגעקומען און ווי זיי זענען אויפגענומען געוואָרן. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיי געשיקט און זיי זענען געגאַנגען אין דער אַרמיי. און אין דער ישראל־אַרמיי האָבן זיי געדינט טריי און געקעמפט העלדיש. די בחורים פון „אלטא־לענא" זענען געשטאַנען אויף פיל פראָנטן, זיך באַטייליקן אין אַ סך דעראָבע־רונגען, פון תרשיחא ביז אילת. פיל, זייער פיל פון זיי האָבן זיך אויסגע־צייכנט. נישט ווייניק פון זיי זענען געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד.

וועגן די בחורים דאַרף מען ריידן אויך פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט. מיר האַלטן דאָך ביים „באַוואָפנטן אויפשטאַנד" און אצ"ל. וואָס וואָלט געווען נאַ־טירלעכער ווי נעמען דאָס געווער און אים פאַרטיילן צווישן די „אויפשטענד־לער?" וואָס טוען אָבער די „אָרגאַניזאַטאָרן פון אויפשטאַנד"? קודם כל לאָזן זיי אַרונטער די קעמפער און שיקן זיי תיכף אָפּ, אָן „אַ שטיקל אייזן" אין אַ ווייטן לאַגער אין נתניה — זיך אָפּצורוען און שלאָפן — אונטער דער אויפ־

זיכט פון דער אַרמיי. דאַקעגן דעם וואפן לאדעווען אויס די אומצייליקע „טרעגערס", וועלכע זענען „צוזאַמענגעקראַצט" געוואָרן פון פאַרשידענע שטעט אין ארץ־ישראל. אַזוי האָט אויסגעזען די פאָרזעצונג פון „באַוואָפנטן אויפשטאַנד"...

די עולים פון „אלטאלענא" זענען נישט באַלד אַראָפּ אויפן ברעג. די שיף, וואָס האָט לויט דער אינסטרוקציע פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג באַקומען אַ באַפעל צו ענדערן איר קורס פון לאַנדונג, האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וועג. פון כפר־וויטקין־ברעג האָט זי נישט געזען דאָס רויטע ליכט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ צייכן פאַרן קאַפּיטאַן. די שיף איז דעריבער אָנגעקומען פריער קיין תל־אביב און פון דאָרט האָט זי זיך אומגעקערט צו כפר־וויטקין, ווו זי האָט באַגינען געאַנקערט. מחמת זאָרג, מ׳זאָל די שיף נישט אַנטדעקן, האָבן מיר באַשלאָסן נישט אָנצוהייבן די אויסלאָדונג און מיט אַ שווער געמיט האָט זי זיך צוריקגעקערט אין אָפענעם ים ביז פאַרנאַכט. מיר זענען צוריקגעקומען קיין תל־אביב און זיך באַלד פאַרשטענדיקט מיטן פאַרטיידיקונג־מיניסטעריום. מיר האָבן געשטעלט אין קאָנטאַקט דעם פאַרבינדונג־אָפיציר פון מיניסטעריום מיט אונדזער קוואַרטיר, און האָבן אים מודיע געווען, אַז די שיף וועט זיך צוריקקערן אין אָוונט. מיר האָבן אים אויך געפרעגט, צי ער איז מסכים מיט אונדזער באַשלוס נישט אויסצולאָדנען זי אין מיטן טאָג. ער האָט געענטפערט: „זיכער. דער באַשלוס איז אַ ריכטיקער. איך וועל עס איבערגעבן ישראלן (גלילי)". מיר האָבן אים ווידער איינגעלאַדן צו קומען אַכטונג געבן אויף דער אויסלאדונג. ער האָט געזאָגט אַז ס׳איז מעגלעך, ער זאָל קומען און וועט אפשר שיקן אייניקע לאַסט־אויטאָמאָבילן צו הילף.

פאַרנאַכט־צייט איז די שיף צוגעשווומען צו כפר־וויטקין. מיר האָבן שנעל אַראָפּגעלאָזט די מענטשן און אָנגעהויבן אויסלאָדענען דעם וואפן. מיר האָבן נישט געענדיקט די אַרבעט אין פאַרלויף פון דער נאַכט. מיר האָבן ווייטער געאַרבעט אין די פרימאָרגן־שעהן. אַ ווייסער אַעראָפּלאַן פון די אונ"א־אויפזעער איז געפלויגן איבער אונדז. די שיף איז אַנטדעקט געוואָרן. מ׳דאַרף צואיילן די אויסלאָדונג. פּלוצלינג זענען מיר פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט געוואָרן מיט סאָלדאַטן. אַביסל שפּעטער האָב איך באַקומען אַן אולטימאַטום פון אַן אָרטיקן קאָמענדאַנט, „אַן אולטימאַטום" אויף צ ע ן מ י נ ו ט ן. כ׳האָב געבעטן מודיע צו זיין דעם מפקד, אַז די זאַך לאָזט זיך נישט דערליידיקן אין צען מינוט און אַז איך וויל רעדן מיט אים. אין צווישן איז מערידאר גערופן געוואָרן אין כפר־וויטקין און נתניה אויף אַ געשפּרעך מיט די בירגערמייסטערס פון די אָרטיקע ראַטן, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרמיידן אומגעווונטשענע געשעענישן. יעקב האָט זיי אויפגעקלערט די לאַגע. זיי האָבן צוגעזאָגט זיך צו פאַרבינדן מיט די קאָמפּעטענטע אינסטאַנצן. פאַרנאַכט זענען צו אונדז געקומען די אויפזעער פון דער „אונ", אַן אַמעריקאַנישער און אַ פראַנצויזישער אָפיציר. די שליחים פון דער רעגירונג, וועלכע זענען געשטאַנען פון יענער זייט פון די „ליניעס",

האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן נישט דערלויבן די אויפזעער אַריינצוגיין אין געביט פון ים־ברעג. די אונ״א־אויפזעער האָבן געוואָלט זען די שיף. מיר האָבן זיי העפלעך געזאָגט, אַז אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען קענען מיר זיי נישט לאָזן דורכגיין. די אויפזעער פון אונ״א זענען אַוועקגעגאַנגען. מיר זענען ארומגערינגלט פון אַלע זייטן. מ׳קען נישט אַריין און נישט אַרויס. ס׳פאַלט אַ פאַרשלאַג, אַז די שיף זאָל שווימען קיין תל־אביב, צו פרישמאַן־גאַס, וואָס איז אַנגעצייכנט אויפן קאַפּיטאַנס מאַפּע, כדי מיר זאָלן אַרויס פון דער באַלאַגע־רונג און איך זאָל זיך קענען דירעקט פאַרבינדן מיט דער רעגירונג, כדי צו ענ־דיקן דעם דערשטוינענדיקן קאַפּיטל. איך קווענקל זיך אָנצונעמען דעם פאַרשלאַג. צי וועל איך קענען איבערלאָזן די אַרומגערינגלטע בחורים? יעקב מערידאר פאָ־דערט ענערגיש איך זאָל פאָרן. ער זאָגט:

— דאָ וועסטו גאָרנישט קענען אויפטאָן פאַר אונדז. איך וויל דו זאָלסט פאָרן, כדי אונדז אַרויסצונעמען פון דער באַלאַגערונג!

ס׳איז געבליבן, איך זאָל פאָרן קיין תל־אביב. און פּלוצלינג... אַן אַטאַקע פון אַלע זייטן. אַן אַ וואָרענונג. מיט מאַשין־געווער. מיט מאַרטערס. איך וויל ענדערן דעם באַשלוס און בלייבן מיט די בחורים. יעקב האַלט זיך ביי זיינס:

— פאָר! דאָס וועט זיכער באַלד אויפהערן. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער לאַגע. דו דאַרפסט אונדז אַרויסנעמען פון דער באַלאַגערונג. און די שיף קען נאָך אויפגעריסן ווערן פון אַ שראַפּנעל...

דער דאָזיקער מאָמענט איז זייער, זייער וויכטיק. מ׳האָט דאָך דערציילט, אַז מיר האָבן בכוונה געבראַכט די שיף אין תל־אביב קעגן האָטעל קעטי־דן, דער זיך־אָרט פון די אונ״א־פאַרטרעטער. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז יעקב מערי־דאר, וואָס האָט אונטערגעשריבן אַ קאַפּיטולאַציע־הסכם מיטן מיליטערישן קאָ־מענדאַנט (כדי צו פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג) האָט זיך פאַרפליכטעט איבער־צוגעבן אין זיין רשות די שיף. ס׳איז נישטאָ קיין שפּור אמת אין די אַלע מעשיות. מיר זענען אָנגעקומען אין דער פרישמאַן־גאַס, ווייל די גאַס איז געווען פאַרצייכנט אויף דער מאַפּע פון שיף־קאַפּיטאַן, לויט אַן אַלטן פּלאַן פון אַפּריל. און ווען יעקב האָט אונטערגעשריבן דעם הסכם, איז שוין די שיף לאַנג געווען אויפן ברעג פון תל־אביב.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין תל־אביב, נאָך האַלבער נאַכט, זענען מיר־באַגעגנט געוואָרן מיט שיסערייען. דער גוטער בנימין, דער קאָמענדאַנט פון שיף, האָט אומבאַדינגט געפאָדערט כ׳זאָל נישט אַראָפּגיין פון שיף. מיר האָבן נישט געענטפערט מיט פייער. מיר האָבן געוואַרט ביז אויף צומאָרגנס. דער ברעג איז אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט מיליטער. מיר האָבן זיי געמאָלדן און איבערגע־חזרט, אַז אין קיין פאַל וועלן מיר נישט עפענען אויף זיי קיין פייער און האָבן זיך צו זיי געווענדט, אַז אויך זיי זאָלן נישט שיסן אויף אונדז. די שיף איז אַרומגערינגלט געווען נישט נאָר פון דער יבשה, נאָר אויך פון ים. דריי „קאָר־

וועטעס״ האָבן אונדז אָפּגעהיט. ווען מיר זענען נאָך געווען ביים ברעג פון כפר־וויטקין האָט איינע פון זיי געעפנט אויף אונדז אַ מוראַדיק פייער, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט מיט אונדזער קליינער לאָדקע צו „אַלטאַלענאַ״. בלויז אַ געלונגענער ים־מאַנעוור פון קאַפּיטאַן מאַנראַן פיין, אַן אומגעוויינלעך מוטיקער מענטש, האָט געראַטעוועט אונדזער קליין גרופּקעלע פון אַ זיכערן טויט. מאַנראַ פּיין האָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט אַוועקגעשטעלט די „אַלטאַלענאַ״ צווישן די פייער־שפּייענדיקע „קאָרוועטעס״ און צווישן אונדזער קליינער לאָדקע. אַזוי, אונטער אַ רעגן פון קוילן אין מיטן ים זענען מיר אַרויף אויף דער שיף. די „קאָרוועטעס״ האָבן אונדז אָפּגעהיט אויך אין תל־אביב. די שיף איז געשטאַנען אויפן זאַמד, אָן מעגלעכקייט פון באַוועגונג. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אָנצוהויבן אויסלאָדענען דאָס געווער אויפן תל־אביבער ברעג. ווען די קליינע לאָדקע האָט זיך דערנענטערט צום ברעג, האָט זיך אויף אונדז אַלע אַ גאָס געטאָן אַ קרייץ־פייער. אַ פרייוויליקער פון קובא איז געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. מערלין איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פוס. אברהם סטאַווסקי, דער אָרגאַניזאַטאָר פון די גרויסע טראַנספּאָרטן פון עליה ב״ פון פוילן און דער טעטיקסטער ביים אָרגאַניזירן די „אַלטאַלענאַ״־רייזע, איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. אויפן דעק פון שיף זענען געווען נאָך פאַרוווּנדעטע. ס׳זענען אויך געפאַלן דירעקט געצילטע שאָסן. יעדעס מאָל ווען איך בין אַרויף אויפן בריקל פון קאַפּיטאַן, האָט אויף אים אָנגעהויבן רעגענען מיט אומאויפהערלעכן פייער. ווען כ׳בין אַראָפּ פון בריקל האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס פייער אין דער ריכטונג. די שיסערס האָבן זאָרגפול געצילט און ס׳איז נישט זייער שולד וואָס זיי האָבן נישט גענוי געטראָפן.

אונדזערע חברים אין תל־אביב, מיט וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג, האָבן אין צווישן אָנגעהויבן זיך דורכצורייסן דורך די מיליטער־ליניעס כדי צוצוקומען צום שיף. דעמאָלט האָט דער קאָמענדאַנט פון פלמ״ח דורך ראַדיאָ פאָרגעשלאָגן אַ פייער־איבעררייס און אַז מיר זאָלן מער נישט אויסלאָדענען דאָס געווער פון שיף. מיר האָבן מסכים געווען. ס׳איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס פייער און די אויסלאָדונג. מיר האָבן מיטגעטיילט וועגן אונדזערע פאַרוווּנדעטע. אונדזער קליין לאָדקעלע איז אויך געטראָפן געוואָרן פון די קוילן און האָט שוין נישט געקענט אַראָפּלאָזן די פאַרוווּנדעטע אויפן ברעג. מיר האָבן געבעטן אַ לאָדקע כדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס, ווייל אויפן דעק פון שיף איז נישט געווען קיין דאָקטאָר. דער קאָמענדאַנט פון פלמ״ח האָט צוגעזאָגט באַלד צושיקן אַ לאָדקע פון תל־אביבער פּאָרט. מיר וואַרטן אויף דער לאָדקע אַ שעה, צוויי. זי איז נישט געקומען. דער צושטאַנד פון די פאַרוווּנדעטע ווערט אַלץ ערגער. די לאָדקע קומט נישט. פּלוצלינג... עפּעס איז אַריבער איבער אונדזערע קעפּ מיט אַ פייף. מאַנראַ פּיין זאָגט: „דאָס איז אַ שראַפּנעל, זיי וועלן אונטערצינדן די שיף״. מיר ווענדן זיך צום קאָמענדאַנט פון פלמ״ח און דער־

מאַנען אים, אַז ער האָט געבעטן און זיך פאַרפליכטעט צו אַ פולן פייער־איבער־רייס. ס׳איז שוין נישטאָ קיין תשובה. אין צווישן — אַ צווייטער, דריטער, פערטער שראַפּנעל. מאנרא איז זייער באַזאָרגט. איך שלאָג אים פאָר אַז ער און זיינע אַמעריקאַנער חברים זאָלן פאַרלאָזן די שיף און מיר וועלן בלייבן — און ס׳וועט געשען מיט אונדז וואָס ס׳וועט געשען. מאנרא זאָגט זיך אָפּ ענדגילטיק. ער זאָגט, אַז די שיף וועט פאַרניכטעט ווערן און מען מוז איר ראַטעווען און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער עצה, ווי אַרויסצוהענגען אַ ווייסע פאָן. ער הענגט אויף אַ ווייסע פאָן, אָבער אויך דאָס העלפט נישט. שראַפּנעלן. שראַפּנעלן. מיר רופן ווידער דעם קאָמענדאַנט פון פלמ״ח: דו האָסט זיך ווידער פאַרפליכטעט צו אָפּשטעלן דעם פייער. פאַרוואָס באַשיסט מען אונדז? אַביסל שפּעטער איז געקומען די תשובה, וואָס ס׳איז כדאי איר גוט צו געדענקען:

— „ס׳איז טאַקע דאָ אַן אַלגעמיינער איבעררייס פון פייער, אָבער דער באַפעל וועגן דעם איז נאָך נישט אָנגעקומען צו אַלע מיליטער־איינהייטן״...

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט אַ שראַפּנעל געטראָפן אין שיף. עס ברעכט אויס אַ פייער. אַ געדיכטער רויך זעצט אַרויס. מ׳דאַרף קודם ראַטעווען די פאַרוואונדעטע. אַלע האַלטן זיך מיט איבערמענטשלעכער גבורה. ס׳איז נישטאָ קיין בהלה. קיינער שפּרינגט נישט אין וואַסער. קודם־כל לאָזט מען אַראָפּ די פאַרוואונדעטע. מאנרא פיין ווייזט אַרויס אומגלויבלעכע גייסטיקע גבורה. די שיף איז אַרומגעכאַפּט מיט פלאַמען. רואיק גיט ער באַפעלן זיינע העלפערס. ער באַפעלט אויפצועפענען די וואַסער־קראַנען און דורך דעם ראַטעוועט ער נישט נאָר די מענטשן אויפן דעק, נאָר אויך אַ גרויסן טייל פון תל־אביבער הייזער נעבן ברעג. ער בויט בריקן אַראָפּצולאָזן די פאַרוואונדעטע. די פאַרוואונדעטע ווערן אַראָפּגעלאָזן איינציקווייז. אָבער שראַפּנעלן פאַלן ווייטער אַרום דער ברענענדיקער שיף. מ׳שיסט אין די פאַרוואונדעטע אין וואַסער, וועלכע ווילן זיך ראַטעווען. אַן אַמעריקאַנער בחור שרייט אויס:

(מיין גאָט, אפילו די יאַפּאַנער האָבן מיר אַזוינס נישט געטאָן!).

אונדזערע בחורים פון ברעג רייסן זיך אַריין אין ים, און מיט זיי אַ שטומער רעטער און זיינע חברים. זיי באַנוצן זיך מיט קליינע רעטונגס־לאָדקעס. זיי לייגן שוין נישט קיין אַכט אויף דער סכנה, אויף די פלאַמען פון שיף, וואָס קען יעדן מאָמענט עקספּלאָדירן, קוקן נישט אויף די קוילן וועלכע פאַלן אַרום זיי אין וואַסער. זיי זענען געקומען ראַטעווען און זיי — ראַטעווען טראָץ אַלעמען. און „אַלטאַלענא״ ווערט אויפגעגעסן פון פייער. דער וואָפן וואָס איז נישט אויסגעלאָדן געוואָרן פון שיף איז פאַרניכטעט געוואָרן און די שיף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברודער־קבר.

אין שפּיטאָל הויכט אויס זיין נשמה אברהם סטאַווסקי, מיין גוטער בן־עיר, וואָס אַ דאַנק זיין ענערגיע און טאַט זענען טויזנטער יידן געראַטעוועט גע־

וואָרן פון די נאַצישע קאָלך־אויוונס און זענען געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. אויך אבראשאן האָב איך פאַרלוירן.

נאָך אַ סך פיינלעכע מעשים זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין יענע טעג. ס׳האָט געקענט אויסברעכן אַן אינערלעכער קריג, אַ שרעקלעכער נקמה־קריג, פאַר דער אינטריגע, פאַרן פאַרברעכן, פאַר די גרויל־טאַטן, פאַרן אומשולדיקן בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן. אָבער דער אויסערלעכער שונא איז געשטאַנען אין טויער און מיר האָבן געזאָגט:

— „אין קיין שום באַדינגונגען נישט אָנצוּווענדן קיין געווער!"

אין ווינציקע טעג שפּעטער זענען די בחורים פון אצ״ל, און צווישן זיי „אלטאלענא"־בחורים, געשטאַנען אויף אַלע מלחמה־פראָנטן קעגן דער אַראַבישער אינוואַזיע. און דזשא כהן פון פילאַדעלפיע און קאשמאן פון לאָנדאָן זענען געפאַלן פאַר ירושלים.

אין דער „אלטאלענא" נאַכט, ווען כ׳האָב גערעדט וועגן דער שיף, וועגן איר געווער און אירע הייליקע קרבנות, בין איך געווען גערירט ביז טרערן. און עס האָבן זיך געפונען גרויסע גיבורים, פון אַלע מינים און פון אַלע קרייזן, וועלכע האָבן אָפּגעשפּאָט פון דער „ווייבלעכער גערירטקייט". זאָל זיי ווויל באַקומען דער אָפּשפּאָטן. איך ווייס אַז ס׳זענען פאַראַן טרערן, וואָס קיין מאַן דאַרף זיך מיט זיי נישט שעמען. ס׳זענען דאָ טרערן, וואָס יעדער מאַן דאַרף אויף זיי שטאָלץ זיין. אַ טרער גייט אַרויס נישט נאָר פון אויג. טיילמאָל טריפט זי אַזוי ווי בלוט — פון האַרצן. ס׳זענען פאַראַן טרערן וועלכע קומען פון צער. און ס׳זענען פאַראַן טרערן, וועלכע ברענגען אַ דערלייזונג. דער וואָס פאָלגט נאָך מיין דערציילונג, ווייסט אַז דער גורל האָט מיך נישט געפּיעשטשעט... הונגער און צער האָב איך געקענט פון מיין פריער יוגנט. און טויט־סכנות האָבן מיך אַרומגערינגלט נישט איין מאָל, נישט נאָר אין פאָטערלאַנד נאָר אויך אין דער פרעמד. און קיין טרער האָב איך נישט פאַרגאָסן.

אָבער אין דער נאַכט, ווען ס׳איז פּראָקלאָמירט געוואָרן די מדינה פון איין זייט; און אין דער „אלטאלענא" נאַכט פון דער אַנדערער...

ס׳זענען פאַראַן רעטנדיקע טרערן. ס׳טרעפט, און די ברירה איז: טרערן אָדער בלוט. טייל מאָל, ווי ס׳האָט אונדז געלערנט דער אויפשטאַנד קעגן אונטערדריקער, מוז קומען דאָס בלוט אנשטאט טרערן; און טייל מאָל, ווי די מעשה „אלטאלענא" האָט אונדז געלערנט, איז נייטיק אַז טרערן זאָלן קומען אנשטאט בלוט. דאָס דאַרפן געדענקען באַזונדערס די אַלע, וועלכע האָבן באַשאָסן „אלטאלענא" און געהרגעט אירע עולים און געשאָסן אויף די, וועלכע זענען געלאָפן פון אירע פלאַמען.

זאָלן זיי זיך, אין זייער בלינדקייט, נישט באַרימען מיט זייער טאַט „וואָס אימיצער האָט זיי באַוויזן צו טאָן". זאָלן זיי געדענקען אַלץ, וואָס זיי דאַרפן געדענקען, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער אינטריגע וואָס זיי האָבן געוועבט אין

געהיים און ענדיקנדיק מיטן לעצטן שראפּנעל וואָס זיי האָבן אַריינגעשיקט אין אַ ברענענדיקער שיף. אויב זיי וועלן דאָס געדענקען, וועלן זיי אפשר פאַרשטיין דאָס וואָס עס האָט געפילט דער אויף וועמענס לעבן מ׳האָט געלויערט: זיי וועלן פאַרשטיין אַז טיילמאָל איז בעסער אַז איינער זאָל געבן טרערן פון זיין האַרץ צוליב אַן עקלהאַפטיקייט וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין ישראל, איידער אַ סך זאָלן וויינען אויף אירע רעזולטאַטן...

און דאָך איז נישט געווען קיין קעגנזייטיקער ברידער־קריג אין ישראל, אַ קריג וואָס וואָלט חרוב געמאַכט ישראל נאָך איידער זי איז אויפגעשטאַנען. טראַץ אַלעמען!

די פאַראייניקטע רעזיסטענץ־באַוועגונג

ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. — בעווין פאַרענדיקט דעם „סעזאָן" פון די רדיפות קעגן אצ"ל. — דער הסכם וועגן געמיינזאַמען קאַמף מיט דער „הגנה". — פאַרוואָס איז נישט צושטאַנדגעקומען אונדזער אָנגריף אין כפר־וויטקין. — די „גונדע" מאַרשירט... — לעבן און טויט הענגט אָפּ פון אַ קאָמאַ. — גענעראַל באַרקער מאַכט אַ קאָנטר־אָפענסיווע. — „די פּאַס פון האמבּ־אַף" („האַמבורג — אף על פי").

א.

זומער 1945. דער זומער פון סוף, פון דעם אָנהייב, פון נצחון, פון דער אימה, פון דער אַנטוישונג און האָפענונג. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך גע־ענדיקט און באַלד איז זיך צעפאַלן די מחנה פון די זיגער, וועמען בלויז דער נעגאַטיווער אינטערעס האָט פאַראייניקט אין קריג קעגן געמיינזאַמען שונא. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער געראַנגל צווישן „מערב" און „מזרח". און מיט דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צו אַ נייער וועלט־מלחמה, וואָס וועט זיין די שרעקלעכסטע מלחמה זייט דער מענטש לעבט אויף גאָטס ערד. פאַרן יידישן פאָלק האָט דער זומער געבראַכט דעם נצחון איבער דער טעווטאָנישער חיה. אָבער ס'איז געקומען אָן ענדגילטיקע באַשטעטיקונג פון די מוראדיקע ידיעות. אייראָפּע איז געוואָרן איין ריזיקער בית־עולם פאַר מיליאָנען יידן. פון זיבעצן מיליאָן זענען מיר געבליבן נאָר עלף מיליאָן יידן. כמעט אַ דריטל פון פאָלק איז פאַרטיליקט געוואָרן אָן אַ תכלית און כמעט אָן אַ ווידערשטאַנד.

אין ארץ־ישראל איז נאָך אָנגעגאַנגען דער אינערלעכער צוג פון רדיפות קעגן ארגון־צבאי־לאומי, וועלכער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, און נישט רעאַ־גירט. אונדזערע אויגן זענען געווען געווענדט צו דער צוקונפט. ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה האָט זיך געעפנט די גרויסע וועלט און ס'האָבן זיך געעפנט ברייטע האָריזאָנטן פאַר אונדזער מיליטערישן קאַמף. מיט דער נייער אינטער־נאַציאָנאַלער ווענדונג האָבן מיר באַשלאָסן נישט נאָר פאַרצוזעצן אונדזער קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפונג־מאַכט, נאָר אים נאָך אינטענסיפיצירן, נישט געקוקט אויף די אינערלעכע רדיפות.

אָבער מיר האָבן געפּרווּט צו באַוועגן די אָפיציעלע פירערשאַפט, זי זאָל פאַרשטיין די גרויסקייט פון דער שעה, זי זאָל אָפּשטעלן די רדיפות קעגן אונדז און אָנהייבן די מלחמה קעגן אונטערדריקער. סוף פון תש״ה האָבן מיר געשיקט אַ מעמאָראַנדום צו 250 פּערזענלעכקייטן אין לאַנד, צו פירער פון די אינסטי־טוציעס, צו פּאַרטיי־עסקנים, וויסנשאַפט־לייט און עקאָנאָמיקער און זיי גערופן אויפצושטעלן אַ פּראָוויזאָרישע יידישע רעגירונג און אַ פאַראייניקטן באַוואָפנטן כוח, וואָס זאָל פירן דעם אָפן־פּראָקלאַמירטן אויפשטאַנד קעגן דער אָקופּאַציע־מאַכט.

ב.

די רעאַקציע אויף אונדזערע פאָרשלאָגן איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע. צו אייניקע חשובע עסקנים, וועלכע האָבן געקריגן דעם פּאָליטישן מעמאָראַנדום, האָבן מיר געשיקט אונדזערע חברים, צו געבן צוגאָב־אויפקלערונגען און באַקו־מען אַ תשובה. דער פאַרשטאָרבענער הרב מאיר בערלין, דער פּרעזידענט פון „מזרחי״ האָט געזאָגט עמיצורן: „אויב איר וועט מיר געבן פופציק מענטשן, וועלכע וועלן זיין גרייט אונטערצושרייבן אייערע פאָרשלאָגן, וועל איך אונטער־שרייבן דער ערשטער. אָבער איר קענט דאָך די לאַגע״... הרב בערלין איז גע־ווען אַ מוטיקער און אַ שטאָלצער מענטש. איין מאָל, ווען די ענגלענדער האָבן אינטענסיפיצירט זייערע רעוויזיעס, האָט ער פאָרגעשלאָגן מיין חבר, איך זאָל זיך באַהאַלטן ביי אים אין הויז. כ׳האָב געבעטן צו דאַנקען דעם חשובן רב פאַר זיין גוטהאַרציקן פאָרשלאַג. די זיכערקייטס־באַדינגונגען זענען גאָרנישט געווען שלעכט אין יענע טעג און כ׳האָב נישט געפונען קיין באַרעכטיקונג צו שטעלן אין סכנה דעם רב בערלין מיט מיין זיין ביי אים אין הויז. אָבער מיר האָבן גע־האַלטן פאַר נויטיק און באַרעכטיקט צו פאָדערן פון די פּאַרטיי־פירערס זיך צו ריזיקירן, כדי „איבערצורייסן דעם תליה־שטריק״ וואָס האָט זיך געוויקלט נישט רק אַרום אונטערגרונט, נאָר אַרום דעם גאַנצן פאָלק. הרב בערלין האָט פון אונדז געפאָדערט מיר זאָלן אים ברענגען 50 אונטערשריפטן. מיר זענען מודה, אַז ס׳איז אונדז נישט געלונגען זיי אויפצוזאַמלען. אַפילו צו פינף אונטערשריפטן זענען מיר נישט דערגאַנגען. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך נישט מייאש געווען. מיר האָבן געוווסט, אַז מיר זענען גערעכט. און מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות. אונדזערע גרונט־פּאָליטישע פאָרשלאָגן, וועלכע זענען אָפּגעוואָרפן גע־וואָרן אין מאַי 1945, זענען אָנגענומען און רעאַליזירט געוואָרן אין מאַי 1948. דריי יאָר איז נישט קיין לאַנגע צייט אפילו אין דער תקופה פון ראַדיאָ און עראָפּלאַן.

דאָס אָפּשפּאָטן פון אונדז האָט אפילו קיין דריי יאָר נישט געדויערט. ווייל אין צווישן איז געקומען די גרויסע און ביטערע אַנטוישונג, מיט די פּאַרלאַ־מענט־וואַלן אין ענגלאַנד.

כ׳האָב שוין דערציילט וועגן דעם איינציקן געשפּרעך, וואָס כ׳האָב געהאַט אין אונטערגרונט מיט אליהו גאָלאָמבן. דער שעף פון דער „הגנה" האָט מיר געזאָגט מיט זיכערקייט, אַז אויב דער „לייבאָר" וועט קומען צו דער מאַכט אין ענגלאַנד, וועלן מיר באַקומען „מינדעסטנס אַ טייל פון דעם וואָס מיר פאָדערן". מיט דער דאָזיקער אילוזיע האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַלע פירער פון די „אָפיציעלע אינסטיטוציעס", און נישט נאָר גאָלאָמב. ס׳איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז ווען טשערטשיל און אידען האָבן געכאַפּט אַ מפּלה ביי די וואַלן, און אויף זייער אָרט זענען געקומען עטלי און בעווין, איז געוואָרן אַ שמחה אין די אָפיציעלע קרייזן פון ישוב. מ׳האָט זיך פאַרלאָזט אויף דער „טראַדיציאָנעלער פריינדשאַפט" פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי צום ציוניזם. דער „דבר" האָט געשריבן: „דער נצחון פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון ציוניזם אין סאַמע מיטן פון די וואַלן — איז אַ קלאָרער נצחון פון ציוניזם אין דער בריטישער עפנטלעכער מיינונג". צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון „לייבאָר" האָט מען געשיקט אַ באַגייסטערטע טעלעגראַמע מיט שמחה צוליבן זיג. אַ חוץ די אַרטיקלען און טעלעגראַמעס, האָט מען געהאַלטן פייערלעכע רעדעס און געדרוקט גרויסע פּלאַקאַטן אין גאַס. אפילו „פאָלקס" טענץ האָט מען אָרגאַניזירט אין תּל־אביב. בקיצור: דער נצחון פון דער לייבאָר־פּאַרטיי איז אונדזער נצחון. אַ שמחה ביי יידן!

ס׳וועט זיכער זיין אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן אויך אין דעם פאַל די רעאַקציע פון די אָפיציעלע פירער מיטן פּאָליטישן חוש צו דער מיינונג פון די אויפשטענדלער. דעמאָלט ווען די אילוזיע־טרעגער האָבן געקלאַפּט מיט דער פּויק פון אָפּטימיזם, האָט דער ארגון־צבאי־לאומי פאַרעפנטלעכט דעם ווייטערדיקן אויפרוף:

„אין ענגלאַנד איז געקומען צו דער מאַכט די אַרבעטער־פּאַרטיי. די פּאַרטיי האָט זיך פאַרפליכטעט, איידער זי איז געקומען צו דער מאַכט, צוריקצוגעבן ארץ־ישראל דעם יידישן פאָלק.

דער פאַקט אַליין איז נאָך נישט קיין גאַראַנטיע פאַר דער דערגרייכונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן ציל. דאָס יידישע פאָלק האָט פיל דערפאַרונגען. מענטשן און פּאַרטייען, וועלכע זענען אין אָפּאָזיציע, האָבן אונדז צוגעזאָגט אַ האַלבן יובל צוריק אַ סך הבטחות און האָבן גענומען אויף זיך בפירושע פאַרפליכטונגען. אָבער ווען זיי זענען געקומען צו דער מאַכט האָבן זיי פאַרגעסן אַלע הבטחות און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פּאָליטיק פון צורויבן אונדזער לאַנד און פּאַרטייליקן אונדזער פאָלק. דער דאָזיקער פּרווו, וואָס האָט אונדז געקאָסט זעקס מיליאָן קרבנות, האָט אונדז געלערנט, אַז נאָר אַ פרייהייט־קריג וועט ברענגען די גאולה.

די היסטאָרישע מסקנה בלייבט אומפאַרענדערט. אונדזער קאַמף

פירט זיך, נישט כדי אָפּצושרייען גזירות, נאָר כדי צו שאַפן אַ יידישע רעגירונג אין יידישן לאַנד. דער קאַמף וועט פאָרגעזעצט ווערן, און נישט געקוקט אויף די דראָאונגען האָבן מיר נישט אַוועקגעלייגט אונ־דזער וואָפן.

נאָר שטייענדיק קעגן אַ רעגירונג, וועמענס מיטגלידער עס האָבן אונטערגעשריבן, אַלס פּאַרטיי־פאָרשטייער, דעם פּראָגראַם פון אַ יידישער מדינה, געפינען מיר פאַר נייטיק, צוליבן אחריות־געפיל און פון אונדזער פרייען ווילן, געבן איר די מעגלעכקייט צו דערווייזן, צי זי האָט בדעה פאָרצוזעצן די פאַראַט־פּאָליטיק פון די פריערדיקע רעגירונגען, אָדער זי וויל רעאַליזירן איר עפנטלעכע פאַרפליכטונג.

צוליב דער איצטיקער לאַגע פון אונדזער פאָלק, וועט נויטיק זיין אַ קורצע צייט — וואָכן, און נישט קיין חדשים — כדי זיך צו איבער־צייגן, צי די ווערטער זענען איבערזעצט געוואָרן אויף אַ שפּראַך פון מעשים. אָדער, צו אַלע טראַגישע אילוזיעס פון אונדזער פאָלק איז צו־געקומען נאָך אַן אילוזיע, וואָס כדי צו מאַכן אַ סוף צו איר, וועט פון אונדז אַלעמען געפאָדערט ווערן צו

פירן קריג, קריג ביזן נצחון.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער באַווייז איז געגעבן געוואָרן. בעווין האָט געעפנט דאָס מויל, און אַלע אילוזיע־טרעגער איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

מיט דער דאָזיקער אַנטוישונג האָט זיך געענדיקט דער קאַפּיטל פון דער תקופה פונעם אַנטי־בריטישן אויפשטאַנד. די אַגענץ־לייט האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען מער נישט פאָרזעצן די קאָאָפּעראַציע מיט אַזאַ „רעגירונג". ס׳איז גע־געבן געוואָרן אַ באַפעל אָפּצושטעלן די מסירות, אויסליפערונגען און קידנעפּע־רייען. די „הגנה" האָט אונדז צורו געלאָזט. און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע שריט צו פאַרפעסטיקן אַ פאַראייניקטן יידישן פראָנט. די פּרוּוון זענען נישט געלונגען פון סאַמע אָנהייב. אונדז איז טאַקע קלאָר געווען, אַז אָפּגעזען פון די רדיפות און מסירות, וועלן מיר האָבן דעם גייסטיקן כוח אויסצוציען אונדזער האַנט צו אונדזערע נעכטיקע פייניקער, כדי צו שאַפן אַ קעמפנדיקע אייניהייט. צוליב אַט־דער האָפענונג האָבן מיר דאָך אַראָפּגעשלונגען אַלע ביטערע פּילן פון רדיפות און נישט רעאַגירט. מיר האָבן געוווסט, אַז אונדזערע בעסטע מפקדים און קעמפער, וועלכע זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין אַפריקע, צוליב דער שולד פון אָפיציעלע „קאָלאַבאָראַטאָרן", אריה, יעקב, אליהו, דניאל און די אַנדערע, זענען מסכים אויסצושטרעקן די האַנט פאַר אַ געמיינזאַמען פראָנט, כאָטש זיי אַליין האָבן דירעקט געליטן פון די מוסרים.

דער פּרינציפּ פון „דער קעמפנדיקער אייניהייט" מיט אונדזערע רודפים איז דורך אונדז אָן קווענקלענישן אָנגענומען געוואָרן. אָבער מיר האָבן נישט גע־

קענט איינגיין אָנצוהייבן די פּראַקטישע פאַרהאַנדלונגען באַלד נאָך דער ערש־טער ווענדונג. ביי דער „הגנה" אין די הענט האָט זיך נאָך געפונען אַלס „גע־קידנעפּטער" איינער פון אונדזערע בעסטע חברים, אליעזר. פּיל חדשים איז אליעזר געווען אין די הענט פון זיינע כאַפּערס און די באַדינגונגען אין וועלכע ער איז געווען געצוווּנגען צו לעבן, עסן, ליגן און אָטעמען זענען געווען אַזעל־כע שווערע, אַז זיי האָבן איבערגעלאָזן סימנים אין זיין געזונט־צושטאַנד ביזן היינטיקן טאָג, כאָטש זיי איז נישט געלונגען צו ברעכן זיין גייסט...

מיר האָבן מיטגעטיילט די מסקדים פון דער „הגנה", אַז מיר וועלן נישט פאַרהאַנדלען וועגן אַן אָפּמאַך, כל־זמן אליעזר וועט נישט באַפרייט ווערן. מילא, די חברים אונדזערע, וועמען זיי האָבן אויסגעליפערט צו די ענגלענדער, וועלן די „אינסטיטוציעס" אונדז נישט קענען צוריקגעבן. אָבער דער געקידנעפּטער געפינט זיך ביי זיי אין די הענט. זאָלן זיי אים באַפרייען, וועלן מיר וויסן, אַז זיי ווילן ענדיקן יענץ קאַפּיטל און אָנהייבן אַ ניי בלאַט. אונדזער פאָדע־רונג איז נישט באַלד דערפילט געוואָרן. דער שד וואָס הייסט „פּרעסטיזש" האָט זיך אַריינגעמישט. „איר וועט קומען צו דער טרעפונג, — האָבן די פירער פון דער „הגנה" געטענהט, — און ווען ס'וועט דערגרייכט ווערן אַ פאַרשטענדי־קונג, וועלן מיר באַפרייען אויך אייערע חברים!" מיר אָבער האָבן זיך געהאַלטן ביי אונדזער גערעכטער פאָדערונג, און צו אונדזער שמחה איז זי אָנגענומען געוואָרן. אין איינעם אַ טאָג איז דערשינען דער אויסגעלייזטער אליעזר, וואָס האָט פון דעמאָלט אָן דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, פול מיט געשעענישן און מע־שים אין די גלות־לענדער.

אליעזר, צוזאַמען מיטן מפקד חנניה, זענען אין אַ נאַפט־שיף „אַריינגע־גנבעט" געוואָרן קיין איטאַליע. די מאַטראָזן און דער קאַפּיטאַן זענען געווען פּראָפּעסיאָנעלע קאָנטראַבאַנדיסטן. זיי האָבן געוואָלט איבערגעבן די אומלעגאַ־לע פּאַסאַזשירן דער פּאָליציי, אָדער... אַריינוואַרפן זיי אין ים אַריין. מיט שוועי־ריקייטן האָבן זיך אונדזערע שליחים אַרויסגעדרייט און זענען אַראָפּ אין אי־טאַליע. אליעזר האָט באַקומען אינסטרוקציעס צו שאַפן דעם „ארגון" אין גלות, און צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע עליה ב'. אליעזר האָט אַ סך געטאָן כדי אויס־צופירן די אויפגאַבן. דער „ארגון" אין גלות איז געשאַפן געוואָרן. ער איז גע־ווען אונדזער הילף־אָרעם אין אייראָפּע, ער האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף די ענגלענדער אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. ער האָט אויך געדינט אַלס רעזערוו פאַר אונדזערע פאַרשידענע אייגהייטן אין פאָטערלאַנד. נאָך אויפן געביט פון דער „אומלעגאַלער" עליה האָבן זיך אויף אונדז אַראָפּגעלאָזן קלעפּ און אַנטוישונגען. אליעזר האָט געקויפט צוויי שיפן אין איטאַליע. דער קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין אַמעריקע און די בריטישע רעגירונגס־באַן נעבן חדרה — האָבן געגעבן די נויטיקע מיטלען דערפאַר. אָבער אונדזערע שלי־חים זענען געפאַלן אַ קרבן פון רשעות מצד פרעמדע מענטשן. איין שיף איז

אונטערגעצונדן געוואָרן דורך די רשעים צוליב זייערע אינערלעכע מחלוקתן און די צווייטע איז געשעדיקט געוואָרן און איז געוואָרן אומנוצבאַר. אונדזער העפּלה־אַקציע, וואָס האָט אַזויפיל אויפגעטאָן ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געקריגן אַ קלאַפּ באַלד ביי איר באַנייאונג נאָך דער מלחמה. צוויי יאָר זענען אַריבער זייט אונדזערע דורכפאַלן אין איטאַליע ביז דעם קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג איז געלונגען צו קויפן די שיף „בן העכט" און ברענגען אויף איר צו די ארץ־ישראל־ברעגעס קרוב טויזנט מעפּילים, וועלכע זענען, ווי אַלע אַנדערע מעפּילים אין יענער תקופה, פאַרשיקט געוואָרן קיין ציפּערן.

ווען אליעזר איז באַפרייט געוואָרן, איז אַראָפּגענומען געוואָרן די לעצטע שטערונג פאַר אַ צוזאַמענטרעף צווישן אונדז און דער „הגנה". אין צוזאַמענטרעף האָבן זיך באַטייליקט די רעפּרעזענטאַנטן פון אַלע באַוואָפנטע ארגונים אין ישראל. די „הגנה" האָט רעפּרעזענטירט משה סנה, וועמען כ'האָב געקענט פון לאַנג, און ישראל גלילי, וועמען כ'האָב דאַן געזען דאָס ערשטע מאָל. דעם לח"י האָט רעפּרעזענטירט נתן פרידמאַן. איך האָב גערעדט אין נאָמען פון ארגון צבאי לאומי. איצט האָט מען שוין נישט דערלאַנגט קיין „אולטימאַטומס". מ'האָט שוין נישט גערעדט וועגן „ליקווידירן". ס'איז געווען, ווי גלילי האָט געזאָגט, אַ „באַגעגעניש זיך צו באַקענען". מ'האָט גערעדט וועגן קאַמף־איינהייט, וועגן דער פאַלקס־האָפענונג.

ג.

סנה און גלילי האָבן אונדז פאָרגעשלאָגן „אַ פולע פאַראייניקונג" פון אַלע באַוואָפנטע ארגונים. זייערע אַרגומענטן זענען געווען פאַרשידן, אָבער דער הויפּט־אַרגומענט איז געווען די פּראָקלאַמאַציע וועגן דער „יידישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג". זיי האָבן געזאָגט:

— די „הגנה" איז אַריין אין קאַמף קעגן דער „רעגירונג פון „ווייס־בוך", טאָ פאַרוואָס זאָלט איר נישט אַריינטרעטן אין אירע רייען? איר האָט דאָך געזאָגט אַז אויב מיר וועלן אָנהייבן קעמפן מיט די ענגלענדער, וועט איר זיין גרייט אָנצונעמען אונדזער דיסציפּלין. איצט איז געקומען די שעה. מיר האָבן אָנגעהויבן קעמפן און וועלן זיכער פאָרזעצן דעם קאַמף. און איר דאַרפט נישט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, נאָר אויך פון אייער שטאַנד־פּונקט, אַריינטרעטן אין די רייען פון דער „הגנה", ווו ס'וועט פאַרזיכערט ווערן אייערע איינהייטן אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין איבערגאַנגס־פּעריאָד".

נתן פרידמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען גענייגט אָנצונע־מען דעם פאָרשלאָג. אָבער מיר האָבן געהאַט אַ פריערדיקע באַראַטונג אין דער מפקדה. מיר זענען געווען גרייט צו קעמפן צוזאַמען מיט דער „הגנה", וואָס האָט

אונדז ערשט נעכטן גערודפט. מיר זענען אָבער נישט געווען גרייט זיך צו ליק־ווידירן אונטער דער מאַסקע פון „איחוד", פון פאַראייניקונג. איך האָב אויפגע־קלערט גלילין און סנהן דעם אונטערשיד אין אָרגאַניזאַציאָנעלן־פּאָליטישן מעמד פון דער „הגנה" פון איין זייט און פון ארגון צבאי לאומי פון דער צווייטער זייט. די „הגנה" און איר קאָמאַנדשאַפט באַרימען זיך אַז זיי שטייען אונטערן באַפעל פון דער יידישער אַגענץ. מיר זענען אין דער דאָזיקער פאַרבינדונג אַן אַנטשיידענע שטערונג פאַרן באַפרייאונגס־קאַמף. ס'זענען פאַראַן נאַטירלעכע געזעצן, וועלכע באַשטימען דעם ווילן פון יעדער קערפּערשאַפט פאַרצוזעצן זיין עקזיסטענץ. אַ לעגאַלע, אנערקענטע קערפּערשאַפט, שטרעבט צו בלייבן לעגאַל, אנערקענט און „אנשטענדיק". אַן אומלעגאַלע, קעמפנדיקע און גערודפטע קער־פּערשאַפט שטרעבט צו דערגרייכן דעם ציל, פאַר וועלכן זי איז געשאַפן גע־וואָרן. צווישן די נאַטירלעכע שטרעבונגען פון די קערפּערשאַפטן איז פאַראַן אַן אָביעקטיווער קעגנזאַץ, אַ סתירה. דער צוזאַמענשטויס פון די טענדענצן קען ברענגען צו איינעם פון די צוויי רעזולטאַטן: אָדער די לעגאַלע קערפּערשאַפט וועט אויפצווינגען דער קעמפנדיקער אָרגאַניזאַציע אַפּצושטעלן דעם קאַמף, וואָס באַדראָט דעם מעמד פון דער לעגאַלער קערפּערשאַפט אָדער די קעמפנדיקע אָר־גאַניזאַציע וועט איבעררייסן פון אָפּהענגיקייט פון דער לעגאַלער קערפּערשאַפט. קיין דריטער וועג איז נישטאָ.

אפילו ריטשאַרד קראָסמאַן האָט עס פאַרשטאַנען. אין זיין בוך „אַ שלי־חות קיין ארץ־ישראל" שרייבט ער וועגן בן־גוריונס אויפטריט פאַר דער אַנגלאָ־אַמעריקאַנישער אויספאָרשונג־קאָמיסיע:

> „אויף דער פראַגע פון מאַנינגהיים, צי ער (בן־גוריון) איז מסכים מיט דער טאַדלונג, וואָס ד"ר ווייצמאַן האָט געטאַדלט די גוואַלד־טאַטן, האָט ער געענטפערט אַז ער שטיצט ווייצמאַנס שטעלונג. אָבער באַלד נאָך דעם האָט ער צוגעגעבן, אַז ס'איז געווען נויטיק, ביי דער אונטערדריקונג פון די טעראָריסטן, איבערצורייסן די קאָאָפּעראַציע מצד דער יידישער אַגענץ, ווייל ס'איז געווען אומזיסט... ער וויל וואָר־שיינלעך האַלטן די שטריק בייביידע עקן — רעספּעקטירן דאָס גע־זעץ, אַלס פאָרזיצנדער פון דער יידישער אַגענץ, און אויך טאָלערירן דעם טעראָר כדי צו מאַכן אַ דרוק אויף דער רעגירונג. דאָס איז זייער אַ צווייפלהאַפטע פּאָליטיק. די אירלענדישע מנהיגים, זיינער צייט, האָבן אויסגעקליבן די ברירה און זענען אַראָפּ אין אונטערגרונט. איך פרעג מיך, צי וואָלט בן־גוריון נישט געטאָן בחכמה, ווען ער וואָלט אויך אויסגעוויילט: אָדער טאָן ווי זיי, אָדער נאָכפאָלגן ווייצמאַנען און די מעסיקע, וועלכע מיינען אויף אַן אמת, אַז ס'איז אַ טעות זיך צו באַנוצן מיט כוח"...

אין אַ צייט אַרום האָט די סתירה אויך פאַרשטאַנען יצחק שדה, דער שעף

פון פלמ״ח. איידער די יידישע אַגענץ האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן דעם „ווידער־שטאַנד״ האָט שדה איר געוואָרנט אין אַן אַרטיקל, אַז אַ באַפעל „נישט צו טאָן״ וועט נישט פאַרפליכטן אַלעמען... די דאָזיקע נאָטיץ האָט אויפגעקאָכט די פירער פון מפא״י און פון דער אַגענץ. אָבער גאַנץ אומזיסט. דער פירער פון פלמ״ח האָט עס נישט געמיינט ערנסט. דער קאַמף פון דער „הגנה״ און פלמ״ח קעגן די ענגלענדער האָט זיך שנעל אָפּגעשטעלט.

כ׳האָב דעריבער דערקלערט די פאָרשטייער פון דער „הגנה״ אונדזער שטע־לונג:

— מיר וועלן נישט קענען — האָב איך זיי געזאָגט — זיך אָפּזאָגן פון אונדזער זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ, זיכער נישט אין ערשטן עטאַפּ פון געמיינ־זאַמען קריג. מיר פרייען זיך מיט דער ענדערונג וואָס איז ביי אייך אַריינגע־טראָטן, אָבער מיר ציטערן פאַר דער צוקונפט. היינט האָבן אייך די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס געהייסן קעמפן קעגן די ענגלענדער. נעכטן האָבן זיי אייך באַ־פוילן צו קעמפן קעגן אונדז. דאָס הייסט לטובת די ענגלענדער. ווער קען אונדז גאַראַנטירן וואָס פאַר אַ באַפעל זיי וועלן אַרויסגעבן מאָרגן? און אַז זיי וועלן באַ־שליסן אָפּצושטעלן? איר וועט פאָלגן דעם באַפעל. מיר אָבער נישט. דעמאָלט וועט ווידער קומען אַ שפּאַלטונג. צו וואָס דאַרפט איר די אַלע קאָמפּליקאַציעס? די „הגנה״ איז איצט אַריין אין קאַמף. מיר שטייען שוין פון לאַנג אין אים. לאָמיר שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט. און אויב איר וועט קאָנסעקווענט פאָרזעצן אייער קאַמף, איז נישט אויסגעשלאָסן אַז ס׳וועט אַנטשטיין די פולע אייניקונג. אָבער אויב צוליב די אָדער אַנדערע סיבות וועט איר באַשליסן צו פאַרלאָזן דעם פראָנט, וועלן מיר אייך נישט נאָכגיין און וועלן ווייטער קעמפן קעגן די ענגלענדער.

דער ערשטער צונויפקום האָט נישט געגעבן קיין ענדגילטיקע רעזולטאַטן. די „הגנה״־פאָרשטייער האָבן געדאַרפט ברענגען אונדזער תשובה צו זייערע מאַכט־געבער, און מיר האָבן זיך געדאַרפט באַראַטן מיט אונדזערע חברים. עטלעכע טעג שפּעטער איז פאָרגעקומען די צווייטע טרעפונג. די לייטונג פון לח״י האָט אינ־צווישן אָנגענומען אונדזער פאָרשלאַג און ס׳איז צווישן אונדז אָפּגעמאַכט געוואָרן וועגן אַ געמיינזאַמער שטעלונג. מיר האָבן באַשלאָסן איינצוהאַלטן אונדזער זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ, אָבער צוליב דער קעמפנדיקער אחדות האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון סעפּאַראַטן קעמפן, אויסער „איינשאַפונגס־אַקציעס״ (צו באַקומען וואָפן און אמוניציע). מיט דער הסכמה פון די פירער פון דער יידישער אַגענץ האָבן די „הגנה״־פאָרשטייער אָנגענומען אונדזערע יסודותדיקע קעגן־פאָרשלאַגן. ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז צוליב דעם וואָס די קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס האַלטן איין זייער אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבשטענדיקייט, ווערט די אַנטשיידונג אי־בער אָנגריפס־אַקציעס קעגן דער בריטישער מאַכט איבערגעגעבן דער קאָמאַנד־שאַפט פון דער „יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג״. די איניציאַטיוו קען זיין אַ קעגנזייטיקע. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז באַרעכטיקט אַרויפצולייגן אויף

אונדז דאָס אויספירן אַנטי־בריטישע אַקציעס; מיר מעגן פאַרלייגן קאַמפּס־פּלע־נער, כדי צו באַקומען די הסכמה זיי אויסצופירן. ס׳איז אויך אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז די דעציזיעס זאָלן נישט זיין קיין מעכאַנישע. עס וועלן אָפּט פאָרקומען באַ־ראַטונגען צווישן די אָנפירערשאַפטן פון די דריי ארגונים וועגן דער פּאָליטישער לאַגע און די מיליטערישע פּראָבלעמען. נאָר וואָס ס׳איז נוגע אַקציעס פאַר זיך איינצושאַפן געווער (אָדער געלט) פון די ענגלענדער (זעלבפאַרשטענדלעך, מיט כוח) איז מען געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אַז זיי וועלן זיין אָפּהענגיק נאָר פון אונדזערע אייגענע באַשלוסן.

אַן אָפּקלאַנג פון אָט דעם אָפּמאַך געפינט זיך אין די שיפרירטע דעפּעשן, וואָס משה סנה האָט געשיקט צו זיינע באַפולמעכטיקער אין דער יידישער אַגענץ אין אויסלאַנד. די טעלעגראַמעס זענען אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער בריטישער אינטעלידזשענס און זענען דעשיפרירט געוואָרן דורך זיינע אַגענטן. די בריטישע רעגירונג האָט זיי פאַרעפנטלעכט אין אַ ספּע־ציעלן ווייס־בוך. איך באַדויער צו זאָגן, אַז „דער ווייס־בוך וועגן די גוואַלדטאַטן אין ארץ־ישראל״ איז איינער פון די זעלטענע בריטישע פּאָליטישע דאָקומענטן, אין וועלכע כ׳האָב געפונען זייער ווייניק אָפּווייכונגען פון אמת. אפשר זענען פאַראַן נאָך אַזעלכע דאָקומענטן. איך האָב זיי נישט געלייענט. דער ווייס־בוך פון 1947 אַנטהאַלט פאַקטן. אַזוי, צום ביישפּיל, ברענגט ער אַ ראַדיאָ־אוידיציע פון „קול ישראל״ (דעמאָלט איז עס געווען די אָפיציעלע ראַדיאָ־סטאַציע פון דער „יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג״) פון 12טן מאַי 1946, און גיט צו, אַז די אוי־דיציע האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווייל איר אינהאַלט איז באַשטעטיקט גע־וואָרן דורכן לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ, ה׳ משה שערטאָק.

דאָס איז געווען אמת. אין איינער פון אונדזערע באַגעגענישן האָב איך גראַ־טולירט משה סנהן פאַר דער שיינער און פּאָליטיש־פאַרגינפטיקער ראַדיאָ־אוי־דיציע. סנה האָט געדאַנקט פאַר דער אנערקענונג און געזאָגט:

— דו מיינסט, אַז אויף מיין אייגענער אחריות האָב איך עס געהייסן פאַר־לייענען? משה שערטאָק האָט באַשטעטיקט דעם נוסח.

אין אַנדערע טעלעגראַמעס וועגן אָפּמאַך מיט די אונטערערדישע אָרגאַני־זאַציעס, האָט סנה געשריבן:

אַ טעלעגראַמע פון 23טן סעפּטעמבער 1945:

„מ׳שלאָגט פאָר, מיר זאָלן נישט וואַרטן אויף דער אָפיציעלער מיטטיילונג און מיר זאָלן רופן דאָס יידנטום צו וואָרענען דער רעגי־רונג און הייבן די מאָראַל פון ישוב. אויב איר זייט מסכים, טאָ בעט פון זאב שערפן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן די אַבסאָרבירונגס־פעאיקייטן. און אויב איר זייט נישט מסכים, מעלדעט אים אַז איר דאַרפט איצט נישט דעם מאַטעריאַל.

ס'איז אויך פֿאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן טאָן איין ערנסטן טאַט. נאָך דעם וואָלטן מיר פֿאַרעפֿנטלעכט אַ מעלדונג, אַז דאָס איז נאָר אַ וואָרענונג און אַ צייכן פֿאַר ערנסטערע מעשים, וועלכע וועלן באַדראָען די זיכערקייט פֿון אַלע בריטישע אינטערעסן אין לאַנד, אויב די רעגירונג וועט אָננעמען אַ באַשלוס קעגן אונדז. טעלעגראַפֿירט אייער מיינונג, אָבער דערמאָנט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן דער עליה אין די מלחמה־יאָרן.

די שטערן־גרופּע האָט אויסגעדריקט איר גרייטקייט פֿאַר אַ פֿולער פֿאַראייניקונג מיט אונדז אויף דער באַזע פֿון אונדזער אַרבעט־פּראָגראַם. איצט זעט אויס די כוונה אַן ערנסטע. אויב ס'וועט געשאַפֿן ווערן אַזאַ פֿאַראייניקונג, קען מען אָננעמען אַז מיר וועלן קענען פֿאַרמיידן סעפּאַראַטע אַקציעס אפֿילו פֿון אצ"ל. טעלעגראַפֿירט אייער מיינונג וועגן דער פֿאַראייניקונג און דערמאָנט סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן דער יידישער מאָביליזאַציע פֿאַר דער אַרמיי. — סנה".

אַ טעלעגראַמע פֿון ערשטן נאָוועמבער 1945:

„מיר האָבן דערגרייכט אַ פּראַקטישן אראַנזשמענט מיט די דיסידענטן־אָרגאַניזאַציעס (ארגוני הפורשים), לויט וועלכן מיר וועלן קענען אַרויפֿלייגן אויף זיי געוויסע אויפֿגאַבן אונטער אונדזער ליטונג. זיי וועלן האַנדלען בלויז לויט אונדזער פּלאַן. סנה, שאול מאירוב און בערנאַרד דזשאָזעף האַלטן דעם אָפּמאַך פֿאַר זייער געווונטשן, אָבער ער איז נאָך נישט אַריין אין קראַפֿט, ווייל די פּאַרטיי פֿאַרהאַלט אים נאָך. אייניקע פֿון זיי זענען קעגן יעדע פֿאָרעם פֿון טאַט און באַזונדערס זענען זיי קעגן אַ הסכם מיט די דיסידענטן".

מיטוואָך זענען אויסגעפֿירט געוואָרן פֿאַלגנדיקע אַקציעס. צוויי שיפֿלעך זענען דערטרונקען געוואָרן אין חיפֿער פּאָרט און אַ דריטע — אין יפֿו. די שיפֿלעך האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיטן יאָגד נאָך מעפּילים. די באַן־ליניעס זענען אויפֿגעריסן געוואָרן אין 186 ערטער. סך־הכל זענען געווען 500 עקספּלאָזיעס. די באַן־באַוועגונג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן פֿון סירישן גרענעץ ביז עזה, פֿון חיפה אין צמח, פֿון לוד אין ירושלים. אין די אַלע אַקציעס זענען נישט געווען קיין פֿאַרלוסטן און קיינער איז נישט אַרעסטירט געוואָרן.

אין דער זעלביקער נאַכט האָט אצ"ל אָנגעגריפֿן די לוד־סטאַציע און פֿאַרשאַפֿט ערנסטן שאָדן און אַ צאָל פֿאַרלוסטן. די שטערן־גרופּע האָט זייער ערנסט געשעדיקט די חיפֿהער נאַפֿט־ראַפֿינעריעס און איינער איז געהרגעט געוואָרן. די דיסידענטן האָבן אונדז וועגן דעם פֿריער געמאָלדן און מיר זענען נישט געווען קעגן לוד, נאָר זיך קעגנגעשטעלט דער אַקציע אין די ראַפֿינעריעס. ווען דער הסכם וואָלט געווען אין קראַפֿט, וואָלטן מיר געקענט פֿאַרמיידן די פֿאַרלוסטן

אין לוד און די אַקציע אין די ראַפינעריעס. איך האַלט פאַר אַ פאַרברעכן דעם פאַקט וואָס די פאַרטיי און די לייטונג וואַרפן אָפּ דעם אָפּמאַך".

דער הסכם צווישן דער „הגנה" און דער יידישער־אַגענץ מיט די אונטער־גרונט־אָרגאַניזאַציעס איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן מיט טינט, נאָר גע־שטעמפּלט געוואָרן מיט בלוט. זיין הויפּט־תנאי איז געווען אַ „מצוות עשה". ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז שווערע באַגרענעצונגען. אָבער מיר האָבן אים געהאַלטן נישט נאָר אין גייסט, נאָר אַפילו לויט אַנגעשריבענעם וואָרט זיי־נעם. פון נאָוועמבער 1945 ביז סעפּטעמבער 1946, דאָס הייסט ביז די „הגנה" האָט אָפּגעשטעלט איר קאַמף, האָבן מיר אָנגעגריפן די ענגלענדער נאָר לויט פּלע־נער באַשטעטיקטע דורך דער לייטונג פון דער „ווידערשטאַנד־באַוועגונג" און מיר האָבן נישט אויסגעפירט קיין שום אַקציע אָן אַ פריערדיקער אַפּראָבאַטע, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, די „איינשאַפונגס־אַקציעס" וואָס מיר האָבן געמעגט, לויטן אָפּמאַך, אויספירן זעלבשטענדיק.

איינע פון די איינשאַפונגס־אַקציעס איז אויסגעפירט געוואָרן איידער ס'איז דערגרייכט געוואָרן דער „אָפּעראַטיווער הסכם" צווישן די קעמפנדיקע אָרגאַניזאַציעס. ווען מיר האָבן נאָך אונטערגעהאַנדלט וועגן די באַדינגונגען פון אָפּמאַך, האָט זיך אונדזערע אַ גרופּע אַריינגעריסן אין מיליטערישן לאַ־גער אין רחובות, אין וועלכן ס'האָט סטאַנציאָנירט אַ בריטישע מיליטערישע איינהייט, וואָס איז באַשטאַנען פון יידישע סאָלדאַטן, און נישט אָנרירנדיק די סאָלדאַטן, האָט זי קאָנפיסקירט אייניקע הונדערט ביקסן, אַ צוועלף ברען־גאַנס, אַ באַדייטנדיקן קוואַנטום פון אַמוניציע און אַנדערע מיליטערישע אויסשטאַ־טונג. דער „קול ישראל" האָט שטאַרק געטאַדלט די דאָזיקע אַקציע. סנה און גלילי האָבן זיך געבייזערט אויף אונדז פאַרוואָס מיר האָבן זי אויסגעפירט אין גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען. אויך די חברים פון לח"י האָבן זיך באַקלאָגט פאַרוואָס מיר האָבן זיי נישט משתתף געווען צום אויספירן דעם פּלאַן.

אונדזער לאַגע איז געווען אַן אומאַנגענעמע. מיר האָבן אונדזערע וואָפן־חברים נישט געוואָלט דערציילן קיין נישט ריכטיקע זאַכן. אָבער אויך דעם אמת האָבן מיר זיי נישט געקענט אויסזאָגן. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: די איינשאַפונגס־אַקציע אין רחובות איז פאַר אונדז אַליין געווען אַן איבעררא־שונג.. זי איז דורכגעפירט געוואָרן, נישט לויט אַ באַשלוס פון דער מפקדה, ס'איז געווען דער סוד פון די אויספירער גופא. אַ גרופּע יונגע מפקדים אין ארגון האָט מורא געהאַט טאָמער מ'וועט זיי פאַרווערן אויסצו־פירן דעם פּלאַן, וואָס האָט געקענט באַרייכערן אונדזער אייזן־אוצר מיט אַ באַדייטנדיקן קוואַנטום געווער, און זי האָט קיינעם נישט פרעגנדיק, אַליין עס געטאָן.

דאָס איז געווען אַן אינערלעכער דיסציפּלין־ברוך, וואָס האָט אונדז גע־שטעלט אין אַ שווערער לאַגע כלפּי חוץ. כ'האָב געמאַכט פאַרווורפן די יונגע,

טרייע און איבערגעגעבענע חברים. איך בין געשטאַנען, אין הסכם מיטן דיסקרעציע־געזעץ, היגטער אַ פאַרהאַנג און איך האָב זיי געפריידיקט מוסר. אָבער אין מיין האַרצן... מיינע געפילן זענען געווען געמישטע. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז אין עסטרייך איז איינגעפירט געווען אַ באַזונדערע אויסצייכע־נונג פאַר העלדן־טאַטן, אויסגעפירטע דורך סאָלדאַטן, ברעכנדיק די פאָרמע־לע מיליטערישע דיסציפלין. פאַלן פון נ ו צ ל ע כ ן דיסציפלין־ברוך זע־נען באַקאַנט אויך אין אַנדערע אַרמייען, כאָטש אַלע זענען מסכים, אַז אָן דיס־ציפלין איז נישטאָ קיין אַרמיי.

צווישן די דיסציפלין־ברעכער, וועלכע האָבן גענומען דאָס געווער אין רחובות, זענען פאַראַן אַזעלכע וועלכע האָבן מיט זייערע אייגענע הענט גע־שריבן וואונדערלעכע בלעטער פון באַפרייאונגס־קאַמף. צווישן זיי איז געווען דער מוטיקער שמואליק, אין וועמענס קליין וואַרעם דאָרפיש הייזל איך שרייב די דאָזיקע קאַפּיטלען. עס זענען דאָרט געווען נישט ווינציקע, וועלכע כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט זען, ווייל זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר אונדזער פאָלק... זאָלן מיר מיינע טייערע ברידער מוחל זיין פאַר די ביטערע שטראָף־רייד, וואָס כ׳האָב זיי געזאָגט אין יענער נאַכט, דערפילנדיק מיין פליכט. כ׳ווייס, אַז דאָס איז געווען די איינציקע אַקציע אין די אַלע יאָרן פון אויפ־שטאַנד, וועלכע איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די סאָלדאַטן פון „ארגון״ אָן אָן אינסטרוקציע אָדער אָן אַ הסכמה. אויב דיסציפלין איז וויכטיק אין יעדער אַרמיי, איז זי פיל, פיל וויכטיקער אין אַן אַרמיי פון אויפשטענדלער, וועלכע זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים. די, וועלכע האָבן קאָנפיסקירט דאָס גע־ווער אין רחובות האָבן עס פאַרשטאַנען. אפשר איז זיי נישט געקומען קיין פאַרוואורף, נאָר אַן אויסצייכענונג? און אפשר ביידע צוזאַמען. דעם פאַרוואורף האָבן זיי באַקומען, אָבער די אויסצייכענונג? אין דער אונטערגרונט־אַרמיי זענען נישט געווען קיין אויסצייכענונגען, אויסער דער אינערלעכער געפיל אַז זיי האָבן אויסגעפירט זייער פליכט. אַזאַ „אויסצייכענונג״ האָבן אויך באַקו־מען די „דיסציפלין־ברעכער״, וועלכע האָבן אונדז געבראַכט הונדערטער מאָ־דערנע כלי־זין. וואָס פאַר אַ באַפרייענדיקע טאַטן זענען געטאָן געוואָרן מיט די ברענען און ביקסן?

ד.

ניין חדשים, פון נאָוועמבער 1945 ביז יולי 1946, האָט געדויערט דער קאַמף פון דער „הגנה״ מיט דער בריטישער הערשאַפט. צען חדשים, פון נאָ־וועמבער ביז אויגוסט 1946, האָט געדויערט אונדזער קאָאָפּעראַציע מיט דער „הגנה״. די צוזאַמענקונפטן צווישן די פאַרשטייער פון די מפקדות פלעגן פאָר־קומען נאָרמאַל יעדע צוויי וואָכן. פאַר יעדער אויטאָריזירטער אָפענסיווע

פלעגן זיך טרעפן אויף די שעפן פון די אָפּעראַציעס. די אָנגריף־פּלענער, וועל־כע זענען אין יענער צייט אויסגעפירט געוואָרן געמיינזאַם דורך אונדז און לח"י, זענען געפּלאַנירט געוואָרן דורך אונדז. דעריבער פלעגט קומען צו די אָפּעראַטיווע געשפּרעכן איתן, און נאָך דעם ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין גע־פאַנגענשאַפט פון שונא, איז געקומען גדעון. אַמאָל פלעגט אויך גיין צו די טרעפונגען אורי, דער אָפּעראַציע־אָפיציר פון לח"י. פון דער „הגנה" פלעגט זיך באַשעפטיקן מיט אונדזערע פּלענער יצחק שדה. דער אָפּעראַציע־אָפיציר פון דער „הגנה" פלעגט זיך נישט אינטערעסירן מיט די פּרטים פון דער אַק־ציע. ער פלעגט נאָר פרעגן די גרונט־פּרינציפּן פון פּלאַן, און אין אַלגעמיין האָט ער נאָר באַשטעטיקט די פאָרשלאַגן פון אונדזערע אָפּעראַציע־אָנפירער. די הסכמות פלעגט ער געבן איתנען אָדער גדעון, אויסער די באַשטעטיקונג אויף דער ערשטער אַטאַקע — אויף דער באַן־סטאַציע אין לוד. די אַפּראָבאַטע איז געשיקט געוואָרן צו דער מפקדה שריפטלעך, דעם 25טן אָקטאָבער 1945.

אַ גרויסע שמחה האָט געהערשט ביי אונדז צוליב דער ערשטער געמיינ־זאַמער אַטאַקע פון אַלע יידישע ארגונים. אָבער די אַטאַקע אויף דער באַן־סטאַציע אין לוד, אויסגעפירט מיט פולן דערפאָלג, האָט זיך געקענט ענדיקן מיט אַ דורכפאַל אָדער מיט שווערע פאָלגן פאַר די אָנגרייפער. אונדזער שלאַכט־אָפּטיילונג און אַן איינהייט פון לח"י־מיטגלידער זענען אַרויס קיין לוד, נישט האָבנדיק באַקומען קיין מעלדונג וועגן דער גרויסער סאַבאָטאַזש־אַקציע אויף די באַן־ליניעס, וואָס די „הגנה" האָט אויסגעפירט אין דער נאַכט צווישן 11טן און 12טן. די „הגנה" האָט זיך נישט פאַרפליכטעט אונדז מיטצו־טיילן וועגן די אַקציעס, וואָס זי האָט בדעה דורכצופירן. מיר האָבן געמיינט, אַז אַ פליכט פון אַזאַ מעלדונג איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. ערב דעם 11טן נאָוועמבער האָבן מיר נישט באַקומען קיין מיטטיילונג, אויסער די הסכמה אויף אונדזער אָנגריף אין לוד, ווו די אָנגרייפער זענען אָנגעקומען מיט אַ געווויסער פאַרשפּעטיקונג, ווייל זיי זענען געגאַנגען צו פוס, אויף זייטיקע שטעגן פון פּתח־תקווה. אין צווישן האָבן אָנגעהויבן עקספּלאָדירן די פּעקלעך דינאַמיט, וואָס די פּלמ"חניקעס האָבן אַוועקגעלייגט ביי די באַן־ליניעס אין מער ווי 200 ערטער אין לאַנד. דער עכאָ פון די עקספּלאָזיעס איז דערגאַנ־גען אויך ביז לוד. אַ בריטישע מיליטער־איינהייט, וואָס האָט דאָרט סטאַנציאָ־נירט, איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אין צושטאַנד פון אַליאַרם. אויך אין אַלע פּאָליציי־סטאַציעס אין וועג איז געווען אַליאַרם. די סכנה איז געווען זייער גרויס. פונדעסטוועגן האָט איתן באַשלאָסן דורכצופירן דעם אָנגריף. ער האָט דערקלערט דעם מצב און געפרעגט די בהורים: „זענט איר גרייט צום אויפ־שטורעם?" אין די מידע קערפּערס איז אַריינגעגאָסן געוואָרן פרישער כוח. דער אויפשטורעם האָט זיך אָנגעהויבן נישט לויטן „פּלאַן". די באַדינגונגען האָבן זיך להלוטין געענדערט. דער שונא האָט געגעבן שטאַרקן פייער. אַ צאָל

בריטישע סאָלדאַטן זענען געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן. אויך מיר האָבן געליטן פאַרלוסטן. איינער פון אונדזערע אויסגעצייכנטע מפקדים, משה סמל, איז געפאַלן אין שלאַכט. וויכטיקע באַן־אינסטאַלאַציעס זענען געשעדיקט געוואָרן. דער טאַקטישער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. אָבער דאָס איז נאָר געווען האַלבע אַרבעט. מ׳האָט נאָך געדאַרפט ברענגען די בחורים בשלום צו זייער באַזע. און דאָס איז נישט געווען לייכט. ווייל אין צווישן האָט אָנגעהויבן טאָגן. שטאַרקע פּאַטרולן פון בריטישע סאָלדאַטן האָבן געניסטערט איבער אַלע שאָסייען און געזוכט „טעראָריסטן". אונדזערע בחורים, מידע נאָך אַ שלאַכט־נאַכט און וואַנדערונגען, האָבן זיך אייניקע מאָל אָנגעשטויסן אָן די פּאַטרולן. אָבער די ענגלענדער, וועלכע זענען נישט געווען מיד, האָבן אויסגעמיטן אַריינצוגיין אין שלאַכט מיט אונדזערע בחורים. איתן האָט געפירט זיינע סאָלדאַטן אויף אומוועגן ביז פתח־תקווה. זיי זענען בשלום אָנגעקומען אויף דער באַזע, און צו זייער פאַרוואונדערונג דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. שפּעטער איז מען געוואָר געוואָרן די סיבה. אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט דעם באַפעל צו וואַרטן אויף די קעמפער, כדי צונעמען פון זיי זייער וואָפן און זיך מטפּל זיין מיט די פאַרוואונדעטע אין נויט־פאַל, זענען געווען זיכער אַז אונדזערע איינהייטן זענען נאָך אין מיטן דער נאַכט אָנגעקומען צו דער באַזע. זיי האָבן אַרום האַלבער נאַכט אויך געהערט עקספּלאָזיעס און האָבן זיך משער געווען, אַז דאָס איז פון לוד. לויטן חשבון האָבן די אָנגרייפער געדאַרפט זיך צוריקקערן נאָך האַלבער נאַכט. מ׳האָט זיי אָפּגעוואַרט ביז באַגינען, און מ׳איז זיך צעגאַנגען מיט גאָרנישט. די וואַרטנדיקע האָבן זיך געטרייסט, אַז ווארשיינלעך האָבן די אָנגרייפערס געבלאָנדזשעט אין וועג און זענען אָנגעקומען אין אַן אַנדער באַזע. אָבער ערשט אַרום מיטיקצייט זענען די אָנגרייפער צוריקגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט. איתן, וועלכער האָט געוווסט וואָס ס׳טוט זיך ביי מיר אין האַרצן אין די לאַנגע שעהן פון דעם אומפאַרשטענדלעכן וואַרטן, איז געקומען צו לויפן און מיר איבערגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער שלאַכט, וועגן אונדזערע פאַרלוסטן און די שוועריקייטן פון צוריקצוג. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די פאַרשטייער פון דער „הגנה" און זיי אויפגעקלערט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן זיי האָבן אונדז געקענט גורם זיין, נישט מיטטיילנדיק די זעלביקע נאַכט, אַז אויך די „הגנה" וועט זיין טעטיק צוגלייך מיט אונדז. די „הגנה"־פאַרשטייער האָבן צוגעזאָגט, אַז פון היינט אָן וועלן מיר פריער באַקומען אַ מעלדונג וועגן זייערע אַקציעס.

די מיליטערישע אַקציעס, וואָס די „הגנה" האָט דורכגעפירט אין דער תקופה פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג זענען נישט געווען פיל אין זייער צאָל. אויך אונדז איז נישט געגעבן געוואָרן אויסצופירן אַ סך אַקציעס אין אָט דער צייט. אין דער „באַן־ליניעס־נאַכט" האָט די „הגנה" דערטרונקען אויך דריי פּאַטרול־שיפלעך; נאָכדעם האָט די „הגנה" אָנגעגריפן די ראַדאַר־סטאַציע

אין חיפה. צום ערשטן מאָל האָט זיך די ענגלענדער איינגעגעבן אָוועקצונע־מען דעם טראַנספּאָרט פון דינאַמיט באַצייטנס. אַ צווייט מאָל איז דער אָנ־גריף דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג. איין מאָל האָט די „הגנה" אַטאַקירט די פּאָליציי־אישע אָבסערווירונגס־סטאַציע אין גבעת אלגא און זי אויפגעריסן. די „הגנה" האָט דורכגעפירט די „ווינגייט" נאַכט אין תל־אביב. דער ציל איז געווען צו ברענגען דעמאָנסטראַטיוו אַ מעפּילים־שיף אין דער גרויסער יידי־שער שטאָט און מיט כוח נישט צולאָזן די ענגלענדער צום ברעג. אָבער אין דער „ווינגייט" נאַכט איז די אומאָרדענונג און צעמישונג געווען גרעסער ווי די אַקציע. די ענגלענדער זענען אומעטום דורך. אין דער נאַכט איז דערמאָרדעט געוואָרן ברכה פולד, אַ ליב הייליק מיידל, אויף וועלכער מיר האָבן אַלע גע־קלאָגט.

אדר א׳ תש״ו איז די „הגנה" אַרויס כדי צו שעדיקן די אינסטאַלאַציעס פון דער בריטישער באַוועגלעכער פּאָליציי. און אין תמוז תש״ו האָט זיך גע־ענדיקט דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון דער „הגנה" מיט דער געלונגע־נער אַטאַקע אויף די בריקן אין די גרענעצן פון לאַנד.

ס׳איז געווען אַ געמיינזאַמע באַראַטונג און נישט ווייניק צער איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנגריף אויף די לאַגערן פון דער באַוועגלעכער פּאָלי־ציי. איינע פון זיי האָבן מיר געדאַרפט אָנגרייפן. דאָס איז געווען דער לאַגער נעבן כפר־וויטקין. מיר האָבן געהאַט אַ באַזונדערע סיבה צו באַפאַלן דעם לאַ־גער פון שונא, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסער אַמוניציע־מאַגאַזין. אונדזער פּלאַן איז געווען אויסגערעכנט בעיקר מיטן ציל צו קאָנפיסקירן דעם טייערן אייזן. מיר האָבן געזאַמלט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן לאַגער אין כפר־וויטקין און וועגן געווער־מאַגאַזין. אונדזערע בחורים האָבן זיך באַשעפּ־טיקט מיט די הכנות לאַנגע וואָכן. ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן דער „הגנה" און אונדז, אַז אין איין נאַכט וועלן אָנגעגריפן ווערן די פיר לאַגערן פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי. דריי וועלן אַטאַקירן די „הגנה"־מיטגלידער, און איינעם — מיר. מיר האָבן אפילו פאָרגעשלאָגן צו נעמען אויף זיך אויך דעם לאַגער אין שרונה, אָבער די פאָרשטייער פון דער „הגנה" האָבן באַשלאָסן אונדז צו באַשטימען בלויז כפר־וויטקין.

עטלעכע טעג פאַרן טערמין פון אָנגריף האָט מיר גלילי מודיע געווען, אַז צוליב אַ ב א ַ ז ו נ ד ע ר ע ס י ב ה וועט מען מוזן מבטל מאַכן די אַטאַקע אויף כפר־וויטקין. איך בין געגאַנגען זיך באַגעגענען מיט אים, כדי אים צו באַווייזן אַז דער באַשלוס נישט דורכצופירן דעם אָנגריף, וועלכער איז זאָרגפול צוגעגרייט געוואָרן, וועט טרעפן אין דער „מאָראַל" פון אונדזערע בחו־רים. און צווייטנס, איז אַ שאָד די אַמוניציע, וואָס „בעט זיך" פשוט מיר זאָלן קו־מען זי נעמען. גלילי האָט געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט מיך. אָבער ער בעט אים

גלויבן, אַז ס'איז געווען אַן אומבאַדינגטע נייטיקייט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַטאַקע, צוליב לאָקאַלע, אָבער זייער וויכטיקע סיבות.

מיט אַ שווער געמיט בין איך אַוועק פון דער טרעפונג מיט גלילין. ווייל ער האָט מיר נישט אָנגעגעבן די סיבה, האָב איך נישט געוואָלט דריקן אויף אים מיט פראַגעס — אַן אונטערגרונט־מענטש דאַרף פאַרשטיין דעם וואָס מוז האַלטן אַ סוד. אויפן סמך פון גלילים אַנדייטונגען האָב איך געמיינט, אַז אַרום כפר־וויטקין געפינט זיך אַ געווער־פאַבריק פון דער „הגנה", און ביי זיי האָט זיך דערוועקט אַ חשד טאָמער וועט צוליב אונדזער אָנגריף דורכגעפירט ווערן אַ רעוויזיע אין דאָרף, און מ'וועט אַנטדעקן די פאַבריק. וועגן דער סברה מיי־נער האָב איך דערציילט די חברים, און כ'האָב שווער געהאָרעוועט צו שטילן זייער רוגז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אייניהייטן פון דער „הגנה" אָדער פלמ"ח אַרויס צו אַטאַקירן די באַוועגלעכע פּאָליציי־סטאַציעס. אין שרונה איז געווען אַ טראַגעדיע. עטלעכע אייניהייטן פון דער „הגנה" זענען אָנגעקומען צו שפּעט. דער אויפברוך איז נישט געלונגען. פיר העלדישע קעמפער זענען דערהרגעט געוואָרן דורך די ענגלענדער ביים פלויט פון לאַגער. אין אַ צווייטן לאַגער איז דער אָנגריף אינגאַנצן נישט דורכגעפירט געוואָרן. אין שפרעם האָבן די „הגנה"־סאָלדאַטן אויפגעבראָכן די דראָט־צוים און האָבן געשעדיקט די פּאַנצערס פון שונא. אין אַ קלענערער מאָס איז זיי געלונגען עס צו מאַכן אין — כפר וויט־קין. אונדזערע חברים זענען געווען זייער בייז. און מיט רעכט. זיי האָבן גע־טענהט:

— אונדזער אַקציע אין כפר־וויטקין איז בטל געוואָרן צוליב אַ „ספּע־ציעלער סיבה". אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דאָרט די „הגנה" געאַרבעט? און וואָס האָט סוף כל סוף די „הגנה" דערגרייכט אין פּאָליציי־לאַגער נעבן כפר־וויטקין? מ'האָט געשעדיקט אייניקע אויטאָס פון שונא. און מיר, וואָלטן אוי־סער אַ ברייטער סאַבאָטאַזש־אַקציע, געקענט נעמען עטלעכע הונדערט ביקסן, ברענען און אַמוניציע.

כ'האָב געבראַכט אָט די אַלע טענות פאַר גלילי און סנה. אָבער קיין צופרידנשטעלנדיקע אויפקלערונג האָב איך אויך לאחר־מעשה נישט באַקומען. ביז היינט ווייס איך נישט גענוי, וואָס האָט באַוויגן דער „הגנה" נישט צו דערלאָזן אונדז די אַקציע אין כפר־וויטקין. אפשר, האָט זי נישט געוואָלט מיר זאָלן אַרבעטן מיט איר אין דעם זעלבן טערמין און אויפן זעלביקן געביט. אפשר, איז זי נישט געווען באַגייסטערט פאַר דער מעגלעכקייט מיר זאָלן צו־קריגן אַ צוגאָב פון וואָפן. אין יעדן פאַל, נישט צוליב זאָרג פאַר אַ געווער־פאַבריק פון דער „הגנה" האָט מען אונדז נישט געלאָזט דורכפירן די אַקציע.

אַ גאַנץ אַנדערן אָפּקלאַנג האָט געהאַט דאָס שרונה־קאַפּיטל. די פּאָלקס־מאַסן האָבן זיך געבייזערט אויף דער „הגנה"־לייטונג צוליב די פיר קרבנות,

וועלכע זענען געפאַלן בשעתן אָנגריף. די פּרעטענזיע איז געווען אומבאַרעכ־טיקט. דורכפאַלן און קרבנות זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון יעדן קריג. און מיר, וועלכע האָבן געהאַט מער דערפאַרונג פון דער „הגנה״ אין פּאַרטיזאַ־נישע אָנגריפן, האָבן געלויבט און גערימט, טראָץ דעם כפר־וויטקין־ענין, די אַלגעמיינע אַטאַקע אויף דער באַוועגלעכער פּאָליציי, ווייל מיר האָבן גע־דענקט דעם פּאָליטישן יסוד פון אונדזער מיליטערישן ווידערשטאַנד. מיר האָבן אויך אָפּגעגעבן עפנטלעכן כבוד די געפאַלענע אין שרונה־אָנגריף, כאָטש די „הגנה״־לייטונג האָט קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין כבוד אונדזערע געפאַלענע.

די „הגנה״, וועלכע איז נאָך ווי אַ קערפּערשאַפט נישט געווען גערודפט דורך דער רעגירונג, האָט איינגעאָרדנט אַ מאַסן־לוויה פון די פיר הרוגים־קדו־שים. די אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטן, וועלכע זענען נישט מבחין געווי צווישן „אָפיציעלע באַמבעס״ און „דיסידענטישע באָמבעס״, האָבן אין דער לוויה גע־זען אַן אידענטיפיקאַציע מיטן טעראָר. אייניקע פון זיי, שילדערנדיק די באַ־טייליקונג פון די סוכנות־פירער אין דער לוויה, האָבן געשריבן אַז די אָפיציעלע פירער זענען צוגעטרעטן צום אצ״ל... דאָס איז, פאַרשטענדלעך, נישט געווען ריכטיק. אָבער ריכטיק איז געווען, אַז די אַגענטן פון דער בריטישער פּאָלי־ציי האָבן געמאַכט פיל פאָטאָגראַפיעס פון די מלווים און באַזונדערס פון די יונגע...

מ׳האָט אונדז דערציילט, אַז בעת דער לוויה האָבן אַ סך פון די באַגליי־טערס אויסגעדריקט זייער אויפרעגונג, פאַרוואָס מ׳גיט נישט אָפּ עפנטלעכן כבוד אויך די געפאַלענע פון דער מחתרת. די מענטשן האָבן געטענהט אַז מען דאַרף נישט אונטערשיידן צווישן בלוט און בלוט. דאָס איז אַ מלחמה פון פאָלק, און ס׳איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג, אַז אַ געוויסע קאַטעגאָריע געפאַ־לענע זאָלן האָבן עפנטלעכע לוויות און אַנדערע זאָלן באַגראָבן ווערן איינ־זאַמע אין דער נאַכט־פינצטערניש. מיר זענען געווען דאַנקבאַר פאַר די דאָזיקע אויפריכטיקע געפילן, אָבער מיר האָבן געדאַרפט פאַרזעצן אונדזער וועג. גראָד אין יענער תקופה האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַ צאָל פון טייערע חברים אונדזערע מיט טאָפּלטער אומבאַקאַנטקייט: מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן, לויט דער יידישער טראַדיציע, אברהם בן אברהם... און מיר האָבן נישט אויס־געזאָגט נישט זייער נאָמען און נישט זייערע פּסעוודאָנימען אין אונטער־גרונט.

„אונדזערע געפאַלענע זענען נישט אין כעס. ס׳איז אַ כבוד צו שטאַרבן אַן אומבאַקאַנטער פאַרן פאָלק״.

ה.

אין דער וואָך, ווען די „הגנה" האָט אָנגעגריפן די אינסטאַלאַציעס פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי, זענען די אונטערגרונט־סאָלדאַטן אַרויס אַטאַקירן די בריטישע אַעראָדראָמען. דער פּלאַן, גענוי אויסגעאַרבעט דורך אונדזער אָפּעראַציע־סעקציע, האָט אַרומגענומען דריי מיליטערישע פלי־פעלדער: אין לוד, אין כפר־סירקין און אין קאַסטיניא. אָבער מיר האָבן זיך געמוזט „טיילן" מיט לח"י, וועלכער האָט אויף זיך גענומען — און אויסגעפירט מיט דער־פאָלג — דעם אָנגריף אויפן פלי־פעלד אין כפר־סירקין, פון דער אַנדערער זייט פון האַסידאָף־קוואַרטאַל. אונדזערע שלאַכט־סאָלדאַטן זענען געווען טעטיק אויפן צענטראַלן פלי־פּלאַץ אין לוד און אויפן גרויסן אַעראָדראָם אין קאַסטי־ניא. ס'איז געווען זייער אַ שווערע אויפגאַבע. דער שונא איז שוין געווען אין צושטאַנד פון פּערמאַנענטן אַלאַרם. די וועגן, וואָס פירן צו די פלי־פּלעצער, זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט באַוועגלעכע מיליטער־פּאַטרולן. אַרום די לופט־באַזעס האָבן סטאַנציאָנירט גרויסע מיליטערישע אָפּטיילונגען. כדי צוצו־קומען צום אָרט, האָבן אונדזערע בחורים געמוזט גיין אויף אומוועגן און זיך־קען אין בלאָטע ביז די קני. לאַנגע שעהן האָבן זיי געמוזט גיין דורך די פעל־דער, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַלוזשעס צוליב די גרויסע רעגנס, מיט וועלכע אונדזער לאַנד איז געבענטשט געוואָרן אין חודש אדר תש"ו. די בחורים האָבן געמאַכט אַן איבערמענטשלעכע פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונג. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום איינגאַנג פון די פלי־פעלדער, זע־נען זיי נישט בלויז געווען דורכגעווייקט ביזן פּאָדעם, באָרוועס און מיד, נאָר האָבן שוין אויך נישט געקענט אָנווענדן דעם הויפּט־וואָפן פון אונטערגרונט: דעם איבעררעשונג־פאַקטאָר. דעם שונאס סאָלדאַטן זענען געשטאַנען גרייט. די רעפלעקטאָרן האָבן געזוכט. אַ בריטישער אָפיציר איז געשטאַנען אויפן אויסקוק־טורעם אין לוד און געשריגן מיט זיין ציכטיקן לשון:

— היט גוט די שאָסייען. די ממזרים דערנענטערן זיך!

פונדעסטוועגן זענען אונדזערע סאָלדאַטן אַריבער צום אויפשטורעם. אַ קרייצפייער פון מאַשין־געווער האָט געענטפערט אויפן שונאס פייער. אונטער אַ רעגן פון קוילן פוןביידע זייטן זענען אונדזערע איינברוך־איינהייטן גע־גאַנגען פאָרויס צו די דראָט־צוימען, זיי אויפגעבראָכן און איינגענומען מיט שטורעם די פלי־פּלעצער. אַלץ איז געווען פון פאָרויס צוגעגרייט. אפילו קליינע לייטערלעך האָבן אונדזערע „טרעגערס" געבראַכט. די לייטערס האָבן געבראַכט גרויס נוצן. זייער שנעל זענען אונדזערע בחורים אַרויף אויף די מעכטיקע שטאָ־לענע פויגלען, אַריינגעלייגט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל — און שווערע „האַלי־פאַקס" באָמבערס, פיר מאָטאָרדיקע, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טויטע מעטאַל־שטיקער. דער צוריקצוג צו דער באַזע איז נאָך פיל שווערער געווען פונעם

אַוואַנס. ס'איז געווען טאָג. דער שונא האָט אויף אַלע שאַסייען געלויערט מיט זיינע פּאַנצערס. אָבער ביי די בחורים אין האַרצן איז געווען אַ פּילפּאַכי־קע שמחה. זיי האָבן געוווסט, אַז פאַרניכטנדיק עטלעכע צענדליק אַעראָפּלאַ־נען פון שונא, האָבן זיי דערשיטערט די יסודות פון דער בריטישער מיליטע־רישער באַזע. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך אַראַבישע דערפער און האָבן גע־הערט פון די אייגוויינער ווערטער פון התפעלות: דזשעדא, דזשעדא. זיי זענען אַריין אין אַ יידישער קאָלאָניע און זענען אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס, מיט פרייד און ליבע. מ'האָט זיי שוין מער נישט געזאָגט לויטן באַפעל פון די „אינסטיטוציעס": „טעראָריסטן, ס'איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אייך". פאַרקערט. די אָרטיקע איינוווינער האָבן אַרויסגענומען זייערע בגדים און זיי געגעבן די דורכגעווייקטע קעמפּערס. ברכות אנשטאָט קללות האָבן זיך געשאָטן אויף די קעפּ פון די „טעראָריסטן". מיר האָבן זוכה געווען, נאָך יאָרן פון רדי־פות און זילזולים, צו דער ליבע פון פאָלק. ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

ביי די ענגלענדער איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. דער באַקאַנטער לאָרד ווינ־טערטאָן האָט אין פּאַרלאַמענט געפאָדערט דורכצופירן אַ שטרענגע אויספאָר־שונג וועגן די געשעענישן, כדי צו דערגיין ווער ס'איז שולדיק אין דער פאַר־נאַכלעסיקונג, וועלכע האָט די „טעראָריסטן" מעגלעך געמאַכט אַריינצודרינגען אין די פלי־פעלצער און פאַרניכטן אַזויפיל טייערע אַעראָפּלאַנען. די אָקופּאַציע־רעגירונג אין ירושלים האָט פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט, וואָס האָט אַרויס־גערופן געלעכטער און שפּאָט אין גאַנצן לאַנד. די בריטישע „זיגערס" האָבן זיך באַרימט, אַז אַ דאַנק דער העלדישקייט פון די סאָלדאַטן פון זיין מאַיעסטעט זענען געשעדיקט געוואָרן „בלויז" עטלעכע צענדליק אַעראָפּלאַנען און ס'זענען אויסגעמיטן געוואָרן אָנגריפן אויף די פלי־פעלצער אין רמת־דוד און עקיר. אין אונדזער תשובה האָבן מיר געווונטשן דעם שונא יעדן טאָג אַזעל־כע נצחונות איבער אונדז. וואָס עס איז נוגע דעם אָנגריף אויף רמת־דוד און עקיר, איז ער געבוירן געוואָרן... אין אַ „פרילינגס־נאַכט טרוים" פון די אונטערדרי־קער. דאָרט האָבן מיר בכלל נישט געפּלאַנט קיין אָנגריף.

די שמחה פון די יידן איז געווען אין לשער. ווי אַ פולע איבעראַשונג איז געקומען די מעלדונג צום פאָלק, אַז די אונטערערדישע קאַמף־אָרגאַניזאַצ־יעס האָבן אָנגעגריפן די בריטישע פלי־פעלצער. אין תחילת האָבן מיר גע־שוויגן. די מפקדה פון דער „הגנה" האָט אונדז געבעטן נישט צו פאַרעפנט־לעכן קיין מעלדונג, וואָס זאָל באַווייזן ווער ס'האָט דורכגעפירט די אַקציע. מיר האָבן אויף זיך מקבל דין געווען. פאַר אונדז איז געווען דער עיקר, אַז דאָס גאַנצע פאָלק קעמפט מיטן פאַרשקלאַפער. נאָר די קאָמאַנדשאַפט פון דער „הגנה" האָט שנעל געענדערט איר מיינונג און אין אַ דרינגענדיקן קאָרטל פון אונדז געפאָדערט צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאַר־

ניכטונג פון די בריטישע אַעראָפּלאַנען. מיר האָבן די פאָדערונג אויסגעפירט מיט שמחה. דאָס פאָלק איז געוואָרן איבערראַשט. אויף די גאַסן זענען געשטאַנען גרויסע געזעמלעך פון מענטשן וואָס האָבן געלייענט יעדעס וואָרט פון אונדזער קאָמוניקאַט. „געבענטשט זאָל זיין די קעמפנדיקע אייגהייט״! מ׳איז געווען אַנטציקט: „צו וואָס די דיסידענטן זענען פעאיק!״ אויף פאַר די ענגלענדער האָבן אונדזערע ברידער נישט פאַרהוילן זייער געהויבענע שטימונג. אין אַ תל־אביבער קאַפע־הויז האָט אַ בריטישער אָפיציר געפרעגט וויפיל דאַרף ער באַצאָלן פאַר דער גלאָז קאַווע וואָס ער האָט געטרונקען. דער בעל־הבית האָט געענטפערט:

— דאַרפסט גאָרנישט באַצאָלן, מיין הער. איר האָט אונדז שוין נעכטן באַצאָלט מיט דרייסיק אַעראָפּלאַנען!...

די ענדערונג אין דער באַציאונג צו אונדזערע לעבעדיקע סאָלדאַטן איז דער־גאַנצט געוואָרן מיט אַן ענדערונג אין יחוס צו אונדזערע געפאַלענע קעמפער אין שלאַכט. אין קאַסטיניא איז געפאַלן איינער פון אונדזערע סאָלדאַטן, יהונתן, אַ מעפּיל פון מעסאַפּאָטאַמיע. דאָס יידישע דאָרף באר־טוביה האָט אַדאָפּטירט אונדזער יהונתנען ביי זיין טויט. די אָרטיקע יידישע פאָליציי, „הגנה״־מיטגלי־דער, האָבן געשטעלט אַן ערן־וואַך אַרום זיין אָרון. אַלע איינוווינער פון דאָרף, מענער, וויבער און קינדער, זענען אַרויס אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. אונדזער האַרץ, וואָס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן צוליבן פאַרלוסט, האָט געטריפט מיט דאַנקבאַרקייט פאַרן כבוד וואָס מ׳האָט אַרויסגעוויזן איינעם פון אונדזערע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן.

וועגן דער קאַסטיניא־שלאַכט האָט אשבעל, אונדזער „מייק״, אַ פּראָנט־סאָלדאַט און פאָלקס־משורר, פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס איז געוואָרן איינס פון די באַליבטסטע לידער פון דער קעמפנדיקער יוגנט. דאָס איז דאָס ליד „ללא דרך הגונדה צועדת״.

דער דאָזיקער אויפטו האָט אויך געהאָלפן צו עפענען די אויגן פון פאָלק און זען די אמתע סיבה פאַרוואָס מיר האָבן נישט רעאַגירט אויף די אינערלעכע רדיפות.

ז.

דער אָנגריף אויף די פלי־פלעצער, די ברייטע סאַבאָטאַזש־אַקציע אין דרום פון לאַנד, דער אויפרייס פון די באַנען אויף די דריי הויפט־ליניעס, דער אָנגריף פון לח״י אויף די אַרבעט־וואַרשטאַטן פון דער באַן אין חיפה, און אונדזער אָנ־גריף אויפן האָטעל „מלך דוד״ — די אַלע אַקציעס זענען אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מפקדה פון דער „הגנה״. אָבער אין דער תקופה פון ווידער־שטאַנד־באַוועגונג האָבן די „דיסידענטן״ (די „פורשים״) אויסגעפירט צוויי אַטאַ־

קעס מיט „אַן אומאָפּיציעלער" הסכמה פון דער „הגנה" קאָמאַנדע... איין אָנ־גריף אויף דער צענטראַלער תפיסה אין ירושלים. מיר זענען געגאַנגען צוזאַ־מען מיט די חברים פון לח"י באַפרייען אונדזערע אַרעסטירטע. ס'זענען פאָרגע־קומען פיל צוזאַמענשטויסן צווישן אונדז און דעם ענגלישן מיליטער. די אַקציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רושם אין דער גאַנצער וועלט. דער אָפּקלאַנג איז דערגאַנגען ביז מאָסקווע. די „איזוועסטיאַ" פון 22טן יאַנואַר 1946 האָט גע־שריבן:

„די לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט נעכטן מיטגעטיילט, אַז אין דער נאַכט פון 19טן דעם חודש האָבן זיך געהערט אין ירושלים פיל עקספּלאָזיעס. אין גאַנצן לאַנד זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די ראַדיאָ־טראַנסמיסיעס. אין צענטער פון ירושלים האָט זיך אין משך פון צוויי מינוט געהערט האַרמאַטן־פייער. אין אַ צווייטן קאָמוניקאַט האָט ראַדיאָ לאָנדאָן געמאָלדן, אַז אין „צענטער פון ירו־שלים זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט באַוואָפנטע יידן. אַ גרופּע יידן האָט אָנגעגריפן די עלעקטרישע סטאַנציע. אַ טייל פון דער וואַנט פון דער צענ־טראַלער טורמע איז געשעדיקט געוואָרן פון אַן אויפרייס. אין די צוזאַמענ־שטויסן איז דערהרגעט געוואָרן איין ייד און פיר פאַרוואונדעט. איין בריטישער אָפיציר און איין פּאָליציי־אָפיציר זענען דערהרגעט געוואָרן. אַ צווייטער פּאָ־ליציי־אָפיציר איז פאַרוואונדעט געוואָרן".

אין יענער תקופה האָט מאָסקווע אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן ידיעות וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל. קרוב אַ האַלבע שעה האָט ראַדיאָ מאָסקווע דערציילט וועגן אויפברוך אין עכוער תפיסה, וואָס איז פאָרגעלכן געוואָרן צו דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, באַרימט פון דער מלחמה קעגן צאַרישן רעזשים.

דעם 1טן יאַנואַר 1946 האָט די „פּראַוודאַ" געשריבן:

„די געשעענישן אין ארץ־ישראל דויערן ווייטער. ראַדיאָ פּאַריז האָט אי־בערגעגעבן אַ ידיעה פון לאָנדאָן, לויט וועלכער די בריטישע מאַכט אין ארץ־ישראל האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ ברייטע אָפּעראַציע מיט דער באַטייל־קונג פון פּאָליציי און מיליטער. אין די לעצטע 24 שעה זענען אַרעסטירט גע־וואָרן 2,000 מאַן. מ'רעדט וועגן דעפּאָרטירן געוויסע פּערזענלעכקייטן. פאַר־שטאַרקונגען זענען געבראַכט געוואָרן קיין תל־אביב און ירושלים. אין ראַיאָן, וווּ עס באַהאַלט זיך אויס, לויט ווי מען איז זיך משער, דער שעף פון ארגון צבאי לאומי, ווערן דורכגעפירט שטרענגע רעוויזיעס".

אין דער זעלביקער צייט, אָנהייב 1946, האָבן מיר אַנאַליזירט די באַצי־אונגען צווישן אונדזער פאָלק און דעם ראַטנפאַרבאַנד. קיין ענדערונג איז נישט אַריינגעטראָטן אין די באַציאונגען. מיר האָבן געשריבן אין אונטערגרונט:

„מיר האָבן נישט קיין אילוזיעס. מיר קוקן די פאַקטן אין פּנים. פונדעסטוועגן זאָגן מיר מיט פולשטענדי־

קער זיכערקייט, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן אַ יידישע מדינה אויך מיט דער הילף פון רוסלאַנד. ווי אַזוי? רוסלאַנד איז קעגן דער קאָנצענ־טראַציע פון יידישן פאָלק אין זיין פאָטערלאַנד. נאָר רוסלאַנד וויל אַז יידן זאָלן קעמפן מיט זייערע בריטישע פאַרשקלאַפער. די יידישע מדינה וועט אויפשטיין נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזער קאַמף מיט דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. און אין דער מלחמה וועט אונדז העלפן דער ראַטנפאַרבאַנד״.

אָבער אָן עכאָ איז נאָך נישט קיין פאַקט. אונדזער אָנגריף אין ירושלים האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין דער וועלט, אָבער דער פּראַקטישער ציל פון אָנגריף איז נישט דערגרייכט געוואָרן. ביי די ענגלענדער איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. זיי האָבן שנעל עוואַקואירט זייערע ביוראָס. דער בריטישער אָפיציר, וועלכער איז דערמאָנט געוואָרן אין דער רוסישער צייטונג, איז דווקא דערהרגעט געוואָרן דורך בריטישע פּאָליציאַנטן. דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט האָט געמאָלדן אַז מיר האָבן געוואָלט אויפרייסן די רעגירונגס־ראַדיאָ־סטאַציע. דער אמת איז, אַז מיר, מיט די חברים פון לח״י זענען געגאַנגען אויף דער ירושלימער תפיסה, וואָס געפינט זיך נעבן דער ראַדיאָ־סטאַציע. דער אָנגריף איז דורכגעפאַלן. ס'איז נישט וויכטיק צוליב וועמען ער איז דורכגעפאַלן.

גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן האָט געהאַט די צווייטע אַקציע, אַן „אומ־אָפיציעל״ באַשטעטיקטע דורך דער „הגנה״. דאָס איז געווען דער אָנגריף — דער דריטער אין דער געשיכטע פון אויפשטאַנד — אויף די צענטערן פון סי. איי. די. אין ירושלים און יפו. מיר האָבן געפּלאַנט דעם אָנגריף און אונדזערע מפקדים האָבן מיט אים אָנגעפירט. אין אָנגריף האָבן זיך באַטייליקט אונ־דזערע קעמפער צוזאַמען מיט חברים פון לח״י און אַלע האָבן געקעמפט מיט אמתער גבורה. ספּעציעלע מיליטערישע און פּאָליציי־איינהייטן האָבן אָפּגע־היט די געביידעס. דאָס פייער פון שונא איז געווען זייער אַ שטאַרקס, אָבער די יידישע קעמפער האָבן אים גובר־געווען. אונדזערע בחורים האָבן מיט שטור־רעם איינגענומען די טויערן פון די בנינים, אויפגעבראָכן מיט דינאַמיט אַן איינגאַנג אין דער טיר אָדער אין וואַנט און זענען בליצשנעל צוריקגעטראָטן אויפן מאָמענט פון דער עקספּלאָזיע, באַלד זיך ווידער פאַראויסגעאַנגען מיט די דינאַמיט־לאָדונגען און אין איין מינוט זענען די פאַרפעסטיקטע געביידעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חורבות. פיל געהיימע דאָקומענטן פון דער פּאָליציי זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין דעם אָנגריף. פאַרשטענדלעך, איז אויך די „הגנה״ געווען פאַראינטערעסירט אין זייער פאַרניכטונג. ווידער אַמאָל האָט זי געהאַט אַ מזל און אַנדערע האָבן געטאָן פאַר איר די אַרבעט... אָבער דער מיטגליד פון בריטישן פּאַרלאַמענט האָט ערשט דעמאָלט געלאָזט הערן זיינע טענות: „איך האָב געזען די פּאָליציי־אַמטן ליגן אויסגעלייגט אויפן גאַס״.

די פּאָליציי־אַמטן זענען „אויסגעלייגט געוואָרן אויפן גאַס" אין די טעג ווען די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט גאָרנישט געטאָן. אַזעלכע טעג זענען, צום באַדויערן, נישט געווען ווייניקע. מיר זענען געווען קעגן די לאַנגע „פּויזעס". מיר האָבן געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן דעם קריג. מיר האָבן געפאָדערט נישט נאָר מיליטערישע אַקציעס, נאָר אויך אַ ציווילן ווידערשטאַנד.

אין אַ ציווילן ווידערשטאַנד האָבן מיר געזען די פאַרקערפּערונג פון פאָלקס־קאַמף און פאָלקס־אייניקייט. דעריבער האָבן מיר אין אונדזערע געשפּרעכן מיט סנה און גלילי, שאול מאיראָף און אַנדערע פאַרשטייער פון דער „הגנה", געפאָדערט אים אָנצוהייבן. סנה און גלילי האָבן אונדז פיל מאָל צוגעזאָגט, אַז אָט באַלד וועט זיך אָנהייבן דער אַלגעמיינער ציווילער ווידערשטאַנד. כ'בין איבערצייגט, אַז זיי האָבן עס געוואָלט, אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט אַז דער מיליטערישער קריג זאָל אויסגעברייטערט ווערן. אָבער זייערע הענט זענען געווען געבונדן... די דעציזיע איז געלעגן אין די הענט פון די „אנערקענטע אינסטיטוציעס" און זיי האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות: אין „אַקטיוויסטן, און אין די וועלכע האָבן געגלויבט ווי קראַסמאַן, אַז „ס'איז באמת אַ טעות זיך צו באַנוצן מיט כוח". צו דער לעצטער קאַטעגאָריע האָט געהערט נישט נאָר ד"ר וויצמאַן, נאָר אויך זיין טרייער העלפער דער „השומר הצעיר", וואָס זיין צייטונג „משמר" האָט שווער אָנגעגריפן סנהן, „וועלכער איז געווונט צו רייטן אויף פאַרשידענע פערד". אויך דער „אַקטיוויסטישער" „אחדות העבודה" האָט געהערט צו דער לעצטער קאַטעגאָריע. די פּאָלעמיק איז געווען אַ שאַרפע.

„מיט די געזעלשאַפטלעכע שוועריקייטן" האָבן די פאַרשטייער פון דער „הגנה" פאַרענטפערט דאָס גאָרנישט טאָן. מיר האָבן ווידער געטענהט, אַז מען קען פון אָפּמאַך נישט אַרויסנעמען „זיין נשמה". דער אָפּמאַך איז באַזירט אויף „מצוות עשה". צוליב דעם האָבן מיר גענומען אויף זיך ערנסטע באַגרענעצונגען, ווייל מיר שאַצן אָפּ די פּאָליטישע באַדייטונג פון אַן אַלגעמיינער מלחמה. אָבער אויב דער אָפּמאַך ווערט באַזירט אויף גאָרנישט טאָן, צוליב דער אינערלעכער פּאָזיציע פון ז'ער „הגנה", וואָס פאַר אַ טעם האָט ער? נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און אָפּשלעפּונגען האָבן אונדז די פאַרשטייער פון דער „הגנה" צום סוף געמאָלדן, אַז מיר מעגן אויספירן אונדזער פּלאַן אין די סי. איי. ד. י.־צענטראַלעס. זיי האָבן צוגעגעבן, אַז זייער הסכמה איז „אַן אומאָפיציעלע", כלומרשט. „מיר זענען נישט מסכים און מיר זענען אויך נישט קעגן". זיי וועלן זיך באַמיען צו פאַרמיידן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע טאַדלונגען פון דער אַקציע. אָבער זיי זענען נישט זיכער, אַז עס וועלן גאָרנישט זיין קיין טאַדלונגען.

מ'האָט „געטאַדלט". און נישט אין דער אַלגעמיינער פּרעסע. פּלוצלינג

איז דערשינען אַ בלעטעלע מיטן נאָמען „נאמני קול ישראל", וואָס האָט גע־שריבן וועגן דער אָפּענסיווע אויפן סי. איי. די. בערך אַזוי:

„די דיסידענטן ווילן פאַרשאַרפן די באַציאונגען צווישן דער רעגירונג און דעם ישוב. דעריבער האָבן זיי אויסגעפירט די אַקציע אין ירושלים און אין יפו. די אַקציעס עקזיסטירן נישט פאַר אונדז. זיי זענען אַזוי ווי נישט געווען. זיי הענגען אין דער לופטן"!

נתן פרידמאַן און איך האָבן געהאַט תרעומות צו סנה און גלילי צוליב דעם פּאַמפלעט. די פּלוידעריי וועגן „אַקציעס וואָס הענגען אין דער לופטן" האָבן מיר מוחל געווען. אָבער די מיינונג, וואָס איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אין סאָמע מיטן פון „ווידערשטאַנד", אַז נאָר די „דיסידענטן" ווילן פאַרשאַרפן די באַציאונגען מיט דער רעגירונג, באַטייט דאָך אַ צוריקצוג פון ווידערשטאַנד. סנה און גלילי האָבן זיך פאַרענטפערט צוליבן אויפרוף, זאָגנדיק אַז זיין אינ־האַלט איז זיי נישט געווען באַקאַנט. זיי האָבן דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג און דערגאַנגען אַז דער אויפרוף איז געשריבן געוואָרן אויף דער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פונעם קאָמענדאַנט פון תל־אביבער קרייז פון דער „הגנה". ער איז באַקאַנט — האָבן זיי ביידע צוגעגעבן — ווי איינער וואָס וויל אַ סך שרייבן און רעדן!... מיר האָבן נישט געצווייפלט אין דער אויפריכטיקייט פון סנהס און גליליס ווערטער. אָבער די צרה איז, אַז אפילו דער „החומה", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער „הגנה", האָט פאַרעפנטלעכט וועגן אַנגריף וואָס איז אומאָפיציעל אַפּראָבירט געוואָרן אַ פּאָר זייער זויערע שורות. מילא. מיר האָבן אויך דעם „עסיק" אַראָפּגעשלונגען.

אַזעלכע זענען געווען די חילוקי־דעות און מיספאַרשטענדענישן צווישן די „הגנה"־פירער און די רעפּרעזענטאַנטן פון אונטערגרונט אין דער תקופה פון אייגהייטלעכן ווידערשטאַנד. בדרך כלל פלעגן מיר זיך באַגעגענען אין הויז פון „יאן", וועלכער איז היינט אַ קאָלאָנעל אין דער ישראל־אַרמיי, אין דער באַוועגלעכער בן־יהודה גאַס אין תל־אביב. ווו טרעפן זיך נישט געוועזענע סטו־דענטן? ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל געזען אונדזער גאַסט־געבער, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז כ'האָב אים שוין אַמאָל ערגעץ־ווו געזען. „יאן" האָט מיר אויסגעזאָגט דעם „סוד". מיר האָבן צוזאַמען געשטודירט אין אוניווער־זיטעט. ער האָט געהייסן יאַנאָווסקי, אַ נאָענטער שכן אין יידישן אַקאַדעמישן הויז. די יוגנט־יאָרן וואָס זענען אַוועק... איצט איז יאַנאָווסקי געוואָרן „יאן", איינער פון די וויכטיקע „הגנה"־טוער. משה סנה, אויך אַ סטודענט פון יענע טעג, איז געוואָרן דער הויפּט פון דער לאַנד־קאָמענדשאַפט פון דער „הגנה". נתן פרידמאַן, אויך אַן אַלטער שכן פון אַקאַדעמישן הויז און אַ יוגנט־פריינד איז געוואָרן „גרא", איינער פון די הויפּט־פירערס פון לח"י. און איך בין גע־וואָרן סאַסאַוועור. דער גורל האָט אונדז צעוואָרפן אין פאַרשידענע פלעצער און אין פאַרשידענע לאַגערן. און אָט־טרעפן מיר זיך אַלע צוזאַמען ביי איין

טיש. פאַרזוכן פון דעם כיבוד פון דער ליבער באַלעבאָסטע און שמועסן צוזאַמען וועגן דעם יידישן קריג...

די „הגנה"־מענטשן האָבן ווייטער געלעבט אין האַלבן אונטערגרונט, ביזן אָנגריף פון דער „הגנה" אויף דער באַוועגלעכער פּאָליציי און אונדזער אָנגריף אויף די פלי־פעלדער האָבן זיי כלל נישט מורא געהאַט פאַר אַרעסט און פלעגן אַרומפאָרן פראַנק און פריי אין די גאַסן. אין די ערשטע טעג נאָך די אָנגריפן „זענען זיי אַראָפּ אין אונטערגרונט" און האָבן זיך באַהאַלטן. נאָכן אויפרייס פון די בריקן זענען זיי א ו י ף אַ ן א מ ת אַראָפּ אין אונטערגרונט. סנה האָט פאַרלאָזן זיין הויז, געענדערט די פריזור און איז אַרויס געהיים קיין פאַריז. גלילי האָט אָפּגעגאָלט זיינע שיינע בלאָנדע האָר און האָט זיך אָנגעטאָן, לויט דער עצה פון „הבימה"־אַרטיסט, ווי אַ ספק־סוחר, ספק־בוכהאַלטער, ספק אַ נדן־זוכער. די פאַרגרימירונג וואָס מ'האָט אים געמאַכט לויט דער עצה פון אַ ספּעציאַליסט איז בעצם נישט געווען קיין שלעכטע. נאָר ד אָ ס איז שנעל פאַרשוונדן געוואָרן. עטלעכע חדשים שפּעטער, ערב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, האָב איך ווידער געזען גלילין און זיין קאָפּ איז געווען באַדעקט מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע. כ'האָב אים געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף זיינע שיינע האָר, וועלכע ער האָט געלאָזט ווידער אויפוואַקסן:

— אָט איז דער סימבאָל פון קאַמף־איבעררייס!

פאַר אינערלעכן געברויך האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן געגעבן נעמען. גלילי האָט געהייסן „ירמיהו". נתן פרידמאַן האָט באַקומען דעם נאָמען „שמעון" און איך האָב געהייסן „יחזקאל".

ז.

אין דער תקופה פון פאַראייניקטן ווידערשטאַנד איז אין ארץ־ישראל אָנגעקומען אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע פון ענגלאַנד און אַמעריקע. דורכפאָרנדיק ענגלאַנד האָבן זיך אַלע צוועלף מיטגלידער פון דער קאָמיסיע געטראָפן מיט בעווינען. דער בריטישער אויסערן־מיניסטער האָט צוגעזאָגט, אַז אויב די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָמיסיע וועלן אָנגענומען ווערן איינשטימיק, וועט ער זיי אויספירן אין פולן. די קאָמיסיע האָט שווער געהאָרעוועט צו הערן „אַלע צדדים" און קומען צו איין מיינונג: די געוויינלעכע סצענע, וועלכע מיר זענען געוווינט געווען צו זען 25 יאָר, ווען ס'פלעגט אָנקומען אַן אויספאָרש־קאָמיסיע. די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרענדיקט. מען פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט — און די ענגלענדער טוען זיך זייערס. אַזוי איז געווען אויך מיט דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אויספאָרש־קאָמיסיע. דזשעמאַל הוסייני האָט געזאָגט: אויב די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועלן ער און זיינע אַראַבער אָן שוועריקייטן זיך אַן עצה געבן מיט די יידן. די פאָרשטייער פון דער יידישער־אַגענץ האָבן געגעבן

גענוג דורכזיכטיקע רמזים, אַז אויב מ׳וועט פאַרשלאָגן חלוקה פון ארץ־ישראל, וועלן זיי איר אָננעמען. אומאנגענעמע מינוטן האָבן מיר אַלע געהאַט ווען ה׳ בן־גוריון, שטייענדיק ווי פאַר אַ געריכט־אויספאָרשונג, האָט געטענהט אַז ער ווייסט נישט ווו עס געפינט זיך די מפקדה פון דער „הגנה״, ווער ס׳איז איר קאָמענדאַנט און אַז ער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר טעטיקייט.

צוויי אַמעריקאַנישע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, פּראָפעסאָר מאַקדאָ־נאַלד און ה׳ קראַם, האָבן זיך געוואָלט באַגעגענען מיט מיר. נאָר צוליב אומ־דערוואַרטע שוועריקייטן איז דער צוזאַמענטרעף נישט צושטאַנד געקומען. איי־דער די קאָמיסיע איז אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ האָט מיר מאַקדאָנאַלד גע־שיקט פאָלגנדיקן צעטעלע:

„מיר האָבן אַ גוטן שאַנס צו צווינגען די ענגלענדער צו ענדערן אינגאַנצן זייער פּאָליטיק לגבי ארץ־ישראל און דעם ציוניזם און ס׳וואָלט געווען געוווּנטשן ווען איר וואָלט גלעלנקט אייער טעטיקייט אַזוי אַז זי זאָל נישט שעדיקן אונדזער „קריגס שאַנס״.

ה׳ מאַקדאָנאַלד איז, אָן ספק, אַ פריינד פון אונדזער פאָלק. איך האָב עס נאָך געהערט פון זאב זשאַבאָטינסקין ווען פּראָפ׳ מאַקדאָנאַלד איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויך־קאָמיסאַר פון פעלקער־בונד פאַר די פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד. אָבער אונדזער פריינד האָט אַ טעות געהאַט מיינענדיק, אַז מ׳קען ענדערן „די בריטישע פּאָליטיק אין ארץ־ישראל״. דער באַריכט, וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך די צוועלף מיטגלידער פון דער געמישטער קאָמיסיע, האָט נישט געגעבן גאָרנישט ממשותדיקס נישט די יידן און נישט די אַראַבער. די אַמעריקאַנער האָבן זיך טאַקע באַמיט נאָכצוגעבן אַביסל דעם שטאַנדפּונקט פון דער יידישער אַגענץ. אָבער אויך זיי האָבן אונטערגעשריבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ארץ־ישראל וועט זיין נישט קיין אַראַבישע און נישט קיין יידישע מדינה. די מסקנה הייסט: ארץ־ישראל וועט זיין... בריטיש.

דאָס ביסל וואָס זיי האָבן אונדז נאָכגעגעבן האָבן די קאָמיסיע־מיטגלי־דער אויפגעקלערט, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליבן... טעראָר.

ווי באַקאַנט, איז דאָרט רעקאָמענדירט געוואָרן אַריינצולאָזן אין ארץ־ישראל הונדערט טויזנט פּליטים.

ווען עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די רעקאָמענדאַציעס פון דער קאָ־מיסיע, האָט סנה פאָרגעשלאָגן, אַז דער „קול ישראל״ זאָל באַאויפטראַגט ווערן מיטצוטיילן אין נאָמען פון אַלע באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציעס, אַז אויב עס וועט רעאַליזירט ווערן די רעקאָמענדאַציע וועגן דער עליה פון הונדערט טויזנט יידן, וועלן אין דער תקופה פון דער עליה נישט געמאַכט ווערן קיין אַקציעס, וועל־כע קענען באַשווערן דעם עליה־פּראָצעס. מיר האָבן געצווייפלט צי מ׳דאַרף מסכים זיין צו פּראָקלאַמירן דעם איבעררייס פון קאַמף. צום סוף האָבן מיר איינגעשטימט אויפן נוסח פון דער מעלדונג, וואָס איז מיט געוויסע ענדע־

רונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קול ישראל". מיר האָבן געזאָגט במפורש, אַז מיר גלייבן נישט, אַז די ענגלענדער וועלן פון זייער גוטן ווילן אַריינלאָזן הונדערט טויזנט יידן. אָבער מיר האָבן געוואָלט „אויסשעפּן" דעם שאַנס ביזן סוף, כדי דאָס פאָלק זאָל זען און לערנען.

מיר האָבן זיך נישט טועה געווען. אין בריטישן פּאַרלאַמענט איז עטלי אויפגעשטאַנען און געמאָלדן, אַז אויב די יידן ווילן הונדערט טויזנט אַריינפאַר־דערלויבענישן, זאָלן זיי פונאַנדערלאָזן זייערע אומלעגאַלע אַרמייען און אי־בערגעבן זייער גאַנצן געווער דער לעגאַלער רעגירונג... די אַנטוישונג און אויפרעגונג איז געווען גרויס. קראָם און מאקדאָנאַלד האָבן דערמאָנט בעווי־נען זיין בפירושן צוזאָג, אַז אויב די רעקאָמענדאַציעס וועלן אָנגענומען ווערן איינשטימיק, וועט ער זיי אויספילן. בעווין האָט נישט געענטפערט.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן די שטעלונג פון דער בריטישער רעגירונג האָבן מיר אָנגעהויבן דריקן אויף די פּאַרטרעטער פון דער „הגנה" צו באַנייען די מיליטערישע טעטיקייט און אָנווענדן אויך דעם ציווילן ווידערשטאַנד. ס'האָט שוין מער נישט קיין זין צו וואַרטן... איך האָב אויך איבערגעשיקט דער ליי־טונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קאָנקרעטע פאָרשלאַגן, מיליטערישע און פּאָליטישע. דעם 7טן מאי האָבן מיר באַקומען אַ תשובה. כדי זי צו פאַר־שטיין דאַרף מען באַמערקן, אַז „העגער" מיינען פלי־פלעצער און „די דרוקע־ריי" איז די רעגירונגס־דרוקעריי אין ירושלים, נעבן דער באַן־סטאַציע. די מפקדה פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט געשריבן:

„שלום,

א. — קעגן די אַרגומענטן פאַר דער באַנייאונג פון די אַקציעס אין אַ ברייטן מאסשטאַב איז נישטאָ וואָס אויסצוזעצן. פונדעסטוועגן איז דער באַשלוס וועגן באַנייען די אַקציעס אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָך צייט, לויט דער ביטע פון אונדזערע מענטשן פון אויסן. אונ־דזערע אַמעריקאַנער פריינד זענען איצט אין קאַמף אויפן פּאָליטישן פראָנט און אונדזער טעטיקייט איצט קען זיי שטערן. ד ע ר באַ־שלוס איז אויך חל, פאַרשטענדלעך, פאַר די אַקציעס, באַשטעטיקטע ביז היינט (נאָך העגער, די דרוקעריי). אין אַ וואָך אַרום וועט אָנגענו־מען ווערן דער פּרינציפּיעלער באַשלוס וועגן באַנייאונג פון די אַקציעס און דעמאָלט וועט איר אויך באַקומען אַ תשובה וועגן די גענויע פּלע־נער וואָס איר האָט פאָרגעשלאָגן. דעריבער שלאָגן מיר פאָר דעם טער־מין פון אונדזער נאָענטסטער באַגעגעניש אויף דינסטיק, דעם 14טן מאי, 8 אַזייגער אָוונט אויפן געוויינלעכן אָרט. ביטע באַשטעטיקן.

ב. — אַ מעלדונג וועגן אַרויפוואַרפן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דער רעגירונג, ווי מ'האָט פאָרגעשלאָגן, וועלן מיר פאַרעפנטלעכן פאַר דער ערשטער אַקציע"...

מיר האָבן געוואָרט מער ווי אַ וואָך „אויפן פּרינציפּיעלן באַשלוס וועגן דער באַנייאונג פון די אַקציעס". אָבער נישט אויף לאַנג איז עס אָפּגעלייגט געוואָרן. אייניקע פּלענער אונדזערע זענען באַשטעטיקט געוואָרן. איינע פון זיי איז געווען די פאַרניכטונג פון באַן־צוגן אין זייער גאַנג, נאָכן אַראָפּלאָזן די פּאַסאַזשירן, און דאָס האָט געעפנט דעם נייעם קאַפּיטל פון די אַטאַקעס. נאָכדעם איז געקומען דער סאַבאָטאַזש־אַקט פון דער „הגנה" אויף די בריקן פון לאַנד און דער אָנגריף פון לח"י אויף די באַן־וואַרשטאַטן אין חיפה.

ס'בלייבט צו פאַרצייכענען מיט פיל צער דעם פאַקט, אַז לח"י האָט נישט באַקומען קיין פריערדיקע מעלדונג וועגן טערמין פון „הגנה"־אָנגריף אויף די בריקן. די מיטגלידער פון לח"י האָבן געטענהט אַז די בריטישע אַרמיי איז געווען אין אַליאַרם־צושטאַנד, ווען זיי זענען אַרויס דורכצופירן דעם סאַבאָטאַזש־אַקט אין די גרויסע וואַרשטאַטן. משה סנה האָט געטענהט אין מיין אָנוועזנהייט, אַז ער האָט געקריגן אַ צעטל פון נתן פרידמאַנען אַז די אַטאַקע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אַנדערן טערמין. די דיסקוסיעס האָבן אָבער נישט געענדערט דעם טראַגישן פאַקט, אַז דאָס בריטישע מיליטער האָט געלויערט אויף די יידישע קעמפער אין זייער וועג צו דער באַזע און 11 מיטגלידער פון לח"י זענען געפאַלן און קרוב צו 20 זענען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, צווישן זיי פיל פאַרוונדעטע. און ווידער איז געווען דיסקרימינאַציע צווישן די געפאַלענע העלדן. די מיטגלידער פון לח"י זענען באַגראָבן געוואָרן ווען קיינער פון די אָפיציעלע פאַרשטייער האָט זיי נישט באַגלייט צו דער אייביקער רו. דאַקעגן אַ חבר פון דער „הגנה", איינער פון די 14 וועלכע זענען טראַגיש געהרגעט געוואָרן אויפן בריק א־7, האָט מען געמאַכט אַ מאַסן־לוויה.

די בריקן־אָפּעראַציע איז געווען אַ גרויסע אין איר פאַרנעם און וויכטיק פּאָליטיש. די בחורים פון דער „הגנה" (אָדער פלמ"ח) האָבן געאַרבעט אין שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן געדאַרפט צוקומען צו ווייטע פּלעצער און צוריקציען זיך דורך זייטיקע וועגלעך, כדי אויסצומיידן צוזאַמענשטויסן מיט בריטישן מיליטער. איבער די בריקן אַליין, וואָס זענען געווען געהיט דורך אַ קליינער צאָל אַראַבישע פּאָליציסטן, זענען נישט פאָרגעקומען קיין שלאַכטן. די 14 קרבנות זענען געווען נאָר צוליב אַ צופאַל, ווייל אַ טראַנספּאָרט פון דינאַמיט האָט צו פרי אויפגעריסן. אָבער די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און איז דורכגעפירט געוואָרן מיט פיל „גרינטלעכקייט". גרויסע שטאָלענע בריקן, וועלכע האָבן פאַרבונדן דאָס לאַנד פון צפון, פון דרום און פון מזרח, זענען געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די „הגנה"־בחורים. דאָס איז געווען די לעצטע מיליטערישע אָפּעראַציע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איידער ס'איז אויף איר אַראָפּ די נאַכט פון דער לאַנגער פויזע.

די ענגלענדער זענען אַריבער צו אַ העפטיקער קאָנטר־אָפענסיווע. מ'קען נישט זאָגן, אַז ביז דעמאָלט האָבן די בריטן נישט רעאַגירט. פאַרקערט, זיי האָבן

רעאַגירט מיט „אַקציעס" אין פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד, אין רשפון, שפיים, גבעת־חיים און תל־אביב. אין אַלע ערטער האָבן זיך פאַרזאַמלט, לויטן באַפעל פון דער „הגנה", טויזנטער מענטשן, כדי נישט צו לאָזן זוכן מעפּילים, וועלכע ס'איז געלונגען אַרויפצוגיין אויפן ברעג פון פּאַטערלאַנד. אָבער די זעקסטע דיוויזיע, וועלכע האָט געלערנט פון איר קאָמענדאַנט באלס „צו שיסן, כדי צו טויטן" האָט נישט אונטערשיידט צווישן מענער, פרויען און קינדער. די מאַסן זענען געשטאַנען מיט אַרויסגעשטעלטע ברוסטן קעגן די קוילן פון שונא און די ענגלענדער האָבן געשאָסן מיט קוילן — גלייך אין ברוסט. דאַן זענען געהרגעט געוואָרן נישט נאָר אומבאַוואָפנטע מענער, נאָר אויך פרויען און קינדער — אַ טראַגישער פאַקט, וואָס האָט אונדז באַוויזן צו פאָדערן פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איבערצוטרייסן מיט דער שיטה פון „פּאַסיוון ווידערשטאַנד", וואָס האָט געבראַכט אומגליק און קרבנות.

אָבער די ענגלענדער האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט די בלוט־אַקטן. זיי האָבן געוואָלט ברעכן דעם רוקן־ביין פון „יידישן טעראָר" און מאַכן אַ סוף צום גאַנצן יידישן ווידערשטאַנד. דעריבער האָבן זיי געפּלאַנט אין געהיים, אין משך פון פיל וואָכן, אַ גרויסע אַטאַקע אויף די יידישע אינסטיטוציעס און יידישע כוחות.

די אַטאַקע איז דורכגעפירט געוואָרן באַגינען דעם 29טן יוני 1946. צענדליקער טויזנטער בריטישע סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די שטעט און דערפער פון לאַנד, האָבן באַלאַגערט אַלע ערטער, אויפגעשטעלט גרויסע שטייגן און אַרעסטירט טויזנטער מענטשן. די געביידע פון דער יידישער אַגענץ איז אָקופּירט געוואָרן. לויט אַ פאָרויס־צוגעגרייטע ליסטע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן די פירער פון די אָפיציעלע אינסטיטוציעס און די „הגנה"־טוער. לויט דער זעלביקער רשימה האָט מען דורכגעפירט רעוויזיעס אין די קיבוצים, אין וועלכע עס האָבן סטאַנציאָנירט פלמ"ח־אָפּטיילונגען. די ליסטע, וואָס די ענגלענדער האָבן געהאַט, איז געווען אומגעהויער גענוי. ס'איז אַ פאַקט, אַז זיי האָבן געוווסט כמעט פון יעדן קיבוץ, ווו ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין „אונטערגרונט" אַ סעקציע פון „דער מאָביליזירטער בריגאַדע". ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די רעזולטאַטן זענען געווען זייער ערנסטע. ישראל גלילי האָט מיר געזאָגט, אַז דער פלמ"ח האָט געקריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן קרוב אַ העלפט פון זיינע מיטגלידער. אויך די אויבערשטע אָנפירונג פון דער „הגנה" איז שווער געטראָפן געוואָרן.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן אונדז געבראַכט צו היסטאָריאָזאָפישע מחשבות. קען דען אַ מענטש וויסן אין וועלכע וועגן די השגחה עליונה פירט אונדזער פאָלק? די הלוצישע קאָלאָניזאַציע איז, אָן ספק, געווען אַ מעכטיקער פאַקטאָר אין פּראָצעס פון אונדזער באַפעסטיקן זיך אויפן באָדן. די קאָלאָניזאַציע־פונקטן האָבן אויך געקענט דינען אַלס באַזעס פאַרן באַפרייאונגס־קאַמף. מיר האָבן זיך טייל מאָל אָנגעטראָפן אין שוועריקייטן, ווייל די באַזעס זענען

פאַר אונדז געווען געשלאָסן. אין אונדזער רשות זענען געשטאַנען בלויז נחלת ז׳בוטינסקי און רמת טיאָמקין און זיי האָבן אונדז פיל געהאָלפן ביים אויסבילדן אינסטרוקטאָרן און ביי די אָפענסיוועס. ווי לייכט וואָלט אונדז געווען אין אונ־טערגרונט, ווען די פיל מאָביליזאַציע־גרופּן פון בית״ר, די פלוגות־הגיוס, וואָלטן נישט נאָר געדינט דעם פאָלק אַ ריין אידעאַליסטישן דינסט, אין די קאָלאָניעס און דערפער, נאָר זיי וואָלטן זיך אויך באַזעצט אויפן באָדן סטאַביל! וואָס פאַר אַ קורסן מיר וואָלטן געקענט איינאָרדענען? וואָס פאַר אַ פעלד־מאַנעווערס מיר וואָלטן געקענט דורכפירן? לייכט? אָבער די השגחה עליונה האָט זיך אירע דרכים. ביז די מדינה איז געשאַפן געוואָרן, האָבן מיר זיך נישט באַזעצט אויפן באָדן. מיר זענען „געזעסן״. מיר האָבן געקעמפט און „געזעסן״. ווען מיר וואָלטן זיך אָבער אין יענער צייט באַזעצט אויפן באָדן, וואָלט נישט אַנטשטאַנען קיין אמתער אונטערגרונט אין ארץ־ישראל, מיט אירע ספּעציעלע טאָפּאָגראַפישע באַדינגונגען. די ענגלענדער וואָלטן געוווסט גענוי, ווו צו געפינען די אונטער־גרונט־מענטשן, אַזוי ווי זיי האָבן געוווסט צו געפינען די פלמ״ח־מיטגלידער. אין איין סיורפּריז־רעוויזיע וואָלט דער אונטערגרונט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך און דער באַפרייאונג־קאַמף וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער אין אונדזער „אָפענעם אונטערגרונט״ האָבן די ענגלענדער נישט געוווסט ווו אָנצוהייבן אונדז צו זוכן. מיר זענען געווען אומעטום. פאַר זיי זענען מיר אין קיין אָרט נישט געווען.

אָבער דעם 29טן יוני איז נישט געווען קיין צייט אַ סך אַריינצוקלערן. פאַר אונדז אַלעמען איז געשטאַנען די פּראַגע: וואָס צו טאָן? ווי ווייטער צו קעמפן? דעם 29טן יוני האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין סיבה צו צווייפלען, אַז ס׳וועט זיין אַ פאַרזעצונג פון „הגנה״־ווידערשטאַנד. דער ראַדיאָ „קול ישראל״ האָט אַ גאַנצן טאָג געשריגן:

„ענגלאַנד האָט דערקלערט קריג דעם יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלק וועט ענטפערן מיט קריג. נידער מיט די טמאדיקע טיטוס־קינ־דער. נידער מיט דער נאַצי־בריטישער מאַכט אין אונדזער לאַנד״!

די ווערטער וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך ראַדיאָ, זענען גע־ווען ענלעך צו אונדזערע פריערדיקע אויפרופן. אָבער דער טאָן זייערער איז געווען אַן אַנדערער. דאָס איז געווען אַ טאָן פון נערוועזיטעט. מיר האָבן נישט געוואָרפן קיין ווערטער. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן אַ פּלאַן פון אַקציע, אים גע־שיקט צו דער ליטונג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און פאַרעפנטלעכט אין גאַס. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז

„אַלס ענטפער אויף דער בריטישער אַגרעסיע זאָלן אויפגעשטעלט ווערן די זעלבשטענדיקע, געזעצלעכע, מלוכהשע אינסטאַנצן פון יידישן פאָלק — דער איינציקער בעל־הבית פון דעם לאַנד:
ס׳זאָל געשאַפן ווערן די צייטווייליקע יידישע רעגירונג, ווי אויך

דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט, דער פּאַרלאַמענט פון יידישן פאָלק, די יידישע אַרמיי; יידישע געריכטן און דער יידישער מלוכה־אוצר אד״גל״.

דער דאָזיקער פּראָגראַם, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער וועלט־פּרעסע אונטערן נאָמען „די פרייהייט־דעקלאַראַציע פון אַרגון צבאי לאומי״, איז רעאַליזירט געוואָרן נישט אום זומער 1946, נאָר זומער 1948. ווידער אַמאָל זענען מיר געלאָפן פאָראויס פאר די געשעענישן.

אינצווישן האָט זיך אָנגעהויבן די צעטומלונג און דער צוריקצוג אין דער אָפיציעלער מחנה. אין אָנהייב האָבן די פיל אַרעסטירטע באַקומען אַ דירעק־טיוו נישט אויסצוזאָגן זייערע נעמען. די אייגנהייטלעכע תשובה, וואָס די בריטישע סאָלדאַטן האָבן באַקומען, איז געווען: אַן ארץ־ישראלדיקער ייד. די ענגלענדער האָבן געמאָלדן, אַז אויב ס׳וועלן נישט זיין קיין אידענטיפיקאַציעס, וועלן נישט זיין קיין באַפרייאונגען. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איינגאַנצן אייניקע טעג זענען אַריבער און אין די אַרעסטאַנטן־לאַגערס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי: מיר פאָדערן מ׳זאָל אונדז שנעל אידענטיפיצירן! די ענגלענדער האָבן אַ סך אַרעסטאַנטן אידענ־טיפיצירט, אָבער באַפרייט ווייניקע. זיי האָבן געהאַט צייט.

צווישן די אַרעסטירטע זענען געווען די פירער פון דער יידישער אַגענץ און פון ועד לאומי: הרב פישמאַן, יצחק גרינבוים, משה שערטאָק, דוד רמז, ד״ר דב יוסף און אַנדערע. אונדזערע בחורים, וועלכע זענען געזעסן לאַנגע יאָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, האָבן זייער פריינדלעך אויפגענומען די נייע שכנים, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געחלומט וועגן אַרעסט־מעגלעכקייטן. פון אַלע מנהיגים האָבן זיך באַליבט געמאַכט ביי אונדזערע בחורים יצחק גרינבוים און דוד רמז. דער נעבעכדיקסטער צווישן זיי איז געווען ד״ר דב יוסף. ער האָט באַקומען אין לאַגער פיל גוטע שפּייז, דאָך איז ער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. ד״ר דזשאָזעף האָט נישט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן פאַרן בריטישן סערזשאַנט, אַז זיין אַרעסט איז אומלעגאַל, ווייל ער, ד״ר דזשאָזעף, איז אַ בירגער פון אַ בריטישער דאָמיניע, קאַנאַדע. דוד רמז פלעגט לערנען „משניות״ מיט די בחורים און פריידיקן נאַציאָנאַלע אייניקייט. משה שרת, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַ געוויסן זין איזאָלירט, פלעגט זאָגן „אַז מיר וועלן אַרויסגיין פון דאַנען בעסערע יידן״! און יצחק גרינבוים איז געקומען אין לאַטרון צו אַ זייער אינטערעסאַנטן אויספיר. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות האָט ער איבערגעגעבן צו פאַרעפנטלעכן נאָר דעם ערשטן טייל פון זיין מסקנה, אין וועלכן ס׳איז אָנגעמערקט געוואָרן, אַז דער אַלטער קעמפער איז געוואָרן אַ „דעפעטיסט״, וועלכער זאָגט, אַז מ׳דאַרף איבעררייסן דעם קאַמף און אָננעמען ווייצמאַנס פּאָליטיק. אין אַ צייט אַרום, ווען מיר האָבן געפירט פאַרהאַנדלונ־גען מיט גרינבוימען וועגן אַ הסכם צווישן דער „הגנה״ און ארגון צבאי לאו־

מי איז אונדז קלאָר געוואָרן, וואָס ס׳איז געווען גרינבוימס אמתע כוונה. זענדיק די געשעענישן פון 29טן יוני האָט ער געמיינט, אַז די „הגנה״ דאַרף פאַרלאָזן דאָס פעלד פון מיליטערישן ווידערשטאַנד, אָבער מיר, די „דיסי־דענטן״ דאַרפן פאָרזעצן דעם קריג. איך בין נישט זיכער, צי די אינטערעסאַנ־טע טעאָריע פון גרינבוימען איז געווען אַ ריכטיקע. איך האָב נישט קיין ספק, אַז ווען מ׳וואָלט זי אָנגענומען, וואָלט מען פאַרמיטן אַ סך צרות. אָבער מ׳האָט זי נישט אָנגענומען און דער ערלעכער ה׳ גרינבוים האָט געמוזט אויסרופן אויף איינער אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט:

„איך וועל נישט צולייגן מיין האַנט צו אַ געמיינזאַמען פראָנט פון בן־גוריון—בעווין קעגן בעגין״.

נישט געקוקט אויף די אנשטענדיקע באַציאונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די „זייער חשובע אַרעסטאַנטן״ און צווישן די אַלטע אַרעסטירטע, האָב איך אַמאָל באַקומען אַן אָנקלאגע פון דער קאָמאנדע פון דער ווידערשטאנדס־באַוועגונג בזה הלשון:

— יחזקאל. אייערע מענטשן אין לאַטרון טשעפּען זיך צו די אַרעסטירטע פּערזענלעכקייטן פון ציוניזם. צי קענסטו עס נישט אָפּשטעלן דורך אַ דירעק־טער ווענדונג צו זיי? ס׳איז כדאי עס צו טאָן תיכף. איך וואַרט אויף דיין תשובה. מ—י.

כ׳האָב באַלד אויפגעקלערט די זאַך דורך דער אונטערגרונט־פּאָסט, וואָס מיר האָבן פּערמאַנענט אויפגעהאַלטן מיט אונדזערע אַרעסטירטע אומעטום. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר אונדזערע חברים אין לאַטרון האָט קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דווקא צווישן אייניקע חברים פון דער „הגנה״ און די מנהיגים זענען אויסגעבראָכן סכסו־כים, אָבער אונדזערע בחורים האָבן קיין שום שייכות נישט דערצו. אמת טאַ־קע — האָט ער צוגעגעבן, אונדזערע בחורים ווייסן, אַז פיל פון די נייע אַרעס־טירטע האָבן אַ האַנט אין זייער אַרעסט, אָבער זיי טראָגן נישט קיין שנאה אין זייערע הערצער. דער עיקר איז אָפּצוהיטן די קעמפנדיקע איינהייט. אונדזערע בחורים! אַלנפאַלס, איז קיין איין מאָל נישט געקומען קיין באַשטעטיקונג פון די מנהיגים גופא אַז מען „טשעפּעט״ זיך צו זיי.

דאַקעגן איז שנעל געקומען אַ באַשטעטיקונג אויף אַ גאַנץ אַנדערער באַ־שולדיקונג, נישט אויף אונדזערע אַרעסטירטע חברים, נאָר אויף די מנהיגים, סיי די אויף דער פריי און סיי די אַרעסטירטע. אַ דער טייל אין דער אַנפּי־רערשאַפט ,וואָס סנה און גלילי האָט אים גערופן ווי מיר „דעפעטיסטן״, האָט באַזיגט די „אַקטיוויסטן״. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושטעלן דעם מיליטערישן ווידערשטאַנד, אפילו נישט אָנהייבן דעם ציווילן ווידערשטאַנד, און אָננעמען די בריטישע באַדינגונגען פאַר דער באַפריי־אונג פון די „זייער חשובע פּערזענלעכקייטן״. אין אַן עפנטלעכער מעלדונג פון

די יידישע אינסטיטוציעס איז דער „טעראָר״ פאַראורטיילט געוואָרן און ס׳איז צוגעזאָגט געוואָרן, אַז ער וועט לחלוטין אָפּגעשטעלט ווערן. ווי אַ באַלוינונג פאַר דער מעלדונג זענען די „זייער חשובע פערזענלעכקייטן״ באַפרייט געוואָרן נאָך הונדערט טעג זיצן און זיי זענען געפאָרן קיין לאָנדאָן צו דער ענגליש־אַראַביש־יידישער קאָנפערענץ, צו געפינען „אַ פשרה־לייזונג״ פאַרן ארץ־ישראל פראָבלעם. דער „געראַנגל״ איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן. ס׳איז פאַרבליבן בלויז די אומלעגאַלע עליה.

ח.

מ׳דאַרף נישט פאַרמינערן די דעמאָנסטראַטיוו־מאָראַלישע באַדייטונג פון דער העפלה קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך דווקא פאַרברייטערט ביי דעם סוף פון געאייניקטן „ווידערשטאַנד״. וואָס אָן אמת, די דאָזיקע העפלה, אין קעגנזאַץ צו דער העפלה וואָס עס האָבן פאַר דער וועלט־מלחמה אָרגאַניזירט יוסף כצנלסון און אברהם סטאַווסקי, עליהם השלום, האָט נישט אַריינגעבראַכט קיין סך יידן קיין ארץ־ישראל. די ענגלענדער פלעגן כאַפן די מעפילים אין די טויזנטער אויף די ברעגעס פון לאַנד און זיי דעפאָרטירט אין ציפערן. די עולים פון די דייטשע לאַגערן פלעגן מיט ליידיקע הענט זיך ראַנגלען מיט די באַוואָפנטע בריטישע סאָלדאַטן. אויף דער יבשה און אין מיטן ים זענען געווען פאַלן ווען מ׳האָט דערמאָרדעט מענער, פרויען און קינדער. אָבער דער בריטישער פלאָט, וואָס האָט זיך באַנוצט אויך מיט טרער־גאַז, איז אַרויס שטענדיק ווי די זיגערן.

ס׳האָט זיך געשאַפן אַ משונהדיקער מצב. דער „געראַנגל״ אין ארץ־ישראל איז פולשטענדיק אָפּגעשטעלט געוואָרן. די פירער זענען באַפרייט געוואָרן. די פלמח״ניקעס האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע באַזעס. די „הגנה״־מיטגלידער זענען צוריקגעקומען אין זייערע קיבוצים און הייזער. ישראל גלילי האָט זיך געלאָזט צוריק אויפוואַקסן די האָר. די „הגנה״ איז צוריק געוואָרן אַ האַלב־לעגאַלער פאַקטאָר. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז די גאַנצע לאַסט פון ווידערשטאַנד אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויף די פלייצעס פון די פליטים, אויף הילפלאָזע מענטשן, פרויען און קינדער. אָט די האָט מען געשלאָגן און דעפאָרטירט. ז׳אַקעגן די פאָרשטייער פון די אָפיציעלע אינסטיטוציעס האָבן אין דער זעלביקער צייט געמוזט זיס מאַכן זייער מילך כדי נישט הייזעריק צו ווערן פון די פראָטעסט־געשרייען. מיר האָבן זיך געוווּנדערט ווי קען מען אָנהאַלטן אַזאַ אוממאָראַלישן מצב.

די „אינסטיטוציעס״ האָבן געפונען אַן אויסגאַנג: אַ תענית און אַ שטרייק! פריער האָבן זיי באַפוילן צו פאַרמאַכן די געשעפטן און אָפּשטעלן די אַרבעט אויף אַ האַלבן טאָג. נאָך דעם, ווען די דעפאָרטאַציעס האָבן זיך אָפט איבערגעחזרט, האָט מען „געמוזט״ קירצן די פראָטעסט־שעהן, כדי נישט אָפּצושטעלן

די אַרבעט אין ישוב. דער ענין איז געוואָרן צו שפּאָט אין די אויגן פון די ענג־לענדער און אויך פּאַרמיאוסט געוואָרן די יידן. וויפיל מאָל קען מען אויף אַן אמת פירן אַ „געראַנגל״ דורכן פּאַרמאַכן די קראָמען? דעמאָלט האָט מען אויס־געפונען אַ נייעם ערזאַץ: אַ תענית. דאָס מאָל האָבן זיך אַוועקגעזעצט חשובע עסקנים אין דער סוכנות־געביידע און געמאָלדן אַז זיי וועלן נישט נעמען קיין עסן אין מויל אַריין, אַזוי לאַנג ווי די ענגלענדער וועלן נישט דערלויבן אַ גרופּע מעפּילים פון איטאַליע עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זייער כוונה איז, פאַרשטענד־לעך, געווען אַ גוטע. אָבער מיט גוטע כוונות איז אויסברוקירט דער וועג, אויב נישט צום גיהנום, איז צום גן־עדן פון די נאַראַנים. פינף טעג האָט געדויערט דער דאָזיקער „תענית״. די כלל־טוערס האָבן נישט געגעסן, נאָר געטרונקען טיי מיט צוקער. און אַרום זיי אַ סך דאָקטוירים. און אָט אַ וווּנדער איז געשען: דער „תענית״ האָט געווירקט אויף די ענגלענדער, וועלכע האָבן דערלויבט די מעפּי־לים אַריינקומען אין ארץ־ישראל אויפן חשבון... פון דער געוויינלעכער סערטי־פיקאַטן־קוואָטע. דער תענית איז באַלד איבערגעריסן געוואָרן. ד״ר ווייזל, אַ קעמפער און אַ דאָקטאָר, האָט באַוויזן, אַז דער „תענית פון די מנהיגים״ איז כלל נישט קיין ערנסטער ענין, און די ענגלענדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ דערפאַ־רונג מיט די לאַנגע תעניתים פון גאַנדין האָבן גוט געוווּסט, אַז ס׳איז נישט קיין ערנסטע זאַך. ד״ר ווייזל אַליין האָט געפאַסט פיר פולע וואָכן — אַן טיי — און איז אַרויס פון לאַטרון געזונט און פול מיט ענערגיע. אויך פון מיין נישט־מעדיצינישער דערפאַרונג האָב איך געקענט באַווייזן, אַז מ׳שטאַרבט נישט פון עטלעכע טעג אָן עסן און אפילו אָן זיסן טיי, נאָר מיט געקאָכטן וואַסער, וואָס הייסט אויף רוסיש „קיפּיאַטאָק״.

מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, זיך אַנדערש נוהג געווען: כמעט נאָך יעדער דעפּאָרטאַציע פון מעפּילים האָבן מיר געגעבן גרויסע קלעפּ די ענגלענדער. און די מיטגלידער פון לח״י האָבן איינמאָל אונטערגעצונדן די נאַפט־ראַפינעריעס אין חיפהער פּאָרט, ווו עס זענען נאָך געשטאַנען די דעפּאָרטאַציע־שיפן. די דעפּאָרטאַציעס אַליין האָבן נישט פאַרדראָסן די ענגלענדער, נאָר די פּערמאַ־נענטע קאָאָרדינאַציע פון דעפּאָרטירן יידן און קלעפּ וואָס די ענגלענדער האָבן באַקומען, דאָס האָט צוגעריבט די רו ביים כיטרען דזשאָן.

די שיקאַנעס פון די ענגלענדער זענען דערגאַנגען צום הויך־פונקט מיט דער מעפּילים־שיף „יציאת אייראָפּע״. בעווין האָט באַשלאָסן, אַז די מעפּילים וועט מען צוריקשיקן קיין... דייטשלאַנד. קיין פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן. בעווין האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס, און זיי צוריקגעשיקט. די מעפּילים אַליין, וועלכע האָבן זיך העלדיש געראַנגלט מיט די באַוואָפנטע סאָלדאַטן, זענען גע־וועזן זייער נידערגעשלאָגן, ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן אויף דעם נייעם יסורים־וועג פון חיפה קיין גיבראַלטאַר און האַמבורג. אין אַ בריוול, וואָס זיי האָבן

אַרויסגעשיקט פון שיף, האָבן זיי געפרעגט: צי וועלן אויך אונדזערע ברידער אין ארץ־ישראל, אין אַמעריקע און ענגלאַנד שווייגן?

מיר האָבן צוגעזאָגט אונדזערע ברידער אויפן מיטן ים:

„איר וועט נישט בלייבן אַליין אין אייער יסורימדיקן קאַמף. דער נאַצי־בריטישער שונא וועט באַצאָלן פאַרן פאַרברעכן פון דער דע־פּאָרטאַציע, פאַרן בלוט, פאַר די פּייניקונגען און פאַר אייערע טרערן"!

אָבער נישט תיכף האָבן מיר געהאַט „מיט וואָס צו באַצאָלן". אין יענע טעג האָבן מיר געליטן פון אַ טאָפּלטן מאַנגל: אין קאַסע איז נישט געווען קיין געלט און אין מאַגאַזין איז נישט געווען קיין דינאַמיט. מיט וואָס וועלן מיר אַראָפּלאָזן די גרויסע קלעפּ? מיר האָבן זיך געביסן די ליפּן. עס זענען אַריבער טעג און נעכט. די מאַסן האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס איז געשען מיטן אצ"ל? ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס מאָל האָבן אויך אונדזערע קעגנער געהאַט תרעומות פאַרוואָס מיר רעאַגירן נישט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין תשובה. נישטאָ קיין דינאַמיט. נישטאָ קיין געלט.

מיט אַ נס האָבן מיר געקריגן געלט און באַלד באַקומען אַ האַלבן טאָן אויפרייס־מאַטעריאַל. גידי האָט פאַרענדיקט דעם נס. ס'איז געשאַפן געוואָרן דאָס באַרימטע „פּעסל" אויף רעדער, וואָס האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַראָפּגעקייקלט פון אַ פאַנצער־אויטאָ (ס'ערשטע פון דעם זשאַנער אין ארץ־ישראל), און עס האָט דערשיטערט דעם גאַנצן זיכערקייט־קוואַרטאַל פון די ענג־לענדער אין חיפה און מיט דעם — די גאַנצע בריטישע זיכערקייט אין ארץ־ישראל. די טעכנישע אַנטדעקונג איז געווען אויסגערעכנט מיט אַלע איינצל־הייטן, ביז די ספּעציעלע ציינער אונטער די רעדער, צו פאַרהאַלטן דאָס „פּעסל" הינטער דער וואַנט פון דער בריטישער פעסטונג. די גויים זענען גע־ווען אויסער זיך. זיי האָבן אַרומגערינגלט זייער זיכערקייט־קוואַרטאַל מיט גע־דיכטע דראָט־פאַרצוימונגען אין דער הויך פון 4־5 מעטער און אָט איז געקו־מען אַזאַ „קאַטאַפּולטע" און אַראָפּגעשפּרונגען פון איבערן פאַרקאַן. אַזאַ הוצפּהדיק פּעסל. באַלד איז אַרויס אַ נייער באַפעל פון די ענגלענדער: מאַכן דראָט־פאַרצוימונגען אין דער הויך פון אַכט מעטער. אָבער אויך גידי איז באַלד צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

די תשובה אונדזערע, כאָטש זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די ענגלענדער, האָט נישט געווירקט אויף די „דעפעטיסטן". נאָכן 29טן יוני האָבן די „דעפעטיסטן" געהאַט די אויבערהאַנט. זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצושטעלן דעם מיליטערישן ווידערשטאַנד, סיי פון דער „הגנה", סיי אונדזערן. זיי האָט זיך איינגעגעבן אָפּצושטעלן דעם מיליטערישן ווידערשטאַנד פון דער „הגנה".

ד"ר ווייצמאַן, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט געדרופן משה סנהן און געפאָדערט פון אים אַ פאַרפליכטיקונג, אַז עס וועלן שוין מער נישט זיין קיין מיליטערישע אַקציעס ביזן... באַשלוס פון ציוניסטישן קאָנ־

גרעס. סנה האָט זיך נישט געוואָלט פאַרפּליכטן דערצו. ער איז געווען פאַר־בונדן מיט אַן ערן־פאַרפּליכטיקונג לגבי די קאָמענדאַנטן פון דער „הגנה", אַז דער ווידערשטאַנד וועט ווייטער גיין. ער האָט אויך צוגעגרייט אַ פּלאַן פון אַן אָנ־גריף אויפן בריטישן מיליטערישן לאַגער, כדי צו קאָנפיסקירן געווער. דער אָנגריף האָט געדאַרפט זיין אַ תשובה פאַרן אַנטדעקטן גרויסן וואָפן־לאַגער אין קיבוץ יאגור, פון וועלכן די ענגלענדער האָבן אַרויסגענומען הונדערטער ביקסן, הונדערטער טויזנטער קוילן, טויזנטער מאַרטאַר־שראַפּנעלן א. ד. גל. (אגב, דאַן האָבן מיר געמיינט, אַז די „הגנה" האָט צענדליקער אַזעלכע לאַגערן און מיר האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות!). ווי אַ רעאַקציע אויף סנהס אָפּזאָג האָט ווייצמאַן אים אויפגעפאָדערט צו דימיסיאָנירן אַלס לייטער פון דער „הגנה". אויב סנה וועט עס נישט טאָן, האָט ווייצמאַן געדראָט, וועט ער אַליין די־מיסיאָנערן און עפנטלעך אויפקלערן פאַרוואָס ער האָט דימיסיאָנירט פון אַמט פון פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צווישן ביידע קאַנדידאַטן פאַר דימיסיע איז אויך געווען אַ משונהדיקע מיספאַרשטענדעניש. ד"ר ווייצ־מאַן האָט געהאַט תרעומות, פאַרוואָס מ'האָט אים גאָרנישט געזאָגט וועגן דער בריקן־אַקציע, כאָטש ער איז דעמאָלט געווען אין רחובות. משה סנה האָט גע־טענהט, אַז ער האָט יאָ געמאָלדן ווייצמאַנען וואָס זיי גייען טאָן. ווייצמאַן האָט זיך זייער אויפגערעגט און אָנגערופן סנהן אויף יידיש מיט אַ נישט־אָנ־גענעמען נאָמען. סנה האָט זיך דאָך געהאַלטן ביי זיינס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ביידע זענען בעצם געווען גערעכט. ווייצמאַן איז געווען גערעכט זאָגנדיק, אַז ער האָט גאָרנישט געוווסט וועגן אויפרייס פון די בריקן, און סנה איז גערעכט געווען מיט דער טענה אַז ער האָט מיטגעטיילט ווייצ־מאַנען וועגן דעם. ווי אַזוי? סנה האָט גערעדט נישט דירעקט מיט ווייצמאַנען, נאָר האָט איבערגעגעבן די פריערדיקע מעלדונג ווייצמאַנס פאַרטרויאונגס־מאַן, מאיר ווייסגאַל. אָבער מאיר ווייסגאַל האָט געציטערט פאַר ד"ר ווייצמאַנס שוואַכן געזונט־צושטאַנד און האָט אים כלל נישט דערציילט וועגן די שווערע באָמבעס, וואָס האַלטן ביים עקספּלאָדירן.

נישט געקוקט אויף זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד האָט ווייצמאַן ווייטער געדריקט אויף משה סנה. דער אַלטער פּרעזידענט האָט געזאָגט דעם יונגן „הגנה"־קאָמענדאַנט:

— איינס פון די ביידע. אויב איך בין פּרעזידענט, מוזטו מיך פאָלגן. און אויב דו פאָלגסט מיך נישט, איז אַ סימן אַז איך בין נישט קיין פּרעזידענט. דאַן וויל איך, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן, אַז איך בין אויס פּרעזידענט!

די דעמאָנסטראַטיווע דעמיסיע פון ווייצמאַנען וואָלט געווען אַ שווערער קלאַפּ אויך פאַר די „אַקטיוויסטן". ווייזט אויס אַז אויך זיי האָבן געמיינט, אַז ווייצמאַן איז זייער נויטיק, באַזונדערס איצט, ווען די ענגלענדער האָבן אויפ־געהויבן די בייטש... די „אַקטיוויסטן" האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט ד"ר

ווייצמאַן מיטשלעפּן נאָך זיך פּיל וויכטיקע עלעמענטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענץ... נישט נאָר דער „השומר הצעיר״ האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער „אַנטי־גערוואַלדטאַט״־פּאָליטיק פון ד״ר ווייצ־מאַן, אויך אַ גרויסער טייל אין מפא״י האָט געפאָדערט „אָפּצושטעלן דעם טעראָר, וואָס דראָט מיט חורבן דעם גאַנצן ציוניסטישן ווערק״. ד״ר ווייצמאַן האָט געזיגט. ער האָט נישט דעמיסיאָנירט. סנה האָט זיך אָנגעגעבן אין דע־מיסיע.

סנה איז אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, צו דער „אַנטשיידנדיקער״ זיצונג פון דער יידישער אַגענץ. די זיצונג האָט זיך געצויגן אַ סך וואָכן און האָט באַהאַנדלט די הויפּט־פּראַגע: פאָרזעצן אָדער נישט פאָרזעצן דעם „געראַנגל״. די גאַנצע צייט איז בן־גוריון געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַרן פאָרזעצן דעם געראַנגל. ס׳האָט אים געהאָלפן סנה, וועלכער האָט געהאָפט צוריקצוקומען קיין ארץ־ישראל מיט אַ בפירושן באַשלוס „פאָרצוזעצן דעם קריג״. פּלוצלינג האָט בן־גוריון געענדערט זיין מיינונג און געזאָגט: „אָפּשטעלן דעם קאַמף״! און מ׳האָט אים אָפּגעשטעלט, און אים נישט באַנייט ביזן 30טן נאָוועמבער 1947, ווען די אונ״א האָט באַשלאָסן צו צעטיילן ארץ־ישראל און די אַראַבער האָבן אָנ־געהויבן הרגענען יידן. אָבער בלויז דער „ווידערשטאַנד״ איז אָפּגעשטעלט גע־וואָרן. דער אויפשטאַנד איז אָנגעגאַנגען ווייטער.

אָפּגעזען פון דעם, האַלט איך די קורצע צייט פון דער פאַראייניקטער רע־זיסטענץ־באַוועגונג פאַר די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן. מיר האָבן דער־גרייכט אונדזער שטרעבונג. נאָך אונדז איז דאָס גאַנצע פאָלק אַריין אין מל־חמה צו באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד.

אָבער די טעג פון גליק זענען געווען קורצע. ס׳איז נישט געווען קיין ברירה. מיר האָבן געדאַרפט פאָרזעצן דעם אויפשטאַנד.

אין דער פאַראייניקטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז נישט געווען קיין גרויסע ליבע. ס׳קען זיין, אַז דאָס איז געווען „אַ ליבע״ אָן פרייד. אָבער דאָס שיידן זיך איז נישט געווען אָן צער.

באַזונדערס ווען די שיידונג איז געווען באַגלייט מיטן קאַפּיטל פון מלך־דוד האָטעל...

מלך דוד־האָטעל

די מפקדה פון דער „הגנה" באַשטעטיקט דעם פּלאַן פון „האָ־טעלטשיק" („טשיק"). — מילך־קריגלעך. — פאַרוואָס דער האָטעל איז נישט עוואַקויִרט געוואָרן. — די אויפקלערונג מיטן אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה". — ענגלענדער אין מיין הויז.

א.

אין אַ פליגל פון מלך־דוד־האָטעל אין ירושלים האָבן זיך אין די יאָרן פון וועלט־קריג איינגעקוואַרטירט די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דער בריטישער מאַכט: די מיליטערישע הויפּט־קאָמאַנדשאַפט און דער הויפּט־סעקרעטאַריאַט, דאָס הייסט די ציווילע רעגירונג. ווען דער אונטערגרונט־קריג קעגן דער בריטישער הערשאַפט האָט זיך אויסגעברייטערט, איז דער גרויסער האָטעל געוואָרן ווי אַ פעסטונג אין סאַמע האַרץ פון ירושלים. אין אַ נאָענטער געביידע האָט זיך איינגעקוואַרטירט די בריטישע מיליטערישע פּאָליציי און די אָפּטיילונג פאַר ספּעציעלע אויספאָרשונגען, די באַקאַנטע סי. איי. די אויפן פּלאַץ צווישן ביידע געביידעס האָט סטאַנציאָנירט אַ מיליטערישער באַטאַליאָן, מיט דער אויפגאַבע אָפּצושטויסן יעדן מעגלעכן אָנגריף אויף באַרקערס הויפּט־שטאַב און שאו׳ס ביוראָען. אין פאַרשידענע ווינקלען זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן נעסטן פון מאַשין־געווער. סאָלדאַטן, פּאָליציסטן און דעטעקטיוון האָבן קיין אויג נישט אָפּגעטאָן פון דער געביידע, אין וועלכער עס זענען געזעסן די בריטישע הערשער פון ארץ־ישראל. דער שונא האָט זיך שוין נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף נסים. ער האָט געלערנט פון דער דערפאַרונג. איידער מיר האָבן אָפּגעשטאַט אונדזערע באַזוכן אין די פּאָליציי־צענטראַלעס, האָט זיך קעטלינג באַרימט: „זיי וועלן נישט קומען, און אויב זיי וועלן קומען, וועלן מיר זיי מאַכן אַזאַ קבלת־פּנים"!... אָבער מיר זענען געקומען. קעטלינג האָט זיכער צוגעגרייט פאַר אונדז אַ קבלת־פּנים", אָבער ער האָט נישט באַוויזן אים „צו מאַכן". ער און זיין שעף דזשיילס האָבן קוים באַוויזן צו אַנטלויפן פון

זייערע פעסטונגען, וועלכע זענען געפלויגן אין דער לופטן. ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואָס זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן פאָרזיכטיקער. דער שונא איז געווען וואַכזאַם.

אָבער אויך דער אונטערגרונט איז געווען וואַכזאַם. אין די אָנגריף־פּלע־נער האָבן מיר אַריינגענומען אויך ד י געביידע. מ׳האָט נישט געקענט „איבערלאָזן״ דעם הויפּטשטאַב פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי אין דעם צענטער פון דער אונטערדריקונג־מאַכט. די מחנה פון בריטישע דעטעקטיוון, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם מלך־דוד־האָטעל האָט געקוקט, אָבער נישט געזען. נאָר די שליחים פון אונטערגרונט האָבן געזען, כאָטש מ׳האָט זיי אפילו נישט באַ־מערקט. אַן אָנגריף־פּלאַן איז געווען גרייט.

פרילינג 1946 האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערלאַנגט אונדזער פּלאַן דער קאָמאַנדשאַפט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. איך האָב מיטגעטיילט סנהן און גלילין, אַז מיר נעמען אויף זיך אַריינצודרינגען אין רעגירונגס־פליגל פון מלך־דוד־האָטעל און דורכפירן דאָרט אַ ברייטע סאַבאָטאַזש־אַקציע. נישט אַריינגייענדיק אין איינצלהייטן האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז די לאָדונג פון אויפרייס־מאַטעריאַל, מיט וועלכן מיר וועלן זיך באַנוצן כדי דורכצופירן די אויפגאַבע, וועט האָבן אַ טאָפּלטע אייגנשאַפט — גידיס אַ דערפינדונג. ערשטנס, וועלן די ענגלענדער עס נישט קענען צונעמען און נישט רירן. ווייל דאָס מינדעסטע צורירן זיך וועט עס באַלד ברענגען אין באַוועגונג. צווייטנס, וועט דער אויפרייס־מאַטעריאַל נישט ווירקן תיכף נאָכן אַריינברענגען אין דער געביידע, נאָר ערשט נאָך אַ האַלבער שעה, אָדער אַ שעה — ווי מיר וועלן באַ־שליסן — כדי צו געבן צייט צו עוואַקוירן דעם האָטעל פון זיינע געסט, אַר־בעטער און באַאַמטע. די פאַר־עוואַקואַציע פון האָטעל איז געווען נויטווענ־דיק, לויט די קריגס־כללים, וואָס מיר האָבן פאַר זיך אַליין באַשטימט. ס׳זע־נען דאָרט געווען אַ סך ציווילע. מיר האָבן געוואָלט פאַרזיכערן אַז ס׳זאָל זיי נישט געשען קיין בייז, אַז זיי זאָלן באַוויזן באַצייטנס צו פאַרלאָזן דעם סכנה־געביט.

די „הגנה״־קאָמאַנדשאַפט האָט נישט באַלד אָקצעפּטירט אונדזער פּלאַן. אַן אָנגריף אויפן בריטישן רעגירונג־צענטער האָט זיך איר נאָך דעמאָלט אויס־געוויזן צו פיל „ווייטגייענדיק״ אָבער זיי האָבן פּרינציפּיעל נישט אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן. זיי האָבן געטענהט, אַז ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר אַזאַ אָפּעראַציע, וואָס וועט שטאַרק צעבייזערן די ענגלענדער. אונדזער מיינונג איז געווען אַן אַנדערע. אָבער דער הסכם האָט אונדז פאַרפליכטעט און מיר האָבן געדאַרפט פאָלגן. די ענגלענדער האָבן אין צווישן ווייטער געבושעוועט אין די שטעט און דערפער פון לאַנד. מ׳האָט געשאָסן אין שוצלאָזע מאַסן. מ׳האָט ווייטער דעפּאָרטירט מעפּילים און בשעת מעשה זיי געפּייניקט און געמאַר־דעט. יעדעס מאָל האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אונדזער פּלאַן פאַר די „הגנה״־אַנ־

פירער. מיר האָבן גערעדט וועגן מלך־דוד־האָטעל־פּלאַן בעת .אונדזערע פּער־זענלעכע באַגעגענישן. מיר האָבן וועגן דעם געשריבן אין די געהיימע צעטלעך צו „ירמיהו". פאַר קאָמופּלאַזש־צוועקן האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן רופן דעם גרויסן מלך־דוד־האָטעל מיטן נאָמען „האָטעלטשיק", און דערנאָך אים נאָך מער געקירצט אויף „טשיק". אינצווישן האָבן די לח"י פאַרשטייער געבראַכט אַ פּלאַן פון סאַבאָטאַזש אויף אַן אַנדערן רעגירונג־בנין, וואָס איז באַקאַנט אין ירושלים ווי דער „בנין פון ברידער דוד". כדי צו אונטערשיידן האָבן די „הגנה" מענטשן גערופן דעם צווייטן אָביעקט מיטן נאָמען „עבדך ומשיחך".

די ביידע פּלענער זענען ענדלעך אָקצעפּטירט געוואָרן דורך דער מפקדה פון דער „הגנה" דעם ערשטן יולי 1946, נאָך דעם ווי גענעראַל באַרקער האָט דורכגעפירט די גרויסע אַטאַקע אויף דער „הגנה", אויפן פּלמ"ח, אויפן ישוב און זיינע אָפיציעלע אינסטיטוציעס. די „הגנה"־פירער האָבן אונדז נישט אויפ־געקלערט פאַרוואָס זיי זענען געקומען צום אויספיר, אַז דער „האָטעל פּלאַן" (אָדער דער „טשיק") איז רייף געוואָרן נאָכן 29טן יוני. ס'איז דאָ אַ יסוד אָנ־צונעמען, אַז צוויי הויפּט־סיבות האָבן גורם געווען דערצו. ערשטנס, די טעאָריע פון „נישט אָנגרייפן" נאָר „רעאַגירן אויף אַן אָנגריף". דער גרויסער אָנגריף אויפן ישוב האָט זיכער באַוויגן די פאַרשטייער פון די אָפיציעלע אינ־סטיטוציעס צו באַשטעטיקן (אָדער אפילו פאָדערן) אויסצופירן די אַטאַקע אויפן מלך־דוד־האָטעל. דעם 29טן יוני 1946 האָבן די ענגלענדער איינגענומען דעם בנין פון דער יידישער אַגענץ. די יידישע אַגענץ רעכנט זיך פאַר דעם „צענטער פון דער יידישער מאַכט". וועלן מיר בכן זיי אָפּצאָלן און טרעפן אין „צענטער פון זייער מאַכט", אין מלך־דוד האָטעל.

די צווייטע סיבה איז געווען אַ מער פּראַקטישע. די „הגנה", וואָס איז גע־ווען געוווינט צו די באַקוועמע באַדינגונגען פון „כמעט לעגאַליטעט", האָט נישט אָפּגעהיט די געזעצן פון פאָרזיכטיקייט... די אָפיציעלע יידישע אינסטי־טוציעס האָבן וואַרשיינלעך אויך געהאַט פאַרטרויען אין זייער „אינטערנאַ־ציאָנאַלן סטאַטוס", אַז ער וועט זיי געבן אימוניטעט פון פּאָליציי־אונטערזו־כונגען. דעריבער האָבן זיך אין די ביוראָען פון דער יידישער אַגענץ געפונען פיל געהיימע דאָקומענטן, וועלכע האָבן דאָרט נישט געדאַרפט זיין אין די טעג פון באַרקערס הערשאַפט אין ארץ־ישראל. בשעת דער רעוויזיע אין די אַמטן פון דער יידישער אַגענץ האָבן די בריטישע דעטעקטיוון פאַרכאַפּט אַ סך מאַ־טעריאַל. די לייכטזיניקייט פון די אָפיציעלע אינסטיטוציעס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אפילו אין די שרייב־מאַשינען האָבן געשטעקט טיילן פון „זייער קאָנפידענציעלע דאָקומענטן". גלילי האָט מיר דערציילט, אַז פון איין שרייב־מאַשין האָבן די בריטן אַרויסגענומען אַ קאַפּיטל פון סטענאָגראַם פון משה שערטאָקס אַ רעדע אויף דער זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. בעת דער זיצונג האָט שערטאָק גערימט דעם בריקן־אויפרייס און אויפגעקלערט די

מיטגלידער פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט ווי גרויס עס איז דער פּאָלי־טישער באַטייט פון דער סאַבאָטאַזש־אַקציע... מ׳קען פאַרשטיין, אַז ה׳ שער־טאָק האָט געוואָלט איבערלאָזן יענע רעדע פאַר דער געשיכטע. ס׳איז אָבער שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער אָדער זיין סעקרעטאַר האָבן איבערגעלאָזן אַ טייל פון דער רעדע — און דווקא דעם „קרימינעלסטן" טייל — אין אַ שרייב־מאַשין, אין אַן אָפענער ביוראָ, ווען אַלע האָבן געוווסט, אַז די ענגלענדער האָבן זיך געגרייט אויף אַ גרויסן אָנגריף. און יענער דאָקומענט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ באַווייז פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער יידישער אַגענץ פאַר די סאַבאָטאַזש־אַקטן פון דער „הגנה" — איז נישט געווען דער איינצי־קער געהיימער דאָקומענט, וואָס די ענגלענדער האָבן געפונען אין בנין פון דער אַגענץ דעם 29טן יוני 1946. אַט די אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן גע־דינט די ענגלענדער קעגן אונדזערע אָפיציעלע אינסטיטוציעס, זענען איבער־געפירט געוואָרן — אין מלך־דוד־האָטעל. די אינסטיטוציעס זענען געווען פאַר־אינטערעסירט אַז די געפערלעכע דאָקומענטן זאָלן פאַרניכטעט ווערן. אונדזער אַלטער פּלאַן האָט געגעבן דערצו די איינציקע אויסגעצייכנטע געלעגנהייט.

דער אינטערעס צו פאַרניכטן די דאָקומענטן איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין דער באַגעגעניש, צווישן יצחק שדה, דעם אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה" און אונדזער גידין. שדה האָט געפרעגט גידין, וויפיל צייט ער האָט בדעה איבערצולאָזן פאַר דער עוואַקואַציע פון מלך־דוד־האָטעל פון מאָמענט ווען מ׳וועט אַריינטראָגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל ביז ער וועט געבראַכט ווערן אין באַוועגונג. גידי האָט פאָרגעשלאָגן 45 מינוט. דער אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה" האָט געמיינט אַז ס׳איז אַ צו לאַנגע צייט, ווייל ס׳עקזיסטירט אַ מעג־לעכקייט, אַז אין די דריי פערטל שעה וועט זיך די ענגלענדער איינגעבן נישט נאָר צו עוואַקואירן זייערע מענטשן, נאָר אויך אונדזערע דאָקומענטן. ער האָט פאָרגעשלאָגן פופצן מינוט צייט פאַר דער עוואַקואַציע פון האָטעל. גידי האָט אים באַרואיקט וועגן דער מעגלעכקייט פון צונעמען די דאָקומענטן. נישט גע־קוקט אויף זיין יונגן עלטער, האָט ער געהאַט אין מלחמה פיל מער דערפאַרונג ווי דער אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה". זיין דערפאַרונג האָט אים געלערנט אַז די ענגלענדער, ווען זיי באַקומען אַ וואָרענונג וועגן אַ נאָענטער עקספּלאָזיע אין איינעם פון זייערע אָמטן, פאַרלאָזן דעם בנין מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער שנעלקייט און זיי זאָרגן פאַר זייער הויט, נישט פאַר פאַפּירן. גידי האָט גע־מיינט, אַז פופצן מינוט צייט איז צו ווייניק פאַר דער עוואַקואַציע פון גרויסן האָטעל. אַזוי זענען די אָפּעראַציע־לייטער געקומען צו אַ „פּשרה": אַ האַלבע שעה פאַר דער עוואַקואַציע פון בנין.

מיר וועלן זיך נאָך צוריקקערן צו דער באַגעגעניש פון די ביידע אָפּעראַציע־שעפן. אָבער דאָ איז דאָס אָרט צו דערציילן, אַז דעם ערשטן יולי 1946, דריי

טעג נאָך באַרקערס אָנגריף אויף דער יידישער אַגענץ, האָבן מיר באַקומען פון דער מפקדה פון דער „הגנה" אַ בריוו, וועלכער זאָגט:

א) איר דאַרפט אויספירן ווי מעגלעך שנעל דעם „טשיק" און דאָס הויז פון „עבדך משיחיך". טיילט אונדז מיט דעם טערמין! בעסער מיט איינמאָל. נישט פאַרעפנטלעכן וועלכע קערפּערשאַפט עס האָט אויס־געפירט — נישט דייטלעך און נישט מיט אַ ווונק.

ב) אויך מיר גרייטן עפּעס צו — איינצלהייטן וועלן מיר אייך באַצייטנס מיטטיילן.

ג) תל־אביב און איר נאָענטע סביבה דאַרף מען אויסשליסן פון יעדן אַקציע־פּלאַן. מיר זענען אַלע פאַראינטערעסירט אָפּצוהיטן תל־אביב — אַלס צענטער פון לעבן פונעם ישוב און פון אונדזער טעטיקייט. אויב אין רעזולטאַט פון אַן אָפּעראַציע וועט תל־אביב פּאַראַליזירט ווערן (הויז־אַרעסטן, אַרעסטן), וועלן אויך מיר און אונדזערע פּלע־נער פּאַראַליזירט ווערן. אגב, נישט דאָ זענען קאָנצענטרירט די וויכ־טיקע קעגנשטאַנדן פון צד שכנגד. ובכן, תל־אביב „אויסערן תחום" פאַר ישראלס אַרמייען.

ב.

באַקומענדיק דעם בריוו זענען מיר צוגעטראָטן צוצוגרייטן די „טשיק־אָפּע־ראַציע". מיר האָבן זי נישט געקענט אויספירן תיכף. דאָס איז די גרעסטע און וויכטיקסטע פון אונדזערע אַקציעס און אפשר אַן איינציקאַרטיקע אין די גע־שיכטעס פון פּאַרטיזאַנישע באַפרייאונג־קאַמפן. ס'איז נישט אַזאַ פּשוטע זאַך אַריינצודרינגען אין סאַמע האַרץ פונעם אונטערדריקער.

מיר האָבן נישט געטאָרט דורכפאַלן אויך פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט. נאָכן 29טן יוני איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק אין ברייטע קרייזן פון ישוב. באַר־קער האָט אַראָפּגעלאָזט אַ שווערן קלאַפּ. די דעפּעטיסטן האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ סך האָבן זיך מייאש געווען פון יעדן „געראַנגל" און געזאָגט: „ווי קענען מיר זיך פאַרמעסטן מיט דער בריטישער אַרמיי" די פּראַגעס האָבן דער־שיטערט דעם גלויבן פון פאָלק אין זיין כוח. נאָר מיט אַ געלונגענער קעגן־אַטאַ־קע קען מען צוריקקערן די אמונה. דעריבער האָבן מיר זאָרגפול באַהאַנדלט יעדע איינצלהייט פון אונדזער אָנגריף.

גידיס מעכטיקע דערפינדונג און שאַפונג־קראַפט האָבן אונדז געהאָלפן. פּשוטע מילך־קענדלאך זענען געוואָרן טרעגער פון מעכטיקע באָמבעס. צו זיי איז צוגעטשעפּעט געוואָרן אַ טאָפּלטער אַפּאַראַט. איינער האָט באַשטימט די צייט

פון אויפרייס: אַ האַלבע שעה נאָכן אַריינטראָגן די לאַדונג. דער צווייטער אָפּאַ־ראַט האָט פאַרזיכערט די „קריגלעך“ פון יעדן פרווו אים אַוועקצונעמען. וועגן טערמין פון דער אָפּעראַציע זענען געווען צוויי פאָרשלאָגן: איינער — וועגן עלף אַזייגער פאַרמיטיק, דער אַנדערער — וועגן דער שעה צווישן פיר און פינף נאָכמיטיק. אין ביידע פאָרשלאָגן איז געווען די זעלביקע אַרגומענטירונג. די קריגלעך „מילך“ קען מען אַריינטראָגן אין רעגירונג־פליגל פון האָטעל נאָר דורכן קאַפע־הויז „דידזשענס“, וואָס געפינט זיך אין קעלער אין דער זייט פון פליגל, וואָס איז פאַרנומען דורך בארקערן און שאַו. אין די שעהן פאַרמיטיק און פאַר־נאַכט איז דאָס קאַפע־הויז געוויינלעך ליידיק. מיטיק צייט פלעגט ער פול ווערן מיט געסט. צווישן די געסט זענען געווען מיליטער־לייט, ציווילע און פרויען. לויטן באַפעל פון זייער קאָמענדאַנט האָבן די בריטישע אָפיצירן שטענדיק גע־טראָגן מיט זיך וואַפן. אונדזערע בחורים האָבן, פאַרשטענדלעך, נישט מורא געהאַט זיך צוזאַמענשטויסן מיט זייערע רעוואָלווערן מיט עטלעכע אָפיצירן פון שונא, אָבער טאַקטישע און מאָראַלישע סיבות האָבן פאַרפליכטעט אויסצומיידן אַזאַ צוזאַמענשטויס. שיסערייען אין „רידזשענס“ קאַפע האָבן געקענט ברענגען קרבנות פון דער ציווילער באַפעלקערונג און אַלאַרמירן גרויסע כוחות פון שונא. דעריבער איז געשטאַנען צום אויסוואַל בלויז איינע פון די שעהן, ווען ס׳זענען נישטאָ קיין געסט אין „רידזשענס“ קאַפע. פון די ביידע האָבן מיר אויסגע־ווילט די פרי־שעה, דאָס הייסט עלף אַזייגער פאַרמיטיק. באַזונדערס, כדי צו קאָאָרדינירן אונדזער אָנגריף מיטן אָנגריף פון לח״י אויף דער געביידע פון „די ברידער דוד“, (ווי די ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט עס גערופן דער בנין פון „עבדך משיחך“). אונדז אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז מען דאַרף דורכפירן ביידע אָפּעראַציעס מיט איין מאָל, וואָרום אויב נישט — וועט איינע פאַרמיידן דאָס דורכפירן די אַנדערע. מיר האָבן אויך באַשטימט אַלע איינצלהייטן פון די וואָרענונגען, וואָס וועלן איבערגעגעבן ווערן, כדי צו פאַרזיכערן די עוואַקואַציע פון האָטעל. ערשטנס, כדי צו דערוויטערן די צופעליקע דורכגייער פון סכנה־געביט, וועט פאַרן אָנגריף עקספּלאָדירן אַ „פּעטאַרדע“, אַ קליינע באָמבע, וואָס מאַכט אָן אַ גרויסן רעש נישט ברענגענדיק קיין שאָדן. צווייטנס, האָבן מיר אויסגעקליבן דריי אַנשטאַלטן, וועלכע וועלן באַקומען פון אונדז די טעלעפאָנישע וואָרענונג, באַלד נאָכדעם ווי די בחורים וועלן זיך אָפּטראָגן פון האָטעל־קעלער. דאָס זענען געווען: די לייטונג פון קעניג־דוד־האָטעל, די רעדאַקציע פון „פּאַ־לעסטיין פּאָסט“ און דער פראַנצויזישער קאָנסולאַט, וואָס זיין געביידע איז גע־שטאַנען נאָענט צום האָטעל. דריטנס, נעבן די „מילך קריגלעך“ וועלן אַוועקגע־לייגט ווערן וואָרענונגס־שילדלעך אין ענגליש: „נישט רירן, מינעס!“ כדי צו פאַרמיידן אַ צו פריע עקספּלאָזיע, אין פאַל ווען די בריטישע ספּעציאַליסטן וועלן פּרווון צונויפנעמען די לאַדונג, נאָכן דערהאַלטן אונדזער טעלעפאָנישע וואָרע־נונג.

פון ערשטן יולי, דעם טאָג ווען מיר האָבן דערהאַלטן די פאָדערונג פון דער „הגנה" קאָמענדע אויסצופירן ווי אַמשנעלסטן דעם „טשיק" ביזן טאָג ווען דער אָנגריף איז דורכגעפירט געוואָרן, זענען אַריבער מער ווי דריי וואָכן.

אין משך פון דער צייט האָבן מיר געהאַט אייניקע באַגעגענישן מיט די פאָרשטייער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און ס'איז אויך פאָרגעקומען די „טעכנישע באַגעגעניש" צווישן די אָפּעראַציע־שעפן פון דער „הגנה" און פון אצ"ל. מיר האָבן זיך נישט געניטיקט אין דעם די גאַנצע צייט, כדי צו פאַרענדיקן אונדזערע הכנות. מיר זענען אייגנטלעך געווען שוין גרייט דעם צענטן יולי. נאָר איין מאָל האָבן מיר אָפּגעלייגט צוליב דער בקשה פון לח"י, וועלכע איז נאָך נישט געווען גרייט אויסצופירן דעם פלאַן פון „עבדך משיחך". צוויי אָדער דריי מאָל האָבן מיר אָפּגעלייגט דעם אָנגריף לויט דער בקשה פון דער „הגנה". די דאָזיקע פאַרלענגערונגען זענען געווען זייער געפערלעך. מיט יעדן נייעם טערמין איז ברייטער געוואָרן דער קרייז פון די מענטשן, וועלכע האָבן געוווּסט וועגן פלאַן. אונדזערע בחורים האָבן טאַקע געלערנט צו שווייגן, אָבער מיר האָבן געמוזט אָפּהיטן די פאָרזיכטיקייט־געזעצן פון אונטערגרונט. אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אונדזערע מענטשן האָט שוין באַקומען די אויפקלערונג וועגן דער אַקציע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געדאַרפט באַטייליקן, און יעדע ווייטערע אָפּלייגונג האָט געקענט שטעלן אין געפאַר נישט נאָר דעם פלאַן, נאָר אויך זיינע אויספירער. דעריבער האָבן מיר פּראָטעסטירט קעגן דעם אָפּלייגן. אָבער מיר האָבן נישט געוואָלט ווידערשפעניקן די ווידערשטאַנד־לייטונג און האָבן זיך גערעכנט מיט אירע אויפקלערונגען, אַז זיי דאַרפן נאָך האָבן אַביסל צייט איבערצופירן געוווער אין פאַל פון נייע רעוויזיעס פון בארקערס חיילות. ס'לעצטע מאָל האָבן מיר אָפּגעלייגט די אַקציע אויפן 19טן יולי. דעם טאָג האָב איך דערהאַלטן אַ צעטל פון משה סנה בזה הלשון:

„שלום.

כ'האָב געהערט פון מיינע חברים וועגן לעצטן געשפּרעך. אויב דו לייגסט נאָך אַכט אויף מיין פערזענלעכער ווענדונג, בעט איך דיך זייער צו אָפּהאַלטן די אַקציעס, וועלכע שטייען אויפן טאָג־אָרדענונג, אויף נאָך אייניקע געציילטע טעג".

מיר האָבן דערפילט אויך די בקשה און דער ענדגילטיק באַשטימטער טערמין, איז געווען דער 22טער יולי. צוליב דעם וואָס לח"י האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע הכנות איז אין לעצטן מאָמענט באַשלאָסן געוואָרן, אַז ס'זאָל דורכגעפירט ווערן בלויז דער אָנגריף אויפן מלך־דוד־האָטעל. צוליב די פאַרהאַנדלונגען צווישן די מפקדים איז אָפּגעלייגט געוואָרן די שעה פון דער אָפּעראַציע. דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן נישט עלף, נאָר עטלעכע מינוט נאָך צוועלף אַזייגער.

אונדזערע שלאַכט־סאָלדאטן אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון גדעון (דעם

ירושלימער) אַנגעטאָן אין קליידונג פון האָטעל־פּאָרטיערן האָבן אויסגעפירט די אַטאַקע מיט גבורה און אויסגעפירט גענוי אַלע אינסטרוקציעס.

זיי האָבן אַריינגעבראַכט די שווערע מילך־קרוגן אין קאָרידאָר פון האָטעל. איין סעקציע האָט אָנגעהויבן אַריינטראָגן די קריגלעך אין קעלער פון האָטעל דורכן קאַפע „רידזשענס". די בחורים האָבן פאַרכאַפּט די אייניקע קאַפע־דינערס און זיי פאַרשלאָסן אין אַ זייטיקן צימער. דאָס פאַרנעמען די פּופצן קעכינס און קעלנערס — די איינציקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין דער צייט גע־דאַרפט געפינען אין קאַפע־הויז — איז געווען „אין פּלאַן". אָבער איבערראשנ־דיק אומגעריכט זענען אַרויסגעשפּרונגען צוויי בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ „פאַרדאַכט" און געפּרוווט מיט אויסגעשטעלטע רעוואָלווערן פאַרהאַלטן די קריגלעך־טרעגער. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אומפאַר־מיידלעך. איין ענגלענדער איז געהרגעט געוואָרן. דער אַנדערער — שווער פאַרוווּנדעט. איין קעמפער אונדזערער איז געפאַלן. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט אין דרויסן, צווישן דער אַנדערער גרופּע אונ־דזערער און די בריטישע פּאַטרולן. צוליבן כאַראַקטער פון דער אַקציע האָבן אונדזערע בחורים נישט געהאַט קיין מאַשין־געווער. זיי האָבן געקעמפט מיט טאַמיגאַנס און רעוואָלווערן. די „דורכברעכער" זענען אָבער אַריבער. דער מפקד אַליין האָט אָנגעשטעלט דעם באַוועגונג־אַפּאַראַט אויף 30 מינוט און האָט אויסגעשפּרייט די וואָרענונגס־שילדן. ווען די אויפגאַבע איז געווען פאַרענ־דיקט, האָט מען באַפרייט די אַרעסטירטע אַראַבישע אַרבעטער פון האָטעל און זיי געהייסן אַנטלויפן, ווייל ס׳וועט באַלד זיין אַ „ברוט" (אַן אויפרייס). זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן מיט געוואַלדן. נאָך זיי איז אַרויס — דער לעצטער — דער מפקד גדעון, וועלכער האָט אויך געשריגן: אַנטלויפט, ראַטעוועט זיך, דער האָטעל וועט אויפגעריסן ווערן! באַלד האָט אויך עקספּלאָדירט די „פּעטאַר־דע", די וואָרענונגס־באָמבע. אין באָמבן־רויך האָבן זיך די בחורים אָפּגעטראָגן. צוליבן רעש וואָס די באָמבע האָט אָנגעמאַכט און די אומדערוואַרטע שיסערייַ זענען פון אָרט אַנטלאָפן אַלע דורכגייער.

דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן בליצשנעל. דער זייגער איז געווען צוועלף מיט צען אָדער עלף מינוט. אין דעם מאָמענט איז גדעון אָנגעקומען אויפן פאָרויס־באַשטימטן אָרט, אין וועלכן אונדזער „טעלעפאָניסטן" האָט גע־וואַרט אויף אַ צייכן. זי האָט באַלד טעלעפאָנירט אין מלך־דוד־האָטעל און גע־וואָרנט, אַז אונטערן האָטעל זענען אונטערגעלייגט געוואָרן אויפרייס־מאַטער־יאַלן, וועלכע וועלן עקספּלאָדירן אין אַ קורצער צייט אַרום. עוואַקואירט תיכף דעם גאַנצן בנין! — האָט אונדזער טעלעפאָניסטן געשריגן צו דער האָטעל־טעלעפאָניסטן. ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דאָס געשפּרעך האָט אונדזער חברה זיך פאַרבונדן מיטן „פּאַלעסטיין־פּאָסט" און געמאָלדן — ווי ס׳האָט באַשטע־טיקט די טעלעפאָניסטן פון דער צייטונג „אַז ס׳זענען געלייגט געוואָרן באָמ־

דער הא
„קינג די
זיץ - פלאַ
דער ענג
הויפט קאָמ
איז אָפּגע
געוואָרן „ו
אַ מעסער"
דעם קאָמע
וואָס איז
מאַכט גע
אין לאָנדאָ
אויבן, ל
סער זשאָן
און געגע
בארקע



בעס אין מלך־דוד־האָטעל און די מענטשן דאָרט זענען אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו עוואַקואירן דעם בנין!״ די דריטע און לעצטע וואָרענונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אין פראַנצויזישן קאָנסולאַט, מיט אַן עצה צו עפענען די פענצטער כדי צו פאַרמיידן די אויפטרייסלונג פון אויפרייס. מצד קאָנסולאַט־מענטשן האָט מען באַשטעטיקט, אַז זיי האָבן דערהאַלטן די וואָרענונג, געפאָלגט אונדזער עצה און ברייט געעפנט די פענצטער פון זייער ביוראָ. דער בנין פון פראַנצויזישן קאָנסולאַט איז נישט געטראָפן געוואָרן.

דער זייגער האָט זיך דערנענטערט צו 12.15 אָדער 12.16. דער מפקד גדעון ציילט די מינוטן. ביז איצט איז אַלץ אויסגעפירט געוואָרן לויטן פּלאַן, אַ חוץ די פאַרלוסטן צוליב דער אומדערוואַרטעטער שלאַכט. די „קריגלעך״ געפינען זיך אין קעלער פון רעגירונגס־פליגל פון האָטעל. אַלע וואָרענונגען האָט מען געגעבן און זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן. די ענגלענדער האָבן שוין זיכער אָנגעהויבן די עוואַקואַציע און וועלן זי גיך פאַרענדיקן, אַזוי ווי זיי זענען זיך נוהג געווען אין אַנדערע ענלעכע פאַלן. נאָר איין פראַגע עקבערט אין מוח: צי איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין פעלער אין פיקסירן דעם אויפרייס־אַפּאַראַט? צי וועט פליען אין דער לופט דער בנין פון דער רעגירונג און בריטישן שטאַב? צי וועלן פאַרניכטעט ווערן די דאָקומענטן וואָס מ׳דאַרף פאַרניכטן? צי איז די גאַנצע מי נישט געווען אומזיסט? צי איז כדאי געווען צו שטעלן זיך אין סכנה?

די מינוטן קריכן. יעדע מינוט איז ווי אַ גאַנצער מעת־לעת. 12.30, 12.32, „דער זעראָ מאָמענט״ דערנענטערט זיך. ס׳איז 12.37, כמעט אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעדרייט דעם „זייגער״ אין די קענדלעך. פּלוצלינג... גאַנץ ירושלים איז אויפגעציטערט געוואָרן. ניין. ס׳איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין פעלער. די „קענדלעך״ זענען אָנגעשטעלט געוואָרן לויטן פּלאַן, אין דער באַשטימטער צייט. די קראַפט פון דער עקספּלאָזיע האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. עס האָט אַ טעות געהאַט יצחק שדה, דער אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה״. גערעכט איז געווען גידי, דער שעף פון די אָפּעראַציעס פון ארגון צבאי לאומי. דער ערשטער האָט געטענהט, אַז די ווירקונג פון אויפרייס־מאַטעריאַל וועט דערגיין נישט מער ווי צום צווייטן אָדער דריטן שטאָק פון האָטעל. גידי האָט דערקלערט, אַז כאָטש אין די „קענדלעך״ האָט מען אַריינגעלייגט נאָר 250 קילאָ פון דינאַמיט, אויסגעמישט מיט ט. נ. ט. און דזשעליניט, וועלן זיי „פאַרכאַפּן״ אויך די אויבערשטע שטאָקן, ווייל דער פאַרמאַכטער קעלער וועט שטאַרקער מאַכן דעם כוח פון די עקספּלאָדירנדיקע גאַזן. די קריגלעך האָבן אַרומגעכאַפּט אַלע שטאָקן, פון קעלער ביזן דאַך. בסך־הכל זיבן שטאָק פון שטיין, בעטאָן און אייזן. עס האָט געציטערט די ערד אין ירושלים. אַ גאַנצער פליגל פון אַ ריזיקער געביידע איז אָפּגעשניטן געוואָרן — ווי לאָנדאָנער ראַדיאָ האָט דעפינירט — „ווי מיט אַ מעסער״.

ג.

אונדזערע שלאַכט־סאָלדאַטן האָבן, נישט געקוקט אויף דער סכנה פאַר זיך, געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט כדי באַצייטנס צו פאַרזיכערן די עוואַקואַציע פון מלך־דוד־האָטעל. אָבער אַנדערע האָבן עס נישט געטאָן. דער האָטעל איז נישט עוואַקואירט געוואָרן, כאָטש ס'איז געווען צייט אַלע פון אים אַרויסצונעמען — ביזן לעצטן מענטשן. און אַ סך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. מער ווי 200 מענטשן זענען געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן די קרבנות זענען געווען הויכע בריטישע אָפיצירן, נאָך וועמען מיר האָבן נישט געטרויערט, אַזוי ווי זיי און זייערע שעפן האָבן נישט געטרויערט נאָך די מיליאָנען פון אונדזערע פאַרטיליקטע ברידער. אָבער מיר האָבן טיף באַדויערט דעם טויט פון פרעמדע בירגער, וועמען מיר האָבן נישט געוואָלט טרעפן, און אַ טרויער איז געווען אין אונדזער האַרצן אויף די פופצן יידישע בירגער, וועלכע זענען אַזוי טראַגיש געפאַלן — און צווישן זיי גוטע פריינד... אונדזער שמחה אז די ריזיקע אָפעראַציע איז געלונגען, איז פאַרשטערט געוואָרן.

פאַרוואָס איז נישט עוואַקואירט געוואָרן דער מלך־דוד־האָטעל? אין דעם טראַגישן קאַפּיטל זענען פאַראַן פאַקטן, וועלכע שטייען אויסער יעדן ספק. ס'איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז די צייטלעכע וואָרענונגען וועגן אויפרייס זענען אָנגעקומען אין אַלע לויטן פלאַן באַשטימטע פלעצער. דער „מיד־איסט־מייל", דער אָרגאַן פון דער בריטישער אַרמיי אין מיטעלן אָריענט, האָט מיטגעטיילט אַז אַ פאָר מינוט נאָך צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט די טעלעפאָניסטן פון מלך־דוד־האָטעל געהערט אַ שטימע פון אַ פרוי, וועלכע האָט געוואָרנט אַז עס זענען אונטערגעלייגט געוואָרן באָמבעס אין האָטעל און מ'זאָל אים תיכף עוואַקואירן. די טעלעפאָניסטן אין רעדאַקציע „פּאַלעסטיין פּאָסט" האָט עדות געזאָגט אונטער אַ שבועה אין דער פּאָליציי, אַז 12.15 האָט זי באַקומען די וואָרנונג און האָט באַלד טעלעפאָנירט צום דיזשורירנדיקן באַאַמטן אין דער פּאָליציי־צענטראַלע און אים איבערגעגעבן דעם ענין. דער „אשנב", דער האַלב־לעגאַלער אָרגאַן פון דער „הגנה", האָט איבערגעגעבן אַט־וואָס אויפן יסוד פון דערקלערונגען פון אַ גלויבנסווערדיקן מענטש, וועלכער האָט זיך געפונען אין מלך־דוד־האָטעל ביים אויפרייס: „ווען איך האָב געהערט דעם רעש פון אויפרייס, וואָס איז געקומען פון דער וואָרענונג־באָמבע, האָב איך באַשלאָסן אַז מ'דאַרף אַרויסגיין פון בנין. אַזוי ווי איך, האָבן נאָך אַ סך אַנדערע געפּרוווט אַרויסגיין אין דרויסן, נאָר די פּאָליציי האָט נישט געלאָזט אַרויסגיין שיסנדיק אין דער ריכטונג פון די, וועלכע האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען". ישראל גלילי האָט מיר דערציילט, אַז די אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער „הגנה" האָט באַקומען פון אַ באַגלויבטער קוועלע אַ באַשרייבונג פון דעם ווערטער־אויסטויש, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן פּאָליציי־אָפיציר און דעם גענעראַל־

סעקרעטאַר פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל. דער פּאָלי־ציי־אָפיציר האָט טעלעפאָניש מיטגעטיילט שאָון (זיכער אויפן סמך פון אונ־דזער וואָרענונג וואָס די טעלעפאָניסטן פון „פּאַלעסטיין פּאָסט״ האָט איבער־געגעבן דער פּאָליציי) אַז „די יידן זענען מודיע, אַז זיי האָבן אונטערגעלייגט באָמבעס אין מלך־דוד־האָטעל און זיי פאָדערן תיכף־ומיד צו עוואַקואירן די געביידע. אָבער שאָו האָט געענטפערט: „איך געפין מיך דאָ נישט צו באַקו־מען באַפעלן פון די יידן. איך גיב זיי באַפעלן״!

די אנטשיידנדיקע גביעת־עדות האָט געגעבן דער פּאָליציי־אָפיציר טייַ־לאָר. דעם אויספאָרשונג־ריכטער האָט ער דערקלערט:

„דעם 22טן יולי 1946, אַזייגער 12.15, האָט דער אַליאַרם־גלאָק פון מלך־דוד־האָטעל געקלונגען אין דער צענטראַלער טעלעפאָן־סטאַציע. כ׳האָב באַלד געשיקט אַ ראַדיאָ־אויטאָ, צו זען וואָס ס׳איז געשען. 12.20 אַזייגער האָב איך געהערט אַן אויפרייס פון דער זייט פון קעניג־דוד־האָטעל און כ׳האָב געבראַכט אין באַוועגונג די שטאָטישע אַליאַרם־סירענע. 12.31 איז געגעבן געוואָרן דער באַרואיקונגס־סיגנאַל. פינף מינוט נאָכדעם איז געקומען דער גרויסער אויפ־רייס...

אָן ספק, אַז אין די קריטישע מינוטן האָבן זיך אַ סך באַאַמטע געאיילט אַרויסצוגיין פון האָטעל. ס׳איז נישטאָ קיין ספק אַז אין די 25־27 מינוט, וואָס זענען געשטאַנען אין רשות פון דער בריטישער רעגירונג, האָט מען אין דרויסן געקענט אַרויספירן אַלע מענטשן. און ס׳איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז פינף מי־נוט פאַר דער ג ר ו י ס ע ר ע ק ס פּ ל אָ ז י ע איז געגעבן געוואָרן „דער באַרואיקונגס־סיגנאַל״ און אַ ב פ י ר ו ש ע ר ב אַ פ ע ל בשום אופן נישט צו פאַרלאָזן די רעגירונג־ביוראָס און דעם האָטעל. צו וואָס איז געגעבן געוואָרן דער אומגליקלעכער באַפעל? ווער איז פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך?

די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון יעדער אויספאָרשונג וועגן דעם. אמת, שאָו איז באַלד אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין פּאָסטן און איז אַרי־בערגעפירט געוואָרן אין וויייטן טרינידאַד. אויך גענעראַל באַרקער, וואָס האָט זיך באַרימט אַז ער וועט צעברעכן דעם רוקנביין פון יידישן ווידערשטאַנד, איז צוריקגערופן געוואָרן קיין לאָנדאָן. ער האָט נאָך באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זיין באַקאַנטן נאַצישן באַפעל צום מיליטער, אין וועלכן ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„איך בין פעסט אַנטשלאָסן דערפאַר, אַז די יידן זאָלן באַשטראָפט ווערן און דערפילן אונדזער עקל פאַר זייער אויפפירונג. זאָלן מיר זיך נישט לאָזן פאַרפירן דורך די צביעותדיקע מיטגעפיל־אויסדריקן, וואָס זייערע פירער און אינסטיטוציעס האָבן געמאַכט און דורך זייערע פאַרזיכערונגען, אַז זיי טראָגן נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט און קענען נישט צוימען די טעראָריסטן. איך חזר איבער און זאָג: אויב די

יידישע געזעלשאַפט וואָלט אויף אַן אמת געוואָלט אָפּשטעלן די פֿאַרברעכנס, וואָלט זי עס געקענט טאָן דורך קאָאָפּעראַציע מיט אונדז. דעריבער האָב איך באַשלאָסן אַז פֿון היינט אָן זאָלט איר מער נישט באַזוכן די יידישע פֿאַרוויילונגס־ערטער, קאַפֿע־הייזער, רעסטאָראַנען, געשעפֿטן און יידישע פּריוואַטע הייזער. קיין שום בריטישער סאָלדאַט זאָל נישט האָבן קיין קאָנטאַקט מיט יידן. איך פֿאַרשטיי אַז אַזעלכע מאָסמיטלען וועלן שאַפֿן שוועריקייטן פֿאַר די סאָלדאַטן. אָבער כ׳בין זיכער, אַז אויב מ׳וועט זיי אויפֿקלערן מיינע אַרגומענטן, וועלן זיי פֿאַרשטיין זייער פֿליכט און וועלן באַשטראָפֿן די יידן אין דער פֿאָרעם וועלכע אָט די ראַסע האָט עס פֿיינט מער ווי אַלע אַנדערע ראַסעס: דורך קלאַפּן איבער זייערע קעשענעס און דורך דעמאָנסטרירן אונדזערע עקל־געפֿילן צו זיי".

דער באַפֿעל צו דער בריטישער אַרמיי אין לאַנד איז אָנגעקומען צו אונדזער אינפֿאָרמאַציע־דינסט אין טאָג ווען ער איז אַרויס פֿון באַרקערס פֿאַרגיפֿטעטער פֿעדער. מיר האָבן דעם באַפֿעל באַלד פֿאַרעפֿנטלעכט אומעטום. זיין עקלהאַפֿטער אינהאַלט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם איבער דער גאַנצער וועלט. כ׳בין זיכער אַז באַרקער, דער פּערזענלעכער פֿריינד פֿון בריטישן הויפּט־קאָמאַנדיר מאָנטגאָמערי איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פֿון זיין אַמט נישט צוליבן באַפֿעל וואָס ער האָט געגעבן, נאָר צוליב דעם וואָס מיר האָבן דעם באַפֿעל באַצייטנס פֿאַרעפֿנטלעכט.

פֿון די אַלע עדות איז מען געקומען צו דער באַהויפּטונג, אַז שאָו האָט ביי־וויליק נישט דורכגעפֿירט די עוואַקואַציע, כדי גורם צו זיין, צוליב פֿינצטערע חשבונות, צו דער גרויסער הריגה. נאָך לאַנגיאָריקער באַטראַכטונג מיין איך, אַז די סברה איז נישט קיין ריכטיקע. איך מיין אַז מ׳האָט נישט עוואַקואירט דעם האָטעל, ווייל די ענגלענדער האָבן פֿאַרלוירן די נערוון ביים אָנגריף אויף זייער רעגירונג און גענעראַל־שטאַב. שאָו און באַרקער האָבן זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן אַז מיר וועלן וואַגן אָדער קענען זיך אַריינרייסן אין זייער פֿון אַלע זייטן באַשיצטן און פֿאַרפֿעסטיקטן צענטער. זיי האָבן טאַקע באַקומען די וואָרענונגען, אָבער אין זייער גאווה האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס זענען בלויז פֿאַלשע וואָרענונגען. אפֿשר האָבן זיי געמיינט, אַז דער גאַנצער אָנגריף איז געווען דער וואָרענונג־אויפֿרייס פֿאַרן האָטעל. אפֿשר האָבן זיי געמיינט, אַז דער גאַנצער רעש איז געווען רעזשיסירט, כדי צו דערנידעריקן דעם בריטישן פּרעסטיזש אין די אויגן פֿון דער וועלט, כדי צו צווינגען די צענטראַלע בריטישע רעגירונג און דעם גענעראַל־שטאַב פֿון דער בריטישער אַרמיי אַרויסצולויפֿן אין דרויסן פֿון שרעק פֿאַר יידישע באָמבעס? דער בריטישער פּרעסטיזש האָט אָנגעצונדן שאָוס און באַרקערס בלוט. איך גיב באַפֿעלן די יידן, האָט שאָו געענטפֿערט דעם פּאָליציי־אָפֿיציר אויף צו להכעיס דער

שטרענגער וואָרענונג, באַפעלט ער צו שליסן די טירן און פאַרמאַכן די פענצ־טער, אַבי מ׳זאָל נישט זען קיין סימנים פון שרעק ביי די „הויכע באַאַמטע און אָפיצירן פון זיין מאַיעסטעט״.

פאַרשטענדלעך, אַז אויך מיין סברה איז נישט מער ווי אַ סברה. אַלנפאַלס איז קלאָר, אַז מיר האָבן אַלץ געטאָן, דער האָטעל זאָל באַצייטנס עוואַקוּאירט ווערן, און די וואָרענונג אונדזערע איז אָנגעקומען צו דער צייט. נאָר אימיצער האָט באַפוילן נ י ש ט צו פאַרלאָזן דעם האָטעל. אָבער די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט, מ׳זאָל וויסן אָט די אמתן. די ענגלענדער — און נישט נאָר די ענגלענדער — האָבן פאַרדעקט די גאַנצע וועלט מיט פאַלשע מעשיות. פון וועל־כע די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אויפגעשטעלט. צו דער דיספּאָזיציע פון די הע־צער איז געשטאַנען אַ ריזיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט. מיר האָבן בלויז געהאַט די באַשיידענע אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס. און די פּראָקלאַמאַציעס האָבן באַ־זיגט די מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַטן. ווי אַזוי? פּשוט: מיטן כוח פון אמת.

ד.

ג׳ישט לייכטער איז געווען דער א י נ ע ר ל ע כ ע ר פראָנט וואָס האָט געקעמפט פאַרן אמת. אין טאָג פון אָנגריף האָבן מיר נישט פאַרעפנטלעכט קיין מעלדונג, ווייל מיר זענען געווען געבונדן מיט דער בקשה פון דער „הגנה״ נישט צו פאַרעפנטלעכן „וועלכע קערפערשאַפט עס האָט אויסגעפירט דעם אַקט — נישט במפורש און נישט מיט אַ ווונק״. אָבער אין די קרייזן פון דער „הגנה״ איז אַנטשטאַנען אַ מהומה. איר פּרעסע־שעף האָט איבערגעגעבן סתירהדיקע דערקלערונגען. אין אָנהייב האָט ער געעצהט דער פּרעסע בשום אופן נישט צו טאַדלען די אַקציע, געבנדיק אַן אומצווייטייטיקן רמז, אַז די „הגנה״ האָט געוווסט פון פאָראויס וועגן אָנגריף אויפן האָטעל. פאַרנאַכט, ווען ס׳איז באַקאַנט גע־וואָרן, אַז ס׳זענען פאַראַן פיל פאַרלוסטן אין מענטשלעכע לעבנס, האָט ער גע־ראָטן נישט צו שרייבן וועגן ענין, נישט צום בייזן און אויך נישט צום גוטן. די דריטע מעלדונג איז געווען — צו טאַדלען, ענערגיש צו טאַדלען די „דיסי־דענטן״.

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די טאַדלונגען. אונדזער קליין לענדל האָט נאָך נישט געזען אַזאַ אויסברוך פון פּרעסע־היסטעריע און זעלבסט־שמייסעריי. צום אָרקעסטער פון פאַראורטייל איז פון דערוויַיטן צוגעטראָטן ה׳ בן־גוריון. אָבער אומפאַרשטענדלעכער פון אַלץ איז געווען די אויפפירונג פון דער „הגנה״. טראָץ דער פאָדערונג „נישט צו פאַרעפנטלעכן ווער ס׳האָט אויסגעפירט די אָפּעּ־ראַציע״ האָב איך אין די אָוונט־שעהן פון 22טן יולי דערהאַלטן אַ צעטל פון גליי־לין, בכן ער בעט מיך מודיע צו זיין עפנטלעך, אַז דער ארגון־צבאי־לאומי האָט עס אויסגעפירט דעם אָנגריף אויפן מלך־דוד־האָטעל. גלילי האָט צוגעגעבן אַז די

„הגנה" פון איר זייט וועט נישט פאַרעפנטלעכן קיין קאָמוניקאַט. מיר זענען נאָכגעקומען די ביטע פון דער „הגנה" און באַלד פאָרמולירט אַ מעלדונג מיט די פאַקטן וועגן אַלץ וואָס ס'איז געשען אין קעניג־דוד־האָטעל. נאָר איין פאַקט האָבן מיר נישט דערמאָנט, אַז די „הגנה" האָט דעם ערשטן יולי פון אונדז גע־פאָדערט אויסצופירן דעם „טשיק". די „הגנה" אָבער האָט איר הבטחה נישט דערפילט. אויף צו מאָרגנס, דעם 23טן יולי, האָט דער ראַדיאָ „קול ישראל" טראַנסמיטירט אַ פּילדייטיקע מעלדונג: „די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג טאַדלט די גרויסע הריגה וואָס די אַקציע פון די דיסידענטן אין מלך־דוד־האָטעל האָט גורם געווען". „טאַדלט", „דיסידענטן"... דאָס איז דאָס ערשטע מאָל נאָך פיל חדשים, ווי דער פאַרשטייער פון דער „הגנה" האָט זיך באַנוצט מיטן טער־מין „דיסידענטן". און אונדזער אויער האָט דערהערט דעם ווונק. דער ווונק איז געווען נישט בלויז אומפּאַראַנטוואָרטלעך, נאָר אויך אוממאָראַליש. זיך אַרויס־דרייען פון טראָגן די אחריות איז אויך קעגן דער מאָראַל.

דעם זעלביקן טאָג דעם 23טן יולי האָט גלילי מיר געשיקט אַ פּערזענלעכן בריוו, אין וועלכן ס'איז געווען אַ טאָן פון פאַרענטפערן זיך פאַר דעם וואָס ס'איז געשען צווישן אונדז און אַ טיפע זאָרג פאַר דער צוקונפט. גלילי, וואָס האָט דעמאָלט איבערגענומען פון סנהן די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער „הגנה", האָט גע־שריבן:

„צו מ. שלום רב.

די שווערע פאָלגן פון אייער טעטיקייט אין ירושלים האָבן גע־בראַכט צו אַן אומפּאַראויסגעזעענער אַנטוויקלונג. די רעגירונג פון דער פרעסע האָט זיך נישט גערעכנט מיט אונדזער דירעקטיוו און איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונ־גען.

די לאַגע קען ברענגען צו טראַגישע און ערנסטע קאָמפּליקאַציעס פאַר דער פאַרזעצונג פון געראַנגל. כדי דאָס צו פאַרמיידן איז נייטיק אַז מיר זאָלן זיך ביידע באַגעגענען ביינאַכט (23.7.1946, צוויי אַזייגער).

איך בעט דיך זיך צו באַמיען און קומען. כ'וועל וואַרטן אויף דיר דאָרט ווו מיר האָבן זיך געטראָפן דאָס לעצטע מאָל. אונדזער היינטיקע באַגעגעניש דאַרף קומען פ אַ ר אונדזער מאָרגנדיקער טרעפונג".

י.—ל.

איך בין געגאַנגען זיך טרעפן מיט גלילין. אין מיין האַרצן איז געווען אַ גרויסער ווייטיק. אָבער גלילי האָט אים נישט געזען. כ'האָב אים אויסגעמוסרט צוליב דער שטעלונג פון דער פרעסע און ער האָט ווייטער געטענהט, אַז די

פּרעסע „איז אַרויס פון די ראַמען". זי האָט זיך דאָס מאָל נישט גערעכנט מיט די דירעקטיוון פון דער „הגנה" קאָמאַנדשאַפט. בעיקר אָבער האָב איך אָנ־געגריפן די געשמאַקלאָזע ראַדיאָ־טראַנסמיסיע אין „קול ישראל". וואָס באַטייט דאָס? — האָב איך געפרעגט גלילין. צי ווייסט איר נישט, ווער און וואָס ס'האָט געבראַכט צו דער „גרויסער הריגה"? פאַרוואָס „טאַדלט" איר אונדז? דער פּלאַן איז דאָך געווען אָן אָפּגעמאַכטער און די בחורים האָבן אויסגעפירט אַלע אָנווייזונגען און ס'איז באַצייטנס געגעבן געוואָרן אַ וואָרענונג — פאַר־וואָס דערציילט איר נישט דעם אמת?

דעמאָלט האָט גלילי מיר איבערגעגעבן די ידיעה, וואָס די אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער „הגנה" האָט באַקומען וועגן דעם טעלעפאָן־געשפּרעך צווישן בריטישן פּאָליציי־אָפיציר און שאָון. אויף מיין פאָדערונג האָט גלילי צוגע־זאָגט, אַז שאָוס ווערטער וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער נאָענטסטער טראַנסמיסיע פון „קול ישראל". ער האָט מיר געבעטן, אַז פון אונדזער זייט זאָלן נישט קומען „קיין שום עפנטלעכע מעלדונגען, וועלכע קענען נאָר קאָמ־פּליצירן די לאַגע". איך האָב מסכים געווען. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אינ־טערעס צו ברענגען צו אַ גרעסערער בהלה אין די אינסטיטוציעס, וועלכע זע־נען אויך אָן דעם געוויס דערשראָקן, און מיר האָבן זיי נישט געוואָלט ברענגען שאָדן.

און דאַן — דאָ איז געקומען די גרויסע איבערראַשונג — האָט גלילי אַרויסגענומען אַ צעטעלע פון קעשענע און מיר געגעבן איבערצולייענען. דאָס איז געווען אַ צעטל פון יצחק שדה צו גלילין. איך האָב עס געלייענט און אין מיינע אויגן איז כמעט פינצטער געוואָרן. נישט מער און נישט ווייניקער: שדה האָט געטענהט, אַז מיר האָבן אים אָפּגענאַרט, אַז גידי האָט אים געזאָגט באשר דער אָנגריף וועט פאָרקומען צווישן צווי און דריי נאָכמיטיק, דאָס הייסט בשעת דער מיטיק־פּויזע, ווען ס'זענען בכלל נישטאָ קיין מענטשן אין די רעגירונגס־ביוראָס. ווי קען מען אַרבעטן מיט אַזעלכע מענטשן, — האָט מיט פּאַטאָס געפרעגט דער אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה" און דער פירער פון פּלמ"ח, יצחק שדה.

כ'האָב גלילין געזאָגט אויפן אָרט, אַז דאָס וואָס איז געשריבן אין צעטל, קען נישט האָבן קיין אַחיזה אין דער ווירקלעכקייט. מיר האָבן אַ סך מאָל באַהאַנדלט דעם פּלאַן פון אָנגריף אויפן רעגירונגס־צענטער און קיין איין מאָל איז נישט געבראַכט געוואָרן קיין פאָרשלאַג עס אויסצופירן אין די מיטיק־שעהן. גידי האָט זיך געטראָפן מיט שדהן, נאָכדעם ווי ס'איז באַשטימט גע־וואָרן די שעה פון אָנגריף און ער האָט מיר נאָכדעם איבערגעגעבן אַ גענויען באַריכט וועגן דער באַגעגעניש. וואָלט גידי באַקומען אַ פאָדערונג דורכצופירן די אַטאַקע אַזייגער צוויי, וואָלט ער זי זיכער אונדז מיטגעטיילט. אָבער מיר האָבן קיינמאָל דערפון נישט געהערט.

גלילי האָט צוגעזאָגט צו פרעגן זיין אָפּעראַציע־שעף גענויע פּרטים און אויך מיר געבעטן דורכצופירן אַן אויספאָרשונג. איך האָב געענטפערט אַז כ׳וועל זיכער פרעגן גידין און אויב יצחק שדה וועט זיך האַלטן ביי דאָס זיי־ניקע וועלן מיר דורכפירן אַ קאָנפראָנטאַציע אין אונדזער אַנוועזנהייט צווישן ביידע אָפּעראַציע־שעפן. גלילי האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאָג.

נישט ווייניק טעג זענען אַריבער, ביז דער „קול ישראל״ האָט פאַרעפנט־לעכט שאַוס ווערטער וועגן „געבן באַפעלן די יידן״. ס׳איז נייטיק געווען אַ דרוק פון שיקן צעטלעך צו גלילין צו באַוועגן די „הגנה״־ליטונג זי זאָל פאַר־עפנטלעכן אַן אמת, וואָס זי אַליין האָט אונדז געבראַכט פון אירע קוועלן. די אַלגעמיינע פּרעסע האָט זיך „ווייטער נישט גערעכנט מיט די דירעקטיוון פון דער „הגנה״. און מיר האָבן געשוויגן „לטובת דעם געמיינזאַמען ענין פון קאַמף״.

ס׳איז פאָרגעקומען די קאָנפראָנטאַציע צווישן די אָפּעראַציע־שעפן פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. פון דער „הגנה״ זענען געווען גלילי און שדה; פון אונ־דזער צד זענען געקומען גידי, אברהם און איך. נאָך פאַר דער באַגעגעניש האָב איך גערעדט ביחידות מיט גידין. ער האָט מיר אויפגעקלערט מיט דערשטוי־נענדיקן געלעכטער, אַז שדה האָט אים קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן דער שעה פון אָנגריף און ביי זייער באַגעגעניש האָט מען בכלל נישט גערעדט וועגן דער צייט. מ׳האָט נאָר גערעדט וועגן דעם דינאַמיט און זיין מעגלעכע וויר־קונג. מ׳האָט געשמועסט וועגן דער צייט צו עוואַקואירן דעם האָטעל און וועגן אַנדערע פּרינציפּיעלע זאַכן פון אָנגריף גופא. שדה האָט זיך, ווי געוויינלעך, נישט אינטערעסירט מיט די איינצלהייטן. און דער פּרט ווען דער אָנ־גריף וועט דורכגעפירט ווערן איז אפילו נישט דערמאָנט געוואָרן.

איך האָב שוין מער נישט געהאַט קיין ספק, ווער פון ביידע עס איז גערעכט. אָבער ביי דער אויספאָרשונג האָב איך געשטעלט פראַגעס ביידן, שדהן און גידין, מיט פולער גלייכקייט. אפשר — האָב איך מיר געטראַכט — איז דאָ געווען אַ מיספאַרשטענדעניש? גלילי און איך האָבן זיי ביידע געשטעלט אַ פראַגע נאָך אַ פראַגע. גלילי האָט זיך אַביסל געבייזערט, ווען שדה האָט אים געזאָגט אַז ער אינטערעסירט זיך נישט מיט די „פּרטים״ פון אונדזערע אָפּע־ראַטיווע פּלענער.

— אויב אַזוי, וואָס אינטערעסירט דיך יאָ אין די פּלענער? — האָט גלי־לי געפרעגט מיט נישט־באַהאַלטענעם רוגז.

שדה האָט געענטפערט אַז ער אינטערעסירט זיך מיט די אַלגעמיינע טאַק־טישע יסודות, און גלילי האָט צו אונדז געזאָגט גוטמוטיק:

סוף־כל־סוף, צווייפלט ער נישט אַז איר קענט די מלאכה!...

די ערשטע קאָנפראָנטאַציע האָט נישט געבראַכט צו פאָרמעלע מסקנות, און מיר האָבן געפאָדערט צו ענדיקן די אויספאָרשונג און מאַכן אַ משפט

צווישן אונדז און דער „ווידערשטאַנד באַוועגונג". מיר האָבן פאָרגעשלאָגן אַלס אויבערשטן בורר יצחק גרינבוימען, אָדער ד"ר מאגנעסן, אָדער טאבעגקינען. אונדזער פאָרשלאָג איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

איין וויכטיקער פּרט — אפשר אַן אַנטשיידנדיקער — איז קלאָר געוואָרן בשעת דער טרעפונג צווישןביידע אָפּעראַציע־שעפן אין דער אָנוועזנהייט פון זייערע קאָמענדאַנטן. גידי האָט דערמאָנט דעם פּרט און שדה האָט אים באַשטעטיקט. גידי האָט געפרעגט:

— צי געדענקסטו אַז איך האָב דיר געזאָגט אַז בשעתן אָנגריף וועלן נישט זיין קיין געסט אין קאַפע „רידזשענס", און מיר וועלן דאַרפן באַהערשן אַ פּופּצן אַראַבישע קוכערס און קעלנער?

— יאָ. דאָס האָסטו מיר געזאָגט און דאָך בין איך זיכער, אַז ס'איז צווישן אונדז אָפּגעמאַכט געוואָרן אַז דער אָנגריף וועט דורכגעפירט ווערן בשעת דער מיטיק־פויזע.

ביידע זאַכן זענען קעגנזעצלעכע. ס'איז דאָך בפירוש גערעדט געוואָרן, אַז מ'זאָל אָנגרייפן אין אַ שעה, ווען אין קאַפע זענען נישטאָ קיין געסט. און דווקא ביי מיטיק ווערט דאָך „רידזשענס" פול מיט מיליטערישע און ציווילע געסט.

מ'זאָגט, אַז יצחק שדה האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מיליטערישן מוט בשעת די קאַמפן מיט די אַראַבער. איך קען נישט און וועל עס נישט אָפּלייקענען. אָבער ס'איז מיין פליכט צו זאָגן, אַז אין קאַפּיטל פון מלך־דוד־האָטעל האָט דער פירער פון פּלמ"ח אַרויסגעוויזן אַ סך אייגנשאַפטן אַ חוץ איינע: ציווילן מוט! וואָס האָט באַוויגן יצחק שדהן זיך נוהג צו זיין אין די טעג פון מלך־דוד־האָטעל אַזוי, ווי ער האָט זיך נוהג געווען? צי האָט ער מורא געהאַט טאָמער וועט אויף אים אַרויפגעוואָרפן ווערן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס ס'איז געשען אין די אַמטן פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און אַרמיי? אָדער אפשר האָט ער געצייטערט אַז מיר וועלן אויסזאָגן, אַז ער האָט אַקצעפּטירט דעם פּלאַן פון אָנגריף, דעם פּלאַן מיט אַלע הויפּט־פּרטים? ה' שדה האָט אונדז ווארשיינלעך, נישט געקאָנט אָדער אונדז געקאָנט פון די הערצעגעשיכטעס, וועלכע ער אַליין האָט וועגן אונדז דערציילט דער יוגנט.

אַ חוץ די זידלערייען און שקרים, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן אָנגריף אויף בארקערס שטאַב און שאָוס סעקרעטאַריאַט, האָט מען דערציילט אין דער וועלט, אַז אין רעזולטאַט פון די „שרעקלעכע מעשים אין מלך דוד האָטעל" האָט די „הגנה" איבערגעריסן אירע באַציאונגען מיט אונדז. אויך די השערה איז אַ ליגן. די באַציאונגען מיט אונדז? כ'גלויב, אַז די באַציאונגען זענען קיינמאָל נישט געווען ענגער צווישן אונדז ווי גראַד אין יענע טעג, נאָכן אָנגריף אויפן האָטעל. די סיבות זענען פאַרשטענדלעך. אַ לאַנגע צייט נאָך האָבן מיר געמיינזאַם געמאַכט קריגס־פּלענער. אין אויגוסט

1946 האָבן מיר געוואָלט דערטרינקען איינע פון די בריטישע דעפּאָרטאַציע־שיפן, וואָס האָבן געאַנקערט אין חיפהער פּאָרט. מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, פאָרגעשלאָגן אונדזער פּלאַן אַז „הגנה״־לייטונג זאָל אים אַקצעפּטירן. פאַר קאַמופלאַזש־צוועקן האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן דעם פּלאַן לאָנטש (פון ענגלישן וואָרט launch אַ שיף). און כדי נאָך מער צו קאַמופלאַזשירן האָבן מיר עס פּשוט גערופן „ה׳ לונץ״. דעם 17טן אויגוסט 1946, כמעט אַ חודש נאָך דער „טשיק״־אָפּעראַציע, האָט מיר גלילי (ירמיהו) געשיקט אָט־דעם בריוו:

„יחזקאל״,

איך אייל מיך דיר צו ענטפערן וועגן לונצן. איך אונטערשטרייך נאָך אַמאָל, אַז מיט לונצס ענין באַשעפטיקט מען זיך זייער פּלייסיק און איך וואָרן פאַר אַ שטערונג, וואָס קען ברענגען אומגליק. און מכוח דיין טענה, אַז דאָס איז געווען אייער פאָרשלאָג — פון ווען אָן גיט עס אַ פאָרשלאָג דאָס רעכט פון בכורה, באַזונדערס ווען דער פאָרשלאָג־געבער איז נישט מחויב צו וויסן אַז מיט זיין פאָרשלאָג באַשעפטיקט מען זיך שוין פון לאַנג, נאָך איידער ער האָט אים געבראַכט?

וועגן די אַנדערע זאַכן וועל איך ענטפערן אומגעזוימט.

ירמיהו.

ניין. צוליבן מלך־דוד־האָטעל זענען נישט איבערגעריסן געוואָרן די באַציאונגען צווישן דער „הגנה״ און ארגון צבאי לאומי. דער קעניג־דוד־האָטעל האָט נאָר באַלויכטן די דאָזיקע באַציאונגען. מיר האָבן אויסגעפירט דעם אָנגריף אויפן צענטער פון דער בריטישער מאַכט מיט דער הסכמה פון דער „הגנה״ און לויט איר ביטע. אָפּגעזען פון דעם האָט מען געזאָגט וואָס מ׳האָט געזאָגט און געשריבן וואָס מ׳האָט געשריבן און לויט דער ביטע פון דער „הגנה״ האָבן מיר אויף זיך גענומען די אחריות פאַרן אָנגריף. און מיר האָבן געשוויגן. די באַציאונגען צווישן דער „הגנה״ און דעם אונטערגרונט זענען איבערגעריסן געוואָרן עטלעכע חדשים נאָכן קאַפּיטל מלך־דוד־האָטעל. זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן צוליבן אָפּשטעלן דעם קאַמף, וועגן וואָס עס האָט באַשלאָסן אין איינע פון די האַרבסט־נעכט איינער פון די „אַרעסטירטע אין פּאַריז״.

ה.

דאָס קאַפּיטל פון קעניג־דוד־האָטעל האָט געהאַט אַן אַנדערן סיום. נאָך לאַנגע הכנות זענען די ענגלענדער אַרויף מיט אַ ריזיקן כוח אויף תל־אביב, כדי צו געפינען די „טעראָריסטן״ און אויסוואָרצלען דעם „טעראָר״.

אין אויגוסט 1946 איז תל־אביב מיליטעריש דעראָבערט געוואָרן דורך צוויי דיוויזיעס בריטישע אינפאַנטעריע און פאַנצער־כוחות באַגלייט פון פיל אַגענטן און פּאָליציסטן. אַ הויז־אַרעסט טאָג און נאַכט. „ווער ס'וועט אַרויסגיין פון זיין שטוב — וועט דערשאָסן ווערן"! זוכונגען פון הויז צו הויז. מאַסן־אידענ־טיפיקאַציעס אין שטייגן. קיינער וועט זיך נישט אַרויסדרייען. יעדעס הויז וועט דורכגעזוכט ווערן, יעדער איינער וועט אויסגעפּרעגט ווערן!

אַזוי האָט באַפוילן גענעראַל קאַסעלס, וועלכער האָט קאָמאַנדירט מיט די כוחות פון „זיין מאַיעסטעט" אין דער באַלאַגערטער תל־אביב. דער בריטישער גענעראַל האָט זיך אויך געקליגלט און געהייסן אומעטום מיטטיילן, אַז די איצ־טיקע רעוויזיעס זענען נישט געריכטעט קעגן דער „הגנה", נאָר „בלויז" קעגן ארגון צבאי לאומי און לח"י. נישט קיין ספק האָט דער גענעראַל געכאַפּט אין זיין נעץ. אָבער עס זענען געווען אַביסל נאַאיווע. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי לעבן נישט אין 1944 נאָר אין 1946. ווען די בריטישע סאָלדאַטן האָבן זיי אָנגעהויבן פאָרשן, האָבן די דאָזיקע נאַאיווע שנעל געענטפערט:

— איך בין פון אצ"ל. איך בין פון דער „הגנה".

— וואָס? האָבן באַרקערס חיילות געשריגן — פון דער „הגנה"? און אין לאַטרון און רפיח זענען צוגעקומען געסט, וועלכע האָבן זיך אויסגעניכטערט ערשט הינטער די דראָט־פאַרצוימונגען.

אָבער קלאָר, נישט זיי האָבן געזוכט די גענעראַלן קאַסעלס און באַרקער און דזשיילס און קעטלינג. און זיי האָבן געזוכט, אָבער נישט געפונען. ,

פאַרנאַכט, איידער ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער באַלאַגערונג־צושטאַנד פון תל־אביב, האָבן מיר באַקומען אַ קאָנפידענציעלע ידיעה וועגן רעוויזיעס, וועלכע וועלן בקרוב פאָרקומען. דער מקור פון דער אינפאָרמאַציע איז געווען אַ גלויבנסווערטע, אָבער די ידיעה אַליין איז געווען מיט רעזערוואַציעס. על־פּי צופאַל האָבן מיר זיך דעם אָוונט געטראָפן מיט די פירער פון לח"י. מיר האָבן זיי איבערגעגעבן די ידיעה, אַזוי ווי מיר האָבן זי באַקומען. צוליבן „אפשר" וואָס האָט זי באַגלייט, האָבן מיר נישט געלייגט קיין באַזונדער אַכט אויף איר. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט נתן פרידמאַן און יצחק יעזערניצקי, דעם מפקד פון לח"י. אברהם האָט מיך, ווי געוויינלעך, באַגלייט ביז אַהיים, אויף יהושע בן נון גאַס. מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך צומאָרגנס.

אָבער אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך נישט געטראָפן. נאָך האַלבער נאַכט האָט אונדז אויפגעוועקט אַ גרויסער רעש פון טאַנקען און שווערע אויטאָס. אויך מיין ווייב האָט זיך אויפגעוועקט און ראקסי האָט, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן מרעיש־עולמות צו זיין. די ידיעה וועגן די רעוויזיעס האָט זיך באַשטעטיקט. ווען מיר וואָלטן זיך באַצויגן צו איר מיט מער ערנסטקייט, וואָלטן מיר אַלע אַרויס אויסערן שטאָט און רואיק איבערגעוואַרט ביז די ענגלענדער וועלן ענ־דיקן זוכן „אין יעדן הויז" אין דער גרויסער תל־אביב. מיר זענען געבליבן אין

שטאַט, אין דער באַלאַגערונג. אַלע. נישט גוט, אויף אַן אמת. וואָס וועט זיין מיט די בחורים? און וואָס איז נוגע ישראל סאַסאָווער, איז קלאָר געווען אַז זיין באַרד וועט אים אין דעם פאַל נישט בייִשטיין. אונדזער אינפאָרמאַציע־דינסט האָט שוין פון לאַנג געוווסט, אַז די ענגלענדער זוכן דווקא מענער מיט בערד, און פיל פרומע יידן האָבן געליטן פון פאַרדאַכט מצד אלביאָנס דעטעקטיוון. אויב אַזוי, וואָס זאָל מען טאָן?

אין דעם קליינעם הייזעלע אין צפון פון תל־אביב איז געווען אַ געוויסע באַהעלטעניש. עס האָט זי אויסגעפּלאַנעוועט יעקב מערידאָר, איידער ער איז אויסגעליפערט געוואָרן אין די הענט פון דער בריטישער פּאָליציי. עס האָבן זי איינגעאָרדנט ביידע „חיים טויטס״, איינער פון וועלכע, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, איז אויסגעליפערט געוואָרן צו די ענגלענדער אין כפר־חסידים. מ׳דאַרף מודה זיין, אַז דאָס באַהעלטעניש איז געווען זייער פּרימיטיוו און אַן אויפמערקזאַם אויג האָט עס געקענט לייכט אַנטדעקן. מער ווי אַנדערהאַלבן יאָר איז דאָס אָרט געשטאַנען ליידיק און איז נישט באַנוצט געוואָרן. אַ סך רעוויזיעס זענען געווען אין תל־אביב און ס׳איז געווען די געפערלעכע רעוויזיע, וועגן וועלכער כ׳האָב דערציילט, ביים שכן אַנטקעגן, און מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן זיך צו באַנוצן מיט דעם אָרט. נאָר דאָס מאָל, אין דער נאַכט, האָט מיר עפּעס געקלאַפּט אין האַרצן און כ׳האָב באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דעם באַהעלטעניש.

איך האָב אָפּגערעדט מיט מיין ווייב, אַז „איך בין אַוועקגעפאָרן אין ירושלים״, סיי פאַר מיין קליין זונעלע, וואָס איז געשלאָפן זיין טיפן שלאָף, און סיי פאַר די גרויסע ענגלענדער, וועלכע האָבן געחלומט זייער זיסן חלום — און איך בין אַריין אין דעם באַהעלטעניש.

און די ענגלענדער האָבן געהאַלטן אין איין קומען. ס׳ווערט טאָג, און זיי זענען דאָ. און דווקא זייער נאָענט, אפילו אַביסל צו נאָענט. פון אונדזער ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס מיין ווייב האָט אָנגעשטעלט אויף דער אויבערשטער „אָקטאַווע״, כדי איך זאָל אויך הערן, רייסט זיך אַרויס די שטימע פון ספּיקער: „דער הויז־אַרעסט וועט דויערן אייניקע טעג. יעדעס הויז וועט דורכגעזוכט ווערן. יעדער מענטש וועט אויסגעפאָרשט ווערן!״ הם... אייניקע טעג... ס׳איז נישט פריילעך. ערשטנס, די ענגלענדער געפינען זיך אין מיין הויז. ממש אין מיין שטוב. ממש נעבן מיר. ראַקסי בילט טאַקע אויף זיי, אָבער זיי רירן זיך נישט, נישט פון הויז און נישט פון גאָרטן. די ערשטע רעוויזיע האָבן זיי שוין דורכגעפירט. דער אָפיציר האָט געפרעגט מיין פרוי: ווו איז דיין מאַן? מיין פרוי, וואָס האָט געטענהט אַז זי פאַרשטייט נישט קיין ענגליש, האָט געענטפערט אויף העברעאיש, אַז איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן אין ירושלים. דעמאָלט האָט מען מיין ווייב גערופן צו אַן אויספאָרשונג. ס׳איז נישט געווען קיין ברירה. זי האָט געדאַרפט גיין, און איך האָב געדאַרפט בלייבן. זי האָט מיטגענומען מיט זיך ביידע קינ־

דער. דעם זון ביי דער האַנט און חאַסיען אויף די הענט און זי איז צוגעגאַנגען, אַ מרחק פון אַ קילאָמעטער, צום אויספאָרשונג־טיש. אָבער מ׳האָט זי כמעט ווי נישט געפאָרשט. ווען דער בריטישער פּאָליציסט האָט זי געזען, האָט ער געזאָגט צום יידישן פּאָליציסט, וועלכער האָט געדינט אַלס „דאָלמעטשער" צווישן מיין פרוי און דעם „אויספאָרשער": זאָג איר זי זאָל גיין אַהיים!

מיין פרוי האָט מיר דערציילט, אַז דער טאָן פון זיינע ווערטער איז געווען אַביסל אַ באַליידיקנדיקער. דער ענגלענדער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז „אַזעלכע יידישקעס אינטערעסירן אים נישט". אָבער „די יידישקע" איז גראָד געווען צופרידן מיטן שפּאָט־טאָן פון חוצפהדיקן ענגלענדער. זי איז צוריקגעקומען אַהיים מיט די קינדער האָט זי, ריידנדיק צו זיי הויך אויפן קול, מיר געגעבן אַ צייכן אַז מיט איר איז פאַרלויפיק אַלץ אין אָרדענונג. גם זו לטובה!

דערנאָך האָבן די ענגלענדער געמאַכט אַ גענויע אונטערזוכונג אין הויז. זיי האָבן געעפנט שענק, אַרונטערגעקוקט הינטער די בעטן, געקלאַפּט אין די ווענט. און דאָרט וו איך בין געווען, האָבן זיי אויך געקלאַפּט. און נאָך ווי געקלאַפּט? מיר האָט זיך וואָס אַן אמת געגלוסט „צוריק קלאַפּן", אָבער כ׳האָב זיך איינגעהאַלטן. בלויז ראַקסי האָט זיך נישט געוואָלט איינהאַלטן.

פונדעסטוועגן קען איך נישט זאָגן, אַז כ׳האָב געהאַט גרויס תענוג אין דער באַהעלטעניש. איך האָב וואָס אַן אמת הנאה געהאַט פונעם פאַקט אַז אויך דאָ, אויך דאָ, זע איך די ענגלענדער און הער זיי און זיי זעען נישט און הערן נישט. אָבער — כ׳האָב זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אין קאַרצער פון לוקישקי. דאָ און דאָרט זענען געווען ענלעכע זאַכן, אָבער עס זענען אויך געווען אונטערשיידן, צום גוטן און צום שלעכטן. דאָרט איז געווען וואַרעם בייטאָג און קאַלט ביינאַכט. דאָ איז געווען אַ גיהנום בייטאָג און קיל ביינאַכט. דאָרט איז געווען אַ שטיינערנער דיל, דאָ זענען פאַראַן ברעטער. דאָרט האָבן די ביינער ווי געטאָן און דאָ טוען זיי ווי. דאָרט האָט מען געקענט אַרומגיין און מאַכן דריי און אַ האַלבן שריט. דאָ טאָרסטו זיך נישט רירן — ליג אויף די ברעטער און געניס! דאָרט האָט געפעלט ברויט. דאָ האָט געפעלט וואַסער.

יאָ, דער עיקר איז דאָס וואַסער. אַ ברויט־דוחק האָב איך געהאַט נישט נאָר אין לוקישקי. אָבער דאָס ערשטע מאָל האָב איך געפילט וואָס ס׳הייסט אַ וואַסער־מאַנגל. הונגער און דאָרשט, בעסער נישט אויסגעפּרוווט זאָל מען ווערן מיט ביידע. נאָר אויב ס׳וואָלט פאַר מיר געשטאַנען די ברירה אויסצוויילן צווישן הונגער און דאָרשט, וואָלט איך אָן צווייפל אויסגעוויילט הונגער. דאָרשט — איז אַ שרעקלעכע זאַך.

ס׳איז געווען חודש אויגוסט. די ארץ־ישראלדיקע זון האָט געברענט אָן רחמנות. דערשטיקט צו ווערן. און וואַסער האָב איך נישט געהאַט. אפילו נישט קיין טראָפּן. ס׳איז אַריבער אַ טאָג, אַריבער אַ נאַכט און די ענגלענדער רירן זיך נישט. נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט און וואַסער איז נישטאָ. און נאָך אַ טאָג און אַ

נאַכט... דער קאָפּ הייבט זיך אָן פּאַרדרייען. דער גוף ווערט אויסגעטריקנט, וואָס וועט זיין, אויב ס׳וועט דויערן נאָך עטלעכע טעג, אַזוי ווי דער ראַדיאָ האַלט מיך אין איין טרייסטן? אפּיקורסישע מחשבות נעמען זיך אַריינגנבענען אין קאָפּ. אָן וואַסער קען מען לאַנג נישט אויסהאַלטן. און אויב ס׳וועט נישט זיין קיין ברירה, וועל איך אַראָפּגיין, אַריינשטעקן מיין קאָפּ אין אַ שיסל וואַסער און זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין. וואָס איז? די מלחמה וועט סיי ווי סיי אָנגיין. און אַזוי טראַכטנדיק זע איך אַ גרויסע שיסל וואַסער און פיל ווי איך טונק איין מיין קאָפּ, מיינע אויגן און מיין מויל אין איר. באַלד ווערט לייכטער. און דאַן לאָך איך צו זיך: „אַראָפּגיין וויל ער; און אָן וואַסער קען מען נישט לעבן, האַ? מ׳קען. מ׳קען. ס׳מאַכט נישט אויס. ס׳זענען געווען ערגערע זאַכן פון דעם. און די ענג־לענדער וועלן סוף־כל־סוף אַוועקגיין.

אָבער די ענגלענדער גייען נאָך נישט און די זון קלאַפּט אויפן קאָפּ. וואַ־סער איז נישטאָ און דער גוף ווערט אויסגעטריקנט. פּשוט: אויסגעטריקנט. וואָס וועט זיין? פּלוצלינג... וואָס פּלוצלינג דער גערודער אַרום? די ענגלענדער הייבן זיך אָן אָפּצוטראָגן. אין פּאַרלויף פון אַט־די טעג פלעגן זיי אַלעמאָל אַריינ־גיין אין שטוב. איינמאָל האָבן זיי געבעטן וואַסער, אַ צווייט מאָל שוועבעלעך און אַנדערע שכנישע טובות, און פּלוצלינג זענען שוין נישטאָ קיין ענגלענדער אין הויז, נאָר אין גאַס איז אַ גערודער און עס טראָגט זיך אַ קלאַפּן פון אויטאָס.

שטיל. אפשר איז עס אַ טעות? מ׳טאָר זיך נישט פרייען צו פרי מיטן וואַסער, וואָס איז נאָך נישטאָ. שטיל. נאָך אַביסל געדולד. אָבער מיין ווייב גיט אַ צייכן, דווקא מיט אַ בעזים. פון דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן גלויבן אין פאָלקס־ווערטל, אַז ווען גאָט וויל, שיסט אַ בעזים אויך. הייסט עס, אין אָרדע־נונג?

— אין אָרדענונג. אין אָרדענונג. זיי זענען אַוועק.

— וואַסער, וואַסער...

ס׳איז דאָ וואַסער. דער קאָפּ אין שיסל. בול... בול... בול... מחיה נפשות.

***

ס׳איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד, ראַקסי האָט אויפגעהערט בילן. זי האָט דערגרייכט אירס. די ענגלענדער זענען אַוועק. נאָך דעם זענען געקומען די חברים. דער ערשטער גידי. שפּעטער עמיצור, און ראובן און מאיר. די שמחה איז גרויס. יעדער איינער האָט זיך זיין סיפור, ווי די ענג־לענדער האָבן זיך באַנאַרישט מיט אַלע זייערע דיוויזיעס און מיט זייערע אַגענטן און מיט זייערע פאָטאָגראַפיעס און מיט אַלע אידענטיפיקאַציעס זייערע. אָבער אברהם איז נאָך נישט געקומען. ווו איז אברהם, למען השם! איז אברהם אַרעס־טירט געוואָרן? לויפט זוכן אברהמען!

אָבער אברהמען דאַרף מען נישט זוכן. ער איז אויך געקומען, און ווי זיין שטייגער, שטיל און געלאַסן. אינצווישן האָט ער געזאַמלט ידיעות. יצחק יע־זערניצקי, דער מפקד פון לח״י, איז אַרעסטירט געוואָרן אַלס „רב שמיר״. פון אונדזערע אַקטיווע חברים איז אַרעסטירט געוואָרן נאָר „זוסיע״. אַלע אַנדערע מפקדים „אין אָרדענונג״, און די ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט „עוקר מן השורש זיין מיט איינמאָל די טעראָריסטן און דעם טעראָר״. און ס׳איז געווען אַ ברײ־דער־שמחה אין אונדזער קליין דירהלע און אויף אַ מינוט האָבן מיר אַלע פאַר־געסן אין דער פאַרזיכטיקייט און האָבן הויך אויפן קול גערעדט וועגן דער באַלאַ־גערונג און די רעוויזיעס.

— טאַטע, ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט? — שפרינגט אויף מיר פלוצ־לינג אַרויף מיין קליין זינדל.

— אין ירושלים, מיין קינד.

— אין ירושלים? און וואָס האָסטו מיר געבראַכט?

— וואָס כ׳האָב דיר געבראַכט? כ׳האָב דיר געבראַכט...

מיין ווייב ראַטעוועט אַרויס פון דער פאַרלעגנהייט:

— דער אבא האָט דיר געקויפט אַ גרויסן וואָגן, נאָר דער פעטער שמעון (דאָס איז עמיצור) וועט אים ברענגען.

אין ירושלים... אָבער נישט אין ירושלים של מטה. — נאָכן אַרויסגיין פון אונטערגרונט האָט מען מיר דערציילט, אַז בשעת דער באַלאַגערונג אין תל־אביב האָבן זיך יידן צוזאַמענגעקליבן אין אייניקע ירושלימער שולן און געזאָגט תהילים פאַר מיינעטוועגן, איך זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די גויים. קיין זאַך האָט מיך אַזוי טיף נישט גערירט, ווי דער סיפור. און אפשר האָבן מיר טאַקע געהאָלפן די תפילות, וואָס איך בין זיי נישט געווען ראוי?

די ענגלענדער זענען געווען אַזוי נאָענט און געבליבן אַזוי ווייט. אפשר איז עס געשען אין זכות פון דער קליינער שולכל, אין וועלכער איינער פון די מתפללים פלעגט זיך אין יענע טעג צעגיסן מיט אַ תפילה צום רבונו של עולם.

שמיץ

די ענגלענדער האָבן ליב דעם בייטש. אפילו איצט פירן זיי אויס אין זייער אייגענעם לאַנד און אין זייערע קאָלאָניעס די שטראָף פון מלקות. דאָס איז ביי זיי איינער פון זייערע דערציאונג־מעטאָדן. אָבער אין די קאָלאָניעס שמייסן זיי נישט בלויז שול־קינדער, נאָר אויך דערוואַקסענע. דאָס איז ביי זיי אַ מיטל אָנ־צוּוואַרפן זייער דיסציפּלין און מורא אויף די „בייטיווס". אין איראַק האָב איך זיך באַגעגנט מיט אינדישע סאָלדאַטן. כ'האָב זיך מיט זיי באַפריינדעט און זיי האָבן מיר דערציילט זייערע געשיכטעס וועגן דער ענגלישער קולטור אין די קאָלאָניעס.

ארץ־ישראל, ווי אַ בריטישע קאָלאָניע האָט, אַליין פאַרשטענדלעך, אויך גע־דאַרפט געניסן פון די דערציאונג־אייגנשאַפטן פון ענגלישן בייטש. דער בייטש איז פאַרגעזען אין געזעץ פון זיין מאַיעסטעט. וואָס פאַרשטייען דען די „ביי־טיווס"? אויב מען קען אַריינקלאַפּן זיי אין קאָפּ אַביסל שׂכל, וועט ער אַריינ־גיין נאָר מיט דער הילף פון בייטש. און די חוצפּהדיקע יידן ווער זענען? צי זענען זיי אויך נישט קיין בייטיווס? צי הערשט נישט איבער זיי גערני, וואָס האָט געהערשט איבער די נעגערס אין אַפריקע?

צוויי יונגע סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי האָבן געהאַט אַ שלעכט מזל, אַז אויף זיי האָט גענעראַל באַרקער אויסגעפּרוווט זיין בייטש — און ער האָט אים צעבראָכן. כ"ץ און קמחי, זיבעצן יאָריקע בחורים, זענען פאַראורטיילט גע־וואָרן יעדער איינער צו 15 יאָר טורמע, דורך אַ בריטישן מיליטערישן „געריכט", פאַר עובר זיין אויף די אויסנאַם־געזעצן, וועלכע האָבן פאַרוועדט צו טראָגן גע־ווער. אַזוי איז געשטאַנען אין „פּסק דין". אָבער אויסער די פופצן יאָר תפיסה איז נאָך געווען אַ „דערציערישער" צוגאָב: אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט וועט יעדער איינער פון די יונגע פאַרמשפּטע קריגן 18 שמיץ מיט אַ בייטש.

מיר האָבן געהאַלטן די זאַך פאַר זייער אַן ערנסטע. מלקות? שוין זיבעציק דורות ווי די גויים שמייסן אונדז און דרעשן אונדזער הויט אין אַלע גלותן. די פּוילישע פּריצים האָבן געשמיסן זייערע „מאָשקעס" און די דייטשע — זייערע יידן. צי וועט אונדז דער פאַרשקלאַפער שמייסן אויך אין ציון? צי וועט דער דור פון אויפשטאַנד טאָלערירן מ'זאָל דערנידעריקן דעם יידישן כבוד? די אויפ־שטענדלער אין ציון זענען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס. אָבער אויף זייער כבוד וועלן זיי נישט מוותר זיין. וואָס וויל דער פאַריאַכער זאָגן מיטן אַרויפ־לייגן די שטראָף וואָס דערנידעריקט אונדזערע סאָלדאַטן? מיינט ער צו זאָגן,

אַז מיר זענען אין זיינע אויגן ווי די זולוסן און ער וועט אויסלערנען די חוצ־פּהדיקע יידן ווי זיך צו פירן לגבי זייערע שליטים. ניין. דער ענין גייט נישט אָן די צוויי מוטיקע בחורים קמחי און כ״ץ. דאָס איז דער ענין פון דער גאַנצער אויפשטענדלער־משפּחה, און פון אונדזער פאָלק, אויך פון ענגלאַנד, פון אונ־דזערע באַציאונגען מיט די פעלקער פון דער וועלט. צוויי יידישע בחורים. בסך־הכל 36 שמיץ. אַ קליינע זאַך? ניין. עס איז אַ גרויסער ענין פאַר דער גאַנצער אונטערערדישער מענטשהייט: וועט הערשן דער בייטש, אָדער ער וועט צע־בראָכן ווערן?

איך האָב געהאַט ביטערע פּערזענלעכע זכרונות אין שייכות מיט שמיץ. אין 1920, בשעתן צוריקצוג פון דער רוסישער אַרמיי פון פּוילן, זענען אין אונ־דזער שטאָט, אין בריסק, אַריין פּולקן פון דער פּוילישער אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ גענעראַל, אַ פּריץ, אַ שונא־ישראל. דער גענעראַל האָט פאַר־אָרדנט צו אַרעסטירן אייניקע פון די שענסטע יידן אין שטאָט און עפנטלעך זיי „געבן 25 מלקות״, כלומרשט צוליב זייער סימפּאַטיע פאַר די באָלשעוויקעס. קיין אינטערווענץ און קיין שום תחנונים האָבן נישט געהאָלפן. דער צעווילדעווע־טער גענעראַל האָט געהייסן אין שטאָט־גאָרטן צונויפזאַמלען מאַסן יידן און האָט זיי באַפוילן זיך איינקוקן אין דער סצענע. איינער פון די יידן, וועלכע האָבן באַקומען די „פינף און צוואַנציק״, איז געשטאָרבן עטלעכע וואָכן שפּע־טער, ווייזט אויס — צוליב מחנות יסורים בושה. איך בין דעמאָלט געווען אַ זיבן יאָריקער יינגעלע, אָבער די חרפּה האָט זיך איינגעקריצט אויפן גאַנצן לעבן אין מיין האַרץ און אין זכרון.

איך האָב געדענקט הירש לעקערטן, דעם יידישן בעל־מלאכה פון ווילנע, וועגן וועלכן ס׳האָט מיר פיל דערציילט דער בונדיסט, מיין שכן אין דער צעלע פון לוקישקער טורמע. הירש לעקערט איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און איז געגאַנגען אויפן עשאַפאָט, נישט ווילנדיק ביזן לעצטן מאָמענט בעטן באַ־גנעדיקונג ביים צאַר. ווי איז דער דאָזיקער יידישער פאָלקס־מענטש געקומען צו אַזאַ גבורה־אַנטפּלעקונג? דער רוסישער גובערנאַטאָר האָט געהייסן שמייסן יידישע פּאָליטישע אַרעסטירטע און הירש לעקערט איז פון זיין אייגענער איני־ציאַטיוו געגאַנגען אויספּירן אַן אַטענטאַט אויפן גובערנאַטאָר, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די חרפּה פון דעם אויפגעהויבענעם בייטש אויף רע־וואָלוציאָנערן.

ווען ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן די 18 שמיץ וואָס די בריטישע „קול־טור־טרעגער״ האָבן באַשלאָסן אַראָפּצולאָזן אויף די פּלייצעס פון אונדזערע יונגע ברידער, האָב איך גערופן אַ קורצע באַראַטונג פון דער מפקדה. אָבער פאַקטיש איז די באַראַטונג געווען אַן איבעריקע. מיר אַלע האָבן געהאַט די זעלביקע מיי־נונג נאָך איידער מיר האָבן זי אויסגעדריקט: אויב די ענגלענדער וועלן שמייסן אונדזערע בחורים — וועלן מיר שמייסן בריטישע אָפיצירן. ס׳האָט זיך גע־

שטעלט די פראַגע פון אַ וואָרענונג. צי זאָלן מיר פריער וואָרענען אָדער בע־סער רעאַגירן נאָכן טאַט? ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואָרענען די ענגלענדער, אַז אויב זיי וועלן אויספירן די דערנידעריקנדיקע שטראָף פון שמייסן, וועט יע־דער בריטישער אָפיציר אין ארץ־ישראל זיין אויסגעשטעלט אויף דער זעלביקער שטראָף: 18 שמיץ.

די וואָרענונג איז געשריבן געוואָרן אויף ענגליש, כדי די „בעל־דברים" זאָלן זי קענען באַצייטנס לייענען. מ'מוז מודה זיין אַז דאָס ענגליש פון דער קורצער מעלדונג איז נישט געווען אויסגעצייכנט. שמואל כ"ץ, וועלכער קען ענגליש בעסער, נישט נאָר פון בעווינען, נאָר פון פיל ענגלישע מיניסטאָרן, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אין לאַנד און האָט נאָך נישט געהאַט איבערגע־נומען אונדזער „ענגלישע סעקציע". איך אַליין האָב געשריבן די וואָרענונג און דאָס וואָס איך האָב געקענט פון ענגליש, האָב איך געלערנט הויפּטזאַכלעך פון לאָנדאָנער ראַדיאָ. דער בי.בי.סי. האָט אין משך פון יאָרן אונדז צוגעשטעלט אין אונטערגרונט אַ גרויסן קוואַנטום פון ידיעות (נישט גענויע) וועגן אונדזער טע־טיקייט אין ארץ־ישראל און אַ קוואַנטום (נישט גענוגנדיקע) פון גענויע ידיעות אין דער אָקספאָרד־שפּראַך.

נישט געקוקט אויף די פעלערן אין סטיל איז אונדזער וואָרענונג גוט פאַר־שטאַנען געוואָרן. מיר האָבן געזאָגט פשוט: פאַרטומטע בריטישע הערשער! — אויב איר וועט שמייסן, וועלן מיר שמייסן! און מיר האָבן געמיינט דווקא אָ פ י צ י ר ן . אַלע קרייז־מפקדים האָבן באַקומען אינסטרוקציעס נישט צו רירן קיין פּראָסטע סאָלדאַטן, צו כאַפּן און שמייסן נאָר מיליטער־לייט מיט ראַנ־געס. דער אונטערשיד וואָס מיר האָבן געמאַכט, איז פאַרשטענדלעך. די באַציאונ־גען צווישן די בריטישע סאָלדאַטן און זייערע אָפיצירן זענען נישט קיין ליבע־באַציאונגען. די „אויבערשטע שיכטן" אין ענגלאַנד נעמען זיך שטאַרק נישט איבער, אויב מ'רירט אָן די פשוטע פון פאָלק. מיר האָבן געטראָפן אין פסיכאָ־לאָגישן פּינטל און מיט אונדזער אונטערשיידן האָבן מיר אַרויסגערופן סימ־פּאַטיע ביי דער גרויסער מחנה סאָלדאַטן פון דער בריטישער אָקופּאַציע־אַר־מיי. איין בריטישער סאָלדאַט האָט אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות זיין ענ־טוזיאַסטישע בקשה אויף אונדזער וואָרענונג וועגן די שמיץ: „ביטע, פאַרגעסט נישט מיין סערזשאַנט־מיידזשאר"!

און דער בריטישער טאָמי, וואָס האָט זייער ליב געהאַט זיין סערזשאַנט־מיידזשאר, האָט אויפגעשריבן זיין פולן נאָמען און דעם נומער פון זיין באַטאַ־ליאָן. איך בין מודה, אַז זיין בקשה איז אויפגענומען געוואָרן ביי אונדז נישט אָן סימפּאַטיע. צי האָבן מיר זי דערפילט? צווישן די ענגלענדער וואָס מיר האָבן געשמיסן, זענען אויך געווען אייניקע סערזשאַנטן. צי איז געווען צווישן זיי דער ליבער סערזשאַנט־מיידזשאר פון דעם ביטע־שרייבער?

ס'קען זיין, אַז די בריטישע סאָלדאַטן האָבן טיף אין האַרצן הנאה געהאַט

פון דער מעגלעכקייט אַז מ׳וועט שמייסן זייערע אָפיצירן. זיי האָבן זיכער אויך געגלויבט אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט. אָבער דער „אויבערשטער" ענגלישער שיכט האָט נישט געגלויבט אַז מיר וועלן „וואגן" אויפהייבן אַ האַנט און אַ בייטש אויף די אָפיצירן פון דער באַרימטער אימפּעריע. דעריבער האָבן זיי אין פרייטיקדיקן ווינטער־טאָג אַרויסגענומען אונדזער יונגן און מוטיקן סאָלדאַט קמחי און דעמאָנסטרירט אויף זיין קערפּער, אַז די בריטישע בייטש־קולטור איז גילטיק אויך אין ארץ־ישראל. אַכצן שמיץ האָט דער בריטישער בייטש אָנגעציילט אין הויף פון דער ירושלימער תפיסה.

צוליבן שבת האָבן מיר באַקומען די ידיעה וועגן עקלהאַפטן טאַט נאָר 24 שעה שפּעטער, זונטיק אינדערפרי האָבן די ארץ־ישראל בירגער געלייענט צוויי ידיעות. איינע אין דער לעגאַלער פּרעסע, אַז קמחי האָט באַקומען 18 מלקות מיט אַ שווערן בייטש. די אַנדערע ידיעה אין אונדזער אומלעגאַלער צייטונג איז אויפגעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט, זי האָט געזאָגט: „אויב איר וועט שמייסן, וועלן געשמיסן ווערן אָפיצירן פון זיין מאַיעסטעט אויפן מיטן גאַס". יידן האָבן זיך געוואָנט: וועט דער צוזאָג מקוים ווערן אָדער נישט? די מערהייט האָט געגלויבט, אַז „ווען דער אצ"ל זאָגט צו, האַלט ער וואָרט".

מיר האָבן געהאַלטן וואָרט. נישט אומעטום האָט זיך איינגעגעבן אונדזערע בחורים צו כאַפּן מיליטערלייט מיט ראַנגעס. דאָך האָבן מיר מקיים געווען די הבטחה מיט „אַ צושלאָג". אין נתניה, תל־אביב און ראשון־לציון זענען געשמיסן געוואָרן בריטישע אָפיצירן און יעדער איינער האָט באַקומען וואָס קמחי האָט באַקומען: 18 מלקות. אַ בריטישער מאַיאָר און דריי סערזשאַנטן.

אָבער מיר האָבן געדענקט, אַז דער בריטישער בייטש הענגט נאָך איבערן קאָפּ פון צווייטן חבר אונדזערן, כ"ץ. מיר האָבן זיך דעריבער געאיילט אויפצוקלערן דער באַפעלקערונג און די ענגלענדער וואָס ס׳איז געשען און וואָס ס׳וועט געשען, אויב דער בייטש וועט ווייטער שמייסן: „מיר וואָרענען איצט, אויב די אונטערדריקער וועלן וואָגן אָנצורירן דעם קערפּער ווי אויך דעם מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד פון יידישע יוגנטלעכע, וועלן מיר שוין מער נישט רעאַגירן מיטן בייטש: מיר וועלן ר ע אַ ג י ר ן מ י ט פ יי ע ר. יידישער כבוד אין ארץ־ישראל וועט מער נישט דערנידעריקט ווערן"!

דער טאַט און די וואָרענונג האָבן געהאָלפן. כ"ץ האָט נישט באַקומען קיין מלקות. ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי די ענגלענדער זענען פּלוצלינג קלוג געוואָרן. נאָך די קעגנזייטיקע שמיץ האָבן זיי געשיקט צו כצ׳ן אַ דאָקטאָר און אים געהייסן בערך אַזוי זאָגן: „ליבער כץ, דו ביסט דאָך זיכער שוואַך און קראַנק. דו וועסט דאָך נישט קענען פאַרטראָגן קיין אַכצן שמיץ מיטן בייטש. איך, דער רעגירונגס־דאָקטאָר, בין גרייט דיר צוגעבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס וועט באַשטעטיקן אַז דיין געזונט־צושטאַנד איז שלעכט און וועסט פּטור ווערן פון גאַנצן ענין. אָבער די ענגלענדער האָבן נאָך נישט געקענט דעם יונגן דור, וואָס

איז אונדז אויפגעוואקסן אויפן באָדן פון פאָטערלאַנד אין די אויפשטאַנדס־יאָרן. כץ, אַ יונגער סאָלדאַט פון ארגון־צבאי־לאומי, האָט זיך אָפגעזאָגט אַנצונעמען די שוואַכקייט־צייגעניש. ער האָט געענטפערט דעם רעגירונגס־דאָקטאָר:

— דו האָסט אַ טעות. איך בין אינגאַנצן געזונט. איך בין גרייט צו באַקומען נישט נאָר 18, נאָר אפילו 36 שמיץ!

די „קאָמבינאַציע" האָט נישט געהאָלפן. די ענגלענדער האָבן נישט געהאַט קיין ברירה. און אין אַ ספּעציעלן אָפיציעלן קאָמוניקאַט האָט דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר מבטל געמאַכט די שמיץ־שטראָף, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף כ"צן. פון דער „באַגנעדיקונג" האָט אויך געוואָסן אַ זעכצן יאָריקער אַראַבישער ייִנגל.

דער בריטישער בייטש האָט שוין מער נישט געשמיסן אין ארץ־ישראל. ווען אַ ייִדישער יונגער סאָלדאַט איז געשטאַנען פאַרן בריטישן מיליטערישן „געריכט", האָט אים דער פּראָקוראָר, מאַיאָר באַקסטער, געזאָגט די פאָלגנדיקע חכמהדיקע רייד:

— דו ביזט צו יונג כדי אויפגעהאָנגען צו ווערן און צו אַלט צו באַקומען שמיץ!

ניחא.

***

דער עכאָ פון די מלקות אין אונדזער קליין לענדל איז דערגאַנגען פון איין עק וועלט צום צווייטן. בארקער אַליין האָט זיך צעווילדעוועט. אין זיין געזעגענונג־באַפעל צו זיינע באַטאַליאָנען האָט ער געשריבן: „אונדזערע אָפיצירן און סאָלדאַטן אין פּאַלעסטינע זענען געוואָרן אָנגעגריפן, פאַרוואונדעט, געהרגעט און אַ פּ י ל ו געשמיסן". אפילו... ווינסטאָן טשערטשיל, וועלכער זאָרגט פאַרן בריטישן פּרעסטיזש מער ווי פאַר די לעבנס פון צענדליקער ענגלענדער און טויזנטער נישט־ענגלענדער, האָט געשטורעמט אין פּאַרלאַמענט קעגן די הערשער, וועלכע ווייסן זיך נישט „אויפצופירן ווי מענער". ער האָט געזאָגט:

„איר שמייסט אַ ייִדישן טעראָריסט. די טעראָריסטן כאַפּן אַ נעבעכדיקן ענגלישן מאַיאָר און דריי סערזשאַנטן און שמייסן זיי. אויפצומאָרגנס באַפרייט איר אָן אַנדערן ייִדישן טעראָריסט פון די שמיץ. צי פאַרשטייט איר, אַז דאָס איז דער וועג צו אַ מיאוסער מפּלה?

איך ווייס נישט, וואָס די בריטישע רעגירונג האָט פאַרשטאַנען. די וועלט האָט פאַרשטאַנען. מיר האָבן באַקומען באַגריסונגען פון אירלענדער, פון אַמעריקאַנער, קאַנאַדער, פראַנצויזן, פון רוסן. אונדזערע ברידער ייִדן אין דער גאַנצער וועלט האָבן אויסגעגלייכט זייערע רוקנס. מיליאָנען רוסן, פאַר וועמען די נאַגייקע האָט סימבאָליזירט די טיראַניע, האָבן געהערט און געלייענט און געזאָגט: „בראַבריע רעביאַטא". אַ פראַנצויזישע צייטונג האָט פאַרעפנטלעכט אַ קאַריקאַטור, וואָס ווייזט אַ בריטישן סאָלדאַט ווי ער טוט אָן זיין שטאָלענעם העלם

נישט אויפן קאָפּ, נאָר׳... און האַלט זיין האַנט צוגעשמידט צום העלם דווקא דאָרט. אונטער דער צייכענונג איז געקומען אַן אויפקלערונג: נאָכדעם ווי דער „ארגון" האָט געשמיסן די בריטישע אָפיצירן, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע באַראַטונג אין בריטישן שטאַב אין מיטעלן אָריענט, ווי אַזוי צו שיצן אַ געוויסן קערפּער־טייל פון בריטישן מיליטער. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצולייגן די שטאָלענע קאַסקע פון קאָפּ צום אָרט פון דער סכנה. נאָך איז באַשלאָסן גע־וואָרן אויך איבערצוטראָגן דעם „מיליטערישן סאַלוט" צום אָרט, וואָס איז באַ־שיצט מיטן שטאָלענעם העלם. פראַנקרייך האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער.

די איינציקע — אַ חוץ די ענגלענדער, פאַרשטייט זיך — וועלכע האָבן נישט געלאַכט, זענען געווען מיר. מיר האָבן וואָס אַן אמת געזען ווי אַ מעכטיקע אימפּעריאַלע אַרמיי אַנטלויפט, מיט אירע טויזנטער סאָלדאַטן און אָפיצירן פון אַלע קאַפּע־הייזער אין ארץ־ישראל, אַנטלויפט אין גרויסער בהלה אין יע־נער נאַכט פון די שמיץ, אין ו׳ שבת תש״ז. אין דער דאָזיקער נאַכט איז פון באַרקערן אַרויס אַ באַפעל צו דער אַרמיי: „תיכף עוואַקואירן אַלע יידישע שטעט, זיך צו פאַרשליסן אין די לאַגערן און היטן״... מ׳האָט נישט געקענט נישט הנאה האָבן אַביסל פון דער דאָזיקער סצענע. אָבער מיר האָבן נישט געלאַכט. מיר האָבן נישט געוואָלט שמייסן די ענגלענדער, פּונקט ווי מיר האָבן נישט געוואָלט שיסן אין זיי און זיי הרגענען. זיי, פאַרקנעכטנדיק אונדז, האָבן אונדז געצוווּנגען צו קעמפן מיט זיי, שלאָגן און שמייסן. מיר האָבן זיי אומצייליקע מאָל געוואָרנט. זיי אָבער האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם און זיי האָבן באַצאָלט דעם פּרייז.

...איינער פון די געשמיסענע ענגלענדער האָט געפרעגט אונדזערע בחורים:

— פאַרוואָס טוט איר עס מיר?

די בחורים האָבן אים דערציילט וואָס מ׳האָט געטאָן מיט אונדזער קמחי. דער ענגלענדער איז געווען אומעטיק. ער האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער גע־בעטן מ׳זאָל אים געבן אַ צייגעניש, וואָס זאָל באַשטעטיקן אין נאָמען פון ארגון צבאי לאומי, אַז ער האָט געקריגן שמיץ.

— צו וואָס דאַרפסטו אַזאַ צייגעניש?

— איך דאַרף עס האָבן, אַז טאָמער וועלן זיי אין דער רעגירונג ווידער באַשליסן צו שמייסן אייערע חברים און איר וועט ווידער אַרויסגיין אונדז צו שמייסן — טאָ וויל איך זיין אין אָרדענונג.

מ׳האָט שוין נישט געדאַרפט האָבן קיין ספּעציעלע צייגעניש. די ענגלענ־דער האָבן שוין מער נישט געשמיסן אין ארץ־ישראל, נישט קיין יידן און נישט קיין אַראַבער. די בייטש איז צעבראָכן געוואָרן אויף פּיצלעך. און די שמיץ־צייגעניש האָבן מיר געשיקט אויפן ריכטיקן אַדרעס: צו בעווין און באַרקערן.

נאָר דער בלינדער גורל האָט געוואָלט, אַז פון דער טובה פאַרן יידישן און מענטשלעכן כבוד וועגן זאָלן מיר באַצאָלן אַ זייער טייערן פּרייז...

דער טוי פון גבורה

אין „מויל פון לייב". — אין סאראפענד־לאַגער. — דריי ברי־טישע אָפיצירן מעלדן: „איר זייט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט". — ווי מיר האָבן געראַטעוועט שמחונין און אשבעלן פון דער תליה. — נאָכאַמאָל אין לייבס מויל — אין דער פּאָליציי־פעסטונג. — דער קאַמף פאַר דב גרונערס לעבן. — דער ברי־טישער תלין אַרבעט. — מיר האָבן צעשמעטערט די בריטישע תליה־סלופּעס. — די שטורמער פון דער עכו־טורמע גייען צום עשאַפאָט.

א.

סאראפענד אין אַ פרילינג־טאָג פון 1946.

דער צענטראַלער לאַגער פון דער בריטישער אַרמיי „גייט אויף רעדלעך". סאָלדאַטן קומען און גייען. די מאַשינען אין די מיליטערישע וואַרשטאַטן זשו־מען. די שרייב־מאַשינען אין די ביוראָען „קלאַפּן" בריוו, באַפעלן, טעלעגראַ־מעס, באַריכטן. אין די ריזיקע וואַרשטאַטן טראָגט מען אַריין קריגס־מאַטעריאַל. פון אַנדערע וואַרשטאַטן טראָגט מען אַרויס אַמוניציע פאַר פאַרשידענע מילי־טערישע איינהייטן. רעקרוטן איבן זיך. סערזשאַנטן שרייען. אויטאָמאָבילן לויפן. מאָטאָציקלען פאָרן. סאראפענד קאָכט און ליאַרעמט. סאראפענד איז אַ גרויסער צענטער פון דער בריטישער אַרמיי — נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אין גאַנצן מיטעלן אָריענט.

שטאַרקע פּאַטרולן היטן דעם לאַגער. טאָפּלטע און דרייפאַכיקע דראָט־פאַר־צוימונגען רינגלען אַרום דעם לאַגער פון אַלע זייטן. אַריינגיין קען מען נאָר דורך די באַשטימטע טויערן. קומט מען אַהין אַריין, קוקט מען אויף אים מיט „טויזנט אויגן". אַ זייער שטרענגע שמירה. די געהיימע באַפעלן וואָרענען, אַז די טעראָריסטן אַרבעטן מיט שכל און מוט. זיי זענען שוין אַריינגעדרונגען אין עטלעכע לאַגערן און אין מיטן טאָג אַרויסגענומען פון דאָרט וואָפן און אַמו־ניציע. מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַ צופאַל. עס איז וואָס אַן אמת שווער

אָנצוגעמען, אַז די „ארגוניסטן" וועלן זיך דערוועגן צו קומען אין סאראפענד, אין דעם הויפּט־לאַגער, ווו עס סטאַציאָנירט אַ בריגאַדע פון דער זעקסטער פּלי־דיוויזיע, ווו ס'שטייט אַן אָפּטיילונג פון באַרימטן הוזאַרן־פּולק, ווו עס געפי־נען זיך טויזנטער סאָלדאַטן פון זיין מאַיעסטעט. פונדעסטוועגן דאַרף מען אָפּ־היטן אַלע איינגענג, אַלע טויערן פון לאַגער, טאָמער דאָך...

די שטרענגע שמירה האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין איינעם אַ פרילינג־טאָג איז צום טויער פון סאראפענד אָנגעקומען אַ בריטישע מיליטערישע איינ־הייט, וואָס איז באַשטאַנען דווקא פון יידישע סאָלדאַטן. זיי זענען געקומען זיך באַפרייען פון מיליטער־דינסט. זייערע דאָקומענטן זענען געווען אין פולער אָר־דענונג. זייער קומען צום אַדמיניסטראַציע־צענטער פון דער ענגלישער אַרמיי איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. יידישע סאָלדאַטן אין דער בריטישער אַר־מיי, וועלכע קומען אָפּנעמען זייערע דאָקומענטן, רופן נישט אַרויס קיין פאַר־דאַכט. מען וואַרט אויף זיי אין ביוראָ אין סאראפענד.

אָבער די מיליטערישע אָפּטיילונג איז נישט געגאַנגען אין ביוראָ. זי איז געגאַנגען צו די לאַגערן. זי איז נישט געקומען נאָך דאָקומענטן: נאָך געווער איז זי געקומען. נאָר דאָס מאָל האָבן די שליחים פון יידישן אונטערגרונט נישט געהאַט קיין מזל. דער פון־פריער אָנגעצייכנטער לאַגער איז געווען ליידיק. זיי זענען אַוועק צוריק. קיינער האָט זיי נישט באַמערקט. ביזן לעצטן טאָג פון זייער הערשאַפט אין ארץ־ישראל האָבן די ענגלענדער נישט געוווסט וועגן יענער ווי־זיט פון אונדזערע סאָלדאַטן אינעם באַרימטן מיליטערישן צענטער.

אַ קורצע צייט שפּעטער, אין אַ צווייטן פרילינג־טאָג 1946, אין טאָג ווען אין ארץ־ישראל איז אָנגעקומען די ענגליש־אַמעריקאַנישע אויספאָרש־קאָמיסיע, האָבן מיר ווידער אַמאָל באַזוכט דעם לאַגער אין סאראפענד. אויך דאָס מאָל זענען אונדזערע בחורים געקומען אַלס אַ בריטישע מיליטערישע איינהייט, נאָר איצט שוין נישט קיין יידישע סאָלדאַטן, ערב דעמאָביליזאַציע, נאָר ווי באַ־וואָפנטע בריטישע סאָלדאַטן פון דער זעקסטער דיוויזיע, אָנגעטוענע אין רויטע היטעלעך, די אַזוי גערופענע „כלניות" („ראָט־קעפּכען"). דער לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט, איז געווען אַ מיליטערישער, „קאָנפיסקירט" גע־וואָרן ממש אין דער לעצטער מינוט אויפן שאָסיי. דעם שאָפער און זיינע באַ־גלייטער האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אַן פּראָטעסט האָבן זיי אָפּ־געגעבן זייערע טייערע דאָקומענטן אין וועלכע ס'איז געווען אַ באַפעל צו פאָרן צום לאַגער אין סאראפענד. די דאָקומענטן זענען, הייסט עס, געווען אין פולער אָרדענונג, אָריגינעלע, נישט קיין געפעלשטע. געביטן האָבן זיך בלויז די סאָל־דאַטן.

דער פּאַטרול ביים טויער האָט באַקוקט דעם אויטאָ, אונטערזוכט די רייזנ־דיקע און די דאָקומענטן דער אויטאָ איז אַדורך בשלום. אייניקע סאָלדאַטן גייען אַראָפּ פון אים און בלייבן ביים טויער וואַרטן אויף זייערע חברים. זיי פאַר־

בינדן אַ שמועס מיטן פּאַטרול. אפשר איז עס קעגן די דירעקטיוון. אָבער וואָס קען נאָך זיין נאַטירלעכער ווי אַ חברים־שמועס צווישן סאָלדאַטן, וואָס לאַנג־ווייליקן זיך? אינצווישן איז דער אויטאָ שנעל אָנגעקומען צום לאַגער, עס ווערן אויף אים אויפגעלאָדן קאַסטנס מיט וואפן און אַמוניציע. די ענגלישע אַרמיי האָט אַ סך געווער און די אויפשטענדלער־אַרמיי איז אַזוי הונגעריק נאָך אַביסל בליי.

די „דראַמע" אין וואפן־לאַגער איז געווען אַ קורצע. אין איין אויגנבליק האָט מען אַנטוואָפנט דעם פּאַטרול. עטלעכע בריטישע אָפיצירן זענען אָנגעקומען אויפן אָרט און מ'האָט זיי זייער העפלעך פאַרבעטן אַריינצוגיין אין וואַך־צימער. זייער איבעררעשונג איז געווען אומגעהויער, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, נאָר אַריינגיין.

אין דרויסן לאָדנט מען אויף דאָס געווער. אַ קאַסטן נאָך אַ קאַסטן. די בחורים אַרבעטן אומדערמידלעך. איצט איז נישטאָ קיין העלפערס. זיי אַליין מוזן טאָן די אַרבעט. זיי טוען מיט התמדה, פלייסיק. נאָך אַ קאַסטן, און נאָך אַ קאַסטן. איילט אייך, קינדער! ביז איצט האָט איר געהאַט גליק. אָבער איר זייט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים. אָט קומען די סאָלדאַטן פון זיין מאַיעסטעט פון מיטיק. זיי האָבן אייך נאָך נישט דערקענט. זיי האַלטן אייך פאַר זייערע „חברים", וועלכע האָבן געבראַכט אַמוניציע פאַר זייער רעגימענט, אָבער זיי קענען עפּענען די אויגן. ס'איז דאָ צווישן אייך איינער, וועמען מ'האָט אין דער לעצטער מינוט גענומען צו דער אַרבעט און ער איז גאָרנישט ענלעך צו אַ בריטישן „הוזאַר". אַ תימנער איז ער, און אַז איר וועט אפילו אים אַנטאָן צוויי רויטע היטעלעך, וועט איר פון אים נישט מאַכן קיין גלאַזגויער. און איר שמועסט נאָך צווישן זיך. יהושע האָט אייך טאַקע געהייסן רעדן אָדער שילטן נאָר אין ענגליש, אָדער — בעסער — גאָרנישט רעדן. אָבער בשעתן שלעפּן דאָס געווער רייסט זיך פון אייך אַרויס אַ וואָרט און דווקא נישט אין ענגליש, נאָר אין דער שפּראַך אין וועלכער איר זייט געוווינט אויסצודריקן אייערע גע־פילן. איילט זיך. בחורים! איילט אייך! איר זייט ווינציקע און אייערע שונאים אַ סך, זייער אַ סך! איר זייט אַריין אין לייבס מויל און איר דאַרפט נישט בלויז אַרויסגיין פון דאָרט, נאָר אויך מיטנעמען מיט זיך „בלייענע ציינער". גיך. יע־דע מינוט איז טייער!

דער שווערער אויטאָ ווערט פול. מ'וועט שוין באַלד קענען אַרויספאָרן מיטן דער טייערער סחורה. איינעם פון די בחורים האָט זיך פאַרגלוסט עטלעכע „ווי־קערס", די שווערע מאַשין־געווער פון די טאַנקן פון בריטישע פאַנצער־דיוויזיעס. ער גייט אַרויף אויפן ערשטן טאַנק און הייבט אָן צונויפנעמען דעם „וויקערס". נישט גוט. דער בריטישער זעלנער אויפן וואַך־טורעם האָט באַמערקט אַ משונה־דיקע זאַך: אַ טאַנק און אויף אים שטייט אַ סאָלדאַט וואָס נעמט אַראָפּ דאָס מאַשינען־געווער פון גרויסן שטאָלענעם גוף. ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג.

כ׳איז דאָך אוממעגלעך אַז אַ דיסציפּלינירטער בריטישער סאָלדאַט וועט אַראָפּ־נעמען געווער פון אַ בריטישן טאַנק. דער סאָלדאַט אויפן טורעם שיסט. אין לאַגער ווערט אַ בהלה. די בריטישע סאָלדאַטן לויפן כאַפּן זייער געווער. אַ פּאַניק. ווער איז דאָ דער „פיינד״? ווער איז פון די „אונדזעריקע״? אָבער דער פּאַרלאָ־דענער אויטאָ מיטן געווער איז אַ קלאָרער ציל. אויפן אויטאָ שיטן זיך קוילן. די בחורים ענטפערן מיט פייער. זיי פּאַרטיילן זיך אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע לאָדנט ווייטער געווער; די צווייטע גרופּע דעקט די „טרעגערס״ מיט פייער. אין סאַראַפּענד האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט.

שמשון (דער אויפּבערעכער פון דער עכוער פעסטונג)זאָגט, אַז מ׳קען ווייטער לאָדענען. ער האָט אַ ברען־גאַן און פאַרזיכערט מיט אים איינצושטילן דעם שונאס פייער. אָבער דער קאַלטבלוטיקער יהושע קאָמאַנדירט איבער דער אָפּעראַציע. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מענטשן. אויך ביי אים איז טייער יעדער קאַסטן געווער. אָבער דאָס לעבן פון די בחורים איז טייערער. ער גיט אַ באַפעל אַרויפצוגיין אויפן אָנגעלאָדנטן אויטאָ. די בחורים שיסן ווייטער און שפּרינגען אַרויף אויפן אויטאָ. יהושע איז דער לעצטער. ער האָט אין האַנט אַ לאָדונג פון דינאַמיט. דאָס וואָס מען קען נישט צונעמען פון שונא — איז בעסער צו פאַרניכטן. ער גייט אַריין אין צעלט, אין וועלכן ס׳געפינען זיך די בריטישע געפאַנגענע. ער קען אויפרייסן די צעלט מיט אירע מענטשן. אָבער די ענגלענדער האָבן פריער אויפגעהויבן זייערע הענט אונטערגעבנדיק זיך. זיי זענען געפאַנגענע. יהושע האָט געלערנט די קריגס־מאָראַל פון ארגון צבאי לאומי. אַ שונא, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט מיט דעם געראַטעוועט זיין לעבן. יהושע שרייט צו די בריטישע אָפיצירן און סאָלדאַטן: טראָגט זיך שנעל אָפּ! איך רייס אויף דעם מאַגאַזין! די ענגלענדער זענען איצט נאָך מער איבערראַשט. איז עס אמת? זיי זענען געווען אין די הענט פון די שרעקלעכע אצל״ניקעס, און מ׳האָט זיי געלאָזט לעבן? מ׳האָט זיי דאָך דערציילט, אַז... אָבער ס׳איז נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. יהושע שרייט נאָכאַמאָל: גייט אַרויס! די ענגלענדער זאָגן אַ דאַנק און לויפן. יהושע צינדט אָן דעם קנויט — און לויפט. דער גרויסער אויפרייס וועט אָנוואַרפן אַן אימה אויפן שונא און וועט דערמעגלעכן די בחורים זיך צוריקצוציען אין דער ריכטונג פון טויער.

אויך ביים טויער איז פאָרגעקומען אַ קליינע שלאַכט. דאָרט זענען דאָך געשטאַנען אייניקע „ראָט־קעפּכען״ וואָס האָבן זיך פריינדלעך געשמועסט מיט די בריטישע סאָלדאַטן פון דער וואַך. אָבער ווען זיי האָבן דערהערט די שיסערייען פון לאַגער, האָבן זיי „געבעטן״ די בריטישע פּאַטרולן אויפצוהייבן די הענט און אַריינגיין אין וואַך־צימער. זייער פּלאַץ האָבן פאַרנומען אונדזערע „רויטע־היטעלעך״. ווען דאָס טויער וואָלט געווען געשלאָסן, וואָלטן אונדזערע בחורים געהאַט אָפּגעשניטן דעם צוריקגאַנג און זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין דער נעץ. דאָס האָבן אויך די ענגלענדער פאַרשטאַנען. דעריבער איז אַן אָפיציר געלאָפן

אין דער ריכטונג פון טויער און געשריגן: שליסט צו דעם טויער, שליסט צו דעם טויער! די „רויטע היטעלעך" האָבן געענטפערט „יעס, סער" און געלאָזט דעם אָפיציר קומען נענטער. דעם טויער האָט מען נישט פאַרשלאָסן. דעם אָפיציר האָט מען איינגעשלאָסן.

די שיסערייען ווערן אַלץ געדיכטער. אונדזער אויטאָ לויפט צום טויער. ער איז אַרויס פון טויער. די „רויטע היטעלעך" שפּרינגען אַרויף אויפן אויטאָ. קיינער איז נישט געהרגעט געוואָרן און קיינער פעלט נישט. ס'זענען פאַראַן בלויז אייניקע פאַרווונדעטע. שנעל, שאָפער, שנעל! די ענגלענדער זענען שוין געקומען צו זיך. זיי זענען שוין אַרויף אויף זייערע אויטאָס, עס באַגלייטן זיי פּאַנצער־אויטאָס און אַלע יאָגן נאָך דעם חוצפּהדיקן לאַסט־אויטאָ. ס'איז ווידער אַ פּאַניק ביים שונא. „רויטע היטעלעך" קעגן „רויטע היטעלעך". אפשר זענען עס די „ממזרים"? און אפשר זענען גראַד די דאָזיקע די „טעראָריסטן". דער לאַסט־אויטאָ האָט זיך באַוויזן אַרויסצודרייען. אָבער מ'קען שוין נישט ברענגען דאָס געווער אויפן פאָראויס באַשטימטן אָרט. אין דער סביבה ווימלט עס מיט סאָלדאַטן פון שונא. יהושע באַפעלט אויסצולאָדעווען דעם טייערן באַגאַזש אין זאַמד. פאַרנאַכט־צייט וועלן קומען אַנדערע בחורים און עס אַריבערפירן אין אַ זיכערן אָרט. די אַרבעט ווערט גיך געמאַכט. אַ דינער זאַמד־שיכט דעקט צו די אַמוניציע. די בחורים טוען אויס די מיליטערישע אוניפאָרמען און „פאַרשטעלן זיך" פאַר יידן. די פאַרווונדעטע ווערן פאַרבאַנדאַזשירט. אויפן שאָסיי פאָרט דורך אַ טאַקסי. מ'שטעלט זי אָפּ און מ'טראָגט אַריין די פאַרווונדעטע. צי וועט אַלץ אַריבער בשלום? ,

נישט אַלץ איז אַריבער בשלום. ס'רוב פון דער אַמוניציע איז געהיימערהייט אַרויסגענומען געוואָרן דורך דער „הגנה", נאָך איידער אונדזערע בחורים זענען געקומען עס אַריבערפירן אין אַ מאַגאַזין. אונדזערע בחורים האָבן אומזיסט געהאַרעוועט, געשטעלט אין סכנה זייער לעבן און פאַרגאָסן זייער בלוט? אין אַ געוויסן זין איז עס געווען כמעט אומזיסט. זייער ארגון האָט נישט באַקומען דאָס געווער. אָבער פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז ווערט געווען זייער אַרבעט, מחמת דער עכאָ פון דער אַרבעט איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער וועלט. דער קאָמענטאַטאָר פון ראַדיאָ לאָנדאָן האָט בפירוש געזאָגט, אַז אין ענגלאַנדס הויפּטשטאָט הייבט מען נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איז געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען אין סאַראַפענד. ווי אַזוי האָבן די טעראָריסטן געקענט מאַכן אַן אָנפאַל אויפן גרעסטן בריטישן מיליטערישן לאַגער און אַרויסשלעפּן פון דאָרט וואָפן און אַמוניציע. פון דריטן שטאַנדפּונקט — פון דער צוקונפט — איז זיכער כדאי געווען די ריזיקע און די האָרעוואַניע. די קוילן האָבן פאַר אונדזער פאָלק געבראַכט נוצן אין זיין לעבנס־קאַמף אויף אַ לאַנגער צייט שפּעטער...

אַ חוץ דעם פאַרלוסט פון דער אַמוניציע האָבן מיר געהאַט נאָך אַ דורכ־

פאַל. צוויי פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, מיכאל אשבעל און יוסף שמחוני, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן מיטן וועג דורך אַ מיליטערישן פּאַטרול. זיי האָבן אַרויסגערופן אַ חשד. קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין פּערזענלעכע דאָקומענטן. מ׳האָט זיי געהייסן אַרויסגיין פון אויטאָ. באַלד האָט מען דערזען זייערע ווונדן. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן. אויך דאָס מיידל וואָס האָט זיי באַנדאַזשירט און זיי באַגלייט אַהיים איז אַרעסטירט געוואָרן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַפּיטל, וואָס זיין אָפּקלאַנג האָט זיך אויסגעברייטערט איבער דער גאַנצער וועלט.

ב.

אין יענער תקופה האָבן די ענגלענדער אַרויסגעגעבן די בייזע אויסנאַם־געזעצן, וועלכע האָבן פּאַקטיש פאַרוואַנדלט יעדער בירגער אין אַ קאַנדידאַט פאַר אַרעסט, דעפּאָרטאַציע און תליה. יורידישע ספּעציאַליסטן האָבן דערקלערט, אַז אפילו אין נאַצי־דייטשלאַנד האָט נישט עקזיסטירט אַזאַ הפקר־געזעץ. דער ראַדיאָ „קול ישראל״ איז באַפולמעכטיקט געוואָרן מיטצוטיילן אין נאָמען פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אַז אויב ס׳וועט געמאַכט ווערן דער פּרוּוו איינצופירן אין לעבן די דאָזיקע געזעצן, וועלן זייערע אויספירער באַהאַנדלט ווערן ווי פאַרברעכער און זיי וועלן באַשטראָפט ווערן. דאָס איז געווען די שטאָלצע דעקלאַראַציע פון דער „הגנה״. מיר האָבן זיך געפרייט זי צו הערן. מיר האָבן אָבער באַדויערט, אַז מ׳האָט זי קיינמאָל נישט רעאַליזירט.

אין הסכם מיט די דאָזיקע געזעצן זענען אשבעל און שמחוני געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן געריכט. די אַרבעט פון די דריי בריטישע אָפיצירן, פון וועלכע ס׳איז באַשטאַנען דאָס „געריכט״, איז געווען זייער אַ פּשוטע. זיי האָבן נישט געקענט קיין רעכט־וויסנשאַפט. צוויי טעראָריסטן זענען געשטאַנען פאַר זיי און ס׳איז געווען אַ קלאָרער פּאַראַגראַף אין דער קליינער בראָשור וואָס הייסט: „אויסנאַם־ און פאַרטיידיקונג־געזעצן״. און אפשר האָבן זיי אויך דעם פּאַראַגראַף נישט געקענט. זיי זענען געווען אָפיצירן, און זיי דאַרפן זיך נישט באַשעפטיקן מיט „פּאָליטיק״. מ׳האָט זיי שוין געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרף מען אַרויסגעבן אַ טויט־אורטייל, כדי די יידישע מחוצפים זאָלן זען און מורא האָבן. די געריכט־פאַרהאַנדלונג איז געווען אַ קורצע. מ׳האָט אויסגעהערט עטלעכע עדות, וועלכע האָבן אידענטיפיצירט אשבעלן און שמחונין אַלס באַטייליקטע אין דער סאַראַפענדער אַקציע. די באַשולדיקטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַדוואָקאַטישער הילף און האָבן געהאַלטן רעדעס נישט ווי באַשולדיקטע, נאָר ווי אָנקלאָגערס. אשבעל האָט געזאָגט:

„מיר ווייסן וואָס איר האָט געמיינט מיטן איינפירן די טעראָר־געזעצן. איר האָט געוואָלט ברעכן דעם גייסט פון פאָלק, וואָס ראַנגלט

זיך פאַר זיין עקזיסטענץ. איר האָט געוואָלט אים אָפּשרעקן און אָפּ־שוואַכן. די אַלע באַמיאונגען זענען אומזיסט. אייערע הערשער האָבן געדאַרפט לערנען פון דער געשיכטע, אַז מיט אכזריותדיקע רדיפות קען מען נישט ברעכן קיין שטרעבונג צו באַפרייאונג. זיי האָבן געדאַרפט וויסן אַז אין די באַציאונגען צווישן פעלקער איז נישטאָ קיין זינד אָן שטראָף.

איר וועט, מיינע הערן, נישט ברעכן דעם גייסט פון יידישן פאָלק און די שטרעבונג זיינע צו באַפרייאונג וועט איר נישט פאַרניכטן.

און צום סוף וויל איך אונטערשטרייכן איין פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אייער הערשאַפט. דער בריטישער פּאָלי־ציסט, וואָס זיצט דאָ הינטער מיר, ווען ער האָט אונדז באַגלייט צו מיטיק, האָט זינגענדיק אין פאַנצער־אויטאָ, מיך געפרעגט צי איך קען דאָס „האָרסט וועסל ליד". ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס איז אַ פּרעכטיק ליד. איך וויל וויסן, צי דער טעקסט פון דעם ליד האָט זיך געפונען אין איינער פון די באָמבעס וואָס איז געפאַלן אויף לאָנדאָן. איך בעט אַוועקצונעמען דעם פּאָליציסט פון דער שמירה איבער מיר".

נאָך אים איז אויפגעשטאַנען שמחוני און האָט געזאָגט צו די „ריכטער":

„מ'האָט מיך געפּאָרשט ווען איך בין געווען פאַרוואונדעט און אָפּ־געגאַנגען מיט בלוט. פונדעסטוועגן האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דער פייניקונגס־צעלע, געשלאָגן אכזריותדיק איבערן פּנים און קאָפּ. און מ'האָט מיך געדראָעט אַז מ'וועט מיך דערהרגענען אויפן אָרט, אויב איך וועל נישט זאָגן וואָס זיי האָבן געוואָלט כ'זאָל זאָגן. אָבער מיט די־אָ מעטאָדן איז זיי נישט געלונגען מיך צו ברעכן. נישט מיך האָבן זיי דערנידעריקט מיט זייערע קלעפּ: זיך אַליין און זייער פאָלק האָבן זיי פאַרפלעקט, דערווייזנדיק אַז די בריטישע פּאָליציי און די דייטשישע געשטאַפּאָ זענען אַ צווילינג־פּאָר. איך בין אייך גאָרנישט געקומען בעטן. איך בין אויפגעשטאַנען כדי אייך צו זאָגן מיט פּשוטע ווערטער, אַז איך זאָג אייך אָפּ דאָס רעכט מיך צו משפטן, און דאָס צוליב צוויי סיבות. די ערשטע שטעקט אין עצם פאַקט, וואָס איר, אָפיצירן פון דער בריטישער אַרמיי, זענט געוואָרן ריכטערס איבער מיר, אויף אַ זון פון יידישן פאָלק. אייער קשר מיטן דאָזיקן לאַנד איז נאָר אויף וויפיל איר קענט אָנווענדן די פויסט־הערשאַפט, און מיין קשר מיט דעם לאַנד איז באַזירט אויף גאָטס און אויף מענטשלעכע געזעצן, אויף אַ געשיכטע פון טויזנטער יאָרן, אויף דער אנערקענונג פון פּופציק נאַציעס, אויף אייביקע ליבע און אומבאשטרייטבאַרע רעכט. איר קענט איינפירן אין לאַנד דאָס פויסט־געזעץ, אָבער אור־טיילן אונדז קענט איר נישט. קיינמאָל וועט איר נישט אַריינדרינגען

אין אונדז דאָס געפיל אַז איר זייט די ריכטער און מיר — די באַשול־דיקטע, אַז איר זייט די אָנקלאָגערס און מיר די באַשולדיקטע. דאָס פויסט־געזעץ איז נישט קיין געזעץ.

די צווייטע סיבה, צוליב וועלכער איך אנערקען נישט אייער מאָ־ראַלישע קאָמפעטענץ מיך צו משפטן, איז פאַרבונדן מיט דעם וואָס איר רופט „אויסנאַם־געזעץ". די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט און יע־דער פרייער מענטש אין דער ברייטער וועלט זעט אין דעם אַ הפקר געזעץ, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אפילו אין טאָטאַליטאַרע מלוכות. ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש אין ארץ־ישראל וואָס זאָל אנערקענען די געזעצלעכקייט פון אַזאַ געזעץ, און יעדער אורטייל אויפן סמך פון דעם געזעץ ווערט ביי מיין פאָלק גערעכנט ווי אַ ווילקירלעכער באַ־שלוס און אַ פאַרברעכערישער אטענטאַט אויף די עלעמענטאַרע רעכט פון מענטש און בירגער.

פאַרשטענדלעך, איך גיב זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז מיין פּראָטעסט וועט נישט העלפן. מ'האָט אייך געהייסן אַרויסצוגעבן אורטיילן און איר וועט עס זיכער טאָן. אָבער איידער איר וועט עס טאָן הערט, פאַר־שטייער פון בריטאַניע, עטלעכע וואָרענונג־ווערטער.

איר האָט געפייערט דעם יאָרטאָג פון אייער נצחון איבער נאַצי־דייטשלאַנד. צי האָט איר אָבער ווירקלעך מנצח געווען? אמת, מיט דער הילף פון צוויי גרויסמאַכטן האָט איר פיזיש באַזיגט דעם שונא, אָבער זיין גייסט האָט אייך באַזיגט. און איר ווייסט עס. ווייל אויב נישט — ווי האָט איר געקענט קאָלאַבאָרירן מיט די פאַרטיליקער פון יידישן פאָלק אין מאַסן־מאָרדן? ווי האָט איר געקענט פאַרשליסן פאַר זייערע קינדער די טויערן פון זייער לאַנד און זיי האַלטן אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגערן? ווי האָט איר געקענט פאַראורטיילן אַ גאַנץ פאָלק צום אונטערגאַנג, ווייל איר דאַרפט האָבן זיין לאַנד פאַר פינצטערע צילן? דאָס אַלץ וואָלט געווען אוממעגלעך אויב איר וואָלט נישט גע־טרונקען פון כוס פון דער אייביקער שנאה וואָס היטלער האָט אייך דערלאַנגט.

אָבער אויב ס'איז אַזוי, מיינע הערן, אויב דער נאַצישער גייסט האָט זיך צו אייך צוגעקלעפּט, אויב איר האָט אויף זיך גענומען די ראָל פון פּרעה און עמלק, פון המן און פון היטלער — טאָ לייגט אַכט אויף דער אויפשריפט אויפן וואַנט. מיט אַזאַ גייסט וועט איר נישט קענען עקזיסטירן נישט ווי אַן אימפּעריע און נישט ווי אַ מדינה. קיין פיזישער כוח וועט אייך נישט ביישטיין. יאָ. איר וועט נאָך באַווייזן צו פאַרגיסן אונדזער בלוט, צו טויטן אונדזערע ברידער, פאַריתומען אונדזערע זין און פאַראומגליקלעכן אונדזערע מאַמעס. אָבער איר וועט

אונדז נישט פאַרניכטן. מיר וועלן קעמפן פאַר אונדזער לאַנד, ווייל דאָס איז אונדזער לאַנד. איר וועט אונדז נישט פאַרטיליקן. פריער פון אייך זענען מיר אַרויף אויף דער געשיכטלעכער אַרענע און נאָך אייך וועלן מיר אַראָפּגיין. אָבער איר — ציטערט פאַר גאָטס משפּט!“

דער „משפּט“ האָט זיך גיך געענדיקט. די באַראַטונג פון די „ריכטער“ איז געווען זייער אַ קורצע. אַלע דריי האָבן אָנגעטאָן זייערע היטלען. דער פאָרזיצנדער האָט פאָרגעלייענט פאַר יעדן דעם טראַדיציאָנעלן, מיט סאַדיזם־דורכגעזאַפּטן זאַץ פון די בריטישע תּליינים: „דו ביסט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך הענגען פאַרן האַלדז ביז דיין נשמה וועט אַרויסגיין“... אשבעל און שמחוני האָבן געזונגען די „התקוה“.

ס'איז אונדז אפילו נישט איינגעפאַלן מפקיר צו זיין אונדזערע פאַראורטיילטע ברידער צו גענעראַל באַרקערס חסד. אונדזער באַשלוס איז געווען קלאָר: אונדזערע זעלנער זענען טאַקע גרייט צו געבן זייער לעבן פאַרן פאָלק, אָבער מיר דאַרפן טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך אויף צו ראַטעווען זייערע לעבנס. און מיר האָבן נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן קעמפער און קעמפער. ווען מתּתיהו שמולעוויטש, אַ מיטגליד פון לח״י, איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, האָבן מיר פאָרגעשלאָגן דער לייטונג פון לח״י אַן אָנגריף־פּלאַן אויף דער ירושלימער תּפיסה, כדי צו ראַטעווען און באַפרייען דעם פאַרמשפּטן אַרעסטאַנט. איתן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אונדזער אָפּעראַציע־שעף, האָט אויסגעאַרבעט די פּרטים פונעם פּלאַן און מיר האָבן געהאַלטן אים אויסצופירן צוזאַמען מיטן לח״י. אינצווישן איז שמולעוויטש באַגנעדיקט געוואָרן דורכן הויך־קאָמיסאַר און דער פּלאַן איז אַנולירט געוואָרן, גענויער געזאָגט — אָפּגעלייגט געוואָרן.

ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער אורטייל איבער אשבעלן און שמחונין, האָבן מיר דעם ערשטן מאָל געוואָרנט די בריטישע הערשער: „איר זאָלט נישט אויפהענגען אונדזערע געפאַנגענע סאָלדאַטן. מיר שווערן ביי גאָט, אַז מיר וועלן צעברעכן אייערע תּליה־סלופּעס. אויף תּליה — וועלן מיר ענטפערן מיט תּליה“!

עטלעכע טעג נאָך דער וואָרענונג האָבן מיר אַרעסטירט זעקס בריטישע אָפיצירן. פינף פון זיי האָבן מיר געפונען אין אָפיצירן־קלוב אין תּל־אביב. אונדזערע אַן אָפּטיילונג האָט אַרומגערינגלט דעם ראַיאָן, כהרף־עין פאַרנומען דעם קלוב, און באַהערשט זיינע טעלעפאָן־פאַרבינדונגען. פיר בחורים אונדזערע האָבן אויסגעשטעלט זייערע רעוואָלווערן און באַפוילן צענדליקער בריטישע אָפיצירן, אויך זיי האָבן אַלע געהאַט רעוואָלווערן, אויפצוהייבן די הענט. די בריטישע מיליטער־לייט האָבן געפאָלגט דעם באַפעל. אונדזער מפקד איז דורכגעגאַנגען די רייען פון די דערשטוינטע אָפיצירן און האָט אויסגעקליבן פינף, וועלכע האָבן אויס־

געזען צו זיין הויך־ראַנגיקע. ער האָט זיי באַפוילן צו גיין מיט אים, מעלדנדיק, אַז זיי זענען געפאַנגענע דורכן ארגון צבאי לאומי. די אָפיצירן זענען אַריינגע־גאַנגען אין די אויטאָמאָבילן וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט אין דרויסן. די אַנדע־רע אָפיצירן האָבן באַקומען אַ באַפעל זיך נישט צו רירן פון זייערע ערטער אַ פערטל שעה, און זיי האָבן זיך נישט גערירט. ווען ס'איז אָנגעקומען בריטיש מיליטער און פּאָליציי, איז שוין קיין שפּור נישט געווען נישט פון די פאַנגערס און נישט פון די געפאַנגענע.

אין ירושלים האָט אונדז באַזונדערס אָפּגעשפּילט דאָס גליק, ער איז אָבער פון אונדז אָפּגעטאָן געוואָרן. אונדזערע בחורים האָבן אַרעסטירט אַ הויכן ברי־טישן אָפיציר, פון די שפּיץ פון מיליטערישן אינטעליגענס, אַן אַטאַשע פונעם הויפּט־שטאַב פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי. דער אָפיציר איז אַרעסטירט געוואָרן אין גאַס, גייענדיק צום מלך־דוד־האָטעל. ער האָט אַרויסגעוויזן מוסטערהאַפטע דיסציפּלין. דערשפּירנדיק אונטער די זייטן אַ שטיק אייזן, וואָס איז זייער ענ־לעך געווען צו אַ רעוואָלווער־לופע. איז ער אָן שהיות אַריין אין אויטאָ, וואָס האָט אים איבערגעפירט אין אַרעסט־פּלאַץ. דער ירושלימער מפקד, אלון, האָט אונדז צוויסן געגעבן מיט נישט קיין באַהאַלטענער שמחה: „מיר האָבן אַ וויכ־טיקן פויגל אין די הענט". אָבער די שמחה האָט לאַנג נישט גערדויערט. דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן. ס'איז געשען אַ פּשוטע זאַך, כאָטש אַ שמערצלעכע. אַזאַ זאַך האָט נישט געדאַרפט געשען אין ארגון־צבאי־ לאומי. דער סאָלדאַט אויף דער שמירה האָט נאָכגעגעבן די ביטע פון געפאַנגענעם אָפיציר ער זאָל אָפּבינדן די קייטן פון זיינע הענט. דער אינטעלידזשענס־אָפיציר האָט באַמערקט אַ טיר אין סופיט פון נידעריקן צימער, וועלכער האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ בעקעריי. אונדזער סאָלדאַט האָט אויף אַ מאָמענט פאַרלאָזן דעם הויף. דער אָפּי־ציר האָט געפּרוווט זיין מזל, געמאַכט אַן אַקראָבאַטישן שפּרונג — און ס'איז אים געלונגען. אונדזער סאָלדאט האָט צו שפּעט באַמערקט דעם אַנטלויפנדיקן, ער האָט אים נאָכגעיאָגט איבער די ירושלימער געסלעך, אָבער דער אָפיציר איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ שטאָטישן אויטאָ און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ס'איז בעצם געווען אַ פאַנטאַסטישע סצענע, אַ בריטישער שטאַב־אָפיציר, איינער פון די הערשער איבערן דאָזיקן לאַנד, אַנטלויפט „אומלעגאַל", אין גרויס אימה, פון אַרעסט און ס'יאָגט אים נאָך אַ יידישער בחור, אַ זון פון פאַרקנעכטעטן פאָלק וואָס וויל צוריקברענגען דעם אַנטלאָפענעם אין „געזעצלעכן אַרעסט".

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז קיינער האָט נישט געגלויבט און נישט גע־וואָלט גלויבן, אַז דער אָפיציר איז פון אונדזערע הענט אַנטלאָפן. אונדזער פאָלק האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן, אַז אַ בריטישן אָפיציר האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון אצ"ל. מיט גרויס פאַרוווּנדערונג בין איך געוואָר געוואָרן, אַז אפילו די „הגנה"־פירער זענען געווען איבערצייגט, אַז מיר האָבן דעם אָפיציר געלאָזן אַנטלויפן. באַלד נאָכדעם ווי מיר האָבן אַרעסטירט די ענגלישע אָפיצירן,

האַט פון אונדז די „הגנה"־קאָמאַנדשאַפט געפאָדערט מיר זאָלן זיי באַפרייען. די „הגנה" און אירע פּאָליטישע שעפן האָבן געהאַט פאַרשידענע סיבות פאַר דער פאָדערונג. ס׳קען זיין אַז זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַן ענערגישע רעאַקציע פון דער בריטישער מאַכט און אפשר האָבן זיי נישט געוואָלט אַז דער אַרעסט פון די אָפיצירן זאָל אין דער עפנטלעכער וועלט־מיינונג פאַרטונקלען די טאַט פון בריקן־אויפרייס.

בעת דער באַגעגעניש מיט די „הגנה"־אָנפירער האָב איך זיי אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל. דאָס איז נישט קיין מיליטערישע אָפּעראַציע, בנוגע וועלכער עס פאַרפליכטעט אַ באַשלוס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס בלוט איז אונדזערס און מיר קענען בשום אופן נישט מפקיר זיין אונדזערע חברים, וועלכע שטייען אין שאָטן פון דער תליה. איך געדענק די ווער־טער, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַנוצט ביי יענער טרעפונג:

„מיינע הערן! אין דעם ענין וועלן מיר זיין גרייט צו גיין ביזן סוף, פּשוט — ביזן סוף. אָבער עס וועט נישט זיין נייטיק. איר וועט זען, אַז צוליב אונדזער דרוק וועלן מיר אונדזערע בחורים אַראָפּנעמען פון דער תליה!".

אויך פון לאָנדאָן איז געקומען די פאָדערונג צו ווירקן פאַר דער באַפריי־אונדז פון די בריטישע געפאַנגענע. דעם 19טן יוני 1946 איז ה׳ בן־גוריון, וועל־כער האָט גראָד געוויילט אין לאָנדאָן, פאַרבעטן געוואָרן אין קאָלאָניען־מיניס־טעריום. קריך־דזשאָנס און דער באַקאַנטער מארטין האָבן מיטן פאָרזיצענדן פון דער יידישער אַגענץ באַהאַנדלט די פראַגע פון די „געקידנעפּטע" אָפיצירן. ה׳ בן־גוריון האָט דעם בריטישן מיניסטער צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי צו באַפרייען די „געכאַפּטע" אָפיצירן. ביים סוף פון געשפּרעך האָט דער יידישער פאָרשטייער איבערגעלאָזט אַ בריוו צו די אָפיציעלע אינסטיטוציעס אין ירושלים — אַזאַ „רעקאָמענדאַציע־בריוו" — און האָט געבעטן דעם קאָלאָניען־מיניסטעריום אים איבערצושיקן צום אַדרעסאַט. און ווידער: ווי אַזוי מיר האָבן איבערגעדרייט די סדרים פון דער וועלט! אַ 30 יאָר זענען בן־גוריון און אַנדערע יידישע פאָרשטייער געשטאַנען ביי דער טיר פון קאָלאָניען־מיניסטעריום און געבעטן — אַן דערפאָלג — מ׳זאָל עפּעס טאָן פאַר יידן. דאָס ערשטע מאָל האָט אַ בריטישער מיניסטער געבעטן דעם יידישן פאָרשטייער צו טאָן עפּעס פאַר די... ענגלענדער.

די פירער פון דער „הגנה" האָבן מיר אפשר פאַרשטאַנען, אָבער זיי האָבן נישט געטיילט מיין מיינונג. זיי זענען באַשטאַנען אויף דער בקשה צו באַפרייען די ענגלענדער. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיך משה סנה איינגעלאַדן אויף אַ ספּעציעלן פּריוואַטן צונויפטרעף אין „יאַן׳ס" הויז. אונדזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אויף צומאָרגנס נאָכן אַנטלויפן פון בריטישן שטאַב־אָפיציר. סנה האָט אָנגעהויבן דעם שמועס מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר אונדז:

— איך נעם אָן — האָט ער געזאָגט — אַז איר האָט אים געלאָזט אַנט־

לויפן, כדי ער זאָל קענען דערציילן, אַז איר טוט נישט קיין שלעכטס די געקיד־נעפּטע. לויט מיין מיינונג איז עס אַ ריכטיקער שריט, וואָס קען פאַרלייכטערן די באַמיאונגען!

כ׳האָב געקעמפט מיט זיך אַליין: מודה זיין אין אונ־דזער דורכפאַל, דער גלויבן, אַז מיר האָבן אים בכוונה געלאָזט אַנטלויפן, איז געווען אַזוי טיף, אַז ס׳איז פשוט נישט געווען אנגענעם אויסצוזאָגן דעם אמת. אָבער כ׳האָב געטראַכט, אַז כל־זמן מיר שטייען אין באַציאונגען פון קריגס־קאָאָפּעראַציע מיט דער „הגנה״, איז מיין פליכט צו דערציילן איר פאָרשטייער דעם אמת. כ׳האָב דעריבער דערציילט סנהן, ווי דער בריטישער שטאַב־אָפיציר האָט זיך אַרויסגעקריגן. סנה האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שמחה פון אונדזער מפּלה, ער האָט אָבער אויך נישט פאַרהוילן זיין פאַרוואונדערונג.

— אַזוי?...

— יאָ. דאָס איז דער אמת. אָבער ס׳מאַכט נישט. פינף האָבן מיר נאָך אין די הענט. דו וועסט זען, אַז מיט זייער הילף וועלן מיר מבטל מאַכן די טויט־אורטיילן!

מיר האָבן געהאַלטן די געפאַנגענע אָפיצירן אין צוויי באַזונדערע ערטער. דריי אין איין אָרט, און צוויי אין אַן אַנדערן פּלאַץ. אָבער אַלע זענען געווען אין תל־אביב, ביז זייער באַפרייאונג. די ענגלענדער האָבן פּראָקלאַמירט אַ הויז־אַרעסט אין תל־אביב און געזוכט פון הויז צו הויז. עטלעכע מאָל איז דאָס מי־ליטער געווען זייער נאָענט צום אָרט ווו זייערע חברים זענען געווען אַרעסטירט. אָבער אַלע זוכענישן — און אויך די גרויסע רעוויזיע דעם 29טן יוני — זענען געווען אומזיסט. צום סוף האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי די געפאַנגענע אָפיצירן געפינען זיך אין תל־אביב. מיר האָבן נאָך געשטאַרקט זייע־רע ספקות. אַ לאַסט־אויטאָ מיט איינגעאָרדנטע טראָג־בעטלעך איז געפונען גע־וואָרן „איבערגעלאָזן״ אויסערן שטאָט, אויפן מיטן וועג. די ענגלענדער האָבן אַנטדעקט „שפּורן״, אָבער גאָרנישט געפונען. מיר האָבן געהאַלטן אין איין אַריינ־פירן זיי אין טעותים. און זיי האָבן אפילו נישט געוווּסט, אַז דאָס אָרט ווו מיר האַלטן די צוויי אָפיצירן קען מען לייכט אויפדעקן. אָבער אונדז האָט די שווע־ריקייט געגעבן שטאָף צו מחשבה. אפשר זאָלן מיר פון דער נויט מאַכן אַ טוגנט? מיר זענען געקומען צום אויספיר אַז ס׳וועט גוט זיין אַרויסצולאָזן די צוויי אויף דער פריי און האַלטן די דריי. די אינסטרוקציע צו באַפרייען די צוויי געפאַנ־גענע אָפיצירן איז ווי געהעריק אויסגעפירט געוואָרן. די ענגלענדער זענען נאָך מער צעמישט געוואָרן. די באַפרייטע אָפיצירן האָבן דערציילט, אַז די באַציאונג צו זיי איז געווען אַן אַנשטענדיקע. ענגלישער אַרבעטער אין לאָנדאָן זענען געווען ביי דער מיינונג, אַז די באַציאונג איז געווען צו אָרנטלעך. יעדער אַרבע־טער האָט געלייענט אין זיין צייטונג, אַז די אָפיצירן פלעגן באַקומען צו פריש־טיק אייער. ער האָט געזידלט נישט די אָפיצירן, נאָר דווקא אונדז:

— איך — האָט ער געזאָגט — האָב קיין פרישע איי פאַר די אויגן נישט געזען שוין יאָרן און יענע „ממזרים״ גיבן די אָפיצירן אייער צוויי מאָל אַ טאָג.

אין דער צייט ווען די ענגלישע אָפיצירן האָבן אין אונדזער אַרעסט געגעסן אייער האָט זיך געפירט דער אומזעבאַרער גערַאַנגל פאַר די לעבנס פון אונדזערע צוויי יונגע ברידער, וועלכע זענען געזעסן אין דער טויטן־צעלע, אַנגעטאָן אין די פורפור־קליידער פון דער תליה. זייט מיר האָבן געפאַנגען די אָפיצירן, האָבן מיר געשוויגן. מיר האָבן נישט געזוכט קיין נאַרישן פרעסטיזש־שפּיל. מיר האָבן נישט געוואָלט שווערער מאַכן די ענגלענדער זייער צוריקצוג פון זייער מערדערישער אינטריגע. פאַר אונדזערע אויגן האָבן מיר געהאַט איין און איינציקן ציל: צו ראַטעווען אונדזערע חברים. דעריבער האָבן מיר געשוויגן אויך ווען די גאַנצע וועלט־פּרעסע און די ראַדיאָ־סטאַציעס האָבן געשטורעמט און געטענהט טאָג־טעגלעך, אַז מיר וועלן טויטן די בריטישע אָפיצירן, אויב די ענגלענדער וועלן אויספירן די עקזעקוציע איבער די צוויי פאַרמשפּטע יידן. מיר האָבן עס נישט אָפּגעלייקנט, אָבער אויך נישט באַשטעטיקט. נאָר ווען דער „קול ישראל״ האָט געמאָלדן אין ענגליש, אַז מיר האָבן באַפרייט די צוויי בריטישע געפאַנגענע לויטן „באַפעל פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג״, זענען מיר געווען געצוווּנגען איבערצורייסן אונדזער שווייגן און קלאָר מעלדן, אַז די „ווידערשטאַנד־באַוועגונג״ איז נישט קאָמפּעטענט אונדז צו געבן באַפעלן און אַז דער קאָמוניקאַט, וואָס איז טראַנסמיטירט געוואָרן דורך דער ראַדיאָ־סטאַציע פון דער „הגנה״, איז גרונטלאָז. די הכחשה איז געווען נייטיק, ווייל אַנדערש וואָלט אונדזער גאַנצע אַקציע צונישט געוואָרן. וואָלטן די ענגלענדער באַקומען דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן באַפרייט זייערע אָפיצירן לויט אַ „באַפעל״, וואָלטן זיי נישט געהאַט קיין סיבה צו זאָרגן פאַר די איבערגעבליבענע דריי, און צו טראַכטן וועגן ענדערן דעם טויט־אורטייל.

ווידער זענען אַוועק אַ פּאָר טעג און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אונדזערע אויסרעכענונגען זענען געווען ריכטיקע. ה׳ רוקח, דער תל־אביבער בירגערמייסטער, האָט איבערגעגעבן זאבי׳ן — דאָס איז גוריון (נישט בן־גוריון, נאָר יצחק גוריון) — אַז די רעגירונג איז גענייגט צו טראַכטן וועגן „באַגנעדיקונג״ פאַרביידע פאַרמשפּטע, בתנאי אַז מיר וועלן באַפרייען די בריטישע אָפיצירן. דעם 28טן יוני 1946 האָט מיר משה סנה געשיקט אַ דרינגנדיקן צעטל בזה הלשון: —

שלום,

כ׳האָב באַקומען אַ ידיעה פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן פון ירושלימער מוסד (מוסד — דאָס איז דער ש״י, די אינטעלידזשענס־דינסט פון דער „הגנה״) נאָך זיין געשפּרעך מיטן לייטער פון מיליטערישן זיכערהייט־דינסט, וועלכער אונטערליגט דירעקט דעם מיליטערישן קאָמאַנדיר. און אָט איז די מיטטיילונג: „דו ביסט באַפול־

מעכטיקט מיטצוטיילן דיינע פריינד, אַז די צוויי וועלן נישט געהאָנ־גען ווערן. דאָס האָט מען מיר מיטגעטיילט במפורש, כאָטש מ׳דאַרף נישט פאַרעפנטלעכן אַז אַזאַ צוזאָג איז געמאַכט געוואָרן אָפיציעל. אָבער דער מאַן האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז ער מיינט מיט דער גאַנצער געוויסנהייט אַז זיי וועלן נישט געהאָנגען ווערן.

לויט אונדזער מיינונג איז נישט קיין ספק, אַז דאָס איז די איינ־ציקע פאָרעם אין וועלכער די רעגירונג קען איצט אויסדריקן איר צו־זאָג אָדער פאַרפליכטיקונג.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך צו באַפרייען די דריי לעצטע אָפיצירן און לטובת־הענין איז בעסער וואָס פריער. מיר וואַרטן אויף דיין תשובה. מ.

אויפן צעטל, וואָס האָט באַוויזן אַז מיר האָבן נישט געהאַט קיין טעות אין אונדזער אויסרעכענונג — האָב איך תיכף געענטפערט. כ׳האָב געשריבן דער אָנפירונג פון דער „ווידערשטאַנד־באַוועגונג" דעם זעלביקן טאָג:

„אייער צעטל, וואָס איך באַשטעטיק, מיט דאַנק, זיין קבלה איז אָנגעקומען צו מיר אין די אָוונט־שעהן. כ׳האָב אַלץ געטאָן כדי זיך צונויפרעדן מיט מיינע חברים, וואָס אָן זייער מיינונג קען איך נישט באַשליסן אין אַזאַ ערנסטער זאַך. מיט אייניקע פון זיי האָב איך זיך בעראַטן; אַנדערע האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו זען. כ׳האָף אַז אין משך פון מאָרגנדיקן טאָג וועט זיך ענדיקן אונדזער באַראַטונג און איך וועל אייך קענען איבערגעבן אַן ענדגילטיקן אָפיציעלן באַשלוס".

ווייטער האָב איך מיטגעטיילט סנהן, אַז

„רוק (די כוונה איז צו ה׳ רוקח) פירט די גאַנצע צייט אָפיציע־לע פאַרהאַנדלונגען מיט אַן אָפיציעלן פאָרשטייער פון דער רעגי־רונג. רוק האָט צוגעזאָגט אַז דער ענין וועט פּאָזיטיוו געלייזט ווערן אין די נאָענטסטע טעג. פאַרשטענדלעך, וועט עס זיכערער זיין צו באַקומען אַ צוזאָג פון דער צענטראַלער רעגירונג, איידער אַן אַנאָ־נימע הבטחה פון אַ פּאָליציימאַן, וואָס פאַרפליכטעט שליסלעך קיי־נעם נישט".

צום סוף האָב איך מודיע געווען, אַז מיר וועלן נישט קענען באַפרייען די דריי אָפיצירן כל־זמן ס׳וועט בלייבן דער באַוועגונג־פאַרבאָט אויף די שאָסייען און אַז מיר פאָדערן ביז אַ מינימום צו פאַרקלענערן דעם צייט־אָפשניט צווישן דער באַפרייאונג פון די אָפיצירן און די אַנולירונג פון טויט־אורטייל אויף אונ־דזערע בחורים: „סוף־כל־סוף זענען אַ שאָד די נערוון פון די צוויי בחורים, וועלכע גייען אַרום שוין צוויי וואָכן אין דעם רויטן טויטן־אוניפאָרם".

דער פסק־דין איז אַנולירט געוואָרן אויף אַ וועג וואָס איז געווען פּרעצע־דענסלאָז אין דער געשיכטע פון דער בריטישער אָקופּאַציע: דער מיליטערישער הויפּט האָט באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל און דער הויפּט פון דער צ י ־ וו י ל ע ר מאַכט האָט אַנולירט דעם פּסק־דין, אָן דעם אַז אימיצער זאָל אים האָבן געבעטן עס צו טאָן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כדי מ׳זאָל נישט זאָגן, אַז זיי זענען באַגנעדיקט געוואָרן אונטער אונדזער דרוק, נאָר פון זייער אייגע־נער איניציאַטיוו.

און מיר האָבן באַפרייט די בריטישע אָפיצירן, צו דער צופרידנקייט פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, אַ געשעעניש וואָס איז באַגלייט געוואָרן פון אַ געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע פיר עקן וועלט.

ס׳איז כדאַי צו דערקלערן, וואָס מיר מיינען שרייבנדיק וועגן „געלעכטער וואָס האָט זיך געהערט פון אַלע פיר עקן וועלט״. די באַפרייאונג פון די דריי אָפיצירן (נאָכדעם ווי דער טויט־אורטייל איז אַנולירט געוואָרן) איז נישט גע־ווען אַזוי פּשוט. אמת, די רעגירונג האָט אויף אונדזער פאָדערונג אַנולירט דעם באַוועגונג־פאַרבאָט אין תל־אביבער ראַיאָן, אָבער די צרה איז געווען וואָס די געפאַנגענע האָבן זיך געפונען אין תל־אביב און די ענגלענדער האָבן געשיקט פּאַטרולן כמעט אין יעדן גאַס־ווינקל, כדי מקבל־פּנים צו זיין די באַפרייטע, אָבער בעיקר כדי צו פּרווון כאַפּן אונדזערע בחורים. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ משונהדיקע געלויפעריי. נישט נאָר מיר האָבן בכוונה אַריינגעפירט אין טעות די בריטישע אַגענטן, נאָר סתם יידישע לוסטיקע יינגלעך „האָבן פאַרדרייט די ענגלענדער דעם מוח״. דאָס איז געווען אין דער תקופה ווען די ענגלענדער פלעגן שנעל פאַרלאָזן יעדן אָמט, אויך אימיצער האָט זיי נאָר געוואָרנט דורכן טעלע־פאָן, אַז דער אצ״ל האָט אין בנין אונטערגעלייגט באָמבעס. די פאַלשע אַליאַר־מען, וואָס נישט מיר האָבן געמאַכט, נאָר וויצלערס, האָבן נאָך מער צעטרייסלט די בריטישע נערוון. די לוסטיקע יונגעלייט זענען אונדז געקומען „צו הילף״ אויך אין טאָג פון דער באַפרייאונג פון די אָפיצירן. זיי פלעגן מודיע זיין אַלע פּאָליציי־סטאַציעס, אַז מ׳האָט געזען די בריטישע אָפיצירן אין צפון, אין דרום, אין אַ לאָדקע אויפן ים, אויפן ברעג א. ד. גל. די ענגלענדער זענען אַרומגעלאָפן פון אָרט צו אָרט און אין קיין אָרט האָבן זיי נישט געפונען די געזוכטע, די באַ־פרייטע.

אינצווישן האָבן גידי און יואל זיך געטאָן זייערס. נאָכדעם ווי די אָפיצירן האָבן זיך גלאַט אָפּראַזירט און אָנגעטאָן זייערע גלאַנציקע מונדירן, האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן קאַסטן, מיט אַ באַזונדער טירל, כדי צו האָבן פון וואַנען צו אָטעמען לופט און אַזוי האָט מען זיי געבראַכט אין צענטער פון שטאָט, נעבן די ראָטשילד־בולוואַרן. אַ פּאָליציי־אויטאָ, וואָס האָט נאָכגעיאָגט אונדזער לאַסט־אויטאָ, איז פאַרשוואונדן געוואָרן, נאָכדעם ווי די פּאָליציסטן האָבן זיכער פעסטגעשטעלט, אַז מ׳דאַרף נישט האָבן קיין פאַרדאַכט אויף אַן אויטאָ מיט אַ

טראַנספּאָרט פון „מעבל". דעם שווערן קאַסטן האָט מען אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, מ'האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס פון טירל. די בחורים האָבן זיך אָפּגע־טראָגן, און די קאַסטן האָט זיך אָנגעהויבן „רירן".

אַ מאַסע מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַרום דעם מאָדנע באַוועגטן קאַסטן און אַרום די בריטישע אָפיצירן, וועלכע זענען פון דאָרט אַרויסגעקראָכן. איין אָפיציר — אַזאַ עקשן! — האָט דווקא געוואָלט נאָכיאָגן אונדזער אויטאָ, אָבער גאָר גיך האָט ער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין נקמה־יצר. די ענגלענדער האָבן אונדז געוואָלט כאַפּן בשעת דער באַפרייאונג פון זייערע אָפיצירן, און מיר האָבן זיי געמאַכט צו שפּאָט. די וועלט האָט נאָך דעם געלייענט ווי אַזוי מיר האָבן באַפרייט זייערע געפאַנגענע און זי האָט געלאַכט אויפן קול.

מיר האָבן נישט געלאַכט. מיר האָבן זיך געפרייט. מיר האָבן צוויי ברי־דער אַראָפּגענומען פון דער תליה.

ג.

קוים עטלעכע חדשים זענען אַריבער און מיר זענען ווידער געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון פון דער תליה.

אויך דער דאָזיקער קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ פרילינג־טאָג אין 1946.

דעם טאָג, ווי אין אַלע וואָכן־טעג, האָט זיך געפירט אַ רוטין־אַרבעט אין רמת־גנ'ער פּאָליציי־פעסטונג. פּאָליציסטן קומען און גייען. פּאַנצער־אויטאָס גייען אַריין און אַרויס. אַרום פעסטונג שטייען באַוואָפנטע פּאַטרולן גרייטע אָפּצושטויסן יעדן אָנגריף. די זון שטייט טאַקע אין מיטן הימל — ס'איז צוועלף אַזייגער בייטאָג — אָבער ווער קען וויסן וואָס די טעראָריסטן פּלאַנע־ווען? זיי זענען שוין אַריינגעדרונגען אין סאַראַפּענד. וואָס פאַר אַ זיכערקייט איז דאָ, אַז זיי וועלן נישט פּרווון זייער מזל אויך אין רמת־גנער פּאָליציי־פעסטונג?

פאַרן פעסטונג שטעלט זיך אָפּ אַ גרויסער מיליטערישער אויטאָ. דער אויטאָמאָביל רופט נישט אַרויס קיין חשד ביי די בריטישע פּאָליציסטן. אדרבא. דער לעבעדיקער „באַגאַזש" אין אויטאָ רופט אַרויס ביי זיי אַן אינטערעס געמישט מיט שמחה. ס'וועט אַביסל אָפּטרעטן די לאַנגווייליקייט. ס'וועט זיין וועמען צו געבן אַ פּאָר קלעפּ.

אין מיליטערישן אויטאָ זיצן אַ צוועלף פאַראומערטע אַראַבישע אַרעס־טאַנטן. לויט ווי דער קאָמענדאַנט פון מיליטערישן פּאַטרול ראַפּאָרטירט דעם דיזשורירנדיקן פּאָליציי־אָפיציר, האָט מען געכאַפּט די אַראַבער ביים אויספירן אַ גנבה אין מיליטער־לאַגער אין תל־ליטווינסקי. דער לאַגער־קאָמענדאַנט האָט געהייסן ברענגען די אַראַבישע גנבים אין דער פּאָליציי צו אויספאָרשונג און

גערי כט. דער דיזשורירנדיקער פּאָליציי־אָפיציר איז מסכים אויפצונעמען די אַרעסטאַנטן. און דער מיליטערישער סערזשאַנט גייט אַראָפּ אויף די טרעפּ פון דער סטאַציע און שרייט אויף אַ סערזשאַנטישן לשון (אין ענגליש, פאַרשטייט זיך): האַלאָ, קאָרפּאָראַל, ברענג אַהער די אַרעסטירטע!

דער קאָפּראַל פירט באַלד אויס דעם באַפעל און גיט אינסטרוקציעס זיי־נע סאָלדאַטן. די אַראַבישע אַרעסטאַנטן הייסט מען אַראָפּגיין פון אויטאָ און אַריינגיין אין דער פּאָליציי־סטאַציע. די בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע באַוואַכן די אַרעסטירטע, זענען שטאַרק וואַכזאַם. בריטישע סאָלדאַטן ווייסן ווי צו באַ־האַנדלען „נייטיווס". אַלעמאָל באַקומט אָן אַנדערער אַרעסטאַנט אַ שטויס אָדער אַ קלאַפּ מיטן פוס. און די נייטיווס באַקלאָגן זיך נישט.

די אַראַבישע אַרעסטאַנטן און זייער פּאַטרול זענען אַריין אין פעסטונג און גייען אין דער ריכטונג פון אָרטיקן אַרעסט. אַן אַראַבישער פּאָליציסט עפנט די שווערע טיר. פּלוצלינג...

די אַראַבישע „אַרעסטאַנטן" הייבן אויף זייערע קעפּ. אין זייערע אויגן בליצט אַ פייער. פון אונטער זייערע לאַנגע „אבאיעס" באַווייזן זיך רעוואָל־ווערן און טאַמיגאַנס. און זעט אַ וווּנדער: אויך די בריטישע סאָלדאַטן צילן זייער וואָפן אין זייערע „חברים", די בריטישע פּאָליציסטן. וואָס פאַר אַ משונהדיקע קאָאָפּעראַציע צווישן „אַראַבישע גנבים" און סאָלדאַטן פון זיין מאַ־יעסטעט, וועלכע היטן זיי? וואָס טוט זיך דאָ, אין דער טעגאַרט־פעסטונג אין רמת־גן, צוועלף אַזייגער בייטאָג?

דער „סערזשאַנט" האָט געגעבן אַ קורצן באַפעל: די הענט אויפהייבן און אַריינגיין אין דער צעלע. די פּאָליציסטן גייען אַריין אין אַרעסט, וואָס איז גע־ווען צוגעגרייט פאַר די „אַראַבישע אַרעסטאַנטן". די שווערע טיר שליסט זיך צו הינטער זיי. גד, אונדזער יונגער מפקד, הערשט מיט זיינע „בריטישע" סאָלדאַטן און „אַראַבישע גנבים" איבערן טעגאַרט־פעסטונג.

ס'הייבט זיך אָן דער צווייטער עטאַפּ פון דער אַקציע. דער וואָפן־מאַגאַ־זין איז געשלאָסן. ווו זענען די שליסלען? מ'קען נישט געפינען. נישטאָ קיין ברירה. מ'מוז אויפברעכן די אייזערנע טיר מיט דינאַמיט. ס'איז געפערלעך. די בריטישע פּאַטרולן אויפן דאַך ווייסן נאָך נישט וואָס ס'איז געשען אינע־ווייניק. אמת, אין דרויסן שטייט ישראל מיט זיין ברען־גאַן. אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן. ישראל איז איינער פון די בעסטע ספּעציאַליסטן פאַר ברען־גאַנען אין דער בריטישער אַרמיי אין ארץ־ישראל, אַן אינסטרוקטאָר פאַר מאַ־שין־געווער. איצט שטייט ער מחוץ דער סטאַציע און אין זיינע זיכערע הענט — דער ברען. דערוויל האָט ער נאָך נישט וואָס צו טאָן. בעסער זאָל מען נישט באַדאַרפן אַז זיין ברען זאָל אָנהייבן „שפּילן". די אַקציע דאַרף דורכגיין „גלאַט". דער ציל איז — וואָפן. אָבער די שליסלען זענען נישטאָ. און ס'איז

נישטאָ קיין עצה. דער ארגון דאַרף האָבן וואָפן. די טיר ווערט אויפגעבראָכן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. ס׳איז דאָ געווער.

מ׳הייבט אָן לאָדן. שווערע מאַשינען־געווער, ברענען, אמוניציע־קאַסטנס. די „אַראַבישע אַרעסטאַנטן" און די „בריטישע פּאָליציסטן" טראָגן עס שנעל צום מיליטערישן אויטאָ. דער פּאָליציסט אויפן דאַך זעט איצט וואָס ס׳טוט זיך אין פעסטונג. ער האָט אויך געהערט דעם אויפרייס. אַ ברען־גאַן אין האַנט. ער הייבט אָן שיטן מיט פייער אויף די טרעגערס. ס׳זענען דאָ פאַרוווּנדעטע, אָבער די אַרבעט שטעלט זיך נישט אָפּ. אונטערן פייער־האָגל טראָגן די בחור־רים אַרויס קאַסטנס געווער און אַמוניציע. איילט זיך, בחורים, איילט זיך! שוין זיבעציק דורות האָט דאָס יידישע פאָלק נישט געהאַט אַזעלכע סאָלדאַטן און אַזעלכע „טרעגערס"! ישראל הייבט אָן אַרבעטן מיט זיין מאַשין־געווער, און די טרעגערס זעצן פאָר די אַרבעט, ביז דער גאַנצער וואָפן־לאָגער איז אויס־געליידיקט. בלויז דער שטויב איז דאָרטן געבליבן.

שוין מער ווי אַ האַלבע שעה דויערט די שלאַכט. די סכנה ווערט גרעסער פון מינוט צו מינוט. מ׳האָט אַרויסגערופן פאַרשטאַרקונגען פון אַנדערע פּאָ־ליציי־פּאָסטנס. דאָס איז געשען צוליב אַ שרעקלעכער מיספאַרשטענדעניש. דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט אין דער רמת־גן׳ער פּאָליציי איז אַ יידישער פּאָ־ליציסט. זיין האַרץ איז מיט זיינע ברידער די אויפשטענדלער. אָבער ער האָט זיך אין ערשטן מאָמענט נישט אָריענטירט ווער ס׳שטייט פאַר זיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער האָט דערזען „אַראַבער" וועלכעריידן אים אויף אַראַביש. אין מוח פון צעשראָקענעם פּאָליציסט איז אַדורך אַ מחשבה אַז אַראַבער האָבן געמאַכט אַן אָנגריף. ער האָט שנעל פאַרשלאָסן די טיר און אַלאַרמירט הילף אין אַ צווייטן טעגאַרט־פעסטונג.

פון צוויי ריכטונגען האָט די בריטישע פאַרשטאַרקונג געקענט אָנקומען: פון שרונה און פתח־תקווה. פון שרונה, פון וועלכער ס׳האָט געדראָעט די הויפּט־סכנה, איז אַרויס אַ בריטישע פּאָליציי־איינהייט, אָבער זי איז פאַרהאַלטן גע־וואָרן ווייט פון דער באַלאַגערטער פעסטונג און נישט געקענט אָנקומען. באַ־צייטנס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צוויי סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי אויפן מיטן שאָסיי און „רעגולירט" די באַוועגונג אַזוי, אַז די אויטאָבוסן און לאַסט־אויטאָס זענען שטיין געבליבן אין אַ זיגזאַג־ליניע. אָן אויטאָבוס רעכטס, אָן אויטאָבוס לינקס און אין מיטן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ. די ענגלענדער זיצן אין זייערע פאַנצער־מאַשינען, קריצן מיט די ציינער, שרייען, שילטן, זידלען. נישטאָ קיין דורכגאַנג. די יידישע שאָפערן האָבן הנאה. אויך אַן אַראַבישער שאָפער ווייזט אַרויס פריינדשאַפט צו אונדזער בחור. אונדזערן „באַוועגונגס־פּאָליציסט" זענען אַראָפּגעפאַלן די גרויסע זונען־ברילן, וואָס האָבן פאַר־שטעלט זיין פּנים. איז צוגעקומען אַן אַראַבער און אים פאַרגעלייגט זיינע ברילן, כדי מקיים זיין די מצווה פון קאָנספּיראַציע פון ארגון־צבאי־לאומי.

אָבער פון פתח־תקווה איז אָנגעקומען פאַרשטאַרקונג פאַרן שונא. די פּאָ־ליציי איז אַראָפּ פון הויפּט־שאָסיי און איז אָנגעקומען צופוס. די לאַגע ווערט געפערלעכער. אינצווישן איז פאַרשטילט געוואָרן אונדזער ברען־גאַן. ישראל, דאָס איז אהוד, האָט באַקומען אַ שטערבלעכע קויל. צוויי אַנדערע קעמפער זענען געפאַלן ביים לאַדענען. אויך אַנדערע זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. צווישן זיי — דער שאָפער. איין קויל האָט אים געטראָפן אין באַק, די אַנדערע — אין אָרעם. דער שאָפער גייט אָפּ אין בלוט. צי וועט ער האָבן כוח צו ברענגען די מאַשין אין אַ זיכערן אָרט? גד גיט אַ באַפעל אַרויפצוגיין אויפן אויטאָ. דער פאַרווּנדעטער שאָפער ביים טרייב־ראָד. פאָראויס. דער שאָפער לייגט נישט קיין אַכט אויפן בלוט און ווייטיק. מ׳דאַרף ראַטעווען די קעמפנדיקע ברידער, און דאָס געווער. ער ברענגט אַלע צו דער באַזע. אַלע?

אויפן שלאַכטפעלד זענען געבליבן דריי געפאַלענע. אומבאַקאַנטע סאָל־דאַטן. דאָס אונטערגרונט־בלעטל „אף על פי״ שרייבט וועגן זיי געציילטע שורות:

„איינער האָט וואָלונטירט ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק. אַ ספּעציאַ־ליסט מיט אַ סך דערפאַרונג. אַ מוטיקער און קאַלטבלוטיקער. געפאַלן ממש אויף דער וואַך. מיטן ברען־גאַן האָט ער אַ האַלבע שעה „געדעקט״ זיינע ברי־דער. כל־זמן זיין ברען האָט „גערעדט״, האָבן די יידישע סאָלדאַטן געטאָן זייער אַרבעט. פּלוצלינג אָבער איז שטיל געוואָרן די שטימע פון מאַשין־גע־ווער. וואָס איז געשען? ע ר איז געפאַלן און איז שוין נישטאָ.

דער צווייטער איז ערשט איצט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט. שטענדיק געגאַנגען דער ערשטער. אין איינער פון די לעצטע אַקציעס איז ער שווער פאַרווּנדעט געוואָרן. ר׳האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. אָבער זיין קאַמפּס־ווילן האָט באַזיגט דעם טויט. און ווי ער איז נאָר אויפגעשטאַנען אויף די פיס, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאָדערן, מ׳זאָל אים נעמען צו קריג־אָפּעראַציעס. און ווידער פאָראויס. דאָס מאָל האָט דער טויט באַזיגט דעם שלאַכטמאַן.

דער דריטער איז געווען אַ יונגער. די קוילן זענען געפלויגן איבער זיין קאָפּ און ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט. אַ קאַסטן נאָך אַ קאַסטן האָט ער געשלעפּט פון פייער. הין און צוריק, הין און צוריק. און אין לעצטן מאָמענט האָבן אים געטראָפן דעם פיינדס קוילן און אים דורכגעלעכערט די לונגען.

דריי זענען געפאַלן אין שלאַכט פון טעגאַרט־פעסטונג אין רמת־גן.

ד ר יי ?

טיף אין פּרדס ציילן זיך אָפּ די בחורים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין שלאַכט. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך איינער פעלט. זיכער איז אויך ער גע־פאַלן.

ניין, בחורים. ער איז נישט געהרגעט געוואָרן. ער האָט אייך געדעקט

מיט אַ טאָמי־גאַן ביזן לעצטן מאָמענט. אָבער ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און איז געבליבן אויף דער וואָך. אפשר האָט איר אים געקענט, אָבער איר האָט נישט געוווסט ווער ער איז.

דאָס איז געווען ד ב ג ר ו נ ע ר.

ד.

...און טבת תש״ז האָבן דריי בריטישע אָפיצירן ווידער אָנגעטאָן זייערע היטלען אויף די קעפּ און איינער פון זיי האָט מיטגעטיילט דעם „באַשולדיקטן" דב גרונער:

— „דו ביזט פאַראורטיילט צום טויט דורך הענגען ביים האַלדז ביז דיין נשמה וועט אַרויסגיין".

דב האָט געזונגען די „התקוה".

מיר האָבן ווידער געוואַרנט די ענגלענדער נישט אויסצופירן דאָס פאַרברעכן. מיר האָבן געוואָלט האַנדלען תיכף, אַזוי ווי ביי אשבעל און שמחון. נאָר וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון דער געזעלשאַפט האָבן געזאָגט אונדזערע שליחים, אַז זיי זענען איבערצייגט אַז גרונער וועט „באַגנעדיקט" ווערן, סיי ווייל ער איז געווען אַ פראָנט־סאָלדאַט, וועלכער האָט באַקומען אויסצייכענונגען אין דער בריטישער אַרמיי, סיי ווייל ער איז געווען שווער פאַרוואונדעט און אויך דערפאַר, ווייל די ענגלענדער וועלן זיין פאַראינטערעסירט אויסצומיידן די שווערע פאָלגן פון דער תליה. דער טויט־אורטייל האָט נאָך געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן דורכן קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אַרמיי. כ׳מוז מודה זיין, אַז דאָס האָט געווירקט אויף אונדזער באַשלוס צו וואַרטן מיטן אויספירן אונדזערע פּלענער. אויב ס׳זענען געווען אויסזיכטן צו ראַטעווען דב׳ס לעבן, האָבן מיר זיי נישט געוואָלט שטעלן אין געפאַר דורך אַ טאַט וואָס וואָלט אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אָנציען דעם שטריק פון דעם בריטישן פּרעסטיזש.

אָבער גענעראַל בארקער, ווען ס׳איז נישט געלונגען אויפצוהענגען אשבעלן און שמחונען, האָט באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל וואָס דריי אונטערגעאָרדנטע פון דעם זעלביקן באַרקער האָבן אַרויסגעטראָגן. דער „פּסק־דין" איז באַשטעטיקט געוואָרן פרייטיק, ג׳ בשבט 1947, און דאָס אויספירן פון „אורטייל" איז באַשטימט געוואָרן אויף דינסטיק, ז׳ שבט, אַכט אַזייגער פרי, דאָס הייסט פיר טעג שפּעטער. דינסטיק איז דער באַשטימטער תליות־טאָג לויטן ענגלישן געזעץ־בוך אָדער לויטן טערקישן וואָס האָט נאָך געהערשט אין אונדזער לאַנד.

דורך די געוויינלעכע געהיימע קאַנאַלן האָבן מיר פרייטיק־צו־נאַכטס באַקומען די ידיעה וועגן בארקערס באַשלוס און דער טייוולאָנישער כוונה פון

די תּלינים. באַלד איז געגעבן געוואָרן אַן אינסטרוקציע צו אַרעסטירן בריטישע הויך־ראַנגיקע מיליטערלייט און ציווילע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. אונדזערע חברים אין ירושלים האָבן זונטיק, ה׳ שבט, אַרעסטירט אַ בריטישן אינטעלידזשענס־אָפיציר, דעם מאַיאָר קאָלינס. די ענגלענדער האָבן אים אָנגעהויבן זוכן, אָבער אים נישט געפונען. באַרקער האָט געשוויגן. מיר האָבן נאָך נישט אויפגעבונדן דעם תּליה־שטריק פון דבס האַלדז. דעריבער האָבן מיר אויף צומאָרגנס געמאַכט נאָך אַ שריט. אונדזערע בחורים האָבן איבערגעריסן אַ בריטישן פּראָצעס אין תּל־אביבער קרייז־געריכט, און האָבן אַרעסטירט דעם ריכטער ווינדהיים. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און באַרקער האָט געעפנט זיין מויל. דעם זעלביקן אָוונט איז אין ירושלים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפיציעלער קאָמוניקאַט, לויט וועלכן דער מיליטערישער קאָמאַנדיר האָט באַוויליקט אָפּצולייגן אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט די עקזעקוציע פון אורטייל, כלומרשט כדי צו דערמעגלעכן דעם פאַראורטיילטן גרונערן אָנצוגעבן אַן אַפּעלאַציע אין קעניגלעכן ראַט. בערך צוועלף שעה איידער די בריטישע תּלינים האָבן געהאַלטן ביים דערמאָרדן דובן, האָבן מיר זיי געשטערט אויסצופירן דעם פאַרברעכן.

אויף צומאָרגנס האָט דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר גערופן די פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ און זיי איבערגעגעבן אַן אולטימאַטום אויף פיר און צוואַנציק שעה: אויב דער ארגון־צבאי־לאומי וועט נישט באַפרייען די צוויי ענגלענדער, וועט אין לאַנד פּראָקלאַמירט ווערן „מיליטער צושטאַנד“. גענעראַל קאַנינגהיימס דראָאונג האָט זייער איבערגעשראָקן די יידישע אינסטיטוציעס. אמת, נאָך דעם ווי עטלעכע חדשים שפּעטער איז טאַקע פּראָקלאַמירט געוואָרן קריגס־צושטאַנד האָט דער יידישער אונטערגרונט באַוויזן, אַז דער בייטש מיט וועלכן די ענגלענדער האָבן אונדז געדראָעט, איז אויפגעהויבן געוואָרן קעגן זיי און האָט זיי געשלאָגן אָן רחמנות. אָבער אָנהייב 1947 איז נאָך דער בייטש נישט אַראָפּגעלאָזן געוואָרן, ער האָט אונדז בלויז געפאָכעט איבער דער פּלייצע. און דאָס איז אַ כלל: די דראָאונג איז שרעקלעך כל־זמן זי ווערט נישט פאַרווירקלעכט!

די יידישע אינסטאַנצן האָבן אָנגעהויבן אויסאיבן אויף אונדז אַ דרוק, אַז מיר זאָלן באַפרייען די „געקידנעפּטע“. מ׳האָט געבעטן און געדראָעט. דער הויפּט־רב פון ארץ־ישראל האָט זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ רירנדיקן בריוו „אל מנחם ציון“ און מיך געבעטן „צו טאָן וואָס מ׳דאַרף צו פאַרמיידן אַן אומגליק פון ישוב“. פרוי גאָלדע מאירסאָן, די דעמאָלטיקע אָנפירערן פון פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער יידישער אַגענץ, האָט געדראָעט אַז די „הגנה“ וועט אין פולן מאָביליזירט ווערן, כדי צו אַנטדעקן דעם אָרט פון אַרעסט פון די ענגלענדער. פרוי גאָלדע מאירסאָן איז זייער אַ פעאיקע פרוי — אָבער אַ פרוי. אין איר גורל איז עס אויסגעפאַלן צו הערן דעם „אולטימאַטום“ פון גע־

נעראל קאנינגהיים. זי האָט געפילט אַ גרויסע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט, אָבער זי האָט געזען געשפּענסטער.

כ׳קען נישט זאָגן, אַז דער פּחד פון די אינסטיטוציעס האָבן אויף אונדז געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. אין פולער קאַלטבלוטיקייט האָבן מיר געוויגן און געמאָסטן אונדזערע שריט. מיר האָבן אויסגערעכנט. דערווייל האָבן מיר געראַטעוועט גרונערן פון דער תליה. ס׳איז אונדז קלאָר געווען, אַז נאָך דער מעלדונג באשר דאָס אויספירן דעם אורטייל „איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט", וועלן מיר שוין מער נישט דערגרייכן דורכן האַלטן אין אַרעסטביידע ענגלענדער. ס׳איז אויך געווען אַ זייער ערנסטע טעכנישע פּראַגע. קאַלינסן האָבן מיר געהאַלטן אין אַ מער־ווייניקער זיכערן אָרט. ס׳קען זיין, אַז די ענגלענדער וואָלטן אים נישט געפונען. ס׳איז אַ ספק, צי די „הגנה" וואָלט געקענט צוקומען צו זיין אַרעסט־פּלאַץ. אָבער גאַנץ אַנדערע זענען געווען די אַרעסט־באַדינגונגען פון ריכטערווינדהיים. זיין אַרעסט איז דורכגעפירט געוואָרן זייער געאיילט און ער איז געבראַכט געוואָרן כמעט אין אַן אָפענעם אָרט. וואָלטן די ענגלענדער פּראָקלאַמירט מיליטער־צושטאַנד און דורכגעפירט גרינטלעכע דורכזוכונגען, וואָלטן זיי דערגאַנגען צום קליינעם הייזל, אין וועלכן מיר האָבן געהאַלטן דעם וו י כ ט י ק ס ט ן פון די בריטישע אַרעסטירטע. ווינדהיים שטאַמט פון אַן „אַריסטאָקראַטישער" בריטישער משפּחה, און פאַקטיש האָט זיין אַרעסט באַוווּגן ירושלים און לאָנדאָן אָפּצולייגן דאָס אויספירן פון „פּסק־דין" קעגן דוב גרונערן.

די דריטע אויסרעכענונג אונדזערע איז געווען אַ פּאָזיטיווע. אַ דאַנק דעם אַרעסט פון די ענגלענדער — און באַזונדערס פון ריכטער ווינדהיים — איז גרונערס ענין געשטעלט געוואָרן אונטערן רעפלעקטאָר פון דער וועלט־פּאַראיבּטערעסירונג. מאָראַליש איז די בריטישע אַדמיניסטראַציע געשטעלט געוואָרן אין אַ שווערער לאַגע און ס׳זענען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען פאַר אַן ענדגילטיקער אַנולירונג פונעם טויט־אורטייל. אין פּועל־יוצא פון דעם דרייפאַכיקן חשבון האָבן מיר באַשלאָסן צו באַפרייען ווינדהיימען און קאַלינסן.

ווינדהיים האָט זיך געפירט ווי אַ דזשענטלמען, אין קעגנזאַץ צו יענע בריטישע אָפיצירן, אַרעסטירטע פאַר אשבעלן און שמחונען. יענע אָפיצירן האָבן צוגעזאָגט פאַר זייער באַפרייאונג אַז זיי וועלן גאָרנישט אויסזאָגן וואָס זיי האָבן געזען און געהערט. זיי האָבן וואָס אַן אמת מער געהערט ווי געזען. פונדעסטוועגן זענען זיי געגאַנגען מיט בריטישע פּאָליציי־אַגענטן צום גרויסן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין רפיח און אָנווייזנדיק אויף צוויי בחורים אונדזערע האָבן זיי געזאָגט, אַז ד י האָבן זיי געהיט אין די 15 אַרעסט־טעג. די בחורים זענען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ „מיליטערישן" געריכט און פאַראורטיילט געוואָרן יעדער איינער צו 15 יאָר טורמע. אָבער איינער פון זיי, אַ תימנער, עמרם דרעי, האָט באַוויזן צו זאָגן די ענגלישע אָפיצירן, איידער זיי

האָבן אַרויסגעגעבן זייער אורטייל, אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן „אויפגע־בראַכט" די „ריכטער".

אַזוי האָט ער מיט זיי גערעדט:

„אין נאָמען פון מיינע חברים און אין מיין נאָמען בין איך אייך מודיע, אַז מיר אנערקענען נישט אייער רעכט אונדז צו משפּטן און מיר האָבן נישט בדעה זיך צו באַטייליקן אין גאַנג פון רעזשיסירטן פּראָצעס. דאָס לאַנד איז אונדזערס און מיר ווילן דאָ טאָן אַלץ וואָס ס'וועט זיין נוצלעך פאַר אונדזער פרייהייט־שטרעבנדיקן פאָלק. אייערע טיראַנישע אונטערדריקונג־געזעצן אינטערעסירן אונדז נישט. אייערע פאַרבאָטן גייען אונדז נישט אָן און צו אייערע שטראָפן, וואָס זענען פאַרברעכנס, באַציען מיר זיך מיט עקל.

קוקט אַרויס דורכן פענצטער און זעט דעם סימבאָל פון אייער הערשאַפט, וואָס איז מטמא דאָס הייליקע לאַנד. דער סימבאָל איז דראָט־פאַרצוימונגען. אַ דראָט־פּלויט, וואָס פאַרדעקט דאָס גאַנצע לאַנד, און הינטער וועלכן איר באַהאַלט זיך אין ציטערניש פאַר די שווערע קלעפּ פון דער יידישער אונטערגרונט־אַרמיי. איר האָט פאַר־וואַנדלט דאָס לאַנד אין אַ תפיסה און איר זענט געצוווּנגען געוואָרן זיך אַליין איינצושליסן אין אירע מויערן.

איין זאַך ווייס איך מיט פולער זיכערקייט: מיט דער הילף פון שטעכנדיקן דראָט וועט איר לאַנג נישט קענען הערשן אין אונדזער לאַנד. ווייל אויף שטעכנדיקן דראָט קען מען נישט זיצן, פּונקט ווי מען קען נישט זיצן אויף באַיאָנעטן. אייער באַזע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן ים פון יידישן בלוט, האַלט זיך נאָר אויפן באַגנעט און דראָט־פאַרצוימונג. איר וועט געוואָר ווערן אַז דאָס זענען זייער שוואַכע יסודות. דער צעפאַל איז אומפאַרמיידלעך. דעריבער קען איך צוזאַמען מיט מיינע חברים זיצן אויף אָט־דער באַנק אין פולשטענדי־קער רואיקייט. דעריבער קען איך מיך באַטייליקן אין דעם וואָס איר רופט „פּראָצעס" אין דער איינציקער פאָרעם, וואָס אַנטשפּרעכט אונ־דזערע באַציאונגען — דורך אַ שווייגן פון עקל.

איך בעט צו נאָטירן אין פּראָטאָקאָל, אַז פון איצט אָן שווייגן מיר און דאָס איז אַ שווייגן פון עקל צו אייך".

ווען די „ריכטערס" האָבן אָנגעטאָן זייערע היטעלעך און געמאָלדן די צוויי אָנגעקלאָגטע, אַז זיי וועלן דאַרפן פאַרברענגען פופצן יאָר אין תפיסה, האָבן די בחורים געלאַכט. צי מיינען די ענגלענדער צו בלייבן אין לאַנד נאָך פופצן יאָר? אונדזערע בחורים זענען געזעצט געווען, און די „ריכטער" האָבן אַ טעות גע־האַט אין חשבון מיט 95 פּראָצענט.

אַנדערש האָט זיך אויפגעפירט דער ריכטער ווינדהיים. ער האָט געקענט

דעם ראַיאָן אין וועלכן ער האָט זיך געפונען בשעת זיין אַרעסט. ווען מ׳האָט אים אַרעסטירט, האָט מען פאַרגעסן אים צוצובינדן די אויגן. ער האָט געזען דעם וועג וועלכן ער איז דורכגעפאָרן און דאָס הויז אין וועלכן מ׳האָט אים אַרייַנגעפירט. אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעזאָגט. די בריטישע פּאָליציי־אַגענטן האָבן אים געבראַכט צום קרייץ־וועג, פון וועלכן אונדזערע בחורים האָבן אים געפירט צום קורצן אַרעסט. ווינדהיים איז געשטאַנען אויפן שאָסיי, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: ביז דאַנען! איך האָב נישט קיין באַגריף ווו מ׳האָט מיך געפירט! צי האָט ווינדהיים געשוויגן צוליב מורא? איך מיין נישט אַזוי. מיר דאַרפן אויך זיין גערעכט לגבי דעם פיינד. ווינדהיים איז געווען אַן אַנשטענדיקער מענטש. אונדזערע האָבן זיך צו אים גוט באַצויגן, אַזוי ווי זיי האָבן זיך שטענדיק באַצויגן צו די געפאַנגענע פון אצ״ל. ברעכן אַ צוזאָג איז אומאַנשטענדיק. ווינדהיים האָט נישט געוואָלט באַצאָלן מיט אומאַנשטענדיקייט פאַר אַן אַנשטענדיקע באַציאונג. ער איז געווען אַ דזשענטלמען.

באַלד נאָך דער „קידנעפּונג״ פון ווינדהיים און קאַלינסן, זענען אַלע בריטישע באַאַמטע אַרייַנגעבראַכט געוואָרן אין באַזונדערע „געטאָס״, אַרומגערינגלט מיט דראָט־פאַרצוימונגען. די „שטאָלצע הערשער״ איז פאַרוואַרט געוואָרן זיך צו רירן פון די „געשיצטע ראַיאָנען״. נאָר אין טראַנספּאָרטן, באַגלייטע מיט באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, האָבן זיי געקענט אַרויסגיין און צוריקקומען אין זייערע ביוראָען. די הערשנדיקע באַאַמטנשאַפט האָט געלעבט אין פּחד בייַנאַכט און זיך געלאַנגווייליקט בייטאָג. א י ן ק י י ן ש ו ם א ָ ק ו פּ י ר ט ל אַ נ ד אין דער וועלט איז נישט געווען גלייך צו ארץ־ישראל אין יענער צייט.

אָבער דעמאָלט האָבן מיר נישט געזאָרגט פאַר די בריטישע געטאָס. אַן אַנדערע זאָרג האָט אונדז געמאַטערט. אונדזער ציל איז נישט דערגרייכט געוואָרן. דאָס לעבן פון אונדזער ברודער דב גרונער איז געלעגן אויפן וואָג־שאָל. די ענגלענדער האָבן געשפּילט זייער געהיימען שפּיל. זיי האָבן געוואָלט גרונערס בלוט, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן צו געווינען צייט, כדי דער שטורעם וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער וועלט צוליב דער העלדישער שטעלונג פון גרונערן, זאָל אייַנגעשטילט ווערן און כדי ס׳זאָל פאַרטיפט ווערן דער אינערלעכער שטורעם צווישן דער „הגנה״ און דעם ארגון צבאי לאומי, אַ באַנייטער שטורעם וואָס בן־גוריון האָט אָנגעזאָגט מיט זיינע אַגרעסיווע דעקלאַראַציעס.

אויך ווינסטאָן טשערטשיל האָט געשטויסן גרונערן צום תליה־סלופּ. אַנהייב פעברואַר איז אין בריטישן פּאַרלאַמענט פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע דעבאַטע וועגן ארץ־ישראל. דער ארגון צבאי לאומי און דב גרונער זענען געווען דער הויפּט־פּונקט פון דעם וויכוח. טשערטשיל האָט ווידער געפאָדערט אַרויסצונעמען די ענגלישע אַרמיי פון ארץ־ישראל און איבערגעבן דעם מאַנדאַט די פאַראייניקטע פעלקער, אויב אַמעריקע וועט נישט מסכים זיין צו נעמען אויף זיך אַ העלפט פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל.

אָבער זיינע הויפּט־קלעפּ האָט טשערטשיל געלענקט קעגן עטליס רעגירונג צוליב איר ווייכע האַנט, וואָס זי ווייזט כלומרשט אַרויס לגבי די „טעראָריסטן".

טשערטשיל האָט געזאָגט:

„ס'איז נישטאָ קיין ספק, אַז דאָס וואָס ס'געשעט איצט אין ארץ־ישראל ברענגט אונדז שאָדן אין דער גאַנצער וועלט. עס עקלט מיך פון דעם דאָזיקן קריג מיט די יידן. איך האָב פיינט די אכזריותדיקע שיטות פון די טעראָריסטן. אָבער אויב איר האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם קאָנפליקט, פירט זיך מיט־דעסטנס אויף ווי עס פּאַסט פאַר מענער. די רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז דער אורטייל אויף גרונערן איז נישט אויסגעפירט געוואָרן צוליב אַ ווענדונג צום קעניגלעכן ראַט. דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אויסרייד. דער מאַן האָט נישט געוואָלט אונטערשרייבן די אַפּעלאַציע. זאָל דער פּאַרלאַמענט נישט פאַרמאַכן זיינע אויגן פאַרן מוט פון דעם דאָזיקן מאַן, כאָטש ער איז אַ פאַרברעכער. אָבער אַנטקעגן דער דראָאונג פון די טעראָריסטן האָט די רעגירונג נישט געהאַט קיין כוח פאַרצוזעצן מיטן געריכטלעכן וועג..."

„פאַרצוזעצן מיטן געריכטלעכן וועג"... טשערטשילס כוונה איז געווען קלאָר. מ'דאַרף אויפהענגען גרונערן.

אונטערגעהאָלפן טשערטשילן האָט נאָך זיין חבר אָליווער סטענלי. ער האָט געזאָגט: „איןביידע לעצטע קידנעפּ־פאַלן האָט זיך די רעגירונג אונטער־געגעבן און האָט געטאָן געגוי וואָס די טעראָריסטן האָבן געפאָדערט. אויב דאָס לאַנד דאַרף נאָך ווייטער ליידן אַזעלכע דערנידערונגען, האַלט איך פאַר בע־סער מיר זאָלן אינגאַנצן עוואַקואירן דאָס לאַנד, און מיטטיילן די פעלקער פון דער וועלט, אַז מיר זענען נישט מסוגל דאָרט אויסצופירן אונדזער מאַנדאַט".

דער אומגליקלעכער קאָלאָניען־מיניסטער קריך־דזשאָנס איז געווען הילפ־לאָז און דערשראָקן אַנטקעגן די אַטאַקעס. ער האָט געטענהט: „מיר זענען שות־פים צו דעם דערנידערונגס־געפיל און מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון, אַז דער בריטישער פּרעסטיזש קריגט קלעפּ דורך די טעראָר־אַקטן". נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן אָן בושה בראָקן שקרים און געטענהט, אַז דער מיליטערישער קאָ־מאַנדיר האָט אָפּגעלייגט די עקזעקוציע פון גרונערן נישט צוליב די „קידנע־פּערייען", נאָר ווייל דער אַדוואָקאַט וואָס האָט געדאַרפט באַקומען דעם אונ־טערשריפט פון גרונערן, האָט נישט געקענט צוקומען צו אים דעם טאָג צוליב „אומרוען וואָס זענען אויסגעבראָכן אין תפיסה". די גאַנצע מעשה איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. אָבער פון זינט דער דעבאַטע אין פּאַרלאַמענט, זענען קריך־דזשאָנס, בעווין און באַרקער דערמוטיקט געוואָרן צו באַווייזן אַז זיי זענען „מענער" און זיי האָבן „אַ שטאַרקע האַנט" נישט ווינציקער ווי טשערטשיל און סטענלי.

אינצווישן זענען דערלאַנגט געוואָרן אַפּעלאַציעס צום קעניגלעכן ראַט. נישט גרונער האָט זיי אָנגעגעבן. די ערשטע אַפּעלאַציע איז אַריינגעטראָגן גע־

וואָרן אין נאָמען פון דבס פעטער, פראַנק גרונער פון נאָרד־אַמעריקע. זי איז אָפּ־געוואָרפן געוואָרן צוליב אַ פאָרמאַליסטישן מאָטיוו. די צווייטע אַפּעלאַציע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין נאָמען פון תל־אביבער שטאָטראַט. אָבער די אַפּע־לאַציע וואָס איז אויך אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוליב אַ פאָרמעלן גרונט, איז אָנגע־קומען צום טיש פון „קעניגלעכן ראַט" ווען דב גרונער האָט שוין פאַרנומען זיין אָרט אין די אייביקייטן צווישן די גדולי ישראל און העלדן פון מענטשלעכן מין.

ה.

אַ סך טעג זענען אַריבער זייט דב גרונער האָט אָנגעטאָן די רויטע טויטן־קליידער, אין יאַנואַר 1947. סוף מערץ האָט ער אויפגעהערט צו זיין איינזאַם אין דער טויטן־צעלע. ס'זענען צוגעקומען דריי סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאו־מי, דרעזנער (וועלכער איז אַרעסטירט און געמשפט געוואָרן אונטערן נאָמען ראָזענבוים), אלקושי און קאשאני. זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן אין דער נאַכט פון די מלקות, געבראַכט פאַר אַ מיליטערישן „געריכט" און אַלע דריי זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. אַלע דריי האָבן געזונגען די „התקוה".

וואָס עס איז אַלץ געשען מיט די דריי קעמפערס פון דעם מאָמענט, ווען זיי זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון בלוטדורשטיקע און נקמה־זוכנדיקע כוליגאַנעס אין אוניפאָרמען פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי! זאָל דער לייענער אַריינ־קוקן אין דעם באַריכט, וועלכן זיי האָבן געשיקט מיט דער אונטערגרונט־פּאָסט צו זייערע קאָמענדאַנטן, זאָל ער לייענען און ער וועט עס וויסן...

„פאַר ווילהעלמא — דערציילט דער באַריכט — האָב איך באַשלאָסן צו פאַרהאַלטן דעם אויטאָ און אַריינצושפּרינגען אין נאָענטן פּרדס. אָבער דער שאָ־פער האָט שוין נישט באַהערשט די מאַשין און אין אייניקע מינוטן איז ער אַריין אין אַ דראָט־קנויל, וואָס דאָס מיליטער האָט געלייגט אויפן שאָסיי. אין דעם מאָמענט האָט זיך אָנגעהויבן אויף אונדז שיטן אַ האָגל מיט פייער פון פאָרנט און פון הינטן און אַרום אויטאָ זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן סאָלדאַטן מיט די ברען־גאַנס אָנגעשטעלט אויף אונדז. מיר האָבן נישט געהאָט קיין ברירה נאָר אַרויסצוגיין מיט אויפגעהויבענע הענט. אליעזר האָט באַקומען אַ קויל אין רוקן און מרדכי (דער שאָפער) אין אַקסל (די קויל איז אַריין און אַרויס). ווען מיר זענען אַרויס האָב איך באַקומען אַ קלאַפּ אין רוקן און כ'האָב זיך אַראָפּגעקוילערט אין ראָוו. ליגנדיק האָב איך געהערט אַ רעוואָלווער־שאָס און געזען ווי אַ סאָלדאַט האָט אויסגעשטעלט זיין רעוואָלווער קעגן מרדכין. ער האָט געשאָסן, אָבער נישט געטראָפן און געהרגעט זיין חבר אַ סאָלדאַט. באַלד האָט ער געגעבן מרדכין אַ קלאַפּ מיטן רעוואָלווער איבערן קאָפּ און אים

אַראָפּגעוואָרפן צו מיר אין קאַנאַל.ביידע זענען מיר אויפגעשטאַנען אונטער רע־וואָלווער־דראָונגען און בריקעווען מיט די פיס. מיר האָבן געהערט נאָך עטלעכע שאָס. איך האָב געמיינט, אַז מ׳וועט אונדז אַלע ענדיקן. ווען מ׳האָט אונדז צום סוף געפירט צו אַ פּאַנצער־אויטאָ האָבן מיר דאָרט געפונען נאָך צוויי. אַליעזר איז נישט געווען. פון דעמאָלט האָבן מיר אים מער נישט געזען. אויך די אַנ־דערע האָבן נישט געזען וואָס מיט אים איז געשען. ס׳איז אים אַביסל שווער גע־ווען אַרויסצוגיין פון אויטאָ און ס׳דאַכט זיי, אַז די סאָלדאַטן האָבן אים דער־שאָסן אין אויטאָ.

אין דעם מאָמענט הייבט זיך אָן דער קאַפּיטל קלעפּ, וואָס האָט זיך גע־ענדיקט ערשט אויף צומאָרגנס אַרום פינף נאָמיטאָג. צוואַנציק שעה!

שלאָגנדיק האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ קליינעם פּאַנצער־אויטאָ, יעדן איינעם פון אונדז היט אַ סאָלדאַט. זיי האָבן אונדז אויסגעליידיקט די קע־שענעס און באַפוילן אונדז צו האַלטן די הענט אין דער הייך. מ׳האָט אונדז אַלץ צוגענומען: פון יעדן איינעם אַ זייגער, פּופּציק פונט אין מזומנים, בייטע־לעך און בלאָקן, פעדערס און בלייפעדערס. אַפילו אַ טאַשן־טוך און אַ קעמל האָבן זיי צוגעגנבעט. נאָך דעם האָט יעדער איינער פון זיי אונדז געפּייניקט. די קלעפּ האָבן זיי דערלאַנגט בעיקר אין פּנים אַריין און אין בויך. נאָך אַ קלאַפּ אין בויך האָבן מיר זיך איינגעקורטשעט צוליב מאַנגל פון לופט צו אָטעמען, דאַן האָבן מיר באַקומען אַ קלאַפּ אין געזיכט, כדי זיך ווידער אויסצוגלייכן. בלוט האָט מיר גערונען פון נאָז ווי פון אַן אָפענעם קראַן, און דער סאָלדאַט איז געווען פון דעם לוסטיק: „איך האָב אים געבראָכן דעם נאָז!" — האָט ער געלאַכט.

די רייזע האָט זיך געענדיקט אין אַן אומבאַקאַנטן לאַגער. דאָ האָט מען אונדז אַרויסגעשטופּט אין דרויסן און אַוועקגעפירט אין אַן אָפענעם פעלד, ווו מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ פראַנט־רייע. פאַר אונדז האָט זיך אַוועקגע־שטעלט אַ גרופּע פון אַ צען סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געלאָדן זייערע ביקסן. ס׳איז ווערט צו באַצייכענען, אַז מיר זענען אַלע בייגעשטאַנען דעם נסיון און קיינער האָט נישט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. אין דעם מאָמענט איז געקומען צו לויפן אַן אָפיציר, וואָס האָט אָנגעשריען אויף די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן וואַר־שיינלעך אויף אַן אמת געהאַט בדעה אונדז צו שיסן. מ׳האָט אונדז ווידער אָנ־געהויבן פּירן, געבראַכט אין אַ צימער, דאָרט געהאַלטן אַ האַלבע שעה. די גאַנ־צע צייט — זייט מ׳האָט אונדז געכאַפּט — האָבן מיר געהאַלטן די הענט אויפ־געהויבן. אין אַן האַלבע שעה אַרום, ווען אונדזערע הענט זענען געוואָרן פאַר־שטיינערט, האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ און אַוועק־געלייגט אויפן באָדן. מיט די פיס האָבן זיי געטראָטן אונדזערע גופים. אויף מרדכיס האַנט האָבן זיי דערזען אַ רינג. זיי האָבן אים געוואָלט אַראָפּנעמען און ווען ס׳איז נישט געגאַנגען, האָבן זיי געשלעפּט מיטן גאַנצן כוח ביז ס׳האָט זיך

זיי אויסגעוויזן אַז זיי האָבן אים צעבראָכן דעם פינגער. ערשט דעמאָלט האָבן זיי אים אָפּגעלאָזן. מיר זענען אָנגעקומען אין אַ מיליטער־לאַגער. אַן אָפיציר האָט געהייסן אונדז אַריינפירן אין אַ הייזל, וואָס האָט אַמאָל געדינט פאַר אַ קיך. מ׳האָט אַלץ פון אונדז אַראָפּגענומען, געלאָזן ביזן בלויזן לייב. נאָר אַזוי ווי מיר זענען געווען געבונדן אין קייטלעך איינער צום אַנדערן, זענען די קליי־דער געבליבן הענגען אויף דער געבונדענער האַנט. כדי זיי אַראָפּצונעמען, האָבן זיי געצויגן מיטן גאַנצן כוח און אונדז געמאַכט ווונדן אויף די הענט. וואָס ס׳איז זיי נישט געלונגען צו רייסן אויף אַזאַ אופן — האָבן זיי צעשניטן מיט אַ ראַזיר־מעסערל. מיר זענען געבליבן שטיין מוטער־נאַקעט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרגאַניזירטע פייניקונג, וואָרשיינלעך מיט דער הסכמה אָדער אָנווייזונג פון אָפיציר. יעדן איינעם פון אונדז האָט מען געשלאָגן באַזונדער, לויט דער רייע, אָדער אַלע צוזאַמען. ס׳האָבן זיך באַטייליקט אין דעם 4־5 סאָלדאַטן. ווען ד י זענען מיד געוואָרן, האָבן זיי פאַרביטן אַנדערע. זיי האָבן געשלאָגן מיט די פויסטן, מיטן קאָפּ און מיט די פיס. דער עיקר האָבן זיי געבריקעט מיט די פיס אין אַלע טיילן פון קערפּער, אויך אין די אינטימע טיילן. צווישן די שלעגער זענען געווען צוויי פּאָליציסטן. דער נומער פון איי־נעם פון זיי איז 1617. דער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ גרויסן פּאָליציי־שטעקן און יעדעס מאָל אים אַראָפּגעלאָזט איבערן רוקן, אויף די פיס אָדער אויפן בויך. אַזאַ קלאַפּ האָט צעבראָכן אליעזרס האַנט און אויסגעלענקט חיים גאלארס רוקן. איך האָב געקריגן אַ קלאַפּ אין פּלייצע, פון וועלכן איך האָב כמעט געחלשט. אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערנאָך איז אַרויס דער אָפיציר, באַפוילן אָפּצושטעלן די קלעפּ, אונדז אַרומוואַשן און געבן קאָלדרעס „צו שלאָפן“.

מ׳האָט אויף אונדז אַרויפגעגאָסן עמערס וואַסער און איינער האָט גע־דאַרפט וואַשן דעם אַנדערן. דאָס וואַשן האָט פיל נישט געהאָלפן, ווייל פון אונדזערע ווונדן האָבן געדונען בלוט און מיר האָבן זיך באַלד פון דאָסניי פאַר־שמוצט. פאַרנעצטע האָבן מיר זיך אָוועקגעלייגט אַלע פיר, נאַקעטע און צי־טערנדיקע פון קעלט, אויף איין קאָלדרע און זיך צוגעדעקט מיט צוויי דעקעס (מער האָבן זיי אונדז נישט געגעבן). מיר האָבן נאָר באַוויזן אַנדרימלט צו ווערן, איז געקומען אַ סאָלדאַט און אונדז אויפגעוועקט זעצנדיק מיט די פיס און אַראָפּגעשלעפּט די דעקעס. אַזאַ „וויזיט“ האָבן מיר געהאַט יעדע פערטל שעה. באַגינען האָט מען אונדז ווידער אויפגעהויבן און געהייסן זיך אויפסניי „וואַשן“. די דעקע אויף וועלכער מיר זענען געלעגן, איז געווען דורכגעווייקט מיט בלוט און האָט באַקומען אַן אַנדערע פאַרב. נאָכן וואַשן האָט מען אונדז געגעבן די קליידער זיך אָנצוטאָן. דריי פון אונדז האָבן נישט צוריקגעקריגן די שיך (זיי זענען די ענגלענדער וואָרשיינלעך געפעלן געוואָרן). אַזוי, איינגע־וויקלט אין שמאַטעס, האָט מען אונדז געהייסן לויפן דורכן גאַנצן לאַגער צום

דאָקטאָר־צימער. יעדער סאָלדאַט, וואָס איז אַנטקעגנגעקומען אויפן וועג, האָט אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט זיין פויסט אָדער ביקס. מיר זענען געלאָפן מיט אויפ־געהויבענע הענט. אין אַמבולאַטאָריום האָט מען אונדז געהאַלטן אַ דריי פערטל שעה מיט אויפגעהויבענע הענט, ביז דער דאָקטאָר איז געקומען.

דער דאָקטאָר, אַן אָפיציר מיט צוויי שטערנדלעך, האָט אַ קוק געטאָן אויף די וואונדן און געפרעגט די סאָלדאַטן צי זיי ווילן זיך נאָך שפּילן מיט אונדז. די סאָלדאַטן האָבן געענטפערט פּאָזיטיוו. אויב אַזוי, האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט, וועל איך שפּעטער באַנדאַזשירן זייערע וואונדן. (זיי האָבן גערעדט אין מיין אָנוועזנהייט; זיי האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז איך פאַרשטיי ענג־ליש). זיי האָבן אונדז צוריקגעיאָגט צום זעלבן פּלאַץ, פון וועלכן מיר זענען געקומען. מ׳האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט, אַרויסגעפירט אין דרויסן, און אַרויפ־געגאָסן יעדן אויפן קאָפּ אַן עמער מיט שמוציק פּאָמיניע־וואַסער. נאָכדעם האָבן זיי איינגעלאַדן סאָלדאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום, זיי זאָלן אונדז געבן קלעפּ. אַזעלכע פּריוויליקע האָבן נישט געפעלט. מ׳האָט אונדז צוריק אַריינגע־פירט אינעווייניק, געהייסן וואַשן דעם דיל און אָפּרייבן אונדזער בלוט פון די ווענט. ערשט איצט האָבן מיר דערזען ווי ס׳זעט אויס אַ שעכט־הויז. שטיקער פאַרגליווערט בלוט זענען געווען צוגעקלעפּט צו די ווענט, און מיר האָבן זיי געדאַרפט אָפּרייבן מיט אונדזערע נעגל. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער אַ נייעם האָגל פון קלעפּ. דער פּאָליציסט נומער 1617 האָט אונדז געשלעפּט און געהייסן זיך אָנבייגן און קושן דעם דיל. ווען מיר האָבן נישט געוואָלט, האָבן מיר באַקומען מכות־רצח מיט שטיקער האָלץ. אָבער מיר האָבן זיך נישט אונ־טערגעגעבן. מיך האָט מען געשמידט מיט נאָך אַ פּאָר קייטן. זיי האָבן, ווייזט אויס, געפילט אַז איך דערמוטיק מיינע חברים זיך צו האַלטן. ווען מ׳האָט מיך געבונדן, האָב איך גאָרנישט געוואָלט טאָן. מ׳האָט מיך ווידער שטאַרק גע־שלאָגן. צום סוף האָט מען אַראָפּגענומען די צווייטע פּאָר קייטן.

ניין אַ זייגער בערך האָט מען אונדז נאָכמאָל געוואַשן. געגעבן יעדן איי־נעם אַ פּאָר הויזן. דער זעלביקער דאָקטאָר איז ווידער געקומען און געהייסן אַרויפקלעפּן פּלאַסטערס אויף צוויי פון אונדז. נאָכהער איז געקומען אַ פּאָלי־צײ־אָפיציר אין באַגלייטונג פון יידישן אָפיציר קאַרליק און עטלעכע פּאָליציי־אַגענטן. מ׳האָט אונדז כמעט נישט געפאָרשט, נאָר געפרעגט אונדזערע נעמען און אַדרעסן. די פּאָליציסטן זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען אויף אַ גאַנצן טאָג און אינצווישן האָבן די סאָלדאַטן נישט אויפגעהערט זיך צו „שפּילן" מיט אונדז. פאַרנאַכט איז אין נאָענטן צימער געבליבן בלויז קאַרליק. דעמאָלט האָט מען אונדז איינציקווייז אַרויסגעפירט, כדי אונטערצושרייבן דעם באַשולדי־קונגס־אַקט. ווען דער יידישער אָפיציר איז געזעסן אין נאָענטן צימער, איז אַריינגעקומען אַ קאַפּראַל אַ ריז און אונדז זייער געפייניקט, געשלאָגן אָן רחמנות. איך האָב געזאָגט די בחורים, אַז דאָסמאָל זאָלן זיי נישט שווייגן כדי

דער יידישער פּאָליציי־אינספּעקטאָר זאָל הערן אונדזערע געשרייען. איך האָב אים קלאָר געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער ייד, וועמען מיר האָבן דאָ גע־טראָפן און ער דאַרף אַלץ טאָן אונדז אַרויסצונעמען פון דאַנעט, ווייל מ׳קען אונדז דאָ אַוועקהרגענען מיט קלעפּ. ער האָט צוגעזאָגט...״

אַ לאַנגע צייט האָט דער אצ״ל געזוכט יענעם גרויל־לאַגער און זיינע בע פּחדנותדיקע סאַדיסטישע איינוווינער ווי אויך דעם „דאָקטאָר״ פון בערגן־בעלזן, וועלכער האָט זיך פאַרוואַלגערט אין ארץ־ישראל אין אַן אוניפאָרם פון אַ בריטישן אָפיציר. ווען מיר וואָלטן אַנטדעקט דעם לאַגער, וואָלטן מיר אים דורכגעאַקערט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל, אָבער מיר האָבן אים נישט געפונען. מיר האָבן באַקומען ידיעות, אַז מ׳האָט דעם רעגימענט איבערגעפירט אין אויס־לאַנד. ס׳לייגט זיך אויפן שכל. די ענגלענדער האָבן געוווסט, אַז מיר שענקען נישט קיין עינויים. אויך דער פּאָליציסט 1617 איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן גע־וואָרן פון האָריזאָנט. אין באַריכט וועגן די פּייניקונגען וואָס מ׳וועגדט אָן אויף אונדזערע קעמפער איז געבליבן צוגעשריבן יואלס באַמערקונג:

„יענעם בריטישן פּאָליציסט האָבן מיר פּערמאַנענט נאָכגעפאָלגט. אָבער מ׳האָט אים נישט געקענט פּאַקן, ווייל ער פלעגט פאַרלאָזן שרונה בלויז אין אַ פּאַנצער־אויטאָ. עטלעכע וואָכן נאָכן פּאַל איז דער פּאָליציסט איבערגעפירט געוואָרן אין אַן אומבאַקאַנטן אָרט אָדער ר׳האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ס׳איז אַרויסגעגעבן געוואָרן קעגן אים אַ טויט־אורטייל.״

אַזעלכע נסיונות זענען אויסגעשטאַנען אונדזערע קעמפער נאָך איידער זיי האָבן אָנגעטאָן די טויטן־קליידער.

**
*

אָנהויב פעברואַר 1947 איז באַקאַנט געוואָרן אַז גענעראַל באַרקער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין פּאָסטן. דער העלד פון 29טן יוני איז געווען אַ נאַצי. דאָס איז געווען נישט נאָר אונדזער מיינונג. ס׳האָבן עס באַשטעטיקט די דענער. באַרקער איז געווען אין דענעמאַרקביים סוף פון דער וועלט־מלחמה אַלס פאַרשטייער פון דער בריטישער אַרמיי. אין שלעזוויג־האָלשטיין האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו חנדלען צו די נאַציס און האָט טיף באַליידיקט די געפילן פון דעם קליינעם פאָלק, וואָס איז אונטערדריקט געוואָרן פון היטלערס אַרמיי. אַ דענישער זשורנאַליסט האָט געזאָגט אונדזער פאַרשטייער:

— אויב באַרקער איז דער הערשער אין אייער לאַנד, איז מיר נישט שווער צו פאַרשטיין וואָס ס׳טוט זיך דאָרט!...

באַרקער, וועלכער האָט געפּרוווט צו אונטערדריקן אונדזער פאָלק מיט נאַ־צישער אכזריות, איז ביי אונדז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ קריגס־פאַרברעכער. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אָבער דער מזל האָט אים אָפּגעשפּילט.

מיר האָבן אים נאָכגעפאָלגט און אייניקע מאָל געווען אויף זיינע שפורן. אָבער ער האָט זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט, ממש דעם לעצטן מאָמענט. און דעם 13טן פעברואַר איז ער געהיימערהייט אַנטלאָפן פון לאַנד. אַן אכזר איז געווען באַרקער און אַ פחדן. אַ טאָג־צוויי פאַר זיין געהיימנישפולן אַנטלויפן האָט ער באַשטעטיקט די דריי טויט־אורטיילן. צי האָט ער נישט געקענט איבערלאָזן דעם מערדערישן באַשלוס פאַר זיין פאַרטרעטער? אין דער צוגעאיילטער באַשטעטיקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע פחדנישע אכזריות פונעם אדיוטאַנט פון בריטישן קעניג.

דער נייער קאָמאַנדיר פון דער בריטישער אַרמיי, גענעראַל מאַק־מילאַן, האָט פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג, אַז די אורטיילן אויף דרעזנער, אלקושי און קאַשאַני וועלן נישט אויסגעפירט ווערן כל־זמן ס'וועט זיך נישט ענדיקן גרונערס אַפעלאַציע פאַרן קעניגלעכן ראַט. דאָס איז געווען אַ ליגן און צביעות.

ו.

וואָכן און חדשים זענען אַריבער. דב איז געווען שווער פאַרוונדעט אין דער גאַמבע. מ'האָט אים געמאַכט אָפעראַציעס. פיל שווערע יסורים זענען איבער אים אַריבער, און מיט זיין גייסטיקער רואיקייט האָט ער אַרויסגערופן וווּנדער נישט נאָר פון פריינד, נאָר אויך פון שונאים. בשעתו האָבן מיר אים געוואָלט שיקן אַ דאָקטאָר־ספּעציאַליסט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון צוליב דער זאָרג, אַז דאָס היילן אים וועט דעם „ארגון" צופיל אָפּקאָסטן. אין דער טויטן־צעלע האָט ער גאָרנישט געבעטן פון זיינע חברים. און גאָרנישט געוואָלט פון זיי נעמען. יהושע, וואָס איז אין יענע טעג געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער אין דער בריטישער תפיסה, אַן אויסגעפרוווטער קעמפער וועלכער האָט פון זיין אייגענעם און פון זיינע חברימס דערפאַרונג געוווּסט וואָס ס'הייסט שטיין אַנטקעגן טויט, דער זעלביקער יהושע האָט נישט געפונען קיין ווערטער צו דערקלערן די גרויסקייט פון דער דערשיינונג וואָס האָט זיך פלוצלינג אַנטפּלעקט אין דב גרונערן. אין אַ געהיימען צעטל פון טורמע שרייבט יהושע:

„...און אָט ער אַליין. איך דערלויב מיר נישט צו נעמען אויף זיך כדי צו געפינען די ריכטיקע דעפיניציע פאַר זיין אויפפירונג אין די טעג. די בעסטע דעפיניציע וועט נישט זיין פולקאָם אויף צו שילדערן זיין אומדערשראָקענע העלדישע שטעלונג, זיין מוט, זיין גרויסע נשמה. אַ באַוווּנדערווערטע גייסטיקע רואיקייט. אַ גרייטקייט, און אַזוי באַשיידן אין זיין אויפפירונג.

די לעצטע טעג האָב איך געפילט אַז ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין גורל, און ער נעמט אים אויף ווי אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער שליחות פון אַ קעמפער. איך וויל אויך אונטערשטרייכן אַ באַלערנדיקן פאַקט:

קיין איין איינציק מאָל אין דער גאַנצער צייט האָט ער גאָרנישט געבעטן פאַר זיך. ער האָט גאָרנישט געשריבן און אויך נישט צו זיין שוועסטער אין אַמע־ריקע. פון דער צווייטער זייט, ביי יעדער געלעגנהייט אינטערעסירט ער זיך מיט די אָנגעלעגנהייטן פון דער :משפּחה״.

...היינט — נאָך דער באַשטעטיקונג פון טויט־אורטייל — האָט ער זיך נישט געענדערט. קאָזמע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אים, און גייט אַריין צו אים טאָג־טעגלעך (ער האָט אַ מעגלעכקייט) האָט מיר געזאָגט, אַז גרונער איז היינט רואיקער ווי אין די ערשטע טעג, און זיין שטימונג איז אַ וווּנדער־באַרע. אַזאַ איז ער, דער העלדישער ברודער פון דער „קעמפנדיקער משפּחה״. און לאָמיר האָפן, אַז די „משפּחה״ וועט אים ראַטעווען פאַר דער צוקונפט, פאַרן קאַמף.

די שטימונג פון די בחורים איז אַ פעסטע: פול מיט האָפענונג, אָבער אויך מיט זאָרג, זיי ווילן דאָך נישט גלויבן אַז דער שונא וועט „וואָגן״.

אין דער ערנסטקייט פון מצב לייג איך מיין האָפענונג אויף דער „מש־פּחה״. אָבער אויב זי וועט נישט קענען פאַרמיידן דעם גורל, וועלן מיר וויסן — ווי ס׳פּאַסט פאַר קעמפער — אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען״.

די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען איבערראַשט און דערשטוינט אַנטקעגן דער וווּנדערלעכער אַנטפּלעקונג פונעם באַנייטן יידישן גייסט, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פונעם תפיסה־קעלער אין ירושלים. אָבער דב אַליין האָט גע־האַלטן זיין גאַנצע אויפפירונג פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך, פאַר „אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט״. ווען דאָס אויספירן פון אורטייל איז אָפּגעלייגט געוואָרן האָט מען פון אים געפאָדערט ער זאָל אונטערשרייבן אַן אַפּעלאַציע־ביטע צום „קעניגלעכן ראַט״. און ער האָט מיט פשטות קורץ געענטפערט: נ יי ן. מיר האָבן געוווּסט, אַז די „אַפּעלאַציע״ וועט נישט ראַטעווען זיין לעבן, האָט פון דעם דב געוווּסט? צי האָט ער עס געקענט וויסן? אַ סך האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ האָפענונג צו ראַטעווען דאָס לעבן. ער האָט עס אָפּגעוואָרפן — לטובת דער לעבנס־האָפענונג פון זיין פאָלק. און די ברירה איז געווען ביי אים, בלויז אין זיינע הענט.

איינמאָל איז דערשינען פאַר אים אַ ירושלימער אַדוואָקאַט און אים איינ־גערעדט אַ לענגערע צייט, ער זאָל אונטערשרייבן די אַפּעלאַציע־ביטע, ווייל זי טרעט אַרויס נישט קעגן אורטייל, נאָר קעגן די אויסנאַם־געזעצן ווי אַזעל־כע. דער אַדוואָקאַט האָט זיכער געהאַט אַ גוטע כוונה, כאָטש דעם וועג וואָס ער איז געגאַנגען נישט אויף זיין אייגענער האַנט, איז געווען אַ טעותדיקער דווקא פונעם שטאַנדפּונקט פון די אויסזיכטן צו ראַטעווען דובס לעבן. און ווען דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט דובן, אַז דער „ארגון״ וויל ער זאָל אונ־טערשרייבן די ווענדונג פאַר אַן אַפּעלאַציע, אַז זיין אונטערשריפט וועט ראַ־טעווען דעם ישוב פון אַ גרויסן אומגליק פון קריג־צושטאַנד — האָט דב אונ־

טערגעשריבן, נישט אויף דער אַפּעלאַציע־בקשה אַליין, נאָר אויף אַ באַפּול־מעכטיקונג צו דערלאַנגען אין זיין נאָמען אַן אַפּעלאַציע קעגן די „אויסנאַם־געזעצן".

איידער ער איז צוריקגעגאַנגען אין זיין צעלע, האָט דב געזאָגט צו די פּאָליציסטן, וועלכע האָבן אים באַגלייט:

„איך פיל אַז כ'בין באַגאַנגען אַ פעלער"!

דב גרונער האָט נישט אנערקענט דאָס געריכט פון די אונטערדריקער פון זיין פאָלק, און ס'זענען נישט אַריבער קיין פיר און צוואנציק שעה און ער צערייסט אויף שטיקלעך די באַפולמעכטיקונג.

זיכער. היינט וייסן מיר אַלע, אַז די ענגלענדער האָבן באַשלאָסן אויפ־צוהענגען דב גרונערן און די אַנדערע אונטערגרונט־קעמפער צוליב פּאָליטישע סיבות. אָבער צי האָט עס גרונער געקענט וויסן? צי וואָלט נישט געווען נאַ־טירלעך, ווען ער וואָלט זיך אַליין געמאַכט אילוזיעס, אַז דאָס אָנגעבן די אַפּע־לאַציע וועט אים ראַטעווען פון דער תליה? דב איז זיך נוהג אַנדערש. ער בלייבט טריי זיין אידעאַל. ער איז גרייט אויף אַלץ — אויסער אויף דעם, אַז ער זאָל מוותר זיין אויף די פּרינציפּן פון זיין גלויבן.

אין דעם איינציקן בריוו וואָס כ'האָב פון אים באַקומען — דאָס איז גע־ווען אַ בינטעלע מיט קליינע שטיקלעך פּאַפּיר — האָט דב געשריבן:

„אדוני,

איך דאַנק פון טיפן האַרצן פאַר דער דערמוטיקונג וואָס כ'האָב באַקומען פון אייך אין די גורלדיקע טעג. זייט זיכער, אַז וואָס ס'זאָל נישט געשען, וועל איך נישט פאַרגעסן די לערע פון „גאון ונדיב ואכזר", און וועל וויסן אָפּצוהיטן מיין כבוד, דעם כבוד פון אַ קעמ־פנדיקן יידישן סאָלדאַט.

איך וואָלט געקענט וואַרפן מיט ווערטלעך, ווי „ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד". אָבער אין דעם מאָמענט דאַכט זיך מיר אַז אַזעלכע פאַראַלן זענען צו ביליק און די סקעפּטיקער קענען נאָך צוגעבן „דו האָסט נישט קיין ברירה". אין דעם זענען זיי אפשר גע־רעכט.

פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל לעבן. ווער וויל עס נישט? אָבער אויב איך באַדויער וואָס איך האַלט ביים „ענדיקן", איז דאָס בעיקר ווייל כ'האָב נישט באַוויזן געבוג אויפצוטאָן. אויך איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַרבעט, וואָס מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אָדער אָוועקצופאָרן פון לאַנד אין גאַנצן און לעבן אַ רואיקן לעבן אין אַמע־ריקע, אָבער דער וועג וואָלט מיך נישט צופרידנגעשטעלט נישט אַלס ייד און געוויס נישט אַלס ציוניסט.

פון אַלע וועגן, אין וועלכן דאָס יידנטום גייט, איז לויט מיין מיינונג דער ריכטיקסטער — דער וועג פון אצ״ל. דאָס דאַרף זיין דער וועג פון יידישן פאָלק אין די טעג: באַשטיין אויף אונדזערס און גרייטקייט צום קאַמף, אפילו אויך ווען אין איינצלנע פאַלן פירט דער וועג צו דער ת ל י ה.

איך שרייב די שורות 48 שעה פאַר דעם, איידער אונדזערע אונ־טערדריקער האַלטן ביים אויספירן זייער רציחה. און אין די שעהן זאָגט מען נישט קיין ליגן. און איך שווער אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַ ברירה אָנצוהייבן פונדאַסנייַ, וואָלט איך אויסגעוויילט דעם זעל־ביקן וועג אויף וועלכן איך בין געגאַנגען, נישט רעכנענדיק זיך מיט די מעגלעכע פאָלגן פאַר מיר.

אייער געטרייער סאָלדאַט
ד ב ״.

דב גרונער איז געווען אַ סינטעז פון אַלע דערהויבענע מעלות פון מענטש־לעכן גייסט. אין דער פסח־נאַכט, ווען אַלע פורפור־אָנגעטאָענע זיצן ביים „סדר״־טיש און דער רב דערציילט זיי וועגן יציאת מצרים, הערט דב נישט אויף פאַר־צושלאָגן זיין פלאַץ די צוויי בריטישע פאָליציסטן, וועלכע זענען געשיקט גע־וואָרן אָפּצוהיטן די פאַראורטיילטע אין דער טויטן־צעלע. די צעלע איז זייער אַ קליינע. ס׳זענען נישטאָ קיין זיץ־פלעצער פאַר אַלע אָנוועזנדיקע. די ברי־טישע פאָליציסטן שטייען און דב, פאַר וועמען עס איז איצט די לעצטע סדר־נאַכט — דב, וועלכער גייט שטאַרבן — פירט זיך ווי אַ בעל־הבית וואָס נעמט אויף געסט און גיט אָפּ זיין פלאַץ צוויי פרעמדע, די שליחים פון שונא...

אָבער ווען דב גרונער שטייט פאַרן שונא אַליין, באַווייזט זיך פאַר אונ־דזערע אויגן דער אומבויגזאַמער רעוואָלוציאָנער. אין טויטן־צעלע פון עכו לייענען אים די בריטישע אָפיצירן פאַר דעם „טויט־אורטייל״, וואָס איז באַ־שטעטיקט געוואָרן דורך זייער קאָמענדאַנט. זייער „געזעץ״ זאָגט, אַז דער צום טויט־פאַרמשפּטער דאַרף שטיין אויף די פיס בשעת מ׳לייענט פאַר דעם פסוק וועגן „אויפהענגען ביים האַלדז ביז די נשמה וועט אַרויסגיין״. אָבער דב וויל זיך נישט אויפשטעלן. צי וועט ער שטיין פאַר זיי, פאַר די פחדנותדיקע תלי־נים? צי וועט ער אָפּגעבן כבוד זייערע „געזעצן״? די הענקערס האָבן אים גע־וואָלט אויפשטעלן מיט כוח. זיי האָבן אים געשלאָגן. זיי האָבן געשלאָגן אַ מענטשן, וואָס גייט צום טויט. אָבער דב האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט זיך פאַרטיידיקט. ער האָט געקעמפט אויך אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. און ער האָט געזונגען... געזונגען ביזן לעצטן מאָמענט אויף גאָטס ערד.

ז.

אינצווישן איז געוואקסן די משפחה טרעגער פון די טויטן־בגדים.

אין מערץ־חודש איז משה בעראזאני, דער מיטגליד פון לח״י, פאַראור־טיילט געוואָרן צום טויט. אָנהייב אַפּריל האָט מאיר פיינשטיין, אַ מיטגליד פון אצ״ל, אויסגעהערט דעם זעלביקן פסק־דין.ביידע יונגע בחורים האָבן גע־זונגען „התקוה״.

די ענגלענדער האָבן געמאָלדן, אַז אויך די דאָזיקע אורטיילן בלייבן „הענגען״ ביז דער דעציזיע אין דוב גרונערס אַפּעלאַציע פאַרן קעניגלעכן ראַט.

דאָס איז געווען אַ ליגן און צביעות!

מיר האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף די אַלע הבטחות. דאָס זענען דאָך געווען בריטישע צוזאָגן. מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער מיט כוח צו באַ־פרייען די צום טויט־פאַרמשפּעטע.

עס זענען געווען אַ סך פּלענער. מיר האָבן אָבער אויסגעקליבן איין פּלאַן, וואָס האָט אונדז אויסגעזען דער פּאַסיקסטער אין יענע באַלאַגערונג־באַדינגונגען, וואָס האָבן געהערשט אין ירושלים. מיר האָבן נישט געוואָלט קיין דעמאָנסטראַטיווע אַקציע און נישט קיין זעלבסטמאָרד־אַקציע. מיר האָבן געוואָלט אַרויסציען אונדזערע חברים פון הענקערס נעגל. און כאָטש דער פּלאַן איז געווען אויפן גרענעץ פון דאָס אוממעגלעכע, האָט ער דאָך געהאַט אויס־זיכטן פון דערפאָלג. דער שריט איז געווען זייער אַ געוואַגטער און פאַר־בונדן מיט גרויס געפאַר. מיר האָבן אים אָבער אָנגענומען, ווייל דער ציל איז געווען צו ראַטעווען פון טויט זעקס העלדישע קעמפער.

אַ געפּאַנצערטער אויטאָ פון דער בריטישער פּאָליציי האָט געדאַרפט אַריינגיין אין הויף פון דער ירושלימער תפיסה. אין אויטאָ וואָלטן געזעסן אייניקע בריטישע פּאָליציסטן, באַזאָרגט מיט אָפיציעלע דאָקומענטן, באַ־שטימטע פאַרן תפיסה־קאָמענדאַנט. איין פּאָליציי־סערזשאַנט האָט געדאַרפט אַריינגיין אין ביוראָ און דערווייל וואָלט זיך דער אויטאָ אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון טויער. אין אָט־דעם מאָמענט וואָלט געגעבן געוואָרן אַ באַשטימ־טער צייכן. די זעקס טויט־פאַראורטיילטע, וואָס זענען אין דער צייט גע־ווען אין הויף אויף זייער טעגלעכן שפּאַציר, וואָלטן אַרויפגעשפּרונגען אויפן אויטאָ און אויך געמומען געווער. אין דעם מאָמענט וואָלטן אַנדערע „פּאָלי־ציסטן״ פאַרכאַפּט די טויער־וואַך. די שווערע מאַשין־געווער, וואָס אויפן פּאַנ־צער־אויטאָ, וואָלט געשאָסן מיט פייער אין אַלע ריכטונגען, כדי צו דעקן דעם ריקצוג. די שלאַכט וואָלט נאָך זיכער געדויערט אַ שטיקל וועג, אָבער די הנחה איז געווען אַז אונטערן אומאויפהערלעכן קרייץ־פייער און די מהומה וואָס אַנטשטייט אין אַזעלכע פאַלן ביי די ענגלענדער, וואָלט זיך דער אויטאָ דורכ־געריסן אַ וועג און די פאַראורטיילטע וואָלטן געווען געראַטעוועט.

אַלע צוגרייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן. גידי האָט געאַרבעט מיט אַן אומגעווײנלעכן טעמפּאָ. יואל האָט באַקומען אַלע נויטיקע אָפיציעלע דאָקו־מענטן. די בעסטע מפקדים האָבן געפאָדערט מ׳זאָל זיי צוציען צו דער אַקציע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דירעקטן טויט־געפאַר. די ברידער־ליבע אין דער אויפשטענדלער־משפחה! ראַטעווען אונדזערע זעקס חברים.

שמשון האָט געלויערט אויפן וועג. אויף אים איז געלעגן די שווערסטע פליכט. צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער האָט ער געדאַרפט פאַרכאַפּן אַ פּאָלי־צייאישן פּאַנצער־אויטאָ. פאַרוואָס איז די אויפגאַבע געווען אַזאַ שווערע? ציי האָט שמשון, אונדזער באַרימטער קאָמאַנדאַ־מאַן, נישט באַוויזן דורכצופירן מער געפערלעכערע אַקטן? אין דעם פאַל האָט מען אָבער נישט געטאָרט קומען צו פרי, און נישט געטאָרט שיסן. מ׳האָט געדאַרפט פאַרכאַפּן דעם פּאַנצער־אויטאָ ממש אין דער לעצטער מינוט, נישט שיסנדיק אין זיין מאַנשאַפט, יע־דער אָפּנויג פון די ביידע יסודות וואָלט אַליאַרמירט די ענגלענדער און וואָלט ממילא צו נישט־געמאַכט די וויכטיקייט פונעם פּאַנצער־אויטאָ פאַר ד ע ם פּלאַן.

טאָג־איין טאָג־אויס איז שמשון אַרויס אויפן הויפּט־שאָסיי און מיט זיינע מוטיקע בחורים געוואַרט אויפן פּאַנצער־אויטאָ. אומזיסט. דאָך האָבן מיר נישט אויפגעגעבן דעם פּאַרמעסט. ביזן 14טן אַפּריל האָבן מיר נישט געקריגן דעם פּאַנצער־אויטאָ.

און אין דעם זעלבן טאָג זענען גרונער, דרעזנער, אַלקושי און קאַשאַני אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער עכוער פעסטונג.

זאָלן די לייענערס נישט מיינען, אַז די ענגלענדער האָבן אַריבערגעפירט די פיר פאַראורטיילטע, דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך דערוווּסט פון אונדזער פּלאַן. ניין. זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט. דער אונטערגרונט האָט פאַרשטאַנען אָפּצוהיטן זיינע סודות. די ענגלענדער האָבן זיך נאָר געהאַט זייערן „אַ פּלאַן״. זיי האָבן געהאַלטן ביים מאַכן אַן ענדגילטיקן פּרווו צוריקצוקערן דעם „פּרעס־טיזש״ פון זייער צעוואַקלטער הערשאַפט אין לאַנד. זיי זענען געקומען ווייזן אַ „שטאַרקע האַנט״ און זיי האָבן געפונען די פּאַסיקע געלעגנהייט. אין דער זעלביקער צייט האָבן די יידישע אינסטיטוציעס ווידער פּראָקלאַמירט אַ פאַר־ניכטונג־קאַמף קעגן קעמפנדיקן אונטערגרונט. עפנטלעכע מעלדונגען זענען געמאַכט געוואָרן וועגן דער נאָענטער ליקווידאַציע פון די „טעראָריסטן״. די ענגלענדער האָבן דערזען פאַר די אויגן „דאָס בלויע ליכט״, וואָס דערלויבט אויך דעם תלין צו ווערן דרייסטער.

אָבער דער תלין האָט מורא געהאַט. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו טאָן זיין אַרבעט אין דער פינצטער, נישט אין ירושלים, נאָר אין דער ווייטער עכו. צוליב דעם האָט ער געהאַלטן אין איין זאָגן ליגן און טענהן, אַז אויך נאָכן אַריבערפירן די פיר קיין עכו איז נישטאָ קיין סיבה צו זיין פאַרזאָרגט פאַר

זייער גורל. סטאבס, דער אָנפירער פון רעגירונגס אינפאָרמאַציע־דעפּאַרטאַמענט, האָט געמאָלדן בעת אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אַז עס בלייבט אין קראַפט דאָס אָפּלייגן אויספירן די טויט־אורטיילן ביז דער דעציזיע אין דער אַפּעלאַציע פאַרן קעניגלעכן ראַט. דער אדיוטאַנט פון גענעראל קאנינגהיים, האָט אויף אַ פראַגע געענטפערט דורכן טעלעפאָן:

— גלויב מיר, מיר וועלן נישט אויפהענגען דעם בחור! דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון דער רעגירונג האָט באַשטעטיקט סטאבס דערקלערונג. דער תפיסה־דירעקטאָר האָט עס אויך באַשטעטיקט און איינגעלאַדן דעם אַדוואָקאַט קריצמאַן, אונדזער מוטיקן, טרייען און גוטן מאַקסן, צו קומען אין עכו באַזוכן זיינע קליענטן.

שקר, צביעות און פחדנות. נישטאָ קיין פּרעצעדענט אין דער געשיכטע, אַז אַ רעגירונג זאָל מאָרדן אין אַזאַ מורא און אַזאַ פינצטערניש!

זיי האָבן צוגעזאָגט צו וואַרטן אויפן אורטייל פון קעניגלעכן ראַט, און האָבן אָפּגענאַרט.

זיי האָבן „דערלויבט" דב גרונערס שוועסטער באַזוכן איר ברודער אין עכו. און זיי האָבן געוווסט צ ו ו אָ ס זיי לאָדן זי איין...

זעקס און דרייסיק שעה נאָך דעם ווי די פיר פאַרמשפּטע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין עכו, איז אויף אַלע יידישע ישובים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ הויז־אַרעסט. 700 טויזנט מענטשן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן אין זייערע הייזער, און קאָמפּאַניעס מיליטער, טאַנקן און פּאַנצער־אויטאָס האָבן אַרומגערינגלט די אַלטע פעסטונג כדי צו פאַרזיכערן דעם פולן נצחון פון דער בריטישער אימפּעריע איבער פיר יידישע געפאַנגענע סאָלדאַטן.

כ'ו ניסן, דעם 16טן אַפּריל, זיבן אַזייגער אין דער פרי, זענען צענדליקער טויזנטער יידן געשטאַנען צוגעשמידט צו די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן די שטים פון לאה פורת. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין „קאַזיאָנע" שטימע. עס האָט גערעדט אַ יידישע טאָכטער, דאָס האַרץ פון אַ בת ישראל, זי איז געווען דערשיטערט ביז די טיפעניש פון איר נשמה. די שטים איז געווען דורכגעווייקט מיט טרערן:

„היינט אינדערפרי זענען אין דער תפיסה פון עכו געטויט געוואָרן דורך הענגען, דב גרונער, דב ראָזענבוים, מרדכי אלקושי, אליעזר קאשאני..."

דאָס בלוט האָט זיך אָנגעצונדן אין די אָדערן.

אַזוי האָבן זיי געמאָרדעט!

אין געהיים. אָן דער נחמה פון אַ רב. מיט צביעות. מיט פחדנות.

גאָט! מיר האָבן נישט זוכה געווען זיי צו ראַטעווען. לאָז אונדז נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון דיינע קינדער.

ס'איז געגעבן געוואָרן אָן אינסטרוקציע צו האַנדלען. מ'האָט שוין נישט געקענט וואַרטן. מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג וועגן פעלד־געריכטן

ביי יעדער שלאַכט־איינהייט פון ארגון צבאי לאומי. אַן ענגלענדער, וועלכער וועט אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט — וועט געהאָנגען ווערן, אַזוי ווי ס'זענען געהאָנגען געוואָרן אונדזערע פיר קעמפער. אונדזערע איינהייטן זענען אַרויס אויף די וועגן, אויף די שאָסייען. אָבער די ענגלענדער האָבן זיך פאַרשטעקט אין זייערע לעכער. מיר האָבן געוואָלט באַצאָלן דעם תליון. און ס'איז אונדז נישט געלונגען. שמשון האָט געפּרובירט. די ירושלימער קעמפערס האָבן פּרו־בירט. ס'איז זיי נישט געלונגען.

ח.

...און זיבן טעג נאָך דער תליה פון די פיר גבורים פון עכו האָבן זיך מאיר פיינשטיין און משה בּאַראַזאַני אויפגעריסן אין דער טויטן־קאַמער. אַ פּאָר שעה איידער זיי האָבן געדאַרפט געפירט ווערן צו דער תליה.

מאיר פיינשטיין און משה בּאַראַזאַני האָבן זיך נוהג געווען ווי זייערע פאָרגייער ווען זיי זענען געשטאַנען פאַרן מערדערישן „געריכט". אַזוי אויך אין דער טויטן־צעלע. אָבער צו דער תליה זענען זיי נישט דערגאַנגען. אויך זיי האָבן געזונגען אויפן שוועל פון טויט, געזונגען דאָס געזאַנג פון גלויבן אין גאָט: „אדון עולם אשר מלך בשרם כל יציר נברא", און זייער לעבנס־ליד האָט זיך געענדיקט מיט אַ מעכטיקער עקספּלאָזיע, וואָס האָט צעשפּאָלטן די נאַכט־שטילקייט אין ירושלימער תפיסה־קעלער.

בשעת דעם קאַמף פאַר דב גרונערס לעבן איז געבוירן געוואָרן די אידיי פון „תמות נפשי אם פלשתים" — אויב ס'וועט אונדז נישט געלונגען צו ראַ־טעווען דאָס לעבן פון דעם קאַמף־ברודער. מיר האָבן אָנגעפרעגט דובן, צי ער וועט זיין גרייט, אויב מ'וועט אים פירן צו דער תליה, אויסצוויילן „אַ שמשון טויט". דער בריוו איז נישט געווען קלאָר געשריבן. דוב האָט געמיינט, אַז די כוונה איז זיך אַליין צו נעמען דאָס לעבן, איידער איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון תלין. דב האָט געענטפערט אין פולשטענדיקער רואיקייט: זאָג זיי, אַז אויב דאָס איז די כוונה, וועל איך זיין גרייט צו צעשמעטערן מיין קאָפּ אָן דער וואַנט פון דער צעלע".

עטלעכע טעג שפּעטער איז דובן קלאָר געוואָרן וואָס מיר האָבן געמיינט. ניין. גרויסער ברודער אונדזערער! ס'איז נישט קיין פראַגע פון זיך אַליין נע־מען דאָס לעבן; עס גייט נאָר אין דעם, אַז דער קעמפער זאָל פּרוּוון געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם שונא, „נאָך איין מאָל, דאָס לעצטע מאָל".

אָבער דב גרונער, יחיאל דרעזנער, אליעזר קאשאני און מרדכי אלקושי זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין עכו, איידער עס זענען פאַרטיק געוואָרן די לעצטע הכנות צו צעשמעטערן די תליה־סלופּעס פון די ענגלישע מערדער. אין דער ירושלימער טויטן־צעלע זענען פאַרבליבן די צוויי: דער איינהענטיקער

אצ״ל־מיטגליד, פיינשטיין, און דער לח״י־מיטגליד, אַ זון פון מקובלים, באַראזאני. דער תליון האָט אויף זיי געוואַרט אין טורמע־הויף, אָבער אויך זיי האָבן געוואַרט. די צוויי קעמפער האָבן באַשלאָסן. אַזוי ווי זיי האָבן געשריבן אין די לעצטע מינוטן, „צו נעמען נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון זייערע פיר ברידער". זיי האָבן מער נישט געציטערט פאַר זייער לעבן, נאָר טאָמער וועלן זיי נישט קענען דורכפירן זייער ציל אויף דער שוועל פון טויט? דער דאָזיקער הייליקער ציטער האָט געפונען אויסדרוק אין די לעצטע צעטעלעך, וואָס מאירקע האָט געשריבן מיט זיין איינער האַנט אויך אין נאָמען פון זיין חבר:

„ברידער, שלום,

איר האָט נישט גוט געטאָן, וואָס איר האָט עס אונדז נישט געשיקט. ווער ווייסט צי ביז באַגינען וועט שוין נישט זיין צו שפּעט? שיקט עס אונדז ווי אַמשנעלסטן. דאָס וואָס מ׳האָט אייך דערציילט איז געווען אַ נשמהדיקער שטורעם, וואָס איז שנעל פאַריבער. ביי אונדז איז אַלץ באַשלאָסן. גריסט אַלעמען. זייט שטאַרק. און מיר אויך!

שלום רב, טייערע חברים,

מיר האָבן דערהאַלטן די פּרעסע. אַלץ איז אונדז קלאָר, און מיר פרייען זיך מיט דער לעצטער געלעגנהייט וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן צו נעמען נקמה פאַר אונדזערע פיר חברים. וואָס איז נוגע אונדז, זענען מיר זיכער אַז אונדזערע חברים וועלן פאַר אונדז נעמען נקמה אין דער פּאַסיקער פאַרעם. ס׳קען אָבער זיין אַז מ׳וועט אויך אונדז איבערראַשן מיטן איבערפירן קיין עכו, דעריבער בעט אין דרויסן מ׳זאָל אויך אין עכו צוגרייטן אַזאַ זאַך. מיר האַלטן זיך שטאַרק. שלום רב.

מ. פיינשטיין   מ. באַראזאני.

ברידער, שלום רב,

נעמט אָן אונדזער לעצטע ברכה און פאַלט נישט אַראָפּ פון מוט, ווייל מיר באַצאָלן מיט אונדזער לעבן. מיר וועלן נקמה נעמען פאַרן בלוט פון אונדזערע פיר ברידער. פונקט אַזוי ווי קיין שום כוח אין דער וועלט קען ביי אונדז נישט אַ וואַקל טאָן אונדזער שטעלונג, אַזוי האָפן מיר אַז קיין כוח וועט אייך נישט צעברעכן. ברידער, טראָגט מיט ווירדע די פאָן פון אויפשטאַנד און זעצט פאָר דעם קאַמף ביז מיר וועלן אויסלייזן (און אויסגעלייזט ווערן). מיט שטאָלץ שפאַנען מיר אַנטקעגן דעם טויט.

מ. פ.   מ. ב.

אין דער לעצטער נאַכט האָט מען זיי איבערגעשיקט „דאָס" אויף וואָס זיי האָבן געוואַרט. אין אַן אָראַנזש איז געווען באַהאַלטן אַ האַנט־גראַנאַט וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַ שכנותדיקער צעלע, אין דער צעלע פון די קעמ־פער וועלכע זענען נישט געווען פאַראורטיילט צום טויט און זענען געווען גרייט צו געבן זייער לעבן. ווען פון דעם וואָלט געווען אָפּהענגיק די רעטונג פון די פאַרמשפּטים.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז מיט זיי אין דער טויטן־קאַמער געזעסן דער ר׳ב. ער האָט זיי נישט געטרייסט. זיי האָבן זיך נישט געניייטיקט אין אַ טרייסט. זיי האָבן געזונגען: ה׳, לי ולא אירא. (גאָט איז מיט מיר, און כ׳האָב נישט קיין מורא!). זיי האָבן נישט מורא געהאַט, זיי האָבן נאָר געציטערט טאָמער וועלן זיי נישט באַוויזן... דער רב האָט דערפון גאָרנישט געוווּסט. ער האָט זיי צו־געזאָגט צוריקצוקומען באַגינען, זיי צו באַגלייטן אויף זייער לעצטן וועג, צו דער תליה. די קעמפער האָבן געפּרוּווט ווירקן אויפן רב ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין צווייטן באַזוך ביי זיי. דער רב איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס: עס איז אַ פליכט. און די קעמפער האָבן אים נישט געקענט אויסזאָגן דעם לעצטן סוד אין זייער לעבן...

און זיי האָבן שוין נישט געוואַרט אויפן תליון. זיי האָבן מורא געהאַט — אפשר וועלן זיי טרעפן דעם רב, און ער וועט זיי באַגלייטן צו דער תליה. דערי־בער האָבן זיי מוותר געווען אויפן „תמות נפשי אם פלשתים". זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער דריטער אשמורת, איידער ס׳איז געקומען דער מאָרגן, זיי האָבן זיך אַרומגענומען דאָס לעצטע מאָל און צוגעדריקט דעם האַנט־גראַנאַט צו זייערע הערצער.

...גאָט, מיין גאָט, — זייט דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויף דיין וועלט, צי איז געבראַכט געוואָרן אויפן מזבח פון פרייהייט אַ ריינערער און מער הייליקער קרבן פון אָט דעם?

...די ענגלענדער האָבן זיך נאָך טיפער באַהאַלטן אין זייערע נאָרעס. מיר האָבן זיי געגעבן קלעפּ, אָבער דער גרויסער חוב איז נישט אָפּגעצאָלט געוואָרן. מיר האָבן געמאַכט אַ סך פּרוּוון, אָבער געהאַט דורכפאַלן.

ס׳זענען אַריבער וואָכן.

מיר האָבן אויפגעבראָכן די עכוער פעסטונג.

ט.

פונעם בערגל וואָס קוקט אַראָפּ אויפן נחל־התנינים („דער שלאַנגען־טייך") און אויף אים שטייט אַן אַלטע פעסטונג — דאָס „שוני" בערגל — לאָזט פּאַ־מעלעך זיך אַראָפּ אַ טראַנספּאָרט פון אויטאָמאָבילן. אַ בריטישער, מיליטערי־שער טראַנספּאָרט. אין די גרינלעכע אויטאָס — זיצן סאָלדאַטן מיט זייער אַנ־

געצילטן וואָפן. אין שפּיץ פון טראַנספּאָרט גייט אַ „דזשיפּ" און אין אים זיצט דער קאָמענדאַנט פון טראַנספּאָרט, אַ קאַפּיטאַן. זיין ריכטונג איז קיין צפון, ביירוט. אַזוי שטייט עס אין אָפיציעלן „באַוועגונג־באַפעל", וואָס האָט באַקומען דער קאָמאַנדירנדיקער אָפיציר.

און ווי נאָר דער טראַנספּאָרט איז אַרויף אויפן הויפּט־שאָסיי, האָט ער פאַרשטאַרקט זיין שנעלקייט. די סאָלדאַטן און זייער קאָמענדאַנט, פאָרן פייל־אויס־בויגן איבער פעלדער, דערפער און קאָלאָניעס. זיי אַנטקעגן קומען אָן און פאָרן אַריבער אַנדערע טראַנספּאָרטן פון בריטישן מיליטער, פאַרשטענדלעך, אויך זיי זענען באַוואָפנט. די בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע פאָרן אויף צפון, באַגריסן זייערע חברים וואָס לאָזן זיך אין דער פאַרקערטער ריכטונג. מ׳באַגריסט זיך קעגנזייטיק.

דער טראַנספּאָרט קיין צפון איילט זיך. ער דאַרף אָנקומען אין דער צייט. מ׳וואַרט אויף אים... וווּ וואַרט מען? אין ביירוט? צי פירט דער בריטישער קאַ־פּיטאַן זיינע סאָלדאַטן אין דער הויפּטשטאָט פון לבנון?

יאָ, ווער איז ער, דער קאַפּיטאַן?

די בריטישע סאָלדאַטן, וועלכע פאָרן אויף דרום, הערן נישט ווי זייערע חברים, די סאָלדאַטן וועלכע פאָרן אין דער פאַרקערטער זייט, רופן זייער קאָ־מענדאַנט. וואָלטן זיי געהערט דעם נאָמען, וואָלטן זיי אין דער ריכטונג פון קאָנ־וואָי נישט געשיקט קיין שמייכלען, נאָר קוילן. די אונטערגעאָרדנטע פונעם קאַ־פּיטאַן רופן אים „שמשון". אַ ביבלישער נאָמען, אָבער נישט קיין ענגלישער, גאָר נישט קיין ענגלישער. און דאָס איז נישט דער איינציקער נאָמען פון דעם קאַפּיטאַן. זיינע עלטערן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן דב כהן. לגמרי נישט קיין ענגלישער נאָמען.

אפילו נישט אַלע פון זיינע סאָלדאַטן ווייסן, אַז שמשון איז דב כהן. עס זענען אָבער דאָ ענגלישע סאָלדאַטן וועלכע ווייסן גוט ווער דב כהן איז. ער האָט יאָרנלאַנג געדינט אין די קאָמאַנדאָ־באַטאַליאָנען פון דער בריטישער אַרמיי. זיינע קאָמענדאַנטן האָבן זיך נישט געקענט גענוג אָפּלויבן פון זיין העלדיש־קייט, זיין מוט, זיינע אויפטוען אויפן פראָנט, זיינע מעשים הינטער די ליניעס פון שונא. אויפן מזרח־אַפריקאַנישן פראָנט האָט זיך דב כהן דער ערשטער אַ לאָז געטאָן אויף דער קייט פון די איטאַליענישע בערג־פּאָזיציעס. זיין ביישפּיל האָט אָנגעצונדן מיט ענטוזיאַזם די אַנדערע סאָלדאַטן און קירינייאיקע איז גע־פאַלן פאַר דער בריטישער אַרמיי. דער דורכברוך אין איטאַליענישן פראָנט האָט געעפנט דעם וועג פאַרן נצחון פון דער בריטישער אַרמיי אין מזרח אַפריקע.

באַהאָנגען מיט אויסצייכענונגען און מעדאַלן האָט זיך דב כהן צוריקגע־קערט פון איירָאָפּעישן פראָנט קיין ארץ־ישראל און אויף צומאָרגנס האָט ער באַנייט זיין קאָמאַנדאָ־טעטיקייט. די שלאַכט־איינהייטן פון ארגון צבאי לאו־

מי האָבן געפונען אין אים אַ געניטן קאָמענדאַנט, פאַר ווען דער קריג און סכנות זענען געוואָרן זיין טאָג־טעגלעך ברויט. דב כהן האָט זיך צוריק געפּור־נען. אין דער פרעמדער קירינייאיקע איז ער געגאַנגען צום שטורעם א י ן נ אָ מ ע ן פ ו ן צ י ו ן. איצט גייט ער צום אויפשטורעם פאַר ציון אויף דער ערד פון ציון. אַ חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דב כהן האָט געקענט נישט נאָר די שפּראַך פון די ענגלענדער, ער האָט אויך געקענט זייער גייסט. דאָס האָט אים געהאָלפן אַריינצודרינגען אין זייע־רע לאַגערן, אָדער אַרויסנעמען געווער פון אונטער זייער נאָז. איינמאָל האָבן מיר געדאַרפט אַריבערפירן געווער פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, די ענגלענ־דער זענען גראָד געווען זייער וואַכזאַם און האָבן געזוכט אין אַלע אויטאָס. דב כהן האָט זיך אָנגעטאָן אַ מונדיר פון אַ בריטישן קאַפּיטאַן, זיינע צוויי חברים אָנגעקליידט אין אוניפאָרמען פון בריטישע סאָלדאַטן, אַרויפגעזעצט זיי אויפן „דזשיפּ״, אַ פולן מיט געווער און איז אַרויס אויפן וועג, וואָס איז געווען באַ־זעצט מיט מיליטערישע באַריערן. ביי איין באַריערע האָט דער בריטישער פּאַטרול־סאָלדאַט סאַלוטירט פאַרן קאַפּיטאַן און איז נאַטירלעך געווען גרייט דורכצולאָזן דעם דזשיפּ „פון זיין מאַיעסטעט״. אָבער דער קאַפּיטאַן באַ־גנוגנט זיך נישט מיט דעם. ער גיסט אָן דעם סאָלדאַט מיט אַ קאַלטן בליק:

— ווי סאַלוטירסטו? — האָט זיך דורכגעזיפּט אַ פראַגע צווישן די ציי־נער — חזר איבער!

דער סאָלדאַט פּרוווט נאָך אַמאָל זיין מזל.

— דאָס איז בעסער! — זאָגט דער קאַפּיטאַן מיט זיין טרוקענער שטי־מע. דער דזשיפּ מיטן וואָפן פאָרט פאַרביי דעם סאַלוטירנדיקן סאָלדאַט. די צוויי חברים פון „קאַפּיטאַן״ האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער.

אויך דעם פערטן מאַי 1947 האָט דב כהן אָנגעטאָן אַן אוניפאָרם פון אַ בריטישן קאַפּיטאַן און אומצייליקע סאָלדאַטן פון זיין מאַיעסטעט דעם ענגלישן מלך, סאַלוטירן פאַר אים. אָבער אין דעם טאָג איז דב כהן אַרויס אויף דער גרעסטער קאָמאַנדאָ־אַקציע אין זיין לעבן, אויף איינער פון די דרייסטסטע אַקציעס אין דער געשיכטע פון קאָמאַנדאָס אין אַלגעמיין. ניין, נישט קיין ביירוט האָט דער קאַפּיטאַן געפירט זיינע באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

ער האָט זיי געפירט קיין ע כ ו.

ווען דער קאָנוואָי איז אָנגעקומען אין עכו, האָבן אָנגעהויבן פון אים „אָפּ־צופאַלן״ קליינע איינהייטן. אין אַלע ריכטונגען האָבן זיי זיך צעשפּרייט. ווייל עכו איז נישט נאָר אַ שטאָט מיט אַ דורכאויס אַראַבישער באַפעלקערונג. זי איז אויך אַרומגערינגלט מיט אַ רינג פון בריטישע לאַגערן.

גידי האָט זאָרגפול אויסגעפּלאַנט. שמשון פירט אַלץ אויס גאָר פּינקט־לעך. יעדע איינהייט האָט זיך איר פונקציע. די ערשטע וועט האַלטן מיט מאַרטער־פייער אויפן נאָענטן בריטישן לאַגער, כדי נישט צו דערלאָזן קיין

פאַרשטאַרקונגען. אַנדערע איינהייטן וועלן זייען מינעס. די ענגלענדער וועלן נישט דורכגיין. יעדער פּרט איז דורכגעטראַכט געוואָרן. און נישט נאָר אויף ז'ער מאַפּע, נאָר אויך אין שטח. גידי און שמשון האָבן אויפן אָרט זיך איינ־קע מאָל אַרומגעקוקט במשך פון פיל שעהן. אַמאָל ווי „אַראַבער", אַן אַנדערש מאָל ווי „ענגלענדער". זיי האָבן אַלץ גענוי דורכגעזען.

איצט ווענדט זיך דער הויפּט־כוח פון שמשונס גרופּע אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג, וואָס איז געבויט געוואָרן דורך די קרייצציגלען, צוריק אויפגעשטעלט דורך די טערקן און די האַרמאַטן פון נאַפּאָלעאָן האָבן איר נישט געקענט בייקומען. די בריטישע באַסטיליע... די גלאָריע פון דער געשיכטע, פון העלדישקייט און יסורים — פון זאב זשאַבאָטינסקי ביז דב גרונער — שוועבט דאָ אויפן אָרט. און פאַר אָט־די אומבאַזיגטע מויערן שטייען שמשון מיט זיינע סאָלדאַטן. זיי זענען געקומען אויפברעכן די מויערן פון דער פעסטונג און באַ־פרייען די אַרעסטאַנטן פון דער באַסטיליע.

פון הינטער די מויערן וואַרטן די געפאַנגענע, זיי וויסן... זיי וואַרטן אומגעדולדיק. דער צייכן האָט שוין געדאַרפט געגעבן ווערן, פאַרוואָס זאמען זיי זיך? צי איז עפּעס געשען אויפן וועג? די קאַנדידאַטן צום אַנטלויפן וועלן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דורכברעכן דעם וועג צו זייער פרייהייט. די ענג־לענדער וויסן גאָרנישט. אמת, בלויז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן זיי אויפ־געדעקט אַ פּרווו צו גראָבן אַ טונעל פון דער צענטראַלער תפיסה אין ירושלים. דערפון צעגיסט זיך אַ גאווה ביי די ענגלענדער און זייער פּרעסע. דער אונ־טערגרונט איז באַזיגט געוואָרן. זיינע פּלענער האָט מען צונישט געמאַכט. די טעראָריסטן וועלן שוין נישט אַנטלויפן.

אָבער די „טעראָריסטן" זענען דאָך אַנטלאָפן. און דווקא פון ע כ ו, פון דער פעסטונג וועלכע די ענגלענדער האָבן געהאַלטן פאַר „נישט אַריינדרינג־לעך". ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין שום פאָרזיכטיקייט־מיטלען פון דער ברי־טישער מאַכט. בלויז אַן אויספאָרש־קאָמיסיע האָט זי נאָכדעם געקענט אַוועק־זעצן כדי צו דערגיין די פּרטים פון דורכברוך. און ערשט אין פיר יאָר אַרום, וועט זיך ענגלאַנד דערוויסן, אַז די יידישע אַרעסטאַנטן אין עכו האָבן נישט נאָר געוווסט, נאָר אויך ג ע ט אָ ן. זיי האָבן געהאַט אַ סכום פון דינאַמיט, וואָס איז זיי אויף פאַרשידענע וועגן אַריינגעבראַכט געוואָרן דורכן אונטער־גרונט. עטלעכע קילאָגראַם דינאַמיט האָבן זיי געהאַט, און דאָס האָט גענוגט פון אינעווייניק אויפצוברעכן די שווערע אייזערנע שטאַבעס, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט פון לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר, דער פרייהייטס־קאָרידאָר, ווו עס האָבן אויף זיי געוואַרט די שטורמער פונעם טויער... דער הויפּט־אָנשטרענג פון די אַרעסטאַנטן איז געווען אויפצוברעכן דעם שווערן אייזערנעם טויער, אַן אַרבעט פאַר וועלכער גענעראַל קאָנינגהיים האָט געהאַט ווערטער פון פּראָפע־סיאָנעלער אנערקענונג.

דער עיקר־שטורעם אויף דער עכו־פעסטונג איז אָבער געמאַכט געוואָרן פון דרויסן. די מעכטיקע פעלזן פון דער אַלטער פעסטונג האָבן זיך אונטער־געגעבן פאַר שמשונס באַטאַליאָן. אויב מ׳זאָל גלייבן דעם בריטישן קאָמוני־קאַט, האָבן דירעקט אָפּגעהיט די טורמע אין עכו 150 באַוואָפנטע פּאָליציסטן, אַחוץ דער אומדירעקטער שמירה, די באָענטע פּאָליציי און די אַרומיקע מילי־טערישע לאַגערן. אויף די הויכע טורעמס שטייען פּאַטרולן מיט מאַשין־געווער און ביקסן אין די הענט. און די פּאַטרולן זענען די אָנגרייפּערס. די אָפּענסיווע אויף דער עכו־פעסטונג איז אַ ט אַ ג ־ אָפּענסיווע. מיר דאַרפן באַווייזן צו ברענגען אין אַ זיכערן אָרט די באַפרייטע אַרעסטאַנטן, איידער עס הייבט זיך אָן דער ביינאַכטיקער פאַרבאָט צו פאָרן אויף די וועגן.

געדעקט דורכן פייער פון דער צווייטער גרופּע, גייען די „אויפבּרעכער" פאָראויס צום מויער. דאָס אָרט פון אויפבּרוך איז פריער באַשטימט געוואָרן דורך גידין אין פאַרשטענדיקונג מיט איתן, וועלכער איז ווידער אָפּעראַציע־שעף, כאָטש זיינע הענט זענען נאָך געבונדן און אַ בריטישער מיליטערישער ריכטער האָט אים אַוועקגעשיקט אויף 15 יאָר טורמע. אַ קליינע געביידע, וואָס איז געווען אַמאָל אַ באָד, פאַרלייכטערט דעם צוגאַנג צום מויער. די אויפבּרע־כער־בריגאַדע אַרבעט גיך און פלייסיק. דער דינאַמיט ווערט צוגעלייגט צום אַלטן מויער און אָנגעצונדן. גאַנץ עכו ווערט אויפגעציטערט פונעם אויפרייס. דער דורכבּרוך אין מויער איז נישט קיין גרויסער. אָבער ער איז גענוג פאַר די פרייהייט־קעמפער.

אַ קליינער אָבער גענוגנדיקער דורכבּרוך. עס איז געווען דעם 4טן מאַי 1947 אין מויער פון דער עכו־פעסטונג. עס איז געפאַלן די בריטישע באַסטי־ליע. נישט אייביק קען טיראַנעריי אונטערדריקן די פרייהייט.

...טיראַנען, ווו איר זאָלט נישט זיין — גייט קיין עכו! זעט די פאַרפעס־טיקטע מויערן. קוקט אָן די טורעמס, די נעסטן פונעם מאַשין־געווער, די טאַנקן און פאַנצערס! זעט דאָס אַלץ און נעמט אַ לעקציע: אַ שאָד אייער מי. איר וועט נישט האָבן קיין תקומה. דער פרייהייט־גייסט וועט זיין שטאַרקער פון אייער פויסט. גייט קיין עכו און איר וועט זען אייער סוף!...

און אויך איר, פרייהייט־קעמפער פון אומעטום — קומט קיין עכו! זעט ווי ווינציק עס זענען געווען די, וועלכע זענען געגאַנגען צעשמעטערן די פעס־טונג. פונדעסטוועגן גייען די שוואַכע און ווינציקע קעגן די שטאַרקע און באַ־וואָפנטע. און די ווייניקע האָבן נישט קיין מורא. פאַרקערט: די שטאַרקע ציי־טערן, ווייל דער פרייהייט־גייסט באַווייזט וווּנדער!

עס איז געפאַלן די בריטישע באַסטיליע. דורך דעם לאָך וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אירע מויערן גייען אַרויס אַרעסטאַנטן, „פאַרמשפּטטע" אויף צען, פופצן יאָר און אויף אייביקע תפיסה. די אויפשטענדלער זענען באַפרייט גע־וואָרן.

י.

אָבער איידער די באַפרייטע האָבן נאָך באַוויזן צו פאַרלאָזן די פינצטערע טורמע, גייט אָן אַ שלאַכט צווישן די באַפרייאונג־כוחות מיט די אונטערדריקנ־דיקע קרעפטן. די טורעמס שפייען פייער. די עכו־פעסטונג שטייט אין אַ פייער־שלאַכט. דאָס אויפברעכן פון מויער איז נאָר אַ האַלבע אַרבעט. מ׳מוז פאַרזיכערן די באַפרייטע דעם אויסגאַנג און דעם צוטריט צו די אויטאָס, וועל־כע וואַרטן אויף זיי אין די זייטיקע געסלעך. מ׳דאַרף פאַרזיכערן דעם „צוריק־צוג". דעריבער באַקומען די וואַך־טורעמס גרויסע פּאַרציעס פייער.

דער צעשראָקענער שונא אַליאַרמירט. ער רופט הילף. פון דער פּאָלי־ציי־סטאַציע, צו וועלכער עס איז פון אַן אַראַבישן מסור אָנגעקומען אַ פּרי־ציטיקע ידיעה וועגן אַ „פאַרדעכטיקטער באַוועגונג" נעבן תפיסה, רייסט זיך דורך אַ באַוואָפנטע איינהייט. פונעם נאָענטן מיליטערישן לאַגער פליט פייל אויסן בויגן אַן אַנדערע באַוואָפנטע איינהייט. פון דער ריכטונג פון חיפה ל׳ויפט אַ מיליטערישער אויטאָ מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. אָבער די ענגלענ־דער אַליין דערציילן אין זייער באַריכט, אַז די אַלע הילף־כוחות האָבן נישט געקענט אָנקומען צום שלאַכט־פּלאַץ. זיי זענען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די מינען־פעלדער.

עס האָט געהאַלטן אַז שמשון זאָל אָט־אָט פולשטענדיק אויספירן זיין הבטחה צו אברהמען:

— זאָרג נישט, — האָט ער געזאָגט איידער ער איז אַרויס צום קאַמף

— איך וועל אייך ברענגען געזונט און גאַנץ איתנען מיט די בחורים.

אָבער אַ בלינדער צופאַל האָט גורם געווען, אַז שמשון האָט מקיים געווען זיין צוזאָג נאָר טיילווייז. אמת טאַקע, איתן און דער רוב באַפרייטע פון אצ״ל און לח״י זענען געזונט און פריש געבראַכט געוואָרן צו דער באַזע, נאָר שמשון איז נישט צוריקגעקומען און מיט שמשונען זענען געפאַלן נאָך אַנדערע קעמ־פער, וועלכע האָבן זוכה געווען גאָר קורץ זיך צו פרייען מיט זייער באַפרייאונג.

יענעם זונטיק, דעם פערטן מאַי, האָבן זיך געבאָדן אין ים, אין דרום־זייט פון עכו, אַ גרופּע בריטישע סאָלדאַטן און פּאָליציסטן, וועלכע האָבן ווי גע־וויינלעך, מיט זיך געטראָגן געווער. הערנדיק די עקספּלאָזיע און אַ שיסעריי, איז די גרופּע געלאָפן צום שאָסיי און פאַרבאַריקאַדירט דעם וועג. און אַ צוויי־טער שווערער פּאַל איז געשען: אונדזערע אַ איינהייט פון אַ פּאָדערשטער פּאָ־זיציע האָט נישט געהערט דעם טראָמפּייט־סיגנאַל אַרויפצוגיין אויף די אוי־טאָמאָבילן און זיי זענען געבליבן אַרומגערינגלט פון שונא.

דער אומדערוואַרטער צופאַל איז געווען דער מקור פון אומגליק. מיר האָבן באַצאָלט אַ טייערן פרייז. די פרייהייט האָט געקאָסט בלוט.

וואָס עס איז געשען אויף צוריקוועגס, וועט אונדז דערציילן דער בריוו

פון איינעם פון די באַפרייטע אַרעסטאַנטן. דעם בריוו האָט געשריבן מתתיהו שמולעוויטש, אַ מיטגליד פון לח״י. אין בריוו דערציילט ער דעם באַפרייטן איתנן ווי שמשון האָט מיט זיין קערפּער געדעקט די גרופּע באַפרייטע, און נאָך מיט וואָס פאַראַ עינויים און העלדישקייט עס זענען געפאַלן די קעמפער! צום קורצן בריוו דאַרף מען נישט צוגעבן קיין קאָמענטאַרן. מ׳דאַרף בלויז דער־שיפרירן די פּסעוודאָנימס: „שמשון״ — דאָס איז דב כהן. „שמעון״ — איז שמעון עמרני, אונדזער אַרעסטאַנט פון 1944. שמש איז ווילנער, אַ לח״י־מיטגליד, „מייק״ איז מיכאל אשבעל, דער צום טויט־פאַראורטיילטער וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער תליה, כדי צו שטאַרבן „אויף באַריקאַדעס״, אַזוי ווי ער האָט אַליין געזונגען פון זיין האַרצן אין דער טויטן־צעלע, איבערלאָזנ־דיק זיינע חברים אַ ליד, אַ פאָלקס־צוואה, דאָס שוין אַזוי פּאָפּולער־געוואָרענע אונטערגרונט־ליד „אויף די באַריקאַדן וועלן מיר זיך באַגעגענען״.

אויך וועגן די לעצטע מינוטן פון דעם טייערן דיכטער־סאָלדאַט „מייק״, דערציילט אונדז דער בריוו:

„כ׳האָב געהערט ווי עס האָט אויף דיר געווירקט דער פאַרלוסט פון די טייערע פריינד און איך שרייב דיר, ווייל ס׳דאַכט זיך מיר, אַז די ידיעה וועגן זייערע העלדנטאַטן און זייער גבורים־טויט קען אַביסל לייכטער מאַכן דעם ווייטיק צוליבן פאַרלירן גוטע פריינד.

ווי דיר איז באַקאַנט, האָבן מיר זיך באַלד נאָך דער באַן־סטאַציע אָנגע־שטויסן אין אַ באַריערע און אַ קרייצפייער. אַ פּאָר מינוט פריער האָט אונ־דזער שאָפער געזען שמשונען ווי ער לויפט אונדז אַנטקעגן אויפן שאָסיי און פאָכעט מיט דער האַנט, אַז מ׳זאָל נישט אַרויף אויפן שאָסיי. אָבער איידער דער שאָפער האָט פאַרשטאַנען די צייכנס, האָט ער האַסטיק פאַרקירעוועט; ווילנדיק נאָך דעם אויסגלייכן דעם אויטאָ איז ער אַראָפּ פון שאָסיי, אַריין אין אַ סאַברע־פּלויט און די מאַשין האָט זיך אויסגעלאָשן. דאָס פייער איז געווען אַ שטאַרקס, אָבער מיר האָבן געגוי געהערט שמשונס רופן: „נאָך מיר״. מייק איז פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אויטאָ און עטלעכע פון אונדז זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן שפּרינגענדיק פון הינטן. ווו מיר האָבן זיך געקערט, זענען מיר געגאַנ־גען אַקעגן אַ פייער.

צום סוף, ווען מיר אַלע זענען שוין געווען פאַרוווּנדעט, האָבן מיר אָנ־געהויבן אַריינצושפּרינגען אין די ראָוועס וואָס ביים שאָסיי. פּלוצלינג האָבן מיר באַמערקט ווי שמשון לויפט צו אַ מיליטערישן אויטאָ, וואָס איז געשטאַ־נען אויפן שאָסיי. מיר זענען אים נאָכגעלאָפן און אַרויף אויפן אויטאָ. אין אים זענען געזעסן צוויי נישט־באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אַ שאָפער — אַ סאָלדאַט. שמשון האָט געצוווּנגען דעם שאָפער צו פאָרן און מיר די געזונטע און לייכט־פאַרוווּנדעטע, זענען אַרויפגעפאַלן אויףביידע סאָלדאַטן און זיי געהאַלטן. אין אויטאָ זענען מיר געווען נאָר ניין. חיים ברענער איז אין ראָוו געהרגעט גע־

וואָרן פון אַ קויל אין פּלייצע. מענדל איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון הינטן און מער נישט געקענט לויפן. נאָר ניטשאַ איז געלעגן פאַרוואונדעט אין ראָוו און יצחק קושניעווסקי איז געבליבן נעבן אים צו באַנדאַזשירן זיינע וווּנדן. ער האָט אָבער שוין נישט באַוויזן צוצוקומען צום אויטאָ. ס'האָט זיך געדאַכט אַז מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן, אַרויס פון פייער. די סאָלדאַטן האָבן מיר שוין מער נישט געקענט האַלטן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער און כמעט אַלע זענען מיר געווען פאַרוואונדעט.

ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען צום אָרט ווו ס'איז געשטאַנען שמשונס „דזשיפּ", האָט שמשון באַפוילן דעם סאָלדאַט זיך אָפּצושטעלן, ווייל ער האָט געזען אַז מיר האָבן אַן אייגענעם שאָפער (שמש'ן). מיר האָבן אַרויסגעוואָרפן די סאָלדאַטן און פון דזשיפּ אַריבערגעפירט דעם ברען און די אַמוניציע. אינ־צווישן האָבן זיך די סאָלדאַטן ווידער דערנענטערט צו אונדז און מיר זענען פונסניי געווען אונטערן פייער. שמש האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים רודער, אָבער דער מאָטאָר האָט זיך נישט אָנגעצונדן. ער האָט אים אָנגעהויבן פאַר־ריכטן. פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ. מיר זענען אַראָפּגעשפרונ־גען פון אויטאָ און געלאָפן אין דער ריכטונג פון לאַסט־אויטאָמאָביל. שמשון האָט געגעבן אַ שאָס אין דער לופט און דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. נעבן שמשונען זענען געלאָפן שמש און אמנון. איך האָב געשלעפּט ברוך שמוק־לערן און שמעונען, ביידע פאַרוואונדעט אין די פיס און אין אַנדערע קערפּער־טיילן. ברוך'ס רעכטער עלנבויגן איז געווען מוראדיק צעריסן. לויפנדיק אונטערן קויל־רעגן האָט ער מיר געזאָגט: „צו אַלדי רוחות. ווי וועל איך מיך איצט צוגעווינען צו שרייבן מיט דער לינקער האַנט? מ'וועט מיר זיכער אַמפּוטירן די רעכטע האַנט"!

די אַראַבער פון לאַסט־אויטאָ זענען אַראָפּגעשפרונגען און צווישן זיי איז געווען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס. דער שאָפער האָט אָנגעהויבן דיסקוטירן מיט שמשונען, וואָס איז מיטן ברען־גאַן געשטאַנען ביי דער טיר און שמש נעבן אים. שמשון האָט אויסגעשאָסן און דער שאָפער איז אַרויסגעפאַלן אין דרויסן פאַרוואונדעט אין קאָפּ. אין דעם מאָמענט איז געשען דאָס אומגליק, וואָס האָט אַנטשידן אונדזער גורל. זעענדיק אַז דער שאָפער איז אַרויסגעפאַלן, איז שמש געלאָפן צום שאָפערס זיץ־אָרט און אין דער שנעלקייט אַריין אונטער דער לופע פון שמשונס ברען גאַן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אָפּצושטעלן דאָס פייער. שמש איז געפאַלן טויט אויפן אָרט. מיר זענען געבליבן אָן אַ שאָפער. אמנון האָט נאָך פּרובירט צו פירן און אומדרייען דעם אויטאָ, אָבער ער האָט נישט געקענט, ווייל ער איז געווען פאַרוואונדעט אין די זייטן און אין עלנבויגן. שמשון איז געלאָפן צוריק צום דזשיפּ, זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אים און אָפּגעהאַלטן דעם אַוואַנס פון די סאָלדאַטן. דאָרט איז ער געפאַלן. איך האָב אים פריער נישט געקענט, אָבער פון ערשטן מאָמענט ווי כ'האָב אים געזען

ביי דער אַרבעט האָט ער אין מיר אַרויסגערופן באַגייסטערונג. זיין קאַלט־בלוטיקייט און מוט זענען ביישפּיללאָז. אויך נאָך דעם ווי ער האָט געזען אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן, האָט ער פאַר זיך נישט געזוכט קיין רעטונג־וועג, נאָר געלאָפן אַנטקעגן פייער כדי אונדז צו דערמעגלעכן זיך אָפּצוטראָגן.

נומער 13 (נסים קאזאס) איז מיט ליידיקע הענט אַרויפגעפאַלן אויפן סאָלדאַט, וועלכער האָט קעגן אים אָנגעשטעלט זיין ביקס, ער האָט אים אומ־געוואָרפן, אַרויסגענומען פון זיינע הענט די ביקס און מיט שטאַרקע קלעפּ אים צעטומלט און זיך אַזוי אַרום פריי געמאַכט אַ וועג. אַ שאָד, וואָס ער איז גע־ווען פאַרוואונדעט. מיר זענען זיך צעלאָפן אין פעלד. מייק, ברוך און שמעון זענען נישט געלאָפן ווייט. אַלע דריי האָבן זיך אויסגעצויגן אויף איין אָרט. אַלע דריי פאַרוואונדעט בעיקר אין די הענט און פיס. שמעון איז געווען פאַר־וואונדעט אין אַקסל. משה סאלאָמאָן, יוסף דאהאר און איך זענען געלאָפן ווייי־טער. מיר זענען אָנגעקומען אין תבואה־פעלד און דאָרט זיך אויסגעצויגן, כדי צו באַקוקן די סביבה.

נאָך אַ פערטל שעה בערך, זענען ענגלישע סאָלדאַטן אַריין אין פעלד און אונדז אַנטדעקט. זיי האָבן געשאָסן אין אונדז נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אונ־טערגעגעבן און נאָר על־פּי־נס זענען מיר געבליבן לעבן. יוסף איז דעמאָלט נאָך אַמאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. עס האָט אונדז געראַטעוועט די אינטערווענץ פון אַ פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט געפאָדערט פון די סאָלדאַטן אונדז צו לאָזן לעבן. שמעון, מייק און ברוך האָבן נישט געהאַט קיין מזל. זיי זענען גע־שאָסן געוואָרן (יעדער איינער מיט דריי שאָסן) אין בויך, ווען זיי זענען גע־לעגן פאַרוואונדעטע אויף דער ערד. ברוכן האָבן די קוילן על־פּי־צופאַל גע־טראָפן. מ'האָט אונדז געבראַכט צו אַן אויטאָ. די פאַרוואונדעטע האָט מען גע־שלעפּט אויף דער ערד, און זיי געשליידערט ווי אַ נישטיקע זאַך. אין איין קופּע זענען מיר געלעגן פאַרוואונדעטע און געהרגעטע. נאָר משה סאלאָמאָן, וועלכער איז נישט געווען פאַרוואונדעט און איך, פאַרוואונדעט בלויז אין דער האַנט, האָבן געקענט העלפן די וואָס זענען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט.

נאָך דעם ווי מיר האָבן די געהרגעטע אַרויסגענומען פון אונטער דער קו־פּע פאַרוואונדעטע, האָב איך אין אויטאָ געשמועסט מיט שמעונען. ער האָט גע־האַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער גייט שטאַרבן. פאַר אים האָב איך געפּרוווט דאָס אָפּצולייקענען. כ'האָב אים געמונטערט. מייק, כאָטש ער האָט אויך גע־ווּסט אַז זיין סוף איז נאָענט, איז געלעגן און זיך געוויצלט. ס'איז פּשוט שווער געווען צו גלייבן אַז דער מענטש האַלט ביים שטאַרבן. יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ, אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן: „עס וועט נאָך גוט זיין, נישט געזאָרגט"! אַן אויטאָ פון „אגד" פול מיט יידן איז געשטאַ־נען אויפן שאָסיי און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט כדי אַרויפצונעמען נאָך אַ פאַרוואונדעטן, אמנונען. מייק, וואָס איז געלעגן אויפן באַנק און געזען די פּרצו־

פים פון די יידן, וועלכע האָבן זיך איינגעקוקט אין גרוילן־בילד, האָט זיי גע־זאָגט:

— יידן, זעט, מיר שטאַרבן פאַר אייך!

אנשטאט אין שפּיטאָל אַריין, האָט מען אונדז געבראַכט אין דער עכוער פּאָליציי־סטאַציע. מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן די פאַרוואונדעטע אויפן טראָטואַר. אויף אַלע מיינע געשרייען און פאָדערונגען צו ברענגען אַ דאָקטאָר, איז געווען איין תשובה:

— שאט אָפּ (פאַרמאַכט דאָס מויל)!

שמעון איז געשטאָרבן דער ערשטער. איך בין די גאַנצע צייט געווען נעבן אים. ער איז געווען ביים באַוווסטזיין ביז דער לעצטער מינוט. ס׳איז שווער צו שילדערן וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין מיין נשמה זעענדיק גוססן מיין גוטן פריינד. זיין הויפּט זאָרג איז געווען דער צער וואָס ער וועט מיט זיין טויט גורם זיין זיינע עלטערן און פריינד. „גיב איבער אַ גרוס אַלע בחו־רים, זאָג זיי, זיי זאָלן נישט באַדויערן — זאָלן זיי ממשיך זיין"! — האָט ער געזאָגט קרעכצנדיק. „שרייב צו מיינע עלטערן און שוועסטער, און טרייסט זיי"! זיינע לעצטע ווערטער זענען געווען: „מתי (מתתיהו), נעם נקמה, נעם נ־ק־מ־ה"!...

לוי איז געשטאָרבן אין מוראדיקע יסורים. די קויל האָט אים געטראָפן אין די לונגען. ער איז דערשטיקט געוואָרן. ווי שרעקלעך איז געווען מיין לאַ־גע צו זיין נעבן יעדן איינעם, זען זייערע ליידן נישט קענענדיק זיי העלפן. לוי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, זיך אַוועקגעזעצט און צוריק זיך אַוועקגעלייגט שרייענדיק, אַז ער ווערט דערשטיקט.

מייק האָט זיך געוויצלט ביז דער לעצטער מינוט. דער זעלביקער מייק! כ׳האָב געהאַלטן זיין האַנט אין מיינער און געפילט אַז ער קילט זיך אָפּ. פונ־דעסטוועגן איז מיר שווער געווען צו גלויבן אַז ער גוססט. ביז דער לעצטער מינוט האָט ער מיך געטרייסט: „זאָרג נישט. ס׳וועט נאָך גוט זיין. מיר וועלן זיי נאָך באַצאָלן"!

ניטשאָ איז געלעגן רואיק. איך האָב געזען אַז ליגנדיק אויפן רוקן, האָט דאָס בלוט געשטראָמט פון אַ לאָך אין זיין רוקן. איך האָב אים אַוועקגעלייגט אויף אַ זייט און אים געזאָגט ער זאָל זיך נישט רירן. ער איז געווען פאַרוווּנ־דעט אויך אין פוס און ס׳איז אים שווער געווען צו ליגן אויף אַ זייט. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך צו מיר געווענדט מיט אַ פראַגע: „מתי, כ׳מעג מיך אויסדרייען? מיר איז שווער אַזוי צו ליגן!" ווען דער דאָקטאָר איז ענד־לעך געקומען, האָט ער אים אָפּגעשיקט צו אַנדערע, ווייל „איך פיל זיך גוט" — האָט ער געזאָגט.

— אָן ספק, כמעט אַלע בחורים זענען געשטאָרבן פון זייערע ווונדן

מ׳האָט זיי געקענט ראַטעווען, ווען מ׳וואָלט זיי געגעבן מעדיצינישע הילף. זעקס שעה נאָכאַנאַנד זענען זיי אָפּגעגאַנגען מיט בלוט!״...

...אין שבי־ציון זענען געגראָבן געוואָרן די קברים פאַר די שטורעמער פון דער עכוער פעסטונג. שלאָפט רואיק, טייערע ברידער: אייער בלוט איז נישט אומזיסט פאַרגאָסן געוואָרן.

יא.

דריי פון אונדזערע פינף סאָלדאַטן, וועלכע זענען דורכן שונא געפאַנגען געוואָרן אויפן עכוער שלאַכטפעלד, זענען געשטאַנען אין שאָטן פון דער תליה. מיר האָבן געוווסט: אויב מיר וועלן זיי נישט ראַטעווען, וועט זיי קיינער נישט ראַטעווען. דעם 17טן אַפּריל, אויף צו מאָרגנס נאָך דער עקזעקוציע פון דב גרונער און זיינע חברים, האָט דער הויך־קאָמיסאַר פאַרעפנטלעכט אַ רעטראָ־אַקטיוון געזעץ, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַפּעלאַציע אויף דער דעציזיע פון מילי־טערישן קאָמענדאַנט, וועלכער באַשטעטיקט אורטיילן פון די מיליטערישע גע־ריכטן.

מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו האַנדלען איידער ס׳האָט זיך נאָך גע־ענדיקט דער „משפט״ פון אונדזערע געפאַנגענע סאָלדאַטן. מיר האָבן גע־זאַמלט אינפאָרמאַציע. מיר האָבן געוואַרט אויף דריי בריטישע אָפיצירן אין שווים־באַסיין אין רמת־גן. זיי זענען נישט געקומען. דעם טאָג זענען געקומען צוויי בריטישע פּאָליציסטן. ס׳איז געווען אַן אַנטוישונג. מיר האָבן געוווסט, אַז כדי צו ראַטעווען די לעבנס פון אבשלום חביב, מאיר נאקער און יעקב וויס דאַרפן מיר האָבן ענגלענדער מיט „בלויען בלוט״. און דאָ זענען פאַראַן בלויז צוויי פּאָליציסטן! אָבער די אַנטוישונג האָט זיך נישט געענדיקט נאָר מיט דעם. די יידישע אַגענץ האָט אַליאַרמירט די „הגנה״ צו אַנטדעקן די „גע־קידנעפּטע״. דאָס מאָל האָט זיך איר איינגעגעבן. די ענגלענדער זענען געקומען צום אָרט ווו זייערע צוויי פּאָליציסטן זענען געווען אַרעסטירט. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט די ענגלישע רעגירונג באַגנעדיקט דרייסיק מיטגלידער פון דער „הגנה״, וועלכע זענען פאַרמשפט געוואָרן אויף פאַרשידענע טערמינען טורמע פאַרן האַלטן „אומגעזעצלעך״ געווער אין דער תקופה פון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג.

דעם 16טן יוני 1947 זענען חביב, נקר און וויס פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך הענגען. די דריי האָבן געזונגען „התקוה״.

דאָס וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט ביז זיי זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין דער טויטן־קאַמער קען מען זיך דערוויסן פון זייערע „דעקלאַראַציעס״ פאַרן בריטישן „געריכט״. אַבשלום חביב האָט געזאָגט:

„נאָך דעם ווי אייער מוח און כוח האָבן נישט געקענט פאַרמיידן דעם

אויפברוך פון די מויערן פון דער ארץ־ישראלדיקער באַסטיליע, האָט אייך אַ בלינדער צופאַל געהאָלפן און אייך געגעבן אַ „ריזיקן נצחון" איבער שוצלאָזע אַרעסטאַנטן און איבער אונדז דריי, נאָך דעם ווי די אַמוניציע איז אונדז אויסגעגאַנגען. דאָס האָט געגעבן אייערע סאָלדאַטן די געלעגנהייט צופרידנצושטעלן זייערע סאַדיסטישע נייגונגען און זייער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. אייערע סאָלדאַטן האָבן זיך געפירט לויט דער נאַצישער טראַדיציע. זיי האָבן געשאָסן אויף פאַרוואונדעטע, וועלכע זענען אוממעכטיקע געלעגן אויף דער ערד. לאַנגע שעהען האָבן אייערע סאָלדאַטן נישט געלאָזן ברענגען קיין מעדיצינישע הילף. זיי האָבן געדראָעט מיט טויט. זיי האָבן אַרומגעבונדן שטריק אַרום מיין האַלדז, געשלאָגן מיט די ביקסן איבער אַלע טיילן פון מיין קערפּער. ווען איך בין געפאַלן אָן באַוווסטזיין האָבן זיי אויף מיר געגאָסן אורין אויסגעמישט מיט מיין בלוט און זאַמד.

איך דערצייל דאָס אַלץ, נישט כדי זיך צו באַקלאָגן פאַר אייך. מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן זיך צו קלאָגן פאַר אייך. נאָר די פעלקער פון דער וועלט דאַרפן וויסן די שרעקלעכע גרויל־טאַטן וואָס די ווילדע בריטישע חיות פירן אויס אין אונדזער לאַנד.

איך נעם אָן, אַז איר קענט די געשיכטע פון אייער הערשאַפט אין אירלאַנד. איר האָט געמיינט אַז מיט אַכזריות און מאָרדן וועט איר צעברעכן דעם ווידערשטאַנד־גייסט פון אירלענדישן פאָלק. איר האָט געהאַט אַ טעות. אייערע תליות האָבן נאָך מער געשטאַרקט די אויפשטענדלער, ביז איר האָט געמוזט אַוועק פון אירלאַנד איבערלאָזנדיק הינטער זיך אומאָפּמעקבאַרע בלוט־פלעקן...

...ווען איר וואָלט געלערנט פון דער געשיכטע וואָלט איר פאַרשטאַנען, אַז איר דאַרפט גיך פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס גייט אויף אין פלאַמען פון אויפשטאַנד. דעמאָלט וואָלט איר זיך גערעכנט מיט דער וואָרענונג וואָס ס'האָט געמאַכט בערנאַרד שאָו אין 1916, נאָך דעם ווי אייערע תלינים האָבן דערמאָרדעט פיר איירישע קריג־געפאַנגענע. שאָו האָט אייך דעמאָלט געזאָגט:

„מיין מיינונג איז, אַז די מענטשן וועלכע זענען געשאָסן געוואָרן אין קאַלטן בלוט נאָך דעם ווי מ'האָט זיי געכאַפּט, זענען קריגס־געפאַנגענע. דעריבער האָט מען זיי נישט געטאָרט מאָרדן. אַן אירלענדער, וועלכער באַנוצט זיך מיט געווער צו באַפרייען זיין פאָטערלאַנד טוט דאָס זעלביקע וואָס עס וואָלט געטאָן אַן ענגלענדער, ווען ענגלאַנד וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דייטשן. די געשאָסענע אירלענדער וועלן איצט באַקומען זייער פּלאַץ נעבן די קדושים פון פּוילן, סערביע און בעלגיע און קיין זאַך אויפן הימל אָדער אויף דער ערד קען עס נישט פאַרמיידן".

ווען אייערע הערשער וואָלטן געלערנט די געשיכטע פון באַפרייאונג־קאַמפן, אַזוי ווי מיר לערנען זי, וואָלטן זיי שוין פון לאַנג זיך אָפּגעזאָגט מיט

דער הילף פון תליות אונטערצודריקן אַן אויפשטאַנד פון אַ פאָלק, וואָס וויל זיך באַפרייען.

אָבער איר האָט עס נישט פאַרשטאַנען און איר פאַרשטייט אויך נישט דעם גייסט פון פרייען מענטשן. עס שטייט פאַר אייך אַ פאָלק וואָס האָט זיך איינגעצאַנצן באַפרייט פון פחד. פאַרוואָס זאָלן מיר מורא האָבן? פאַרן טויט, ווען מיר זענען קינדער פון אַ פאָלק וועמענס מיליאָנען זענען אומגעקומען אָן אַ צוועק? ווען מיר געדענקען אונדזערע אויסגעשאָכטענע ברידער — און מיר געדענקען זיי שטענדיק — זענען מיר דאַנקבאַר דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו קעמפן פאַר אונדזער לאַנד און איבערלאָזן אַ צוואה די קומענ־דיקע דורות — אַ צוואה נישט פון פחדנות און שחיטה, נאָר פון מוט און פריי־הייטס־קאַמף.

איר, בריטישע טיראַנען, וועט קיינמאָל נישט תופס זיין דעם גייסט פון פרייע מענטשן, וועלכע גייען צום טויט, אַזוי ווי ס׳זענען געגאַנגען דב גרונער און זיינע חברים — מיט אַ ליד וואָס איז אַרויס פון זייער האַרצן. און זיכער וועט איר אויך דאָס נישט פאַרשטיין, אַז שטייענדיק אין שאָטן פון טויט הייב איך אויף מיין האַרץ צו גאָט אין הימל אין ליוב און דאַנק פאַרן זכות וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן צו ליידן פאַר מיין פאָלק און לאַנד און אַלע מיינעביינער זאָגן:

ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

נאָך אבשלום חביבן איז אויפגעשטאַנען מאיר נאקער און האָט געזאָגט צו די בריטישע „ריכטער“:

„...וואָס איז דער רעזשים וואָס האָט אייך געמאַכט פאַר ריכטער איבער אונדז? די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז איר זייט באַנקראָט אין ארץ־ישראל. אַ רע־גירונג, וואָס אירע באַאַמטע זענען געצוווּנגען צו זיצן פאַרשפאַרט אין געטאָס, וואָס פאַר אַ רעגירונג איז דאָס? מ׳קען ברענגען אַ סך ביישפּילן צו באַווייזן, אַז אייער מאַכט האָט באַנקראָטירט און קיין כוח אין דער וועלט וועט אייך שוין נישט ראַטעווען פונעם מוז צו פאַרלאָזן אונדזער לאַנד. איר האָט געמאַר־דעט קריג־געפאַנגענע. און וואָס האָט איר דערגרייכט? צי האָט איר אימיצן אָפּ־געשראָקן? איר ווייסט אַז איר האָט גאָרנישט דערגרייכט מיט אייער עקלהאַפטן פאַרברעכן. דאָס פייער פון רעוואָלט צעשפרייט זיך דאָ און אין אויסלאַנד. און איר האָט אויף זיך אַרויפגעבראַכט בלויז אייביקע חרפה.

...בריטאַניע מאָרדעט יידן. אָט דעם נאָמען האָט איר זיך פאַרשאַפט אין דער גאַנצער וועלט. אַ ריזיקער האַקן־קרייץ פאַרדעקט דיך היינט, בריטאַניע! אָבער אַזוי ווי דער נאַצישער האַקן־קרייץ איז צעשמעטערט געוואָרן, אַזוי וועט צעבראָכן ווערן אייער האַקן־קרייץ.

זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק! זאָל לעבן דאָס יידישע פאָטערלאַנד! זאָל לעבן די פרייהייט!“

דער לעצטער איז אויפגעשטאַנען יעקב ווייס, וועלכער האָט געראַטעוועט הונדערטער אונגאַרישע יידן פון די נאַציס. אויך ער האָט אָנגעהויבן זיין אָנקלאָג־וואָרט מיטן דערמאָנען די סאַדיסטישע עינויים מצד די ענגלענדער:

„איך קען נישט אָנהייבן מיינע רייד נישט דערמאָנענדיק די באַרבאַרישע באַציאונג צו פאַרוואונדעטע געפאַנגענע, וואָס כ׳האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווען כ׳בין אַריינגעפאַלן אין אייער געפאַנגענשאַפט. אשבעל, עמרני, ברע־נער, מאסקאָוויטש, שמוקלער און אַנדערע זענען פון דער נאָענט געשאָסן גע־וואָרן מיט צענדליקער קוילן. געשאָסן געוואָרן כאָטש זיי זענען נישט געווען באַ־וואָפנט. אייערע סאָלדאַטן האָבן נאָר נישט גוט געצילט און נישט קוקנדיק אויף די פיל ווונדן זענען אַ סך פון די געפאַנגענע געבראַכט געוואָרן לעבעדיק, באַ־גיסנדיק מיט זייער בלוט דעם פּאָליציי־הויף. מ׳האָט זיי אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און אַזוי זענען זיי געלעגן זעקס שעה און זייער בלוט האָט געריגען ווי וואַסער. אייערע צענדליקער חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט זענען געשטאַ־נען אַרום זיי מיט די הענט אין די קעשענעס. זייער איינציקע זאָרג איז געווען נישט צו דערלאָזן הילף פאַר די פאַרוואונדעטע. און דאָס האָט זיך זיי „איינגעגע־געבן״. אַזוי זענען געשטאָרבן אשבעל, עמרני, ברענער, באנדו און נסים לעווי. קלאָר, אַז אַזעלכע נידערטרעכטיקע רציחות וועלן קיינעם נישט אָפּשרעקן. זיי וועלן נאָר העלפן עפענען די אויגן פון פאָלק וואָס וועט זען קעגן וועמען מיר קעמפן. אויב אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט איר גענאָסן פון רעכט פון אַ קעמפנ־דיקן צד, וועט אָבער אין דער צוקונפט קעגן אייך אָנגעווענדעט ווערן דער רע־טאַלירונגס־געזעץ. מיר וועלן, פאַרשטענדלעך, נישט קענען קאָנקורירן מיט אייך אין סאַדיסטישע מעשים, אָבער איר וועט באַצאָלן פאַרן מאָרדן געפאַנגענע.

...און וואָס איז נוגע אונדז, ווייסן מיר אַז אונדזער קאַמף וועט האָבן איין רעזולטאַט: דאָס יידישע פאָלק וועט באַפרייט ווערן. דעריבער זענען מיר רו־איק. און נאָך מער: מיר זענען גליקלעך. ווייל ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערער גליק ווי אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר אַ גרויסן אידעאַל!

הערט, בריטישע אָפיצירן און זאָגט דאָס אייערע שליטים, וועלכע זעען נישט די אויפשריפט אויפן וואַנט. זאָגט זיי, אַז אין דעם לאַנד איז אויפגעשטאַ־נען אַ נייער דור, אַ דור וואָס ליבט די פרייהייט מער ווי דאָס לעבן. אַ דור וואָס וועט צעברעכן די טיראַניי און ברענגען די פרייהייט — אפילו פאַרן פרייז פון לעבן.

עם ישראל חי וקיים. מלכות ישראל וועט אויפשטיין״.

אַזוי האָבן די דריי טרייע קינדער פון ישראל געקעמפט אין געריכט. זיי זענען אויך געזעסן לאַנגע טעג און נעכט אין טויטן־צעלע. אויך זיי האָבן גע־מרייסט זייערע עלטערן און פריינד. אויך פון זיי האָב איך באַקומען איין בריוול,

אַ קורצס. לייענט און איר וועט דערקענען די גרויסקייט פונעם דור, וואָס זיינע קינדער בענטשן „שהחיינו", שטייענדיק פאַר דער תליה.

אָט ווי אַזוי די דריי האָבן געשריבן, אונטערחתמענדיק זיך מיט זייערע פסעוודאָנימען „נסים", „שמעון" אפרים":

י"ח בתמוז תש"ז.

צו אונדזער געליבטן מפקד,

מיר האָבן זיך זייער געפרייט צו דערהאַלטן אייער בריוו. מיר האָבן אים געלייענט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. איר זייט גערעכט. מיר האַלטן נישט אונדזער טאָט פאַר אַן „אויסערגעוויינלעכע" זאַך — מיר האַלטן עס אויך אַן אמת פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס האָט געקענט געשען, און מיר מיינען אַז די סאָלדאַטן פון „מעמד" אין אַלגעמיין זענען מסוגל בייצושטיין אַן ענ־לעכן נסיון.

מיר זענען שטענדיק געווען איבערצייגט, און אויך היינט, אַז אַלץ וואָס איז מעגלעך און איז געווונטשן וועט געטאָן ווערן אין פאַרבינ־דונג מיט אונדזער בשותפותדיקער זאַך. דער דאָזיקער גלויבן אונדזע־רעד וועט נישט דערשיטערט ווערן, ווי אַזוי די באַדינגונגען אונדזערע זאָלן נישט זיין. מיר מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס און זענען גרייט אויף אַ ל ץ, אָבער נישט אָן האָפענונג...

מיר בעטן צו גאָט אַז ס'זאָל אונדז אין דער צוקונפט געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו זיין מיט אייך אין אַקטיווער טעטיקייט.

מיט ליבע און פולן כבוד

נסים, שמעון, אפרים.

נ. ב. אַ גרוס פאַר דער גאַנצער חברה, און באַזונדערס פאַר די גע־וועזענע עכו־אַרעסטאַנטן.

דעם זעלביקן טאָג, ווען ס'איז אויף זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן דער טויט־אורטייל, האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט די ספּעציעלע אויספאָרש־קאָמיסיע פון אונ"א פאַר דער ארץ־ישראל פראַגע. ס'איז קיין ספק נישט, אַז די הער־שער פון ארץ־ישראל האָבן בכוונה צוגעגרייט די „אורטיילן" פאַר דער צייט, כדי צו באַווייזן אַז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויספאָרשונג איז טאַקע „אַן אויס־פאָרשונג", אָבער די בריטישע הערשאַפט האָט די מאַכט. מיר האָבן זיך געווענ־דעט צו דער קאָמיסיע מיט אַ באַזונדערן מעמאָריאַל. מיר האָבן איר דערמאָנט דעם באַשלוס פון אונ"א־פלענום, וואָס האָט אויפגעפאָדערט אַ ל ע צ ד ד י ם אין ארץ־ישראלדיקן קאָנפליקט זיך אָפצוהאַלטן פון געוואַלדטאַטן אין דער תקופה פון דער אויספאָרשונג. מיר האָבן דערמאָנט, אַז די אונטערגרונט־אָר־

גאַניזאַציעס האָבן אויף אונדזער פאָרשלאַג פאַרעפנטלעכט אַ מעלדונג, אַז מיר וועלן רעספּעקטירן די אויספאָדערונג פון אונ"א, בתנאי אַז אויך די ענגלענ־דער זאָלן זי רעספּעקטירן. מיר האָבן געפאָדערט די אינטערווענץ פון דער קאָמיסיע לטובת די צום טויט־פאַראורטיילטע אויפן סמך פון אַ פּרעצעדענט אין גריכנלאַנד פאַר דער לעצטער צייט. ווערליק ווי דר. גראַנאַדאָס האָט מיר דערציילט, האָט די מערהייט מיטגלידער פון דער קאָמיסיע מסכים געווען מיט דער מיינונג, אַז אויך די ענגלענדער זענען פאַרפּליכטעט צו פאָלגן דעם רוף פון אונ"א. די קאָמיסיע האָט זיך אויך געפילט געטראָפן פון דעם עצם־פאַקט, וואָס פּונקט אינעם טאָג ווען זי האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט האָבן די ענג־לענדער אַרויסגעגעבן דריי טויט־אורטיילן. די געהיימע פאַרהאַנדלונגען אין דער קאָמיסיע זענען געווען זייער שטורמישע. דר. גראַנאַדאָס פון גוואַטעמאַ־לאַ, פּראָפעסאָר פאַברעגאַט פון אורוגווײַ און דר. ברילי פון יוגאָסלאַוויע האָבן מיט אַלע כוחות געקעמפט צו באַווועגן זייערע חברים זיי זאָלן פאָדערן צו אַנולירן די טויט־אורטיילן. נאָך פינף זיצונגען פון דער קאָמיסיע איז באַ־שלאָסן געוואָרן צו שיקן צום גענעראַל סעקרעטאַר פון אונ"א דעם ווייטערדיקן טעלעגראַם:

„נעמענדיק אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז די מערהייט קאָמי־סיע־מיטגלידער האָט אויסגעדריקט זיין זאָרג צוליב די אומגע־וווּנטשענע פאָלגן וואָס קענען אַנטשטיין אין דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע אויב ס'וועט אויסגעפירט ווערן דער פּסק־דין וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן מיליטערישן געריכט דעם 16טן יוני, אין טאָג ווען די קאָמיסיע האָט אָפּגעהאַלטן איר ערשטע זיצונג אין ירושלים, ברענגען מיר צום אויסדרוק אונדזער זאָרג (צוזאַמען מיטן בריוו־וועקסל) פאַרן גענעראַל־סעקרעטאַר, כדי ער זאָל עס ברענגען צו קענטעניש פון דער מאַנדאַט־רעגירונג אין ירושלים".

אויף דער טעלעגראַמע, וואָס איז עפנטלעך פּובליקירט געוואָרן, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַלעסטינע־רעגירונג, גערני, געגעבן אַ ברוטאַלע תשובה.

אויפן סמך פון פּרעצעדענט פאַרבונדן מיט די גריכישע גערילאַ־קעמפערס, האָבן מיר ווייטער געפאָדערט פון דער קאָמיסיע צו אינטערווענירן לטובת די פאַרמשפּטע און רופן זיי עדות צו זאָגן וועגן דעם בריטישן פאַרברעכן, וואָס האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין פייניקן די אַרעסטירטע.

מיר האָבן זיך אָבער נישט געקענט פאַרלאָזן אויף דער קאָמיסיע, וואָס מיט אירע „רעקאָמענדאַציעס" האָבן די ענגלענדער כלל זיך נישט גערעכנט. מיר האָבן דעריבער ווייטער געזוכט ענגלענדער, כדי זיי צו אַרעסטירן. בלויז אין נתניה איז אונדז געלונגען צו געפינען צוויי טעטיקע אַגענטן פון בריטישן גע־

היים־דינסט. אָבער זייער ראַנג איז נישט געווען קיין הויכער. זיי זענען געווען נאָר סערזשאַנטן.

די ענגלענדער האָבן באַלד פּראָקלאַמירט קריגס־צושטאַנד אין נתניה, און צוגעזאָגט צו געפינען זייערע אַגענטן „פון אונטער דער ערד". אויך די „הגנה" האָט געמאַכט באַמיאונגען זיי צו געפינען. וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן געדויערט די הויז־זוכענישן, אָבער אומזיסט.

מנחם־אב תש"ז זענען חביב, נאקער און ווייס אויפגעהאַנגען געוואָרן.

וועגן חביבס, נאקערס און ווייסעס גאַנג צו דער תליה האָט דערציילט אַן עדות, נתן, וואָס האָט אַלץ אַליין געזען און געהערט. ער האָט מיר געשריבן י"ב אב תש"ז:

מיין מפקד, אונדזער טייערער פּאָטער,

היינט באַגינען י"ב באב (29 .7 .1947) זענען אַרויף מיט גבורה אויף דער תליה אונדזערע דריי פּאַראַטטייליטע ברידער. נאָך נעכטן, צווישן 4 און 5 נאָכמיטיק, האָבן מיר געוווסט וואָס עס דאַרף געשען. פונעם מאָמענט ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה זענען מיר געשטאַנען צוגעשמידט צו די קראַטעס פון אונזערע תפיסה־קאַמערן און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געזען די באַוועגונג אַרום דער צעלע פון די פאַר־משפטע, נישט קענענדיק עפּעס טאָן. דער תפיסה־דירעקטאָר, טשאַרל־טאָן, האָט פאַרלאָזן דאָס אָרט נאָכמיטיק און מער האָט מען אים נישט געזען. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ כאַליאַסטרע פון תלינים פון דער אַרמיי און פּאָליציי. אין אָט די שעהען האָט מען די פאַרמשפּטע איבערגעביטן אַלע זייערע כלים (נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג) און זיי האָבן אַרויסגענומען פון דער צעלע עזיז מזרחין, אַ צום טויט פאַרמשפטן — דער פערטער וואָס איז געווען מיט זיי. נאָך דעם זע־נען אַריין די ענגלענדער און מיטגעטיילט די פאַראורטיילטע אַז זייער פסק־דין וועט אויסגעפירט ווערן מאָרגן צווישן 4 און 5 באַגינען. זיי האָבן אויף דעם געענטפערט מיט אַ מעכטיקן „התקוה", אויך מיטן געזאַנג פון „אויף באַריקאַדעס" און אַנדערע לידער. דעמאָלט האָבן זיי שרייענדיק אונדז מיטגעטיילט אַז 4 אַ זייגער וועט זיך אָנהייבן די עקזעקוציע לויט דער אָרדנונג: אבשלום חביב, מאיר נאקער, יעקב ווייס, און זיי האָבן צוגעגעבן: איר זאָלט זיך נוקם זיין פאַר אונדזער בלוט!

די חברים האָבן זיי צוריקגעשריגן: זייט שטאַרק, מיר אַלע זע־נען מיט אייך און טויזנטער יידישע יוגנטלעכע זענען מיטן גאַנצן האַרץ מיט אייך! זיי האָבן געענטפערט — „אַ דאַנק" און ווייטער גע־זונגען. אַ זייגער 2 ביינאַכט האָט מען געבראַכט אַ ספרדישן רב,

וועלכן מיר האָבן נישט דערקענט פון דערווייטנס. ער האָט געוויילט אין דער צעלע אַ פערטל שעה. 4 אַ זייגער האָט אבשלום אָנגעהויבן זינגען „התקוה" און מיר אַלע, צוגעשמידט צו די קראַטעס, זינגען מיט. באַוואָפנטע פּאָליציי־פּאַטרולן, וועלכע האָבן זיך די גאַנצע צייט געפונען אויפן אָרט, זענען באַלד אַרויף אויפן וויזיטן־פּלויט, וואָס איז נאָענט צו אונדזערע צעלעס. 4.03 אַ זייגער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אבשלום. 4.25 זענען מיר אויפגעציטערט געוואָרן פון מעכ־טיקן געזאַנג פון מאירן, מיט וועלכן מיר האָבן אויך מיטגעזונגען אין אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן 4.28. אַ זייגער 5 האָט זיך געהערט דער געזאַנג, דאָסמאָל שוין בלויז פון אים אַליין, פון יעקבן. מיר האָבן מיטגעזונגען. אין צוויי מינוט שפּעטער איז ער אויפגעהאַנגען געוואָרן. די קערפּערס האָבן געהאַנגען 20 מינוט און זענען איינציקווייז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער צעלע.

די הויפּט־תּליינים זענען געווען העקעט, דער תּפיסות־אינספּעק־טאָר און קאַפּיטאַן קלאָו, דער דירעקטאָר פון שכמער תּפיסה, דער תּלין פון דב גרונער און זיינע חברים. אינדערפרי האָבן מיר דורכן אַראַבישן אָפיציר געמאָלדן דער אַדמיניסטראַציע, אַז מיר זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון יעדן ענגלענדער וועלכער וועט היינט אַריינגיין אין הויף. מיר האָבן פּראָקלאַמירט אַ תּענית און תּפי־לות. אינדערפרי האָבן מיר געפינען אין דער צעלע פון די פאַראור־טיילטע אַן אויפשריפט אויפן וואַנט:

„נישט מיט תּליות וועט מען אָפּשרעקן די יידישע יוגנט אין פאָטערלאַנד — אין אונדזערע טריט וועלן גיין טויזנטער!"

אויך איז געווען דער עמבלעם פון „ארגון" און די דריי נעמען פון די פאַראורטיילטע לויט דער אָרדענונג פון דער עקזעקוציע. מיר לייגן ביי אַ טייל פון אבשלומס טאָגבוך, וואָס ער האָט געשריבן אין דער צעלע."

יב.

אויף צו מאָרגנס האָבן מיר אויפגעהאַנגען די צוויי אַגענטן — די סער־זשאַנטן.

מיר האָבן באַצאָלט דעם שונא. מיר האָבן אים געוואָרנט. ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף אונדזער וואָרענונג. פאַר תּליה האָבן מיר געענטפערט מיט תּליה.

אָבער די דאָזיקע טעג זענען געווען שוואַרצער פון שוואַרץ פאַרוואָס האָבן עס די ענגלענדער געטאָן — נישט געקוקט אויף אונדזערע

וואָרענונגען און די תחנונים פון די עלטערן פון די סערזשאַנטן? מעגלעך, די ענגלענדער האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן נישט וואַגן...

אָבער זיכער איז, אַז די הויפּט־סיבה איז געווען אַ פּאָליטישע. זי האָט געשטעקט אין „תליה־פּלאַן" וואָס די בריטישע הערשער האָבן אָנגענומען. זיי האָבן באַשלאָסן צו הענגען און הענגען. אין דעם הויז פון פּרוי אַנטאָניוס, אַן אינטעלידזשענס־אַגענטין, די ענגלישע פּרוי פון אַ באַקאַנטן אַראַבישן עפענדי, האָט באַרקער געזאָגט אויף אַ צונויפקום פון הויכע אָפיצירן און באַאַמטע:

— מ׳דאַרף הענגען אַ יידן אויף יעדער גאַס־לאַמטערנע!

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט האָט באַרקער געזאָגט:

— מיר וועלן אויפהענגען הונדערט יידן, וועט ווערן רואיק אין ארץ־ישראל.

דאָס איז געווען דער פּלאַן וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין לאָנדאָן. דער פאַרשקלאַפער האָט געמיינט, אַז דורכן ברעכן דעם נאַקן פון אונדזערע מלחמה־געפאַנגענע, וועט ער ברעכן דעם רוקנביין פון יידישן אויפשטאַנד. און די פראַגע איז געווען פונקט ווי לעניין האָט זי אַמאָל געשטעלט: „קטאָ קאַוואָ?" „ווער וועמען וועט ברעכן?" ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אויב מיר וואָלטן באַ־פרייט די סערזשאַנטן, וואָלטן די ענגלענדער אויפגעשטעלט אַלייען פון תליות און וואָלטן געהערשט אין אונדזער לאַנד ביזן היינטיקן טאָג. דער אכזריותדי־קער טאַט אין נתניה האָט נישט נאָר געראַטעוועט צענדליקער יידישע בחורים פון דער תליה, נאָר האָט אויך געבראָכן דעם רוקנביין פון דער בריטישער הערשאַפט.

דאָס האָט אומצווייטייטיק באַשטעטיקט נישט קיין אַנדערער ווי דער גע־וועזענער ערשטער פאַרטרעטער פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל, קאָלאָנעל אַטשער קאַסט. אין זיין רעפעראַט אין דעם „אימפּעריאַלן פאַרבאַנד" אין לאָנדאָן, האָט דער מאַן געזאָגט: „די תליה פון די צוויי סערזשאַנטן האָט גורם געווען אונדזער פאַרלאָזן ארץ־ישראל מער ווי יעדע אַנדערע זאַך."

אַזוי איז דאָס. ווען אַ פאָלק קעמפט פאַר זיין באַפרייאונג, זענען זיינע בעסטע זין גרייט אַוועקצוגעבן זייערע לעבנס. און ווען אימפּעריעס שטייען פאַר דער צעפאַלונג פון זייער מאַכט, זענען זיי גרייט מפקיר צו זיין זייערע סער־זשאַנטן.

יג.

...אַזוי האָבן זיי געלעבט אין די טויטן־צעלעס, די הרוגי המלכות פון אונ־דזער דור. און אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַנטקעגן דעם טויט: מיט אַ ברכה פאַר דער קעמפנדיקער משפחה, אַ ברכה פאַרן אויפשטענדלערישן פאָלק, מיט גלויבן אין נצחון, מיט געזאַנג אין האַרצן, מיט אַ ליד אויף זייערע ליפּן.

צי קען מען פאַרקנעכטן אַ פאָלק, ווען עמענס זין זינגען אַזוי ביי זייער גאַנג צום טויט און שטאַרבן אַזוי אין געזאַנג?

די פרייהייט וועט זיגן.

במשך זיבעציק דורות האָבן מיר געבויגן דעם רוקן. קנעכט זענען מיר געווען. און ס'איז געקומען אַ טאָג ווען מיר האָבן רעוואָלטירט. ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור וואָס האָט געגעבן זיין בלוט אָן אַ חשבון, אָן פּרעטענזיעס. דאָס בלוט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ט ו י, וואָס האָט אָנגעטרונקען דעם באָדן פון אונדזער לאַנד, אין באַרג און אין טאָל. אַלע קינדער פון ישראל האָבן געטרונקען פון דעם דאָזיקן טוי, אַפילו ווען זיי ווייסן עס נישט, אַפילו ווען זיי ווילן זיך נישט מודה זיין אין דעם.

דער טוי פון רעוואָלוציאָנערער גבורה — אין אונטערגרונט, אין תפיסה, אין דעפּאָרטאַציע, אין טויטן־קאַמער, אין שלאַכט, אויף דער תליה.

געבענטשט איז אָט דער טוי, ווייל געבענטשט איז זיין פּרוכט.

באַגעגענישן אין אונטערגרונט

דער טונעל פון „בית הדר". — די באַגעגעניש מיט דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער. — וואָס האָט ראַלף באַנטש געשריבן וועגן דער באַגעגעניש? — דער סוד איז אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. — די באַגעגעניש מיט גראַנאַדוס און פאַברעגאַט. — אין דער פינצטערניש — מיטן מחבר פון „פינצטער אין מיטן טאָג". — באַליידיקט די באָרד. — באַגעגענישן מיט זשורנאַליסטן און שרייבער. — „סימפּאַטיע צו אצ"ל", און וועגן נישט דער אצ"ל?

א.

דער אונטערגרונט פאַרפליכטעט צו איינזאַמקייט. אין אַלע יאָרן פון אויפשטאַנד האָב איך זיך געמוזט כמעט אינגאַנצן אָפּזאָגן פון באַגעגענישן מיט קרובים, חברים, באַקאַנטע און פריינד. דאָס געזעץ פון קאָנספּיראַציע האָט פאַרווערט צו האָבן באַגעגענישן „אָן אַ תכלית". די ווינציקע מענטשן וועלכע כ'האָב געזען אין אונטערגרונט, זענען געקומען רעדן אין דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן, רעדן וועגן אונדזער באַציאונג מיט אַנדערע פעלקער, וועגן קריגספּראָגן.

איינע פון די וויכטיקסטע באַגעגענישן וואָס כ'האָב געהאַט אין געהיים איז געווען דער צונויפטרעף מיט דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער. די איניציאַטיוו פאַר דער באַגעגעניש איז געקומען נישט פון אונדז, נאָר דווקא פון די קאָמיסיע־מיטגלידער. דאַקעגן די אָפיציעלע יידישע אינסטיטוציעס האָבן געטענהט, אַז אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן איז געוואָרן כדי צו באַוועגן די קאָמיסיע זיך מיט אונדז צו טרעפן אָדער פירן מיט אונדז „פאַרהאַנדלונגען". אפילו אין פאַל פון „בית הדר" האָבן די אינסטיטוציעס געזען אָט־די כוונה. ס'איז בכן כדאי אַראָפּצונעמען דעם שלייער פון דעם באַרימטן טונעל.

דער „בית־הדר" האָט זיך געפונען אין „באַשיצטן ראַיאָן" פון די ענגלענדער אין תל־אביב. אין דעם הויז איז געווען דער צענטער פון דער אָקופּאַציע־

מאַכט, די מיליטערישע, ציווילע און פּאָליציייאישע אָרגאַנען, וואָס האָבן פאַר־האַלטעט איבער תל־אביב און איר ראַיאָן. דער בנין איז געוואָרן אַ פעסטונג געשיצט דורך מאַשין־געווער, אַרומגערינגלט מיט דראָט־פאַרצוימונגען. ממי־לא האָט דער בנין אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דער באַפעלקערונג. אַ סך דורכ־גייער האָבן געליטן פון די שיסערייען, וואָס זענען געקומען פון בריטישן גע־טאַ מצד נערוועזע אָדער רצחנישע סאָלדאַטן.

אַנטקעגן „בית־הדר" איז געשטאַנען אַ קליין הייזל און אין אים איז גע־ווען אַ קעלער, וואָס האָט געדינט ווי אַ מאַגאַזין. אין איינעם פון די זומער־טעג 1947 איז פאַרן בעל־הבית דערשינען אַ פאַרמעגלעכער סוחר, וועלכער האָט געוואָלט אָפּדינגען דעם לאַגער פאַר זיין האַנדל מיט קאַרטאָפל. דער סוחר איז געווען אַן עלטערער מענטש, וועלכער האָט אַרויסגערופן פולן צוטרוי מצד דעם בעל־הבית. דער קאָנטראַקט איז אונטערגעשריבן געוואָרן. מ'האָט גֵעדונגען דעם מאַגאַזין. דער סוחר האָט געבראַכט עטלעכע אויטאָס מיט קאַרטאָפל. די טרעגערס וואָס האָבן זיי אויסגעלאָדנט, זענען נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק — קאַרטאָפל זענען נישט קיין מאַשין־געווער — און אַביסל קאַרטאָפל איז צעוואָרפן געוואָרן אין גאַס. דער סוחר האָט זיך אַביסעלע געבייזערט, אָבער ער האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן אַז עטלעכע שכנטעס זאָלן עס אויפקלייבן פאַר זיך.

אין מאַגאַזין האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. מ'האָט אָנגעפילט זעק און זיי איבערגעפירט אין אויטאָס: „דער האַנדל מיט קאַרטאָפל" האָט געבליט פאַר אַלעמען אין די אויגן. אָבער די „טרעגערס" האָבן געוווּסט... נאָך אַ מע־טער, נאָך אַ מעטער... די גראָבונגס־אַרבעט איז געגאַנגען לויט אַ געניויען פלאַן, אַנטקעגן בית־הדר, פאַר די אויגן פון די בריטישע פּאַטרולן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די גרעבער זענען אונטער דער ערד דערגאַנגען ביז אינמיטן שאָסיי. נאָך עטלעכע טעג און זיי וועלן דערגרייכן זייער ציל.

וואָס איז געווען דער ציל? אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן דערציילט אין זייערע טעלעגראַמעס, אַז מיר האָבן געהאַט בדעה אויפצורייסן די בריטישע פעסטונג אויב איבער חביבן, נאַקערן און ווייסן וועט אויסגעפירט ווערן די עק־זעקוציע. ס'איז געווען אַ קערן פון אמת אין דער מיינונג. אָבער כ'האָב שוין אויפגעקלערט, אַז אונדזער קריג איז נישט געווען קיין נקמה־קריג.

דער פלאַן פון „בית־הדר" איז געווען אויסגערעכנט ביז די קלענסטע דע־טאַלן. מיר האָבן געדאַרפט אין דעם טונעל אַריינפירן אויפרייס־מאַטעריאַל, אַריינפירן מיט אַן עלעקטרישן אַפּאַראַט, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען אין באַוועגונג דעם דינאַמיט אין צוויי־דריי טעג. ביים פאַרענדיקן דעם גאַנצן פלאַן האָט מען געדאַרפט פאַרשיטן דעם טונעל, כדי קיינער זאָל נישט קענען דער־גיין פון וואַנען ער איז געקומען. כדי צו פאַרמיידן אַן אומגליק פון דער צי־ווילער באַפעלקערונג, וואָלטן מיר איר באַצייטנס געוואָרנט. די ווינציקער נאָען־

טע שכנים וואָלטן אויף אַ קורצער צייט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. די עוואַקואַציע וואָלט נישט פיל מענטשן גורם געווען אומבאַקוועמלעכקייטן. אַלץ איז געווען גענוי אויסגערעכנט. די הייזער אין דער סביבה וואָלטן נישט געשעדיקט געוואָרן. העכסטנס וואָלטן אפשר אַרויסגעפאַלן די שויבן פונעם אויפרייס. צוויי טעג פאַר דער עקספּלאָזיע וואָלטן מיר פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע וואָרענונג צו די ענגלענדער און אַ באַפעל תיכף צו עוואַקואירן זייער גאַנצן „זיכערהייט־סעקטאָר" ווייל אין באַשטימטן טאָג און אין אַ באַשטימטער שעה וועט ער פאַרניכטעט ווערן.

די ענגלענדער וואָלטן געהאַט אַ ברירה צו פאָלגן אונדזער וואָרענונג אָדער זי צו איגנאָרירן. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן באַשלוס וואָלט געפאַלן אויפן פיינד. פון אונדזער פּראַקטיק זענען מיר געווען גענייגט צו גלויבן, אַז די בריטן וועלן פאָלגן אונדזער באַפעל. הינטער אונדז איז געווען דער קאַפּיטל פון מלך־דוד האָטעל, און אַ וואָרענונג געגעבן דורכן ארגון צבאי לאומי וואָלט זיי געגעבן אַ יסוד זיכער צו זיין, אַז ס'איז נישט קיין פאַלשע וואָרענונג.

זיכער איז, אַז נאָכן אויפרייס אין דעם איינעם „זיכערהייט־ראַיאָן" וואָלטן שוין די ענגלענדער מורא געהאַט צו לעבן אויך אין די אַנדערע „זיכערהייט־ראַיאָנען" זייערע. מיר וואָלטן גורם געווען צו „אַן ערד־ציטערניש" הינטער די פּיס פון די בריטישע הערשער. זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זיי האָבן שוין נישט קיין בטחון אין קיין שום אָרט אין אָקופּירטן ארץ־ישראל.

בדיעבד, דאַרף מען נישט באַדויערן, וואָס דער „בית־הדר" איז נישט חרוב געוואָרן .דאָס דאָזיקע גרויסע און שיינע הויז ברענגט איצט נוצן דעם יידישן פאָלק. אָבער ס'איז צו באַדויערן וואָס אַ יידישער יונגערמאַן איז געפאַלן אין דעם מינירטן טונעל, ווייל זיינע קאָמענדאַנטן פון דער „הגנה" האָבן באַשלאָסן אַלץ צו טאָן „פאַר יעדן פּרייז" אַז ס'זאָל נישט אַראָפּגעלאָזן ווערן אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ אויפן קאָפּ פונעם פאַריאָכער.

די פאָרשטייער פון די יידישע אָפיציעלע אינסטיטוציעס האָבן געטענהט אַז מיר האָבן נישט געמיינט דאָ די בריטישע מאַכט, נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע, כדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. ס'איז אַן אַבסורד אין דער טענה קעגן אונדז. דער פּלאַן פון טונעל אין „בית־הדר" איז געבוירן געוואָרן אַ סך וואָכן פריער איידער די קאָמיסיע איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל. און די באַגעגעניש צווישן די פאָרשטייער פון דער אונ"א־קאָמיסיע און די רעפּרעזענטאַנטן פון דעם ארגון צבאי לאומי איז צושטאַנד געקומען דעם 26טן יוני 1946, בלויז אַכט טעג נאָכדעם ווי די קאָמיסיע איז אָנגעקומען אין לאַנד.

צווישן אונדז האָט פאַרמיטלט קאַרטער דאַווידסאָן, דער הויפּט־קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער אַמעריקאַנישער פּרעסע־אַגענטור „אַסאָשייטעד

פּרעס". קאַרטער דאַווידסאָן, אַ יונגער ענערגישער אַמעריקאַנער, האָט נישט ליב געהאַט די ענגלענדער. כ׳בין נישט זיכער, צי ער האָט ליב יידן. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז בשעת דער מלחמה מיט די אַראַבער האָט דאַווידסאָן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע סימפּאַטיע פאַר אונדזער זאַך. אפשר האָט מען אים ב א פ ו י ל ן צו ענדערן זיין מיינונג? אין יענע טעג האָבן מיר באַמערקט, אַז כמעט די גאַנצע אַמעריקאַנישע פּרעסע לויבט און רימט דעם מעכטיקן כוח פון די אַראַבער און זייערע נצחונות און פון דער צווייטער זייט שטרייכט זי אונטער יעדע מפּלה אָדער אילוזאָרישע מפּלה פון די יידן. אָבער ס׳איז אַ פאַקט אַז דאַווידסאָן האָט זיך באַצויגן מיט פיל אינטערעס, און מיט געוויסער סימפּאַטיע, צו די אָנגריפן פון ארגון צבאי לאומי. מעגלעך, אַז זיין פאַך האָט פון אים געמאַכט אַ „סימפּאַטיזירנדיקן אָבסערוואַטאָר". ער איז צוגעשטאַנען, מיר זאָלן אים איין מאָל מיטנעמען צו אונדזערער אַן אַקציע. מיר האָבן צוגע־זאָגט דערפילן זיין בקשה, און האָבן געהאַט בדעה אים מיטצונעמען צום אויפ־ברוך פון עכוער טורמע. יואל האָט מיטגעטיילט דעם מוטיקן זשורנאַליסט, אַז נאָר מיט דער צושטימונג פון זיין פּרוי וועלן מיר אים מיטנעמען צו אַ מיליטערישן אָנגריף. קאַרטער האָט, פאַרשטענדלעך, נישט אָנגענומען אונדזער תנאי, אָבער מיר האָבן שוין נישט געענדערט אונדזער מיינונג און האָבן אים מיטבאַטייליקט אין אַ „דיפּלאָמאַטישער" אַקציע, אין אָרגאַניזירן די טרעפונג מיט סאַנדסטראַמן.

דער פאָרזיצנדער פון דער קאָמיסיע האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז צוזאַמען מיט אים וועט קומען צו דער טרעפונג ד״ר הו, דער וויצע־גענעראַל־סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע נאַציעס און דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע. מיר האָבן גערן איינגעשטימט. אין לעצטן מאָמענט האָט דאַווידסאָן געפרעגט אין סאַנדסטראָמס נאָמען, צי מיר וועלן מסכים זיין אַז אויך ד״ר ראַלף באַנטש, ד״ר הו׳ס רעכטע האַנט, זאָל באַגלייטן די רעפּרעזענטאַנץ פון דער קאָמיסיע. מיר האָבן געענטפערט: „יאָ", אָבער געפאָדערט אַז אין דער רעפּרעזענטאַנץ זאָל זיך באַטייליקן אויך ד״ר ליסיצקי פון טשעכאָסלאָוואַקיי. דער ריכטער סאַנדסטראָם האָט מסכים געווען. אָבער ווי ער האָט אונדז דער־קלערט, האָט ער נישט באַוויזן באַציִטנס זיך צו פאַרבינדן מיטן טשעכאָ־סלאָוואַקישן פאַרטרעטער, באַזונדערס ווען ער, סאַנדסטראָם און זיינע באַגלייטער, האָבן זיך געמוזט אַרויסדרייען פון זייער געזעלשאַפט, כדי אָנצוקומען צו אונדז ווו זיי האָבן גענאַרפט אָנקומען אין געהיים.

מיט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן מיר זיך באַגעגנט אין הויז פון דיכטער ד״ר יעקב כהן. יואל האָט געבראַכט די געסט, און לויט דער הסכמה פון ביידע צדדים האָט זיי באַגלייט דער שדכן, קאַרטער דאַווידסאָן. אין אַלגעמיין האָבן מיר נישט געמאַכט קיין „קונץ־שטיק" און קיין קאָמפּלי־קאַציעס ביים ברענגען מענטשן צו באַגעגענישן אין אונטערגרונט. די אייג־

אַרדענונגען זענען געווען פּשוטע און אין זייער פּשטות האָבן זיי אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג ביי די געסט. נאָר דאָס מאָל האָבן מיר געמוזט אָננעמען ספּע־ציעלע פאַרזיכטיקייט־מיטלען. די קאָמיסיע־מיטגלידער זענען געווען אַרומגע־רינגלט מיט בריטישע שפּיאָנען, וועלכע האָבן כלומרשט געדאַרפט באַוואַכן זייער זיכערקייט. די ענגלישע רעגירונג האָט ווידער געפּרוווט אונדז פאַרצו־שטעלן ווי „געפערלעכע טעראָריסטן" און שאַפן אַן איינדרוק ביי די מיטגלי־דער פון דער קאָמיסיע, צווישן וועלכע עס זענען געווען פריינד פון אונדזער פאָלק, אַז ס'דראָעט זיי אַ געפאַר דווקא מצד אונדז. פון דער אַנדערער זייט האָט די רעגירונג געוואָלט נאָכשפּיאָנירן די באַוועגונג און די מעשים פון די פרעמדע אויספאָרשער, דורכן אָפּהיטן זיי כלומרשט פון סכנות.

יואל און זיינע העלפערס האָבן זיך, דעריבער, אַרומגעדרייט מיט אונ־דזערע געסט איבער די גאַסן פון תל־אביב און נאָך זיי איז נאָכגעפאָרן אַ צווייטער אויטאָ, כדי צו פאַרזיכערן, צי מ'שפּיאָנירט נישט נאָך די מיטגלי־דער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע. פאַר גרעסערער פאַרזיכטיקייט האָבן די פאַרנדיקע געטוישט אייניקע אויטאָס און צום סוף זענען זיי אָנגעקו־מען אין הויז פון פרוי מרים כהן. דאָרט האָבן אויף די חשובע געסט געוואַרט אברהם, שמואל און איך. מיר האָבן זיך באַגריסט. ביים האַנט־דרוק האָב איך געזאָגט מיין אמתן נאָמען. מיר האָבן אַוועקגעזעצט דעם ריכטער סאַנדסטראָם אין שפּיץ פון טיש (אַ פיר־קאַנטיקער טיש האָט שטענדיק צוויי „שפּיצן") און אָנגעהויבן שמועסן. אונדזערע געסט האָבן, ווייזט אויס, זיך צוגעגרייט צום געשפּרעך. דער ריכטער סאַנדסטראָם האָט די ערשטע פראַגן זיינע געשטעלט פון פּאַפּיר. דאָס זענען געווען פאָרמעלע פראַגן פון דעם מין, וואָס מ'שטעלט געוויינלעך דעם, וואָס קומט עדות זאָגן פאַר אַן אויספאָרש־קאָמיסיע. וואָס זענען די קאָמפּעטענצן? וואָס פאַר אַן אמט פאַרנעמט מען? מיר האָבן די פאָר־מעלע זייט שנעל געלייזט אין אַן אַלגעמיינעם געלעכטער וואָס איז אַנטשטאַ־נען צוליבן ווערטער־אויסטויש איבער מיין כלומרשטן „גענעראַל" טיטל. מיר זענען צוגעטראָטן צום עצם ענין.

פאַר אונדז זענען געזעסן דריי פאַרשידענע טיפּן. אַ שוועדישער ריכ־טער, אַ כינעזישער דיפּלאָמאַט און אַן אַמעריקאַנישער נעגער־דיפּלאָמאַט. אַלע זענען געווען אינטערעסאַנטע מענטשן. וועגן ריכטער סאַנדסטראָם האָבן מיר געהאַט אינפאָרמאַציעס, וועלכע האָבן ביי אונדז נישט אַרויסגערופן קיין גרויסן פאַרטרויען אין זיינע כוונות. מ'האָט אונדז דערציילט, אַז אין משך פון לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ ריכטער אין די געמישטע געריכטן פון עגיפּטן, און דער ענגלישער איינפלוס אויף אים איז געווען אַ באַדייטנדיקער. די פאַקטן אָבער האָבן נישט באַשטעטיקט די פאַרדאַכטן. סאַנדסטראָם האָט זיך באַצויגן צו אונדזער זאַך אַן באַזונדערער התלהבות — ער איז בכלל געווען אַ קאַלטער מענטש — אָבער אויך גישט פּרעיודיצירט.

ד״ר הו איז דער זון פון כינעזישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. וועגן דער אַרבעט־קראַפט פון דעם יונגן הו זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. מ׳האָט גע־זאָגט, אַז ער איז די טרייב־קראַפט אין דער קאָמיסיע, כאָטש ער איז נישט געווען קיין מיטגליד אין איר, נאָר ער איז צו איר צוקאָאָפּטירט געוואָרן פון אוב״א־אַפּאַראַט.

ד״ר ראַלף באַנטש איז דער מאַן, וואָס איז באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט ווי דער פאַרמיטלער פון אונ״א. אַ גלענצנדיקער טאַלאַנט.

דאָס געשפּרעך צווישן די זעקס מענטשן האָט געדויערט מער ווי דריי שעה. דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש צווישן די פאָרשטייער פון דעם קעמפנדיקן אונטערגרונט און די רעפּרעזענטאַנטן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוציע. עס זענען געווען מינוטן פון טיפער געריירטקייט. עס זענען אויך געווען מינוטן פול מיט הומאָר. ווען כ׳האָב גערעדט וועגן די היסטאָרישע רעכט פון אונדזער פאָלק אויפן קליינעם לענדל, האָב איך זיך נישט ווילנדיק דערמאָנט אין אַן אַנדערן „דיאַלאָג״: אין לוקישקי, און איך בין געווען גערירט. בלויז עטלעכע יאָר זענען אַריבער זייט דעמאָלט און אָט זענען מיר שוין דער־גאַנגען ביז אַהער. כאָטש מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען... ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב אויפגעהויבן מיין שטימע ווען כ׳האָב גערעדט וועגן דעם ווי מ׳האָט געפּייניקט אונדזערע געפאַנגענע, וועגן אשרקע טאַרטנער, וועגן די געהאַנגע־נע און די דריי קאַנדידאַטן צו דער תליה. אונדזערע געסט האָבן אונדז זיכער פאַרשטאַנען. נאָר דער ריכטער סאַנדסטראָם איז געווען אַביסל איבערראַשט און האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מ׳קען נאָך הערן מיינע ווערטער אין גאַס און ס׳קען אויף אונדז ברענגען אַן אומגליק. כ׳האָב אים באַרואיקט בעטנדיק ביי אים אַנטשולדיקונג. ער האָט געמיינט פון מיינע רייד, אַז דאָס הויז און די סביבה זענען אַרומגערינגלט מיט אַ באַטאַליאָן פון אונדזערע באַ־וואָפנטע סאָלדאַטן. פאַקטיש זענען מער נישט געשטאַנען אין גאַנצן ראַיאָן ווי עטלעכע בחורים און מיידלעך, און זייער געווער איז געלעגן אין לאַגער. מיר פון אונדזער זייט האָבן אויך פאַרשטאַנען די געסט. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט די „טעראָריסטן״. און וואָס האָט מען זיי נישט דערציילט וועגן די „טעראָריסטן״? סוף־כל־סוף האָבן מיר נישט מורא געהאַט געכאַפּט צו ווערן צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. אָבער, די קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט מען זיי כאַפּן צוזאַמען מיט אונדז.

סאַנדסטראָם האָט געפרעגט וואָס וועט זיין, אויב די אַראַבער וועלן אונדז אָנגרייפן נאָך דעם ווי די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. כ׳האָב גע־וווּסט, אַז דער אַרגומענט פון אַן אַראַביש־יידישן קריג איז דער הויפּט־וואָפן אין די הענט פון די ענגלענדער כדי צו פאַרמיידן דעם באַשלוס, אַז זיי דאַרפן אָוועק פון ארץ־ישראל. כדי אָפּצושוואַכן דעם אָפּשרעקונג־אַרגומענט האָב איך

אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די אַראַבער וועלן אונדז נישט אַנגרייפן, זיי וועלן עס טאָן אויב זיי וועלן דערמוטיקט ווערן און באַקומען הילף פון אַ „דריטן צד״... אָבער אויב זיי וועלן אונדז אַנגרייפן — האָב איך איבערגעחזרט — איז ביי אונדז נישטאָ קיין ספק, אַז מיר וועלן זיי געבן פעסטע קלעפּ. ווייל אין אַ מאָדערנעם קריג דעצידירן נישט די ציפערן, נאָר דער מוח און דער קאַמף־גייסט. וואָס איז נוגע „מוח״ — האָב איך צוגעגעבן — דאַרף איך נישט אַ סך אויפקלערן, אַז מיר שטייגן איבער אונדזערע שכנים. וואָס איז נוגע דעם קאַמף־גייסט, האָט איר דאָך געזען די אויפברעכער פון דער עכוער תפיסה, איר האָט געלייענט וועגן די געהאַנגענע. און איר וועט זען, ווי איך האָף, די נייע קאַנדידאַטן צום עשאַפאָט.

דאָ האָט מיר סאַנדסטראַם געפרעגט:

— איז דב גרונער געווען אַ הויכער אָפיציר אין „ארגון״?

— ניין, מיין הער, דב גרונער איז געווען אַ געוויינלעכער סאָלדאַט.

דער אַלטער ריכטער האָט נישט פאַרהוילן זיין פאַרווונדערונג הערנדיק די תשובה.

בשעת דער דיסקוסיע האָט ד״ר הו געפרעגט:

— לאָמיר אָננעמען, אַז איר באַקומט ארץ־ישראל פון ביידע זייטן ירדן ווי די יידישע מדינה און איר ברענגט אַריין אין לאַנד עטלעכע מיליאָן יידן. ווי וועט איר זיך איינאָרדענען אין דער צוקונפט? איר מוזט דאָך אָנערקענען, אַז דאָס לאַנד איז אַ קליינס, וואָס וועט זיין מיט אים אין דריי הונדערט יאָר אַרום?

די פראַגע האָב איך אויסגענוצט כדי אויפצווייזן דעם אַבסורד פון פּלאַן צו שאַפן אַ קליין יידיש מדינהלע אין אַ קליינעם טייל פון ארץ־ישראל. אָבער די הויפּט־תשובה האָט געגעבן שמואל כץ. ער האָט געזאָגט דעם כינעזער:

— מיין הער, דאָס איז אַ פּראָבלעם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. און וואָס וועט זיין אין 300 יאָר אַרום אין כינע?

ד״ר הו איז אַריבער אויף אַן אַנדערער טעמע.

בשעת דעם לאַנגן געשפּרעך איז ד״ר באַנטש געזעסן און נאָטירט די פראַגעס און די ענטפערס. ער האָט עס געמאַכט מיט אַ באַוווּנדערנדיקער שנעלקייט, און נישט אין סטענאָגראַפיע. שרייבנדיק האָט ער אויך געשטעלט אינטערעסאַנטע פראַגן און אַריינגעשושקעט אין אויער פון סאַנדסטראָם. ווען ד״ר הו, וועלכער איז פאָרמעל געווען ד״ר באַנטשס שעף, האָט אים געמאַכט אַ באַמערקונג אין צוזאַמענהאַנג מיט זיינע נאָטיצן וואָס ער מאַכט, האָט באַנטש באַלד געענטפערט:

„איך האָב מיר מיין אייגענעם וועג!״

כ׳וויל אויסדריקן אַ דאַנק דעם ד״ר באַנטש פאַר דער אַרבעט און ענערגיע וואָס ער האָט אַריינגעלייגט שרייבנדיק דעם פּראָטאָקאָל פון דער טרעפונג

צווישן די פאַרשטייער פון דער קאָמיסיע און די פאַרטרעטער פון ארגון צבאי לאומי. דריי טעג נאָך דער באַגעגעניש האָבן מיר באַקומען דעם באַריכט צו באַשטעטיקן. דער באַריכט איז פאַרשטענדלעך געווען געשריבן אין ענגליש און עס פילט זיך אין אים דעם פערזענלעכן רושם וואָס די טרעפונג האָט געמאַכט אויף זיין מחבר. איך גיב איבער פון אים די הויפּט־פּונקטן:

ב.

די באַגעגעניש איז פאַרגעקומען צווישן די פאַרשטייער פון דער ספּעציע־לער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס פאַר ארץ־ישראל און דעם קאָמענ־דאַנט און צוויי אַנדערע פאַרטרעטער פון ארגון צבאי לאומי.

דער קאָמענדאַנט האָט געפרעגט אויף ליסיצקין, טשעכאָסלאָוואַקייס פאַר־שטייער אין דער קאָמיסיע, ווייל ער האָט דערוואַרט זיין באַטייליקונג אין צו־זאַמענטרעף. דער פאָרזיצנדער האָט אויפגעקלערט, אַז בלויז דעם זעלביקן טאָג נאָך מיטיק האָט ער זיך דערוווסט וועגן אַריינגעמען ליסיצקין אין דער גרופּע פון די פאַרטרעטער, און דעריבער איז שוין געווען שפּעט מיטצוטיילן ליסיצ־קין וועגן דעם.

דער מפקד אוןביידע פאַרטרעטער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין שפּיץ פון טיש מיט די רוקנס צום פענצטער. אַנטקעגן זיי איז געזעסן ה׳ סאַנדס־טראַם און ביי זיין זייט די ה״ה הו און באַנטש. ה׳ סאַנדסטראַם האָט געעפנט דעם שמועס מיט אַ דעקלאַראַציע, אַז דער הויפּט־תנאי פאַרן געשפּרעך איז, אַז אַזוי לאַנג ווי די קאָמיסיע פאַרברענגט אין ארץ־ישראל זאָל גאָרנישט באַקאַנט ווערן פון דער באַגעגעניש. דער מפקד האָט אויף דעם גערן מסכים געווען.

נאָך דעם האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט, אַז ערשטנס וויל ער דאַנקען דער קאָמיסיע פאַר די שריט וואָס זי האָט אָנגענומען אין צוזאַמענהאַנג מיט די אורטיילן איבער די דריי מיטגלידער פון ארגון, אַן אורטייל פון אַ קערפּער־שאַפט וואָס וויל זיך באַרעכטיקן „דורך דעם, וואָס זי רופט זיך מיליטעריש געריכט". מיר און מיינע חברים, האָט ער געזאָגט, האָבן נישט קיין אילוזיעס בנוגע די פאָלגן פון דער אינטערווענץ. אָבער זיי שאַצן אָפּ די טעטיקייט פון דער קאָמיסיע.

ה׳ סאַנדסטראָם האָט געפרעגט וועגן די צילן פון ארגון און די שטעלונג וואָס דער קאָמענדאַנט פאַרנעמט אין ארגון, אָדער די קאָמפּעטענץ וואָס ער האָט, כדי צו רעדן אין נאָמען פון ארגון.

דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט אַז דער ארגון צבאי לאומי איז גע־שאַפן געוואָרן בערך מיט צען יאָר צוריק. זיין ציל איז צו באַפרייען ארץ־ישראל פון פרעמדן יאָך, באַפרייען דאָס יידישע פאָלק און צוריק אויפשטעלן די יידי־שע מלוכה אין ארץ־ישראל. פאַר דער מלחמה האָט דער ארגון פאַרטיידיקט

דאָס יידישע פאָלק קעגן די אָרגאַניזירטע אָנגריפן פון אַראַבישע גרופן, אָנ־געהעצטע דורך די בריטישע הערשער. דער ארגון האָט אויך געבראַכט אין לאַנד אַריין טויזנטער יידישע עולים, כדי זיי צו ראַטעווען פון אַן אומזיכערער צו־קונפט אין אייראָפּע.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג מיט היטלערן, האָט דער ארגון עס אנערקענט ווי דעם קריג פון אַלע פעלקער קעגן נאַציזם. דער ארגון האָט פאַר־שטאַנען, אַז היטלער האָט געוואָלט דורכפירן זיינע צוזאָגן בנוגע פאַרניכטן די יידן. דעריבער האָט דער ארגון אין משך פון עטלעכע יאָר אין לאַנד נישט אויסגעפירט קיין אָנגריפן, צוליב דער סכנה פון דער נאַצישער אַגרעסיע, וואָס האָט באַדראָעט ארץ־ישראל. דער ארגון האָט אָבער ווייטער עקזיסטירט. אַ צאָל חברים זענען אַריינגעטרעטן אין די אַליאירטע אַרמייען און אַנדערע האָבן ווייטער פאָרגעזעצט די אונטערגרונט־אַרבעט.

אין די לעצטע חדשים פון 1943 און אָנהייב 1944 איז קלאָר געוואָרן אַז אַלע קרבנות פון יידישן פאָלק אויף די שלאַכטפעלדער זענען געווען אומזיסט, אַז די יידן אין ארץ־ישראל וועלן בלייבן אונטער אַ פרעמדער פאַריאָכנדיקער הערשאַפט, אָן מעגלעכקייט צוריקצובערענגען די, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן אין זייער היימלאַנד.

אין רעזולטאַט פון דעם מצב האָט דער ארגון פאַרעפנטלעכט די דעקלאַ־ראַציע פון נאָוועמבער 1943, אין וועלכער ס'איז געזאָגט געוואָרן אַז ס'וועלן שוין מער נישט זיין קיין הפסקות אין פרייהייט־קאַמף. אין דער צייט זענען אויך אָנגעקומען ידיעות פון אייראָפּע — כאָטש זיי זענען נאָך דעמאָלט נישט באַשטעטיקט געוואָרן, — אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסשעכטונג פון די יידן אין אייראָפּע, אַ פאַרטיליקונג אין אַ פרעצעדענסלאָזער פאָרעם. דער ארגון האָט אָנגעהויבן זיינע אַקציעס קעגן דער לאָקאַלער רעגירונג נישט אָנרירנדיק די מיליטערישע קאָנצענטראַציעס אין לאַנד, מחמת זיי האָבן גע־קעמפט קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

ס'איז דעמאָלט דעקלאַרירט געוואָרן אַז דער ציל פון ארגון איז יידישע ממשלה אין ארץ־ישראל, און אַז דער ארגון וועט קעמפן ביז דער ציל וועט דערגרייכט ווערן. נאָך דער פּראָקלאַמאַציע האָט דער ארגון דורכגעפירט אַק־ציעס, טיילווייז גרויסע און טיילווייז באַגרענעצטע אין זייער אומפאַנג. די סטאַדיע פון קאַמף האָט געדויערט קרוב צוויי יאָר.

אינצווישן האָט די בריטישע אָקופּאַציע־מאַכט ווידער אַמאָל פאַרמאַכט די טויערן פאַר די יידן, אויך נאָך דעם ווי ס'זענען באַשטעטיקט געוואָרן די ידיעות וועגן דעם פאַרטיליקונג־פּראָצעס אין אייראָפּע. די ענגלענדער האָבן ווייטער סאַבאָטירט יעדע באַמיאונג צו ראַטעווען די יידן פון אייראָפּע. דער מפקד האָט ווי אַ ביישפּיל געבראַכט דעם פאַקט אַז ס'איז געווען אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען די אונגאַרישע יידן איידער דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן

דורך די היטלעריסטישע מחנות. טערקיי איז גרייט געווען, האָט ער געזאָגט, צו געבן טראַנזיט־וויזעס קיין ארץ־ישראל. אָבער אַלע באַמיאונגען אין דער ריכטונג זענען געווען אומזיסט, ווייל די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט דערלויבן דעם אַריינקום פון די מענטשן קיין ארץ־ישראל. כאָטש דער אָפּזאָג האָט באַטייט פאַר זיי אַ זיכערן טויט.

דער ארגון האָט דעריבער פאַרגעזעצט זיין קאַמף. די ענגלענדער האָבן גע־פרוווט בייקומען די קעגנערשאַפט מיט דער הילף פון אָרגאַניזירטע יידישע גרופּן און צווישן זיי אויך די יידישע אַגענץ. עפנטלעכע יידישע קערפּערשאַפטן האָבן אין די הענט פון דער רעגירונג אויסגעליפערט יידן פאַרדעכטיקטע אין צו־געהעריקייט אָדער אין הילף צום ארגון.

די ענגלענדער האָבן זיך באַנוצט מיט די אַזוי־גערופענע „אויסנאַם־גע־זעצן", כדי צו ברעכן דעם גייסט פון די יידן אין ארץ־ישראל. זיי האָבן אַרעס־טירט מענטשן, וועלכע זיי האָבן חושד געווען, אַז זיי זענען ארגון־מיטגלידער. אַזעלכע האָבן זיי געהאַלטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. 300 פון זיי זענען דע־פּאָרטירט געוואָרן קיין עריטרעאַ. דער קאָמענדאַנט האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די מענטשן זענען געווען בלויז פאַרדעכטיקט, און עס זענען קעגן זיי נישט גע־בראַכט געוואָרן קיין באַשולדיקונגען.

דאָ האָט דער קאָמענדאַנט דערמאָנט דעם בריוו פון ארגון, וואָס די קאָ־מיסיע האָט דערהאַלטן דעם זעלביקן טאָג, אינעם בריוו ווערט געבעטן דער קאָ־מיסיע צו רופן אַלס עדות דריי מיטגלידער פון ארגון, וועלכע זיצן אין עכוער תפיסה. זאָלן זיי עדות זאָגן ווי אַזוי פּאָליטישע אַרעסטירטע ווערן געפּייניקט דורך דער בריטישער מאַכט.

ווי אַ ביישפּיל האָט ער דערמאָנט דעם 17 יאָריקן יינגל, וועלכער איז גע־שאָסן געוואָרן אין פוס אין 1944 אין חיפה ביים קלעפּן פּראָקלאַמאַציעס פון ארגון. אנשטאָט אים צו ברענגען אין שפּיטאָל אַריין, האָט מען דעם יינגל אי־בערגעפירט אין דער עכוער טורמע, און אים נישט געגעבן קיין מעדיצינישע הילף. דריי נעכט איז ער אין זיין צעלע געווען מיט קייטן צוגעבונדן צום בעט. אין משך פון דער צייט איז זיין אָפענער וווּנד גאַנגרעניזירט געוואָרן. נאָכדעם האָט מען דעם יינגל אַמפּוטירט אַ פוס און צום סוף איז ער געשטאָרבן. דער פאַל, האָט דער קאָמענדאַנט געזאָגט, איז איינער פון די ביישפּילן פון דער באַרבאַרישער אויפפירונג מצד די ענגלענדער, וואָס דערלויבן זיך „נישט דער־לאָזבאַרע פאַרברעכנס".

אין לויף פון זיין היסטאָרישן איבערבליק האָט דער קאָמענדאַנט פעסט־געשטעלט, אַז ווען ס'איז געוואָרן שלום, אין ענגלאַנד זענען פאָרגעקומען וואַלן און ס'איז געקומען אַ נייע רעגירונג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, האָבן די פירער פון דער יידישער אַגענץ געהאָפט אויף אַן ענדערונג. ער האָט דערמאָנט, אַז — פיל מאָל — ביזן לעצטן מאָמענט האָט די לייבאָר־פּאַרטיי אָנגענומען רעזאָ־

לוציעס פאַר אַ יידיש ארץ־ישראל און פאַר אַ פרייער אימיגראַציע פון יידן אין לאַנד.

אָבער בריטאַניע — האָט ער אויסגעפירט — וויל צורויבן דאָס לאַנד און עס נישט אָפּגעבן נישט די יידן און נישט די אראבער, כדי עס צו האַלטן פאַר זיך ווי אַ מיליטערישע באַזע.

ווען די לייבאָר־פּאַרטיי איז געקומען צו דער מאַכט, האָט דער ארגון נישט געהאַט אַזעלכע אילוזיעס ווי אַנדערע. דאָך האָט ער אַרויסגעוויזן גרייטקייט אָפּצושטעלן די אַקציעס און געבן דער נייער רעגירונג אַ געלעגנהייט צו דער־פילן אירע הבטחות. ערשט ווען די כוונות פון „לייבאָר" זענען קלאָר געוואָרן, האָט די „הגנה" באַשלאָסן אויפצוהייבן דעם פאַן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין ארץ־ישראל. אין אָקטאָבער 1945 האָבן די דריי ארגונים געשלאָסן אַ הסכם פאַר קאָאָפּעראַציע אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. דער אָפּמאַך איז געבליבן אין קראַפט צען חדשים, און דאָס איז געווען אַ תקופה פון אַקציעס אין ברייטן פאַרנעם.

לויט די תקנות פון ארגון, ווערט אַ בריטישער באַאמטער פאַררעכנט אַלס פאַרברעכער צוליב זיין טעטיקייט; אין דעם פאַל קומט פאַר קעגן אים אַ משפט אין זיין אָנוועזנהייט, אַזוי מוז געשען צוליב די באַדינגונגען פון דער אונטער־ערדישער אָרגאַניזאַציע. עס ווערט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל און אויך אַ באַ־פעל דעם אורטייל אויסצופירן.

אין ענטפער אויף דער פראַגע, צי ס'זענען אָנגעווענדעט געוואָרן שריט קעגן יידן, איז דערקלערט געוואָרן אַז יידישע מוסרים אין דער געהיימער ברי־טישער פּאָליציי זענען אין געוויסע פאַלן באַשטראָפט געוואָרן.

צוריקקערנדיק זיך צו דער פריערדיקער פראַגע וועגן די באַציאונגען צווישן די דריי ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, האָט דער מפקד דערציילט אַז נאָך צען חדשים טעטיקייט האָט די „הגנה" באַשלאָסן נישט פאָרצוזעצן דעם געראַנגל. דאַקעגן דער ארגון האָט נישט איבערגעריסן דעם קאַמף.

אויף דער פראַגע וואָס עס איז דער קשר צווישן דער יידישער אַגענץ און דער „הגנה" האָט דער קאָמענדאַנט געענטפערט, אַז די פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן די באַטרעפנדיקע אָרגאַנען: „מיר רעפּרעזענטירן נישט קיין איינעם פון די ביידע".

וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון ארגון האָט דער מפקד דערקלערט, אַז דער ארגון פירט זיך לויט אַ קעגנזייטיקן הסכם פון זיינע מיטגלידער. „מיר פירן דעם ארגון און וועלן אים פירן כל זמן מיר וועלן זיין ראוי אויסצופירן די אויפ־גאַבע וואָס איז אויף אונדז אַרויפגעלייגט געוואָרן."

...בנוגע דער אַראַבישער עמיגראַציע פון אַנדערע לענדער האָט דער מפקד געענטפערט אַז דאָס דערלויבן אַריינפאָרן אַראַבישע אימיגראַנטן קיין ארץ־ישראל וועט זיך געפינען אין דער קאָמפּעטענץ פון דער רעגירונג, פונקט ווי יעדע

רעגירונג באַשטימט איר אימיגראַציע־פּאָליטיק. דער ארגון איז נישט פּרעיודיצירט קעגן וועמען עס איז, אויב ער וועט זיך להבא ווענדן וועגן אַ וויזע אין דער יידישער מדינה.

די ערשטע אויפגאַבע פון אַ יידישער רעגירונג וועט זיין צוריקצוברענגען אין לאַנד די אַלע יידן, וועלכע ווילן זיך צוריקקערן. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז יעדער ייד האָט די נאַטירלעכע רעכט זיך צוריקצוקערן קיין ארץ־ישראל, און אַז יידן זענען דע־יורע אַ מערהייט אין ארץ־ישראל. זיי זענען, אָבער, אַ מינדערהייט דע־פאַקטאָ, ווייל די ענגלענדער האָבן פאַרמאַכט פאַר די יידן די טויערן; אַז ס׳וועט אַראָפּגענומען ווערן אָט די שטערונג, וועלן יידן אויך פאַקטיש — אין אייניקע מאָנאַטן אַרום — ווערן אַ מערהייט.

ס׳איז געשטעלט געוואָרן אַ פראַגע, צי אין פאַל ווען די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און ס׳וועט קענען געשאַפן ווערן אַ יידישע מדינה, וועט זיך דער ארגון פונאַנדערלאָזן? דער מפקד האָט געענטפערט: „יאָ״.

ס׳איז דעם מפקד געשטעלט געוואָרן אַ פראַגע, וואָס עס וועט זיין זיין רעאַקציע וועגן אַ פּלאַן צו צעטיילן דאָס לאַנד. דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעקלערט, אַז דער ארגון איז קעגן דער צעטיילונג און ער וועט קעמפן קעגן איר. אויך האָט דער קאָמענדאַנט געגעבן אויפקלערונגען אויף דער פראַגע וואָס וועט זיין די שטעלונג פון ארגון לגבי אַ פאָרשלאַג וועגן אַ פעדעראַלער רעגירונג אין ארץ־ישראל. ער האָט אונטערגעשטראָכן אַז דער ארגון פאָדערט אַ זעלבשטענדיקע יידישע מדינה אין גאַנצן לאַנד, אַ מדינה מיט אַ יידישער רעגירונג.

אויף דער פראַגע וואָס עס וועט געשען מיט דער אַראַבישער ערד אין אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, האָט ער געענטפערט אַז דער פּריוואַטער אַראַבישער באָדן וועט בלייבן ביי זיינע אַראַבישע באַלעבאַטים, אָבער אין דעם נייעם ארץ־ישראל וועט זיין נויטווענדיק אַן אַגראַר־רעפאָרם. ווי אין די אַלטע צייטן, זענען אין ארץ־ישראל פאַראַן אַראַבישע פעאָדאַלע גיטער, וואָס ווערן נישט באַאַרבעט. די רעגירונג פון דעם נייעם ארץ־ישראל וועט מוזן פאַרריכטן די עוולה. יעדער אַראַבישער און יידישער פּויער וועט דאַרפן זיין פאַרזיכערט מיט אַ גענוגנדן שטח ערד פאַר זיין ווירטשאַפט, פון וועלכער ער וועט קענען האָבן פּרנסה.

דער מפקד איז געפרעגט געוואָרן צי דער ארגון וועט קעמפן קעגן אַ לעזונג, וואָס די מערהייט פון יידישן פאָלק וועט אָננעמען, אויב אַפילו די לעזונג וועט נישט צופרידנשטעלן די צילן פונעם ארגון. ער האָט געענטפערט אַז קיין מערהייט פון דעם יידישן דור איז נישט באַרעכטיקט זיך אָפּצוזאָגן פון היסטאָרישן רעכט פון יידישן פאָלק אויף זיין פאָטערלאַנד, וואָס געהערט צו אַלע קומענדיקע דורות ווי צו דעם דור. ער האָט געזאָגט: ער איז איבערצייגט אַז דאָס יידישע פאָלק, ווי אַזוינס, וועט נישט אָננעמען קיין שום לעזונג וואָס איז קעגן דער יידישער טראַדיציע. אויב דאָס פאָלק וועט עס טאָן, איז נאָך פריצייי־

טיק צו זאָגן וואָס דער ארגון וועט טאָן. ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז דער ארגון דערציט זיין יוגנט אויף טרייהייט צו פּרינציפּן. פון פּרינציפּן זאָגט מען זיך נישט אָפּ צוליב אָפּאָרטוניסטישע טעמים.

ס׳איז געשטעלט געוואָרן אַ פראַגע דעם מפקד, צי ס׳איז אמת אַז דער ארגון האָט נישט קיין שטיצע פון יידישן פאָלק.

— ווי וואָלטן מיר געקענט קעמפן, ווען דאָס וואָלט געווען אמת, נעמענדיק אין אַכט די ריזיקע צאָל פון בריטישן מיליטער און פּאָליציי, וואָס געפינט זיך דאָ? מיר זענען איבערגעצייגט, אַז מיר מוזן קעמפן. אַנדערש וועט דאָס יידישע פאָלק פאַרטיליקט ווערן. מיר זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע קעמפערס און האָבן נישט קיין פאַרגעניגן פון שיסן און ווערן געשאָסן. געדענקט, מיר האָבן פאַרלוירן זעקס מיליאָן נפשות און יידישע לעבנס זענען אונדז טייער. אָבער דער ציל פון אונדזער קריג איז נישט צו דערלאָזן די פולע פאַרשקלאַפונג פון פאָלק און זיין פאַרניכטונג.

דער קאָמענדאַנט האָט אַגב מודה געווען, אַז דער קאַמף פון ארגון איז גורם שווערקייטן דער יידישער באַפעלקערונג — הויז־אַרעסטן, באַגרענעצונגען, רעפּרעסיעס אד״ג. אָבער די ליידן זענען אַן אינטעגראַלער טייל פונעם געראַנגל פאַר זעלבשטענדיקייט.

ס׳איז נישטאָ קיין ספק, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון יידישן פאָלק סימפּאַטיזירט מיטן געראַנגל. ווען די יידן האָבן נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן זייער הילף פאַרן ארגון — און נישט אָפט האָט זיך געמאַכט אַזאַ געלעגנהייט — האָבן זיי עס געטאָן.

דער קאָמענדאַנט האָט באַרירט אַ יורידישן פּונקט טענהנענדיק אַז אַפילו לויטן מאַנדאַט איז נישטאָ קיין רעכט צו האַלטן בריטישע מיליטער־געריכטן אין ארץ־ישראל. אָבער דער פּונקט ענדערט נישט די זאַכלאַגע אין דער פראַגע פון קאַמף, וועלכער וועט פאַרגעזעצט ווערן, אַפילו ווען די מיליטערישע געריכטן וועלן ליקווידירט ווערן. דאָס פּראָבלעם דאַרף אינטערעסירן דער קאָמיסיע.

דער קאָמענדאַנט האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מיטגלידער פון ארגון באַטראַכטן זיך ווי לעגאַלע קעמפערס; פאַרקערט, זיי האַלטן אַז די ענגלענדער געפינען זיך דאָ אומלעגאַל. ער האָט געזאָגט, אַז דער ארגון האָט פאַרלוירן אַ סך פון זיינע מענטשן אין געהרגעטע און פאַרוואונדעטע און ער נעמט עס אָן פאַר אַן אומפאַרמיידלעכן פּועל־יוצא פון זיין קאַמף. אָבער די ענגלענדער האָבן אומגעבראַכט פיר פון זייערע חברים. דער ארגון האָט צוליב דעם נישט אָפּגעשטעלט דעם קאַמף, אַדרבא, ער האָט אים נאָך פאַרשטאַרקט. „דער ארגון האָט גורם געווען שווערע פאַרלוסטן דעם שונא און דער פּרייז איז נאָך נישט באַצאָלט געוואָרן אין פולן״. נאָך דער עקזעקוציע, האָט ער באַמערקט, איז געקומען דער קאַפּיטל עכו. דאָס איז נישט געווען קיין קליינע זאַך. דער קאַמף וועט אָנגיין. דער בריטישער פאָרשלאָג, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פאַר ד״ר הו,

אַז זיי זענען גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון הענגען די ארגון־מיטגלידער, אויב דער ארגון וועט אויפהערן צו קעמפן, — דאָס איז לעכערלעכער שאַנטאַזש. „גייט קיין עכו און פרעגט די דריי צום טויט־פאַרמשפּטע יונגעלייט, צי זיי זענען גרייט צו קויפן זייער לעבן פאַרן פּרייז פון אונדזער גראַנגל. זיי האָבן מיר געשריבן, אַזוי ווי דוב גרונער האָט מיר געשריבן, אַ בריוו אין וועלכן זיי האָבן געזאָגט: „זאָל געשען וואָס ס׳וועט געשען, קעמפט ווייטער". ער האָט צוגעגעבן: „מיר אַלע זענען גרייט צו געבן אונדזערע לעבנס". קיין מיטגליד פון ארגון, האָט ער אַקצענטירט, בעט קיינמאָל נישט קיין רחמנות.

דער מפקד האָט מוסיף געווען, אַז דער ארגון איז גרייט אָפּצושטעלן דעם קאַמף אויף דער צייט וואָס די קאָמיסיע ווײַלט אין לאַנד; דער ארגון שטעלט נאָר אַ תנאי: מיר וועלן אָפּשטעלן, אויב אויך די ענגלענדער וועלן אָפּשטעלן זייערע געוואַלדטאַטן, אויפהערן פאַרהאַלטן אין מיטן ים שיפן מיט יידישע אי־מיגראַנטן, נישט אויספירן די טויט־אורטיילן, רעוויזיעס, הויז־אַרעסטן אד"ג. קיין איינזייטיק אָפּשטעלן פון דער טעטיקייט קומט נישט אין באַטראַכט.

דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג אַז די קאָמיסיע וועט גיין קיין אייראָפּע און זען די מענטשן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. פריער האָבן זיי געשמאַכט אין דייטשלאַנד און איצט אין „די באַפרייאונג־לאַגערן" — אין פאַרלויף פון זיבן־אַכט יאָר. ער האָט צוגעגעבן, אַז די לאַגערן אין אייראָפּע זענען נישט דאָס גאַנצע פּראָבלעם, עס איז נאָר אַ טייל פון דעם. אָבער זיי רעפלעקטירן דאָס פּראָבלעם אין זיין טראַגישסטער פאָרעם.

ער האָט אָפן דערקלערט: אויב די ענגלענדער וועלן הענגען די מיטגלידער פון ארגון, וועט אויך דער ארגון הענגען בריטישע סאָלדאַטן. ער איז פולשטענ־דיק איבערצייגט, אַז דער ארגון קעמפט נישט נאָר פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פאַר רעכט אויף מענטשלעכער פרייהייט.

אין אַן ענטפער אויף אַ ווייטערדיקער פראַגע האָט דער קאָמענדאַנט גע־זאָגט, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע האָט נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט מיטן ארגון. דער ארגון האָט געשיקט אַ מעמאָראַנדום צו די א מ ע ר י ק א־נ י ש ע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, אָבער נישט צו די בריטישע. ער האָט צוגעגעבן אַז אייניקע אַמעריקאַנער מיטגלידער אין דער בריטיש־אַמעריקאַני־שער קאָמיסיע האָבן געוואָלט קומען אין באַרירונג מיטן ארגון, אָבער צוליב זי־כערהייט־טעמים איז אין יענער צייט געווען אוממעגלעך זיך מיט זיי צו טרעפן.

דער מפקד האָט אונטערגעשטראָכן, אַז די שטערן־גרופּע איז אַרויס פון ארגון. זיי זענען אויך קעמפערס, האָט ער באַמערקט. די שטערן־גרופּע האָט ווי אַ זעלבשטענדיקע קערפּערשאַפט זיך באַוויזן אין 1940, אין רעזולטאַט פון אַ שפּאַלטונג וואָס איז אַנטשטאַנען אין ארגון צוליב פאַרשידענע סיבות. טייל מיי־נען, האָט ער געזאָגט, אַז די סיבה פון דער שפּאַלטונג, איז געווען די קעגנער־שאַפט פון אברהם שטערן — וועלכער איז אין יענער צייט געווען אַ מיטגליד פון

דער ארגון־קאָמאַנדשאַפט — צו דער פּראָקלאַמאַציע פון ארגון וועגן וואפנשטיל־שטאַנד, — בעת עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט היטלערן. דאָס איז נישט ריכטיק. שטערן האָט יענע פּראָקלאַמאַציע אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט די אַנ־דערע מיטגלידער פון דער קאָמאַנדשאַפט. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען אַ יאָר שפּעטער. די באַציאונגען צווישןביידע ארגונים זענען איצט גוטע. דער ארגון צבאי לאומי איז גרעסער, אָבער עס וויל נישט זאָגן, אַז ער איז בעסער.

אין ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער עווענטועלער ווירקונג אין דער צוקונפט אויף דער יידישער יוגנט, וואָס ווערט דערצויגן צו צעברעכן דאָס גע־זעץ, האָט דער מפקד געזאָגט אַז די ארגון־מיטגלידער איבן זיך צו ברעכן דאָס געזעץ פון אָקופּאַציע און אונטערדריקונג, אָבער זיי וועלן זיך געוויס פרייען צו בעמען אויף זיך דעם יאָך פון די געזעצן פון אַ יידישער מדינה.

דער מפקד האָט געפרעגט, צי ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז די קאָ־מיסיע זאָל אָננעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פאָדערונג פון ארגון צו דער קאָמיסיע, אַז די דריי צום טויט־פאַרמשפּטע זאָלן דערשיינען פאַר דער קאָ־מיסיע. ה׳ סאַנדסטראָם האָט געענטפערט אָפן: „ס׳איז דאָ אַ זייער שוואַכע מעגלעכקייט. מיר האָבן שוין געטאָן אַלץ וואָס מיר האָבן געקענט. מ׳וועט דאָך אונדז קענען פרעגן, פאַרוואָס זענען דווקא זיי די פּאַסיקסטע כדי צו באַווייזן אַז אין די תפיסות עקזיסטירט טעראָר״.

דער קאָמענדאַנט האָט געענטפערט, אַז ס׳רעדט זיך נישט וועגן די באַ־דינגונגען, וועלכע הערשן אין די טורמעס און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן; עס גייט נאָר וועגן פייניקונגען און וועגן מאָרדן פאַרוווּנדעטע געפאַנגענע. די דריי זענען אַליין געפייניקט געוואָרן און זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן ווי מ׳האָט געפייניקט אַנדערע. לויט זיין מיינונג דאַרף זיך די קאָמיסיע מיט דעם באַשעפטיקן, ווייל ס׳איז איר פליכט צו פאָרשן אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ארץ־ישראל פראַגע. אָט די דריי קענען דער־ציילן וועגן פאַרוווּנדעטע, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן ליגנדיק אין יסורים אויף דער ערד, וועגן אַנדערע וועלכע זענען געשטאָרבן, ווייל מ׳האָט זיי נישט געגעבן קיין מעדיצינישע הילף, אפילו נישט אַביסל וואַסער. און פאַר דער אינ־טערווענץ איז שוין דאָ אַ פּרעצעדענט פון אַן אונ״אָ־קאָמיסיע. די קאָמיסיע אין גריכנלאַנד האָט איינגעלאַדן גריכישע אויפשטענדלער, פאַראורטיילטע צום טויט, אויפצוטרעטן פאַר איר אַלס עדות.

ביים סוף פון דער זיצונג האָט דער פאָרזיצער דערמאָנט וועגן דעם הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן ביים אָנהויב פון דער זיצונג, אַז פאַרלויפיק זאָל גאָרנישט פאַרעפנטלעכט ווערן וועגן דער באַגעגעניש. דער קאָמענדאַנט האָט געענטפערט: „דער ארגון האַלט שטענדיק וואָרט. פרעגט די ענגלענדער. זיי האָבן געהאַט דערפאַרונג״. ער האָט אַלנפאַלס מסכים געווען אַז אין אַ שפּע־טערדיקן טערמין וועט דער פאָרזיצנדער קענען, אויב ער וועט געפינען פאַר

נויטיק, פאַרעפנטלעכן וועגן דער באַגעגעניש דעם אינהאַלט פון די נאָטיצן, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן בעת דער זיצונג, בתנאי אַז ס'זאָל אים גע־געבן ווערן אַ געלעגנהייט דורכצולייענען די נאָטיצן איידער זיי וועלן פאַר־עפנטלעכט ווערן. דער פּאָרזיצער האָט געגעבן זיין הסכמה צו דער ביטע".

ג.

די אומאָפיציעלע רעזומע פון דער באַגעגעניש איז נישט פאַרצייכנט גע־וואָרן אין פּראָטאָקאָל. דער ריכטער סאַנדסטראָם האָט געזאָגט:

— איך באַדויער, וואָס די אַנדערע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן נישט געקענט הערן אייערע רייד. מיר וועלן זיי איבערגעבן אַלץ, וואָס מיר האָבן געהערט, אָבער ס'איז שטענדיק פאַראַן אַן אונטערשיד אין זין פון הש־פּעה צווישן רייד, וועלכע ווערן איבערגעגעבן דירעקט און צווישן די וועלכע ווערן איבערגעגעבן דורך אַן אַנדערער פּערזאָן.

ד"ר הו האָט געזאָגט:

— אויף ווידערזען אין זעלבשטענדיקן ארץ־ישראל!

דער האַרציקסטער איז געווען ד"ר ראַלף באַנטש. דריקנדיק שטאַרק מיין האַנט האָט ער געזאָגט זייער גערירט און מיט נאָכדרוק: „איך קען אייך פאַר־שטיין. איך בין אויך אַ מיטגליד פון אַ גרעודפּטער מינדערהייט"!

קאַרטער דאַווידסאָן איז געווען גליקלעך. קאָנקורענץ צווישן זשורנאַליסטן איז, ווי באַקאַנט, זייער שאַרף, און דעם אָוונט האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון „אַסאָשייטעד פּרעס" איבערגעשטיגן זיין פריינד נומער 1, דעם „יונייטעד פּרעס" און זיינע אַנדערע פאַך־קאָלעגן מיט שיקן אינפאָרמאַציעס צו די מיליאָ־נען נייגעריקע לייענערס. אַ קליייניקייט, אַזאַ סענסאַציע! אָפיציעלע פאַר־שטייער פון די פאַראייניקטע פעלקער באַגעגענען זיך געהיים מיט די עמיסאַרן פון יידישן אויפשטאַנד, און קאַרטער איז דער איינציקער זשורנאַליסט וואָס האָט געוווסט וועגן דער טרעפונג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין איר און וועט, דער ערשטער, קענען טעלעגראַפירן וועגן איר גאַנג.

אָבער אימיצער האָט צעשטערט זיין שמחה און צונישט געמאַכט דאַוויד־סאָנס דערגרייכונגען. ער איז געווען אָנשטענדיק און געהאַלטן סוד. מיר האָבן צוגעזאָגט גאָרנישט צו פאַרעפנטלעכן איידער די קאָמיסיע וועט אָנקומען אין זשענעוו. מיר האָבן, פאַרשטענדלעך, געהאַלטן אונדזער צוזאָג. אָבער מיר זענען געווען הילפסלאָז ווען דער „סוד" געפינט זיך אויך ביי מענטשן מחוץ דעם אונטערגרונט. נאָך אין דער זעלביקער נאַכט פון צוזאַמענטרעף איז עס גע־וואָרן אַ „סוד פאַר גאַנץ בראָד". איינער פון דריי באַטייליקטע אין דער באַ־געניש — כ'ווייס נישט זיכער, צי דאָס איז געווען דער ריכטער סאַנדסטראָם, אָדער ד"ר הו — האָט דערציילט אין קאַפע פילץ אין תל־אביב, וועגן צוזאָ־

מענטרעף איינעם פון די קאָמיסיע־מיטגלידער. דער מענטש איז וואַרשיינלעך געווען אַן אָנהענגער פון אַרטור קעסטלערס טעאָריע וועגן נוצלעכער דיפּלאָמאַטישער אַרבעט: ער האָט געטרונקען. אָבער טרינקענדיק האָט ער דווקא אויפגעהערט צו זיין אַ דיפּלאָמאַט און האָט אויסגעפּלוידערט וואָס ער האָט געהערט וועגן דער אומגעוויינלעכער טרעפונג. די פלינקע זשורנאַליסטן, קאַרטער דאווידסאָנס קאָנקורענטן, האָבן געהערט און געשיקט לאַנגע טעלעגראַמעס. דער קאָרעספּאָנדענט פון „אַסאָשייטעד פּרעס" האָט אנשטאָט צו באַקומען דעם געהאָפטן קאָמפּלימענט פאַר פלינקייט, באַקומען פון זיין דירעקטאָר אַ טעלעגראַמע מיט אַ פראַגע: סטייטש? אַזאַ זאַך איז געשען אין ארץ־ישראל און דו האָסט גאַרנישט געוווסט דערפון?

קאַרטער איז געלאָפן צו סאַנדסטראָמען און אים געשטעלט „אַן אולטימאַטום": אָדער די קאָמיסיע וועט פאַרעפנטלעכן אַ קאָמוניקאַט וואָס לייקנט אָפּ די גאַנצע געשיכטע מיט דער טרעפונג, אָדער ער, דאַווידסאָן, וועט אויטאָריזירט ווערן צו פאַרעפנטלעכן פולע פרטים, אָט די פרטים וואָס נאָר ער האָט זיי געוווסט. סאַנדסטראָם האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעוויילט די ערשטע מעגלעכקייט. סאַנדסטראָם האָט זיך געהאַט זיינע סיבות מסכים צו זיין צו פאַרעפנטלעכן אַן אָפיציעלע הכחשה. כל־זמן ער איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער זיך גערדאַרפט טרעפן מיט אַ סך ענגלענדער. ער האָט צוגעזאָגט מיינע חברים נישט איבערצוגעבן קיין שילדערונג און קיין פרט וועגן מיין אויסזען. ער האָט געוווסט, אַז מיר האָבן זיך באַצויגן צו אים מיטן פולסטן צוטרויען. כ'האָב מיט אים גערעדט פנים אל פנים און אים אויסגעזאָגט מיין נאָמען. דעריבער האָט ער זיך נישט געוואָלט שטעלן אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע לגבי די בריטישע באַאַמטע. ווען ער וואָלט, אפילו מיטן שווייגן, באַשטעטיקט די באַגעגעניש, וואָלטן די ענגלענדער זיכער אים געשטעלט פראַגן: ווי זע איך אויס? צי דערקענט מען אין מיין פנים סימנים פון אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע? וואָס פאַר אַ פאַרב האָר איך האָב איצט? סאַנדסטראָם וואָלט זיכער נישט געענטפערט אויף די פראַגן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט געשטעלט ווערן אין אַ שווערער לאַגע. דעריבער האָט דער גריכישער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע באַקומען אַן אויפטראַג אויף צו מאָרגנס צו פאַרעפנטלעכן אַ העפטיקע הכחשה פון אַלע „באַבע־מעשיות" פון דער פרעסע וועגן דער באַגעגעניש צווישן סאַנדסטראָמען און די פאַרשטייער פון ארגון צבאי לאומי.

מיר האָבן געשוויגן. אונדזער לאַגע איז געווען פונקט אַזאַ באַקוועמע ווי פון די פאַרשטייער פון אונ"א. מיר זענען געווען אין אונטערגרונט. זיי זענען געווען אין האָטעל „קדימה". דאָס לעבן אין אונטערגרונט איז נישט קיין לייכטס. אָבער זייענדיק אין אונטערגרונט האָבן מיר געקענט שווייגן ווויפיל ס'האַרץ האָט געגלוסט.

נאָר קאַרטער דאווידסאָן האָט געקענט געפינען אַ נחמה נישט נאָר אין

ז'ער העפטיקער הכחשה פון ריכטער סאנדסטראָם, נאָר אויך אין כעס פון די ענגלענדער ווען ער האָט נישט ליב געהאַט. און די בריטן זענען געווען זייער בייז פון דער באַגעגעניש צווישן די דעלעגאַטן פון דער אונ"א־קאָמיסיע און די „טעראָריסטן". אין פּאַרלאַמענט און אין לאָרדן־הויז האָבן פאַרשידענע רעדנער זיך געבייזערט אויפן קול:

— ס'טייטש? מיר זוכן אים (דאָס הייסט מיך, און נישט סאנדסטראָמען) שוין פינף יאָר ווי מיט ליכט און ס'איז אונדז נישט געלונגען אפילו צו קומען אויף זיינע שפורן, און דער פאָרזיצנדער פון דער אונ"א־קאָמיסיע האָט אים געפונען אַן שוועריקייטן.

ווען כ'האָב געלייענט די דראַמאַטישע רייד, האָב איך שטאַרק רחמנות געהאַט אויפן באַרימטן בריטישן אינטעליגענס. טאַקע, ווי האָב איך עס געוואָגט זיך נישט צו לאָזן כאַפּן פינף יאָר נאָכאַנאַנד? ווי האָב איך געוואַגט אין אונטערגרונט אויפצונעמען סאנדסטראמען, הו'ן און באנטשן און נישט „אויפגענומען" צו ווערן דורך בארקער, גערני און דזשיילס? ממש אַן אינטערנאַציאָנאַלער סקאַנדאַל!

ד.

צו אַ צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן סקאַנדאַל האָבן מיר גורם געווען ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די דרום־אַמעריקאַנישע מיטגלידער פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע, מיט ד"ר גראנאדאס, גוואטעמאלאס פאָרטרעטער און ד"ר פאַברעגאַט, דעם אורוגווייער פאָרטרעטער. די טרעפונג איז געווען זייער אַ האַרציקע. פאַברעגאַט און גראנאדאָס זענען אונדז געווען ווי „וואָפן־ברידער". ביים אָנהויב פון געשפּרעך האָבן זיי ביידע דערציילט וועגן זייער לעבן אין אונטערגרונט און אין גלות, אין דער צייט ווען זיי האָבן באַקעמפט דעם טיראַנען־רעזשים אין זייערע לענדער. גראנאדאס איז אַן אייניקל פון איינעם פון די גוואטעמאלער נאַציאָנאַלע העלדן. אַרום דעם מאָנומענט פון גראנאדאסעס זיידן קומען יעדעס יאָר פאַר פאָלקס־מאַניפעסטאַציעס. אָבער ס'איז געווען אַ צייט, אַז דעם אייניקל פון באַפרייער האָט געדראָעט אַ טויט־אורטייל מצד די הערשער פון פאָלק, וועמען דער זיידע האָט געהאָלפן באַפרייען. און ד"ר גראנאדאס האָט געמוזט שפּרינגען פון הויז צו הויז כדי צו אַנטלויפן פון טויט. נאָך לאַנגע יאָרן פון ליידן האָט ער זוכה געווען צו אַ רעזשים־ענדערונג, און ער איז נאָמינירט געוואָרן ווי דער אַמבאַסאַדאָר פון זיין לאַנד אין אַמעריקע און פאָרשטייער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. גראנאַדאס איז דירעקט באַאיינפלוסט געוואָרן דורכן יידישן באַפרייאונג־קאַמף. אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון זיין חבר האָט ער אונדז געזאָגט: „אייער קאַמף האָט דעראָבערט אונדזער האַרץ. מיר האָבן זיך איבערגעצייגט אַז ארץ־יש־

ראל איז ווירקלעך אייער פאַטערלאַנד. איר קעמפט פאַר איר. איר שטאַרבט פאַר איר. דאָס פאַרשטייען מיר. מיר זענען אויך געווען קעמפערס. מיינט נישט אַז ערשט נאָכדעם ווי מיר זענען אָנגעקומען אין ארץ־ישראל האָבן מיר אויסגעאַרבעט אונדזער מיינונג. ניין. אונדזער שטעלונג האָבן מיר אָנגענומען נאָך איידער מיר זענען געקומען צו אייך. מיר האָבן געלייענט וועגן גרונערן״.

ס׳איז זיכער אַז ס׳איז אויך געווען אַן אַנדערע סיבה פאַר דער שטיצע פון גוואַטעמאַלאַס פאַרטרעטער אין אונדזער קאַמף. ענגלאַנד איז נישט באַליבט אויפן דרום־אַמעריקאַנישן קאָנטינענט, וואָס האָט זיך אין משך פון דורות געפונען אין אַ צוואַנג פון בריטישע מאָנאָפּאָלן. די קליינע גוואַטעמאַלאַ האָט אַ באַזונדערע סיבה נישט ליב צו האָבן ענגלאַנד: אַ בריטישע קאָלאָניע, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינט אין מערבדיקן האַלב־קויל, האָט אַריינגעשטעקט אירע ציינער אין גוף פון גוואַטעמאַלישן שטח. גאָט האָט אונדז געהאָלפן אויך פון האָנדוראַס.

אויך פאַברעגאַט איז געווען אַ נאַטירלעכער פריינד פון אונדזער זאַך. לאַנגע יאָרן איז ער געווען אין גלות אין בראַזיל, ביז ער האָט זוכה געווען צו זען די פּרוכט פון זיין מי און ליידן. די קליינע אורוגוויי, ווי כ׳האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, איז איינע פון די פרייסטע לענדער אויף דער וועלט. דער סיסטעם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן דורכן גרויסן פּרעזידענט באַטזשע אי אָרדאָניעז, איז פון די פאָרגעשריטענסטע אין דער וועלט. גרויסע נאַציעס האָבן געקענט לערנען פון דעם קליינעם פאָלק, וועמען גאָט האָט אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון „זילבערנעם טייך״ און באַשענקט מיט „אַ גאָלדן האַרץ״. דער באַפרייער פון אורוגוויי, אַרטיגאַס, שטייט אין דער ריי פון די גרויסע קעמפער פאַר דרום־אַמעריקעס באַפרייאונג: סאַן־מאַרטין, באָליוואַר, טירדענטס, אָהיגענס. נאָר ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די שילער אין ענגלאַנד לייענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין זייער אָפיציעלן היסטאָריע־בוך וועגן „דעם הויפּט פון דער רויבער־באַנדע״ אַרטיגאַס... פון מאָנטעווידעאָ ביז תל־אביב האָבן די מאַק־מילאַנס איין לעקסיקאָן.

די דרום־אַמעריקאַנישע פעלקער פאַרשטייען צו ליבן און צו האָסן. זיי זענען ברייטהאַרציק, גוטמוטיק, אָלע זענען גאַסטפריינדלעך. אונדזער אַנטי־ענגלישער קאַמף אין ארץ־ישראל און זיין גרויסער אָפּקלאַנג איבער דער וועלט, וואָס איז דערגאַנגען אפילו צו יעדן פאַסטוך־בײדל, האָט אויך ביי זיי אויפגעוועקט זכרונות פון די צייטן פון זייער אויפשטאַנד קעגן מאַדריד און קעגן די ענגלענדער. די דרום־אַמעריקאַנישע פעלקער האָבן זיך צו אונדזער אויפשטאַנד באַצויגן מיט נישט־באַהאַלטענער סימפּאַטיע. כ׳האָב עס געזען ווען כ׳האָב באַזוכט זייערע לענדער. כ׳האָב עס געהערט פון גראַנאַדאָסן און פאַבּרעגאַטן, וועלכע האָבן אונדז דערציילט וועגן זייערע נסיונות און געראַנגל.

ד״ר גראַנאַדאָס האָט אויף אונדז געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אויסגע־

שפראַכענעם פּאָליטישן קעמפער. פּאַברעגאַט איז אַ הומאַניסט אין העכסטן זין. ער האָט מיך טיף גערירט ווען ער האָט געפרעגט וואָס מאַכן אונדזערע קינדערלעך אין נתניה, די וואָס האָבן דעמאָלט געשמאכט אונטערן קריגס־צו־שטאַנד.

— צי הונגערן נישט די קינדער אין נתניה? צי באַקומען זיי מילך?

איך גלויב, אַז קינדער־ליבע איז אַ מאָס פאַר מענטשן־ליבע. אין זיינע אויספאָרשונגען אין ארץ־ישראל און אייראָפּע האָט פּאַברעגאַט קודם־כל גע־זען די קינדער. ער איז אַ הומאַניסט.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין וואַרעמען הויז פון אונדזער פריינד ישראל וואקס. יואל האָט ווידער געמאַכט די געוויינלעכע „הקפות" איבער די גאַסן פון תל־אביב, איידער ער האָט געבראַכט די געסט אין איינעם פון די „געהיימע קנייפּעס" פון אונטערגרונט, וואָס זענען סך־הכל געווען פּשוטע צי־מערן, אויסגעבאָרגט דורך מוטיקע בירגער און פריינד. די אַטמאָספער האָט נישט געהאַט אין זיך די „אָפיציעלקייט", מיט וועלכער ס'האָט זיך אויסגע־צייכנט, מינדעסטנס אין ערשטן טייל, די באַגעגעניש מיט סאַנדסטראָמען. גראַנאַדאָס האָט גערעדט אויך פאַר זיין חבר. פּאַברעגאַטן איז אָנגעקומען שווער צו רעדן ענגליש. זיינע באַגייסטערטע ווערטער, געזאָגט אין דער שפראַך פון סערוואַנטעס, פלעגט גראַנאַדאָס איבערזעצן אין אַ גלענצנדיקן ענגליש. אַלעקס און שמואל זענען געווען מיט מיר; שמואל האָט, צייטנווייז, געדאַרפט רעדן פאַר אונדזביידע.

מיט גראַנאַדאָסן האָבן מיר געהאַט אַ פּאָליטישן וויכוח. כ'האָב געפּרוווט אים איבערצייגן, אַז ער און פּאַברעגאַט דאַרפן, אַלס פריינד פון אונדזער פאָלק, פאָדערן נישט נאָר די ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט — דאָס איז פאַר זיי געווען קלאָר — נאָר אַז גאַנץ ארץ־ישראל זאָל ווערן אַ יידישע מדינה. די אַראַבער און די ענגלענדער — האָב איך געזאָגט — האָבן אין דער קאָמיסיע אומאָפיציעלע פאַרטרעטער; אונדזער פאָלק האָט דאָרט נישט קיין פאַרטרעטונג. איר, פריינד פון יידישן פאָלק, וועלכע באַהאַלטן נישט אייערע געפילן, דאַרפט אַנטקעגן דער פאָדערונג אַז ארץ־ישראל זאָל זיין אַראַביש אָדער בריטיש, שטעלן די פאָדערונג אַז דאָס לאַנד זאָל זיין יידיש. זאָל כאָטש דורכן מויל פון איינעם אָדער צוויי פון די אינטערנאַציאָנאַלע רע־פּרעזענטאַנטן געהערט ווערן אונדזער גערעכטע פאָדערונג.

גראַנאַדאָס האָט געענטפערט, אַז ער קען נישט צוזאָגן, אַז ער וועט דער־פילן אונדזער בקשה. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט אַן איינדרוק אַז די מערהייט פון דער קאָמיסיע איז געניגט צו פאָדערן די אַנולירונג פון דער בריטישער הערשאַפט. אָבער די קאָמיסיע מוז זיך רעכענען מיטן פאַקט, אַז אין ארץ־ישראל עקזיסטירן אַראַבער. די קאָמיסיע קען נישט זיין „איינזייטיק". אַ חוץ דעם האָט גראַנאַדאָס געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז ס'וועט זיין מאָדנע

אויב פּאַברעגאַט און איך וועלן פאַדערן מער פון דעם וואָס עס פאַדערט הער שערטאָק. און איר ווייסט דאָך אַזוי ווי מיר, אַז די יידישע אַגענץ שלאָגט פאַר די צעטיילונג פון לאַנד.

אַלעקס, שמואל און איך האָבן נאָך געפּרוווט זיך צוריקקערן צו דעם פּונקט. מיר האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען נישט באַפולמעכטיקט צו רעדן אין נאָמען פון דער אַגענץ, אָבער ס׳דאַכט זיך אונדז, אַז אויך זי וועט נישט קוקן מיט אַ קרום אויג אויף אַ פאָרשלאָג פון קאָמיסיע־מיטגלידער צו שאַפן אַ יידי־שע מדינה אין גאַנץ ארץ־ישראל. אונדזערע אַרגומענטן זענען געווען אומ־זיסט. גראַנאַדאָס האָט וואָס אַן אמת נישט אַרויסגעוויזן קיין באַגייסטערונג פאַר אונדזערע אַפּיציעלע פירער און ר׳האָט נישט געקאַרגט קיין שטעכעדיקע באַמערקונגען אויפן חשבון פון יעדן פון זיי, אָבער אין דער פראַגע האָט ער זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט זייער מיינונג. און מיר האָבן אין האַרצן געמוזט מודה זיין, אַז מיט זיין לעצטן אַרגומענט האָט גראַנאַדאָס אונדז אַרויסגעריסן דעם באָדן פון אונטער אונדזערע אַלע אַנדערע אַרגומענטן. אמת! אַ פרעמדער פאַרשטייער, אפילו אַ פריינד, קען דאָך נישט פאַדערן פאַר אַ פאָלק מער ווי עס פאַדערט דער פאַרשטייער פון געגעבענעם פאָלק. דער זעל־ביקער ווייטיקלעכער קאַפּיטל האָט זיך איבערגעחזרט אַ פּאָר חדשים שפּעטער ביי דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אונ״א, מיט צאַראַפּקינען. דאָ איז געלעגן דער שליסל צו פיל אַנטוויקלונגען פון ארץ־ישראל אין אונדזער דור...

אַן אומעטיקער און האַרציקער גערייד האָט זיך געפירט צווישן אונדז וועגן אונדזערע דריי צום טויט פאַראורטיילטע סאָלדאַטן. גראַנאַדאָס האָט דערציילט וועגן די באַמיאונגען וואָס ער און פּאַברעגאַט האָבן אונטערגענומען צו באַוועגן די קאָמיסיע צו אַ טאַט לטובת די פאַרמשפּטעטע. מיר זענען געווען זייער דאַנקבאַר די צוויי גוטע מענטשן און איך האָב עס האַרציק געבראַכט צום אויסדרוק. זיי האָבן געזאָגט, אַז ס׳קומט זיי נישט קיין דאַנק. זיי האָבן נאָר דערפילט זייער מענטשלעכע פליכט. און בעצם, האָבן זיי צוגעגעבן, זענען מיר אייך שולדיק אַ דאַנק דערפאַר, וואָס מיר געפינען זיך היינט אין ארץ־ישראל. אַ יידישער בירגער האָט אונדז דערקלערט, אַז ער איז נישט אין כעס אויף די צרות וואָס דער אונטערגרונט האָט אים גורם געווען מיט זיינע אַק־ציעס, ווייל אַלץ איז דאָך סוף־כל־סוף צוליב זיי און טאַקע אַ דאַנק די אויפ־שטענדלער איז אַנטשטאַנען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע. מיר מיינען, אַז אייער בירגער איז געווען גערעכט. פּאַברעגאַט האָט אגב געבעטן, אַז זיין חבר זאָל אונדז פאַרטייטשן זיינע רייד:

— איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו אַן אויפנאַמע ביים מיליטערישן קאָ־מאַנדיר גענעראַל מאַק מילאַן. אָבער איך האָב צוויסן געגעבן אַז כ׳וועל נישט קומען. — צוליב די אורטיילן... — האָט דערקלערט דער איידעלער מאַן.

דער גוטער פאַברעגאַט! יידישע מנהיגים האָבן זיך נישט נוהג געווען אַזוי אין שייכות מיט די יוסטיץ־מאָרדן מצד די פאַרשקלאַפער.

דאָס אָנקומען פון יואלן, וועלכער האָט געהאַט די השגחה איבער די „הקפות", האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. מיר האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט. מיר האָבן געדריקט איינער דעם אַנדערן די האַנט מיט פיל וואַרעמקייט. פרייהייט־קעמפער האָבן געשמועסט מיט פרייהייט־קעמפער. אויפן שוועל האָט זיך גראַנאַדאַס צו מיר געווענדן מיט אַ פרעג:

— איך בעט דיך אונדז צו זאָגן, מיט וועמען מיר האָבן געהאַט דעם כבוד זיך צו טרעפן היינט אָוונט? מיר ווייסן, מיר האָבן גערעדט מיטן פאַרשטייער פון ארגון צבאי לאומי, אָבער מיר וואָלטן געוואָלט זיין זיכער אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט די קאָמפּעטענטע רעפּרעזענטאַנטן פון „ארגון".

די בקשה איז געווען באַרעכטיקט. ביים אָנהייב פון געשפּרעך, ווען מיר האָבן באַגריסט אונדזערע געסט, האָבן מיר זיי נישט געזאָגט ווער מיר זענען. נישט ווייל מיר האָבן געהאַט ווינציקער צוטרוי צו די פאַרטרעטער פון גוואַטעמאַלאַ און אורוגוויי ווי צום פאָרזיצענדן פון דער קאָמיסיע און זיינע באַגלייטער. כ'האָב געמיינט אַז יואל האָט פריער צוויסן געטאָן אונדזערע געסט, אַז איך וועל מיך באַטייליקן אין דער טרעפונג. די נעמען פון מיינע חברים האָט מען סיי ווי סיי נישט געקענט אויסזאָגן צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים.

ווייזט אויס, אַז יואל האָט שטרענג מקפיד געווען אויף די קאָנספּיראַציע־געזעצן. אַ פאַקט איז, אונדזערע געסט האָבן די גאַנצע צייט פון שמועס נישט געוווסט מיט וועמען זיי רעדן. דער קלוגער גראַנאַדאַס האָט געפּרוווט זיין מזל. ער האָט מסתמא אָנגענומען, אַז דער ראש איז אַלעקס, דער עלטסטער פון די באַטייליקטע אין געשפּרעך. יעדעס מאָל ווען מיר האָבן אָנגעצונדן סיגאַרעטן האָט גראַנאַדאַס, מחמת העפלעכקייט, דערלאַנגט פייער אַלעקסן. אָבער אַלעקס, וואָס איז אין דער יוגנט געווען אַ מיטגליד פון אַן אַקאַדעמישער קאָרפּאָראַציע, פלעגט אַרויסנעמען דעם סיגאַרעט פון זיין מויל און די שוועבעלעך פון גאַסטס הענט און האָט דערלאַנגט פייער גראַנאַדאַסן, נאָכדעם מיר, פון מיר צו שמואלן און צום סוף אַליין אָנגעצונדן זיין סיגאַרעט. די אַלע „רעווערענסן" האָבן אויך געקענט זיין העפלעכקייט־זשעסטן, אָבער אַלעקס האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז גראַנאַדאַס „טאַפּט דעם באָדן" און ער איז נאָך נישט דערגאַנגען „צום גרונט".

כ'האָב נישט געזען קיין סיבה אויסצובאַהאַלטן פון גראַנאַדאַסן און פאַברעגאַטן דאָס וואָס מיר האָבן אויסגעזאָגט סאַנדסטראָמען, כאָטש ד"ר הו האָט פריינטלעך אונדז געראָטן צו זיין אַביסל פאָרזיכטיק מיט די דרום־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע־מיטגלידער, ווייל זיי זענען „פּלוידערער".

איך האָב גראַנאַדאַסן געענטפערט:

— די נעמען פון מיינע חברים קען איך אייך נישט אויסזאָגן און זייערע

פסעוודאָנימען וועלן אייך אַ סך נישט זאָגן. מיין נאָמען איז סיי ווי באַקאַנט, דעריבער וועל איך אים נישט פאַרהוילן פון אייך.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך איבערצייגט, אין וואָס פאַר אַ מאָס אַן אונטערגרונט צינדט אָן די פאַנטאַזיע פון מענטשן. ווען כ'האָב גראַנאַדאָסן געזאָגט מיין נאָמען, האָט ער זיך צוריקגעצויגן און געזאָגט אויפן קול, כמעט אין אַ געשריי: אַזוי, דו ביסט עס דער מאַן! איך בין צעמישט געוואָרן צוליב דעם דערשטוינענדיקן רושם פון אונדזער גאַסטס איבערראַשונג און כ'האָב אויך געלאַכט.

פאַברעגאַט האָט נישט געלאַכט און אויך גאָרנישט געזאָגט. ער האָט ווי אַן עלטערער ברודער מיך צוגעדריקט צום האַרצן און אַ געררירטער געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אין זיין מוטער־שפּראַך. נאָך דעם זענען מיר אַלע געשטאַנען ווי אין קרייז פון חברים און האָבן זיך אַרומגענומען איינער דעם אַנדערן. איך האָב געזאָגט:

— מיר זענען וואָפן־ברידער. אַלע פרייהייט־קעמפער אין דער וועלט זע־נען איין משפחה.

ה.

אין די טעג פון דער קאָאָפּעראַציע צווישן דער יידישער אַגענץ און דער בריטישער מאַכט קעגן ארגון צבאי לאומי, האָב איך אין דער פינצטערניש פון געררודפטן אונטערגרונט מיך געטראָפן מיט אַרטור קעסטלערן, דעם באַ־קאַנטן שרייבער. ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל זיך צו באַקענען פון דער נאָענט מיט די געשעענישן און זאַמלען מאַטעריאַל פאַר זיינע ביכער. קעסט־לער האָט זיך געוואָלט באַלד שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן אונטערגרונט. ער האָט זיך געטראָפן מיט נתן פרידמאַנען און האָט אַרויסגעוויזן אַ געוויסע עקשנות אין זיין פאָדערונג צו שמועסן מיט מיר.

איך בין דעמאָלט געווען ישראל סאַסאָווער. מיר זענען געווען פאַרפאָלגט סיי דורך די ענגלענדער און סיי דורך די יידן. מיר זענען געווען געצוווּנגען אָפּ־צוהיטן אַן אויסערגעוויינלעכע פאָרזיכטיקייט. דעריבער האָבן מיינע חברים גע־צווייפלט צי אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז בכלל כדאי זיך צו טרעפן מיט קעסטלערן. מ'האָט אונדז דערציילט, אַז ער פאַרברענגט אַ סך אין דער געזעל־שאַפט פון בריטישן „היי־לייף". די אינפאָרמאַטאָרן האָבן נישט געהאַט קיין פאַרדאַכט אויף קעסטלערן. מ'האָט נאָר מורא געהאַט טאָמער וועט ער בלאַ־יודעים דערציילן דער „חברה" נישט נייטיקע זאַכן. ווענדליק דער עצה פון די חברים איז באַשלאָסן געוואָרן קעסטלערן העפלעך מיטצוטיילן, אַז צו אונדזער באַדויערן קען דער צוזאַמענטרעף נישט צושטאַנד קומען. אָבער קעסטלער האָט

זיך נישט לייכט אָפּגעזאָגט פון מאַטעריאַל פאַר „פּאָליטישער פּסיכאָלאָגיע״, און איך בין אים געקומען צו הילף.

איך בין נאַטירלעך געווען ווייניקער באַזאָרגט וועגן מיין זיכערהייט ווי עס האָבן דאָס געפילט מיינע גוטע חברים. איך האָב אָבער געהאַט אַן אינטערעס צו שמועסן מיט קעסטלערן, וועלכער האָט ליב „אַריינצוקוקן אינעווייניק״. דע־ריבער האָב איך פון זיי געפאָדערט צו מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען פאַר אַ טרעפונג מיטן אויטאָר פון „פינצטערניש אין מיטן טאָג״. די חברים האָבן מיט אַ שווער האַרץ מסכים געווען און באַשלאָסן: די באַגעגעניש וועט פאָרקומען אין דער פינצטער; מ׳זאָל נישט זען ישראל סאַסאָווערס באָרד. איך האָב גע־האַט באַווארענישן לגבי דעם באַדינג. ס׳איז נישט אנגענעם צו רעדן אין דער פינצטער. און פאַרוואָס באַליידיקן קעסטלערן? אָבער די חברים זענען באַשטאַ־נען נאָר אויפן תנאי. די אומגליקלעכע באָרד. כ׳האָב מיך אונטערגעגעבן.

קעסטלער איז געווען זייער האַרציק. ווען ער איז אַריין אין פינצטערן צי־מער, האָט ער אַ פרעג געטאָן פון דער פינצטערניש:

— מ נ ח ם ?

איך האָב געענטפערט פון דער פינצטערניש:

— יאָ. גוטן אָוונט. ביטע זיצן.

זיך זעצן, אָבער ווו געפינט מען דעם שטול אין אַזאַ אַבסאָלוטער פינצ־טערניש? אברהם און ראובן, וועלכע האָבן זיך אָריענטירט אין דער סטראַ־טעגיע פון דער פינצטערניש, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט, האָבן אונדז ביידע אַוועקגעזעצט אויף שטולן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן זעענדיק — אונ־דזערע שטימען.

קעסטלער האָט דערציילט, אַז אין די בריטישע קרייזן „וועלכע סימפּאַ־טיזירן מיטן ציוניזם״ איז מען געניגט צו דער אידעע פון „אַן איבערגאַנג־תקופה״, בעת וועלכער מען וועט נאָך דער מלחמה אַריינלאָזן אין ארץ־ישראל הונדערט טויזנט יידן. די איבערגאַנג־תקופה וועט דויערן צען יאָר און נאָכדעם — אפשר די צעטיילונג פון לאַנד. איך האָב געזאָגט קעסטלערן, אַז מיר גלייבן נישט אין „איבערגאַנג־תקופות״, פונקט אַזוי ווי מיר גלייבן נישט אין דער סימפּאַטיע מצד די „סימפּאַטיזירנדיקע קרייזן״. קעסטלער האָט נישט מסכים געווען מיט מיין אפיקורסות.

דער שמועס איז אַריבער פון טעמע צו טעמע. קעסטלער האָט געפרעגט, צי מיר האָבן בדעה זיך ווייטער צו באַנוצן מיטן 3 v?

— וואָס איז דאָס 3 v? — האָב איך געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.

— דו ווייסט: אייער מאַרטאַר, וואָס ווערט באַוועגט אויף עלעקטריע און איז געפונען געוואָרן קעגן מלך־דוד־האָטעל. די ענגלענדער אין ארץ־ישראל רופן עס 3 v.

כ׳האָב געלאַכט. אמת. גידיס דערפינדונג איז געווען פון גרויסער חשי־

בות. אָבער צי דאַרפֿן מיר האָבן באַמבאַסטישע נעמען? די ענגלענדער האָבן, פֿאַרשטענדלעך, געהאַט זייער כּוונה אָנצורופֿן אונדזער מאַרטאַר מיטן נאָמען 3 'V, אָבער בעצם האָבן זיי געמיינט אונדז צו שעלטן און צום סוף האָבן זיי אונדז געבענטשט — רימענדיק דעם כּוח פֿון אונטערגרונט.

אין גאַנג פֿון געשפּרעך מיט קעסטלערן האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז מער ווי ער איז פֿאַראינטערעסירט צו הערן, איז ער פֿאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס ער האָט נישט געזען. מיר האָבן גערויכערט סיגאַרעטן. ביידע האָבן מיר אַ סך גערויכערט, אָבער אָנצינדן אַ סיגאַרעט אין יענע באַדינגונגען איז נישט געווען פֿון די פּראָסטע זאַכן. מיינע „גזלנים" האָבן באַשלאָסן, אַז די פֿינצטערניש מוז זיין אַ קאָמפּלעטע. אפילו קיין מינדעסטער שטראַל פֿון ליכט נישט פֿון דרויסן. און געוויס נישט פֿון אינעווייניק. די אומגליקלעכע באַרד. דאָס אָנצינדן דעם סיגאַרעט איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ באַזונדערן צערע־מאָניאַל פֿון „ליכט אין דער פֿינצטערניש". טאַפּנדיק אין דער פֿינצטער פֿלעג איך אַרויסגיין אין אַ נאָענטן צימער און אָנצינדן מיין סיגאַרעט. אין דעם מאָמענט פֿלעגט אברהם אָדער ראובן צוגיין צו קעסטלערן און אים אָנצינדן זיין סיגאַרעט. ווען ביידע סיגאַרעטן האָבן געברענט, האָבן מיר ווידער געזען — אונדזערע שטימען.

אָבער קעסטלער וועט זיך אַזוי לייכט נישט אָפּזאָגן פֿון מאַטעריאַל פֿאַר „פּאָליטישער פּסיכאָלאָגיע". ער האָט אָנגעהויבן רויכערן זיינע סיגאַרעטן מיט באַזונדערער ענערגיע. איין „ציי" — און אַ פֿערטל סיגאַרעט איז אויפֿגעפּרעסן געוואָרן פֿון פֿייער. דאָס האָב איך גוט געזען. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט אין „געאָ־פּאָליטישן" מצב פֿון פֿייער. זיין מי איז געווען אומזיסט. אין גרויסן פֿייער פֿון ברענענדיקן סיגאַרעט האָט ער נישט געקענט זען דעם מאַן וואָס איז אים געזעסן אַנטקעגן. פֿאַרקערט, דאָס פֿייער וואָס איז אַרויס פֿון קעסטלערס סיגאַרעטן האָט מיר דערמעגלעכט צו זען זיין שפּיץ נאָז.

ווען מיר זענען נאָך געווען אין אונטערגרונט, האָבן מיר אָנגענומען, אַז יענע באַגעגעניש מיט קעסטלערן האָט געשטאַרקט דעם קלאַנג, אַז... איך האָב מיר געמאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע אין פּנים. דער קלאַנג איז געווען זייער פֿאַרשפּרייט צווישן די ענגלענדער. איך מיין אַז זיי אַליין האָבן אים פֿאַר־שפּרייט, כּדי אַזוי אַרום צו פֿאַרענטפֿערן דעם דורכפֿאַל פֿון זייער אינטעלי־דזשענס־סערוויס. אויב איך האָב מיט אַן אָפּעראַציע־מעסער געענדערט מיין אויסזען, זענען זיי דאָך נישט שולדיק וואָס מ'האָט מיך נישט געקענט כאַפּן.

יעקב מערידאָר האָט נאָך מער געשטאַרקט די השערה פֿון די ענגלענדער. דער אינטעלידזשענס־אָפֿיציר, וועלכער האָט אים געפֿאָרשט אין קאַיראָ־תּפֿיסה, האָט אים אַמאָל געפֿרעגט:

— איז אמת אַז בעגין האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע אין פּנים?

און יעקב האָט געענטפערט מיט אָפענער בהלה:

— פון וואַנען ווייסט איר עס?

באַלד האָט זיך יעקב צוריקגעצויגן און געזאָגט מיט אַ געוויסער קאָנ־סטערנאַציע:

— ניין, ניין, ס'איז נישט אמת!...

דער בריטישער אינטעלידזשענס־אָפיציר איז געווען גליקלעך. ער האָט „געכאַפּט" יעקבן. איצט ווייסט ער שוין דעם סוד. שערלאָק האָלמס!

אָבער עס ווייזט אויס, אַז קעסטלער האָט צוגעלייגט נאָך אַ ציגל צו דער בליענדיקער פאַנטאַזיע פון די ענגלענדער. פאַרשטייט זיך, ער האָט נישט געהאַט קיין פליכט און נישט קיין סיבה נישט צו דערציילן דער „חברה", ווי אַזוי איך זע נ י ש ט אויס. ער האָט זיך זיכער געוווּנדערט פאַרוואָס איך האָב מיט אים געשמועסט אין דער פינצטערניש. עטלעכע טעג פאַר דער באַ־געגעניש מיט מיר האָט ער געזען פנים־אל־פנים איינעם פון די לח"י פירערס — פאַרוואָס האָט ער מיך נישט געקענט זען? קעסטלער האָט נישט געוווּסט, אַז אין יענער צייט האָט דער ארגון צבאי לאומי געהאַט באַזונדערע סיבות, וואָס לח"י האָט נישט געהאַט, זאָרגפול אָפּצוהיטן די פאַרזיכטיקייט. ער האָט אויך נישט געוווּסט, אַז איך בין געווען אַ קאַנדידאַט (אין חלום) אויף אַן אונטער־גבאי אין שול אויף דער יהושע בן נון גאַס, און די באָרד איז געווען די איינציקע הכשר־צייגעניש צו פאַרנעמען די דאָזיקע חשובע שטעלונג, אם ירצה השם. זוכנדיק אַן ענטפער פאַר זיין רעטעניש איז ער אפשר געקומען צו דער מסקנה, אַז ס'איז פאַראַן אַן אמת אין די ידיעות באשר מ'האָט מיין נאַ־טירלעכע מיאוסקייט פאַרוואַנדלט אין אַ קינסטלעכער שיינקייט.

אין יענע טעג איז די ענגלישע פרעסע געווען פול מיט ידיעות וועגן דער „פּלאַסטישער אָפּעראַציע" אין באַבערדיקטן פנים פון ישראל סאַסאָווער. מיר זענען געווען צופרידן פון די ידיעות; זיי האָבן פאַרפירט דעם שונא. און נאָך מער זענען מיר געווען צופרידן לייענענדיק אין אַן ענגלישער פּאָפּולערער צייטונג, אַז נישט איין פּלאַסטישע אָפּעראַציע האָט מען מיר געמאַכט, נאָר — גאַנצע פיר. ווען איך בין אַרויס פון אונטערגרונט און זשורנאַליסטן — באַזונ־דערס אַמעריקאַנישע, האָבן מיך געפרעגט צי מ'האָט מיר אויף אַן אמת געמאַכט אַ פּלאַסטישע אָפּעראַציע, האָב איך זיי געמוזט ענטפערן:

— אמת. ווען די ענגלענדער האָבן געהערשט אין לאַנד, האָט מען מיר געמאַכט פיר פּלאַסטישע אָפּעראַציעס. אָבער פאַר זייער אַוועקגיין האָט מען מיר געמאַכט אַ פינפטע אָפּעראַציע, וואָס האָט צונישט געמאַכט אַלע פריערדיקע.

איך מוז בעטן אַנטשולדיקונג ביי קעסטלערן וואָס ער איז געווען געצוווּנ־גען צוויי שעה צו זיצן אין דער פינצטערניש און רויכערן סיגאַרעטן מיט באַ־זונדערער אָנשטרענגונג. כ'האָף אַז ער וועט מיר מוחל זיין, פּונקט ווי ס'האָט מיר מוחל געווען אונדזער טייערער פריינד אייוון גרייבערג, מיט וועמען איך

האָב מיך אויך געטראָפן אין דער פינצטערניש און מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן צוגעזאָגט נאָך אַמאָל זיך צו טרעפן אונטערן קלאָרן ליכט, ווען ס'וועט זיין ליכטיק אין ישראל. און ס'איז געוואָרן ליכט.

ו.

ווינטער 1947 איז קיין ארץ־ישראל געקומען קלארק באלדווין, אַ מיטגליד פון אַמעריקאַנישן קאָנגרעס, וועלכער האָט פון פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַקומען אַ פולמאַכט פאַר זיין שליחות אין ענגלאַנד און אין מיטעלן מזרח. איידער ער איז אַנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט זיך באַלדווין געטראָפן מיטן בריטישן פּרעמיער־מיניסטער עטלי און מיט נאָך אייניקע ענגלישע מיניסטאָרן. ה' באַלדווין, וועלכער האָט זיך פריינדלעך באַצויגן צו אונדזער קריג, האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיט מיר. ווידער זענען געקומען די געווינלעכע פאַרשלאָגן וועגן „אַ פאַרהאַנג", וועגן „פינצטערניש" און ענלעכע. דאָס מאָל האָב איך מיך „צעבונטעוועט" און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצונעמען דעם אַמעריקאַנער עסקן „אין אַן אָפענעם אונטערגרונט".

די באַגעגעניש האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַלעקסעס ווױינונג. אויך אין דער דירה האָבן ענגלענדער געזוכט. בשעת דער גרויסער רעוויזיע אין תל־אביב, נאָכן אויפרייס אין האָטעל „מלך־דוד", איז געקומען אַ בריטישער פּאַטרול צום ה' „סלאמניצקי" און אים געפרעגט די באקאנטע פראגעס. „הער סלאמניצקי" איז אַרויס צו זיי אין אַ ווייסן פאַרטוך און אַ קיך־מעסער אין האַנט. די ענגלענדער האָבן דערזען פאַר זיך אַ קוכער, דאָס הייסט אַ זייער אנשטענדיקן בעל־הבית, וואָס באַשעפטיקט זיך אין די פרייע שעהן פון הויז־אַרעסט מיט צוגרייטן שפייז. „די אויספאָרשונג" איז געווען זייער אַ קורצע. אַלעקס האָט זיי איבערגעריסן זאָגנדיק:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, דזשענטלמענער, אָבער איך פּרעגל איצט קאַרטאָפל און זיי וועלן זיך מיר דאָרט פאַרברענען.

ווער נאָך ווי די ענגלענדער פאַרשטייען זיך אויף „טשיפּס"? די סאָלדאַטן האָבן איבערגעלאָזט דעם קוכער און זענען אַוועק. אין דעם אָרט האָט נישט קיין זין צו זוכן טעראָריסטן. זיכער. אין דער זעלביקער צייט איז אינעווייניק אין צימער געשלאָפן אַ יונגער בחור, מיד נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט. דאָס איז געווען — גידי.

אין זעלביקן צימער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אַ סך סודות, טרויער און פרייד פון אונטערגרונט, האָב איך זיך געטראָפן מיט קלאַרק באַלדווינען. צום שלימזל בין איך קראַנק געוואָרן פאַר דער באַגעגעניש. דער גאַסט האָט געדאַרפט אין אַ טאָג־צוויי אַרום פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און ס'איז נישט געווען קיין ברירה און מ'האָט געמוזט אויפנעמען דעם גאַסט ליגנדיק אין בעט.

ה׳ באַלדווין איז געווען זייער האַרציק. ער האָט אונדז דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט די בריטישע מלוכה־מענער, האָט אונטערגעשטראָכן זיין פולע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער קאַמף און אפילו געטרונקען אַ כוס לכבוד דער זעלבשטענדיקער יידישער מדינה, וואָס וועט קירצלעך אַנטשטיין. ער האָט אונדז געפרעגט צי ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט מיר זאָלן אויף אַ ווייל אָפּ־שטעלן אונדזערע אַנגריפן, אין דער האָפענונג אַז די אַמעריקאַנישע רעגירונג וועט טאָן אַלץ כדי צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל. אונדזער תשובה איז גע־ווען אַ קלאָרע. נאָר נאָכדעם ווי ה׳ באַלדווין האָט פאַרעפנטלעכט זיין ווענדונג, האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק, כדי צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן, צו פאַר־עפנטלעכן אויך אונדזער ענטפער:

„דעריבער קענען מיר נישט, צום באַדויערן, נאָכקומען אייער בקשה, ה׳ באַלדווין. אויף הבטחות קענען מיר זיך שוין נישט פאַרלאָזן. אונדזער פאָלק וואָס ווערט פאַרניכטעט דאַרף האָבן ממשותדיקע הילף. און ווען זי קומט נישט, האָבן זיינע טרייע זין נישט קיין אַנדער מיטל נאָר זיך אַליין העלפן״.

צוריקקומענדיק אין אַמעריקע האָט באַלדווין געשיקט צו טרומאַנען אַ גע־ציען באַריכט וועגן זיין טורנעע. פון דעם באַריכט האָבן מיר זיך משער געווען ווי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין אין אונטערגרונט. ה׳ באַלדווין האָט געשריבן, אַז כדי צו באַהאַלטן מיין פנים — האָב איך מיר צוגעקלעפּט אַ באָרד, און כדי צו באַ־האַלטן די לענג פון מיין קערפער — האָב איך מיך אַריינגעלייגט אין בעט...

ז.

ווינציק באַגעגענישן האָב איך געהאַט מיט זשורנאַליסטן אין דער תקופה פון אונטערגרונט. נאָר אין די לעצטע עטאַפּן פון אויפשטאַנד האָב איך זיך באַ־געגנט מיט עטלעכע.

ריטשאַרד מאורער איז געווען זייער ליבלעך. ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין פוס אין קעניג־דוד־האָטעל. כ׳האָב אים געשיקט אַ בריוו אין שפּיטאָל אַריין, אויסגעדריקט אונדזער צער וואָס ער איז געטראָפן געוואָרן. כ׳האָב אים אויפגע־קלערט דעם אמת, אַז מיר האָבן נישט געוואָלט טרעפן נישט אים און נישט די אַנדערע. מאורער, כאָטש ער האָט געליטן לאַנגע חדשים, האָט נישט געטראָגן אין האַרצן קיין שנאה אויף אונדז. נישט מיט אַלץ האָט ער מיט אונדז מסכים געווען, אָבער ער האָט אָפּגעשאַצט אונדזער קאַמף. ער איז נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון „שושקערייען מן הצד״, און ער האָט געוווסט און געשריבן, אַז מיר זענען נישט קיין „טעראָריסטן״, נאָר פרייהייט־קעמפער, וועלכע גייען זייער וועג „מיט אָפענע אויגן״.

**
*

טורנער, דער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־יאָרק העראַלד טריביון“, האָט אַרויסגעוויזן פיל העלדנמוט ווען בריטישע כוליגאַנעס האָבן אויפגעריסן די רעדאַקציע פון „פּאַלעסטיין פּאָסט“. נישט קוקנדיק אויף דער פּערזענלעכער ריזיקע האָט זיך דער אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט אַריינגעריסן אין דער געביידע און געהאָלפן ראַטעווען די מענטשן פון פייער און שטיקנדיקן רויך. ווען כ'האָב זיך מיט אים באַגעגנט נאָך יענעם פאַל, איז ער ווייזט אויס נישט געווען זיכער, צי דאָס איז דער מאַן, מיט וועלכן מ'האָט אים צוגעזאָגט אַ צוזאַמענטרעף. קיין שילדערונג פון מיר האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נאָר געזען מיין פּאָליציישע פאָטאָגראַפיע. אָבער ווי פיל אַנדערע, האָט ער זיך גופא געמאַכט אַ פּערזענלעכע פאָרשטעלונג וועגן מיר און ווען ער האָט מיך געזען, האָט ער באַמערקט מיט אַן אַנטוישונג וואָס איז געווען געמישט מיט פאַרווונדערונג:

— איר דאַרפט זיין אַ הויכער מאַן?

איך האָב צוגעגעבן אין געלעכטער: מיט מוסקלען און הערנער אויפן שטערן. נישט אַזוי?

מיר האָבן ביידע געלאַכט. די פאַנטאַזיע האָט פליגל, אָבער דיווירקלעכקייט האָט נישט קיין הערנער.

**
*

די שרייבערן לאָרנאַ לינדסיי האָט אַרויסגעוויזן אירע וואַרעמע, מוטערלעכע געפילן צו אונדזערע קעמפנדיקע בחורים. די גוטע פרוי האָט דורכגעמאַכט אַ טראַגעדיע. איר געליבטע טאָכטער, וועלכע איז פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער פראַנצויזישער באַפרייאונג־אַרמיי, איז געפאַלן דעם ל ע צ ט ן טאָג פאַרן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. פרוי לינדסיי האָט מיט מיר פיל גערעדט וועגן איר טאָכטער. איך האָב איר דערציילט וועגן אונדזערע בחורים און זייער ליבע פאַר פרייהייט. דער געפיל פון געמיינזאַמער פאַריתומטקייט האָט מקרב געווען די הערצער. דאָס געשפּרעך האָט אויפגעהערט צו זיין „אַן אינטערוויו“. ס'איז געווען אַ געשפּרעך פון פריינד. כ'האָב גערעדט מיט אַ מוטער. זי האָט געוווסט...

**
*

מיטן באַקאַנטן אַמעריקאַנישן שרייבער סט. דזשאָן — „דער שרייבער מיט דער באָרד“ — האָב איך מיך באַגעגנט צוויי מאָל נאָך „אַלטאַלענאַ“.

אין זיין בוך „שלום הייסט פרידן“ האָט ער אַ סך געשריבן סיי וועגן „אַלטאַלענאַ“ און סיי וועגן די געשפּרעכן מיט מיר. איך וועל נישט אַריינגיין אין אַן אָפּשאַצונג פון זיין ווערק. די דאָזיקע בלעטער זענען נישט געווידמעט קיין

פּאָלעמיק. נאָר לייענענדיק די שילדערונג פון אַמעריקאַנישן שרייבער האָב איך פון מיין פּערזענלעכן נסיון געלערנט, וואָס עס הייסט „אַמעריקאַניזם" אין דער ליטעראַטור. סט. דזשאַן, למשל, שרייבט אַז ער האָט געזען ביים איינגאַנג צו מיין צימער צוויי וואַכמענער, וועלכע האָבן געקענט זיין „מיטגלידער פון ס. ס." און איך האָב זיך געפרעגט: צו וואָס די פאַרגלייכונגען, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך גאָרנישט, אויסער חילול־השם? כ'האָב נישט געפונען קיין אַנדערע דער־קלערונג, ווי „אַמעריקאַניזם", אָדער פּשוטער געזאָגט — אַ ווילן אויפצובלאָזן אַן איינדרוק. און נאָך האָב איך מיך געפרעגט: וואָס עפּעס פּלוצלינג שומרים אויפן שוועל פון מיין צימער? סט. דזשאַן האָט זיי דאָך נישט געזען צוליב דער פּשוטער סיבה, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן קיין שומרים פאַר זיך. ווידער דאָס זעלביקע: ליטעראַטור צו מאַכן אַן „איינדרוק" ווערט אָפט געשריבן אויפן חשבון פון — אמת.

***

דעם שרייבער קווענטין ריינאָלדס האָב איך געזען נאָך דער דעראָבערונג פון יפו. ריינאָלדס איז געווען אַן אַלטער פריינד פון קעמפנדיקן אונטערגרונט, פון די אַקטיווסטע פריינד פון דער אַמעריקאַנישער ליגע פאַר אַ פרייער ארץ־ישראל. איך האָב אים געזאָגט אין אונדזער לענגערן פריינדלעכן געשפּרעך, אַז כ'האָף, ער האָט נישט קיין חרטה אויף דער הילף וואָס ער האָט אונדז געגעבן, באַזונדערס מיטן אויפטריט אין דער באַרימטער פּיעסע פון בן־העכט „מיר וועלן נישט שטאַרבן". ריינאָלדס האָט געשאָקלט מיט זיין שיינעם קאָפּ:

— איך שטאָלציר מיט דעם! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געבעטן פאַר אַן אָנדענק אַ טאמי־גאַן פון אונדזער פּראָדוקציע מיט אַ געהעריקער אויפשריפט אויסגעקריצט אויפן הענטל. מיר זענען נאָכגע־קומען די בקשה פון דעם גוטן פריינד. דעם אָנדענק האָט ער אָפּגעהיט אויף אַלע זיינע וועג־וואַנדערונגען.

ח.

אין אָנהייב פון אויפשטאַנד האָב איך זיך איינמאָל באַגעגנט מיט איינעם פון די חשובע „הגנה"־קאָמענדאַנטן, מיט משה דיין. ער האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט מיר. אַזוי ווי ס'איז געווען אַ קלאַנג אַז ער געהערט צו די „אַקטיוויסטן" אין דער „הגנה", האָבן מיר מסכים געווען. עס איז געווען אַ מיי־נונג־אויסטויש צווישן אונדז. דיין האָט מיר דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונגען אין סיריע, ווו ער איז אַריינגעדרונגען אין די צייטן פון דער ווישי־הערשאַפט, כדי אויסצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין וויכטיקע קריגס־איינריכטונגען. דער מאַן האָט זיך נישט באַרימט, אָבער פון זיין רואיקער שילדערונג איז קלאָר געווען,

אַז אין זיין האַרץ פעלט נישט קיין מוט. אין סיריע האָט ער פאַרלוירן אַן אויג. ער האָט זיכער נישט פאַרלוירן זיין גייסטיקן מוט.

איך האָב דערציילט דיינען וועגן אונדזער קאַמף און זיין פּאָליטישע באַדייטונג. בנוגע פיל זאַכן האָבן מיר געהאַט די זעלביקע מיינונגען, מינדעסטנס אין שמועס. דיין האָט בשעת־מעשה מיר געזאָגט אַ פּאָר האַרציקע דערמוטיקונג־ווערטער. נאָך אונדזערע אַקציעס, האָט ער געזאָגט, האָט זיך דער אַרבעטער־ציבור אָנגעהויבן באַציען מיט „סימפּאַטיע צום אצ״ל״. ער האָט געלייגט אַכט אויף דעם, אַז מיר טוען אַלץ וואָס מעגלעך כדי יידן זאָלן נישט געטראָפן ווערן. איצט איז אים און אויך אַ סך אַנדערע קלאָר, אַז אונדזער קריג איז ווירקלעך נאָר אַ קריג קעגן די ענגלענדער. ער גייט נישט אַריין אין דער אָפּשאַצונג פון די פּאָליטישע פאָלגן פון אונדזער קאַמף. וועגן דעם קענען שטענדיק זיין צוויי מיינונגען. אָבער ער שאַצט אָפּ אונדזער מי הויפּטזאַכלעך פון דערציערישן שטאַנדפּונקט. דער גאַנצער יידישער יוגנט באַווייזן מיר, אַז מען קען געבן קלעפּ די ענגלענדער.

***

אין דער תקופה פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָב איך מיך געטראָפן, אויף אַ קורצן געשפּרעך, מיט ד״ר סילווערן. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין עק פון דער גאַרדאַן־גאַס, אויפן ברעג פון ים, אין אַלעקסעס צייטווייליקער וווינונג. אין דעם צימער האָב איך לאַנגע טעג פאַרבראַכט צוליב די באַאומרו־איקנדיקע ידיעות וועגן דער סביבה פון דער יהושע בן־נון גאַס. איך בין געווען אַן אומלעגאַלער סובלאָקאַטאָר, וועלכער איז געווען לעגאַל פאַר דער בעל־הבית־טע, אָבער זייער אומלעגאַל פאַר דער מאַכט. אַלעקס האָט דעריבער געמוזט זאָרגן, אַז די בעל־הביתטע זאָל מיך נישט דערשנאַפּן. אין דער פרי האָבן מיר געדאַרפט „צוליב אונדזערע געשעפטן״ פאַרלאָזן דאָס צימער. אָבער ווו קענען אַ פּאָר אומלעגאַלע סובלאָקאַטאָרן גיין אין מיטן טאָג? בייטאָג טאָר מען זיך נישט אַרומדרייען אין די רוישיקע, ווימלדיקע גאַסן. בלית־ברירה זענען מיר געגאַנגען צום נאָענטסטן אָרט — צום ברעג ים. ס׳איז געווען אַ נויטווענדיקייט מיט אַ הנאה. ס׳זענען געווען גרויסע היצן און דער בערדיקער צוזאַמען מיטן פּליכטוואַטן זענען געשווומען אין אונטערגרונט. די באָרד האָט ווידער גורם געווען שוועריקייטן. קיינמאָל בין איך נישט געווען אויף אַ פּלאַזשע מיט אַ באָרד. כ׳האָב דערפאַר נישט געוווּסט ווי מען איז זיך נוהג אויף דער פּלאַזשע מיט אַ יאַרמלקע, וואָס האָט פאַרשטענדלעך געמוזט פאַרדעקן ישראל סאַסאָווערס קאָפּ. וועל איך אויסטאָן די יאַרמלקע, קען עס נאָך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַנדערע פּלאַזשעניקעס: קוקט זיך צו, אַ ייד מיט אַ באָרד און אין הוילן קאָפּ! און אויב איך וועל בלייבן אין דער יאַרמלקע, קענען זי נאָך די ים־כוואַליעס פאַרשלעפּן ביז ציפּערן. וואָס וועל איך טאָן? צי וועל איך אַוועקשווי־

מען צו די ענגלענדער אין ציפערן זיי בעטן מיר אָפּגעבן די יאַרמלקע? ס׳איז געווען אַ שווער פּראָבלעם. כ׳האָב אים געלייזט זיך צוקוקנדיק צו אַנדערע. די יאַרמלקע אויפן קאָפּ און די האַנט אויף דער יאַרמלקע און כ׳האָב געקוקט אַרום זיך. צו מיין גליק האָב איך דאָרט געטראָפן נאָך אַ סך בערדיקע יידן און געזען אַז זיי גייען אַריין אין וואַסער מיט גרויס גבורה, אָבער אָן דער יאַרמלקע. זיי שפּאַצירן אויך אויפן ברעג מיט גרויס דביקות, אָן דער יאַרמלקע.

בלויז ווען זיי זענען געגאַנגען עסן, האָבן זיי אָנגעטאָן די יאַרמלקע. כ׳האָב געלערנט אַ נייעם פּרק אין „שולחן ערוך". און כ׳האָב זיי נאָכגעטאָן. און כ׳האָב נישט אַרויסגערופן קיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז דער עיקר. די הויפּט־זאַך אין אונטערגרונט איז נישט צו וועקן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. אויב עס געלינגט דיר, קענסטו בשעת־הדחק אפילו נעמען אַ זון־באָד אין אונטערגרונט. די ענגלענדער וועלן דיך זוכן אונטער דער ערד און דו וועסט זיך ליגן אויף דער פּלאַזשע, אויפן סאַמע ים־ברעג.

...איז אין יענעם צימער האָב איך מיך געטראָפן מיט ד"ר סילווערן. נאָכן באַגריסן זיך האָב איך זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון מאַכן די וויצלדיקע באַ־מערקונג:

— אַ פאַרדרייטע וועלט. איר זייט אַ רב און גייט אָן אַ באָרד. און איך, וואָס האָב איך צו טאָן מיט רבנות? — איך טראָג אַ באָרד.

ד"ר סילווער האָט געשמייכלט. מיר זענען אַריבער אויף טעמעס וועלכע האָבן אונדז אינטערעסירט. דאָס געשפּרעך איז געווען זייער אָן ערנסטס. לאַנגע טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אונטערן רושם פון ד"ר אבא הלל סילווערס פּער־זענלעכקייט.

בדרך כלל נעם איך זיך נישט איבער מיט פּערזענלעכקייטן. די סיבה איז וואָס אין אַ געוויסער תקופה האָב איך זוכה געווען צו זיין נאָענט צו זאב זשאַ־באָטינסקין. איך ווייס נישט וואָס ס׳הייסט „אַ גרויסער מענטש". אָבער איך האָב געפילט מיט מיין גאַנצער נשמה, אַז זשאַבאָטינסקי איז געווען גרויס. זייט ער האָט מיך מקרב געווען, קען איך נישט שטאַרק נשתומם ווערן פון מענטשן. וועלכע ווערן פאַררעכנט פאַר „גרויסע", און זיכער נישט פון מענטשן וועלכע פאַרנעמען הויכע אַמטן, צי דאָס זענען קריסטן אָדער יידן — אַלץ איינס. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז סילווער האָט ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש אויף מיר איבערגעלאָזן דאָס וואָס עס הייסט „אַ גרויסן איינדרוק". ער איז אַ פּער־זענלעכקייט, האָב איך געזאָגט צו מיינע חברים.

ד"ר סילווער איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער מנהיג, פון וועמענס מויל כ׳האָב געהערט נישט קיין „טאַדלונג" פאַר דעם „דיסידענטיזם", נאָר ווערטער פון דערמוטיקונג פאַר אונדזער קאַמף. ער האָט אויסגעדריקט זיין האָ־פענונג אַז די יידישע קעמפנדיקע כוחות, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלן ווייטער בלייבן פאַראייניקט. און איר דאַרפט

פאַרזעצן! — האָט ער געזאָגט. די אַמעריקאַנישע עפנטלעכע מיינונג, וועט אייך פאַרשטיין, ווייל אויך זיי, די אַמעריקאַנער, האָבן געמוזט קעמפן מיט די ענגלענדער מיט „אומלעגאַלע" מיטלען!

מ׳זאָגט, אַז סילווער איז „נישט קאָנסעקווענט". איך ווייס נישט וויפיל אמת עס איז פאַראַן אין דער אָפּשאַצונג פון זיין כאַראַקטער. ער האָט אָנגעגריפן אויך אונדז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אָבער אין דער אָפּשאַצונג פון אויפשטאַנד ווי אַ באַפרייאונג־באַוועגונג איז סילווער געבליבן קאָנסעקווענט, נישט געקוקט אויף דעם דרוק פון פאַרשידענע זייטן. ווען כ׳האָב באַזוכט די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן פאַרשידענע קרייזן געוואָלט אויסאיבן אַ דרוק אויף אים, ער זאָל אין נאָמען פון ציוניסטישן ראַט צושטיין צו דער פאַרעפנטלעכונג פון אַ טאַדל־רעזאָלוציע קעגן דעם „דיסידענט". דאָס זענען געווען די קרייזן, וועלכע האָבן געדריקט אויף אונדזער גרויסן שרייבער זלמן שניאור ער זאָל אַרויסטרעטן פון קבלת־פנים־קאָמיטעט (זלמן שניאור האָט אין דעם ענין פאַר־עפנטלעכט אַן ענערגישן פּראָטעסט!), אָבער סילווער האָט העפטיק אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג צו טאַדלען אונדז און ער האָט נישט געלאָזט אַז די ציוניסטישע קערפּערשאַפט זאָל אַזאַ אָננעמען. בשעת דער דיסקוסיע האָט ער צווישן אַנדערע געזאָגט צו די „טאַדלערס": דער ארגון וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע ווי אַ פאַקטאָר, וואָס אָן אים וואָלט מדינת־ישראל נישט אויפגעשטאַנען"!

ערב דעם זיג פון אויפשטאַנד

אונדזערע שלאַכט־סאָלדאַטן „רופן צונויף" די ספּעציעלע סעסיע פון אונ"א. — די בריטישע עוואַקואַציע — אַן אומ־פאַרמיידלעכקייט. — די ערשטע קעגן־אָפענסיווע אויפן אַראַ־בישן פראָנט. — די פאַרהאַנדלונגען מיט דער יידישער אַגענץ. — אַ נייער אָפּעראַטיווער אָפּמאַך מיט דער „הגנה". — בן־גוריונס שליח בעט...

א.

אין זייער אַ קורצער צייט, פיל קירצער ווי אונדזערע פריינד האָבן גע־גלויבט, איז אונדז געלונגען צו ברענגען צום „באַנקראָט פון דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל". זיכער, נישט די אָדער אַנדערע אַקציע האָט גע־בראַכט צו דעם היסטאָרישן קער. דאָך קען מען באַווייזן וואָס פאַר אַ ספּעציע־לע געשעענישן עס האָבן געבראַכט צום צוזאַמענברוך פון דער בריטישער הער־שאַפט אין ארץ־ישראל, צום צוזאַמענרופן פון דער ספּעציעלער ארץ־ישראל סעסיע פון אונ"א, און לסוף צו דער ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט אין לאַנד. מיר וועלן עס דערווייזן מיט דאָקומענטן, הויפּטזאַכלעך בריטישע. די דאָקומענטן וועלן עדות זאָגן, ווי אַזוי די ענגלענדער האָבן אין דער לעצטער תקופה פון אויפשטאַנד געמאַכט באַמיאונגען צו ראַטעווען זייער ממשלה אין אונדזער לאַנד און ווי אַזוי אונדז, די אויפשטענדלער, איז געלונגען, טריט ביי טריט, זיי צו צווינגען אוועקצוגיין.

נאָך דעם ווי דער „מאָריסאָן־פּלאַן", דער פּלאַן פון „אַ פעדעראַציע מיט אויטאָנאָמיע" איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן סיי דורך די אַראַבער און סיי דורך די יידן, האָט בעווין פאָרגעשלאָגן אַ „נייעם פּלאַן", דעם „קאַנטאָנען־פּלאַן", אַז אין די יידישע געביטן פון לאַנד זאָלן אין צוויי יאָר אַריינגעלאָזן ווערן הונדערט טויזנט יידן. די חודשלעכע עליה־קוואָטע וועט זיין בערך 4.000 סערטיפיקאַטן. שפּעטער וועט די עליה־פראַגע אַנטשידן ווערן דורכן בריטישן הויך־קאָמיסאַר.

די אַראַבער און די יידן האָבן אָפּגעוואָרפן אויך דעם דאָזיקן פּלאַן. די פאַרהאַנדלונגען אין לאָנדאָן האָבן זיך פאַרענדיקט אָן רעזולטאַטן.

פון אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען זייער נאָענט צו דער יידישער אַגענץ איז באקאנט געוואָרן, אַז דער יידישער אָפּזאָג איז נישט געווען קיין פּרינציפּיע־לער. די יידישע אַגענץ איז באַשטאַנען דערויף, אַז אין דער איבערגאַנג־צייט זאָל די סערטיפיקאַטן־פאַרטיילונג איבערגעגעבן ווערן אין אירע הענט און אויך אַז דער שטח פון דער יידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע זאָל זיין אַ גרעסע־רער. אין אָט ד י באַדינגונגען איז די אַגענץ געווען גרייט אָנצונעמען אַ „חלוקה" אונטער דער בריטישער אויפזיכט און אויך מסכים צו זיין אויף אַ גע־אויך תל־אביב איז אונדזערע!

אָבער די עקשנות פון אונדזערע שונאים איז אויסגעפאַלן לטובת ישראל. בעווין האָט בשום אופן נישט געוואָלט איבערגעבן די 4.000 סערטיפיקאַטן אין רשות־היחיד פון דער יידישער אַגענץ. און די אַראַבער האָבן געזאָגט פשוט: אויך תל־אביב איז אונדזערע!

דעם 14טן פעברואַר 1947 האָט זיך געענדיקט די ארץ־ישראלדיקע קאָנ־פערענץ. בעווין האָט געזאָגט צו די אַראַבער, אַז אַזוי ווי ביידע צדדים האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג אויף אַ קאָמפּראָמיס, וועט דער ארץ־ישראל־ענין אי־בערגעפירט ווערן צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער. 4 טעג שפּעטער האָט בעווין אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג אין פּאַרלאַמענט וועגן זיין באַ־שלוס איבערצוגעבן דעם ארץ־ישראל־ענין דער גענעראַלער אַלגעמיינער סע־סיע פון אונ"א, אין סעפּטעמבער. די מעלדונג האָט ער באַגלייט מיט אַ רוף צו „אַלע צדדים" אָפּצוהיטן די רו אין ארץ־ישראל ביז דער אַנטשיידונג פון אונ"א, און ער באַשטימט אַז די יידישע עליה וועט ווייטער אָנגיין אין דער הויך פון 1.500 סערטיפיקאַטן אַ חודש. נישט ווייניקער און נישט מער!

ווינסטאָן טשערטשיל פּראָטעסטירט קעגן דער „ווייטערדיקער פאַרשלע־פּונג". דאָס וועט דויערן נאָך אַ יאָר! — זאָגט ער — און ענגלאַנד וועט דער־ווייל מוזן שלעפּן אַ שווערע לאַסט פון אויסהאַלטן 100 טויזנט סאָלדאַטן אין ארץ־ישראל, וואָס באַטרעפט 40 מיליאָן פונט דעם יאָר. ריטשאַרד קראָסמאַן טענהט, אַז לויט דער פּראָצעדור פון אונ"א קען עס דויערן נאָך צוויי יאָר. די קריזן פון דער יידישער אַגענץ פאָדערן אין דער צווישנצייט צו פאַרגרעסערן די עליה־קוואָטע און זיי מאַכן דערפון אָפּהענגיק זייער קאַמף פאַר דער „ליקווי־דאַציע פון טעראָר".

די גאַנצע וועלט פאַרשטייט, אַז בעווין וויל דאָ בלויז געווינען צייט. דעם 25טן פעברואַר איז מודיע דער בריטישער קאָלאָניען־מיניסטער, אַז די ווענדונג צו אונ"א באַטייט נאָך נישט אַז ענגלאַנד זאָגט זיך אָפּ פון מאַנדאַט.

אָבער דעם ערשטן מערץ 1947 צערייסט דער ארגון צבאי לאומי אויף פיצלעך די בריטישע חשבונות. עס גייט אַ נייע כוואַליע פון אָפענסיווע אַקציעס מצד אונדזערע שלאַכט־סאָלדאַטן. אין ירושלים האָבן מיר דורכגעבראָכן דעם בריטישן „זיכערהייט־סעקטאָר". דער אָפיצירן־קלוב איז געפלויגן אין דער לופטן.

אין צוזאַמענשטויס מיטן פיינד האָבן מיר געהאַט בלויז עטלעכע פאַרוווּנדעטע, אָבער די ענגלענדער האָבן געליטן שווערע פאַרלוסטן.

אַ פּאָר שעה שפּעטער, שבת־צו־נאַכטס, זענען אונדזערע קאַמף־אָפּטיילונ־גען אַריבער איבערן גאַנצן לאַנד און געמאַכט ווייטערדיקע צען אַנגריפן. זונטיק אין דער פרי האָבן מיר ווידער אַטאַקירט. אַלע אַנגריפן זענען געלונגען. דער שונא איז מבולבל געוואָרן.

די גאַנצע ענגלישע פּרעסע איז דערשיטערט. דער „סאַנדי עקספּרעס" ווידמעט זיין לייט־אַרטיקל די געשעענישן אין ארץ־ישראל. ער שרייבט, אַז בריטאַניע מוז זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון ארץ־ישראל. „בריטאַניע — מיינט די צייטונג — איז נישט אַזוי ווי נאַצי־דייטשלאַנד און זי קען נישט אָפּצאָלן מיט טעראָר פאַר טעראָר. מיר מוזן אַרויסציען אונדזערע סאָלדאַטן".

נישט געקוקט אויף דער צניעותדיקער דערקלערונג פון דער צייטונג, ענטפערן די ענגלענדער „מיט טעראָר אויף טעראָר". דער אויסנאַם־צושטאַנד, מיט וועלכן זיי האָבן געדראָעט עטלעכע חדשים, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן 24 שעה נאָך אונדזערע אַנגריפן. דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך מאַרשאַל מאָנטגאָמערי בכבודו ובעצמו. אַלע יידישע געביטן אין לאַנד זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט מיליטער און ס'זענען געמאַכט געוואָרן שטרענגע רעוויזיעס. דער ציווילער געזעץ איז אַנולירט געוואָרן.

דעם 3טן מערץ האָט דער פּאַרלאַמענט געהערט אַ נייעם באַריכט פון קאָלאָניע־מיניסטער וועגן די „אויסברוכן" אין ארץ־ישראל. „רויטערס" גיט איבער אַ שילדערונג פון דער היסטאָרישער פּאַרלאַמענט־זיצונג:

„שרייענדיק מיט כעס און קלאַפּנדיק אין טיש האָט טשערטשיל היינט געפרעגט, ווי לאַנג וועט נאָך דויערן די לאַגע פון דער „מיאוסער מלחמה" אין ארץ־ישראל, ביז ס'וועט אָנגענומען ווערן אַ וועלכער עס איז באַשלוס.

דער קאָלאָניע־מיניסטער, אַרטור קריץ־דזשאָנס, האָט געענטפערט אַז די רעגירונג איז זייער אויפמערקזאַם אויף דער ערנסטער לאַגע אין ארץ־ישראל און זי וועט אַלץ טאָן, כדי צו מאַכן אַ סוף צום טראַגישן מצב.

טשערטשיל איז פון דער תשובה געבליבן אומצופרידן. „ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן — האָט ער ווידער געפרעגט — „צי זענען נישט פאַראַן קיין מיטלען צוצואיילן די ווענדונג צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס?"

דער קאָלאָניע־מיניסטער זאָגט: „איך קען אין דעם מאָמענט נישט געבן קיין תשובה. איך קען פאַרזיכערן, אַז מיט דער מעגלעכסטער שנעלקייט מאַכן מיר די שריט אין ניו־יאָרק."

טשערטשיל: איך וועל די פראַגע שטעלן נאָכאַמאָל אין אַ וואָך אַרום!

די ארגון־סאָלדאַטן האָבן מיט זייערע קלעפּ דעם 1טן מערץ שטאַרקער

באַוועגט די בריטישע און אינטערנאַציאָנאַלע רעדער, וועלכע דרייען זיך לאַנג־זאַם. די גאַנצע ענגלישע פּרעסע פאָדערט איצט צוצואיילן דאָס ווענדן זיך צום אונ״א. און שוין דעם 4טן מערץ האָט ענגלאַנד געשיקט אַ דרינגענדיקע ווענ־דונג צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון אונ״א, טריגווע לי, מיטן פאָרשלאָג צו באַ־שטימען אַ ספּעציעלע אונ״א־קאָמיסיע, וואָס זאָל תיכף באַהאַנדלען די ארץ־ישראל פראַגע און ברענגען זי צו דער סעסיע נאָך פ אַ ר ס ע פּ ט ע מ־ב ע ר.

אינצווישן פרוון נאָך די ענגלענדער צו ראַטעווען זייער רעזשים. פופצן טעג האָט געדויערט דער קריגסצושטאַנד אין ירושלים און אין „יידישן דרייעק״.

מ׳מוז מודה זיין, אַז אין יענע טעג האָבן די יידישע מאַסן אַרויסגעוויזן וווּנדערבאַרן ציווילן מוט. דערשראָקן זענען נאָר געווען די מנהיגים. אָבער דער כלל האָט זיך געהאַלטן פעסט. די ענגלענדער האָבן נישט געלאָזט פאָרן מיט אויטאָבוסן, זענען יידן געפאָרן מיט וועגענער, געפאָרן אויף ביסיקלעטן און גע־גאַנגען צו פוס — און געלאַכט פון די ענגלענדער.

און דער יידישער אונטערגרונט האָט זיך געטאָן זיינס. וואָלטן די ענגלענ־דער געקענט באַווייזן, אַז אין דער צייט פון קריגצושטאַנד האָבן די טעראָריסטן שוין נישט געקענט אויספירן קיין אָנגריף, וואָלט דאָס געווען אַ געוויסע דער־גרייכונג פאַר ענגלאַנד. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן די מאַקסימיל־סטע אָנשטרענגונגען כדי צונישט צו מאַכן מאַנטגאָמעריס פּלענער. אין פאַר־לויף פון די צוויי קריטישע וואָכן האָבן די שלאַכט־איינהייטן פון ארגון אָן אויפהער געקלאַפּט דעם פיינד. אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך אונדזערע בחורים נישט צוריקגעקערט אין זייערע היימען נאָך אַ דורכגעפירטן אָנגריף. אין קליינע איינהייטן זענען זיי געבליבן אין וועלדלעך און פרדסים און זיי האָבן איבערראַשט דעם שונא אין ערטער ווו ער האָט אפילו נישט געחלומט זיי צו טרעפן.

און ווען ס׳איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער קריג־צושטאַנד, וואָס האָט גאָר־נישט דערגרייכט אַ חוץ די דערנידערונג פאַר די אָקופּאַנטן, האָבן מיר געהאַט אין האַרצן אַ געפיל פון אמתן נצחון. און ווען ס׳איז צו מיר געקומען גידי אַ פאַרמאַטערטער נאָך שלאָפלאָזע נעכט, אָבער גליקלעך, האָב איך צום ערשטן מאָל געגעבן אויסדרוק מיינע געפילן. ווי ס׳איז געווען אָנגענומען ביי אונדז אין אונטערגרונט, איז גידי געשטאַנען אויף „אכטונג״ און האָט געוואַרט איך זאָל אָנהייבן רעדן. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל פון „קאָמענ־דאַנט״ און האָב אים צוגעצויגן צו זיך, אים געקושט און געהאַלדזט מורמלענ־דיק: „דו האָסט געזיגט, גידי, דו האָסט געזיגט. אונדזערע בחורים האָבן אָפּגע־האַלטן אַ נצחון!״

דערווייל האָבן זיך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַן אונ״א־סעסיע און ס׳איז באַקאַנט געוואָרן אַז די ארץ־ישראל פראַגע וועט באַהאַנדלט ווערן נישט

אויף דער נאָרמאַלער סעפּטעמבער־סעסיע, נאָר אויף אַ ספּעציעלער סעסיע, וואָס וועט צונויפגערופן ווערן דעם 28טן אַפּריל 1947.

דאָ מוזן מיר זיך פאַרהאַלטן אויף אַ מאָמענט. מיר שטייען פאַר אַ גורלדיקער ווענדונג אין דער געשיכטע פון ארץ־ישראל. נישט על־פּי־צופאַל האָט בעווין עקשנותדיק געטענהט, אַז ער זעט נישט ווי וועט מען קענען באַהאַנדלען די ארץ־ישראל פראַגע אין אונ״א פאַר סעפּטעמבער 1947. דזשאָן „מאַנעווורירט״. ער האָט געוואָלט געווינען צייט. ער האָט געוואָלט קומען אין קאָנטאַקט מיט אַמעריקע און מיט אַנדערע מדינות. און ער האָט וואַרשיינלעך געוואָלט צוגרייטן די אַראַבער פאַר דעם גרויסן פאַרמעסט. קאַוקאַדזשיק, וועלכער האָט געדינט היטלערן, האָט דזשאָן אַריבערגעפירט דורך לוד אין ארץ־ישראל. דאָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר דער פאַרמעסטונג צווישן בריטאַניע מיט ישראל — מיט אַראַבישע הענט, וועלכע האַלטן בריטיש געווער. אָבער דזשאָן האָט געוווּסט, אַז די אַראַבער זענען „אַביסל פראַים״. זייערע אַרמייען זענען שוואַך, זייערע סאָלדאַטן — פראַפּאַנען, זייערע אָפיצירן זענען באַגרענעצטע. זייער געווער איז נאָך ווינציק. דזשאָן דאַרף האָבן צייט, כדי צוצוגרייטן די אַראַבישע פויסט, וואָס וועט קלאַפּן אין דעם יידישן האַרץ. דעריבער האָט דזשאָן באַשלאָסן און בעווין האָט געזאָגט: מיר וועלן גיין צום אונ״א מיטן ארץ־ישראל פּראָבלעם, אָבער נאָר אין ס ע פּ־ ט ע מ ב ע ר 1947.

וואָס וואָלט געקענט געשען, אויב מיר באַשליסן נישט צו אַטאַקירן באַלד נאָך דער „פּאַלעסטינע־קאָנפערענץ״ אין לאָנדאָן? דער ענטפער איז קלאָר. ערשטנס, וואָלט בעווין געווונען נאָך אַכט טייערע חדשים. די באַהאַנדלונג קומט פאַר אויף דער סעפּטעמבער־סעסיע. אין אָקטאָבער־נאָוועמבער 1947 וואָלט דער אונ״א־פּלענום באַשלאָסן צו שיקן קיין ארץ־ישראל איר אויספאָרשונג־קאָמיסיע. די קאָמיסיע וואָלט געאַרבעט אַ פּאָר חדשים און וואָלט מסתמא פאַרטיק געוואָרן מיט איר באַריכט ערשט פרילינג 1948. ווען ס׳וואָלט געווען רואיק אין לאַנד, ווי בעווין האָט זיך געווּנטשן און די אָנפירונג פון דער יידישער אַגענץ האָט עס פון אונדז געפאָדערט, וואָלט דער אונ״א־פּלענום די קאָמיסיע־פאָרשלאָגן באַהאַנדלט אין סעפּטעמבער 1948. און לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז ס׳וואָלט אָנגענומען געוואָרן דער זעלביקער באַשלוס — וואָס איז כלל נישט אַזוי זיכער, אויב ס׳וואָלט געהערשט רו אין לאַנד — וואָלט דער באַשלוס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אינסטיטוציע וועגן ארץ־ישראל אָנגענומען געוואָרן ערשט סוף 1948. די ענגלענדער וואָלטן געווונען אַ גאַנץ יאָר. די יידישע מדינה וואָלט אַנטשטאַנען, אויב זי וואָלט אַנטשטאַנען, נאָר אין דער העלפט פון 1949. מעגלעך אַז אין דעם יאָר וואָלטן די ענגלענדער געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַמעריקע בנוגע ארץ־ישראל, ווי זיי האָבן געהאָפט. קלאָר, אַז זיי וואָלטן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַוויזן צו שטאַרקן די אַרבעט מיט געווער און אינסטרוקטאָרן. און ווי וואָלט אונדזער לאַגע געווען ביי דער אינוואַזיע?

בעווינס פרווו צו געווינען צייט, כדי צו קענען צוגרייטן די אַראַבער, איז נישט געלונגען.

ב.

אָבער דער קאַפּיטל פון די באַפרייאונג-אַקציעס מצד די שלאַכט-לייט פון ארגון צבאי לאומי האָט זיך נאָך נישט געענדיקט, אַזוי ווי ס'האָבן נישט אויפגעהערט די בריטישע פּרוון צו ראַטעווען זייער ממשלה. מיט וואָס זענען די ענגלענדער געגאַנגען צו דער אונ"א סעסיע? מיט אַ בפירושער קאַפּיטולאַציע לגבי די "טעראָריסטן". בעווין האָט געוואָלט אַ פאַרהאַנדלונג אין סעפּטעמ־בער. דער אצ"ל האָט אים געצוואונגען אָנצוהייבן אין אַפּריל. מאָנטגאָמערי און מאַקמילאַן האָבן אויפן לאַנד אַרויפגעלייגט אַ קריגס-צושטאַנד. דער אונטער־גרונט האָט אים צונישט-געמאַכט. באַרקער האָט אויפגעהויבן זיין בייטש — און ער האָט מיט אים אַליין געקריגן קלעפּ. מיט אַזאַ פּנים איז נישט אנגעַ־נעם צו קומען פאַרן "וועלט-טריבונאַל". דעריבער באַשליסן די ענגלענדער צו טאָן. זיי זענען דורכגעפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, אָבער זיי האָבן נאָך אין זייער רשות — תליות. און זיי באַשליסן אין לאָנדאָן מיטן תליה-שטריק אויפצו־הייבן דעם געפאַלענעם פרעסטיזש פון זייער מאַכט. דעם 17טן אַפּריל 1947 ווערן גרונער, דרעזנער, אלקושי און קאשאני געפירט צו דער תליה. איצט פאַרשטייט מען פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי געאיילט און געבראָכן זייער צו־זאָג, אַז זיי וועלן וואַרטן ביזן באַשלוס פון "קעניגלעכן ראַט". זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט. דעם 28טן אַפּריל האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן די ספּעציעלע ארץ-ישראל סעסיע פון אונ"א. האָבן זיי געוואָלט נאָך פאַר דער סעסיע, די וועלט זאָל וויסן, אַז בריטאַניעס האַנט איז נאָך גענוג שטאַרק.

דעם 18טן אַפּריל איז בעווין געווען צופרידן. ער האָט זיינס באַוויזן. די וועלט וועט זען, אַז בריטאַניע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן צו די טעראָריסטן. אָט האָבן מיר פיר פון זיי אויפגעהאָנגען, און מיר וועלן ווייטער הענגען.

אָבער דעם 4טן מאַי, ווען די סעסיע פון אונ"א האַלט אין דעבאַטירן צי זאָל מען איינלאַדן אָדער נישט איינלאַדן אַ יידישע פאַרטרעטונג צו די פאַר־האַנדלונגען, צעשטערן מיר איגאַנצן די בריטישע שמחה. אונדזער שלאַכט־אָפּטיילונג האָט אויפגעבראָכן די עכו-פעסטונג.

אויף צו מאָרגנס איז דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון "הארץ" מודיע:

"דער אָנגריף אויף דער עכוער פעסטונג איז דאָ אויפגענומען געוואָרן ווי אַן ערנסטער קלאַפּ קעגן דעם בריטישן פרעסטיזש, נאָך דעם ווי די עקזעקוצ־יעס ערב דער אונ"א-סעסיע האָבן געדאַרפט באַווייזן בריטאַניעס שטאַרקייט". און פון לייק-סוקסעס טעלעגראַפירט מען: "די געשעענישן אין עכו האָבן דאָ אַרויסגערופן אַ ריזיקע סענסאַציע. מ'האַלט עס פאַר דעם גרעסטן אויפברוך אין דער געשיכטע. לאָנדאָן איז צעמישט און דערשראָקן".

אונטערן צייכן פונעם „אויפברוך פון עכוער פעסטונג״, וואָס אויך דער סאָוויעטישער ראַדיאָ ווידמעט דעם אַ ספּעציעלע אוידיציע, האָט זיך געענדיקט די אויסערגעוויינלעכע סעסיע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. ס׳איז געווילט געוואָרן אַ ספּעציעלע אויספאָרש־קאָמיסיע. פאַרן סוף פון דער סעסיע האָלט גראָמיקאָ, דער פאָרטרעטער פון ראַטנפאַרבאַנד, זיין באַרימטע רעדע, וואָס באַטייט אַן ענדגילטיקן קער אין רוסלאַנדס באַציאונג צו דער שטרעבונג פון יידישער מלוכהשער זעלבשטענדיקייט. רעדנדיק וועגן „באַנקראָט פון דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ־ישראל״ זאָגט גראָמיקאָ:

„דער דאָזיקער באַנקראָט איז איצט אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, געשעענישן וועלכע חזרן זיך איבער אַלץ אָפטער און אָפטער. דאָס באַשטעטיקט זיך אויך דורכן פאַקט וואָס די בריטישע רעגירונג האָט אָפּגעגעבן דעם ארץ־ישראל ענין דעם אונ״א״.

דעם 4טן יוני איז געגעבן געוואָרן אַן אָפיציעלע בריטישע באַשטעטיקונג צום באַנקראָט פון דער בריטישער אונטערדריקונג־מאַכט אין ארץ־ישראל. אין דעם טאָג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון הויך־קאָמיסאַר וועגן דער אַטאַקע אויף עכו. אין דעם באַריכט זאָגט זיך צווישן אַנדערן, אַז „קיין שום צאָל סאָלדאַטן קען נישט פאַרזיכערן קיין שוץ פאַר אַנגריפן אויף טויזנטער בגינים, בריקן, באַנען, נאַפּט־רערן און אינסטיטוציעס. מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין ארץ־ישראל איבן זיך די דיסידענטן אין אַלע סיסטעמען פון אַן אונטערערדישן קריג, לויט וועלכע ס׳האָט געאַרבעט דער אונטערגרונט אין אייראָפּע בשעת דער לעצטער מלחמה״.

און ווידער באַנוצן זיך די ענגלענדער מיטן תליה־שטריק כדי אויפצוהייבן זייער פרעסטיזש. דריי פון די עכו־אַנגרייפער „זענען פאַראורטיילט געוואָרן״ צום טויט. אבשלום חביב, מאיר נאקער און יעקב ווייס ווערן אומגעבראַכט דעם 29טן יולי 1947. אין דער צייט באַהאַנדלט די אונ״א־קאָמיסיע די צוקונפט פון ארץ־ישראל. אין זעקס וואָכן אַרום דאַרף זיך צונויפקומען די סעסיע פון אונ״א, כדי צו באַשליסן וועגן דעם קאָמיסיע־באַריכט. דעמאָלט זענען די ענגלענדער געקומען באַווייזן אַלעמען, אַז טראָץ די קלעפּ אין עכו האַלטן זיי נאָך פעסט די רעגירונג אין זייערע הענט.

אָבער זיי האָבן זיך טיף אַנטוישט. אויף תליות האָבן מיר געענטפערט — מיט תליות! דעם 30טן יולי, ווען מיר האָבן אויסגעפירט אונדזער וואָרענונג וועגן קעגן־תליות, איז גאַנץ בריטאַניע פאַרציטערט געוואָרן און אַ גרויס געשריי האָט זיך פון אַלעמען אַרויסגעריסן: אַוועק פון ארץ־ישראל! אַרויסנעמען אונדזערע סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל!

און וואָס נאָך האָבן די ענגלענדער געקענט טאָן קעגן אונדז? ווידער הענגען, מיט דער פולער זיכערקייט — דאָס מאָל מיט דער פולער זיכערקייט — אַז די אָפיצירן פון זיין מאַיעסטעט וועלן אויך געהאָנגען ווערן?

דוב כהן (קאָמענדאַנט שמש
אין זיין אוניפאָרם פון דער ע
לישער אַרמיי. ער האָט אָנגעפי
די אַטאַקע קעגן דער פעסטונג
עכו און איז געפאַלן אין שלאַכ

ער פון די טור־
מס פון עכוער
פעסטונג.

דער טייל פון
וואַנט זענען
נגעדרונגען די
אָלדאַטן פון

...אַן איינגעשפּילטער אָרקעסטער באַגלייט קריץ־דזשאָנסן אין זיין וועג קיין ניו־יאָרק צו דער אונ״א־סעסיע: אַרויסגיין פון ארץ־ישראל, אַרויס! און דעם 17טן סעפּטעמבער גיט דער בריטישער קאָלאָניען־מיניסטער אָפּ אַ „פייערלע־כע דערקלערונג״, אַז אויב אונ״א וועט נישט געפינען קיין לייזונג וואָס וועט אָנגענומען ווערן דורך „ביידע צדדים״ — די אַראַבער און די יידן — וועלן די ענגלענדער אַרויסציען זייער מיליטער און זייער אַדמיניסטראַציע פון ארץ־ישראל. אויף צו מאָרגנס מעלדעט די גאַנצע וועלט־פּרעסע, אַז די עוואַקואַציע־מעלדונג איז דורכן ענגלישן פאָלק אויפגענומען געוואָרן „מיט דערלייכטערונג און נישט באַהאַלטענער שמחה״.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאָר אַ מאַנעוור. די ענגלענדער האָבן געוואָלט מאַכן אַ דרוק אויף אַמעריקע. און אַמעריקע האָט אייניקע מאָל געענ־דערט איר מיינונג. זי האָט איניציאירט אַ נייע סעסיע פון אונ״א, און האָט באַרגעשלאָגן אנשטאט „חלוקה״ — אַן אַפּיטרופּסות־רעזשים, אַז ענגלאַנד זאָל זיין דער „אַפּיטרופּס״. אָבער די אַלע מאַנעווּרירונגען האָבן שוין נישט געהאָלפן. די ענגלענדער האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן שוין אין ארץ־ישראל נישט קענען הערשן. דער אונטערגרונט וועט ווייטער געבן קלעפּ.

דעם 15טן מאי 1948 איז דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר אַרויף אויף אַ קריג־שיף. אַן ערן־וואַך האָט פּרעזענטירט דאָס געווער און סאַלוטירט דעם אַוועקגייענדיקן הויך־קאָמיסאַר, און די פאָן — וואָס לאָזט זיך אַראָפּ.

דער אויפשטאַנד האָט געזיגט.

ג.

נאָך בעת דער סעסיע פון אונ״א, אין האַרבסט 1947, האָבן מיר אָנגע־הויבן וואָרענען אונדזער פאָלק קעגן דעם געהיימען בריטישן פּלאַן דורכצופירן אַן אינוואַזיע פון אַראַבישע אַרמייען אין ארץ־ישראל. אין יענע טעג זענען אַ סך געווען גענייגט צו גלויבן, אַז דער חלוקה־קאָמפּראָמיס וועט דורכגעפירט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן. מיר האָבן אין דעם נאַאיוון אָפּטימיזם געזען אַן ערנסטע סכנה און מיר האָבן געמוזט אָנווענדן אַלע אונדזערע מיטלען אויפ־צוקלערן און צו וואָרענען קעגן דעם. „אויך פאַר דער קאַריקאַטור פון אַ מדינה, וואָס מ׳וועט אונדז געבן, וועלן מיר נאָך מוזן באַצאָלן מיט בלוט, מיט פיל בלוט פון אונדזערע בעסטע זין״ — האָט אונדזער ראַדיאָ — ד י ש ט י ם פ ו ן ק ע מ פ נ ד י ק ן צ י ו ן — גערופן טאָג־איין, טאָג־אויס. מיר זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער צעטיילונג פון לאַנד און האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז אפילו אונדזער גרויסער קרבן, דאָס אַוועקגעבן דעם גרעסטן טייל פון לאַנד, וועט נישט פאַרזיכערן דעם פרידן.

ס׳איז אפשר כדאי צו פאַרגלייכן אונדזער אַנאַליז מיט די „אָפּטימיס־

טישע" רייד פון ה' בן־גוריון, וועלכער האָט נאָך אַ סך שפּעטער אויסגעדריקט זיין גלויבן אין די פרידלעכע כוונות פון מלך אבדאללא „דעם פאַרגינפּטיקן הערשער".

דעם 29טן נאָוועמבער האָט די פּלענאַר־פאַרזאַמלונג פון אונ"א באַשטע־טיקט דעם פאָרשלאַג צו שאַפן אין ארץ־ישראל אַ יידישע מדינה און אַן „אַראַ־בישע מדינה", צו פאַראייניקן ביידע מדינות אין אַן עקאָנאָמישער אוניע און פון ביידע מדינות אָפּצוטיילן ירושלים. זי וועט בלייבן אַן „אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט". דאָס פאָלק האָט געיובלט, נאָר מיר האָבן אים דערמאָנט, אַז דאָס פאַ־טערלאַנד איז צעשניטן געוואָרן און די מלחמה קלאַפּט אין אונדזערע טירן. אויף צומאָרגנס נאָכן באַשלוס, האָבן זיך אָנגעהויבן מערדערישע אָנפאַלן פון אַראַבער אין די שטעט און אויף די וועגן. די יידישע פירערשאַפט האָט זיך אָבער געטרייסט אַז דאָס זענען נאָר „דעמאָנסטראַטיווע אויסברוכן". די אַל־געמיינע מיינונג איז געווען, אַז מ'דאַרף נישט ציטערן פאַר אַ מלחמה אין אַ ברייטן פאַרנעם.

די יידישע אַגענץ האָט געגלויבט אין „קאַלענדאַר" וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין דער אונ"א־רעזאָלוציע. נאָך אין דעצעמבער 1947 האָבן מיטגלי־דער פון דער אַגענץ אויסגעדריקט פאַר אונדז זייער אמונה, אַז דעם 1טן פעב־רואַר 1948 וועט געעפנט ווערן אַ פרייער פּאָרט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אונ"א, און דורך דעם פּאָרט, וואָס וועט איגגאַנצן שטיין אין אונדזער ר'שות, וועלן מיר קענען ברענגען אַ סך וואָפן און אַמוניציע. מיר האָבן געפּרוווט זיי צו באַווייזן, אַז זיי האָבן אַ טעות, אַז די ענגלענדער וועלן עס נישט טאָן. אָבער אונדזערע אַרגומענטן האָבן נישט געקענט צונישט מאַכן די אילוזיע, צוליב וועלכער עס זענען נישט געמאַכט געוואָרן — אין די חדשים דעצעמ־בער און יאַנואַר — די נייטיקע באַמיאונגען צו באַקומען געווער פון אויס־לאַנד. טייערע געלעגנהייטן זענען פאַרלוירן געוואָרן, פאַר וואָס מיר האָבן באַצאָלט מיט אַ סך בלוט.

אפילו צו מענטשן פון אונטערגרונט האָט זיך אין יענע צייטן צוגע־קלעפּט דער פאַרבלענדעדיקער אָפּטימיזם. די אָנפירונג פון לח"י איז באַלד צוגעטרעטן צו פאַרוואַנדלען איר אָרגאַניזאַציע אין אַ פּאָליטישער אָרגאַני־זאַציע. איינער פון די לח"י־פירער האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז ס'איז זיך נישט פאָרצושטעלן אַז ס'וועט אויסברעכן אַ גרויסער קריג, צוליבן באַשלוס פון אונ"א. „עס וועט אפשר זיין — האָט ער געזאָגט — אַ קליינער גערילאַ־קריג. דער מופטי וויל וואַרפן אין קריג אַ 2.000 — 3.000 פאַרטיזאַנער". מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אַז עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען די בלוטיקע גע־שעענישן האָבן זיך געשטאַרקט אין לאַנד, האָט לח"י אויסגעבעסערט דעם טעות, פאַרשטאַרקט די קריג־הכנות און איז אַרויס אויף וויכטיקע אָפענסיווע־אַקציעס קעגן די בריטאַנישע צענטערס. אָבער אָנהייב דעצעמבער האָבן זיי

נאָך ערנסט געטראַכט וועגן דעם סוף פון מלחמה־קאַפּיטל און וועגן דעם אָנהייב פון אַ וואַל־קאַמף.

אָנהייב דעצעמבער האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַ רוף צום פאָלק, וועלכן איך האַלט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע ווענדונגען פון ארגון צבאי לאומי. אין רוף „מיר וואָרענען" האָבן מיר געזאָגט צווישן אַנדערן:

„די שרעקלעכסטע געפאַר וואָס דראָעט אונדז איצט איז דאָס, אויב מיר וועלן באַצייטנס נישט דערשאַצן די גרייס פון דער סכנה.

....די בלאָקאַדע אויפן ים קענען אונדז וועט נאָך דויערן פינף חדשים. דער נאַצי־בריטישער פאַרשקלאַפער וועט נישט דערלויבן, מיר זאָלן באַקומען פאַרשטאַרקונגען, נישט אין מענטשן און נישט אין קריגס־מאַטעריאַלן. אין לאַנד וועט פאַרגאָסן ווערן יידיש בלוט. וואָפן וועט צוגערויבט ווערן. יידישע קעמפערס וועלן אַרעסטירט אָדער דערמאָרדעט ווערן דורך די אָנגעהעצטע כוליגאַנעס. די עקאָנאָמיק וועט דערשיטערט ווערן און די קאָמוניקאַציע־וועגן וועט מען צעשעדיקן.

דאָס אַלץ וועט נאָך דויערן פינף פולע חדשים. און דעמאָלט, אין דער נאַכט פון 15טן מאַי 1948, מיט דער ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט, וועלן פאַלן די שטאַנגען פון די יבשה־גרעניצן פון אונדזער לאַנד. דורך די גרעניצן וועלן שטראָמען טויזנטער אַראַבישע מרצחים, באַוואָפנטע מיט בריטישן געווער...

דעריבער דאַרפן מיר זיך באַצייטנס צוגרייטן. און קודם־כל — מאַכן אַ סוף צו דער דעפענסיווע! אַן אָפענסיווע קעגן די מערדער־נעסטן! מ'מוז צוגרייטן ברייטע סטראַטעגישע פּלענער פאַר דער אָפענסיווע פון דער יידישער פרייהייט־אַרמיי. מ'דאַרף מאַכן הכנות אין אויסלאַנד. מ'דאַרף צוגרייטן נייע קאַדרן פון געניטע קעמפער.

דאָס אַלץ דאַרף געטאָן ווערן מיט פאַראייניקטע כוחות. ווייל אַלע אָן אויסנאַם וועלן מיר שטיין פאַר די זעלביקע סכנות... די לאַגע איז אַ שווערע, די סכנות גרויסע. אָבער אָן פּאַניק. אויב מיר וועלן וויסן, וואָס מיר דאַרפן טאָן, וועלן מיר געבן דעם שונא אַ טויט־קלאַפּ!..."

ווי געוויינלעך, האָבן מיר זיך נישט באַגנוגנט מיטן רוף. נאָך צוויי וואָכן פון אַראַבישע אָנפאַלן, זענען די סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי אַריבער צו דער ערשטער קעגן־אָפענסיווע. אין משך פון דריי טעג, פון 11טן ביזן 13טן דעצעמבער, האָבן אונדזערע איינהייטן געקלאַפּט אין די כוליגאַנישע צענטערס און אין זייערע אָנגריף־באַזעס. מיר האָבן געגעבן קלעפּ אין חיפה און יפו, אין טירא און יאזור, אָנגעגריפן אייניקע מאָל אין ירושלים; מיר זענען אַריין אין

מערדער־דאָרף שאַפּעט אויפן וועג צום העברעאישן אוניווערזיטעט. מיר זענען אַריינגעדרונגען אין יהודיה און צעקלאַפּט אַ באַוואָפנטע כנופיה, וואָס האָט זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דאָרף. די פאַרלוסטן פון שונא אין געהרגעטע און פאַר־וואונדעטע זענען געווען זייער שווערע.

און נישט אַן אַנדערער ווי דער „הארץ“, אַ צייטונג וועלכע מ׳קען נישט באַשולדיקן אין סימפּאַטיע צו אונדז, האָט געשריבן די ווייטערדיקע ווערטער: „אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער לאַגע איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק די פאַרצווייגטע אַקציעס פון אצ״ל“. זיכער, אַ ווענדונג, ווייל ביז דעמאָלט זענען אַלע יידישע כוחות געשטאַנען בלויז אין פאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס און די איניציאַטיוו איז געווען ביים שונא. און מיר זענען געקומען, אַריבער צו אָפענסיווע און איבער־גענומען די איניציאַטיוו.

אויך פּסיכאָלאָגיש און פּאָליטיש איז די ווענדונג געווען זייער אַ וויכ־טיקע. ביז אונדזערע אַטאַקעס איז די אַראַבער „געלונגען“ אונדז גורם צו זיין הונדערטער קרבנות. און די אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן געשריבן, אַז אויף אַלע וועגן הערשן די אַראַבער און אין די שטעט גרייפן זיי אָן. דאַקעגן זענען די יידן נישט מסוגל צו ברעכן דעם אַראַבישן אויפשטאַנד, נישט געקוקט אויף זייערע הבטחות בעת די אונ״א פאַרהאַנדלונגען.

אונדזער קעגן־אָפענסיווע האָט באַוויזן די גוישע זשורנאַליסטן, אַז ס׳איז נאָך פריצייטיק צו רעדן וועגן „דער יידישער שוואַכקייט“.

אפילו ה׳ בן־גוריון האָט געפונען לויב־ווערטער פאַר אונדזערע אָנגריפן, אפשר דערפאַר וואָס ער האָט נישט געוווסט, אַז דאָס האָבן מיר זיי אויסגע־פירט. אויף צומאָרגנס נאָכן געלונגענעם אָנגריף אויף טירא, האָט ה׳ בן־גוריון געזאָגט צו די זשורנאַליסטן: „זעט איר די אַקציע־פעאיקייט פון אונדזערע בחורים“? דער פאָרזיצנדער פון דער יידישער אַגענץ איז געווען איבערצייגט, אַז דעם אָנגריף האָבן אויסגעפירט די „הגנה“־מיטגלידער. ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז דאָס האָבן די סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי מיט דערפאָלג געקלאַפּט אין דער נעסט פון די כוליגאַנעס, האָט ער שוין מער נישט איבער־געחזרט זיין קאָמפּלימענט.

זעענדיק די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וועלכע האָבן געפירט צו אַ פראָנטאַלער פאַרמעסטונג מיט די אַראַבער, האָבן מיר אָנגעהויבן רעאָרגאַני־זירן די כוחות פון אונדזער קעמפנדיקן ארגון. מיר זענען צוגעטרעטן צו ליק־ווידירן די אונטערגרונט־סטרוקטור פון אונדזערע אייגהייטן. מיר האָבן גע־עפנט די רייען פאַר פרייוויליקע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו אונדז אין די טויזנטער. אין די פּרדסים פון פּתח־תקווה און רמת־גן האָבן מיר גע־שאַפן די ערשטע מיליטערישע לאַגערן. איבער די אַלע הכנות איז געלעגן די זאָרג צו באַקומען געווער. מיר האָבן וואָס אַן אמת גאָרנישט פאַרנאַכלעסיקט. דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר פאַרוואַנדלט אין געווער,

און מיט דעם געווער האָבן מיר אין משך פון יאָרן געפירט אַ באַפרייאונגס־קאַמף קעגן אַ מעכטיקער אָקופּאַציע־אַרמיי. דאַקעגן די אָפיציעלע אינסטיטוציעס האָבן געהאַט ריזיקע געלט־סומען. דאָך האָט די „הגנה", וואָס פאַר איר באַוואָפענונג עס זענען מאָביליזירט געוואָרן אַלע געלט־קוואַלן פון פאָלק, נישט געהאַט — אין די דעצידירנדיקע חדשים! — מער ווי אַ קליינע צאָל ביקסן און מאַשין־געווער. די חברים פון דער „הגנה", האָבן פונקט ווי די חברים פון אצ"ל און לח"י, העלדיש געקעמפט קעגן די אַראַבער. די גאַנצע יידישע יוגנט איז מיט לייכטן געווער אין האַנט געשטאַנען קעגן טאַנקן און האַרמאַטן. וויפל בלוט־קרבנות מ'וואָלט געקענט פאַרשפּאָרן אונדזער פאָלק און וויפל גרעסערע לאַנד־שטחים מ'וואָלט געקענט באַפרייען, אויב נישט די שרעקלעכע פאַרנאַכלעסיקונג און די פּאָליטישע קורצזיכטיקייט!?

ד.

דער ענגלענדער איז אַלץ נאָך געזעסן אין ארץ־ישראל. זיינע אַגענטן און סאָלדאַטן האָבן זיך נאָך אומעטום אַרומגעדרייט, און מיר האָבן געדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק. טראָץ דעם האָבן מיר מיט איבערמענטשלעכער מי געשאַפן אַמוניציע־וואַרשטאַטן.

די געווער־פּראָדוקציע און די אויסהאַלטונג פון די מיליטערישע לאַגערן האָבן געפאָדערט גרויסע געלטער. און געלט האָבן מיר נישט געהאַט. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו ווענדן דירעקט צו דער געזעלשאַפט און פאָדערן פון איר ביישטייערונגען פאַרן קאַמף פון ארגון צבאי לאומי. אין אונדזער באַשלוס איז געווען אַ סכנה, ווייל די ענגלענדער זענען נאָך געווען אין לאַנד, און אַ מאַסנהאַפטע געלט־זאַמלונג, וועלכע מיר האָבן גערופן „דער אייזן־פאָנד", האָט געפאָדערט, אַז הונדערטער אונטערגרונט־חברים זאָלן אַרויסגיין אין דער עפנטלעכקייט. איז נישט אַמאָל צו פרי צו פאַרלאָזן די „מאַדאַם קאָנספּיראַציע", וועלכע האָט אונדז אָפגעהיט פונעם בייזן אויג פון שונא? אָבער עס איז נישט געווען קיין ברירה. מיר האָבן געמוזט האָבן געלט פאַר די אַמוניציע־וואַרשטאַטן. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך די מיטגלידער פון אונטערגרונט באַוויזן פאַרן יידישן ציבור. און די געזעלשאַפט האָט זיך אָפגערופן אויף אונדזער ווענדונג אין אַן אופן וואָס האָט איבערראַשט — נישט עס האָט אונדז איבערראַשט, נאָר עס האָט פאַרגאַפט אפילו אונדזערע קעגנערס. כמעט קיינער האָט נישט אָפגעזאָגט. די אָרעמע מאַסן האָבן געגעבן גראָשנס, אָבער גראָשנס באַגלייט מיט ברכות, וואָס האָבן באַשטראַלט מיט גליק די געפּלאָגטע און גערודפטע אונטערגרונט־חברים...

די אָפיציעלע אינסטיטוציעס האָבן אונדז נישט געקענט פאַרגינען אַזאַ מאַסן־סימפּאַטיע. זיי האָבן אָנגעהויבן העצן און דראָען, אָבער ס'האָט נישט

געהאָלפן. די פאָלקס־מאַסן האָבן ווייטער געגעבן הילף פאַרן „אייזן־פאָנד", און צווישן די געבערס זענען אויך געווען נישט ווינציקע אָנהענגערס פון קעגנער־רישן לאַגער.

און דעמאָלט זענען די קעגנער אַריבער צו מעשים. אויף מוגראבי פּלאַץ, אין צענטער פון תל־אביב, האָט איינער פון די אָנגעהעצטע „הגנה" קאָמענדאַנטן באַפוילן צו וואַרפן גראַנאַטן אין דעם טויזנט־קעפּיקן המון, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמלט צו הערן די רעגולערע טראַנסמיסיע פון ארגון צבאי לאומי. צענדליקער מענטשן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, ווער לייכט און ווער שווער. די אויפרעגונג אין דער געזעלשאַפט איז געווען אין־לשער.

דעם דאָזיקן אָוונט בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף אַלענבי. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל נאָך פיל יאָרן, וואָס כ'האָב געמאַכט אַ נאַכט־שפּאַציר אָן אַ „תכלית". דאָס איז, אמת, געווען קעגן די פאַרזיכטיקייט־געזעצן. קיינער איז מיט מיר נישט געווען. אַ סך האָבן מיך געקענט דערקענען. און דער ענגלענדער האָט נאָך געהערשט אין לאַנד. כ'האָב זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטן פון צו מאַכן דעם שפּאַציר. כ'האָב געוואָלט זען מיין פאָלק; כ'האָב געוואָלט הערן, וואָס עס זאָגט.

אין יענער נאַכט בין איך צענדליקער מאָל דורכגעגאַנגען די אַלענבי־גאַס, אין דער לענג און ברייט. כ'האָב אָנגעהויבן דעם שפּאַציר האַלב עלף אין אָוונט און אים געענדיקט דריי אַזייגער באַגינען. כ'האָב מיך געפילט ווי אַ מענטש וואָס איז פון אַ פינצטערן צימער אַרויס אויף אַ מיט ליכט־באַגאָסענער טעראַסע. ווי אומזעבאַרע שטריק זענען אויף אַ מאַגישן אופן אַראָפּגעפאַלן פון מיינע הענט. אַ רוישיקע גאַס אין מיטן פון תל־אביב און דו ביזט צווישן פאָלק, פריי צו גיין הין און צוריק, פריי זיך צוצוהערן צום שאַרפן ווערטער־אויסטויש. פריי, פריי!

אין דער „מוגראבי" נאַכט בין איך געקומען אין דירעקטער באַרירונג, כאָטש אָן איינזייטיקע, מיט טויזנטער יידישער בירגער. כ'בין געשטאַנען אין די צענדליקער וואַנדערנדיקע געזעמלעך. דאָ און דאָרט האָבן זיך אין מיר אַריינגעשטעקט אויגן פון אַ חבר, וועלכער האָט מיך דערקענט. זיי זענען געווען פאַרוווּנדערט. אָבער די גוטע חברים האָבן אָוועקגעדרייט זייערע בליקן, אַזוי ווי זיי וואָלטן מיך נישט געזען.

אין יענער נאַכט האָב איך געלערנט וועגן פרייהייט־גייסט וואָס לעבט אין אונדזער פאָלק. די האַנט־גראַנאַטן, וואָס זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער מאַסע, האָבן נישט אָפּגעשראָקן, זיי האָבן נאָר אויפגערעגט. נישט אַלע דיסקוטאַנטן זענען געווען פריינד פון ארגון צבאי לאומי, אָבער כמעט אַלע האָבן געטאַדלט דעם פּחדנישן אָפּשרעקונג־טאַט. צי וועט מען ביי יידן אימיצן פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט האַנט־גראַנאַטן?

דער בלוטיקער אָנפאַל אויפן מוגראבי־פּלאַץ איז געשען אין סאַמע מיטן פון די פאַרהאַנדלונגען, וועלכע האָבן זיך גראד געפירט צווישן די פאַרשטייער

פון דער יידישער אַגענץ און די פּאָרשטייער פון „ארגון". עס איז געגאַנגען וועגן אַ הסכם צווישן די קעמפנדיקע כוחות. דער משא־ומתן האָט זיך אָנגע־הויבן האַלב דעצעמבער 1947 און האָט געדויערט לאַנגע חדשים. זיין הויפּט־איניציאַטאָר איז געווען יצחק גרינבוים. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט: ה׳ משה שאַפּיראָ, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ שלל ענערגיע אינעם געזעלשאַפט־לעכן קאַמף פאַר דער באַשטעטיקונג פונעם הסכם; עס איז געווען דער רב פיש־מאַן, וואָס האָט נישט געוווסט, אַז דאָס איז שוין אונדזער צווייטע באַגעגעניש אין לעבן, כאָטש אין גאַנץ אַנדערע אומשטענדן. מיט קרוב דרייסיק יאָר צוריק האָט הרב פישמאַן געמאַכט אַ באַזוך אין דער העברעאישער שול אין בריסק און איך, אַ צען יאָריקער יינגעלע, האָב אים באַגריסט אין נאָמען פון די שילער; מיר האָבן זיךביידע געעלטערט; ה׳ דוד רמז, פון די פירער פון מפא״י און פון דער „הסתדרות", וועלכער איז קעגן בן־גוריונס מיינונג ענערגיש באַשטאַ־נען אויף דער באַשטעטיקונג פון אָפּמאַך; ה׳ פּנקס, פון די „מזרחי" פירער, אין וועמענס גאַסטפריינדלעך הויז עס זענען פאָרגעקומען די לאַנגע שמועסן; און דער רב ראַבינאָוויטש פון דרום אַפריקע, וועלכער איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל אין די „הייסטע" טעג פון דער אַקציע פאַרן „אייזן־פאַנד" און „מוגראַ־בי־פלאַץ". דעם ארגון צבאי לאומי האָבן רעפּרעזענטירט אברהם, שמואל און איך.

די ערשטע באַגעגענישן זענען געווען „אומאָפיציעלע". ה׳ גרינבוים האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז די מיטגלידער פון דער יידישער אַגענץ ווייסן וואָס אַן אמת וועגן די פּרעלימינאַרע געשפּרעכן, אָבער ס׳איז נאָך נישטאָ קיין פאָר־מעלע באַשטעטיקונג צו פירן די פאַרהאַנדלונגען. ער האָט מיך געפרעגט, צי מיר זענען גרייט אויף דער באַזע אָנצוהייבן זוכן די מעגלעכקייטן פאַר אַ הסכם צווישן דער „הגנה" און דעם ארגון. מיר האָבן געענטפערט פּאָזיטיוו. ס׳האָט אונדז נישט אינטערעסירט דער שפּיל אין „פּרעסטיזש", ווען אויפן וואָגשאָל איז געלעגן דער עצם־קיום פון פאָלק.

ערשט אויף דער דריטער אָדער פערטער זיצונג, זענען די פאַרהאַנדלונגען געוואָרן „אָפיציעלע". ה׳ גרינבוים האָט אונדז מיטגעטיילט, אַז די יידישע אַגענץ האָט באַשטעטיקט די רעכט צו פירן די געשפּרעכן (וואָרשיינלעך איז דער באַשלוס אָנגענומען געוואָרן קעגן ה׳ בן־גוריונס דעה, האָט ער דאָך אין אָנהייב דעצעמבער עפנטלעך פּראָקלאַמירט, אַז ס׳וועט נישט זיין קיין משא־ומתן מיט די „דיסידענטן"). אויב ס׳וועט דערגרייכט ווערן אַ הסכם צווישן אונדז — האָט ה׳ גרינבוים צוגעגעבן — וועלן זיינע פּונקטן געבראַכט ווערן פאַרן פּלענום פון דער סוכנות־עקזעקוטיווע. מיר האָבן דערצו מסכים געווען. אויך אונדזער „פּלענום" האָט געדאַרפט באַשטעטיקן דעם הסכם.

אַלע אָנטיילנעמער פון די צדדים זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון אחריות. די בלוטיקע געשעענישן אין לאַנד זענען געוואָרן אַלץ העפטיקער

און העפטיקער. דאָך איז נישט געווען לייכט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג. די דערמאָנונג פון די רדיפות קעגן אונדז, באַזונדערס אין דער לעצטער תקופה, האָט פאַרטונקלט דעם משא־ומתן. און אין דער העלפט יאַנואַר 1948 האָט גע־האַלטן, אַז די שמועסן זאָלן אינגאַנצן איבערגעריסן ווערן און אנשטאט דעם האָט געקענט זיך אָנהייבן אַן אינערלעכער בלוטיקער קריג. אין יענע טעג האָט מען געקידנעפּט, געפּייניקט און דערמאָרדעט איינעם פון אונדזערע פּעאיקסטע מפקדים אין חיפה, סגן גבריאל.

ידידיה סעגאַל, דאָס איז גבריאל, אַ זון פון אַן אַלטער חלוצישער פאַמיליע, אַ סינטעזע פון גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, אַ מענטש פון טיפן רעליגיעזן גלויבן און טרייהייט צום פרייהייט־קריג, איז געקידנעפּט געוואָרן דורך דער „הגנה" אין חיפה צוויי וואָכן נאָכדעם ווי דער פירער פון דער „הגנה" האָט פערזענלעך פאַרזיכערט די מיטגלידער פון דער יידישער אַגענץ, וועלכע האָבן געפירט די פאַרהאַנדלונגען, אַז ס'וועלן שוין מער נישט זיין קיין פאַרכאַפּונגען פון מענטשן. די פאַרזיכערונג איז געגעבן געוואָרן די ה"ה גרינבוים און שאַפּירא, ווען סוף דעצעמבער איז דורך דער „הגנה" געכאַפּט געוואָרן אונדזערער אַ חבר און ער איז געפּייניקט געוואָרן „מיט דריטן גראַד". מיר האָבן אויפגעקלערט די סוכנות־מיטגלידער', אַז אַזעלכע מעשים קענען ברענגען צו אַ בירגער־קריג, אין סאַמע מיטן פון די אַראַבישע אָנגריפן. דעמאָלט איז אַרויפגעשווומען די סברה אַז אין דער „הגנה", וועלכע באַשטייט פון פאַרשידענע פאַרטייאישע בלאָקן, זענען פאַ־ראַן געוויסע עלעמענטן, פאַראינטערעסירטע „אויפצורייסן" די אונטערהאַנדלונ־גען און נישט צו דערלאָזן צו אַן אָפּמאַך צווישןביידע אָרגאַניזאַציעס, אַן אָפּ־מאַך וועלכער באַדייט דאָס „אָנערקענען דעם אצ"ל".

די הבטחה פונעם „הגנה"־שעף — וואָס עס האָבן אונדז איבערגעגעבן די אַגענץ־מיטגלידער, אויסדריקנדיק באַדויערן צוליבן נייעם פאַל פון קידנעפּן — איז נישט געהאַלטן געוואָרן. אין חיפה איז באַנייט געוואָרן די כוואַליע פון די מענטשן־פאַרכאַפּונגען. דאָס מאָל האָבן אונדזערע חברים — אין איינקלאַנג מיט אונדזערע פריערדיקע וואָרענונגען — אונטערגענומען רעפּרעסיע־מיטלען: זיי האָבן פאַרהאַלטן איינעם פון די פירערס פון ש"י אין חיפה. די „הגנה" האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט געפינען איר חבר.

דעם 13טן יאַנואַר האָט דער מפקד פון „ארגון" אין חיפה, אמנון, באַ־קומען אַ בריוו פון אָרטיקן „הגנה"־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט פאַרגעשלאָגן אַ „באַפרייאונגס־אויסטויש" פון די געקידנעפּטע. אמנון האָט אָנגענומען דעם פאָר־שלאָג. דער דורך אונדז פאַרהאַלטענער ש"י־מאַן, איז באַפרייט געוואָרן און ער האָט באַשטעטיקט אַז מ'האָט אים נישט אָנגערירט. איינער פון די געכאַפּטע אצ"ל־מיטגלידער איז אויך באַפרייט געוואָרן. די „הגנה" האָט געמעלדעט, אַז זי האָט באַפרייט אויך דעם אַנדערן אצ"ל מיטגליד, וועלכער איז געווען אין איר־ע הענט, אָבער ער איז נישט צוריקגעקומען. ער איז שוין קיינמאָל נישט צוריק־

די אַטאַקעס פון „אירגון“
האָבן נישט געלאָזט רוען
דער אָקופּאַציע אַרמיי: דאָ
זעען מיר אַ בילד פון די
חורבות פונעם קלוב פון די
ענגלישע אָפיצירן.

אויפרייס פון דער
ביוראָ פאַר עפנט־
לעכע אַרבעטן אין
ירושלים.

די באַן־סטאַ
פון ירושלים

געקומען. דאָס איז געווען ידידיה סעגאַל. זיין טויטער קערפּער איז געפונען געוואָרן ווייט, ווייט פונעם אָרט, וווּ די „הגנה" האָט אים געהאַלטן אַרעסטירט — נעבן אַראַבישן טירא־דאָרף.

די אומגליקלעכע מוטער האָט נאָך נישט געוווּסט פון איר אומגליק. זי האָט געזוכט איר זון. דריי טעג איז זי אַרומגעלאָפן פון עסקן צו עסקן, פון איין „הגנה"־קאָמענדאַנט צום צווייטן. אַלע האָבן איר געזאָגט, אַז ידידיה איז ב אַ פ ר יי ט ג ע וו אָ ר ן. אָבער קיינער האָט איר נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט זאָגן, פאַרוואָס ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען.

נאָך דעם 16טן יאַנואַר האָט די „הגנה" פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט, וועלכער „קלערט אויף", אַז ידידיה סעגאַל איז אַנטלאָפן פון זיין אַרעסט און ר'איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די אַראַבער פון דאָרף טירא. מ'האָט זיך נישט געקענט באַציען מיטן מינדעסטן צוטרוי צו דער דאָזיקער מעלדונג. ידידיה סעגאַל האָט געלעבט אויפן כרמל פון דער קינדהייט אָן. ער האָט געקענט יעדן וועג און שטעג פון דער סביבה. די „הגנה" האָט אים געהאַלטן אויפן כרמל. דער דאָרף טירא געפינט זיך אין אַ מרחק פון עטלעכע קילאָמעטער פונעם באַרג. צי וועט אַ חיפהער איינוווינער לויפן דאָרט אין טעג פון בלוטיקע געשעענישן? און אויב ידידיה איז אַ נ ט ל אָ פ ן, פאַרוואָס האָבן אַלע „הגנה"־קאָמענדאַנטן דריי טעג נאָכאַנאַנד דערציילט זיין מוטער אַז ער איז ב אַ פ ר יי ט געוואָרן? נישט אַנדערש, ווי ידידיה סעגאַל איז פאַרפייניקט און געשלאָגן געוואָרן ביז טויט, אָדער עס האָבן אים דערשאָסן זיינע קידנעפּער. און זיי, ווי פחדנותדיקע פאַרברעכער, האָבן געפּרוווט צו פאַרווישן די סימנים פון זייער פאַרברעכן דורך אַריינוואַרפן אים אין דאָרף טירא, כדי צו שאַפן אַן איינדרוק אַז אַראַבער האָבן אים געהרגעט.

מיר זענען ווידער געשטעלט געוואָרן אויפן שייד־וועג. דאָס געהיימניש פון ידידיה סעגאַלס מאָרד האָבן מיר נישט געקענט אין די דעטאַלן. פאַר אונדזער אַלעמענס פּיס האָט זיך געעפנט אַן אָפּגרונט. דאָס פאָלק שטייט אין אַ מלחמה פאַרן קיום. טאָג־איין, טאָג־אויס פאַלן קרבנות, און אויפן האָריזאָנט — אַן אינוואַזיע. צי איז אונדז נגזר געוואָרן זיך צו טרינקען קעגנזייטיק אין בלוט פון אייגענע ברידער?

די אומגליקלעכע יידישע מוטער איז אונדז געקומען צו הילף. ידידיהס מוטער האָט געזאָגט: „איך וויל נישט, אַז מיין זונס בלוט זאָל ברענגען צו אַ ברידער־קריג!"

און מיר האָבן עס ווידער אויסגעמיטן. אָבער מיר האָבן געמאָלדן די מיטגלידער פון דער אַגענץ, אַז מיר רייסן איבער די אונטערהאַנדלונגען און וועלן זיי נישט באַנייען, ביז ס'וועט נישט אַנטשטיין קיין געזעלשאַפטלעכע אויספאָרשונג־קאָמיסיע, וואָס וועט אויפדעקן די פאַראַנטוואָרטלעכע אין ידידיהס

מאָרד. הרב פישמאַן, ה׳ גרינבוים און ה׳ שאַפּיראָ זענען נאָמינירט געוואָרן ווי מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

די אויספאָרש־קאָמיסיע האָט זייער לאַנגזאַם געאַרבעט. ווייזט אויס, אַז געוויסע פאַקטאָרן האָבן איר געמאַכט שטערונגען. דעם 15טן מאַי 1948 האָט זי נאָך נישט געהאַט קיין מסקנות. ס׳איז געקומען די אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען. ה׳ יצחק גרינבוים איז געבליבן אין ירושלים. די קאָמיסיע האָט נישט געענדיקט איר אַרבעט, וועלכע איז איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ לאַנגע צייט. סוף יוני האָט גרינבוים מיר געזאָגט, אַז זיין פּערזענלעכע מיינונג איז, אַז די „הגנה״־מענער האָבן נישט דערמאָרדעט סעגאַלן.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן זיי דערציילט דער מוטער, אַז ידידיה איז באַפרייט געוואָרן? — האָב איך געפרעגט.

— צוליב „ביוראָקראַטישע בושה״ — האָט ה׳ גרינבוים געזאָגט. די מפקדים האָבן זיך נישט געוואָלט מודה זיין אין זייער דורכפאַל.

ה׳ גרינבוים איז אַ מאַן פון גרויסער עכטער יושר. צי איז געלונגען די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר ידידיהס מאָרד אים אָפּצונאַרן?

נישט לאַנג וועט קורץ זיין די האַנט פון גערעכטיקייט.

ה.

ווען ס׳איז געשאַפן געוואָרן די ספּעציעלע אויספאָרשונג־קאָמיסיע זענען באַנייט געוואָרן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די פאָרשטייער פון דער אַגענץ און די שליחים פון ארגון צבאי לאומי. די פּראַקטישע שוועריקייטן זענען געווען נישט קלענער פון די פּסיכאָלאָגישע. מיר האָבן מסכים געווען אייַנצוגלידערן אונדזערע סאָלדאַטן אין די לאָקאַלע פּאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס באופן אַז זיי זאָלן זיין אונטער דירעקטער אויפזיכט פון אונדזערע מפקדים און דער אַלגעמיינער קאָמאַנדשאַפט פון ראַיאָן־קאָמענדאַנטן פון דער „הגנה״. מיר זענען אָבער באַשטאַנען אויפן פּרינציפּ פון רעאַגירן אויף די אָנגריפן מצד די בריטישע כוחות. מיר האָבן בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דער ליניע פון נישט שטעלן אַ ווידערשטאַנד די ענגלענדער, בעת זיי האָבן דורכגעפירט געוועור־רעוויזיעס. פון דער צייט, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַראַבישע אַטאַקעס ביז דער ליקווידאַציע פון דער בריטישער הערשאַפט איז ביי די „הגנה״־מיטגלידער צוגערויבט געוואָרן אַ סך געווער און זייערע מיטגלידער זענען דערמאָרדעט געוואָרן נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי אַנטוואָפנט.

מיר האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אונדזערע בחורים זאָלן מיטן גוטן ווילן איבערגעבן געוועב אין די הענט פון בעווינס חיילות. מיר האָבן געוווסט פון דערפאַרונג, אַז אויב די ענגלענדער וועלן וויסן, אַז פאַרן פּרווו צוצונעמען יידיש וואָפן וועלן זיי זיך אָנשטויסן אויף הייסן בליי און באַצאָלן מיט

בלוט, וועלן זיי זיך פון פאַראויס אָפּזאָגן פונעם צווייפלהאַפטן „געשעפט". מיר האָבן דעריבער געפאָדערט אַז אויך די „הגנה" זאָל ענדערן איר „ליניע" און באַפעלן עפנטלעך אירע מיטגלידער זיך קעגנצושטעלן יעדן פּרווו פון אַנטוואָפּנונג. מיר זענען בכל אופן באַשטאַנען אויף דעם, אַז די ארגון־מיטגלידער זאָלן אויטאָריזירט ווערן זיך קעגנצושטעלן יעדן בריטישן אָנהייב זיי צו אַנטוואָפּענען.

דאָסגלייכן זענען מיר באַשטאַנען אויפן פּרינציפּ פון „קאָנפיסקירן" וואָפן ביי די ענגלענדער. מיר האָבן געוווסט, אַז אויך נאָכן אונטערשרייבן דעם „הסכם" און נאָך דעם ווי דער ארגון וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין איינעם פון די אַנערקענטע כוחות פון פאָלק, וועלן מיר פון די אַלגעמיינע קוועלן נישט באַקומען נישט קיין געלט צו באַוואָפנען זיך און נישט קיין געווער. מיר האָבן דעריבער געפאָדערט מ׳זאָל אונדז דערלויבן נעמען געווער — פון דער בריטישער אָקופּאַציע־אַרמיי, וועלכע איז צעפרעסן פון דעמאָראַליזאַציע.

בנוגע דער געמיינזאַמער מלחמה קעגן די אַראַבישע אָנגרייפער זענען נישט געווען קיין באַזונדערע שוועריקייטן. זייט די „הגנה" איז אַריבער צו אַ קעגן־אָפענסיווע, האָבן מיר אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון דער ווידערשטאַנדבאַוועגונג, אַז מיר שלאָגן פאַר קריגס־פּלענער און וועלן זיי אויספירן מיטן הסכם פון דער „הגנה"־קאָמאַנדשאַפט.

לויט די דאָזיקע ליניעס איז נאָך אַ לאַנגן משא־ומתן דערגרייכט געוואָרן דער הסכם צווישן דער יידישער אַגענץ — ווי די העכסטע אינסטאַנץ פון דער „הגנה" — און דעם ארגון צבאי לאומי. אָבער אַפילו נאָך דעם ווי דער אָפּמאַך איז ראַטיפיצירט געוואָרן אין אַפּריל 1948 דורכן ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, איז ער נאָך אַלץ נישט אַריין אין קראַפט. אין אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן מפא"י און מפ"ם ביטער באַקעמפט דעם הסכם. כדי ער זאָל אַריינגיין אין קראַפט, איז נויטיק געווען אַ צוזאַמענטרעף צווישן די ספּעציאַליסטן, דאָס הייסט אַ דירעקטער צוזאַמענטרעף צווישן די פאַרשטייער פון דער „הגנה" מיט די פאַרשטייער פון „ארגון". דאָס איז פאַרשלעפט געוואָרן פון וואָך צו וואָך. דער צונויפקום איז פאָרגעקומען ערשט אויפן שוועל פון דער אינוואַזיע, ביי אונדזער אויפשטורעם אויף יפו.

אין דער צווישנצייט האָבן מיר דורכגעפירט צוויי אַקציעס צו באַקומען וואָפן.

...צום געשריבענעם הסכם זענען בייגעלייגט געוואָרן צוויי מעלדונגען. איינע פון זיי איז געווען אַן איינזייטיקע — אונדזערע. מיר האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט און דערפאַר האָבן מיר נישט געוואָלט, זי זאָל פאַררעכנט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען. האָבן מיר דאָך שוין דער אונ"א־קאָמיסיע געמאָלדן בפירוש, אַז אונטער אַ יידישער רעגירונג וועלן מיר מער נישט האַלטן קיין באַוואָפנטן אונטערגרונט. דאָס איז געווען אונדזער פרייוויליקער באַשלוס, און מיר האָבן אים געבראַכט צום אויסדרוק,

נישט בלויז צו דער עפנטלעכקייט, נאָר מיר האָבן אים באַהאַנדלט אויך אויף אונדזערע אינערלעכע צוזאַמענטרעפן.

נאָכן שליסן דעם הסכם האָבן מיר געשריבן אין אונדזער אינערלעכן גע־היימן „איבערבליק":

אין משך פון פיר וואָכן צייט וועלן מיר וויסן, וואָס זיי האָבן אויסגע־ווײלט. אויב ס'וועט זיין קאַפּיטולאַציע מצד די אָפיציעלע אינסטאַנצן, — וועלן מיר מוזן נישט נאָר אויפהייבן די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן פאַרשקלאַפונג, נאָר אויך די פאָן פון זעלבשטענדיקייט.

אָבער אויב די אָפיציעלע פירערשאַפט וועט אויפשטעלן די יידישע רעגי־רונג און זי וועט רופן דאָס פאָלק צום קאַמף פאַר אונדזער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, וועט אונדזער קעמפנדיקע מחנה זיין פאַראייניקט. מיר וועלן שטיין אַקסל ביי אַקסל מיט אַ קעמפנדער יידישער רעגירונג...

ז.

אונדזער „אויב" איז נישט געווען קיין צופאַל. די אונ"א־פאַרזאַמלונג האָט דעמאָלט באַהאַנדלט דעם „אַפּוטרופסות"־פאָרשלאָג פון דער אַמעריקאַנער רע־גירונג. דער דרוק פון דרויסן האָט געבראַכט צו דעפעטיזם פון אינעווייניק. זייער „וויכטיקע פערזענלעכקייטן" זענען געווען פאַרן אָננעמען גענעראַל מאַר־שאַלס פאָרשלאָג, דאָס הייסט — נישט צו פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה. ה' בן־גוריון, וועלכער איז געווען פאַר שאַפן אַ רעגירונג, האָט אין זיין אייגענער פּאַרטיי זיך אָנגעשטויסן אין גרויסע שוועריקייטן.

מיר האָבן דערפאַר באַשלאָסן צו לייגן אויפן וואָגשאָל דעם דרוק פון אונ־דזער כוח. מיר האָבן נישט געטראַכט וועגן זיך. ס'האָט אונדז נישט געאַרט, ווער ס'וועט שטיין אין דער שפּיץ פון דער יידישער רעגירונג און פון וועמען זי וועט באַשטיין. מיר זענען אָבער געווען רייף פאַרן באַשלוס צו פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה, אין פאַל אויב די אָפיציעלע פירערשאַפט וועט זיך אונטער־געבן דעם אויסערלעכן דרוק און וועט נישט אויפהייבן די פאָן פון זעלבשטענ־דיקייט.

אין יענע גורלדיקע טעג, האָט זיך מיט מיר געטראָפן ה' אליעזר ליבענ־שטיין, איינער פון בן־גוריונס נושאי־כלים. ה' ליבענשטיין האָט מיר געזאָגט, אַז בן־גוריון „שאַצט זייער אָפּ" אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע פאָדערן אויפצושטעלן די יידישע מלוכה. זיי העלפן אים בייצוקומען די קעגנערשאַפט מצד פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן. אָבער ער בעט, אַז מיר זאָלן אין אונדזערע ווייטערדיקע פּראָקלאַמאַציעס אונטערשטרייכן דעם פּאָזיטיוון פּונקט, דאָס הייסט — אַז אויב די רעגירונג וועט געשאַפן ווערן, וועלן מיר שטיין הינ־טער איר מיט אונדזער גאַנצן כוח.

איך האָב אָנגענומען די בקשה אָן באַוואָרעניש. אין אָנהויב חודש מאַי האָבן מיר עס ווידער געזאָגט מיטן פולן מויל:

„די יידישע רעגירונג וועט געשאַפן ווערן.

ס׳איז נישטאָ קיין „אפשר״ — זי וו ע ט געשאַפן ווערן. אויב די אָפיציעלע פירערשאַפט וועט שאַפן די רעגירונג — וועלן מיר שטיין אין איר מיט אונדזער פולן כוח. אויב אָבער די פירערשאַפט וועט זיך אונטערגעבן דראָאונגען אָדער זי וועט זיך לאָזן פאַרלאָקן פון צווייפלהאַפטע הבטחות — וועט אונדזער כוח און דער הויפט־כוח פון דער קעמפנדיקער יידישער יוגנט שטיין הינטער דער פרייער רעגירונג, וואָס וועט אַרויפגיין פון די טיפענישן פון אונטערגרונט און זי וועט פירן דאָס פאָלק צום באַפרייאונגס־קריג און צום נצחון.״

די דעראָבערונג פון יפו

א.

אין די עטלעכע חדשים פאַר דער גרויסער אַראַבישער אינוואַזיע זענען מיר פיל מאָל אַריינגעדרונגען אין אַראַבישן שטח. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז כאָטש די אָפענסיווע־אַקציעס האָבן אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג, איז דאָס נאָך נישט גענוג. מיר מוזן אַריבערגיין צו דעראָבערונגס־אַקציעס.

סוף יאַנואַר 1948 האָט די אָנפירערשאַפט פון ארגון צבאי לאומי אָנגעצייכנט פיר סטראַטעגישע פּלענער:

א. ירושלים.
ב. יפו.
ג. דער שטח לוד־רמלה.
ד. דער „דריי עק״.

שטעלנדיק פאַר זיך די דאָזיקע צילן, האָבן מיר געוווּסט אַז זייער פאַרווירקלעכונג הענגט אָפּ פון אַ ריי פאַקטאָרן, באַזונדערס פון מענטשן און מאַטעריאַל. דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר וועלן קודם כל רעאַליזירן דאָס וואָס לאָזט זיך רעאַליזירן. און ווירקלעך, פון אונדזער אַלגעמיינעם סטראַטעגישן פּלאַן האָבן מיר פולשטענדיק פאַרווירקלעכט נאָר דעם צווייטן פּאַראַגראַף. אין ערשטן און דריטן פון די פּונקטן האָבן מיר געהאַט גרויסע דערגרייכונגען אויפן שלאַכטפעלד, אָבער צו קיין זיגרייכער אַנטשיידונג זענען מיר נישט דערגאַנגען. דורכצופירן דעם פערטן פּונקט האָבן מיר אינגאַנצן נישט זוכה געווען. אָבער די דעראָבערונג פון יפו שטייט ווי אַ ספּעציעלע דערגרייכונג אין מיליטערישן פראָנט פאַר דער יידישער זעלבשטענדיקייט.

מ׳דאַרף געדענקען:

בעת מיר האָבן אויסגעאַרבעט די אויבנדערמאָנטע פּלענער, האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיין וואָפן דורכצופירן וועלכע־עס־איז דעראָבערונג־אַקציע. אָבער נויט ברעכט אייזן. אין פעברואַר און מערץ האָבן מיר נישט געהאַט קיין „טראָפּן״ פון דינאַמיט. אין אַפּריל איז אונדז געלונגען צו פאַרשאַפן זיך עטלעכע טאָן אויפרייס־מאַטעריאַל פון אַ מעכטיקער קראַפט. דעם זעלביקן חודש

האָבן מיר אויך געהאַט צוויי געווער־„ווערבירונגען", וועלכע האָבן באַדייטנדיק באַרייכערט אונדזערע געווער־מאַגאַזינען.

דעם 4טן אַפּריל 1948, 6.45 אַזייגער אינדערפרי, האָט גידי געפירט אונ־דזערע אַ שלאַכט־איינהייט, אונטער דער דירעקטער קאָמאַנדירונג פון יהושע, צום בריטישן מיליטערישן לאַגער נומער 80, נעבן פּרדס־חנה, ווו עס האָט סטאַנציאָנירט אַ רעגימענט פון קעגן־טאַנק־אַרטילעריע. דאָס איז געווען אַ פראָנט־אַטאַק קעגן אַן אויסגעצייכנטן רעגימענט פון בריטישע אַרטילעריסטן.

אָבער, אונדזער פּיאָנערן־אָפּטיילונג האָט אַנטוואָפנט די וואַך וואָס איז געשטאַנען אין טויער פון לאַגער און געעפנט דעם וועג פאַר די אַנדערע איינ־הייטן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט צוויי פּאַנצער־אויטאָמאָבילן, אַ מיליטער־רישן און אַ פּאָליצייאישן, ביידע „קאָנפיסקירט". אין אַן אויגנבליק איז דער לאַגער דעראָבערט געוואָרן מיט שטורעם און דער בריטישער קעגן־טאַנק רעגי־מענט איז פּאַקטיש געווען אין אונדזער געפאַנגענשאַפט.

ס׳איז באַלד אויפגעבראָכן געוואָרן דער געווער־מאַגאַזין און מ׳האָט אָנגע־הויבן אויפלאָדענען וואָפן און אַמוניציע. אינצווישן האָט דער שונא זיך אויפ־געכאַפּט אין די ווינקלען פון לאַגער. אַ פּאַנצער־אויטאָ איז אַרויסגעקראָכן קעגן אונדזער צענטראַלער באַזע און זי געדראָעט מיט פאַרניכטונג. דער מאָמענט איז געווען זייער אַ געפערלעכער. דער מוטיקער דזשעקסאָן — מיטן „סקאָטישן" אַקצענט — האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. ער האָט אויפגעבראָכן די טיר פון פּאַנצער־אויטאָ, ליקווידירט זיינע באַוואָפנטע פּאַסאַזשירן און דעראָבערט דעם פּאַנצער לטובת דעם ארגון צבאי לאומי. די ענגלענדער האָבן געבראַכט אין באַוועגונג זייערע האַרמאַטן און שווערע טאַנקן. אונדזערע בחורים האָבן צעשע־דיקט אַ טאַנק פון „שערמאַן"־טיפּ און אויפן פייער פון שונא, וועלכער האָט נישט געטראָפן אין ציל, האָבן זיי געענטפערט מיט אַ פייער־האָגל. אַ בריטי־שער קאָלאָנעל און זיבן סערזשאַנטן און סאָלדאַטן זענען געהרגעט געוואָרן אין שלאַכט. אַ סך זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. אויך איינער פון אונדזערע סאָלדאַטן איז געפאַלן. אייניקע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער אין מיטן פון דער אומ־אויפהערלעכער שלאַכט האָט מען ווייטער אויפגעלאָדנט דעם אַזוי נייטיקן וואָפן: ביקסן, מאַשין־געווער, ברען און אַמוניציע.

צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר ווידער באַזוכט די סביבה פון פּרדס חנה. גידי האָט דאָס מאָל געשטורעמט אַ מיליטערישן צוג, וועלכער איז אַרויס פון חיפה אין דער ריכטונג פון „דריי עק" און האָט געדאַרפט ברענגען צענדליקער טאָנען טייערע אַמוניציע פאַר קאָוקאַדזשיס אַרמייען. אָבער דער צוג איז נישט אָנגעקומען צו זיין ציל. מיר האָבן אים פאַרהאַלטן אויפן 41טן קילאָמעטער, צווישן חדרה און בנימינה, און האָבן פון אים צוגענומען דאָס געווער און די אַמוניציע, וועלכע האָט אַנטשידן דעם גורל פון יפו — און נאָך מער פון דעם.

אָבער די זאַך איז נישט געווען אַזוי פּשוט.

אַ לייכטע מינע, וואָס האָט געדאַרפט פאַרהאַלטן דעם צוג — אָבער נישט פאַרניכטן — איז געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג ווען דער צוג האָט זיך דער־נענטערט צום אָרט, ווו עס האָט אים דערוואַרט אונדזער שלאַכט־איינהייט. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָפענעם פעלד. די בחורים זענען אַרויסגע־שפּרונגען.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען לייכטער אָפּצושטעלן דעם צוג, איידער אים צו באַהערשן. די ענגלענדער האָבן אָנגענומען ספּעציעלע פאַרזיכטיקייט־מיטלען. צווישן דער שורה וואַגאָנען, אָנגעפּאַקטע מיט וואָפן, זע־נען געווען צוויי געפּאַנצערטע וואַגאָנען און אין זיי מער ווי פערציק בריטישע סאָלדאַטן באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס מיט מארטערס, ברען־גאַנען און ביקסן. אַ האָגל פון פייער האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונדזערע בחורים. אין סאַמע אָנהייב פון דער שלאַכט האָט אַ שראַפּנעל געטראָפן אונדזער ראַדיאָ־אויטאָ. אייניקע קעמפערס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. עס איז געווען צעשטערט דער קאָנטאַקט צווישן די איינהייטן, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט אויפן ברייטן שטח. דער שונא איז געשטאַנען הינטער אַ הויכער פאַרפעסטיקטער באַזע, דאַקעגן אונדזערע בחורים זענען געלעגן אויפן אָפענעם פעלד. אינצווישן לויפט די צייט. אַרום געפינען זיך בריטישע מיליטער־לאַגערן. אָט־אָט וועט דער שונא באַקומען נאָך פאַרשטאַרקונגען און אונדזערע איינהייטן וועלן דאַרפן קעמפן מיט אומגלייכע כוחות פון פאָרנט און פון הינטן...

עס דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל וועלן מיר שוין נישט קענען נעמען קיין ברי־טיש געווער. זיי האָבן מזל, די ענגלענדער. זיי האָבן דאָס מאָל נישט געליטן קיין פאַרלוסטן. אָבער גידי וועט זיך אַזוי לייכט נישט אָפּזאָגן פון אַ וואָפן־צוג. צי קען מען דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט? גידי קריכט צו צו אונדזערער אַן אָפּטיילונג און זעט צו זיין פאַרוואונדערונג, אַז זי האַלט געפאַנגען אַ בריטישן סאָלדאַט. וואַרשיינלעך איז דער פּאָליציסט אַראָפּגעשפּרונגען פון צוג, ווען ער איז אַרויף אויף דער מינע און ער איז אַריינגעפאַלן גלייך אין אונדזערע הענט. ווי פייל פון בויגן לויפט דורך אַ מחשבה אין גידיס קאָפּ: דער „טאָמי" וועט אונדז דערמעגלעכן צו דעראָבערן דעם צוג!

גידי רופט דעם געפאַנגענעם סאָלדאַט און זאָגט אים בערך אַזוי:

— מיר וועלן דיך באַפרייען פון געפאַנגענשאַפט. גיי צו דיין קאָמענדאַנט און זאָג אים, אַז אַ שלאַכט־אָפּטיילונג פון ארגון צבאי לאומי האָט אַרומגע־רינגלט דעם צוג פון אַלע זייטן. איך גיב דיין קאָמענדאַנט פינף מינוט צייט אָפּצוגעבן דאָס געווער. אויב ער וועט זיך אונטערגעבן, וועט אים און זיינע סאָלדאַטן נישט געשען קיין בייז. אָבער אויב ער וועט זיך נישט אונטערגעבן — וועלן מיר אויפרייסן דעם צוג מיט זיינע פּאַסאַזשירן. מיר האָבן קעגן־פּאַנצער געווער...

דער אומגליקלעכער „טאָמי" האָט נעבעך קיינמאָל נישט געחלומט וועגן

דעם, אַז ס׳וועט אים באַשערט זיין צו ווערן דער „מלאך־השלום״ צווישן אַ יידישער שלאַכט־אָפטיילונג און זיין מאַיאָר. ער האָט גענומען אויף זיך די שליחות.

אַ מינוט נאָך אַ מינוט לויפן אַריבער. גידי וואַרט אויף אַ תשובה, זי קומט נישט. צי ווילן זיי זיך נישט אונטערגעבן, אָדער זיי באַראַטן זיך נאָך?

גידי וואַרט נישט אויפן סוף פון זיין אולטימאַטום. ער דערנענטערט זיך צו די געפאַנצערטע וואַגאָנען און שרייט אויס אויפן קול:

— אַכטונג, אַכטונג!

עס רעדט צו אייך דער אָפטיילונג־קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי. איר זייט פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט דורך מיינע סאָלדאַטן. אונדזער ציל איז צו קאָנפיסקירן דאָס געוועהר פון צוג. מיר האָבן נישט בדעה אייך צו טאָן קיין שלעכטס. גייט אַרויס פון די וואַגאָנען און הייבט אויף די הענט. אויב איר וועט זיך אונטערגעבן, וועט איר פאַררעכנט ווערן פאַר קריגס־געפאַנגענע. דער ארגון צבאי לאומי טוט נישט קיין בייז קיין געפאַנגענע. עס וועט אייך גאָרנישט געשען און איר וועט זיך צוריקקערן צו אייערע איינהייטן. אָבער אויב איר וועט ווייטער שטעלן אַ ווידערשטאַנד, וועט קיינער פון אייך נישט אַרויסגיין לעבע־דיק. איך וועל געבן אַ באַפעל אויפצורייסן דעם גאַנצן צוג!

גייט אַרויס פון די וואַגאָנען. הייבט אויף אייערע הענט. דאָס איז מיין לעצטע וואָרענונג!

דאָס פסיכאָלאָגישע געוועהר האָט געווירקט. די ענגלענדער האָבן אַרויס־געוויזן „פאַרנונפט״. פאַמעלעך האָבן די בריטישע אָפיצירן און סאָלדאַטן אָנ־געהויבן פאַרלאָזן דעם צוג און אויפגעהויבן זייערע הענט.

גידי האָט לייכט אָפּגעאָטעמט. אין צווייטן וואַגאָן פרווט נאָך אַן ענגלענ־דער צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער דער מאַיאָר באַפעלט אים: גיב זיך אונטער. די שלאַכט איז פאַרלאָרן.

דער צוג איז דעראָבערט געוואָרן.

אָבער דריי טויטע ליגן אויפן זאַמד. ווידער: בלוט פאַר אייזן. און צווישן די געהרגעטע — אבטליון, פון אונדזערע מוטיקסטע קעמפערס, וועלכער איז נאָך אָנהייב 1944 געכאַפּט געוואָרן בעת אַ פאַרטיזאַנישער אַקציע, איז שווער געפּייניקט געוואָרן דורך די סאַדיסטן פון דער בריטישער פּאָליציי און איז נאָך לאַנגע יאָרן דורך אונדז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. דער גורל פון אַן אונטער־גרונט־קעמפער!...

גידי באַהערשט זיין ווייטיק — אבטליון איז געווען זיין חבר — און ער גיט אַרויס באַפעלן בנוגע דער אויסלאָדונג און פאַרלאָדונג. מ׳גייט פון איין וואַגאָן צום צווייטן. אין אַלע די זעלביקע לאָדונג: אַמוניציע פאַר דריי אינ־טשיקע מאַרטערס און האַרמאַטן־קוילן. די בחורים זענען אַביסל אַנטוישט. נישט אויף אַזאַ טראַנספּאָרט האָבן זיי געוואַרט. לויט דער געהיימער אינפאָרמאַציע

האָט אין דעם טאָג געדאַרפט דורכגיין אַ צוג מיט מאַשין־געווער, ביקסן און אַמוניציע. אַ שאָד, אָבער שראַפּנעלן זענען אויך נישט קיין זאַמד. מיר וועלן זיי נעמען.

אַ שאָד?

ווער פאַרשטייט די וועגן פון דער השגחה? אָט די מאַרטער־שראַפּנעלן האָבן אונדז געגעבן יפו, און נאָך מער...

אונדזערע בחורים אַרבעטן מיט פאַרטאָפּלטע כוחות, כדי אַרויפצולאָדענען דאָס געווער אויף די אויטאָס. זייער צאָל איז אָבער נישט גענוג אין דער נויטיקער שנעלקייט אויפצולאָדענען די אומצייליקע טאָנען פון אַמוניציע. ס'איז אַ סך אַרבעט און די צייט איז קורץ! גידי באַשליסט זיך צו באַנוצן מיט די בריטישע געפאַנגענע צו העלפן אויפלאָדענען. ער רופט צו אַ בריטישן סערזשאַנט און זאָגט אים:

— רוף צונויף דיינע מענטשן. איך דאַרף האָבן זייער הילף.

דער בריטישער מאַיאָר הערט דעם באַפעל און ווערט אויפגעציטערט. צווישן די צוויי קאָמענדאַנטן, דעם יידישן און ענגלישן, פירט זיך אַ קורצער, אָבער זייער כאַראַקטעריסטישער דיאַלאָג. דער מאַיאָר זאָגט מיט ציטער:

— דו גייסט זיי אויסשיסן?

גונדאר גדעון ענטפערט רואיק:

— זיי נישט קיין נאַר. מיר זענען יידישע סאָלדאַטן. מיר הרגענען נישט קיין געפאַנגענע. מיר האָבן אייך צוגעזאָגט אַז ס'וועט דיינע מענטשן גאָרנישט געשען. דער ארגון צבאי לאומי האַלט שטענדיק זיין וואָרט. איך דאַרף האָבן דיינע סאָלדאַטן צו דער אַרבעט!

דער מאַיאָר איז פאַרחידושט. ער האָט ווירקלעך געזען ווי די סאַניטאַרדינסט פון די „טעראָריסטן" האָט באַנדאַזשירט זיינע פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן און איינער פון זיי, וועלכער איז ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן, איז אפילו איבערגעפירט געוואָרן אין נאָענטן שפּיטאָל.

פיר גאַנצע שעהן האָבן בריטאַניעס סאָלדאַטן אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון זייער סערזשאַנט־מאַידזשאָר געאַרבעט ביים אָנלאָדענען די בריטישע אַמוניציע אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן פון ארגון צבאי לאומי. צוזאַמען מיט זיי האָבן געהאָרעוועט די מיטגלידער פון „ארגון". ס'איז געווען אַ פריינדשאַפטלעכע קאָאָפּעראַציע — די איינציקע — צווישן די ענגלענדער און די אויפשטענדלער. די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע. עס זענען אויסגעלאָדנט און אָנגעלאָדעוועט געוואָרן קרוב צוואַנציק טאָן געווער. נאָך יעדער שעה האָט גידי דערלויבט אַ פינף־מינוטיקע פויזע און האָט די בריטישע סאָלדאַטן געטיילט אָראַנזשן. מ'מוז מודה זיין, אַז די „טאָמיס" האָבן מיט זייער אַרבעט פאַרדינט אַ סך מער ווי אָראַנזשן. זיי האָבן געאַרבעט מיט ענערגיע. ס'דאַכט מיר, אַז זייט דער אַנטשטייאונג פון דער אימפּעריע האָבן די ענגלענדער נאָך נישט גע־

אַרבעט אין קיין איינעם פון זייערע פּראָטעקטאָראַטן, ווי עס האָבן געאַרבעט זייערע סאָלדאַטן דעם 17טן אַפּריל 1948 אויפן 41טן קילאָמעטער צווישן חדרה און בנימינה. זיי האָבן געטראָגן אַ קאַסטן נאָך אַ קאַסטן, אָנגעפּולט איין אויטאָ נאָכן אַנדערן — ביז די אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן.

די אָנגעלאַדעוועטע אויטאָס זענען פאַרשוווּנדן. די שראַפּנעלן האָבן געפונען אַ „נאַכט־אַזיל" אין די ווייַן־קעלערס פון זכרון־יעקב און אין די הייזער פון דער ראָטשילד־משפּחה. צי האָט דער באַראָן ראָטשילד געחלומט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג ווען מיר וועלן אין זיינע ווייַן־קעלערס „אַריינגיסן" שראַפּנעלן אנשטאַט ווייַן? ער וואָלט זיך זיכער נישט געבייזערט אויף אונדז צוליבן „שעטנז". ווייַן איז אפשר נייטיק פאַר לעבנס־פרייד. די שראַפּנעלן זענען נייטיק געווען פאַרן לעבן אַליין.

ווען ס'האָט זיך געענדיקט די אַרבעט, זענען די בריטישע געפאַנגענע באַפרייט געוואָרן און דער גאַנצער ראַיאָן איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט געפאַנצערטע מיליטער־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געזוכט דאָס געווער און די וואָס האָבן עס קאָנפיסקירט. די רעוויזיעס האָבן גאָרנישט אויפגעדעקט. די ענגלענדער האָבן ליב צו טרינקען, אָבער ביז צו די ווייַן־קעלערס זענען זיי נישט דערגאַנגען. די יידישע באַפעלקערונג אין בנימינה, זכרון־יעקב און פּרדס־חנה איז געווען אַביסל באַזאָרגט. צי וועט פּראָקלאַמירט ווערן הויז־אַרעסט? צי וועט אַרויפגעלייגט ווערן אַ קאָלעקטיווע קאָנטריבוציע?

די פראַגן האָט מען געשטעלט דעם קאָמענדאַנט פון בריטישן מיליטער, וועלכער איז אַרויס זוכן אונדזערע בחורים. זיין תשובה איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע:

— ס'איז געווען אַן אנשטענדיקע שלאַכט. עס וועלן נישט זיין קיין שטראָפן!

ב.

דער לאַגער נומער 80, דער אַמוניציע־צוג און די אייגענע געווער־פּראָדוקציע האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוהייבן די דעראָבערונג־אָפענסיווע פון יפו. אין פאַרלויף פון חודש אַפּריל איז פאַרטיק געוואָרן דער פּלאַן און די הכנות, און חול־המועד פּסח תש"ח, דריי וואָכן פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, זענען מיר אַרויס אויסלייזן תל־אביב — און נישט נאָר תל־אביב — פון דער סכנה פון פאַרניכטונג.

ביז אונדזער אָפענסיווע האָט תל־אביב אומבאַשרייבלעך געליטן מצד דער אַגרעסיווער יפו און פון דער כוליגאַנישער פאַרשטאָט מאַנשיה. לערך טויזנט ציווילע מענער, פרויען און קינדער זענען געהרגעט און פאַרווונדעט געוואָרן אין פאַרלויף פון די חדשים, בעת וועלכע עס האָבן אָנגעהאַלטן די אומרוען. עס

זענען פֿאַרגעקומען די אַנגריפֿן פֿון חסן־בעק מעטשעט און פֿון אַנדערע הייזער אין מאַנשיה, וועלכע האָט ווי אַ קרעבס געטאָטשעט דעם קערפּער פֿון יידישן כרך. די אַראַבישע שיסער איז פּאַקטיש געלונגען צו וואַרפֿן זייערע טויטלעכע קוילן כמעט אין יעדן אָרט פֿון תל־אביב, אויף דער כרמל־גאַס, אויף דער אַלענ־בי־גאַס און אפילו אין די פֿענצטער פֿון תל־אביבער שטאָט־ראָט. די חוצפּה פֿון די יפוער אַראַבער איז געוואַקסן פֿון שעה צו שעה. צום סוף האָבן זיי זיך אָנ־געהויבן באַנוצן מיט שווערע מאַרטאַרן, וואָס זייערע שראַפּנעלן האָבן חרוב גע־מאַכט גאַנצע קוואַרטאַלן אין גרענעץ־ראַיאָן פֿון יפו־תל־אביב. די מאַרטאַרן זע־נען געווען פּרימיטיוו, אָבער די שראַפּנעלן האָבן אַנטהאַלטן צוואַנציק קילאָ דינאַמיט און זייער פֿאַרניכטונג־קראַפֿט איז געווען זייער שטאַרק. זיי פֿלעגן אין דער נאַכט עקספּלאָדירן מיט אַ געוואַלדיקן ליאַרעם און אַנוואַרפֿן אַן אימה אויף דער יידישער באַפֿעלקערונג. צוליב זיי האָט מען עוואַקוּאירט איין קוואַרטאַל נאָכן אַנדערן אויפֿן גרענעץ פֿון תל־אביב. טויזנטער פֿאַמיליעס זענען געבליבן אָן אַ דאַך. תל־אביב איז געווען פֿול מיט פּליטים. די אויסלענדישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן „שלאַכטן אויף די ראָטשילד־בולוואַרן". יפו האָט זיך גערייצט מיט תל־אביב, און תל־אביב איז געווען אין דעפּענסיוו. טויזנטער פֿון אירע זין זענען געווען צוגעשמידט צום סטאַטישן פֿראָנט — פֿון פֿאַרטיידיקן די שטאָט.

אין דער נאַכט פֿון 25טן אַפּריל זענען מיר אַרויס מאַכן אַ סוף צו דער שאַנד און געפֿאַר. אין לאַגער אויפֿן נאָמען פֿון דב גרונער אין רמת־גן האָבן זיך פֿאַרמירט די שלאַכט־איינהייטן און די הילפֿס־אָפּטיילונגען. אין פֿאַרלויף פֿונעם טאָג זענען מאָביליזירט געוואָרן אַ הונדערט אויטאָס, אויף דעם איינציקן וועג וואָס דער אונטערגרונט האָט זיך געקענט באַנוצן זייט דעם אָנהייב פֿון אויפֿ־שטאַנד — דורך פּראָוויזאָרישער קאָנפֿיסקאַציע. דאָס איז נישט געווען קיין אָנגענעמער מיטל. אָבער די שאָפֿערס האָבן געוואוסט פֿון דערפֿאַרונג, אַז מיר גיבן נאָך דעם צוריק די אויטאָס, און אין פֿאַל פֿון שאָדן — באַצאָלן מיר אָנטשעדיקונג. און די שאָפֿערס האָבן געוואוסט, אַז מיר נעמען זייערע אויטאָס פֿאַר אַ מצווה־קאַמף.

האָט אין דער נאַכט פֿון 25טן אַפּריל, אויפֿן שאָסיי פֿון רמת־גן קיין תל־אביב זיך אויסגעשטעלט אַ לאַנגע ריי פֿון לאַסט־אויטאָס, אַ טייל פֿון זיי זענען געווען קאָנפֿיסקירט אויף נישט צוריקצוקערן דער בריטישער אַרמיי, אַ טייל איז נאָר צייטווייליק גענומען געוואָרן און אַ טייל אויסגעבאָרגט דורך פֿריינד. נעבן דעם הויפּט־שאָסיי, אין „מחנה דב" האָבן הונדערטער סאָלדאַטן געוואַרט אויף אַ צייכן פֿון ארגון צבאי לאומי.

אָבער דער צייכן פֿאַרשפּעטיקט זיך.

אויפֿן דאַך פֿון דעם קליינעם הייזל, וואו עס האָט סטאַציאָנירט דער שטאַב פֿון לאַגער, קומט פֿאָר אַ באַראַטונג. שטאַפֿעטן האָבן פֿון שטאָט געבראַכט באַ־אומרואיקנדיקע ידיעות. מ'דערציילט, אַז די „הגנה" גרייט זיך אונדז צו שטערן

אויסצופירן דעם אָנגריף. איינער ברענגט אַ פאָרשלאַג אָפּצולייגן דעם אָנגריף אויף אַ טאָג־צוויי. די דעות זענען גלייכע: פאַר און קעגן. מ׳מוז איצט אָנגעמען אַ גורלדיקן באַשלוס. עס פאַלט די דעציזיע. ביינאַכט גייען מיר אַרויס צום קאַמף.

אונטן אין הויף וואַרט די ערשטע פראָנט־פּאַראַדע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך מער ווי זעקס הונדערט סאָלדאַטן און אָפיצירן פון ארגון צבאי לאומי. ס׳האָט זיך געענדיקט דער אונטערגרונט־קריג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער דעראָבערונגס־קריג, די מלחמה אין פעלד. דער טאָג, אויף וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט, איז ענדלעך געקומען.

אָקאָרשט שטייען זיי, די אונטערגרונט־קעמפער; אָט זענען די אויפשטענדלער. „חיים טויט" און אַריה העלפן גידין. זיי צעטיילן דעם וואָפן צווישן די איינהייטן. אָט שטייט יהושע דער גרויסער שווייגער, דער מוטיקער מפקד, דער איבערגעגעבענער ברודער, דער געליבטער פריינד; אָט שטייט אין שפּיץ פון זיין אָפּטיילונג אלי, דער געניטער אינסטרוקטאָר און מפקד; און אָט איז דער באַרימטער „קבצן", וואָס מאַטעריעל איז ער אַזוי ווי מ׳רופט אים. אָבער ער איז זייער רייך מיט מוט, מיט ליבע און איבערגעבנקייט צו זיינע סאָלדאַטן. און אָט איז יהושפט און „מייק", ירחמיאל און „קאַנוס" און „דזשינגזשי" און נאָך. אַלע אויסגעפּרוווטע אין געראַנגל פאַר דער פרייהייט פון אונטערדריקטן פאָלק.

די פּאַראַדע הויבט זיך אָן. שורותווייז שטייען די אויפשטענדלער, וועלכע גייען אַרויס אין שלאַכט מיט „זייערע" אויטאָס, זייער מעדיצינישן דינסט, זייער אפּראָוויזאַציע־דינסט — און מיט זייער גלויבן. גרויס איז די שעה. מיט פיר יאָר צוריק און מער האָבן מיר אָנגעהויבן בויען אַ טונעל, וואָס זיין לענג מיר האָבן נישט געקענט. און אָט זענען מיר שוין דערגאַנגען צום צווייטן עק פון טונעל: ס׳זעט זיך שוין דאָס ליכט. אַ לויב און אַ דאַנק דעם גאָט פון ישראל פאַרן חסד וואָס ער האָט אונדז געטאָן, אַ לויב פאַר די גוטע און אויך פאַר די שלעכטע טעג. ס׳איז כדאי געווען! אַלץ איז כדאי געווען!

אין אָט די מחשבות גיי איך אריין צוזאַמען מיט גידין אין „קוואַדראַט" צווישן די שורות פון די קעמפערס. איך דאַרף זאָגן אַ פּאָר ווערטער די בחורים איידער זיי גייען צו דער שלאַכט. שוין אַכט יאָר ווי כ׳האָב נישט געהאַלטן קיין „רעדעס". אפשר דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך „טרעמע". ס׳איז נישט קיין געוויינלעכער פּובליקום און נישט קיין נאָרמאַלע צייט. עס דאַרף זיין אַ רעדע פאַר אַ פאַרבאַנד פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען אַרויס פון אונטערגרונט. זיי קענען מיך נישט, אַ חוץ אייניקע, וועלכע שווייגן ווייטער. אויך איך קען זיי נישט, אַ חוץ יחידים, אָבער איך ווייס ווער זיי זענען אַלע. אַ פאַרבאַנד פון טייערע ברידער, וואָס הייליקע פרייוויליקייט און טיפע ליבע

האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט אונטער דער פאָן פון פרייהייט־קאַמף. צי וועל איך געפינען די פּאַסיקע ווערטער פאַר דער שעה, פאַר דעם „פּובליקום״? איך וואָלט אַזוי געוואָלט צוגיין צו יעדן בחור וואָס שטייט מיט זיין געווער אין די גלייכע רייען און אים דריקן צום האַרצן און אַרומנעמען. כ׳האָב דאָך אַזוי פיל אים צו דערציילן, און דווקא אים, דעם אינדיווידועלן קעמפער, נאָך די יאָרן, ווען כ׳האָב אים געשיקט און ער איז געגאַנגען וווהין ר׳איז געשיקט געוואָרן, געגאַנגען מיט ליבע, מיט גלויבן, מיט טרייהייט. און זיכער האָט אויך ער מיר אַ סך צו דערציילן. אָבער מ׳טאָר נישט. מ׳טאָר נאָך נישט. מ׳טאָר זיך נישט פאַרטיפן אין מחשבות. אַ קאַמף שטייט פאַר אונדז. מ׳דאַרף קעמפן, נישט טראַכטן.

סאָלדאַטן פון מעמד!

מיר גייען אַרויס דעראָבערן יפו. מיר גייען צו איינעם פון די אַנט־שיידנדיקסטע שלאַכטן אין דעם פראָנט פאַר ישראלס זעלבשטענדיקייט. ווייסט, ווער עס שטייט פאַר אייך! געדענקט וועמען איר האָט איבער־געלאָזן הינטער זיך. פאַר אייך שטייט אַ מערדערישער שונא, וואָס וויל אונדז פאַרניכטן. הינטער אייך — אונדזערע עלטערן ,אונדזערע ברי־דער׳, קינדער! שלאָגט דעם שונא. איר זאָלט גוט צילן! שפּאָרן אַמוני־ציע! אין קאַמף האָט נישט קיין רחמנות אויפן שונא, אַזוי ווי ער האָט נישט קיין רחמנות אויף אונדזער פאָלק! פרויען און קינדער זאָלט איר שוינען. ווער ס׳וועט אויפהויבן די האַנט, ווי אַ צייכן אַז ער גיט זיך אונטער — דער האָט געראַטעוועט זיין לעבן! ער איז אַ געפאַנגענער ביי אייך. איר זאָלט אים נישט טשעפּען!

צום אָנגריף וועט אייך פירן גונדאר גדעון, אַ געניטער אין שלאַכ־טן. געדענקט די פאָן פון מעמד. נאָר איין ריכטונג איז פאַר אייך — פאָראויס!

גידי דערגאַנצט מיינע רייד מיט אינסטרוקציעס. ער שטרייכט באַזונדערס אונטער די נויטווענדיקייט צו זיין שפּאָרזאַם מיט אַמוניציע.

שורותווייז גייען די קעמפער אַרויס אויפן הויפּטשאָסיי. אָפּטיילונג נאָך אָפּטיילונג גייען זיי אַרויף אויף די לאַסט־אויטאָס. אַ מיליטערישער טראַנספּאָרט.

מיר זענען אַריין אין תל־אביב שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. די שטאָט ליגט אין דרימל. די פאַרוואונדעטע, אָנגעגריפענע תל־אביב, זי שלאָפט איר אָפּרו־שלאָף. זיי געבענטשט, אונדזער תל־אביב, און שיק אויך אַ ברכה צו דיינע זין. זיי גייען דיך באַפרייען!

דער טראַנספּאָרט דרייט זיך אריין אין די שמאָלע געסלעך, וועלכע פירן צו יפו, און קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרט נישטאָ. אין חרובן בנין פון דער

„אליאנס"־שול איז עטאבלירט געוואָרן דאָס זיך־אָרט פון שטאב. אין דער פאַר־לאָזענער געביידע פון ד"ר פרוידס שפּיטאָל איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פעלד־לאזארעט. אין די בנינים פון ראיאָן זענען איינקוואַרטירט געוואָרן די אָפּטיי־לונגען. די פראָנט־ליניע איז אויסגעצויגן געוואָרן, אָבער דער פראָנט איז נאָך רואיק.

אין הסכם מיטן ערשטן פּלאַן האָבן מיר געדאַרפט אָנהייבן די אַטאַקע אין דער נאַכט. אָבער די באַראַטונגען אין לאגער האָבן צוגענומען צייט. מ'איז אַרויס מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. איצט דאַרף מען ציען די ליניעס פון פעלד־טעלעפאָן. און דער עיקר: מען מוז אַוועקשטעלן די מאָרטארס.

צוויי דריי־אינטשיגע מאָרטארס האָבן מיר געהאַט. לייען און שרייב: צ ו יי מ אָ ר ט א ר ס ! זיי זענען געווען פון בריטישער פּראָדוקציע. זיי האָבן אויך געהערט צו ענגלענדער. מיר האָבן זיי נאָר „אויסגעבאָרגט". מער ווי צוויי יאָר האָבן מיר זיך מיט זיי נישט באַנוצט. מיר האָבן נישט געקענט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט צו זיי קיין קוילן, קיין שראַפּנעלן און וואָס טויגן מאָר־טארס אָן קוילן? צי קען מען שרייבן מיט אַ פעדער אָן טינט?

צוויי יאָר נאָכאַנאַנד זענען די צוויי מאָרטארס געווען אין מאגאזין ווי „אלטע זאכן". אָבער היינט איז דער 25טער אפּריל 1948. מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר אָפּגעשטעלט אַ פיינטלעכן מיליטערישן צוג און מיר האָבן זיך „אַנטוישט". בלויז מאָרטאַר־קוילן זענען דאָרט געווען. איצט זענען מיר שוין נישט אנטוישט. אמת טאַקע, נאָר צוויי מאָרטארס, אָבער טויזנטער קוילן פאַר זיי.

דאָס איז אונדזער „אַרטילעריע". אַ „באַטעריע" פון צוויי מאָרטארס — און טויזנטער קוילן. און וואָס וועט זיין אויב איין מאָרטאַר וועט קאַליע ווערן? וועט זיין זייער נישט גוט. וועט אין פעלד בלייבן נאָר איין און איינציקער מאָר־טאַר, וועלכער וועט דאַרפן אַרומנעמען אַלע קוואַרטאַלן פון יפו, אויף די שלאַכט־מאַפּעס אַזוי פיין אָנגעצייכנטע דורך אונדזער אינזשיניערן אָפּטיילונג אונטער דער לייטונג פון אביאל. און וואָס וועט זיין אויב חס־וחלילה אויך דער צווייטער... די שעה זאָל נישט קומען. די מאָרטארס וועלן נישט פאַרראַטן. צוויי יאָר האָבן מיר זיי אָפּגעהיט אין געהיימען מאגאזין. צי וועלן זיי זיין אַזוי אומ־דאַנקבאַר?

די מאָרטארס האָבן נישט פאַרראַטן. איינער פון זיי איז טאַקע קאַליע גע־וואָרן אין ערשטן טאָג פון שלאַכט. ער איז געבראַכט געוואָרן אין וואַרשטאַט. „חיים טויט" באַשעפטיקט זיך מיט אים און דער מאָרטאַר איז פאַרריכט.ביידע האָבן גוט געאַרבעט, אַ סך טעג און וואָכן געשאָטן פייער און שוועבל אויף דער כוליגאַנישער יפו, און נישט נאָר אויף יפו.

אויפן יפוער פראָנט האָבן מיר געהאַט דריי מאָרטאַר־ספּעציאַליסטן,

מייסטערס אין באַדינען אָט די כלי. איינער איז געווען אַ סאָלדאט אין דער אויסטראַלישער אַרמיי, דער צווייטער אין דער פּוילישער אַרמיי און דער דריטער — איך ווייס נישט וואו ער האָט געדינט — איך קען נאָר זיין „כינעזישן" נאָמען. די בחורים האָבן אים גערופן (איך ווייס נישט פאַרוואָס) „טשאַן קיי־שעק". אַלע דריי מאַרטאַריסטן האָבן געקענט שוואַך העברעאיש. זיי האָבן, ווייזט אויס, נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען אויף אויסנווייניק בן־יהודהס ווערטערבוך, אָבער די שפּראַך פון מאַרטאַר האָבן זיי געקענט נישט ווינציקער ווי בן־יהודה האָט געקענט העברעאיש. איך האָב זיי געזען ביי דער אַרבעט. דער מאַרטאַר שפּייט אויס אַ קויל נאָך אַ קויל — און כמעט יעדע טרעפט אין ציל. שעה נאָך שעה, טאָג איין, טאָג אויס האָבן זיי גערעגנט מיט מאַרטאַר־קוילן און זייערע ווונדערלעך־אויסגעאיבטע הענט זענען נישט מיד געוואָרן. און נישט קיין ווונדער, וואָס אויך די „הגנה" האָט געוואָלט די הילף פון די מאַרטאַריסטן. דעם דריטן טאָג פון שלאַכט האָט אונדז די „הגנה"־קאָמאַנדשאַפט געבעטן צו באַשיסן מיטן מאַרטאַר דעם ראַיאָן פון תל־עריש, כדי צו דערמעגלעכן דעם צוריקצוג פון אַ „הגנה"־איינהייט, וועלכע האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטאַרקן פייער פון פיינד און געליטן זייער שווערע פאַרלוסטן. ווען ס'האָט זיך געענדיקט די שלאַכט אויף יפו האָבן מיר דער „הגנה" אויסגעבאָרגט די מאַרטאַרס צוזאַמען מיט די מאַרטאַריסטן כדי אָפּצורייניקן דאָס באַקאַנטע סאַלאַמע־דאָרף, וואָס איז געפאַלן אָן אַ ווייטערדיקן שאָס און אָן איין קרבן. און די מאַרטאַריסטן האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אין יהודיה און ראַמלע, אין די בערג פון אפרים און ירושלים, וואו „טשאַן־קיי שעק" איז געפערלעך פאַרוואונדעט געוואָרן אין טאָג ווען מיר זענען אַריין אויף דער אַלט־שטאָט.

דעם טאָג, ווען מיר זענען אַריין אין יפו, איז קיינער פון די מאַרטאַריסטן נישט פאַרוואונדעט געוואָרן. אָבער דאָס אַוועקשטעלן דעם מאַרטאַר האָט גענומען אַ שטיקל צייט. צוליב דעם ווי אויך צוליב נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע סיבות זענען מיר ערשט פאַר זון־אויפגאַנג געווען גרייט אָנצוהויבן די שלאַכט. ס'איז געווען אַ קורצע באַראַטונג פון די מפקדים, צי זאָלן מיר אָנהויבן דעם אָנגריף באַלד, ביים פולן טאָג־ליכט, אָדער וואַרטן ביזן אָוונט און אָנגרייפן אין דער פינצטער, ווי ס'איז פריער געווען געפּלאַנט. כדי נישט צו דערלאָזן דעם שונא, אויסצונוצן דעם טאָג צו ברענגען פאַרשטאַרקונגען איז געבליבן באַלד אָנצוהויבן דעם אָנגריף.

דורכן פענצטער פון קריגס־שטאַב זע איך אונדזערע בחורים ווי זיי גייען צום שלאַכט. איין קאָלאָנע נאָך דער אַנדערער — אין דער ריכטונג פון יפו. די שלאָפלאָזע נאַכט דערקענט מען גאָרנישט אין זיי. זיי זענען פריש, זינגענדיק. די שלאַכט אויף יפו האָט זיך אָנגעהויבן.

סאָלדאַטן פון „אירגון צבאי לאומי״
תל־אביבעו׳ איינוווינער באַערנדיק
אירגוניסטן וואָס זענען געפאַלן ב
איינגעמען יפו.



ביי דער זייט: יוסף לוי (עוזי), קאָמענ־
דאַנט פון „אירגון״ אין געגנט יפו־תל־
אביב, געפאַלן אין שלאַכט פאַר יפו.



די מאַרטאַרס הויבן אָן צעטרייסלען דעם פּיינט. אין דעם „פּלאַש־העלזל", אין מאנשיה, פירט זיך אַ דיאַלאָג צווישן מאַשין געווער. אונדזערע ב ר ע ־ ג ע ן שפּילן גוט, אָבער גידי באַמערקט תיכף: דער פּיינט האָט מאַשין־געווער פון „שפּאנדאו" סיסטעם. דאָס פייער פון שפּאנדאו איז שטאַרקער און גרעסער' ווי פון די ברענס. דעם שונא, ווי מ'זעט, פעלט נישט קיין אַמוניציע. עו' שיסט אומאויפהערלעך.

דער שונא האָט אויך גוטע פּאַרפּעסטיקונגען אין די חרובע הייזער אין מאנשיה־קוואַרטאַל. די פאַרטיידיקונג פון יפו איז זייער טיף, איין פּאָזיציע טיפער פון דער אַנדערער. די אראבער האָבן ווי, ס'ווייזט אויס, געהאַט גוטע ראַטגעבער. זיי האָבן גוט פאַרפעסטיקט זייערע פּאָזיציעס. און הינטער דער ערשטער ליניע שטייען נישט נאָר איראַקישע סאָלדאַטן און אַראַבישע קעמפער; הינטער זיי שטייען אויך אַלביאַנס סאָלדאַטן און זיי האָבן טאַנקען און האַר־מאַטן, וועלכע פאַרשטעלן מיט אַ וואַנט פון שטאָל און פייער דעם וועג פאַר די. וועלכע רייסן זיך צום ים.

ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס ערשטע בלוט. עס פאַלן קעמפער, צווישן זיי צדוק, דער עלטסטער פון די פאַרטיידיקער פון תל־אביב. ער איז געטראָפן געוואָרן אין קאָפּ. גרויס איז די צאָל פאַרוואונדעטע. די סאַניטאַר־דינסט איז אומגעהויער באַשעפטיקט. אירע העגט זענען פול מיט אַרבעט און — בלוט. אָט לויפט משה, אַ זון פון אַ ירושלימער יידישן „מוכטאר", אַ פרומער פון דור־דורות, „באַוואָפנט" מיט לאַנגע פיאות און — מיט אַ רעוואָלווער. נעבן אים „טאַפּסי" די ברוינע תימניה, וועלכע האָט נאָך באַגלייט די בחורים צו דער לוד־אַקציע. נעבן איר „ניצא", פון אַ משפּחה פון די חברונער קדושים. זיי און זייערע חברים פון דער ערשטער הילף קריכן אַריין אין דער סאַמע פייער־ליניע, אַריין און אַרויס און די פעלד־בעטלעך אין זייערע זיכערע העגט זענען פול מיט צעריסענע גופים, מיט בלוט טריפנדיקע איברים.

אָבער די בחורים זענען נישט אַדורך. אין ערשטן פראָנט־צוזאַמענשטויס זענען מיר אָפּגעשטויסן געוואָרן. מיר האָבן נישט דורכגעבראָכן דעם שונאס ליניעס. דאָס „פּלאַש־העלזל" אין מאנשיה האָבן מיר נישט צעשמעטערט.

ג.

בעת א מפקדים־באַראַטונג איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע רעזומע. ס'איז אונדז נישט געלונגען. מיר האָבן ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט דעם כוח פון שונאס פייער. דער שטח פון מאנשיה איז אַ שמאָלער. די באַוועגונג־מעגלעכ־קייטן זענען זייער באַגרעניצטע. אין אַ פראָנט־אַנגריף וועלן מיר נישט קענען דורכברעכן דעם שונאס ליניעס. מיר מוזן אָנווענדן אַן אַנדערן אטאַק־סיסטעם.

דער אלטער אצ״ל־סיסטעם, מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַנוצט קעגן די ענגלענ־דער: אַ בליץ־שנעלן פּאַראויס־מאַרש פון אַ קליינער אָפּטיילונג מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. אַ שנעלער צוריקצוג. לאָזן אין דער לופטן דעם פיינטס פּאָזיציע. דעראָבערן די אויפגעריסענע פּאָזיציע און ווייטערדיקער פּאַרמאַרש.

גידי שטעלט פון דאָסניי איבער די כוחות. נאָך אַ פויזע וועלן מיר באַ־גייען דעם אָנגריף. אינצווישן וועלן די מאַרטאַריסטן ווייטער באַשיסן יפו. גאָט צו דאַנקען, ס׳איז דאָ מיט וואָס צו באַמבאַרדירן. דער בריטישער אַמוניציע־צוג איז געווען אַ לאַנגער. אין משך פון האלבן טאָג האָבן מיר דער כוליגאַני־שער יפו צוריקגעגעבן דאָס וואָס זי האָט געגעבן תל־אביב אין פאַרלויף פון חדשים — צוריקגעגעבן נאָך מיט פּראָצענט.

נאָך מיטיק ווערט די אַטאַקע באַניית. איצט גייען אַרויס די מינירערס און אין זייערע הענט די בלעכן מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. דאָרט, אין דעם „העלזל״ זענען פאַראַן אייניקע פארפעקטיקטע פּאָזיציעס, וועלכע פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן פּאַרמאַרש. אויב אונדזערע „סאַבאָטערן״ וועט זיך איינגעבן זיי צו פאַרניכטן, וועט זיך עפענען אַן ענגער שפּאַלט, דורך וועלכן מיר וועלן זיך קענען דורכרייסן.

אָבער דער שונא איז וואכזאַם. די בריטישע טאַנקן און די אראבישע „שפּאַנדאוס״ באַדעקן דעם גאַנצן שטח מיט אַ גיהנום־פייער. די ענגלענדער ווארפן אריין אין שלאַכט אויך אַ קעגן־טאַנק וואָפן, וואָס פעלט אונדז אַזוי. יעדער דעראָבערטער שפּאַן ערד קומט אונז אָן מיט בלוט.

עס הערן זיך אויפרייס־קנאַלן. צי האָבן די סאַבאָטערן אויסגעפירט זייער מיסיע מיט דערפאָלג? ס׳ווייזט זיך נאָכדעם אַרויס, אַז נאָר איין פּאָזיציע איז צעשטערט געוואָרן, אָבער די הויפּט־פּאָזיציע פון פיינט האָט בלויז באַקומען אַ „לעק״ פון אונדזער דינאַמיט. מיר זענען ווידער נישט אַדורך.

אַ באַראַטונג פון מפקדים. מיר זיצן אויף די שילער־בענק אין דער חרוּ־בער „אַליאַנס״־שול און מאַכן דעם טאָג־חשבון. דאָס מאַרטאַר־פייער אויף יפו גופא איז געווען זייער עפעקטיוו. אין דעם איז נישטאָ קיין ספק. אָבער דער פראָנט־צוזאמענשטויס האָט נישט געגעבן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. און בלוט איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן.

אין דער טונקלעניש פון דעם מאָפּעס־צימער אין דער קאַמף־קוואַרטיר טראָגט זיך אַ שטאַרקער אומעט. אָבער נישט קיין יאוש. די שלאַכט האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. לאָמיר געבן נאַכט־רו די איינגעמידטע בחורים נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט און אַ שווערן קאמפּס־טאָג. מאָרגן וועלן מיר באַנייען די אָפּענסיווע.

די באַראטונג האָט זיך פאַרענדיקט. דער לאַגער איז איינגעשלאָפן. די מידע סאָלדאטן רוען: ווער אויפן הויף אונטערן בוים און ווער — אין די

האַלב־צעשטערטע הייזער. די ערד און דער דיל איז דאָס געלעגער. דאָס איז באַטירלעך. אונדזערע בחורים זענען נישט געצערטלט. אויף וויפל דילן אין תפיסות זענען זיי שוין געשלאָפן, ביז זיי האָבן זוכה געווען צו ליגן אויף דער ערד פון אַ „שלאַכט־קאַזאַרמע" מיט זייער געווער אין די הענט?

ד.

ס'איז געוואָרן טאָג און אין שלאַכט־קוואַרטיר קומען אָן די צייטונגען. עס ווערט פינצטער אין די אויגן לייענענדיק. כמעט אַלע שרייבן אין איין סטיל וועגן דעם „אומגעלונגענעם אָנגריף" פון אצ"ל אין יפו. מ'דערקענט אַז די צייטונגען זענען „אינסטרואירט" געוואָרן דורך אימיצן.

אויך די קאָמאַנדשאַפט פון דער „הגנה" אַליין פאַרעפנטלעכט אַ קאָמוניקאַט וועגן דעם „דורכגעפאַלענעם אָנגריף פון אצ"ל אויף יפו". ווען מיר וואָלטן נישט געקענט דעם קאַפּיטל פון מלך־דוד האָטעל, וואָלט דער קאָמוניקאַט ביי אונדז אַרויסגערופן מער פאַרוואונדערונג ווי כעס. ס'איז ווירקלעך אַן אויסטערלישע זאַך: די קאָמאַנדשאַפט פון דער „הגנה" טיילט מיט אַלע צייטונגען — אויך די אויסלענדישע זשורנאַליסטן — אַז דער אצ"ל האָט קאָנצענטרירט כוחות פון גאַנצן לאַנד און איז אַרויס אויף אַן אָנגריף אויף יפו. און דאָס איז דאָך צושטעלן אינפאָרמאַציע דעם שונא. צו וואָס דאַרף דער שונא וויסן, וואָס פאַר אַ כוחות מיר האָבן קאָנצענטרירט פאַר דער שלאַכט אויף יפו? די אינפאָרמאַציע וועט דאָך שטאַרקן זיין וואַכזאַמקייט און אים באַוועגן צו ברענגען נייע פאַרשטאַרקונגען.

צום סוף פון דעם „קלוגן" הגנה־קאָמוניקאַט איז געווען אַ דורכזיכטיקע דראָאונג אינעם נוסח: „די הגנה וועט נישט טאָלערירן" א. א. וו. מיר האָבן איבערגעלייענט די אַרטיקלען אין די צייטונגען, וועלכע האָבן געדאַרפט באַרעכטיקן זייערע קעפּלאַך וועגן „דורכגעפאַלענעם אָנגריף פון אצ"ל" און אַן אימה האָט אונדז אַרומגעכאַפּט: **זיי ווילן דאָך מיר זאָלן ליידן אַ מפּלה.** דאָרט, אין תל־אביב, אין „טיל", זיצן זשורנאַליסטן און „קאָמענדאַנטן" און זיי וואַרטן אויף דעם דורכפאַל פון יידישע קינדער, וועלכע זענען אַרויס קעמפן מיט אַן אַכזריותדיקן שונא פאַר דער צוקונפט פון פאָלק. דאָ, אויף דער פראָנט־ליניע, זענען מיר זיך מקריב כדי דאָרט זאָלן יידן קענען רואיק שלאָפן און לעבן. דאָ פּרוּוון מיר צו צעשמעטערן די הויפּט־פּאָזיציע פון שונא פאַר אַן אינוואַזיע פון ים און דאָרט, אין הינטערלאַנד זיצן יידן און יובלען נאָכן ערשטן שלאַכט־טאָג: „דער אצ"ל איז דורכגעפאַלן". זיי וואַרטן אויף דעם, אַז מיר זאָלן איבערלאָזן אונזערע הרוגים אויפן שלאַכט־פעלד. צי קען זיין אַ מער שרעקלעכערער געפיל ווי אָט דער?

כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין אונדזערע בחורים, וועלכע האָבן, אין פרימאָר־גן, זיך אָנגעהויבן גרייטן צו באַנייען די שלאַכט. כ׳האָב אויך געשמועסט מיט אייניקע פון זיי. זיי האָבן שוין געוואוסט פון דער „הגנה״־מעלדונג און פון דער רעאַקציע פון די צייטונגען, און ווי משונהדיק: כ׳האָב ביי די בחורים נישט באַמערקט קיין סימנים פון כעס. זיי, וועלכע שטייען אין דער ערשטער פייער־ליניע, האָבן אויפגענומען די קללות און זידלערייען פון דרויסן, ווי „גוטע ווונטשן״ פאַר דערפאָלג. מיר האָבן ערשט נאָר אָנגעהויבן — האָבן זיי געזאָגט — אָבער מיר האָבן נאָך נישט געענדיקט. מיר וועלן זען, ווער ס׳וועט לאכן דער לעצטער!

איך האָב מיך טיף געבויגן פאַר דער גייסטיקער גבורה פון דער קעמ־פענדיקער משפחה. אַנטקעגן זיי — טויטן־פייער פון פיינט און הינטער זיי — קללות פון זייער אייגענעם פאָלק. וועלכע ארמיי האָט געקעמפט אין אַזעל־כע באַדינגונגען און אויסגעהאַלטן? דאָ זענען בחורים געשטאַנען 24 שעה אין פייער און נישט געוווסט ווי לאַנג נאָך זיי וועלן דאַרפן שטיין קעגן די „שפאנדאוס״ פון די אראבער און די טאנקן פון די ענגלענדער. זיי האָבן נישט געוווסט ווער פון זיי וועט בלייבן לעבן, און ווער וועט שטאַרבן, ווער ס׳וועט בלייבן געזונט און ווער וועט אַרויס אַן אינוואליד. און פון דאָרט, פון תל־אביב, שיקט מען זיי בליקן פון שפּאָט און שנאה. צי וואָלט נישט געווען נאַטירלעך, אז קעגן אזא העץ־צוג זאָלן די בחורים אַרויס צו מיר און פרעגן: צו וואָס האָסטו אונדז געשיקט אַהער? פאַר וועמען זענען מיר מקריב אונדזערע לעבנס? דאָס פאָלק איז נישט ראוי אונדזער בלוט־קרבן. זאָלן קומען די קללה־העלדן אַליין און אויסשטעלן זייער ברוסט פאַרן פיינטס קוילן. צו וואָס דאַרפן מיר פּרייווי־ליק גיין אַקעגן אַראַבישע און בריטישע קוילן באַגלייטע פון יידישע קללות?

אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געשטעלט די דאָזיקע פראגע. די גרייט־קייט צו ברענגען קרבנות איז געווען שטאַרקער פון אלע געפילן.

מ׳דאַרף דאָך נישט פאַרלייקענען, אַז אין פאַרלויף פונעם טאָג האָבן די קעמפער באַקומען אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייער שטילן צער, אַ פאַרגיטיקונג מצד דעם נישט אָפיציעלן תל־אביב, פון די מאסן יידן אין דער יידישער שטאָט.

די ערשטע דעמאָנסטראציע פון די פאָלקס־געפילן איז פאָרגעקומען ביי איינע פון די שטריק־באַריערן, וואָס אונדזערע סאָלדאטן האָבן אויפגעשטעלט אין די גאסן, וועלכע פירן צו דער פראָנט־ליניע. די באַריערן זענען געווען נויטווענדיק, כדי אין דער צייט פון די קאמפן צו פארמיידן פאַרלוסטן פון דער ציווילער באַפעלקערונג און אויך כדי צו פארזיכערן דעם פרייען און שנעלן דורכגאנג פון אונדזער אפּראָוויזאציע־דינסט, פון מעדיצינישן דינסט אָדער פון די רעזערוו־סאָלדאטן. די ענדערונג פון דער באַוועגונג אין די תל־אביבער גאסן, מיט וועלכער ס׳האָבן זיך באַשעפטיקט די אלטע חברים פון „ארגון״

(אין דעם פרימאָרגן איז תל־אביב דערשטוינט געוואָרן זעענדיק, אַז צום אצ״ל געהערן דאָקטוירים, אדוואָקאטן, באַקאנטע פערזענלעכקייטן וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פאָזיציעס), האָט אויפגעבראַכט די טרעגער פון „זעלבסט־האס״ און זיי געגעבן אַ געלעגנהייט צו טענה׳ן, אַז דער אצ״ל וויל באַהערשן תל־אביב.

די אומזיניקע העצע האָט געווירקט. די דראָאונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין קאָמוניקאט פון „הגנה״, האָט געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן. ביי איין באַריערע איז פלוצלינג דערשינען אַן אָפּטיילונג „מיליטערישע פּאָליצייי״ פון דער „הגנה״, וועלכע האָט אויפגעפאָדערט אונדזערע בחורים, אונטער וואָפן־דראָאונג, צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. אונדזערע חברים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן. זיי זענען סאָלדאטן. אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פליכט און זיי וועלן אים אויספירן, כל זמן זייער קאָמענדאַנט האָט זיי נישט באַפוילן צו פארלאָזן זייער פּאָסטן. די „הגנה״ אָפּטיילונג איז באַשטאנען אויף איר פּאָדערונג. אַ מאַסע מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן זאַמלען אַרום די צוויי באַוואָפנטע גרופּן. די „הגנה״ מחנה האָט געטענהט, אַז זי האָט באַקומען אַ באַפעל „אויסצורייניקן תל־אביב״ פון די אצ״ל־פּאטרולן. נישט מער און נישט ווייניקער! צוליב דעם „באַפעל״ האָט געקענט איבערגעריסן ווערן אָדער פאַרשפּעטיקן דער נויטיקער אַפּראָוויזאציע־צושטראָם. מיט אנדערע ווערטער: שטייענדיק אין מיטן שלאַכט האָט מען אונדז געוואָלט זייער ערנסט באַדראָען פון רוקן.

אַ באַפעל קעגן אַ באַפעל. וואָס וואָלט געקענט זיין דער רעזולטאַט, ווען הינטערביידע באַפעלן זענען געשטאַנען באַוואָפנטע מענער? אונדזערע בחורים זענען געווען אנטשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן. די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און די סכנה איז געווען, אַז אין סאמע מיטן פון תל־אביב וועלן מיר אָנגעגריפן ווערן מיט יידישן וואָפן, אין דער צייט ווען מיר האַלטן ביים ראטעווען תל־אביב פון דער אימה פון דער אראבישן געווער. אָבער דאָס מאָל האָט די באַפעלקערונג אליין צונישט־געמאַכט די סכנה פון אָנגריף אויף אונדז און האָט פארמיטן אַ ברודער־קריג צווישן די באַוואָפנטע יידישע צדדים. אין די טויזנטער איז די מאסע אריין צווישן ביידע גרופן, וועלכע זענען געשטאַנען באַוואָפנטע ביי דער באַריערע; דער המון האָט געפאָדערט פון דער „מיליטערישער פּאָליציי״ זיך אָפּצוטראָגן. די מענטשן וועלכע האָבן זיך ווי אַ לעבעדיקע וואנט אַוועקגעשטעלט צווישן די שליחים פון דער „הגנה״ און די פאַטרולן פון אצ״ל, האָבן געשריען מיט פאַרביטערונג:

— מיר וועלן נישט דערלאָזן צו קיין ברידער־קריג. דאָרט קעמפן אונדזערע קינדער.

די רירנדיקע אינטערווענץ פון פאָלק האָט געראַטעוועט די לאגע.

די געפילן פון פאָלק זענען געקומען צום אויסדרוק אויך אין א צאָרן־

מאניפעסטאַציע, וואָס איז פאַקטיש געווען אינגאַנצן אַן איבעריקע. די טויזנטער בירגער, וואָס האָבן אין שפּאַנונג זיך געזאַמלט אין דער לענג פון די גאַסן, וועלכע האָבן געפירט צום פראָנט, האָבן געלייגט אַכט אויף דעם, וואָס אונדזערע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן ווערן אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל אויף לאַסט־אויטאָס, פאַרוואַנדלטע אין פּראָוויזאָרישע „אַמבולאַנסן”. דאָס זענען געווען אויטאָס ספּעציעל אײַנגעאָרדנטע דורך אונדזער מעדיצינישן דינסט. קיין בעסערע אמבולאנסן האָבן מיר נישט געהאַט. אָבער אונדזערע בחורים קענען ליידן. די פאַרוואונדעטע האָבן נישט געשריען און זיך נישט באַקלאָגט. און אונדזער מעדיצינישער דינסט, וואָס איז אויך ס'ערשטע מאָל אַרויס פון אונטערגרונט, האָט געטאָן אַן ארבעט, וואָס קיין שום לויב־ווערטער וועלן נישט גענוגענען זי אָפּצושאַצן.

בראש פון אונדזער מעדיצינישן דינסט איז געשטאַנען דער יונגער „ד״ר יואב”. ער איז צו אונדז געקומען פון דער „הגנה”. ווען און פאַרוואָס איז ער געקומען צו אונדז? אין „סעזאָן” פון די רדיפות וואָס זענען געווען אין איינקלאַנג מיטן צוויטן פּונקט פון בן־גוריונס ליקווידירונגס־פּלאַן („מ'זאָל נישט געבן קיין שוץ”) האָבן די דאָקטוירים אין ארץ־ישראל באַקומען אַ פאַראָרדענונג נישט צו געבן קיין מעדיצינישע הילף קיין פאַרוואונדעטע „דיסידענטן”, נאָר... און ס'האָבן זיך געפונען דאָקטוירים — אמת ווינציקע, און איך בין זיכער, אַז דער דאָקטוירים־שטאַנד שעמט זיך מיט זיי — וועלכע פלעגן מעלדן דער פּאָליציי, אַז אַ „פאַרדעכטיקער מענטש” האָט ביי זיי געבעטן הילף...

עס זענען אָבער אויך געווען אַנדערע דאָקטוירים. ד״ר „יואב” — איך האָב ליב געהאַט אים צו רופן ד״ר „שטאָקמאַן” — איז געווען איינער פון זיי. די אינסטרוקציע נישט צו געבן קיין הילף פאַרוואונדעטע האָט רעוואָלטירט זיין נשמה און אויפגעבונטעוועט זיין געוויסן פון אַ מענטש און דאָקטאָר. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן זיינע מפקדים אין דער „הגנה” פאַר דעם אוממענטשלעכן באַפעל, וואָס איז אויך געשטאַנען אין סתירה צו דער מעדיצינישער עטיק. און ווען ער האָט געזען, אַז קיינער הערט זיך נישט צו צו זיינע פּראָטעסטן און צוגעקוקט זיך צו די דענונציעס און אויסליפערונגען, איז ער אַוועק פון די פאַרפאָלגער און צוגעטראָטן צו די פאַרפאָלגטע. ד״ר „יואב” האָט באַגלייט די שלאַכט־אָפּטיילונג צום קאַסטיניא־אַנגריף. פון דעמאָלט איז ד״ר „יואב” — אַ דאָקטאָר פון דער „הגנה” — געווען דער שעף פון מעדיצינישן דינסט פון ארגון צבאי לאומי.

יואב מיט נאָך אייניקע דאָקטוירים, פריינד פון אונטערגרונט, האָבן אין די טעג פון אָנגריף אויף יפו, אויפגעשטעלט אַ מוסטערהאַפטן פעלד־שפּיטאָל.

זיי האָבן, צוזאַמען מיט די „הדסה"־דאָקטוירים, מיט אויסערגעוויינלעכער אײַ־בערגעגעבנקייט, געפלעגט אונדזערע פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. אַ סך פון אונ־דזערע בחורים זענען זיי שולדיק אַ דאַנק פאַר זייער לעבן און געזונט. אונדזערע קעמפער האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין סיבה זיך צו באַקלאָגן אויף די דאָק־טוירים, אָבער די דאָקטוירים האָבן געהאַט איין סיבה זיך צו קלאָגן אויף די בחורים: נאָך זייענדיק נישט פאַרהיילט פון די וווּנדן האָבן זיי געפאָדערט מ'זאָל זיי צוריקשיקן אויפן פראָנט. עס זענען געווען פאַלן ווען מ'איז אַנטלאָפן פון קראַנקן־בעט... בשעת מיין באַזוך אין די שפּיטעלער האָבן מיך די דאָקטוירים נישט איין מאָל געבעטן, כ'זאָל ווירקן אויף אונדזערע פאַרוווּנדעטע זיך אָנצו־נעמען מיט געדולד, זיי זאָלן זיך היילן און נישט פאָדערן מ'זאָל זיי צוריק־שיקן אויפן פראָנט.

די פּריוויליקע סאָלדאַטן האָבן אויך נישט געבעטן קיין באַקוועמלעכקייטן ביים איבערפירן זיי אין שפּיטאָל. אָבער די תל־אביבער באַפעלקערונג, וועלכע האָט ליב געהאַט אירע קעמפער, האָט געזען די לאַסט־אויטאָמאָבילן, די „אַמ־בולאַנסן" און זי האָט זיך געבייזערט אויף דיסקרימינאַציע... וואָס איז אין דער אמתן נישט געווען. אין דער שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער „רויטער מגן דוד" גיט נישט קיין הילף די פאַרוווּנדעטע אצ"ל־סאָלדאַטן און שיקט נישט זיינע אַמבולאַנסן צו ברענגען זיי אין שפּיטאָל. באַלד האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן פאַר דער געביידע פון „רויטן מגן דוד" און גע־מאַכט אַ שטורמישע דעמאָנסטראַציע קעגן דער „דיסקרימינאַציע". קיין באַרו־איקונגס־פּרווון פון די אָנפירערס פונעם אַנשטאַלט האָבן נישט געהאָלפן. אַן אָפּטיילונג פון באַוואָפנטער „זשאַנדאַרמעריע" האָט אויך נישט געקענט באַ־הערשן דעם אויפגעברויזטן המון. נאָר „יואבן", וועלכער איז אַלאַרמירט גע־וואָרן דורך דער „הגנה" — און ער איז געקומען צום אָרט פון דער דע־מאָנסטראַציע — בלויז אים האָט זיך איינגעגעבן צו באַרואיקן די מאַסן. ער האָט זיי געמאָלדן אין נאָמען פון אַצ"לישן מעדיצינישן דינסט, אַז אייגנטלעך דאַרפן מיר נישט האָבן די הילף פון „רויטן מגן דוד", אָבער אין אמתן איז נישטאָ קיין שום דיסקרימינאַציע מצד דער אינסטיטוציע לגבי אונדזערע פאַר־וווּנדעטע.

ה.

בעת אין תל־אביב קומען פאָר אָט די געשעענישן, טרעט צו גידי, אין פרי־מאָרגן פון צווייטן קאַמפּס־טאָג, צו אַ באַנייטן אָנגריף אויף יפו. די מאָרטאַרס שיטן הונדערטער קוילן — „לויט די ראַיאָנען". וועדליק אַ בפירושער אינסטרוק־ציע מיידן אויס די מאָרטאַריסטן צו טרעפן מיט זייער פייער אין שפּיטעלער,

געבעט־ערטער און הייזער אָנגעצייכנטע מיט פּענער פון פרעמדע מדינות. אַ טאָג פאַר דעם האָט אונדזער קוואַרטיר באַזוכט דער פראַנצויזישער קאָנסול און געבעטן נישט צו שיסן אויף די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אין יפו, וועל־כע ווערן אויסגעהאַלטן דורך פראַנקרייך. מיר האָבן געבעטן אַז אויף די געביי־דעס זאָל אַרויסגעהאָנגען ווערן די פראַנצויזישע פאָן און האָבן, פאַרשטענדלעך, צוגעזאָגט, איר צו רעספּעקטירן. נאָך די פראַנצויזישע אינסטיטוציעס זענען גע־קומען אויך אַנדערע אַנשטאַלטן. מיר האָבן זיי געשוינט.

דעם זעלבן טאָג האָבן זיך אונדזערע איינהייטן אַ לאָז געטאָן אויף די פּאָ־זיציעס פון פיינד אין דעם „פלאַש העלדזול" אין מאנשיה, וואָס מיר האָבן גע־וואָלט אָפּשניידן פון יפו דורך אַ צוגאַנג צום ים. די שלאַכט האָט געדויערט לאַנגע שעהען, כמעט ביזן אָוונט, און איז נאָך געווען פיל שווערער ווי די שלאַכטן פון ערשטן טאָג חול־המועד פּסח. אויף אייניקע פּאָזיציעס האָט זיך דער שונא צוריקגעצויגן אונטער די קלעפּ פון אונדזערע כוחות. אָבער צו הילף די אַראַבער זענען ווידער געקומען — די ענגלענדער. דעם ערשטן טאָג האָט אַ בריטישער אָפיציר זיך געווענדט צו יידישע קרייזן אין תל־אביב און געבעטן צו ווירקן אויף אונדז, מיר זאָלן נישט אָנגרייפן די בריטישע כוחות, וועלכע זענען געבליבן אין יפו אויף דער באַן־סטאַציע און אין „געשיצטן סעקטאָר". דער אָפּי־ציר האָט צוגעזאָגט, אַז אויב מיר וועלן נישט אָנגרייפן די ענגלענדער, וועלן זיי בעת די קאַמפן איינהאַלטן אַ „נייטראַלע שטעלונג". דער צוזאָג איז אָבער נישט געהאַלטן געוואָרן שוין דעם ערשטן טאָג. דאָס איז געווען די קלאַסישע בריטישע „נייטראַליטעט": זי האָט באַוועגט די רעדער פון די בריטישע טאַנקן און געבראַכט אין אַקציע דאָס מאַשין־געווער, וועלכע האָבן געזייט „נייטראַלן" טויט אין דער יידישער מחנה. דעם צווייטן טאָג האָט די אייגנאַרטיקע נייטראַ־ליטעט דערגרייכט אַ העכערן עטאַפּ. דער בריטישער קרייז־שעף פון לוד, פולאַר, האָט געמאָלדן דעם תל־אביבער בירגערמייסטער, אַז דאָס בריטישע מיליטער וועט מיט כוח נישט דערלאָזן די יידישע דעראָבערונג פון יפו. אויב די יידישע אינסטיטוציעס וועלן נישט אָפּשטעלן די אצ"ל־אָפענסיווע, וועט די אַרמיי אַריינגיין אין „אַקציע".

די דראָאונג איז געווען אַן ערנסטע, אָבער נישט קיין ריכטיקע. דאָס ברי־טישע מיליטער האָט נישט גדאַרפט „אַריינגיין" אין קאַמף, ווייל עס איז קיין מאָל פון אים נישט אַרויסגעגאַנגען. אויפן צווייטן טאָג האָט דער בריטישער גאַרניזאָן פאַרשטאַרקט זיין אַקטיוויטעט קעגן אונדז, כדי צו ראַטעווען דעם אַראַבישן פראָנט פון אַן אומפאַרמיידלעכן ברוך. דער ציל איז געווען צו האַלטן יפו פאַר „יענע" פלענער פון דזשאָן, וועלכע האָבן גדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן דעם 15טן מאַי, דעם טאָג פון דער אַראַבישער אינוואַזיע.

דעריבער איז דער קאַמף געווען אַ סך שווערער, אָבער דער כוח פון יידישן

געוועך איז געווען מעכטיק. דער שונא האָט זיך צוריקגעצויגן. זיינע פּאָזיציעס זענען דעראָבערט געוואָרן מיט שטורעם. דאָך — איידער אונדזערע בחורים האָבן באַוויזן זיך איינצוגראָבן און פאַרפעסטיקן האָבן די געמישטע כוחות פון פיינד, די ענגלענדער און די אַראַבער, געמאַכט אַ קאָנטער־אָפּענסיווע מיט שווערן וואָפן און געצוווּנגען אונדזערע סאָלדאַטן זיך צוריקצוציען. אַזוי זענען פּאָזיציעס עטלעכע מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט, און די שלאַכט איז געווען אין פולן ברען.

און אָט שטעלט זיך פּלוצלונג אַוועק פאַר אונדזערע אויגן אַן אייגנאַרטיקע סצענע: ס׳הייבט זיך אָן דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון יפו. די איינוווינער און די פאַרשידענע „קעמפערס" הייבן אָן אין בהלה אַנטלויפן פון דער אומאויפהערלעך באַמבאַרדירטער יפו.

צוויי פאַקטאָרן האָבן גורם געווען אָט די כוואַליע פון אַנטלויפן. איינער — דער נאָמען פון די אָנגרייפער און דער קלאַנג וועגן זיי. „יונייטעד פּרעס" האָט מיטגעטיילט פון ביירוט, אַז בעת עס איז אָנגעקומען די ערשטע שיף מיט אַנטלאָפענע פון יפו אין דער הויפּטשטאָט פון לבנון, האָבן די אַנטלאָפענע דערציילט, אַז צוליבן אָנגריף פון אצ״ל איז די גאַנצע באַפעלקערונג אַרומגע־כאַפּט געוואָרן פון אַ פּאַניק. דער צווייטער פאַקטאָר — איז געווען די מעכטי־קע באַמבאַרדירונג. ס׳איז נישטאָ קיין ספק, אַז אַ באַמבאַרדירונג פון מאָרטאַרס איז די שווערסטע פון אַלע באַשיסונגען. פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן אַ לופט־אָנגריף און אַ מאָרטאַרן־באַמבאַרדירונג. איך ווייס נישט גענוי, וויפיל מאָר־טאַר־באָמבעס מיר האָבן געוואָרפן אויף יפו (יגאל יאדין, דער דעמאָלטיקער אָפּעראַציע־שעף פון דער „הגנה", דערנאָך שעף פון גענעראַל־שטאַב פון דער יש־ראל־אַרמיי, האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זענען נישט געווען שפּאָראַם מיט די טייערע מאָרטאַר־קוילן), אָבער ס׳איז קלאָר, אַז דער אַלגעמיינער סכום איז גע־ווען זייער אַ שווערער. די ברירה איז געווען: צווינגען יפו צו קאַפּיטולאַציע אָדער דערלאָזן צו אַ חורבן פון תל־אביב, און מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרמיידן דעם חורבן פון תל־אביב.

די באַמבאַרדירונג האָט אָנגעבראַכט אַ וויסטעניש אויף יפו. זי האָט גע־שטערט די פרייע באַוועגונג פון פיינדס כוחות, האָט איבערגעריסן די טעלעפאָן־קאָמוניקאַציע, דעם עלעקטרישן שטראָם און די וואַסער־רערן. דער גערויש פון דער ריזיקער שלאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט נישט ווייט פון די הויפּט־גאַסן, האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די פּאַניק. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די לויי־פּעניש, דורכן ים און אויף דער יבשה, צו פוס און אויף וועגענער. ס׳זענען אַנט־לאָפן צענדליקער טויזנטער מענטשן. פון בריטישע קוועלן האָט מען איבערגע־געבן וועגן שווערע פאַרלוסטן, וואָס די אַראַבער האָבן געליטן אין אַלע ראַיאָ־נען פון שטאָט.

די ענגלענדער האָבן געפּרוווט באַרואיקן די איבערגעשראָקענע איינוווינער פון יפו. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָר אין יפו האָבן די ענגלענדער געפּרוווט שטערן דאָס אַנטלויפן פון די אַראַבער. דערפאַר האָבן זיי עטלעכע מאָל געמאָלדן, אַז זיי וועלן פאַרטיידיקן יפו מיט זייער גאַנצן מיליטערישן כוח. דעריבער האָבן זיי געשיקט אַ „וואָרענונג" צו ה' רוקח, אַז אויב אַפילו ס'וועט אונדז געלינגען צו דעראָבערן יפו, וועלן זיי אונדז פון דאָרט אַרויסטרייבן מיט כוח. דאָך זענען אַלע באַרואיקונג־פּרוּוון געווען אומזיסט. אין שטאָט האָט געהערשט אַנאַרכיע. די גאַסן זענען געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער. די הייזער זענען געווען אויפגעבראָכן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רויבערייען און מאָרדן. דאָס אַנטלויפן איז געוואָרן אַ סטיכיע. קיין כוח האָט שוין נישט געקענט אָפּהאַלטן די פולשטענדיקע אויסליידיקונג פון דער כוליגאַנישער שטאָט. עס איז געווען דער רושם פונעם שטורעם פון יידישן וואָפן.

דאָס מאַסן־אַנטלויפן האָט נאָך דעם אַרומגעכאַפּט נישט נאָר די ציווילע באַפעלקערונג; עס זענען אַנטלאָפן אויך די „קעמפער". צוליב אונדזער אָנגריף אויף יפו, איז אויך אבו־כביר געפאַלן אָן איין שאָס. די „הגנה"־אָנפירערס האָבן מיר דערציילט אַז די פאַרפעסטיקונגען זענען דאָרט געווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן געקענט זייער לאַנג אויסהאַלטן די מעכטיקסטע אָנגריפן.

ו.

ווען די שלאַכט האָט געבושעוועט דעם צווייטן טאָג, בין איך מיט אברהמען געגאַנגען, אויף דער איינלאַדונג פון דער סוכנות און „הגנה", זיך צו באַגעגענען מיט גלילין און יגאל יאדין, כדי אויפצוקלערן די „געוויסע דעטאַלן", פון וועלכע עס איז געווען אָפּהענגיק, אַז עס זאָל אַריינגיין אין קראַפט דער הסכם צווישן דער „הגנה" און דעם ארגון צבאי לאומי. היות די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען זייער שפּעט און די ענגלישע הערשאַפט האָט געהאַלטן ביי ליקווידאַציע, איז שוין נישט געבליבן אַ סך „אויפצוקלערן". מיר האָבן גערעדט וועגן וואָפן־קאָנפיסקאַציע און וועגן קאַמפס־פּלענער קעגן די אַראַבער. איך האָב זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַקענט מיט יגאל יאדין. עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכן פאַלן פון יפו האָב איך אים צוזאַמענגעפירט מיט אונדזער גידין. ביידע יונגע אָפּעראַציע־אָפיצירן האָבן געפילט אַ מין נשמהדיק־פּראָפעסיאָנעלע נאָענטקייט צווישן זיך. גידי האָט פאָר מיר געלויבט יגאלן. „ער איז אַ יונגער מענטש — האָט גידי געזאָגט — ער ווייס וואָס ער וויל און ער שפּראָצט מיט ענערגיע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַן אונדזעריקער". יגאל יאדין פון זיין זייט האָט געלויבט גידין. „אויב גידי — האָט יאדין געזאָגט — וועט אויסאַרבעטן אַן אָנגריף־פּלאַן, וועט ער גאָרנישט זיין ערגער פונעם פּלאַן וואָס איך אַליין וועל אויסאַרבעטן. איך פאַרלאָז זיך אויף גידין פולע הונדערט פּראָצענט".

בעת דער ערשטער באַגעגעניש, אין ה׳ פּנקס׳עס הויז, האָט מען אויך גע־רעדט וועגן יפו. איך האָב דערציילט די פּאַרשטייער פון דער „הגנה״ וועגן דעם גאַנג פון דער שלאַכט און וועגן דעם מאַסן־אַנטלויפן פון שטאָט. זיי ווידער האָבן באַשטעטיקט די ידיעות וועגן דעם אַנטלויפן פון די אַראַבער. ס׳איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן אונדז, אַז מיר וועלן פאַרזעצן דעם אָנגריף אויף יפו און אויב ס׳וועט אונדז נישט געלינגען אין משך פון טאָג צוצוקומען צום ים כדי אַרומ־צורינגלען מאנשיה, וועלן מיר ביינאַכט אָדער אויף צו מאָרגנס מאַכן נאָך אַ פּרווו דורכצוברעכן די ליניעס פון פיינד. די הסכמה איז אונדז געווען נייטיק, ווייל מיטן אַריינטרעטן אין קראַפט פונעם הסכם צווישן די ארגונים, האָבן מיר אויף זיך גענומען די אָפּעראַטיווע אַנטשיידונג פון דער „הגנה״. אַזוי אַרום איז דער אָנגריף אויף יפו, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אונטער אַ האָגל פון קללות, געוואָרן אַ „באַשטעטיקטער״ אָנגריף.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין דער הויפּט־קוואַרטיר, האָב איך גערופן אַ באַראַטונג פון די מפקדים. כ׳האָב זיי איבערגעגעבן וועגן דער באַגעגעניש מיט מיט די פירער פון דער „הגנה״ און זייער הסכמה פאָרצוזעצן די שלאַכט, אויב עס זענען פאַראַן אויסזיכטן אין די נאָענטסטע 24 שעה דורכצוברעכן די ליניעס פון שונא.

אָבער איך מיין נישט — האָב איך געזאָגט — אַז מיר דאַרפן ווייטער ברעכן אונדזערע קעפּ אָן די דאָזיקע פאַרפעסטיקונגען, הינטער וועלכע עס שטייען בריטישע טאַנקען. אין די צוויי טעג האָבן מיר פיל אויפגעטאָן. מיר האָבן געהאַט וויכטיקע דערגרייכונגען. כ׳בין זיכער, אַז ווען נישט די שטיצע פון די ענגלישע טאַנקען, וואָלטן מיר איינגענומען דעם גאַנצן שטח. אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז זייערע טאַנקען שטייען דאָרט. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז נישט קיין בושה איבערצוטראַגן דעם דירעקטן אָנגריף. מיר וועלן האַלטן די ליניע וואָס מיר האָבן דעראָבערט און איבערלאָזן דאָרט אַ שטאַרקע פּיאָנערן־אָפּטיילונג אויף דער צוקונפט. די אַנדערע אײנהייטן וועלן מיר צוריקציען. זאָלן מיר נישט לייגן קיין אַכט וואָס אימיצער וועט זאָגן, אַז מיר זענען דורכגעפאַלן. דער כוח פון געמיינזאַמען שונא איז אַ סך גרעסער פון אונדזערן. איך וויל נישט, מיר זאָלן זיך שלאָגן אונדזערע קעפּ אָן אַ פעלדז.

אין צימער האָט געהערשט אַ שווערע שטימונג. גידי האָט לאַנג געשוויגן. אַנדערע מפקדים האָבן אַרויסגעזאָגט מיינונגען פאַר און קעגן מיין פאָרשלאַג. צום סוף האָט אויך גידי געבעטן דאָס וואָרט. ער האָט גערעדט רואיק. זיין מיי־נונג איז געווען, אַז מ׳דאַרף נישט אַרויסציען קיין קאָנסעקווענצן פון די צוויי שלאַכט־טעג. אין די צוויי טעג האָבן מיר אַ סך געלערנט. דער שונא וועט שוין לאַנג נישט קענען אויסהאַלטן אונדזערע אָנגריפן. ס׳איז כדאי פאָרצוזעצן. אָבער אויב ס׳וועט אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס אַרויסצוציען די מערהייט פון אונ־

דזערע כוחות, בעט ער איבערצולאָזן אין פראָנט אַ שטאַרקע אָפּטיילונג, כדי צו באַנייען דעם אָנגריף ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.

ביים סוף פון דער לאַנגער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צוריקצוציען דעם רוב אָפּטיילונגען פון פראָנט און איבערלאָזן אין „אַליאַנס״ אַ קליינע אייב־הייט. די ממשותדיקע באַדייטונג פון באַשלוס איז געווען — אָפּצושטעלן די דירעקטע אַטאַקע.

אָבער אין יענער נאַכט איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך. צום ערשטן מאָל האָבן זיך קעגן מיר צעבונטעוועט די סאָלדאַטן פון ארגון צבאי לאומי. זיי האָבן פּשוט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם באַפעל פון צוריקצוג. עס האָבן אָנגעהויבן קומען „דעלעגאַציעס״. זיי האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע אופנים אָבער אין אַ געאייניקטן קול:

— מיר וועלן נישט פאַרלאָזן דעם פראָנט. לאָז אונדז מאַכן נאָך איין עקס־פּערימענט! מיר פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן זיי דאָס מאָל שלאָגן! מיר וועלן זיי צעקלאַפּן.

אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געשען אין ארגון צבאי לאומי.

מיר זענען אַלע געווען זייער מיד. אַ שלאָפלאָזע נאַכט. צוויי טעג פון שווע־רע שלאַכטן. בלוט און פייער. געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אָבער די בחורים האָבן נישט געוווסט פון קיין מידקייט. אַלע האָבן זיך „צעבונטעוועט״, געפאָדערט פאַרצוזעצן די שלאַכט.

גידי קערט זיך צוריק פון אַ לענגערן באַזוך אויף די פראָנט־ליניעס. זיין מאָגער פּנים איז נאָך מער איינגעפאַלן. ער שטייט פאַר מיר אין גאַנצן באַ־דעקט מיט שטויב און בלאָטע — דעם באַזוך אין די יפוער געסלעך קען מען מאַכן נאָר קריכנדיק — אָבער זיינע שוואַרצע אויגן ברענען מיט אַ פייער פון אַ דערפרישטער אמונה. ער זאָגט:

— כ׳האָב געפונען אויף דער ליניע נייע שוואַכע פּונקטן. כ׳בין זיכער, אַז מיר וועלן קענען דורכברעכן. מיר וועלן מער נישט גיין אין אַ גלייכער ליניע, נאָר אין אַ זיגזאַג. מיר וועלן זיך פריי מאַכן דעם וועג מיט דינאַמיט, און וועלן דורכגיין אין די הייזער. מיר וועלן גיין פון הויז צו הויז. מיר וועלן זיין פאַר־זיכטיק. איך אַליין וועל פירן די בחורים. כ׳האָב געלערנט פון דעם וועג. נאָר לאָמיר פון דאנעט נישט אַוועקגיין. לאָמיר מאַכן דעם לעצטן פּרווו. כ׳בין זיכער, ס׳וועט זיך אונדז איינגעבן.

***

איך בין געזעסן אין פינצטערן שטאַב־צימער און נישט אויפגעהערט זיך אַליין צו פרעגן:

— צי איז עס מעגלעך? צי האָב איך זיך פאַרדינט די זכיה צו פירן די דאָזיקע יוגנט?

...ווען זאב זשאַבאָטינסקי וואָלט געלעבט און ער וואָלט געזען זיינע קינדער אין פייער־פּרווו, וואָלט ער געוווסט, אַז זיין לעבנס־מי איז נישט געווען אומזיסט. אָט ליגן זיי דאָ צוויי טעג און צוויי נעכט. זייערע בעסטע חברים זענען געפאַלן אָדער פאַרווונדעט געוואָרן. אַרום זיי — פייער פון אַלע זייטן. צו וואָס עקשנען זיי זיך איין, די בחורים? וואָס ווילן זיי באַקומען פאַר זייער קרבן? וועו' וועט זיי געבן אַן אויסצייכענונג? וואָס איז דער כוח, וואָס שטויסט זיי צו דער שלאַכט, צו דער טויט־געפאַר?

...יאָ, איך קען דעם סוד פון זייער סטיכיע. איך קען זייער ליבע צום פאָלק און צום פרייהייט־אידעאַל. אָבער אַזאַ שטויס־קראַפט? זייער מפקד באַפעלט זיי זיך צוריקצוציען, ווייל זיי נישט שיקן צום טויט, און זיי באַפוילן זייער מפקד עו' זאָל זיי דוקא יאָ שיקן צום טויט.

...אור־עלטערן אונדזערע! הערט זיך צו צו די רייד פון אייערע זין, רייד געשעפּטשעטע אין דער נאַכט, אין די אַריינגאַנגען פון יפו, אונטערן פייער פון שונא און זאָגט: האָבן מיר אייך פאַרשעמט? צי האָבן די קינדער פון דור פאַרשעמט דעם אָנדענק פון די דראָבערער פון כנען, פון די מכבייער, די אַמאָליקע זיגער פון יפו?

דער דיאַלאָג האָט זיך פאַרענדיקט. דער „בונט" פון די סאָלדאַטן האָט געזיגט.

ז.

ווערדליק דער אַלגעמיינער הסכמה פון די מפקדים און סאָלדאַטן איז באַשלאָסן געוואָרן מבטל צו מאַכן דעם פריערדיקן באַשלוס. די שלאַכט וועט מען נישט איבעררייסן. מ'וועט זי באַנייען אונטער גידיס קאָמאַנדע.

עס איז שפּעט אין דער נאַכט. די בחורים דאַרפן זיך אויסרוען, זאַמלען כּוחות פאַרן מאָרגנדיקן אַנטשיידענעם קאַמף. אָבער אין יענער נאַכט איז נישט געווען קיין רו אין לאַגער. די מידקייט איז פאַרשוווּנדן. מ'גרייט זיך. מען טיילט איין די ראָלן. די הכנות דויערן אויך דינסטיק ביז האַלבן טאָג. אַלץ מוז קלאַפּן אין פולער אָרדענונג. עס איז דאָך דער לעצטער עקספּערימענט.

...דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן אין די נאָכמיטיק־שעהען. ווידער האָבן זיך צעשטורעמט די מאָרטארס און זייערע צעהיצטע מיילער האָבן געשפּיגן מיט הונדערטער באָמבעס. די שלאַכט־אָפּטיילונגען זענען אַרויס. דעם וועג האָבן אויסגעטראָטן פאַר זיי „די לעבעדיקע האַרמאַטן" — די סאַבאָטערן. צווישן צוויי פייער־ווענט זענען זיי דורכגעקראָכן, אַוועקגעלייגט דעם אויפרייס־מאַטעריאַל ביי

די פּאָזיציעס פון פיינד, „זיך צוריקגעצויגן" בליץ־שנעל, כדי פּאַרויסצומאַרשירן. די עקספּלאָזיעס האָבן פאַרטויבט די אויערן. טריט ביי טריט, שפּאַן נאָך שפּאַן איז דער שונא אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זיינע באַזעס. צוויי פייער־ווענט, איי־נע וועלכע „דעקט" די סאַבאָטערן און די אַנדערע, פון שונא. און צווישן זיי קריכן אויפן בויך די סאַבאָטערן און אין זייערע הענט — דער דינאַמיט.

איצט קענען שוין די ענגלענדער מיט זייערע טאַנקן נישט איינהאַלטן אונ־דזער פאַראויסמאַרש. זיי באַקומען גרויסע פּאַרציעס יידישן בליי, וואָס צווינגט זיי צו האַלטן זייערע כוחות ווייט פון דער פייער־ליניע. אמת, זיי וואַרפן אויף דער ליניע טויזנטער קוילן. אָבער די ליניע „האַלט". די בחורים גייען אין זיג־זאַג, ווי שאָטנס באַוועגן זיי זיך אין די צעשטערטע הייזער.

אָבער נישט נאָר מיט דינאַמיט איז דורכגעבראָכן געוואָרן דער וועג. דינאַ־מיט איז אַ טייערער מאַטעריאַל. מ'דאַרף זיין שפּאָרזאַם מיט אים. אין דער שלאַכט איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ נייער „וואָפן": ה ע ק און אייזערנע שטאַנגען. מיט דעם „וואָפן" ברעכן די בחורים אויף די איינגענג און מ'מאַכט אַזאַ מין „טונעל" אין די שמאָלע געסלעך. ס'איז אמת שווער צו גיין אין אַזאַ טונעל. ס'איז אַ פינצטערער, שרעקלעכער לאַבירינט, וואָס ווערט אָן אויפהער אָנגעגריפן פון אַלע זייטן. אָבער גידי, וועלכער פירט פערזענלעך מיט דער שלאַכט, גייט בראש און פירט אַדורך דורך די „טונעלן" אַלע נייע כוחות.

כדי די טונעלן־ליניע זאָל נישט איבערגעריסן און נישט געבראָכן ווערן, מוז מען יעדע דעראָבערטע פּאָזיציע תיכף פאַרפעסטיקן מיט זעק זאַמד. די אַר־בעט ווערט געמאַכט, נישט ווי אומעטום, נאָך דער דעראָבערונג. דאָ מוז עס געמאַכט ווערן אין סאַמע מיטן שלאַכט. דאָס בויען די „באַריקאַדעס" פאָדערט נישט בלויז פיל מוט, נאָר אויך אויסערגעוויינלעכע פיזישע אָנשטרענגונגען. די בחורים האָבן געקעמפט ווי לייבן און געאַרבעט ווי מוראַשקעס. אין „טונעל" ציען זיך אייניקע „קייטן". איינע — פאַר די סאַבאָטערן, אויפברעכער, די צוויי־טע קייט — פאַר רעטונג, פאַר די פאַרוואונדעטע און פאַר דעם מעדיצינישן פערסאָנאַל. די דריטע — פאַר דער אַפּראָוויזאַציע, פאַר די טרעגער פון אַמו־ניציע און וואַסער. די פערטע קייט — פאַר די טרעגער פון די זעק זאַמד, צו פאַרפעסטיקן די דעראָבערטע פּאָזיציעס. די קייט ווערט נישט איבערגעריסן. אירע לעבעדיקע רינגען זענען געשפּרונגען פון טיר צו טיר, פון הויז צו הויז, פון געסל צו געסל.

פּלוצלינג זענען אויסגעגאַנגען די זעק זאַמד. גידי האָט אין משך פון טעג צוגעגרייט אַ גרויסן רעזערוו פון זאַמד און זעק. אָבער די ליניע האָט זיך אויס־געצויגן, און דער רעזערוו האָט זיך אויסגעשעפּט. זאַמד קען מען באַקומען. די מאַמע־ערד האָט רחמנות אויף אירע קינדער, די דערלייזער. נעמט, קינדערלעך, אַלץ וואָס איך האָב, נאָר גייט פאָראויס, פאָראויס! און די בחורים נעמען. שפּאַ־

דעס אין זייערע הענט און פייער אין זייער בלוט. אָבער ווו נעמט מען זעק? מ׳דאַרף האָבן זעק! נישט הונדערטער, נאָר טויזנטער, צענדליקער טויזנטער זעק. מ׳דאַרף „אויסבעטן״ די ווענט פון פלאַש־העלדזל, פון מאַנשיה. אויב נישט, וועלן מיר נישט פאַראויסגיין. און מ׳טאָר נישט איבעררייסן די שלאַכט.

אין יענער נאַכט זענען אין תל־אביב פאַרגעקומען זייער מאָדנע „איינ־ברוך־גניבות״. מ׳האָט אויפגעבראָכן מאַגאַזינען און געשעפטן. אָבער מ׳האָט נישט גענומען נישט קיין געלט און קיין חפצים. קיין זאַך האָט מען נישט גע־נומען — אַ חוץ ז ע ק. און די גנבים זענען דאָס מאָל געווען — יידישע פּאָליציסטן, די שומרים פון געזעץ און אָרדענונג. און מ׳האָט אין פיל פאַלן אויפגעוועקט די אייגנטימער פון די סקלאַדעס און זיי אַליין האָבן מיט שמחה געגנבעט ביי זיך די זעק. תל־אביב האָט געהאָלפן די דעראָבערער פון יפו.

דינסטיק נאָך מיטיק האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענסיווע און מיטוואָך אין דער פרי האָט זי זיך פאַרענדיקט. פופצן שעה פון בלוטיקער שלאַכט און בלור־טיקער מי. אָן רו, אָן איבעררייס. ס׳האָט דעם שונא שוין מער נישט געהאָלפן זיין כוח און זיין אומרחמנותדיקער פייער. זיינע פּאָזיציעס זענען געפלויגן אין דער לופטן. אַ חורבה נאָך אַ חורבה. און איבער די רויכערנדיקע רואינעס — די דורכברעכער, די זיגער, זיי גייען פאַראויס צום ציל — צום ים.

זיבן אַ זייגער אין דער פרי זענען די בחורים אָנגעקומען צום ים־ברעג. גידי בראש. דער ים איז געווען רואיק. זיינע כוואַליעס האָבן געגלעט די פיס פון די קעמפער, זיי האַרציק באַגריסט.

— מיר האָבן אויף אייך געוואַרט, קינדער. דריי טעג און דריי נעכט האָבן מיר געוואַרט. מיר האָבן אויך געליאַרעמט. האָט איר נישט געהערט אונדזער רויש? איר האָט זיך לאַנג פאַרזאַמט, קינדער! אָבער איר זייט געקומען, און מיר זענען אייערע, אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן, אַזוי ווי אין די צייטן פון שמעון פון דער חשמונאים־משפחה. צו אייך געהערן מיר! צו אייך! אויף אייביקע, אייביקע צייטן צו אייך...

גידי טונקט זיין פוס טיף אין ים־וואַסער. מיר האָבן מנצח געווען. יפו איז אונדזערע. איר ים איז אונדזערער אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן, ווי ביי די חשמונאים!

ווען די בחורים האָבן דערגרייכט דעם ים, האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַן „אַמאָק״— די נצחון־פרייד. זיי האָבן געטאַנצט, געזונגען, געשיקט אין דער לופטן „ערן־שאָסן״. זיי זענען אַרויס פון די כלים. מ׳האָט זיי געקענט פאַר־שטיין. דריי טעג און דריי נעכט געווען אויפן פראָנט. פאַר זיי — אַ פעלז. און הינטער זיי — אַ שמוציקע כוואַליע פון קללות און שאָדן־פרייד. און זיי האָבן געשפּאָלטן דעם פעלז. און אָט זענען זייביים ים. יפו ליגט פאַר זיי אַ צעקלאַפּטע, אַ צעשאָסענע. און הינטער זיי — דער „חסן־בעק״ מעטשעט, דער

„מעטשעט פון טויט", וואָס פון זיינע הויכע מינאַרעטן עס האָט אַזוי לאַנג זיך געשאָטן פייער אויף תל־אביבער קינדער. דער מעטשעט איז נאָך ווייט, אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר אָנקומען צו אים. מאַנשיה און איר מע־טשעט זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון יפוס קערפּער. די „רייניקונג" איז נאָר אַ פראַגע פון שעהען. די שמחה־געפילן זענען אויסגעבראָכן מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן שטראָם.

בלויז גידי איז נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שטראָם. ער ווייסט, אַז מ׳ו זענען אָנגעקומען און געזיגט. דאָס איז דאָך געווען זיין נצחון — ער האָט געפירט די שלאַכט. אָבער די שלאַכט איז נאָך נישט פאַרענדיקט. גידי ווייסט, אַז עס וועט באַלד קומען אַ קאָנטער־אָפּענסיווע פון שונא. און מ׳מוז זיין גרייט. ער רופט די בחורים צו אָרדענונג. ער באַפעלט זיי ווייטער זיך צו פאַרפעסטיקן, זיך צוצוגרייטן מקבל־פנים זיין דעם שונא. אָבער די בחורים זענען שיכור פון פרייז׳. זיי הערן נישט זיין וואָרט.

...און דאָס ערשטע — און לעצטע מאָל — הייבט גידי אויף זיין האַנט אויף זיינע סאָלדאַטן. זיי זענען עס מקבל באהבה. גידי איז גערעכט. נצחון־שיכרות איז ווי יעדע פאַרשיכורונג: סם המוות. מ׳מוז זיך גרייטן!

די קאָנטער־אַטאַקע איז געקומען און זי האָט געדויערט צוויי טעג. די ענג־לענדער האָבן זיך שוין דאָס מאָל נישט באַגנוגנט מיטן העלפן די אַראַבער. זיי האָבן אָנגעהויבן „שפּילן די ערשטע פידל". טאַנקן, שווער מאַשין־געווער, מאָר־טאַרס, האַרמאַטן און אַפילו אַעראָפּלאַנען זענען געוואָרפן געוואָרן אין שלאַכט כדי אַרויסצורייסן פון אונדזערע הענט די ‚פרוכט פון זיג‚ כדי נישט צו דער־לאָזן די דעראָבערונג פון יפו, אַזוי ווי ס׳האָט געוואָרנט די יידן און צוגעזאָגט עס די אַראַבער — דער הער פולאר, דער בריטישער קרייז־קאָמענדאַנט פון לו־דער דיסטריקט.

דאָנערשטיק, דעם פינפטן טאָג פון דער שלאַכט אויף יפו, האָבן די ענג־לענדער שווער באָמבאַרדירט אונדזערע פּאָזיציעס. מיר האָבן געליטן גרויסע פאַרלוסטן. עלף קעמפערס זענען געפאַלן, אַ סך זענען פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן די, וועלכע זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון די קוילן פון די ענגלישע מערדער — מיר האָבן געזאַמלט גלידערווייז זייערע צעפליקטע קער־פּערס — איז געווען גונדאר יהושע, איינער פון אונדזערע טייערסטע פראָנט־קאָמענדאַנטן, אַ סימבאָל פון טרייהייט און איידלקייט, און גונדאר עוזי, דער קאָמענדאַנט פון תל־אביבער קרייז, אַן אויסגעצייכנטער מפקד, וואָס איז געלאָפן פאַראויס אויפצורייסן אַ הויז, כדי צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַרן פאַנצער־אויטאָ פונעם פיינד. ער איז געפאַלן פון שונאס קוילן.

נאָך די אַלע אָנגריפן האָבן די בריטישע רעגירונג־קרייזן אָפיציעל מיטגע־טיילט, אַז דאָס בריטישע מיליטער האָט נישט קיין כוונה אָנצוגרייפן תל־אביב.

זייער כוונה איז נאָר „נישט צו דערלאָזן אַ ווייטערן פאַראויסמאַרש פון אצ״ל אין יפו״. באמת, ס׳איז געווען וואָס צו פאַרמיידן. ווייל ווען גידי איז מיט זיינע סאָלדאַטן אָנגעקומען צום ים, איז שוין גאַנץ יפו געלעגן פאַר זייערע פיס. אונ־דזערע סאָלדאַטן האָבן זיך שוין מער נישט אָנגעשטויסן אין ווידערשטאַנד. מי־ליטעריש איז די אַראַבישע יפו געפאַלן דינסטיק אין דער פרי, דעם 27טן אַפּריל. נאָר די „בריטישע יפו״ האָט מיט טאַנקן, האַרמאַטן, מאָרטאַרס, אַעראָפּלאַנען און מיט דראָאונגען צו פאַרניכטן תל־אביב פאַרהאַלטן די באַלדיקע דעראָבערונג. די אַגאָניע פון דער קאַפּיטולאַציע איז אַזוי אַרום פאַר־לענגערט געוואָרן.

אָבער די ענגלענדער האָבן געוואָלט נאָך מער. זיי האָבן צוריק געוואָלט מאנשיה. זיי האָבן געוואָלט איבערלאָזן דעם קרעבס אין קערפּער פון תל־אביב. די ענגלענדער האָבן געטענהט אַז יפו, איינשליסלעך מיט מאנשיה, ליגט אויי־סעו׳ די גרעניצן פון מדינת ישראל, אַזוי איז עס לויטן פּאַרטיילונגס־פּלאַן פון אונ״א. דאָס איז געווען ריכטיק. אָבער אמת איז אויך, אַז די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט דעם צעטיילונגס־פּלאַן פון אונ״א. זיי האָבן געוואָלט אַן אַנ־דערע צעטיילונג פון ארץ־ישראל: די יידן — אין ים אַריין, און די יבשה פון ארץ־ישראל — פאַר די ענגלענדער און אַראַבער. מיר, דער ארגון צבאי לאומי, האָבן אָפּגעוואָרפןביידע חלוקה־פּלענער צוזאַמען. דעריבער זענען מיר געגאַנ־גען אויף יפו און נישט געלאָזט אַז יפו זאָל גיין אויף תל־אביב.

ווען די קאָנטער־אַטאַקע איז נאָך געווען אין גאַנג, האָבן אונדזערע אָפּטיי־לונגען אָנגעהויבן דורכצוזיפּן און אויסרייניקן מאנשיה. עס זענען נאָך פאָרגע־קומען צוזאַמענשטויסן מיט רעשטלעך פון אַראַבישע קעמפער, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן קיין יפו. אין די אומגעריכטע אַטענטאַטן איז גע־פאַלן גונדאר אהוד, אַן אַלטער אויסגעפּרוווטער קעמפער, אַן אַרעסטאַנט און דעפּאָרטירטער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער אַרבעט ווי באַלד ער איז געקומען פון גלות. די גרינטלעכע „רייניקונג״ האָט געדויערט בלויז אַ קור־צע צייט. די פּאָליציי־סטאַציע פון מאנשיה איז געפאַלן אָן איין שאָס. אויך דער מעטשעט חסן־בעק איז איינגענומען געוואָרן. דער מעטשעט איז נישט גע־שעדיקט געוואָרן. אויף זיין הויכן טורעם איז אויסגעהאָנגען געוואָרן אונדזער פאָן. גאַנץ תל־אביב האָט אים געזען מיטוואָך אין דער פרי. ריזיקע המונים זענען געשטאַנען און געזעטיקט זייערע אויגן מיט דעם בילד.

ביים אָפּרייניקן דעם סעקטאָר זענען גענומען געוואָרן געפאַנגענע. די פרויען און די קינדער האָבן מיר איבערגעגעבן דעם „רויטן קרייץ״. די מענער — צווישן זיי איראַקישע סאָלדאַטן — האָבן מיר געשיקט אין אַ געפאַנג־לאַגער.

בשעתן נעמען די געפאַנגענע איז געשען זייער אַן ערנסטער פאַל. אַ גרופּע

אַראַבער האָט אויפגעהויבן די הענט אין צייכן פון קאַפּיטולאַציע. ווען אונדזער אָפּטיילונג האָט זיך דערנענטערט צו זיי, האָט איינער פון די אַראַבער אַרויס־געצויגן אַ רעוואָלווער, אויסגעשאָסן און געהרגעט דעם קאָמענדאַנט פון אונ־דזער אָפּטיילונג. דער נידערטרעכטיקער רוצח איז געטויט געוואָרן אויפן אָרט. אָבער די בחורים זענען דערשיטערט געוואָרן פון דעם עקלהאַפטן אַקט, וואָס האָט געבראַכט דעם טויט פון זייער קאָמענדאַנט נ אָ כ ן ש ל אַ כ ט.

אין צימער פון שטאַב קלינגט דער פעלד־טעלעפאָן. עס רעדט אלי. ער דערציילט וועגן דעם וואָס ס׳איז געשען מיט אונדזער מפקד.

— די בחורים ווילן נעמען נקמה. ס׳דראָעט אַ סכנה דעם לעבן פון די גע־פאַנגענע! — האָט אלי געזאָגט.

עמיצור גיט מיר איבער דעם אינהאַלט פון טעלעפאָנישן געשפּרעך. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אָנגעשריגן אויף די סאָלדאַטן פון „מעמד״. כ׳האָב גע־הייסן מעלדן די בחורים, אַז דער וואָס וועט אָנרירן אַ געפאַנגענעם, וועט גע־שטעלט ווערן צום געריכט. ס׳איז נישט געווען נייטיק אויסצופירן די וואָרע־נונג.

ח.

אינמיטן דער „רייניקונג״ און בעת דעם ברען פון דער בריטישער קאָנטר־אָפענסיווע, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, אין צימער פון קריג־שטאַב. די ערשטע פּרעסע־קאָנפערענץ נאָך יאָרן פון אויפשטאַנד און קריג. אויך די זשורנאַליסטן, די יידישע און די פרעמדע, האָבן אין די טעג פון די יפו־קאַמפן איבער אונדז אויסגעפירט אומאויפהערלעכע אָנגריפן. זיי האָבן גע־וואָלט אַ סך מער וויסן. אונדזערע מעלדונגען זענען געווען קורץ: „די שלאַכט דויערט. דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון יפו גייט אָן״. די צמצומדיקע ידיעות האָבן נישט צופרידנגעשטעלט דעם נייגעריקייט־אינסטינקט פון פּרעסע־מענטשן. מיר האָבן אָבער געשוויגן, כל־זמן דער קאַמף איז נישט געווען פאַרענדיקט.

אָבער אין יענע טעג איז די „זיבעטע גרויסמאַכט״ געווען אין כעס נישט נאָר אויף אונדז, נאָר אויך אויף דער „הגנה״. אויף אונדז — פאַר אונדזערע צו קורצע קאָמוניקאַטן, און אויף דער „הגנה״ — פאַר צ ו פ י ל אינפאָרמאַציע. פונעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנגריף אויף יפו האָט די אינפאָרמאַציע־אָפּטיי־לונג פון דער „הגנה״ געדעגנט מיט „אויפקלערונגען״, אַז אונדזער אָנגריף איז „אַ פּאָליטיש־מיליטערישע משוגעת״. ס׳איז אַ משוגעת אָנצוגרייפן יפו אין איר צום שטאַרקסטן פאַרפעסטיקטן פונקט, — האָבן געזאָגט די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדיסטן. דאָס איז אפשר נישט דער עיקר. מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין יפו שטייען נאָך די ענגלענדער. כל־זמן זיי זענען דאָ אין שטאָט האָט מען נישט

געטאָרט אָנגרייפן. זיי דאַרפן פאַרלאָזן יפו דעם 15טן מאי און די אצ״לניקעס האָבן אָן שום אחריות זיך געאײַלט אָנצוגרייפן יפו דריי וואָכן פאַר דער צוגע־זאָגטער בריטישער עוואַקואַציע. דאָס איז אַן אַוואַנטורע. דאָס איז אַ פאַרברעכן.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן די זשורנאַליסטן דעם 25טן, 26טן און 27טן אַפּריל. אָבער אין דער נאַכט פון 27טן אַפּריל איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך — אויסטערליש מינדעסטנס אין די אויגן פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנ־דענטן. אַט אין דער נאַכט האָט די „הגנה״ געשיקט עטלעכע אָפּטיילונגען צו אַטאַקירן צוויי דערפער אין די קאַנטן פון יפו, חיריא און סקיא און דעם ראַיאָן פון תל־עריש. האָבן זיך די זשורנאַליסטן געוווּנדערט: וואָס איז דער אונטער־שייד צווישן אַן „אומפאַראַנטוואָרטלעכער״ אַטאַקע און אַ „פאַראַנטוואָרטלעכער״ אַטאַקע?

די זשורנאַליסטן האָבן זיך געוווּנדערט. מיר — נישט. אין די שפּעטע אָוונט־שעהען פון 27טן אַפּריל, ווען אונדזער אַנטשיידנדיקע שלאַכט איז געווען אין פולן ברען, האָב איך דערהאַלטן אַ מעלדונג פון ישראל גלילין וועגן דעם נאַכט־אָנגריף וואָס די „הגנה״־אײנהייטן וועלן מאַכן. די אָפּיציעלע פּראָפּאַ־גאַנדיסטן, אָנגעשטעקטע מיט אײפערזיכטיקייט, האָבן דערציילט בדיעבר, אַז די „הגנה״ איז „אַרויס אונדז ראַטעווען פון קלעם״. ס׳איז נישט נאָר אַ ליגן, נאָר נאָך ערגער: אַ נאַרישקייט. אַ טאָג פאַר דעם איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן די פירער פון דער „הגנה״ און אונדז, אַז מיר וועלן פאַרזעצן דעם קאַמף אויף יפו פון דער מאנשיה־זייט. דער אָנגריף פון דער „הגנה״ איז בכלל נישט געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג. מיר האָבן נישט געבעטן קיין הילף פון דער „הגנה״. מיר האָבן זיך נאָר געפרייט, אַז זיי שטערן אונדז נישט.

אונדזער אָנגריף אויף דעם ה א ר ץ פון יפו און די אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונג אויף איר האָבן פאַרוואַנדלט די צענטראַלע אַראַבישע שטאָט אין אַ געשפּענסטער־שטאָט, אָן ליכט, אָן וואַסער, אָן שוץ, אָן אָרדענונג, אָן אַ פאַר־וואַלטונג. דאָס אַלץ האָט גורם געווען צו דעם מאַסן־אַנטלויפן. אין געציילטע טעג זענען אין יפו נישט געבליבן מער ווי 2.000 — 3.000 אײַנוווינער און גע־ווען זענען דאָרט זיבעציק טויזנט אַראַבער. דאָס האָט געבראָכן די מאָראַל פון שונא אויך אין ראַיאָן פון יפו. דער שונא איז אַנטלאָפן פון גאַנצן ראַיאָן, פון אבו־כביר, פון תל־עריש, פון סאַלאמע א. א. וו.

אָבער דאָס אַלץ האָט דעמאָלט נאָך נישט אינטערעסירט די אויסלענדי־שע קאָרעספּאָנדענטן. דעם 27טן און 28טן אַפּריל האָט זיי אינטערעסירט אַן אַנדערע זאַך: וואָס איז געשען מיט דער „הגנה״? די זשורנאַליסטן האָבן זיך גע־פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג:

אויב מ׳האָט געמעגט אָנגרייפן יפו דעם 27טן אַפּריל, פאַרוואָס איז עס געווען אַ פאַרברעכן דעם 25טן אַפּריל? די פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן זיך

דאָך נישט געענדערט אין די עטלעכע טעג. נאָר וואָס: ווייזט אויס אַז די מיליטערישע פאַקטאָרן האָבן זיך געענדערט. אויב אַזוי, איז דאָך דער אצ״ל גערעכט געווען! אַן אויסדרוק צו די קשיות פון די אויסלאַנד־קאָרעספּאָנדענטן איז געגעבן געוואָרן אין „ניו־יאָרק טיימס״, „ניו־יאָרק הערالד טריביון״, אין דער פראַנצויזישער פּרעסע און אַנדערע. אַרטור קעסטלער רופט די דאָזיקע דערשיינונג מיט אַ קורצן אָבער אומהעפלעכן נאָמען: צביעות!

בעת אונדזער פּרעסע־קאָנפערענץ האָבן מיר נישט געהאַט בדעה אויפצוּווּיקלען אַט די פראַגן. מיר האָבן געוואָלט ווייזן די זשורנאַליסטן דאָס שלאַכטפעלד און זיי אויפקלערן דעם גאַנג פון קאַמף. אָבער די זשורנאַליסטן האָבן געשטעלט די פראַגן, און מיר האָבן איבערגעגעבן פאַקטן. איך האָב געפירט די קאָנפערענץ ווי דער „פּרעסע־שעף פון אצ״ל־שטאַב״. די זשורנאַליסטן האָבן אויפגענומען מיין מעלדונג ווי אַ נאַטירלעכע זאַך. ס׳זענען אָבער געווען צווישן זיי אייניקע, וועלכע האָבן געוווּסט... און האָבן געשוויגן. דער גוטער ריטשאַרד מאורער, מיט וועלכן כ׳האָב מיך באַגעגנט פריער מיט עטלעכע חדשים פאַרן יפוער שלאַכט, האָט אַוועקגעדרייט זיין בליק און גאָרנישט דערציילט זיינע חברים. קווענטין ריינאָלדס האָט אידענטיפיצירט „דעם פּרעסע־אָפיציר״ נאָר עטלעכע טעג שפּעטער. פון דעם שטאַנדפּונקט איז די טרעפונג אַריבער בשלום. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט זענען די זשורנאַליסטן נישט געווען זיכער, אַז זי וועט אַריבער בשלום. בשעת דער גענויער אויפקלערונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך גידין און אַלין, איז אין הויף פון קוואַרטיר געפאַלן אַ באָמבע פון אַ מאָרטאַר, ס״ה עטלעכע צענדליק מעטער פון צימער. די קאָנטער־אָפענסיווע איז געווען אין גאַנג. אַ טייל פון אונדזערע געסט האָבן געבעטן צו קירצן די דערקלערונגען, און מיט רעכט.

...און די זשורנאַליסטן האָבן געזען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער „דורכפאַל״ פון אצ״ל.

איינע פון די גרויסע ניו־יאָרקער צייטונגען האָט געשריבן: די „הגנה״ האָט אונדז דערציילט די גאַנצע צייט, אַז דער אצ״ל איז אַ מינדערווערטיקער כוח. כדי אויסצופירן אַזאַ אַנגריף זענען דאָך געווען נייטיק טויזנטער סאָלדאַטן באַוואָפנטע מיטן בעסטן מאָדערנעם וואָפן.

קענעט בילבי, דער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־יאָרק הערالד טריביון״, אַליין אַ פראָנט־אָפיציר אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט:

— „כ׳האָב פאַר דיר אַ גוטע ידיעה. איך בין געווען אין יפו. כ׳האָב געשמועסט מיטן קאָמענדאַנט פון די בריטישע מיליטערישע כוחות. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אייערע בחורים האָבן געפירט גאַסן־קאַמפן, וועלכע קענען דינען פאַר אַ ביישפּיל־לעקציע פאַר יעדער אַרמיי. מיינע סאָלדאַטן — האָט דער ברי־

טישער אָפּיציר צוגעגעבן — האָבן מורא געהאַט אַרויסצושטעקן זייערע קעפּ פון די טאַנקן און פון זייערע פּאָזיציעס. זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן מעכטיקן פייער פון די „ארגוניסטן".

כ'האָב געדאַנקט בילבי'ן פאַרן קאָמפּלימענט. מיט נייגעריקייט און נישט־פאַרשטעלטער סימפּאַטיע האָט ער זיך איינגעקוקט אין גידין, וועלכער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס נעבן דער גרויסער וואַנט־קאַרטע און מיט געדולד געענטפערט אויף דער פראַגע פון די זשורנאַליסטן.

— צי וועט איר פאַראויסגיין אין דער ריכטונג פון פּאַרט? — האָט ביל־בי געפרעגט.

גידי האָט געלאָזן געענטפערט:

— דאָס איז אַ פּאָליטישע פראַגע. אויב מ'וועט אונדז באַפעלן צו גיין, וועלן מיר גיין. מיין עסק איז דער קאַמף.

...און די שטאָט תל־אביב יובלט פאַר פרייד. דער געפיל, אַז מ'איז גע־ראַטעוועט געוואָרן פון אַ גרויסער סכנה האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. יפו וועט שוין נישט קענען אַטאַקירן תל־אביב. מאַסן־מאַניפעסטאַציעס פון פרייד זענען פאָרגעקומען אין די גאַסן. מ'האָט געיובלט לכבוד די סאָלדאַטן פון אצ"ל.

די ענגלענדער האָבן נאָך געפּרוווט צו צעשטערן אונדזער שמחה. נאָכן דורכפאַל פון זייערע אָנגריפן מיטוואָך און דאָנערשטיק האָבן זיי דערלאַנגט אַן „אולטימאַטום" צו די יידישע אינסטיטוציעס און געפאָדערט צוריקצוקערן דעם „סטאַטוס קוואָ" פון פאַרן שלאַכט. זיי האָבן געפאָדערט מ'זאָל שטעלן צו זייער דיספּאָזיציע דעם בנין פון דער מאנשיה־פּאָליציי און די הויפּט־גאַס, חסן־בעק, וואָס שניידט זיך אַריין ווי אַ קלין אין תל־אביב — דאָס אַלץ לאָזן אָפן פאַר באַוועגונג מצד יפו. דער אולטימאַטום איז געווען באַגלייט מיט דראָענדיקע מעלדונגען. די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער בריטישער פּאָליציי אין מיטעלן מזרח האָט מיטגעטיילט, אַז דער אצ"ל־אָנגריף אויף יפו, וואָס געפינט זיך לויטן או״ם באַשלוס אויסער די גרעניצן פון יידישן שטח, האָט פולשטענדיק גע־ענדערט די סיטואַציע און פאָדערט אַ נייע פאַרטיילונג פון די בריטישע כוחות אין דעם סעקטאָר. ראַדיאָ לאָנדאָן האָט ווייטער מודיע געווען, אַז בריטישע איינהייטן פון מאַלטאַ און ציפערן האָבן געלאַנדעט אין יפוער פּאָרט, כדי נישט צו דערלאָזן אַז די שטאָט זאָל אַריינפאַלן אין יידישע הענט. מיט די דאָזיקע מעלדונגען האָבן די בריטן געוואָלט אָפּשרעקן די יידן און מוטיקן די אַראַבער. אָבער אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן.

דער בריטישער אולטימאַטום איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך די פי־רער פון דער „הגנה". מיר האָבן אים אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן טאַקע אויסגעמיטן ווייטער צו פאַרויסמאַרשירן אין יפו, צוליב דער דראָאונג צו באָמבאַרדירן תל־אביב פון דער לופט און פון האַרמאַטן. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן דעראָבערט

מיט בלוט פון אונדזערע סאָלדאַטן, וועלן מיר נישט אָפּגעבן. און אויף די רמזים פון די בריטישע דראָאונגען, האָבן מיר אויך געהייסן ענטפערן מיט „אַ ווונק": „דער אצ"ל האָט נאָך טויזנטער דריי אינטשיקע מאַרטאַר־קוילן און אין ארץ־ישראל זענען נאָך דאָ בריטישע לאַגערן. מיר האָבן געהערט אַז די ענגלענדער זענען פאַראינטערעסירט אין אַן אומגעשטערטער עוואַקואַציע פון זייערע כוחות אָן ווייטערדיקע פאַרלוסטן... זאָלן זיי דעריבער מאַכן זייער חשבון!"

מיר האָבן געהאַט ביטערע פערזענלעכע און טעלעפאָנישע נאַכט־געשפּרעכן מיט די פירער פון דער „הגנה". פאָדערנדיק מיר זאָלן אָננעמען די בריטישע „טעריטאָריאַלע" באַדינגונגען, האָבן זיי זיך פאַררופן אויף די פּאַראַגראַפן פון אָפּעראַטיוון אָפּמאַך צווישן אונדז. מיר האָבן זיי דערמאָנט, אַז דעם אָנגריף אויף יפו האָבן מיר געמאַכט אויף אונדזער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, איידער דער הסכם איז אַריין אין קראַפט. אויב די יידישע אינסטיטוציעס ווילן זיין „אין אָרדענונג", האָבן מיר זיי פאָרגעשלאָגן צו זאָגן די ענגלענדער, אַז דער באַפעל זיך צוריקצוציען איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם אצ"ל, נאָר ער וויל אים נישט אויספירן און אַז בריטאַניעס סאָלדאַטן וועלן זיך דאַרפן צונויפמענשטויסן מיט די באַוואָפנטע כוחות פון אצ"ל...

די יידישע אינסטיטוציעס זענען נישט געווען געניגט אָנצונעמען מיין עצה. אָבער מיר האָבן זיי געהאָלפן אויף אַן אַנדערן וועג. די ענגלענדער האָבן געפאָדערט די געביידע פון דער מאנשיה־פּאָליציי און מיר האָבן, מיט אַ גוטן טראַנספּאָרט פון דינאַמיט, דעם בנין פאַרוואַנדלט אין אַ חורבה. פון ביידע זייטן פון דער הויפּט גאַס האָבן מיר פיל הייזער אומגעלייגט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל און פאַרמאַכט דעם וועג פאַר יעדער מעגלעכער באַוועגונג אין דער ריכטונג פון תל־אביב. ערשט דעמאָלט האָבן די ענגלענדער צוריק באַקומען זייער חוש פון רעאַליזם און האָבן מסכים געווען אויף „דער נייער ליניע", אַזוי ווי זי איז באַשטימט געוואָרן דורך אצ"ל, איבערגעגעבן דער „הגנה" אין אַ צערעמאָניאַל אָן רעדעס.

דער גורל פון יפו איז געחתמעט געוואָרן. דער מאַסן־אַנטלויף האָט נישט אויפגעהערט. ס'זענען אַוועק נישט מער ווי עטלעכע טעג און די קאָמיסיע וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון די רעשטלעך יפוער איינוווינער האָט אָנגעהויבן בעטן „באַדינגונגען". אָנהויב מאַי — ערב דער אַראַבישער אינוואַזיע — האָט די קאָמיסיע אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע פון דער שטאָט. אין דער באַפרייטער שטאָט זענען אַריין געמיינזאַם אָפּטיילונגען פון דער „הגנה" און אצ"ל. בראש פון אַלע יידישע אָפּטיילונגען איז געפאָרן דער פּאַנצער־אויטאָ פון אצ"ל, וועלכער איז צוגענומען געוואָרן ביי די ענגלענדער. נאָך איידער ס'איז געווען די פאָרמעלע קאַפּיטולאַציע פון יפו, איז די שטאָט געפאַלן — פאַר גידין און זיינע סאָלדאַטן.

וואָלט דער אצ״ל נישט דעראָבערט יפו, נאָר מיר וואָלטן געוואַרט ביזן 15טן מאַי, אַזוי ווי די אָפיציעלע לייטונג האָט געפאָדערט, וואָלט יפו געדינט פאַר אַ באַזע פון די אַראַבישע אַרמייען. די עגיפּטישע כוחות וואָלטן געלאַנדעט פון דאָרטן. דעם 15טן מאַי האָבן מיר נאָך נישט געהאַט נישט קיין פלאַט און נישט קיין לופט־אַרמיי. די עגיפּטער וואָלטן אויפן ברעג אַראָפּגעלאָזט טאַנקען, האַרמאַטן און סאָלדאַטן. און תל־אביב וואָלט געהאַט אַ מלחמה פון דער יבשה, פון ים און פון דער לופטן.

דעם 15טן מאַי זענען אַריבער די גרענעצן פון אונדזער לאַנד אַרמייען פון זעקס אַראַבישע לענדער. דער אַראַבישער לעגיאָן פון אבדאלא, וואָס איז געווען אין ירושלים, איז געשטאַנען אין לוד, ראמלע, ווילהעלמא... טויזנטער יידישע קעמפער וואָלטן געבליבן צוגעשמידט צום תל־אביב - יפוער פראָנט אין דער צייט, ווען די אינוואַזיע־כוחות זענען געגאַנגען אויף אונדזער לאַנד פון אַלע זייטן.

אונדזער אָנגריף אויף יפו האָט באַצייטנס געראַטעוועט פון אַ חורבן נישט נאָר תל־אביב. דאָס האָט געראַטעוועט פון אַן אומגליק דעם גאַנצן יידישן פראָנט.

די דעראָבערונג פון יפו איז איינע פון די ג ו ר ל ד י ק ע געשעענישן אין יידישן באַפרייאונג־קאַמף.

אָבער די דעראָבערונג פון יפו האָט אונדז געקאָסט זייער אַ הויכן פּרייז. 38 מפקדים און סאָלדאַטן האָבן געגעבן זייער לעבן, כדי תל־אביב זאָל לעבן און דאָס פאָלק זאָל לעבן. פיל פון די קעמפער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן, און צווישן זיי זענען אַ סך געבליבן אומהיילבאַרע אינוואַלידן אויפן גאַנצן לעבן.

***

איין מאָל האָט מיך באַערט מיט אַ באַזוך אורי צבי גרינבערג, דער נביא און דיכטער פון יידישן אויפשטאַנד. דער גרויסער דיכטער האָט מיר געבראַכט אַ טייערע מתנה: זיין בוך „ספר הקטרוג והאמונה״. אויפן שער־בלאַט איז געווען אַ האַרציקע ווידמונג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אָנווייזונג: „זע זייט 156״. מיר האָבן געמישט צוזאַמען מיט אורי צבי גרינבערגן — דער דיכטער מיט אַ שמייכל, און איך, מיט פיל נייגעריקייט — און מיר זענען צוגעקומען צו דעם אָנגעצייכנטן בלאַט. מיר האָבן געלייענט דאָס ליד: „כד מסיא שעתא״, אַ ליד פון וויזיע און גאולה, וועגן דער דעראָבערונג פון יפו דורך די אייניקלעך פון די דעראָבערער פון כנען.

דאָס ליד איז געווידמעט איך, מיינע טייערע ברידער, דעראָבערער פון יפו!

עס גייט אויף דער מאָרגנשטערן

א׳ אָדער ב׳ אייר תש״ח האָט מיר דער פירער פון דער „הגנה״ מודיע געווען, אַז די אָפיציעלע אינסטיטוציעס האָבן גובר געווען די קווענקלענישן און די מערהייט האָט באַשלאָסן באַלד נאָך דער ליקווידאַציע פון דער „מאַנדאַט־מאַכט״ צו פּראָקלאַמירן אַ צייטווייליקע יידישע רעגירונג. דעם פאָרשטייער פון די אינסטיטוציעס האָב איך געמאָלדן, אַז מיר פרייען זיך מיטן אָנגענומענעם באַשלוס (נישט אָן אונדזער דירעקטער הילף), און אַז מיר וועלן אנערקענען די פּראָוויזאָרישע רעגירונג און וועלן שטיין הינטער איר, נישט פרעגנדיק אויף איר צוזאַמענשטעל. איך האָב נאָך צוגעגעבן אַ וואָרענונג:

— אויב פרייטיק, דעם 14טן מאַי, וועט פּראָקלאַמירט ווערן די יידישע רעגירונג, וועלן שבת אין דער פרי זיך באַווייזן דעם פיינדס ערשטע אַעראָפּלאַנען איבער תל־אביב!

אונדזער מחשבה האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם קאַמף פאַר אונדזער זעלבשטענדיקייט, אַרום די מערערע פראָנטן וועלכע וועלן זיך פון אַלע זייטן עפענען אין געציילטע טעג, פון דער יבשה, פון דער לופט און פון וואַסער. פון דעסטוועגן איז געווען אוממעגלעך נישט צו טראַכטן וועגן דער וואונדערלעכער פאַסירונג וואָס איז געשען פאַר אונדזערע אויגן. ס׳איז זיך צוזאַמענגעפאַלן אַ רעזשים, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף הונדערט טויזנט באַגנעטן; אנשטאָט אים האָט אויף זיינע חורבות געדאַרפט אויפשטיין אַ נייער רעזשים — אַ פאָלק שטייט אויף תחית המתים.

אין אַזעלכע מחשבות בין איך צוגעטראָטן צוצוגרייטן די ווערטער, וואָס כ׳האָב געוואָלט זאָגן דעם פאָלק נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה. ס׳איז ביי אונדז באַשלאָסן געוואָרן אַז אויב פרייטיק וועט פּראָקלאַמירט ווערן די אַנטשטייאונג פון דער מלוכה, וועט אַ גילוי־דעת פון ארגון צבאי לאומי געבראַכט ווערן צו דער עפנטלעכקייט צו מאָרגנס, מוצאי שבת, דעם 15טן מאַי 1948. אָבער אַ טאָג אָדער צוויי פאַר דעם איז אין אונדזער קוואַרטיר, אין שפּיטאַל „פּרויד״, געקומען אַ פּערזענלעכער עמיסאַר פון ה׳ בן־גוריון און געבעטן מיר צו מעלדן, אַז דער פּאָרזיצנדער פון דער יידישער אַגענץ וויל זען דעם טעקסט פון דער רעדע, וואָס כ׳האָב געדאַרפט האַלטן אין ראַדיאָ. מ׳קען אָננעמען — און אפשר אויך פאַרשטיין — אַז ה׳ בן־גוריון האָט געהאָט

סיבות אַרויסצוווייזן אַ פּאַר־אינטערעס אין דעם גילוי־דעת פון ארגון צבאי לאומי. דעריבער האָב איך מסכים געווען אים צוצושטעלן דעם טעקסט פון דער רעדע ווי באַלד כ׳וועל זי צוגרייטן. אָבער מיינע חברים האָבן געהאַלטן אַז מיין הסכמה איז נישט באַרעכטיקט. כ׳האָב אָנגענומען זייער מיינונג. הער בן־גורי־יונס שליח האָט באַקומען אַ נעגאַטיווע תשובה. איך באַדויער עס נישט. איך באַ־דויער נאָר אַ צווייטן ענין וואָס איז פאַרבונדן מיטן אינהאַלט פון מיין רעדע.

שבת צו נאַכטס, דעם 15טן מאי, בין איך אַוועק צו דער געהיימער ראַדיאָ־סטאַציע פון ארגון צבאי לאומי אַנטקעגן... גן־מאיר. איך האָב נישט געהאַט קיין „טרעמע״. איך בין געווען צווישן מיינע פריינד, כ׳בין געווען ביי מיר אין „דער היים״ אין דער ראַדיאָ־סטאַציע, פון וועלכער ס׳האָט זיך לאַנג גע־טראָגן די שטים פון אויפשטאַנד און פרייהייט. און דאָס פּובליקום איז געווען ווייט, אין די שטעט, קאָלאָניעס, דערפער. איך האָב אָבער געהאַט די אימה פאַר דער ש ע ה . כ׳וועל ווען איר נישט דערציילן. אַזאַ שעה — איז נאָר איינע אין לעבן פון אַ מענטשן וואָס האָט געקעמפט. איך האָב געזאָגט:

„בירגער פון דעם יידישן פאָטערלאַנד, סאָלדאַטן פון ישראל, יידישע יוגנט, שוועסטער און ברידער מיינע אין ציון!

נאָך אַ סך יאָרן פון קאַמף אין אונטערגרונט, פון רדיפות און עינויים, פי־זישע און גייסטיקע עינויים, שטעלן זיך פאַר אייך די אויפשטענדלער קעגן דער מלכות־הרשעה און אין זייער מויל איז אַ ברכה פון דאַנק און אין זייער האַרצן אַ תפילה צום הימל. דאָס איז די ברכה וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געמאַכט אין די יום־טוב טעג. דאָס איז די ברכה, וואָס זייערע ליפּן האָבן געזאָגט אי־בער אַ נייע פרוכט. און עס איז דאָך יום־טוב אין אונדזערע הייזער; און אַ פרי־שע פרוכט גייט אויף פאַר אונדזערע אויגן. דער יידישער אויפשטאַנד פון די יאָרן 1944 — 1948 איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. דער ערשטער יידי־שער אויפשטאַנד נאָכן חשמונאים־אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון. די פאַרשקלאַפונג־הערשאַפט פון בריטאַניע איבער אונדזער פאָטער־לאַנד איז צעשטערט, צעפאַלן און ליקווידירט געוואָרן. אין אַ בלוטיקער מל־חמה איז אַנטשטאַנען די מדינת־ישראל. ס׳איז אויסגעטראָטן געוואָרן דער וועג פאַר אַ מאַסנהאַפטן שיבת־ציון. עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונד — בלויז דער גרונד איז געלייגט געוואָרן — פאַר ממשותדיקער יידישער זעלבשטענ־דיקייט. עס האָט זיך פאַרענדיקט איין עטאַפּ — נאָר איין עטאַפּ — פון יידישן באַפרייאונג־קאַמף, וואָס זיין אייביקער ציל איז געווען צוריקצוברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין זיין געבוירנלאַנד און צוריקצוקערן ארץ־ישראל — גאַנץ ארץ־ישראל — צו אירע באַלעבאַטים. און אויב מיר ווען געדענקען אַז די אומגעהייערע געשעעניש איז געשען נאָך זיבעציק דורות — זיבעציק דורות פון צעשפרייטקייט, פון אַנטוואָפענונג, פון אומענדלעכע וואַנדערונגען און ענד־

לאָזע רדיפות; אויב מיר ווילן געדענקען אַז דאָס איז געשען אין סאַמע מיטן פון דער תקופה פון דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון יידן, אויב מיר ווילן געדענקען, אַז די ווינציקע האָבן ווידער באַזיגט די פילע, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען קעגן ישראל כדי אים צו פאַרניכטן און ער איז זיי בייגעקומען — אויב מיר ווילן דאָס אַלץ געדענקען, כאָטש עס האָט נאָך נישט אויסגעטריקנט דער יסורים־בעכער פון אונדזערע מוטערס און קינדער, האָבן מיר דאָס רעכט און די פליכט צו דאַנקען דעם גאָט פון ישראל פאַר די נסים און וווּנדער וואָס ער האָט מיט אונדז געטאָן אין דער תקופה, פונקט אַזוי ווי ער האָט געטאָן מיט אונדז אין יענע טעג. דעריבער ווילן מיר פון גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה זאָגן היינט — אין ערשטן טאָג נאָך אונדזער באַפרייאונג פון בריטישן יאָך — ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה!

מדינת ישראל איז אויפגעשטאַנען. און זי איז אויפגעשטאַנען „רק כך" („נאָר אַזוי"): מיט בלוט, אין פייער, אין יסורים און קרבנות; אַנדערש האָט זי נישט געקענט אויפשטיין. און נאָך איידער די מדינה האָט באַוויזן אויפצושטעלן אירע אינסטיטוציעס, איז זי געצוווּנגען צו קעמפן — אָדער פאַרזעצן דעם קאַמף קעגן דער אַגרעסיע פון טייוולאַנישן פיינד און זיינע געדונגענע בלוט־דורשטיקע חיילות פון דער יבשה, פון ים און פון דער לופטן.

אין די באַדינגונגען פון אונדזער ניי־אַנטשטאַנענער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג די וואָרענונג, וואָס דער פּרעזידענט־פילאָזאָף טאָמאַס מאַסאַריק האָט געגעבן זיין פאָלק, דעם טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק, ווען עס איז נאָך 300 יאָר באַפרייט געוואָרן פון פאַרקנעכטונג, אַראָפּגייענדיק, אין 1918, אויף דער ווילסאָן באַן־סטאַציע אין פּראַג, האָט מאַסאַריק געזאָגט צו זיינע יובלענדיקע פאָלקס־ברידער: „ס'איז שווער צו שאַפן אַ מדינה. אָבער געדענקט, אַז ס'איז פיל שווערער איינצוהאַלטן די מדינה". און ווירקלעך, ברידער אין ציון, אונדז איז שווער געווען, אוי ווי שווער געווען, צו שאַפן אונדזער מדינה. ס'זענען נייטיק געווען צען דורות פון וואַנדערונגען פון איין שחיטות־לאַנד אין אַ צווייטן פּאָגראָם־לאַנד. עס זענען געווען נייטיק גירושים, אויטאָ־דאַפעען און פייניקונג־קעלערס; ס'זענען נייטיק געווען מוראדיקע קלעפּ, וואָס צעשטערן פאַרבלענדנדיקע אילוזיעס; ס'זענען געווען נייטיק וואָרענונגען — וועלכע מ'האָט נישט געפאָלגט — פון נביאים און ווייטזעער, ס'איז נייטיק געווען די מי פון דורות חלוצים און בויערס און ס'איז נייטיק געווען אַן אויפשטאַנד פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שלאָגן דעם פיינד, גייען אויף תליות און וואַנדערן איבער ימים און מדבריות — כדי מיר זאָלן דערגיין אַהער, ביז אַ קיבוץ פון 600.000 יידן אין פאָטערלאַנד, ביז דער ליקווידירונג פון דער פאַרשקלאַפונג־מאַכט, ביז דער זעלבשטענדיקייט־פּראָקלאַמאַציע אין אַ טייל פון פאָטערלאַנד, וואָס אין גאַנצן איז עס אונדזערס, אין גאַנצן אונדזערס.

ס'איז שווער געווען צו שאַפן אונדזער מדינה. אָבער זיכער וועט נאָך שווערער זיין איינצוהאַלטן זי. שונאים האָבן אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, און זיי ווילן אונדז פאַרניכטן. דער פאַרשקלאַפער, וואָס איז סיי היט־לערס לערער און סיי זיין שילער, דער אינטריגאַנטישער פאַרשקלאַפער וועל־כער איז דורך אונדז דירעקט געשלאָגן געוואָרן, פּרוּווט נאָך אונדז צו שלאָגן אומדירעקט — מיט דער הילף פון זיינע געדונגענע משרתים פון דרום, פון צפון און מזרח. אונדזער מדינה, וואָס איז אינגאַנצן איין טאָג אַלט שטייט דערפאַר אין די מלחמה־פלאַמען.

דער ערשטער יסוד פון דערהאַלטן אונדזער פרייהייט איז דעריבער — דער נצחון, אַ פולער זיג אינעם קריג וואָס בושעוועט איצט אין אַלע עקן פון לאַנד. פאַר דעם נצחון, אָן וועלכן מיר וועלן נישט האָבן נישט קיין פרייהייט און נישט קיין לעבן, דאַרפן מיר האָבן געווער, אַ טאָפּלט געווער. מיליטערישן שווערן וואָפן, כדי צו שלאָגן דעם שונא און באַפרייען דאָס לאַנד פון אירע פאַרוויסטער. און נאָך דאַרף יעדער פון אונדז האָבן אַן אַנדער וואָפן, אַ גייס־טיקן וואָפן, צו שטיין אָן מורא אַנטקעגן טעראָר־באָמבאַרדירונגען פון דער לופטן, צו שטיין אָן קווענקלעניש אַנטקעגן שווערע פאַרלוסטן, צו שטיין אומ־דערשיטערט קעגן צייטווייליקע דורכפאַלן, זיך נישט צוריקציען פאַר דראָאונ־גען און לאָקונגען... איינס הענגט אָפּ פון אַנדערן. אויב מיר וועלן אין די נאָענטסטע טעג און וואָכן גייסטיק־האַרטנעקיק שטיין באַוואָפנט ווי עס פאַסט פאַר אַן אייביק פאָלק, וואָס שטייט אויף צו אַ ניי לעבן — דעמאָלט וועלן מיר באַ־קומען דעם געבענטשטן וואָפן, מיט וועלכן מיר וועלן קלאַפּן דעם שונא און ברענגען פרייהייט שלום אונדזער פאָלק און לאַנד.

אָבער נאָך דעם ווי מיר וועלן זיגן אין דער שלאַכט — און מיר וועלן זיגן — וועלן אונדז נייטיק זיין איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן אונדזער זעלבשטענדיקייט, כדי צו באַפרייען אונדזער לאַנד. ערשטנס וועט מען דאַרפן אויפשטעלן, שטאַרק מאַכן און פלעגן דעם באַוואָפנטן אָרעם פון ישראל, אָן וואָס מיר וועלן נישט האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד און נישט קיין פרייהייט. די יידישע אַרמיי קען און מוז זיין פון די בעסטע צווישן די וועלט־אַרמייען. אין דער מאָדערנער מלחמה דעצידירן נישט די צאָלן: עס אַנטשיידט דער מוח, דער גייסט. און וואָס איז דער גייסט פון אונדזערע קעמפער? דאָס האָט שוין באַוויזן אונדזער יוגנט, די יוגנט פון דער „הגנה“, פון לח״י און פון אצ״ל, די וונדערבאַרע יידישע יוגנט, וואָס קיין פאָלק האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַזאַ, וואָס קיין שום דור פון יידישע דורות זייט בר־כוכבא ביז די בילו״יים, האָט אַזאַ דור נישט געזען. און וואָס איז נוגע דעם מוח, איז דאָך דער יידי־שער מוח אַ קווינטעסענץ פון דער מחשבה פון 120 דורות — 120 דורות פון דענקער, גאָט־זוכער און גאָט־געפינער. דער אַנטדעקנדיקער זשעני פון יידישן מוח,

דער גרעסטער פון אונדזערע „נאַטירלעכע" רייכטימער, איז אומבאַגרענעצט. די מיליטערישע וויסנשאַפט, באַזירט אויפן יידישן מוח, וועט זיין פון די העכסט־אַנטוויקלטע אין דער וועלט. מיר וועלן האָבן גענוג כוח ווייל מיר האָבן אַ דענקנדיקן, דערפינדערישן מוח.

פאַר דער עקזיסטענץ פון אונדזער מדינה און דער באַפרייאונג פון אונדזער פאָטערלאַנד וועט אונדז נייטיק זיין אַ פאַרנינפטיקע אויסלענדישע פּאָליטיק. מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען אונדזער פּראָקלאַמירטע זעלבשטענדיקייט אין אַן עפעקטיווער זעלבשטענדיקייט. און דאָס דאַרף מען וויסן: כל זמן איין בריטישער סאָלדאַט — אָדער אַנדערער פרעמדער סאָלדאַט — טרעט מיט זיין שטיוול דעם באָדן פון אונדזער פאָטערלאַנד, איז אונדזער מלוכהשע סוווערעניטעט נישט מער ווי אַ שטרעבונג, וואָס פאַר איר פולע רעאַליזאַציע מיר וועלן דאַרפן קעמפן נישט בלויז אויפן שלאַכטפעלד, נאָר אויך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. און צווייטנס וועלן מיר דאַרפן פעסטשטעלן און איינהאַלטן דעם פּרינציפּ פון קעגנזייטיקייט אין אונדזערע באַציאונגען מיט די פעלקער פון דער וועלט. קעגנזייטיקייט! פריינדשאַפט פאַר פריינדשאַפט. הילף פאַר הילף. פריינדשאַפט פאַר פריינדשאַפט.

מיר דאַרפן פלעגן באַציאונגען פון פאַרשטענדעניש און פריינדשאַפט מיטן גרויסן אַמעריקאַנישן פאָלק. אמת, די איצטיקע אַמעריקאַנישע רעגירונג — פאַרעסטאַלס רעגירונג — האָט פאַרגעסן וואָס עס האָבן געלערנט דזשעפערסאָן, וואַשינגטאָן, לי און טאם פיין. אָבער אין אַמעריקאַנישן פאָלק זענען פאַראַן אַנדערע כוחות. זיי געדענקען און וועלן געדענקען. זיי געדענקען אויך קאָרגוואַליס און דעם פראַנצייזישן לאַפאַיעט. אָט די כוחות האָבן באַוועגט די וואַשינגטאָנער רעגירונג צו אנערקענען אונדזער פּראָוויזאָרישע רעגירונג.

מיר דאַרפן איינהאַלטן און פלעגן באַציאונגען פון פאַרשטענדעניש און פריינדשאַפט מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד. לאָמיר נישט באַהאַלטן דעם אמת. אין דער פאַרגאַנגענהייט זענען געווען פיינטלעכע באַציאונגען צווישן דער מדינה פון רעוואָלוציע און דער העברעאישער באַפרייאונגס־באַוועגונג. די באַציאונגען האָבן אונדזער פאָלק געקאָסט בלוט און טרערן. אָבער אַ דאַנק דעם העלדן־קאַמף פון יידישן אונטערגרונט איז אַנטשטאַנען אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין אָט די באַציאונגען. דער ראַטנפאַרבאַנד האָט אנערקענט אונדזער רעכט אויף סוווערעניטעט און זעלבשטענדיקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד. און מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די רוסישע זיגערישע אַרמיי האָט געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער יידן פון די נעגל פון די נאַצישע חיות־דעות. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַז ווען אונדזער פאָלק איז געשטאַנען אויפן היסטאָרישן שיידוועג, האָט דער ראַטנפאַרבאַנד אונדז אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אונדז געהאָלפן אַרויפגיין אויפן וועג פון זעלבשטענדיקייט.

מיר דאַרפֿן פלעגן די באַציאונגען פון פאַרשטענדעניש און פריינדשאַפט מיט די אייראָפּעאישע פעלקער, הינטער וועלכע עס שטייט אַ טראַדיציע פון פרייהייט־קאַמפן און פון וועלכע עס וועלן קומען, אין די נאָענטסטע חדשים און יאָרן, מאַסן פון צוריקקומענדיקע קיין ציון. מיר דאַרפֿן פלעגן די פריינדשאַפט מיטן גרויסן פראַנצייזישן פאָלק, דאָס ליכט פון די פעלקער און דער טרעגער פון דער פרייהייט־פאָן פון די באַסטיליע־טעג. מיר דאַרפן פלעגן די באַציאונג פון פאַרשטענדעניש מצד יעדער נאַציע, גרויסע צי קליינע, שטאַרקע צי שוואַכע, נאָענטע אָדער ווייטע, אויב זי וועט אנערקענען אונדזער זעלבשטענדיקייט, וואָס וועט העלפן אונדזער פאָלק, וועט זיין אינטערעסירט, ווי מיר זענען פאַראינ־טערעסירט, אין דער הערשאַפט פון אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט און אי־נעם אָפּהיטן דעם שלום צווישן די פעלקער.

נישט ווינציקער וויכטיק פון דער אויסערן־פּאָליטיק איז אונדזער אי־נערן־פּאָליטיק. און ראשית חכמה פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז: שיבת־ציון, צוריקקערן קיין ציון. שיפן! למען־השם, ברענגט אימיגראַנטן־שיפן. נאָר נישט קיין רוטינע, נאָר נישט קיין פּוסטע רייד וועגן אויפנאַם־פעאיקייט, וועגן באַגרענעצונגען כלומרשט צוליב אָרדענונג. שנעל! שנעל! אונדזער פאָלק האָט נישט קיין צייט. ברענגט אַריין צענער טויזנטער, ברענגט אַריין הונדער־טער טויזנטער יידן, און באַלד, באַלד. אויב עס וועלן נישט זיין פאַר אַלע קיין הייזער, וועלן זיך געפינען צעלטן. און אויב קיין צעלטן וועלן נישט זיין — ס'מאַכט נישט אויס, ס'איז דאָ אַ הימל אין דער הויך, דער בלויער הימל פון אונדזער לאַנד. מ'שטאַרבט נישט פון שווערע לעבנס־באַדינגונגען. ווער ס'האָט געזען ווי דאָס רוסישע פאָלק האָט געלעבט ווען עס איז געשטאַנען אין לעבנס־קאַמף, דער ווייסט אַז ס'איז נישטאָ קיין גרענעץ, ממש נישטאָ קיין גרענעץ, פאַר די קרבנות וואָס אַ קעמפנדיק פאָלק איז גרייט צו נעמען אויף זיך פאַר זיין פאָטערלאַנד, פאַר זיין צוקונפט.

און אינעווייניק אין אונדזער מדינה וועט די גערעכטיקייט זיין דער העכס־טער הערשער, דער הערשער אויך איבער אירע הערשער. זאָל נישט זיין קיין דיקטאַטור. זאָלן די אמת־טרעגער זיין דינער פון דער געזעלשאַפט און נישט אירע דיקטאַטאָרן. זאָל נישט זיין קיין פּאַראַזיטיזם. זאָל נישט זיין קיין עקס־פּלאָאַטאַציע. זאָל אין אונדזער הויז נישט זיין קיין איין מענטש — אַ בירגער אָדער אַ פרעמדער — הונגעריק, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ מלבוש אויף זיך אָדער אָן עלעמענטאַרער דערציאונג. „זאָלסט געדענקען אַז דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין ארץ מצרים" — דער העכסטער געבאָט וועט באַשטימען אונ־דזער באַציאונג צו די שכנים. און „צדק צדק תרדוף" — אָט דער העכסטער גע־באָט וועט באַשטימען אונדזערע באַציאונגען צווישן איינעם און דעם אַנדערן.

בו׳ ירוה לו משפע ואשר
בן ערב, בן נצרת ובני;
כי דגלי דגל טהר וישר
יטהר שתי גדות ירדני.

און נאָך אַ זאַך זאָלן מיר געדענקען: אַ מדינת י ש ר א ל האָבן מיר אויפגעשטעלט. לאָמיר אָפּהיטן די מדינה. לאָמיר אָפּהיטן י ש ר א ל. און פון דעם שטאַנדפּונקט איז אפשר דער גאַנצער סאָציאַלער און מלוכהשער אי־דעאַל אין דעם איינעם פּסוק: „מער ווי די יידן האָבן אָפּגעהיט דעם שבת, האָט דער שבת אָפּגעהיט די יידן״.

פאַר אָט די פּרינציפּן וועט קעמפן, אין די ראַמען פון יידישן געזעץ, אין דער ראַם פון דער יידישער דעמאָקראַטיע, די תנועת־החרות — וואָס וועט אַרויסגיין פון די טיפענישן פון יידישן אונטערגרונט, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן דורך דער גרויסער קעמפנדיקער משפּחה, וועלכע האָט זיך צונויפגעזאַמלט פון אַלע גלותן, פון אַלע שיכטן, פון אַלע שטרעמונגען און געשטעלט זיך אַרום דער פאָן פון ארגון צבאי לאומי. דער אצ״ל פאַרלאָזט דעם אונטערגרונט אין די גרענעצן פון דער יידישער זעלבשטענדיקער מדינה. מיר זענען אַראָפּגעגאַנגען אין אונטערגרונט, מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אין אונטערגרונט, אונטער אַ פרעמ־דער אונטערדריקונג־הערשאַפט, כדי זי צו שלאָגן און באַזייטיקן. און מיר האָבן גוט געשלאָגן און זי עלימינירט פון אונדזער לעבן. אויף אייביק ליקווידירט. איצט איז אַנטשטאַנען, פאַרלויפיק בלויז אין אַ טייל פון אונדזער לאַנד, אַ יידישע מאַכט.

און אין דעם באַפרייטן טייל פון פאָטערלאַנד, אין דעם טייל ווו ס׳וועט הערשן דער יידישער געזעץ — און דאָס איז דער איינציקער לעגאַלער געזעץ אין דעם לאַנד — איז נישט נויטיק קיין יידישער אונטערגרונט. אין מדינת־ישראל וועלן מיר זיין סאָלדאַטן און בויער. אירע געזעצן וועלן מיר אויספירן, ווייל דאָס זענען אונדזערע געזעצן. און איר רעגירונג וועלן מיר רעספּעקטירן, ווייל דאָס איז אונדזער רעגירונג. נאָר זאָל זיך די יידישע רעגירונג היטן, די צייטווייליקע רעגירונג און יעדע אַנדערע רעגירונג וואָס וועט קומען אויף איר אָרט, אַז זי, זי אַליין, זאָל נישט שאַפן דורך פשרות כלפּי חוץ אָדער דורך דיקטאַטור כלפּי פנים, אַ נייעם אונטערגרונט. זאָל די יידישע רעגירונג אָפּהיטן די זעלבשטענדיקייט וואָס איז אונדז אָנגעקומען מיטן בלוט פון גיבורים און קדושים, זאָל זי נישט אַוועקגעבן די זעלבשטענדיקייט אין קאַפּיטולאַציע פאַר טיראַנען אָדער טעראָריסטן. און זאָל די רעגירונג אָפּהיטן די רעכט פון מענטש און בירגער, אָן דיסקרימינאַציע; זאָל זי אָפּהיטן די פּרינציפּן פון גערעכטי־קייט און פרייהייט און זאָל אונדזער הויז זיין באַלויכטן מיטן ליכט פון ברידער־ליבע און אחדות־ישראל.

מדינת־ישראל איז אויפגעשטאַנען. אָבער לאָמיר געדענקען, אַז דאָס פּאַ־טערלאַנד איז נאָך נישט באַפרייט געוואָרן. די מלחמה גייט אָן און אייערע אויגן זעען אַז אייערע קעמפּערס האָבן נישט געהאַט קיין טעות: דער יידישער וואָפן! ער וועט באַשטימען די יוריסדיקציע־גרעניצן פון דער יידישער מלוכה. אַזוי איז עס אין דער שלאַכט. אַזוי וועט עס זיין אין דער צוקונפט. דאָס פּאַ־טערלאַנד איז אַ גאַנצקייט. דער פּרווו אים צו צעשניידן אויף שטיקער איז אַ פאַרברעכערישער פּרווו און ער וועט זיך נישט איינגעבן. דאָס פּאַטערלאַנד איז אַ היסטאָרישע און געאָגראַפישע גאַנצקייט. מיר וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון אונדזער נאַטירלעכע און אייביקע רעכט. מיר וועלן טראָגן די וויזיע פון דער פולער באַפרייאונג און דערלייזונג. און עס וועט קומען דער טאָג און מיר וועלן די וויזיע רעאַליזירן. די מדינה וועט אַרומנעמען דאָס גאַנצע פּאַטערלאַנד. דאָס פּאַטערלאַנד וועט זיין די מדינה. און לאָמיר זיך נישט שפּילן מיט פרעמד־ווערטער. לאָמיר נישט ריידן וועגן אַ אירידענטא. ס'האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ שטאָט וואָס איז אונדז צוגערויבט געוואָרן. ס'האַנדלט זיך וועגן פינף־זעקסטל פונעם באָדן פון אונדזער פּאַטערלאַנד, וואָס מיר קענען און מוזן באַפרוכפּערן פאַר אונדז און פאַר די צוקונפטיקע דורות, פאַר אונדזער זיכערקייט און פאַרן שלום. דעריבער וועלן מיר טראָגן מיט שטאָלץ די וויזיע פון דעם באַפרייטן פּאַטערלאַנד אונטער דער יידישער פאָן, די פאָן פון פרייהייט, פון שלום, פון פּראָגרעס. די סאָלדאַטן פון ישראל וועלן נאָך אויפטראָגן אונדזער פאָן אויפן מגדל דוד. אונדזער אַקעראייזן וועט נאָך פאַראַקערן די פעלדער פון גלעד.

בירגער פון יידישן פּאַטערלאַנד, סאָלדאַטן פון ישראל!

מיר שטייען אין סאַמע מיטן פון דער שלאַכט. עס שטייען אונדז נאָך פאָר שווערע טעג און אפשר זייער שווערע. בלוט — דאָס טייערסטע בלוט — ווערט און וועט פאַרגאָסן ווערן. שמידט אייער ווילן, ברידער, פאַרפאַנצערט אייער האַרץ! ווייל דאָס איז דער וועג — דער וועג פון יסורים און קרבנות — אַן אַנדערער וועג איז נישטאָ. מיר וועלן נישט קויפן דעם שלום ביי אונדזער שונא פאַרן פרייז פון אָפּזאָגן זיך פון אונדזער זעלבשטענדיקייט, פון אונדזער לאַנד. נאָר אַ „שלום" פון אַ בית־הקברות, אַ „שלום" פון אַ נייער טרעבלינקע קענען מיר באַקומען פאַר דעם אָפּזאָגן זיך. דעריבער זייט מוטיק און גרייט זיך צום אַנטשיידנדיקן עקזאַמען! מיר וועלן דורכהאַלטן! גאָט וועט אונדז העלפן און די גבורה פון דער יידישער יוגנט און פון דער יידישער מוטער, פון דער העלדישער מוטער, וואָס גיט איר זון, איר כהן, אויף גאָטס מזבח — די דער־הויבענע גבורה וועט אונדז ראַטעווען פון שונא און וועט אונדז אַרויספירן פון דער פאַרטיליקונג־סכנה צו פרייהייט.

און איר, מיינע ברידער פון דער קעמפנדיקער משפחה! געדענקט איר ווי אַזוי מיר האָבן אָנגעהויבן, מיט וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן? און אָט זעט איר

אַז די וועלכע זייען מיט בלוט, שניידן די פרייהייט. איינזאַמע און געדודפטע, געפייניקטע און געפּלאָגטע זענט איר געווען. מ'האָט אייך געוואָרפן אין תפי־סות און איר האָט זיך נישט צוריקגעצויגן. מ'האָט אייך אַרויסגעטריבן פון פאָ־טערלאַנד און איר זענט נישט געבראָכן געוואָרן, מ'האָט אייך געפירט אויף תליות — און איר האָט געזונגען. אַזוי האָט איר מיט אייערע הענט געשריבן אַ פּרעכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און איר וועט נאָך שרייבן, נישט מיט טינט — מיט בלוט און שווייס וועט איר שרייבן! נישט מיט דער פעדער — מיטן שווערד און מיט דער שפּאַדע! איר זאָלט נישט גע־דענקען קיין עוולות און איר זאָלט נישט פאָדערן קיין פּריז. אונדזער איינציקער פּריז איז וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זען אונדזער פאָלק אַ באַפרייטס און עס קעמפט — דאָס גאַנצע פאָלק — פאַר פרייהייט. אונדזער איינציקער שכר וועט זיין אַז מיר וועלן זוכה זיין צוריקצוקערן זיך לעבעדיק פון פראָנט — אַרויסצוגיין איבער די שטעט פון לאַנד, איבער זיינע בערג און טאָלן און זען יידישע קינדערלעך שפּילן זיך און קיינער שרעקט זיי נישט און איבער זייערע קליינינקע ליבע קעפּעלעך פליט אַן אַעראָפּלאַן און דאָס איז אַ יידישער אַעראָ־פּלאַן און אַנטקעגן זיי קומט אָן אַ סאָלדאַט און דאָס איז אַ יידישער סאָלדאַט, און פון דער ווייטן וועט אָנקומען אַ צוג און דאָס איז אַ יידישע באַן. אַ, ברי־דער! צי איז נאָך פאַראַן אַ גרעסערער גליק פון דעם?

אָבער דערווייל לאָמיר טראַכטן וועגן שלאַכט, נאָר וועגן קאַמף, ווייל דאָס וועט אַנטשיידן אונדזער גורל, אונדזער צוקונפט. און אין דער שלאַכט וועט אונדז באַגלייטן דער גייסט פון אונדזערע אַמאָליקע גבורים, פון די דעראָבערער פון כנען ביז די אויפשטענדלער פון יהודה. אין דעם קאַמף וועט אונדז באַגלייטן דער גייסט פון די פאָלקס־באַנייער, בנימין זאב הערצל, מאַקס נאָרדוי, יוסף טרומפּעלדאָר און דער פאָטער פון דער באַנייטער יידישער גבורה, אונדזער פאָ־טער, לערער און רבי זאב זשאַבאָטינסקי. אין דער שלאַכט וועט אונדז באַגלייטן דער גייסט פון דוד רזיאל, דער גרעסטער קאָמענדאַנט אין אונדזער דור, און ד"ב גרונער, דער גרעסטער סאָלדאַט און מאַרטירער. אין דער שלאַכט וועט זיך באַ־טייליקן דער גייסט פון די תליה־גיבורים, פון די, וועלכע האָבן דעראָבערט דעם טויט. אין דער שלאַכט וועט אונדז באַגלייטן דער גייסט פון אונדזערע מיליאָנען קדושים, פון אונדזערע געהרגעטע עלטערן, פון אונדזערע געשאָכטענע מוטערס, פון אונדזערע אומגעבראַכטע ברידער, פון אונדזערע דערשטיקטע קינ־דער. אין דער שלאַכט וועלן מיר צעשמעטערן דעם שונא און וועלן ברענגען דערלייזונג פאַרן פאָלק.

גאָט פון ישראל, היט אָפּ דיינע סאָלדאַטן און גיב אַ ברכה זייער שווערד, וואָס שמידט פון דאָס ניי דעם בונד וואָס דו האָסט געשלאָסן מיט דיין אויס־דערווייַלטן פאָלק און לאַנד.

גור־אריה־יהודה, פאַר אונדזער פאָלק, פאַר אונדזער לאַנד. פאָרויס צו דער שלאַכט, פאָרויס צום זיג!"

**
*

איך בין אַרויס אין גאַס. די שטאָט איז געווען שטיל. אין דער פרי האָט תל־אביב פאַרזוכט דעם טעם פון אַ לופט־אָנגריף. מיר האָבן זיך נישט געאײַלט צוריקצוקערן אַהיים. מײַנע חברים האָבן דערציילט, אַז כמעט אין יעדן ייִדישן הויז, וווּ ס'איז געווען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, האָט מען זיך צוגעהערט צו דער טראַנסמיטירטער רעדע. כ'האָב זיך געפרייט צו הערן פון מײַנע פרײַנד, אַז לויט זייער איינזען האָבן מײַנע רייד געהאָלפן שטאַרקן די מאָראַל פון אונדזער פאָלק.

אַרום אונדז איז געווען פינצטער. קריגס־פאַרפינצטערונג. ס'איז נישטאָ קיין ליכט־שטראַל. זיכער. די פאַרפינצטערונג וועט נאָך דויערן. בלוט וועט זיך נאָך גיסן. אָבער פון דער פינצטערניש האָט שוין אַרויסגעפּראַלט אַ ליכט. דער מאָרגנשטערן איז שטענדיק רויטלעך... מיר זענען אַרויס, מיר זענען אַרויס פון קנעכטשאַפט צו דער פרייהייט. מאָרגן וועט שײַנען די זון און קינדער וועלן לאַכן!

מיר בייגן אונדזערע קעפּ

דאָס איז נישט די געשיכטע פונעם יידישן אויפשטאַנד קעגן דער בריטי־שער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. דער אויפשטאַנד איז נישט דאָס דירעקטע געווער, נייערט דער פּאָליטישער גייסט. ער הייבט זיך נישט אָן אין יאָר תש״ד. אין דער אַלגעמיינער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו קאָן מען דעם אָנהייב פונעם אויפשטאַנד זען שוין אין יאָר 1920, פונעם ערשטן שאָס זאב זשאַבאָטינסקיס צווישן די מויערן פון דער אַלטשטאָט. אמת, די קויל איז געשיקט געוואָרן די־רעקט קעגן די ווילדע אַראַבער, אָבער אומדירעקט איז זי געצילט געוואָרן קעגן דער ענגלישער ממשלה און קעגן דער געשטאַלט פון דזשאָנען. והראיה: דער ענגלישער מיליטערישער טריבונאַל האָט געמשפּט זאב זשאַבאָטינסקין, זיין חייל און זיינע תלמידים און זיי פאַרשיקט אין דער פעסטונג פון עכו...

במשך פון דעם האַלבן יובל וואָס איז אַפּגעפלאָסן פון יענער צייט, זענען פאָרגעקומען פאַרשיידענע געשעענישן אין אונדזער היימלאַנד און אין גלות, גע־שעענישן אין געזאַנג און אין טאַט, אין דער מחשבה און אין דער עפנטלעכער מאַניפעסטאַציע, געשעענישן מיט דעם אַקער און מיט דעם וואָפן ביז דער אויפ־שטאַנד האָט מיט זיין פולער קראַפט זיך אַריינגעריסן און ס׳זענען געקומען די יאָרן תש״ד — תש״ח, דער אויפקום פונעם מיליטער, כדי מיט וואָפן ווידער־צושפעניקן קעגן דער בריטישער הערשאַפט.

דאָס איז נישט די געשיכטע פון דעם ארגון צבאי הלאומי. די געהיימע באַפרייאונגס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע מ׳האָט אין ישראל גערופן ה א ר ג ו ן ה צ ב א י ה ל א ו מ י ב א ר ץ ־ י ש ר א ל איז אויפגעקומען אַ סך יאָרן פאַר דעם דירעקטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דעם אָנהייב פון דעם אצ״ל קאָן מען אפשר געפינען אין די יידישע מיליטערישע איינהייטן, וואָס זענען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געשאַפן געוואָרן דורך יוסף טרומפּלדור און זאב זשאַבאָטינסקי; דער קוואַל פון וועלכן דער אצ״ל האָט געשעפּט איז אפשר מעג־לעך צו געפינען אין בית״ר, אַ פּרט וואָס איז צו דרינגען פון צוויי הינזיכטן. אין יאָר 1938, ווען ישמעאל און אלביון זענען מיט ווילדקייט אָנגעפאַלן אויף ישראל איז דער ארגון צבאי הלאומי אויפן העכסטן באַפעל פון זאב זשאַבאָ־טינסקי און אויך אויפן דירעקטן באַפעל פון דוד רזיאל אויפגעשטאַנען מיטן רעוואָלוציאָנערן אַקט און די זאַך האָט אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג: מען האָט

זיך קעגנגעשטעלט דעם גייסט פון גלות, ס׳איז איבערגעריסן געוואָרן מיט דער הבלגה און מ׳איז אַרויס געשטאַרקטע. דער העראָיזם האָט באַגלייט די ערשטע וועלכע האָבן געפּלאַסטערט דעם וועג פאַר די וואָס זענען געקומען נאָך זיי אין די יאָרן פון דירעקטן אויפשטאַנד.

איך האָב נישט באַשריבן די געבורט פונעם אויפשטאַנד און אויך נישט דאָס געבוירנוווערן פון דעם ארגון צבאי לאומי; כ׳האָב אַפילו נישט געשריבן די געשיכטע וועגן אויפקום פונעם מיליטער און אַלץ וואָס דאָס מיליטער האָט גורם געווען, האָט אויפגעטאָן אָדער מיטגעווירקט צו די אויפטוען פאַרן פאָטער־לאַנד. אַ סך זענען די וועלכע איך האָב נישט דערמאָנט און זייערע נעמען וואָלט געווען אַ יושר אַז זיי זאָלן ווערן איינגעקריצט אין געדעכעניש פון פאָלק. אַפילו די וואָס איך האָב דערמאָנט — אַ סך פון די שלאַכטלייט פון דער אונטערגרונט־תקופה —, ווי ווינציק האָב איך דערציילט פון זייערע מעשים! ווייל כ׳האָב נישט געשריבן קיין געשיכטע. כ׳האָב זיך נישט אונטערגענומען אויסצומאָלן אַ פול־קום בילד פון געשעענעם. איך האָב דעם לייענער אונטערגעטראָגן בלויז איי־ניקע וויכטיקע קאַפּיטלען פון דעם וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אין דער צייט פונעם אויפשטאַנד, קאַפּיטלען אויף אַזויפיל וויכטיקע, אויף וויפל זיי שפּיגלען אָפּ די זכרונות פון די עיקרשטע פּערזענלעכקייטן.

די גאַנצע געשיכטע פונעם אויפשטאַנד, די געשיכטע פונעם ארגון צבאי לאומי און די אַנטשטייאונג פונעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער בריטי־שער הערשאַפט — אַט וואָס עס וואָלט געווען אַ יושר מ׳זאָל זי אָנשרייבן. עס וואָלט געווען נויטווענדיק אַז ס׳זאָל אָנגעשריבן ווערן וועגן אַלץ, וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן פאַר דער באַפרייאונג פון דער אומה, ס׳זאָל פאַרצייכנט ווערן און ס׳זאָל געדענקט ווערן. עס וואָלט אויך געווען וויכטיק אַז ס׳זאָל גע־דענקט ווערן יעדער יחיד, וועלכער האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן בייגע־שטייערט אַז ס׳זאָל אויפקומען דער יידישער כוח און עס זאָל באַנייט ווערן די באַפרייאונג־אידיי אין יידישן פאָלק. דאָס, וואָס מיר באַצייכענען ווי „היס־טאָריע״ אַנטהאַלט אַ סך וואָס איז אי גערעכט, אי נישט גערעכט. די היס־טאָריע — באַזונדערס די היסטאָריע פון אויפשטאַנדן און מלחמות -— דאָס זענען די נעמען פון יחידים וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די גע־שיכטלעכע שלאַכטן. דער אמת אָבער איז, אַז דער עיקר פון דער מלאכה אין דער מלחמה פירן אויס נישט די וואָס שטייען אין דער שפּיץ, נאָר די „בעלי־מלאכות״, די אומבאַקאַנטע העלדן. אונדז איז נישט געגעבן געוואָרן צו פאַר־פולקומען די דאָזיקע עוולה פון דער געשיכטע. לאָמיר שרייבן די געבוירנשאַפט פון דער יידישער באַפרייאונג־מלחמה, באַשרייבן זי פולקום אַז עס זאָלן נישט בלייבן אין פאַרגעסנקייט די ווערק פון די אומבאַקאַנטע קעמפּערס און זייער גבורה.

כ׳בין זיכער אַז די גאַנצע פּרשה פון אויפשטאַנד און אַלע גורמים וואָס האָבן אים צוגעגרייט, די גאַנצע פּרשה וועט נאָך אויפגעשריבן ווערן. זי איז חשוב פאַר אונדזער פאָלק נישט בלויז פונעם שטאַנדפונקט פון גערעכטיקייט און דערציאונג פאַר דער גערעכטער טאַט. זי איז אונדז וויכטיק אויך פאַר דער צוגרייטונג פון דער צוקונפט, אויך פאַר דער דערציאונג צו אַ פריי לעבן. לעבן מיר דאָך אין אַ צעשרויפטער וועלט און אין אַ צייט פון אַכזריות. אין אַזאַ וועלט און אין אַזאַ תקופה, ווען אפילו גרויסע אומות זענען נישט זיכער מיט זייער זעלבשטענדיקייט, מכל־שכן קליינע אומות.

מיר זענען אַ קליינע אומה, אונדזער יסוד איז פרייהייט. פיל זענען אונ־דזערע שונאים, ווינציק זענען אונדזערע פריינד. ווער ווייס, וואָס עס ברענגט אונדז דער מאָרגנדיקער טאָג? ווער ווייס, אויב מיר וועלן נאָך אַמאָל נישט געפּרוווט ווערן מיט אונדזערע ווייטיקן?

די געבורט פונעם אויפשטאַנד און די פּעולה פון אונדזערע נצחונות וועלן אונדז באַגלייטן אין דער אומבאַקאַנטער צוקונפט אַריין. זיי האָבן אונדז גע־לערנט אַז קיין מאָל זאָל מען נישט פאַרצווייפלען, אויב מ׳ווערט חלילה פאַר־יאָכט; אַז אַ פאָלק וואָס ווערט אַפילו פאַריאָכט, צי צעשפּרייט, אַפילו פאַרטי־ליקט און שטייט אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג, אַזאַ פאָלק קען נאָך אויפ־קומען צום ווידערשטאַנד אין גערעַנגל פאַר זיין גורל, עס קען אויפשטיין צום לעבן. ווען אפילו אַ מינדערהייט קעגן אַ מערהייט — איז וואָס? ווען מ׳איז שוואַכע קעגן שטאַרקע — איז וואָס? ווען גערודפטע, איינזאַמע, פאַרלאָזטע און געפאַנגענע — איז וואָס? און אפילו אויב ס׳איז נישטאָ קיין געווער — איז וואָס? דאָס איז מעגלעך צו דעראָבערן ביים פיינד! און אַז עס איז נישטאָ קיין כוח — איז וואָס? עס איז מעגלעך זיך אויפצוהייבן און זיך שטאַרקן! און איז נישטאָ אין ערגעץ קיין אַנשפאַר — איז וואָס? די מלחמה גופא וועט דיך לער־נען און פירן. דער תנאי דערפאַר איז, אַז דער מענטש זאָל זיך אידענטיפיצירן מיט דער אידייע באופן, אַז ער זאָל זיין גרייט אָפּצוגעבן זיין לעבן פאַר דער אידייע. דאָס איז אפשר דער איינציק מעגלעכער באַדינג, געוויס איז עס דער עיקרדיקער באַדינג. אַל דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך. אויב עס איז פאַראַן די קאָוואַדלע — די ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד — און אויב עס וועט זיך געפינען דער האַמער — דער באַפרייאונגס־געדאַנק, וועט ממילא זיך גע־פינען דאָס אייזן פון וועלכן עס וועלן אויסגעגאָסן ווערן די שפּיזן פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה.

אָט דאָס איז די לערנונג פונעם אויפשטאַנד. אַזאַ לערנונג פאָדערט זיך פאַר אַלע פעלקער און זי איז נייטיק פאַר אונדזער פאָלק מער ווי פאַר אַ צווייטן פאָלק. אויב מיר וועלן לערנען, וועלן מיר געדענקען און וויסן, מיר וועלן זיך שטעלן קעגן אונדזער פיינד און זאָל געשען וואָס עס וויל. אפשר וועט קומען

אַן אויפריכטונג פאַר אונדזערע ווייטיקן. זיי וועט מער נישט געלונגען אונדז אונטערצודריקן, קיין מאָל וועט זיי נישט געראָטן אונדז צו פאַרשקלאַפן. און אויב זיי וועלן זיך שטאַרקן קעגן אונדז, וועט די וועלט זיך איבערקערן און וועלן מיר נישט האָבן קיין וואָפן, וועלן מיר עס באַשאַפן. און וועלן מיר נישט האָבן קיין קראַפט — וועלן מיר אַליין אים אויפשטעלן פון צווישן אונדז. מיר וועלן זיי שלאָגן און זיי וועלן אונדז נישט קענען בייקומען. די לערנונג פונעם אויפשטאַנד און דער גייסט פון פרייהייט וועלן ביישטיין אונדז און אונדזערע קינדער.

אויב די דאָזיקע קאַפּיטלען אַנטהאַלטן עפּעס אַ חלק פון דער אַריינדרינגונג אין דער לערע פון אויפשטאַנד און פון פרייהייט־גייסט, אַ חלק אין דעם פאַרטיפן דעם גלויבן אין די מעגלעכקייטן פונעם מענטש אויסצוברייטערן דאָס פאַרזיי־פעלד, וועט דאָס זיין דער פאַרדינסט פונעם מחבר.

אָבער דער מחבר ווייסט אַז דאָס איז נישט זיין זכות, דערפאַר איז ער מחויב צוזאַמען מיט די לייענערס צו בייגן דעם קאָפּ פאַרן אָנדענק פון די אַלע וואָס זייער זכות איז די נישט־פולע רשימה דאָ. כדי נישט צו זיין יוצאי מן הכלל דאַרפן מיר אַלע אָנבייגן אונדזערע קעפּ פאַר די, וועלכע האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַרן לעבן פון אונדזער פאָלק, כדי עס זאָלן זיך באַנייען אונדזערע טעג ווי פאַרצייטנס. זאָל זשע מיר דערלויבט זיין ביים פאַרענדיקן די קאַפּיטלען זכרונות וועגן דער מלחמה פון ארגון צבאי לאומי אָפּצוגעבן כבוד דער קעמפנדיקער משפחה פון די גבורים און קדושים, דער משפחה פון די געפאַלענע וואָס האָבן זיך אין בלוט געהייליקט מיט דער ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד.

זייער לעבן איז קריג; זייער טויט איז גבורה; זייער קרבן איז הייליקייט; זייער אָנדענק איז אייביק.

אונדזערע גבורים — אונדזערע קדושים

דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון ארגון צבאי לאומי
אלוף בן־ענות — רזיאל דוד

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי
וואָס זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן

חייל מרדכי — אלקחי מרדכי
חייל שלמה — בן־יוסף שלמה
חייל דב — גרונער דב
סערזשאַנט גאול — דרעזנער יחיאל
חייל יעקב — ווייס יעקב
סערזשאַנט אליהו — חביב אבשלום
חייל מאיר — נאקער מאיר
חייל אליעזר — קשאני אליעזר

חייל מאיר — מאיר פיינשטיין, וועלכער
איז צוזאַמען מיט משה בערעזני, דעם
שלאַכטמאַן פון לח״י, אומגעקומען
אין ירושלים.

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס
זענען געפאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביים פיינד

פולקאָווניק אביאל — עפשטיין ישראל
חייל אלתר — גאסטפרוינד אלתר
חייל אשר — טאַרטנער אשר
סגן ירמיהו — יצחקי הלל
חייל אליהו — עזרא אליהו
חייל זאב — שטאָל זאב

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס זענען געפאַלן
ביים צוגרייטן באַוואָפענונג פאַר דער מלחמה

פולקאָווניק אריה — יצחקי אריה
חיילת ציונה — יפת ציונה
סגן גד — נאדלער יוסף
ראש קבוצה מנחם — סטערליץ מנחם
ראש קבוצה עודד — עוזר שמחה

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס זענען געפאַלן
אויף זייערע פּאָסטנס ביים אויספירן באַפעלן

סגן רפאל — גליקין תדי
חייל יחזקאל — וויינינגער יחזקאל
ר״ק אבירם — פאָגמאַן מרדכי אהרן
חייל יעקב — רייז יעקב

חייל תנחום — ראַבינאָוויטש תנחום
חייל יעקב — שולגאָסער יעקב
חייל נח — עקשטיין נח
חייל יוסף — אַזעמסקי יוסף
חייל נסים — דוראַן נסים
חייל שבתי — כהן שבתי
חייל מנחם — לוי מנחם
חייל ישראל — ליבערמאַן ישראל
חייל חגי — מדמוני מנחם
חיילת שולמית — מאַטוס שולמית

חייל רחמים — מזרחי רחמים
חייל אברהם — מואס אברהם
חייל משה — עמרם משה
חייל שמואל — צברי שמואל
חייל שמעון — טשאַרקי שמעון
חייל צבי — קליין צבי
חייל חיים — קאַנאָרטי חיים
חייל נתן — ריקה נתן
סגן אליעזר — רודניצקי זאב
חייל מענדל — שמולעוויטש מענדל

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס זענען געפאַלן אין דער מלחמה קעגן בריטישן אונטערדריקער, קעגן די באַנדעס פון אַראַביע און קעגן דעם אַראַבישן מיליטער

ר״ק אביגדור — אַבראַמאָוויטש אהרן
חייל שמואל — אַש שמואל
סערזשאַנט מיכאל — אַשבל מיכאל
סערזשאַנט צפירה — איזשביצקי עלע
סערזשאַנט יואב — אבטליון איוב
חייל יששכר — אלתר יששכר
חייל מאיר — אַטיאַס מאיר
חייל אברהם — אלבסן אברהם
סגן תגר — אגסי שמעון
חייל יאיר — אהרן יאיר
חייל אליהו — אלישער אליהו
חייל שרגא — איצקאָוויטש שרגא
חייל יהודה — אושפיץ יהודה
חייל ישראל — אַנדרעי ישראל
חייל נסים — אסולין נסים
חייל דוד — אשר דוד
חייל יהודה — אהרוני יהודה
חייל שלמה — אהרן שלמה
חייל שלמה — אפעלבוים שלמה

חייל שלום — אלביג שלום
חייל יהודה — אפריון יהודה
חייל בנימין — אייכלער בנימין
חייל דוד — בן גאון דוד
סגן הררי — בן־יוסף שלמה
חייל יצחק — בילו יצחק
חייל עמנואל — ביטראַן עמנואל
חייל אריה — בעכער אריה
ראש־קבוצה עזרא — באַק צבי
סערזש׳ אבשלום — בענדזשאַמין אשר
ראש־קבוצה עוזי — בן־זאב יואל
סערזשאַנט יפתח — בבלי עזרא
חייל נסים — בנדו נסים
חייל יעקב — בנבנישתי יעקב
ראש קבוצה עמוס — בעכער אברהם
חייל יצחק — בורשטיין יצחק
חייל אבנר — בן־שם אבנר
חייל אברהם — בלאו אברהם
סערזשאַנט עוזי — בן־חיים נסים

חייל אברהם — בן־שמעון סימאָן
חייל דוד — בוניפיאָל דוד
חייל דב — בן־יוסף דב
חייל רצון — בעדני רצון
חייל אריה — בן־שמריהו אריה
חייל ציון — ברזה ציון
חייל עמוס — בארנאס עמוס
חייל מאיר — באַראַכאָוו מאיר
חייל צבי — בערקאָוויטש צבי
חייל צבי — בלסטר צבי
חייל אהרן — בסוס אהרן
חייל יהושע — בעכער יהושע
חייל יהונתן — בערגמאַן יהונתן
חייל דוד — גבאי דוד
סערזש׳ גרשון — גאָראָדאָווסקי גרשון
חייל חיים — גיל חיים
חייל גבריאל — גניאלי גבריאל
ראש קבוצה מנחם — גריזאק נח
חייל יעקב — גאָלדשטיין יעקב
חייל עמיקם — גוז חיים
חייל שלמה — גלבגיסר שלמה
חייל מנחם — גלבגיסר מנחם
סערזשאַנט גל — גאָלדשמידט יהושע
חייל יצחק — גרינוואַלד יצחק
חייל יצחק — גאָלענדער יצחק
חייל חיים — גאָטליב חיים
חייל יצחק — גר יצחק
חייל שמואל — גאָלדבערג שמואל
חייל שלום — גאַלזאַן שלום
חייל שמחה — גאַרנושעק שמחה
חייל אברהם — דונגי אברהם
חייל יוסף — דמול יוסף
סגן אלדר — האַמערמאַן משה
ראש־קבוצה אהרן — הענדלער יחיאל

ראש־קבוצה בניהו — הירש אפרים
חייל חיים — הרמתי־כהן חיים
חייל אהרן — הירשבערג אהרן
ר״ק יהונתן — הויזמאַן צבי יחזקאל
חייל מרדכי — ווייס מרדכי
סערזש׳ משה — וואַגמאַן יששכר (דרכי)
חייל אברהם — וואַרנער אברהם
סערזשאַנט צבי — וויערניק ישראל
חייל שלמה — ווייצפעלד שלמה
סערזשאַנט עמיקם — וויזנער אלכסנדר
חייל משה — וואלענשטיין משה
חייל בנימין — וויגדאָראָוויטש בנימין
חייל מיכאל — וויטמאַן מיכאל
חייל יהודה — וואלשטיין יהודה
קאַפּיטאַן ניר — ווילאָזשני אלחנן
חייל אנדריי — ווייס אַנדריי
חייל דוד — וועבער דוד
סגן גלילי — זכריה ראובן
ראש־קבוצה נמרוד — זלאָטניק יעקב
חייל אברהם — זאר אברהם
חייל שלמה — זאַלאָטאָלאָב שלמה
חייל שמואל — חיון שמואל
חייל יוסף — כיימאָוויטש יוסף
חייל יחיאל — כיימאָוויטש יחיאל
חייל בנימין — חיגשי בנימין
חייל חיים — חלף חיים
פולק׳ יהושע — טעמלער אליהו (סגד)
סגן נוריאל — טארן שמואל
חייל אליהו — טיליוב אליהו
חייל משה — טאַבאַק משה
חייל משה — טענענבוים משה
ראש־קבוצה אבינדב — ימיני אריה
חייל עזרא — יהוד עזרא
חייל אריה — יפת אריה

חייל אליהו — יעיש אליהו
סגן אברהם — יאַקאָבי אברהם
חייל יהודה — יאַקובאָוויטש יהודה
חייל עודד — יאַקאָבי אפרים
חייל שלמה — יוסף שלמה
פולקאָווניק שמשון — כהן דב
ראש־קבוצה זרובבל — כנעני אברהם
חייל יהודה — כץ יהודה
חייל יעקב — כץ יעקב
חייל בן־ציון — כהן בן־ציון
חייל ישראל — כהן ישראל
חייל יוסף — כהן יוסף
חייל יוסף — כהן יוסף דזש.
חייל משה — כהן משה
חייל שמואל — כהן שמואל
סגן גלעדי — לאַסקאָ יוסף
חייל מרדכי — לאַזניק מרדכי
חייל יעקב — לופס יעקב
סערזשאַנט גד — לייזעראָוויטש שמעון
חייל זלמן — ליפשיץ זלמן
פולקאָווניק עוזי — לעווי יוסף
חייל יעקב — לוי יעקב משוחרד
ר״ק שמשון — לאַמבראַזא שלמה
חייל יוסף — לוי יוסף (ירושלים)
ר״ק אביאל — לייבאָוויטש דניאל
חייל יצחק — לושי יצחק
סגן יפתח — לעווי אפרים
חייל יעקב — לעווי יעקב
סערזשאַנט אבנר — לעווי שמעון
חייל שלמה — לעווי שלמה
חייל אביגדור — לוי נסים
חייל יוסף — לוי יוסף (תל־אביב)
חייל דוד — לעווין דוד צבי
חייל שלמה — לעווי שלמה

חייל יעקב — לאַלאָ יעקב
חייל משה — לייכטער משה
סגן יחיאל — לעווי יחזקאל
חייל ברוך — לייבל ברוך
סגן צור — לערמאַן יחזקאל
חייל עזרא — מזרחי עג׳מי עזרא
חייל אהרן — מוזיוף אהרן
חייל אברהם — מזרחי ברוך
ראש־קבוצה אלעזר — מזרחי אברהם
חייל ברוך — מנדלי ברוך
חייל אברהם — מזרחי אברהם
סערזשאַנט יצחק — מאָנטשאַרזש צבי
ראש־קבוצה חננאל — מטרסו אברהם
חייל יוסף — מזרחי יוסף
חייל אברהם — מוריס אברהם
סערזשאַנט זבולון — מאקלאוו אורי
חייל שלום — מדינה שלום
חייל יהונתן — מענשעראוו יהונתן
חייל יעקב — מאַסענבערג יעקב
ראש־קבוצה יהונתן — מצרי אהרן
חייל נסים — מזרחי נסים
חייל אפרים — מזרחי אפרים
חייל זאב — מזרחי יוסף
חייל יצחק — מסוארי יצחק
חייל יוסף — מזרחי עבוד יצחק
חייל יעקב — מזרחי חי יעקב
חייל גרשון — מנוח גרשון
חייל ישראל — מייכל ישראל
חייל אלבערט — מזרחי אלבערט
חייל רחמים — מזרחי רחמים
חייל משה — מינצור משה
חייל אליהו — מזרחי אליהו
חייל חיים — נגינז חיים
חייל יחזקאל — נחום יחזקאל

חייל משה — נוימאן משה
ראש־קבוצה יפתח — סעגאל יהודה
סערזשאַנט נמרוד — סאַבאַן יהושע
סגן הלל — סילבער מאיר
חייל חיים — סלאָטסקי חיים
חייל משיח — סמן־טוב משיח
חייל יהודה — סלאָנימסקי יהודה
חייל אברהם — סאַנדיק אברהם
קאַפּיטאַן נחום — סאָקאָלאָוו שמואל
סגן דרורי — סנה יונה
חייל פנחס — סאָלאָווייטשיק פנחס
חייל משה — סמואל משה
חייל ציון — עובדיה ציון
חייל ישראל — עמראני ישראל
ראש־קבוצה ראובן — עמרני שמעון
ראש־קבוצה אבנר — ענתבי אפרים
חייל נתן — עצבי נתן
חייל יוסף — עואדי יוסף
חייל דניאל — עוזיאל דניאל
ראש־קבוצה בועז — עמראני סעדיה
סגן אליעזר — עובדיה צבי
ראש־קבוצה אמנון — פרידלער יואל
סגן יהוידע — פרידמאן עמוס
סערזשאַנט אהוד — פיינערמאן ישראל
חייל נתן — פאנץ נתן
חייל אברהם — פרענקעל אברהם
חייל נפתלי — פרענקעל נפתלי
חייל ראובן — פאַניא ראובן
חייל צבי — פרידגראז צבי
חייל אריה — פרידמאן אריה
ראש־קבוצה צדקיהו — פרידמאן יצחק
חייל מרדכי — פיטשאַן מרדכי
סגן ירמיהו — פרענקעל יהושע
חייל שלמה — פישער שלמה

חייל שמריהו — פראַנצוז שמריהו
סערזשאַנט א׳ צדוק — צווייג זאב יוסף
פולקאָווניק אהוד — צוקערמאן אהרן
חייל צבי — צמרי צבי
חייל אהרן — צרפתי אהרן
חייל פסח — ציפערשטיין פסח
חייל אפרים — צדוק אפרים
חייל אהרן — ציימעט אהרן
חייל יוסף — צעלניקער יוסף
חייל יצחק — צייטלין יצחק
חייל משה — צוקער משה
סערזשאַנט דב — קארמערמאן שלמה
חייל יצחק — קאַמאַרניק יצחק
חייל אפרים — קופ אפרים
חייל יצחק — קופ יצחק
חייל תמיר — קירשנבוים אברהם
סגן גדליה — קאסטנער אריה
סגן הררי — קירשנער שמואל
חייל נתנאל — קאַשמאַן נתנאל
חייל צבי — קרינסקי צבי
עלטערער סערזשאַנט ישי — קעניג צבי
חייל יחיאל — קין מרדכי יחיאל
חייל אברהם — קוריטורו אברהם
חייל משה — קאמער משה
ראש־קבוצה רפאל — קירש רפאל
חייל שלום — קורח שלום
חייל שמואל — קאפילאָוויטש שמואל
חייל גוטמאן — קלמנוביץ גוטמאַן
סגן עובד — קרול יעקב
סערזשאַנט א׳ בנימין — ראם פנחס
חייל אריאל — ראַבינאָוויטש אוריאל
חייל יהונתן — רביע נזים
סערזשאַנט עמיעז — רויטמאַן מאיר
חייל יצחק — ריימבערג יצחק

חייל דוד — ראם דוד
חייל יצחק — ריינער יצחק
חייל משה — רפאל משה
חייל יוסף — ראָזענבוים יוסף
חייל צבי — ראָזענבלום צבי
חייל יצחק — ראָזנער יצחק
חייל שמואל — שרמה שמואל
חייל גוטמאַן — שכר גוטמאַן
חייל משה — ששון משה
חייל שלום — שמולעוויטש שלום
בת־שבע — שם־טוב בת־שבע
חייל צבי — שייוער צבי

חייל רצון — שרעבי רצון
סערזשאַנט אבנר — שטערנגלאס דב
חייל משה — שמן משה
סגן אלדר — שטיינמאַן צבי
חייל מנחם — שוואַרץ מנחם
חייל יוסף — שחיבר יוסף
חייל יצחק — שוסטער יצחק
חייל שלמה — שרייבער שלמה
חייל יצחק — שווייצער יצחק
חייל נחום — שוואַרצמאַן נחום
סגן עמינדב — שרון יחיאל
חייל יעקב — תורגמן יעקב

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס זענען געפאַלן פון די הענט פון די אייגענע ברידער

חייל מישל — אסואיד מישל
חייל וויקטאָר — בן־משה וויקטאָר
חייל דן — גליקמאַן דן
חייל אליעזר — ווייץ אליעזר
חייל יצחק — כהן יצחק
חייל אברהם — כהן אברהם
סגן בנימין — ליפשיץ איתמר
חייל דניאל — לעווין דניאל
חייל דוד — מטרני דוד

סגן גבריאל — סעגאל ידידיה
חייל אברהם — סטאַווסקי אברהם
חייל אברהם — עודד אברהם
חייל אהרן — קרסנטי אהרן
חייל מענדל — קויפמאַן מענדל
חייל דב — קעלנער דב
חייל שלמה — קוטנאָווסקי שלמה
חייל צבי — רייפער צבי
חייל אליהו — שלומי אליהו

און דאָס זענען די חיילים פון ארגון צבאי לאומי וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מלחמה קעגן די אַראַבישע איבערפאַלער

חיילת מרים — אהרני מרים
חייל עובדיה — ענגעל עובדיה
סגן עודד — שלמה ברוידא
סגן נמרוד — בעכלער זאב
חייל יהודה — בלעכער יהודה
חייל בנימין — ברזלי בנימין

חייל אליעזר — גמליאל אליעזר
חייל נפתלי — דסקל נפתלי
חייל נתן — גאַרטען נתן
חיילת שושנה — דזשימילי שושנה
חייל שמעון — דיין שמעון
סגן נתנאל — דיקפעלד יצחק

חייל דוד — הילמאַן דוד
חייל חיים — הלל חיים
חייל יצחק — ווייס יצחק
חייל שמואל — וואכטפויגל שמואל
חייל יצחק — חדש יצחק
חייל יחזקאל — חטב יחזקאל
חייל נחמיה — יאַקאָבי נחמיה
חייל דוד — יאַקובאָוויטש דוד
חייל משה — יפרח משה
חייל רצון — כהן רצון
חייל נעים — כהן נעים
חייל זיגו — כהן זיגו
חייל מנחם — סרי מנחם לוי
חייל שאול — לעווי אבשלום
חייל יוסף — לילו יוסף

סערזש׳ א׳ אבידן — לעמפערט יהודה
חייל יוסף — מזרחי בן־יקר יוסף
סגן דבורה — מאָריץ רות
חייל עמנואל — מאַקאָווסקי עמנואל
חייל אליהו — מערלינג אליהו
חייל אברהם — משולם אברהם
סגן אילון — סעגאלסאָן אלחנן
חייל פנואל — פאַלץ נחמן
חייל דוד — פרידמאַן דוד
חייל שמואל — פרענקעל שמואל
חייל מנחם — קאַסטראָ מנחם
סערזשאַנט יהודה — קאַפּלאַן בנימין
חייל ברוך — רויט ברוך
סגן יאיר — שמואלי משה
חייל יוסף — שושנה יוסף

חייל יהודה — תמים יהודה.

אינהאַלט

זייט

דער שפּיל פון גורל — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

טעג און נעכט אין תפיסה. — אַ דיאַלאָג מיטן סאָוועטישן אויס־פאַרש־ריכטער. — דער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

מיר קעמפן — עקזיסטירן מיר — — — — — — — — — — — — — — 41

די גאַז־קאַמערן אין אייראָפּע און די געשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל. — דער בריטישער פּלאַן. — די מקורות פון יידישן אויפשטאַנד. — פרייהייט אָדער אומקום.

די לאָגיק פון אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — — — — — 63

דער אויפשטאַנד נעמט אַרויס די איניציאַטיוו פון די אַראַבער. — דער בריטישער פּרעסטיזש איז ווי שפּינוועבס. — ווי מיר האָבן זיך איינגעשאַפט אַמעריקאַנישע און רוסישע הילף. — די אויפשטענדלער האָבן געקעמפט אַליין.

די אונטערערדישע אַרמיי — — — — — — — — — — — — — — — 90

טעראָר און באַפרייאונגס־קריג. — דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמאַנדשאַפט פון „ארגון צבאי לאומי“. — די אידעע געבוירט אירע פאַרווירקלעכער. — די רעוואָלוציע באַקומט אירע באַגנעטן. — ברידער־ליבע אין אונטערערד. — די איינהייטן פון קעמפנדיקן ארגון. — פּערמאַנענטע אויפקלערונג. — אַ טייל פונעם באַפרייאונגס־קריג. — די געהיימע דרוקערייען. — יום־כפור אויפן הר־הבית.

אַן אָפּענער אונטערגרונט — — — — — — — — — — — — — — — 137

דער שאָטן פון פּראָוואָקאַציע. — אונטערן לאָמפּ. — אַ „צו אָפּענער אונטערגרונט“. — אין די פּרדסים פון פּתח־תקווה. — ביי ישראל סאַסאָווערן איז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער. — דער דורכפאַל פון בריטישן „אינטעלידזשענס“.

אַ ברידער־קריג — קיינמאָל נישט — — — — — — — — — — — — 188

נישט קיין ברידער־שנאה און נישט הערשאַפט־לוסט. די באַגעגעניש מיט בן־גוריונס פּערזענלעכן פאַרטרעטער. — אליהו גאָלאָמב דראָעט: „מיר וועלן אייך ליקווידירן“. — דער ענגלענדער האָט געלאַכט, אָבער נישט דער לעצטער. — „אַלטאַלענאַ“. — די פּראָוויזאָרישע רעגירונג הייסט ברענגען שיפן.

זייט

די פּאַראייניקטע רעזיסטענץ־באַוועגונג — — — — — — — — — — — 244
ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. — בעווין פאַרענדיקט דעם „סעזאָן“ פון רדיפות קעגן אצ״ל. — דער הסכם וועגן געמיינזאַמען קאַמף מיט דער „הגנה“. — פאַרוואָס איז נישט צושטאַנדגעקומען אונדזער אַנגריף אין כפר־וויטקין. — גענעראַל באַרקער מאַכט אַ קאָנטר־אָפענסיווע.

מלך דוד־האָטעל — — — — — — — — — — — — — — — — 281
די מפקדה פון דער „הגנה“ באַשטעטיקט דעם פּלאַן פון „האָטעלטשיק“. — מילך־קריגלעך. — פאַרוואָס דער האָטעל איז נישט עוואַקואירט געוואָרן. — ענגלענדער אין מיין הויז.

שמיץ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 304

דער טוי פון גבורה — — — — — — — — — — — — — — — 310
אין „מויל פון לייב“. — אין סאַראַפענד־לאַגער. — „איר זייט פאַרמשפט צום טויט“. — ווי מיר האָבן געראַטעוועט שמחונין און אַשבעלן פון דער תליה. — אין דער פּאָליציי־פעסטונג. — די שטורמער פון דער עכו־תפיסה גייען צום עשאַפאָט.

באַגעגענישן אין אונטערגרונט — — — — — — — — — — — — 369
דער טונעל פון „בית הדר“. — די באַגעגעניש מיט דער קאָמיסיע פון די פאַראייניקטע פעלקער. — וואָס האָט ראַלף באַנטש געשריבן וועגן דער באַגעגעניש? — מיטן מחבר פון „פינצטער אין מיטן טאָג“. — באַליידיקט די באָרד. — סימפּאַטיע צום אצ״ל.

ערב דעם זיג פון אויפשטאַנד — — — — — — — — — — — — 402
אונדזערע שלאַכט־סאָלדאַטן „רופן צונויף“ די ספּעציעלע סעסיע פון אונ״א. — די ערשטע קעגן־אָפענסיווע אויפן אַראַבישן פראָנט. — די פאַרהאַנדלונגען מיט דער יידישער אַגענץ. — בן־גוריון'ס שליח בעט...

די דעראָבערונג פון יפו — — — — — — — — — — — — — 422

עס גייט אויף דער מאָרגנשטערן — — — — — — — — — — 456

מיר בייגן אונדזערע קעפּ — — — — — — — — — — — — 466

אונדזערע גבורים — אונדזערע קדושים — — — — — — — — 470

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de Febrero de 1953, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.